STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06126

# GEKNIPT UN GEBUNDN

Bernard Berl Baum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב ע ר ל  ב ו י ם

נעקניפּט און נעבונדן



בערל בוים

בערל בוים

# געקניפט און געבונדן

דערציילונגען

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון
„פעלשטינער פאראיין" אין ניו־יאָרק
און „אחד־העם צווייג 226 א. נ. אַ. פ."
פון ווילקעס־באַרע, פענסילוויינע

פאַרלאַג „פעלשטין"
ווילקעס־באַרע, פאַ.
תשכ"א—1961

# GEKNIPT UN GEBUNDEN

**(Tied and Bound)**

**Stories By**

**BERNARD BAUM**

Published with the cooperation of
The First Felshteener Progressive Benevolent Association of
New York and Ahad Ha'am Branch 226, of J.N.W.A.
of Wilkes-Barre, Pa.

Felshteen Publishing Co.
Wilkes-Barre, Pa.

Copyright, 1961
by Bernard Baum
Wilkes-Barre, Pa.

Printed in the United States
Futuro Press, 476 Broadway, New York 13, N. Y.
200

געווידמעט מיין ליבער פרוי אסתר בוים,
מיין טייערער טאָכטער מרים פייגה קאַהאַן,
מיין איבערגעגעבענעם זון מרדכי אליה
(מאַרטין ברוקס), מיינע אייניקלעך יחזקאל,
דניאל און דוד קאַהאַן.

## ביכער פון זעלביקן מחבר:

„אויף אַ שמאָלער סטעזשקע" — 1941

„געקניפּט און געבונדן" — 1961

(עס ווערט צוגעגרייט צום דרוק)

„שרייבער און קולטור־טוער פון מיין דור"

# אינהאַלט:


זייט

הקדמה פון מחבר — IX

## I. מיין אַלטע היים

נפתלי לעווינזאָנס גביריש הויז — 3
מיינע מלמדים — 45
דער אָנהויב פון דער פעלשטינער ביבליאָטעק — 91
ווען די שטאָט האָט געברענט — 109
ישראל יאָסי נאמנס — 118
מאיר קלאַרעס און הערש יואלס — לייבלעכע ברידער — 128
מיין פעטער וואָלף דער מצבה־שלעגער אין פעלשטין — 136
געקניפּט און געבונדן — 143
וואַסערפירער אין מיין שטעטל — 151
דער שטילער קאַמף — 165
מאַניש ברענמאַן און זיין סביבה — 172
מיין זיידע אברהם שוואַרצמאַן — 180
ישראל אברהם „יאַיעטשניק" — 214
מיין טאַטנס ספרים — 214
ס'איז ניט געווען קיין חלום — 231
אַ פּעלשטינער באַנקיר — 244
אברהם קירזשנער — 252
מיין „אַרויספאָר" אַלס ישיבה בחור — 265
יאַרמעליניצער יאַריד — 288

## II. אָפּקלאַנגען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע

די „טריינגעל וויסט קאָמפּאַני" — 313

## III. אונטערן פרייען הימל — מיין צווייטע היים

איר גרויסער חלום — 383
באַגעגענט ביים ים — 397
ער האָט זיך מתוודה געווען פאַר אַ רב — 417

זייט

דער אָפּקלאַנג פון דורות — 430

מיין פריינד דער בעל מום — 436

דרייסיק פאַר ברילן — 446

ער איז געוואָרן אַ שיכור לשם אידישע טראַדיציעס — 452


## VI. געקניפּט און געבונדן


נייטן פאַרמאַן — 457

דר. יחיאל קלינג באַלד אַ בן־שבעים — 462

בערטאַ קלינג — אַמאָל און היינט — 472

דר. מנחם ג. גלען — 484

ווען אַ שטאָט פאַרלירט אַ גאון — 495

# הקדמה פון מחבר

מיין אָנהייב אין דער אידישער ליטעראַטור איז ניט געווען פאַר תענוג. עס האָט געדאַרפט קומען אַ דעניקין מיט אַ פּעטלוראַ און שפּעטער דער גרעסטער צורר היהודים, היטלער, ימח שמו. אַלע דריי האָבן חרוב ונחרב געמאַכט אונזער שטעטל פּעלשטין. בלויז בערג מיט קברים זיינען דאָרט געבליבן, און מיר, זייערע קינדער, האָבן דאָ אין אַמעריקע געוויינט און געקלאָגט אויף אונזער בראָך. געבליבן זיינען מיר אַלע קיילעכדיקע יתומים, אָן אַ זכר פון אונזערע טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברידער. די איינציקע זאַך וואָס איז פאַר אונז געבליבן איז צו שטעלן אַ מצבה פון וואָרט לזכר הקדושים, אַ נר תמיד פאַר די שפּעטערדיקע דורות.

און דער פּעלשטינער פאַראיין האָט דורך דער איניציאַטיוו פון דר. יחיאל קלינג, ע״ה זיך אונטערגענומען צו שאַפן דעם יזכור בוך, אַרויס־געגעבן אין 1937 אונטערן טיטל: „פּעלשטין״, מיט די ברענענדיקע אותיות: „ואלה שמות הקדושים שנהרגו ונשחטו על קידוש השם״.

מיין ווייניקייט איז געווען איינער פון די מיטגלידער פון אַ פערצענער קאָמיטעט, מיט מיין ברודער יונה אַלס סעקרעטאַר. אינאיינעם האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן אין דער הייליקער אַרבעט מיט אָרעמע כוחות צו פאַר־אייביקן דורכן וואָרט אונזערע מאַרטירער, די קדושים. דער „יזכור בוך״ האָט בשעתו געמאַכט אַ רושם אַלס אַ יחיד במינו, ממש דער ערשטער געשאַפן פון אַ לאַנדסמאַנשאַפט, אַ זכר לחורבן, וואָס וועט אייביק בלייבן פאַרצייכנט ווי עדות פון דער שוידערלעכער טראַגעדיע אין צוואַנציקסטן יאָרהונדט.

מיינע עטלעכע שילדערונגען אין פּעלשטינער „יזכור בוך״ האָבן גורם געווען, אַז איך זאָל שאַפן ווייטער און ווייטער, מאָלן די טיפן פון מיין געבוירנשטאָט, אידן יראים ושלמים: אידן וואָס זיינען געווען געקניפּט און געבונדן, סיי אין בית־מדרש און סיי אין מאַרק, אָדער אין די דערפער. מען איז געווען אַריינגעקנוילט אין איין ציל: צו דערציען זייערע קינדער צו גאָט און צו לייט, אין אָרעמקייט און אין דחקות אָבער אין קרובהשאַפט, וואָס האָט זיי פאַרבונדן סיי ביי שמחות, סיי, חלילה, ביי אַ נויט.

דער ערשטער מדריך פאַר אונז קינדער איז געווען דער דרדקי מלמד. דאָרטן ביי משה שטעמפּל האָב איך, אַ דריי יאָריק קינד, פאַרזוכט דעם טעם פון לערנען תורה. משה שטעמפּל איז געווען אַ תמימותדיקער איד, אגב איז ער געווען אונזערער אַ קרוב... איך בין שוין געווען דער דריטער

תלמיד זיינער פון אונזער היים. זיין ערימע שטוב האָט דערצויגן ממש אַ האַלבע שטאָט קינדער.

די צווייטע העלפט האָט זיך געפונען ביי אברהם בער לייבס, — צוויי דרדקי מלמדים וואָס פאָדערן אַ גרויסן קינסטלער צו שילדערן זייער שטייגער לעבן. זיי און מיינע שפּעטערדיקע מלמדים האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף מיין דערציאונג. איך שילדער זיי אין בוך, מיטן ציל זיי צו פאַראייביקן. אַן זיי וואָלט פעלשטין ניט געהאַט דעם געהעריקן אָפּקלאַנג. אַרום זיי האָט זיך מיין דור דערצויגן. דאָס בית־המדרש איז געווען אונזער היים, אונזער מקום קדוש. די היים אונזערע, סיי אָרים סיי רייך, האָט אונז ניט געקענט האַלטן. מערסטע היימען איינגעזונקענע, פאַרחושכטע, פאַרגליווערטע, און די השגחה האָט אונז פון גאַנץ פרי אַן אָוועקגעצויגן אין בית־מדרש אַריין, אין קלויז, וואו עס איז געווען וואַרעם און ליכטיק. דער קול תורה ונגינה, דאָס לערנען, דאָס דאַווענען האָבן אונז פאַרקניפּט אין יעדן טראָט. יעדער ווינקל האָט פאַר אונז געמיינט אַ וועלט. מיר האָבן געלעבט מיטן געפיל, אַז צרת רבים איז חצי נחמה.

באַלד נאָך בר־מצוה איז אַ פעלשטינער אינגל אַריינגעטראָטן אין בית־מדרש, זיך אַנגעשלאָסן אין די בני תורה, צוזאַמען מיט די עלטערע בחורים; סיידן איינער האָט געמוזט זיך לערנען אַ מלאכה אָדער ווערן אַ דאָרפס גייער, לויט די עלטערנס דרכים. צייטן האָבן זיך געביטן. בייע ווינטן האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונזער שטאָט באַלד נאָך דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה, און אַמעריקע איז געוואָרן דער איינציקער אָרט פאַר דער יוגנט, מיין ווייניקייט בתוכם.

איך קום קיין ניו יאָרק אַ פערצן־יאָריקער אינגל פונקט אין אַ צייט ווען איך האָב געזאָלט אַריין אין דער ערשט געגרינדעטער פּראָסקוראָווער ישיבה. מיינע עלטערע צוויי ברידער, יונה און הירש, זיינען שוין דאָ געווען באַגלייך מיט מיינע דריי אָנקלס, וואָס האָבן קיין איינגעמאַכטס אין אַמעריקע ניט געגעסן. צוויי פון זיי זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַמאָליקער פּראָמינענטער „טרייענגל וויסט קאָמפּאַני״ אַלס אָפּערייטאָרס און דער מזל האָט אונז, בני ר׳ מרדכי בוים, גלייכצייטיק אַהין געבראַכט, אַן עפּאָכע וואָס איך שילדער אין דעם קאַפּיטל: „אָפּקלאַנגען פון אַרבעטער לעבן״. (איך האָב דאָס קאַפּיטל בשעתו געשריבן פאַר „אידישן וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט״ אין ניו יאָרק און עס איז פּרעמירט געוואָרן). דאָס קאַפּיטל שילדערט די גרויסע טראַגעדיע פון טרייענגל פייער. אַ שריפה, וואָס האָט אומגעבראַכט 147 לעבנס. דאָס איז פאַרגעקומען אין די יאָרן פון מיין בראשית אין אַמעריקע. ווען איך האָב זיך דערפילט, אַז די פאַבריק איז ניט דאָס איינציקע וואָס אַ מענטש געפינט אין לעבן... מיין חלום צו לערנען איז צערונען געוואָרן, און מיין איינציקע שטיקל טרייסט איז געווען די עטלעכע אידישע צייטונגען און דער אידישער טעאַטער, מיט יעקב גאָרדין

בראש. שפּעטער האָב איך מיין בילדונג באַקומען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אין קאַמף קעגן קייזער ווילהעלם. נאָכן אַהיימקומען ווער איך ווידער אַריינגעצויגן אין שניידעריי, שוין פאַר זיך, עד היום הזה, מיט מיינע אַקטי־וויטעטן אויפן נאַציאָנאַלן געביט און ביי מיין שרייבטיש...

מיינע פּעלשטינער אידן דערשיינען פאַר מיר ווי אַ מוסטער פון דורות, וואָס וועלן שוין מער ניט צוריקקומען. מיט זיי וועל איך זיין פאַרבונדן ביז מיינע לעצטע טעג; און אפשר דורך מיינע כתבים עד ביאת המשיח.

⁂

איצט קום איך פאַר די לייענער מיט מיין צווייטן בוך א. נ. „געקניפּט און געבונדן" — ניט בלויז מיינע שילדערונגען פון פּעלשטין וואו איך האָב געלעבט ביז קנאַפּע פערצן יאָר ממש נאָך די חדר יאָרן; איך קום אויך מיט מיין וואָרט און וויזיע וועגן אונזער פרייען לאַנד אַמעריקע מיט מיין האָרע־וואַניע אין די שניידער פאַבריקן וואו עס שפּיגלט זיך אָפּ דעם אַרבעטערס לעבן איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט און וואו מיין ווייניגקייט האָט זיך אַריינ־געקנוילט באַלד צוויי וואָכן שפּעטער נאָך מיין אַריבערטרעטן די שוועל פון גרויס ניו יאָרק.

עס איז על כן כדאי אויך צו דערמאָנען מיינע נאָענטע קאָלעגן ידידים, מיט וועלכע איך האָב דורך מיין פען זיך פאַרקניפּט אין קרובהשאַפט דורך מיינע לעצטע דריי צענדליק יאָר זינט איך שילדער מיינע טיפּן, מכל המינים, אידן און ניט־אידן, פון מיין היים און אונטערן פרייען הימל, אַמעריקע. דער ערשטער, יצחק בלום מיין בעל יועץ, וואָס האָט פאַר מיר געעפנט אַ טיר אין קאַנאַדע, אין „אידישן זשורנאַל". דאָרטן, אונטער דער השפעה פון ש. שאַפּיראָ האָב איך מיינע ערשטע שילדערונגען געדרוקט; שפּעטער אין „קענעדער אָדלער" מיט דער הילף פון מיין גאָר ליבן פריינט און רע־דאַקטאָר, ישראל ראַבינאָוויטש, און זיין דערמוטיקונג האָט מיך באמת דער־הויבן און אַרויסגעפירט על דרך הליטעראַטור. מיינע דערציילונגען און סקיצן און ראָמאַנען האָבן דערזען די ליכטיקע שיין אויף די בלעטער פון „קענעדער אָדלער". מיין ידיד ישראל ראַבינאָוויטשן וועל איך אייביק דאַנקבאַר זיין. דאָ מוז איך אויך מיט דאַנקבאַרשאַפט דערמאָנען מיין ידיד און מחבר פון עטלעכע וויכטיקע ספרים, דעם למדן נחמן שמן פון טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. זיין וואָרט לגבי מיין ערשט בוך: „אויף אַ שמאָלער סטעזשקע", האָט אונז פאַר־בונדן אין קרובהשאַפט עד היום. זיינע בריוו צו מיר און זיין דער־מונטערונג, אַז איך זאָל מיינע כתבים ניט לאָזן גיין לאיבוד און זיי געבן הלבשה אין טאָוולען, האָבן גורם געווען אַז דאָס איצטיקע ווערק: „געקניפּט און געבונדן" זאָל דערשיינען. גלייכצייטיק זאָל דאָ דערמאָנט ווערן לטובה מיין ליבער פריינט דר. יצחק אונטערמאַן, מיט וועמען איך בין שוין פאַרבונדן דורכן וואָרט ממש אַ פערטל יאָרהונדערט. אויך ער האָט מיר געהאָלפן,

אַז מיין וואָרט זאָל ווערן דערהויבן און איז שטענדיק גרייט געווען מיך צו דערמוטיקן מיט זיין האַרציקייט. אגב איז מיר אַ ווייטיק וואָס איך קען ניט באַדאַנקען ביים לעבן ידידי המנוח יצחק ליבמאַן, רעדאַקטאָר פון „ביו יאָרקער וואָכנבלאַט", ער פעלט אונז איצט אויס. אַ גליק וואָס קאָלעגע מרדכי ירדני גייט אָן מיט דער „וואָכנבלאַט" טראַדיציע און טיילט זיך אויך מיט מיינע שאַפונגען, באַגלייך מיט די אַנדערע זשורנאַלן, וואו מיין וואָרט הערט זיך, בעיקר אין „קענעדער אַדלער", אין „אויפסניי", אין „זיין" און די „יום־טוב בלעטער" פון יאָהאַנעסבורג. איך וויל אויך באַדאַנקען מיינע קאָלעגן ה. שישלער, נחום סומער, דוד ראַפּאָפּאָרט, ל. ראַזאַף. מיט זיי בין איך פאַרבונדן אין גאָר נאָענטער חברשאַפט. איך האָב זיי אַלע געשילדערט אין מיינע „פּראָפילן פון שרייבער" און איך באַדויער שטאַרק וואָס איך האָב אַלע שילדערונגען ניט געקענט אַריינגעבן אין איצטיקן בוך מחמת כמה וכמה סיבות. זיי וועלן, האָפנטלעך, געזאַמלט ווערן אין אַ דריטער אויסגאַבע, בקרב השנים, אַז גאָט וועט מיר מזכה זיין און געבן אריכות ימים.

איידער איך פאַרענדיק וויל איך אָבער דערמאָנען מיין ליבן פריינט דער מחבר פון קערנדיקע ווערק אין אונזער דריי־שפּראַכיקער ליטעראַטור, דר. מנחם ג. גלען. ער איז מיר געוואָרן גאָר נאָענט זינט ער האָט געשריבן וועגן מיינע כתבים אויף די שפּאַלטן פון „וואָכנבלאַט" אין זיין „מימים ימימה". ניט קענענדיק אים פּערזענלעך, האָב איך זיך מיט אים שריפטלעך פאַרבונדן און אונזער קשר ידידות האָט גורם געווען אַזוי ווייט, אַז ער, מיין ידיד, דר. גלען, האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן די ליטעראַרישע און טעכנישע אַרבעט פון מיין איצטיקן בוך, פאַר וועלכן איך דאַנק אים פון טיפן האַרצן און וועל אים תמיד געדענקען מיט אַ געפיל פון איבער־געגעבנקייט און אמתער חברשאַפט.

איך וויל אויך באַדאַנקען דעם אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט פאַר זיין דערמוטיקן מיך צו שאַפן ווייטער און ווייטער, און פאַר זיין איינ־לאַדן מיך אָנטייל צו נעמען אין די קאָנקורסן אין וועלכע איך האָב, האָפנט־לעך, דורכגעפירט מיין מיסיע בשלימות.

מיין האָפענונג איז, אַז מיינע כתבים זאָלן געלייענט ווערן וואו נאָר עס געפינען זיך אידן וואָס אידיש מיינט פאַר זיי אַ סך. איך געדענק מיט ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט מיינע קאָלעגן פון אַמאָל, ווען איך בין נאָך געווען יונג אין בית יחיאל קלינג און געשטאַנען ביים גרויסן טיש וואו די יונגע דיכטערס האָבן געלייגט דעם ווינקלשטיין פון דער נייער אידישער ליטעראַטור און וועמענס איינפלוס אויף מיין שאַפן האַלט אָן ביז איצט. מיט זיי און מיט אייך אַלע אידיש לייענער פיל איך זיך ווי אַ גליד איינ־געשלאָסן אין איין ציל: ממשיך זיין די אידישע ירושה פון דורות און פאַר־אייביקן דאָס אידישע וואָרט.

בערל בוים

# I

# מײן אַלטע הײם

# נפתלי לעווינזאָנס גבירישׁ הויז...

אויפן מאַרק פּונקט אינמיטן שטאָט אַנטקעגן דעם נייעם שאָסיי שטייט נפתלי לעווינזאָנס גבירישע הויז. מען קען זי באַלד דערזען דורכן פאַרצאַמטן אייזערנעם פּלויט. פאַרבייגייערס זאָלן ניט טאָפּטשען אויפן געדיכטן גראָז און פרישע בלומען, וועלכע קינדראַט, דער האָלץ־העקער, היט שטאַרק אָפּ. ער, קינדראַט, איז שטענדיק אַ בעל־חוב צו דעם „גאָספּאָדאַר" ר' נפתלי, וואָס גיט בשתיקה גמילות־חסדים צו יעדן וואָס איז אַ בטוח — קינדראַט האָט שוין אַ חזקה מדור שני צו האַלטן דעם גאָרטן אין אָרדענונג.

די איינשטאָקיקע הויז געבויט פון פּשוטע שטיינער שטייט שוין מיט איר גדלות בערך אַ פערטל יאָרהונדערט, ממש דער שטאָלץ פון שטאָט, פאַררעכנט אַלס אייגנטום פון זיין פאָטער פּתחיה לעווינזאָן, ע"ה, דעם אַמאָליקן וואַלד־סוחר, וואָס האָט ליב געהאַט צו טאָן אַלץ מיט רחבת ידים... — די מאַסיווע טירן מיט די געקאָוועטע לאָדנס אויף די פענצטער, פלעגן ביינאַכט זיך פאַרמאַכן מיט אַ פּראַל. די פאַרשיידענע וואַזאָנעס זיינען זיך רחבותדיק געוואָקסן און געבליט אין די גרויס־ערדענע כלים, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּיגלט דורך די פענצטער. קליינוואַרג האָבן שטענדיק געחלומט זוכה צו זיין און שטיין דערביי בעת פּראַדל, די דינסט־מויד, טאַסקעט די שווערע וואַזאָנעס אַרויס דורך דער הינטער־טיר, זיי צו באַוואַסערן. די צרה איז געווען, וואָס די הינטער־טיר פונעם לאַנג־ברייטן פּאַרקאַן איז געווען צוגעשלאָסן דורך אַ מחיצה וואָס איז געווען הויך פאַרבויט מיט רויטע ציגל, העט ווייט אַרונטער צו דער צווייטער גאַס לינקס, וואו די טאָרגאָוויצע פון שאָף און חזירים פלעגט זיך צעשפּרייטן איבער דער לענג און ברייט צו מערב. רעכטס זיינען געשטאַנען צוויי בתי־מדרשים, להבדיל בין טומאה וטהרה, פּונקט צו מזרח, וואו די לעבעדיקע חיות פלעגן געטריבן ווערן צום ברייטן טיפן גרוב, הינטער מאָניש ברענמאַנס צוויי־גאָרנדיקער הויז, וואָס האָט אויך באַצויבערט יאַריד־מענטשן מיט איר גרויסן פאַרנעם אין מאַרקביים אָנהויב אַריינפאָר פון שטאָט, וואו עס זיינען געשטאַנען אַנטקעגן נאָך צוויי גבירישע הייזער. באַזונדערס, דער גרויסער צוויי־שטאָקיקער מויער, באַקאַנט אַלס די „היסטאָריע" מיט אַכט ברייטע קלייטן פון שניט, וואו די גבירים האָבן זיך געלעבט בהרחבה. דער מויער האָט געהערט צו לייב ווערצהייזער, וואו די „באָטשאַלסטוואָ" פלעגט וואוינען. דורך די יאָרן פלעגן די „מעשענע קנעפּ" זיך בייטן מיט די דירות. ביידע גבירישע הייזער זיינען געווען אַ מין חזקה פונעם פּריסטאַוו מיטן אוראַדניק. דאָרטן האָט מען זיך געקהלט וועגן שטאָטישע ענינים. דאָרטן

האָט „זכות אָבות״ געשפּילט אַ ראָלע. אַלע סודות וועגן רעכט און אומרעכט האָבן זיך פון דאָרט געשפּרייט און זיך אַריינגעצויגן, בעיקר אין די שכנישע אַריינפאָרהייזער, וואו די פּני פון שטאָט פלעגט זיך פאַרזאַמלען און אויסדרעשן אַלץ וואָס האָט זיך „אָנגעמאָלויצעט״ דורך אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר...

דאָרטן, צווישן די משכילים און אַפּיקורסים, האָט זיך דורכגעזיפּט דאָס ביטערע אידישע לעבן, וואָס איז שטענדיק געהאַנגען אויף אַ האָר, און בדרך נס ס׳רוב, זיך אַרויסגעראַטעוועט פון גויאישע הענט. עס האָט געהייסן „דער שטילער יאַריד״, — וואו לומדות, אַפּיקורסות און האַנדל און וואַנדל קריגן אַ תיקון...

אָבער די הויז פון נפתלי לעווינזאָן האָט געשמט מיט איר תמימות. קיין פּאָליטיק האָט דאָרט ניט געהערשט. זי, די בנעימותע שרהלע, די יפת־תואר און פרוי פון ר׳ נפתלי, זיין צווייטע ווייב, שוין ביי די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט אים געבוירן פיר זיידענע קינדער, אַ בת־יחידה און דריי אינגלעך, האָט געפירט איר היים שטיל און באַלעבאַטיש. זי האָט ניט געוואָלט אויפרייסן די אויגן מיט איר עשירות. אגב, איז געווען אַ סברא, אַז איר בעל־יחוסדיקער מאַן, ר׳ נפתלי, האָט זיין עשירות שוין לאַנג פאַרלוירן. מען האָט געשמועסט, אַז די געראָטענע קינדער פון זיין ערשטער פרוי האָבן אים אָפּגעקאָסט אַ ממון קורח — זייער בילדונג און וועלטלעכקייט איז דאָך גאָר־גאָר... זיי זיינען שוין בעלי־בתים פאַר זיך. מ׳האָט זיי אויסגעקאָפּט מיט גרויסן נדן... ווען זיי קומען אַמאָל צום טאַטן צו גאַסט גייט די שטאָט כאַדאָראַם. מען שמועסט אַז ר׳ נפתלי לעבט איצט אַ צווייטע וועלט מיט זיין שרהלען, וואָס האָט אים געבראַכט יוגנט און וואַרעמקייט. ער האָט זי באמת ליב. ער קוועלט אָן פון זיינע דריי בנימלעך וואָס לערנען זיך פלייסיק, איז שטאָלץ וואָס זיי זיינען געראָטן אין אים. בפרט זיין בת־יחידה, וואָס בליט ווי אַ רויז, און האָט שוין אָנגעהויבן שפּאַצירן אין מאַרק אויפן נייעם שאָסיי, וואָס ציט זיך העט אַרויף צום קלויסטער, צום סאַמע עק פון שטאָט, וואו דופּטיקע בוימער וואַקסן און שפּרייטן זיך אין דער לענג און ברייט צו מזרח זייט פון דאָקטאָר נאַזאַרקעוויטשעס פּרוכט גאָרטן, וואָס איז אַ שם־דבר. אַהין ציען זיך די יונגוואַרג אין די זומער שבתים צו געניסן פון די זעלטענע פּירות, און בעיקר זיך אויסשפּרייטן אויף די הויכע גראָזן הינטער די בוימער צו האָבן דעם טעם גן־עדן. ווען חנהלע באַווייזט זיך מיט איר גבירישן און זויבערן חן, צאַפּלט זיך די יונגוואַרג פון פריידיק, הגם זיי ווייסן אַז חנהלע וועט לאַנג אין שטאָט ביי טאַטע־מאַמע ניט פאַרבלייבן, עס לאָקערן שוין געגוג שידוכים אויף דער זעכצן־יאָריקער צנועה... די „גבירישע בחורימלעך״ אָטעמען שווער ווען זיי טראַכטן דערפון. זיי ווייסן שוין אַז מיט חנהלען צו פאַרברענגען דאַרף מען האָבן אַ זכיה... אירע צוויי לאַנגע צעפּ מיט איר אויסגעקײַלעכט רונדיק פּנים און ברוינע לעבעדיקע אויגן, האָבן אַ זעלטענעם צויבער פאַר יונג און אַלט... גליקלעך זיינען געווען די אינגלעך וואָס האָבן געלערנט מיט די לעווינזאָן

קינדער אין די חדרים — פאַר זיי איז געווען דער טיש ביי די רייכע לעווינ־זאָנס אָפן — פאַר דעם האָט שוין זייער מוטער, שרהלע, געזאָרגט. זי האָט אָפּגעשטעלט איר דינסט מיט אַ געבייזער, ווען זי האָט אַ שטאָטיש אָרעם קינד געוואָלט משלח זיין, ובפרט אין די ווינטער חדשים... זי האָט אַליין ס'אינגל אַריינגערופן צום קאָך־אויוון, דאָרט אויף דער אייזערנער פּליטע האָבן געזאָטן גרויסע קופּערנע טעפּ מיט כלערליי מאכלים וואָס האָבן געררייצט דעם אַפּעטיט פון די הונגעריקע. די דינסט אירע האָט שוין געוואוסט אַז אַ חוץ אָנוואָרעמען זיך, דאַרף זי דעם אָרעמען קינד דערלאַנגען — אַמאָל אַ געבאַקענע קאַרטאָפל, אַמאָל אָפילו אַ האַרט איי מיט ברויט, אָדער גאָר אַ שיסעלע פלוימען מיט יויך וואָס איז שטענדיק געווען גרייט אין שטוב פאַר ר' נפתלין, וואָס האָט, אַגב, ליב געהאַט אַ געשמאַקן ביסן. מען האָט עס געקענט זען אין זיין ברייטן גוף, אין דער קורצער אַטלעסענער קאַפּאָטע, וואָס האָט זיך געשפּרייט מיט די צעפּלאָשטשעטע פּאָלעס. זיין ברייטע גרויע באָרד און קיילעכדיק פּנים און די געדיכט־באַוואָקסענע ברעמען, האָבן אים צוגעגעבן דעם גדלותדיקן שטעל, ווען ער האָט זיך באַוויזן צום דריטן מנין אין בית־המדרש אַריין דאַווענען. יעדער האָט אויפגעלויכטן ווען ר' נפתלי איז אַריין מיט טלית און תפילין און זיך געשטעלט וואַשן די הענט ביים האַנט־פּאַס. זיין „גוט מאָרגן, אידן" איז געווען מלא חן. ביי אים איז אַלץ געווען אין כלל... אפשר, ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרשעמען דעם אָרעמאַן. אַפילו זיין לחיים, ביי אַ שמחה אָדער יאָרצייט, איז אויך געווען מיט „לחיים, אידן"! „לחיים טובים ולשלום"! — פלעגן אידן ענטפערן מיט פרייד ער האָט זיך שטענדיק געוויצלט ווען מען האָט אים מכבד געווען מיט אַ ביסל „ביינצי־קער"... די „פּערציקער" משקה איז בלויז פאַר שיכורים, ביים מאַנאָפּאָל!... — אַ איד דאַרף טרינקען אַ ביסעלע און גוט!... אין סך הכל, איז ר' נפתלי געווען פון די איבערטרייבער אין אכילה ושתיה. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז שוין לאַנג אויס אכלער, אַז ער איז טאַקע פעט פון על חטא. ער פלעגט אַליין לאַכן פון זיינע וויצן, וואָס האָבן בעיקר געצילט צו דערפרייען מענטשן — אויב נישט אין דער היים, זאָל עס כאָטש זיין אין בית־המדרש ביים דאַווענען...

עס זיינען געווען חלוקי־דעות וועגן ר' נפתליס לומדות. מ'האָט אויף אים געפונען אַ זכות: ער איז דאָך דערצויגן געוואָרן אין די דערפער, אַן זאָרג, אָן באָרג... די דערפער טראָגן נאָך עד היום זיין זיידנס און פאָטער פּתחיהס נאָמען — באַקאַנט אַלס „פּייסיכיווקע" און „נפתליפקע", אַ נאָמען נאָך זיין בכור, ווערלכן מען האָט שפּעטער אין דעם גירוש היהודים אַרויס־געטריבן פון די דערפער. אייניקע פּויערים האָבן זיך ניט געקענט אַנט־קעגנשטעלן די אידישע שונאים, און געמוזט אָפּהיטן דעם „אוקאַז" פון „צאַר ניקאָלייען" אַרויסצוטרייבן די אידן וואָס האָבן ניט קיין וואוין רעכט, הגם, זיי זיינען דאָרט געבוירן... אַ קאַפּיטל וואָס מען היט זיך איבערצוחזרן,

ווען ר׳ נפתלי איז דאָ, ביי אים איז עס אַ פאַרחתמעטער ענין. ער איז דאָך בלויז דעמאָלט געווען אַ אינגל פון אַ יאָר פערצן. היינט איז ר׳ נפתלי אַ פיר און זעכציקער. אַ קליינינקייט, אַ האַלבן יאָר הונדערט, זייט דער גירוש איז געשען. דער טאַטע זיינער האָט דעמאָלט אויסגעבויט אַ שטוב מיט דער הילף פון די געשוואוירענע פויערים, פריינט צום זיידן גרשון, וואָס האָט ביזן דריטן דור געהאָלפן בויען ס׳דאָרף „גערשוניפקע״...

באַענטע וויסן, אַז קיין גאָר גרויס עשירות האָט ר׳ נפתלי נישט, זיין ירושה האָט ניט געקלעקט אויף מער ווי אַנטלייען אַ ביסל גמילות־חסדים צו מענטשן אויף קליינער עיסקא. הגם, מען ווייסט, אַז ער איז נאָך אַ שטילער שותף צו אַ פּאָר קליינע פּאַסעסיעס, וואָס גיט אים ב״ה חיונה, און קען זיך פאַרגינען אַרויסצופאָרן מיט אַ געדונגענעם פייעטאָן אין די דערפער אויף־מאָנען זיינע וואָכערס. די אַמאָליקע פויערים, די זקנים, פונקט ווי די שפּע־טערדיקע דורות, פילן זיך שטאָלץ וואָס זייער דאָרף טראָגט דעם נאָמען פון די לעווינזאָנס. גאָר אָפט קומען זיי אין שטאָט און שפּאַרן זיך אַריין דורך דער הינטער־טיר און ברענגען מתנות צו ר׳ נפתליס קינדער. מען מאַכט מיט זיי „פריקאַטאַשקעס״, מען צעבאַלעוועט זיי ממש, ביז דער פּאָטער הייסט זיי אַראָפּלאָזן.

— גענוג פאַר זיי מיכאַלקאָ!... גענוג, פּעטראָ, — מאַכט ער מיט דער האַנט און ציט צוריק אַרויף די פּענסנע... די צוויי דינסטן האָבן שוין אַן אַרבעט — די יונגוואַרג זיינע איינצושטילן און צו באַדינען די פּאָר פויערים געסט, זיי זאָלן כאַטש ניט אַרויס פאַרשעמטע פון זיין שטוב... זיי, די פויערים, וואַרפן גייציקע אויגן אויף זייער „גאַספּאַדערס״ בת־יחידה, וואָס איז בלוט און מילך. זיי ווערן ממש ווילד פון שטילער קנאה און תאוה...

מערסטנס געשעט עס אין די יאַרידים, אין דער פריער שעה, איידער דער טומל אויף דער טאַרגאָוויצע הויבט זיך אָן. די שטוב ווערט דאַן באַלאַגערט פון הינטן און פון פאָרנט. די קולות פון די בעלי חיים פאַרטויבן ממש יעדן איינעם, אָבער די מאַסיווע שטיינערנע ווענט פון דעם בנין האַלטן די שטיל־קייט ווי פאַרמויערט. — ר׳ נפתלי, דער עושר, קען זיך כאַפּן אַ דרימל, די בת־יחידה, חנה, קען זיך מאַכן אירע אוראַקן, און מעג אַפילו זיך אַרויס־כאַפּן אַ בליק טאָן אין גאַס דורכן הויכן פאַרקאַן, וואו ס׳דינגעניש און יאַגעניש פון האַנדל און וואַנדל גייט אָן... אַזעלכע טעכטער טאָרן זיך ניט וואַרפן אין די אויגן פונם המון אין די יאַרידים... ווען חנה ווערט מיד צו שטיין בײַם פאַרקאַן, גייט זי אַרויף אויפן צווייטן שטאָק אין דער צוגע־בויטער אונטערשטער דריי חדרימדיקער שטוב. דאָרט איז, ווי מען סברהט, דאָס אמתע געבוי — ניי־מאָדיש. דאָרט, אויפן באַלקאָן, פלעגן ר׳ נפתליס דערוואַקסענע קינדער שטודירן. דאָרטן פלעגן סוחרים זיך פאַרקלייבן מיט ר׳ נפתלין און זיך האַלטן אַן עצה איבער געשעפט. דערהויפּט זומער צייט פלעגט דער באַלקאָן זיין דער „גן־עדן״. די צימערן זיינען געווען דריי־

עקעדיק, מיט ברייטע האַלבע בלויע פענצטער. זיי פלעגן זיך עפענען ראַפּ־טאַוונע און זיך צומאַכן מיט אַ פּראַל ווען דער ווינט פונם שטאָט־טייך האָט זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן. ס׳מעבל איז געווען ניי, מאָדערן, די בענק־לעך — געפלאָכטענע, דער טיש — אַ געשניצטער, שוואַרץ געפּאָליטורט. די האַלץ האָט געבליאַסקעט, דער מחבר קען היינט פּינקטלעך ניט וויסן פון וואָס פאַר אַ האָלץ דער טיש איז געווען, בלויז די ביינערנע טאַבאַקערקע, די פושקע מיט טאַבעקע, האָט זיך דאָרטן געפילט אין דער היים. — ווייל סוחרים האָבן ליב געהאַט ר׳ נפתליס אַ שמעק טאַבעקע, וואָס איז אַוודאי געווען מן הפּרימא...

ניט איינמאָל פלעגט יונגוואַרג זיך שטעלן אַנטקעגן דער ציגלנער הינטער־וואַנט און באַוואונדערן דעם הויכן באַלקאָן וואָס טראָגט אויף זיך די דריי גאָרנדיקע חדרים, וואָס דינען מי יודע פאַר וועמען? — אין דמיון האָבן זיי דאָס פאַרגליכן צו אַ מין „קרעפּאָסט" פאַרן שונא. פון דאָרט, הייסט עס, קען מען אַראָפּשיסן און זיך פאַרטיידיקן, דאָרטן קען מען מאַכן אַ באַל, דאָרטן קענען שפּילן כלי־זמר, עס זאָל זיך הערן איבער דער גאַנצער שטאָט, פּונקט ווען חתן־כלה מיט די מחותנים גייען אין שול אַריין צו דער חופּה. די פאַנטאַזיעס פלעגן זיך צעשפּילן אַזוי ווייט, אַז קינדער האָבן שיר געוואָלט מאַכן מאַנעוורעס הינטער דער הויכער וואַנט. שלעכט איז נאָר געווען וואָס מ׳האָט זיך געבויערט די קעפּ ווי אַזוי דער אַנדערער צד סאָלדאַטן וועט זיך קענען אַרויפכאַפּן אויבן, אין שפּיציקן קרעפּאָסט, אַראָפּצושיסן...

גאָר אָפט פלעגט מען זיך באַפרייען פון חדר און פלאָנטערן בייצוקומען די אייזערנע „וואַנט", און דוקא אין אַ צייט ווען די צוויי פויערטעס פלעגן וואַשן די גרויסע הערמעס וועש. דער וואַסער־פירער האָט ממש אויסגעליי־דיקט די קרעניצע איבער די צענדליקע באַליעס וואַסער, וואָס האָבן זיך געצויגן דורך אַ ריטשקע, אַלע אַרויס פון דער בלעכענער רינווע, אַזש אינמיטן גאַס אַנטקעגן בית־המדרש. דאָרטן האָבן זיך די ווייסע געדיכטע מילענעס געצאַפּלט און אויסגעגאַנגען, פּשוט נעלם געוואָרן פון זיך אַליין. מיר האָבן ניט געקענט באַגרייפן ווי די מילענעס ווערן אַנטרונען מיט אַזאַ אומנאַטירלעכן טויט? ניט אַלע האָבן זיך אָבער געוואָלט שפּיגלען אין די מילענעס. טייל האָבן אונטערגעשטעלט די פּלייצעס מיט די הענט צו העלפן די חברים אַריינשפּרינגען אַהין, וואו די שיקסעס האָבן „געדייסטעוועט" מיט דער וועש. דער גאַנצער טאַראַראַם האָט אַרויסגערופן קנאה קעגן די גבירים וואָס קענען זיך פאַרצאַמען, אַן שטערונגען, און זיך לעבן ווי „גאָט אין אָדעס". אַוודאי איז געלונגען צייטנווייז דורכצוברעכן דעם „קרעפּאָסט". די דינסטן פלעגן דעמאָלט פאַרפירן אַ קאַמף מיט דער ווייסער „חברה" און זיי אַרויסטרייבן, אָבער די נפתלטשיכע, די טייערע שרהלע, האָט די קינדער צוריק אַריינגערופן דורך דער דוכזיכטיקער אייזערנער טיר, און זיי, אגב, אויסגעמוסרט: „פע, ס׳איז ניט שיין אַזוי צו וואַיעווען, מען טאָר זיך ניט

אַריינרייסן ווי גוים צו יענעם אין שטוב אַריין". זי האָט געסטראַשעט צו דערציילן טאַטע־מאַמע, אַנגעוויזן יעדן זיין יחוס. — „סע פּאַסט נישט פאַר בעלי־בתישע קינדער!" זי האָט אַזוי פּאַמעלעך זאָגנדיק מוסר זיי אַריינגערופן אין קיך, און יעדן געגעבן עפּעס אַ נאַש, אַמאָל אַ קאָפּעקע דעם־יענעם, צי גאָר געשענקט אַ מלבוש פאַר אַ יתום אָדער אָרעם קינד. זי האָט קיין סך ניט געדאַרפט זוכן. אירע בחורימלעך זייַנען איבערגעוואַקסן און זייערע מלבושים האָבן באַקרוינט די אָרעמע קינדער... ניט בלויז איין טרער האָט אַן אָרעם איינגל געלאָזט, ווען זיינע חברים האָבן זיך מיט אים גערייצט, אַז ער טראָגט אַ געשענקט מלבוש... מען האָט אָבער געוואוסט אַז ס'איז דורך שרהלעס גנאָד — אַז זי פאַרגינט ס'געשענקטע מלבוש מיטן פולן האַרצן.

ר' נפתלי האָט זיך געשפּיגלט אין זיין שרהלען. ער האָט זיך ניט געמישט אין אירע עסקים, זי האָט זיך געפירט איר שטילע מלוכה מיט דער יונגוואַרג און מיט די דינסטן. ער, נפתלי, איז דאָך סך הכל געווען אין דער היים אַ האַלבע וואָך. ווי אַ זייגער פלעגט ר' נפתלי פּינקטלעך מאַכן זיינע נסיעות אין די פאַרשיידענע מקומות. זיין געדונגענער פּייעטאַן, וואָס האָט אויך אָפּט געפירט די פּאַטשט פון שטאָט, איז געווען דאָס אייגנטום פון יאַנטאַש מאַזור. די צוויי לעבעדיקע סוסים, די „גניאַדע פערד", האָבן זיך געיאָגט מיט „נאַטשאַלסטוואָ" — מיט אַקציזניקעס, מיט רעוויזאָרן. אויך דער פּריסטאַוו מיטן אוראַדניק האָבן געהאַט די חזקה אויפן פּייעטאַן, וואָס האָט זיי געפירט גאָר אָפּט צו אַ „סלעדסטוואָ", אָדער לינקער נסיעה. דער פלינקער קוטשער, יאַנטאַש, האָט שוין געוואוסט ווען צוצומאַכן אַן אויגל... מ'האָט אים הפנים געמעגט געטרויען... ס'איז געווען פאַר דער שטאָט אַ רעטעניש ווי אַזוי אַזאַ געשפּאַן קומט צו די צוויי ברידער — די יונגע מאַזורן, וואָס האָבן זיך גערעכנט פאַר גבירים. סיי ווי סיי, ר' נפתלי איז געווען דער בעל־יחוס און יאַנטאַש האָט אים געפירט איבער די ברייטע שליאַכן מיט אַ קנאַק. ער האָט זיך ביי דעם פורמאַן ניט געקענט איינבעטן צו פאָרן שטיל און פּאַמעלעך. „איך בין אַ פּראָסטער מענטש, יאַנטאַש, נאָך וואָס דער טומל?" אויס געוואוינהייט האָט די בייטש ווי פון זיך אַליין ביי יאַנטאַשן, גענומען כוואַשטשען, „ס'איז אַ רגילות אַזאַ, רבי נפתלי"! — פלעגט זיך דער פלינקער, מיטליאָריקער יאַנטאַש פאַרענטפערן.

אַזוי, יאָר איין, יאָר אויס, האָט ר' נפתלי גערודעוועט, שטיל און פּאַמעלעך. ער איז אָבער עלטער געוואָרן. עפּעס האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ חוטא; שטענדיק פאַרלאָזט ער די היים, דאָס בית־המדרש. די אייגענע יונגוואַרג דאַרף אים. איינער גייט שוין אין שקאָלע, לערנט גאַנץ גוט רוסיש. אמת, ער צאָלט געצוג שכר לימוד, און מוז צאָלן אויך אין דער „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע". ער קען זיינע קינדער ניט לאָזן אין די ענגע חדרים ביי די מלמדים תפקרדיק. די וועלט גייט צו פּראָגרעס, אָבער ער ווערט אַלט...

איידער ער קוקט זיך אַרום איז ער ממש אַ בן־שבעים. ער רעכנט אויס זיין באַלאַנס אויפן קאָפּ, ניט אַזוי דאָס געלט, דאָס נעמט מען דאָך ניט מיט, אָבער זיין זיין הארצן ליגט פאַרגראָבן אַ ווייטיק... וואָס אים נאָגט און טאָטשעט ווי אַ וואָרעם. ער קען זיך איצט קיין עצה ניט געבן. דאָס איז אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען. אמת, שטאָט האָט שוין אין דעם אומגליק זיינעם לאַנג פאַרגעסן, ער האָט נאָך ביי מענטשן אַ זכות, מען איז אים ניט חושד אַז ער האָט כל ימיו געזוכט וואוילטאָג, אָבער פונקט איצט דערפילט ער דעם שניט. זיין טאָכטער, די בת־יחידה, וואָס איז, אָן עין־הרע, אַזאַ גע־ראָטענע, אַזאַ טייער קינד, שטייט אין שידוכים. מילא, ניט וויכטיק, ער קען, ב״ה געבן נדן, און מען שלאָגט אים אָפּ די טירן מיט יחוס־קינדער, פיינע, גבירישע קינדער. אָבער אַ שטן שטעלט זיך אים אַנטקעגן און דערמאָנט אים אין יענער יתומה... וואָס איז זיין אייגן בלוט און איז פאַר קיינע־מענטשן־געדאַכט, געררירט פון זינען... און זי איז עד היום אין אַ פינצטער חדר אין דער אונטערגאַס ביי וועלוועלע טרעגער. דאָרט ווערט נעבעך אויסגעלאָשן אַ יונג לעבן, זי גייט אַרום אַ צעבראָכענע ווי אַ סקעלעט, ס'איז ניט מער די אַמאָליקע צביהלע מיט איר זעלטענעם פרויען־חן, הויך און שלאַנק און תמימותדיק. עס זאָל הייסן אַז אין דער געשיכטע איז ערשט אַ יאָר פּופצן. ר' נפתלי האָט געהאַט אַ שוועסטער, אַ יפת־תואר, און זי האָט געהאַט אַ טאָכטער אַן ערשט קינד, און איז ניט־פאַר־קיינעם־געדאַכט געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה. איז די מיידל געקומען צו איר רייכן פעטער, אַ יונג קינד פון אַ יאָר פערצן. דאָס איז געווען פונקט אין יענער צייט ווען אויך ר' נפתלי איז געבליבן אַן אלמן. ער האָט, הייסט עס, געטרויערט אויףביידע אומגליקן, אי אויף זיין שוועסטער, אי אויף זיינעם. דאָס מיידל, די יתומה, האָט געקלאָגט מיטן פעטער אויף זייער בראָך. און ביסלעכווייז זיך איינגעלעבט מיט אירע געשוועסטערקינדער. זי איז געוואָרן ווי נפתליס אַן אייגן קינד. זי האָט געהאַט גרויסשטאָטישע דערציאונג און נושא חן געווען ביי יעדן און געוואַקסן ווי אַ רויז: הויך, און שלאַנק און באַחנט. אגב, איז זי געווען אַ שטילע, און אַפילו אונטערטעניק צו נפתליס ערשטע קינדער. עס איז געווען ווי אַ נאַטירלעכע זאַך, זי זאָל ניט וועלן פאַרנעמען דעם אויבנאָן ביי איר רייכן אָנקל. זי איז דאָך פאָרט אַ יתומה... אגב, האָט זיך די הויז געפירט ווי אַמאָל, דאָס אָרט פון גבענדלען, זיין ווייב, האָט דערווייל פאַרנומען אַ בכבודע אלמנה, וואָס האָט געשמט מיט איר צניעות. זי איז געווען די ווייב פון ר' חיים שוחט, וואָס האָט איר איבערגעלאָזט אַן עקרה. ער איז שוין אַ שוכן עפר אַ יאָר דריי. האָט ער, נפתלי, זי צו זיך אַריינ־גענומען אַלס די אויפזעערן אויף די קינדער. מען האָט ניט געוואָגט צו זאָגן אַז די חיימקע איז חס ושלום געוואָרן אַ דינסט ביי ר' נפתלין. ס'האָט געהייסן, אַז זי דאַרף האַלטן די שטוב כשר און אָפּהיטן טהרת המשפחה... אַזוי אויך האָט די שוחטקע געהיט די יתומה. זי האָט זי געקעכלט ווי אַן

אייגן קינד. ס׳האָט זיך איר געדאַכט אַז ס׳אַ גאָט זאַך, אַז זי איז גאָר איר מאַמע... דאָס מיידל האָט טאַקע געקלעפּט אין דער ריוועלען דער צדקת ביז אין אַ שיינעם טאָג האָט ר׳ נפתלי חתונה געהאַט מיט זיין איצטיקער שרהלען. די שמחה איז געווען גרויס, שרהלע זיין צווייטע ווייב איז געווען אַ בעלי־בתישע טאָכטער, אַ גאָר נאָענטע קרובה צו די לעווינזאָנס. מען האָט אויסגערעכנט אַז ס׳איז אַ זיווג מן השמים. איר פאָטער, ר׳ אליהו שוואַרצמאַן, וואָס האָט כל ימיו געלעבט פון מעקלעריי און געהאַט פּרנסה, האָט הפּנים קיין נדן זיין שרהלען ניט געקענט געבן. און, בקיצור, ס׳איז אַוודאי געווען באַשערט. אַ נייע ליכט האָט זיך אָנגעצונדן ביי נפתלי לעווינזאָן אין שטוב. די שטאָט האָט זיך געוויגט מיט דעם געראָטענעם שידוך. זי האָט באַלד נושא חן געווען ביי יעדן. אַלע האָבן איר אָפּגעגעבן כבוד. די שטיפקינדער זיינען שוין געווען דערוואַקסן צו פאַרשטיין, אַז זייער פאָטער איז נאָך ווייט פון די פופציקער יאָרן, און זי שרהלע, די יונגע ווייב, האָט זיי געהאַלטן ווי אייגענע קינדער, ביז זי האָט אַליין דערפילט וואָס סע מיינט צו זיין אַ מאַמע...

ריוועלע, די שוחטקע, האָט אָבער מער ביי ר׳ נפתלי ניט געוואָלט בלייבן נאָך זיין חתונה. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳לעבן איז אַנדערש ווי מען רעכנט. אָבער די יתומה האָט דערפילט אַז מיט ריוועלעס אַוועקגיין שניידט מען איר אָפּ אַן אבר. זי האָט זיך ביי איר געבעטן: „גוטע ריוועלע, זייט דאָ מיט אונדז, דער פעטער איז אייך גערן". עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. זי האָט איר, דער נאַאיווער יתומה, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי מוז משנה מקום זיין, אַז מען טאָר זיך ניט פּלאָנטערן צווישן די פיס פון אַ באַשערטן זיווג... זי, די יתומה, האָט ביטער געוויינט, אין דער שטיל האָט זי געטראַכט, אַז זי וואָלט אייביק געוואָלט זיין מיט דער ריוועלען, וואָס האָט איר געדינט בלב ונפש, ווי איר אייגענע מאַמע... נאָר ס׳איז ניט באַשערט...

ר׳ נפתלי האָט עפּעס אָנגעהויבן צו באַמערקן אַן ענדערונג אין דער צביהן. זי איז עפּעס געוואָרן מעלאַנכאָליש, פאַרטראַכט. „וואָס איז מיט דיר, קינד מיינס", — האָט איר נפתלי, דער גוטער פעטער, געפרעגט? — „זאָג מיר, קינד, לאָמיך וויסן". צביה האָט ניט געקענט ענטפערן באַשטימט. זי פלעגט איר אָנקל באַרואיקן, און אים זאָגן אַז ס׳איז גאָרנישט, עס וויזט זיך אים אויס... אָבער די געשיכטע איז געוואָרן ערנסט. ר׳ נפתלי האָט זיך געזעגן מיט די צוויי שטאָט שדכנים, אפשר איז אַ פּלאַן באַלד צו מאַכן אַ שידוך מיט צביהלען?... שרהלע האָט מסכים געווען. ס׳איז שוין דעמאָלט געווען ביי שרהלען ס׳ערשטע קינד. שמחות האָבן זיך אָנגעהויבן אויפסניי. די שטוב האָט זיך געעפנט און שדכנים האָבן זיך געיאָוועט. „אַוודאי, גיב איך נדן, זי איז מיין קינד, מיין בלוט", — האָט ר׳ נפתלי לעווינזאָן זיך גע־שטעלט מיט ערנסט. „איך וויל אָבער אַ טאַטנס אַ קינד, אַ בר־אבהן!"... עס האָט לאַנג ניט גענומען און מ׳האָט געבראַכן טעלער, געטרונקען לחיים, מחותנים האָבן זיך געפרייט. מיט דעם „טויזנטער" נדן איז מען געווען זיכער... —

און די חתונה מאַכן — שמועסט מען נישט, דאָס וועט שוין זיין איינמאָל אַ חתונה! דער חתן איז גראָד געווען אַ פּאַרשוין, אַן אָפּגעדינטער, אַ סוחר, אַ קונה־הכל. דער מחותן איז געווען דעם רבין ר׳ חיימלס אַ חסיד. דער זינקאָווער רבי האָט געשמט אין פּאָדאָליע. בקיצור, אַ געזיכערטער שידוך, אוודאי אַ זיווג מן השמים! די מחותנים זיינען זיך צעפּאָרן. מ׳האָט באַשטימט די חתונה אין אַ האַלב יאָר אַרום. שמשים האָבן זיך שוין געשאַרפט די ציין אויף די מטבעות, וואָס זיי וועלן, בעזרת השם, פאַרדינען.

אָבער די כלה מויד, די באַחנטע יתומה, האָט קיין פריידי ניט באַוויזן. זי איז אַוועק אין איינעם אַן אַוונט צו ריוועלען, דער שוחטקע, און זיך צעוויינט. „ראַטעוועט מיך, ריוועלע״, — האָט זי זיך היסטעריש צעיאָמערט, — „מען וויל מיך אומגליקלעך מאַכן, ער איז ניט מיין זיווג״!... „וואָס רעדסטו, קינד מיינס?״ — האָט ריוועלע איר געפרעגט מיט שטוינונג — „זאָל גאָט שומר ומציל זיין! וואָס פעלט דיר אײן? דו ביזט דאָך אַן איידל קינד און אַ קלוג קינד. דיין חתן, שמועסט מען, איז אויך אַ פיינער יונגערמאַן, דו וועסט זיין מיט אים, מירטשעשעם, גליקלעך. הער אויף וויינען, די מאַמע דיינע וועט זיך אוודאי פאַר דיר מיען״. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין רייד. די גוטע ריוועלע האָט געכאַפּט דעם שאַל אויפן קאָפּ, און אָנגענומען די יתומה, ס׳דערשראָקענע כלה־מיידל, ביי דער האַנט, געבעטן אַ שכנה זי זאָל למען־השם מיט איר מיטגיין. ס׳קינד איז קראַנק, היה״! — האָט זי איר, דער שכנה מרמז געווען, מיר מוזן זי פירן אַהיים, קום גיכער״! און די טראַגעדיע איז געקומען. מען האָט געשפּאַנט דעם פייעטאָן, מ׳האָט געבראַכט פון אַ גרעסערער שטאָט אַ דאָקטאָר, און ס׳איז ניטאָ צו וועמען צו רעדן! זי איז באמת קראַנק, אַ גייסטיקער חולה, מי יודע ווי ווייט און ווי לאַנג?!... די שטאָט גייט כאַדאָראָם. עס קומען צולויפן די מחותנים, וואָס איז געשען!? אפשר זי ברענגען צום רבין? סאַראַ בזיון, וואָס האָט זיך גאָר מיט אונדז דער שטן אַ שפּיל געטאָן, נפתלי? דעם חתן לאָזט מען שוין צו איר ניט צו. ווייבער, יונגע און אַלטע, טומלען זיך, מען פלאַנט סגולות. שרהלע וויינט מיט ביטערע טרערן, זי וויסט, נעבעך, נישט וואָס דאָ טוט זיך. זי האָט נאָך באמת דעם אומגליק ניט תופס געווען. איר פאַרעלטערטער מאַן איז באַצערט, ער לויפט צום רב. „גיט אַן עצה, רבי״. אָבער דער קלוגער רבי הייסט שפּאַנען פערד: „ברענגט זי אין שפּיטאָל, און וואָס גיכער איז בעסער״...

און די השגחה האָט זיך מיט ר׳ נפתלין אַ שפּיל געטאָן. צביהלע איז אמת קראַנק. מען האַלט זי אין שפּיטאָל פון גייסטיק קראַנקע. זי גייט אַרום אַ שטילע, און רעדט צו זיך אַליין. זי דערקענט שוין קיין מענטשן ניט. איר לויטער פּנים און לעבעדיקע אויגן זיינען ווי פאַרשטעלט אין אַ טומאַן. דער קאָפּ — פאַרוויקלט מיט אַ געלער פאַטשיילע. איר ציצן קליידל הענגט אויף איר גוף ווי אויף אַ „סטראַשידלע״. זי איז איצט אויסגעצערט, אַ שברי־כלי. זי שרעקט זיך פאַר קלעפּ פון די אויפזעער אין סאַניטאַריום, ווי עס וואָלט

געוועזן אַ הקדש! און ר׳ נפתּלי האָט שוין אויפגעהערט צו פאָרן מיטן פייעטאָן. ער דינגט דעם שטאָט־בעל־עגלה. ער, סענדער דער בעל־עגלה, ווייסט שוין אַז גאַנץ כאָור, נאָכן ערשטן מנין, דאַרף ער שפּאַנען פערד און פאָרן אַהין אין יענעם מקום... אַז אָך און וויי! אַפילו סענדער בעל־עגלה צעווייגט זיך פאַר רחמנות ווען ער קומט אַריין מיט ר׳ נפתּלין אין דעם אומשטיינס געזאָגטן שפּיטאָל און דערזעט דעם בראָך!...

ער, סענדער, ווערט דעמאָלט דער השמח בחלקו אין זיין רעיון. זיינע פיר טעכטער, אַן עין־הרע, ווערן ביי אים פיר אוצרות. ער טראַכט שוין ניט פון שידוכים פאַר זיי — זאָלן זיי שוין זיין געזונט. גאָט איז אַ פאָטער. השי״ת וועט אין זיי מירטשעשעם אויך ניט פאַרגעסן. ר׳ נפתּלי ווישט אָפּ זיינע טרערן, געזעגנט זיך מיט דער אומגליקלעכער פלימעניצע, וואָס ווייסט מסתּם נישט דעם צער וואָס ער לעבט איבער. „וואָס טויג מיר מיין עשירות״, פרעגט זיך ר׳ נפתּלי אין דער שטיל, „מסתּמא בין איך אַ חוטא״. ער רוקט אַריין דעם אויפזעער אַ פּיזיטל, בעט זיך ביי אים ער זאָל אָפּהיטן זיין קינד, וואָס איז געשטראָפט, — אַלץ הייסט געשטראָפט! — רעדט ר׳ נפתּלי שוין צו זיך אַליין ווען ער פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל.

ווען ער קומט אַהיים ווערט אַ שטילער גערודער אין שטוב. ער, נפתּלי, וויל זיין שרהלען ניט וויי טאָן.

— זי ווערט בעסער! אַזוי דאַכט זיך מיר...

ער טרייסט איר, זי וועט מירטשעשעם געזונט ווערן. ער וועט נאָך אפשר פאָרן מיט איר קיין קאַמענעץ. אויב אין קאַמענעץ וועט מען איר ניט העלפן, וועט ער זי נעמען קיין אָדעס. דאָרט זיינען דאָ גרויסע דאָקטוירים, דאָרטן איז דער לעמאַן, וואו מען באָדט זיך.

צוויי יאָר האָט ר׳ נפתּלי געשפּרייט געלט און צייט. ער איז דאָך ועל כולם ניט קיין גרויסער גביר. עפּעס אַ ישועה האָט זיך פאָרט באַוויזן, זי איז געוואָרן שטילער און שטילער, אירע אויגן האָבן פאַרלוירן די שרעק און ביסטרעקייט. זי האָט צוריקגעקריגן אירע פאַרבן און איז ליידער פאַר־בליבן מיט איר שטום לשון, מיטן פלאַפּלען צו זיך אַליין, מיט אויסשטרעקן די האַנט צו יעדן וואָס זי באַגעגנט, ווי זי וואָלט יעדן אָפּגעגעבן שלום... דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זי איז צוריק ביי די כוחות און מען קען זי נעמען אַהיים, איר מאַכן באַקוועם, איר היטן, און האָדעווען ווי געהעריק. און זי וועט אַזוי זיך איינלעבן אין איר אייגן וועלטל... אין איר שטומקייט, וואָס איז אָך און וויי!...

— יאָ, אַ דאַנק השי״ת, כאָטש אַ שטיקל ישועה. אָבער מיין ליבער דאָקטאָר ווי אַזוי נעמט מען זי אַהיים? איך האָב דאָך קליינע קינדער, גיט אַן עצה! — און אַזוי־אַ איז דער פּלאַן געמאַכט געוואָרן. מ׳האָט זי אַהיים געבראַכט אינמיטן דער נאַכט און אָוועקגעפירט צו וועלוועלע טרעגער דעם „בעזדיעטניק״, אין עק שטאָט. דאָרטן האָט מען איר אויסגעבעט אין אַלקער.

פייגע דוואָסע, די טרעגעריןֿ, האָט זיך אָגב דערפילט אַ געהאַלפענע, וואָס זי וועט פון היינט אָן און ווייטער האָבן ביי זיך נאָך אַ נפש אין שטוב. זי איז דאָך, מ׳שטיינס געזאָגט, צווישן גוים. זי קוקט אויף דער געשטראָפּטער צביהלען, אויף דער אומגליקלעכער כלה־מויד. זי רעדט צו איר, און קוקט אַריין אין איר לויטער פנים הינטערן שאַל. זי רעדט צו איר שטום־לשון, באַפעלט איר צו עפענען ס׳מויל:

— רעד צו מיר, צביה, דו ביסט דאָך געווען אַזאַ געראָטן קינד!...

אָבער וועלוול, איר מאַן, וואָס איז אַ שכלדיקער פּראָסטער איד, און פאַלט ממש אַוועק אויף דער באַנק פון מידקייט, בעט זיך ביי זיין פייגע־דוואָסין, זי זאָל אים בעסער אויסבעטן ס׳געלעגער, ער וויל שלאָפן. אומזיסט די רייד, דוואָסע, זי וועט שוין קיין חיבוט הקבר ניט ליידן״...

דוואָסע דערפילט דעם ווייטאָק, זי ווייסט, אַז כאָטש איר וועלוול איז אַ פּראָסטער איד, האָט ער אָבער שכל. זיינע רייד זיינען אָפט ווי אַ נבואה. אָבער דוואָסע האָט באמת רחמנות. „זי איז דאָך אַ צער בעלי חיים״, טענהט זי צום מאַן אין דער שטיל אויפן געלעגער. „זי איז דאָך שטיל ווי אַ טויב, מי יודע, אפשר טוט זי תפילה זאָגן, אפשר קומט זי אָפּ פאַר עמיצנס זינד? אפשר בעט זי גאָט פאַר אונזערט וועגן? ווי לאַנג וועט ער מיך שטראָפן צו בלייבן אַ פאַרשלאָסענע, אַן עקרה?״

וועלוולען ווערט דאָן ביטער. זיין דוואָסעס רייד שניידן אים ביים האַרצן. ער האָט אויף איר רחמנות, ער וויל איר טרייסטן, אָבער זיין מויל עפנט זיך נישט. זי, דוואָסע, איז גראָד געבענטשט מיט לשון, זי קען זיך אויסטענהן אפילו מיטן אויבערשטן, אָבער ער איז „שטום״, אפשר נאָך ערגער ווי זיין „קוואַרטיראַנטקע״. ער, איר מאַן, דערפילט עפּעס ווי אַ בייגונג איר צו העלפן, אָבער ער קען נישט. דאָס איז דוואָסעס אַרבעט. ער דערמאָנט איר צו כאַפּן אַ קוק ביי איר אויב זי איז צוגעדעקט?

עס ווערט עפּעס קאַלט אין שטוב, די ווינטן רייסן זיך פון דער „באַלאַניע״ וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען פאַרפלייצט... דוואָסע גייט טאַקע אַראָפּ, דעקט זי צו, און פאַרלעשט דאָס לעמפל, גייט צוריק אין בעט, גיט אַ זיפץ און דעקט זיך איין און ווערט באַלד אַנטשלאָפן. איר וועלוול כראָפּעט שוין אפילו שטאַרק, אָבער עס אַרט איר נישט. עס גייט שוין אַזוי אַן אַ יאָר צען. זאָל ער כראָפּען, זייער פּרנסה איז ב״ה בעסער. זי באַקומט דאָך פון ר׳ נפתלי אַ גאַנצן הונדערטער אַ יאָר פאַר דער יתומה. און ער ברענגט איר אָפט אַ מתנה. אַמאָל אַן „אַדערקע״, אַמאָל אַ לונג און לעבער, אַ שטיק קעלבערן פליש, צי גאָר אַ ביסל מילכעדיקס. דאָס פאַרזאָרגט שוין שרהלע. זי קומט אין דער שטיל מיט איר פּראָדלען, די דינסט, און ברענגט אויך פאַר דער יתומה עטלעכע העמדער, אַ פּאָר וואָלענע זאָקן, און אפילו שיך. שרהלע זיפצט אָפּ, זוכט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט דער קראַנקער, אָבער זי גייט אַהיים אַן אַנטוישטע, צוריק מיטן ליידיקן קיישעלע...

ניט אַלע ווייסן פון אירע שטילע ווייטיקן וואָס זי האָט איבער דעם אומגליק. איר דוכט זיך, אַז זי באַגייט אַ גרויסן חטא וואָס מ׳האָט אַ קינד אין דער פרעמד. אַז זי איז אפשר אין דעם אַ סך שולדיק, כאָטש גאָט ווייסט דעם אמת, אַז זי האָט שוין אַ סך מאָל ממש געוויינט פאַר איר מאַן, נפתלין, זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל ענדלעך אַרויסנעמען זיין שוועסטערס קינד פון יענער פינצטערניש ביי דוואָסען דער טרעגערין, אָבער נפתלי, איר מאַן, וויל עס ניט הערן. „מיר האָבן יונגע קינדער, שרה, זיי וועלן, חס־ושלום, ליידן איבער איר, זי וועט שטענדיק זיי שטיין פאַר די אויגן, ס׳וועט זיי באַפאַלן אַ שרעק, צי מי יודע וואָס. פאָלג מיך שרה, ס׳איז ניט קיין פלאַן זי איצט אַהער צו ברענגען, זאָלן כאָטש די קינדער אונטערוואַקסן, זאָלן זיי מער פאַרשטיין!״ — שרהלע ווערט אַנטשוויגן. „ביסט אפשר גערעכט, מאַן מייַנער״, — טראַכט זי צו זיך אַליין. אין רעיון קומט איר אַנטקעגן איר אייגענע געראָטענע טעכטערל, חנהלע, וואָס בליט ווי אַ רויז. די שדכנים שלאָגן אָפּ די טירן. זי, שרהלע, שרעקט זיך אָבער, מי יודע וואָס דער אויבערשטער קען טאָן? זי דערזעט דאָס בילד פאַר זיך בעת ס׳האָט געהאַלטן ביי אַ שידוך מיט דער געשטראָפּטער, — זאָל שוין אַזאַ צאָרן ניט געשען ביי קיין שום טאַטע־מאַמע. זי, שרהלע, פילט זיך אָבער ניט אין קיין שום חטא. זי האָפט אַז דער רבונו של עולם וועט זיך אויף איר מרחם זיין. זי אַליין האָט דאָך כלהוויז ביי גאָט קיין עשירות ניט געבעטן. דאָס איז דאָך געווען ביי אים די ברירה.

אין דער שטיל בעט זי ביים כביכול, אַז ער זאָל איר געראָטן קינד חס־ושלום ניט פאַרשעמען. בעיקר, ווען זי בענטשט ליכט בעט זי ביי דעם וואָס לעבט אייביק, ער זאָל אויך ניט פאַרגעסן אין דער יתומה. ער זאָל ענדלעך איר שיקן אַ רפואה שלימה. זי וואָלט עס אָנגענומען ווי אַ נס מן השמים. אָך, סאַראַ חסד ער וואָלט מיט איר געטאָן. איר נפתלי וואָלט גאָר אינגער געוואָרן. זיין ראיה וואָלט בעסער געוואָרן. ער וואָלט גאָר אַנדערש גערעדט מיט די שדכנים. זיי וואָלטן אים ניט געדאַרפט שוואַרצן ס׳פּנים מיט זיין ניט געראָטענער פלימעניצע, וואָס איז, אגב, ניט אַזאַ שיינדל היום יום פאַר אַ שידוך. דאָך ווערט ר׳ נפתלי ניט געפאַלן. ער באַווייזט זיי אַז דאָס איז ועל כולם השגחת הבורא, אַז קיינער איז ניט זיכער מיטן מאָרגן. אַז קיין חטא באַגייט ער ניט, פאַרקערט: ער נעמט אָן דעם דאָקטאָרס באַפעל, זי צו האַלטן אין אַ שטילער היים, וואו מען קען זי אָפּהיטן. ער צאָלט ב״ה די וואָכערס מיט כבוד, ער באַהאַנדלט אירע אויפּזעער ווי אַן אײדעלער מענטש דאַרף...

און, הכלל, די שטאָט גייט כאַדאָראָם. חנהלען האָט מען אויסגעכאַפּט... זי איז אַ כלה געוואָרן. מען האָט געבראָכן טעלער. ווער טראַכט דאַן פון צוטשעפּענישן און השגחה פּרטית? מען איז פריילעך, מזל־טוב? אַ ניי ליכט האָט מען אָנגעצונדן אין דער גבירישער הויז. דער מזל־טוב האָט

אָפּגעקלונגען אין יעדן ווינקעלע פון שטאָט. אַפילו ווייטע קרובים האָבן זוכה געווען צו הערן די ברכה „מזל־טוב !" „מיט מזל זאָלט איר לעבן !" — האָבן זיך געשפּרייט די ענטפערס פון דער משפּחה לעווינזאָן. די שטאָט בחורים האָבן זיך געפילט ווי פאַרשעמט. פאַרוואָס קומט עס זיי, אַ ווילד פרעמדער זאָל צונעמען ביי זיי אַזאַ אוצר ? — דער ווייטיק איז נאָך גרעסער געוואָרן ווען מען האָט געמאַכט די תנאים. ערשט דאַן איז קלאָר געוואָרן ווער איז ווער !... וואָס און וועלכע מחותנים וועלן זיי ביי דער גרויסער חתונה גאָר אין גיכן. עס האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן הינדע־לאה די סופרקע, מיט פרומע־חיה די טיקערקע, כלומרשט ווי אָנגעלייגטע געסט ביי שרהלען דער מחותנתטע. זיי האָבן איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַלץ וועט בלייבן בסוד סודות. אַז מהיום והלאה זאָל זי, שרהלע, אָנהויבן געבן ליכט אין שול אַריין פאַר שבתים און ימים־טובים, אַז גאָט האָט איר באמת געהאָלפן, און איר בת־יחידה איז צו מזל אַ כלה געוואָרן און גיט ב"ה אַ גרויסן נדן, איז ניט מער ווי אַ יושר, זי זאָל צינדן ליכט פאַר איר טאָכטערס וועגן, וואָס וועט מירטשעשעם זיין אַ צדיקות. זי איז דאָך אַ זיידן קינד, אַן אוצר, און חוץ אַלעמען, נעמען זיי אָן די איינלאָדונג, בעזרת השם, צו זען אַז אַלץ זאָל צוגיין כשורה ביי איר קינדס חתונה.

עס האָט שוין ניט געפעלט קיין רייד ווען הינדע־לאה די סופרקע האָט אָנגעהויבן אַרויסלייענען גאַנצע פסוקים פון דער תורה הקדושה, כלומרשט צו באַווייזן שרהלען ווי געבענטשט זי איז. מען האָט אין דער שטיל געשמועסט, אַז זי, הינדע־לאה, האָט טאַקע פאַרגליכן שרהלען נפתליס צו אונדזער מוטער שרה, און אויסגעבריייטע ווי צנועהדיק אונדזער מוטער שרה איז געווען ווען זי האָט איר גרויסן געבענטשטן מאַן אברהם, ניט געוואָלט אַנטאָן קיין צער איבער איר שטראָף פון זיין אַן עקרה. הינדע די סופרקע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַפילו פרומע־חיה די טיקערקע האָט געשטוינט, און שיר, שיר זיך געשטעלט אַנטקעגן דער פירזאָגערין פון דער ווייבערישער שול, וואָס איז געווען אַ שם דבר. אַ קלייניקייט, הינדע־לאה ! — די אשת־חיל פון אריה־לייב סופר ! איר פה קדוש...

און די ליכט האָבן געברענט אין די בתי מדרשים. ניט יעדער האָט געוואוסט אַז דאָס איז פון שרהלעס חסד למזל ולברכה פון איר טאָכטערס וועגן. גאָר נאָענטע צו הינדע־לאהן האָבן פאַרנומען דעם גרויסן סוד... אַז די ליכט זיינען גאָר „פון אירעט וועגן"... פאַר יענער... מ'האָט שוין געוואוסט וועמען מען מיינט... דאָס איז פאַר איר, פאַר דער געשטראָפּטער יתומה — האָט זיך פרומע־חיה אַמאָל אַרויסגעכאַפּט... עס זאָל הייסן אַז הינדע־לאה האָט זיך שטאַרק געבייזערט אויף פרומע־חיהן וואָס זי האָט אַזאַ סוד ניט געקענט האַלטן. אַ קלייניקייט, מגלה סוד זיין !

קיין רוגז האָבן אָבער די צוויי נשים ניט אָנגעהאַלטן. זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ זינד. עס דאַרף זיין שלום על ישראל — האָט הינדע־לאה

אַפּט געזאָגט בקול רם, ווען נשים האָבן זיך געקריגט... זיי זיינען טאַקע איינגעשטילט געוואָרן, זיי האָבן געוואוסט אַז הינדע־לאה רעדט!...

און ר׳ נפתלי האָט זיך געטאָן זיינס. אויך אין אים האָט מען ניט פאַרגעסן, בלויז מיט אַ קליינעם אונטערשייד, וואָס דער פּייטאָן האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן באַוויזן. אין דער שטיל האָט מען עס צוגערעכנט צו דער גרויסער חדוה, וואָס ער, ר׳ נפתלי, האָט און וועט אַוודאי האָבן!...

מען האָט שוין אויסגערעכנט ווי דער פּייטאָן פאָרט מיט ר׳ נפתלין. ראשית, האָט מען געזען אויגנשיינלעך ווי די כלה־מויד, חנהלע, האָט זיך אויפגעזעצט פאַרשלייערט אין „עסיק און אין האָניק״, מיט איר ליבן טאַטן, און אַוודאי, אַוועקגעקאַטאַיעט קיין קאַמענעץ נאָך צייג פאַר חתונה מלבושים. אַוודאי האָט זיך עס געלייגט אויפן שכל. אָט די יאָזדע האָט אָנגעהאַלטן שיינע עטלעכע וואָכן. כאָטש אין אמתן האָט מען געסברהט אַז ר׳ נפתלי האָט אויך ניט פאַרגעסן זיך אַריבערצוכאַפּן צו רבי חיימלען, דעם זינקאָווער רבין, וואָס מ׳האָט אים געהאַלטן פאַרן צדיק הדור. געהייסן האָט עס, אַז ער פאָרט נאָך אַלץ בעטן אַ רפואה שלימה פאַר איר, פאַר דער טאָכטער פון זיין ליבער שוועסטער, וואָס איז שוין אַ שוכנת עפר. ער קען נאָך אַלץ ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיין שוועסטער נחמה מיט איר מאַן ישעיה, זיינעןביידע געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין איין יאָר...

ווען ער טראַכט פון זיי קומט אים אָנטקעגן זי — דאָס אַמאַליקע שטיל טעכטערל זייערע, וואָס האָט אים גרוי און אַלט געמאַכט. ער בעט ביי גאָט אַ רפואה שלימה פאַר דער אומגליקלעכער און פאַרגעסט ניט צו שיקן אויך אַ תפילה פאַר זיין חנהלען, זי זאָל, בעזרת השם, זיין גליקלעך מיט איר זיווג...

מען זעט איצט ר׳ נפתלין אָפטער ביים רבין, וואָס איז אַגב אַ נאָענטער שכן צו ר׳ נפתליס גבירישער הויז. מען טרינקט אָפט לחיים ביים רב אויפן חשבון פון ר׳ נפתלין, געוויינטלעך ביי אַ יאָרצייט פון אַ גאון זצ״ל, אָדער ביי אַ סיום הספר, און מען שמועסט אַז ר׳ נפתלי ווערט היינט־מאָרגן אַ בן שבעים, און מאַכט ערשט חתונה ס׳ערשטע קינד פון זיין האַרציקער שרהלען. אַוודאי ווינטשן אים באַלעבאַטים, לומדים, אריכת ימים, מען רעכנט שוין אויס אַז זיין אברהמל, דער סטודענט און זיידן אינגאַל, דער עלטערער פון די שלושה בנים, וועט אויך בעזרת השם, אַז די צייט וועט קומען, ניט זיין קיין סאָלדאַט, אַז ער וועט מיט השי״ת הילף ניט אַריינפאַלן אין גויאישע הענט. ר׳ נפתלי זיצט און הערט אויס די גמרא־אידן. ער איז דאָך באמת ווייט פון זיין אַ למדן, און דאָך איז ער אַן אמתער בעל־זוכה, יעדער האָט פאַר אים אַ גוט וואָרט, יעדער לויבט זיינע קינדער. מי יודע, אפשר איז עס אין טאַטנס זכות? אפשר אין זיין אייגענעם זכות? ער פילט בחוש, אַז אייביק קען עס ניט אָנהאַלטן, אַז זינט ער האָט אויפגעהערט רודערן און האָט איבערגעגעבן רשות זיין עלטסטן זון, פנחסן, צו קאַסירן די חובות, איז

ער עפּעס ניט דער אייגענער, אַפילו דאָס זיצן מיט „שטאָט״ אידן ביים רב, צי ביי אַ שמחה, איז אים אויך ווי פרעמד. ער איז דאָך שטענדיק געווען מיט פּריצים, געגעבן גרויסע גמילת־חסדים, געשמועסט וועגן פּאָליטיק, און מיט אַ מאָל — אַ היים־זיצער, אַ בטלן!...

אין אַנדערע צייטן וואָלט ער זיך פון זיי אויסגעלאַכט, און זיי דערמאָנט אַז זיי ריידן גאָר דברי תורה בחינם. „איך בין דאָך ווייט פון דעם, איך בין דאָך אַ דאָרפס־אינגל געבליבן, — אַ גירוש געוועזן״. זיי וואָלטן שוין, אַגב, געוואוסט, אַז דאָס איז זיין יחוס, אַז ער איז זיך מודה, אַז מען גיט אים כבוד בחינם, אַז אַחוץ עשירות קומט אים גאָרנישט. אַזאַ געדאַנק באַפאַלט אים אָפט די לעצטע צייט, אָבער ער איז עפּעס ניט בכוח זיך פלוצים מאַכן צו קליינגעלט. ער איז דאָך ר׳ פּתחיהס אַ זון, און אויב ער האָט ניט געלערנט קיין תורה, איז דאָך ניט זיין שולד... ווען ער געזעגנט זיך אָפּ מיט די אידן, אין די שפּעטע ווינטער־נעכט, מיטן אויסרייד אַז ער איז מיד און ווערט אַלט, לויפט טאַקע צו משולם שמש, און העלפט אים אָנטאָן זיין וואַטאָווע בורקע און עפנט פאַר אים די טיר. אַמאָל מיט אַ יאָר פינף צוריק, וואָלט ער משולמן אָפּגעטריבן פון זיך: „גיין שוין, גיי, משולם״, — וואָלט ער אים געזאָגט, „איך קען זיך מיין שטעטל באַשטיין״. אָבער איצט שלינגט אַלץ ר׳ נפתלי אַראָפּ. ער טראַכט נאָר, אַז זיין שרהלע דערשטיקט אין זיך איר צער לגבי זיין עלטער ווערן, — כאָטש ער ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס ער גיט זיך עפּעס די לעצטע צייט אָפּ אַזוי פיל חשבון? על כל פנים איז ער דאָך אַ בר־מזל. אָט לויפט אַרום זיין חברה מיט ביכער אין די הענט, מען לערנט, מען גייט ריין אָנגעטאָן. די געדיכטע שוואַרצע האָר שטייען ביי זיי ווי די סטערטעס געדרייט און שפּעדיק. פּאַרט גבירישע קינדער! אַפילו דער אינגסטער שמואליקל שמט אויך מיט זיין קולכל און גוט קעפל. טאָ וואָס זשע האָט ער צו זאָרגן? אָט נאָך אַ חודש און דער טומל וועט, בעזרת השם, פאַרביילויפן. יאָ, ער טאָר ניט ווערן קיין בעל־פּחד אומזיסט אויף דער עלטער, ובפרט, אַז גאָט האָט אים געהאָלפן... ער דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף גאָר מאָרגן זיך דורכפאָרן אין וואַלד, איינהאַנדלען געהילץ פאַרן גרויסן שאַלאַש וואָס ער גייט הייסן די סטאָליאַרעס סטראָיען. ער ווייסט שוין אַז מאַכן דעם שאַלאַש דאַרף עזריאל סטאָליאַר מיט זיינע בנים און אייניקלעך. זיי, די בני עזריאל, זיינען די אמתע בויער פון שאַלאַשן. איינס און צוויי וואַקסט ביי זיי אויס אַ גוואַלדאָוונער בנין, מיט לאָמפּן און פאַרהענגלעך אויף די פענצטער, ווי עס וואָלט געווען אַן אמתער בנין לדורות. ס׳איז נאָר אַ שאָד וואָס באַלד נאָך דער גרויסער חתונה־וואָך, נאָך די שבע ברכות, ווערט דער בנין צעוואָרפן. די ברעטער מיט כל המטלטלים פאַלן ווי „כורעים״... אויס בנין! אויס פרייד! ווי אָפּגעשלאָגענע הושענות ווערן זיי צעוואָרפן, אַפילו קיין זכר בלייבט ניט פון זיי. עס קומען אָן עטלעכע עגלות פון וואַלד און מען פרעסט זיי ווייטער צונויף פאַרשמירטע פאַרעגנטע. די פאַרזשאַ־

ווערטע טשוועקעס האָבן זיך ווי איינגעבויט אין זייער גוף; ניטאָ מער די פרישקייט פון וואַלד ווי ערשט נאָכן שניט פון דער זעג.

אַזוי טראַכט ר׳ נפתלי און מאַכט דעם מאָדנעם סך־הכל. ער ווייסט אַליין ניט וואָס ער איז פלוצים פאַרקראָכן אין רעיונות וואָס איז גאָרניט זיין טבע: וואָס פאַר אַ גוטער יאָר האָט מיך אַריינגעדרייט אין טראַכטן וועגן נעכטיקן טאָג? ברעטער וועלן בלייבן — ברעטער, שאַלאַשן וועט מען מאַכן און צעוואָרפן, און די צייט שטייט נישט. ס׳איז אים שלעכט: דער טאַראַראָם פון חתונה מאַכן אַ בת־יחידה אויף דער עלטער איז שוין פאַר אים שווער. ער וויל זיין שרהלען ניט אָנהענגען אַזאַ שווערע משא. זי האָט גענוג צו טאָן מיט צוגרייטן די כלה, וואָס איז ערשט אַ קינד. ער איז זיך משער, אַז איר האַרץ צאַפּלט און קלאַפּט שטאַרק פאַר נחת און פרייד, וואָס זי האָט אַזאַ זכיה זיך משדך צו זיין מיטן באַזעליער רבינס אַ געשוועסטערקינד, מיט אַ גרויסער פּרנסה און מיט אַזאַ פאַרצווייגטער משפּחה. איר שרהלען בויערט דער קאָפּ, זי קען זיך קיין עצה ניט געבן אין די אויסרעכענונגען פון איינלאַדן די מחותנים. עס איז דאָך קיין עין־הרע דאָ אַ שטאָט מיט מענטשן, אַ שטאָט מיט אָרעמעלייט, מיט יורדים. זאָל זי צוגרייטן אַן אָרעם מאַלצייט, אָדער הייסן שבתי דעם גבאי אין דער שטיל אויסטיילן עטלעכע קערבלעך צו די פאַרשיידענע אביונים? דאָס וויל זי, אגב, לאָזן צו איר נפתלין, ס׳איז זיין עסק, זיין שטאָט, זיין כבוד. אמת, מיט די ווייבער וועט זי זיך שוין אַן עצה געבן, זי וועט שוין מיט הינדע־לאהן און שרה־דוואָסען אויסקלערן ווי זיך נוהג צו זיין מיט די געלט־אויסטיילעניש. בעיקר, קומט דאָך ס׳ערשטע הכנסת כלה און די נייע תלמוד־תורה, וואו אָרעמע קינדערלעך לערנען און עסן אָנבייסן על חשבון הקהל...

ווען שרהלע טראַכט פון דעם אַלעם, און איר ווערט עפּעס שווער דער חשבון, קומט איר צו הילף איר „גרויסער״ זון דער עלטערער סטודענט. אין דער שטיל רעדט זי שוין צו אים, ווי ער וואָלט שוין געדאַרפט ווערן איר בעל־יועץ: — „ביסט שוין זיבעצן יאָר אַלט, מעגסט פאַר עטלעכע מינוט אַוועקלייגן ס׳ביכל און העלפן דער מאַמען. דיין שוועסטער האָט ברוך־השם חתונה, דער טאַטע דיינער האָט גענוג דאגות באַגלייך מיט דער מאַמען. מעגסט אויך אָנהויבן וויסן וואָס עס טוט זיך ביים טאַטן, וועסט אייביק ניט זיין קיין קינד. דער טאַטע האַלט דיך נאָך פאַר אַ קינד, אָבער ביי דער מאַמען ביסטו שוין, קיין עין הרע, אַ גרויסער בחור. איצט־אַ האָסטו ביד, זאָלסט וויזן חנהלען אַז דו ביסט שוין אַ „קאַוואַליער״... אַז דו העלפסט שוין מיט אין אירע חתונה פּלענער״.

דאָס גביריש זינדל, וואָס האַלט זיך טאַקע פאַרן בכור און יורש פון אַזאַ טאַטן ווי ר׳ נפתלי, דערפילט עפּעס ווי אויפגעהייטערט. ער האָט, אגב, שוין לאַנג געטראַכט, אַז מען האַלט אים פאַר אַ קינד — ווי די אַנדערע, און די מאַמע זיינע פילט אים מיט. און פאַרוואָס טאַקע רעדט ניט צו אים

דער טאַטע זיינער אַזעלכע דבורים? — רייסט זיך ביי אים אַרויס די טיף־באַגראָבענע קריוודע, וואָס ער האָט קעגן פּאָטער. ער עפנט אויף זיין האַרץ פאַר דער מאַמען, און ער לאָזט שיר אַ טרער...

— ביים טאַטן בין איך לעת עתה גאָרנישט! ער פרעגט ביי מיר גאָרנישט! ער נעמט מיך קיינמאָל ניט מיט צו די פּריצים. איך הייס אַ זון פון אַ טאַטן אַ גביר, אָבער פון טאַטנס עסקים ווייס איך כמעט גאָרנישט. אַלץ לאָזט ער צו פנחסן. פנחס איז קלוג! פנחס איז דער אַריסטאָקראַט, דער ווייסער פון אַלץ וואָס טוט זיך אויף דער וועלט. ביים טאַטן איז פנחס אַ גאַנצער אַדוואָקאַט און איך?...

ערשט דאַן האָט די מאַמע געהאַט אַ שטיק אַרבעט. אינערלעך פילט זי, אַז ס'קינד רעדט איר לשון, אַזוי ווי אַ נביא. גאָר אָפּט פלעגט זי שטיל דערפון טראַכטן, אָבער זאָגן איר נפתלין ווי זי פילט האָט זי ניט געוואָגט. זי ווייסט אַז מ'איז ניט מער ווי אַ בשר ודם, מען קען דאָך אַמאָל האָבן אַ טעות. נאָך וואָס גיין אין דער בלינדעניש און זוכן חטאים אויף איר ליבן און געטרייען מאַן, דעם פאָטער פון אירע געראָטענע קינדער...

אַוודאי האָט זי, אויף דעם שטייגער פון אַ מאַמען, גערעדט מיט איר קינד אין דער שטיל: „סע ווייזט זיך דיר אויס, קינד מיינס! פאַרקערט, ווייז דעם טאַטן, אַז דו ביסט שוין אויסגעוואַקסן, סע וועט זיין אַ כבוד פאַרן טאַטן, אַז דו וועסט אים קומען צו הילף. אַט, היינט־מאָרגן דאַרף אָנקומען דאָס געהילץ פאַרן שאַלאַש, מען וועט דאַרפן ציילן די ברעטער, מ'עט דאַרפן אויסחשבונען מיט עזריאל סטאָליאַר, וויפל געהילץ מ'עט דאַרפן אין דער לענג און ברייט. אַדרבא, זאָג דעם טאַטן אַז דו ווילסט העלפן אויסמאַרשטאַליעווען דעם שאַלאַש. ביסט דאָך עפּעס אַ בעל־חשבון!...״

און די געשיכטע גייט אין שטאָט, אַז זינט דער שאַלאַש האָט זיך אָנגעהויבן בויען, איז אברהמל לעווינזאָן געוואָרן אַ גאַנצער קנאַקער. וואָס ער וויל — טוט ער, אַ גאַנצער בקי אין בוי־מייסטעריי! ער לויפט אַרום מיט אַן אַרשין, און האַלט אין איין מעסטן. עס דאַרף זיין „פּאַ זאַקאָנו״, לויטן געזעץ, הייסט עס, ווייל מען שמועסט, אַז אַפילו אַ שאַלאַש דאַרף זיין שטאַרק. די ווענט, די פענצטער מוזן אויסשטיין די גרעסטע בורעס און ווינטן. עס טאָר ניט זיין קיין אָפענע שפּאַרונקע, עמיצער זאָל קענען אַריינקוקן. דאָס וועט ער שוין פאַרזאָרגן! ער וועט ניט דערלאָזן אַז שקצים זאָלן באַ־לאַגערן דעם בנין ווען עולם מחותנים וועלן טאַנצן. זיי וועלן מוזן וויסן אַז זייערע מחותנים זיינען ניט אַבי ווער! אַזוי האָט אַברהמל אויסגענומען מיט דער מאַמען. זי האָט עס געדאַרפט פועלן ביים טאַטן, ער זאָל מסכים זיין מיט זיינע פּלענער...

פאַר דער מאַמען איז ניט געווען אַזוי גרינג איר בכור צופרידנצושטעלן. זי האָט זיך שוין געקויפט מפטיר — האָט זי ביי זיך געקלערט — און אים געלערנט צו זיין אַ בר־דעת. ער איז דאָך ניט דער איינציקער מיט וועמען די מאַמע

האָט איצט צו טאָן. זי, איר כלה־מויד, איז דאָך אויך קאַפּריזנע. ווער קען וויסן ווי ס׳קינד פּילט? איר האַרץ קלאַפּט געוויס שטאַרקער. ווי געוויינטלעך, — גייט זי, די כלה, ממש ניט אַוועק פון די שניידערס, וועלכע נייען שוין צווייִ וואָכן אירע מלבושים. זיי, די שניידער געזעלן, שוין אויך חתן־בחורים, צאַפּלען זיך פון קנאה און פרייד, בעת אלתר שניידער, זייער באַלעבאָס, מאַכט די נייע פאַסאָנען פאַר דער גבירישער כלה, פון וועלכער זיי זיינען גאַנץ ווייט. זיי וואָגן אַפילו ניט צו טראַכטן דאָס איינענע וואָס ביי אַנדערע כלות... עפּעס איז די חנה אַזאַ פיינע, אַזאַ „וועזשליווע״, אַלץ פרעגט זי ביי ר׳ אלתרן, מיט אַ זייטשע מוחל!״ „איך וויל בלויז וויסן אַ קלייניקייט, ר׳ אלתר״. דער איינציקער וואָס ווערט אויפגעלעבט צווישן די שניידער־געזעלן, איז טאַקע שמעון אלתרס — ר׳ אַלתרס יונגער זון, וואָס מען רעכנט ער זאָל זיין דער ממלא מקום פון ר׳ אַלתרן. ער, שמעון, איז, זאָגט מען, דער טאַטע פון אויג, זיין שלייפן־לעכער. זיין איינפּאַסן אַן אַרבל, אַפילו זיין פּרעסן איז מייסטעריש, ער גייט איבער די עלטערע ברידער, וואָס זיינען שוין שניידער פאַר זיך. ער איז דער בן־זקונים, דער גערעטנסטער. ווען ער הערט חנהלעס בנעימותע רייד צו זיין פאָטער, דוכט זיך אים, אַז ער איז אויך אַריינגערעכנט אין דעם כבוד. אגב, איז טאַקע שמעון, — אַלתר שניידערס — אַ בחור — אַ יונג! — זיינע רויטע פייערדיקע האָר און קלייענדיקער פּנים, האָבן אַ געוואַלדיקן רייץ פאַר שטאָטישע טעכטער. זיין שפּאַצירן אויפן נייעם שאָסיי מיט די שמאָלע געפּאַסטע הויזן און בלויער „טוזשורקע״ מיט דער ניי־מאָדנער „זשיקעיקע״, רייסט ממש אויף די אויגן פון שעמעוודיקע בתולות אויפן שפּאַציר אין די שבתים...

עס איז אַ דבר ידוע, אַז ר׳ אַלתרס זין כאַפּן טאַקע אויס די שענסטע שניידער־מיידלעך פון פאַדאָליע, ס׳איז ניט קיין גוזמא... עס דוכט זיך טאַקע די אַנדערע געזעלן, אַז זי, חנהלע, וואַרפט גיכער אַ בליק צו שמעונען ווי צו זיי. קיין וואונדער ניט. זיי זיינען דאָך פרעמדע. וואָס ווייסט זי ווער זיי זיינען? אַגב, זיינען זיי גרייט זיך צו פאַרמעסטן מיט שמעונקעס גאונות. ער איז ניט דער איינציקער קינסטלער צווישן די „דאַמסקע״ שניידערס, זיי זיינען דאָך פון סלאָבאָדקע, וואו שניידעריי האָט אַ שם... פון דאָרטן קומען זיי אַרויס „פאַלנע״ שניידערס אַפילו מיט „ראַזמער״. מען דאַרף וויסן וואָס הייסט „קרויקע״. אַזוי־אַ טומלט זיך איצט ביי ר׳ נפתלין אין דער גבירישער שטוב. די מאַשין רוישט, דער אייזן פּרעסט, די קוילן גליִען. ר׳ אַלתר לויפט אין מאַרק אַריין גאָר אָפט: אָט פעלט אים זיידנס, אָט פּאַסטן ניט די קנעפּ, אָט פאַרווילט זיך חנהלען אַ ניי מאָדנע ראָטאָנדע, וואָס זי האָט ערשט דערזען אין דעם פאַריזער לעצטן פאַסאָן, וואָס איז בופיק אַרום דער טאַליע — ווי אַ גלאָק... ר׳ אַלתר גיט איר צו פאַרשטיין, אַז ער מוז אַוועקפאָרן קיין פּראָסקוראָוו נאָך דער טייערער סחורה, און די נסיעה איז פאַר אים שווער, די צייט שטייט ניט. אָבער חנהלע בעט זיך ביי אים און ר׳ אלתר

פּועלט שוין ביי ר׳ נפתלין פאַר זיין טאָכטערס וועגן אַלץ וואָס איר האַרץ גלוסט...

די געזעלן בעטן אין דער שטיל ביי גאָט, ער זאָל זיי לאָזן כאָטש אויף איין טאָג אַליין, זיך אָנזעטן מיט דער געראָטענער חנהלעס רייך. אין דמיון ווערן זיי די באַלעבאָטים, זיי אָטעמען גרינגער, זיי ווילן מאָרגן עסן אָנבייסן גאָר אַנדערש... פּראַדל, די דינסט, וועט שוין וויסן וואָס זי האָט צו טאָן ווען ר׳ אַלתר וועט ניט זיין. און שמעון וועט זיין דערביי, דאָס איז שוין זייער עסק, מיט אים וועלן זיי שוין אויסקומען. זיי וואָלטן זיך באמת געלאָזט וואוילגיין, ווען עזריאל סטאָליאַרס חברה־לייט ווערן נישט פּלוצעם די באַלע־באָטים איבער דעם גאַנצן אַרום פון דער גבירישער הויז. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט זייער ביי־מאַשין קעגן די סטאָליאַרעס, וואָס פאַרטומלען יעדן אין שטאָט? דאָס געהילך בויערט די נאָזלעכער, די זעגן און באַרדעס מיט די העק און הובליעס גייען אַ גרילצנדיקן טאַנץ. די קראַקוועס הויבן זיך הימל־הויך. די שניידער־געזעלן ווערן עפּעס ווי שפּלדיק, זיי זיצן ווי צוגענאָגלט צום בענקל, אַ פוס אויף אַ פוס, און היטן די שטעך. זאָל חס־ושלום ר׳ אַלתר דערזען די שטעך קרומע, אָדער די פּאַסטריגעס קאָסע, ס׳וועט זיי שוין קיין צרות ניט פעלן, זיי מעגן זיך אָפּזעגענען מיט אים באַצייטנס, ווייל „בראָנפן געלט״ דאַרף מען זיך פאַרדינען. קיינער האָט נאָך אַלתרס געזעלן ניט פאַרשעמט, ובפרט ביי אַזאַ גבירישער חתונה, וואו שרהלע די מחותנתטע האַלט אַן אויג אויף יעדן...

עס הערט זיך שוין דער גערוך פון אַ געשמאַקן געבראָטנס. די פּולע טעפּ זידן. נחמה די סאַרווערקע האָט זיך שוין פאַרקאַשערט די אַרבל. זי האָט אָנגעהויבן באַצייטנס זיך צוגרייטן, אויסרעכענען די אַלערליי געבעקסן וואָס זי דאַרף באַקן. מיטן קאָכן האָט זי ניט קיין דאגות. עס האָדעווען זיך שוין געענדז מיט קאַטשקעס אין די שטייגן. די שוחטים שאַרפן שוין אַוודאי די חלפים. גנענדיל מיט שרה־מאַלין, די צוויי סאַרווערינס, וואָס העלפן אַרויס נחמהן, זיינען גרייט זיך שטעלן ביים אויוון. זאָל זי זיי נאָר געבן אַ פּיפּס! אָבער איצט בלויז נחמה אויף אַ ווײַלע אַרויסצוהעלפן שרהלען אין צוגרייטן דעם פּרעס פאַר דער „ראַבאָטשי״. דאָס זיינען אַ חברה „אכלערס״, — פּרעסערס! אגב, קומט זיי גאָרנישט אַזאַ כבוד. זי, נחמה, זאָל גאָר קאָכן פאַר שניידער־יונגען און סטאָליאַרעס! ניט ביי יעדער חתונה האָבן זיי אַזאַ אַפּעטיט. מען האָט זיי אַפילו ניט אין זינען מיט דער אכילה. העכסטנס גיט מען זיי אַ גלעזל טיי מיט אַ שטיק לעקעך. עסן גייען זיי אַהיים, אָבער ביי ר׳ נפתלין גייט עס צו גביריש. ביי אים טאָרן מענטשן ניט אַרבעטן אויף טרוקן... זאָלן זיי געדענקען, אַז ער מאַכט חתונה זיין בת־יחידה חנהלען... בעת ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן...

ווען שרהלע הערט אַזעלכע דבורים פון איר נפתלין, ווערט זי אומעטיק. זי איז אַפילו גרייט אים אויסצומוסרן: „וואָס רעדסטו, מאַן מיינער? דו

מאַכסט זיך אַליין אַלט! גיב אַ קוק אויף דיינע חברה, קיין עין־הרע, בלוט און מילך, גיי אַרויס און זע ווי מען רודעוועט. — גאַנצע באַלעבאַטים געוואָרן"... ער, נפתלי, לאַכט און וויצלט זיך.

— וואָס ווילסטו אויסבריי‏ען, שרהלע? אַז איך בין נאָך אַלץ די ווערט אַ האַרטן דרייער? איך הייס נאָך ברוך־השם נפתלי, און צו־ערנסט דאַרפסטו מיך ניט נעמען, אַפילו אַז איך ווער אַ זקן... הלוואי זאָלן מיר טאַקע האָבן אַריכות ימים... — זיין האַרץ ווערט וואַרעמער, בעת ער שטייט לעבן איר. ער וואָלט זי אַרומגענומען און איר געהאַלדזט און געקושט, פּונקט ווי אין די ערשטע יאָרן, ווען זי האָט געבליט ווי אַ רויז, ווען ער האָט זיך געפילט ווי אַ בן־ארבעים... אָבער איצט, אין דעם טאַראַראַם, אין דעם הו־האַ, איז שוין אַזאַ נאַרישקייט ניט שייך. ער פאַרטרויט זיך אָבער פאַר איר, אַז ער האָט גאָר בדעה צו שיקן נאָך זיין זון, פּנחס, ער זאָל אים העלפן צוגרייטן די חתונה. כאָטש ער ווייסט אַז זיין געראָטענער זון איז פאַרנומען אין זיין „אַפּטעקאַרסקי מאַגאַזין". ער האָט זיך אַוודאי שוין אָפּגעוואוינט פון די קליינשטעטלדיקע מידות און מנהגים, „אָבער דו ווייסט דאָך, שרהלע, אַז מיט פּנחסן קען מען זיך האַלטן אַן עצה"... ער חזרט עס איבער, כדי זי זאָל אים תופס זיין אַז ער ווערט טאַקע עלטער, און פריער אָדער שפּעטער וועט פּנחס מוזן וויסן ווי ער האַלט בכלל אין זיינע באַלאַנסן...

שרהלע איז מסכים, זי ווייסט, אַז איר שטיפזון, פּנחס, איז ביי איר ווי אַן אייגן קינד. ער האָט איר שטענדיק אָפּגעגעבן כבוד און זי האָט אים באמת ליב. ער איז אַ יוצא מן הכלל. זי זעט אין אים איר נפתלין מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. מיטן ברייטן קאַרק און פולבלוטיקן היפּשן פּנים, די האָר געדיכט און דין געשוירן ווי ביי אַ קאַצאַפּ; מיט אַ גרויס־שטאָטישן שטעל, אין געפּאַסטע מלבושים... זיינע פּענסנע אויף דער ברייטער נאָז שפּיגלען אָפּ דעם אַריסטאָקראַט. די קינדער שפּיגלען זיך אין אים און שטאָלצירן מיט זייער עלטערן ברודער, וואָס איז כמעט ווי אַ געענדיקטער אַפּטייקער. דאָס איז אין אַ קליין שטעטל שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט...

מיט שרהלעס הסכמה, קומט טאַקע צופאָרן פּנחס לעווינזאָן, ווי אַ פריער מחותן, צו וועלכן די שטאָט האָט אַ באַזונדערע נאָענטקייט. מען קומט אים זען אומגעבעטן. זיינע חברים, די אַמאָליקע, זיינען, אַגב, די פּני פון די יונגעלייט. דער סאַמאָוואַר זידט שטאַרק. עס פעלט, חלילה, ניט קיין כיבוד. ער, דער גאַסט, לעבט אַלעמען אויף, זיינע שיחות חולין זיינען דאָך לעילא ולעילא. די שמחה איז אין אַלע ווינקעלעך. די כלה רויטלט זיך פאַר איר עלטערן ברודער ווען ער נעמט זיי אַרום און לויבט איר ביזן הימל, אַז זי איז באמת אַ קראַסאַוויצע, און דערצו זיינע אַ שוועסטער. די געסט זינגען און ליאַרעמען פאַר פרייד, אַפילו דער זיבעצן יאָריקער בחור, אַברהמל, רויכערט שוין זיין אייגן געשטאָפּט סיגאַרעטל מיט גאווה. ער גיט אָפּ אַ נעם אַרויס זיין זילבערנע „טאַבאַטשניצע", דעם טאַטנס אַ מתנה, פאַר העלפן

אויסמייסטרעווען דעם שׂאָלאָש, גרייט פאַר דער גרויסער חתונה. אגב, קלעפּט ער אויך צו זיין עלטערן ברודער פּנחסן וואָס שטוינט באמת אין זיין אויס־וואַקסן. דער פאָטער זיינער קוקט זיך איבער מיטן זון. זיי פאַרשטייען זיך זיך שוין אויפן וואונק, אַז די וועלט שטייט נישט אויף אַן אָרט. אַ רמז וואָס ר' נפתלי מוז לסוף איבערגיין מיט זיין לעבעדיקער צוואה צום גרויסן געראַטענעם זון. ער רעדט צו אים שטיל און צוריקגעהאַלטן. ער איז מיד, די נאַכט איז געווען אַ טומלדיקע. דער רויך פונם טיטון איז נאָך אין דער לופטן. די דינסטן אַרבעטן און רוימען אין די אַנדערע חדרים. זיי וועען ווי דער עולם און אפילו שׂרהלע מיט די קינדער האָבן זיי געלאָזט אַליין ביים גרויסן טיש. זי האָט אַנגעזאָגט די קינדער למען־השם נישט שטערן דעם טאַטן מיט פּנחסן. הפנים, פילט זי אַז דער שמועס איז גרינטלעך נויטיק. איר נפתלי האָט קוים זיך דערוואַרט ביז דער זון איז געקומען, זי ווייסט אַז ס'איז עפּעס נישט גלאַטיק...

פאָטער און זון שמועסן. בעיקר, לגבי איר, דער יתומה, וועלכע איז, נעבעך, אין דער פרעמד... וואָס טוט מען מיט איר? אָט איז אַ חתונה, אַ סך מחותנים וועלן קומען. אַלע אַריינפאַר־הייזער וועלן זיין פאַרנומען. אויגן און אויערן וועלן געוועלטיקן איבער אונדז. כלי זמר וועלן שפּילן. דער געפּילדער וועט זיין גרויס, אָבער דער שוועסטערס קינד וועט זיין ביי לייבעלען... „קען עס אַזוי אַנגיין, זון מיינער? איך וועל דאָך אייביק נישט לעבן".

דער זון הערט אויס דעם טאַטן, און ער ווייסט שוין, אַז, פריער אָדער שפּעטער, קומט אויף אים אַ היפּשע שטיקל אַרבעט. די ליפּן זיינען אים ווי פאַרמאַכט. ס'איז אַן ענין וואָס מען טאָר נישט אָפּלייגן, טראַכט ער. עס לויפט אים פאַרביי אַ געדאַנק: — „אפשר פאַרט, טאַטע, קענען מיר זי אַהיים נעמען?" — פרעגט פּנחס. — „חנהלע האָט איצט חתונה, זי פאָרט אַוועק מיטן מאַן צו אים אין זיין שטאָט, צו זיין היים מיט פּרנסה, מיט האָפענונגען אויף השי"ת הילף. פאַרוואָס קענען מיר נישט נעמען די אַלטע הינדע־לאה און איר צוזאָגן אַ היים כל־זמן זי וועט לעבן, און זי טאַקע פאַרזאָרגן מיט צוויי חדרים אויפן גאָרן און טאַקע אַוועקשטעלן אויפן באַלקאָן אַ טישל מיט באַקוועמע צוויי שטולן, זיי זאָלן קענען געניסן פון דער זון, און טאַקע קענען דאָ אַרומשפּאַצירן אין הויף־פאַרקאַן, אַן שטערונגען? מען קען דאָ פאַרזייען גראָז, מאַכן אַפילו אַ שטיקל גאָרטן, און אויס דאגות! די קינדער זיינען שוין באַלד אויסגעוואַקסן און וועלן פאַרשטיין, ווען מען וועט זיי דערקלערן, ווי דער אמת איז, אַז ס'איז נישט קיין סוד, אַז ס'איז אַ גאָט זאַך!...

פאַר ר' נפתלין זיינען דעם זונס רייד געווען אַ רפואה. ער האָט זיך בלויז געוואונדערט, ווי אַזוי זיין זון האָט זיך ווי פאַרבונדן מיט זיינע — דעם טאַטנס — שטילע רעיונות? איז עס טאַקע מעגלעך אַזאַ געדאַנקענגאַנג, אַזוי גריילעך ענלעך צווישן טאַטן און זון? ער, נפתלי, האָט זיך נישט געקענט

העלפן און זיך איבערגעגעבן צום זון, ווי אַ פּאַטערלעכע ווידוי, אַז ער האָט אַליין אָפּט אַזוי געטראַכט, נאָר ער האָט עס געשטיקט אין זיך. עס האָט אים געפעלט דער אַנטשלוס. דער טומל און רעש פון חתונה מאַכן, האָט אים עפּעס ווי פּריטשמעליעט: „דאָס זאָג איך דיר, מיין זון, און וואָרן דיך טאַקע צו קומען וואָס אָפּטער זען דעם טאַטן דיינעם, און, אַגב, גיב איך דיר רשות זאָלסט מאַכן דעם מאַרשרוט, אַזוי גיך ווי מעגלעך. מירן זיך טאַקע מאָרגן אי״ה איבערכאַפּן צו לייבלען און זען וואָס די דוואָסי האָט צו זאָגן וועגן דעם פּלאַן... דערווייל איז שפּעט, שוין צייט צו גיין שלאָפן. שרהלע קען אוודאי טראַכטן, מי יודע וואָס מיר זיינען זיך דאָ אַזוי שפּעט פאַרזעסן״. אַגב, האָט פּנחס כלאחר יד ניט מסכים געווען, אַז דער פּלאַן זאָל קלאָר ווערן פאַר אַנדערע ביז נאָך דער חתונה...

אין דער שפּעטער נאַכט האָבן טאַטע און זון ניט געקענט איינשלאָפן. באַזונדערס האָט פּנחס זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אויב זיין פּלאַן איז אַ פּראַקטישער. ער וועט דאָך לכל הדעות ניט זיין דאָ דעם פּלאַן דורכצופירן. ס'איז אַ פּריקרער עסק. אַז שוין איצט וועט אים דער פאָטער איינשפּאַנען אין פאַראַנטוואָרטלעכקייטן וואָס ער דאַרף זיי באמת נישט. ער האָט ברוך־השם אַ היים מיט פּרנסה מיט אַ טייער ווייבל, וואָס האָט געענדיקט אַכט קלאַסן גימנאַזיע, און העלפט אים אָפּט אַרויס אין זיין „אַפּטעקאַרסקי מאַגאַזין״, ניט, חס־ושלום, אויס נויט, נאָר אויס היימלעכקייט. קיין קינדער זיינען דערווייל ניטאָ, און זייער היים איז, מערסטנס, אַ בייגאַכטיק לעבן, מיט אַ סך גוטע פריינט, וואָס קומען אָפּט צו גאַסט. און דאָ קומט דער טאַטע זיינער מיטן אַמאָל, און ער מוז טאָן אַ סך זאַכן ניט ווילנדיק...

דאָך האָט עס אים געפרייט, וואָס ער איז פאָרט דער בכור, דער קאָפּ פון די לעווינזאָנס. ער האָט דעם סימן פון די שלום־עליכמס וואָס ער האָט פון די שטאָט מענטשן, פון זיינע אַלטע יוגנט־חברים, וואָס האָבן זיך גערויטלט פאַר אים...

דאָס בית־המדרש איז געווען געפּאַקט ביי מנחה און מעריב. אידן, אָרעם און רייך, האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן צום גאַסט מיט זיין כוח הדיבור, מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען. אַלע האָבן צוגעגעבן, אַז פּנחס איז שטענדיק געווען אַ פאַרשוין. זיין לערנען, זיין שרייבן, זיינע שיחות־חולין האָבן יעדן ווי באַצויבערט. ער איז, הייסט עס, געווען איינער פון דער „טראַיקע״ אין שטעטל. דריי משכילים האָבן זיך אַרויסגערוקט פון ענגן בית־המדרש: פּיניע, זוסיע און שלום. ניט בלויז זיינען זיי געווען ענלעך אין לומדות, נאָר בעיקר אין גוף. אַלע דריי — אויסגעקעכלטע, ווי מן השמים. היינט איז איינער אין אַמעריקע, אַ צווייטער האָט געמאַכט אַ פּענסיאָן און געקנעלט ווי אַ מלמד, און דער דריטער שלאָגט אייזן. האָט אַ „זשעלעזנע מאַגאַזין״, און האָט פּרנסה.

יאָ, אידן מאַכן דאָ דעם סך־הכל אין בית־המדרש לגבי די דריי. מען צילעט זיי אויף ווי אויף אַ ווענטקע. היסטאַריש שווימען אַרויף אַ סך פּנחסעס און שלומס און זיסיעס. דאָס געשעט בלויז ווען אַ גאַסט, אַ בן עיר, קומט פון מרחקים. אַפילו דעם רבס שטוב ווערט לעבעדיקער, ווען אַזעלכע געסט קומען. אַ קלייניקייט, צו זיין דער גאַסט פון דעם גאון און גרויסן רב, ר׳ ישראל קיטאָווער, וואָס איז אויך דער גרויסער מחבר. די יונגע רביצין פלעגט דאַן צוגרייטן כיבוד. זי איז דאָך געווען דעם רבינס צווייטע פרוי, די אשת חיל וואָס האָט געזאָלט געבן דעם רב, דעם בן ששים, גליקזעליקייט. די שטאָט־אידן האָבן זיך געשפּיגלט אין איר לויטער פּנים און בנעימותע רייד. אויך איז זי געווען גרויסשטאָטיש, און געשטאַמט פון אַ חסידישער משפּחה. דעם רבס גאונות און פּאַטריאַרכאַליש אויסזען האָט איר פאַרכאַפּט בעת זי האָט אים באַגעגנט:

שטאָט האָט אויפגעלויכטן, דעם רבס שטוב האָט צוגעצויגן יונג און אַלט. געווינלעך, מען האָט געדאַרפט זיין אַ בעל זוכה צו זיין דעם רבס גאַסט, מיר, די יונגוואַרג, האָבן זיך אָבער ניט געשראָקן און אויך פאַרנומען דעם אויבנאָן. מיר האָבן אַפילו יענעם געשטערט... עס פאַרשטייט זיך, אַז אויך פיניע לעווינזאָן האָט ניט פאַרפעלט צו זיין דער גאַסט ביים גרויסן רב, וואו די משכילים האָבן זיך באַגעגנט לכבוד דעם גאַסט. דער גאונישער רב האָט דאַן ליב געהאַט צו הערן איינגערס פאַר זיך. ער פלעגט אין אַזאַ יום־טוב זיצן ביים גרויסן טיש און זיך צוהערן מיט גרויס הנאה צו וועלטלעכע ענינים. פון צייט צו צייט פלעגט ער עפּעס צוגעבן, און קלאָר מאַכן. זיין שטעלונג בנוגע „צאַר ניקאָלאַיי" מיט זיינע יועצים, הגם ס׳איז געווען געוואָגט, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז פאַרן אידישן פאָלק וועלן די רעוואָלוציאָנערע מעטאָדן ניט ברענגען קיין נחת לכל הדעות...

אַוודאי האָבן די עלטערע אידן מסכים געווען. ס׳איז געווען טשיקאַווע ווי אַזוי ר׳ נפתלי פּתח׳הס פלעגט דעם רב „דוצן", זיי זיינען דאָך געווען אין די זעלבע יאָרן. פאַר דער יונגוואַרג האָט עס געקלונגען מאָדנע, ווען איינער האָט דעם גריזיז־גרויען, שוין וויים־באָרדיקן רב געזאָגט „דו"!...

יעדער האָט די געציילטע אידן מקנא געווען, וואָס זיי זיינען די בעלי־זכיה צו זיין מיטן רב אויף „דו"... אַ סברא, אַז די נייע רביצין האָט די עטלעכע אידן אַריינגענומען אין איר יחוס, און גאָר אָפּט זיך מיט זיי אַן עצה געהאַלטן, און זיך פאַרענטפערט, וואָס איר איז שווער זיך בכלל צוצופּאַסן צום שטייגער לעבן פון אַ רב אין אַ קליין שטעטל... ממש כקריעת ים סוף!... און ניט אומזיסט פלעגט מען זאָגן, אַז זי איז זייער צונויפגעקניפּט מיט שרהלע נפתליס — זיי זיינען דאָך געווען שכנות... ביידע האָבן זיך אויסגערעדט די הערצער. ביידע האָבן זיי געהאַט בעלי יחוסדיקע מענער, מיט שטיפקינדער, וואָס זיינען שוין גאַרניט געווען קיין שיפע זיבעלעך... און דאָך איז זיך ס׳לעבן אָנגעגאַנגען: ביידע שכנישע שטיבער אויף פאַרשיי־

דענע אופנים — דאָ האָט זיך דעם רב געבויערט דעם קאָפּ ווי אַזוי כשר מאַכן אַ שאלה וואָס איז טריף, ווייל דאָס עוף איז אַן אָרעמאַנס, און דער שבת וועט אים פאַרשטערט ווערן, און דאָרט האָט ר׳ נפתלין געבויערט דער קאָפּ, ווי אַזוי איינצומאָנען די חובות ביי די יורדים?...

אָבער די „היסטאָרישע״ טעג האָבן זיך עפּעס ווי אָפּגערוקט פאַר דער צייט. אידן סוחרים האָבן זיך אויפגעהערט צו לאָדן ווי אַמאָל. דאָס אידישע בית־דין האָט פאַרלוירן דעם שפּיגל. זעלטן ווען מ׳האָט זיך געקאָכט איבער עפּעס אַ וויכטיקע בוררות, איבער אַ וויכטיקן פלאַנטער. דערפאַר פלעגן אָבער אמתע אידן קומען צום רב זיך דורכריידן אין דער שטיל, פרעגן אַן עצה וואָס איז געווען וויכטיק. אפילו ר׳ נפתלי וואָס האָט אַן אַנגעשטעלטן אַדוואָקאַט אין פּראָסקוראָוו, און צאָלט אים יערלעך פאַר זיין זיינער אַ בעל־יועץ, האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט בשתיקה צום גרויסן רב זיך דורכצושמועסן וועגן זיין צער, דער יתומה...

אגב, איז נאָך אַ סוד, אַז אויך שרהלע האָט זיך דורכגערעדט מיט דער רביצין וועגן איר אייגענעם פלאַנטער. די רביצין האָט שוין תופס געווען ביים אַריינקומען פון ר׳ נפתלין מיט זיין שטילן „גוט מאָרגן״, אַז זי דאַרף זיי לאָזן אַליין: „איך מעג איך ביידן געטרויען״, האָט זיך די באַשיידענע צירל, די רביצין, ווי פאַרענטפערט וואָס זי מוז זיך דורכגיין אין מאַרק אַריין. זיי זיינען געבליבן אַליין. דער בעל־דבר איז ר׳ נפתלי. ער רעדט שטיל און סוחריש, מעשה גביר, אויף „דו״...

— דו ווייסט, ישראל, אַז מיר זיינען ברוך־השם אין די אייגענע יאָרן. דו ביסט אַ בעל זוכה, ביסט אַ רב, האָסט ניט קיין עסקים מיט געשעפט, מיט פאַרשיידענע מינים ברואים, וואָס האַלטן דיך פאַר אַ גביר, און בלויז אַ „צונעמער״, כאָטש, אין אמתן, ווייסט איך גאָט, ווי זוויט מיין אומשטיינס־געזאָגט עשירות וועט מיך פירן. דאָס איז אַוודאי השי״ת עסק. ער וועט אַוודאי אויסמשפטן ווען די צייט וועט קומען... אָבער כל זמן מען לעבט, איז דאָ אַ צייט ווען מען דאַרף זיך ראָטן מיט אַ גוטן פריינט. דו ביסט דאָך, ברוך־השם, אַ בן תורה. דו ווייסט מיין בראָך, וואָס דריקט מיך און שטיקט מיך שוין אַ יאָר פינף און צוואַנציק. איך מאַך איצט חתונה חנהלען, מיין ערשט קינד מיט שרהן. איך פיל זיך עפּעס ניט בכוח, מי יודע, וואָס די צייט וועט ברענגען? מיין פּנחס איז, ווי דו ווייסט, געקומען מיט אַ וואָך פריער פאַר דער חתונה. איך האָב אים גערופן. אים אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז ניט קיין תכלית צו האַלטן אייגן בלוט אין דער פרעמד. מילא, ביז איך לעב נאָך, פאַרלאַטע איך יעדן ריס. אָבער נאָך מיר? מי יודע?! זי איז דאָרט ביי לייבעלע וואַלגערעטש. מען זאָגט מיר, אַז זי ציטערט פאַר זיין דעך, אַז זי ווערט ניט בעסער. אפשר איז פאַרט אַ פּלאַן זי אַהיים צו נעמען? די קינדער זיינען דאָך שוין גרעסער. עס שטייען דאָך דריי דירות ליידיק, אַזאַ גרויסער באַלקאָן פוסטעוועט ביי מיר...

פאַרן רב צו הערן אַזעלכע דבורים פון ר׳ נפתלין איז געווען ממש אַ פריידע, ווי ער וואָלט אויפגעלויכטן. ער האָט דערזען אין דעם נפתלין אַ גרויסן בעל־תשובה, — הגם, דער רב האָט אויף אים גאָר געפונען אַ זכות. דאָס איז ניט געווען סתם אַ נסיון. ער געדענקט נאָך יענע צייט ווען דער אייגענער נפתלי איז געקומען צולויפן מיט זיין שרהלען, באַלד נאָך זייער חתונה, און האָבן מוראדיק געקלאָגט אויף זייער בראָך מיט דער אומגליק־לעכער יתומה. אויך דאַן האָט ער זיך ניט געקענט קיין עצה געבן. ס׳איז ניט געווען גרינג צו זאָגן בלשון גזר, אַז דו, נפתלי, מוזסט דיין שוועסטערס קינד האַלטן ביי זיך! גזירה — איז ניט על פי תורה. און איצט, זאָגט די השגחה אירס... און דער רב איז געוויס מסכים, אַז אַזוי דאַרף זיין. באַטיר־לעך, ס׳איז ניט אַזוי גרינג. דאָ האָט מען דאָך צו טאָן מיט לייבעלע טרעגער און זיין דוואָסיען, וואָס קענען אפשר קומען מיט אַ „ויצעקו״, מיט אַ דין תורה, אַז ס׳שטומע קינד איז איצט אַ טייל פון זיי. דאָס זיינען ניט קיין סברות. אַזאַ קלאַנג גייט שוין אַן אין שטאָט מקדמונים. אָבער דער קלאַנג פאַרלירט זיך און בלייבט אַן אומבאַגרינדעטע רכילות אַרום לייבעלע טרעגער, וואָס האָט אומזיסטע שונאים און פאַרגינען אים ניט זיין כלומרשט „גרינג קערבל״, וואָס ער באַקומט פון ר׳ נפתלין...

ווען ר׳ נפתלי האָט פאַרלאָזט דעם רבס שטוב, איז שוין קלאָר געווען באַשטימט צווישןביידן, אַז ער מוז קודם חתונה מאַכן. זאָל דער טומל פאַראיבער מיט דער גרויסער שמחה, ס׳איבעריקע וועט מען שוין ווי עס איז, בעזרת השם, דורכפירן בשלימות...

בלויז די עטלעכע נאָענטע יחידים האָבן געוואוסט פונעם פּלאַן — שפּע־טער אַהיים צו נעמען די שטומע יתומה. און פונקט אין יענעם שבת קודש האָט זיך דער פאַרשפּיל פון דער שמחה ענדלעך אָנגעהויבן. די כלה האָט זיך גאַרניט געריכט, אַז אירע חברטעס אין שטאָט פּלאַנעווען אַ פריילעכע וואָך. מען ברענגט איר מתנות. מען באַגעגנט זיך מיט יואל דעם בלינדן, דעם אַרטיסט־מוזיקאַנט, וואָס האָט ביי שטאָטישע שמחות באַצויבערט די געסט מיט זיין שפּילן אויף אַ פּשוט קלעצעלע פון פאַדעם, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיל־אינסטרומענט. זיינע קאַדרילן און מאַרשן, מיט די פאָלקע־מאַזורקעס, האָבן געהאַט אַ שם אַפילו ביי פריצים. ווען ער האָט געשפּילט ביחידות אויף זייערע בעלער... היינט, ווער שמועסט פון זיין שפּילן ביי אידן אויף חתונות? ער, יואל, איז דאָך געווען דער שטאָלץ פון שטאָט! און ווען ער האָט געהערט אַז מען רופט אים צו חנהלעס פאַרשפּיל, האָט ער מיט פאַרגעניגן אָנגענומען.

און אַ פריילעכע חתונה־וואָך האָט זיך אָנגעהויבן אין שטאָט. נאַכט נאָך נאַכט האָט יונגוואַרג געטאַנצט. די אַריינפאַר הייזער אַנטקעגן בייעם שאָסיי האָבן גערן געעפנט די טירן פאַר דער יונגוואַרג, וואָס האָבן זיך געפלייסט צו מאַכן אַ רושם מיט זייער האַרציקער חברשאַפט צו חנהלע

נפתליס, וואָס וועט באַלד זיך אָפּגעזעגענען מיט דער שטאָט. ווי אַ ווינט וועט זי פֿאַרשווינדן, און ס׳וועט ניט זיין מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן! עס וועלן בלויז זיין די דריי יונגע בחורימלעך וואָס הויבן שוין אָן צו שפּילן אַ ראָליע אַלס גבירישע קינדער. בעיקר, איז אברהמל, דער ראש המדברים: „איך זאָג! איך הייס! איך פֿאַרשטיי!״ יונגוואָרג איז ווייט ניט מסכים מיט זיין שטעל. זיי געפֿעלט ניט וואָס ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן „גדולדיק״! אָבער זיך פֿאַרקריגן מיט אים וויל מען נישט פֿאַר זיין שוועסטערס חתונה. קינד און קייט ווייסט שוין, אַז די שטאָט גייט כאַדאַראַם מיט די הכנות פֿאַר דער שמחה. דער שאַלאַש איז איינע פֿון די אַטראַקציעס, וואָס „שרייבט היסטאָריע״... די שמשים און כלי קודש זיינען פֿאַרשמייעט. מען לויפֿט אַרום אין די גרויסע בלאָטעס מיט די בילעטן. טיר און טויער עפֿענען זיך פֿאַר זיי. מען וויל זיין די מחותנים ביי אַזאַ גבירישער חתונה. אָרעמע לייט שאַרפֿן זיך די ציין מיט דעם אָרעם־מאָלצייט, וואָס מען גרייט צו — וואָרן ס׳איז אַ סברא אַז מען וועט צעטיילן שיינע עטלעכע קערבלעך צו די שטאָט אביונים. אויף דעם וועט שוין זאָרגן שבתי לייציס, דער גבאי פֿון בית־המדרש. ער וועט מאַכן די חלוקה...

באַזונדערס אָמפּערן זיך איצט לייבעלע טרעגער מיט זיין דוואָסיען. זיי זיינען עפּעס געוואָרן יחוסדיק, ווען פּיניע מיט ר׳ נפתלין זיינען געווען ביי זיי צוגאַסט, און געזען די שטומע, ווי זיי האָבן זי, אַ דאַנקען גאָט, אויס־געקעכלט. יאָ, זי טוט זיך, אַגב, שוין אַליין אָן. זי האָט דאָך ביז אַ צייט אַפֿילו זיך ניט געקענט אָנטאָן ווי געהעריק. זיי האָבן איר געבראַכט אַ ביסל מלבושים, און פּיניע האָט דוואָסיען, פֿאַרן אַהיים־גיין, איינגערוקט אַ צענערל אין האַנט אַ מתנה. דאָס איז נישט ס׳ערשטע מאָל וואָס פּיניע פֿאַרגעסט ניט אין איר. אַזעלכע מענטשן געפֿינט מען דאָך ניט אויף אַ האַלבער וועלט — טענהט דוואָסיע צו אירע חברטעס, בעת זי גייט איינקויפֿן. זי וואוינט דאָך אַרויס דער שטאָט, ממש צווישן גויים. ווען זי כאַפּט זיך אַרויס אין מאַרק אַריין צווישן די ייצערקעס, ווערט זי לעבעדיקער. זי עפּנט אויף איר האַרץ פֿאַר יעדן וואָס שטעלט אָן אַן אויער, ביז לייבעלע לויפֿט אָן און כאַפּט אויס אירע פּעקלעך און רופֿט זי אַהיים: „גענוג גערעדט, דוואָסיע, — היידאַ, אַהיים קום! האָסט זי דאָרטן געלאָזט אויף הפקר!״ שטאָט ווייסט עס, און האָט שוין עפּעס אַ באַזונדערן דרך־ארץ פֿאַר לייבעלען, וואָס וואַקסט אין דער ברייט זינט ער איז געוואָרן אַ „טאַטע״ פֿון אַ גביריש קינד. ער טראָגט די זעק, טראָגט די מיטות להבדיל, ער איז אַ גליד פֿון דער „חברה נושאי המיטה״, ער איז שטעפּסל פֿאַרשטשיקס „רעכטע האַנט״ אין עפּעס אַ מחלוקת, אָדער אַן ענין, איבער אַ שונא ישראל!...

מן הצד שמועסט מען, אַז ביי חנהלעס חתונה וואָלט לייבעלע געדאַרפֿט זיין אַ מחותן. ער האָט דאָך אַזאַ גרויסע שייכות מיט די לעווינזאָנס... אגב, זיינען דאָ חלוקי דעות. „שטותים״ — טענהן סענדער מיט שימעלע

בעל־עגלה. זיי ווייזן אָן, אַז ער איז פון די קליינע מיוחסים, אַז ער מאַכט אַ קערבל אין דעם מסחר... — „וואָסער מסחר, ווער מסחר?״ — שטעלן זיך אַנטקעגן די צוויי וואַסער־פירערס פון שטאָט, ר׳ צאַלקע און שמואליק, ביי זיי איז גאָר לייב שיר ניט אַ „למד וואָווניק״, ווען ער האָט זיך אונטער־געגנומען אַזאַ שטיק אַרבעט, צו האָבן צער פון יענעמס אַ קינד אַ לעבנלאַנג! עס געפינען זיך אויך שונאים וואָס פאַרגינען אים ניט דאָס גרויסע עשירות וואָס ער מאַכט אין דעם עסק. עס געפינען זיך שוין אַנדערע בעלנים אויף דער אומגליקלעכער יתומה... מען פאַרגעסט אָבער אַ ווײַלע אין איר, און מ׳וועט צוקוקן פאַרטיקערהייט, וואָס דאָ וועט זיך אָפּטאָן נאָך דער חתונה. עפּעס הערט מען, אַז ר׳ נפתלי באַקלאָגט זיך פאַר שמעון רופא, אַז ער קריגט געפערלעכע האַרץ־ברענונג, אַז ער קען שוין ניט גיין אויפן באַלקאָן, אַז אים איז שוין שווער צו גיין אין מרחץ אַריין, אַז ער בעט ביי השי״ת, ער זאָל בשלום איבערקומען די חתונה...

שמעון רופא שוויגט. ער גיט בלויז רפואות צו חולאים. ס׳איז ניט קיינעמס עסק וואָס ער ווייסט וועגן חולה. ס׳איז ביי אים אַ פאַרשלאָסענער ענין. אַ דאָקטאָר האָט זיך זיינע סודות... זיינע מנהגים... דערווייל שמט די שטאָט מיט ר׳ נפתליס נייע מלבושים, וואָס ער האָט זיך געלאָזט מאַכן פאַר זיין טאָכטערס חתונה. מען סברהט, אַז ער האָט נאָך פולע קאָסטנס מיט שניט־צייג פאַר נאָך מלבושים. דאָס האַלט אויך ישראל שניידער בסוד. ס׳איז קיינעמס עסק נישט וואָס ביי יענעם טוט זיך, און אויב די חברה געזעלן זיינען עובר אויף ר׳ ישראלס מנהג, איז ער זיי משלח. ער פאַרגיט זיי אַלץ, אָבער פליאַטקע־מאַכער, דאַרף ער נישט. ס׳איז אַ חוק ולא יעבור!...

אַלץ איז צוגעגאַנגען כשורה מיט די חתונה הכנות. די זון האָט זיך אַרויסגערוקט פון די וואָלקנס. ס׳איז שוין געווען אָסיען. די בלעטער האָבן זיך הערמעסווייז געלאָזט פאַרבלאָזן מיטן ווינט. מען האָט שבת געלייענט פרשה חיי שרה, — אַלץ אין שטאָט האָט זיך געפילט חשוונדיק. די רעגנס האָבן זיך געשטעלט אַנטקעגן די ווינטן, אָבער יענע וואָך האָט זיך די זון באַוויזן. „אַ מזלדיקע כלה״ — האָט מען געשמועסט. מ׳האָט זי געפירט אין מקוה אַריין. און שבת, גאַנץ פרי, האָבן זיך די „נשים״ פאַרזאַמלט ווי אמתע מחותנים, צו פירן די כלה אין שול אַריין. אַלץ האָט געבלאַנקט פון ריינקייט אין די צוויי בתי־מדרשים — אין בית־המדרש פונקט ווי אין שול. דער חזן ר׳ דוד האָט זיך אַ גאַנצע וואָך געהיט, אַז זיין „כלי״ זאָל חס־ושלום ניט קאַליע ווערן. אברהם־יעקב, דער בעל מוסף פון בית המדרש, האָט די גאַנצע וואָך געהאַלטן אין איין שלאָפן. „אויפן זייגער״ פלעגט ער זיך צולייגן נאָך יעדן אָנבייסן — כאַפּן אַ דרימל.

דער בעל קורא פון בית־המדרש האָט זיך געהאַלטן אין איין טובלען און זיך געזוען מיטן בעדער. ער זאָל למעה״ש מאַכן ס׳מרחץ אין צייט יענעם

פרייטיק. די אַריינפֿאַר־הייזער האָבן געריייניקט און געוואַשן די גרויסע ליילעכער פֿאַר די מחותנים און געסט. די כלי־זמר האָבן זיך אַריינגעיאָגט מיט זייער קאַפּעליע, פּונקט אינמיטן דינסטיק, און אויפֿגעשטורעמט דעם מאַרק מיט זייער קראַכנדיקער בריטשקע. שטאָט האָט זיך אָנגעזאָגט די בשורה אַז די כלי־זמרים זיינען שוין דאָ. עס דאַרפֿן נאָך אָנקומען ניסיע־בּרחן פֿון יאַרמעליניץ מיט דער איבעריקער חברה כלי־זמר. מען ווייסט שוין, אַז ניסיע קומט פֿון דער גרויסער חתונה ביים יאַרמעליניצער קאַזיאָנער ראַבינער. דאָרטן האָט ער אויסגעגעבן די מוזינקע. שטאָט טראַכט אויס פֿאַרשיידענע מעשיות בנוגע דער היסטאָריע פֿון דער „צוועלפֿער" קאַפּעליע, וואָס איז איצט פֿאַרפֿאַרן צו יודל נעכעס אַריינפֿאַרהויז. דאָרטן איז עס שוין אַ חזקה — אַהין קומט אַריין יואל דער בלינדער אָפּגעבן שלום דער קאַפּעליע. זיי האָבן פֿאַר אים אַ גוואַלדיקן דרך־ארץ. אָן יואלס מבינות זיינען זיי קיין כלי־זמר ניט. זיי קלאַפּן אים אין די פּלייצעס: „ביסט אַ מאַלאַדיעץ, יואל, דו ראַטעווועסט אונדז אַרויס פֿון פֿאַלשע טענער". אוודאי מאַכט מען פּראָבע ווען יואל איז דאָ. מען פֿאַרמאַכט די פֿענצטער. מען לאָזט אַראָפּ די פֿאַרהענגלעך, און ס'שפּיל פֿון די כלי־זמרים דערהערט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט. ווער האָט דאָן עפּעס אַנדערש אין זינען אחוץ די כלי־זמר?...

ביי דער כלה מיט די מחותנים און ביי טאַטע־מאַמע צאַפּלען די הערצער. באַלד, היינט־מאָרגן איז די חתונה. דער גליקלעכער דאַנערשטיק קומט. מחותנים קומען שוין אָן. שמשים לויפֿן אַהין און צוריק צו די אַריינפֿאַר־הייזער און גיבן איבער, „ווער איז ווער"? פּיניע, דער עלטסטער זון, פֿאַר־שרייבט און מאַכט דעם סך הכל פֿון די געסט. ר' נפתלי איז איצט מיט שרהלען אין „ספּאַלניע" פֿון צווייטן גאָרן, מיט זייער חנהלען — די כלה. זי איז, שמועסט מען, קאַפּריזנע און נערוועז. זי שרעקט זיך עפּעס, מי יודע, פֿאַר וואָס. עס דוכט זיך איר, אַז אַלץ גייט ניט צו גלאַטיק. אָבער שרהלע, די מאַמע רעדט מיט איר איבער אַלץ וואָס זי דאַרף וויסן. זי, חנהלע, איז דאָך שוין דעם צווייטן טאָג אויפֿן „באַלקאָן". אַזאַ נאָמען האָט דאָס מאָדערנע דריי־חדרימדיק שטיבל. די טרעפּ זיינען ממש ניט איבערצוציילן, אַזוי הויך איז דער בנין, ממש — דריי גאָרנדיק. דאָרטן איז אין די חדרים יום־טובדיק. פּראָדל, די דינסט, מיט וואַרוואַשקין, די וועשין, האָבן שוין געזאָרגט פֿאַר דעם, אַז די בעטן מיט די שטולן און די בילדער אויף די ווענט זאָלן זיין ריין און בליאַסקענדיק. דאָרטן נעכטיקן איצט פּיניעס ווייב מיט נאָך אַ יונגער שוועגערין, וואָס האָפֿט צו מאַכן אַ רושם אין שטאָט מיט איר גרויסן פֿאַרנעם. אגב, איז זי טאַקע, ווי מען שמועסט, אַ קראַסאַוויצע, און די כלה איז אין גוטע הענט...

ס'איז שוין דער לעצטער טאָג. די כלה פֿאַרפֿאַסט איצט. מאָרגן וועט זי, נעבעך, מוזן הונגערן. שטייט די מאַמע שרהלע און רעדט איר אויס דאָס האַרץ, הייסט איר זיין פֿריילעך. זי גיט איר אַלץ איבער ווי אַזוי עס גייט צו און

זאָגט איר אָן אַ שטילן סוד, אַז מאָרגן, איה״ש, דאַרף זי זיין ריין פון זינד, ריין פון אַלץ, זי זאָל זיין מירטשעשעם גרייט... חנהלע ווייסט שוין דער מאַמעס כוונה און רויטלט זיך.

דער געשמאַקער גערוך פון די פאַרשיידענע געבעקסן רייצט די נאָזלעכער און צעגייט זיך אַזש איבערן גאַנצן מאַרק. עס רינט ממש די סלינע ביי יעדן פון די רייצנדיקע אַפּעטיטן. עס קאָכן זיך גאַנצע טעפּ מיט הירזש פאַרן האָניק־מאַלצייט. עס בראָטן זיך אַפילו עטלעכע גענדז פאַר אַ טייל געסט פון מרחקים... די גבירישע הויז איז איצט אָן אָפּענע. די טישן זיינען אָפּן. שמשים לויפן אַריין און אַרויס, ווי זיי וואָלטן געווען די בעל־הבתים. קיינער קען עוזר־הערשל שמש ניט אָפּשטעלן. „ער גייט מיט אַ פּעקל אוודאי אַהין״, שושקען זיך די שכנים. זיי ווייסן שוין אויף זיכער, אַז אינם פּעקל ליגט אוודאי אַ האַלבע גאַנדז, אָדער אַ געבראָטענע קאַטשקע. דאָס איז אוודאי פאַר איר — דער יתומה. געוויס וועט זיך לייבעלע „פּאָזשיווען״ — ער איז דאָך אויך אַ מחותן, אָן בויך־וויטאַק. ווען זיי, די שכנים, דערזעען עוזר־הערשל שמש לויפן צוריק מיט פאַרקאַטשעטע פּאָלעס אויפן גאַרטל אָן דעם פּעקל, ווייסן זיי, אַז אַט דאָס איז עס, אַז די סעודה גייט שוין אָן (אין דער סוכה פון ר׳ נפתליס גבירישער הויז)... מען ווייסט שוין, אַז דאָרטן געפינען זיך ביים טיש מעכל שוסטער מיט פייגע־ריסען: ביידע זיצן זיי אויבנאָן אין דער סוכה, וואו עס שטייט געגרייט אַ גרויסער פּירעקיקער טיש מיט כל טוב. די מאכלים שמעקן. דער לחיים, וואָס גייט איצט אָן צווישן די אביונים מיט ר׳ נפתלין און די שמשים, איז אַ האַרציקער. מערסטע זיינען די אָרעמע אידן פון דער „חברה נושאי המיטה״ — יענקיל באַנדער מיט זיין ריוועלען זיינען אָנגעטאָן ווי אמתע מחותנים — יום טובדיק. אחוץ זאַוועלע בעל־עגלה, וואָס ער איז שוין אַ צייט אָן אַ וויב — ניט פאַר קיין אידן געדאַכט. זי, זיין מירל, איז, נעבעך, פאַרטשאַדעט געוואָרן אין איינער אַ נאַכט, נאָך ברויט באַקן, און — אויס!... דער רופא האָט גאַרנישט געקענט טאָן. זי איז געגאַנגען אַ גאַנג!...

ווען זאַוול, מיט זיין הולך, טרינקט לחיים, ענטפערט מען אים עפּעס שטיל מיט אַ שאָקל מיט אַ „בע־מע״, ווי זיי וואָלטן אים שוין געהאַלטן פאַר אַ יורד. באשר בכן, ער האָט פאַרקויפט זיין געשפאַן, באשר ער איז אַליין אָן אַ קינד, אָן אַ רינד. אַ ברירה האָט ער? ער קען זיך, אגב, צו מיכעלע שוסטער ניט גלייכן. ער איז דאָך עפּעס ר׳ נפתליס שטיוול־פּוצער... קיין ניי שטיקל אַרבעט קען ער ניט מאַכן. ער לאַטעט און לאַטעט, און איז אָן עני ואביון, באשר ער האָט אַ נאָמען, ער באַרייסט נישט. די לאַטקעלעך זיינע לעבן איבער די שטיוול. אָבער פּרנסה? אַ פייג!... דער איינציקער איז טאַקע ר׳ נפתלי, וואָס שאַרט אים צו אַמאָל אַ קערבל, שענקט אים די אַלטע קאַמאַשן, און האָט אים געגעבן די חזקה צו בלייבן זיין שוסטער, כל זמן ער וועט לעבן... און אפשר איז עס גאָר צוליב פייגע־ריסעס ברויט־

באַקן? זי כאַפּט זיך אַפּט אַריין צו שרהלען און באַקט איר אָפּ אַ געבעקס ברויט, וואָס פּעכלט אַרויס פון דעם אויוון. זי האָט מזל צו שרהלען. זי גייט שוין ליידיק ניט אַהיים... דאָס אייגענע מיט יאַנקל באַנדער מיט זיין ריוועלען, וואָס האַלט זיך פאַר אַ חכמה אין שטאָט. וואָס איז? זי קען, שמועסט מען, אַ שייטל „עברי" — און ווייסט אַפילו אַ סך פּינטעלעך אין דיני „נשים"... די ווייבער בטלען אויס חלומות. זיי ווייסן גאַרנישט אַז יאַנקעלע באַנדער זאָל גאָר האָבן אַזאַ מזל דווקא צו האָבן אַ ווייב אַ ווייסערקע. זי איז, שמועסט מען, שרהלעס שמשטע, דאָרטן וואו מען דאַרף. מחותנגעשאַפּט צו נפתלי פּתחיהס. אַזוי, מיט די איבעריקע. מען דאַרף זיי... על כן, איז צווישן יאַנקעלעס באַנדעריי און ריוועלעס חכמה דאָ אַ שטיק סוד גאָר ניט אויסצורעכענען... אָרעמע לייט זיינען שטענדיק ווי יורדים. מען זיצט און מען עסט געשמאַק די שטיקער עוף, וואָס זיינען אַ שם דבר. יונגוואַרג וואָס שטייען אין דרויסן כאַפּן זיך אַריין און מען „לטחנט" אַוועק אַ פּאַלקע, אַ פּאָר העלדזלעך. עס טוט זיך דאָן חושך. די שמשים לויפן זיי נאָך, מען וויל זיי עוקר מן השורש זיין. נאָר זיי לאָזן זיך ניט כאַפּן. די טירן קען מען לעת עתה ניט פאַרמאַכן. די היץ אין דער גרויסער קיך איז מוראַדיק. די קעכינס מיט די סאַרוועריגס שוויצן ווי די ביבערס. מען כאַפּט, פונדעסטוועגן, אַ ביס, אַ נאַש, אַ לעק. — דער טומל איז גרויס. די צייט שטייט נישט. ר' נפתלי האָט שוין אַריינגעשטופּט פּופּצן פּיזיטלעך צום גבאי־שני פון בית־המדרש. ער, נפתלי, געפינט זיך איצט טאַקע ביים אָרעם־מאַלצייט. ר' נפתלי האָט ניט ליב צו זיין אַליין... ער, דער גבאי שני, ווייסט שוין וואו די עטלעכע קערבלעך אַהינצוטאָן. ער, דער גבאי, איז אַ פלינקער רויטער איד. ס'איז אים שווער צו דערכאַפּן ווען ער גיט אין דער יד אַריין... אַ דריטן רופט ער גאָר אַוועק פאַר אַ סוד, כלומרשט מיט אַ פרעג טאָן פאַרוואָס ער האָט צו אים טענות איבער דעם וואָס ער גיט אים ניט קיין עליה... און אויב אים געלינגט ניט מיט די מאַנסבילן, טרעט ער צו אויף יענער זייט צו די נשים, וואָס פאַרשטייען אַן עסק. און טאָמער כאַפּט אימיצער אַ קוק ווי דער גבאי שני איז זיך נוהג און האָט אַ קריוודע, ווייסט ער אויך וואָס ער האָט צו טאָן. עס פעלן ניט קיין קריוודעס, נאָר סע גייט אָפּ גלאַטיק. טייל ווערן בגילופנדיק, אָבער די שמשים האַלטן אָן אויג, סיידן איינער כאַפּט זיך זינגען אַ זמרל, בעיקר — מעכל שוסטער דער מנגן. ביי אים גייט עס מיטן קנאַק, ער גייט נאָך איבער ניסיע־בדחן ווען ער איז ביי אַ לחיים...

איז אָבער שלעכט וואָס די צייט שטייט ניט. דער זייגער וויזט צוויי. מען מוז „קאַנטשען" דעם מאַלצייט. די שטאָט־שמשים זיינען בייז. ס'איז זיי אונטערגעגאַנגען אַ שיף. זיי האָבן זיך גאַרנישט געריכט, אַז חתנס צד וועט ברענגען פון זייער שטאָט אַלע דריי שמשים, גאַנצע קנאַקערס. מען יחוסט זיך, מען איז גרויסשטאָטיש, זיי זאָגן דעות און שפּילן די אמתע

„קאָרט". אָבער שמואל־אהרן שמש לאָזט זיך ניט שפּייען אין קאַשע. ער איז פלינקער פאַר זיי. זיין שוואַרצע געקרייזלטע באָרד און פייערדיקע אויגן, וואַרפן אויף זיי אַ פּחד. זיי, די שמשים, האַלטן זיך מן הצד אַן עצה. „דער שוואַרצבאָרדיקער איד איז עפּעס ניט קיין צווויי פאַר אַ דרייער", — ווינקט אַן איינער פון דעם חתנס שמשים, וואָס האָט אַ זיידענעם אויסזען — ממש „כולו אַטלעס"... זיין רויטלעך בערדל און שטייף ווייס העמד מיט מאַנזשעטן און זיידענע זשיפּעצע, מיט וואַרשעווער קאַמאַשן, וואָס גלאַנצן אַזוועק, מאַכן אים אויסקוקן גרויסשטאָטיש און „גדולדיק". אָבער ניט ביי שמואל־אהרן דעם שמש. שמואל־אהרנס זכרון, זיין לערנען אַ בלאַט גמרא און קענען משיג זיין אַן ענין, מאַכן אים אויף אַ מדרגה העכער ווי די געוויינלעכע אַנדערע שטאָט־שמשים, וואָס מיט זיי קען מען זיך שאַפן, — מיט זיי קען מען האָבן ס׳געשאַר, אָבער ניט מיט אים! — ער איז מיט צען קעפּ העכער פון זיי!...

— איז ער טאַקע דער ראש השמשים. קיין חתונה גייט ניט אָן אים כשורה. ער איז דער בעל־הבית פון אָנהויב ביזן סוף... און ווען ער הייסט אַראָפּנעמען פון די טישן, ווייל סע ווערט שפּעט, מוז מען פאָלגן. די אביונים וויסן שוין, אַז דאָס איז עס. היידאַ, געענדיקט, „אַ היים־גייטס"!...

***

דערווייל גייט אָן אַ יאָגעניש מיט מחותנים פון מרחקים. די כלה זעט מען ניט, זי איז אויפן העכסטן שטאָק, דאָרטן אויפן באַלקאָן, געפינען זיך מיט דער כלה אירע נאָענטסטע חברטעס, זיי גרייטן פאַר איר צו די קליידונג, עס זאָל ניט פעלן די מינדסטע זאַך. אָט באַלד, אין אַ שעה אַרום, וועלן זיי אָנטאָן די כלה. זי איז דאָך איצט ווי אין זיבעטן הימל. איר מאַמע, שרהלע, לויפט טאַקע איצט אַרויף שוין אָנגעטאָן ווי אַ פאַלנע מחותנעסטע און הייסט חנהלען זיך נעמען אָנטאָן. פערעלע, די שניידער־מיידל, וואָס איז בכלל בקי אין אָנטאָן כלה־מלבושים, איז איצט דאָ, און איז גרייט קומען דער כלה צו הילף. „דאָס איז ס׳אמתע כלה־קלייד, חנהלע!" — לויבט פערל אלתר שניידערס אַרבעט. „און די זייד איז דאָך גאָר אַן אַנטיק, אַלע מיינע ליבע זאָלן טראָגן סאַמעט און זייד", ווינטשט זיך פערעלע — „אָן דער כלהס שאָדן". חנהלע ווייסט, אַז פערעלע איז ניט אַבי ווער, זי איז דאָך אליהו קרעמערס אַ טאָכטער, זיי זיינען עטלעכע שוועסטער, זעלטענע בריות און האָבן אַ שם. היסטאָריש, שמועסט מען, אַז זיי האָבן זיך אויסגעלערנט שניי־דעריי דורך אַ שכן אַ שניידער, וואָס האָט געהאַט אַ טאָכטער בת־שבע, אַ טאַלאַנטפולע מאָדיסטקע. זי, בת־שבע, איז געווען זייערע אַ חברטע און ס׳האָט זיי געצויגן אַהין טאָג און נאַכט. און, הכלל, טאַטע־מאַמע האָבן מסכים געווען, און זיי זיינען מיט בת־שבעס הילף געוואָרן נייטאָרינס. זיי נייען ווייסע־העמדער פאַר חתנים און מאַכן אַ קערבל. אָבער היינט איז פערל

אליהס די אמתע מחותנתטע. זי בופט איצט אָן חנהלעס שלייער וואָס וועט אַראָפּהענגען גאָר לאַנג איבער איר זיידן קלייד, וואָס פאַרכאַפּט ס׳אויג. די ברייטע געפּאַלדעוועטע ליניעס פון אונטן באַצירט זי ווי אַן אמתע גע־קרוינטע בת־מלכה. אָבער פערעלע בופט איצט פּינקטלעך דעם קאָפּ־שלייער. די כלה שטייט ביים שפּיגל און רויטלט זיך ווען די חברטעס פאַרגלייכן זי צו אַ בת־מלכה. זי איז אָבער איצט מער ערנסט ווי געוויינטלעך. זי פאַסט דאָך דעם דריטן תענית אין איר לעבן... זי רעדט צו אירע חברטעס האַרציקע רייד, שטילע רייד. זי דאַנקט זיי פאַר דער האַרציקער חברשאַפט: „איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן וואָס איר טוט פאַר מיר״. זי רעדט אין כלל, פּונקט ווי איר טאַטע נפתלי. זי האָט אירע חברטעס שיר ניט גערירט ביז טרערן. דאָס האַרץ זאָגט זיי, אַז זי וועט זיי בלויז האָבן אין געדאַנק, אָבער זיך זען אַזוי אָפט ווי איצט איז אַ ספק. קיין צייט צו סענטימענטן איז איצט שוין ניטאָ. די טיר ווערט פאַרמאַכט, די פאַרהענגלעך ווערן אַראָפּגעלאָזט, ס׳איז ניט קיין סוד, יעדער ווייסט אַז די כלה טוט זיך אָן. אַלץ אַרום און אַרום גייט אין אַ געדריי. אונטן און אויבן, ניט נאָר ביי די לעווינזאָנס אין שטוב, וואו די חתונה ווערט געגרייט, נאָר די גאַנצע שטאָט איז יום־טובדיק. דאָס איז מער ניט קיין חלום — חנהלע האָט היינט חתונה, כלי־זמר וועלן שפּילן, מען גרייט זיך צו גיין מיט כלי־זמר איבער די גאַסן צו דער חופּה אין שול אַריין, אַלץ איז גרייט...

דער אַלטער ר׳ נפתלי מיט זיין ווייב שרהלע זיינען שוין גרייט. ביידע, קיין עין הרע, באַקליידט אין אַטלעס און אין זיידנס. די יונגע ברידערלעך — ווי אמתע קאַוואַליערן. די מאַמע שרהלע קוועלט אָן פון זיי, דאָס זיינען דאָך אירע אוצרות. זי זאָגט אָן דעם עלטערן, אברהמל, ער זאָל ניט פאַרגעסן צו כאַפּן אַ קוק דאָ און דאָרט. דאָס אייגענע זאָגט זי אָן אין דער שטיל אַלע דריי דינסטן, וואָס האָבן דעם כבוד איר צו דינען ביי חנהלעס חתונה, ווייל אַ גאַנץ יאָר איז דאָך פּראַדל די מיוחסת — זי איז דאָך עפּעס ביי שרהלען מער ווי אַ געוויינלעכע דינסט.

עס הערט זיך שוין אַז דער חתן איז נאָענט. די גלעקער פון די קאַרעטן קלינגען שוין ביים עק שטאָט. מחותנים פאָרן אַנטקעגן. די באַגעגענישן צווישן חתנס צד און כלהס צד זיינען ליאַרעמדיק און ניטאָ קיין צייט פאַר אַ שלום־עליכם. די פערד הירזשען. דער יונגער אברהמל לעווינזאָן איז שוין פאַרפּוצט מיט אַ שוואַרצן קאַסטיום און אַ שטייפן הויכן ווייסן קאַלנער. דאָס העמד איז געקעסטלט בלוי, און רוקט זיך אַרויס פון זיין ברוסט. די וואַרשעווער קאַמאַשן סקריפּען הויך און לאָזן הערן זייער גבירישן שטעל. ער באַפעלט די אַנדערע צוויי ברידערלעך, זיי זאָלן זיך אַריינזעצן אין פייטאָן. מיט אים שטייען שוין גרייט זיינע צוויי הויפּט חברים, אליה־משה און מאָטל און זיינער אַ פעטער, משה, וואָס האַלט זיך פאַר אַ שטיק „אַדוואָ־קאַט״. ער איז דער „פּראַשעניע״ שרייבער פון שטאָט, דרייט זיך אויך אַרום

פריצים און באַרימט זיך אָפּט, אַז אַרום און צווישן אַלע דערפֿער הייסט ער „פּאַן מוישע!“ אין סך הכל איז ר׳ משה הערש־אהרנס, אַן אמת לעבע־דיקער איד, וואָס רופט אַלע חדר־אינגלעך „מאַלאַדיעץ“ און גיט זיי אַלע אַ ציגאַר טיטון. אַמאָל צעטיילט ער אַ טוץ פּאַרטיקע געמאַכט גילדזן, וואָס ער שטאָפּט אַליין אָן, לאָזט יונגוואַרג לעבן אַ טאָג. ער לייענט, אגב, דעם „הצפירה“ און דעם „הצופה“, און הייסט דעריבער „דער אוטשאָני יעווריי“...

ביי אַ שמחה איז ר׳ משה דער טאָן־געבער, בפרט היינט! — ביידע, אי דער אַנקל זיינער, אי ער, אברהמל, זיינען די, וואָס מאַשטאַליערעווען בשותפות און פּלאַנעווען אויס דאָס אויסשטעלן פֿון די קליינינקייטן אין שאַלאַש. דאָרטן, רעכטס, איז דאָס אָרט פֿון די כלי־זמר; אַנטקעגן, לינקס, וועלן זיצן די כלה מיט אירע חברטעס; אינמיטן, רעכטס, וועלן זיין די וויטע מחותנים. ער פֿאַרגעסט אין דעם פּלאַץ פֿאַרן בדחן, און די נייע אָנגעקומענע מחותנים... זיי אַמפּערן זיך ביידע אַרום דעם, — דער אַנקל מיטן פֿלימעניק. — קיין צייט איז שוין אָבער נשטאָ. דער פּייעטאָן איז געשפּאַנט, יאַנטאַש, דער פֿורמאַן, גיט אַ כוואַשטש מיט דער בייטש און צעטרייבט די יונגוואַרג, וואָס שטייען שוין דאָ פֿון פֿאַרמיטאָג... פֿאַר יונגוואַרג איז די גבירישע חתונה אַ גרויסער עניין. וויפֿל חתונות אַזעלכע וועלן נאָך זיין אין שטאָט? זיי פֿאַנ־טאַזירן און חלומען ווי וויט און ווי ברייט און גרויס די שמחה וועט אָפּ־קלינגען אין שטאָט, ווען די כלי־זמר וועלן מאַרשירן דורך די בתי־מדרשים גלייך אַהין אין דער גרויסער שול. אָן בושה און אָן שרעק פֿילן זיי זיך די טיילוויזע מחותנים. זיי האָבן די צושטימונג פֿון ר׳ משהן וואָס האָט זיי כמעט ווי איינגעלאַדן דאָ צו שטיין ביי די פֿענצטער. זאָל יונגוואַרג הנאה האָבן — האָט זיך משה הערש־אהרנס געטראַכט. ער האָט אַפֿילו בדעה איינצורוימען אַ סוד פֿרוימעלע שמש, ער זאָל דער חברה אַרויסטראָגן אַ פּאָר טוץ פּופּעקלעך מיט פּליגעלעך, פֿון די שיריים אין קיך, וואָס פֿייגע־נעסיע האַלט געווייגלעך אין אַ באַזונדערן טאָפּ. ס׳איז שוין אַ דבר ידוע, אַז אין דער יונגוואַרג טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, מען טאָר זיי ניט לאָזן, סתם שלינגען די סלינע אין אַ יום השמחה, בפרט ביי גבירים... אַ סך פֿון דער יונגוואַרג הענגען איצט נאָך אויף די בריטשקעס וואָס קאַטאַיען איצט אַוועק צו מזרח, צום גרויסן שליאַך פֿון וואַנען די מחותנים קומען אָן. זיי הענגען זיך אָן פֿון הינטן מיט מוראדיקן שרעק. אָבער אַ זעלטענער כוח וואַקסט אין זיי, און גיט זיי קוראַזש. די טרייבערס שרייען און שרעקן זיי אָן, אָבער די שמחה נעמט פֿון זיי צו דעם כעס. מען קאַטאַיעט ווייטער! די פֿערד פֿאַררייסן די קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געפֿילט די אויסדערוויילטע אין דער שמחה. אַ קליינינ־קייט באַגעגענען אַ חתן!...

***

און אָט דערהערט מען דעם גרויסן געיעג. די באַגעגעניש איז אַ

גוואַלדאָוונע? אַ האַרציקע! די פערד פאַררייסן די קעפּ ווען די טרייבערס ציען די צוימען: „באַזאַד!". מען זעט דעם חתן אין אַ גרויסן אָפענעם פייעטאָן, זיצן אינמיטן מיט זיינע טאַטע־מאַמע. ער טראָגט אַ בורקע מיט אַן איינגענייטן באַשליק איבערן קאָפּ, אַ מלבוש וואָס האָט געהאַט אַ טראַדיציע ביי חתנים... ווינטער און זומער האָט מען געמוזט אַזאַ מלבוש מאַכן פאַר אַ חתן. דאָס האָט געגעבן דעם „פּיעטשאַט", — אַז אָט־דאָס איז ער!...

ווען די מחותנים פון מרחקים זיינען אַריין אין שטאָט, איז שוין געווען טונקל. די זון האָט זיך שוין פאַררוקט אין מערב. אַ קיל ווינטעלע האָט געבלאָזן. טייל האָבן געדאַוונט מנחה אין די אַריינפאַרהייזער, טייל האָבן זיך אויסגעלייכט די רוקנס. מ'האָט זיך באַקענט, זיך דורכגעוואָרפן מיט שמועסן, אָבער דער חתן איז איצט אין זיין ווינקל. דער הויפּט שמש איז איצט מיט אים. ער גיט אים איבער די פּרטים ווי די חתונה איז געגרייט, וואָס פאַר אַ סעודה דאָ ווערט צוגעגרייט.

עס באַווייזט זיך פּנחס לעווינזאָן, דער כלהס עלטערער ברודער מיט עטלעכע מחותנים. זיי ווילן אָפּגעבן שלום דעם חתן מיט טאַטע־מאַמע. דער „ברוך הבא" געדויערט ניט לאַנג, אַלץ גייט צו טיף־האַרציק. די כלי־זמר שפּילן שוין אין שאַלאַש — דעם חתן אַ צוקעגנס! דאָס האָט משה וויטיעס באַפוילן — ער איז דאָך דער ראש הנגינה פאַר היינט. ער לויפט אַרויף אויפן צווייטן גאָרן, און זאָגט אָן די בשורה, אַז דער חתן איז דאָ, אַז די כלה זאָל זיך מאַכן פאַרטיק. זיין וואָרט איז דין און געזעץ. דער פעטער משה הייסט, און שרהלע, די מאַמע, וואָס איז אַגב, אַ שוועסטער צו ר' משה, שטייט פאַרפּוצט און באַהאַנגען מיט צירונג. אַלץ שפּיגלט אָפּ פון איר זיידן קלייד. איר פּנים איז נאָך יונג און בנעימות. איר געדיכטער ברוינער קאָפּ האָר, צעקעמט אין אַ טיפן שרינט, גיט איר צו חן. עס גלויבט זיך קוים, אַז זי איז שוין די מוטער פון אַן אַכצן־יאָריקער טאָכטער. זי טראָגט אַ פאָכער אין דער לינקער האַנט, ניט ווייל ס'איז איר הייס, נאָר ווייל אַזוי איז די מאָדע. הפּנים — אויף יעדער חתונה איז הייס. עולם טאַנצט, מען בייסט צו, מען טרינקט לחיים, און מען צעוואַרעמט זיך. אַוודאי טראָגן די מערסטע פרויען די פעכערס, מען זאָל, אפשר, זיך אָפּקילן, און — די הויפּט זאַך: מאַכן זיי אויסזען אַריסטאָקראַטיש. אָבער די מענער? — פון זיי בליאַסקען נאָר די ווייסע שטייפע העמדער, מיט די שוואַרץ־ווייסע שניפּסן. עס הערט זיך דאָס פאָכען פון די גרויסע קאַפּאָטעס, די פּאָלעס האַלטן פּאַסאָן. כלי־זמר שפּילן, מחותנים קומען אָן פון נאָענט און פון ווייט. אַלץ קעכלט און פּעכלט, און ליפּן צו ליפּן טוען זיך קושן — „מזל־טוב, מזל־טוב!" צום גיכסטן ביי דיינע קינדער" — „ביי דיר און ביי מיר". מען שיינט אָוועק פון גרויס חדווה. — „וואו איז די כלה?" — פרעגט מען. — „זי איז דאָ! זי איז דאָ! שרעקט אייך ניט, זאָלן מיר שוין האָבן אַזאַ יאָר וואָס פאַר אַ טייערע כלה מיר האָבן!"

און חתנס צד שווייגט אויך נישט. מען גיט זיך רמזים, מען יחוסט

זיך, און איידער ווער־וואָס־ווערמען, איז שוין פינסטער אין גאַס. די ליכט און לאָמפּן ברענען שוין שטאַרק. די באַלייכטונג אַרום און אין שאַלאַש איז גוואַלדאַווגע. עס הענגען לאַמטערנעס אַרום און אַרום, אינעווייניק און פון דרויסן — אַ מין עמוד האש! מען וואָרנט די יונגוואַרג, זיי זאָלן אָפּטרעטן פון די שפּאַרונעס, זיי זאָלן זיך ניט הענגען אויפן בנין. עס העלפט אָבער נישט, ביז ר׳ נפתלי, דער מחותן אַליין, גייט אַרויס, און בעט רחמים, מען זאָל חס ושלום ניט אַרונטערוואַרפן אַ לאָמפּ, אַ לאַמטערן. מען קען שטיין נאָענט, אָבער הזהר והזהר!... מיר, די יונגוואַרג, האָבן זיך אַוודאי אָפּגערוקט. אַ קלייניקייט, ר׳ נפתלי האָט געבעטן!

און די הערצער פון יונג און פון אַלט פלאַטערן, ווער איז היינט צו זיי גלייך? די כלי־זמר שפּילן, מחותנים טאַנצן, עס ווערט מיטאַמאָל שטיל: „ניסיע בדחן גייט באַזעצן די כלה״. יאָ, די מוזיק קנאַלט! — אַ סיגנאַל, מען זאָל זיין שטיל. ניסיע מיט זיין הייזעריק קול גיט זיך אַ צעוואָרעם און הויבט אָן מיט פּאַטאָס:

— אוי, כלהניו, כלהניו, וויין זשע, וויין, — טו תשובה פאַר דיינע חטאים איידער מען נעמט דיך צו דער חופה גיין!...

ניסיע וואַרפט אויגן צו די כלי־זמר, צו האַלטן אַ טאָן, אָבער דאָס געוויין פון דער כלה מיט די נשים איז שוין גרעסער ווי די שטילע טענער פון ר׳ ניסיען. און ווען ער גייט אַראָפּ פון בענקל, דערהערט זיך אַ פריילעכס. קענטיק, די כלי־זמרים צילן צו ענדערן די שטימונג. ליכט ווערן צוגעגרייט און געצונדן אין אַלע קאָלירן: רויטע, בלויע, ראָזאווע — ליכט אַרום און אַרום. די שמשים מיט די מחותנים מאַרשירן שוין אַרויס פון שאַלאַש, מוזיק שפּילט, מען איז אויפן וועג צו דער שול. בחורים וואַרפן שטורקאַצן אין דער הויך, — מען זאָל באַלייכטן דעם וועג, אָבער ס׳איז ניט נויטיק. מען מאַרשירט מיט מוזיק, מיטן טאַקט איבער די גאַסן. קינד און קייט וואַכן אויף, מען יאָגט זיך צום אָרט ביי דער שול. בחורים שטייען שוין און האַלטן די שטאַנגען פון דער חופה. בעיקר צו זען חתן כלה און טאַקע האָבן אַ מצווה, כאָטש שטיין לעבן דער חופה. און די כלה שיינט ווי די זון, זי איז ממש איינגעהילט אין קדושה. אירע טאַטע־מאַמע פירן זי, איר פּנים איז פאַרדעקט מיט אַ ווייס טיכעלע פון קרוזשעוועס, וואָס איז ווייך ווי פּוך. דער חתן גייט פון הינטן מיט זיינע טאַטע־מאַמע, זיין פּנים איז לויטער, ער איז עטוואָס העכער פון מיטעלן וואוקס. די הויט — רויטלעך און פולבלוטיק, אויגן — אַ ביסל צעשראָקן — די יודע וואָס ער טראַכט דעמאָלט, אין די רגעס פאַרן „הרי את״?

דאָס קול פונם חזן מיט זיין ברוך־הבא, און דעם רבס מאַכן די ברכה, איז אַן אָנזאָג אַז אָט, באַלד־באַלד, ווערט חנהלע נפתלים די אשה צנועה פון איר באַשערטן. עס איז ניט נאָר אין דער פאַנטאַזיע, נאָר אויף דער וואָר. דער „הרי את מקודשת לי בטבעת זו״ הערט זיך קלאָר, און מיטן

צעברעכן דאָס גלעזל צעקושן זיך די מחותנים. דאָס לייענען די כתובה איז דער אייביקער דאָקומענט פון אידישן פאָלק. און נפתלי לעווינזאָן מיט זיין געזינדל לויבן איצט גאָט פאַר זיין גנאָד, וואָס זיי האָבן אַזוינס דערלעבט! ווייטער הערן זיך די טענער פון דער מוזיק. מיט ליכט געקומען און מיט ליכט גייט מען אַהיים. כלי־זמר שפּילן ווייטער, טישן זיינען געגרייט, אַ קלייניקייט! אַלץ הייסט געגרייט! די געטראַנקען און די מאכלים רייצן קליין און גרויס. די שמשים און סאַרווערינס דערלאַנגען האַנטוכער, עולם וואַשט זיך, זיי אַרבעטן שוין מעשים האַנט אין האַנט. מען דערלאַנגט שוין די גרויסע טעלער פיש. די גילדענע יויך בלאַנקט אַרויס פון די טעלער. די אַפּעטיטן זיינען גרויס און די מוזיק שפּילט — אַך סאַראַ שפּילן!...

די שמשים טראָגן די אָנגעפּילטע טאַצן מיט די שטיקער גענדז און קאַטשקעס, יעדער מעג איצט זאָגן וואָס ער וויל, זיי זיינען גרייט צו דערלאַנגען די אכילה מיט דער פולער מאָס. געווייניגלעך, רייסט זיך דער הויפּט־שמש מיטן געבראָטנס, אַהין צום גרויסן טיש, צום מזרח, וואו עס זיצן חתן־כלה מיט די מחותנים פון מרחקים. ר׳ נפתלי לעווינזאָן זיצט לינקס ביים בלויען פענצטער צו דער הויפּט־גאַס. לעבן אים זיצט דער רב מיט די דריי שטאָט־גבירים, און פנחס לעווינזאָן ביי דער זייט. ער איז, על כל פנים, דער אינגסטער, ער הויבט זיך אויף פון צייט צו צייט כאַפּן אַ קוק ווי עס גייט צו, ער איז פאַרפּלאָנטערט, זיין שטייף העמד בויגט זיך אַראָפּ פון זיין מאַסיוון קאַרק און שטערט אים זיין פרייהייט. אָבער זיין קול הערט זיך, ער איז פלינק, דערזעט אַלץ, ער מאַנעווורירט, ער רופט זיין יונג ברודערל, אברהמל, און רוימט אים אַפּט איין אַ סוד — וואָס אַלע הערן — און ער לויפט און פירט אויס זיין שליחות. נאָר די מאַמע זיינע, שרהלע, זיצט ניט ביים טיש מיט די מחותנים. זי איז טרוד מיט אַ סך קלייניקייטן, זי האַלט אַן אויג אויף אַלע מחותנים און, באַזונדערס, אויף די מחותניסטעס, וואו זיי זיצן אין צווייטן חדר, אין סאַלאָן. דאָרטן ברענען די בליצלאָמפּען העלער ווי ביי די מאַנסבילן. זיי שפּיגלען אָפּ ס׳גרעסטע עשירות און אַריסטאָקראַטיע, וואָס די שטאָט פאַרמאָגט. אמת, צווישן זיי זיצן אויך אָרעמע פרויען, מיט איינפאַכע יום־טובדיקע מלבושים, אין וועלכע זיי גייען אין שול אַריין, וואו דאָרטן הערט זיך ערשט זייער עשירות ביים דאַוונען פון די תחינות!... די גבירישע ווייבער מוזן וויסן, אַז זיי זיינען אויך ניט אַבי ווער!... ווייל עשירות האָט אויך מדרגות...

ווען ניסיע בדחן הויבט זיך אויף אַן אָנגעגעסענער, אַ פריילעכער, ווערט עפּעס שטילער. די כלי־זמר גיבן אַ טאָן, די פּויק און טאַצן וועקן יעדן אויף פון דער שווערקייט נאָך אַזאַ סעודה. ר׳ ניסיע הויבט אָן זאָגן אַ מאמר חז״ל, וועבט אַריין שטילע רמזים, און פרעגט ווייטער, מיט התפעלות — „ווייסט איר, מיינע ליבע מחותנים, פאַרוואָס איך האָב איך איצט געגעבן אָט די קליינינקע דרשה? דאָס איז דערפאַר איר זאָלט זיך דערמאָנען, אַז

מען דאַרף היינט געבן דרשה־געשאַנק און ווער עס וועט געבן דעם ערשטן פינף־און־צוואַנציקער, בין איך אים מבטיח, אַז דער כביכול וועט אים אָפּגעבן כפל־כפלים!..."

אַזוי־אַ הויבן אָן פאַלן גאָלדענע פינפערלעך, זילבערנע קערבלעך; פון דער זייט זעט מען טראָגן מעשענע סאַמאָווארן, זילבערנע לייכטער, גאָלדענע בעכערס. זיי בליאַסקען און שפּיגלען אָפּ קליינשטעטלדיקע עשירות. מען גיט זיי מיטן פולן האַרצן; מען וויל ניט ווערן פאַרשעמט, און ניט פאַר־שעמען אַזאַ לייטישע כלה, וואָס איר פּנים איז שוין האַלב אויפגעדעקט און טוליעט זיך צו איר האַרציקן חתן. דער טאַטע אירער, ר׳ נפתלי, איז שטאַרק נערוועז. עפּעס פילט ער, אַז די שמחה איז צו רעשיק, אַז די מתנות און ניסיעס דרושת זיינען אַ ביסל איבערגעטריבן. ער כאַפּט אַ קוק צום גאונישן רב, זיין חבר און תלמיד־חכם, ער וויל אים תופס זיין, ער וואָלט אים איצט געוואָלט פרעגן, ווי אַמאָל, אָפּנהאַרציק, פּשוט און פּראָסט, בזה הלשון: „וואָס דענקסטו, ישראל, פון אָט דעם טאַראַראַם?" אָבער ער פאַר־טרייבט זיינע מאָדנע רעיונות, זאָל שוין זיין ווי עס גייט, מסתם הייסט אַזוי השי"ת, אפשר אין טאַטנס זכות, אפשר אין זיידנס? ער טראַכט, מי יודע, אויב ער וועט נאָך דערלעבן זיין בן־זקונימס חתונה? ער וויל זיך גאַרניט פאַרגינען אַזאַ זכיה. ער וואָלט בפירוש געזינדיקט, ווען ער האָט עס אַפילו אין דמיון...

אַ גליק וואָס ס׳האָט זיך דערהערט רפאל גבאיס קול, אַז ס׳זאָל זיין שטיל; דער רב גייט בענטשן מזומן! עס האָט לאַנג ניט גענומען, מ׳האָט דערלאַנגט מים אַחרונים, מ׳האָט געבענטשט און געלויבט השי"ת, פאַר דעם גרויסן גנאָד, וואָס ער טוט מיט אונדז. צו ביסלעך, האָט מען פאַמעלעך זיך גענומען אָפּירוקן פון די טישן. שוואַר־פיסיקע אידן, זאַטע אידן, מלא־שמחהדיקע, האָט מען זיך באַגעגנט מיט די נשים, מיט די זיידענע טיכ־לעך... מ׳האָט זיך ערשט אויפסניי גענומען גיין אַ פריילעכס. יונגוואַרג מיידלעך, זיינען דערוויל אַרויף אַהין, אויפן צווייטן גאָרן, כדי זיך אויפסניי צופוצן ביים גרויסן שפּיגל, וואו ערשט היינט איז געשטאַנען חנהלע, די כשרע כלה, און זיך געשפּיגלט אין איר חן. איצט־אַ האָבן זיי, די חברטעס, פאַרכאַפּט דעם שפּיגל און שעצן אַליין אָפּ זייער שיינקייט און זייער צניעות. זיי חלומען, אַז היינט־מאָרגן זאָלן זיי געפינען זייער גליק... זיי טראַכטן, אַגב, פון די נייע באַגעגענישן היינט ביי דער חתונה פון חתנס און כלהס צד...

לאַנג טאָרן זיי אָבער ניט קלערן. די נאַכט שטייט נישט, זיי ווילן נאָך שעפּן פונם פולן בעכער, טאַנצן און טאַקע עפּעס אויסטאַנצן... אָבער ניט אייביק איז די נאַכט, די לבנה שיינט טאַקע פּרעכטיק, אָבער זיי האָבן אין איר היינט פאַרגעסן, אפשר איז שוין צייט אַהיים גיין און זיך אָפּגעזעגענען מיט אַלץ און אַלעמען, און טאַקע כאַפּן אַ בליק צו דער לבנה אין דער שטיל, אין דער פינצטער, זיך אגב, באַהעפטן מיט די שטערן, וואָס רייצן אַזוי פיל...

אַזוי, ביסלעכווייז, אין דעם שפּיל פון רעיונות און חלומות, האָט זיך די נאַכט אָפּגעטאָן אירס, און האָט יעדן איינגעהילט אין טיפן שלאָף. די לאָדנס פון ר׳ נפתלי לעווינזאָנס גבירישן הויז, האָבן זיך פאַרמאַכט ווייט אין דער טיפער נאַכט, ביז דער בליאַסק אויף טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אַריינשפּאַרן דורך די געקאָוועטע לאָדנס.

***

קאַיאַר, שטיל און פּאַמעלעך האָט פּראַדל די אינגערע דינסט, זיך גענומען אַרויסשאַרן פון איר חדרל, געכאַפּט בליקן ווי שווער און ווי טיף עולם שלאָפט נאָך. זי האָט ניט געוואָגט צו טראַכטן און אַפילו אַ בליק טאָן אַהין, וואו חתן־כלה זיינען. אוודאי איינגעהילט אין טיפן שלאָף. זי האָט געהאַט אַ קאַפּווייטאָק און האָט זיך עפּעס געפילט צעבראָכן פון דעם גרויסן טאַראַ־ראַם, אָבער זי איז צוגעגאַנגען צום פאַס וואַסער און אָנגעשעפּט אַ פּולע קוואָרט און זיך גענומען וואַשן. זי האָט זיך אָפּגעפּרישט און זיך צוגעקעמט, זאָל מען ניט זאָגן, אַז פּראַדל ווערט אַלט. זי האָט, אינאַיינוועגס, שוין גע־כאַפּט אַ קוק אין דרויסן. ס׳איז געווען כמורנע, קעץ האָבן געפּאַדיעט אַרום די קעסלען מיט שמוץ פון די שיריים פון די געגדז און קאַטשקעס. אויך זיי, די קעץ, האָבן אָפּגעלעקט אַ היפּש ביינדל פון דער גבירישער חתונה. זי, פּראַדל, האָט זיי אוודאי פאַרגונען, אָבער זי האָט זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות, וואָס זיי האָבן איבערגעקערט די קעסלען און געמאַכט אַ שמוץ אין פאַרהויז. זי וועט איצט דאַרפן האַרעווען דאָס אויפצוקלייבן. זי האָט אין דעם מאָמענט געבעטן גאָט, ער זאָל איר צושיקן געצל־שמעיהן, דעם וואַסערטרעגער, אָדער מיכעלע דעם צוגעדולטן, זיי וואָלטן זיך מיט דעם שמוץ געספּראַוועט גיך. זי ווייסט, אָבער, אַז דווקא היינט, נאָך אַזאַ פּרעסעריי, ווי זיי האָבן געהאַט נאָך דער וועטשערע, ליגן זיי ערגעץ און מען „פּאָפּט״. זי האָט זיי אָנגעהאַדעוועט מיט פּופּקעס און קישקעס. זיי האָבן געכאַלאַסעוועט און געשלונגען די שטיקער קוילעטשן ביז אַרונטער. עס פאַרדריסט איר, וואָס זי האָט געצל־שמעיהן ניט אָנגעזאָגט נעכטן ביינאַכט, ער זאָל היינט קומען אויפרוימען די חזיריי... דאָס האַרץ זאָגט איר, אָבער, אַז ער וועט זיך אוודאי אַראָפּיאָווען און זי וועט אים שוין געבן אַ פּסק פאַר פאַרשפּעטיקן זיך...

ווען זי ווערט פּטור פון די קעץ, נעמט זי זיך אויפסנייי צום קאָך־אויוון. זי גרייט, קודם כל, צו קאַווע, און קעז און פּוטער. די פּאַנען שטייען גרייט צו מאַכן פאַרן עולם פּראַזשניצעס. דערווייל ברייט זיך אַ פּאַן מילך, די קליינ־וואַרג, די מיוחסים, מוזן דאָס האָבן. זי האָפּט אין דעם מאָמענט, אַז איר באַלעבאָסטע, שרהלע, זאָל זיך איצט באַווייזן. זי איז ווי פאַרלוירן. זי ווייסט ניט וואָס מען הויבט אָן צו טאָן. עס שלאָפן עטלעכע געסט אויפן באַלקאָן פון חתנס צד. לויטן פּלאַן, דאַרף זי זיי אָנהאָדעווען און זיין צו זיי „וועזש־

ליעווע״. זי פילט, אַז מיט שׂרהלעס דערוואַכן וועט ווערן לעבעדיקער און קלאָרער. איינס און צוויי וועט זי איר געבן אַ שטעל אויס אַ צעטל אויסג־וויניק. און פראַדל לעבט אויף אין דמיון: ווער איז צו איר גליך? קיינער קען ניט זאָגן אַנדערש! אַזוי הייסט די באַלעבאָסטע און פּאַרטיק!...

שלעכט איז ווען דער גרויסער בחור אברהמל הויבט זיך אָן צו גדלענען. קיין זאַך געפעלט אים, לעצטנס, ניט. ער האַלט זיך שוין פאַר אַ גרויסן קאַוואַליער, וואָרן זינט ער האָט געסטראַיעט דעם שאַלאַש, איז פון אים פּשוט ניט אויסצוהאַלטן. אַזוי אין בייזקייט, כאַפּט זי דערווייל אַ קאַווע מיט אַ שטיק טאָרט. עס וואַלגערן זיך נאָך גאַנצע בעקנס מיט לעקעך און טאָרטן. מי יודע? ס׳אַ סבֿרא אַז די בעל־הביתטע וויל מיטגעבן די מחותנים פון מרחקים אַביסל געבעקס. ס׳עט נאָך סטייען געַנוג — טראַכט פראַדל און קוויקט זיך דערווייל מיט דער הייסער קאַווע, וואָס איז אָנגעפּילט מיט דער געבראָטענער הויט פון דער מילך.

אָבער רואיק אויסטרינקען די קאַווע קען זי שוין נישט. זי הערט שוין טריט פון דער קליינער חברה. שׂרהלע, זייער מוטער, הייסט זיי זיין שטיל: מען שלאָפט נאָך. ווען פראַדל דערהערט שׂרהלעס קול, ווערט זי לעבעדיקער. זי איז זיכער, אַז מיט די מיוחסים אירע וועט זי זיך אַליין ספּראַווען. די איינציקע וואָפן וואָס פראַדל נוצט קעגן די דריי בחורימלעך... אין די פּרימאַרגנס, און געווינט דעם קאַמף, איז: — זי מוז קודם חוקר ודורש זיין אויב זיי האָבן שוין געדאַוונט? מיט דעם פּריטשמעליעט זי זיי די קעפּ, זיי וואַרפן זיך און שליידערן זיך מיט געבייזער, און ס׳העלפט זיי גאַרניט: „פריער דאַוונט אָפּ, און איר וועט קריגן אייערס״, באַפעלט פראַדל. אַוודאי באַוויזט זיך די מאַמע זייערע און גיט איר גערעכט, און ביידע הויבן אָן דעם גרויסן טאָג.

די חתונה איז נאָך ניט געענדיקט. עס הויבט זיך ערשט אָן אַ נייע סדרה. די שבע ברכות, די האָניק־מאָלצייטן. די שמועסן און איבערשמועסן פון דער חתונה האַלטן אָן היפּשע עטלעכע טעג, באַזונדערס, צווישן די נשים. מען שאַצט די חתונה אַלס אַ שם דבר: ס׳עט שוין אַזוינס ניט זיין ביי אונדז — הערן זיך שמועסן און סבֿרות. די מאַנסבילן זיינען שוין ביים דאַוונען, חוץ דעם חתן, דער יונגערמאַנטשיק, וואָס מיט אים האָט מען מטיב געווען. די דריי שמשים האָבן זיך אַ יאַווע געטאָן באַצייטנס, זיי זיינען גרייט נאָך עפּעס צו טאָן. זיי ווערן איצט די גנעדיקע סאַרווערס פאַר נפתלין מיט די געסט, לויט פראַדעלס באַפעל, וואָרן אין די וואָכן־טעג איז פראַדל דער „גענעראַל״... און זיי מוזן וויסן אַז זי קעניגט שוין דאָ ביי שׂרהלען אַ יאָר צוועלף. זי איז אַהער געקומען כמעט אין דער אייגענער צייט וואָס די „געשטראָפטע״. קיינער ווייסט נישט ווי ווייט פראַדל האָט דאָס מיידל געקעכלט און וואָס פאַר אַ גוטע נשמה זי איז געווען. דער ווייטאָק איז גרויס. זי פילט אַז אין דעם גאַנצן טאַראַראַם האָט מען אין דער מעלאַנ־

כאַלישער מיידל אינגאַנצן פאַרגעסן. אַזוי ווי זי וואָלט גאָרניט געווען אין שטאָט. — נאָר ווער בין איך? — ענטפערט זיך אַליין די פראַדל. איך בין אומשטיינס געזאָגט, אויך אַ מענטש! וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט מיין דענקען און טראַכטן, אַז איך בין שטענדיק פאַררודפט, פאַרטאַראַראַמט, ווער הערט זיך צו מיר צו, אַ חוץ וועגן דער אכילה?

אַזוי־אַ לויפן די טומלדיקע טעג. שוין דעם דריטן טאָג זינט דער גרויסער חתונה, פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט טומלט זיך. אַפילו די „נאַטשאַלסטוואָ״, דער פּריסטאַוו מיטן אוראַדניק, זיינען די געסט פון נפתלין. מיט זיי שמועסט טאַקע פּיניע דער גרויסער אויסגעהאָדעוועטער זון, וואָס איז היינט גרויסשטאָטיש. ס'אַראָ שפּראַך זיי, די „קאַזיאָנע קנעפּ״ נוצן! און ער, פּנחס, ספּראַוועט זיך מיט זיי. מען עסט און מען טרינקט און מען לאַכט. אַלץ אויפן אידישן חשבון. זיי זיינען כלומרשט ר' נפתליס פריינט, זיי ווילן זיך געזעגענען מיט חנהלען, וועלכע איז טאַקע באַלד גרייט אין וועג אַריין. זי זיצט טאַקע אויך ביים טיש מיט איר באַשערטן און לופּטיקט די רוסישע שפּראַך. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז חנהלע האָט שוין געהאַט עטלעכע לערער. עס פלעגט צוגיין בסוד, אָבער שטאָט ווייסט, אַז זי לייענט שוין „פּושקינען״ און „גאָרקין״ און אַפילו „טאָלסטאָיען״. אַגב איז זי היינט שוין עפּעס דרייסטער, זי לאַכט און ויצלט זיך, זי איז מער ניט די צוריק־געשטאַנענע חנה אין אַ שמועס צווישן מאַנסבילן. דער פאָטער אירער, ר' נפתלי, קוועלט ממש אָן פון איר. אים ווילט זיך, זי זאָל רעדן מיט די „אַדונים״ וואָס מער, און זאָל דאָס קינד זיך פריי אויסריידן, זי איז דאָך ניט מער אין זיין רשות... ס'וועט אים עפּעס אומעטיק. „וואו איז ערגעץ מיין שרהלע״, טראַכט ער און וואַרפט בליקן צו דער אָפענער טיר פון דער סאַליע, „זאָל זי די מאַמע אויך הערן ווי איר חנהלע רעדט צו אַ פּריסטאַוו. ווי וועזשליווע זי איז. אַלץ גייט ביי איר צו מיט „גאָספּאָדין״ און „איז־ווינטיע״, „פּאָזשאַלויסטאַ״, „יאָ זשאַלעיו״.

— וואָס זשאַלעיעסטו, קינד מיינס? — וויל דער אַלטער פאָטער אַליין טרעפן — דיר ווילט זיך אַוודאי ניט איבערלאָזן דעם טאַטן מיט דער מאַמען? וואָס האָט דיר, קינד מיינס, געפעלט? באמת וואָס? נאָר גיי שלאָג זיך מיט רעיונות, מיט השבונות. מי יודע וואָס דער מאָרגן וועט זיין?

— טראַכט נפתלי, — „איך פיל זיך ניט בקו־הבריאה, איך זיץ דאָ מיט די „מעשענע קנעפּ״ און לאָז זיך וואָוילגיין מיטן „טאַק־טאַטשנאָ״, אָבער אויפן האַרצן פרעסט„ איך וואָלט וועלן האָבן ס'קינד מיט זיך, וויפיל מיר איז באַשערט צו לעבן, אָבער ס'איז ניט ווי דו ווילסט. אָט באַלד, זייגער דריי, וועט יאַנטאָש געבן אַ כאַוושטש מיט דער בייטש און חנהלע וועט זיך אָפּ־געזעגענען מיט יעדן, איבערלאָזן איר היים, אירע אַכצן יאָר לעבן און שטרעבן אין דעם קליינעם שטעטלע, וואו דריי דורות זיינען געחתמעט אין פנקס הגדול!...

יאָ, ס׳האָט ניט געהאָלפן, ממש אַ האַלבע שטאָט איז געקומען זיך געזעגענען מיט דער גבירישער טאָכטער, וואָס גייט זיך איצט באַהעפטן מיט איר מאַן און בויען אַ נייע היים, אַ ניי ווינקל. יעדער איז איר מקנא. אָט גייען זיי אַריין אין פייטאָן, עס הערן זיך האַרציקע קושן, טרערנדיקע קושן. און — והילד איננו! אויס קינד, אויס חנהלע, אויס שאָלאָש! מאָרגן־איבערמאָרגן וועט דער בנין קראַכן, עזריעל סטאָליאַר מיט זיינע חברה וועלן מאַכן תחת חרב אָט דעם בנין, דאָ וואו קינד און קייט האָבן זיך משמח געווען ערשט נאָר וואָס... מ׳איז זיך צעגאַנגען טאַקע ווי נאָך אַ חתונה, אַזוי ווי דאָס לעבן וואָלט זיך מיט יעדן אַ שפּיל געטאָן. איז עס טאַקע ניט מער ווי אַ חלום?!...

פון טאַטע־מאַמעס טרערן האָט מען געקענט זען, אַז די בת־יחידה פעלט זיי. איר געלעגער, איר פייסטשען זיך, און דאָס שטענדיק פאַרנעמען דעם שפּיגל בעת זי פלעגט זיך פלעכטן אירע צעפּ, זיינען ווי פאַריתומט געוואָרן. אגב, פלעגן עשלעכע נאָענטע שכנים טרייסטן שרהלען וואָס ס׳קינד אירס האָט ב״ה געטראָפן, „און מעגסט וויסן, אַז אייביק האַלטן אַ קינד אונטערן פאַרטוך איז אויך ניט גוט״...

ביסלעכוויז האָט זיך די גבירישע שטוב ווייטער אָנגעהויבן פאַרמאַכן. באַזונדערס האָט ר׳ נפתלי באַדויערט וואָס אויך זיין זון פנחס איז שוין אַוועק. ער האָט אים ניט געקענט אָפּהאַלטן: „וואָס איז די איילעניש, זון מיינער?״ — האָט דער פאָטער געפרעגט. ער האָט עפּעס געוואָלט מיט אים באַשליסן, ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז היות עס ווערט אומעטיק און די צווי גאַרנדיקע שטוב איז ממילא ליידיק, איז אפשר אַ פּלאַן אַהיים — נעמען דער שוועס־טערס קינד, אפשר פאַרט קען מען איר דאָ אָפּהיטן?... זי איז דאָך שטיל און רואיק, פאַרוואָס זאָל ער זי דאַרפן האַלטן ביי לייבעלע זשלאָב? ער קען דעם הונדערטער אַ יאָר געבן הינדע־לאַהן, זי וועט קענען זיין מיט איר אויפן גאַרן, קאָכן פאַר איר באַזונדערע מאכלים און לאָזן ס׳קינד זיך אַרומשפּאַצירן אינעווייניק אין פאַרקאַן פון הויף. שרהלע וועט אויך מיט־העלפן, און אפילו די דריי אינגלעך זיינע וועלן דאָך אויך זי ניט פאַרשעמען. ער ווייסט עס אויף זיכער, ער פילט אַז זיינע קינדער זיינען פאַרט דערצויגן ווי איידל־לייט. „איז וואָס זאָגסטו, גרויסער זון מיינער?״ — האָט דער אַלטער פאָטער אים געפרעגט מיט טרויער פאַרן אַוועקפאָרן...

און פנחס האָט געענטפערט בקיצור, זיך געבעטן מען זאָל אים אַרויסלאָזן פון דעם אחריות פלאָנטער: „זאָג שרהלען דעם פּלאַן און אויב זי איז מסכים, וואָלט אַוודאי געווען כדאי״...

איז איבעריק צו צווייפלען אַז שרהלע האָט פאַרנומען איר מאַנס רייד, און אים נאָך געגעבן אַ לויב פאַר זיין גראַדן געדאַנק, וואָס האָט, הויפּט־זאַכלעך, באַטאָנט, אַז איצט איז די צייט מען זאָל גוט־מאַכן דעם פעלער — „כאָטש גאָט איז מיין עדות, אַז איך בין ניט אינגאַנצן שולדיק אין דעם

קינדס אומגליק״ — פאַרענטפערט זיך ר׳ נפתלי פאַר זיין אייגענעם רעיון. ער ווערט אָבער דרייסט, ווען ער באַשליסט לסוף אַז „יעבור עלי מה!״ זי מוז אַהיים געבראַכט ווערן. ער וועט באַגיטיקן לייבעלען מיט דוואָסיען. ער וועט זיי אַפילו צוזאָגן אַ האַלב יאָר שכר, און זאָלן זיי זי אַהער ברענגען, און זיין מיט איר אַ פּאָר שעה אין טאָג, אײדער זי וועט זיך צוגעוואוינען צו איר אַלט־נייער היים.

און — אין אַ שיינעם טאָג האָט מען די מיידל אַהיים געבראַכט. די שטאָט האָט זיך געוויגט. שטילע שמועסן האָבן זיך בסוד־סודות געוועבט אין די היימען, אין די בתי־מדרשים. מ׳האָט געזען אין דעם עפּעס אַ גאָט־זאַך. ס׳אַ השגחת הבורא — האָבן אידן געשמועסט און געצויגן די אויגן אַרויף... עס איז זיכער אַז אין די שמועסן האָט מען ניט געזוכט קיין חטאים אויף ר׳ נפתלין. פאַרקערט, מען האָט גאַר געזען אין דעם אַן אצבע אלקים; וואָס ר׳ נפתלי גייט איצט יום ולילה אין בית המדרש דאַוונען. שרהלע גייט אַרום דער געשטראָפּטער, ווי אַרום אַן אייגן קינד. דאָס זאָגן אַפילו עדות די יונגוואַרג. זיי קוקן אַריין דורך די שפּאַרונעס פון פּאַרקאַן און זיי זעען ווי שרהלע שפּאַצירט מיט דער שטילער יתומה, וואָס שעפּטשעט נאָר מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט תפילה געטאָן צום בורא עולם. זי, שרהלע, רעדט צו איר פּשוט און פּראָסט, הייסט איר זיך גיין וואַשן, און אָנטאָן. אַמאָל מוז זי זיך אַ בייזער טאָן אויף איר, ניט צוליב רשעות, חלילה. אַמאָל שטייען זיי ביידע לעבן איר, אי ר׳ נפתלי, אי שרהלע. זיי ווילן איר תופס זיין. מען קוקט זיך אָפּט איבער בעת זיי דערזעען אין איר עפּעס אַ רמז, אַ פינטל מיט אַן אויג. זיי דוכט זיך, אַז אפשר פּאַרט וועט עפּעס געשען אַ נס!...

אַזוי־אַ גייען די יאָרן. ר׳ נפתלי איז שוין אַ שוכן עפר, אָבער זי, די יתומה, האָט ער פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן. מען היט זי אָפּ, און זי לעבט זיך אין איר ווערטל, אַרומגעצאַמט אין גרויסן פּאַרקאַן. איר גוף איז געזונט, איר פּנים — לויטער, אָבער אירע אויגן וואַנדערן אַרום. מי יודע אין וואָס פאַר אַ וועלט זי איז? — און ווען עס געלינגט די יונגוואַרג זיך אַריינכאַפּן אין דעם פּאַרקאַן, אַמאָל אויפּראַמען אָדער אויסקערן מיט דער גנעדיקייט פון דער גוטער שרהלע, און זיי באַגעגענען די מעלאַנכאָלישע פיגור, און זי שטרעקט אויס די האַנט צו זיי אויף שלום, פילן זיך די קינדער אין זיבעטן הימל. עס איז שוין ניט וויכטיק די פּאָר קאָפּיקעס וואָס זיי באַקומען פון דער גבירטע פאַר ריין־מאַכן דעם פּאַרקאַן, נאָר וויכטיק איז, וואָס זיי באַגעגענען זי, די אומגליקלעכע טרוימעריך. און אַ רחמנות געפיל דערוועקט זיך אין זיי, וואָס אַזאַ געשטאַלט, אַזאַ צנועיש פּנים, דרייט זיך אַרום אין הויף איינע אַליין, ווי אין אַ טומאַן און קיינער קען איר ניט העלפן. זי איז, הפּנים, פאַרמשפּט זיך אַרומצובלאָנקען אונטער פיר ווענט אין דעם הולך פון אַ מאַנאַשקע, ווי אַ שאָטן, וואָס וויגט זיך טאָג און נאַכט, און שפּיגלט אָפּ דעם ביטערן שיקזאַל פון אַ צעריסן לעבן...

# מיינע מלמדים

## א. משה שטעמפּעל

ווער ס'איז אַן אוקראַינער געבוירענער, דער ווייסט געוויס, אַז אין פּאָדאָליער גובערניע געפינט זיך אַ שטעטל בשם פעלשטין, וואָס האָט אַמאָל, נאָך פאַרן חורבן אייראָפּע, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אידישן לעבן. האָט פאַרמאָגט גרויס עשירות, ווי, למשל, דאָס בית המדרש, די קלויז, צוויי חסידישע קלייזלעך און דער עיקר: די זעלטענע גרויסע קאַלטע שול. דריי בתי תפילה האָבן זיך געטוליעט איינע אין דער צווייטער צופוסנס פון שטאָט, ניט ווייט פון מרחץ, וואָס איז ממש געהאַנגען ביים ברעג טייך, ווי אַ גרענעץ צווישן אידן און ניט־אידן.

לויט אונדזער פעלשטינער מאַפּע, האָבן זיך די אידישע היימען, געפונען דווקא אין מיטן שטאָט, אָן אַ בוימל, אָן אַ גרעזל. די שטיבער זיינען מערסטנס געווען איינגעהויקערטע, מיט שטרויענע דעכער. די גבירישע הייזער האָבן שוין געהאַט דעכער מיט „טשערעפּיצעס”. אָבער די ווינטן האָבן ניט געשאַנעוועט ביידע היימען, און פּונקט ווי די בורעס האָבן געריסן די שטרויענע סנאָפּעס פון די דעכער, אַזוי האָבן זיך טשערעפּיצעס געריסן פאַר דער צייט. ווייניקסטנס, אַזוי האָבן אידן גערעכנט. זיך געטומלט קעגן דער השגחה וואָס רייסט ביי זיי אַרויס אַפילו די טשערעפּיצעס פון די דעכער, בעת אין דער אמתן האָט זיי אָט־ערשט מיכל מוליאר פאַריכט. אָט ערשט־אָ — האָט געקענט מיינען ביי אַ פעלשטינער אידן — אַ יאָר צוואַנציק...

און אָט אַזוי־אָ האָט זיך געפירט אַ אידיש לעבן. דאָס מרחץ האָט געברענט כמעט אַלע עטלעכע יאָר, דער שטרויענער נידעריקער דאַך האָט ממש געלעכצט נאָך אַ שטיקל שריפה, ווי עס האָט זיך געבעטן ביי קהל — שוין צייט צו באַנייען... דאָס גליק איז געווען, וואָס דער טייך איז געווען ווי גרייט פאַר די פייער־לעשער צו געבן וואַסער אויף לעשן די שריפה...

און אַזוי־אָ, אפשר אַ יאָר פאַר מיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, נאָך בר־מצווה, האָט מען גוזר געווען מן השמים, אַז איין מאָל פאַר אַלע מאָל: פעלשטין דאַרף איבערבויען דאָס מרחץ. אויס שטרויענער דאַך! עס מוז געבויט ווערן אַ דאַך מיט טשערעפּיצעס, די שריפות זאָלן ניט האָבן קיין שליטה אויף דעם נייעם „געפלאַסטערטן” דאַך מיט די געברוינטע טשערעפּיצעס, וואָס האָבן פאַרנומען ס'אָרט פון הילצערנע שינדלען — און שטרויענע סנאָפּעס.

און לאָמיך שוין דערמאָנען, אַז עד היום בין איך געבליבן מיטן „היתכן?״ הלמאי פּעלשטין האָט ניט געהאַט אפילו איין שטוב מיט אַ שינדל־דאַך, ווי למשל אין סאַטענעוו, אָדער טשערנאָ־אָסטראָוו, אין מיקאַלאַיעוו. עס ווייזט אויס, אַז ליים איז געווען דאָס פּעלשטינער עשירות. מ׳האָט געבויט און איבערגעבויט די אַלטע און נייע היימען מיט באַכענצעס, געמישט פון שטרוי און ליים. יעדער פּויער אין שטעטל האָט געקענט די מלאכה. וועגן אַט דעם סאָרט מייסטער־בויער אליין וואָלט מען באַדאַרפט אָנשרייבן כאָטש עטלעכע קאַפּיטלען פאַר דער געשיכטע. אָבער, איך פיל, אַז אַזאַ פאַרנעם וואָלט געמיינט צוריק יונג ווערן און אָנהויבן מאָלן מיין שטעטל מיט אַלע פּיטשעווקעס, פּונקט ווי איך האָב עס געזען אין פאַרלויף פון מיינע קוים פערצן יאָר לעבן. איך בין זיך מודה, אַז גאָר אָפט שלאָג איך זיך מיט דער דעה, וואו פריער אָנצוהויבן. עס לויפן דאָך פאַרביי אַזוי פיל בילדער, איינס נאָכן אַנדערן, וואָס שפּיגלען אָפּ בערך זיבן הונדערט יאָר לעבן זינט פּעלשטין איז אויפגעבויט געוואָרן. מי יודע ווער עס איז געווען איר אַרכיטעקטאָר? דווקא דאָס אָפּגעבן דעם צענטער פון שטאָט פאַר אַ אידישן ישוב, און די אומות העולם זאָלן די אידן אַרומרינגלען פון אַלע פיר עקן. אויף בערג און טאָלן, מיט אַזוי פיל זעלטענע גערטנער, דופּטיקע געדיכטע פּרוכט־ביימער, מיט פעלדער אַרום און אַרום, וואו מ׳האָט געאַקערט און געזייט; געבראַכט די תבואות, פערד און קי און שאָף אויף די יאַרידים, וואָס זיינען געווען פאַר פּעלשטין אַ שם דבר. פון די יאַרידים האָבן זיך אידן דערנערט. מ׳האָט געהאַט ביידלעך, הילצערנע, אין מאַרק. מ׳האָט געצאָלט ציינזן דעם אַקציזניק, מ׳האָט פון לעצטן געצאָלט פאַר די בלעטלעך („לייסענס״, ווי מען זאָגט אין אַמעריקע).

יאָ, פּעלשטינער יאַרידים, פּעלשטינער איינפאָר־הייזער, פּעלשטינער בתי־מדרשים, האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינם אידישן לעבן. עס פאָדערט זיך אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט צו שילדערן אין פּרטים וואָס מיין שטעטל האָט געמיינט פאַר די, בערך, צוועלף הונדערט נפשות מאחינו בני ישראל, וואָס אין פאַרגלייך מיט די פּויערים־איינוואוינער האָבן די אידן געציילט בלויז אַ פערטל פון דער פּעלשטינער באַפעלקערונג.

אויב איר ווילט וויסן, צי דער חשבון איז ריכטיק, וועל איך אייך טאַקע באַלד זאָגן, אַז איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. איך האָב דאָס שטעטל אויסגעמאָסטן, נאָך אין מיינע חדר־יאָרן, אפשר אַ מיליאָן מאָל... איך האָב אין דער שטיל כאָטש געוואָלט וויסן פאַרוואָס און פאַר ווען מיר זיינען אַזוי קליין אין צאָל, אין פאַרגלייך מיט די ניט־אידישע שכנים. אי דער שטיל האָב איך זיך געפרעגט: פאַרוואָס אַ פּשוטער פּויער פאַרמאָגט אַט די אַלע גערטנער און סעדער, שאָף און רינדער, קי און פערד, און מיר אידן בלויז די מ׳שטיינס געזאָגט איינגעהויקערטע שטיבלעך מיט די שטרויענע דעכער, וואָס ממש די ציגן און קי רייסן פון זיי שטיקער צו שטילן זייער הונגער? איך האָב נאָך אַלס קינד געפילט, אַז עפּעס איז דאָ ניט

יושרדיק, הגם איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז ס׳איז בלויז צוליב אַזאַ קלייניקייט: „גלות!״ און וואו, מיינט איר, האָב איך עס געלערנט? אַט הערט.

***

ווען איך בין געוואָרן אַ יאָר דריי אַלט, האָט דער פאָטער מיינער מיך אַליין אָוועקגעטראָגן צום דרדקי מלמד, בשם משה שטעמפּעל, (שוין אַ איד מיט אַ ווייסער באָרד), מיט ברייטע, געדיכטע ווייסע ברעמען און בייזע גרויע אויגן. און איך קאָן שווערן, אַז זינט איך האָב אים געקענט, האָט זיך אויף זיין פּנים קיין שמייכל ניט באַוויזן. ער איז שוין געווען אַריבער די זעכציק, אָבער אַ ברייט־געבויטער איד, אַ ביסל העכער פון מיטעלן וואוקס, די הויט זיינע — לויטער ווי ביי אַ קינד, מיט מאַסיווע און ברייטע געזיכטס שטריכן. אַלץ אין דער פּראָפּאָרציע: אַ ברייטע נאָז מיט ווייסע באַוואַקסענע האָר אויפן שפּיץ; ברייט־קנאָכיקע באַקן, באַוואַקסן מיט האָר העט אַרויף צו די אויגן, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געקוקט דורך ברילן, וואָס האָבן געקאָסט אַ פאַנצן פּערציקער, ס׳הייסט צוואַנציק קאָפּיקעס, איינגעהאַנדלט אין אַ פּראָסקוראָווער קלייט. אַלע יאָר, בעת ער האָט גע־דאַרפט בייטן זיין דערלויבעניש צו קנעלן מיט די קינדער, האָט ער געמוזט פאָרן קיין פּראָסקוראָוו און, אַגב, דאָרט בייטן זיינע ברילן. ער פלעגט אָפּט ווערן מלא כעס, ווען ער האָט זיי ערגעץ אַוועקגעלייגט און ניט געקענט געפינען און געמוזט טראָגן די אַלטע פּאָר ברילן, פאַרבונדענע מיט אַ שטריקל.

יאָ, ר׳ משה שטעמפּעל, מיין דרדקי מלמד, האָט ברוך השם געהאַט אריכות ימים, ער וואָלט אַפילו געווען געקענט לעבן העט־העט ביז מאה ועשרים שנה, אָבער אים איז באַשערט געווען צו ווערן אַ קדוש וטהור — ער איז געהרגעט געוואָרן פון אַ פּעטליוראַווער אין איינעם פון די פּעל־שטינער פּאָגראָמען, ווי עס איז פאַראייביקט געוואָרן אין דעם פּעלשטינער יזכור־בוך. דאָ רעדט זיך פון די גוטע, שטילע טעג, די יאָרן בערך 1900, ווען איך האָב פאַרזוכט דעם טעם פון די חדרים...

מיר דוכט זיך, אַז יעדעס קינד טראָגט מיט זיך דעם חותם פון זיינע קינדערשע חדר־יאָרן, דאָרטן האָט דאָס קינד פאַרבראַכט זיינע טעג ביז שפּעט אין אָוונט. סיי זומער, סיי ווינטער. אויב ניט מיט גוטן, איז געווען מיט בייזן... לאָמיר זיי, אונדזערע מלמדים, מוחל זיין פאַר זייערע זינד קעגן אונדז, וואָס מ׳האָט אונדז ממש געהאַלטן פאַרשקלאַפט אין הונגער און קעלט און פינצטערניש, בכדי צו וויסן אַז מיר זיינען אידן, קינדער פון גלות. און די איינציקע ירושה אונדזערע אין דעם שטיקל עולם הזה, איז די תורה הקדושה; די תורת משה. דאָס דאַרפן מיר לערנען און וויסן וואָס אַזוינס עס מיינט גאָטס געבאָט; מען דאַרף לערנען און חזרן און זיין נע ונד, אַבי צו פאַרשטיין דעם באַטייט פון לערנען, און קענען...

לכתחילה, ווי איר ווייסט, איז עס ניט געווען אַזוי גרינג. די מלמדים האָבן געלעבט אין אָרעמקייט און ענגשאַפט, אין דחקות, געפּאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. פון וואַנען זאָלן זיי געווען האָבן דעם כּוח, דעם מוט, דעם ישוב הדעת, אַז מען מוז ליידן פון די תלמידים. ווייל זיי האָבן געהאַט קינדערשן שכל, און אַנטווישונג אין זייער קרוע־ובלויאידיקער היים, פון דלות, אביונות, וכדומה... אַ קאָמבינאַציע, וואָס איז פאַר יונגוואַרג געווען אַ סם, און מסתמא, נאָך מער סם פאַר די מלמדים, וואָס האָבן פון גראָשנס שכר־לימוד זיך קוים דערנערט מיט זייערע בני בית.

און אָט ברענגט מיך דער טאַטע אינם איינגעוויקלטן טלית. ער לאָזט מיך אַראָפּ און גיט מיך איבער צו דעם רבין „משה שטעמפּעל", דעם מלמד פון איבער הונדערט קינדער. איך בין שוין געווען דער דריטער תלמיד זיינער פון אונדזער הויז. די עלטערע צוויי ברידער מיינע זיינען שוין געגאַנגען צו לייב פאַלעקס, אַפילו שוין געלערנט אַ שטיקל גמרא... לייב איז ניט געווען דער גרעסטער גמרא־מלמד, אָבער ער איז געווען אונדזערער אַ שכן. פּונקט אַנטקעגן אונדז האָט ער, לייב פאַליקס, שוין אויך אַ זקן, געקנעלט מיט זיינע צען תלמידים אין זיין נידעריקן שטיבל. בשכנות, רעכטס, און אין דער זעלבער שטוב, האָט געקנעלט הירשל לייב פאַליקס איידעם, מיט נאָך אַ חדר, מיט אַ כּתּה תלמידים בלויז חומש און רש״י, און אַ שטיקל פּרק און מעביר זיין די סדרה...

דער קול תורה פון די תלמידים פון ביידע חדרים אין דעם ענגן שטיבל האָט זיך ווי איינגעבויערט אין מיינע אויערן. לכתחילה, האָט מען מיך, אַלס אַ קליין קינד, אַריינגעפירט אין אָט דער שטוב מיטן געדאַנק, אַז אין די צוויי חדרים געפינט זיך די גרעסטע פרייד פאַר אַ קינד. בפרט, ווען מיינע עלטערע צוויי ברידער לערנען זיך דאָרט. אָבער, ווען איך בין אָנגעקומען צו מיין „בראשית" ביי שטעמפּלען, האָב איך ערשט דערפילט אַז עס איז דאָרט ניט אַזוי הימלעך, הגם, ר׳ משה האָט מיר געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און מיך איבערגעגעבן צום באַהעלפער, וואָס האָט אויך געהייסן משה. גראָד אַ בילד שיינער יונג, בלוט און מילך, מיט זעלטענע שיינע הענט און גרויסע ווייסע נעגל. עד־היום קען איך זיינע זעלטענע שיינע נעגל ניט פאַרגעסן. יעדעס מאָל ווען ער האָט געהאַלטן זיין טייטל און געלערנט דעם „קמץ אַלף אָ", האָבן זיך זיינע נעגל ווי אָפּגעשפּיגלט אין מיינע אויגן. איך האָב אים באמת שטאַרק מקנא געווען.

עס זיינען, אַגב, געווען צוויי דרדקי מלמדים אין שטאָט. דער צווייטער מיט אַ צונאָמען „אברהם קאַמבאַלע". טייל האָבן אים, לשם כּבוד, גערופן אברהם בער לייבס. צו אברהמען האָבן מיר ניט זוכה געווען צו גיין. מען פלעגט זאָגן, אַז דווקא אברהם איז אַ בעסערער מלמד ווי משה. אברהם, זאָגט מען, לערנט אַ בעסערע עברי ווי משה, אָבער זיי ביידע האָבן געהאַט געשוואוירענע תלמידים לדורות. אברהמס שטוב איז געווען אויף אַ באַרג,

אַ ביסל אַ באַקוועמערע שטוב, מיט אַ סך זון; בעת משהס איז געווען באַרג אַראָפּ, נידעריק, שוין איינגעהויקערט. די רביצין, די שטעמפּעליכע, איז געווען דווקא אַ הויכע אידענע, נאָך ניט גרוי, אָבער אויסגעדאַרט. פון פּאַרנט פון איר מויל האָבן אַרויסגעשטאַרצט צוויי גרויסע ציין. די איבע־ריקע זיינען שוין געווען קאַליע. אָבער אַ גוטע נשמה. זי האָט שטענדיק געשמייכלט, שטענדיק זיך געזאָרגט פאַר יעדן קינד. די ווייבער האָבן איר זייערע קינדער געטרויט און אָפט אין איר ניט פאַרגעסן. פורים־צייט פלעגט מען איר שיקן שלח־מנות. זי האָט דאָס כשר פאַרדינט, ווייל זי האָט אויך אַליין געהאַט, אַן עין הרע, פיר זין און צוויי טעכטער. זיי האָבן געירשנט דעם מאַמעס אויסזען: ווי אויסגעפּאַרעטע, שוואַרצאויגיקע, מיט גרויסע ציין פון פּאָרנט, אָבער באַחנטע חברה און ערנסטע. דער עלטסטער זון איז גאָר געווען אַ שיינער, אַ פּאַרשוין, וואָס האָט געדינט פּאָניען פונקט אין מיינע חדר יאָרן. ער איז דערנאָך אַוועק אין אַמעריקע און האָט מיט מיר געהאַט אַ שייכות אין די שפּעטערדיקע יאָרן, דורך אַ צופאַל אין בית המדרש, על חשבוני. אָבער די זין און טעכטער, בכלל, האָבן שוין געהאָלפן דעם טאַטן אין קנעלן; זיי האָבן שוין געטראָגן די קינדער אויף די אַקסלען אין חדר אַריין, אין רעגנס און אין בלאָטעס. ס׳איז געווען אַך און ווי צו אַזאַ לעבן, אָבער עס האָט דאָרט, אין דער נידעריקער שטוב, געראַשט און געטומלט מיטן „קמץ אַלף — אָ״, „פּתח בית — באַ״!...

דאָס קנעלן איז געווען אויף אַ לאַנגן טיש, ווי אין בית־המדרש, מיט שמאָלע לאַנגע בענק. צוויי באַהעלפערס האָבן מיטגעקנעלט, געטייטלט, געלערנט מיטן זעלבן נוסח וואָס דער רבי ר׳ משה. מיטן שטרענגן, איינגע־פונדעוועטן שטייגער ווי: אַ ציפּ, אַ קלאַפּ, אַ זעץ. ס׳האָט זיך באַטירלעך געווענדט אין יחוס, וועמענס קינד דאָס איז, ווייל די באַהעלפערס האָבן געגעסן טעג אין די היימען פון די תלמידים. איך געדענק עס אַליין, ווי די מאַמע מיינע ע״ה פלעגט דעם משהן שטאָפּן מיט הייסע קאַרטאָפל, פאַרמישט מיט הינערשן שמאַלץ און ער האָט „געכאַלאָסעוועט״ און שטאַרק הנאה געהאַט פון דער מאַמעס באַטעמטע מאכלים, הגם נישט קיין רייכע. אַזוי אַרום בין איך אַליין געווען אַ שטיקל מיוחס. חוץ דעם, איז געווען אַ סברא, אַז מיר האָבן זיך אָנגעקערט מיט דער שטעמפּליכע, און זי האָט השגחה געגעבן אויף אונדז ווען מיר זיינען געווען אין דרויסן.

דער „דרויסן״ איז געווען פונקט אַנטקעגן דעם חדר, אויף אַ בערגל, הינטער אברהם קירזשנערס איבערגעבויטער שטוב. דאָרטן אַנטקעגן, צוגלייך מיט די ציגן, האָבן מיר, קינדער, געגנאָסן פון דער זון און געגראָבן דאָס אייגענע גריבל. אין די גריבלעך האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער יחוס, און אָפט געבראַכט צו געשלעג צווישן די חברה אויפן בערגל ביז מ׳האָט גערופן צוריק אין חדר אַריין.

געלערנט מיט די קינדער האָט מען לויט דער ריי נאָך. דאָס לערנען

האָט געדויערט בערך פופצן מינוט מיט אַ קינד. סיידן מען איז אַריינגעפאַלן צום רבין אַליין. ער, דער רבי, האָט שוין ניט דורכגעלאָזט דעם תלמיד סתם מיט אַ קניפּ, אָדער אַ בוכטשע, נאָר האָט גלייך געשטעלט אין קונע; ער איז געווען גוואַלדיק שטרענג צו דער רביצין וואָס האָט אָפט געזוכט יושר ביים רבין, אָדער זכות אָבות. דער קאַנטשיק איז נישט אַרויס פון זיינע הענט. ער האָט זיך אָפט איינגעוויקלט אין זיין טלית־קטן, וואָס איז געהאַנגען ביז איבער די קני.

אויף ווי ווייט איך געדענק האָט ער נישט געטראָגן קיין קאַמזויל סיידן אין ווינטער — איבערן טלית קטן. זומער פלעגט ער גיין צוכראַסטעט. זיין גערדיכט באַוואַקסענע ברוסט האָט אָפּגעשפּיגלט שמשון הגיבורס גבורה. קיין וואונדער ניט, וואָס אים איז קיינמאָל ניט קאַלט געווען. די געדיכטע האָר אויפן קערפּער האָבן אים, אַפּנים, שטאַרק געוואַרעמט. אַפילו ווינטער־צייט פלעגט ער גיין דאַוונען אין אַ דינער בורקע, אָדער אין דער הוילער לאַנגע קאַפּאָטע.

פון וואַנען ס'האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ כוח, איז פאַר מיר שטענדיק געווען אַ רעטעניש, אַז ער פלעגט געבן אַ קניפּ האָט מען געקענט אויסגיין פון ווייטיק. ס'האָט אים נישט געאַרט וואָס אַ קינד וויינט. ער פלעגט עס דעמאָלט גלייך משלח זיין אין דרויסן ביז ער האָט עס צוריקגערופן נאָך אַמאָל צום „סמיק". און אַזוי־אַ האָט מען זיך צו אים צוגעוואוינט, ווי עס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, אַז דער רבי וועט מקיים פּסק זיין, אויב מען וועט ניט קענען די עברי. און מערקווירדיק, ער פלעגט ווערן אויפגעהייטערט ווען אַ קינד פלעגט יכולען; ווען איינער האָט באַוויזן, אַז ער האָט אַ שאַרף קעפּל. ער פלעגט זיך דעמאָלט צאַצקען מיט די גראַטענע תלמידים, זיי לויבן ביזן הימל אַריין, אַקוראַט ווי זייערע שאַרפע קעפּלעך איז צו פאַרדאַנקען זיין גאונות אַלס מלמד.

זיינע אייגענע קינדער, וואָס האָבן געוויזן סימנים פון לומדות, האָט ער זייער שטאַרק ליב געהאַט. גאָר שטאַרק ליב געהאַט האָט ער דאָס אינגסטע זינדל זיינס, יחיאלעק, וואָס איז באמת געווען אַ טייער, גראַטן אינגל, כאָטש אַ שוואַכער אין געזונט. ער פלעגט אָפט איינפאַלן. אָבער זיינע אויגעלעך און קוטשעראַווע האָר, שוואַרץ ווי פעך, האָבן ביי יעדן אַרויסגערופן צער, ווען ער פלעגט ווערן שלאַף. אין יענעם טאָג וואָס יחיאלעקל האָט געדאַרפט דעם רופא, האָט דער רבי נישט געלערנט מיט די קינדער פאַר צער. ער פלעגט זיי איבערלאָזן פאַרן באַהעלפער משהן מיט זיין זון בן־ציון, וואָס האָט פיין געלערנט און אויך געווען זיין באַהעלפער. שפּעטער־צו, האָט שוין געקנעלט זיין זון הערש־בער. אַלע דריי זין — בן־ציון, יחיאל און הערש־בער האָבן געהאָלפן דעם טאַטן קנעלן מיט די קינדער. אַחוץ דער בכור שלמה, וואָס איז שוין געווען אין אַמעריקע. ער איז גלייך נאָכן מיליטער־דינסט אַוועק אינם גאָלדענעם לאַנד.

שלמה, דער בכור, איז געווען אַ זעלטן געראָטענער, וואָס האָט אַפילו געקראָגן אַ „נאַגראַדע" פאַר מעדיצינישע אויסצייכענונגען. ער איז גע־קומען אַהיים ממש אַ פאָלנער רופא. ער האָט געדינט אין מעדיצינישן פאַקולטעט. אַ הויכער, אַ שלאַנקער, שוואַרצהנוודיקער בחור, מיט גע־קרויזטע האָר, פייערדיקע אויגן. אָבער נאָכן אַהיימקומען האָט ער שוין ביים טאַטן אין הויז ניט געקענט זיין. ער האָט אָבער אויך קיין מזל ניט געהאַט אין אַמעריקע — איז קראַנק געוואָרן, און — אויס שלמה... די שטאָט האָט זיך געוויגט בעת מען האָט זיך דערוואוסט. משה האָט זיך שטאַרק מצער געווען. די רביצין פלעגט דאַן רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער; געטענהט צו גאָט אַז ער האָט זי פאַרשעמט אַז ער האָט זי גע־שטראָפט בחינם, אַז ער האָט ביי איר אַוועקגערויבט איר אוצר.

שלמהן קען איך עד־היום ניט פאַרגעסן. ער האָט מיך אַמאָל, הייסט עס, אָפּגעמינטערט פון חלשות אין בית המדרש, ווען איך בין שוין אַלט געווען אַ יאָר אַכט. ער, מיט אברהם רופא האָבן געאַרבעט אויף מיר, געגאָסן שאַרפע טראָפּן אויף מיין ברוסט — מיך צו דערמונטערן. עד־היום האָב איך אַ סימן פון די שטאַרקע טראָפּנס אויפן ברוסט. פאַרוואָס איך האָב געחלשט — איז איצט ניט די צייט צו שילדערן. נאָר וויסן מעג מען, אַז אין דער אמתן האָב איך נישט געחלשט. איך בין געווען פשוט פאַריתומט, איינער אַליין. דער פאָטער מיינער איז נישט געווען אין שטאָט. די מאַמע איז שוין ניט געווען אויף דער וועלט... מיר איז געווען שלעכט. אַרומגעגאַנגען באָרוועס, בין אַריין אין בית המדרש און געטראָפן דאָרט בלויז איינעם, מאיר משה־לייב פאַליקס, זיצן ביי אַ גמרא און לערנען. ער פרעגט מיך: „בערעלע, וואָס איז מיט דיר? ביסט הונגעריק?" — „ניין", — האָב איך געענטפערט, — „מען האָט מיך געלאָזן אַליין. מ'האָט"... און אַזוי האָב איך זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן קאַלטן דיל פון בית המדרש. איך האָב געוואוסט, אַז ס'איז מיר גאָרנישט. נאָר איך בין געפאַלן, ווי ס'וואָלט מיר באמת געפעלט מיין מאַמע, אַז זי זאָל מיך אויפהייבן און זאָגן דערביי: „קינד מיינס, וואָס איז דיר? ס'זאָל מיר זיין פאַר דיר!" איז אָבער די מאַמע נישט געווען, דער זיידע אויך נישט. די ברידער זיינען געווען אין חדר. און אָט דער מאיר האָט מיך גענומען ראַטעווען. געריבן די שלייפן מיטן גאַנצן כוח, געמאַכט אַ גוואַלד, ביז ס'איז אַריין די שלמהכע די שמשטע און אַנדערע שכנים אַרום. באַלד האָט מען געבראַכט אברהם רופא און שלמה שטעמפעלס, דער אויסגעדינטער סאָלדאַט, דער כמו דאָקטאָר, און פרעגט נישט... אַז איך בין אַרויס פון זייערע הענט, אַז די שלייפן זיינען מיר נישט צעריבן געוואָרן, בין איך עד־היום אַ העלד. איך האָב געזוכט אַ לאָסקע פון עמעצן און זיך גאָר געמאַכט אַ שם אַז איך חלש. איך ווייס נישט עד־היום, וואָס מיט מיר איז אַזוינס געשען. איך געדענק בלויז, אַז נאָך מעריב איז אָנגעקומען דער טאַטע פון ערגעץ אַ יאַריד

און מיך אַהיים גענומען מיט גרויס עגמת־נפש. ער האָט זיך געערגערט וואָס ער קען ניט אַוועקפּאָרן פון דער היים אַפילו אויף איין טאָג.

דאָס וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן: משה שטעמפּל איז טאַקע געווען אַ ליבער מענטש. ממש אַן אַ גאָל, פּונקט ווי די מוטער זיינע, וואָס האָט געווינט און געקלאָגט און געאַרבעט דעם „וואָליק" מיט דער הילצערנער נאָדל. אַזוי פלעגט מען מאַכן די פיש־נעצן, געשטריקט פון פלאַקסענע פעדים, מיט דער פרנסה האָבן אַ סך פעלשטינער אָרעמע פרויען זיך באַ־שעפטיקט. זיי האָבן פלייסיק געשטריקט די נעצן פון צענדליקער אַרשינען גרויס, פאַר אַ גריוונע (צען קאָפּיקעס) אַן אַרשין. וועד ס'האָט ניט געזען די שטעמפּליכע מיט איר טאָכטער פעסיע אַרבעטן דעם „וואָליק", דער האָט ניט דעם אמתן באַגריף וואָס אַרבעטן מיינט. עס דוכט זיך מיר, אַז בלויז אין מיין שטעטל פעלשטין האָט מען געקענט אַרבעטן פלייסיק אַזעלכע נעצן. דער קויפער פון די נעצן איז געווען מעכל מאיר מענדלס דער רויטער. אַ בייזער איד, וואָס האָט געהאַט דריי פרנסות: איינע — ער איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין, קויפן אייער; די צווייטע — צוגעגרייט די נעצן אויף זאַפּאַס פאַר די פריצים, וואָס האָבן געהאַט טייכן מיט פיש צו כאַפּן; און די דריטע — האָט די מעכליכע פאַרקויפט מילך מיט סמעטענע און פיד־סמעטאַנע. אירע לאַדישקעלעך מיט זויערמילך און פיד־סמעטאַנע זיינען געווען אַ שם דבר. ער, מעכל מאיר מענדלס, האָט געהאַט אפשר פינף זין, גיבורים, מיט אַ בת־יחידה. אַלע האָבן געאַרבעט מיטן טאַטן אינאיינעם. און די אַלע דריי פרנסות האָבן אים נישט געמאַכט פאַר קיין עושר.

איך מוז זיך דערוויל צוריק אומקערן צו מיין „בראשית". (ווי שלום־עליכם פלעגט זיך שטענדיק בעטן ביים לייענער ער זאָל אים מוחל זיין פאַר זיין אָפּקערן זיך אין אַ זייט. שטענדיק האָט זיך דער גרויסער שלום־עליכם געבעטן מיט „נחזור לענין ראשון". איצט־אָ, ווען איך שרייב מיינע זכרונות, קומט מיר שלום־עליכם אַנטקעגן: איך וואונדער זיך שוין נישט למאי ער האָט זיך שטענדיק פאַרקירעוועט אין אַ זייט. ווי קען מען דען אַנדערש, ווען עס שפּאַרן זיך די העלדן פאַר דיינע אויגן כמעין המתגבר, אַז יעדעס ווינקל, יעדעס מענטשל שווימט אַרויף פאַר די אויגן מיט זיין דאָברי מזל... יעדער מענטש איז דאָך אַ וועלט פאַר זיך. יעדער ווינקל שלאָגט איר צייט און געשטאַלט. אַזוי איז מיט מיר איצט, ווען איך שרייב וועגן מיינע קינדער יאָרן, וועגן מיין פעלשטין, מיינע מלמדים וואָס האָבן געהאַט אַזאַ גוואַלדיקע השפעה אויף אונדז אַלע, צו גוטן, ווי צום שלעכטן.)

ווי קען איך פאַרגעסן דאָס איינגעהויקערטע הויז מיט דער לאַנגער קאַמער, וואָס האָט געהאַט צוויי אויסגעהאַקטע פענצטער אָן שויבן? מען האָט געזאָלט אַריינשטעלן שויבן, נאָר ס'איז אַפּנים קיין געלט ניט געווען

צו באַצאָלן דעם גלעזער... אַגב, איז די קאַמער געווען אַ צוגעבויטע, בכדי די קינדער זאָלן נישט דאַרפן ליגן הינטער אברהם קירזשנערס בערגל. מסתמא, איז אויך קיין געלט ניט געווען צו פאַרענדיקן דעם מ'שטיינס־געזאָגט גרויסן בנין. שפּעטער האָב איך דאָס מער באַגריפן, ווייל די זעלבע געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אונדזער אייגענער שטוב. אַזאַ חלל איז געווען אויסגעהאַקט אין אונדזער פאָדערהויז, בכדי צו מאַכן דאָרט אַ פענצטער. און פאַר יאָרן און יאָרן האָט מען, ווינטער־צייט, דעם חלל פאַרשטעלט מיט קעסטלעך און שמאַטעס, אַז דער שניי זאָל אַהין ניט אַריין. ווען איך אַליין בין נישט דער עדות דערפון, וואָלט איך נישט געגלויבט, אַז מיין אייגענער פאָטער האָט נישט געהאַט דאָס געלט פאַר אַריינשטעלן אַ פענצטער אין פאָדערהויז און געלאָזן די ווינטן מיט די שנייען בושעווען אין עק שטוב.

הגם, איך ווייס דעם אמת, אַז אַ סך זאַכן האָבן באַדאַרפט זיין ביים טאַטן אַנדערש ווי זיי זיינען באמת געווען, אָבער אין יענער צייט, ווען איך האָב געלערנט ביי שטעמפּלען, האָבן די הוילע פענצטער געדינט ווי אַ וועלטל פאַר זיך: מיר האָבן אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו דער גאַס...

דורך די אָפענע פענצטער האָבן מיר געהערט וואָס עס טוט זיך ביי אלתר וואַסערפירער און ביי ישראל קלאַפּ, שכנים צו צפון און דרום.

אלתר וואַסערפירער איז געווען אַ חכם אַ איד. האָט ליב געהאַט קינדער. האָט אַגב געהאַט צוויי ווייבער מיט קינדער פון זיי ביידע. ער פלעגט אָפּקויפן פערד, קאַליקעס ממש און זיי אויסהיילן. דאָס איז געווען זיין צווייטע פרנסה. זיין וואַסער שלעפוואָגן האָט גערייצט יונג און אַלט. מיר פלעגן שוין וואַרטן ביז ער איז אַהיים געקומען און אויסגעשפּאַנט זיין סוס, וואָס איז געווען שטענדיק ווי אַן אַגער. ער פלעגט זיי קלייבן, ווי ער וואָלט געווען זייער גואל. ער איז געווען באמת אַ מין פערד דאָקטאָר, אַ מעקלער און בעיקר — אַ וואַסער־פירער. ער האָט אויך געהאַט דריי פרנסות. אָט דער אַלתר איז געווען אַ פאַרשוין, וואָס האָט באמת געגאַסן תענוג פון זיין אָרעמקייט. ער האָט געהאַט זעלטענע שיינע בחורים. אלע זיינען געוואָרן בעלי־מלאכות, סטאָליאַרעס. ער, ווידער, האָט מיט זיי געקנעלט אַז צו זיין אַ וואַסערפירער איז אַ קונסט; אַז אַ סטאָליער איז סתם אַ סטאָליער... אַז וואַסערפירער זיינען גאָר געבוירן געוואָרן מן־השמים, צו זעטיקן דעם דורשט פון בשר ודם. אָן וואַסער וואָלט די וועלט ניט געהאַט קיין קיום, וכדומה. אַגב, איז דאָס געווען ביי אים אַ וויץ, אָבער ער האָט זיך געשפּיגלט אין זיינע פערד וואָס ער פלעגט אויסהיילן און זיי פירן שפּאַצירן ווי זיינע חשובסטע קינדער. ער פלעגט זיך אַמאָל צערעדן וועגן דעם זין פון די בעלי־חיים... און עד־היום מוז איך אים שטענדיק דערמאָנען. אלתר וואַסערפירער איז געווען די זאַפּט פון פעלשטין...

דאָס זעלבע מוז איך זאָגן וועגן דעם צווייטן אידן — ישראל קלאַפּ, (אַ צונאָמען אַזאַ. יעדער האָט געהאַט אַ צונאָמען אין פּעלשטין, אַחוץ גבירים, זיי האָט מען גערופן „פּאַ אַטיטשעסטוואָ“, לויטן פֿאָטערס צווייטן נאָמען. למשל, מיר האָבן געהאַט פּעלשטינער גבירים, מאָניש ברענמאַן, אייזיק גנעדיס, יאַנקל מעליס, וכדומה. אָבער בכלל איז עס געווען אַ חוק ולא יעבור, אַז אָן אַ צונאָמען איז עס ניט געגאַנגען...)

און „סראָעל קלאַפּ“ האָט געקלאַפּט די הילצערנע שטיפטן אין די פּאָדעשוועס אין זיין שמאָל קעמערל, וואָס ער האָט געהאַט לעבן שטעמפּעלס שטוב. מי יודע ווי די צוויי שטיבער האָבן זיך צונויפגעפּאָרט, קוים מיט אַ שמאָלינקער הילישקעלע, וואָס איז דערנאָך אַריינגעצויגן געוואָרן צו ישראלס וואַרשטאַט ווען שטעמפּעל האָט ניט געקענט זאָגן אַ וואָרט, אָדער זיך קריגן מיטן שכן פֿאַר צונעמען אַ פֿאַס ערד. („קוילע מיר די גענדז“). ישראל האָט געטענהט, אַז דאָס הילישקעלע איז זיינס, און, היות ער דאַרף עס זיין טאָכטער שבע און זיין בן־יחיד יאָסל ווערן גרויס, זיי קענען מער ניט זיין אין איין אַלקער, איז, בכן, אַ קלאַפּ אַהין און אַהער, און די רעשטאָוואַניע איז אַ גאַנצע. און ישראל קלאַפּט ווייטער די פלעקער אין די פּאָדעשוועס, האָט אַלץ אַ שם פֿאַרן בעסטן שוסטער. זיינע אַ פּאָר קאַמאַשן זיינען טאַקע געווען אַ שם דבר. עד־היום בויערט מיר דער קאָפּ ווי אַזוי אָט דער ישראל קלאַפּ, וואָס איז געווען איינער פון די תהלים־זאָגערס און זיך געהאַלטן פֿאַר אַן אויסגעדינטן סאָלדאַט מיט אַ „נאַגראַדע“ פֿאַרן שיסן, האָט געקענט איינזיצן אויף זיין נידעריקן פוסבענקל און מאַכן אַזעלכע זעלטענע קאַמאַשן און געפּאַסטע שטיוול, אַז זיין גאַנצער געבוי האָט שטענדיק זיך געהויבן אין גאַלאָפּ: אַן אומרו, אַ קוועקזילבער!

זיין ציגאַר טיטון האָט געמוזט זיין „קרימסקי קרעפּקי“. אָן אַ ציגאַרעטל האָט ער זיך ניט אַ ריר געטאָן. ער איז שוין געווען אַ מענטש אין די פופציקער. ווייסגרוי, זיין פּאַטילניצע האָט נאָך געוויזן סימנים פון די אַמאָל פעך־שוואַרצע האָר. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַן אַלמן. זיין טאָכטער שבע האָט געבאַלעבאַטעוועט און געקאָכט די געשמאַקע מאכלים פאַרן טאַטן. ווען ישראל פלעגט זינגען אַ זמרל, ווי פון דער נאַכט אַרויס, האָבן מיר קינדער זיך אַ לאָז געטאָן צו הערן אים. ער פלעגט אונדז טרייבן און אַפילו אַ זאָג טאָן: אַ רוח אייך אין דער מאַמען אַריין, גייט אין חדר אַריין! געמיינט האָט ער ניט די קללה באמת, ווייל אויב שעלטן אין פּעלשטין, האָט מען דאָ געשאָלטן אין טאַטן אַריין. די אידן וואָס האָבן געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין, איז געווען אַ סימן, אַז די קללה איז גאָר אַ ברכה.

ישראל קלאַפּ איז, אגב, געווען אַ מיוחס צווישן די שוסטערס. זיין אויסזען, זיין גלייכער גאַנג אויפן שפּאַציר אין מאַרק מיט זיינע קאַמאַשן מיטן סקריפּ, האָט אָנגעזאָגט, אַז ישראל קלאַפּ גייט. ס׳ערשטע האָט

אָפּגעקלאַפּט זיין טראָט ווי אויפן האַרטן שניי, סקריפּ־סקריפּ... און ר׳ ישראל דערשיינט מיט זיין געפּאַסטן הולך, הגם שוין אַלטע מלבושים, אָבער אָפּגעבאַרשט און געפּאַסט פּינקטלעך צו זיין פיגור.

כידוע, פלעגן זיך אין פּעלשטין די שניידערס און שוסטערס בייטן מיט זייערע „גאונות״. אַ שניידער וואָס האָט, למשל, געדאַרפט אויפנייען אַ מאַנטל פאַר אַזאַ אידן ווי ישראל קלאַפּ, וואָס האָט, זאָגט מען, אין די יונגע יאָרן געבערנט אַ וועלט, האָט שוין געהאַט די לאַסקע ביי די שניידער־געזעלנס, אַז זיי זאָלן אים אויפנייען זיינע מלבושים „טשטאָ ניבוד אָסאָביענאַ״... דאָס אייגענע איז געווען מיט שיך, אָדער שטיול פאַר די שניידער. און ווען ביידע, אלתר וואַסערפירער מיט ישראלן פלעגן זיך אין אַ פּאַרנאַכט באַגעגענען אויפן וועג אין שול אַריין פאַר מנחה און מעריב, האָט מען זיך נישט געקענט אויסגלייכן מיטן יחוס... אלתר האָט באַוויזן ישראלן, אַז ער קען זיך קיינמאָל מיט אים ניט חברן ווי אַן אמתער שכן, סיידן אין באָד. דאָרטן, הייסט עס, זיינען מיר ביידע ווי גלייכע מחותנים, ווי די מאַמע האָט אונדז געהאַט. אָבער אין דרויסן ביסטו מיר עפּעס צו פיל „פּאַניטש״. אַלץ גייט ביי דיר צוגעפּאַסט. איך גיי אָנגעטאָן אין שטיוול און דו — אין קאַמאַשן; איך טראָג אַ קאַשקעט, דו טראָגסט אַ „זשאַקעיעקע״; איך האָב אַ שלעפּוואָגן, כ׳פיר וואַסער און דו טרינקסט עס אויס...

אַזוי האָט אלתר זיך שטענדיק דערלויבט אַ שטאָך צו טאָן זיין חבר און שכן ישראל קלאַפּ, וואָס האָט באמת אָפּגעלעבט אַן אָרעם לעבן אין פּעלשטין. אַזאַ קינסטלער וואָלט דאָך געקאָנט אפילו אָנשפּאַרן ביים קיסר. און דאָך האָט זיך ישראל געהאַלטן אין פּעלשטין מיט זיינע שכנים, מיט זיין חברה תהלים, ווען אַפילו אין אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושים, אָבער ער הייסט אַלץ „סראָעל קלאַפּ״.

דער נאָמען איז נישט געווען לגנאי, ווייל ישראלס עולה תורה זיין איז נישט געווען אַבי אַ ברכה. מען מוז וויסן, אַז ישראל איז ערשט געוואָרן אַ שוסטער־יונג אין די שפּעטע יאָרן. ווייניקסטנס, אַזוי גייט די געשיכטע. די שוסטעריי איז אים נישט געווען צום האַרצן, אָבער ער האָט געמוזט זיך לערנען אַ מלאכה. און שוסטעריי איז דאַן געווען חשובער ווי שניידעריי. האָט ער זיך געלערנט ביי מנשה שוסטער. און אַזוי האַלטנדיק דעם האַמער אויף אַ פּאָדעשווע האָט אים גענומען צו לאַנג אַריינצוקלאַפּן די שטיפטלעך, האָט זיין באַלעבאָס אַ געשריי געטאָן: — נו, סראָעל, קלאַפּ! און אַזוי־אַ האָט עס דעמאָלט אָפּגעקלונגען מיט זיין שם טוב... — סראָעל קלאַפּ. און ער איז אַזוי פאַרבליבן מיט זיין צונאָמען. קיינער האָט אין שטאָט ניט געוואוסט ווי זיין פאַמיליע־נאָמען איז, ווייל ישראל האָט זיך קיינמאָל ניט געדאַרפט אונטערשרייבן; איז קיינמאָל ניט געווען קיין עדות ביי אַ גט, אָדער ביי אַ דין־תורה. סיידן דער אוראַדניק אָדער פּריסטאַוו האָט אים אַמאָל „געטערעבעוועט״ צו מאַכן אַ פּאָר שטיול. זיי האָבן שוין געוואוסט

זיין אמתן נאָמען, ווייל צו מאַכן „קאַזיאַנע" שטיוול האָט נישט געקענט זיין אַבי ווער עפּעס אָן אַ נאָמען...

שיין איז געווען ווען אלתר מיט סראָעלן און משה מלמד פלעגן זיך באַגעגענען ביים גיין דאַוונען. ערשט דאַן פלעגן זיך די דריי שכנים דערקענען... משה האָט ניט געקענטביישטיין דעם נסיון וואָס ער איז עפּעס ווי אַ פרעמדער צווישן זיי. ער האָט זיי מקנא געווען, וואָס זיי איז שטענדיק גוט און ער איז שטענדיק פאַריאָגט. שטענדיק מיט די תלמידים וואָס נעמען אים די לעבער... ער האָט באמת מקנא געווען די צוויי אידן וואָס האָבן עולם הזה, און ער — וואָס, ווער, ווען? אַ דרדקי מלמד, וואָס איז ביי יעדן ווי אַ „ווישקראַב"...

האָב איך עפּעס ווי געפילט צו האָבן מיטלייד אויף דער שטעמפּעל פאַמיליע. בעיקר פלעג איך באַדויערן די רביצין וואָס האָט שוין קיין ציין נישט געהאַט, אַחוץ די ציין פון פאַרנט. זי פלעגט קאָכן און באַקן דאָס ראָזעווע ברויט און בראָטן די קאַרטאָפליעס אויפן נידעריקן אויוון. באַרשט מיט קאַרטאָפליעס איז געווען דאָס גרויסע געקעכץ אירס, וואָס האָט געהאַט אַלע טעמים. ובפרט, אַז זי האָט געדעמפּט אַ לונג און לעבער אין אַ מיטן מיטוואָך. דאָס איז דאָך גאָר געווען אַ גאַטס געשאַנק...

עס איז שוין געווען דער לעצטער זמן מיינער. שוין געהייסן אַ בחורעץ פון זיבן יאָר. איך האָב שוין דאַן אָפּגעזאָגט קדיש נאָך דער מאַמען צוגלייך מיט די עלטערע צוויי ברידער... ר' משה פלעגט מיך היטן, איך זאָל חס ושלום נישט פאַרפעלן אַמאָל אַ קדיש. דאָס אייגענע, די שטעמפּליכע, די קרובה אונדזערע... זי פלעגט אָפּט אונדז אָפּשטאַטן אַ וויזיט. אויסרעדן דעם טאַטן, אַז ער איז נאָך אַ בר מזל, וואָס ער האָט טייערע קינדערלעך, איינס און איינס, מיט טייערע קעפּלעך. זי האָט געוואָלט שטאַרק וויסן צו וועמען, איך, זיין בערל, וועל גיין אין חדר; ווער וועט, הייסט עס, זיין מיין צווייטער מלמד. זי האָט, נאַטירלעך, גענומען אויסרעכענען די שטאָט־מלמדים, און זיך אויסקלייבן איר סימפּאַטישסטן מלמד. זי האָט שטאַרק מקפּיד געווען אויף מלמדים וואָס שלאָגן נעבעך די קינדער... ווי אַ רמז, אַז קינדער קומען נעבעך אָפּ אין די חדרים. און ווען זי האָט דערהערט, אַז איך גרייט זיך גיין צו משה־יעקבן, האָט זי, נעבעך, באַדויערט, וואָס איך וועל האָבן דאָס זעלבע גליק, וואָס אירע קינדער האָבן געהאַט ביי משה־יעקבן... ער איז דאָך אַ געפערלעכער כעסן. „מרדכי!" — האָט זי מיט ווייטיק באַטאָנט. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער טאַטע האָט שוין צוגעזאָגט, און פאַרפאַלן.

אַזוי האָב איך זיך אָפּגעזעגנט מיט דער שטעמפּעל משפּחה, מיט דעם טאַראַראַם, מיט ישראל קלאַפּס היינטערשטוב, מיט אַלתר וואַסערפירערס „אימעניע" און בין אַריין העט־העט אין דער הינטערגאַס צו מיין נייעם רבין משה־יעקב, וועגן וועלכן איך וועל, בעזרת השם, שרייבן אַ ניי קאַפּיטל.

איך מוז אָבער, צו מיין גרויסן באַדויערן, נישט אויסבאַהאַלטן מיין צער, וואָס אָט דער רבי מיינער, פון מיין בראשית, האָט געקענט נאָך לעבן און לעבן: ער האָט שוין געהאַט קינדער אין אַמעריקע און זיי האָבן אים נישט פאַרגעסן. ער איז זיך געגאַנגען דאַוונען אין זיין בית המדרש, זיין שטוב איז דורך די יאָרן, פאַרריכט געוואָרן, ער האָט אַלע קינדער חתונה געמאַכט. אָבער, עס איז אים ניט באַשערט געווען אויסצולעבן זיינע גע־שענקטע יאָרן: די פעטליוראָוועצעס האָבן אים, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פעלשטינער אידן, אויסגעהרגעט. מ׳האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון בית המדרש, איינגעהילט אין טלית, מיט שמע ישראל אויף די ליפּן און צוזאַמען מיט די אַנדערע איז ער צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין איין ברודער־קבר לעולם ועד.

זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אינם יזכור־בוך — פעלשטין, אין די — „ואלה שמות הקדושים, אנשים, נשים וטף שנהרגו על קידוש השם בעיר פעלשטין, ביום י״ח אדר א׳, תרע״ט. תנצב״ה״. מיט יראת הכבוד שרייב איך דאָס קאַפּיטל. זאָל ער דאָרטן רוען אין ליכטיקן גן־עדן.

## ב. משה יעקב

איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיט מיין רבין „משה שטעמפּעל״ און מיט דער רביצין. זי האָט באַדויערט מיין אַנקומען אין חדר צו משה־יעקבן, דעם כעסן. איך האָב שוין דעמאָלט קיין מוטער נישט געהאַט, געווען קנאַפּע אַכט יאָר אַלט, און שוין אָפּגעזאָגט אַ יאָר קדיש נאָך מיין מאַמען ע״ה. דאָס זאָגן קדיש מיט מיינע אַנדערע עלטערע ברידער, אין חברותא מיט אַנדערע אבלים, האָט מיך געמאַכט זיך פילן עלטער ווי איך בין געווען... איך האָב שוין דעמאָלט זיך געדונגען מיט די אַנדערע קדיש־זאָגער פאַרן עמוד. אַ טראַדיציע אַזאַ ביי פאַנאַטישע אידן. און צוליב דער פּאָליטיק לשם שמים, האָב איך שוין געקענט זאָגן אַ דעה צווישן בית־המדרש אידן, זיי האָבן מיר שטענדיק געגעבן רעכט: „גיי, גיי בערעלע צו צום עמוד, זאָגן קדיש; שרעק זיך נישט, מאָרגן וועט זאָגן קדיש ביים עמוד וועלוול מאָשקעס.״

ווי די השגחה וואָלט דערפירט, אַז צוויי פאַמיליעס זיינען מיר געוואָרן אבלים גאָר יונג. יענע צוויי ברידער האָבן זיך געפילט אַזעלכע מיוחסים ווי מיר. זייער מאַמע איז אויך געווען ניט אַבי ווער... און פונקט נאָכן קדיש זאָגן בין איך אַריין אין משה־יעקבס חדר פון צען תלמידים. זיין שטוב איז געווען העט אַרונטער, ביים עק שטאָט, צום צפון, אין שכנות מיט די פויערשע שטיבער. אָבער די טיר איז געווען צו דער אידישער גאַס, וואו מיט צען שטיבער ווייטער איז געשטאַנען דאָס קלייזל, וואו עס פלעגן אַמאָל דאַוונען דער באַזעליער, און קוניעווער רביים. הגם אין אמתן האָט דאָס קלייזל זיך פאַררעכנט אַלס דער מקום קודש פון די הוסיאַטינער

חסידים. אַ קלייזל, לאַנג און שמאָל, גאָר ניט מיט אַזאַ רחבות ווי די אַנדערע בתי מדרשים, וואָס זיינען געווען פירעקיק, מיט ברייטע פענצטער. דאָס קלייזל האָט ביי מיר ניט שטאַרק אויסגענומען. אָבער מיין רבי משה־יעקב האָט דאָרטן געהאַט זיין „שטאָט״ און געזאָגט דעות. ווייל קיין סך לומדים איז אין קלייזל נישט געווען. און אַמאָל, ווען דער רבי פלעגט האָבן יאָרצייט, האָט ער אונדז תלמידים געפירט אין קלייזל אַריין, אים העלפן דאַווענען און זאָגן „יהא שמיה רבא״ ביים קדיש. ער פלעגט אין זיין יאָרצייט דאַווענען מיטן צווייטן מנין, און זיין ווייב עטיטשקע פלעגט אָפּבאַקן פלעצ־לעך, און קויפן אַ שטאָפּיקל בראַנפן פאַר די מתפללים. אַזוי ווייט, אַז מיר זיינען מיט אים געווען אין קלייזל שיר ביזן אָנבייסן... איינע פון די פריילעכסטע טעג פאַר אונדז תלמידים... פשוט, ווייל מען איז געווען באַפרייט פון לערנען.

בכלל איז משה־יעקב געווען אַ זעלטן שיינער מענטש. ער איז שוין געווען ווייס־גרוי. זיין לענגלעך גרויע באָרד, און פינקלדיקע ברוינע אויגן, און לענגלעך געשניצט פּנים, האָבן פאַרגעשטעלט אַן אמת ביבליש־געשטאַלט, אַ טיפּ פון פאַרצייטנס. מיט זיין הויך געשטאַלט און „סטראָיני־קייט״, (הגם שוין אויסגעדאַרט), האָט ער פונדעסטוועגן אַרויסגערופן דרך־ארץ. בעיקר, אין אַ שבת אָדער יום־טוב, ווען ער פלעגט אָנטאָן זיין ראָזעוואָלקע, פון אויבן פריי ווי אַ ראָטאָנדע און אַוועקגיין אין בית־המדרש. דאָס פלעגט ניט געשען אַזוי אָפט, סיידן ס׳איז אַריבערגעקומען דער זינ־קאָווער אָדער דער מעזשיבעשער רבי. דעמאָלט, פלעגט ער קומען דאַווענען אין בית־המדרש. קיין צו גרויסער חסיד איז משה־יעקב נישט געווען, סיידן ווען ער האָט געשמועסט וועגן הוסיאַטינער... און שמועסן האָט משה־יעקב געקענט! ער פלעגט רעדן הויך און באַפעלעריש אַפילו צו עלטערע...

משה־יעקב האָט אָבער זיך ניט גערעכנט אַלס דער גרויסער גמרא־מלמד. הגם איך קען באַשטימט זאָגן, אַז ער האָט געקענט אַ סך מער ווי די אַנדערע מלמדים, וואָס האָבן געלערנט מיט עלטערע קינדער אַ בלאַט גמרא. ער איז געווען פון די מלמדים וואָס האָט ליב געהאַט דאָס קליינוואַרג. איבער דעם קליינוואַרג האָט ער געקענט געוועלטיקן. זיין וואָרט איז געווען אַ דין. ער האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן וויסן וואָס ס׳מיינט דרך־ארץ פאַר אַ רבין, אויב נישט, איז געווען ביי אים אַ מין שטעקן מיט אַ גאַלקע, וועלכער איז געווען אונדזער מלאך־המות. קיין קאַנטשיק האָט ער נישט גענוצט. אַ קאַנטשיק איז בלויז פאַר קינדער... זיינע תלמידים טאָרן שוין קיין קינדער נישט זיין...

ערשט איצט, ווען איך מאַך דעם סך־הכל פון מיינע מלמדים, סומיר איך, אַז משה־יעקב, הגם ער איז געווען אַ קלוגער איד, אַ פאַרשוין, האָט ער אָבער נישט געהאַט קיין שום טאַקט ווי אָנצוגיין מיט זיינע תלמידים. ער פלעגט זיך ערגערן ביז גאָר, ווען עס איז געקומען דאָנערשטיק, און

מען האָט ניט געקענט פּאַרטייטשן ריכטיק די סדרה און דאָס בלעטל גמרא. ער האָט נישט איינגעזען, אַז מיר זיינען נאָך קינדער. זיין קורצער אָטעם האָט אים אָפּט אַוועקגעלייגט אין בעט אַ קראַנקן. און אַזוי־אַ, קראַנקערהייט, האָט ער מיט אונדז געלערנט. קוים וואָס ער האָט געדעכעט... אָבער זיין געהער איז געווען אַ זעלטנקייט! ער האָט ניט געקאָנט ליידן ווען איינער פלעגט לערנען אונטער דער נאָז... ער האָט זיי געשטעמפּלט ווי אָפּ־נאַרערס. פאַר דעם רעדן אונטער דער נאָז האָט דער תלמיד געכאַפּט פּעטש, אַפילו ווען ער איז געלעגן אין בעט קראַנק. וואָרעם, ס׳חדר האָט פאַרנומען זיין גאַנצע שטוב, אַחוץ די קיך און אַ קאַמער, וואָס האָט געדינט פאַר זיין ווייב עטיען, וואָס פלעגט האַנדלען אין מאַרק מיטצוהעלפן אין דער פּרנסה. זי פלעגט קויפן הינער, גענדז, קאַטשקעס, אייער און זיי דערנאָך פאַרקויפן צו די גבירטעס פאַר אַ דרייער ריווח... זי האָט ניט געוואָלט באַרייסן. אויב זי האָט פאַרדינט אַ גריוונע אָדער אַ פערציקער אַ טאָג, איז זי געווען גליקלעך. חוץ דעם האָט זי געמוזט האָבן אַ מענטשן מיט וועמען צו רעדן ווייל משה־יעקב האָט זיך צו איר נישט געוואָלט צוהערן. ער האָט זי געהאַלטן פאַר אַ „פּלאַטשיקע״. אָבער אין לעבן איז זי געווען פּראַקטישער פון אים. זי איז געווען אַ גאַר ערלעכע. האָט געקרעכצט אויף יעדנס בראָך. און ווען עמיצער איז, חלילה, געשטאָרבן פאַר דער צייט, האָט זי געוויינט ביזן טאָג אַריין. — „וואו איז אונדזער גאָט, רבונו־של־עולם״, — האָט זי געפרעגט, סתם רעדנדיק צו זיך...

זי האָט געהאַט אַ זון, הירש וואָלף, מיט אַן אייניקל מאָטעלע. עפּעס איז געשען מיט איר שנור, און מאָטעלע איז געבליבן ווי אַ יתום, אַזוי, אַז זי, די באָבע, האָט אים געדאַרפט דערציען. מאָטעלע איז גראָד געווען אַ פעאיקער אינגל — און פּלוצעם איז ער קראַנק געוואָרן, געהאַט, ווי מ׳האָט געזאָגט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, אַ שקאַרלאַטינע. אָפּגעלעגן אין בעט אפשר דריי חדשים. אברהם רופא האָט גאָרנישט געקענט העלפן — און דאָס אינגל איז אויפגעשטאַנען פון בעט ווי אַ פּאַראַליזירטער. געוואָרן קרום, איין פוס איז אים עפּעס ווי קלענער געוואָרן... אָט די טראַגעדיע האָט זי נישט געקענט איבערלעבן. — ווי קען גאָט אַזוינס טאָן צו איר און צו איר זון הירש וואָלפן, וואָס איז שוין סיי ווי געשטראָפט אָן אַ ווייב, אָן אַ לאָסקע?...

דער מאָטעלע איז שפּעטער, דווקא מיטן קרומען פוס, געווען אַ ספּירט אַ אינגל. געהאַט דעם זיידנס פייער. געווען אַן אומן יד, אַ פעאיקער, פלעגט פאַרריכטן קאַלאָשן און זיך דערנערט, און אַפילו געהאָלפן דער באָבען מיט אַ זעקסער... אָבער פאַרן זיידן, מיין מלמד, איז דער זעקסער קיין טרייסט נישט געווען. ער האָט דאָס אייניקל שטאַרק ליב געהאַט און אַמאָל געזאָגט, אַז גאָט האָט אים ממש געגעבן קיצור ימים איבער דעם בראָך, וואָס זיין אייניקל איז אַ בעל־מום... ער האָט געשטיקט זיין שטראָף אין

זיך, בעת עטיע האָט אַרויסגערעדט איר ווייטיק, פאַר וועמען זי האָט נאָר באַגעגנט, האָט זי אויסגעוויינט איר מערכה...

זי האָט אָבער געהאַט אַ בת־יחידה וואָס האָט איר געדאַרפט געבן גליק, זי איז שוין געווען אַ כלה־מויד, אין יענע יאָרן. חיהלע משה־יעקבס, האָט מען זי גערופן. און אין אַלקער פון זייער וואוינונג האָט זי גענייט קאַפּאָטעס, און געמאַכט זיידענע בלוזקעס פאַר כלות און אויסגענייט העמדער פאַר חתנים. אַ זעלטן פּעאיקע „שוואַטשקע״ איז חיהלע געווען. זי האָט געשפּאָרט נדן פון איר אַרבעט. זי איז געווען געראָטן אין טאַטן, געהאַט זיינע פייער־דיקע אויגן, זעלטן שיינע האָר. אַן אמתע באַחנטע. איר דעליקאַטע פיגור און קלאָרע טונקעלע הויט האָט ממש גערייצט די תלמידים צו זוכן ביי איר אַ לאַסקע, ובפרט די עלטערע בית־המדרש־בחורים... זי איז אָבער געווען אַ צנועה און זיך געהאַלטן פון דערווייטנס פון די שטאָט־בחורים. ווייל איר פאָטער משה־יעקב האָט זי געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. — צוליב חיהקעלען לעב איך, — פלעגט ער טענהן. אָבער דאָך האָט ער פון איר געליטן צרות. עס האָט זיך אין איר פאַרליבט אַ בחור, אַ זעלטן שיינער, אַ בעל־יחוס, אָבער ער איז געוואָרן אַ „איבערגעקערטער״, אַן אַפּיקורס דאורייתא. גראָד געווען אַ גלייכע פּאָר, פון אייגענעם יחוס, אָבער ס'איז געווען אַ גרויסער מהלך אַז משה־יעקב זאָל לאָזן זיין איידעם זיין אַ כופר בעיקר. עס האָט זיך געטאָן חושך, ווען ער פלעגט דערהערן, אַז חיהקעלע האָט געשפּאַצירט מיט אורין הינטערן קלויסטער אין אַ שבת צו נאַכטס... און פאַרקערט, זיין ווייב עטיע האָט מסכים געווען. ס'טייטש און פאַרוואָס ניט; די קינדער האָבן זיך ליב, אויב ער איז אַן אַפּיקורס איז דאָך אונדזער חיהלע אין דעם ניט שולדיק... זי גייט דאָך ממש אויס נאָך אים״.

אַזעלכע רייד זיינען געווען ווי סם פאַר משה־יעקבן. זי, זיין טאָכטער האָט אים, דעם טאַטן ניט געוואָלט מצער זיין. זי האָט ניט געהאַט דעם קוראַזש אים צו באַוועגן ער זאָל מסכים זיין. סיידן ער, דער ליובאַוויטשער איר ער, וועט אים צוזאָגן, אַז ער וועט זיין אַן ערלעכער איד. און דאָס זאָגן פאַר אַן עדה אידן! דאָס האָט ער ניט געקענט פועלן. און מ'האָט איינגעלייגט וועלטן אַז חיהלע זאָל אַ כלה ווערן פאַר אַן אַנדערן.

ווען זי, חיהלע, האָט חתונה געהאַט בין איך שוין אַרויס פון זיין חדר. איר מאַן יאָסל איז געווען אַ הויכגעבילדעטער פאַרשוין, אַ בעל־יחוס, אַ סוחר, מיט אַ כוח הדיבור, מיט אַ שטעל. אָבער זי האָט געליטן אין דער שטיל, ניט געזאָגט וואָס איר פעלט. ווייטער גענייט בלוזקעס, ווי פריער אין אַלקער. ער, איר מאַן יאָסל פלעגט אָפט אַהיימפאָרן כלומרשט צו גאַסט צו זיינע עלטערן. אָבער אין שטאָט האָט מען געוואוסט אַז ביידע ליידן אין דער שטיל, ווייל זי איז אים אַחוץ אַלעמען געווען אַ געטרייע ווייב. קיין קינדער האָבן זיי אָבער ניט געהאַט... זי, חיהלע, פלעגט שטיין דעם טאַטן אין די נויטן. ער איז פון גרויס צער געוואָרן שטאַרק נערוועאיש

און דער קורצער אָטעם האָט אים אויסגעדייוועֶרט. זי, זיין טאָכטער חיהצע, פלעגט אים ברענגען אַ הייס גלעזל מילך, מיט געלער הויט. זי פלעגט וואַרטן ביז ער האָט עס אויסגעטרונקען צום דנאָ. ער פלעגט זיך ממש שפּיגלען אין דער געראָטענער טאָכטער, וואָס האָט נעבעך, דורך זיין עקשנות אַ שלעכט מזל... שלעכט — האָט עס געמיינט, אַז ס'איז נאָך מיט חסד, נאָר ס'האָט געקענט זיין בעסער... טשיקאַווע איז געווען, וואָס איר אַמאָליקער שטילער געליבטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון סתם שידוכים. געווען שוין אַן עלטערער בחור און איז פּלוצעם געשטאָרבן. דאָס איז געווען פאַר איר אַ צווייטע טראַגעדיע. געבליבן מיט אירע ביטערע חלומות... און ביסלעכוויז אַנגעהויבן ווערן גרוי פאַר דער צייט...

מיר, די תלמידים, האָבן ווי געפילט אַז אין דער שטוב איז גאָרניט גלאַטיק. אינסטינקטיוו אָנגעהויבן פילן, אַז דער רבי אונדזערער איז ועל כולם אַ באַצערטער מענטש; ווייניקסטנס איך, זיין תלמיד, האָב אַזוי געפילט. און ווי ווייט מעגלעך אים ניט געוואָלט מצער זיין — גוט געלערנט, געווען געהאָרכזאַם. (גראָד איז דער שרייבער, א. בייזער, מיין בן עיר, געגאַנגען מיט מיר אין איין צייט לערנען צו משה־יעקבן. אויך אליעזר איז געווען אַ סטאַטעטשנער תלמיד, הגם אַ ביסעלע אַ געפּעסטעטער, ווייל א. בייזערס פאָטער איז געווען אַ שטיקל גביר.) — אָבער ביי משה־יעקבן איז ניט געווען אַזאַ זאַך ווי מאַכן אויסנאַמען מיט תלמידים צוליב גבירה־שאַפט, געלט, האָט ביי משה־יעקבן ניט געשפּילט קיין ראָלע; אויב ער האָט געקראָגן זיין שכר־לימוד, איז געווען מה טוב. דעם סימן האָב איך געהאַט, אַז אין איין צייט האָט ער מיך געפרעגט למאי דער טאַטע שיקט אים ניט קיין שכר־לימוד, האָב איך עס דעם טאַטן געזאָגט. און ווען דער טאַטע האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט נישט, דער רבי וועט מוזן וואַרטן, האָב איך ניט געוואָלט גיין אין חדר. איך בין אַוועק צו מיין זיידן, שוין אַ זקן, און אים דערציילט די מעשה: אַז איך קען ניט גיין אין חדר, דער רבי קוקט אויף מיר קרום, שוין אַ האַלבן זמן אים ניט געצאָלט, — האָט מיין זיידע מיך אַ נעם געטאָן און געזאָגט: „קום!". עס האָט גאָרניט געהאָלפן, איך האָב געמוזט גיין מיט אים אין חדר אַריין בתנאי, אַז ער מוז זיך דורכשמועסן מיט משה־יעקבן וועגן דעם ענין...

מיין זיידע אברהם איז אַמאָל, אין די אינגערע יאָרן, געווען דער גרויסער שרייבער, און מדריך פון פעלשטין, געלערנט מיט הונדערטער תלמידים די רוסישע כרעסטאָמאַטיע און דעם אמתן אידיש... דעם זיידנס שטוב האָט געהאַט אַ שם, — (אַ קאַפּיטל, וואָס איך וועל מסתמא ניט אויסלאָזן כל־זמן איך וועל לעבן). אָבער דעם עפּיזאָד ביים רבין מיטן זיידן מוז איך דאָ איבערגעבן.

ביידע זיינען געווען אין די זעלביקע יאָרן, שיר ניט בני שבעים. מ'האָט זיך „געדוצט", ווי זיי וואָלטן געווען חברים פון געבוירן אָן...

ווען איך בין אַריין מיטן זיידן אין חדר, אין יענעם בייטאָג, איז ער גראָד געזעסן ביים עק טיש, אין אַ געלן טלית קטן, צעכראַסטעט, און מיט זיין היפּש פאַרשמאַלצעווטער יאַרמעלקע. מיר האָבן דעמאָלט געלערנט בבא מציעא. דאָס לערנען גמרא איז גראָד אויסגעפאַלן בייטאָג, שטענדיק בערך אַרום צוויי אַזייגער. און ווען מיר האָבן געלערנט גמרא, פלעגט ער זיך אויפהויבן פון זיין סאָפע מיט זיין גאַנצן כוח און לערנען דעם שיעור. אויב עס איז אָבער אַריינגעקומען אַ מענטש, האָט ער אים אויפגענומען ווי אַ חשובן גאַסט, און אָפּגעשטעלט ס'לערנען פאַר אַ ווײַלע — ווען איך האָב זיך, ווי אַ שולדיקער, ניט געזעצט ביים טיש אויף מיין אָרט, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז מיט מיר ניט גלאַטיק...

— וואָס מאַכסטו עפּעס, אברהם? — האָט ער מיין זיידן באַגריסט, מיט אַ שלום עליכם. — און וואָס איז געשען מיט דעם תכשיטל? — דאָס האָט ער געמיינט מיך. איך האָב אָבער דאַן זיך ניט געשראָקן, ניט געפילט זיך אין קיין שום חטא. די חברים מיינע האָבן זיך גענומען שושקען און סברהן וואָס מיט מיר טוט זיך, און איידער ווער וואָס ווען, האָט ער אייניקע תלמידים מקיים פּסק געווען, למאי מען האַלט זיך ניט שטיל ביים טיש ווען די גמרות זיינען אָפן...

איידער וואָס ווען, — מיר געהייסן זיך אַוועקזעצן אויף מיין אָרט. דער זיידע האָט מסכים געווען, איך האָב געמוזט פאָלגן און זיך ביטער צעוויינט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי איך, בערל, קען גאָר וויינען, ער ווייסט גאָרניט, אַז מיר איז ביי אים שלעכט. פאַרקערט, איך בין ביי אים אַ טייערער תלמיד, נאָר די אַנדערע „שקצים" עסן אים אויף אַ לעבעדיקן... ער, משה־יעקב, האָט דאַן געפרעגט מיין זיידן ער זאָל אים זאָגן: — אדרבה, אברהם, מאַך מיר קלאָר ווי אַזוי דו האָסט דרייסיק יאָר געלערנט מיט תלמידים און ביסט נאָך ב"ה אַ בר מזל, — און ווי קען מען עס, רבש"ע?! אָט זע, דאַרט זיצן צען תלמידים און מער ווי העלפט זיינען עצים ואבנים, — כאָטש דערהרגע זיך... מען וויל מער נישט קענען... און אַזאַ אינגל ווי דיין בערעלע ווערט שוין אויך אַ „סאַמאָוואָליעץ" און קומט ניט אַריין אין חדר...

דער זיידע האָט אים ניט געקענט זאָגן דעם סוד, — ער האָט מיט אים אוודאי מסכים געווען, — פאַרדרייט זיך, אין אַ זייט אים מרמז געווען, אַז לערנען קינדער שרייבן איז אוודאי עפּעס אַנדערש... ער האָט אים געראָטן צו זיין געלאַסן, ניט ערגערן זיך: — „דו מוזסט, ביי די געשענקטע יאָרן, ווערן אַ בר דעת"...

— וואָס מיינסטו אברהם, איצט אַ ווערן אַ בר דעת? דו מיינסט טאַקע, אַז איך האָב אַ לעבנלאַנג געבלאָנדזשעט? אברהם, אברהם, גיב אַ קוק! ביסט געקומען צו מיר צו גאַסט, ווען מען האָסטו דאָ געטראָפן? — מיין עטי לויפט אַרום אין מאַרק, מיין הירש וואָלף איז אין דאָרף, מיין חיהצעלע

איז מי יודע וואו — זי איז אַוודאי געגאַנגען קויפן פּאָדעם אָדער קנעפּלעך... איך בין אַליין, אָט מיט דער ווייסער־חברה, קנעפּל, רעדל, זאָג, עס זיך אויס ס׳האַרץ, זע אַפילו ניט די ליכטיקע זון. וואָרם אויב איך גיי לעצטנס יאָ אַמאָל אַרויס, פּאַרהוסט איך זיך. איך קען שוין אַפילו אין קליזל ניט גיין... וואָס איז מיין נחת? — הירש וואָלף — אַן אַלמן, חיהצעלע? — דאָ מוז איך גאָר שווייגן! אפשר בין איך אַ חוטא? אפשר האָב איך ניט געטאָרט גוזר זיין אויפן קינד?...

— מיין מאָטעלע? — אויך נעבעך געבליבן אַ הינקעדיקער ס׳גאַנצע לעבן! נו, וואָס קען איך שוין איצט אויסבעטן ביים רבש״ע? ווערן, זאָגסטו אויף דער עלטער אַ בר דעת?!...

דער זיידע האָט אים גוט אויסגעהערט, מיר תלמידים זיינען באמת געווען די שולדיקע אין זיין צער, — ס׳איז ניט געווען קיין נייעס. מיר האָבן אינערלעך געפילט, אַז אונדזער רבין איז ניט גוט, אָבער געהאַפּט וואָס גיכער אַרויס פון יענער שטוב. דאָס גליק איז געווען, וואָס אין דער פרייער צייט האָבן מיר זיך געקענט אַרויסלאָזן צו די גויאישע גערטנער, די דופּטיקע בוימער און כלערליי אויבסטן וואָס האָבן געוואַקסן אין די זומער הדשים זיינען געווען פאַר אונדז אַן אוצר. די פויערים האָבן שוין געוואוסט, אַז מיר זיינען ,,מאַשקעס״ תלמידים און ניט אַנגערייצט די הינט אויף אונדז. אויך איבער דעם האָבן מיר געהאַט צרות פון רבין... ער פלעגט דעריבער שיקן זיין אייניקל מאָטעלע דעם קרומען אונדז זוכן. מאָטעלע פלעגט זיך הודיען איינזייטיק און געקענט לויפן נאָך גיכער ווי מיר, זיך העצקען אויף זיין פוס און אונדז אַנשרעקן, אַז דער זיידע זיינער, וועט אונדז מקיים פסק זיין, אויב מיר וועלן באַלד זיך ניט אומקערן אין חדר אַריין. דאָס פלעגט געשען נאָכן אָנבייסן, וואָס מיר האָבן געהאַט בערך אַ שעה. קיין זייגערס האָבן מיר ניט געהאַט...

אַזוי־אַ זיינען אַוועק כמעט דריי זמנים. מיר האָבן זיך צוגעוואוינט צו ר׳ משה־יעקבן און צו דער רביצין עטיטשקע, וואָס האָט זיך ביי אונדז שטענדיק געבעטן: ,,קינדערלעך, טוט מיר אַ טובה און וואַיעוועט נישט, לאָזט מיין מאַן, אייער רבין לעבן. איר זעט דאָך, ער איז מיר שלאַף, ער ווערט אויסגעדייוועט פון דעם ביטערן הוסט!... לערנט און חזרט!...

אָבער דער לעצטער זמן מיינער ביי משה־יעקבן איז שוין ניט געווען אַזוי יום־טובדיק. ער האָט באמת אַנגעהויבן זיך שלעכט פילן, ער פלעגט ניט קענען אָפּשטעלן דעם הוסט. זיין טאָכטער חיהצע פלעגט שוין לויפן צום פעלדשער, וואָס איז געווען כמעט אַ שכן, אַ פויער, וואָס האָט פּראַקטיצירט ווי אַ רופא. אַ הויכער געזונטער פּאַרשוין וואָס האָט פּראַקטיצירט מעדיצין אָן אַן אַטעסטאַט. אידן האָבן אים זעלטן גערופן צו אַ חולה, אָבער חיה׳ציע האָט קיין ברירה ניט געהאַט. זי פלעגט אים בעטן: ,,פּאַני זשיקוסקי, מייז פאַטער האַלט שלעכט, טוט עפּעס״.

דער פעלדשער פלעגט קומען און אים באַטראַכטן, אים הייסן געבן אַ הייסע גלאָז מילך און ניט נעמען דעם פערציקער וואָס מ׳האָט אים געשטופּט אין די הענט אַריין. אַ פּנים, ווייל ער איז געווען אַ שכן און געוואוסט, אַז דער רבי איז אָרעם. ער האָט אים געראָטן אויפצוגעבן דאָס מלמדות. — איר דאַרפט רו, ר׳ מאָשקע... זייט בעסער אין דרויסן אויף דער לופט, זאָפּט איין אַ סך זון... — אָבער, ס׳האָט ניט געהאָלפן. ס׳האָט אים געצויגן צו דער סאָפע וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש קעגן די תלמידים. זי, עטיטשקע, די רביצין פלעגט אים אונטערשפּאַרן אַ הויך קישן, איר הויפּט־עשירות... ווייל זי פלעגט אָפט פליקן פעדערן וואָס זי פלעגט קויפן אין מאַרק און אָנשיטן קישעלעך, וועלכע זי פלעגט דערנאָך פאַרקויפן.

ער, אונדזער רבי, האָט ענדלעך, אין אַ געוויסן דאַנערשטיק געבעטן זיין עטיען זי זאָל צוגיין רופן זיין ברודער יאָסל, ער האָט מיט אים עפּעס צו רעדן. — תיכף ומיד זאָלסטו גיין, האָט ער איר געגעבן אַ גזר...

זי, עטיע, האָט שוין געוואוסט, אַז מיט איר מאַן איז ניט גלאַטיק, און אַ ווייַנענדיקע איז זי אַוועק צו איר שוואָגער יאָסל „שרייבער״, וואָס האָט גראָד געהאַט זיין שטוב לעבן אונדז. אַוודאי אין יאָסל געקומען צו לויפן אין שרעק.

וואָס פאַר אַ ברודער איז יאָסל געווען?

משה יעקב איז געווען אַ סך עלטער פון זיין ברודער יאָסל. ביידע זיינען געווען פּעלשטינער געבוירענע. ביידע זעלטענע צווויי אידן. ערנסטע און געלערנטע. משה יעקב האָט געהאַט זיך גענומען צו מלמדות נאָך אין דער יוגנט. יאָסל, זיין ברודער איז אַוועק אין אויסלאַנד שטודירן; געבן „אוראָקן״ אין קלענערע שטעטלעך פון פּאָדאָליע. זיי האָבן אויך געהאַט קרובים אין גאַליציע, און עס פלעגט יאָסלען ציען זיך אַריבערצוכאַפּן די גרענעץ. ער פלעגט דאָרטן אָפּזיין אַ שטיקל צייט און אַהיימקומען. און אַזוי־אַ, ווען ער האָט שוין געהאַט צווויי קינדער, האָט ער זיך גענומען לערנען מיט קינדער שרייבן. געקענט רוסיש, דייטש, תנ״ך. קיין סך גמרא האָט יאָסל ניט געלערנט, איבער די אַנדערע לימודים. יאָסל האָט אויך ניט געמאַכט קיין „מיליאָנען״ אַלס שטאָט־לערער, אַפילו פאַר שרייבן אַ פּראָשעניע.

יאָסל איז געווען אַ זעלטענע פיגור, ממש כמו דאָקטאָר הערצל, זיין הויך; זיין צילינדער־הוט, וואָס ער פלעגט אַמאָל טראָגן ווען ער פלעגט קומען פון אויסלאַנד, האָט אים נאָך העכער געמאַכט. זיין ברייטע גרויע באָרד און ווייסהויטיק שאַרף פּנים און מילדע אויגן האָבן אים געמאַכט פאַרן ליבלינג פון שטאָט. ער האָט געהאַט אַ זעלטן געדולד צו יונגוואַרג, ווי אַ טאַטע וואָס איז אַ כרחם אב... איך האָב שפּעטער געלערנט מיין גאַנצע תורה פון כתיבה ביי ר׳ יאָסלען...

צוויי פאַרשיידענע מענטשן די צוויי ברידער, אָבער זיי האָבן זיך ליב געהאַט.

יאָסל איז געקומען יענעם דאָנערשטיק, איבערגענומען דאָס חדר פאַר יענעם האַלבן טאָג. ווען משה־יעקב האָט אים דערזען, איז ער אויפגע־הייטערט געוואָרן.

— ביסט שוין דאָ, ברודער מיינער? נאָ, זע מיין מעמד!... איך קען מער ניט קנעלן!... געוווען זשיקוסקי דער פעלדשער ביי מיר און ער הייסט מיר ווערן אויס מלמד, אויס!... ברודער מיינער, איך האָב ביז איצט אויך קיין פּרנסה ניט געהאַט, אָבער איצט — גאָר, גאָרנישט?!... די קינדער דאַרפן קענען די סדרה, דאַרפן ענדיקן דעם שיעור, און „כלו כל הקיצין"...

יאָסל האָט גערעדט געלאַסן. ער האָט זיין עלטערן ברודער ליב געהאַט, הגם זיי זיינען אָפט געווען דערוויטערט איינער פון צווייטן. ניט יעדער האָט געוואוסט אַז זיי זיינען ברידער. ער האָט אים געטרייסט:

— וואָס ערגערסטו זיך, משה? די תלמידים קענען ניט דעם חומש? שטותים! מיר האָבן אַמאָל אויך ניט געקענט; זיי זיינען יונג, זיי וועלן קענען, ניט די וואָך, איז אין אַ וואָך שפּעטער; דו ווייסט די תורה מיט זיי ניט אויסלערנען על רגל אחת...

עס איז אָנגעקומען זיין טאָכטער חיהצע מיט זיין זון הירש וואָלף.

עד־היום איז פאַר מיר דער הירש וואָלף אַ רעטעניש. געווען שוין אַ איד מיט אַ ברייטער שוואַרצער באָרד, אַ האָרעפּאַשניק, געגאַנגען אין דאָרף האַנדלען. קיין למדן איז ער ניט געווען, קיין חכם אויך נישט. ווי אַזוי עס קומען אַזעלכע צוויי קינדער מיט קאָנטראַסטן, ווי חיה'ציע, קעגן איר ברודער, — איז געווען און בלייבט פאַר מיר אַ סוד עד־היום. ער איז אָבער געווען אַ געטרייער זון... ער האָט געפרעגט זיין פעטער יאָסל:

— וואָס קען איך טאָן, פעטער? איך בין אַליין פאַריאָגט און פאַר־פלאָגט, איך דאַרף פּרנסה... איך קען נישט זיין קיין מלמד ווי דער טאַטע...

— יאָ, יאָ, דו קענסט נישט. דאָס ווייס איך. אָבער אַ פּרשה חומש מיט רש"י קענסטו דאָך אַמאָל אָפּלערנען מיט די קינדער...

ער האָט געקנייטשט דעם שטערן און די געדיכטע ברייטע באָרד איז, דוכט מיר, נאָך ברייטער געוואָרן, ווען ער האָט זיך פאַרטיידיקט פאַרן פעטער יאָסל. אַלץ איז געווען אָפן. אַלץ וואָס מ'האָט געשמועסט און געקריגט זיך איז געווען ווי אונטערן פרייען הימל... קיין סוד, קיין בושה, ווייל אַלץ איז געווען אמת, אָן היינטערפּיסלעך, אָן אָפּן בוך ביי מיין רבין משה־יעקב...

אַזוי־אָ, ווי שטענדיק, האָט ר' יאָסל זיך געווענדט צו אונדז, תלמידים, געבעטן מען זאָל זיין געהאָרכזאַם, מיר זאָלן איינזען, אַז אונדזער רבי איז קראַנק און קאָן מער נישט קנעלן אַזוי לאַנג מיט אונדז אַ פּשוטע סדרה...

ער האָט, אַגב, מיט אונדז אָפּגעלערנט די פּרשה בהעלותך, און מיר קינדער האָבן דערפילט, אַז עס איז גאָר אַן אַנדער לערנען, און אַגב זיך געוואונטשן, אַז די שעה זאָל שוין קומען ווען מיר וועלן אָנהויבן גיין זיך לערנען שרייבן ביי ר׳ יאָסלען. מיר האָבן שוין דאַן געפילט, אַז גיין זיך לערנען שרייבן ביי ר׳ יאָסל „שרייבער" איז אַ זכות...

עס האָט לאַנג נישט גענומען און ר׳ משה־יעקב האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. זיך פאַרהוסט און מער צו זיך נישט געקומען...

שטאָט האָט געטרויערט אויף דער גרויסער אבידה. אַ קלייניקייט, משה־יעקב. פאַר עטלעכע וואָכן זיינען מיר אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַס. אָבער אונדזערע עלטערן האָבן מיט אונדז געקנעלט בין הזמנים, ביז ימים נוראים.

עס האָבן עטלעכע אידן געוואָלט איבערנעמען דאָס חדר, ווערן דער ממלא מקום פון ר׳ משה־יעקב ע״ה. אָבער, מיין פאָטער האָט מרמז געווען, אַז דאָס חדר ווערט געגעבן צו ר׳ איצי־מענדלס, אונדזער אַ שכן, אַ מלמד, אין אַלע פיר פאַלעס, מיט עברי, מיט אַ טייטש, מיט אַ פּעולה... און אַזוי־אַ בין איך געוואָרן איצי־מענדלס אַ תלמיד, אין זיין אייגענער איבער־געבויטער שטוב, אַנטקעגן פּעלשטינער טייך און נאָענט צום מרחץ...

## ג. איצי מענדלס

איצי מענדלס איז אויך געווען פאַררעכנט פאַר אַ גמרא מלמד, אָבער ניט פון די גרויסע מלמדים.

אַ גרויסער מלמד האָט אין פּעלשטין געמיינט אַ קענער, אַ פאַרנעם, מיט חריפות, מיט אַן עפּעס, וואָס אונטערשיידט אים פון אַנדערע. ווען איך רעד פון מיין מלמד איצי מענדלס, מיינט עס, חלילה, ניט, איך מינימיזיר אים, נאָר פשוט, עס איז מיר געווען אַ פאַרדרוס, וואָס נאָך משה יעקבן ע״ה, איז מיין דריטער מלמד ניט געווען קיין גאון... אַ קינדערשער געפיל. ווייל יעדער חדר־אינגל האָט געמוזט וויסן דעם יחוס פון יעדן מלמד, וועגן וועלכן מען פלעגט אָפּט רעדן בעת מען האָט געביטן די תלמידים. יאָ, ס׳האָט געהייסן, אַז מ׳ביט זיך מיט די חדרים. אַ חדר האָט געהייסן אַ מנין, צען תלמידים. דער שכר־לימוד איז געווען אַ גאַנצער הונדערטער אַ זמן, בערך פיר קערבלעך אַ וואָך. סיידן מ׳האָט ניט געצאָלט קיין שכר לימוד. יאָ, ניט געצאָלט, ווייל אביונים זיינען געווען גענוג אין פּעלשטין און דאָס האָט מען געצאָלט פון לעצטן. אָבער פונקט ווי מען זאָגט: אין בית אשר אין שם..., אַזוי איז ניט געווען שייך, אַז מלמדים זאָלן לעבן בהרחבה. און אוודאי נישט מיין רבי איצי מענדלס. ער איז עפּעס געווען אַזאַ איד, וואָס האָט ניט געוועקט קיין רחמנות. אַ זעלטן הויך געבויטער איד, גלייך ווי אַ סאָסנע, הויך און ברייט, ניט מאָגער און ניט פעט. האָט געהאַט זיין שטוב, אַראָפּ אַ באַרג, פונקט אַנטקעגן פּעלשטינער טייך, וואָס איז זיך געפלאָסן רחבותדיק אין די

קילע חדשים, און געדינט אין די הייסע זומער־טעג פאַרן יונגוואַרג זיך צו באָדן און כאַפּן אַ שווים. קיינער האָט אין טייך זיך ניט געטרונקען. מען האָט געפּאַיעט די פערד אין זומער און געכאַפּט פיש. אַן עשירות פון אַ שטאָט, וואָס פעלשטין האָט פאַרמאָגט. און ניט אַלע האָבן געוואוסט אַז דורך דעם טייכעלע, וואָס האָט געפלאָסן פון ערגעץ אַ שטעטעלע סמאָטריטש, האָט אונדזער רב געצויגן אַ טייל חיונה.

מ'איז זיך געקומען צו אונדז גטן. לויטן דין, מוז די שטאָט, וואו מען גיט אַרויס אַ גט האָבן צוויי טייכן. און אָט, אַנטקעגן דער עשירות איז מיין רבינס שטוב געשטאַנען אויפן בערגל, ווייל ביי דער רעכטער זייט פון שטוב האָט זיך אויסגעשניטן אַ דורכפאַר צום טייך. אַזוי ווייט, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז ביידע הייזער, אי משה רויטבאַרגס אי איצי מענדלס זיינען ווי אָפּגעשניטן געוואָרן איינע פון דער צווייטער און זיי הענגען אויף אַ האָר. און דאָך זיינען די צוויי הייזער געשטאַנען מי יודע וויפל יאָרן.

חיים רויטבאַרג, אַ בחור אַ כוואַט, האָט געהאָדעוועט טויבן, און מיר תלמידים פון איצי מענדלס חדר האָבן זוכה געווען צו האָבן צוויי אַטראַקציעס, — אי דעם טייך, אי די טויבן, וואָס פלעגן אַרומפליען אַזוי פריי, נידעריק און הויך. די איינציקע צרה איז געווען, וואָס אינם חדר וואו מיר האָבן געלערנט איז אויך געווען די קיך, גראָד אַ גרויסע, פּירעקיקע, אַ צוגעבויטע, אָבער מיט בלויז איין קליין פענצטערל צום טייך. מעגלעך, אַז דאָס פענצטערל איז געווען אין דער פּראָפּאָרציע. אָבער, עד־היום דוכט זיך מיר אויס, אַז עס איז געווען צו הויך, ממש העט צו דער סטעליע. מעגלעך, אַז ר' איצי האָט דאָס אייגנס אַזוי געבויט, עס זאָל זיין הויך געגוג פאַר זיין גוף. איך בין זיכער, אַז דאָס איז געווען די סיבה.

איין זאַך האַלט מיך אין ספק אויב ס'איז טאַקע אַזוי געווען, ווייל די רביצין איידע איז גראָד געווען פון נידעריקן וואוקס, און אויב אַזאַ קאָנטראַסט, היתכן, זי זאָל איגנאָנצן לאָזן איר מאַן איצי זיין דער „והוא־ימשולניק״?

אַזוי־אָ האָט מיך דאָס הויכע פענצטערל שטענדיק געמאַטערט, ווענדיק וויסן, למאי ס'איז געבויט אַזוי הויך, און מ'האָט ביי אונדז קינדער צוגערויבט דעם תענוג פון אַרויסקוקן צום פּרעכטיקן טייך, וואָס האָט אונדז געררייצט אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר. איז עס אָבער געווען בלויז איינע פון די רעטע־נישן, ווייל איצי מענדלס אַליין איז געווען אַ רעטעניש. איך האָב זיך שטענדיק געשפּיגלט אין זיין הויך מאַסיווער פיגור, ווי ער וואָלט געווען אַ גבר. און ווי אַזוי קומט אַזאַ ייד, אַ גבר, צו ווערן אַ מלמד? אַפילו אַז ער קען לערנען.

אָט אַזעלכע קליינייקייטן האָבן מיך שטענדיק געמאַטערט. זיך געשעמט צו פרעגן דעם טאַטן, טאָמער רעד איך נאַרישקייטן. ווייל אין פעלשטין האָט מען דערקענט אַ נאַר אין זיין פרעגן. האָב איך זיך געהיט צו ווערן געשטעמפּלט אַלס אַ נאַר.

ווען איך האָב שוין זיך דערפילט היימיש ביי מיין רבין אין שטוב און דערזען ווי דער רבי אונדזערער איז די גאַנצע באַלעבאָסטע, קנעט אַפילו דייזשעס מיט ברויט, באַקט און קאָכט און שיילט קאַרטאָפליעס און באַדינט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, זיין קראַנקע פרוי אײדע, און זיינע צוויי עלטערע זין, דאַרפס־בחורים — בערטשע און אברהם, האָב איך ערשט דאַן פאַר־שטאַנען, אַז גאָט האָט אים געשיקט די רפואה פאַר דער מכה, אַז זיין גבורה־שאַפט איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר זיין ראָלע אַלס מאַן און פאָטער, און בעיקר מלמד...

און די מעשה גייט אַזוי, פשוט און פראָסט. דהיינו:

אַז איצי מענדלס האָט גאָט אי געשטראָפט אי געבענטשט. סך־הכל איז ר׳ איצי געווען אַ סוחר, אַ דאַרפס־איד וואָס האָט געהאַנדלט און געוואַנדלט און געמאַכט פּרנסה מיט זיין פערד און וועגעלע. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ האָרעפּאַשניק. אויך געלערנט געשמאַק אַ בלאַט גמרא, איידער ער איז געוואָרן אַ סוחר. זי, איידע, זיין ווייב, איז געווען גאָר אַ שיינע און בנעימותע ווייבל, מיט אַן איידעלן שטעל, מיט אַ כוח הדיבור, אָבער אַ אשת חיל, וואָס האָט איר איצין ניט געלאָזט אַליין האָרעוון. זי האָט געפירט זיין ירושה־שטוב ווי אַ גערעכטע באַלעבאָסטע. דערצויגן אירע צוויי זין, אויך מאַסיווע חברה... מיטן אונטערשייד, וואָס איינער, דער עלטערער, האָט אויסגעקוקט פונקט ווי זי. הגם העכער, אָבער זיין פּנים היפּש בלאָנד, און צוויי גרויע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק געלאַכט. דער אַנדערער, אברהם, איז שוין געווען ווי דער טאַטע: הויך און דאַר און שוואַרץ־חנוודיק; אויך געהאַט אַ פיינעם הומאָר, געראָטן אין זיין טאַטן, דעם מלמד.

עד־היום ווייס איך נישט ווי עס איז געקומען צו זיי אַזאַ לייכטקייט פון הומאָר און וויץ. זיי האָבן זיך נישט גערעכנט אין שטאָט פאַר די גרעסטע חכמים, אָבער, זיי האָבן פאַרט, דוכט מיר, יעדן איבערגעקליגט אין געוויסע אופנים. געווען פּעאיקע דאַרפס־בחורים, ממש איבערגענומען די ירושה, זייער טאַטנס דאַרף, און אים געלאָזן קנעלן מיט אַ חדר און באַדינען זייער מאַמען, וואָס איז געווען געשטראָפט צו ליגן אויפן בעט ממש צוואַנציק יאָר צוליב איר רעוומאַטיזם. זי האָט באמת געליטן, וואָס איר טייערער מאַן, איצי מענדלס, מוז „אָפּוויקעווען" אַ לעבנלאַנג איבער איר. קיין רופא, קיין דאָקטאָר, האָט איר ניט געקענט העלפן.

ווי אַזוי האָט זי דעם רעוומאַטיזם געקראָגן — דאָס זאָל מען שוין גאָר ניט פרעגן. פעלשטין האָט אפשר אַ מיליאָן סברות ווי אַזוי די טייערע אײדע האָט פּלוצעם אויפגעהערט זיך צו באַוועגן אויף דער גאָס פונקט נאָך דער קינפעט פון איר אינגסטן זון אברהמל. פּשוט, ווי עמעצער וואָלט איר די פּלייצע דערפלעטשט. איבער נאַכט געוואָרן ממש אַ אינוואַליד.

וואָס האָט איצי מענדלס געקאָנט טאָן? זי האָט אים ניט געוואָלט מצער זיין. זי האָט זיך געוואונטשן ער זאָל זי איבערלעבן. וואָרן וואָס טויג אַזאַ

לעבן, ווען זי קען איר אייגענע שטוב ניט אויסקערן, פאַר אירע קינדער ניט אָפּקאָכן קיין לעפל געקעכץ?

אין די ערשטע יאָרן האָט מען גערעדט זי זאָל פאָרן קיין אָדעס צום לימאַן. דאָרטן וועט זי אַוודאי זיך אויסבאָדן, דאָס זאַלץ־וואַסער וועט אירע בלוטן צוריק אויפקאָכן און זי וועט צוריק ווערן אידע איצי מענדלס, די אשת חיל; זי וועט ווידער גיין אין דער ווייבערשער שול און דאַוונען בקול רם, ווי אַ קול שופר פאַר אַלע ווייבער מתפללים.

אָבער, ניין, ניט אַזוי טוט זיך עס ווי עס רעדט זיך. דעם מענטשן דאַכט זיך אַלץ, אַז אָט היינט־מאָרגן וועט קומען די ישועה. אָט קומט דער זומער, די זון די געטלעכע וועט ציען די הימלישע שטראַלן, זי, אידע וועט זיך פּאַמעלעך אַראָפּראַטשקעווען פון בעט, זי וועט אויסקערן די שטוב, זי וועט זאָגן: — איצי טייערער, איצי מיין מאַן, זעץ זיך ביים טיש, איך וועל דיר דערלאַנגען אַ גלעזל טיי. גיי זיך אַרויס אַ ביסעלע אין מאַרק, שמועס זיך דורך מיט מענטשן, צעלאָז דיינע תלמידים פאַר אַ ווײַלע, זאָלן זיי זיך אַדורכ־לויפן צום טייך. נישקשה, ס'וועט זיי נישט שאַטן, זיי מעגן אויך האָבן אַ שטיקל יום־טוב, אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, אַז זייער רביצין איז צוריק אַ מענטש, אַז זי קען אַרויסגיין אין מאַרק קויפן פלייש, מעל, און אויבסט. אַך, ווי גוט וואָלט מיר געווען ווען איך קען כאָטש שטיין אַ פערטל שעה אין מאַרק לעבן די זיצערינס און זיי זאָגן, „עטיע־ביילע, שרה־לאה, קוקט מיך אָן! אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן... איך גיי שוין ב"ה אין מאַרק איינקויפן, פונקט ווי אַמאָל, אַז איך בין צוריק אַ מענטש, אַז מיין איצי דאַרף מיך ניט באַדינען! — יאָ, געלויבט השי"ת". וואָלטן די ווייבער געענטפערט „גאָט קען ווען ער וויל".

אָבער דאָס איז געווען בלויז אין איר פאַנטאַזיע. צו דעם דאַרף מען האָבן אַ זכיה ביי דעם וואָס לעבט אייביק. אמת, אַ שטראַל פון האָפענונג פלעגט פאָרט זיך דורכרייסן אין איר געמיט, און זי פלעגט זיך טאַקע אין די זומער טעג אַרונטערראַטשקעווען, אָנטאָן אַ זומער־קלייד, און אַריינגיין פּאַמעלעך אין קיך, וואו מיר האָבן געלערנט. עס פלעגט אין אונדז אַריין אַ נייע נשמה ווען מיר האָבן זי דערזען, פּאַמעלעך, אַן איינגעבויגענע דורכ־שפּאַרן די אָפענע טיר פון אַלקער. ער, איר מאַן ר' איצי, האָט אַ שרעקנדיקער זי אַרומגענומען און זי געוואָלט צוריקטראָגן צו איר בעט, אָבער זי האָט זיך ניט געלאָזט, — מיר איז היינט ברוך־השם בעסער. איך פיל ווי אַרונטער־צוגיין, אפשר זיך צוזעצן ביי אַ פריזבע אינדרויסן. די זון שיינט דאָך אַ מחיה, איצי לעבן.

און איצי האָט זי אָפּגעלאָזן. מסתם אויך געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען אַ סיעתא דשמיא ווען זי, זיין טרייסט, וואָלט געזונט געוואָרן.

זי פלעגט אונדז באַגריסן מיט: „וואָס מאַכט איר, קינדער? זייט איר גוטע קינדער? וואָס לערנסטו איצט מיט זיי איצי?" פלעגט זי נאַטירלעך

אַ פרעג טאָן לשם הײמלעכקײט און אַ קוק טאָן אױפֿן לאַנגן טיש אױבן ס׳זײנען גמרות אָדער חומשים. װײל איר צימער איז געװען צו מזרח און ניט אַפּט האָט זי געהערט װי מיר לערנען, סײדן פרײטיק פרי, װען מיר האָבן מעביר סדרה געװען.

איך בין זיכער, אַז זי װאָלט אונדז נישט געװען געהערט לערנען, װאָלט זי חס ושלום משוגע געװאָרן פֿון אײנזאַמקײט. און אַזױ אַ האָבן מיר, די תלמידים, איר אָפּט באַזוכט צװישן אַנבײסן און װאַרמעס. איך פלעג איר אָפּט זינגען אַ ליד. אין יענע יאָרן איז זינגען בײ מיר געװען אַ לעבנס־שטײגער, געפֿילט אַ דראַנג צו נגינה, חזנות איז געװען מײן חלום פֿון קלײנערהײט אָן.

זי האָט געהאַט גרױס תענוג פֿון מײן זינגען, אַפילו די זין האָבן מיך שטענדיק געזעצט אױף זײער שורס און מיך כלומרשט געבעטן זינגען. אָבער עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז זײ לאַכן פֿון מײן זינגען, װײל זײ האָבן װי באַהאַלטן זײער שמײכל הינטער די נעזער — װײניקסטנס אַזאַ געפֿיל האָב איך געהאַט. און עד־היום, װען איך טראַכט פֿון זײ, דוכט זיך מיר אַז זײ זײנען געװען שוטים ניט צו דערזען, אַז זײ פאַרלירן אין מיר אַ גוטן פרײנט. אָבער זײער מאַמע איז געװען צו מיר ערנסט. מײן זינגען פלעגט איר אױפֿהײטערן, פּונקט װי איך װאָלט געװען אַ טײל פֿון איר, און דעריבער בין איך געװען אַ חשוב בחורל בײ מײן רבין איצי מענדלס, װאָס האָט געקנעלט אַנדערש װי אַנדערע מלמדים. ער האָט זיך ניט אָפּגעגעסן דאָס האַרץ װי משה יעקב. ער האָט געלערנט אָן פשט. דער עיקר איז געװען בײ אים די עברי און אַ טײטש, און בעיקר מעביר זײן די סדרה. װײל ער איז געװען אױך אַ בעל קורא און געלײענט װען מרדכי יוזיפס, דער שטענדיקער בעל קורא פֿון בית המדרש האָט אַמאָל אױסגעפֿעלט, איבער שבת־האַלטן אין אַן אַנדער שטאָט.

מערסטנס פלעגט ער דאַװנען מנחה פאַר שלוש סעודות און טאַקע לײענען אין ספר װי אַ מין חזקה. ער פלעגט אױך שלאָגן מלקות פאַר יום־כּפּור און נעמען אַ טײל פֿון די געלטער אין די שיסלען, אַ מין פאַרגיטיקונג פֿון שטאָט פאַר זײן טרחה. ער פלעגט לײענען און דאַװנען מיט אַ פײנעם נוסח, אָבער אונטער דער נאָז אַביסל, װי אונטערגעפּאָנפּעט. עס װאָלט אָבער געװען ניט אמת, אַז ער האָט ניט גערעדט אָדער געלערנט קלאָר. אַ סברה, אַז ער איז ניט געװען קײן מנגן, אָבער אַ טײערער איד. װען מען האָט געװאָלט װיסן דעם װעטער (מ׳האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שטערן זעער) ער פלעגט טרעפֿן װען ס׳װעט זײן אַ רעגן, װען שײן. אָבער, מיר תלמידים האָבן געװאוסט, אַז די טרעפֿערײן איז זי, אונדזער רביצין... זי האָט דורך איר רעװמאַטיזם אים מודיע געװען װאו דער װינט װעט בלאָזן. אירע סימנים זײנען געװען אַ שם דבר... אָבער טשיקאַװע איז געװען, װאָס אַ סך דערװאַקסענע אידן האָבן זיך ניט געכאַפּט, אַז אין אמתן איז זי, אײדע זײן װײב, מרמז װעגן די רעגנס

און שנייען. ער פלעגט אהיימקומען פון דאוונען און איר טאקע דערציילן ווי מ׳האלט אים פאר א שטערן זעער. זי פלעגט דווקא הנאה האבן פון דעם: „נו, זאלן מענטשן מיינען אז דו ווייסט...״

טשיקאווע איז געווען וואס זי פלעגט אמאל א רוף טאן איר מאן, אים געהייסן צעלאזן ס׳חדר, ווייל ס׳איז שוין אנבייסן־צייט. „ס׳איז שוין זייגער 12, איצי, וואס האלטסטו די קינדער?״ — און זי האט געטראפן ווי א זייגער, ווייל טאקע באלד האט זיך דאס פייגעלע פון זייגער צעצוויטשערט — קוקו... קוקו... — פונקט צוועלף דער זייגער.

דער זייגער איז געווען א מערקווירדיק שטיק ארבעט, די טירלעך פלעגן זיך א עפן טאן און דאס פייגעלע מיט זיי, און אונדז קינדער געמאכט גרינגער דאס הארץ... ערשט נאכן צעלאזן ס׳חדר האט זיך אונדזער רבי געמאכט אנבייסן. מערסטנס א גרינגע אוגערקע מיט פיד־סמעטאנע. — דאס עשירות פונם ארעמאן אין פעלשטין. ווייל מילכיקס איז געווען לרוב אין פעלשטין און זויערמילך מיט דער פיד־סמעטאנע איז געווען דער מאכל פון שטאט, אחוץ ביי גבירים. ווינטערצייט איז א שטיקל הערינג געווען זיין שפייז און דערנאך א גלאז טיי פון טשאיניק, וואס ער האט אויפגעזאטן אויף דער „טרינאזשקע״. ער פלעגט דערנאך אויפראמען ביזן ברעקל און אויס־וואשן ווי געהעריק דאס געפעס און איר דער רבצין, צוטראגן א ווארעם גלעזל מילך מיט א שטיקל ברויט און פוטער.

אלס מלמד איז ער ניט געווען ביי מיר פאררעכנט ווי א קענער, הגם מיין פאטער האט פון אים דווקא יא געהאלטן. ער פלעגט מיך קומען שבת פארהערן צום טאטן, ווייל ער איז געווען צו אונדז אזוי באענט, ער האט געדענקט, אז איך בין דער בעסטער תלמיד ביי אים. אבער ווען איך האב זיך פארהערט אין זיין אנוועזנקייט, האבן זיי מיך ביידע אזוי פארדרייט, אז איך בין געווארן א גוי גמור... אי ביים רבין, אי ביים טאטן... איצי מענדלס האט באמת ניט געקענט פארשטיין פארוואס אין חדר קען איך און ביים פארהערן בין איך א גוי... ער פלעגט זיך אפילו פארטרויען פאר זיין אײדעז, ווען ער פלעגט מיך טרעפן אין איר אלקער.

— האסטו געזען אזוינס אײדעז? אט דאכט זיך דיר אז ער קען די גמרא גאנץ גוט, בעסער ווי די אנדערע, און ווען ס׳קומט צום פארהערן פארן טאטן זיינעם, איז ער ניט דער תלמיד, ווי א שטן וואלט זיך אוועקגעשטעלט דובאם.

האט זי אים געגעבן אן עצה, — פאלג מיך איצי, זאל מרדכי אליין פארהערן דאס קינד ווען דו ביסט ניטא, דו מוזסט ניט זיין דערביי, שלאף זיך בעסער אויס אין די שבתים.

איר עצה איז גראד געווען א קלוגע. עס האט גענומען אן ענדע צו מיין זיין א גוי. דער טאטע פלעגט מיך פארדרייען, אבער מיין געוויין האט אלץ פאררעכט.

איצי מענדלס האט ליב געהאט לערנען פרק אין די שבתים. אנדערע

מלמדים זיינען געשלאָפן, אָבער נישט ער. מיר האָבן געמוזט קומען בייטאָג, באַלד נאָכן עסן, לערנען פּרק אַ צוויי שעה. אין פּרק האָט ער אויסגענוצט זיין גאַנצן כוח. אים האָט זיך געדוכט, אַז מיר לערנען פון די קלוגע עצות גאָר אַ סך. שכל איז געווען ביי אים אַ גרויסע זאַך. אָבער איך בין זיך מודה, אַז אין אים פלעג איך עס ניט זען. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַ איד וואָס ווערט אַ היים-זיצער, אַ בעל-הביתטע, אַ קוכער, אַן איינקויפער פונקט ווי אַ אידענע, איז עפּעס אַ בעל מום. אַזוי האָט זיך מיר קליינערהייט געדאַכט, הגם דאָס אַרויסזאָגן האָב איך ניט געוואָגט.

איין מעלה, אַ וויכטיקע, מוז איך צו אים צורעכענען. איך טראַכט עס ערשט איצט, ביי מיינע איצטיקע יאָרן. ער איז געווען אַ שטיק אַרטיסט. ממש אויסגעמאָלן אַ מנורה פאַר אונדז, אָט ווי זי וואָלט געווען געבוירן. קיין מלמד האָט עס ניט געקענט באַוויזן אַפילו שפּעטער, ביי די גרעסערע מלמדים. ער פלעגט ספּעציעל קויפן אַ גראָבן בויגן פּאַפּיר און פאַר אונדז אויסמאָלן די מנורה הקדושה, אָט פונקט ווי זי איז געשטאַנען פאַרן חורבן בית המקדש. דאָס פלעגט זיין חנוכה צייט, אַ וואָך צוויי פריער. מיר פלעגן אים באַוואונדערן. אַ סברה, אַז ער האָט אויך געקאָנט מאָלן „מזרחים". אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשטופּט מיט זיין קענטעניש, געווען אַ שטילער מענטש. האָט כמעט געדינט ווי אַ שמש אין בית המדרש, ווי אַן אייגענע מתנה צו קהל. מ'האָט נאָר געדאַרפט געבן אַ פּיפּס און אַ זאָג טאָן:

— איצי מענדלס, גיי דאַוונען מנחה, גיי לייענען! — און ער איז געווען גרייט און פלינק ווי אַ וויכער.

זיינע צוויי זין האָבן געהייראַט, בעיקר, בערטשע, דער עלטערער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ פיין ווייבל אין אַ שטעטעלע בשם מאַידין. אָט וועגן דעם רבינס זון בערטשע, פאַדערט זיך אַ באַזונדער קאַפּיטל, ווייל ער איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, אַפילו געדאַוונט ימים-נוראים אַלס חזן ביי די גריידינגער חברה. אָבער, ער האָט געהאַט דאָס אייגענע מזל וואָס די מאַמע זיינע: דער רעוומאַטיזם האָט אים אויך שיר געמאַכט פאַר אַן אינוואַליד, הגם שוין אין די פערציקער יאָרן. מיר פלעגן אים באַדויערן און געטראַכט ווי די מוטער זיינע האָט אים איבער-געלאָזט די „גליקלעכע ירושה"... ער איז שפּעטער צוריק אַהיימגעפאָרן און מן הסתם אומגעקומען באַגלייך מיט אַלע קדושים...

זיין ברודער אברהם, דער אינגערער, האָט אויך חתונה געהאַט. געווען אַ סוחר, געמאַכט פיין פרנסה, און געהיט טאַטע-מאַמע. אָפט געקומען קיין פעלשטין צוגאַסט צו זיי. זי, די רביצין, האָט ווי נביאות געזאָגט אויף זאַכן וואָס זיינען מקוים געוואָרן. איך האָב אָבער געפילט, אַז איצי מענדלס איז שוין צו קליין פאַר זיין מיין מלמד, און איך האָב ביסלעכווייז דעם טאַטן אָנגעהויבן מאַטערן, אַז איך וויל שוין אָנהויבן גיין לערנען צו זוסיע חנה חיהס. אַ גאָר אַנדער טיפּ למדן און מענטש, וועגן וועמען איך וועל שרייבן אין אַן אַנדער

קאַפּיטל. ער איז אגב געווען שוחט אין מילוואָקי בערך 40 יאָר. איך האָב אים באַזוכט אַ יאָר פינף פאַר זיין פּטירה און אפילו געשריבן וועגן מיין וויזיט צו אים אויף ימים נוראים. אָבער מער האָב איך אים ניט זוכה געווען צו זען.

אָבער די יאָרן ביי איצי מענדלס, זיינען געווען מיינע ערשטע יאָרן, ווען איך בין צו מיין שכל געקומען. טיילווייז דורך דער רביצן איידע, וואָס האָט מיך אַרויסגעפירט אויפן וועג צו ווערן אַ קינד, וואָס זעט און הערט און שוויגט. אַ מערקווירדיקע פּאָר־פאָלק וואָס איז מיין שפּיגל אַ לעבן לאַנג...

## ד. זוסיע חנה חיהס הורוויץ

איך האָב מיין קינדערשע עקשנות אויסגעפירט, ניט צו בלייבן ביי איצי מענדלס נאָך אַ זמן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בין איבער נאַכט „גרויס געוואָרן", ס'הייסט מיטאַמאָל אַרויף אויף אַ באַרג. אויסגעלערנט גאַנץ בבא קמא, גאַנץ פּרקי אבות און מעביר געווען די סדרה מיט אַ געדרייטן ניגון... איך האָב געפילט, אַז איצט דאַרף איך שוין גיין צו אַ „גרויסן" גמרא מלמד.

מיין רבי איצי מענדלס האָט געטענהט, אַז די גאַנצע פּעולה אין קענטעניש האָבן מיר פון אים, און ווען דער גאַנצער חדר זאָל גיין צו אים כאָטש נאָך אַ זמן, וואָלטן מיר ערשט אויפגעשיינט. גראָד איז מיין פאָטער געווען אַ וואָרטזאָגער וואו ס'חדר זאָל גיין, וועלכער מלמד זאָל עס איבערנעמען. די אַנדערע באַלעבאַטים האָבן זיך אויפן טאַטן פאַרלאָזט; ער פלעגט דאָך פאַרהערן מערסטע תלמידים פון אַלע מלמדים. און דאָ האָט אונדז צוגעשפּילט אַ סיבה וואָס ר' זוסיע הורוויץ איז אַהיימגעקומען קיין פעלשטין צוריק ווערן מלמד. פאַר עטלעכע יאָר איז ער געווען אַ נאמן אין אַ וואַלד, געהאַט אַ פיינע שטעלע מיט פּרנסה, כל זמן זיין ווייבס משפּחה האָט געהאַט אַ שייכות צום וואַלד. אָבער, אַזוי גיך ווי דער וואַלד איז געוואָרן אויסגעהאַקט, האָט זיך ר' זוסיע צוריק אומגעקערט אַהיים. די ווייב זיינע, די שפּעטערדיקע רביצין אונדזערע איז געווען אַן אשת חיל. האָט דערנאָך געעפנט אַ קלייטל אין מאַרק פון קאַלך און טעפּ, און דערפון האָבן זיי געצויגן חיונה. זי האָט ניט געלאָזט איר זיידענעם מאַן און למדן זיך מתעסק זיין מיטן קאַלך און טעפּ, וואָס האָבן געפאָדערט אַ גוואַלטיקן כוח.

זיי האָבן שוין געהאַט דריי קינדער, צוויי שיינע טעכטערלעך און אַ בן יחיד שכנא, וואָס איז שוין געווען אַ יאָר 16 ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביי ר' זוסיען. ער האָט שוין אַרויסגעהאָלפן דער מאַמען אין קלייטל, און ר' זוסיע איז געווען פריי נאָך אַ מאָל צו ווערן אַ מלמד. ער האָט אָגב זוכה געווען צו זיין אַ מלמד אין די יונגע יאָרן מיטן רבין ר' פּנחסל פון זינקאָוו, אין הויז פון רבין ר' חיימל וואָס האָט געלאָזט צוויי שטערן — ר' פּנחסל און ר' משהלע, — צוויי רביים אין אוקראַאינע, וואָס האָבן געהאַט אַ שם,

מיט זייערע חסידים געפּראַוועט טישן און שפּעטער געקומען קיין פּעלשטין יערלעך, אַרויסגעפירט אַ סך פּדיון און זיך געזעגן מיט זייער מלמד ר׳ זוסיע און אים געגעבן יערלעכע ברכות...

איז מלמדות געווען אַ מין באַשערטקייט צו מיין רבין, איבער וועלכן איך האָב זיך איינגעקשנט דווקא צו ווערן זיין תלמיד. און ווי האָט מיין פאָטער געקענט זאָגן ניין? זיי ביידע זיינען דאָך געווען אין איין עלטער, חברים, בית־המדרש בחורים. און אויב זוסיע איז דאָ צוריק און וויל אויפס־ניי עפענען אַ חדר, איז דאָך נישט שייך צו חקירהן, אַז די שטאָט איז מסכים...

קיין אייגענע דירה האָט ער אָבער ניט געהאַט. האָט אברהם־יהודה, דער בעל מוסף, אים פאַרדונגען דריי חדרים אין זיין ממש צוויי־שטאָקיקער דירה, פונקט אַנטקעגן אונדזער שטוב, אַרויף אַ באַרג. ס׳איז געווען אַ שטוב מיט געשיכטע. אָבער כדי ניט איבערצורייסן וועגן ר׳ זוסיען, וועל איך לשם קיצור בלויז זאָגן, אַז פאַר מיר בפרט איז דאָס געווען אַ גרויס געווינס, וואָס מיין חדר וועט זיין אַזוי נאָענט צו אונדזער שטוב.

און יאָ, מ׳האָט געמאַכט אַ פשרה מיט מיין רבין ר׳ איצי מענדלס, געמאַכט לחצאים, אַ האַלבע כיתה וועט גיין צו ר׳ זוסיען, די צווייטע וועט מען אים געבן פרישע תלמידים. און אָן שווערקייטן האָט מען צוגעשטעלט צען תלמידים צו ר׳ זוסיען, וואָס איז געווען פאַררעכנט אַלס דער גרויסער גמרא מלמד מקדמונים און מיין ווייניקייט בתוכם.

אין סך־הכל איז ר׳ זוסיע געווען אין די פערציקער יאָרן. אַ בליענ־דיקער מענטש, מיט אַ רונד אויסגעקעכלט פנים, אַ ווייסע הויט און אַ פיין געשניצטע פיר־עקיקע ברוינע באָרד, אין וועלכער עס האָט זיך דורכ־געוואָרפן אַ בליאַסק פון רויט. זיינע מילדע אויגן און ערנסטער צוגאַנג צו לימודים, האָבן שפּעטער געהאַט אויף מיר אַ גרויסע השפּעה.

דווקא אַ מיטלוואוקסיקער מענטש, אָבער ער האָט געוויזן סימנים פון זיין געניגט צו האָבן אַ בייכעלע. זי, זיין ווייב עטיע, האָט אים שטענדיק אָפּגעהיט ווי איר בן־יחיד מיט אַ גלעזל מילך, מיט אָנבייסן און מיט ווע־טשערע. זי האָט זיך אין איר זיידענעם מאַן געשפּיגלט. געבאַרשט זיינע מלבושים, געוואַשן זיינע ווייסע העמדער און זיי געפּרעסט ווייל אַזוי האָט ער ליב געהאַט צו לעבן — שטיל און געמיטלעך, צו זיצן ביי די ספרים און זוכן חדושים. אַגב איז ער שיר אַריינגעצויגן געוואָרן צווישן די השכלה־ניקעס פון יענע צייטן.

און אָט זיצן מיר שוין אין חדר ביי ר׳ זוסיען אין אברהם־יהודהס שטוב. ער באַקענט זיך מיט זיינע תלמידים, פרעגט אויס די פינקטלעכע נעמען, זעצט אונדז אויס לויט חקירה ודרישה, וועמען ווייטער, און וועמען נעענטער. דער טיש איז גאָר אַ גרויסער, דווקא דאָס אייגנטום פון אברהם־יהודהן,

באַקאַנט אַלס דער חסידישער טיש. אברהם יהודה איז געווען אַ טשאַרטקאָווער חסיד און אַ מנגן, גאַר אַפּט געהאַט חברים חסידים פֿאַר אַ קידושל, אַ יום הילולא, אַ יאָרצייט פֿון אַ גאון, וכדומה.

און היות אברהם־יהודה האָט שוין זיין טאָכטער חתונה געמאַכט, געבליבן מיט זיין ראַסיען אויף דער עלטער אַליין, האָט ער זיך באַנוגנט מיט צווי חדרים און אַריינגענומען אַלס אַ קאַמאָרניק די פֿאַמיליע הורוויץ, באופן, אַז ער, זוסיע, וועט קענען קנעלן אויף זיין ברייטן טיש, וואָס האָט אויך געהאַט אַ שטיקל היסטאָריע.

ער, ר׳ זוסיע, האָט דערווייל ביסלעכווייז חוקר ודורש געווען וואָס מיר האָבן געלערנט, אַ פֿרעג געטאָן דעם, יענעם אַ טייטש וואָרט, אַ פּסוק דאָ און דאָרט, און עס האָט לאַנג ניט גענומען, ער האָט בחוש געזען מיט וועמען ער וועט דעם זמן אָנהויבן קנעלן. וואָרם מיר האָבן לויט זיין חקירה ודרישה גאָרנישט געקענט. אַגב, האָט ער אונדז דווקא זיך נישט געהייסן שרעקן, דווקא אונדז געזאָגט, אַז מיר קאָנען יאָ, אָבער מיר זיינען רוי. ער וועט קודם־כל אָנהויבן מיט אונדז קנעלן ס׳פּשוטע דאַוונען, די פּשוטע טייטש פֿון די תּפֿילות פֿון אָנהויב ביזן סוף. דערנאָך וועט ער זען, ווי ווייט ער קען זיך אַ נעם טאָן צו אַ שטיקל גמרא. און געוויינלעך צו דער סדרה פֿון דער וואָך.

מיר האָבן געשטוינט: — הער נאָר, הער, אַ נייעס: צו לערנען פֿאַר־טייטשן דאָס דאַוונען? יאָ, וועלכער איד וויסט ניט די פּשוטע טייטש פֿון אַשרי? דאַכט זיך אַ קלייניקייט, מ׳דאַוונט יעדן טאָג. און דאָך האָבן מיר, די צען תּלמידים, ניט געוואוסט די טייטש פֿון ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים. מיר זיינען געבליבן שטעקן גלייך ביים ותחזינה. סטייטש, ותחזינה? האָבן מיר געטייטשט ותחזינה עינינו, אונדזערע אויגן זאָלן זען. יאָ, גוט און פֿיין, אָבער טייטש ותחזינה, וואָס מיינט ותחזינה? ער האָט געוואָלט אונדז וויזן, אַז מען טאָר נישט מישן ווערטער, אַז סתם אַזוי יעדעס וואָרט איז אַ פּערל פֿאַר זיך, איז אַריין אינם שורש פֿון וואָרט: חזה — ער האָט געזען, זי האָט געזען, זיי האָבן געזען... אַזוי שטיל און פּאַמעלעך האָט ער אַרויס־געוויקלט דעם געדאַנק, אַז תּלמידים מוזן הערן וואָס זיי לערנען און וויסן דעם טייטש פֿון די ברכות, וכדומה. ער האָט אַגב אַרויסגענומען זיין גראָבן סידור פֿון אַ שאַפֿע און געוויזן יעדן, אַרומגייענדיק פֿון תּלמיד צו תּלמיד, די זעלטענע פּירושים פֿון דאַוונען, און דעם זין פֿון תּפֿילה. ער האָט אונדז אַהיימגעשיקט עסן אָנבייסן און באַפֿרייט פֿאַרן טאָג. אַ מין מתנה צו די נייע תּלמידים.

געוויינלעך פֿלעגן חדר אינגלעך באַלד אַנטלויפֿן אַהיים עסן אָנבייסן, אָבער יענעם טאָג זיינען מיר עפּעס נישט אַהיימגעלאָפֿן. עפּעס האָבן מיר געפֿילט אַ מין אַנטוישונג אין זיך אַליין, ווי אָפּגעשמיסענע. אָפּגעלערנט אַזוי פֿיל יאָרן און מיר קענען גאָרנישט. מיר וועלן ערשט מוזן אָנהויבן פֿון אָנהויב. עד היום קלינגט מיר דער ותחזינה אין די אויערן, איך גיב אָפּט

אַ שמייכל. און ווען איך שרייב אַט איצט וועגן יענער צייט, לעב איך ממש דורך יענעם פרימאָרגן. איך זע מיין רבין ר׳ זוסיען אָנגעטאָן אין אַן אַלפּאַ־קענעם סורדוט, זיין סאַטינענע יאַרמולקע, כמעט ווי ניי, זיין געבלימטע קאַמזויל, ניט אינגאַנצן פאַרקנעפּלט, זיין ברייטער גאַרטל האָט אים קוים אויפגעהאַלטן די הויזן. ער האָט קענטיק ניט ליב געהאַט צו זיין איינגע־שטייפט. זיין בייכל האָט עס אָפּנים גורם געווען... איך זע אים מיטן גראָבן סידור אָנטקעגן, זיינע פינגער אויסגעקעכלטע, רונדע מיט ריינע שפּיגל־דיקע נעגל, ווי ער וואָלט זיי אַט ערשט מיט עפּעס אויסגעפּאַלירט. און אַט לויפט צו אים צו זיינס אַ טעכטערל און ציט אים אַרונטער מיטן סידור, כלומרשט אים דערציילן אַ סוד, ער קושט איר און בעט זיך ביי איר: — שרהלע, טייערע, נו זאָג שוין, וואָס ווילסטו? איך הער דיך נישט? דאָס קינד ווערט ווי פאַרשעמט און צעוויינט זיך, למאי דער טאַטע האָט זי נישט געהערט. ער לייגט דערנאָך אַוועק דעם סידור און גייט זי איינשטילן, פאַר־ענטפערט זיך, אַז ווען ער לערנט מיט תלמידים, איז אים שווער צו הערן אַ סוד.

איך, מסתם די אַנדערע תלמידים אויך, האָבן די שרהלע מקנא געווען: — זע נאָר, זע, ווי ער, דער רבי אונדזערער מאַכט פון איר אַ וועזן. עס איז באַלד אָנגעקומען די רביצין פון קלייט צו מאַכן אָנבייסן. ער האָט זי באַגריסט און אַגב געשמייכלט, וואָס ער האָט ניט קיין דערפאַלג איינצושטילן דאָס טעכטערל.

די רביצין איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוודיקע פרוי, אַ בנעימותע, אַ ביסל נידעריקער פון רבין. זי האָט געהאַט אַ לענגלעך קנאַפיק פּנים מיט פּעך־שוואַרצע האָר און גרויסע קאַרשן־אויגן. אַ פּראַקטישע פרוי, שטענדיק אין איילעניש צו גיין צוריק אין מאַרק. זי פלעגט בעטן דעם רבין, איר מאַן, צו זען, די קינדער זאָלן עסן.

ווען זיי זיינען אַהיימגעקומען פון יאַסל שרייבער, האָט ער זיי, ווי שטענ־דיק געקושט און געזאָגט: — די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איר זאָלט עסן דאָס און יענעס. אַלץ — האָט די מאַמע געזאָגט, פונקט ווי ער וואָלט אויסן געווען בלויז מרמז צו זיין דעם כיבוד אם. ער האָט ווייטער געקנעלט מיט אונדז, שטיל און פאַמעלעך בבא מציעא. איך געדענק ווי ער האָט מיט אונדז געהאָרעוועט צו דערקלערן די טייטש פון לישנא דעלמא, מיר האָבן נישט געקענט תופס זיין, אַז איינער קען זאָגן: — איך האָב עפּעס געפונען, און דאָס ניט האָבן ביד; — זיין הויפּטציל איז געווען אונדז צו ווייזן, אַז מענטשן בכלל האָבן אַ טבע מגזם צו זיין. סתם, בע, מע, — איך האָב געפונען דאָס און דאָס, נאָר יענער האָט עס אויפגעהויבן. אונדז האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל זיין רמז. עס האָט אים געוויטיקט, וואָס ער האָט געקנעלט מיט אונדז אַזוי שווער און מיר בלייבן עצים ואבנים... אַגב פלעגט ער אַמאָל בייז ווערן און אַפילו געבן איינעם אַ קניפּ, אַ בוכטש, אַדער סתם

אזוי אַ טאַרקע טאַן איינעמס קאָפּ, ווי ער וואָלט אים אָפּגעשטופּט פון זיך און אים מפקיר געווען: — ווייס איך... אַ גוי גמור!...

עס פלעגט זיך אָפּט באַווייזן ר׳ אברהם־יהודה. שוין אין די זיבעציקער. יעדעס קינד האָט אים געקענט, ובפרט בית המדרשניקעס. זיין דאַווגען מוספים, זיין זאָגן הושענות און גיין מיט די הקפות אום שמחת תורה, איז דאָך געווען אַ שם דבר אין פּעלשטין. ער, אברהם־יהודה, שוין ווייניק ציין, אָבער אַ ברייטע לאַנגע גערדיכטע באָרד, אַ ברייט קורצער גוף, היפּש מאָסיוו; ער האָט אויך געקענט אַ בלאַט גמרא. ער, אברהם־יהודה, האָט ניט געקענט איינזען ווי זוסיע זיין שכן אַ זיידענער יונגערמאַן, גיט אַוועק טעג מיט לערנען זיי שכל. פון וואַנען זאָלן זיי האָבן שכל? מען דאַרף מיט זיי לערנען אַ שיעור, פשוטו כמשמעו. וועלן זיי וועלן, וועלן זיי קענען. ניט — איז אַן עבירה דאָס קנעלן. ער פלעגט עס גיך אָפּזאָגן הינטער די ציין, הויך אויפן קול. מיר האָבן נישט געוואוסט זיין ציל.

ס׳האָט זיך מיר אַמאָל אויסגעדאַכט, אַז ר׳ אברהם־יהודה מיינט פשוט דעם רבינס טובה, ער זאָל זיך ווייניקער מיט אונדז צערעמאָניען. עס איז אונדז גאָר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז אברהם־יהודה איז, דורך אונדזער לערנען, געשטערט געוואָרן פון זיין טעגלעכן דרימל. ער פלעגט אַהיימקומען עסן אָנבייסן, זיין ווייב ראָסיע איז געווען אין קלייטל און ער פלעגט זיך צוליגן שלאָפן, אָבער שפּעטער האָבן מיר אויסגעפונען, אַז אונדזער לערנען איז אַ גרויסע שטערונג פאַר אברהם־יהודה: מיר גיבן אים ניט קיין מנוחה. און ער האָט איינגערעדט אונדזער רבין, אַז די בעסטע זאַך איז צו נעמען ס׳חדר אין איינעם פון די שולעכלעך, אין דער גרויסער קאַלטער שול. דאָרטן זיינען דאָ בענק מיט ספרים אַלערליי. ובפרט זומער. די קינדער וועלן האָבן אַ רואיקע היים און ער וועט קענען קנעלן מיט די תלמידים אַפילו ביזן טאָג אַריין.

ערשט היינט פאַרשטיי איך ווי וויט אונדזער וואָיעווען האָט געווירקט אויף דעם זקן אברהם־יהודה. אַפילו תורה לערנען, איז געווען אַ שטער צו זיין שטיקל מנוחה. אַז די עלטער האָט גאָר אַנדערע חשבונות. ווייל, אין אמתן, איז אַברהם־יהודה דווקא געווען אַ פריילעכער איד. האָט ליב געהאַט צו מאַכן אַ לחיים, זינגען אַ זמרל, אַפילו מיט יונגוואַרג. אָבער למען האמת, ברענג איך אַרויס אַט דעם קוריאָז. און בקיצור, מיר זיינען געוואָרן תלמידים אין אַ שולעכל, און דווקא אַ ווייבעריש שולעכל. אַפנים אונדזער רבי האָט ניט געוואָלט זיין געשטערט פונעם דרויסן. און היות די ווייבע־רישע שולעכלעך זיינען געווען אויפן צווייטן גאָרן, האָט אונדז קיינער ניט געשטערט, אַחוץ די דריי פענצטערלעך וואָס זיינען געווען פאַרהאַנגען ווי אַ מחיצה פאַר די מענער.

איך געדענק דעם טאָג וואָס מיר האָבן זיך געטראָגן מיט די גמרות אין שולכל אַריין. מיר האָבן זיך שוין געקענט אָנשפּאַרן אַן דער באַנק וואָס האָט

שוין געהאַט אַן אַנגעקלאַפּט ברעטל פאַר די פּלייצעס, ניט ווי אין אַנדערע חדרים. די זון האָט אַריינגעשיינט פון דרויסן דורך דעם בלויען פענצטערל און אַ פּאַס ליכט האָט זיך דורכגעריסן פון דער גרויסער שול, וואָס איז געווען הויך און טיף. אַ זעלטן געבוי פון אַ מקום קדוש. (אין פעלשטינער יזכור־בוך ווערט די שול באַשריבן פון איינעם אַ בן עיר). אַ שול, אַ שם דבר. קיינער ווייסט נישט עד־היום ווער עס האָט זי געבויט. אַ זעלטענע אַרכי־טעקטור. דוד חזן האָט דאָרטן מתפלל געווען אפשר פערציק יאָר. זיין הויך נגינהש קול האָט זיך דורכגעריסן אין דער ווייבערשער שול ווי אַ קול משמים. אַ קאַלטע שול, אָבער אַ הימליש־מיסטעריעזע.

מיר זיינען געזעסן אין שולכל. אָבער ווען דער רבי איז אַמאָל אַרויס־געגאַנגען לצורך, פלעגן מיר זיך ממש דורכשפּאַרן דורך די שמאָלע פענצ־טערלעך אין שול אַריין. אַמאָל האָבן מיר געוואָגט און זיך דורכגעשפּאַרט און פּרובירט דורכלויפן דעם ברייטן געזימס אַרום די ווענט פון שול. די ברייטקייט פון דעם געזימס איז בלויז געווען ווי צוויי ציגל. ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך אַליין האָב געוואָגט אַזאַ „נסיעהלע״, ווערט מיר אַזש קאַלט אין די אברים. עס כאַפּט מיך אָן אַ דראָזש טראַכטנדיק, אַז מיר זיינען געהאַנגען אויף אַ האָר, אַז מיר האָבן געקענט דערהרגעט ווערן כהרף עין, ווען אַ ציגל גיט זיך אַ ריר. קינדערשער גייסט און השגות זיינען אין לשער.

אַוודאי האָט דער רבי זיך דערוואוסט דערפון. ניט וויכטיק די פּרטים. דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל וואָס מיר האָבן געוואָגט. די שטראָף האָט געזאָלט זיין, אַז ער וועט אונדז אַהיימשיקן אין מיטן זמן; ער וועט ווערן אויס מלמד, אַז מיר וועלן אַזוי זיך פירן.

יענער אינצידענט האָט אויך אַרויסגערופן אַ „ויצעקו״ אין שטאָט. טייל באַלעבאַטים האָבן ניט געקענט פאַרשטיין, למאי ער לערנט ניט מיט אונדז אין דער היים, ווי אַנדערע מלמדים. אָבער זיי האָבן מסכים געווען, אַז ר׳ זוסיע איז אַ קאַמאַרניק, אַז ער איז נע ונד און מוז זיין מיט די ווייסע־חברהניקעס אין שולכל. אָבער שוין ניט אויבן, נאָר אונטן, אין שניידערישן שולכל, וואו עס איז שוין געשטאַנען אַן אייזערנע, סיי זומער, סיי ווינטער. מ׳האָט געהייצט אין די ווינטער־חדשים מיט האָלץ און קוילן.

ס׳גרויסע פענצטער לינקס האָט געדינט ווי אַן עדות, אַז די תלמידים לערנען שוין געשמאַק אַ בלאַט גמרא. אַז ר׳ זוסיע כאַפּט אפילו אָפּט אַ שמועס מיט פרידלען, דעם ווילצלער פון שטאָט, וועמעס הויז אויפן בערגל איז בלויז אַ שפּאַן פון די דריי בתי־מדרשים. ער, פרידל, פלעגט זיך אַמאָל אַריינזאָוזען אין שולעכל, צוליב היימלעכקייט. פרידל פלעגט האָבן גענוג צייט. אים איז געווען קשה, ווי אַזוי ר׳ זוסיע איז זיך נוהג מיט שמייסן די תלמידים בעת די גמרות זיינען אָפן? פרידל איז כלומרשט געווען טויט ערנסט, ווען ער פלעגט ר׳ זוסיען אַריינדרייען אין אַ לייכטן שמועס, ר׳ זוסיע

האָט שטענדיק הנאה געהאַט פון דעם שטאָט־ווייצלער, אַ מין הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

דעם צווייטן זמן האָט ר׳ זוסיע ניט געוואָלט קנעלן מיט אונדז. זיין ווייב עטיע האָט אים געוואָלט אין קליטל, כאָטש אויף יאָרידן. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז ער ווערט אויס מענטש איבער זיין חדר. ער עסט ניט ווי געהעריק צוליב דעם שולכל. די קינדער זיינען אָפּט אַליין, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. איין מאָל האָט ער גאָר געוואָלט אָנגעמען אַ שטעלע אַלס נאמן אין אַ נייעם וואַלד, ער איז אָבער געווען פאַרבונדן מיטן חדר און ער האָט גראָד ליב געהאַט מיט די תלמידים צו קנעלן. טייל וואָס האָבן ניט געקענט נאָכפּאָלגן זיין דרך הלימוד, האָט ער ממש מפקיר געווען, זיי געלאָזט אויף גאָטס באַראָט. ער וועט זיך מיט זיי ניט עסן ס׳האַרץ. עס האָט שפּעטער אַ סך געהאָלפן, זיי זיינען געוואָרן מער געהאַרכזאַם. אויב אַ תלמיד האָט באמת ניט געוואָלט, האָט ער באַפוילן מיטן תלמיד, ער זאָל אַליין זאָגן דעם טאַטן, אַז די וואָך קען ער נישט די סדרה. ער האָט דערנאָך חוקר ודורש געווען אויב מ׳האָט געזאָגט דעם אמת. אַ מין שטראָף, אַליין מודיע צו זיין די אייגענע חטאים צו טאַטע־מאַמע.

ער איז אָבער געווען געוואַלדיק שטרענג צו זיין אייגענעם זון שכנא. ער האָט געמוזט קענען דאָס בלאַט גמרא אויפן האָר. אלא ניט, האָט זיך געטאָן חושך. ער פלעגט אים מקיים פסק זיין, אַז דער יונג האָט זיך אַזש געשעמט פאַר זיינע תלמידים. די מוטער זיינע האָט זיך געטומלט. זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין למאי איר מאַן גיסט אויס זיין גאַנצן צאָרן אויף איר בן־יחיד, וואָס איז אָבער געווען איר רעכטע האַנט אין קליטל. דעם רבינס טענה איז געווען, אַז ער וואָלט געקענט, נאָר ער וויל נישט. פאַר נישט ווועלן האָט ער שטאַרק געקעמפט אַפילו מיט די אייגענע תלמידים. ער האָט אָבער ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיין בן־יחיד זאָל זיין אַ פּרא אָדם.

אין אמתן איז דער רבי נישט געווען איינגאַנצן גערעכט. איך דרינג דערפון, אַז עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם ווייטיק האָט דער רבי צוריקגעהאַלטן. ווייל דער בחור זיינער האָט זיך שטאַרק ליב געהאַט און אַלץ איז ביי אים געווען מיט געלעכטער, אָפּטאָן שפּיצלעך און אָפּשפּאָטן פון אַנדערע. דאָס האָט דעם רבין שטאַרק באַצערט און ס׳האָט אָנגענומען אַן עקסטרעמע ווענדונג צום שלעכטן. (היינט איז אָט דער שכנא דער טאַטע פון סימאָר האָראָוויץ וואָס רופט זיך סיי האַוארד אין האָליוואוד, האָט אייגענע ראַדיאָ־שאָוס, שרייבט „געגס" פאַר דזשעק בעני און די אַנדערע קאָמעדיאַנטן.)

איך וועל זיך נאָך אומקערן צו שכנאן מיט זיין זון סימאָר האָראָוויץ שפּעטער. איך מיין אַרויסצוברענגען, אַז מ׳קען גאָרנישט וויסן ווי אַזוי קינדער וועלן זיין אין די שפּעטערע יאָרן. דער סימן איז, אַז דער רבי אומזיסט האָט זיך אומזיסט געזאָרגט. ער האָט ניט געוואָלט, אַז זיין שכנא מיט די

אַנדערע קינדער זאָלן פאַרבלייבן אין פעלשטין. ער האָט פאַר יעדן געצאָלט שכר לימוד, זיי געלערנט אַליין צוביסלעך, און אין דער שטיל געהאָפט אויף עפּעס אַ נס... און זיין בטחון איז אים בייגעשטאַנען, ניט וויל דער רבי ר׳ פּנחסל פלעגט אים בענטשן. ער האָט קיינמאָל ניט געזאָגט ווי ער פילט בעת ער גייט זיך פּראָוווען צו זיין אייגענעם תלמיד. אַ סברה, אַז ער האָט זיך אַמאָל פאַרטרויעט פאַר מיין פאָטער לגבי זיינע רעיונות בנוגע ר׳ פּנחסלס ברכות. אָבער מיין פאָטער האָט קיינמאָל נישט אויפגעדעקט אַ חברס סוד... עס איז אָבער געקומען אַ צייט נאָכן דריטן זמן.

מיר האָבן געהאַט אַ סך פרייע טעג אין בין הזמנים ביי ר׳ זוסיען. ביידע חברים האָבן געשמועסט וועגן מלמדות. אויך דער פאָטער מיינער האָט אָפּגעקנעלט צוועלף יאָר און דאָס אָוועקגעוואָרפן איבער דער מאַמעס אַ שבועה. ער האָט אַליין געוואָלט ממש אַ נדר טאָן ניט צו זיין מער קיין מלמד. מ׳האָט גערעדט פון דער צייט וואָס אין רוסלאַנד איז שוין געווען אוממעגלעך צו זיין. גאַנצע פאַמיליעס האָבן זיך געקליבן אין וועג קיין אַמעריקע. — איז אפשר טאַקע אַ פּלאַן, מרדכי, מיר זאָלן ביידע אָוועקפאָרן אויף צוויי חדשים און זיך לערנען שחיטה? די קינדער דיינע, די עלטערע, זיינען שוין אין ניו־יאָרק, מיין משפחה איז זיך אויך צעלאָפן, זיי שרייבן מיר: — פעטער זוסיע, לערנט זיך אויס שחיטה, און איר וועט אין מילוואָקי בעזרת השם ווערן אַ שוחט. קריגט נאָר די „קבלה״.

דאָס האָבן זיי, ביידע חברים, גערעדט אין דער שטיל. מיין פאָטער האָט ניט געוואָלט זיין קיין שוחט. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז צו זיין אַ שוחט מוז מען זיין נאָך ערלעכער ווי אַ רב. איך האָב עס ערשט אויסגע־פונען פון מיין רבין ע״ה אין מילוואָקי, ווען איך האָב אים באַזוכט, שוין אַ זקן. געווען דאָרטן אין 1945 זיין גאַסט, צוויי וואָכן. איך האָב מיט אים ערשט דאַן גערעדט ווי אַ דערוואַקסענער תלמיד. עס איז געווען בלויז אַ פּאָר יאָר נאָך דעם אַרויסגעבן פון מיין בוך דערציילונגען — „אויף אַ שמאָלער סטעזשקע״. אין בוך געפינט זיך דער אָנהויב פון זיינער אַ מעשה מיטן שלוש סעודות, איך האָב זי איבערגעגעבן פּשוטה כמשמעה, אָן ענדערן אַפילו אַ וואָרט. איך האָב מיין נסיעה באַשריבן אין „קענעדער אָדלער״.

אָבער, אַז איך שרייב שוין מוז איך מגלה סוד זיין קליינינקייטן, וואָס מיין רבי האָט מיר דערציילט, לגבי זיין ווערן אַ שוחט און זיין שמועס מיט מיין פאָטער.

דער סוף איז געווען, אַז אַ וואָך פאַרן סוף זמן, האָט ר׳ זוסיע מודיע געווען, אַז ער פאָרט אַוועק צו ר׳ אלתר קאָנסטאַנטינער, זיך באַראַטן וועגן דעם ענין שחיטה; אַז ער גייט אויף לפּי שעה ס׳מלמדות. מ׳האָט געסברהט און גערעדט און עדות געזאָגט, אַז ר׳ זוסיע האָט שוין אַ פאַרטיקע שיפס־קאַרטע פון זיין ווייבס משפּחה און כהרף עין מיט זיין קענטעניש און לומדות,

וועט ער זיין שוחט. און ווי אַ ווינט וועט עס אים געבן אַ רייס אַרויס פון זיין שטעטל פעלשטין קיין אַמעריקע.

דאָס איז געווען ווי אַ מין נבואה צווישן די זינקאָווער חסידים. זיי האָבן דאָס געהאַלטן בסוד, אַז עס איז געווען פריער דעם רבינס רצון, דער־נאָכדעם דעם אויבערשטנס, אַז ר׳ זוסיע הורוויץ הלוי זאָל ווערן שוחט אין מילוואָקי. ער איז טאַקע געווען דער אָנגעזעענער איד פון אוקראַינע. מ׳האָט אים גערופן ראַבאַי הורוויץ. פערציק יאָר געשאָכטן און געווען אַ שיינענדיקע ליכט פאַר די מילוואָקער אידן. ער וואָלט זיך געלעבט אין כבוד גדול, על התורה ועל עבודה, ווען עס געשעט נישט דער אומגליק מיט זיין אינגסטער טאָכטער, אַן אַדוואָקאַטין: זי איז שוין געווען אַ כלה און ס׳האָט זיך איר פאַרוואָלט צו פליען אין אַן עראָפּלאַן, אין סאַמע שטאָט, בעת מען איז נאָך נישט געווען זיכער מיטן לעבן. און די טראַגעדיע איז געשען. דער עראָפּלאַן איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ מוראדיקן קראַך און זיי ביידע דערהרגעט מיט נאָך אייניקע, וואָס איך קען פינקטלעך ניט אָנגעבן די צייט און די נעמען. די טראַגעדיע האָט דעם פאָטער ממש דערשלאָגן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שעכטן און געטרויערט אויף זיין גרויסן בראָך ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

הגם ער האָט געהאַט אַריכות ימים, שוין געווען איבער די אַכציקער ווען ער איז נפטר געוואָרן אין מילוואָקי. מיין ווייניקייט ווערט דורך אים דערמאָנט אין דער מילוואָקער פרעסע. איך וועל אים קיינמאָל נישט פאַר־געסן. כבוד זיין אָנדענקען.

## ה. ר׳ לייב רייזעס

ענדלעך איז געקומען די צייט איך זאָל אָנהויבן גיין אין חדר צום „גרעסטן" מלמד פון פעלשטין, ווייל נאָך זוסיע חנה חיהס, איז שוין לייב רייזעס געווען דער לעצטער מלמד... נאָך לייבן איז מען שוין באַפרייט געוואָרן פון די חדרים און געוואָרן אַ בית המדרש בחור... הגם ניט מיט אַלע איז עס אַזוי געשען.

מען מוז וויסן, אַז לייב רייזעס תלמידים זיינען אויך געוואָרן דאָקטוירים, אַפּטייקערס און גרויסע בעלי־חשבון... אָבער בכלל איז דער רמז געווען — דער בית המדרש.

איך בין דאַן געווען עלף יאָר אַלט. איך האָב זיך אַביסל געשראָקן, ווייל ביי ר׳ לייבן האָט מען טאַקע געדאַרפט קענען... היסטאָריש איז ר׳ לייב געווען דער פוסק אחרון אין געבן אַ „פּעטשאַט" ווער עס וועט זיין אַ בן־תורה, ווער ניט. ער האָט שוין געהאַט געקנעלט אין פעלשטין מיט גאָר גרויסע בחורים. בערך פערציק יאָר געווען גרויס ניט בלויז אין לומדות, נאָר אויך — אין גוף... גייסטיק און קערפּערלעך איז ער געווען אַ פּאַרשוין,

אַ פאַרנעם, מיט אַ „פעמפּיק״ און אַ ווייס־גרויער, געדיכטער, קיילעכדיקער באָרד, אַ ברייטע נאָז, מיט גאָר גרויסע, געדיכטע ברעמען העט אַרויף... זיין ברייט, פליישיק, אויסגעקעכלט פּנים, איז געווען דאָס לויטערסטע. ער פלעגט גיין מיטן קאָפּ פאָרויסן, זיין היפּשער בויך דהאָט אים געגעבן דאָס אויסזען פון אַ פּאַטריאַרך... אָן ענלעכקייט צו קאַרל מאַרקס, ווי זיי וואָלטן געווען צוויי ברידער... ווינטער, אין די גרויסע שנייען, פלעגט ער אָנטאָן שטיוול מיט הויכע כאַליעוועס און אַ וואַטאָווע בורקע, מיט אַ גרויסן גרויען שאַל, בעיקר, ווען ער פלעגט גיין דאַווענען אין בית המדרש... הגם, עס איז געווען אַ שטיק וועג פון זיין הויז, וואָס איז געווען געדוגנגנס, אָזש לעבן מאַנאַפּאָל, פון דער אלמנה, דער באַנדאַרקע, וואָס האָט אויך געוואוינט פון פאָרנט פון דעם הויז. אַ הויז כמעט ווי אַן אַריינפאָר...

לייב רייזעס האָט בטבע ליב געהאַט רחבות. די צוויי צימערן מיט דער קליינער קיך האָבן געהאַט געזנוג ליכט און זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פּויערשע היימען מיט זייער פּראַכט און גלאַנץ, בעיקר אין די זומער־חדשים, ווען די בוימער בליען און גיבן אַרויס די פאַרשיידענע פּירות, וואָס רייצן דעם מענטשלעכן באַגער, כאָטש צו מאַכן אַ ברכה איבער די זאַפטיקע פּירות... דער באַנדערקעס הויז איז געשטאַנען צווישן אַ ריי הייזער, כמעט אַלע געבויט לויט איין אַרכיטעקטור, — מיט גרויסע טויערן, לאַנגע פּאָרהייזער, גרייט פאַר די אויסלענדישע סוחרים אַריינצופאָרן און טאָן מסחר אַ שפּאַן פון גרויסן מאַרק... די גאַס איז געווען די גלייכסטע און גרעסטע. צום פאָרנט פון הויפּטמאַרק, איז געווען די „טאַרגאָוויצע״ פון פערד. לאַנג און ברייט האָבן זיך די יונגע אויסגעפּאַשעטע פערד געיאָגט פון די ליוועראַנטן אין גרויסע יאַרידן... געהאַנדלט און געוואַנדלט, און פעלשטין האָט געשמט... אַהין זיינען געקומען די רייכסטע סוחרים, „פּערוואָי גילדי קופּצעס״, פלעגן איינשטיין ביי אברהם־חיים אפרימס. ווענגערעס, קאַצאַפּעס האָבן אַהין געבראַכט זייערע פאַרשיידענע סחורות אויף די יאַרידן, און אַפילו געמאַכט אַן איבעריקן לחיים...

אונדזער חדר ביי ר׳ לייבן איז געווען בלויז אַ שפּאַן צו יענעם אַריינפאָר. דער סאַמאָוואַר האָט דאָרטן געזאָטן טאָג און נאַכט, ממש ביז חצי הלילה. חיים אפרימס איז אַפילו געווען דער בעל הטאַקסע... מיר, די תלמידים, האָבן סיי זומער, סיי ווינטער זיך געיחוסט מיט דעם פאַקט, וואָס אונדזער חדר איז אין דער רוישנדיקער גאַס, נעבן מאַנאָפּאָל, וואו דער יאַריד שטעלט זיך איין, וואו משקה שפּיגלט אָפּ דאָס פּויערישע עשירות... און ניט איין מאָל האָט מיך דער מאַנאָפּאָל אָנגערעגט ווי אַ שטן... צו זיין — דער שפּעטסטער אין חדר, אויך אַ מהלך פון אונדזער שטוב, וואָס איז געווען אין דער גאַס פון די בתי מדרשים, ניט ווייט פון טייך...

לייב רייזעס האָט אין די יאַרידן זיך געלאָזט וואוילגיין... די תלמידים האָבן דאַן אָפּגעלעקט אַ ביינדל... ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס ווי

אַ פרייער פויגל, אַ שטאָט בעל־הבית, בעיקר אין די היצן, אין הוילן העמד, מיטן טלית קטן אין דרויסן, אין זיין סאַמעטענער צעפלעטשטער יאַרמולקע; געוואָרן לפי שעה אַ באַאָבאַכטער פון די נסים ונפלאות, וואָס ווערן פאַר־לאָפן אויפן גרויסן פעלשטינער יאַריד. ווען ער פלעגט אונדז איבערלאָזן אין חדר אַליין און כלומרשט אָנגעזאָגט זיין צווייטער ווייב חיה־שרהן, אַז זי זאָל אַכטונג געבן אויף דער „ווייסער חברה"... האָבן מיר קיינמאָל ניט געוואוסט, צי ער וועט באַלד זיין צוריק, אָדער ניט; ווייל מיר זיינען געווען אין ספק וועגן זיין הילוך, סיידן ער האָט זיך אָנגעטאָן אַ ווייס ריין העמד און אַ ברייטע וואַטאָווע קאַמזויל, מיטן ברייטן אַלפּאַקאַנעם סורדוט... בעת ער פלעגט גיין צו אַ בוררות ביים רב און גאון, הרב ישראל קיטאָווער... מיר פלעגן שוין וויסן זיינע גענג, ווייל ער איז געווען אַ פּינקטלעכער אין זיינע הליכות...

גאָר אָפט פלעגט ער אויף די יאַרידן פאַרשווינדן אויף אַ פּאָר שעה און צוריקקומען מיט אַ פול מויל חידושים... און גערן דערציילן וואונדערס פון גרויסן יאַריד... סיידן ער האָט אויסגעפונען, אַז מיר האָבן ניט געלערנט דעם שיעור לויט זיין אָנזאָג... נאָר מ'האָט געוואָיעוועט און איבערגעקערט די שטוב... ערשט דאַן האָט ער אונדז מקיים פסק געווען.

לייב איז געווען אַן ערך אַ זעכציקער, ווען איך האָב אַריינגעטראָטן אין זיין חדר. ער האָט צוגעזאָגט מיין טאַטן, אַז ער וועט פון מיר מאַכן „אַ מענטש". איך וועל ביי אים זיין און זיין... מי יודע וואָס... איך האָב זיך, ווי געזאָגט, געשראָקן, ווייל ער האָט געפאָדערט פון די תלמידים „גאונות"... אויב דו ביסט געווען אַ געוויינלעכער תלמיד, האָסטו ביי אים קיין פּנים ניט געהאַט... ווייניקסטנס, האָב איך אַזוי געהערט. ער איז אַפילו געווען שטרענג צו עלטערע מענטשן, זיין כוח הדיבור, זיין שטעל, זיין פייערן מיט די אויגן בעת ער איז אַריין אין אַ ויכוח, האָט געקאָנט אָנ־שרעקן יעדן, ובפרט אַן עלף־יאָריקן תלמיד, איבער וועלכן ער איז דער בעל־הבית...

גאָר אָפט פלעג איך אים זען אין בית־המדרש דאַווענען מיט זיין ברייטן טלית צעפלאַשעט, פריי, און אַריינקוקן אין אַ ספר. לויט סברות, איז זיין דאַווענען געווען ווי אַ בייזאַך. דער עיקר איז געווען זיין לערנען, זיין זוכן עפּעס אַ שטיקעלע חריפות אין אַ פשט... ער איז געווען אַ בעל־זכות ניט בלויז מיט זיין שיינקייט, ער האָט אויך זוכע געווען צו זיין אַ קענער, אַ יודע ספר אויף אַ וועלטלעכן שטייגער... גאונים האָבן ביי אים פאַרנומען אַ גרויס אָרט, ובפרט רש"י און בעלי־התוספות און די אַנדערע מפרשים. אַרום זיי איז געווען זיין קליין וועלטל... ער האָט אויפגעלעבט ווען מ'האָט אים אַמאָל געבראַכט אַ שווערן חשבון, אַ חריפות; ער איז געווען אַ בקי אין חשבון, און געקענט אַפילו אַלגעברע. זיינע אַמאָליקע תלמידים, שוין באַ־

ווייבטע, פלעגן קומען צו זייער גרויסן רבין מיט פראַגן איבער אַלץ און אַלעמען, בעיקר אין לומדות...

ער האָט מיט אונדז געלערנט גמרא און תנ״ך גאָר אַנדערש ווי די אַנדערע מלמדים. בעיקר תנ״ך. ער האָט ליב געהאַט די נביאים. זייערע ליידן און פריידן און שטראָפן האָבן אים גערעגט. זיין ריידן איבער ישעיה הנביא און איבער די שופטים, איז געווען איבער אונדזערע קעפּ... ער האָט פון אונדז געוואָלט מאַכן „עפּעס רעכטס״, אָבער ער פלעגט אַנטוישט ווערן ווען ער האָט דערפילט, אַז מיר טאַפּן אַ וואַנט. מיר האָבן אים מער דערפרייט, ווען עס איז געקומען צו אַ שטיקל גמרא. דאַן האָט ער מער־וויניקער אונדז געגעבן שבחים... ער פלעגט זיך בייזערן אויף די אַנדערע מלמדים, וואָס גיבן אַוועק זייער בעסטע ענערגיע בלויז צו דער גמרא, צו דער משנה... בעת תנ״ך איז ביי זיי סם... קיין וואונדער ניט: זיי קענען אַליין נישט!...

ער פלעגט, נאָך אַן אַנטוישונג מיט אונדז, אַרויסגיין אַ ווילע אויף דער גאַס כאַפּן לופט, אָדער זיך צעשטרייטן... מיר פלעגן ווערן שטיל און ווי אויסגעפּאַטשט, ווען ער פלעגט אונדז איבערלאָזן אַ ווילע, ווי מיר וואָלטן געווען חוטאים... „גראָבע יונגאַטשעס״, — פלעגט ער אַ מאַך טאָן מיט דער רעכטער האַנט, וואָס האָט געהאַט בלויז פיר פינגער. דעם גראָבן פינגער האָט מען אַפּגעשניטן משנים קדמוניות, ווען מ׳האָט אים געוואָלט פאַרהיטן אין „ניקאָלאַי פּערוויס״ צייטן...

קיין קינדער האָט ער שוין בשעתו אין פּעלשטין ניט געהאַט. זיינע אַ טאָכטער האָט חתונה געהאַט און געוואוינט אין אַ שטעטל טשימעראָוויק. דורך יענעם שטעטל האָב איך געגנבעט די גרענעץ פאַרן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. די טאָכטער איז געווען אַ געראָטענע און ר׳ לייב פלעגט ס׳רוב זיך דורכפאָרן צו איר. זיין ווייב חיה־שרה איז דאַן געוואָרן די רביצין, אונדז געהייסן לערנען ווי דעם רבינס אַמאָליקע תלמידים... זי האָט זיי אַלע אויסגערעכנט פּינקטלעך און דערציילט די גאונות זייערע, פּונקט ווי די „גראָבע קעפּ״... זי איז געווען דער היפוך פון אים, אונדזער גרויסן רבין. אַ קליינינקע, מיט אַ טונקל־ברוין פּנימל, קליינע ווייבערשע אייגעלעך, וואָס גלאַנצן אַרויף צום הימל ביי עפּעס אַ סיבה, ניט פאַר קיינעם געדאַכט...

ווי אַזוי אַזאַ אידענע איז געקומען צו דעם גרויסן ר׳ לייב רייזעס פאַר אַ ווייב, איז מיר עד־היום אַ חידוש... נאָך אַלס תלמיד האָב איך שטיל דערפון געטראַכט, הגם זי, חיה־שרה, די רביצין אונדזערע, איז געווען אַ גוטע נשמה. זי האָט אונדז בסוד־סודות געוואָרנט ווי אַזוי זיך אָפּצוהיטן פון שלעק, איין עצה האָט זי געהאַט: חזרן און קענען... זי איז געווען אַ נאַאיווע פרוי, אַ גוטהאַרציקע און אָפּגעהיט אירע ביסל עופות, וואָס זי האָט געהאָדעוועט פאַרן אייגענעם געברויך, צו האָבן אַן אייגן איי און אַמאָל אַן עוף אויף שבת. זי פלעגט יעדן יאָר אויפזעצן „קוואָטשקעס״ און האָדעווען די

הינדלעך ביז זיי זיינען גרויס געוואָרן. די נשארים, איבערבלייבעכץ פון די קינדערשע וואָרמעסן, האָבן געקלעקט געגוג פאַר שפּייז צו די עופות...

זי איז אים, דעם רבין, געווען שטאַרק געטריי. שטענדיק געווען גרייט אים צו דינען, אים ברענגען זיין לעפּעלע סאָדע מיט אַ גלאָז וואַסער דאָס גיך אויסצוטרינקען, ווייל ער פלעגט האָבן אַ ברענונג אין האַרץ נאָך אַ עסן... מיר פלעגן צוקוקן ווי דאָס וואַסער זידט אין גלאָז. ער פלעגט עס האַסטיק אויסמישן און טרינקען מיט אימפּעט...

— זאָל דיר זיין צו רפואה מיין מאַן, — פלעגט זי שטיל אים געבן די ברכה און צוריקנעמען די גלאָז מיטן לעפּעלע. ער פלעגט איר נאָכקוקן ביי איר אַוועקגיין אין קיך, פּונקט ווי מיר, די תלמידים. ער האָט אַוודאי געטראַכט דאָס אייגענע וואָס מיר... און אפשר האָט ער געפונען אין איר עפּעס... מי יודע וואָס פאַר אַ סודות ס'ליגן פאַרבאָרגן אין זיווגים? זי איז נאָך געווען יונג, ווען ער האָט מיט איר, ס'צווייטע ווייב, חתונה געהאַט. זי האָט אים געהאָדעוועט מיט מילכיקס, בעיקר אין די זומער־חדשים. סמעטענע איז געווען זיין לעבן... אַמאָל אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע, אַ גוטע באַר, אַ פלוים. צופיל פלעגט ער אָבער ניט עסן. איך בין אַן עדות. און דאָך אַזאַ אָסאָבע! אגב, איז ער געווען אַ באַהאַלטענער קמצן. ער פלעגט רויכערן שטאַרקן טיטון. זיין אויסדרייען אַ ציגאַרעטל איז געווען קינסט־לעריש. מיט אַ דריטל פּאַפּיראָס, ווייל ער פלעגט צעשניידן אַ פּאַפּיראָסל אין דרייען. דאָס אייגענע מיט אַ שוועבעלע: ער פלעגט שפּאַלטן אַ שוועבעלע אין צווייען. בלויז ר' לייב האָט אַזוינס געקענט. ער פלעגט אונדז תלמידים לערנען די אייגענע קונץ, אָבער מיר האָבן ניט געקענט אים נאָכמאַכן... ער פלעגט אונדז לערנען די מידה פון עקאָנאָמיע. איצט פאַרשטיי איך, אַז ער האָט נאָך אין יענע יאָרן געלעבט לויט אַ בודזשעט, על־פּי־חשבון. איך האַלט אָבער, אַז דאָס שפּאַלטן דאָס שוועבעלע אין צווייען איז געווען ביי אים לשם קונסט „אַן אומן יד". ער פלעגט אפילו מאַכן קונצן מיט אָפּשיילן אַ קאַרטאָפליע, אָדער אַ בוראַק, אין פאַרשיידענע פאָרמען, מיט רינגעלעך, זיי געדרייט אין אַ שלשלת, און אונדז געוויזן די קונסט ביד, אַז מיר קענען די רעדעלעך ניט פונאַנדערנעמען... ער פלעגט עס טאָן געשווינדט און מיר האָבן די תורה זיינע פון שוואַרצקינסטלעריי ניט געקענט... ער פלעגט עס טאָן ווען אים האָט זיך ניט געוואָלט לערנען. ער פלעגט אַרומגיין און צייטנווייז ממש רײדן צו זיך אַליין, בדמיון, ווי ער וואָלט געהאַט אַ וכוח מיט עמיצן, אָדער אויסנווייניק עפּעס געחשבונט...

טייל פון זיינע תלמידים האָבן זיך ביי אים געלערנט שרייבן דורך דער שעה פון אָנבייסן. צוליב זיין חשבון־קונסט, האָב איך אַליין דאָס געטאָן. אָבער קיין סך האָט ער ניט געוואָלט מפקיר זיין פאַר דעם. געהייסן גיין צו יאָסל שרייבער. איך האָב זיך געוואונדערט און איינמאָל אים געפרעגט, למאי ער לערנט מיך ניט מער ווי דעם אלף־בית. „עד מתי?" — איז ער געפאַלן

אויף אַן המצאה, און מיר אַנגעשריבן צוויי שורות, אין העברעאיש — „אַט האָסטו עס! אויס אַלף־בית, נעם און שרייב נאָך..."

אויף ווי ווייט איך געדענק, האָבן זיך די שורות געלייענט אַזוי: „שטף קצפך כחץ, הדת מגן! נאום לייב רייזעס... ווען ער האָט מיך געפרעגט דעם טייטש פון די שורות, האָב איך זיי אים פאַרטייטשט, לויט מיין קענטעניש, וואָס מיינט: „דאָס פאַרפלייצונג פון דיין צאָרן איז ווי אַ פייל, די תורה איז אַ פאַנצער! אַזוי זאָגט לייב רייזעס"... ערשט דאַן האָט ער מיר געגעבן אַ קניפּ אין בעקל, זיך צעלאַכט, אַז אַקטועל זיינען די שורות ניט מער ווי דער אַלף־בית... ער האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי דו קענסט דעם אַלף־בית, קענסטו מיט די ווערטער שאַפן אַ תורה... זיין זאָגן און לערנען איז אָבער געווען ניט מיטן הארץ, נאָר מיטן שכל... און איבער די קעפּ פון די תלמידים' און דערפאַר האָבן מיר זיך ניט געקענט דערנענטערן צו אים... זיין צווישן־לערנען איז געווען אינטערעסאַנטער ווי דאָס לערנען. אָט, למשל, פרעגט אים אַ תלמיד: — רבי, פאַרוואָס טאָר מען ניט קוקן בעת כהנים דוכענען?

— ווייל, אַז איינער קוקט איין מאָל, ווערט ער בלינד אויף איין אויג; ווען ער קוקט אַ צווייטן מאָל ווערט ער בלינד אויפן צווייטן אויג, און ווען ער קוקט אַ דריטל מאָל — שטאַרבט ער...

מיר האָבן דאָס אַלע געהערט אין ערנסט און אין שרעק. אָבער עס האָט גענומען אַ מינוט, צוויי, ער וואַרט. קיינער פון אונדז האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק. איז ער בייז געוואָרן און געפרעגט: — „איז אייך קיינעם ניט קשה עפּעס?" מיר האָבן זיך גענומען איבערקוקן און ער האָט ווידער אונדז איבערגעזאָגט די שטראָף ביים קוקן ווי כהנים דוכענען. און אַ גליק, וואָס צום צווייטן מאָל האָט זיך אַ תלמיד געכאַפּט, אַז „ווי קען מען קוקן דאָס דריטע מאָל אַז מען איז שוין בלינד אויף ביידע אויגן?... ערשט דאַן האָט ער ווי אויפגעשיינט ,וואָס כאָטש איין תלמיד האָט זיך געכאַפּט און האָט געענטפערט ווי אַ בר דעת.

איינער פון צען — דאָס האָט אים געקרענקט... איך אַליין האָב פאַר אַ צייט געליטן, למאי איך האָב זיך ניט געכאַפּט פונקט ווי יאָסעלע לייבוש שניידערס... גראָד אַ וואויל אינגל, וועגן וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ער איז קלוג, ווייל זיין טאַטע שרייבט אים קלוגע בריוו פון אַמעריקע...

אַגב בין איך געווען אַ שטיקל קרבן דורך דעם, וואָס ער פלעגט מיך שיקן מיט אַנדערע זיך פאַרהערן פאַר די עלטערן. היות, ער אַליין פלעגט ניט גיין מיט די תלמידים, ווי אַנדערע מלמדים, און איך מיט נאָך צוויי זיינען געווען די, וואָס האָבן פאַרנומען זיין פּלאַץ ווי שומרים, ווי ווייט דער תלמיד האָט געקיכולט... נו, פלעגט טרעפן, אַז דער תלמיד האָט ניט געקענט און מען פלעגט אונדז נעמען צו פּרוואוו, אויב מיר קענען בעסער. און אַזוי אַ, פלעג איך שוויצן און זיין דער קרבן, וואָס האָט, אין איינוועגס, מיר גוט געטאָן, און אין צווייטן — ניט. ס'האָט געבראַכט אַ סך שברת לב

צווישן אונדז. ווי מיר וואָלטן געוועזן די שולדיקע אין זייער ניט קענען... אַלץ וואָלט געווען גוט און וואויל, מיר וואָלטן אַפילו ניט גערעכנט די עטלעכע פעטש וואָס מיר פלעגן קריגן אין די דאַנערשטיקס. מיר וואָלטן געבליבן גליקלעך וואָס מיר האָבן אַזאַ רבין, ווי ר׳ לייב רייזעס, אַ קאָפּ־מענטש, אַ למדן, אַ בעל חשבון, אַ בקי בש״ס ופוסקים, איז אַ פוסק אחרון אין אַ בוררות. ער האָט אַפילו געמאַכט אַ זייגער צו דער באַן, וואָס האָט געוויזן וויפל קוילן עס ווערט פאַרנוצט. ביז, ויהי היום, איינער אַ שוויטקער פאַרשווינדל האָט עס ביי אים אָפּגעקויפט פאַר אַ הונדערטער און... אויס פאַטענט... מען האָט געשמועסט, אַז דער גרויסער חכם און דערפינדער ר׳ לייב האָט זיך באַנאַרישט און האָט פאַרקויפט דעם פאַטענט פאַר אַ שיבוש, בעת יענער האָט געמאַכט פון דעם זייגער אפשר אַ מיליאָן...

מיר האָבן זיך שוין ניט געוואונדערט למאי ר׳ לייב גיט דווקא אַ אידן אַ גמילות חסד. עס ווענדט זיך נאַטירלעך ווערעמען, אָבער מלמדים זאָלן האָבן גענוג געלט פאַר גמילות חסדים, איז געווען ביי אונדז קינדער אַ „בתמיה״? אייניקע קלוגע מלמדים האָבן אָבער אויסגעחקירהט, אַז דאָס עשירות איז געקומען פון זיין זייגער צום באַן און על כן איז אונדזער רבי אַ יוצא מן הכלל... קיינער האָט ניט געוואָגט צו פרעגן ר׳ לייבן וועגן דער מעשה נורא, אַז ער האָט אַוועקגעגעבן אַ מיליאָן פאַר איין מאה רובל. ער האָט, לכל הדעות, ניט פאַרלוירן זיין אָנזען אין שטאָט. לייב איז אַלץ געווען דער בעל־דעת, דער וואָרטזאָגער ביי אַ בוררות. ער פלעגט אַפילו פסקענען אַ שאלה לשייכות געשעפטס־ענינים, און האָט אַפילו גענומען פסק־געלט.

מיר פלעגן זיצן ביי די אָפענע גמרות און הערן ווי אידן האָבן זיך געלאָדן ביי ר׳ לייבן. ער האָט זיי געמאַטערט, געפאַרשט, געעצהט, און דער עיקר האָט ער געוואָלט וויסן, אויב זיין פסק וועט אָנגענומען ווערן, אויב ניט איז ער ווייטער ניט געגאַנגען, זיי געהייסן גיין צום רב... שטענדיק איז זיין פסק געווען אַ דין, אַ חוק ולא יעבור. נאָר איין חסרון האָט ער געהאַט, וואָס איך באַדויער עד היום: ער האָט געהאַט אַ מין חולאת צו שמייסן קינדער אויפן נאַקעטן אחור... האָט זיך איינער פאַרזינדיקט, ווייל ער האָט ניט געקאָנט די גמרא, איז ער באַלד אַרויס אויף דער פאָדווירע, וואו דער בעזים איז געשטאַנען און אַרויסגעצויגן עטלעכע ריטלעך, אַריבערגעלייגט דעם קרבן מיט אַלע כוחות, און אים אַריינגעצימבלט אָן רחמנות, ווי ער וואָלט דערפון געהאַט די גרעסטע הנאה...

מיר האָבן, אַ חוץ אַלעם, געהאַט מיטלייד מיטן קרבן. דער חטא איז דאָך בלויז געווען, וואָס דער קאָפּ פאַרנעמט ניט... און ווי פאַסט עס גאָר פאַר אַזאַ גאון, ווי ר׳ לייב, צו האָבן אַ טועכץ מיט שמייסן בר מצווה בחורים אַזוי־אַ, אָן אַ שום רחמנות, פונקט ביי די אָפענע ספרים? דאָס איז דאָך פשוט אַ מין תאוה שלא כתובה בתורה, אַ מין סאַדיזם!?

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאָס ניט געקענט צוזען. איך האָב זיך

געשעמט און בין באַלײדיקט געװאָרן פון אַט דער „שײנער" מידה זײנער. דער קרבן, דער תלמיד, פלעגט ממש צעגײן פאַר װײטיק און בושה פון אַזאַ אַקט... ביז אין אײנעם אַ טאָג...

ס'איז שױן געװען דער צװײטער זמן. איך פלעג זיך גראָד חברן מיט אַט דעם בחור װאָס פלעגט אָפט געשמיסן װערן. זײן פאָטער איז געװען אַ גלעזער, האָט אַרײנגעשטעלט פענצטער און געפּאַרבט טירן, אָדער גויאיש געװאָנדט. אַפילו געפאָרן אין די דערפער. אַ תמימותדיקער איד, אַ בעל מטופל און אַ גרויסער אָרעמאַן. אגב, געצאָלט שכר לימוד פון די פּאָר קערבלעך, װאָס ער פלעגט קריגן פאַר זײן דער בעל קריאה אין הוסיאַטינער קלײזל. די װײב זײנע פלעגט אויך צוהאַנדלען אין מאַרק, געבאַקן ראָזעװע בולקעס פאַר איר היפש געזינדל.

דער בחור האָט זיך גראָד גוט געלערנט אין די שפּעטערע יאָרן; קלײנערהײט איז ער געװען שטומפּיק, איז מה רעש? עס טרעפט דאָך אַזױנס, װאו ליגט דער חטא אַזױ װײט צו באַשטראָפן אַ קינד?

איך בין אַװעק צו מײן זײדן, װי שטענדיק, װען איך האָב געהאַט צרות אין חדר... מיטן טאַטן איז געװען ביטער. דער רבי איז שטענדיק געװען גערעכט בײם טאַטן... אָבער דער זײדע אונדזערער איז דאָך אַלײן געװען דער שטאָט־שרײבער כל ימיו. איך דערצײל דעם זײדן די חרפּות און בושות װאָס מיר גײען דורך, אַז ר' לײב לאָזט אויס זײן גאַנצן צאָרן מיט שמײסן די קינדער נאַקעט מיט ריטלעך פון אַ בערעזענעם בעזים, און...

— נײן, זײדע, איך גײ מער ניט אין חדר צו לײב רײזעס. איך בין שױן צװעלף יאָר אַלט, גענוג! אויס מלמדים!

— אַי, ס'איז נאָך דאָ צװײ חדשים פאַרן סוף זמן. סטײטש, קינד מײנס, װאָס װעסטו טאָן, ביסט דאָך ניט אַהין און ניט אַהער!!...

עס האָט ניט געהאָלפן דעם זײדנס רײד. ער איז אַװעק מיט מיר אַהײם צום טאַטן. קודם כל זיך דורכרײדן װאָס דאָ גײט פאָר.

— היתכן? — טענהט דער זײדע, — לײב רײזעס זאָל זײן אַזאַ פּרא אָדם? שמײסן קינדער אָן רחמנות אויפן נאַקעטן אָחור?... דאָס איז דאָך בפירוש אַ בושה פאַרן קינד... װאָס פאַר אַ פּנים האָט עס? — זײ זײנען דאָך שױן באַלד בר מצװה בחורים! — טענהט דער זײדע צום טאַטן מיט אַ װיצעקו! און פּסקנט באַלד אָפּ, אַז ס'קינד בלײבט אין דער הײם; איך הײס אים מער ניט גײן צו לײבן דעם בעל תאװהניק. אויס! ס'קינד װעט לערנען אין דעם בית המדרש און װעט, אם ירצה השם, קענען די תורה אָן לײבן!

אָבער ניט אַזױ גיך איז דער טאַטע מסכים. איך װײן מיט ביטערע טרערן, איך װײס, אַז איך בין גערעכט, און דער זײדע איז אַװדאי גערעכט. ער גיט גאָר דעם ענין אַן אַנדער „אונטערשלאַק"... איך עפן ערשט די אויגן. דער טאַטע טענהט:

— סטײטש, שװער, װאָס רעדט איר? װי װעל איך קענען באַגעגענען

לייבן און אים דערציילן אַזאַ פּזמון? לייב איז דאָך שוין פערציק יאָר מלמד! דערצו לייט איך אַמאָל ביי לייבן אַ גמילות חסד און שמועס מיט אים אַפּט סתם אַזוי, ביני לבין עצמו...

איך האָב זיך איינגעקשנט און האָב געוויינט מיט ביטערע טרערן: טאָמער, חלילה, עקשנט זיך דער טאַטע איין און זאָגט, אַז איך מוז גיין צוריק... איין קליניקייט! פאַרלירן אַזאַ קאַמף!... איך זע שוין פאַר די אויגן, ווי איך ווער אַ קרבן. אמת, איך לאָז זיך ניט, איך קעמף ווי אַ לייב... מיך וועט ער אַזוי גיך ניט איינצווינגען... יאָ, איך זע דאָס בילד, ווי איך קעמף מיטן שטן המשחית. אָבער, דער טאַטע האָט עפּעס זיך געביטן, געוואָרן שטיל און, אַ פּנים, מיט ישוב הדעת, דערפילט, אַז די געשיכטע איז ניט אַזוי איינפאַך... אַז דער שווער האָט עפּעס געזאָגט וואָס איז אים אַריין אין די אויערן, און איך, זיין קינד, בין אויך ניט סתם קיין ליגנער...

ער הייסט מיר גיין אין בית המדרש און אויפהערן וויינען. ער וועט שוין ביי מנחה־ומעריב חוקר ודורש זיין ביי לייבן, וואָס דאָ טוט זיך...

וועל איך די פּרטים ניט פאַרעפנטלעכן, למען הכבוד פון מיין גרויסן רבין. ער האָט זיך געטענהט זיינס, אַז אַזוי לאַנג ווי איך, זיין תלמיד בערל, איז ניט מקיים פּסק געוואָרן, האָט עס גיט מיט מיר צו טאָן; אַז איך בין גאָר זיין קרוין, זיין טייערער תלמיד, וואָס האָט אים געגעבן כבוד; אַז ער פלעגט מיך שיקן צו פאַרהערן מיט אַנדערע תלמידים. און יענער בחורעץ פאַר וועמען איך נעם זיך אָן, איז פּשוט אַן עץ ואבן, אַ גוי גמור! ער קען אַזוינס ניט לאָזן גיין אָן אַ פּסק... און דאָ פּלוצעם, קום איך גאָר, זיין גוטער תלמיד, און וויל אים מאַכן אויס מלמד! וואָרפן פון ברויט!...

עס ווייזט אָבער אויס, אַז מיט זיין גאַנצער גאונות, מיט אַלע זיינע טענות, האָט ער פאַרלוירן זיין שפּיגל אי ביים טאַטן, אי ביים זיידן, און אַוודאי ביי די עלטערן וואָס האָבן זיך דערוואוסט וועגן דעם...

איך בין געבליבן אָן אַ מלמד. געוואָרן אַ בית המדרשניק, מישטיינס געזאָגט, אַ פּוסט־און־פּאַסניק. מיטן טאַטנס השגחה, אַז ער וועט מיט מיר קנעלן יעדן דאָנערשטיק און דער זיידע וועט זיין מיין מדריך, מיין שומר, וועט מיט מיר אָנהויבן קנעלן דאָס אמתע מאַמע־לשון, מיט זיין ברייטן כתב יד, ווי אַמאָל, און אַביסל רוסיש אויך...

— נישקשה, דער אַלטער זיידע דיינער האָט נאָך פאַר דיר תורה...

און אַזוי־אָ, האָב איך צוגעקראָגן צווי נייע מלמדים — דעם זיידן מיטן טאַטן. איר זאָלט שוין גאַרניט פרעגן... עס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך...

און, לשם קיצור, מוז איך בלויז באַטאָנען, אַז ר׳ לייב ע״ה האָט סוף זמן אָפּגעדאַנקט דער שטאָט, געוואָרן אויס מלמד, געזאָגט קאַטעגאָריש, אַז ער קנעלט ניט מער; אַז ער פאָרט אַוועק קיין טשימעראָוויץ, צו זיין טאָכטער, מיט האַק און פּאַק, אויס פּעלשטין. ער ווערט אַ טשימעראָוויצער!... כך הוה.

ס׳האָט זיך געגוג געטומלט: — היתכן, ר׳ לייב, וואָס פלוצים? —

אהין־אהער, ער האט זיך אפגעזעגנט מיט אלעמען: מיטן בית המדרש, מיט די פריינט, מיט הכל בכל.

און אט פליען פארביי א יאר־צוויי. איך פאר שוין מיט א שוועסטער קיין אמעריקע. איך האב געזאלט זיין איר שומר... דער טאטע וויינט. שוין דאס דריטע און דאס פערטע קינד רייסט מען פון אים אפ... ער בלייבט מיט איין קינד. ווער? וואס? ווען? פארוואס קומט עס אים? עס פעלן אים צרות? די שיפסקארטן זיינען שוין דא. זיין חלום, אז זיין בערל זאל ווערן מי יודע וואס, כאטש א רב... איז אים צערונען געווארן. הכלל, מען מוז פירן די צוויי קינדער אין א מיטן נאכט צו גנבענען די גרענעץ דווקא אין טשימעראוויץ, וואו מיין רבי, ר' לייב, איז דא ביי זיין טאכטער.

אוודאי קומען מיר אן אהין און ר' לייב דערוויסט זיך, אז מיר זיינען דא צו שווארצן די גרענעץ... אן ענין וואס איז ניט אזוי גרינג, סיידן מ'האט א צד אין שטאט... און אזא צד ווי ר' לייב איז דאך אן אוצר, א „סיעתא דשמיא"... און אט באווייזט זיך ר' לייב מיט זיין שטעל, מיט זיין שלום עליכם... א קלייניקייט, נאך צוויי יאר זיך באגעגענען מיט זיין תלמיד, מיט זיין פריינט און בן עיר מרדכי, וואס פלעגן גאנץ אפט זיך אמפערן איבער א סוגיא, און איבער וועלט ענינים...

איך, זיין תלמיד, האב זיך געפילט ווי א חוטא קעגן אים, דעם גרויסן רבין, וואס האט געהאט בלויז איין און איינציקן חטא... איך פיל עס אין מיינע ביינער... מיין צער איז אין לשער...

מיר קומען צו אים טרינקען טיי. די אכסניה הייסט אונדז ניט צו ווארפן זיך אין די אויגן צופיל פאר „באטשאלסטווא"... מ'עט שוין אלץ באשטאטן... ער רעדט מיט מיר, פרעגט מיך וואס איך האב דורך די צוויי יאר „אוספעיעט". דער טאטע איז מסכים, אז איך בין ב"ה אזוי גוט ווי אלע קינדער... לערן ניט שלעכט... און דא אזא שטראף: אמעריקע!... מען רייסט ביי אים אוועק די קינדער מיטן ווארצל!...

האט ר' לייב דעם טאטן אנגעוויזן, אז מען קען ניט גיין קעגן דער השגחה. אזוי וויל השי"ת. א סימן, אז ער האט אליין משנה מקום געווען... מסתמא, אויך א וואונק פון אויבן... און אט קומט די שעה. ר' לייב געזעגנט זיך מיט אונדז. ער גיט מיר דעם סימן: וואס צו זאגן דעם גרענעץ־שמוגלער, ווען ער וועט קומען צוריק... איך קוק אויף מיין רבין, ווי א שולדיקער קעגן אים. ער וויל למעה"ש איך זאל ניט פארגעסן אז מיין רבי ר' לייב האט מיר געהאלפן אין דער גרענעץ נסיעה, און מיך געזען צום לעצטן מאל... איך זאל אין זין האבן אים כאטש צו שרייבן א בריוול. איך האב זיך ביטער צעוויינט...

# דער אָנהויב פון דער פּעלשטינער ביבליאָטעק

אַנטיק, אַ זומער־נאַכט, חודש יוני, 1904, האָט זיך די פּעלשטינער יוגנט פאַרזאַמלט אין דעם צוויי־שטאָקיקן הויז פון מאָניש ברענמאַן, וועלכעס איז געשטאַנען אין מיטן מאַרק מיט הויפּט־שאָסיי, און אַרויסגעשיינט מיט איר רחבות.

איינע פון די גרויסע צימערן איז דאָרטן צוגעגרייט געוואָרן דורך די פּני פון שטאָט פאַר דער נייער ביבליאָטעק.

דער פּירעקיקער צימער מיט די גרויסע צוויי פענצטער צו מזרח און מערב האָט שוין אויך געהאַט אַ נייעם פּירעקיקן לאַנגן טיש מיט צוויי לאַנגע בענק, ספּעציעל געמאַכט פון עזריאל סטאָליאַרס אייניקלעך, אַלס אַ „זשערט־ווע" פון די יונגע צוויי בחורים סטאָליאַרעס.

ביי די זייטן פון גרויסן טיש שטייען צוויי נייע געפלאָכטענע בענקלעך פון ווייסע צווייגעלעך, ערשט געקויפט כדי צו באַשיינען די ביבליאָטעק. אין מיטן פון טיש שטייט טינט און פעדער צוגעגרייט פאַרן סעקרעטאַר פון אָוונט, צו פאַרצייכענען כל הפּרטים.

אַרום די ווינקלען פון צימער שטייען בענקלעך, פאַרשיידענע, געניצטע, אָבער ניי אָפּגעפּאָלירט צוליב דעם גרויסן יום־טוב. אין מיטן פון צימער, איבערן טיש, הענגט אַ גרויסער לאָמפּ, ריין אויסגעווישט פאַר גוטער באַלייכ־טונג. אויף דער רעכטער וואַנט הענגט אַ בילד פון דאָקטאָר הערצל, לינקס — אַ בילד פון באַראָן הירש.

ביי דער טיר פון צימער, לינקס, שטייט אַ נידעריקע שאַפע מיט מלבושים, אָן אַ שלאָס. קיין שפּור פון ביכער זעט מען נאָך ניט, אַ חוץ אויבן, אויף דער שאַפע ליגן גאַזעטן אידישע, רוסישע און העברעאישע.

ביי דער גרינדונג נעמען אָנטייל אין אָנהויב פאָלגנדיקע פּערזאָנען: פּרוי ברענמאַן, אַ מיטל־יאָריקע באַחנטע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ ווייס־זיידע־נער בלוזקע מיט אַ ברוין קליידל, אין הויכע לאַקירטע שפּיציקע שיך. אירע ברוינע פריילעכע אויגן זיינען געווענדט צום עולם, ווי זי וואָלט זיך דורכאויס געפּאַסט צו זיין גאַסטפריינטלעך; עזרא ברענמאַן — איר עלטסטער זון, הויך און דאַר, מיט געדיכטע שוואַרצע האָר, פאַרקעמט מיט אַ שרונט אינמיטן קאָפּ, — ציען די אויפמערקזאַמקייט פון שטאָטישע פריילינס, ווען זיי ווערן זיינע געסט; מאָניש ברענמאַן, באַלעבאָס פון הויז, פון מיטעלן וואוקס, אַ שוואַרצע פּירעקיקע באָרד, די געלע פּענסנע אויף זיינע שאַרפע ברוינע אויגן שפּיגלען אָפּ דעם פּעלשטינער גביר און טאַטע פון דריי צעפּיעסטעטע

זין און צוויי טעכטער, וועלכע מ׳האָט פּאַר „קראַסאַוויצעס״. אגב, איז ר׳ מאַניש אַ זעלטענער מנגן, און דאַוונט ימים נוראים אין בית המדרש אַלס אַ מתנה פאַר זיין דאָרטן דער גבאי.

ווען מען עפנט די פענצטער אַנטקעגןביים אַפּטייקער, דערפילט מען שוין ביי מאַנישן אין שטוב דעם פּאַרפיום־גערוך, וואָס דערמאַנט די געסט, אַז צו זיין ביי מאַנישן אַ גאַסט און שפּירן די זעלטענע ריחות פון דוכי און אַדעקאָלאָן — דאַרף מען האָבן אַ זכיה... די דופּטיקע בוימער נעבן אַפּטייקערס הויז שפּיגלען אָפּ דעם זון־פאַרגאַנג אויף די פענצטער פון מאַניש ברענמאַנס שטוב.

עס איז שוין ווייט נאָך מערב, יונגוואַרג קומט זיך שוין צונויף נעבן דעם גבירישן הויז. טייל וואַרטן אויף זייערע חברים און חברות. אָבער די מאַדאַם ברענמאַן לאָזט זיי ניט שטיין אין דרויסן, זי רופט זיי אַריין פון באַלקאָן, אויפן קול: „וואָס שטייט איר אין דרויסן, קינדער? קומט אַריין, עס ווערט שוין פינצטער״. זי באַגעגנט יעדן מיט אַ גוטן אָוונט, ווען זיי קומען איר אַנטקעגן.

— אַ גוטן אָוונט, אַ גוט יאָר! — ענטפערן די געסט און ווערן מלא שמחה ווען זיי קומען אַריין אין דעם אויסגעשטאַטן צימער פאַר זייער ביבליאָטעק. טייל זעצן זיך באַלד אַוועק, אָבער האַלטן די היטעלעך און די רעקעלעך אין די הענט.

פרוי ברענמאַן פאַרשווינדט, און איר קול דערהערט זיך רופנדיק די עטלעכע בחורים, די שטאָט־אינטעליגענטן, — איז זיי מודיע אַז די „באַריש־ניעס״ וואַרטן אויף זיי.

פרוי ברענמאַן לויפט אַריין די ערשטע און עפנט די טיר פאַר די געסט, אַ פריילעכע, און אַגב באַגריסן זיך אַלע מיט אַ „זדראַווסטוואויטיע״. מען מוז וויסן, אַז אין יענער צייט, האָט שוין אַפילו פעלשטין געהאַט אַ העכערע מדרגה פון עטיק. בעיקר, די יונגוואַרג, וואָס האָט שוין געלייענט די רוסישע קלאַסיקער. יונגוואַרג רויטלט זיך, מען מאַכט זיך באַקוועם. עס דערהערן זיך טריט פון מאַניש ברענמאַן מיט זיין זון עזרא, אָנקומענדיק פון בית המדרש נאָך מערב, — פרוי ברענמאַן גייט גיך זיי באַגעגענען און האָט טענות צו איר מאַן, למאי ער איז היינט אַזוי שפּעט נאָך מעריב. אָבער מאַניש ענטפערט, מעשה איידלמאַן כלומרשט, אַז זי זאָל זיך ניט זאָרגן, די נאַכט איז גרויס, יונגוואַרג שלאָפט סיי־ווי ניט אין די זומער־נעכט... זי לויפט באַלד צוריק מודיע זיין דעם עולם, אַז מאַניש, איר „געמאַל״, איז שוין דאָ פון דאַוונען, און זי וועט אים געבן אַ קלייניקייט איבערצוכאַפּן, און זי וועט באַלד זיין צוריק.

זי דערזעט אָבער, ווי די פריילינס זיצן מיט די היטעלעך אין די הענט, רופט זי דורך דער שמאָלער טיר איר זון עזרא:

— עזרא, עזרא טייערער, וואו ביסטו? קום שוין אַריין, ביסט דאָך

עפּעס אַ קאַוואַליער. נעם צו ביי די דאַמען די „בעזרוקאַווטשיקעס", מיט די היטעלעך.

עזרא קומט גיך אַ „סטרוינער" און באַגריסט יעדן און פרעגט:

— וואָס איז, מאַמע?!

זי הייסט אים נעמען די היטעלעך מיט די זאַנטיקעס, — ער טוט עס גערן, מיט פרייד, און מאַמע און זון פאַרשווינדן מיט פולע אָרעמס הלבשה.

נפתלי לייבס, אַ שטאָט־אינטעליגענט, אַ גבירס אַ זון, אַן אוהב־ציון, וואָס שניידט זיך אויף אַן אַדוואָקאַט, און איז איינער פון די פּני צו גרינדן די ביבליאָטעק, ווערט אינספּירירט פון אַ באַחנטער רויטער „באַרישניע", ער זאָל געבן דעם טאָן פון „התקוה"; ער טוט איר צוליב און אַ שטיל געזאַנג דערהערט זיך אין דרויסן פון „עוד לא אבדה תקותנו", אונטערגעהאַלטן פון איבעריקן עולם.

ווען פּרוי ברענמאַן דערשיינט, ווערט דאָס קול איבערגעהאַקט. זי וואונדערט זיך און באַפעלט ממש דעם עולם אָנצוהאַלטן דעם שטילן טאָן.

— זינגט, זינגט, קינדער. זייט ניט געשטערט. אָט באַלד וועט אַריינקומען מיין מאַניש וועט ער זינגען מיט אייך אַלעמען...

עס דערהערן זיך טריט און פרוי ברענמאַן עפנט גיך די טיר און רופט:

— קומט אַרויף, קינדער, אָט־דאָ איז עס! אָט־דאָ, מיר וואַרטן אויף אייך!

עס קומען אַרויף צוויי בחורים, בית המדרשניקעס. דער ערשטער — ישראל־אהרן שמש, אַ הויכער שוואַרץ־הויטיקער אויסגעדאַרטער בחור מיט אַן ערשט פריש בערדעלע, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אָפּגעפּוצטע ברייטע שטיוול. ער שטייט ביי דער טיר אַ שעמעוודיקער, — ער וואַרט אויף זיין חבר, וואָס שרעקט זיך נאָך מער פון אים. ער איז יאָסל שוחטס אַ זון. אַ געקעכלטער בחורל וואָס אַפילו ווען ער פאַסט תעניתים, ווערן אויך זיינע באַקן ניט איינגעפאַלן. זיין רונד ווייס־הויטיק חתן־בחוריש פּנימל און שוואַרצע מאַכעדיק בערדעלע מיטן אַטלאַסענעם סורדוטל און שוואַרצן קאַשקעט, שפּיגלט אָפּ דאָס חסידיש זינדל, דער יורש פון זיידן און טאַטן — שוחטים — וואָס וואַרפן אויף אים אַ שרעק בעת ער מיט זיין חבר ישראל־אהרן שמש שטייען אויף דער „זינדיקער" שוועל פון דער ערשטער פּעלשטינער ביבליאָטעק בחורים און מיידלעך אינאיינעם...

ביידע שטייען ווי פאַרלוירענע ווען פרוי ברענמאַן האַלט די טיר אָפן און נעמט זיי אַריין: — קומט נענטער, קינדער, זייט „ספּאָקאָינע"! זיצט, אָט־דאָ־אָ, באַלד וועלן מיר אַריינברענגען נאָך בענקלעך. ניט געזאָרגט!

זי רופט איר זון עזרא, ניט וויסנדיק אַז ער שטייט אין אַ זייט און שמועסט מיט אַ „באַרישניע".

— וואָס ווילסטו, מאַמע? אָט בין איך דאָך דאָ!

ער פאַרשטייט שוין, אַז ער דאַרף ברענגען נאָך בענקלעך און ביידע

גייען אַפּ נאָך שטולן. עס באַגעגנט זיי מאַניש, גרייט יעדן צו באַגעגענען, אין זיין סאַטינענער יאַרמעלקע און קורצן סורדוט. זיין גאָלדענעם זייגער און קייט, און דאָס שנירל פון די פענסנע מאַכן אַן איינדרוק פון אַ פּאַטריאַרכאַלישע פיגור. ער איז פול מיט פייער ווען ער באַגעגנט יונגוואַרג, בפרט היינט נאַכט, ווען ער גיט אַזאַ „זשערטווע", אַ מתנה הייסט עס, דער שטאָט, אַז די ביבליאָטעק זאָל זיין ביי אים אין הויז אָן אַ פּרוטה. אוודאי, באַגריסט ער יעדן מיט חדוה און פרעגט, אַגב, למאי מ'האָט אויפגעהערט זינגען די „התקוה", פּונקט ווען ער איז אַהיים געקומען? ער ווענדט זיך טאַקע צו נפתלי לייבס, גוטמוטיק:

— דו יכולסט, נפתלי?! דו קענסט?! דו קענסט?! אדרבא, נפתלי, לאָמיר הערן נאָך אַ מאָל!

עוד לא אבדה תקותנו!

מאַנישעס זינגעוודיק קול דערהערט זיך צווישן דעם יונגוואַרג, — אָבער ער הערט באַלד אויף, — ער פרעגט כלומרשט מיט פאַרוואונדערונג:

— וואָס־זשע, איר ווילט אַז איך זאָל מיט מיין זינגען ביחידות אייך ברענגען די גאולה?

אַלע לאַכן פון זיין גלייכוואָרט, אָבער ס'געלעכטער ווערט איבערגעשלאָגן מיטן דערשיינען פון נאָך צוויי בחורים, וואָס האָבן אַן עפן געטאָן די טיר מיט אַ פּראַל.

דער ערשטער, לייזער גרשונס — אַ זינדל פון גרשון לאַפּאַטיען, דעם שטאָט גביר, אַ בחורל אַ ברען, גייט אַפילו אין דער „גאַראַדסקאַיע אוטשילישטשע", אַ יאָר אַכצן. ער איז איינער פון די מבינים אויף די ביכער וואָס מ'האָט געקויפט. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ ווייסער טוזשורקע און בלויע שמאָלע הויזן, די האָר פאַרקעמט מיט אַ שרונט אינמיטן, ער האַלט זיך שטייפלעך ווי אַ געפּעסטעט בן־יחידל. אָבער בטבע אַ בנעימותער בחורל.

דער צווייטער — משה מאַנישעס, דער יונגער זון פון די ברענמאַנס, אַ יאָר ניינצן, שפּילט שוין אַ ראָלע אַלס קאַוואַליער אין שטאָט, ווייל ער איז אַ שיינער. זיינע אויגן און געדיכטער שוואַרצער קאָפּ האָר, די נייע מאָדערנע הלבשה וואָס ער טראָגט, גיבן אים צו חן, און ער פילט ממש ווי די וועלט איז היינט כמעט זיינע. די ברוינע אויגן זיינע פייערן ממש ווען ער באַגריסט יעדן.ביידע חברים לאָזן הערן זייער „זדראַוסטוואויטיע", און האַלטן אָפן די טיר און לאָזן זיך הערן העט אַרונטער די טרעפּ, וואו עס גייט לייזער באַנדער מיט דעם קאַסטן ביכער. ער קען אים קוים דערטראָגן, אָבער יונגוואַרגט ווייסט, אַז זיי קאָנען זיך אויף אים פאַרלאָזן:

— אַהער, אָט־דאָ, לייזער, — באַפעלט משה מאַנישעס. שווערע טריט דערהערן זיך פון טרעגער מיט דער משא. — ער טראָגט צו אונדז דעם קאַסטן מיט די ביכער פון לאַפּאַטיענס הויז — מאַכט משה קלאָר אויף גיך.

— זעקס חדשים האָבן מיר די ביכער געזאַמלט — פּאַטאַקעוועט לאַ־

פּאַטיען, און אַט בויגט זיך לייזער באַנדער הינטער דער טיר מיטן קאַסטן ספרים, הינטער אים גייען נאָך פּרוי ברענמאַן מיט איר עלטערן זון עזרא.ביידע האַלטן די הענט אויפן קאַסטן בכוונה צו פאַרגרינגערן דעם טרעגער. עולם ווערט נייגעריק און רוקן־צו דערווייל די בענקלעך, צו מאַכן פּלאַץ פאַר די ביכער. טייל בחורים כאַפּן זיך צו העלפן דעם טרעגער אַרונטערלאָזן דעם קאַסטן. לייזער באַדאַנקט יעדן פאַר דער הילף און טשוכעט זיך אויס. ער כאַפּט אַרויס זיין רויטע פאַטשיילע פון וואַטאָווען לייבל. ער טראָגט עס זומער און ווינטער, ווי עס וואָלט אים געדינט אַלס אַ קישעלע אויף די פּלייצעס... ער ווישט דעם שוויס...

לייזער איז געבענטשט מיט צוויי פּרנסות. זומער פאַרדיכט ער אַלטע פעסער, ווינטער טראָגט ער די שווערע זעק מעל פון איין קלייט צו דער צווייטער. סך־הכל קריגט ער אַ גריוונע אַ זאַק. אויב עס איז אַן אָרעמאַן, איז אַ צענער אויך אַ קרן. אַ ברירה האָט ער? מען מוז וויסן, אַז לייזער איז אַ בעסאַראַבער נכתב, האָט חתונה געהאַט קיין פעלשטין און האָט אַ גאַר קלוג ווייב מיט צוויי געראָטענע קינדער וועלכע האָבן ניט קיין פונק רויטקייט אין זיך, כאָטש לייזער איז אַ רויטער איד, מיט ברייטע פּלייצעס און אַ פּאָר גרויסע בלויע אויגן, וואָס זיינען אָפּט ווי פאַרפראַשעט. ער איז זיך אַ שמח בחלקו. הגם גאָר אָפּט לאָזט ער זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע, ער דער־לאַנגט אַ גאָב אויף וואָלעכיש... מען דאַרף אים נאָר זאַטשעפּען. אָבער, בכלל וויסן אַלע, אַז אָן לייזערן וואָלט די שטאָט ניט געקאָנט אויסקומען. ער איז שוין אין די מיטעלע יאָרן, זיין ברייטע געדיכטע רויט־געלע באָרד און ברייטן קאַרק, מיט די היפּשע שטיוול און קאַרטענע הויזן מיט זיין ברייטן גאַרטל אַרומגערינגלט, גיבן אים צו דעם שטאָלץ פון אַ האַרעפּאַשניק, וואָס פּאָדערט דרך־ארץ. ער רעדט מיט דער „ריש", — גיך און שאַרף לויפט זיין בעסאַראַבער אידיש לשון. אָבער, ועל כולם, אַ גרויסער אָרעמאַן. ער גלייכט זיך אויס די פּלייצעס און פרוי ברענמאַן באַדויערט אים און פרעגט, כלומרשט הויך אויפן קול:

— אַ שווערער קאַסטן מיט ביכער, ר' לייזער?... וויפל זאָל איך אייך באַצאָלן?

— וואָס איילט איר זיך, מאַנישקע? — פרעגט ער גוטמוטיק, — איך האָב דאָך אַפילו קיינעם קיין גוטן אָוונט ניט געזאָגט?!

— אַ גוטן אָוונט אייך אַלע, אַ גוטן אָוונט, — ענטפערן די געסט מיט חדוה, ווען לייזער דרייט זיך אויס צו יעדן מיטן פּנים.

— ווי איר זעט מיך אַ אידן, אַז איך בין ניט אויסן די געלט פאַר מיין „טרוד", — ניט היינט נאַכט! וואָרם, אַז איך, לייזער באַנדער, האָב זוכה געווען צו ברענגען די ביכער אין דער ערשטער פעלשטינער „ביבליאָטעק" — איז עס פאַר מיר מער ווערט ווי געלט. און חוץ דעם, איז ביי מיר ר' מאַניש ברענמאַן אַ בטוח!

מאַניש ברענמאַן, אַ צופרידענער, הויבט זיך טאַקע אויף און קלאַפּט לייזערן אין פּלייצע און זאָגט:

— ביסט אַ קלוגער איד לייזער, בנאמנות, און מיין ניט, אַז דו וועסט הייגט אַרויס פון דאַנען טרוקן... מיר וועלן נאָך מאַכן אַ לחיים מיט „ביינ־ציקער!"

און פרוי ברענמאַן פּאַטאַקעוועט, אַז אַ חוץ אַ „לחיים", וועט זי ניט אויסבאַהאַלטן דעם ווישניאַק אויך. — קומט טאַקע אַריין אין קיך, ר' לייזער, דאָרטן וועלן מיר מאַכן די שמחה.

אַלע דריי גייען אָפּ, אָבער משה מאַנישעס קען ניט עפענען דעם קאַסטן, רופט ער צוריק לייזערן. ער פרעגט גיך „וואו איז דאָס שליסעלע פון קאַסטן, ר' לייזער? איך האָב געמיינט, אַז דער שלאָס פון קאַסטן איז אָפן."

לייזער לאַפּאַטיען קומט אָבער גיך צו הילף. — לאָז נאָר מיר, משה! — אַט־אָ, איינס און צוויי, איז שוין דער קאַסטן אָפן. לייזער כאַפּט אַרויס אַ פּאַק מיט שליסעלעך פון דער קעשענע, און אַט גיט ער אַן עפן דעם קאַסטן. עולם ווערט גייגעריק צו זען און הויבט זיך פון די בענקלעך. אָבער משה מאַנישעס בעט זיך ביים עולם, — „פּאַזשאַלויסטאַ גאַספּאַדאַ", זעצט זיך צוריק אויס! איך וויל די ביכער פריער אויסלייגן און סאָרטירן!

— וואָס־זשע זיצן מיר דאָ? רעוואָלטירט איציק אהרן ציפּעס, שוין אַ בחור אין די יאָרן און פּירט שוין געשעפטן, האַלט זיך פאַר אַ קענער... ער טראָגט שיינע שטיוול און אַ שוואַרצן סאַטינענעם סורדוט, מיט אַ ברייטער שליאַפּע, וואָס דעקט ממש צו זיין לענגלעך פּנים מיט זיין קורצער ראיה; און כאָטש ער איז נידעריקער פון מיטעלן וואוקס, און „איידל דער־צויגן", איז ער גרייט לכל הדעות יעדן צו לערנען די פּראַקטיקע פון לעבן...

גראָד איצט היט ער זיך פון אַרויסווייזן זיין כעס, צוליב דער אָנוועזנ־הייט פון די „באַרישניעס", בכבודע שטאָט־מיידלעך. ער לאָזט אָבער הערן זיין קול, כמעט ווי אין אַ וויץ, אַז מען פאַרלירט צייט, און ביז מ'וועט עפּעס אָנהויבן טאָן, וועט אַוועק דער זומער.

— מען דאַרף באַלד ווילן אַ פּאַרזיצער פאַרן אָוונט מיט אַ סעקרעטאַר, — טומלט איציק־אהרן.

— ער איז גערעכט, טענהט ישראל דער שמעוניקעס, אַ חבר צו איציק־אהרנען. ביידע לערנען „כל הלשונות", און בעיקר, אַ בלאַט גמרא, הגם מען שמועסט, אַז זיי זיינען שוין אויף דער שוועל פון השכלה. גראָד איז ישראל אַ שוואַרץ־חנעוודיקער יונגערמאַן, וואָס האָט אַ מאַמע אַ ברען, מיט קיין עין־הרע אַ סך שוועסטער און ברידער. אָבער, ער איז, הייסט עס, איר שפּיגל, איר אויג אין קאָפּ, און דערפאַר הייסט ער ישראל דער שמעוניקעס, הגם שמעון, זיין פאָטער, לעבט ב"ה, און האָט, שמועסט מען, מער דעה ווי די שמעוניקע...

אַט דער ישראל רעדט סך־הכל שטיל און הייזעריקלעך, אָבער זיינע

שוואַרצע אויגן און שפּיציקע האַרטע קינבאַקן, ריין געראַזירט, דריקן אויס כאַראַקטער. ער איז טאַקע דער שטאָט־אינטעליגענט, העלפט אַפילו אַרויס דעם טאַטן אין זיין קליידער־קלייט.

— איך וואָלט „געטרעבעוועט" נפתלי גרינבאַרג פאַר פאַרזיצער! — שלאָגט ישראל פאַר הייזעריקלעך.

עזרא מאָנישעס שפּאַרט זיך צווישן עולם מיט צוויי בענקלעך אין דער הויך, כדי ניט שטערן עמיצן.

— אָט האָט איר נאָך בענקלעך, זעצט זיך אויס. זאָל ווערן שטיל, — בעט עזרא.

— לאָמיר „טרעבעווען" איציק־אהרנען פאַר פאַרזיצער, — דערהערט זיך ס'קול פון פריידע־רייזע פּאָלאַנסקיס. זי איז אַ פיינע „באַרישניע", אַ קרובה צו איציק־אהרנען. איז הויך און דאַר און צעפּלאָשעט. איר הויכע פריזור, מאַכט זי נאָך העכער. זי האַלט זיך קאָקעטיש. ווי אַ געפּעסטעטע כלה.

— זאָל זיין נפתלי לייבס פאַרזיצער, — שרייט פריילין פייגע אליהוס, אַ באַלעבאַטישע טאָכטער, וואָס איז שוין אַ זאָקן־מאַכערין מיט איר אייגענער זאָקן־מאַשין, איינע אין שטאָט. זי איז באַגייסטערט און היצט אונטער אירע חברטעס מען זאָל מאַכן נפתלין פאַר פאַרזיצער.

— לאָזט זיך ניט בעטן, נפתלי! — ווערט זי ערנסטער און דרייסטער. די חברטעס האַלטן מיט איר און עס ווערט טומלדיקער און זיכערער אַז נפתלי איז דער „געטרעבעוועטער". אַפילו מאָניש ברענמאַן מיט זיין פּרוי זיינען מסכים!

— לאָזט זיך ניט בעטן, נפתלי, „פּאַזשאַלויסטאַ", — גיט אים פּרוי ברענמאַן מוט.

— נו, וואָס זיצסטו, נפתלי, — פּאַטאַקעוועט מאָניש, — זיי הייבט דער „שליח ציבור". אַפילו דו, לייזער, ביסטו אַוודאי מסכים אויף נפתלין — ווענדט זיך מאָניש צו לייזער באַנדער, וואָס זיצט אין אַ זייט, צוצוזען ס'גרייטע.

— אַוודאי, ווערט נפתלי איינשטימיק פאַרזיצער.

ווער איז נפתלי? יאָ, ער איז אַ יונגערמאַן פון אַ טאַטן אַ גביר, וואָס האָט אַ גרויס הויז אין מאַרק מיט אַ אַכט קלייטן, פונקט אין מאַרק אַנטקעגן דעם שאָסיי. מען רופט דאָס הויז „די האָסטאַריע"; אַ זעלטן שיין געבוי, וואָס האָט טאַקע מיט זיך אַ היסטאָריע. סברות אַ מיליאָן. קיינער ווייסט ניט באַשטימט ווער ס'איז געווען איר אַרכיטעקט, אין וועלכן יאָרהונדערט דאָס הויז איז געבויט געוואָרן. ממש אַ קייזערלעכער שלאָס, אַ צווייגאָרנדיקער.

חיים־לייב, נפתליס פאָטער, האָט די שטוב געקויפט דורך ירושה־זועקס־לען... און דורך נאַטשאַלסטוואָ... הכלל, מען קען ניט דערגיין עד־היום ווי אַזוי לייב איז געקומען צו אַזאַ רחבות? ער איז דאָך בלויז אַן אָקסן־סוחר, אַ פיש־פּאַנגער, וואָס דינגט אָפּ טייכן צו כאַפּן פיש. איז פון אָט דעם לייבן אַרויסגעוואַקסן אָט דער נפתלי מיט נאָך עטלעכע זין. אָבער נפתלי

איז דער זיידענער יונגערמאַן, דער לערנער, וואָס שאַרט זיך אויף ווערן ממש אַן אַדוואָקאַט. ער איז פון מיטעלן וואוקס; טראָגט גראָבע ברילן איבער זיינע שלעכטע אויגן אויף זיין רונד אויסגעקעכלט פּנים און געדיכטע שיינע האָר — פאַרקעמטע אין אַ שרונט; און זיין בעלי־הביתישע הלבשה, מיט זיין ערנסטער חתן־בחורישער באַציאונג צו די באַרישניעס, זיינען גורם אַז ער ווערט, ווי מאַניש ברענמאַן זאָגט, דער שליח־ציבור פאַר היינט אָוונט, צו פּראָקלאַמירן די גרינדונג פון דער ביבליאָטעק.

אוודאי ווערט ישראל־דער שמעוניקעס סעקרעטאַר. און אָט שטעלט זיך נפתלי אַוועק אין מיטן טיש. עס ווערט שטיל און שטילער. ער קוקט זיך אַרום. צום ערשטן מאָל אין לעבן וועט ער אויסנוצן זיין כוח הדיבור, טאַקע ווי אַ כמו־אַדוואָקאַט. אין אמתן איז ער ווייט פון דעם. ער קען, אגב, אָנ־שרייבן אַ „פּראָשעניע" און ווייסט אַפילו אַביסל פון „זאַקאָן", אָבער גיי שלאָג זיך מיט אַ שטאַט!... ביי זיי הייסט ער כלומרשט אַן אַדוואָקאַט. ער ווישט זיינע פּענסנע, די ברייטע נאָזלעכער עפענען זיך ממש פאַר באַגייסטערונג אָדער שרעק.

און אָט דערהערט זיך יאָסל בריינעס קול, מיט אַ ניט־געלונגענער „זאַמעטשאַניע" צום פּאַרזיצער, ווי ער איז אויסן אַ וויץ.

— נו, נפתלי, וואָס „דומעסטו"!? ווילסט דאָך אַמאָל זיין אַן אַדוואָ־קאַט, גיב לשון!

דער עולם לאַכט פון יאָסל בריינעס גלייכוואָרט, ווייל וויסן דאַרף מען, אַז יאָסל בריינעס איז אויך ניט אַבי ווער. ער, יאָסל, איז טאַקע ממש אַ שטיק שטאַט־אַדוואָקאַט. זיין מוטער בריינע איז די בעל־הביתטע פון אַן אַריינפאָר־הויז אין מיטן מאַרק. ביי בריינע כאַצקעלעס ווערט אַלץ דורכ־געפירט „פּאָ זאַקאָנו", געזעצלעך הייסט עס. ביי איר אין שטוב קומט „נאַטשאַלסטוואָ". דאָרט זידט שטענדיק דער סאַמאָוואַר, און אַמאָל שפּילט יונגוואַרג זעקס־און־זעכציק, אָדער אַ באַנטשאָק. דאָרט לייענט מען די רוסישע קלאַסיקער; דאָרט אַראַנזשירט מען אַפילו אַ באַל. עס ווענדט זיך ווער און וואָס... אָבער, בכלל, איז ביי בריינען אַ השכלה־שטוב. יונגע בחורים און מיידלעך קומען זיך אָפּט אַהין צונויף, אַנדערע זיינען זיי מקנא. מען דאַרף האָבן אַ זכיה צו זיין אַ גאַסט ביי יאָסל בריינעס. ווייל יאָסל איז איר זון, וואָס איז שוין באַלד אין די מיטעלע יאָרן; האָט שוין אַ צווייטע ווייב, אַ גאַר שיינע און געבילדעטע. זיין שפּיץ־בערדל און זיין שוואַרץ־הויטיק געזיכט מיט די ברוינע קליינע אייגעלעך און אויסגעדאַרטן לאַנגן פּנים דערציילן אייך, אַז ער איז נישט אַזאַ גבור... אָבער איז אַ מענטש „קאַטאַרי" די יוגנט רעכנט זיך מיט אים. זי ווייסט שוין היינט, אַז יאָסל ווייסט אַ סך „זאַקאָנעס". האָט טאַקע צו טאָן מיט שרייבן „פּראָשעניעס", מיט אַרויסנעמען אידן פון „אָסטראָג", מיט פּסלען אַ געוויסן אוריאַדניק, מען זאָל אים משלח זיין פון שטאָט איבער דעם, וואָס ער נעמט נישט אין דער

יד אַריין... און נאָך אַזעלכע מינים קלייניקייטן. גאָר אָפט פּאַרהוסט זיך יאָסל ווען ער רעדט. מען מוז אים דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער. און ריידן איז ביי יאָסלען ס׳חיות, בפרט ביי אים, אין זיין שטוב, ווען ס׳איז אַ שטיקל „סאָבראַניע״.

נפתלי דערשרעקט זיך פאַר יאָסלס „זאַמיעטשאַניע״. ער ווייסט שוין פון לאַנג, אַז יאָסל האָט ליב קאַטאַוועס, — ער איז דאָך דער עלטסטער צווישן זיי.

נפתלי הויבט אָן שטיל, מיט אַביסל ציטער. עולם איז געשפּאַנט.

— חברים, חברות, קאָלעגן און געסט! איך בין נאָך קיינמאָל קיין פּאַרזיצער נישט געווען ביי קיין עין־הרע אַזאַ עולם. איז טאָמער, חס־ושלום, וועל איך „פּאַדגאַדיען״, זאָלט איר מיר „איזוויניאַיען״...

— גערעכט! גערעכט! זאָל איך האָבן אַזאַ יאָר — דערהערט זיך לייבוש יאַנקל מעליס קול, אַ גבירס אַ זון, שוין אַ השכלהניק, אַ יאָר 45, אַ געלאַדענער גאַסט פון די ברענמאַנס. דער פאַרזיצער קריגט קוראַזש און הויבט אָן אויפסניי.

— דער היינטיקער אָוונט איז דער צווייטער פון אַזאַ „סאָבראַניע״. אָבער ניט פון אַזאַ עולם ווי מיר האָבן היינט ביי דער גרינדונג. דער היינטיקער אָוונט איז באמת אַ היסטאָרישער אין אונדזער פעלשטין. מיר זיינען דאָך קליינשטעטלדיקע מענטשן, און איך דענק, אַז ס׳איז שוין געקומען די צייט, אַז מיר זאָלן זיך באַקענען מיט אַנדערע שטעט, גרעסערע שטעט, ווי למשל אָן אָדעס, אַ פּעטערבורג, אַ מאָסקווע אָדער כאָטש אַ וואַרשע. מיר קענען זיך מער ניט באַנוגענען מיטן בלויזן בית־המדרש. די וועלט גייט צו פּראָגרעס, אָבער מיר ווייסן ביי היינטיקן טאָג כמעט גאָרנישט! עס איז אמת, אַז מיר זיינען בית־המדרש בחורים; אַ סך פון אונדז טרוימען אין דער שטיל וועגן ציון, אַ סך פון אונזערע פעלשטינער טעכטער וואָס זיינען היינט דאָ קענען געוויס יאָסל שרייבערס תורה. עס איז זייער פיין. יאָסל שרייבער איז אונדזער מדריך נאָך עד־היום. ער איז דער שטאָט־שרייבער און לערער און איז ביי אונדז אַלץ — אַפילו דער „פּראָשעניע״־שרייבער. אָבער אין אמתן, לאָמיר זיך מודה זיין, וואָס ווייסן מיר וועגן דאָקטאָר הערצלס חלום? וואָס ווייסן מיר וועגן סאָציאַליזם? על־פּי שכל דאַרפן מיר ערשט אַלע אָנהויבן גיין אין אַ ניי חדר... מיר ווילן לערנען עפּעס פון אַ טאָלסטאָי, אַ פּושקין, אַ דאָסטאָיעווסקי, און אַפילו אונדזערע אידישע קלאַסיקער ווי אַ מענדעלע מוכר ספרים, אַ יצחק לייבוש פּרץ און אונדזער גרויסער שלום־עליכם, — אפשר וועלן מיר דורך זיי פּאָרט געפינען דעם וועג פאַר דער היינטיקער צייט? אפשר וועלן מיר אויסקלייבן דעם אמתן וועג לטובת ישראל, אויב ציון איז אונדזער וועג? אָדער די לערע פון קאַרל מאַרקס? הגם מען טאָר ניט אַזוינס דאָ דערמאָנען.

— אָט מיט די רייד, „גאָספּאָדאַ״, וועל איך ענדיקן. איך וויל הערן אייער מיינונג.

— בראַוואָ, בראַוואָ, — הערט זיך פון עולם. אָבער דער פּאָרזיצער שטילט יעדן איין. בעט זיך ביים עולם, — „פּאַזשאַלויסטאַ", זאָל דער חבר סעקרעטאַר פאַרשרייבן יעדנס נאָמען וואָס שליסט זיך אָן אין דער ביבליאָ־טעק, אָדער זאָלן מיר אָנגיין מיט די פּלענער וואָס דער קאָמיטעט האָט פאָרגעשלאָגן?

דער חבר סעקרעטאַר הויבט זיך אויף, ער וויל זאָגן עטלעכע ווערטער...

— אַוודאי און אַוודאי, וועל איך אייך געבן ס'וואָרט, חבר סעקרעטאַר. „פּאַזשאַלויסטאַ", מאַכט אָן אָנהויב. אָבער איך בעט יעדן זיין שטיל, לאָמיר הערן וואָס אונדזער ישראל האָט צו זאָגן, — מאַכט דער פּאָרזיצער קלאָר.

ישראל איז גרייט. ער הויבט אָן פאַמעלעכן און באַדאַנקט יעדן וואָס מ'האָט אים אויסגעקליבן אַלס סעקרעטאַר.

— עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד. איבערהויפּט פאַר מיין מאַמען! איר לאַכט? אָבער, עס איז אַ גרויסער אמת. אַלע פון אונדז וואָס וועלן זיך היינט פאַרשרייבן אַלס מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק, וועלן ברענגען כבוד אין יעדער אידישער שטוב! איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ היינט צווישן אונדז אַזעלכע געסט, ווי לייבוש מעליס און אונדזער יאָסל בריינעס און מיינע פערזענלעכע פריינט ווי דוד שלמה זלמנס, איציק אהרן ציפּעס, יאַנקל זילבערמאַן. אַלע אויסגערעכנטע וואָלטן געקענט זיין די בעסטע סעקרעטאַרן, אָבער איך פיל, אַז איר האָט מיך אויסגעקליבן דעם ערשטן, איז עס אַוודאי אַ וואונק פון „אויבן"... און איך וועל טאַקע בעטן יעדן איינעם מיר מיט־צוהעלפן, ווייל מיר האָבן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. און כדי יעדן צו פאַרשרייבן „פּאַריאַדאַטשנע" לויטן אַלף־בית, זאָלט איר מיר צוהעלפן. און אויב אַ טייל פון אונדז ווילן עפּעס „זשערטוואָוועו" פאַר דער ביבליאָטעק צו קויפן נאָך ביכער, ווערט ער געבעטן אָפּן דאָס דערקלערן. עס מאַכט ניט אויס וויפיל די סומע זאָל נישט זיין.

— פאַרשרייבט מיך דעם ערשטן פאַר צוויי רובל! — בעט זיך יאָסל בריינעס, דער כמו־אַדוואָקאַט.

— מיך אויך צוויי רובל, — באַטאַנט לייבוש מעליס, אַ גבירס אַ זון, שוין אין די פערציקער יאָרן.

דער פּאָרזיצער הויבט זיך אויף און בעט עס זאָל צוגיין מיט „פּאַריאַ־דאָק."

— איך בעט חבר דוד שלמה זלמנס אַהער קומען, צום טיש, און העלפן אונדזער סעקרעטאַר פאַרשרייבן די „זשערטוועס!" איך בעט אויך, אַז לייזער גרשונס און משה מאַנישעס זאָלן אַרויסלייגן די ביכער, הגם איר וועט זיי היינט ניט לייענען, אָבער זאָלן זיי זיך פאַר אונדז אָפּשפּיגלען אָט דאָ, ביז די „זשערטוועס" וועלן פאַרשריבן ווערן. איך גיב פאַר דעם צען מינוט.

עס ווערט טומלדיק. מען פאַרשרייבט זיך: ווער אַ קערבל, ווער אַ האַלבס, ווער מער. עס הויבט זיך אויף מאַניש ברענמאַן, דער בעל־הבית און

„זשערטוועט״ אַ גאַנץ פינפערל. מען קלאַפּט בראַוואָ, מען וויל, ער זאָל עפּעס זאָגן אויך. אָבער מאָניש זאָגט זיך אָפּ; ער וויל די יונגע זאָלן ריידן, ער וועט ניט פאַרשפּעטיקן אַ צווייטן מאָל.

ערשט איצט ווערט טומלדיק. מען כאַפּט זיך רויכערן, מען ווערט „ווזשליוועט״ צו די „באַרישניעס״. טייל גיבן באַלד זייער ביישטייערונג, טייל ניט, אָבער ס'איז פריילעך, אַ חוץ ישראל־אהרן שמש און דוד דעם שוחטס. זיי זיצן אין אַ זייט ווי דערפּלעטשט. עפּעס פילן זיי זיך פרעמד, כאָטש זיי קענען יעדן און פילן זיך ווי יחסנים אין בית־המדרש, ביים לערנען אַ בלעטל גמרא, אָבער דאָ, היינט איז עפּעס צו טומלדיק און טיילווייז אַ מלוכה פון „באַרישניעס״, „קאָטאַריע״־וואָס חלומען שוין גאָר אַנדערע חלומות... דערצו שרעקן זיי זיך פאַר בייזע צונגען. מי־יודע וואָס פון דער „סאָבראַניע״ (צוזאַמענקונפט) קען נאָך אַרויסקומען? צו רעכטס, זיצן ניט ווייט אויך מאָטל אופה, מי טאליה־משהן און נאָך בית־המדרש בחורים. אָבער צו זיי קען איך זיך ניט גלייכן, — טראַכט סראָלי. ער, סראָלי, טראָגט דאָך שוין אַ בערדל באַגלייך מיט דודן. פון זיי דערוואַרט מען צו זיין „סטאַ־טעטשנע״. ניט זיין אַזוי נאָענט צו בתולות און זיך גרייטן לייענען ביכער, וואָס זיינען מי־יודע וואָס... אָבער, סראָלי־אהרן־שמש וויל ווערן זעלבסט־שטענדיק. פאַרוואָס דען נישט? — טראַכט ער. — וואָס איז? וואָס קען מיר די מאַמע טאָן? זי וועט ריידן — זאָל זי! איך בין דאָך שוין ניט קיין אינגעלע. — ער זאָגט טאַקע דודן: — וואָס האָבן מיר מורא? איך וועל אויך געבן אַ האַלבן קערבל. דו קענסט טאָן ווי דו ווילסט!

ער נעמט טאַקע אַרויס צוויי פערטעלעך פון קעשענע און דערלאַנגט זיי דעם סעקרעטאַר.

— איך גיב אייך צוויי פערטעלעך! — לאָזט סראָלי זיך הערן אַ דרייסטער. ער האָט עפּעס פלוצים געקראָגן קוראַזש, ער ווייסט אַליין ניט דעם סוד דערביי. אַגב, הערט ער שוין שבחים פון צד שני; אָט קאָמפּלימענ־טירט אים פייגע דער שמעוניקעס פאַר געבן זיין „זשערטווע״: — „יאָ, יאָ, סראָלי, ווייז אונדז אַז ביסט שוין אַוועק אַביסל ווייטער״ — וואָס דער ווייטער איז — ווייסט נאָך ניט סראָלי, אָבער עפּעס פילט ער... און פייגע איז אויך ניט אַבי ווער...

די צען מינוט זיינען אָבער גיך פאַריבער. דער פאָרזיצער בעט מען זאָל זיך זעצן „פּאַדריאַדאָטשנאָ״. עס ווערט שפּעט, מען דאַרף קומען צו אַ טאָלק, מען דאַרף אויפנעמען די פליכטן פון קאָמיטעט, בסדר: אויב ניט אַלע, זאָל כאָטש זיין אַ טייל פון זיי.

איציק־אהרן שטעלט זיך אויף. ער האָט זיך דער ערשטער געמאָלדן צום וואָרט. דער פאָרזיצער הייסט יעדן אַוועקוואַרפן די ציגאַרעטלעך.

— ס'ווערט שטיקנדיק, „גאָספּאָדאַ!״ — בעט ער זיך גנעדיק, — איך בעט אויך מיין פריינט איציק־אהרן ער זאָל מיר דערלויבן געבן דאָס וואָרט

פריער צו אַ חברה אונדזערע. זאָלן אונדזערע חברטעס ניט מיינען, אַז מיר מאַנסבילן זיינען די פּני... איז יעדער מסכים? — יאָ, יאָ, ענטפערן אַלע.

און פייגע אליה־חיים הירשעלעס איז גרייט, זי איז ניט אַבי ווער. אַ קלייניקייט — די זאָקן־מאַכערין אויף איר אייגענער מאַשין! אין איר אייגע־נער היים! און איר יחוס... אַחוץ דעם איז פייגע אַ פּאַרשוין, מען רעדט איר שידוכים. איר געדיכטער קאָפּ האָר מיט קרויזן און שאַרפע ברוינע אויגן און לויטער טונקעלן פּנים, וואָס איז מלא־חן, איז אויך עפּעס. זי רויטלט זיך און די פאַרב אין פּנים שפּיגלט זיך אָפּ קעגן אַלעמען און אַפילו אין איר ווייסער זיידענער בלוזקע מיטן שוואַרצן קראַוואַט. עס ווערט שטיל. פייגע הויבט אָן:

— חברים, חברות און אַלע פעלשטינער. איך ווייס ניט פאַרוואָס דער חבר פאַרזיצער האָט מיך „געטרעבעוועט" צו ריידן די ערשטע צווישן די חברטעס? עס זיינען דאָך דאָ אַ סך געבילדעטערע פון מיר דאָ.

זיי בלייבט אַ ווײַלע שווייגן. אָבער דער פאַרזיצער קומט איר צו הילף:

— חברטע פייגע, שרעקט אייך נישט, קיינע פון אונדז איז ניט גע־בילדעטער. מיר זיינען אַלע פעלשטינער, אַלע פון איין רבין! און ניט קיין רעדנער, אָבער זאָגן עטלעכע ווערטער, קען מען! ובפרט איר.

עס גיט איר צו מוט און זי קומט צו זיך.

— דעם אמת געזאָגט, איז די היינטיקע „סאָבראַניע" ביי מיר די ערשטע. איך האָף, אָבער, אַז די ביבליאָטעק וועט ווערן פאַר אונדז אַ וועלטלעכע שול, אַן „אוטשילישטשע", מיר זאָלן מיט דער צייט ווייזן טאַטע־מאַמע, אַז די ביבליאָטעק איז געגרינדעט געוואָרן, ניט ווייל מיר ווילן ווערן „ציציליסטן", ווי דער טאַטע האָט מיר נעכטן געזאָגט, נאָר מיר ווילן ניט זיין הינטער־שטעליק פון פּראָסקוראָוו און אַנדערע גרעסערע שטעט! מער קען איך אייך היינט ניט זאָגן, איך דאַנק אייך.

— בראַוואָ, בראַוואָ פייגע, בראַוואָ! דערהערט זיך פון עולם. פייגע זעצט זיך אַוועק אַ נערוועזישע און דער פאַרזיצער לויבט אירע רייד. — איר האָט גערעדט גאַנץ שכלדיק, פייגע, אַזאַ יאָר אויף מיר! איך דאַנק אייך פאַר האָבן קוראַזש און זאָגן אַן אמת וואָרט. און איצט „פּאַזשאַלויסטאַ", חבר איציק־אהרן.

איציק־אהרן הויבט אָן ריידן שוין אַן אויסגעהוסטער, אַביסעלע בייזלעך.

— מיינע יונגע און עלטערע פעלשטינער! די רייד וואָס חברטע פייגע האָט גערעדט, האָבן מיך אַביסל צעטרייסלט! עס איז אמת, אַז אונדזערע עלטערן לאָזן אונדז ניט אַרויס פון בית־המדרש, אָבער מיר זיינען שוין גענוג דערוואַקסן ניט צו פרעגן ביי זיי, צי מיר זאָלן גיין אין ביבליאָטעק, אָדער ניט! איר וועט זיי ווײ־ווײ ניט איבערצייגן, אפילו ווען איר זייט גע־רעכט! אַ „מעשטשאַנין" — בלייבט אַ „מעשטשאַנין". זיי וועלן שוין בלייבן קליינבירגער ביזן טויט אַריין.

— „אָסטאָוו פּאָושאַלויסטאַ", אָסטאָוו". (הערט אויף, ביטע, הערט אויף).

— דערהערט זיך אַ קול פון פרײדע פּאַלאַנסקיס. אַ קרובה צום רעדנער. זי איז ניט צופרידן מיט זײנע „זאַמעטשאַניעס", טענהט זי, אָבער דער פּאַרזיצער שטעלט זי אָפּ: „קיינע „זאַמעטשאַניעס"! איך בעט אייך! לאָזט אַ חבר ריידן.

— איציק־אהרן קוקט זיך אַרום, מאַכט אַ זויערע מינע און זאָגט מיט זי־כערקייט:

— איר קענט שוין זען, אַז איך בין גערעכט, ווייל איינער האָב איך שוין אַנגעטראָטן אויף דער „נאַגניאָטקע", און דעריבער וויל איך שוין מער ניט ריידן. איך בין אַ בעלן צו הערן וואָס אַנדערע חברים האָבן צו זאָגן.

דער פּאַרזיצער ווערט ערנסטער און מיד.

— חברים, חברות, „פּאָזשאַלויסטאַ", שושקעט זיך ניט, רעדט ניט צווישן זיך! אייערע מיינונגען וועט איר אַרויסגעבן פּריוואַט, נאָך דער זיצונג. איך בעט אייך, מאַכט ניט קיין סומאַטאָכע ווען איינער רעדט. די איצטיקע רעדנערין וועט זיין סאָניע ישעיה אַברהמס.

סאָניע איז דעם שטאָט שדכנס אַ טאָכטער, אַ רויט־פּייערדיקע „מאַמ־זעל": מיט שכל און פיינע מידות. איר פּנים איז אַפילו אַביסל קלייענדיק, אָבער אָנציִענד. זי טראָגט אַ געלע ציצענע בלוזקע מיט ברייטע געבופטע אַרבל, אַ ברוין קליידל און שפּיציקע געלע שיכלעך מיט הויכע אָפּצאָסן.

סאָניע איז אַביסל דערשראָקן, ווייל איר פּאָטער איז אַ איד אַ כעסן, אַ בעל גוזר. אַז ער זאָגט פּעלשטינעריש — „איך הייס נישט גיין אַהין!" — איז ביטער... דאָס גליק אירס איז, וואָס איר ברודער שמואל איז אויך דאָ מיט איר.

זי רעדט שטיל.

ס'איז שוין 11 אַזייגער. אַ דאַנק גאָט, מיר האָבן היינט אַ סך „אוספּעיעט". און איך דענק, אַז כדי מיר זאָלן האָבן אַ דערפאָלג אין אונדזער ביבליאָטעק, דאַרפן מיר זיך צופּאַסן צו די מענטשן אין שטאָט. איך זאָג באַשטימט, אַז מיר מוזן זיך דווקא רעכענען מיט אונדזערע עלטערנס מיינונגען! זיי זיינען מער געניגט צו זיין. לאָמיר זיין ציוניסטן. איך בין זיך מודה, אַז ווען ניט מיין ברודער שמואל, אָן זיין פּאַרזיכערונג צום טאַטן, אַז די „סאָבראַניע" (אסיפה) איז נאָר וועגן ציון, וואָלט ער אונדז ניט געלאָזט אַהער גיין. דעריבער, האָף איך, חברים און חברות, אַז מיר וועלן זיין אינטעליגענט גענוג זיך צו פירן באַלעבאַטיש און ניט אַריין אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. ווייל אונדזערע עלטערן קענען אונדז נאָך קומען אַהיים נעמען.

עזרא מאַנישעס גיט זיך אַ כאַפּ בייז:

— „עטאָ סקאַנדאַל! יעי באָגו!" — עס געפעלט אים ניט די רייד!

— אַ סקאַנדאַל כ'לעבן! — חזרט ער איבער אין אידיש.

— „פּאָזשאַלויסטאַ", חבר עזרא! — בעט זיך ביי אים דער פּאַרזיצער. —

האַלט זיך אין דער מעלה. די חברטע האָט אויסגעדריקט איר געדאַנק! זי האָט אַ רעכט! ביסלעכווייז וועלן מיר אויסגעפינען די שטימונגען און מיינונגען און אויף דעם וועלן מיר בויען דעם בנין, דעם פונדאַמענט פאַר דער ביבליאָטעק!

סאָניע ציט דעם המשך דרייסטער.

— איך וועל ענטפערן חבר עזראַן, אַז צו זיין היציק איז ניט שיין און ניט פּראַקטיש. גוט איז אים, וואָס ער האָט אַזאַ טאַטן ווי אונדזער מאָניש ברענמאַן. איך האָב אָבער אַזאַ טאַטן ווי ישעיה־אַברהם דעם שדכן. איר קענט מיין טאַטן ניט איבערצייגן, אַז אַ רוסישע כרעסטאָמאַטיע איז ניט קיין טריף פּסול. מען מוז זיך רעכענען מיט אַזאַ צוגאַנג און מיט דעם ענדיק איך.

— אַ שיינעם דאַנק איך, סאָניע. איר האָט גערעדט אויסגעצייכנט, — לויבט איר דער פּאַרזיצער. — הלוואַי וואָלטן אַנדערע געהאַט אַזאַ קוראַזש, אַרויסצוזאָגן דעם ריינעם אמת. מיר וועלן וועגן אייערע אָנדייטונגען נאָך שמועסן. איצט איז דאָ אויפן צעטל צו זאָגן אַ וואָרט, אונדזער חשובער חבר דוד קריסעס.

עס ווערט שטיל, אָבער לייבוש מעליס מאַכט כלומרשט אַ באַמערקונג, אַז אָט דאָ וועלן מיר הערן דיבורים. עולם ווייסט, אַז לייבוש מיינט עס נישט לגנאַי, ווייל דוד קריסעס איז אין שטאָט באַקאַנט קודם אַלס אַ סוחר. ער האַנדלט מיט פלאַקס, אַ פּעאיקער בחור וואָס לערנט אויך אַ בלאַט גמרא און קען זאָגן אַ וויץ. ער איז אַ זון פון אידל קריסעס. אויך אַ סוחר פון דעם מין, אָבער אַ פאַנאַטישער איד. דאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין און היט זיינע פיר קינדער, זיי זאָלן חס־ושלום ניט געשטרויכלט ווערן אין אַ זינד. הגם, ער איז דווקא אַ גוטער טאַטע. ער לאָזט דעם ענין צו זיין ווייב קריסין, וואָס העלפט אים אין מסחר.

דוד שמייכלט פון לייבוש מעליס רייד. — דעם אמת געזאָגט, חברים און באַרישניעס, האָב איך געוואָלט אייך דערציילן אַ מאמר פון דער גמרא וואָס פּאַסט זיך פאַרן היינטיקן אָוונט. נאָר אַזוי ווי עטלעכע האָבן שוין גערעדט און ס׳ווערט שפּעט, און ס׳קענען טאַקע זיין שטערונגען מצד אונדזערע עלטערן אונדז צו לאָזן גיין צו אַזעלכע אַסיפות, וועל איך דעריבער איבער־דרייען דעם פּסוק פון רוחניות אויף גשמיות, פון עולם הבא צו עולם הזה. איך וועל, הייסט עס, יוצא זיין ביידע דעות, אי מ׳וועט מיך נישט כאַפּן אין קיין גרייז, און וועל זיך טאַקע וויניקער פּלפּולן. ווייל האָבנדיק דאָ אַזעלכע לומדים, ווי פּיניע אליה־חיים הערשלס, דוד שלמה זלמנס, איציק־אהרן ציפּעס און טאַקע אונדזער סעקרעטאַר, און אַוודאי און אַוודאי אונדזער פּאַרזיצער, — מיט אַזעלכע לומדים קען איך נאָך ווערן בטל בשישים. אָבער, מיינע ליבע פעלשטינער, איך בין דאָ ניט אויסן קיין לצנות. אָבער איך פיל זיך אַוודאי פרייער דאָ, ווי אין בית־המדרש אָדער אין קלויז ביי דער גמרא. לאָמיר זיך נישט נאַרן. איך האָב שוין געכאַפּט אַ בליק אין דעם פּאַק מיט ביכער און

„זאָמיטעט״ אַ דריי־פיר פון די טריף פסולס. דער עולם ווייסט, מסתם, אַז אַפילו מאַקסים גאָרקיס ווערק זיינען ביז אַ צייט געווען טריף אין אונדזערע היימען. אפשר טאָלסטאָיען האָט מען יאָ געכשרט. און פון פושקינען שמועסט מען ניט. געווען אַ צייט, ווען אַ רוסיש ביכל האָט זיך אין אונדזער שטוב ניט געטאָרט געפינען. איז אָט די פּראָבלעם היום יום אַביסל גרינגער ווי אַמאָל. אַ סימן, אַז מיינע עלטערן האָבן מסכים געווען איך זאָל אַהער קומען מיט געגענגלדען. אָבער מיר מוזן זיין פּראַקטיש, ניט באַשולדיקן אונדזער טאַטע־מאַמע, אַז זיי זיינען כמו „מיעשטשאַנינעס״, ווי חבר איציק־אהרן האָט זיי געשטעמפּלט. באשר בכן, גאָרקי האָט אַזוי געזאָגט. ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז מען טאָדלט זיי דאָ, וועלן מיר באַלד אָנגערופן ווערן הפקר־יונגען. און אָט די אַלע טעכטערלעך וואָס מיר האָבן היינט דאָ מיט אונדז, קענען גאַנץ שיין בלייבן אין דער היים און ניט אַפילו אַריינשטעלן אַ פוס אין דער ביבליאָטעק, דווקא ביי אַן אומטאַקטישן שריט. און זאָל עס ניט זיין לגנאי, אַז שיר, שיר, האָט מיר די מאַמע געזאָגט, אַז אונדזער פוס זאָל זיך דאָ ניט געפינען, און אויב יאָ, וועט דער טאַטע געבן פּעטש ווי האָלץ. — איר לאַכט? יאָ, איר מעגט לאַכן, אָבער ס׳איז אַן אמת גמור, דאָס איינציקע שטיקל גליק ביי אונדז אין שטוב, אַז ווען עס קומט צו פּעטש, איז די מאַמע אַ גרעסערע בריה ווי דער טאַטע.

— און דעריבער וועל איך אייך זאָגן, אַז „ניע טאָק סטראַשנאַ יאַק מאַליויוט!״ (עס איז ניט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט עס). עס איז זיך נישטאָ וואָס צו שרעקן. ס׳וועט זיך איבערקאָכן. מיר גייען חס־ושלום ניט לתרבות רעה! און זאָלן מיר טאָקע אַהער קומען לייענען גוטע ביכער: אידישע, רוסישע, העברעאישע. מיר וועלן שוין אַליין אויסגעפינען וואָס איז גוט פאַר אונדז. און איך וואָלט געזאָגט, אַז די אַלע וויכטיקע פּונקטן וואָס דער קאָמיטעט האָט פאַר היינט צו פאַרהאַנדלען, זאָלן איבערגעגעבן ווערן צום אייגענעם קאָמיטעט פאַר אַ רעוויזיע און ער זאָל האַנדלען לויט דער שטימונג פון דער היינטיקער זיצונג. איך דאַנק אייך!

— אַ יישר כוח דיר, דוד! יישר כוח, — לויפט צו צו אים ר׳ מאָניש ברענמאַן, מעשה חבר. — אָט דאָס הייסט גערעדט, טאָקע דברים כהויתם...

אַלע זיינען מסכים. דער פאָרזיצער שליסט זיך געוויס אָן אין ר׳ מאָנישעס רייד.

הגם פאַרלאַמענטאַריש האָט ר׳ מאָניש ניט געטאָרט געבן דודן קיין יישר כוח פאַרן פאָרזיצער, — דאָס שמועסן איניקע אין דער שטיל... — זיי ווייסן אָבער, אַז מאָניש ברענמאַן מעג אַלץ, אַן מאָנישעס הסכמה וואָלט קיין ביבליאָטעק ניט געווען. אַגב, נעמט זיך שוין לייביש מעלים אויף די פּריווי־לעגיע צו זאָגן דודן, אַז ער האָט ווערט אַ „מעדאַל״ פאַר זיין רעדע. עולם האָט הנאה. די ערנסטע שטימונג האָט זיך אַביסל פאַרלייכטערט. אָבער דער פאָרזיצער כאַפּט אַרויס זיין גאָלדענעם זייגער פון דער קאַמזויל־קעשענע,

און בעט זיך ביים עולם צו זיין שטיל. דער זייגער רוקט זיך, עס זיינען נאָך דאָ — ממש פינף רעדנער, „און איך בעט אַלע חברים מיינע, זיי זאָלן מיר פאַרגעבן, זיי וועלן שוין ריידן איה״ש ביי אַ צווייטער „סאָבראַניע״.

עס דערהערט זיך אַ שטילער „נאָמיאָק״ פון איינעם צו אַ צווייטן: „וואָס פאַרשטייסטו נישט, שוטה? דאָס מיינט, אַז ריידן מעגן בלויז די פּני! פאַר אונדז איז שוין צו שפּעט.״

— איך האָב עס פריער געוואוסט, — טומלט זיך דער געקריוודעטער. אָבער דער פאַרזיצער בעט זיך: „זייט רואיק, חברים. עס טוט מיר לייד. דאָ איז ניט שייך קיין צדדים! עס איז שוין האַלבע נאַכט! יעדער וואָס וועט וועלן ריידן, וועט קענען ביי דער קומענדיקער „סאָבראַניע״. איך וועל זיי געבן די ערשטע דאָס וואָרט. „יעי באָגו!״ זייט רואיק, „פּאָזשאַלויסטאַ״. מיר האָבן נאָך איין וויכטיקן רעדנער פאַר היינט. אין איין האַלבער שעה וועלן מיר שליסן די זיצונג. איך בעט אייך, האַלט אייך רואיק.

עס ווערט שטיל און דער פאַרזיצער שטעלט פאָר דעם חשובן „טשליען״ (מיטגליד) יאָסל ברייגעס, דעם כמו אַדוואָקאַט. אַלע ווייסן שוין אַז ר׳ יאָסל וועט אַוודאי האָבן וואָס צו זאָגן, ס׳וועט זיין „טשטאָ ניבוד אָסאָביענאָ״ (עס וועט זיין עפּעס אויסערגעוויינלעך)...

— „פּאָזשאַלויסטאַ״, ברענגט אַ גלאָז וואַסער, — בעט זיך נפתלי דער פאַרזיצער. פרוי ברענמאַן און איר זון משה גיבן זיך אַ לאָז אין קיך, און אָט איז שוין דאָ וואַסער און אַ סלאָי מיט צוויי גלעזער.

— איר וועט מיר „איזוויניאַיען״ (אַנטשולדיקן) וואָס איך האָב פריער נישט געטראַכט צו דערלאַנגען אַ פּשוטע גלאָז וואַסער, — פאַרענטפערט זיך פרוי ברענמאַן. אירע רייד ווערן אָבער ווי דערטרונקען אין דעם געפּילדער. יאָסל ברייגעס הוסט זיך אויס, וואַרפט בליקן אַרום און אַרום צי מ׳איז שוין שטיל. ער איז הייזעריקלעך. אָבער, ס׳איז נישט קיין נייעס. ער הויבט אָן ווי אַן אָראַטאָר:

— קאַמעראַדן, חברים, ציוניסטן, סאָציאַליסטן און באַרישניעס! איך האָב געדענקט, אַז מיין רעדע איז שוין איבעריק. איך האָב אייך בלויז געוואָלט באַגריסן און אייך ווינטשן גליק. ווייל אין אמתן איז שוין די ביבליאָטעק דאָ. דער אָנהויב איז געמאַכט! אָבער, אין דער לעצטער מינוט, נאָך דער שטיקעלע סומאַטאָכע וועגן די אויסגעלאָזענע פיר רעדנער, באַווייזט, קודם־כל, אַז אונדז פעלט אַ סך „ראַזוויטיע״ (אַנטוויקלונג). אונדזער שטעטל פעלשטין ליידט אַ סך פון דעם חולאת. יאָ, חולאת, צו מיין טיפן באַדויערן! איך האָף אָבער, אַז מיט דער צייט וועט איר עפּעס לערנען. אָט די ביכער־אָ וועלן טאָן דעם „מופת!״ איר זייט נאָך יונג, איר וועט זען. איך בין מיט אַ שבת עלטער פאַר אייך!

— איך בין שוין געווען אין אַ סך געריכט־הייזער, געשטאַנען „פאַד

קאַזיראַק" אַנטקעגן „מיראַוואַי סודיאַס", קליינע און גרויסע, גזלנים, פּאַר־ברעכער אַלערליי, קעשענע־גנבים, פערד־גנבים און אַפילו מערדער! יאָ, מערדער! אָבער איך האָב אויסגעפונען, אַז איבעראַל פּאָדערט זיך, קודם־כל, שכל און כאַראַקטער, און בעיקר, אַ שטעלונג צו אַן ענין. אַלע וואָס האָבן היינט דאָ געזעצט זיינען געווען אויסגעהאַלטן. דער אמת איז אויפגעדעקט געוואָרן, אַז מ׳שרעקט זיך. פאַר וועמען? — פאַר טאַטע־מאַמע! איך האַלט, אַז אָט די שרעק זאָל זיין ביי אונדז די לעצטע... טאַטע־מאַמע מיינען גוט. אָבער, קיין גזלנים זיינען זיי נישט! זיי מיינען נעבעך גוט, אָבער פּראָגרעס פרעגט ניט קיינעם וואו ער גייט. ס׳איז אַ נאַטור־געזעץ. פּונקט ווי אַ שטורעם שטעלט זיך נישט אָפּ, ער גייט ראַפּטאָווע, אַן שרעק. רייסט דעכער, רייסט בוימער. ער מאַכט אַן שאָדן, אָבער ער טוט זיך אָפּ זיינס און עס ווערט דערנאָך אויסגעלייטערט. די זון קומט אַרויס און די שטראַלן באַלייכטן די גאַנצע וועלט. די זון פרעגט נישט, אויב עמיצער וויל זי אָדער ניט. די זון — איז די זון!

— אַוודאי, מוזן מיר זיך פירן מיט אַ טאַלק. מיר מוזן באַשטימען ווען און ווי אַזוי די ביבליאָטעק אויסצונוצן; וואָס פאַר אַ ביכער צו קויפן. עס דאַרפן זיך צווישן אונדז געפינען מענטשן, וואָס זאָלן קענען זאָגן אַ וואָרט וועגן געוויסע ביכער. איך ווייס, זיי זיינען דאָ ביי אונדז אין פעלשטין. יאָ, זיי זיינען דאָ! אָבער גיט זיי אַביסעלע צייט. און אויב מורא האָבן פאַר עמיצן, דאַרף מען פריער מורא האָבן פאַרן „זאַקאָן" (געזעץ) אָט וואָס ׳ אַלץ מוז געטאָן ווערן „פּאָ זאַקאָנו".

ער גיט אַ טרונק וואַסער און ציט דעם המשך:

— איר, מיינע חברים, ווייסט שוין וואָס איך מיין מיטן זאַקאָן. די גאולה קען ניט קומען צו אונדז אין פעלשטין אַליין פון זיך. עס איז ניט קיין סוד, אַז טויזנטער רעוואָלוציאָנערן ליגן איצט פאַרשמאַכט אין די טורמעס אין סיביר, ווייל זיי ווילן ניט זיין אונטערדריקט! איר ווייסט שוין וועמען איך מיין... און דעריבער, וויל איך אייך זאָגן „טאָוואַרישטשי", אַז דאָס ביסל וואָס האָפן אויף דער גאולה דורך ציון, דורך דאָקטאָר הערצלס חלום, כאָטש ס׳איז, דוכט מיר, אַן אוטאָפּיע, איז אָבער דער גרונט־געדאַנק אַ אידישער. מיר בעטן דאָך „ולירושלים עירך ברחמים תשוב!"

— הגם אַ סך פון אונדז האָבן שוין דאָס דאַוונען, דוכט מיר, פאַרבויגן — און דאָך ווילן מיר ניט הערן דאָס זידלוואָרט „זשיד פּאַרכאַטי". מיר וועלן גיין ביז בלוט אין דעם קאַמף! אַוודאי, ווילן מיר אַן אייגן לאַנד. דאָס וואָלט אָבער ניטג עשטערט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. כדי צו לערנען עפּעס וועלטלעכעס, מוזן מיר אין אָט דער ביבליאָטעק אָנהויבן לייענען „טשטאָ דיעלאַט" (וואָס טוט מען)! ווי דער רוס זאָגט. מיך אַרט נישט אויב מ׳זאָל דאָ אַפילו קומען לערנען אַ בלאַט גמרא און תנ״ך. מיר דאַרפן

זיין גרייט אַריינצוגעמען יעדן ספר וואָס קען ברענגען נוצן אין דער ביבליאָ־טעק. לאָמיר דער וועלט ווייזן, אַז אונדזער פעלשטין גייט צו פּראָגרעס, און ניט זיין גשטעמפּלט אַלס „כניאָקעס". דאָס דאַרף זיין אונדזער שטעלונג, אונדזער אידעאַל! איך דאַנק אייך.

יאָסל בריינעס זעצט זיך אַנידער אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער. ווישט זיך דעם שווייס. ענטפערט יעדן מיט אַ דאַנק פאַרן יישר כוח פאַר דער גוטער רעדע און פאַר זיין גוטן ווילן.

דער פאָרזיצער שטייט אינמיטן טיש און בעט זיך ביי יעדן, מען זאָל אים לאָזן באַדאַנקען דעם רעדנער און די ברענמאַנס פאַר זייער גנאָד. עס גע־לינגט אים קוים דאָס צו טאָן, אָבער מען קומט אים צו הילף, און ער אַנאָנסירט די קומענדיקע זיצונג אין צוויי וואָכן שפּעטער.

אַלע צעגייען זיך אין דער שפּעטער נאַכט. הגם עס נעמט אַביסעלע לענגער: די דאַמען האָבן זיך פאַרביטן מיט די היטעלעך און די זאַנטיקעס. אָבער פרוי ברענמאַן איז די הויז בעל־הביתטע, זי גיט זיך אַן עצה. און אַלע דאַנקען איר פאַר איר „טרוד" און זאָגן אַ גוטע נאַכט.

די לבנה באַלייכט זייער וועג.

# ווען די שטאָט האָט געברענט

שבת באַגינען. אַ הייסער זומער־טאָג. די זון האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן איבער די פעלשטיינער גאַסן פון כאור הבוקר. זי האָט געוואָרפן אירע גליענדע שטראַלן אין אַלע ווינקעלעך פון אַרום די נידעריקע שטיבער, מיט די שטרוי באַדעקטע דעכער, ממש אויסגעטריקנטע פון דער שרפּהדיקער זון וואָס האָט אָנגעגליט די שטיינער ווי פאַר אַ קאַלכאויוון וואָס שפּריצט מיט הייסן פּריסעק און האָט אַרומגעכאַפּט די פעלדער און וועלדער, בערג און טאָלן פון יענעם אוקראַינישן ישוב וואָס האָט פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון פיר טויזנט נפשות — איין חלק אידן און צוויי חלקים ניט־אידן.

דאָס שטעטל בכלל האָט זיך געלעבט בשעתו אונטערן דרוק פון „צאַר ניקאַליי”. מיט זיינע זאַקאָנעס און אוקאַזן, און מיט זיינע פאַראָנדקעס זיינען אידן געווען אין קלעם, קוים געהאַט פּרנסה. זיי האָבן געדאַרפט לעבן פון פּויערס לאַסקע אין שטאָט און אַרום די דערפער. דער האַנדל און וואַנדל האָט יעדן ווי פאַרטשאַדעט. מ׳האָט געמיינט, אַז עס דאַרף אַזוי זיין. אַז מען דאַרף זיך פריינדלען מיטן פּויער ווי מיט אמתע שכנים. איבערהויפּט זומער־צייט, ווען אַלץ איז געוואַקסן און געבליט האָבן אידן אויך געוואָלט געניסן פון גאָטס מתנה. און אידן האָבן זיך אָפט געזוכט צו חברן מיט די ניט־אידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט סעדער און גערטנער און פעלדער מיט די בעסטע פּירות און תבואה וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין פּאָדאָליע. ובפרט אין די שבתים, בעיקר פאַר יונגוואַרג, וואָס האָט גערייצט זייערע אַפּעטיטן צום „עץ הדעת” און געחלומט אַ קיילעכדיקע וואָך פונם גרויסן תענוג וואָס זיי וועלן האָבן, אַז דער שבת קודש וועט אָנקומען און מ׳וועט זיך אַריסרייסן, באַפרייטע, פון די חדרים. און באַלד שבת נאָכן זינגען די זמירות וועט מען געבן אַ קאַטיי אַוועק אַהין... טייל אויף דער האַרבאַניפקע, טייל צו דער שינזשיוקע און אַנדערע, אַרום דאָטאָר נאַזאַרקעוויטשעס סאָד, אַנטקעגן דעם גרויסן „קאָסטיאָל” וואָס איז געווען הויך ווי דאָס גלות און גערייצט די קינדערשע פאַנטאַזיעס, בעת זיי האָבן געדאַרפט מאַכן די שטילע תפילה פון „שקץ תשקצנו”... אָבער די דופּטיקע בוימער אַרום און אַרום האָבן זיי געמאַכט פאַרגעסן פון טהרה און טומאה און ווי אַ מאַגנעט האָט דער יונגוואַרג אַהין געצויגן.

די עפּל, באַרן און פלוימען אין דר. נאַזאַרקעוויטשעס סאָד האָבן געזאָלט אָנזעטן די געבענטשטע קינדער וואָס האָבן בשתיקה זיך פאַרגנבעט מיט אַ טרייפענער מטבע אַהין און געקלערט פון גן עדן התחתון, די פאַר־

באַטענע פּרוכט אום שבת... עס האָט געהייסן חי־געלעבט, עס און טרינק און וויס אַז הייַנט איז שבת קודש. מען קען זיך קאַטשען אין די ווייכע, הויכע גראָזן וואָס האָבן אָפּט געקילט און געגעבן מנוחה צום מידן בשר ודם. די ברייטע שליאַכן זייַנען דאַן געווען פרייַ, די פּויערים האָבן געהאַט זייערע טיר און טויער געשלאָסן, ווייל דאַן איז געווען שניט־צייט, „עת הזמיר הגיע". מ׳האָט געקענט הערן פּאָר אַ האַלבן וויאָרסט די ווייט דעם געקלאַנג פון די קאָסעס אַרום די פעלדער. דאָס בילן פון די הינט, „די שומרים" ווען זיי האָבן דערהערט עפּעס אַ שאָרך.

עס איז „זשניוואַ". ס׳טומלט און רוישט אַרום די ווייטע, ברייטע און טיפע פעלדער. די פּויערים האָבן זיך פאַרנומען פון שטאָט אַהין אויף די ירושה פעלדער צו זייער האָב און גוטס. מאַמעס, טאַטעס, זין און טעכטער — אַלץ קאָסעט, שאַרט און קלייבט און בינדט. ס׳איז אַ גערעטעניש היי יאָר, אַן „אוראַזשאַי". אוודאי ציען זיך אויך אַהין, אויף די ברייטע שליאַכן, אידישע קינדער. מען איז זיי, די פּויערישע קינדער שטאַרק מקנא, מען זינדיקט שיעור במחשבה, מי יודע מיט וואָס? אָבער די פּויערים טרייבן אידישע קינדער אַוועק פון די פרייע פעלדער מיט די הויך אַנגעוואַקסענע תבואות, מיט זאַנגען וואָס בויגן זיך אַזש פון פעטקייט. מוז מען, באַטירלעך, שטיין פון ווייטנס, און האַלב אין שרעק, זיך כאַטש צוהערן צום געקלאַנג פון די קאָסעס וואָס דערמאָנען אונדז אין „הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו" ביז מען קערט זיך אום און מען אָטעמט ווייטער פון נייע טיפע איינגע־קאַראַנירטע פּרוכט־בוימער וואָס בויערן דורך די נאָזלעכער, און שפּריצן ממש אַריין זאַפט אין די טרוקענע לונגען איבער דער גרויסער חמימה.

און פּונקט אין אַזאַ הייסן טאָג, אין איינעם אַ שבת גאַנץ כאור, ווען די חלומות פון דער יונגוואַרג וועבן זיך נאָך און בינדן זיך נאָך אין טיפן שלאָף איז געשען אַ מוראַדיקע קאַטאַסטראָפע. קיינער, האָט וויזט אויס, ניט געהאַט קיין מינדסטן באַגריף, אַז אין אַ שעה צוויי אַרום וועט אַ „„רויטער האָן" געבן אַ קריי אויף דער האַרבאַניפּקע, וואָס שליסט זיך מיטן טייך פון שטאָט רעכטס אַרויף אַ באַרג.

אַלץ איז זיך געגאַנגען כשורה. איצי שמש האָט ווי יעדן שבת אין בלויען פאַרטאָג אין דער שטאָק פינצטערניש געשפּרייזט איבער די אידישע גאַסן מיט זייַן סאַסנאָוון שטעקעלע, איינגעקאָרבט פון די לאַנגע יאָרן, וואָס ער שפּאַרט אַן זיין גוף און וועקט לעבודת הבורא. מ׳האָט זיין האַרציק הויך קול געמוזט דערהערן, און שטאָט האָט אויפגעוואַכט אין פרייען שבת קודש. מען האָט אויפגעפּראַלט טיר און טויער און ממש אין די גאַטקעס זיך גע־נומען יאָגן צום מרחץ צו טהרה וקדושה. קינד און קייט האָט דערפילט, אַז ס׳איז שבת קודש, אַז מען דאַרף אויפשטיין. אַפילו פערד, בהמות, ציגן און עופות האָבן זיך דערפילט שבתדיק. מ׳האָט זיך אין דער גרויסער חמימה געטוליעט מיט די חלומות וואָס וועלן בעזרת השם זיין אַן אמת, אַ ווירק־לעכקייט. טאַטעס, מאַמעס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו די שולן און בתי

מדרשים, ריינע, געוואַשענע. דאָרט האָט מען געדאַווענט, דאָרטן, אין בית המדרש, האָט אברהם יהודה געדאַווענט מוסף. און אין דער גרויסער שול, וואָס איז געווען אַ שם דבר, האָט געדאַווענט דוד חזן מיט זיין זעלטן שיינעם קול בנגינה. און אין דער זינקאָווער קלויז האָט געדאַווענט אברהם זאַפרין, אַ שיינער בכבודיקער איד, אַ למדן און אַ הדרת פנים. אַפילו אין „הוסיאַטינער" קלייזל, עט־עט אַרונטער צו צפון זייט פון שטעטל, שיר אַ שפאַן פון די ניט־אידישע שכנים, אַפילו דאָרט האָט זיך געקאָכט מיט חסידישע התפעלות ביים דאַווענען און לייענען. די בעלי תפילות האָבן זיך געביטן ווי חברים, אמתע מנגנים, וואָס ביי זיי איז דאָ אי נגינה אי תורה אי סחורה... אַ קלייני־קייט, די הוסיאַטינער חסידים!

דאָך האָט מען געהאַט איין מרחץ אין שטאָט, איין טייך, איין אוראַדניק, איין פּריסטאַוו. און אין אַ שעת הדחק האָט מען זיך געגעבן אַן עצה. עס זיינען שוין געווען „אוטשאַניע יעווריעי" — געלערנטע אידן, מיט אַ פּען אין די הענט, מיט אַ וויטן קוק און מ'האָט געוואוסט ווי צו נוצן דעם „טאַק טאַטשנאַ וואַשאַ וויסאָקאַ"...

און אַזוי אַ, אין יענעם שבת, אין דער גרויסער חמימה, ווען אידן זיינען געזעסן אין בתי מדרשים און געשוויצט, געדאַווענט און שוין געהאַלטן ביי דער מוספדיקער קדושה, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ גוואַלד געשריי אין בית מדרש, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע בתי מדרשים, ס'אַ ליאַרעם, אַ טומל, אַ שרעק! די שטאָט ברענט! „פּאַזשאַר"! וואו, ווער, ווען? עס ווערט אַ בהלה. דער חזן בלייבט אינמיטן דער קדושה. מען וואַרפט אַראָפּ די טליתים, די סדורים, מען וויקלט, מען לויפט העמדום־פּענדום אַהין וואו ס'הערט זיך שוין דער מוראדיקער פייער־פלאַקער פון דער צעשפּרייטער שריפה.

עט־עט, אויף דער האַרבאַניפּקע, נעבן דער באָד, וואָס שטייט ממש אויפן טייך! מען לויפט ראַטעווען מיט און אָן טליתים. מען ווייסט ניט וואוהין דאָס העלישע פייער טראַסקעט און שיסט מיט פונקען ווי מיט האַרמאַטן. די שטרויענע דעכער הויבן זיך אין פלאַמען און ציען זיך אַוועק צו די אַנדערע שרענגעס פויערישע כאַטעס וואָס זיינען אָנגעגליט, זיי שלינגען די פונקען און סמאַליען זיך שוין בחברותא אין פלאַקער פייער. די שטאַלן זיינען פאַר־מאַכט, אינעווייניק לויפן אַרום ווי ווילדע די בהמות, פערד, חזירים, עופות... עס הערן זיך די ווילדע קולות פון די שטומע חיות, דאָס רעווען און ברוקן און שפּרינגען און דאָס רייסן זיך אויף די גלייכע ווענט איז אומגעהייער. זיי סמאַלען שוין און זיינען האַלב פאַרשרפהט, זייער בריקעווען מיט די פיס און רעווען, קערט ממש איבער די וועלט. אַן אומגליק! די בעלי בתים זייערע האָבן זיי פאַרשלאָסן. די הינט לויפן, האָפּקען, ווי ווילדע אַרום די שריפות, לויפן וויט אַוועק צו די פעלדער, רופן זייערע בעלי בתים, ווי זיי וואָלטן געפילט בחוש דעם גרויסן אומגליק.

און דאָ לויפן אידן אין טליתים, מיט די שבתדיקע קאַפּאָטעס, מיט הע־מערס, העק און ערדישע כלים, אַ געמיש: אנשים, נשים וטף...

ווער קען דען אַהין צוקומען? ובפרט ס'איז אַ צרה שלא תבוא! וואָס טוט מען? וואָס זאָגט דער רב? ווי איז דער דין? אידן בני רחמנים, וואָס שטייען מיר? ס'איז דאָך פּקוח נפש!

די פלאַמען הויבן זיך און שלינגען אַלץ איין! איינע, צוויי, דריי, צען, פופצן! אוי, געוואַלד! רבונו של עולם! וואָס שוויגסטו!? וואָס לאָזטו ניט אַרויס די אָרעמע חיות פון די שטאַלן? זיי שמעלצן זיך שוין. עס וועט פון זיי ניט בלייבן קיין שריד ופליט! — הערן זיך קולות פון צנויהעשע ווייבער. טייל אידן פאַרלירן זיך, מען פאַרגעסט אַז ס'איז שבת, מען לויפט צום טייך, צו די קרעניצעס — זאָלסט אַפּהיטן, טאַטע זיסער! הערן זיך ווילדע געיאָמערס. די פויערים לויפן אָן פון די פעלדער מיט קאָסעס, מיט פערד און וועגענער מיט אַ גוואַלד, מיט אַ יללה, אַז די הערצער שטעלן זיך אָפּ פאַר שרעק. מען וויינט, און מען ציט די אויגן אַרויף צום הימל. זיי לויפן אין פייער אַריין, רייסן די טירן פון די שטאַלן אַרויסצוראַטעווען די בעלי חיים. אַ טייל ווערן פאַרכאַפּט פון טשאַדן און פאַלן חלשות. מען לויפט זיי ראַטעווען. אַ געמיש פון אידן מיט ערלים. שבתדיקע קאַפּאָטעס און טליתים, אַלע איצט ווי גע־בונדן אין דער שריפה, וואָס האָט שוין פאַרטיליקט פופציק שטיבער. עס ציען זיך איצט ביידע מחנות פון אַלע עקן שטאָט מיט געשפּאַנען, מיט ווערב־ניאַקעס. די פערד שטעלן זיך דובאָם פאַר שרעק, אָבער געזונטע פויערים, גבורים האַלטן די לייצעס פעסט. די פעסלעך וואַסער זיינען ניט צוגעבונדן אויף די אָפּענע וואָגנס און שטויסן אַרויס ס'וואַסער צוריק, ווען די פערד שפּרינגען „דובאָם". טייל געלינגט צו באַקעמפן די שטומע חיות מיטן בייטש, מיט געבעט און מיט וואָס נאָר מען קען, אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַזאַ שריפה אין אַ פלאַקער פייערדיקן זומער־טאָג, ובפרט אום שבת? קייך „פאַזשאַרנע קאָמאַנדע" איז ניטאָ. עס שטייט ערגעץ ביים סטאַראָסטע אין הויף אַ פּאָמפּע, וואָס האָט אַ קעסל און אַ פופציק אַרשין לאַנגע קישקע וואָס מען שפּרייט אויס אין גאַס נאָכן ברענגען. גאָר אָפּט איז זי פאַרזשאַווערט. און איידער די דריי וואַסער־פירער לאָזן זיך מיט זייערע „טעליעגעס" צום טייך, אָדער צו די קרעניצעס גייט אַלץ אַוועק מיטן רויך. גראָד איצט האָט מען די פּאָמפּע שוין געבראַכט, די קישקע שוין צעשפּרייט, אָבער וואו זיינען די וואַסער־פירערס מיט זייערע „טעליעגעס"? וואו איז חיים־נח און אלתר? וואָס זאָגט דער רב? ס'איז דאָך פּקוח נפש! צווישן לויפנדיקן עולם, אַראָפּ באַרג, דערזעט מען לויפן אידן, ערשט פון בית המדרש, מען סברהט, אַז צווישן דער עדה אידן איז אויך דאָ דער אַלטער רב און גאון ישראל קיטאַ־ווער, אַז זיי האָבן אַוודאי באַוואָרנט די ספרי תורות און די מקומות קדושים, און צווישן זיי יאָגן אויך די דריי שטאָטישע וואַסער־פירער: נח, חיים און אלתר...

קהל פילט אַז דער אומגליק איז גרויס, און ס'איז פּקוח נפש, דער רב וועט אַוודאי אַרויסגעבן אַ גזר, אַז די דריי וואַסער־פירער זאָלן שפּאַנען די פערד און אָנפילן די „טעלעגיעס" מיט וואַסער צו לעשן די שריפה. און

כך הוה! ער, דער באַצערטער מורה הוראה, באַפעלט בקול רם, מיט זיין הייזעריק קול, וואָס רייסט זיך פון טיפן האַרצן און אוודאי פון גרויס ספקות. ציען זיך זיינע אויגן אַרויף צום הימל, ער זאָל אים מוחל זיין אויף זיין גזר דין: אידן זאָלן היינט אין דער מוראדיקער שריפה מחלל שבת זיין...

זיין הויכער און ברייטער גוף מיט זיין ווייסער, לאַנגער באָרד און גראָבע ברילן שפּיגלען אָפּ די פּאַטריאַרכישע פיגור פון אידישער פירער־שאַפט, אידישע גאונות. און אויף אים קוקנדיק, לויפט מען ראַטעווען. עס יאָגן זיך שוין צו זייערע שטאַלן די דריי אידישע וואַסער־פירערס. מיט מסירת נפש יאָגן זיי שוין די פערד מיט די דרינזשענדיקע „טעליעגעס״ איבער די פעלשטינער גאַסן, מיט זיי יאָגן זיך שוין אידן דאַרפס גייער מיט זייערע פערד און וועגעלעך מיט ליידיקע פעסלעך צום טייך, אַהין צום אומ־גליק. צווישן זיי אויך ווייבער מיט די טעכטער און יונגוואַרג באַלאָדן מיט קעסלען, טעפּ און קופּערנע קוואָרטן, — צו ברענגען וואַסער אַהין, צו לעשן די שריפה. עס יאָגט אָן דער אוראַדניק מיט דעסאַטצקעס, און מישן זיך אויס מיט דער פּאַרטרויערטער באַפעלקערונג. ער דערזעט דעם גרייז־גרויען רב שטיין אויפן באַרג אַרומגערינגלט מיט זקנים און זקנות. די קולות גייען ממש עד לב השמים. טייל זקנים זאָגן אין דער שטיל קאַפּיטלעך תהלים. מען בעט דעם רבש״ע, מען האָפט אויף השגחת הבורא. דער אוראַד־ניק, קאַליענטשוק, אַ ריזיק געבוי, ער פּאַכעט שוין מיט דער שאַשקע און קאָמאַנדעוועט מיט די דעסאַטצקעס און גיט אוקאַזן. ער ווענדט זיך צום גרויסן רב מיט אַ באַגריסונג און מיט דרך ארץ פאַרן גאון, וואָס האָט דעם כוח און קוראַזש צו באַפעלן אַ שטאָט מיט אידן צו גיין ראַטעווען אין אַ שבת־קודש. ביידע ווערן זיי פאַרקניפּט אין איין גזר. פּקוח נפש דוחה שבת, אַ תורת משה! אידן און ניט־אידן מוזן ווערן איינס, אָן חשבון.

דער אוראַדניק טרייבט שוין יעדן אַהין אַרויף צום פייער — צו די קרעניצעס, צום טייך — וואַסער ברענגט!!! גיכער!!! אידאַ!!! דער אור־ראַדניק, אַ גבר, אַ גרויזין מיט זעלטענע ברייטע, לאַנגע גרויע וואָנסעס און פייערדיקע אויגן שטייט שוין ביי דער פּאָמפּע און רייסט די גומענע קישקע מיטן צאַפּן פון אַ יונגן שייגעץ, אַ ריז, אַ זון פון אַ רייכן פּויער, וואָס האַלט דעם טייך אין אַרענדע, און כאַפּט פיש אין די ווינטער חדשים. טייל האַלטן, אַז דער פּאָטער זיינער, איגנאַך, איז גאָר אַ שונא ישראל, אָבער אין אַן עת צרה טומלט ער זיך כלומרשט ווי אַ „גאָספּאָדאַר״. גראָד איז זיין האָב און גוטס אויך אין דער שריפה, און ער דאַרף גראָד די אידישע לאַסקע, אַלע זיינע בנים זיינען איצט אין געיעג, ווי אַ פּאָזשאַרנע קאָמאַנדע. איגנאַך לויפט אַרום און ברעכט די הענט. ער קען שוין צו זיין אייגענער שטוב ניט צוקומען. דאָרט איז ס׳גאַנצע, ערשט אָנגעזאַמלטע עשירות פון די פרישע פעלדער. גאַנצע סטערטעס מיט תבואה. ער ברעכט די הענט, שרייט, איז ווילד און היסטעריש, פאַלט איינעם פון די שטאָט אידן אויפן אַקסל און

יאָמערט מיט ביטערע טרערן: — ראַטעוועט!!! ראַטעוועט!!! — בעט ער זיך באַגלייך מיט אַנדערע פּויערים.

איצט רייסט קאַלאַנטשוק, דער אוראַדניק, אַרויס די קישקע פון איג־נאַכס זון און שיקט אים העלפן זיין טאַטן. גיי גיך!! איך וועל דיר ווייזן וואָס הייסט שפּריצן אין אַ „פּאַזשאַר". זיין קול הערט זיך און קלינגט אַף גאַר־ווייט: „סקאָרעי, פּאַדאַוויטיע וואָדו"! דאָס באַפעלט ער די אידישע וואַ־סער־פירערס וואָס צאַפּן אין איין אָטעם די פעסער וואַסער אין דער פּאָמפּע ביי וועלכער עס שטייען אידן רעכטס און לינקס ביי די שטאַנגען און ציען מיט די הענט אַרויף און אַראָפּ. די דריי וואַסער־פירערס, הגם שוין אַריבער די מיטעלע יאָרן, האָבן הפּנים באַקומען זעלטענע כוחות, מיט זיי יאָגן זיך שוין זייערע זין האַרעפּאַשניקעס. מיט אלתרן יאָגט זיך שוין זיין זון שמואל לייזער, הויך און דאַר, לערנט זיך שוין סטאָלעריי. אָבער היינט פילט ער, אַז דער טאַטע זיינער איז שוין באַלד אַ בן שישים און ער מוז איבערנעמען די קאָמאַנדע. דאָס אייגענע ביי נחן, אויך ער, נח, סברהט מען, אַריבער די זעכציק און זיין אינגסטער זון, שבח, אַ פלינקער יונג וואָס איז שוין באַלד אַ „פּאָלנער" שניידער, ער הייסט זיך דעם טאַטן זיינעם אָפּרוען, ער וועט ווערן אַ ממלא מקומו, און האַלט שוין די לייצעס אויף דער „טעליעגע" און יאָגט געשווינט צום טייך, ווייל די קרעניצעס זיינען שוין טרוקן. אָבער חיים וואַסער־טרעגער, אַ גבר א איד, און אויך דער שטאָט קברן, אַ שותף צו זיידע קרופּניק — ער גראָבט די קברים כדת וכדין. ער האַקט די שטיי־נער מיט העק און קומט זיי ביי. זיין מאַסיווער געבוי איז צו דעם ווי געבוירן, זיין ברייטער גוף און היפשער קאַרק און געדיכטע, בלאָנדע באָרד גיט אָבער ניט קיין פרנסה גענוג פאַר זיין היפש געזינדל און ער מוז זיך טיילן מיט זיידע קרופּניק פון דעם צדקה תציל ממות געלט, פון קברנות. אויך אים וויל זיין יונגער בחורל, יאָסל, וואָס לערנט זיך שוסטעריי, העלפן. אָבער חיים טרייבט אים אַוועק. אַהיים גיי, יאָסל! איך דאַרף ניט דיין הילף, היט בעסער אָפּ דעם דאָך אונדזערן. און יאָסל שרעקט זיך פאַרן טאַטנס ירגזון און וויל זיך שיר אַ מעשה אָנטאָן פאַר אַזאַ בזיון, וואָס ער גיט אים ניט דעם כבוד צו זיין איינער פון די העלדן.

און די שרפה הויבט זיך אויף אין העלישן פייער. מ'איז אין טויט שרעק פאַר די אייגענע כאַטקעס, וואו עס שטייען נאָך די פאַרמאַכטע טשאַ־לענטן פאַרוויכערטע, פאַרטריקנטע און פאַרשרפהטע. דאָך לויפן די פרויען צוריק אַהיים. מען קלעטערט אויף די בוידעמער, אויף די דעכער מיט טעפּ וואַסער, מען היט די שטרוי, אַז אַ פונק זאָל, חס ושלום, ניט פאַלן, מען בעט גאָט, ער זאָל שומר ומצל זיין און מען דאַנקט אים, וואָס ער האָט דערווייל אויסגעהיט די אידישע גאַסן. יונגוואַרג מישט זיך אויס מיט די זקנים. זיי, די זקנים, באַפעלן צו קלעטערן אַרויף אויף לייטערס אויף די דעכער אָפּ־צוהיטן די קוימענס וואָס לאָזן פון זיך אַ פאַרע. טייל סברהן, אַז ס'איז כדאי צו גיסן וואַסער. אין די קוימענס וואָס טליען נאָך פון די באַהאַלטענע פייער־

לעך אין די אויוונס. מען הייסט שלעפּן די אָנגעפּילטע טעפּ מיט די מאכלים וואָס גיכער. די ווייבער פּאַלגן און בייזערן זיך אויף די טעכטער, וואָס זיינען ווי פּאַרלוירענע אין דער שריפה, ווי זיי וואָלטן באמת געווען אויף אַן עולם התוהו. זיי מוזן פאָלגן און זיך צוהערן צו די דערשראָקענע, בייזע מאַמעס און זיידעס.

די שריפה ווערט אָבער אין דער יללה ניט געשטילט. פופציק־זעכציק שטיבער זיינען שוין אַ באַרג אַש. זיי רייסן שוין די קברים פון די פאַר־שרפהט און טויטע פערד און קי. טייל האַלטן נאָך אין גיסן. איינע אַ פויערטע ליגט ביי דער זייט פון אירס אַן אויסגעכאַוועט קעלבל, אַ יונג יאַלעווקעלע, וואָס איז האַלב פאַרשרפהט און טריפעט זיך נאָך. זי וויינט און יאָמערט, ס'האַרץ טוט ווי צוצוקוקן און צו הערן אירע טענות צו דער בהמהלע: דו ביסט דאָך געווען מיין טרייסט, מיין האָפנונג, חיהלע מיינע, האַרץ מיינס! וואָס וועל איך איצט טאָן אָן דיר. עס שטייט דערביי אירער אַ זון, אַ גע־לער שייגעץ און רייסט זי אַוועק פון דער פאַרסאַזשעטער ערד. אָבער זיי־טיקע מענטשן הייסן אים אָפּשטיין, זאָל זי זיך אויסוויינען!

אַזוי כסדר, מען גייט ווייטער און ווייטער וואו ס'פייער איז שוין גע־שטילט. פויערים, טאַטעס, מאַמעס שטייען זיי און ברעכן די הענט קוקנדיק אויפן חורבן, אויף זייער בראָך, און מיר, אידישע קינדער וויינען מיט זיי. און ווי אַ מלאך פון הימל האָט זיך דערהערט אַ בת־קול, אַז די שריפה ווערט געשטילט, אַז יענע צען לעצטע שטיבער ביי דער שמאָלער סטעזשקע זיינען געראַטעוועט, אַז די וואַסער־טרעגער מעגן שוין פאָרן אַהיים, אַז די לעצטע פייערלעך וועלן נאָך טליען פּאַמעלעך שוין אָן אַ סכנה. און די פויערים וועלן זיך שוין ווי עס איז געבן אַן עצה, אַז ס'איז מער ניט קיין פקוח נפש און אידן זאָלן זיך צוריק אַהיימקערן צו ווייב און קינדער אָפּ־ריכטן דעם שבת האַלבוועגס. ענדלעך האָט דער מידער רב מיט די זקנים און זקנות אָפּגעזיפצט און געלויבט דעם השם יתברך, וואָס ער האָט געטאָן חסד מיט די אידן, וואָס אידישע הימען, אידישע אָרעמקייט איז ניט גע־רירט געוואָרן און ער האָט באַוויזן די אומות העולם, וואָס אידן קענען אין אַ שעת הדחק, אין אַן אומגליק...

פאַרמאַטערטע און דערשראָקענע האָט מען זיך אומגעקערט אַהיים נאַסע און פאַרבלאָטיקטע אָן כוחות, אָבער מיטן געפיל פון העלדן, וואָס זיי־נען ועל כולם נאָך זוכה צו גיין אַהיים וואו עס איז נאָך אַוודאי דאָ אַ הייסער טשאָלנט, און מ'וועט נאָך זינגען זמירות ווי גאָט האָט געבאָטן, מיטן גאַנצן געזינדל, וואָס האָבן אַוודאי פאַרדינט גרויסע שבתים.

און די דריי וואַסער־פירער, די הויפּט־העלדן פון טאָג האָבן זיך גע־צויגן צוריק אַרויף באַרג אין שטאָט אַריין, ווער רעכטס, ווער לינקס, אַהיים צו זייערע פערד־שטאַלן, אויסשפּאַנען די פערד פון די שווערע „טעליע־געס", אָפּווישן די שטומע חיות פון זייער ביטערן שוויס, וואָס סע גייט אַזש אַ פּאַרע, געבן זיי אַ ביסל האָבער און אונטערשפּרייטן אַן „אַקאַלאָט"

שטרוי, זיי זאָלן זיך קענען ווייטער פירן זייערע „טעליעגעס" מיט וואַסער פאַר דער שטאָט אידן וואָס האָבן גאָר ניט קיין באַגריף וואָס פאַר אַ ביטערע פּרנסה אַ וואַסער־פירער האָט.

ווי העלדן פאַרמאַטערטע, אָן כוח, האָבן זיי זיך אויך אַרומגעוואַשן און זיך דערמאָנט, אַז ביי אַ וואַסער־פירער איז אויך שבת. אַז זייערע ווייבער און קינדער וואַרטן שוין אויף דער גוטער מינוט וואָס זיי וועלן קענען זיצן מיט די טאַטעס ביים טיש און טועם זיין כאָטש עפּעס פון פאַרטריקנטן טשאָלנט און כאָטש אין דער שטיל זינגען די פאַרשפּעטיקטע זמירות און אָפּבענטשן און זיך אַריינוואַרפן אין בעט אַריין, אָפּרוען די מידע ביינער וואָס דאַרפן נאָך אַ סך האָרעווען און דערציען די קינדער לחופּה ולמעשים טובים — אַ נסיון וואָס איז גאָרנישט געווען גרינג פאַר אַ פעלשטינער וואַסער־פירער. אָבער אנשים יודעים וואָס וויסן זייער לעבן און האָבן צוגעזען וואָס ס'האָט זיך געטאָן יענעם שבת פון דער גרויסער שריפה וואָס האָט אָפּגעווישט ממש אַ האַלבן פעלשטין זיינען לעבעדיקע עדות, אַז זיי, די דריי וואַסער־פירער אין פעלשטין האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין לעשן די גרויסע מערקווירדיקע שריפה אויף דער האַרבאַניפקע. און זאָל די וועלט וויסן אַז אידן האָבן זיך דערנאָך געטראָגן צום חורבן עט אַהין מיט אָנגעפּילטע טעפּ און שיסלען עסן און טרינקען, מחיה צו זיין די אָפּגעברענטע, די פאַר־וואָגלטע און פאַרהונגערטע. מ'האָט זיי געטרייסט און אויסגערעדט ס'האַרץ, אַז דער אויבערשטער וועט העלפן און הילף וועט קומען פון ארבע פינות אוקראַינע... און אַ נייער בנין וועט געבויט ווערן וואָס וועט אָנצייכענען ס'אחדות פון אוקראַינע און ווי דורך אַ נבואה איז דאָס אַלץ מקוים גע־וואָרן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן ציען דורך פעלדער און וועלדער צענדליקער עגלות מיט שטרוי און האָלץ און עסנוואַרג. דאָס האָבן די אַרומיקע דערפער געשיקט מתנות צו די וואָגלערס זיי זאָלן זיך וואָס גיכער נעמען בויען. עס האָט גענומען בלויז אַ קליין יאָר און אַ נייע האַרבאַניפקע איז אויפגעבויט געוואָרן מיט אידישער הילף, אידישן חסד און אידישע קוילעטשן וואָס מיר, קינדער, האָבן אַהין געטאַסקעט אין יום השריפה...

אָבער איצט, בלויז מיט פיר צענדליק יאָר שפּעטער, ווען איך, דער מחבר, מאַך אַ סך הכל וואָס פון אונדזער פעלשטין איז געוואָרן, און וואָס די פויערים יענע האָבן פאַר אונדז אידן געטאָן, ווי מען האָט אונדז פאַר ברויט אָפּגעגעבן שטיינער, ווי מ'האָט חרוב ונחרב געמאַכט ס'שטעטל מיט דער הילף פון יענע שטאַטישע היידאַמאַקעס וואָס האָבן פאַרגעסן, אַז אויך זיי האָבן פון דעם אידישן ישוב אין פעלשטין געמאַכט אַ באַרג אַש, אַז עס ליגן נאָך ערגעץ פאַרגראָבן געלע בלעטלעך פון ניט פאַרשריבענעם פנקס פעלשטין, וואָס דערציילט אונדז היסטאָריש פאַר אַ מוסר השכל, אַז:

ויהי היום אין איינעם אַ שבת דברים, אַרום תשעה באב האָט זיך אויפגעהויבן אַ שריפה בעיר פעלשטין, אוקראַינע. אין די טעג ווען אידן

גייען אויף קבר אבות פונקט צען אַ זייגער אין דער פרי ווען אידן האָבן געדאַווענט מוסף אין די געפּאַקטע בתי מדרשים און ווי עס וואָלט זיך דער־הערט בקול רם אַ גזר מן השמים אַז מען זאָל פאַרלאָזן די בתי מדרשים און לויפן ראַטעווען די נשרפים. זיינען אַלע אידן אַרויס אחד ואחד, יחיד ורבים עט־עט אַהין אַרויף צו דער הארבאַניפקע צום גויאישן ישוב. אידן אין טליתים יונג און אַלט בחברותא מיטן גרויסן רב און גאון הרב ישראל קיטאָווער, וועלכע האָבן מיט גרויס מסירת נפש מחלל שבת געווען בכדי צו ראַטעווען די ניט־אידישע שכנים אין זייער עת־צרה, און דער עיקר האָט מען פאַרצייכנט די דריי העלדישע אידישע וואַסער־פירערס — נח, אלתר און חיים. בעיקר אַז די שפּעטערדיקע דורות זאָלן ניט פאַרגעסן לשם היסטאָריע וואָס פעלשטינער אידן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט...

לצערי, צו מיין טיפן ווייטיק מוז איך, דער בן עיר, דערציילן דער וועלט, אַז אַט יענע פויערים וועמען מיר האָבן געראַטעוועט, און אידן זיינען געווען אין גרויס אבלות אויף זייער בראַד, געפינען איצט מצד זיי אַ גאָר פאַרקערטע שוידערלעכע היסטאָריע, אַ גאָר אַן אַנדערן חשבון... מיר גע־פינען ליידער, אַז פעלשטינער חורבן איז געקומען פון יענע פויערים, פאָס האָבן אונדז על כל פנים געדאַרפט ראַטעווען און אויסהיטן פון די פעטלור־רעס און דעניקינס באַנדעס. לסוף האָבן זיי אין די לעצטע צוויי מלחמות אונז אַריינגעשטעקט אַ מעסער אין זייט, און געהאָלפן די היטלער־באַנדעס גראָבן די לעצטע קברים פון זייערע אידישע שכנים, וואָס ליגן אין איין ברודער־קבר אַפילו אָן אַ מצבה.

על אלה אני בוכיה!

# ישראל יאָסי נאמנס

ישראל יאָסי נאמנס איז געווען דער אמתער נאָמען פון אַ פעלשטינער בכבודיקן אידן מיט דריי פּרנסות: אַ קצב, אַ בעל קריאה און אַ בעל תפילה פון דער חסידישער קלויז. ער מיט זיינע פינף זין און צוויי טעכטער טראָגן מיט זיך אַ שטיק היסטאָריע פון דריי דורות וואָס איך גיי דאָ אַרויסברענגען אין די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונגען, וועלכע וועלן דערפירן צו דער היינטיקער צייט, אין פאַרבינדונג מיטן חורבן אייראָפּע...

יאָסי נאמנס צווייטער נאָמען איז באמת געווען — פעלד. דער נאָמען יאָסי נאמן האָט געהאַט אַ שייכות צום וואָרט „נאמנות" וואָס מיינט — באַגלויבט. ער, ר' יאָסי, האָט אין זיין דור געגעבן דעם חותם פון נאמנות... זיין וואָרט, ווי זיין לאַנגע באָרד און פיאות וואָס האָבן זיך געמוזט איינקריצן אין זכרון, ווען מ'האָט דעם תמימותדיקן אידן באַגעגנט.

זיין זון, ישראל קצב, וועגן וועלכן איך שרייב דאָ, איז שוין אויך געווען אין די פופציקער יאָרן. אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין פאָטער יאָסי, מיט אַ לאַנגער באָרד און ברייטע פיאות. אַ ווייסהויטיק אויסגעאיידלט פנים מיט לעבעדיקע ברוינע אויגן. זיינע טרוקענע ליפּן האָט ער ס'רוב געהאַלטן צוגעמאַכט. קענטיק, איבער אַ דינעם שניט אין דער אונטערשטער ליפּ... ווען ער האָט גענומען רעדן האָט זיך אַנטפּלעקט דער דעליקאַטער שניט אין דער מיטן פון ליפּ, און האָט אים דווקא צוגעגעבן אַ געוויסן חן. לויט סברות, איז עס סתם געווען אַ שפּעלטעלע, ווי די ליפּ וואָלט זיך אַליין איינגעשפּאָלטן פון טרוקנקייט...

ער איז ניט געווען פון דעם שניט קצבים גבורים. פאַרקערט, איר האָט געשטוינט וואָס אַזאַ איידעלער איד, אַ בן תורה ווי ר' ישראל, שטייט אין מיטן מאַרק ביים יאַטקע־קלאָץ און האַקט ס'כשרע פלייש פאַר די פעלשטינער צנועהשע ווייבער לאחדים, וואָס זיינען געווען זיכער, אַז בלויז ר' ישראל האָט ס'אמתע כשרע פלייש, וואו שחיטה איז אָפּגעהיט כחוט השערה; איז בודק יעדע קלייניקייט עס זאָל, חלילה, נישט געשען קיין שום מכשול אין כשרות... שטאָט האָט געוואוסט, אַז בעת עס קומט אַרונטער אין שטאָט אַ גוטער איד, אַ הייליקער רבי, און וועט פּראַווען די סעודות פאַר די חסידים, קומט מען באַלד צו ר' ישראל קויפן ס'פלייש. ער ווידער, ר' ישראל, האָט שוין פאָראויס געוואוסט, אַז ווען ס'קומט דער הייליקער רבי זאָל ער מאַכן די נויטיקע הכנות ביי דער שחיטה און מודיע זיין די שוחטים, זיי זאָלן קומען צום רב בודק זיין די חלפים, עס זאָל חלילה ניט זיין קיין שום

מכשול. ווייל וויסן דאַרף מען, אַז ר׳ ישראל האָט גוט געוואוסט די דינים פון שחיטה...

איך, דער מחבר, בין געגאַנגען אין איין חדר מיט איינעם פון ר׳ ישראלס זין, זיין בן זקונים, מעכל. איז אונדז ס׳רוב אויסגעקומען, אַז ר׳ ישראל זאָל אונדז פאַרהערן. ער איז אגב ניט געווען קיין שטרענגער למדן. אויף ווי ווייט איך געדענק אים, איז ער זעלטן געווען אין כעס. אָבער זיין וואָרט האָט ביי אונדז אַרויסגערופן דרך ארץ.

זיין לאַנגע, שמאָלע ירושה שטוב, פונקט אינמיטן מאַרק, מיט צוויי שמאָלע קלייטלעך שוין פאַרקויפטע, האָט געמאַכט אַ מחיצה פון זיין שטוב און דער קאַמער, וואו זיין יאַטקע איז געווען. שטיל און פאַמעלעך האָט ער מיט זיינע עטלעכע הויך־געוואַקסענע זין געטרייבערט און צוגעגרייט דאָס כשרע פלייש פאַרן אָפענעם מאַרק אויף שבת, אָנהייבנדיק דאָנערשטיק קייאָר...

כמעט אַלע זין האָבן שוין געלערנט אין קלויז און די ווינטער נעכט ביי די לאַנגע טישן און אַרונטערגעצויגענע לאָמפן אויף די דראָטן. לויט סברות, האָבן זיי געזאָלט ווערן לומדים און בירושה ווערן קצבים, גיין אויפן זעלביקן אויסגעטראָטענעם וועג פון זיידן און טאַטן.

זיינע צוויי טעכטער, די עלטערע, האָבן געהאָלפן זייער מוטער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אַנדער נאָמען ווי סראָלעכע, אין פירן די באַלעבאַטישקייט. אין אָרעמקייט, אָבער אין חשיבות.

ר׳ ישראל האָט זיך געשפּיגלט אין זיינע צוויי טעכטער, אסתר און דבורה. געווען אָבער שטאַרק באַזאָרגט וואָס די אַלע פּרנסות (קצבות, בעל קריאה ובעל תפילה) גיבן אים ניט קיין נדן פאַר די צוויי דערוואַקסענע טעכ־טער... אַ חטא האָט ר׳ ישראל געטראָגן אויף זיך איבער אַ קלייניקייט: ער האָט געוואָגט צו פאַרלאָזן זיין שניידעריש שולכל אַלס בעל קורא און בעל תפילה און אַריבערגיין צו דער חסידישער זינקעווער קלויז מיט אַן הוספה פון אַ פופציקער אַ יאָר. אין דעם שניידערשן שולכל, וואָס איז גע־ווען רעכטס אין דער גרויסער קאַלטער (קוואַלדאַוונער) שול האָט געדאַוונט אַ גרויסער טייל פון די קצבים. זיי, די קצבים האָבן אים, ישראלן, ניט געקענט מוחל זיין פאַר דער בושה פון פאַרלאָזן זייער שולכל און אַוועקגיין אין קלויז אַריין צו ווערן דער מתפלל. אָבער ר׳ ישראל האָט געהאַט זיין טענה, און אַ גערעכטע, וואָס איז ניט געווען קון סוד, דהיינו? — די צוויי טעכטער... עס האָט געהייסן, אַז ער האָט געקריגן אַ רמז פון זצ״ל דעם זינקאָווער, וואָס האָט אים געהייסן ווערן אַ קלויזניק. אָבער דער פופציקער אַ יאָר האָט אים אויך קיין עשירות ניט געבראַכט. מי יודע וויפיל יאָרן ער האָט באַדאַרפט תפילה טאָן אין קלויז כדי אָנצוזאַמלען נדן פאַר די צוויי טעכטער, וואָס האָבן, אין דער שטיל, פון זיך אַליין זיך אויסגעלערנט נייען

ווייסע העמדער פאַר חתנים, כלה מיידלעך, אַפילו שטריקן „בעזרוקאַוו־טשעס״...

זייער פאָטער ישראל האָט געשטוינט: וואו האָבן זיי דאָס געירשנט? געוואָרן, ווי מען זאָגט, „רוקאָדיעלניטשקעס״? אַז סך הכל ווייס ער, אַז זיין פלוניתטע האָט קיין מאָל קיין צייט ניט געהאַט פאַר שטריקעריי, אַחוץ אַ מאָל אַ פּאָר זאָקן אָדער לייגן אַ לאַטקעלע אויף אַ העמד, אָדער אויף זיין קאַפּאָטע. שטענדיק האָט זי געקינדלט, געקאָכט און געבאַקן, געדעמפּט די אייטערס פאַר זיך און פאַר שכנים, וואָס האָט אָפט ממש פאַרשמעקט די גאַס. וואָרם וויסן דאַרף מען, אַז די סראָלעכע איז געווען אַ גוטע נשמה. זי האָט זיך געטיילט מיט איר כלומרשטער עשירות, מיט די לונג און לעבערס און גראַשיצעס... הגם זי האָט קיין סך נישט געקענט אַוועקגעבן, וואָרם איר געזינדל האָט אויך ניט געוואָלט הונגערן. דעריבער האָט ר׳ ישראל געטענהט צו זיינע זין, אַז זיי קענען אים אויך העלפן אין פרנסה, אַז די צייט איז שוין, ברוך השם, געקומען זיי זאָלן אים איבערנעמען די הענט; אַז מען קען טאַקע לערנען ביינאַכט אין קלויז און בייטאָג עוסק זיין אין דער יאַטקע...

זיי, די זין, האָבן זיך געוואונדערט וואָס דער פאָטער רעדט פּלוצים צו זיי אָט די מאָדנע רייד? צי ווייסט ער ניט, אַז זינט זיי זיינען געווען חדר־אינגלעך בראָדזשען זיי אין דער לאַנגער קאַמער ביי די לונג און לעבערס, ביים שינדן די פעל אין דער „בוינע״ (שעכטהויז). אמת, ער לאָזט זיי ניט אַלץ טאָן, אָבער זיי פילן זיך, אַז זיי זיינען שוין אַלט גענוג צו געבן דעם טאַטן אַ הילף. דער איינציקער וואָס האָט געוואָגט צו ענטפערן דעם טאַטן איז געווען זיין צווייטער זון, מאיר, וואָס האָט גאָר פיין געלערנט אַ בלאַט גמרא. ער האָט זיך געפילט געטראָפן און געקומען מיט אַ גערעכטער טענה: צי ווייסטו ניט, טאַטע, אַז איך פיר שוין די בהמות ביינאַכט אין דער „בוינע״ זינט איך בין בר־מצווה געוואָרן? וויפיל דאַרף עס נעמען, אַז אַ קינד פון אַ טאַטן, אַ קצב ווי דו ביסט, זאָל זיך קענען רעכענען מיט די אי־בעריקע קצבים? צי העלפן מיר ניט אַלע אין דיין פרנסה?

ערשט דעמאָלט האָט ישראל דערפילט, אַז ער האָט אַ ביסל פאַרגעסן, אַז די זין זיינע האָבן אים שוין אַריבערגעוואַקסן, אַז ער מוז זיך רעכענען מיט זיי... און זינט דאַן האָט ר׳ ישראל גערעדט צו די קינדער אַנדערע דיבורים. ער האָט זיי דערקלערט דעם אונטערשייד פון זיין סתם אַ קצב, אַ העקער פון טריפה פלייש ביז אַ פאַראַנטוואָרטלעכער קצב, וואָס רירט זיך ניט צו, צו עפּעס טריפהס...

די זין האָבן זיך אוודאי צוגעהערט צו זייער טאַטן ווי אַזוי מען דאַרף זיין זהיר והזהר ביים כשר־מאַכן אַ בהמה; וואָס טרפות מיינט באמת ביי אידן... קיין סך מער האָט ר׳ ישראל ניט געדאַרפט. הגם זיין זון חיים האָט אין דער שטיל ניט אין גאַנצן מסכים געווען מיטן פאָטער, און אין

דער שטיל, דווקא מקנא געווען די אַנדערע קצבים וואָס זיינען רייך. מען שעכט שאָף און קעלבלעך און אָקסן אויף טריפהנעם. עס אַרט זיי ניט וואָס דער בעל הטאַקסע בונטעוועט זיך, הלמאַי ער האָט ניט פון די סאָרט קצבים אַפילו אַ פּרוטה; אַז ווען ניט ישראל און שלמה קצב וואָלט ער מער ווי „ריש" קערבלעך ניט געגעבן פאַר דער אַרענדע פון דער טאַקסע; אַז וויסן זאָלן זיי, אַז די טאַקסע איז אַ שטאָט־ענין; אַז דאָס איינציקע ביסל ריווח קומט פון שעכטן עופות און גענדז... און דאָס איז ניט געווען די איינציקע טענה צווישן די קצבים אויפן אָפענעם מאַרק ביי די קלעצער.

חיים, זיין מיטלסטער זון, וואָס איז בטבע געווען אַ לייכט מענטשל, האָט ניט געקענט מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז ער וועט גיין אין טאַטנס דרכים. אַ דבר ידוע, אַז ר' ישראל האָט זיך אַביסל געשראָקן, וואָס חיים וויל ניט גיין אין שפּאַן, ווי זיין זון יאָקל. אָבער ער האָט געהאַט אַ טעות. אַלע זין האָבן אין פינצטערע נעכט געפירט די בהמות אין דער „בוינע", און געלאָזט דעם טאַטן זיך אָפּרוען. די „בוינע" איז געווען אַרויס פון דער שטאָט בערך אַ וויאָרסט. דאָרטן, באַרג־אַראָפּ, איז געשטאַנען אַ לאַנגע, שיר איינגעהויקערטע בודקע, אַ מין סטאַדאָלע, אַ ירושה פון אַ פּויערס אַ זון, טאָרדאָרקע, ער האָט צוגעגרייט שאָף און רינדער צו דער שחיטה. דאָרטן, ביי דער לאַנגער, נידעריקער כאַטע האָבן געגרונען דינינקע פאַרשיידענע ריטשקעלעך הייס־זודיק בלוט בשעת דער שחיטה. בלויז די וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט צו דער „בוינע" האָבן געהערט די קולות פון די אומשולדיקע בהמות פאַר דער שחיטה. אָבער קיינער האָט ניט געטראַכט, אַז דאָס וואַ־רעמע, זודיקע בלוט איז דאָס דם התמצית פון דור־דורותדיקער שחיטה, וואָס טראָגט עפּעס אַ חטא. מען האָט פאַרגעסן אין דעם הומאַניטאַרן גע־זעץ פון צער בעלי חיים. אַזוי איז עס געזאָגט געוואָרן מן השמים, און הכל שוחטין ושחיטתן כשרה חוץ מחרש שוטה וקטן. אויף דעם האָבן אַוועקגעקנעלט דור־דורות. מ'האָט מתיר געווען שחיטה, ווי עס וואָלט באמת געווען לשם שמים...

און אַזוי־אַ האָט אַזאַ איד ווי ר' ישראל עוסק געווען אין מיטן מאַרק ביים פאַרבלוטיקטן קלאָץ. אַמאָל, אין די זומער־טעג, ווען די היץ איז גע־ווען גרויס, די תמימהדיקע טעג האָבן גורם געווען, אַז די פליגן האָבן זיך שיעור נוקם געווען אין די קצבים, האָט ר' ישראל אויסגעטאָן זיין באַפליי־שיקטע קאַפּאָטע, דער טלית קטן האָט זיך ווי אַרויסגעריסן פון זיין פאַר־פּאַפּטער קאַמזויל, ער האָט זיך געבייזערט אויף די פליגן וואָס שעדיקן דאָס פרישע פלייש, און אין דער זעלבער צייט געזעגט מיט זיין שאַרפער זעג די מאַרך־ביינער. ער האָט זיך געמאַכט צו קליינגעלט פאַר די קויפערינס, פאַר די צנועהשע פרויען, וואָס האָבן אים מסתמא באַדויערט, וואָס ער מוז אָפּקומען אַ לעבן־לאַנג, ווינטער אין די גרויסע פרעסט, און זומער, אין די גרויסע היצן, אויפן אָפענעם מאַרק.

ניט איינמאָל האָט ר׳ ישראל געטענהט צום גרויסן פּאָטער אין הימל געררעכטע טענות. ער האָט געפרעגט פשוטע עטלעכע תמימותדיקע קשיות: למאי, רבונו של עולם, קומט אונדז קצבים אויס אָפּצוקומען אין אָפּריכטן גלות אויפן אָפּענעם מארק? פאַרוואָס זאָלן מיר, קצבים, ניט האָבן קיין קלייטלעך, ווי מענטשן, מיט ווענט און לאָדנס, עס זאָל ניט פאַלן קיין שפּרינקעלע אויף דיין שחיטה? פאַרוואָס איז אַ פּעלשטינער איד אַזוי טיף פאַרזונקען אין גלות?

אָבער דאָס האָט ער בלויז געררעדט אין זיך... געבעטן השי״ת, בשתיקה, ער זאָל אים ניט שטראָפן פאַר די רייד. גאָר אָפט פלעגט אים איי־נער פון די זין איבערנעמען די הענט, אים בעטן: טאַטע, גיי אַהיים פאַר אַ ווײַלע; געגעוג זיך „געפּריזעט״ אין דער היץ, וועסט סיי־ווי אַלץ אויספאַר־קויפן; לאָז מיך...

נאָך אַ ישוב הדעת האָט ער עפּעס דערפילט אַז זיין קינד מיינט גוט; אַז ניט אייביק וועט ער שטיין ביים קלאָץ. און פאַרוואָס טאַקע נישט? — „יאָ, מיין קינד. נעם מאיר, טו אָן ס׳פאַרטוך, איך וועל דערווייל פאַררויכערן. ישראל מעג אויך אַמאָל ווערן באַפרייט פון דעם מארק״... אין אַזאַ מאָמענט פלעגט זיך שוין יאָווען איינער אין מארק וואָס האָט דערזען ישראלן פאַר־רויכערן אַ סיגאַרעטל. ער פלעגט דאָס פּאַפּיראָסל גיך פאַרדרייען מיט אַ געשניטענעם טיטון און אַפילו אַ שמועס טאָן און דאַנקען השי״ת וואָס ער קען זיך דערלויבן באַפרייט צו ווערן פון קלאָץ. אָבער לאַנג האָט עס נישט אָנגעהאַלטן. אַ באַקאַנט ווייבעריש קול האָט אים אַ רוף געטאָן, פונקט אינ־מיטן אַ שמועס מיט אַ חבר. זייט־זשע מוחל, ר׳ ישראל, קומט אַהער צו דער שטעל. אייער מאיר איז שוין טאַקע אַ פאַלנער קצב, אָבער איר ווייסט שוין וואָס איך וויל. איך וויל אַ שטיקל ברוסט, גיט ער מיר ווייס־כ־וואָס... און ר׳ ישראל הייסט זיך מוחל זיין פון זיין מיטשמועסער און קומט זיין זון צו הילף. גיב צירלען וואָס זי וויל, זון מיינער; לערן זיך אויס וואָס מען דאַרף געבן צו אידן אויף שבת... און ר׳ ישראל ווערט ווידער אַריינגעצויגן אינעם מסחר. ניט מער, וואָס ער באַפעלט שוין זיין זון, אַז ער זאָל אָפּזעגן אַ שטיק ברוסט: נעם צוריק דאָס שטיק קני, גיב איר אַ שטיקל פון דעם שלונג; ס׳האָט אַלע טעמים, צירעלע... אַזוי כסדר האָט די האַק און זעג געזעגט און געטערכעוועט דאָס בשר כשר בין מנחה ומעריב. קינד און קייט האָט געוואוסט, אַז שפּעטער וועט מען שוין סיי־ווי ניט געפינען ר׳ ישראל ביים טאָפּטשאַן. זיינע זין האָבן דאַן גענומען אָפּקראַצן דעם קלאָץ, אויס־רייניקן די זעג און איינפּאַקן דאָס פאַרבליבענע פלייש אין ווייסן טוך. גרייט אַהיים צו נעמען אַלץ. ביי ישראלן האָט עס געהייסן אַז די קינדער וועלן שוין אַהיים נעמען די שיריים...

ווען ער פלעגט אַריין אין קלויז און זיך אַ וואַש טאָן די הענט ביים כיור און דערטאַפּט אַ טרוקענע זייט פון נאַסן האַנדטוך, האָט ער געדאַנקט

השי״ת וואָס איז ב״ה דאָ אַ מקום קדוש, וואו ער דאַווענט מוספים און לייענט די תורה הקדושה. ער פלעגט זיך דערפרייען, ווען עס פלעגט צוגיין צום עמוד אַ איד, אַ מנגן... אין קלויז האָט מען געדאַווענט חסידיש, הגם טייל פון זיי פלעגן גרילצן אין די אויערן. גאָר אָפט האָט עס געבראַכט צו מחלוקת... ישראל האָט זיי פאַרטיידיקט. — וואָס ווילט איר פון הערש מאירן? גאָט האָט אים ניט געבענטשט מיט נגינה, זאָל ער ניט צוגיין צום עמוד ווען ער האָט יאָרצייט?

אַזוי זיינען די יאָרן געלאָפן. זיין ברוינע, לאַנגע באָרד האָט אָנגעהויבן ווייזן ווייסע פּאַסן, געדיכטע. אגב, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ניט בלויז האָט ער צוויי טעכטער חתונה צו מאַכן, אַז אויך די זין זיינע האָבן זיך אַ יאָג געטאָן מיט די יאָרן. אַז אָט־אָ און צאַר ניקאָליי וועט זיי אַ רוף טאָן און אָט וועלן זיי זיך מוזן אָנטאָן אין סאָלדאַטסקע מונדירן. די גמרות אין וועלכע זיי לערנען וועלן פאַרמאַכט ווערן, ער ווייסט בכלל נישט אויב ס׳וועט בלייבן פון זיי איינער וואָס וועט ממלא מקומו זיין. וועגן וועמען זאָל ער גיכער זאָרגן? אַזוי רעדט ער אָפט צו זיין ווייב, די סראָלעכע, וואָס פילט געוויס דאָס אייגענע וואָס ער. ער קוקט אויף די טעכטער, זעט ווי זיי זיצן ביים טונקעלן קאַנעצל און נייען אָדער שניידן עפּעס צו. ער וויל זיי תופס זיין. ער ווייסט ניט אַליין ווי דאָס אָפּצושאַצן. זאָל ער זיך פרייען וואָס די טעכטער האָבן אַ „זאַניאַטיע״ (באַשעפטיקונג), מאַכן פאַר זיך עטלעכע קערבלעך, אָדער זאָל ער זיך שעמען? נאָך אָט־די רעיונות און שווערער הארעוואַניע הייסט ער זיך דערלאַנגען אַ גלעזל טיי. זיין ווייב דערהערט, אָבער מיט אַמאָל, גיבן זיך די טעכטער אַזש אַ צאַפּל און גיסן אָן אַ טשייניק וואַסער. איינע כאַפּט אַ קוק אויב די פּליטע איז הייס, אויב ניט, לויפט זיך באַלד אַרויס אויף דער פּאַדווירע און ברענגט אַריין עטלעכע שייטלעך האָלץ און וואַרפט זיי אונטער דער פּליטע פון דעם נידעריקן קאַך־אייוועלע. די מוטער זייערע ווייסט שוין, אַז מסתמא האָט דער טאַטע זייערער זיך געהייסן מאַכן טיי און זי האָט נישט דערהערט...

טייל נעכט איז ער גאָר נע ונד. ער לויפט קאַיאָר אין דאָרף אַריין זוכן עפּעס אַ בהמה, אַ קו, אַן אָקס. ער קען אָן סחורה נישט בלייבן. ער מוז האָבן כאָטש איין קו אין זאַפּאַס, טאָמער ווערט אים חס ושלום טריף איינע. און טרעפט זיך אָפט. אָט־די נסיונות מאַכן אים נאָך פאַר אַ גרעסערן אָרעמאַן.

קומט אָבער דער שבת — לעבט ער אויף. זיין ווייב גרייט ב״ה אָן פון כל טוב. עסן פאַר זיין גרויס געזינדל איז ב״ה דאָ לרוב. ער לעבט אויף, ווען ער טוט אַ גיי צום עמוד און טוט אַ זאָג — וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה. זיין קול דערהערט זיך. דאָס לייענען איז אים גרינג געווען. קיינער וועט ניט זאָגן, אַז ר׳ ישראל קען נישט קיין טראָפּ. ער מאַכט זעלטן אַ טעות. און אויב יאָ, איז ער דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. אָבער ביים מוסף קען ער זיך געבן אַ ריר. זיין „קדושה״ האָט דאָך אַ שם...

אַ פריילעכער גייט ער אַהיים פון קלויז אין זיין שוואַרצער ראַזעוואָלקע

וואָס העגגט אויף זיין אַקסל פראַנק און פריי. עס בלאָזט אָפּט אַ קיל ווינ־טעלע און צעפּלאָשעט די פּאָלעס פון זיין אויבערמאַנטל. אַוודאי גייט מען אַהיים בחברותא, מיט פריינד, מיט שכנים וואָס זיינען דיר ליב, וואָס פילן זיך שוין ווי באַיאָרנטע און קיינער פון זיי באַדט זיך ניט אין עשירות. מען רעדט זיך דורך. אַמאָל רופט מען זיך איינער דעם צווייטן אויף קידוש. אָבער ס׳איז בלויז לפנים. וואָרן יעדער האָט ב״ה זיין היים, די ווייב און קינדער וואַרטן ביז דער טאַטע וועט אַהיים קומען און זאָגן שלום עליכם, און קידוש מאַכן... אָבער לעצטנס שמועסט מען אַז בייזע ווינטע יאָגן זיך אָן. זיי רייסן ממש די שטרויענע דעכער פון די איינגעהויקערטע שטיבער. דאָס מיינט ברמז גאָר עפּעס אַנדערש... אָבער מען פאַרשטייט זיך. מען רייסט די קינדער אַוועק קיין אַמעריקע, ניט פאַר תענוג. טייל — קיין קאַנאַדע, טייל — קיין אַרגענטינע. ביי וועמען וועלן מיר, חס ושלום, בלייבן? פרעגט ישראל ביי זיין חבר מנחם... מען גיט זיך שטילע עצות. מען זיפצט. מילא די זין. יאָק די זין... אָבער די טעכטער? אויב יונגוואַרג ווערט נעלם, וואו וועט זיך נעמען חתנים?

מנחם ווינקט אָן ר׳ ישראל, אַז סיי־ווי מעג ער בעטן כאַטש אַ פּופּציקער אַ הוספה פון קלויז. געגוג! עד מתי וועסטו זיך רייסן דעם גאָרגל אין קלויז בחינם? זיי קריגן אַריין געלט פאַר נדרים. כדאי אַ שמועס צו טאָן מיט דער חברה... ר׳ ישראל איז נישט מסכים. — גיי שוין, גיי. ווי קען איך עס? אַז ערשט מיט אַ יאָר פיר צוריק האָב איך געליטן פאַר מיין אַוועקגייען פון שולכל אין קלויז אַריין. איצט־אַ וועט מען דאָך זאָגן, חלילה, אַז איך בין אַ רץ להעשיר, אַז איך מאַך אַ ווערקצייג פון דער תורה, אָדער מי יודע וואָס?

נו, ווערט שוין מנחם, זיין פריינד, ווייכער, אפשר האָסטו טאַקע רעכט, ישראל. מען טאָר ניט אויפרייסן די אויגן. גאָט וועט דיר מוזן העלפן. האָסט דאָך ב״ה לייטישע טעכטער. זיי מאַכן דאָך פונדעסטוועגן אַ קערבל אין דער זייט, פון „סוואַטשקעריי״. אַזוי טרייסט מען זיך, מען זאָגט זיך אַ גוטן שבת. אָבער פלוצים געשעט עפּעס ביי ר׳ ישראל איין אומגליק נאָך דעם אַנדערן, שיעור אַ קללה פון זיין ליבן נאָמען.

וואָס איז? — שוין די צווייטע שחיטה ווערט ביי אים טריף. ממש רו־אינירט צו ווערן. ער מוז אַוועקגעבן דאָס טרפות צו די טריפהנע קצבים פאַר האַלב געלט און מוז מאַכן אַ צווייטע שחיטה. מאין? פון וואַנען וועט ער אַצינד נעמען נייע געלטער צו קויפן בהמות? ער ווערט ממש בדלות. ער רעדט צום רב. ער פרעגט: זאָגט מיר, רבי, וואָס טוט מען, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן. ס׳איז ניט סתם אַבי אַ נסיון! דער אַלטער רב גיט אים צו פאַר־שטיין, אַז אידן לעבן שוין צוויי טויזנט יאָר מיט כל הנסיונות, און אַ דאַנק השי״ת זיי לעבן דאָס אַלץ איבער. וועסטו אויך, בעזרת השם, איבערלעבן. האָב בטחון...

אַזוי גייט ער אַהיים. ער וויל זיך נישט מיאש זיין. ער טראַכט אָבער,

אַז אַט דער נסיון האָט אים געפּטרט אַ פּופּציקער, די עטלעכע קערבלעך נדן וואָס דריקען זיך ביי אים אין קעשענע... ער פאַרטרויערט זיך פאַר זיין אידענע. מאַכט זי אים אַגב גרינגער דאָס האַרץ. זי האָט גאַר, ווייזט אויס, מער בטחון פאַר אים...

ליגט ער אויף זיין געלעגער און טראַכט: „רבש״ע, דו שטעלסט מיך צו דין? בין איך טאַקע אַ חוטא?" און נאָך און נאָך האַרבע קשיות שטעלט ער ביז אַ מידער שלאָפט ער איין. שטייט אויף קאַיאַר, דווקא אַן אויסגערו־טער. די זון רייסט זיך ממש דורך די שמאָלע פענצטערלעך. ער גיסט זיך אָפּ נעגל־וואַסער, זאָגט אין דער שטיל זיין „מודה אני" און כאַפּט אויף גיך טלית און תפילין. ווען ער קומט אָן אין קלויז, דאַוונט שוין אָפּ דער ערשטער מנין. ער גרייט זיך צום צווייטן. אָבער איידער ער לייגט אַרויף דעם טלית אויפן אַקסל צו מאַכן אַ ברכה, קומט צו אים צו ישעיה אברהם שדכן און דערציילט, אַז אי״ה, קומענדיקע וואָך קומט דער באַזעליער רבי קיין פעלשטין.

אַזוי גאָר? פרעגט ישראל מיט אַ בתמיה? אָבער ס׳איז טאַקע אמת. ער, ישראל, טראַכט שוין אַז אפשר פאַרט ווערט דער הייליקער באַזעליער רבי אים העלפן. הגם מען ווייסט, אַז דער באַזעליער איז אַ פּשוטער „גוטער איד", פאַרגלאַנצט ניט מיט די אויגן. רעדט דברים כהויתם ווי אַ איש תמים, אַז גאָט קען העלפן, אַז מען איז זוכה... אָבער ס׳איז אַ מחיה צו זיין אין זיין מסיבה. עס שמועסט זיך גאָר אַנדערש. עס טרינקט זיך גאָר אַנדערש ביי זיין טיש. דער „לחיים" איז דאָך אין לשער...

שמועסט מען טאַקע אין שטאָט, אַז דער באַזעליער האָט זיך געמיט פאַר ר׳ ישראלן. אַ פּשוטע געשיכטע. לויט מען האָט אַליין געהערט ווי ר׳ ישראל דערציילט, אַז בעת ער איז זיך אַריין פּראַווען צום רבין האָט ער אים געפונען זיצנדיק ביי אַן אָפענעם ספר, אַ פאַרגאַרטלטן, אין דער בלוי־זער יאַרמעלקע. זיין שטריימל איז געלעגן ביי דער זייט. שוין ביים שלום עליכם, שמועסט מען, האָט ישראל דערפילט, אַז מיטן רבינס זכות און בעזרת השם וועט קומען אויף אים אַ ישועה. ער הערט פון רבין פּשוטע דיבורים. דברים היוצאים מן הלב: זאָרג ניט, ישראל, גאָט קען העלפן; האָב נאָר בטחון און אמונה. האָסט דאָך ב״ה, זאָגסטו, פיינע טעכטער. גיי בשלום אַהיים. און מן הסתם וועט קומען דיין ישועה. איז טאַקע געשען אַ נס מן השמים... אַ ברכה פון זיין ליבן נאָמען...

עס איז פאַרפאַרן אַ גאַסט קיין פעלשטין, אַ ברודער צו איינעם אַ פעלשטינער איידעם, איינעם פון די באַקאַנטע גריידינגער, די אָקסמאַנס, וואָס האָט שוין געוואוינט אין בערלין אַ פּאָר יאָר. שיר אַן אמתער „דייטש". אַ יונג מיט ביינער. הויך און שטאַלטנע. אַ שוואַרץ־חנעוודיקער, מיט שוואַרצע וואָנצעלעך. ער איז טאַקע אַ קרוב צו יענקל יוסף אייזיקס, אויך קצבים. און הכלל, עס ווערט אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז דער גאַסט, בשם מענדל אָקסמאַן, האָט דערזען די עלטסטע טאָכטער פון ר׳ ישראל, אסתרן, און

כּהרף עין האָט ער זיך אין איר פֿאַרליבט און אין אַ פּאָר חדשים אַרום, באַלד נאָך די תּנאים, ווען מען חתונה האָבן, און ס'פּאָרל וועט באַלד נאָך די שבע ברכות זיך אָפּגעזעגענען מיט טאַטע־מאַמע און אַוועקקאָטייען צוריק קיין בערלין.

עס איז געווען טאַקע דער אמתער אמת. אַ ישועה פֿון זיין ליבן נאָמען, האָט די שטאָט געגאַפּט. אידישע טעכטער האָבן זיך געוואונטשן אַזאַ גליק, אַזאַ נס...

מסתמא וועט שוין גאָט העלפֿן ר' ישׂראלן מיט דער צווייטער טאָכטער, האָט מען אין דער שטיל געשמועסט, און זיך מתקנא געווען וואָס דער באַ־זעליער האָט זיך איבער ר' ישׂראלן געמיט פֿאַרן כביכול... אוודאי האָט ניט לאַנג געדויערט און די עלטערע שוועסטער האָט אַריבערגענומען די ברידער אירע קיין בערלין. איר מאַן האָט געאַרבעט ביי ציגאַרן און אין די פֿאַמיליע פֿון ר' ישׂראל פֿעלד האָט געמאַכט געשיכטע ממש, די איינציקע פֿעלשטינער משפּחה וואָס האָט זיך אַריבערגעכאַפּט קיין בערלין, קיין דייטש־לאַנד. עס האָט זיך געטאָן אויף און אויף בעגק. כּלה־מיידלעך האָבן זיך מתקנא געווען אין זייער חברטעס גליק וואָס האָט אַזאַ זכות. אין קליינינקייט — בערלין!!...

יאָ, עס האָט לאַנג נישט גענומען און ר' ישׂראלס קינדער האָבן זיך אין דער שטיל אַריבערגעפּעקלט קיין בערלין צו זייער שוועסטער. זייער פֿאָטער האָט דאָך ניט געקענט זיי צוריקהאַלטן. מען זאָגט דאָך אים, אַז ס'איז אַ ברכה פֿון זיין ליבן נאָמען...

דער פֿאָטשט־טרעגער האָט ווי אויסגעטעלעגראַפֿירט, אַז ישׂראל יאָסי נאָמנס הייסט באמת ישׂראל פֿעלד, וואָס די פֿאַמיליע מאַכט היסטאָריע, מיט גרויס בערלין...

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר יאָר. ר' ישׂראל מיט זיין ווייב האָבן געהאַט נחת פֿון די קינדער.

איך, דער מחבר, האָב זיך געגרייט צו פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל פֿעל־שטין. מיין חבר מעכל, דער איינגסטער פֿון די פֿעלדס, האָט שוין אויך גע־זאָלט פֿאָרן קיין בערלין. מיר האָבן זיך צעשיידט. ער — קיין בערלין, איך — קיין אַמעריקע.

לויט די יאָרן זיינען געלאָפֿן האָט זיך אָנגעיאָגט די ערשטע וועלט־מלחמה. אַ פּלאַם פֿייער מיט קייזער ווילהעלם, דורך אַ חטא פֿון סערביע. און אוודאי האָבן מיר אַלע איבערגעלעבט יענע מלחמה. די אידן זיינען ווי עס איז אַרויס בשן ועין אין דייטשלאַנד. פֿון ווייטן האָבן מיר געהערט, אַז די פֿאַמיליע פֿעלד האָט זיך, ווי מ'זאָגט, פֿיין איינגעאָרדענט. זיי האָבן זיך אַפֿילו אינטערעסירט און פֿינאַנציעל מיטגעהאָלפֿן זייער שטעטל נאָכן ערשטן פּאָגראָם, וואָס די פּעטלורעס און דעניקינס האָבן געמאַכט אין פֿעלשטין. אָבער ניט אייביק האָט עס אָנגעהאַלטן. ווידער אַמאָל האָבן זיך אַ יאָג גע־

טאָן בייזע ווינטן — אַ צווייטע וועלט־מלחמה, איבער דעם גרעסטן צורר היהודים, ימח שמו — היטלער. און דאָ קומט די טראַגעדיע. ער האָט ניט איבערגעקליבן צי פעלשטינער, קאַזמינער, טשאַרנאָ־אָסטרער אָדער סאָטאָ־נאָווער. הכל שוחטין... ער האָט ניט איבערגעקליבן. דווקא, ווייל די אָקס־מאַנס מיט די פעלדס זיינען געוואָרן עשירים, אויסטאָן זיי אין הוילן העמד, צונעמען ביי זיי דעם גוף מיט דער נשמה, זיי ברענען און בראָטן בחינם ובלא דבר. אַ גליק, וואָס זיי האָבן געהאָט פריינד און דורך ניסים האָט מען אייניקע אַרויסגעראַטעוועט פון די לאַגערן, פון די גאַז־אויוונס. דער פעל־שטינער פאַראיין האָט מיט כל הכוחות מיטגעהאָלפן אין זייער אַריבער־ברענגען אַהער, קיין אַמעריקע. אָבער געקומען זיינען זיי צעבראָכענע, פאַר־גליווערט. פון די דריי געראַטעוועטע זין איז איצט שוין געבליבן נאָר איינער. דער איינער איז מיין יוגנט־חבר, מעכל פעלד, וואָס קלאָגט נאָך אַלץ אויף זיין חורבן. ער זיצט און רעדט ווי צו זיך אַליין, וועגן זיינע ביטערע נסיונות...

— געוואָרן פון מיר און מיין גאַנצער פאַמיליע אַ תכלית! דער טאַטע אונדזערער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ ברכה, וואָס זיין געזינדל איז אַוועק קיין בערלין. מיר האָבן אויך אַזוי געדענקט. אָבער — דער סוף. יאָ, פון דער ברכה איז געוואָרן אַ קללה!...

# מאיר קלאַרעס און הערש יואַלס —
# לייבלעכע ברידער

מאיר קלאַרעס איז שוין געווען אין די זעכציקער יאָרן ווען איך האָב אים דערקענט. זיינע יונגע יאָרן זיינען פאַר מיר געווען פאַרהוילן פּונקט ווי פאַר אַ סך פּעלשטינער אידן פון מיין דור. אויף מאירן האָט מען קיין שאלות ניט געפרעגט. אָט דאָס איז מאיר קלאַרעס, דער שיינער, ווייס־הויטיקער איד מיט זיין ווייס־געשניטענער באָרד. אַ איד, אַ בעל־גוף, אַ געשטאַלט, וואָס מ'האָט זיך אין אים געקענט שפּיגלען. אַנדערע פּעלשטי־נער האָבן אים געשטעמפּלט אַלס אַ איד אַ זוויר, אַ גאָטס געשאַנק, און כאָטש ער איז געווען אַ בייכיקער, איז ער פונדעסטוועגן געווען אַ זשוואַוער, מיט אַ לייכטן גאַנג ווי אַ יונגערמאַן. יעדן געזאָגט „גוט מאָרגן" פולהאַרציק, אָבער ווייניק צייט געהאַט פאַר עמעצן זיך אָפּצושטעלן כאַפּן אַ שמועס, ווי דער שטייגער פון אַנדערע פּעלשטינער אידן, וואָס האָבן שטענדיק געזוכט אַ פריינד זיך אויסצורעדן ס'האַרץ...

שטאָט האָט געוואוסט, אַז מאיר קלאַרעס איז ווי אַ יוצא מן הכלל. ווי אַ ווינט טראָגט עס אים אַוועק אין די דערפער צו די פּריצים און די דערבייאיקע גלחים, מערסטנס פּראָטעסטאַנטישע. עס זאָל הייסן, אַז ער איז זייער בעל־יועץ, זייער שומר און לויפט ס'רוב אָפּנעמען זייער פּאָטשט, ווי אַ פאַרטרויאונגסווערטער מענטש. קויפט איין פאַר זיי די סאַמע נויטיקסטע הצטרכותן, און דערפאַר ווערט ר' מאיר באַלוינט, און דערפון האָט ר' מאיר אַ שיינע פּרנסה...

די שטאָט קרעמער האָבן שוין געוואוסט, אַז ר' מאירס „פּריקופּקע" מוז זיין פון ערשטקלאַסיקער סחורה. בלויז די געציילטע קלייטן האָבן גע־האַט די נויטיקע סחורות, וואָס די גלחים און די פּריצים האָבן געפאָדערט. און כדי אַלץ צו באַשטאַטן ווי עס געהער צו זיין, איז ער שטענדיק געווען אין געיעג...

מאירס שטוב איז געווען דווקא אין מיטן מאַרק, פּונקט וואו די קאַלעכ־ניקעס האָבן געדרודערט און געטומלט אין די יאַרידן. קיין סך מנוחה האָט מאיר ניט געהאַט דורך די קאַלעכניקעס, וואָס האָבן אים ממש פאַרשטעלט זיינע צוויי גרויסע פענצטער צו דער הויפּט־גאַס, אַנטקעגן שאָסיי. ער האָט דעריבער געמוזט פאַרהענגען די פענצטער מיט פאַרהענגלעך און זיך גע־עסקט אין קיך צו דער צווייטער זייט גאַס, וואו דער גערויש איז ניט גע־ווען אַזוי שטאַרק. לויט סברות האָט ער געמוזט שלום מאַכן מיטן געדאַנק,

אַז ער קען די אָרעמע קאַלעכניקעס פון זיינע פענצטער ניט אָוועקטרייבן... דאָס גליק איז געווען וואָס ער איז אָפּט געווען אַוועק פון זיין שטוב. די דער־פער האָבן אים געהאַלטן אין קלעם... ביז ער פלעגט זיך אַרויסרייסן צו־ריק אַהיים מיט אַ בריטשקע וואָס פלעגט אים ברענגען אין שטאָט אַריין מיטן קנאַק. אַמאָל מיטגעבראַכט מיט זיך דעם גלח אָדער דעם פּריצס אַדיוטאַנט.

די נוגעים בדבר פלעגן אַזש אויפגעהייטערט ווערן ווען זיי האָבן דער־זען ר׳ מאירן מיטן גלח אַראָפּשטייגן פון דער בריטשקע. מ׳האָט באַלד גערן אַראָפּגעכאַפּט די היטלען צו באַגריסן דעם געזאַלבסטנס אַ מענטש... מאיר מיט זיין גאַסט אין שטאָט זיינען באַלד אַוועק צו די פּינקטלעכע ערטער, אַן עמעצנס אַן אָפּשטעל. ניט שטענדיק איז אַזוי געווען. אַ דבר נוגע, אַז ביז אַ צייט, ווען זיין שיינע רחלע האָט געלעבט פלעגן זיינע געסט אויפגענומען ווערן אין זיין הויז. היינט, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, איז ר׳ מאיר איינינ־קער אַליין. זי, רחל, זיין ווייב, האָט ניט זוכה געווען אָפּצולעבן אירע יאָרן מיט איר שיינגייסט, ר׳ מאיר. ער איז געבליבן אַן אלמן נאָך אין די מיטל־יאָרן... דעריבער איז זיין שטוב האַלב פאַרמאַכט. אַחוץ וואָס זיין „פּאָד־ווירע” איז אָפן. יעדער קען אַרייַנגיין אַהין דורכן שמאָלן אוליטשקעלע. אָבער ער וועט בלויז באַגעגענען די ראַבע קאַץ, וואָס איז ר׳ מאירס שומר... עס פעלט ניט ביי ר׳ מאירן קיין עסן...

פון מיין סאַמע אַנהויב קענט איר, מיינע לייענער, זיך משער זיין, אַז ר׳ מאיר קלאָרעס איז ניט געווען סתם אַ איד ווי אַלע אידן. ער איז געווען אַ יוצא מן הכלל אין אַלע דרכים, פונקט דער היפּוך פון זיין עלטערן ברודער, ר׳ הערש יואלס.

הערש יואלס איז געווען קעגן זיין אינגערן ברודער מאיר, כרחוק מזרח ממערב. הגם אין די פיזאָנאָמיעס האָבן זיי אַרויסגערופן אַ סך חשיבות און פאַרערונג. די טשיקאַוועקייט איז געווען דאָס, וואָס ר׳ הערש יואלס איז געבליבן אַ לעבנלאַנג אַ גמרא מלמד. האָט געקנעלט יומם ולילה מיט צען תלמידים אין זיין נידעריקער ירושה־שטוב, העט ביים עק שטאָט, געדאַוונט אין צוויי פּאָר תפילין, געפאַסט תעניתים אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק און זיך ניט אַ ריר געטאָן אַן זיין שטריימל און ווייסע זאָקן ביז אַרויף צו די קני. אַן אמת שטריימלדיקער חסידישער איד, וואָס האָט, לויט סברות, מתפלל געווען פאַרן איינגערן ברודער מאיר, ניט צו פאַרזינדיקן זיין עולם הבא. הערש יואלס אויסזען האָט פאַר אייך אַנטפּלעקט אַ זעלטן שיין רבניש געשטאַלט. אַ הויכער, ווייסהויטיק פּנים מיט גראָבע ברילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַנטקעגן אייך. ווי אַ גלות איד וואָס ווייקט אין דער תורה הקדושה. אַן ערנסטער, אַן אויסגעדיייוועטער אָבער אַ הייליק געשטאַלט, וואָס האָט שוין זיין ירושה־שטוב אַוועקגעגעבן צו זיין בת־יחידה, און זי מיט אירע, אַן עין הרע, פינף קינדערלעך היט אָפּ איר אַלטן טאַטן, ער זאָל זיך קענען קבעלן מיט זיין חדר פאַר גאָט און פאַר לייט...

וועלן די צוויי פּאָרטרעטן מיט זייער פאַרשיידנדיקייט אָפּשפּיגלען באַ־וואונדערונג און יעדער וועט אוודאי פרעגן — היתכן? ווי איז מעגלעך אַזאַ געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן צוויי ברידער?

וועלן מיר זיך אומקערן קודם־כל צו ר׳ מאירן און אַרויסוויקלען זיין לעבן, אפשר וועט אַלץ קלאָר ווערן שפּעטער. דאָס הייסט, אויב מיר וועט עס געלינגען. מאיר קלאָרעס פלעגט דאַוונען אין דער זינקעווער קלויז, וואו דריי דורות רביים פלעגן אין פעלשטין פאַוונען טישן. נאָך בעת ר׳ חיימל מזינקאָוו זצ״ל האָט געלעבט, שפּעטער האָבן זיינע צוויי זין, יורשים, ר׳ משהלע מיט ר׳ פּנחסל איבערגענומען די חסידים. און די פעלשטינער קלויז האָט זיך געפירט לויטן שטייגער פון די זינקאָווער רביים... דאָס מיינט אָבער ניט, אַז פעלשטין האָט ניט געהאַט קיין מתנגדים. מאיר קלאָרעס איז געווען איינער פון זיי. ער האָט זיך גערעכנט ווי אַ וועלטלעכער איד. אַ גראַמאַטנע וואָס לייענט אַלערליי גאַזעטן און האָט אַ גרויס שייכות צו דער השכלה עפּאָכע. מאיר, שמועסט מען, האָט ניט געוואָלט בלייבן קיין באַנק־קוועטשער. ער האָט פאַרלאָזן דאָס לערנען אַ סך פריער ווי זיין ברודער הערש און גענומען גאָר אַן אַנדער לימוד. אַ לימוד וואָס זאָל אַריינפירן אין דער גרויסער וועלט. און זייענדיק אַ שיין געשטאַלט האָט עס אים אַוועקגעפירט צו דער פּאָזיציע, וואָס אויבנאויף קען זיך עמעצן אויסדוכטן, אַז ער איז אַ לייכטער איד, אַז ער פאַרבויגט ניט בלויז אַ „קדושה", נאָר עפּעס מער...

ווייל איך פון סאַמע אָנהויב זאָגן, אַז אַט דער מאָדנער איד, ר׳ מאיר, פלעגט גאַנץ קאַיאָר לויפן אין קלויז אַריין דאַוונען מיטן צווייטן מנין. זיין היפּש ברייטער און לאַנגער טלית און סאַמעטענע יאַרמעלקע האָט אָפּגע־שפּיגלט אַ ביבליש געשטאַלט. הגם זיין ווייסע באָרד האָט געוויזן סימנים פון אַ שער... אָבער ווען ס׳איז געקומען אַמאָל צו אַ שמועס האָט ער אָפן געזאָגט, אַז ער האָט ניט ליב קיין כניאַק... הגם דער זאָג איז געווען מיט אַ שמייכל, געקניפּט און געבונדן מיט זיינע פעלשטינער אידן וואָס האָבן אים שטענדיק אָפּגעגעבן כבוד. ער פלעגט עולה תורה זיין גאָר אָפט, ניט ווילנ־דיק. אַוודאי האָט די קלויז צו אים נישט דערלייגט.

דאָס אייגענע איז געווען מיט זיינע שכנים. ער האָט ביי יעדן נושא חן געווען. און ס׳רוב פלעגן די שכנים זיך ביי אים בעטן ער זאָל זיי לאָזן עפּעס פאַר אים אָפּקאָכן. בעיקר האָט ציפּע טויבע מאַלעס אויסגעכאַפּט די מצוות... זי איז געווען אַ בעקערין און ביי איר האָט שטענדיק געגליט דער אויוון און פאַר מאירן איז אַט די שכנה געווען ווי אַן אוצר. אפילו איר מאַן, יהושע הערש, האָט געהיט מאירס טעפּלעך יעדן פרייטיק... און טאַקע דעריבער האָט ר׳ מאיר געהיט, אַז די שטאָט זאָל ניט ליידן פון די שונאי ישראל.

לויט סברות, האָט ער באַוויזן די גלחים, אַז אידן זיינען יראים

ושלימים; אַז זיי ווערן גערודפט פון אומזיסטיקע שונאים; אַז ס'איז ועל כולם, דאָ איך גאָט אויף דער וועלט.

און ווען מאיר פלעגט זיך באַגעגענען מיט זיין פרומען ברודער, ר' הערש, ביי די יאָרצייטן אין הוסיאַטינער קלייזל צו זאָגן קדיש נאָך טאַטע־מאַמע, האָבן זיי זיך נישט געקענט צעטיילן מיטן יחוס, אים, מאירן, רופט די שטאָט מאיר קלאָרעס, און אים, דעם ברודער — הירש יואלס. מאיר דער מאַמעס, און הערש דעם טאַטנס... מאיר האָט זיין ברודער הערשן דווקא ליב געהאַט, אים אָפט געוואָלט העלפן. — עד מתי וועסטו קנעלן מיט די תלמידים? ביסט דאָך אחר שבעים; דיינע אויגן זיינען דיר טונקל; האָסט ב"ה קיין עין הרע אַ היפש ביסל אייניקלעך פון דיין געראָטענער טאָכטער, לערן מיט זיי, לערן אַליין ווען דו ווילסט. אָבער הערש האָט ניט פאַרנומען זיינע רייד. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער האַלט אים סיי־ווי־סיי פאַר אַ בטלן, און ער רעדט בלויז לפנים. אָבער ביים יאָרצייט האָט זייער קדיש אָפגעקלונגען ווי אמתע שני אחים, וואָס כיבוד אָב ואם איז ביי זיי אַ מעלה. מאיר פלעגט ברענגען אַ שטאָפּיקל ניינציקער מיט קיכלעך, וואָס די מאיר שמואלעכע פלעגט אָפּבאַקן פאַר די יאָרצייטן, און מען האָט זיך געוואונטשן, אַז די נשמה זאָל האָבן אַן עליה. זיי האָבן נאָכן דאַווענען צונויפגעלייגט די טליתים און מאיר האָט פאַמעלעך אַהיימגעפירט זיין עלטערן ברודער, הערשן, אויפן באַרג, וואו זייער וויגל איז געשטאַנען. ער האָט אים געהאַלטן ביי דער האַנט ווי אַ קינד וואָס איז געגליכן צו אַ זקנה... און מ'האָט זיך געזעגנט. אָבער צו מנחה ומעריב איז שוין ר' מאיר געווען אין קלויז ביי זיין עמוד וואו ער פלעגט דאַווענען די צוויי מאָל אַ יאָר. זיין קול איז געווען הויך און ברייט, ווייט פון נגינה... אָשר שמש האָט צו אים ניט דערלייגט...

פאַר מיר, דעם בעל דבר, איז ר' מאיר געווען אַ סתירה. אָבער ער האָט געהאַט אַ שייכות אין מיין דערציאונג, ווי אַ שפּיגל אין מיין שפּעטערן לעבן. ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, די קאַלעכניקעס. און איך גלויב, אַז מיינע לייענער האָבן אַ ידיעה, אַז מיין פאָטער איז געווען אַ קאַלעכניק. און גאָר אָפט פלעגט ר' מאיר מיך אַ כאַפּ טאָן ווען איך בין אַרויס אין מאַרק אַ באַפרייטער פון חדר און מיך בעטן פאַר אים גיין אַ גאַנג. דהיינו? איך זאָל אים אָפּטראָגן די העמדער צו דער פּראַטשקע.

וויסן מעגן מיר, אַז ר' מאיר קלאָרעס איז געווען אַן אָפּגעהיטער איד און זיינע מלבושים האָבן ממש געדאַרפט שפּיגלען. ובפרט זיינע העמדער. ער פלעגט ליב האָבן אַז זיינע העמדער זאָלן זיין געקראָכמאַליעט און שטייף געפּרעסט. אַפילו זיינע מאַנזשעטן מיט די זעלטענע שיינע „זאַפּאָנקעס" האָבן געשפּיגלט. מעגלעך אַז זיין פּראָפעסיע האָט עס געפאָדערט. גראָד איז די פּרעסערין געווען מיינע אַ טאַנטע. זי האָט זיך דערנערט פון איר פּראַשעטשנע. נאָך דעם ווי מיין אָנקל איז אַוועק קיין אַמעריקע, אין דער צייט

פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, און אַהין צו מיין טאַנטע, האָב איך די פּעקלעך געטראָגן.

ניט איך, ניט זי האָבן דערלייגט צו מאיר קלאָרעס. איך האָב געפילט, אַז איך טו אַ מצווה אין צווייען. גאָר אַפּט, ווען איך האָב געבראַכט די שפּיגלדיקע העמדער און דערזען ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ אויף ר׳ מאירס ווייסהויטיקן אויסגעקעכלטן קערפּער, האָב איך אים שטאַרק מקנא גע־ווען. און איך קען באַשטימט זאָגן, אַז ער איז געווען אַ יחיד במינו הן מיט זיין געשטאַלט הן מיט זיין גייסט.

כדאי צו דערציילן דאָס טשיקאַווע מעשהלע, וואָס איז באַקאַנט צו פּעל־שטינער, ווי אַזוי מאיר האָט געקוקט אויף דער יוגנט. ער, מאיר, איז אַ מאָל אַראָפּגעקומען צו זיין ברודער הערשן און דערזען ווי ער, דער ברודער, איז אַ באַצערטער, אַמפּערט זיך מיט אַ תלמיד למאי ער איז ניט געווען אין חדר נעכטן. מ׳האָט אים, דעם רבין הייסט עס, איבערגעגעבן, אַז דער תלמיד חיים רויטבאַרג עסקט זיך מיט טויבן. פּשוט גערעדט, ער האָט טויבן אויף זיין בוידעם און בשתיקה האָדעוועט ער זיי. על כן, פעלט ער אויס אין חדר. לכן, קרעכצט נעבעך ר׳ הערש, וואָס ער האָט ניט קיין כוח זיך אָפּצורעכענען מיט זיין שלעכטן תלמיד און אים גוט מקיים פּסק זיין אידער עס ווערט צו שפּעט. און דאָ קומט זיין ברודער מאיר און טענהט גאָר דיבורים־שטותים:

לאָז אָפּ דאָס אינגל. ער האָט דאָך אַ טאַטן. ער איז דאָך מרדכי יאָסע־לעס אַן אייניקל. דאָס אינגל האָט ליב טויבן. וואָס פאַר אַ חטא איז ער באַ־גאַנגען? האָט ער, חס ושלום, עפּעס געגנבעט? זאָלן טאַטע־מאַמע אים משפּטן; אַז פאַר זיי איז גוט, דאַרף דיר זיין ניחא. טויבן דאַרפן אויך האָבן אַ היים; אַ מענטשן, וואָס זאָל זיי שפּייזן און לאָזן אַוועקפליען. הלוואי קען איך האַלטן ביי מיר טויבן; דו פאַרגעסט גאָר, אַז נח האָט אָן דער טויב זיך ניט אַ ריר געטאָן. לאָז אָפּ ס׳אינגל! מיט דיין געזונט. ער וועט ניט זיין אַזאַ באַנק־קוועטשער ווי דו...

און ווי אַ נביא איז ר׳ מאיר געווען. אָט דער בחור חיים איז אויסגעוואַקסן אַ געזונטער, שיינער יונג און געטריבן זיינע טויבן דורך אַ פענצ־טערל פון זייער בוידעםביים טייך. דער איינציקער בחור אין שטאָט וואָס האָט ליב געהאַט טויבן. און פאַר אונדז קינדער איז עס געווען אַ גרויסע פרייד. מי יודע, אויב מאיר קלאָרעס זאָל ניט געווען געבן זיין ברודער הערש די קליינע דרשה, אַז טויבן דאַרפן אויך לעבן, און די טויב האָט זיך איר מיסיע אין גאַטס וועלטל, מי יודע צי חיים רויטבאַרג וואָלט געווען גע־קענט האָבן דעם געניוס אין זיין אַ יחיד במינו אין פעלשטין...

אָבער ניט דאָס מעשהלע איז דאָס איינציקע וועגן מאירן. איך בין בעיקר אויסן אַרויסצוברענגען די שטילע זייט פון דעם סאָרט אידן, וואָס ניט אַלע ווייסן. מאיר האָט אויך געגעבן צדקה בסתר. ער האָט גראָד ליב געהאַט מיין פאָטער. זיי זיינען געווען ווי חברים. הגם מיין פאָטער איז גע־

ווען אַ סך אַ אינגערער פֿאַר אים, האָט אָבער מאיר געוואוסט, אַז מרדכי יוזיפס איז אַ קלוגער איד; אַז ער טראָגט געקרייזלטע פּיאות און איז דער בעל קורא אין בית מדרש, איז ער אָבער געבויגט צו הערן און זאָגן אַ װעלטלעך װאָרט. איך זאָך האָט מיין פֿאָטער אים ניט געקענט פֿאַרענטפֿערן. מאיר האָט אים געפרעגט, פֿאַרוואָס ער איז אַזאַ פּעאיקער קאַלעכניק און אַ גוטער פֿאַרקויפֿער און דאָך אַן אָרעמאַן?

— איך קען דיר, מאיר, אויף דעם ניט ענטפֿערן — האָט דער פֿאָטער מיינער שלאָפֿנדיק אָפּגעענטפֿערט. — ס׳איז אַ השגחת הבורא. מסתם וויל ער אַזוי...

— זייט מיר מוחל, מרדכי, איך האָב ניט געמיינט אַזוי ערנסט! דו האָלטסט מיט אַוודאי ניט פֿאַר אַזאַ שוטה, אַז איך זאָל ניט וויסן וואָס השגחת הבורא מיינט?... וואָס איך בין, בין איך, אָבער געלערנט אין אַ חדר האָב איך.

מאיר האָט איך געצוואונגען אים צו גלויבן, ווען ער איז געווען ערנסט. — בלויז מיט זיין וואָרט. און זאָל עס ניט זיין לגנאי, ווען איך וועל דערציילן אַ קליין עפּיזאָדל צווישן מאיר און מיין פֿאָטער. ניט יעדער האָט עס גע־וואוסט אין פּעלשטין. אָבער מיר קינדער האָבן עס יאָ געוואוסט.

ויהי היום, איז מאיר אַרויס אין אַ פֿאַרנאַכט אין מאַרק און האָט דער־זען ווי אונדזער פֿאָטער נעמט פֿאַר זיך דאָס קעסטל קאַלך־מעל מיט די עט־לעכע געוויכטן אַהיימצוטראָגן.

— וואָס טוסטו, מרדכי? — האָט אים מאיר אַ פֿרעג געטאָן, — ווילסט זיך, חס ושלום, אונטעררייסן? נעם ס׳קעסטל און שטעל עס אַוועק ביי מיר, אונטן, הינטערן „פּידזשאַק״ און וועסט פֿאַרשפּאָרן צו טאַסקען אַזאַ משא יעדע נאַכט אַהיים.

אַוודאי האָט עס מיין פֿאָטער אָנגענומען ווי פֿון אַן אמתן פֿריינד: און זינט דאַן האָבן מיר, קינדער, אויפֿגעלעבט. מיר פֿלעגן זיך דאָרטן, ביי ר׳ מאירס „פֿאַדווירע״ צעשפּרייטן, ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן. סיי־ווי איז ר׳ מאיר ניט געווען אָפֿט אין דער היים. זיין ראַבע קאַץ האָט אונדז אַזש גע־וואָלט דורס זיין, אָבער זי האָט זיך פּאַמעלעך צוגעוואוינט. און ווי מענטשן זיינען, איז איינגעפֿאַלן דעם טאַטן אַ געדאַנק, אַז ער וויל ניט אומזיסט; אַז ער וועט אים געבן צען קערבלעך אַ יאָר, און ער וויל דאָרטן אוועק־שטעלן אַ פֿאַס קאַלך, און...

בקיצור, וואָס האָט מאיר געקענט טאָן. ס׳איז דאָך פֿאָרט מרדכי... זיינען אַזוי אַריבער אַ פּאָר יאָר און די מאַמע איז קראַנק געוואָרן, און אויס. ניטאָ מער די מאַמע אונדזערע; ניטאָ פֿון וואַנען צו צאָלן ר׳ מאירן. אָבער דער טומל און דער רעש און דאָס קאַלך־מעל האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין מאירס הויז. און אין אַלע ווינקעלעך, וואו ער האָט זיך געגעבן אַ ריר האָט ער אָנגעהויבן צו ניסן. גאָר אָפֿט, ווען ער פֿלעגט מיך געבן אַ רוף צו גיין

פאַר אים ערגעץ אַ גאַנג, האָב איך אים אָנגעשטעקט מיטן ניסן, אַז ער האָט שיר ניט געפּלאַצט, און פאַרשאַלטן די שעה וואָס ער האָט אונדז „פּאַזוואַ־ליעט״ צו ווערן זיין קאַמאַרניק, פאַר אַ מ׳שטיינס געזאָגט, צען קאַרבוינעס אַ יאָר...

אָבער ער האָט דאָס אָנגענומען באהבה. ער האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע האָט ניט צו צאָלן און אַוודאי באַדויערט אונדזער טראַגעדיע, וואָס מיר זיינען געבליבן יתומים אָן אַ מאַמע. איך בין זיכער, אַז עס זיינען אַוועק היפּשע עטלעכע יאָר און דער טאַטע האָט אונדזערער האָט געפילט, אַז ער ווערט אַ גרויסער בעל־חוב. אַז ניין, ניט מער. ער וועט אַרויסנעמען ס׳פּאַס פון מאירן. די קינדער זיינען ב״ה שוין גרעסער, זאָלן זיי טראָגן אַהיים אַלץ יעדן פאַרנאַכט. ער וועט ניט בלייבן קיין אָנזעצער! איז כדאי אָנצומערקן, אַז מיין פאָטער האָט געהאַלטן וואָרט. און מאיר האָט דעם טאַטן ניט גע־וואָלט מוחל זיין פאַר אַזאַ שריט...

— דו ביסט מיר גאָרניט שולדיק, מרדכי — האָט מאיר געטענהט; איך האָב דיר אַליין פאַרגעלייגט צו האַלטן אַ ביסל קאַלך ביי מיר; דו קענסט עס האַלטן כל זמן איך לעב, מרדכי!

אָבער אונדזער פאָטער האָט געזאָגט — ניין און ניין. ער וועט ניט בלייבן קיין בעל־חוב...

אין אַזעלכע פּלאָנטערס פלעגט אָפט ר׳ מאיר זיך אַריינקנוילן. ער פלעגט אָפט אַפילו גוזר זיין אויף איינעם ער זאָל נעמען ביי אים אַ גמילות חסד. מי יודע וועמען מאיר פלעגט בסתר ס׳רוב העלפן. אָבער למען האמת מוז מען זאָגן, אַז ניט יעדער האָט געהאַט אַ צוטריט צו מאירן... עפּעס אַ מחיצה איז פאָרט געווען צווישן אים און אייניקע אידן... שטילערהייט האָבן זיי געטראַכט, אַז איר קוקט אויף זיי אַראָפּ. טייל האָבן געדענקט פאַרקערט.

און אַזוי זיינען די יאָרן געלאָפן. ער איז געוואָרן ווייסער און ווייסער. שוין געהאַט צוויי פּאָר ברילן. זיך געחברט מיטן פאָטשטאַליאָן, מיטן אַק־ציזניק און מיטן אַפּטייקער. עס זאָל הייסן, אַז מאיר איז געווען אַ מוסטער פון אַ מאָדערנעם אידן. און ממילא האָבן די אומות העולם געהאַט דרך ארץ פאַר פעלשטינער אידן. אגב, האָט עס יעדן געוואונדערט וואָס מאיר איז אַלץ אַליין. היתכן? אַ מענטש זאָל ביחידות אָפּלעבן אַ העלפט פון זיינע יאָרן אַליין? קיינער האָט אָבער ניט געוואָגט צו זאָגן אָפן עפּעס אויף זיין חשבון.

די איינציקע שטוב, וואו מאיר פלעגט ס׳רוב אַריינקומען איז געווען ביי פייגע שואלס, אַן אלמנה, מיט שיינע טעכטער און אַ בן־יחיד, מענדל, וואָס האָט געלערנט אין אָדעס, געמאַכט קלאַסן, אַ סטודענט... פייגע איז געווען אַ טאָכטער פון אַ פיינער משפחה. און ווען זי איז געבליבן אַן אלמנה האָט זי זיך דערנערט פון עטלעכע פלעשלעך ביר, וואָס זי פלעגט

בשתיקה סערווירן אין שטוב צו עטלעכע רייכע אידן, מיט אַ צובייס. די שטוב בכלל האָט זיך געפירט אַריסטאָקראַטיש. פייגעס משפחה זיינען געווען די קאַפּלאַנס. זייער פאָטער איז געווען אַ חובב ציון און איז אַוועקגעפאָרן שטאַרבן אין ארץ ישראל. איבערגעלאָזט צוויי ירושה־שטיבער צו די זין און טעכטער, און פייגעס איז געווען אין מאַרק, לעבן טראַקטיר. ביי איר אין הויז איז געווען אַ כבוד צו זיין אַן אַריינגייער. דאָרטן האָט מאיר פאַרבראַכט אין די שבתים. ביי אַ גלעזל משקה האָט מען געשמועסט וועלטלעכעס. דורך מאירן האָט דער אַקציזניק צוגעמאַכט אַן אויג, ניט דער פּריסטאַוו, ניט דער אוראַדניק האָבן זיך ווייסנדיק געמאַכט. מאירס קול האָט זיך דאָרט געהערט ווייט און ברייט. אירע קינדער האָט ער שטאַרק געגליכן. אַליין קינדערלאָז, האָט עס אים אַוודאי געצויגן צו אַזאַ שטוב. אָבער ער איז געווען אַ סך עלטער פאַר פייגען. ביידע האַנאָרירטע מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן כבוד. און מי יודע, אפשר זיינען פאַרט געווען מאָמענטן, וואָס ביידע האָבן זיך אויסגערעדט די הערצער... און מיט זיפצן זיך אין דער שטיל געזעגנט, געזאָגט זיך — אַ גוטע נאַכט? מי יודע?

סיי ווי בין איך זיכער, אַז אַזעלכע מאיר קלאָרעס וועלן שוין מער ניט זיין. זיי וועלן פאַרן אידישן פאָלק בלייבן ווי אַן אייביקער סימבאָל פון טיף־ערלעכע מענטשן, וואָס טאָרן ניט פאַרגעסן ווערן. און איך דאַנק דער השגחה וואָס איך האָב נאָך אַ ביסל כוח צו פאַראייביקן אַזעלכע צוויי זעל־טענע אידן ווי די צוויי ברידער, מאיר קלאָרעס און הערש יואלס. הגם, זיי בלייבן פאַר מיר אַן אייביקע סתירה... כבוד זייער אָנדענק.

# מיין פעטער וואָלף דער מצבה־שלעגער אין פעלשטין

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן אַז קינד און קייט האָט געקענט מיין פעטער וואָלף, באַקאַנט אין פעלשטין אַלס איינער פון די גבורים אידן, וואָס האָבן זיך פאַר קיין שונא ישראל ניט געשראָקן. אַ איד אַ קאַלעכ־ניק וואָס האָט געהאַט אַ שמאָל קלייטל אין מאַרק און פלעגט זיך צעשפּרייטן מיט זיינע טעפּ און שיסלען און לעפלען, העט ביז מ׳האָט געמעגט... אין די זומער־חדשים האָט ער געהאַנדלט מיט האָניק. ער פלעגט האָבן ס׳בעסטע פערד און וועגעלע פאַר דעם מסחר. די בינען האָבן אים ניט געשטאָכן. ווי זיי וואָלטן געוואוסט, אַז ר׳ וואָלף איז זייער באַלעבאָס. אַנשי יודעים פלעגן זאָגן, אַז ער איז שוין אַזוי געוואוינט צו די בינען, אַז זיי דערשרעקן זיך ממש פאַר אים...

צו די צוויי פּרנסות האָט ער געהאַט זיין יערלעכע אַרבעט — שלאָגן מצבות. זיין שטוב איז געווען הינטערן מאַרק, אויף דער פערד „טאַרגאַ־וויצע״, מיט אַ ברייטן טויער וואָס האָט אָנגעוואונקען, אַז דאָרטן ביי ר׳ וואָלפן פאָרן אַריין בלויז סוחרים, און דאָס איבעריקע אָרט בלייבט פאַר די מצבות, וואו ער פלעגט אויסשלאָגן אָדער אויסקריצן די זעלטענע מנורות, אָדער לייבן, ווי זיי וואָלטן באמת געלעבט און אָפּגעהיט די מתים פון מכשולים...

זיין אויסזען שוין מיט אַ ווייסער ברייטער באָרד, אַ לויטער ווייס פּול־בלוטיק פּנים מיט אַ ברייטער נאָז באַוואַקסן העט אַרויף, וואָס האָט זיך ממש אָנגעשלאָסן אין די ברייטע געדיכטע ווייסע ברעמען. ער האָט נאָך פאַרמאָגט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, מיט ברייטע פּיאות, וועלכע ער פלעגט אין באָד אויספאַרען און זיי באַפרייען פון צו זיין געקרייזלט. געהאַט כיטרע אויגן, וואָס האָבן אים אַגב געטרערט בעת ער פלעגט רודעווען אין מאַרק ביים טאָפּטשאַן צוגרייטנדיק די מולטערס קאַלך פאַר די קונים. ער פלעגט זיי ס׳רוב אָפּווישן מיט זיין רויטער פאַטשיילע וואָס אונדזער טאַנטע באַסיע פלעגט אים פאַרזאָרגן.

די טאַנטע באַסיע, זיין צווייט ווייב, האָט אויך געהאַט אַ שניט־קלייטל פאַר זיך אין מאַרק, ניט ווייט פון איר מאַנס קאַלך־קלייט. ביידע האָבן זעלבסטשטענדיק געטאַראַראַמעוועט אויפן פעלשטינער מאַרק, מיט די זין און טעכטער. ראשית זיין געלערנטער זון בנציון שטיינשלעגער, דער בן יקיר זיינער, און שנית די קינדער פון דער מומע באַסיע. דריי זינדלעך וואָס

האָבן גאָר פרי פאַרזוכט דעם טעם פון די פעלשטינער יאַרידן, ביי די געשטעלן, וואו דער קאַלכמאַרק האָט געשמט מיט געטומל און רעש אינמיטן מאַרק אויפן הויפט־שאָסיי. ווער עס פלעגט פאַרבייגיין די געשטעלן פון די קאַלכניקעס פלעגט זיך צעניסן אַזוי הויך, אַז ער האָט פאַרזאָגט אַ צענטן ניט צוצוקומען צו די קאַלכניקעס בעת זיי מאַכן די הכנות אויסצופוצן אין ווייסן קאַלך־מעל די שטיינערדיקע צוגעברענטע סחורות.

דעם פעטער וואָלפס טאַפטשאַן איז געשטאַנען לינקס צו אונדזער פאָ־טערס געשטעל. ביידע האָבן געמעליקט דעם קאַלך. ביידע זיינען געווען ספּעציאַליסטן פון פאַך, מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס וואָלף איז שטענדיק געווען לעבעדיק און פריילעך, מיט אַ פולן בייטל אין קעשענע, און מיין פאָטער פונקט פאַרקערט: אַן אביון, אין פאַרגלייך מיטן פעטער וואָלף, וואָס האָט אָבער ליב געהאַט אַ געשמאַקן ביסן, בפרט קעלבערנס. מיין מומע באַסיע האָט געקענט די קונסט פון אָפּבראָטן אַזאַ בריסטל פאַרן פעטער וואָלפס געשמאַק און זיינע קינדער.

ער, ר׳ וואָלף, ווי יעדער פלעגט אים רופן, איז שוין געווען אין די טיפע זעכציקער ווען ער האָט נאָך געהאַט קליינע קינדער. אָבער ער איז געווען אַ פייערדיקער איד. זיין גבורה איז באַשטאַנען אין זיין קול. אַ מויל אויף שרויפן. אַ שפּראַך, לויטער און פאַרביק. סיי כאָכליש, סיי פויליש, סיי אידיש און רוסיש. ער פלעגט ממש דעם קונה היפּנאָטיזירן מיט זיין רוח אַפּים, מיט זיין אויסקוק אין זיין ווייסן פאַרקאַלכטן כאַלאַט, און ווייסער באָרד מיט ברייטע פיאות און זיין דרייפינגערדיקער האַנט... עד־היום איז מיר ניט קלאָר, ווי אַזוי ער האָט פאַרלוירן זיינע צוויי פינגער אין דער רעכטער האַנט... אָבער די דרייפינגערדיקע האַנט איז געווען, דוכט מיר, שטאַרקער ווי די גוטע האַנט. און ווייַ איז געווען צו דעם, וואָס איז אַריינגע־פאַלן אין זיינע הענט בשעת אַ מחלוקה. ער פלעגט געבן אַ הוק צו אַ פויער, בקול רם אים אַ זאָג געטאָן — „דו חזיר איינער; דו ווייסט צו וועמען דו רעדסט? דו רעדסט צו וואָלפן! אָט מיט דער דרייפינגערדיקער האַנט מעסט איך דיר אויס אויפן אָרט ווי אַ סנאָפּ!” און ער האָט עס געמיינט און געקענט טאָן.

ווי יעדעס קינד פלעג איך אים באַוואונדערן און ניט געקענט פאַרשטיין וואו עס נעמט זיך צו אים אַזאַ אייזערנע גבורה. אַז בסך־הכל איז ער געווען אַ ביסל העכער פון מיטעלן וואוקס. זיין הויט ווייס ווי מילך. שוין געקנייטשט, זיינע פיס שוין פלאַך, און דאָך וויגט זיך אונטער אים די ערד ווען ער גיט אַ שפּאַן. די ברייטע פּלייצעס האָבן אים אַפּנים שטאַרק געדינט אין דער יוגנט, און ער איז פאַרבליבן מיטן זעלבן פייערדיקן שטעל ווי אַמאָל. אַגב מוז איך דערמאָנען זיין זון אליה וואָלפס. גראָד ער האָט שוין דעם טאַטן איבערגעוואַקסן. אַ ריזיק געשטאַלט. אָבער ניט געהאַט דעם פאָטערס שכל און סוחרישן שטעל צו מאַכן אַן איינדרוק סיי אויף אידן, סיי ניט אידן.

די מתנה האָט אליה וואָלפס דער ריז ניט געהאַט. בײדע זין, סײ אליה, סײ בנציון דער בית־המדרש־בחור און שאַרפער קאָפּ, האָבן ניט געהאַט דעם פעטער, ר׳ וואָלפס ענערגיע און גבורה. ער איז געווען אַ איד, אַ בר דעת, וואָס האָט יעדן געדוצט און ליב געהאַט אַ שטיקעלע שמחה, סײ בײ זיך אין דער היים, סײ בײם רבֿ, צו וועלכן ער פלעגט אָפט קומען אַ געשטרײמלטער וואָס איז מיר עד־היום קשה. זײן געדיכט קאַטיקאַ־ווער שטרײמל איז שוין געווען אַ ביסל אָפּגעריבן. אָבער ער האָט עס געבאַרשט און געהיט ביז אַ צײט. קײן נײעם שטרײמל האָט ער מער ניט געקויפט... אַ טשיקאַווע שטיק היסטאָריע וואָס איך וועל אַרויסברענגען שפּעטער. דער וואונדער וואָס ער איז קײן למדן ניט געווען און אויך ניט פאַנאַטיש, ווי אַזוי עס איז געקומען צו אים אַ שטרײמל בעת אַ סך אידן חסידים, לומדים, האָבן קײן שטרײמלעך ניט געטראָגן, בלײבט פאַר אונדז אַ סוד. זײן נאָמען וואָלף האָט טאַקע אים געפּאַסט. ווי ער וואָלט אַנגע־וואונקען: איך הײס טאַקע וואָלף און קען אײך טאַקע אויפעסן...

ער האָט געהאַט בלויז אײן טאָכטער, בשם זיסל, און די צווײ זין פון דער ערשטער פרוי און די דרײ זין וואָס מײן מומע באָסיע האָט אים געבוירן זײנען געווען זײנע אונטערשפּאַרער אין אַ מחלוקה אויף אַ יאַריד, אָדער אַנדערשוואו... זײן בן יקיר, בנציון, וואָס האָט געשמט אין בית מדרש ווי אַ מתמיד, און געלערנט געשמאַק אַ בלאַט גמרא און לײענט שוין אויס־לענדישע גאַזעטן און מאַכט „טשיסטאָפּיסאַניע״, האָט זיך שטילערהײט גע־שעמט מיטן טאַטנס גבורה. בסוד סודות האָבן מיר קינדער געוואוסט אַז עס בויט זיך אַ מחיצה צווישן דעם געלערנטן זון און זײן ברויזנדיקן פאָטער, וואָס האָט אים אַגבֿ אויסגעלערנט די קונסט פון מצבה שלעגערײ.

עס פלעגט מיך אַהין ציען צו זען ווי בנציון זיצט אויף אַ נידעריק בענקעלע מיט די גראָבע ברילן און געלן פאַרטוך און האַקט מיט דעם האַמער און דלאָטע די לײדיקע אותיות, וואָס ווערן אויסגעקריצט אַזוי קײנסטלעך פון דער פרײער האַנט. ער פלעגט בלויז אויסקריצן דעם פּאַס, די גלײכע ליניע, וואו די אותיות פלעגן ווי אַרײנגעוואַקסן ווערן ממש ווי די עשרת הדברות. דער האַמער און די דלאָטע האָבן זיך פון בנציונס הענט ניט געקענט אַרויסגליטשן, וואָרם בנציון איז אויך ניט געווען קײן „שיפּע זיבעלע״. אַ הויכער ווײס־פּנימדיקער יונג וואָס האָט ניט געדאַרפט פאַסטן קײן תעניתים. מײן מומע באָסיע האָט אים געקעכלט ווי ער וואָלט געווען איר אוצר, הגם ער האָט אפשר געדענקט אַז אים קומט עס, ער הײסט דאָך עפּעס בנציון...

ס׳איז שווער צו זאָגן למאַי ער און אליה, צווײ ברידער פון אײן טאַטע־מאַמע, האָבן זיך אַזוי ווײט אונטערשײדט. אליה דער ריז איז געפאָרן האַנד־לען אין די דערפער, אַ האַרעפּאַשניק. פון לערנען איז בײ אים קײן פראַגע ניט געווען. ער האָט דערצויגן הויכע מוידן מיט פלינקע זינדלעך וואָס האָבן

זיך געשטופּט צו פערד און וועגעלע. בעת בנציון איז געווען דער ויידענער יונגערמאַן, וואָס האָט שיר דעם פאָטער אומגעבראַכט בעת מ׳האָט אים געגומען פאַר אַ סאָלדאַט, צו „באַזנאַטשען״ אין „צאַרסקי פּאָלק״...

איך האָב אין מיינער אַ דערציילונג געשילדערט ווי אונדזער פעטער וואָלף איז געוואָרן נע ונד. איבערגעלאָזט זיינע געשעפטן אין דער היים אויף הפקר און איז אַוועק קיין קיעוו אַהיימברענגען זיין בן יקיר וועמען מען וויל ממש אומברענגען אין דינסט. וואָרם בייזע ווינטן האָבן געגומען בלאָזן. אַ געקלאַנג, אַז די רוסיש־יאַפּאַנעזישע מלחמה צעשפּרייט זיך. יאָ, ער האָט מיט זיין עקשנות און כוח הדיבור דערגרייכט אַזוי ווייט צו באַווייזן, אַז ער קאָן אָן זיין בן יקיר ניט לעבן... די איינציקע וואָפן אים אַרויסצונעמען פון דינסט איז געווען זיינע אויגן. בנציון האָט געטראָגן ברילן און מען האָט געדאַרפט אַ גוט אויגן־דאָקטאָר, אַז ער זאָל אים פסלען... גראָד האָט בנציון געוואָלט דינען. די טעמים זיינען פאַרשטענדלעך: ער האָט געהאַט אַ פלינקע פען אין האַנט און אַ שיין געשטאַלט. ער וואָלט מן הסתם געוואָרן אַ „שריי־בער״ אין אַ קאַנצעלאַריע. און ס׳האָט אים סיי־ווי געצויגן זיך אַרויסצורייסן פון דעם פּעלשטינער בית מדרש. אָבער וואָלפן, זיין פאָטער, דעם פשטן איז ניט אָנגעשטאַנען, אַז זיינער אַ זון, אַ למדן, זאָל דינען פּאָניען. און לסוף האָט ער נאָך אַיין יאָר דינען פאַרט אים אַרויסגענומען פון גויאישע הענט... לויט סברות האָט דער פעטער וואָלף געפילט, אַז בנציון איז זיין עולם הבא מיט זיין עולם הזה... אַ דבר ידוע אַז ער פלעגט אויך פאַר די אַנדערע קינדער צאָלן גרויסע שכר לימוד. זיי געטריבן פון זיין פערד און וועגעלע אין די זומער־חדשים, בעת ער פלעגט האַנדלען מיט האָניק. „איך דאַרף אייך נישט ביים פערד, גייט בעסער אין די חדרים, לערנט תורה ווי אייער ברודער בנציון״. אָבער אַזאַ זכיה האָט ער ניט געהאַט. זיי האָבן געירשנט זיין גבורה, זיין פייער, אָבער ניט מער. עס האָט זיי געצויגן אין דער פרייער וועלט אַריין. דעריבער האָט ער זיין איינציקן אוצר, בנציון, געהיט. ער פלעגט פאַרן פאָטער לערנען עטלעכע פרקים משניות אין די יאָרצייטן פון זיין טאַטן, דעם פשטן... ער, דער פאָטער האָט געזאָגט די קדשים. ס׳איז געווען אַ נאָ־טירלעכע זאַך, אַז וואָלף אליהס האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם געדולד צו ווערן אַ באַנק־קוועטשער. אים האָט מען גאָר יונג איינגעשפּאַנט אין מסחר. זיין נייגונג איז פון קינדהייט אָן געווען צו שטיין אויף דער וואַך קעגן שונאי ישראל, און איז פאַרוויגט און פאַרמשפּט געוואָרן צו זיין וואָלף אליהס שטיינ־שלעגער. אָן אמתער נאָמען אין זיין פּראַפּעסיע. מיר קינדער פלעגן זיך מתקנא זיין אין דעם הייליקן נאָמען. מצבות שלאָגן האָט דאָך אַ פונק פון קדושה... און פונקט ווי איך פלעג שעהנווייז שטיין און צוקוקן ווי מיין געשוועסטערקינד בנציון זיצט און קריצט די מצבות, אַזוי פלעג איך שטיין בעת דער פעטער וואָלף קריצט די לייבן העט אויבן, אַזוי קינסטלעריש. דורך זיין האַמער און דלאָטע זיינען אַרויס די לייבן ווי ער אַליין וואָלט

באמת געווען זייער באַשעפער. ער פלעגט אונדז אַהיים טרייבן, גיין אין חדר. ס׳רוב געביסן זיין ווייסע באָרד ווען ער האָט זיך אָפּגערוט און אויסגעווישט זיינע ווייסע גראָבע ברילן ספּעציעל פאַר דער אַרבעט. און ווען מיר האָבן ניט געוואָלט אַהיים גיין, האָט ער זיך צעשריגן אַז מיר לויפן נאָך דעם היצעל און גיין אין חדר איז אונדזער הויפּט־ציל. ביז ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין אָנגעפּילט בייטעלע מיט מינץ און אונדז דערלאַנגט צו קאָפּיקעס, אַז מיר זאָלן זיך עפּעס קויפן און אַנטלויפן צוריק אין חדר אַריין...

ווען איך בין עלטער געוואָרן און שוין געהאָלפן אונדזער טאַטן אין מאַרק, איז ער, דער פעטער וואָלף, אַלץ געווען דער שפּיגל פון די קאָלכ־ניקעס, וואָס האָט ניט טאָלערירט קיין עוולות. ער האָט פיינט געהאַט פּליאַט־קעס. אַן אמת וואָרט איז ביי אים געווען הימל הויך. און דעריבער פלעגט ער זיך טוליען צו מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַ שוואָגער און אַ פריינד, הגם ניט שטענדיק האָט ער מסכים געווען מיט זיין דרך הטבע. טשיקאַווע איז געווען וואָס מיין פאָטער האָט ביי אים קיינמאָל ניט געוואָלט לייען אַ גמילות חסד. דאָס האָט דעם פעטער וואָלף שטענדיק געבראַכט אין כעס:

— עס שטייט דיך ניט אָן אַז איך זאָל דיר אַנטלייען עטלעכע קערבלעך, האַ? אַ מיוחס, ביי דיין שוואָגער, ווען איך זיין אַן אָרעמאַן! — האָט ער צום טאַטן געטענהט. עס שטייט דיר ניט אָן צו האָבן אַ פערד און וועגעלע און פאָרן אין דאָרף אַריין, ווי איך טו; ווילסט זיך בלייבן דער זיידענער יונגערמאַנטשיק, פונקט ווי דיין שוועסטער וואָס ליגט מיר שוין אין גרגרת מיט איר איידלקייט... כאָטש שטעל זיך פאַר איר „פאָד קאָזיעראָק״!

ס׳איז ניט געווען קיין סוד. זי, די מומע באַסיע, איז געווען די אייניציקע וועמען ער האָט אָפּגעגעבן כבוד. ער האָט געפילט אַז זי איז אים געטריי און שטענדיק מוחל געווען פאַר פאַרלאַנגען פון אים רואיקייט, ניט זיין קיין מושל על כל דרכים. זי האָט געוואוסט אַז ער האָט זעלטענע מעלות און געזונטן שכל, אָבער אַן אומרו... און פונדעסטוועגן האָט ער אָפּגעהיט איר טעכטערל עטל פונעם ערשטן מאַן ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זי חתונה געמאַכט, און שפּעטער חתונה געמאַכט בנציונען מיט אַן אַריסטאָקראַטישער כלה אין פּראָסקוראָוו, אַ גימנאַזיסטקע מיט אַ היפּשן נדן. דער מחותן איז געווען אַ סוחר, אַן אַריסטאָקראַט און דער פעטער וואָלף האָט גערעדט פּשוטע דיבורים: „איר נעמט ביי מיר צו מיין אוצר, מיין לעבן. ווען וועל איך אים זען. וואָס טויג מיר דער גרויסער נדן! איך בין דאָך אַ פּראָסטער איד, לערנען קען איך ניט, קיין אַריסטאָקראַט בין איך אַוודאי ניט.״ עס האָט זיך אים געלאָזט אַ טרער. ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז זיין זון ווערט אויך אַן „אַריסטאָקראַט״ און וועט זיך אַוודאי שעמען מיטן טאַטן. אָבער די צייט גייט. און מען קען ניט גיין קעגן דער השגחה, פלעגט אים מיין פאָטער זאָגן. — איר האָט דאָך אַנדערע קינדער.

— יאָ, איך האָב, — פלעגט ער אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ... אַ רמז,

אַז ער האָט ניט וואָס צו דערוואַרטן. ער איז בלויז וואָלף אין זיין דור. אין זיין בית מדרש און ביי זיין טאָפּטשאַן, ביי זיין פערד און וועגעלע...

זיין „שטאָט" אין בית מדרש איז ניט געווען ווייט פון אונדזערער. זיין אַריינגיין אין בית מדרש מיט די צוויי ברייטע קאַפּאָטעס, די אויבערשטע אַ זיידענע בעקעשע, וואָס האָט זיך געפלאָשעט ביים אַריינגאַנג. אַ פּאַטרי־אַרכיש געשטאַלט, און דאָך ניט ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַזעלכע אידן לומדים.

איז געקומען צו נצחונות אין בית מדרש. אַ מעשה מיט אַ רב, מיט אַ שוחט אָדער מיט אַן עליה, וואָס מ'האָט איינעם פאַרזען, האָט זיך באַלד דערהערט דעם פעטער וואָלפס משפּט, אַז „אַזוי הייס איך!" ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן אומגערעכטן און זיך שטעלן אַנטקעגן אים איז שוין געווען צו געוואַגט... עס וואָלט געווען כדאי אַרויסצוברענגען זיין האַנדלונג בעת דער מחלוקה מיט די צוויי רבנים אין פעלשטין; די ראָלע וואָס וואָלף אליהס האָט געשפּילט מיט זיינע נצחונות. אָבער עס וואָלט מיך פאַרפירט צו ווייט. איך בין דאָך בלויז אויסן מאָלן אַ שטיק פּאָרטרעט פון אַזאַ אויסער־געוויינלעכן טיפּ ווי וואָלף אליהס. ער איז געווען איינער פון די לוים, איז געווען דער ראש פון דער חברה קדישא, אָן אים האָט מען זיך צו דער טהרה ניט צוגערירט. ער האָט געהיט די אַנדערע חברה, אַז זייערע נעגל זאָלן זיין ריין, אַלץ זאָל צוגיין כדת וכדין, געהיט, אַז די חברה נושאים זאָלן זיין אין צייט, אַ קליינקייט — אַ מת מצווה ביי אונדזער פעטער וואָלף.

און מערקווירדיק, איך האָב געהאַט די זכיה צו פאָרן מיט אים אויף יאַרידן אין די גרויסע פּרעסט. איך בין דאָך געווען אַ אינגל, און קיין ווינטערדיקע ריכטיקע מלבושים ניט געהאַט. זיינען מיר שיר פאַרפרוירן געוואָרן. ער האָט גראַד געטראָגן וואָלענע פוסטען און אַ גוטן שמוישענעם טולופּ. ער האָט דערזען ווי איך, אַ אינגל פון צוועלף יאָר ווער ממש פאַר־פרוירן, האָט ער אַראָפּגעכאַפּט פון זיך דעם באַשליק און זיין וואַטאָווע לייבל. און די פויערים האָבן דאָס צוגעקוקט. — נאַ, בערעלע, טו אָן, זיי ניט קיין עקשן!

און ווען מ'האָט קוים זיך דערשלעפּט צו אַ קרעטשמע און מ'האָט דאָס ערשטע געבעטן ביים קרעטשמער צו געבן אַ פלעשל, אַ „שטאָפּיקל", בין איך, דאָס צוועלף־יאָריק אינגל אויך געווען דער, וואָס האָט געטרונקען לחיים מיטן פעטער און די איבעריקע קאַלעכניקעס. נישקשה, נישקשה, ס'וועט אים גאָרניט שאַדן דאָס ביסל בראַנפן; אויב ער קען שוין פאָרן אויף יאַרידן, מעג ער שוין מאַכן אַ לחיים מיט די גרויסע...

איך קען יענעם ווינטער עד היום ניט פאַרגעסן. און מיין פעטער וואָלף בלייבט פאַר מיר אַ שטיק סתירה עד היום... ער איז געשטאָרבן אַ זקן, אין די אַכציקער, ווי מען האָט געזאָגט — פון אַ פאַרקילונג. אָבער מיר, קינדער, האָבן געדענקט אַז ער וועט אייביק לעבן. זיין זון בנציון איז טאַקע

געוועז דער שיינער איד, דער למדן און וועלטלעכער מענטש. די פרוי זיינע האָבן די באָלשעוויקעס דערהרגעט איבער אַ קליינעם חטא, וואָס זי האָט געבראַכט פון אַדעס אַ ביסל עסנוואַרג. שפּעטער איז בנציון אויך אומגעקומען. געבליבן פון אַלע פינף זין איז נאָר איינער — מענדל, וואָס הייסט — סטאָון, שטיין הייסט עס.

שטיינשלעגער איז געוועז צו לאַנג פאַר אַמעריקע. מענדל איז געבליבן בלויז מיטן יחוס, אַז זיין פאָטער איז געוועז וואָלף אליהס, דער גיבור, דער בר דעת, דער דעה זאָגער. און ער איינער אַליין, זיינע מענדעלעס קינדער, האָבן קיין שום באַגריף וועגן זייער זיידע וואָלף אליהס איז געוועז, וואָס ער האָט געמיינט פאַר פּעלשטין און פאַרן כלל ישראל.

וואָלף אליהס דער מצבה שלעגער איז מער ניטאָ. אַזעלכע אידן וועלן שוין מער ניט זיין.

# געקניפּט און געבונדן...

דער אָנהייב פון פּרימאָרגן־טומל האָט זיך אין שטאָט פון גאַנץ קאַיאָר אַריינגעריסן אין די בתי מדרשים מיט אַ פּראַל. יהודה בער שמש האָט ווי שטענדיק מיט אַ שטורם אָנגעהויבן וואַרפן די שייטלעך האָלץ אין דער הרובע, זאָל מען ניט זאָגן, אַז אין בית המדרש איז אַ קרירה...
ער האָט אָבער געהאַט שטענדיקע טענות צו שמעיה דודן פאַרוואָס ער האָט ניט אָפּגעהיט דאָס פייער און אַ גאַנצע נאַכט „געפּאָפּן". שמעיה דוד האָט געהאַט אַ מין חזקה צו נאַכטלעגער אין בית המדרש אין די ווינטער חדשים צו מאַכן ס'פייער אין דער הרובע. ס'איז ניט געווען קיין סוד, אַז ער האָט זיך אין די ווינטער נעכט ממש געקוויקט מיט די „סיפּקע" קאַרטאָפּלעס וואָס ער האָט געבראָטן אונטערן גרויסן פלאַקער פייער. ער האָט די קאַרטאָפּלעס ניט געדאַרפט שיילן. זיי האָבן זיך אַליין געעפנט, ווען ער האָט זיי אַ קוועטש געטאָן. זיי זיינען געווען סיפּקע און זיך צעשאָטן אין זיינע הענט, וואָס האָבן אים ממש אָפּגעשרפט די הויט...

שמעיה דוד האָט זיך אָבער ווייניק געשראָקן, וואָס יהודה בער שרייט אויף אים. מען מוז וויסן, אַז שמעיה דוד איז שוין געווען אַ מענטש אין די פערציקער. ניט קיין באַווייבטער, האָט ער זיך אַליין מפרנס געווען פון זיין וואַסער פירן. און די זייטיקע עטלעכע קערבלעך וואָס ער האָט געקראָגן פון בית מדרש פאַר העלפן דעם שמש.

אין דער שטיל פלעגט מען טראַכטן, אַז אַלע לעכער פאַרשטעקט מען מיט שמעיה דודן, ווייל ער איז נעבעך געשטראָפט, וואָס ער איז דעכיטשלעווע, ער פלעגט זיך גאָר אָפט פאַרהוסטן און געמוזט האָבן גוטע, פרייַשע לופט און אַ סך וואַרעמקייט. — אין די יונגע יאָרן האָט מען אים געוואָלט פאַרשלייערן, אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט, — מען דאַרף דאָך קענען געבן אַ ווייב ברויט, — האָט ער געטענהט. אין סך הכל איז ער געווען מאַסיוו געבויט. אַ מיטלמעסיקע פיגור, אָבער ברייט־פלייצעדיק און רויט בלוטיק, רונדיק פּנים מיט אָנגעלאָפענע אויגן. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז זיינע אויגן זיינען געווען גרוי און וואַסערדיק. ווען ער פלעגט זיך פאַרהוסטן זיינען זיי אַזש געוואָרן ביסטרע, ווי זיי וואָלטן זיך דערשראָקן פאַרן צער וואָס דער הוסט גיט זיי. — די ליפּן זיינען האָבן ממש געפינעט בשעת ער האָט זיך געראַנגלט מיטן הוסט. אָבער זיין רויטע פּאַטשיילע איז אים בייגעשטאַנען, און נאָכן אַרומוואַשן זיך איז ער ווידער געוואָרן דער בעל יחוס, וואָס האָט יעדן געוואָרנט, אַז מען זאָל זיך מיט אים ניט אָנהויבן; אַז

ער הייסט שמעיה דוד, וואָס קען אויך דערלאַנגען... מיר יונגוואַרג האָבן דאָס געפילט, און געוואוסט...

איין זאַך איז מיר עד היום קשה: למאי איך האָב אים קיינמאָל ניט געזען לייגן תפילין, אָדער דאַוונען אין אַ סידור ווי אַ סך אידן. אַ חוץ וואָס ער פלעגט זיך שטענדיק גיך אַ הייב טאָן צו אַ קדושה. אַ סברא, אַז מסתמא האָט ער געדאַוונט מיטן ערשטן מנין. יונגוואַרג האָט זיך געשראָקן אים צו פרעגן, ווייל אויב מ׳האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט עפּעס אַ וואָרט וואָס אים איז עס ניט געפעלן, איז חיות ניט געווען זיכער. ס׳האָט ניט געהאָלפן קיין טאַטע מאַמע, קיין גבאי, אַפילו ניט זיין אייגענער פאָטער, וואָס האָט גערודעוועט אַלס שמש אין דער קאַלטער, זעלטן אַרכיטעקטורישער פעל־שטינער שול. — דאָרט האָט זיין פאָטער איצי געוועלטיקט, און גערופן די אידן אין די קאַלטע נעכט צו עבודת הבורא. זיינע צוויי פרנסות: ראשית, די שוסטעריי און שנית — שמשות.

מען מוז וויסן, אַז די זעלטענע שול האָט געהאַט אַ סך שולעכלעך, ווייבערשע און מענערשע, וואו מ׳האָט גראַד געהאַט הייזעלעך אין די ווינטער חדשים. מ׳האָט זיי געמוזט באַהייצן אַפילו אין די שבתים, כדי אַ סך מתפללים פון דער גרויסער שול זאָלן זיך קענען אַריינכאַפּן אַהין אָנוואַרעמען. איצי שמש, וואָס האָט אַגב געהאַט צווייערליי ווייבער און קינדער פון ביידע, האָט ניט זוכה געווען, אַז די זין און טעכטער זאָלן אים ווען העלפן אין זיינע צוויי פרנסות. פאַרקערט, זיי האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דער וועלט זוכן גליקן. ס׳איז זיי ניט אָנגעשטאַנען צו ווערן שוסטער „יונגען״ און אָפּפינצטערן אין אָרעמקייט ווי זייער טאַטע, אין דער היים ביים נידעריקן ווערקשטאָטל, און אין שול — יום ולילה... און ווייל ס׳איז געווען אַ שטיפמאַמע האָבן די בחורים פרי פאַרלאָזן די שטאָט. און ווי מיר וויסן, קיין „אוספּעכן״ האָבן זיי ניט געמאַכט. זיי פלעגן אָפּט אַריינפאַלן אַהיים צום טאַטן, ווי געסט כלומרשט מיט גרויסשטאָטישן געשטעל, אָבער קיין געלעכטער האָט זיך אויף זייערע פּנימער ניט באַוויזן, אַחוץ תקיפות, מיטן וואָרט — „ניע סמעי״! איך הייס — יקותיאל! — די אינגערע קינדער פון דער צווייטער ווייב האָבן זיך גע־גרויסט, וואָס מען וועט זיי ניט זאַטשעפּען, אויב יאָ — איז דאָ יקותיאל, שמעיה דוד און מאיר, וואָס איז אגב שוין געווען פון דער צווייטער ווייבס אַ שטיפ־קינד. אַ לאַנגער בחור מיט אַ ווייס־הויטיק פּנים, וואָס איז געווען ס׳וואונדער פון טאַטן איצין. ער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגינען אַזאַ מתנה פון השי״ת — ווי קומען צו מיר אַזעלכע חברה? אַ ויתרוצצו הבנים. פון איין זייט קינדער טונקל הויטיקע, נידעריק געוואַקסן ווי דער טאַטע, און פון דער צווייטער זייט, גאָר אַן אַנדער שניט. סיי די זין, סיי די טעכטערלעך, הויכע און דאַרע בראָנדיקעס.

— וואָס איז דאָס ביי מיר פאַר אַ ויתרוצצו הבנים? — פלעגט ר׳ איצי זיך וואונדערן און ציען מיט דער פּלייצע, ווי מיט ביטול, ווי דער כביכול

האָט זיך מיט אים עפּעס אַ שפּיל געטאָן און אים געוויזן אין שפּיגל צוויי איציס. אָבער ביידע איציס האָבן קיין מזל ניט געהאַט. ער האָט די קינדער דערצויגן אין אָרעמקייט. זיין צווייטע ווייב, אַ ווייסהויטיקע, אַ שטילע בנעימותדיקע. מיר וועלן איר רופן — צביה. זי האָט שטענדיק געהאָרעוועט די קינדערלעך צו האַדעווען; האָט געבאַקן די ראָזעווע בולקעס, געוואָרעמט די שטענדיקע ציקאָריע מיטן לעפל מילך וואָס זי האָט געטערכעוועט, אַז אַלע קינדער זאָלן ניט הונגערן. איר איינציק גליק איז געווען, וואָס דורכן יאָר זיינען געווען עטלעכע חתונות און בריתן, און איצי האָט דעמאָלט אויפֿגעלעבט. די בעלי־בתים האָבן אין אים ניט פֿאַרגעסן. אַפילו די שוחטים וואָס זיינען געווען זיינע שכנים, בלויז אַ שפּאַן פֿון דער שול האָבן אים מהנה געווען גאָר אָפט מיט אַ מילצל, מיט אַ גראַשיצע, פֿאַר האַלב געלט. איצי איז געווען ביי זיי אַ בטוח. און אויב דער חוב האָט זיך פֿאַרהאַלטן, איז אויך ניט געווען קיין מגיעה. מ׳האָט אָפּגעווישט דעם חוב ישן און געגעבן קרעדיט אויפֿסניי, עד לכשירחיב, ביז ס׳וועט זיך ביי ר׳ איצין פֿאַרבעסערן. וואָרם געוואוסט האָט מען אַז זיין שוסטעריי האָט ער שוין לאַנג אויפֿגעגעבן, די שול האָט אים געהאַלטן ווי אין קלעם, ווי ער וואָלט דאָרט געבוירן געוואָרן.

אַגב איז ער געווען שטענדיק אַן אָפּגעהיטער, שטענדיק געקעמט די באָרד און זיך געטובלט אין דער קאַלטער מקוה אינאיינעם מיט חיים מענדל קוטשער קאַפּטאָנטשיק, אַ שניידערל מיט אַ פֿאַרריסענער, קיילעכדיקער נאָז. בערך אין די זעכציקער יאָרן. אַ תהילים אידעלע, וואָס איז געווען אַ זעל־טענער שוויטקע פֿאַרשווינדל. האָט געקענט אַריינכאַפּן אַ מנחה ומעריב ביים עמוד ווען מ׳האָט געדאַרפֿט, אין אַ שעת הדחק.

דאָס זיינען געווען צוויי חברים. אין פֿריידן, און חס ושלום — אין ליידן. און ביי טבילה שמועסט מען ניט. וואָרם חיים מענדל האָט געקענט באַווייזן, אַז ווי קליין ער איז און ווי איצי איז ממש אַן „אָסאַבע" קעגן אים, קען ער פֿריער אַריין אין דער קאַלטער מקוה, פֿאַר איצין. עס האָט ניט געהאָלפֿן איציס טענות אַז ער האָט מורא פֿאַר אַ פֿאַרקילונג, אַז ער האָט ברוך־השם אַ כאָפּטע קינדערלעך און ער מוז זיי מפרנס זיין . . . דו, חיים מענדל, ביסט אַלץ אַ „כאָלאָסטאָי", ס׳הייסט, אין פֿאַרגלייך מיט מיר, — האָט איציק באַטאָנט . . .

מ׳האָט אַגב געוואוסט, אַז חיים מענדל איז חס ושלום ניט קיין „בעז־דיעטניק". אָבער מיט איצין, מיט זיין פּריה ורביה האָט זיך חיים מענדל ניט געקענט פֿאַרגלייכן. און אַזוי־אַ איז געווען זייער חיות זיך צו טובלען קאַיאָר, ווי אמתע פֿרומע אידן. זיי האָבן זיך פֿאַרשטאַנען אויפֿן וואונק. געווען אַ סברא, אַז חיים מענדל איז שאַרפֿער אין הומאָר ווי איצי. וואָרם הערשל אָסטראָפּאָלער איז קיינמאָל פֿון חיים מענדלס מויל ניט אַרויס. ער האָט אַפילו זיך געגרייט צו באַווייזן פֿרידלען, דעם שטאָט וויצלער מיט אַ „פּעטשאַט", אַז ער קומט ניט צו הערשל אָסטראָפּאָלער. אין שטאָט האָט מען אים גערופֿן „חיים קוטשער".

ביי אונדזער ייִדן, זאָגט מען, איז ממש געווען ווי אַ „סבאַרני פונקט". אידן און ניט־אידן האָבן געשמעקט די טאַבאַקע. אַמאָל פאַר געלט, אַמאָל פאַר אויסטויש אויף עסנווארג, וואָס די פויערים פלעגן ברענגען... יענע צייט איז שוין לאַנג אַוועק, פלעגט איצי באַדויערן; ניטאָ מער אַזעלכע יוזיפס, ניטאָ אַזאַ טאַבאַקע, אַן אַנדער וועלט באמנות. אָבער ניט דאָס איז איצי געווען אויסן. איצי האָט שטענדיק געזוכט אַן עצה וועגן זיינע קינדער צו וועלכע ער האָט ניט קיין הצלחה. און בעיקר צו די טעכטער וואָס ער דאַרף חתונה מאַכן. געוואוסט האָט איצי אַז דער טאַטע אונדזערער האָט אַ צוטריט פאַר אַ גמילות חסד צו אברהם קירזשנער. ביי אברהמען איז דער טאַטע מיינער געווען אַ בן־בית. שטילערהייט האָט אברהם קירזשנער געגעבן גמילות חסדים צו אָרעמע לייט. אָבער זיי האָבן געדאַרפט אָפּגעבן אין צייט, ווייל קיין גרויסער עושר איז אברהם ניט געווען, אָבער אַ תמימותדיקער איד, מיט פיינע קינדער, וואָס האָבן שוין געניט קאַפּטאַנעס און געשפּאָרט אייגענעם נדן. אַ שטוב מיט אַ מעלקנדיקער קו, מיט אַ ווייב אַ בריה וואָס באַקט זעלטענע געשמאַקע ברויט און חלה און לעקעך אין אַ יום טוב. אין דער שטוב איז מיין פאָטער געווען ווי ביי זיך אין דער היים. און אויב אַ איד האָט ניט געקענט קריגן זיין גמילות חסד ביי קיינעם, איז מיין פאָטער געווען דער קרבן. ער פלעגט מוזן גיין צו אברהמען מאַכן אַן הלוואה פאַר אַט־די אידן. עס האָט געהייסן, אַז מרדכי לייט פאַר זיך. אָבער בסוד פלעגט ער איינרוימען אברהמען אַז ס'איז פאַר דעם און יענעם; אַז ער קען זיך פון זיי ניט אָפּ־טשעפּען; זיי וועלן אים מן הסתם אָפּגעבן. און אַזוי־אַ איז בשתיקה געווען מיין פאָטער דער אַנטלייער... כלומרשט פון גאָטס וועגן.

און אָט זיצט שוין ביי אונדז ר' איצי און שמועסט מיטן טאַטן אויף דער הילצערנער באַנק וואָס איז ביי אונדז פאַרבליבן ווען דער טאַטע איז געווען מלמד.

איצי טענהט: מרדכי, איך דאַרף אַ שידוך טאָן, וואָס טוט מען? יקותיאל איז אָרעם. ער איז דאָך שוין ניט אין מיין רשות; שמעיה דוד, ווייסטו דאָך, איז שמעיה דוד... מיין שטיפזון, מאיר איז דאָך דער נוגע בדבר.

— וואָס הייסט, — פרעגט דער טאַטע ר' איצין, — מאיר איז דאָך אַ וואוילער בחור, פירט שוין וואַסער אַ פאָר יאָר; איז אַגב ניט קיין שלעכטער יונג, יעדער האָט אים ליב. אָבער ער איז דאָך...

— יאָ, יאָ, מרדכי, — טענהט איצי, — איך ווייס דאָס אַלץ. לאָזט זיך דינען! ביסט דאָך עפּעס אַ בר דעת. דו כאַפּסט ניט אויף אַ רמז?

— ניין, ר' איצי, אדרבא, מאַכט מיך קלאָר...

און ר' איצי רעדט שוין געאיילט, מיט אומגעדולד. וואָס פאַרשטייסטו ניט מרדכי? איך וויל מאַכן אַ שידוך צווישן ביידע קינדער מיינע. חיים מענדל איז געפאַלן אויף דער המצאה: ער טענהט צו מיר און מאַכט מיך אויס־צודרייען, למאי איך פאַרשטיי ניט. סטייטש, זאָגט ער: מאיר און טויבע זיינען

דאָך שטיפקינדער, פאַרוואָס ניט מאַכן צווישן זיי אַ שידוך? וועסט ניט דאַרפֿן קיין נדן, וועסט ניט מורא האָבן פאַר יחוס... טאָמער וועסטו דאַרפֿן האָבן עטלעכע קערבלעך חתונה צו מאַכן, וועסטו זיך געבן אַן עצה: אַ פּינפּערל דאָ, אַ צענערל — דאָרט און ביסט באַלד אַ מחותן; דאָס פּאָרל וועט קענען נאָך דער חתונה פאָרן קיין אַמעריקע, און אויס זאָרג וועגן טעכטער...

אַזוי טענהט חיים מענדל, אָבער דו, מרדכי, ביסט דער ערשטער מיט וועמען איך עצה זיך; דו פאַרנעמסט איצט דאָס אָרט פון דיין טאַטן ע״ה. דו ביסט בכוח פאַר מיר צו אַנטליען עטלעכע קערבלעך ביי אברהמען, גאָט איז נאָך אַ פאָטער; איך הייס נאָך ר׳ איצי...

מיין פאָטער בלייבט ממש אָן לשון. ער שטוינט. וואָס הערט ער דאָ? וואָס פאַר אַן איינפאַל האָט דאָ חיים מענדל אויסגעשלייערט? וואָס זאָל ער דאָ זאָגן ר׳ איצין? זאָגן — ניין, ווי קען ער? אפשר איז עס ניט קרום. אָגב ווייסט ער לויטן חשבון, אַז דער חתן איז אַ סך אינגער פאַר דער כלה. אָבער ס׳איז פאָרט אַ שידוך, ווי קען מען אַזאַ מצוה אָפּזאָגן. אַ קלייניקייט מזווג צו זיין! און אָט זיצט שוין מיין פאָטער ביי אברהם קירזשנער און מען שמועסט בשתיקה.ביידע זעען זיך ווי אין אַ חלום און דאָך איז עס וואָר. אברהם קירזשנער קען זיך ניט איינהאַלטן. ער רופט זיין ווייב רבקהן: קום נאָר אַהער רבקה לעבן, הער נאָר הער. — ווענדט ער זיך צו איר אין דער שטיל, — האָרך נאָר אויס.

— מעג איך, מרדכי? — וויל ער זיכער מאַכן, אויב דער סוד מעג אַרויס...

— יאָ, יאָ, — ענטפערט מיין פאָטער, — רבקה מעג וויסן. מעגסט איר דערציילן. ס׳איז דאָך אַ שטאָט ענין. אָבער איך בעט אייך, רבקה, למען השם סע זאָל בלייבן צווישן אונדז... דאָס הינדעלע איז נאָך אין דעם איי... מי יודע?...

איצט זיצן שוין דריי און מען שמועסט. רבקה איז עפּעס ווי צעמישט. זי וועגט און מעסט. זי איז ראשית ניט זיכער אַז מען מעג גאָר טאָן אַזאַ שידוך: מ׳איז דאָך פון איין טאַטן. צווייטנס, איז זי דאָך עלטער פון אים.

עס נעמט ניט לאַנג און עס קומט אַריין מאיר קאַשקעטניקס ווייב, אַ שכנה. מיר וועלן זי רופן חיה שרה. און דער סוד איז שוין צווישן פיר... אין דעם אייגענעם אַלקער — זי בטלט אויס חלומות: סטייטש, וואָס רעדט איר רבקה? מאיר מיט טויבען זיינען ניט פון איין טאַטן. מאיר איז געווען אַ קינד, ווען איצי האָט מיט דער איציכע חתונה געהאַט. מאיר איז אירער פון איר ערשטן מאַן.

— אַזוי גאָר, — מאַכט זיך רבקה פאַר די שולדיקע. — הער נאָר הער. איך זאָל מאַכן אַזאַ טעות. וואָרם אין אמתן, וועמען איז עס אָנגעגאַנגען חוקר

ודורש צו זיין וויפיל קינדער איצי האָט? און ווער ווייסט עס נישט, אַז אַלע קינדער מיט די ווייסע פּנימער זיינען פון איר, פון דער צווייטער ווייב...

האָט זיך אָבער אברהם קירזשנער איינגעשטעלט, און טאַקע געבעטן דער קאַשקעטניצע זי זאָל אַלץ האַלטן בסוד. מ׳וועט שוין זען עפּעס טאָן. און ס׳וועט טאַקע ניט שאַדן, אַז אי מאיר קאַשקעטניק, אי ישראל קירזשנער זאָלן אויסלייען צו פינפערלעך. בתנאי, אַז אויב חס ושלום מרדכי וועט ניט קענען אָפּנעמען דעם חוב זאָל עס זיין פאַרפאַלן. וואָרם די מצוה איז דאָך אין לשער...

מען מוז אגב וויסן, אַז די עטלעכע אויסגערעכנטע היטל קירזשנערס זיינען געווען ממש ווי אַ דינאַסטיע אין פעלשטין. מ׳האָט זיך אָנגעקערט, מ׳האָט זיך גערעכנט פאַר קרובים. און היות זיי זיינען געווען פאַרמעגלעך, האָט מיין פאָטער געהאַט צו זיי אַ צוטריט פאַר אַ גמילות חסד. לויט סברות הייסט טאַקע מיין פאָטער נאָך אַ קירזשנער. ווי מען דערציילט: איינער, אַ געוויסער מרדכי לייב, פלעגט נעמען ביים זיידן טאַבאַקע אויף באָרג... איין מאָל איז ער ניט געקומען נעמען מער קיין טאַבאַקע, איבער אַ חוב ישן. האָט זיך מיין זיידע מיישב געווען, אָנגעטאָן זיין שטריימל און אַוועק צו דעם מרדכי לייב קירזשנער מיט אַ „היתכן״, סטייטש מרדכי לייב? וואָס איז געשען? שמעקסט מער ניט קיין טאַבאַקע?

— איך שמעק יאָ, אָבער איך וויל מער ניט זיין קיין אָנזעצער. איך בין דיר שולדיק דרייצן גראָשן, איז גענוג! איך וויל ניט בלייבן קיין אָנזעצער!

אַזוי גייט די געשיכטע. און ווען אָט דער מרדכי לייב, דער תמימותדיקער איז געשטאָרבן, האָט מיין זיידע אַ נאָמען געגעבן נאָך דעם קירזשנער, מיט דער טענה, אַז ס׳איז פאַר אים אַ כבוד צו האָבן אַ קינד מיט זיין נאָמען.

איז, ווי איר הערט, מיין פאָטער געווען אַ בן יקירל ביי די קירזשנערס, און דורך דעם געוואָרן דער גביר, דער בטוח. דער ערשטער, ווי איר ווייסט שוין, איז געווען איצי שמש. און איר שטויסט זיך אָן, אַז דער שידוך איז געוואָרן.

עס זיינען אַוועק יאָרן. איך בין אויפגעוואַקסן. מיין פאָטער איז אַלץ געווען אַן אָרעמאַן. געלט האָט ביי אים ניט געשפּילט קיין ראָלע, אַבי ער האָט געהאַט ברויט אין שטוב איז ער געווען אַן עושר... אָבער פריינט האָט דער טאַטע געהאַט אַ סך. חוץ דעם איז ער געווען דער בעל קריאה פון שטאָט. אַלע עליות זיינען געגעבן געוואָרן דורך אים. זיין צושטימונג האָט געמיינט אַ סך. מיר קינדער האָבן דאָס געוואוסט. און שטענדיק האָט אונדז געבוירערט דער קאָפּ, ווי אַזוי דער טאַטע דערלויבט זיך צו כאַפּן אַ פינפערל דאָ און דאָרט פאַר אַן הלוואה צו יענעם? עס גיט דאָך אים שטענדיק עגמת נפש, מען גיט אים ניט אָפּ און ער ערגערט זיך דאָך. כאַפּט ער וויטער ערגעץ אַ צענערל און פאַרלאָטעט דעם ערשטן ריס ביז עס קומט אַ צווייטער. פרעגן דעם טאַטן האָבן מיר ניט געקענט. ווער האָט דען אַזוינס געקענט וואַגן? ביז — ויהי

היום, איך האָב זיך דערוואוסט אַ צווייטן סוד. דהיינו? — אַז מיין פּאָטער כאַפּט אָפּט אַ גמילות חסד ביי לייב רייזעס, מיין לעצטן מלמד.

איך האָב שוין דערציילט אין מיין שילדערונג, פון מיין מלמד ר׳ לייב רייזעס, אַז ער איז געווען ממש אַ גאון אַ מלמד. געמאַכט אַמאָל אַ זייגער צום באַן, וואָס האָט געוויזן די צאָל קוילן וואָס דער לאָקאָמאָטיוו ברענט אויס און דאָס פאַרקויפט אין באַרדיטשעוו פאַר צוויי הונדערט קערבלעך. און ס׳אַ סברא, אַז יענער האָט געמאַכט מיט דער מאַשינקע אַ ממון קורח. איז כלומרשט די צוויי הונדערט קערבלעך געווען לייבס עשירות, און ביי לייבן האָט מען געקענט בשתיקה כאַפּן אַ גמילות חסד. ובפרט מיין פּאָטער איז געוויס געווען אַ בטוח . . .

זיינען אַזוי אַוועק עטלעכע יאָר. קענטיק דעם טאַטן איז מיאוס געוואָרן די הלוואות און ער האָט אונדז געוואָלט איינשפּאַנען צו גיין מאָנען די חובות ווען מען האָט אים געפּרעסט . . . איז מיין גורל געווען צו גיין אָפּמאָנען ביי איינעם אַ חוב.

דער טאַטע האָט אונדז נאַטירלעך געטאַלקעוועט אַז מען זאָל מאָנען מיט אַ מויל! און זאָגן ווי אַ מענטש, אַז דער טאַטע דאַרף! ער מוז אָפּגעבן ווי ער האָט צוגעזאָגט, וכדומה.

אָבער איך בין זיך מודה, אַז איך האָב ניט געהאַט דעם שכל און קוראַזש צו רעדן ווי דער טאַטע האָט געוואָלט . . . מיט אַ געבויגענעם קאָפּ בין איך צוריק אַהיים געקומען און געזאָגט דעם טאַטן, אַז ר׳ אברהם דעם שוחטס האָט מיר געזאָגט — אין לי! — איך חזר איבער די ווערטער און פאַרטייטש, אַז אין לי האָט ער געמיינט, אַז ער האָט נישט!

וואָס הייסט ער האָט נישט? האָסטו אים געזאָגט ווי אַ מענטש, אַז דער טאַטע דאַרף?! אַז ער מוז אָפּגעבן! אַז ער האָט צרות, ווייל מען מאָנט ביי אים דעם חוב?!

ווי אַ שטומער בלייב איך שטיין. איך ווייס אַז דער טאַטע איז גערעכט, אָבער איך קען גאָרנישט טאָן, ער האָט געזאָגט — אין לי . . . נעמט מיך שוין דער טאַטע ביי דער האַנט און זאָגט: קום! ווי אַ חוטא גיי איך אים נאָך. איך ווייס ניט וואָס ער וויל פון מיר. וואָס בין איך דען שולדיק?

ער טענהט צו מיר אויפן וועג, אַז ער האָט ניט קיין מזל צו קיין קינדער; אַז מיר זיינען נאָר „אַוועקגעבערס״ . . . אַז מען דאַרף קענען אָפּמאָנען אויך, אויב מען גיט אַוועק. אַז מען דאַרף קענען עפענען אַ מויל . . .

איך הער און שוויג. איך ווייס, אַז ער איז גערעכט, אָבער מיין מויל עפנט זיך ניט. מיר קומען אָן צו אברהם דעם שוחט. ער איז געווען אַ שוחטס אַ זון. געוואָרן אַ סוחר פון זיין אַמאָליקן נדן, און מיט די לויפנדיקע יאָרן אַראָפּ פון מאַרק. האַנדלט נאָך צוביסלעך. דאַוונט אָפּ שחריתים, זאָגט דעם יהי רצון נאָכן לייענען אין די ימי החול. אָבער האָט ניט קיין פּרנסה.

און אויך ער האָט געדאַרפט חתונה מאַכן טעכטער. דער יחוס איז אים

ניט בייגעשטאַנען, און פונקט אין אַזאַ שעת הדחק האָט עס מיין פֿאָטער געהאַט די מצוה און אַנטליען אַ גאַנץ צענערל פֿאַר אים בלא יודעים... איז אַוועק באַלד אַ יאָר. די טאָכטער האָט שוין געפּראַוועט אַ ברית, אָבער איר טאַטע, אברהם האָט זיך פֿאַרחובט, און מיין פֿאָטער איז שיעור אַן אָנזעצער אויף אברהמס חשבון.

בײדע זיצן שוין אין דער פֿינצטערער שטוב און טענהן. מיין פֿאָטער איז דער בעל דבר:

— היתכן, אברהם? ווילסט מיך מאַכן, חס ושלום, פֿאַר אַן אָנזעצער איבער דיר? מה חטאי, מה פשעי? איך האָב דיר אַ טובה געטאָן, געלאָפֿן צו דעם, צו יענעם, זיך געשוואַרצט דאָס פּנים, און איצט, כאָטש גיי גנבֿע!

האָט זיך אַברהם פּאַמעלעך ערשט געהייסן געבן אַ ציגאַר טיטון, און פּאַמעלעך פֿאַרצויגן דעם רויך, אַ צי געטאָן די אויגן מיטן געקנייטשטן שטערן און געזאָגט די אייגענע ווערטער וואָס צו מיר, נאָר מיט אַן אַנדער נוסח — אין לי!

וואָס זאָל איך טאָן, מרדכי? איך האָב שוין ניט פֿאַרדינט אַ פּרוטה חדשים לאַנג. דו ביסט ניט דער איינציקער וועמען איך קום עטלעכע קערבלעך. וואָס האָסטו געוואָלט, אַז דיר זאָל אָנקומען די מצוה גרינג? אַז מען וויל עמעצן אַ טובה טאָן, מוזטו זיך געבן אַ קוועטש... אַ קונץ איז צו זיין אַן עושר און געבן אַ גמילות חסד! גאָט איז אַ פֿאָטער. דו וועסט ניט ווערן דורך מיר קיין אָנזעצער. פֿאַר אַ נויט, אויב דיר איז באמת שווער, גיי צו צו אברהם קירזשנער און כאַפּ ביי אים אַ צענערל. איך וועל אַפֿילו אונטערשרייבן אַ וועקסל, אַז איך וועל בעזרת השם דאָס אָפּגעבן.

דער טאַטע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ באַצערטער און מיט אַ זיפֿץ אַ זאָג געטאָן:

— נו, קינד מיינס, קום אַהיים!

נאָך היינט, נאָך פֿינף און זעכציק יאָר, זע איך פֿאַר זיך אָט יענע בילדער פֿון מיין שטעטל, איך זע שמעה דודן אין בית המדרש מיט זיין פֿאָטער, ר' איצי שמש, מיט די לייב רייזעס, מיט די אברהם שוחטס און די תמימות־דיקע אידן, ווי אברהם און ישראל קירזשנער, מיין פֿאָטער בתוכם, מיט מיר איינגעוויקלט אין זייער לעבן. עס ווייזט אויס אַז איך וועל זיי קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן. זיי וועלן בלייבן דער אייביקער סימבאָל פֿון אונדזער גלות. מי יודע עד מתי.

# וואַסערפירער אין מיין שטעטל
## נח, אלתר, יאָסל און חיים

ווי אַרעם מיין שטעטל פעלשטין איז ניט געוועזן האָט מען זיך אָן די וואַסערפירער ניט געקענט באַגיין.

די קרעניצעס זיינען געווען אַרויס פונעם אידישן ישוב, און ניט אַלע האָבן געקענט נעמען די „קאַראַמיסלעך" אויף די אַקסלען אין די ווינטער חדשים און איינזינקען מיט די צוויי עמער וואַסער אין די בערג שניי וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן פון די שטורעמס געטראָגן פון פאַרפרוירענעם ברעג טייך, וואָס האָט שיר צעוואָרפן דאָס מרחץ.

פון דעם טייך אָן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסשיילן, הינטערן באַרג, די אידישע שטיבער, וואָס האָבן זיך געפונען ווי אין דער מיט פון אַ קאַסטן, אַרומגערינגלט פון אַלע פיר עקן מיט פויערשע כאַטקעס. ווי מען וואָלט דעם אידישן ישוב אַרומגענומען אין אַן אַרבל... הגם געהייסן האָט עס, אַז אידן האָבן פאַרכאַפּט דעם מאַרק, דעם מיטן פון שטאָט אויסגעבויט „בודקעס" און געמאַכט דעם מאַרק ווי אַן אייגנטום.

פון אַלע פיר עקן האָבן זיך אָפט געהערט דאָס בילן פון די הינט, די שומרים פון די שטאָט־פויערים וואָס האָבן אָפט אומרואיק געמאַכט די אידן אַרום און אַרום. ווי דאָס בילן וואָלט יעדן דערשראָקן, ווי עפּעס אַן אומגליק רוקט זיך אָן אויף דעם אָרעמען ישוב.

שוין גאַנץ קאַיאָר האָבן זיך דאָרפס־אידן אַ לאָז געטאָן מיט די פערד און וועגעלעך צו די אַרומיקע דערפער, אין געאייל, כדי וואָס פריער צו קומען אַהין. נאָך זיי האָבן זיך אין דער פינצטער אַרויסגעראַטשקעוועט די אָרעמע דאָרפסגייער מיט טלית און תפילין, אין אַ זעקל איינגעוויקלט ברויט מיט עפּעס נאָך, זיי זאָלן איבערכאַפּן אויפן וועג פון אַזאַ מהלך. דאָס נאָענטסטע דאָרף פון שטאָט איז געווען ניט נעענטער ווי צען וויאָרסט, וואָס זיי האָבן געמוזט דורכשפּרייזן באַלד ביים אָנהייב שטאָט, דעם גרויסן באַרג אַרויף פון דער „האַרבאַניפקע" וואו די רייכערע פויערים האָבן געהאַט זייערע היימען, גערטנער און סעדער. זייערע הינט זיינען געווען די ערגסטע שונאי ישראל, און דעריבער האָט יעדער אָרעמער פוסגייער וואָס האָט געוואָלט דורכשניידן די „סולעווקע" אויף דער „האַרבאַניפקע" צו די אַרומיקע דערפער אין דער פינצטער, געמוזט האָבן מיט זיך אַ שטעקן, כדי די כלבים זאָלן אים חס ושלום ניט באַפאַלן. אַ גליק איז געווען וואָס די היימישע פויערים

האָבן אָפּט אָפּגעטריבן די כלבים, וויסנדיק אַז ס׳איז אַ היימישער איד. און אַפילו אָפּט זיך געזאָגט „גוט מאָרגן״ („דזשען דאָברי״). גאָר אָפּט זיינען די דאָרפסגייער אויפגעקליבן געוואָרן פון פאַרבייפאָרער, אויס רחמנות זיי ניט לאָזן אומקומען אין די ביטערע קעלטן.

אַזוי־אַ האָט זיך דער בליאַסק אויף טאָג אָנגעהויבן אַריינרייסן אין די נידעריקע שטיבער מיט די שטרויענע דעכער. פון די קוימענס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן דורכשפּאַרן די וואָלקנס רויך פון די שטיבער וואָס האָבן געהאַט האָלץ, אָדער שטרוי איינצוהייצן דעם אויוון, אָדער די הרובע, כדי דאָס קליינוואַרג זאָל אין וואַרעמקייט זיך קענען אָנטאָן צו גיין אין די חדרים, און כאַטש טרינקען אַ טעפּל ציקאָריע.

די בתי מדרשים זיינען געווען דער רוקנביין פון שטאָט. סיי אין בית־המדרש, סיי אין קלויז האָט שוין די הרובע געברענט מיטן טראַסק. דאָס העלישע פייער פון די גראָבע קלעצער וואָס די שמשים האָבן געוואָרפן אין דער הרובע, האָבן ווי געסקריפּעט צווישן די פלאַמען. יונגוואַרג וואָס האָבן שוין געלערנט אין די בתי מדרשים, באַפרייטע פון די חדרים האָבן זיך געשפּיגלט אין די פלאַמען און איינגעאָטעמט די געזונטע היץ, ווי זיי וואָלטן געווען די בעלי זכיה זיך צו קוויקן מיט די פלאַמען.

עלטערע אידן האָבן באַלד פאַרנומען דעם גרויסן טיש ביי דער וואַנט פון דער הרובע צו מזרח, אָנצוואַרעמען די אַלטע ביינער. די וואַנט צו דער טיר האָבן שוין פאַרנומען די פרעמדע אָרעמע לייט. זיי האָבן ס׳רוב אַפילו דאָרטן, אויף דער הינטערשטער באַנק ביי דער הרובע געשלאָפן. אַזוי טאָג און נאַכט האָט זיך איבערגעחזרט דאָס אייגענע אין די פאַרטאָגן, אין די הימען און אין די בתי מדרשים, וואו מ׳האָט געדאַוונט דריי און אַמאָל פיר מנינים אַ טאָג. אַ חוץ, ווען ס׳איז געווען דער יאַריד. דאַן האָט דאָרטן געקאָכט ווי אין אַ קעסל. די טיר האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט, אָן אויפהער. די פּאַרע האָט זיך געוואָלקנט אַריין און אַרויס. עלטערע אידן האָבן זיך געבעטן רחמים: פאַרמאַכט די טיר! וואָס ווילט איר אונדז חס ושלום אומגליקלעך מאַכן?! האָבן זיך אָפּט יונגוואַרג אונטערגענומען די טיר צו פאַרמאַכן, און אוודאי מיד געוואָרן, ביז אַ צווייטער און אַ דריטער האָט איבערגענומען „די הענט״... ווען די ליכט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט און זיך אויסגעשיילט פון בלויען באַגינען, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די וואַסערפירערס צו דער קאַרמעליטער קרעניצע וואָס איז געווען אַ שם דבר. זי האָט געצויגן אירע קוואַלן פון אַלע פיר עקן. וואָס מער מ׳האָט פון איר געשעפּט, אַלץ פולער איז זי געוואָרן. אַזוי ווי אַ ברכה מן השמים... אַלע קרעניצעס פון שטאָט האָבן ס׳רוב געטריקנט, אָבער ניט די קאַרמעליטער קרעניצע. און דאָס איז, אַגב, געווען ווי אַ ברכה פאַר די וואַסערפירערס וואָס האָבן געשווינד געשעפּט די קאַנען וואַסער אָנצופילן די פעסער, איינגעפונדעוועט אויפן רוקן פון זייערע צוויי רעדערדיקע „טיע־

ליעגעס", אַ געשפּאַן וואָס האָט געמוזט האָבן הויכע פערד צווישן די צוויי דישלעס איינגעשפּאַנט אַזוי, אַז די פּאַס האָט זיך געוויגט מיטן וואַסער אַראָפּ. וואָס העכער דאָס פערד איז געווען אַלץ מער האָט זיך די פּאַס אַראָפּגענידערט, משופּעדיק, פּינקטלעך צוגעפּאַסט, אַז דער וואַסערפירער זאָל קענען אויסצאַפּן דאָס וואַסער פונעם אונטערשטן צאַפּן.

גאָר אָפּט האָט זיך יונגוואַרג אָפּגעשטעלט לעבן די וואַסערפירער צווישן צוויי בערג, וואו די וואַסערפירער פלעגן אָפּט „גרעזניען" איבער די טיפע בלאָטעס און שנייען און ס'איז שוין ניט געווען קיין חידוש וואָס די וואַסערפירער האָבן געמוזט האָבן דווקא די בעסטע פערד. אַ טשיקאַווע שטיק געשיכטע, וואָס יעדער וואָלט געשטוינט און געפרעגט: היתכן? די אָרעמסטע וואַסערפירער זאָלן האָבן די בעסטע פערד? מיר וועלן קומען צו דעם שפּעטער, וואו איך וועל פאַרן לייענער אַלץ קלאָר מאַכן. דערווייל, לאָמיר זיך קודם באַקענען מיט אונדזערע פיר וואַסערפירער פון מיין דור. אַ קימא לן פון דריי דורות אויפבלי און פאַרגיין.

גראָד האָבן מיר געוואוינט בשכנות מיט נח וואַסערפירער. דער עלטסטער פון אַלע, און אפשר דער טשיקאַווסטער איד פון אַלע זיינע חברים. איך האָב דאָן געלערנט ביי איצי מענדלס. איך האָב געהאַט ניט מער ווי צוואַנציק שפּאַן פון אונדזער היים אין חדר אַריין. ביידע שטיבער, סיי נחס, סיי מיין רבינס האָבן זיך ווי אָפּגעגעבן „שלום עליכם". מיטן אונטערשייד, וואָס נחס שטוב איז שוין דאַן געווען איבערגעבויט, געשטאַנען ווי אויף אַ בערגל, און מיין רבינס — אַראָפּ פון בערגל, אַנטקעגן טייך. אָבער די פענצטער האָבן זיך ווי געשפּיגלט איינע אַנטקעגן דעם צווייטן. נחס געשפּאַן האָט זיך געלאָזט הערן מיט אַ דרינגדזש ביים קומען אָדער ביים אָפּפאָרן. דאָס לערנען האָט זיך אַפילו דאָס רוב אָפּגעשטעלט ווען נח מיט דער „טיעליעגע" האָט זיך אַריינגעיאָגט אַ ליידיקע פון גע'עיג צו עסן אָנבייסן. זיין הויכער קאַשטאַן מיטן ווייסן פלעק פון פאָרנט האָט אַזש אַ הירזשע געטאָן, ווען ער האָט אים גענומען אויסשפּאַנען פון דער „טיעליעגע". נח האָט אים געמוזט ממש נאָכיאָגן מיט די „וויאַשקעס" אַריין אין שטאַל צו זיין „זשאַלאָב", וואו ער פלעגט געפינען זיין אָבראָק פּינקטלעך. מען מוז וויסן, אַז גראָד די וואַסערפירער זיינען פון טראַדיציע געווען גאָר גרויסע צער בעלי חיימניקעס. ס'פערד האָט ביי זיי פאַרנומען דעם אויבנאָן. זייערע קינדער האָבן געמעגט הונגערן אָבער האָבער פאַר די פערד האָט געמוזט זיין אין „זשאַלאָב"...

נח, אַ נאָסער פון קאָפּ ביז די פיס, האָט אָבער זיין רויטע באָרד ניט געקענט אויסגלייכן. זי האָט זיך ביי אים שטענדיק געבויגן אַרויף. די סיבה דערפון איז שטענדיק געווען קשה. זיינע ברייטע שטיוול מיט היפּשע כאַליעוועס האָבן אים ווי איינגעזונקען. ער איז ניט געווען קיין הויכער,

אָבער מאַסיוו. גרויע אויגן און אַ ווייס־הויטיק קלייענדיק פּנים, וואָס האָט שטענדיק איך אויפגעלעבט, ווען איר האָט אים באַגעגנט.

נח האָט געהאַט אַ גאַר גרויסע משפּחה פון שניידערס און קירזשנערס. ביי נחן האָט זיך די שטוב געוויגט. אפשר איבער דעם, וואָס ער האָט זוכה געווען צו האָבן די נחטע פאַר אַ ווייב... זי, די נחטע איז געווען אַ זעלטענע קלוגע און שיין־געבויטע פרוי. זי האָט איר נחן ממש געקענט אַריינגעמען אין אַן אַרבל. זי האָט געהאַט זיבן קינדער. ממש גבורים. דריי זין און פיר טעכטער. זעלטענע בריות. מערסטע געראָטן אין דער מאַמען. אַ חוץ יאַנקל און מאָטיע, וואָס האָבן געכאַפּט דעם אָנבליק פון זייער פאָטער נח. די טעכטער זיינען געווען פולבלוטיקע, מיט ווייס־הויטיקע פּנימער, ברייטע נעזער, געדיכטע קעפּ ברוינע האָר וואָס האָבן געכאַפּט אַ בליאַסק אויף רויט. טייל האָבן אַפילו געכאַפּט דעם טאַטנס קלייען... אַ געמיש פון די בני נח, מיט אַ מאַמען וואָס האָט געהאַט „גאָלדענע הענט". אַ „אָסאָבע" וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געבאַקן ברויט. אירע ברויטן ליגן מיר נאָך עד היום אין טעם. זי האָט פאַר אונדז געקליבן די אויסגעבאַקנסטע, אַן „קאַרזשען" ווּיסנדיק, אַז מיין פאָטער האָט אַזוי ליב... ממש ווי צוגעברענט. זי האָט קיינמאָל קיין געלט ניט געבעטן. און איך בין זיכער, אַז זי האָט ניט גע־חשבונט. איר זכרון איז געווען אַ זעלטנקייט. יעדער האָט נחן מקנא געווען. און עד היום איז פאַר מיר אַ רעטעניש, ווי אַזוי די נחטע, די אשת חיל, האָט אָפּגעהיט איר מאַן מיטן אָנבייסן און מיט דער וועטשערע, און זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט, ווי ער וואָלט געווען אַ שלמה המלך. דאָסגלייכן — די קינדער. ער האָט זיי, די לאַנגע בחורים ניט געלאָזט שפּאַנען די „טיעליע־געס". ניין און ניין. ער וועט זיי פאַר וואָסערפירערס ניט מאַכן. אַפילו בירושה וועט ער אַנזאָגן, אַז מיט אים ענדיקט זיך ס'געיעג צו דער קאַרמע־ליטע קרעניצע. — אָט דעם נצחון וועל איך אויספירן! — פלעגט ער זאָגן זיינע קונדן. איך וועל זיי מאַכן פאַר סטאָליאַרעס, פאַר שניידערס אָבער ניט אויף דער „טיעליעגע".

גאָר אָפט האָט זיך זיין גלייכוואָרט געביטן אויף ערנסט, ווען ער האָט געדאַרפט אויפמאָנען די גריוונעס ביי די אביונים. ווייל וויסן מוז מען, אַז מערסטע אידן זיינען געווען אָרעם. אָבער אַן וואָסער האָט מען זיך ניט געקאָנט באַגיין. סיידן אַליין זיך איינשפּאַנען מיט קאָראָמיסלעך און צוויי היפּשע עמערס און גרעזניען מיט זיי אין די בלאָטעס ביים „טאָסקען„ די עמערס אַרויף אַ באַרג, פון דער באָד קרעניצע וואָס איז געווען גאָר טיף און מען האָט געמוזט ציען דאָס וואָסער מיטן „זשאַריוועל", אַ מין לאַנגער דראָנג וואָס פלעגט פאַרפרוירן ווערן און פלעגט זיך אַרויסגליטשן פון די הענט, ביים אַראָפּציען דעם „זשאַריוועל" אַנצושעפּן אַן עמער וואָסער...

זאָל עס ניט זיין לגנאי, ווען איך וועל דערמאָנען אַן אינצידענט, ווי מיינער אַ פעטער איז אין אַ פראָסטיקן טאָג אַריינגעשליידערט געוואָרן אין

דער באָד קרעניצע איבער דעם אַנגעקאָוועטן איז אויפן „זשאַריוועל" וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט. אַ שטיק היסטאָריע וואָס פעל־שטיינער אידן זקנים דערציילן עס נאָך עד היום. די טשיקאַוועדיקייט ווי אַזוי דווקא די פיר וואַסערפירערס האָבן אים אַרויסגעשלעפּט מיט האַטשיקעס אַ דערפרוירענעם. די גאַנצע שטאָט מיט „נאַטשאַלסטוואָ" האָט דאַן צוגעזען דעם בייז וואונדער, ווי אַזוי שלמה, חנה עטיס, דער מלמד איז שיעור ניט דערטרונקען געוואָרן אין דער באָד קרעניצע יענעם ווינטער. אַנשי יודעים גיבן אַפילו צו, אַז זינט דאַן איז שלמה מלמד געוואָרן הייזעריק פון שרייען אינעווייניק: — ראַטעוועט! איך טרינק זיך!... — אַ גליק, וואָס דווקא נח וואַסערפירער איז געווען דער ערשטער צו דערהערן, ווען ער האָט אַ שפּרונג געטאָן פון זיין „טיעליעגע" הינטערן באַרג צו פאַרגרינגערן די משא פון זיין געשפּאַן. אַן עפּיזאָד, וואָס נח האָט שטענדיק דערמאָנט זיינע בעלי בתים, אַז איידער גיין צו דער באָד קרעניצע אין די בלאָטעס און זיך שיר ניט טרינקען, זאָל מען בעסער באַצאָלן באַלד, ווען זיי גיסן אויס דאָס וואַסער...

ניט אָפט האָבן זיינע רייד געהאָלפן. און פונקט דאַן, אין די טעג ווען ער פלעגט אָנפילן די פעסער פון זיינע קונדן און באַפרייט ווערן פון זיין „טיעליעגע" פאַר עטלעכע שעה, פלעגט זיך נח אויסגלייכן זיין באָרד, אַראָפּנעמען דעם גרויען שאַלעק וואָס האָט אים אָפּגעהיט דעם האַלדז פון פאַרקילונג, און גיין אָפּמאָנען זיינע וואָכערס, מיט דער טענה, אַז ער וויל ניט ווערן קיין אָנזעצער, אַז ער מוז באַצאָלן פאַרן האָבער און די „סיטשקע" וואָס זיין סוס „כאַלאַסעוועט" אויף...

אין אַ שלעכטן טאָג, ווען די חובות זיינען אים געבליבן שטעקן, פונקט ווי ער מיט זיין „טיעליעגע" אין די בלאָטעס, פלעגט ער בייז ווערן: — זאָל די „טיעליעגע" ברענען מיט דער קאַרמעליטע קרעניצע אינאיינעם! איך ווער אויס וואַסערפירער!

ווען פרידל, דער ווייצלער פון שטאָט, פלעגט זיך מיט נחן באַגעגענען און מ'האָט זיך דערלאַנגט אַ שמעק טאַבאַק, האָט אים פרידל, וואָס איז געווען אַ כמו הערשל אָסטראָפּאָלער, דערמאָנט, אַז זיין וואונטש, די קאַר־מעליטע קרעניצע זאָל ברענען קען קיינמאָל ניט מקוים ווערן. — דו האָסט דאָ צו טאָן מיט פייער און וואַסער... —ביידע, אי פרידל, אי נח האָבן זיך דאַן גענומען אַמפּערן אין דער פראַגע: וועלכעס איז שטאַרקער, וואַסער צי פייער? ביז נח האָט איינגעזען, אַז פרידלען קען ער ניט באַקעמפן, אַז ער איז אַ לייכטער לונג און לעבער און דאַרף בכלל ניט קיין וואַסערפי־רערס... פרידל איז זיך ממש אַליין זיין אייגענער וואַסערטרעגער... איך האָב שוין וועגן פרידלען אַמאָל געשריבן בפּרוטרוט. עס איז אָבער געווען טשיקאַווע ווי אַזוי די צוויי מענטשן וואָס האָבן געדאַוונט אין שניידערשן שולכל האָבן זיך ממש ליב געהאַט. קיין תורה לערנען האָבן זיי ביידע ניט

געקענט, אָבער אַ קאַפּיטל תהלים האָבן זיי געוויס געזאָגט אין די שבתים, סיי זומער, סיי ווינטער. מען האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט איבער די גרויסע פּרעסט. דאָס תהלים זאָגן איז געווען דווקא אין דער גרויסער קאַלטער שול, און וואָוויק שניידער האָט געהאַט אַ מין חזקה ביים עמוד צום תהלים זאָגן... עס איז באמת געווען צום שטוינען, ווען מען האָט דערזען נחן גיין שבת אין שול אַריין, אַ ריינער, מיט אַ ווייס העמד און אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, מיט ריינע שבתדיקע שטיוול וואָס יוזיפּ שוסטער האָט אים געמאַכט אַן אונטער־געניי... די מערסטע אידן אין פּעלשטין פלעגן קיין נייע שטיוול ניט טראָגן. מען האָט געקויפט געניצטע שטיוול מיט גוטע כאַליעוועס. און די שוסטער זיינען געווען ווי ספּעציאַליסטן צו מאַכן די אונטערגענייען. די שווערע פּאָדעשוועס מיט די אייזערנע פּידקאָוועס האָבן געהאָלפן דורכבראָ־דזשען די בערג שנייאיקע איז וואָס האָט זיך אָנגעקליבן דורך די ווינטער חדשים. די גרויסע סאָלדאַטסקע כאַליעוועס האָבן געראַטעוועט יונג און אַלט פון די ביטערע קרירות און טיפע בלאָטעס. אָבער שבת האָבן נחס שטיוול ווי געבליאַסקעט פון שאַרפן „טראָן", מיט וואָס זיינע טעכטער פלעגן שמירן דעם טאַטנס שטיוול... זיין שוואַרצער קאַשקעט האָט זיך ווי געהויבן אויף זיין קאָפּ אַרויף. וואָס מער ער האָט אים געוואָלט איינפּלעטשן, אַלץ מער האָט ער זיך געהויבן אין דער לופט... קיין וואונדער ניט, וואָרם יונהס אַלטער קאַשקעט איז שוין געווען אויסגעווייקט און פּלאַטשיק... טרוקנקייט איז שוין פאַר נחן געווען ווי אַ מין אַנשיקעניש... און ניט אומ־זיסט האָט די נחטע, זיין ווייב, געטענהט, אַז ער קומט איר אַהיים ווי אַן אויסגעווייקטער הערינג; אַז עפּעס לעצטנס איז ער ניט דער אייגענער נח; אַז ער הוסט שוין אונטער...

— נעם בעסער אַ גלעזל וואַרעמס מיט אַ „פּידפּאַלעק" און פּוטער און עס אָפּ באַלד נאָכן דאַוונען... די „טיעליעגע" וועסטו ניט פאַרשפּעטיקן; וועסט זיין דער אייגענער גביר, די קרעניצע וועט זיך סיי ווי אָן דיר ניט אויסשעפּן...

אַ סברא, אַז זי האָט געפילט, אַז איר נח ווערט איר פּלוצים איינגעדאַרט; אַז דער הוסט איז ניט קיין פריילעכער. נח האָט אָבער ניט געוואָלט הערן. מאַלע וואָס אַ מענטש קילט זיך צו. אַפילו אברהם רופא האָט ניט געקענט איינריידן נחן אַז ער מוז זיך אָפּהיטן; אַז די שטאָט וועט זיך מוזן אַן עצה געבן אָן זיין וואָסער... אַז אפשר איז גאָר אַ פּלאַן אַרויסנעמען זיין אינגסטן זון, שבח, פון דער שניידעריי און ער זאָל ווערן, לפי שעה, זיין ממלא מקומו?...

ערשט דאַן האָט מען נחן אויפגערויעט אַ ביטערע וואונד... ווידעראַמאָל: ניין און ניין! ער וועט זיין קינד ניט מאַכן פאַר קיין וואַסערפירער!... זאָלן זיי ניט טאָפּטשען מער אין דער בעץ; זאָלן זיי זיצן אין דער וואַרעם וואו זיי זיינען... מאָטיע — ביי שניידעריי, יענקל — ביי סטאָלעריי און

איצט שבת דער אינגסטער — אויך ביי שניידעריי... אברהם רופא ברייעט אויס, אַז דווקא שבת איז אַ יונג קיין עין הרע מיט ביינער און ברייטע פּלייצעס, און די „טיעליעגע״ איז פּאַר אים ווי אָנגעמאָסטן. ס׳איז דאָך, אַגב, אַ ירושה וואָס מען קען ניט סתם אָפּפטרן אַזוי־אַ, ניט־מיר און ניט־דיר, אַוועקגעבן ברויט מי יודע צו וועמען?! נח האָט זיך אָבער ניט געריירט, געטראַכט, אַז אָט איצט ערשט, ביי די שפּעטע פּופּציקער, ווען ער האָט נאָך זיינע טעכטער ניט חתונה געמאַכט; ווען ער האָט ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק איבערגעבויט זיין הויז כדי ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל ער קענען אַריינבעמען אַ חתן אין שטוב אַריין. אַמאָל אפשר, מי יודע, וועט ער דאַרפן נאָך געבן קעסט... גראָד איצט, ווען זיין ווייב נחמה פּילט זיך ביי כוח און באַקט ברויט, און די טעכטער קנעטן ב״ה די דייזשעס ברויט, און אין שטוב איז וואַרעם און אַלץ וואָלט געקענט זיין ווי גאָט האָט געבאָטן, קומט גאָר אויף אים אַן אומגליק מיט אַ הוסט, און ער מוז האָבן צו טאָן מיט אברהם רופא, וואָס מאַכט אים גאָר פּאַר אַן אמתן חולה...

אָבער נח הערט אים ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי. זי, די נחטע, קומט אים צו הילף און היט אָפּ ס׳פּערד ווען יונה קומט פון געיעג... זי טויג זיך אויס אין שטאַל פּינקטלעך ווי איר נח. ער ווייסט שוין, אַז אין דער שטיל גייט אַן אַ שטילער סיכסוך צווישן די קינדער, אויב מען זאָל זייער ברודער שייוויך אַרויסנעמען פון שניידער, ער זאָל כאָטש העלפן דעם פּאָטער אין די דאַנערשטיקס... דאָנערשטיק איז דער שווערסטער טאָג פּאַר די וואַסערפירערס...

אין דער שטיל איז אַריין די נחטע צו יאָסל שרייבער, ער זאָל איר שרייבן אַ בריוו צו זייער זון מרדכי וואָס האָט שוין געאַרבעט אין דינעוועץ אַלס אַ „פּאָלנער״ שניידער. מאָטיע איז ניט געווען אָבי ווער. עס זאָל הייסן, אַז מאָטיע האָט בכלל געכאַפּט דעם שניט פון שניידעריי גאָר גיך, און אַפילו גוט געלערנט אין די חדרים. אָט היינט־מאָרגן וועט ער אַוודאי ווערן אַ שניידער פּאַר זיך. ער איז דאָך שוין אַ חתן... איז אוודאי כדאַי אַז דער בכור זאָל וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער היים. אַגב, ווייסט קיינער נישט, אַז די עלטערע טאָכטער גרייט זיך צו פאָרן קיין אַמעריקע. זי זעט ניט פּאַר זיך דאָ קיין צוקונפט. זי האָט חלומות, אַז מיט אירע גאָלדענע הענט וועט זי אין אַמעריקע גוט „אוספּעיען״... געגוג געזעסן ביים טאַטן אויפן קאַרק. זי ווייסט אַז קיין נדן האָט איר טאַטע ניט אָפּגעשפּאָרט פּאַר אַלע טעכטער וואָס זיינען שוין אַלע גרייט צו דער חופּה צו גיין...

עס ווערט מיט אַ מאָל אַ סומאַטאָכע צווישן די קינדער. זיי זיינען ווי צעמישט איבער זייער פּאָטערס אָפּגעשוואַכטקייט, ווי דאָס האַרץ זאָגט זיי, אַז בייזע ווינטן יאָגן זיך אָן אויף זיי... די מוטער זייערע היט די טעכטער זיי זאָלן דעם פּאָטער ניט אָנטאָן קיין יסורים. איבערהויפּט קנעלט זי מיט חיה טויבען, איר עלטסטער טאָכטער, וואָס וויל מיט איר ביסל אָפּגעשפּאָרטן

נדן פאָרן קיין אַמעריקע, מיט פּלענער — גאָר גיך די אַנדערע שוועסטער אַריבערנעמען אַהין. אַגב, דוכט זיך איר אויס, אַז אירער אַן „אוכאַזשאָר" וואַרט אויף איר אין אַמעריקע...

אַוודאי קומט דער זון מאָטיע אַהיים. דער בריוו איז ניט געווען פּוסט. ער געפינט שוין די צוויי אַנדערע וואַסערפירערס נעבן פּאָטער. זיי זיינען אים געקומען מבקר חולה זיין... ער איז דאָך פאָרט זייערער אַ חבר. קיין קאָנקורענץ איז צווישן זיי נישטאָ. זיי האָבן יאָרן און יאָרן זיך אַרויסגעהאָלפן אין אַ שעת הדחק. די שטאָט קען אָן נחן ניט אויסקומען, לכן וועלן זיי אים אַרויסהעלפן מיט שפּאַנען די פערד גאַנץ קאַיאָר און זיך טיילן מיט זיינע בעלי בתים... בעיקר מאַכט אלתר דערפון אַ גאַרנישט. ער וועט געבן נאָך אַ „הוך" און די עטלעכע פּעסלעך וואַסער וועלן זיך אויסצאַפּן . . . — נישט געזאָרגט, נח לעבן, טאָמער האָסטו אַ שטיקל הוסט, ס'איז בלאָטע...

אָבער חיים וואַסערפירער וויל עס ניט הערן. ער רעדט פּשוטע רייד. ער הייסט אַלתרן, ער זאָל זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם. די „טיעליעגע" טאָר ניט שטיין ליידיק. מען דאַרף נעמען גימיטרען און אים איינשפּאַנען, ער זאָל דערווייל אַרויסהעלפן אויף נחס „טיעליעגיע". גימיטרע איז אַ יונגער פויער, אַ געוועזענער סאָלדאַט וואָס איז אָפּט אלתרס אַרויסהעלפער, ווייל אויך אלתר, לא עליכם, גיט זיך אַמאָל אַ „טריפּע"... אַ דבר ידוע, אַז ער איז שוין אַריין אין די זעכציקער, און איז קלוג גענוג זיך צו נעמען דעם פויער גימיטרע פאַרן אַרויסהעלפער, ווען ער ווערט מיד...

אלתר הערט זיך צו ווי חיים רעדט מיט דער שאַרפער „ריש" שכלדיקע רייד... אָבער אַלתר פאַרלירט זיך נישט. אים פאַלט גאָר איין אַ נייער געדאַנק: — שאַ, חיים! איך האָב גאָר אַן אַנדער פּלאַן. נאָכוואָס צונעמען ביי מיר גימיטרען? ער איז דאָך מיין רעכטע האַנט. מיר האָבן דאָך שמעיה־דודן. ער פּעכנעט סיי ווי אויפן פּיסק; ליגט אין בית המדרש ביי דער הרובע און וואַרעמט זיך דעם אָחור, זאָל שמעיה־דוד דערווייל זיין ביי נחן. ער קען, ווען ער וויל. איך האָב שוין מיט אים גענוג געקנעלט. ער פּלעגט ביי מיר צונעמען אַ קערבל יעדע וואָך. איי וואָס? ער הוסט: ער איז יאָדעש־ליווע, דאָס איז דאָך אַן אַלטע צרה. זיין פאַרהוסטן איז דאָך זיין גאַנצער אומגליק! אָבער אַרויסהעלפן נחן ביז ער וועט מירטשעשעם געזונט ווערן, וועט ער קענען! און אויב ניט, איז דאָך דאָ מאַירקע דער וואַרגילעץ. ער קען געוויס איבערנעמען די הענט... ער איז דאָך לכל הדעות שמעיה־דודס אַ ברודער, אַפילו ער איז פון אַן אַנדער מאַמען!"

אַוודאי פילט זיך נח געקרענקט וואָס זיינע ביידע כלומרשטע פריינט, כלומרשטע קאָנקורענטן, זיצן איצט ביי אים אין זיין שטוב און פּלאַנעווען אַלץ פאַרויס, ווי ער וואָלט, חס ושלום, שוין ניט געהייסן נח. ער וויל עפּעס זאָגן. די רעיונות שטורמען אים ממש אויף, אָבער דער כח הדיבור האָט אים

פּאַרלאָזט. עס שטיקט אים אין האַלדז; ער ווייסט, אַז ער וועט אָנהייבן צו רעדן וועט עס אים אָנהייבן צו ווארגן; ער וועט זיך פאַרהוסטן און ס׳וועט נאָך זיין ערגער... חוץ דעם, זיינען זיי דאָך אים געקומען מבקר חולה זיין... און זיך נעמען מיט זיי אַמפּערן, האָט דאָך קיין זין ניט. דאָך הייבט ער אָן פּאַמעלעך זיך אויפהויבן און גלייכט אויס דעם קישן, עס זאָל אים זיין העכער צום אָנשפּאַר. אַברהם רופא הייסט אים האָבן אַ הויכן צוקאָפּנס... ער בעט זיין נחמה, זי זאָל דערוויל צוגרייטן אַ גלעזל טיי פאַר די געסט, און דערנאָך זאָל זי אויך זיך צוהערן וואָס ער האָט צו זאָגן... — מעגסט אַפילו זאָגן מאַטיען, אונדזער זון, ער זאָל אויך הערן. ער איז דאָך אַהיים געקומען צום טאַטן...

אָבער חיים וואַסערפירער איז עפּעס ניט מסכים מיט נחס הכנות עפּעס צו זאָגן... עס דערמאָנט אין אַ מין, ניט דאָ געדאַכט, פּונקט ווי איינער גייט זאָגן וידוי... און כאָטש ער איז, אומשטיינס געזאָגט, אַי אַ וואַסער־פירער, אַי אַ קברן, שרעקט עס אים אָבער ווען ער דערמאָנט זיך, אַז מי יודע?... עפּעס געפעלט אים בכלל ניט דער איצטיקער נח... ער וואָלט בכלל ניט געוואָלט זיך מישן אין יענעמס עסקים... און דאָ וויל אים אַלתר אין עפּעס אַריינריידן... אַלתרס וויצן ליגן אים עד היום אין די ביינער. ער, אַלתר, איז זיך אַ גאַנצער פּריץ. האָט זיך ממש דריי אַרויסהעלפערס. איז זיך אַ לייכט מענטשל; כאַפּט זיך אָפּט אַ זייטיקן קערבל פאַר „נאַרייען” איינעם אַ פערד צו קויפן. זיין מעקלעריי גיט אים דאָך זיין הויפּט פּרנסה. אָבער איך, חיים, אַרבעט אַ לעבן לאַנג אַליין, איך טאַסקע די קאַנען וואַסער אַראָפּ און אַרויף; גראָב די קברים אין כלערליי ווינטן און „בורעס” און האָב פון ביידע פּרנסות אַפילו ניט קיין ברויט... די קינדער מיינע גייען סיי ווי סיי קרוע־בלוע... ווי אַזוי־זשע קען איך נאָך פאַרזאָרגן נחן? ער האָט דאָך אויך צוויי פּרנסות: זיין ווייב באַקט ברויט; די טעכטער שטריקן די פיש־נעצן; די זין זיינען שוין אויך בעלי מלאכות, ווי־זשע קען איך זיך גלייכן צו זיי? וויניקסטנס, אַזוי טראַכט חיים. ער וואַגט עס ניט צו זאָגן אָפן. אָבער ער פילט זיך ניט בכוח צו געבן עצות נחן... וואָרם נח דערגייט אים אויך אַמאָל די יאָרן... רק זיי וויצלען זיך. ס׳איז זיי שטענדיק גוט. זייערע קינדער זיינען לייטיש, זייערע טעכטער זיינען קלוג. נאָר איך, חיים, ווייס נישט ווי זיי, מיינע קינדער, צו דערציען... מיינע קינדער, הייסט עס, טויגן נישט... פּונקט ווי איך וואָלט, חס ושלום, געוועזן מי יודע וואָס...

ער, חיים, וויל פאַרטרייבן זיינע רעיונות. ער ווייסט, אַז דווקא איצט איז ניט די צייט זיך צו וועלן אָפּרעכענען מיט נחן. על כל פנים הייסט עס, אַז סיי נח, סיי אַלתר פירן ניט קיין קאָנקורענץ. יעדער האָט זיך זיינע בעלי־בתים. די קרעניצע איז יעדנס. קיינער איז ניט קיין משיג גבול. אָבער אים דוכט זיך, אַז גראָד איצט דאַרף נח רעדן פּשוטע רייד. ער דאַרף זאָגן: — חיים, דו ביסט צווישן אונדז דער אָרעמסטער. איך בין, ווי דו זעסט,

ניט געזונט. אַז גאָט וועט זיך איבער מיר מרחם זיין, איך וועל געזונט ווערן, וועל איך אַוודאי זיין דער אייגענער נח... די „טיעליעגע" וועט ביי מיר ניט פּוסטעווען, אָבער איצט, מיין ליבער חיים, גיב איך דיר איבער ס׳רשות זאָלסט זיך מאַכן נאָך אַ קערבל — דו ביסט דאָך ב״ה דער געזונטסטער פון אונדז, נעם איבער מיינע בעלי־בתים, איך האָב בערך אַ דריטל פון שטאָט, זיי קומען מיר אַ ביסל חובות; ס׳אַ קליינינקייט; זיי וועלן נחן ניט אָנזעצן... אָבער דו, חיים, ברענג זיי וואַסער, ביז השי״ת וועט מיר העלפן. —

אַזוי, מיינט חיים, דאַרף עס זיין... איז אָבער אַלתר דאָ אַריינגעקראָכן מיט זיינע שטיוול אין האַרצן אַריין און „נאַרייעט" שמעיה־דודן, גימיטרען און מאירקען! וואָס פאַר אַ חזקה האָבן זיי? וואָס איז? זייער פאָטער איצי שמש דאַרף זיינע זין מאַכן פאַר וואַסערפירערס? וויפל דאַרף מען אין שטאָט?...

זיצט ער, אָבער איצט און טרינקט דאָס גלעזל טיי. אַוודאי דערוואַרעמט עס אים די אברים. ער איז אָט איצט, אין דער מינוט, גאָר מקנא נחן... זע נאָר זע, ווי דער טשייניק זידט, ווי די געבעק ברוינט שפּיגלט פון דער פּאָליצע און בויערט אים ממש די נאָזלעכער פון פרישקייט. אָבער ביי אים?... זאָל אים דער פאָטער אין הימל ניט שטראָפן פאַר זיינע רעיונות. — אפשר זינדיק איך טאַקע? איך בין דאָך פאַרט ב״ה געזונט און שטאַרק... אפשר ווילסטו צו פיל, חיים, — פרעגט אים זיין אונטערבאַוואוסטזיין? ...איז ער, על כן, אַוודאי גרייט צו הערן וואָס נח האָט צו זאָגן...

און נח מאַכט אַ פּשרה... שטיל און שכלדיק. — הערט זשע זיך אין ביידע... איר זעט דאָך, אַז איך האַלט זיך אָפּ פון רעדן, אַז איך בין געשטראָפט... פערציק יאָר בין איך וואַסערפירער. אַלע דריי האָבן מיר ווי עס איז פּרנסה; מיר האָבן ב״ה דערצויגן קינדער. ווער ווייסט ווי דאָס לעבן וועט מיט זיי פירן? אָט וויל גאָר מיין חיה־טויבע פאָרן קיין אַמעריקע; מאָטיע רייסט זיך קיין לאָנדאָן; יאַנקל „סטאָלריאַרעוועט", שבח איז שוין אויך אָט אַ „פּאָלנער" שניידער. אָבער דעם טאַטן קענען זיי ניט העלפן. אַ דאַנק גאָט, איך דאַרף ניט זייער הילף... אָבער האַלטן אַ פערד אין שטאַל מיט אַ „טיעליעגע" אין דרויסן, זי זאָל ווערן פאַרזשאַווערט איז דאָך אויך ניט קיין פּלאַן! חוץ דעם, דאַרף דאָך די שטאָט וואַסער... ס׳איז דאָך אַ רחמנות אויף אידן, זיי קענען דאָך אין די ביטערע קרירות ניט גיין מיט די עמערס צו די קרעניצעס . . .

ער בלייבט שטיל אַ ווײַלע. הוסט זיך אויס, גיט אַ זיפץ און וואַרפט אַן אויג צו נחמהן, צו זען, אויב זי הערט אים... — מעגסט הערן, נחמה, — ווענדט ער זיך צו איר, — דו ביסט דאָך ס׳רוב מיין עצה־געבערן"...

— וואָס זאָגסטו, נח? — פרעגט זי ערנסט. — דו וועסט דאָך ניט אָפּנאַרן אַלתרן מיט חיימען, אַז דיין ווייב מישט זיך אין דיינע עסקים? איך זאָל אַזוי ניט וויסן פון קיין שלעכטס ווי איך ווייס ניט וואָס דו, מיין מאַן,

ווילסט עס מיך מאַכן פאַר דיין עצה־געבערין!... דו האָסט ברוך־השם שטענדיק געטאָן אַלץ וואָס דו האָסט געוואָלט, און איצט — אַוודאי... איצט איז שוין ניט קיין נפקא מינה וואָס דו וועסט טאָן. דער עיקר איז דאָך, זאָלסט געזונט ווערן. ברויט מיט הערינג האָבן מיר אַ דאַנק גאָט, און די טעכטער אונדזערע פאַרדינען אויך ב״ה צו ביסלעך... פאַר קיין נדן האָבן מיר ניט, אָבער גאָט וועט העלפן... וואָס קענען מיר טאָן, אַז די קינדער ווילן אַלע פאָרן קיין אַמעריקע? אַז זיי וועלן גיין דינען פאַניען — וועט זיין בעסער? צי חס ושלום, די מיידלעך? איך וואָלט דיר, מיין מאַן, פאַרשפאָרט רייד. דו טאָרסט מער ניט טראַכטן פון דער „טיעליעגע״. דאָס פערד קען דיר אַלתר פאַרקויפן, און די „טיעליעגע״ מאַנט ביי דיר ניט קיין עסן... זאָל דערווייל ר׳ אַלתר מיט חיימען געבן וואַסער צו יעדן און הויב זיך ניט אָן מיט שמעיה־דודן, מיט מאירקען, צי מיט גימיטרען... אויף זיי קענסטו זיך סיי־ווי ניט פאַרלאָזן... וועסט מירטשעשעם געזונט ווערן, וועסטו קויפן אַן אַנדער פערד... אויב אַלתר מיט חיימען וועלן דיך אין זינען האָבן צו באַגיטיקן פאַר דיינע פערציק יאָר האָרעוואַניע, איז אַוודאי גוט, אַלא ניט, איז גאָט אַ פאָטער!

אַלע זיינען געבליבן ווי געפּלעפּט. זיי האָבן זיך הפנים, ניט געריכט, אַז די נחטע וועט אַזוי־אָ, צווישן מיר און דיר, אַרויס מיט קלאָרע דיבורים... זיי קוקן זיך איבער. אָבער נחן האָט זי אַרונטערגענומען אַ שטיין פון האַרצן. ער ווייסט, אַז זי האָט אים שטענדיק אַרויסגעשלעפּט פון אַלע בלאָטעס. און איצט, איז ער אַוודאי מסכים מיט זיין עזר כנגד.

— יאָ, מיין ווייב, האָסט מיר פאַרשפאָרט רייד. אַזאַ יאָר צו מיר ווי דו האָסט גערעדט; ווי דו וואָלסט געווען אַ נביא, אַז אַזוי האָב איך אַליין געטראַכט צו טאָן. בנאמנות.

אַוודאי האָט אַלתר געמוזט צושטימען... — איך וועל טאָן ווי דו ווילסט, נח! און מסתמא וועט חיים אויך מסכים זיין... מיר וועלן זען, מ׳עט איבערנעמען די הענט. אַפילו מיר זאָלן מוזן טיילן צו האַלבע פעסער וואַסער.

חיים איז מסכים. — עס ווערט שפּעט — טענהט ער, — איך מוז זיך גיין אַפּרוען. — האָט מען זיך געגעבן שלום און געזאָגט אַ גוטע נאַכט... אָבער זיכער איז, אַז ביי נחן איז ניט געווען אַזוי רואיק...

מען מוז וויסן, אַז זיין זון מאָטיע האַלט זיך פאַר אַן אינטעליגענט. ער ווייסט שוין אַפילו וואָס הייסט רעוואָלוציע און אַ „זאַבאַסטאָווקע״ און איז אַ בר דעת... אים אַרט ניט וואָס ער איז נח וואַסערפירערס אַ זון. — מיין טאַטע קען פאַרשטעקן אין גאַרטל די גרויסע קנאַקערס, די בעלי־יחוס! — האָט מאָטיע ערשט ניט לאַנג געזאָגט אין מאַרק אויפן שפּאַציר; — ביי מיר איז יחוס — קאַבאַק!... דער עיקר איז דער מענטש, דער ערלע־כער, וואָס האָרעוועט פאַר זיין טאָג אַרבעט. און דאָס איז מיין פאָטער

נח שטענדיק געוועז... — אויך היינט טענהט מאַטיע די אייגענע רייד, נאָר ביי זיך אין שטוב... ער וויל קאַטעגאָריש מאַכן אַ סוף צו דער פּראַגע „טיעליעגע"... ער האָט גאָר אַן אַנדער פּלאַן... דהיינו? — שוין דעם דריטן טאָג דריי איך זיך אַרום אין שטאָט ווי אַן אונטערגעשאָסענער. די מאַמע האָט מיר געשריבן, אַז דו ביסט קראַנק, טאַטע... איך זאָל תיכף קומען צו פאָרן. בין איך דאָ. איך דריי זיך אַרום. עס ביי דער מאַמען אָנבייסן, לויף צו אַברהם רופא נאָך דיינע פּראָשקעס, יעדער פרעגט מיך: „מאַטיע, ווי פילט דער טאַטע דיינער?" די שטאָט גייט „כאַדאָראַם", ניטאָ קיין וואַסער אין צייט. זיי בעטן חיימען, שיקט ער זיי צו אַלתרן; בעטן זיי אַלתרן — שיקט ער זיי צו חיימען. וואָס וועט זיין? — פרעגן זיי מיך. דו הערסט, טאַטע? זיי פרעגן וואָס ס'וועט זיין. דער גאַנצער טאַראַראַם איז וועגן דעם וואַסער!... וואָס זיי דאַרפן וואַרטן ביז זיי קריגן... נו, פרעג איך דיך, האָט זיך געלוינט אָפּצואַרבעטן אַ לעבן לאַנג? וויפל פון דיינע קונדן זיינען דיך געקומען זען אין די דריי טעג וואָס איך בין אין דער היים? בלויז אַלתר מיט חיימען און אייניקע שכנים... און דערבער זאָג איך דיר, טאַטע, מעגסט זיין בייז, — דו דאַרפסט געבן אַ שפּיי אויף דער „טיעליעגע", זאָל זי ברענען! זאָלן אַלתר און חיים נתעשר ווערן פון אַ פּערציקער אַ פאַס וואַסער... דאָס איז דאָך ממש רויב! שפּאַנען אַ פערד, טראָגן די קאַנען וואַסער פונעם צאַפּן אַריין און אַרויס; מען עפנט אַפילו ניט פאַר דיר די טיר... און ביים סוף זאָגט מען דיר ערשט, אַז מ'עט דיר געבן געלט מאָרגן, איבערמאָרגן! דו דאַרפסט נאָך שטיין כעני בפתח „פּאַד קאָזיראָק", מען זאָל דיר געבן דעם פּערציקער!... דערפאַר בין איך אַוועק פון פּעלשטין און אַרבעט אין דער גרויסער שטאָט. און אַפילו דאָרטן וועל איך אויך ניט זיין, איך וועל פאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרטן, אין בריטאַניע, באַהאַנדלט מען מענטשן גאָר אַנדערש. און איך זאָג, אַז חיה טויבע וויל פאָרן קיין אַמעריקע — איז זי אַ חכמה. גענוג פּעלשטין! ווען איך בין דו, זאָג איך צו איצי שמש, אַז אויב ס'געפינט זיך אַ איד וואָס וויל דאָס וואַסערפירעריי, זאָל ער קומען קויפן די „טיעליעגע" און אַפילו דאָס פערד. און וועסט מירטשעשעם עסן דיין ברויט אָן דער קאַרמעליטער קרעניצע...

אַוודאי האָבן די שכנים געהערט. וועגט האָבן אויערן... וואָס זאָל נח, דער קראַנקער טאַטע, זאָגן זיין זון? ער איז דאָך פון דער נייער וועלט, פון רעוואָלוציעס, פון מי יודע וואָס... ער האָט זיך געהייסן געבן אַ פּראָשעק, זאָל שוין זיין שטיל אין שטוב — האָט ער אין דער שטיל געבעטן. — אַז גאָט וועט וועלן וועל איך נאָך לעבן מאָרגן און איבערמאָרגן. לאָמיך נאָר זען וואו איך בין אין דער וועלט... קיין נפקא מניה!... וואָס קען איך שוין זאָגן, אַז מען זאָגט שוין פאַר מיר!

אַוודאי האָט די נחטע יעדן איינגעשטילט. זי האָט איבערגעשלאָגן די קישנס און איינגעהילט איר נחן מיטן ברייטן איבערבעט.

אָבער שוין גאַנץ קאַיאָר האָט זיך אָנגעהויבן טומלען אין שולכל, וואו נח פלעגט דאַוונען... פונקט ווי יעדער וואָלט געוווען אַ נביא, אַז נח פאַרקויפט ענדלעך זיין פּרנסה. צו וועמען? — דאָס האָט מען ניט געוואוסט באַשטימט. געהייסן האָט עס, אַז זיין זון מאָטיע איז דער פאַרקויפער; אַז ער איז בעיקר געקומען פון מרחקים דורכצופירן די קניה... איז געוואָרן אַ שטילער טומל אין שטאָט. היתכן? נח זאָל אַזוינס טאָן, נאָך איידער וואָס־ווען? יאָ, אַזוי שמועסט מען... ער וויל זיך אָפּרוען. געגנוג קרעניצעס אויסגעשעפּט... געגנוג צאַפּנס פאַרלוירן; געגנוג פּעסער וואַסער זיינען אַריין אין די ריטשקעס... אָבער ווער וועט פאַרט זיין דער ממלא מקומו? מען האָט זיך געגנומען אין דער שטיל יאָגן מבקר חולה זיין נחן. כלומרשט בשתיקה געבן אַ טאַפּ דעם וואָגן: מי ומי?

אין אמתן איז מאָטיע, זיין זון, ניט געווען אינגאַנצן געדעכט. ווייל דער מחבר געדענקט נאָך אַלס קינד, ווי די שכנים האָבן באמת געוויינט אין דער שטיל, ווען זיי האָבן געהערט אַז נח ווערט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט; אַז דער הוסט איז זיין אומגליק... אַז אַפילו אין בית המדרש האָבן אידן תפילה געטאָן פאַר נחן... ער איז פלוצים ווי פאַרהייליקט געוואָרן. מען האָט אָנגעהויבן אָפּשאַצן, אַז נח איז ניט געווען סתם אַ וואַסערפירער. אַ סימן? זעט וואָס פאַר אַ קינדער ער האָט דערצויגן. ניט קיין „פּראַמאַכעס", נאָר בעלי דעת... מיט „ספּאָסאָבן"... מען האָט שוין אויסגעחשבונט און אויס־געברייעט אַז אַפילו אַלתר מיט זיין גאַנצער חכמה קען זיך מיט נחן ניט פאַרגלייכן. און חיים? — נו, חיים האָט סתם קיין מזל ניט...

אָבער פון די אַלע רייד האָט זיך דערהערט ס׳קול פון אברהם רופא, אַז נח איז אַלץ נח; אַז דער הוסט ווערט געשטילט, און אַלע רייד זיינען אומזיסט...

אָבער אַ פרישערע נייעס האָט זיך אָנגעהויבן וויגן אין אַלע פיר עקן פון שטאָט. ווי איבער נאַכט האָט מען אָנגעזאָגט מן השמים, אַז יאָסל שרה לאהס ווערט בעל הבית פון נחס געשעפֿאַן... ווי אַזוי? און פאַר וויפל? און דורך וועמען? — האָט מען שוין ניט געדאַרפט פרעגן. וואָרם וויסן דאַרף מען, אַז יאָסל איז אַ גרויסער אָרעמאַן, און פון זיין קירזשנעריי האָט ער קוים ברויט; אַז פאַרלאָטען אַ פעלץ גיט נאָך ניט קיין ברויט. די פּויערים לאָטען היינט אַליין... און פון קלייבן שמאָטעס עסט מען בלויז ביינער... און די געשיכטע וואַקסט אַרויס. — היות זייך, יאָסלס, מוטער, שרה לאה איז אַ זקנה און איז שוין די זיצערין אין מאַרק ביים פאַרקויפן עפּל און באַרן אַן ערך דרייסיק יאָר, און איז, אַגב, איינע פון דער חברא קדישא, אַן איר רירט מען זיך ניט צו קיין מת, האָט זי ב״ה זיך אָנגעקליבן די בידנע עטלעכע קערבלעך פאַר איר טירחה... מען מוז וויסן, אַז זי אַליין, די שרה לאה, שניידט צו די תכריכים און היט אָפּ אַלץ זאָל צוגיין, ווי גאָט הייסט... איז די שרה לאה אַוועק צו נחן בשתיקה און געזאָגט: — עלי ועל צוארי...

איך וויל, אַז מיין יאָסל זאָל געדענקען, אַז די מאַמע זיינע, שרה לאה האָט אים געמאַכט פאַר אַ וואַסערפירער!...

זוי ווייט דאָס איז אמת איז עד היום ניט קלאָר... עס איז אָבער זיכער, אַז יאָסל, שרה לאהס זון וואָס האָט שוין געהאַט דריי טעכטער און אַ בן יחיד, אַן אמתער פעלשטינער געבוירענער, און אַ פעאיקער, אַ מבין אויף פערד, און האָט אַמאָל אַפילו געקענט געבן אַ כוואַשטש מיט דער בייטש, ווען ער האָט אין די אינגערע יאָרן געהאַט זיין געשפאַן. אָבער אים איז, הפּנים, געווען באַשערט צו זיין אַן אביון, און ביי קרוב פופציק געוואָרן יאָסל וואַסערפירער — נחס ממלא מקומו...

ער, יאָסל, האָט זיך גראָד אויסגעטויגט. און אפשר אין זיין מאַמעס זכות האָט אים השי"ת געגעבן געַנוג כוח... ער האָט אַפילו ממש איינגע־שפּאַנט זיין בן יחיד וואָס מען האָט אים גערופן מיטן צונאָמען „קנאַקער". ער האָט גאָר יונג גענומען שעפּן די קאַנען וואַסער, געהאָלפן דעם טאַטן, און אַוודאי, נאָך נחס פּטירה האָט זיך געהערט יאָסלס הויך קול, ווי ער האָט גערעדט צו זיין פערד, ווען ס'האָט זיך געראַטשקעוועט אין די טיפע בלאָטעס מיט דער שווערער משא.

— דראַפּע זיך, פערד מיינער! „דראַפּאַיסיאַ"!... — און ער, יאָסל, איז געגאַנגען ביי דער זייט און געגרעזניעט באַגלייך מיט זיין הויכן פערד, וואָס ער האָט אים אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ... אַלץ פאַרן פיסנע ביסן ברויט...

עד היום שטייען מיר די פיר וואַסערפירערס פאַר מיינע אויגן: זייערע פערד, זייערע „טיעליעגעס", און אַפילו די תנועות זייערע ביים צאַפּן דאָס וואַסער... איך זע חיימען וואָס איז געווען דער גיבור צווישן זיי, דער גרעסטער אָרעמאַן, מיט אַ סך קינדער אָן מזל. איך זע אים גראָבן די קברים בעת ער האָט אונדז פון דאָרטן געטריבן. און אַוודאי אַלתר וואַסערפירער וואָס פאָדערט אַ גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל...

אָבער מיר פעלט לעת עתה דער כוח צו פאַראייביקן אַזעלכע אידן, די פאַרקערפּערונג פון פיר דורות פעלשטין, וואָס איז עד היום געבליבן אַן אייביקער בית הקברות...

השם ירחם...

# דער שטילער קאַמף

עס איז געווען אַ קילער כרימאָרגן. אהרן שמש האָט זיך ווי אַרויסגעריסן פון זיין געלעגער צו עפענען ס׳בית המדרש פאַרן ערשטן מנין. ער האָט עפּעס געפילט, אַז די פאַרשפּעטיקונג איז ניט גלאַטיק. דרייסיק יאָר איז ער שמש און האָט זעלטן פאַרשפּעטיקט צו עפענען דעם בית המדרש, און איצט — מי יודע, אפשר שטייען שוין די עטלעכע מלמדים מיט די טליתים און תפילין און וואַרטן. ער האָט אויף גיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, זיך געוואַשן, געזאָגט זיין „מודה אַני״ און הינטער זיך שטיל פאַרמאַכט די טיר, אַז ער זאָל ניט אויפוועקן זיין דבורהן מיטן בן יחיד, ישראל.

מיט בלויז עטלעכע שפּאַן איז שוין אהרון געווען נעבן בית מדרש און געשטוינט: האָסטו געזען אַזוינס? זאָל איך געווען האָבן אַזאַ טעות? קיינער איז נאָך ניטאָ. וואָס איז דאָ געווען מיט מיר? זאָל איך האָבן פלוצים אַ טעות געהאַט אינם קאַיאָר? דאַכט זיך, אַז די אייגענע זון האָט זיך אַריינגעשפּאַרט דורך זיין נידעריק פענצטערל און געוויזן סימנים, אַז עס איז שוין כאור און דאָ איז גאָר נאָך פרי?

קיין סך קלערן האָט ער אָבער ניט געקענט. ער האָט דערזען דורך אַ פענצטער דעם אַלטן לייב פאַליקס גיין מיט זיין טלית און תפילין, ווי ער וואָלט זיך פּאַמעלעך געשאַרט צום בית מדרש, ניט ווי זיין שטענדיקע איילע־ניש. אַ סימן, אַז ס׳איז טאַקע נאָך פרי. ער האָט אויף גיך אויפגעהאַנגען אַ פרישן האַנטוך פאַר נטילת ידים. ער ווייסט, אַז חיים יואל דער טעלענעשטער איז ממש דער ערשטער צום מנין, און ער ווערט אויפגעהייטערט ווען ער דערזעט דעם פרישן, ווייסן האַנדטוך, גרייט פאַר ערלעכע אידן וואָס עפענען ממש דעם בית מדרש. עס גיט אים עפּעס אַ באַפרידיקונג, ווי דאָס בית מדרש וואָלט געווען דאָס אויסדערוויילטע מקום קדוש פאַר אמתע אידן...

אָבער דעם ערשטן גוט מאָרגן דערהערט ער איצט פון ר׳ לייב פאַליקס, וואָס איז עפּעס נישט דער אייגענער לייב. ער גייט צו שטיל צו זיין פענצטער ביים אָנהייב פונם ערשטן טיש, ניט ווייט פון דער הרובע און גייט באַלד צוריק, גיט אַ קוש די מזוזה, וואָרם ער איז זיכער, אַז היינט האָט ער פאַרגעסן, ביים אַריינגאַנג אינם בית מדרש אַ קוש צו טאָן די מזוזה.

— וואָס איז מיט מיר היינט? — האָט לייב זיך אַליין געוואָלט אויס־מוסרן; זאָל עס הייסן אַז ער, חיים יואל, האָט גורם געווען דערצו? — ניין, און ניין! ער וועט זיך ניט לאָזן; ער האָט אים צוגעזאָגט און כמעט געגעבן אַ תקיעת כף, אַז ער וועט עס האַלטן בסוד, אַפילו עס זאָל געשען ווייס איך

וואָס; זאָלן זיינע קינדער וויסן, אַז זיי האָבן קעגן זייער טאַטן געזינדיקט! אַז כיבוד אב איז ניט קיין קלייניקייט.

אָבער איידער ער האָט אוספייעט צו לייגן טלית און תפילין האָט זיך פון איינעם דערהערט דאָס וואָרט — בתמיה? וואָס קען עס זיין? חיים יואל איז נאָך ניטאָ צום מנין? ער איז דאָך באמת דער ערשטער צו זאָגן אהרונען „גוט מאָרגן".

אוודאי האָט לאַנג ניט געבומען און אהרון שמש האָט אויף גיך אַ שפּאַן געטאָן אַראָפּ אַ באַרג צו חיים יואלס שטוב. ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט פרעגן און האָט באַלד דערהערט דעם טומל צווישן זיינע זין און טעכטער, ווי זיי וואָלטן געווען אין אבילות. דער טאַטע איז נישטאָ! זיין טלית און תפילין זיינען ניטאָ! די מאַמע האָט געמיינט, אַז ער איז אַוועק קאַיאָר אין מרחץ. — עס האָט לאַנג נישט גענומען און אין שטאָט איז געוואָרן אַ געטומל, אַ געפּילדער: פאַרשוואונדן ר' חיים יואל. וואוהין? האָט קיינער נישט געוואוסט. פאַרשיידענע סברות זיינען אַרויסגעשוואומען מיט נביאות וועגן דעם נעלם ווערן.

עס האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן פּרייוויליקע אידן מיט פערד און וועגעלעך אויף אַלע שליאַכן פון ביידע עקן שטאָט און אַרום דעם טייך. די דריי מנינים אידן זיינען ווי אויסגערונען. בלויז עטלעכע זקנים זיינען געבליבן איינגע־הילט אין די טליתים און געדאַוונט ביחידות. זייערע תפילות זיינען געווען אַריינגעטאָן אין חיים יואלס פאַרשווינדן. ברעיון האָבן זיי געטראַכט, אַז ס'איז געוויס פאַר עמעצנס חטאים... אוודאי איבער זיין בן יקרל...?

בעיקר האָט אהרון שמש זיך געפילט געקריוודעט דערפון, וואָס השי"ת האָט אים אַפילו ניט געגעבן קיין רמז וואו זיין ידיד איז פאַרשוואונדן? — על כל פּנים האָב איך דאָך ניט קיין טייערערן פריינד איידער ר' חיים יואלן, און אויב ער איז, חס ושלום, אַוועק אין דער וועלט אַריין אַפריכטן גלות, פאַרוואָס בין איך ניט זוכה געווען צו וויסן? בין איך, חס ושלום, אַ פלאַפלער? — האָט אַהרון שמש צו זיך אַליין גערעדט אַ באַצערטער, מיט אַ תמיה? ער האָט אָבער געפילט אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַ נביא, אַז לייב פאַליקס געפעלט אים עפּעס ניט היינט; ער איז היינט צו שטיל, אַקוראַט ווי אים מיינט מען ניט... ער שטייט זיך ביים פענצטער איינגעוויקלט אינם טלית און עס גייט אים גאָרניט אָן. יאָ, ער ווייס וואַרטן ביז ער וועט אָפּשטיין שמונה עשרה... ער איז זיכער, אַז ער ווייסט דעם סוד...

אָבער איידער וואָס, ווער, וועמען, האָבן זיך אַריינגעריסן חיים יואלס זין און טעכטער אינם בית מדרש און ווי שולדיקע זיך געווענדט צו ר' לייב פאַליקסן: אפשר ווייסט ער וועגן זייער טאַטנס פאַרשווינדן?

מען מוז וויסן, אַז ר' לייב פאַליקס און חיים יואל זיינען געווען די איינציקע צוויי אידן וואָס האָבן געטראָגן שטריימלעך און ווייסע זאָקן עט ביז זייערע קני אַרויף; חברים, וועלכע איינער צום אַנדערן האָט געפילט

כמו אהבת דוד ויונתן; מ'האָט זיך אײנער דעם צװײטן געשװירן די האָר, צוזאַמען זיך געגאַנגען טובלען, געהאַט די אײגענע „שטעט" אין בית מדרש בײ די צװײ גרױסע פֿענצטער אין מערב זײט, דװקא בײם עק פֿונם בית מדרש; בײדע האָבן זײ דערצױגן פֿײנע קינדער, לומדים. מיט דעם אײנעם אונטערשײד װאָס חיים יואל האָט זיך געהאַט זײן הערינג און זאַלץ קרעמל אין מאַרק און ר' לײב מלמד האָט, אַגב, ליב געהאַט אַ גוטן שמעק טאַבאַקע, און געפּיפּקעט אַ גרױסע ליולקע ציבעק, װען ער פֿלעגט צעלאָזן זײן חדר און באַפֿרײען זיך פֿונם „יאַרמאַ".

בײדע ידידים זײנען גראַד געװען שכנים. די שטיבער מיט די שטרױענע דעכער אײנגעהױקערטע. די חיים יואלכע האָט שטענדיק געקנאַטן לײם און פֿאַרריכט אַלע לעכער אָבער ס'האָט ניט געהאָלפֿן, אײן לאַך פֿאַרריכט, אַ צװײטער האָט זיך געעפֿנט. ביז זי פֿלעגט בײז װערן און זיך קריגן מיטן רבש"ע װאָס איר האַרעװאַניע גײט אין דער ערד אַרײן; די חזירים ראַיען הינטער אירע װענט, קראַצן זיך װי זײ װאָלטן זיך דאָרטן געמאַכט אַ „באַ־סידלע". זי פֿלעגט זײ טרײבן מיט שטעקנס, אָבער עס האָט ניט געהאָלפֿן. אַזױ יאָר־אײן, יאָר־אױס. זומער־צײט פֿלעגט זי נאָך דאַרפֿן אַרױסלױפֿן אין קלײטל אַרײן העלפֿן איר חיים יואלן; אים ברענגען אַ טעפּל ציקאָריע מיט אַ „פּידפּאַלעק". זי פֿלעגט זיך מיט אים קריגן איבער דעם, װאָס ער האָט קוים געגעסן אַ כזית; געפּאַסט מאַנטיק און דאָנערשטיק, ממש איר אָפּ־געעקט דאָס לעבן מיט דעם, װאָס ער איז אױסגעדײװערט, איז שטענדיק מלא צער איבער די קינדער װאָס גײען ניט אין זײנע דרכים. ער טענהט, אַז זי איז שולדיק; אַז זי איז אַ מאַמע און די קינדער דאַרפֿן זײן אונטער איר השגחה... סײ די טעכטער, סײ די זין, זי דאַרף זײ אױסהיטן פֿון מכשולים.

אָבער כדי אַרױסװיקלען די מאָדנע געשיכטע מיט חיים יואלס נעלם װערן פֿון דער שטאָט, מוזן מיר קומען צו די זקנים פֿון די דורות צוריק. אױך עפֿענען דעם פּנקס פֿון שטאָט װאָס זאָגט, אַז — ויהי היום, פּונקט מוצאי שבת קודש, פּרשה כי תצא איז פֿאַרשװוּנדן געװאָרן ר' חיים יואל מעיר קאַמענפּאָלי; אַלע נאָכיאָגענישן און זוכענישן און נישטערן על כל דרכים און געװײנערײ זײנען געװען אומזיסט. דער אײן־און־אײנציקער איד, ר' לײב ב"ר משה האָט בשלושה דברים פֿאַרזיכערט דעם רב און כל הקהל אַרײנ־גערעכנט די קינדער, אַז זײער פֿאָטער לעבט; און אַז װיסן זאָלן זײ, אַז ער איז אַװעק אױף דער װעלט אָפּריכטן גלות איבער די זינד פֿון זײן בן זקונים װאָס רעדט על השם ועל משיחו...

די שטאָט האָט זיך געװיגט אין אַ ים פֿון רײד. דאָ האָט זיך דערהערט בלערלײ צאַנקערײען צװישן יונג און אַלט. די עלטערע האָבן געהאַלטן, אַז חיים יואל האָט, לא עלינו, געמאַכט דעם ביטערן אָנהײב! אַז כיבוד אָב איז פֿאַרשװוּנדן געװאָרן, און דאָס יונגװאַרג גײט אַרױס לתרבות רעה און מען מוז עפּעס טאָן דערצו; יונגװאַרג װידער האָט געטענהט פֿאַרקערט, אַז זײ מוזן

ניט בלייבן מיט באָרד און פאות; אַז די וועלט שטייט ניט אויף איין אָרט; אַז דער פּראָגרעס פון דער וועלט וועט גאָרניט שטערן צו כיבוד אָב ואם; אַז מען טאָר ניט אויפרייצן די יוגנט מיט דעם צופאַל פון ר׳ חיים יואלן וואָס איז אַוועק בחינם אַפריכטן גלות, הגם ס׳אַ סברה, אַז ר׳ חיים יואל האָט זיך אַליין פאַרמשפּט צו זיין נע ונד; ווי אַ יוצא מן הכלל, זיין זון ראובן איז ניט קיין כופר בעיקר ווי מען האָט אים פאַרוויקלט, אַז ער איז דער אַפּיקורס מדאורייתא! אמת, ער איז אַ פרייער מענטש, ער וויל ניט גיין אין שפּאַן, ווי דער טאַטע זיינער, וואָס וויל אַז ער זאָל זיין צוגעשמידט צום בית מדרש, טאָג און נאַכט; אויפהערן טרינקען טיי אין אַ גויאישער „טשיינע״; איז דאָס אַזאַ חטא? עס שאַדט ניט זיך צוצוהערן אַמאָל צו אַ פרייען געדאַנק, ובפרט לגבי דער השכלה עפּאָכע... און נאָך, און נאָך טענות פון דער יונגוואַרג האָבן זיך געהערט אין מאַרק און אין די בתי מדרשים, בעת קריאת התורה, ביים לייענען, אין די פאַלישן, אין דעם פאַרהויז צום „אויסנעמענס״ צווישן שחרית און מוסף... אַן עפּאָכע וואָס איז פאַר טאַטע־מאַמע אַין די קליינע שטעטלעך געווען ווי סם, ובפרט די שרעק, אַז ראובן, חיים יואלס, מאַכט אַ תל פון דער יוגנט מיט זיינע „סאַבראַניעס״, מיט זיין כוח הדיבור... מיט זיין אַפּיקור־סות...

אַוודאי איז דער רב פון שטאָט געווען קעגן אַזאַ סאָרט יוגנט... אָבער מיט אַ דרך הטבע. ער האָט גערופן ראובנען צו זיך און געטענהט אין דער שטיל ווי אַ טאַטע צו אַ קינד בזה הלשון:

וואָס איז מיט דיר געשען, ראובן? ביסט דאָך שוין עטלעכע יאָר אַ בית מדרש בחור; דיין לערנען אַ בלאַט גמרא איז דאָך געווען אונדזער שטאָלץ; דיין טאַטנס חסד עליון... און דאַ, פּלוצים ווערסטו אַן איבערגעקערטער; ביסט געוואָרן ממש אַ מחלל שבת בפרהסיא; איר זייט איצט עטלעכע בחורים וואָס איר האָט פאַרביטן די גמרא, להבדיל, אויף לייענען דאָס טריף פּסול וואָס האָט אונדז שטענדיק געטריבן אין גלות אַריין; דו ביסט דאָך ניט אָבי ווער; דו דאַרפסט דווקא וויסן וואָס די תורה זאָגט אונדז און דו ווייסט אַוודאי, אַז כדי צו בלייבן ערלעכע אידן זיינען אונדזערע תנאים געגאַנגען זיך מוסר נפש זיין על קידוש השם!... צי ווייסטו ניט, אַז דו ברענגסט דעם טאַטן דיינעם צער און קיצור ימים?...

אַוודאי איז ראובן ניט שולדיק געבליבן דעם גרייז גרויען רב קיין ענט־פער. זייט מיר מוחל, רבי, האָט ראובן זיך גענומען פאַרענטפערן:

— עס איז ניט ווי איר מאַלט דעם חטא, רבי. איך בין ניט קיין כופר בעיקר; איך וויל נאָר זיין באַפרייט פון פאַנאַטיזם; איך מוז ניט בלייבן דער אייגענער וואָס מיין פאָטער איז. אויב ער וויל דווקא פאַסטן תעניתים, מאַנטיק און דאָנערשטיק, זאָל ער פאַסטן; אויב ער וויל דווקא שטיין איינגעהילט מיטן טלית איבערן קאָפּ ס׳גאַנצע דאַווענען, זאָל ער! ער איז כל ימיו נע ונד! מוטשעט זיך און מוטשעט אונדז. ער לאָזט אונדז ניט לעבן מיט זיין אומ־

געוויינלעכער פרומקייט. אַלץ האָט אַ דרך הטבע. ער היט אונדז די טריט. דאָ גיי ניט, דאָ שטיי ניט, דאָ רעד ניט, דאָס איז שקלאַפעריי, ממש געצנדינעריי...

מיר האַלטן דעם טאַטן אונדזערן בכבוד, און היטן כיבוד אָב, אָבער אַלץ האָט דאָך אַ שיעור! איך בין דאָך אויך געבוירן מיט חושים, מיט אַן אייגענעם מוח און איך האָב רעכט צו דענקען, אַז צו לעבן חוץ מדרך הטבע איז, זייט מיר מוחל, טפשות. די וועלט גייט ניט אויף צוריק. מיר מוזן ניט פאַרבלייבן קיין קליינשטעטלדיקע און אַרומבלאָנדזשען ווי שאָף! און זייט מיך ניט חושד אויף דער זינד פון פאַרלאָזן מיין היים. דער טאַטע ברענגט מיך דערצו!

וואָס דער רב האָט אים דערויף געענטפערט איז אוודאי פאַרשטענדלעך, אַז אין גאַנצן אומגערעכט איז ראובן נישט. אָבער דער סדר העולם איז נאָך אַלץ, אַז די תורה הקדושה וועגט איבער אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען; אַז אַ איד מוז זיך באַגרענעצן און דווקא גיין אין די עלטערנס דרכים... און איך בעט דיר, ראובן טייערער, האַלט זיך אין אָט דער מעלה... מאַך זיך ניט קיצור ימים, רחמנא לצלן! פונקט ווי דיין טאַטן!

און ראובן האָט זיך מיטן רב געזעגנט. אויף אַ ווײַלע האָט מען ווידער דערזען דעם יונגן שלאַנקן בחור אין בית מדרש ביי אַן אָפענעם ספר. אָבער זיינע חברים האָבן געוואוסט, אַז ער איז נאָר לפי שעה; אַז סיי־ווי לערנט ער דעם פשט פאַרקערט.

אוודאי האָט ר׳ חיים יואל, זיין פאָטער, ווייניק גערעדט צו זיין בן זקונים. ער האָט בכלל ווייניק גערעדט צו זיינע קינדער, ווי אַנדערע טאַטעס. ער האָט געלאָזט די מוטער זיין אי טאַטע, אי אַ מאַמע; זיך געהיט מצער צו זיין. עס איז אים, אַגב, נישט געלעגן אין דער מינדסטער מחשבה, אַז איינער פון זיינע צוויי זין וועט אַרויס אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם טאַטנס רשות. ער האָט מער גערעדט צום כביכול, איידער צו זיינע קינדער, וואָס זיינען, אַגב, געווען זעלטן פעאיקע זין און טעכטער.

זיי האָבן געלאָזט דעם טאַטן גיין דאַוונען בציבור און אים איבערגענומען די העגט אין קלייטל. ביסלעכווייז אָנגעהויבן נייען העמדער פאַר אידן און ניט־אידן צו פאַרדינען פאַר זיך... ווייל וויסן דאַרף מען, אַז קיין נדן האָט ר׳ חיים יואל ניט געקענט געבן. ביז איינס נאָך איינס האָבן די טעכטער חתונה געהאַט. געפירט זויבערע היימען, אָבער אָרעמע. פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ גזר מן השמים, אַז חיים יואלס טעכטער זאָלן בלייבן די „אשת חיליס" און פירן זייערע מענערס געשעפטן בשותפות אין אָרעמקייט. ווייל אַזוי האָט די צייט געפאָדערט... ס׳איז השגחת הבורא!

געבליבן אין דער היים זיינען די צוויי זין און די איינגסטע טאָכטער. ר׳ חיים יואל האָט שוין געליטן אויף זיינע אויגן מיט אַ סך יאָרן צוריק, אָבער געהיט טהרת המשפחה, געגאַנגען אין מקוה, געגעסן בצמצום, ניט געוואָלט הנאה האָבן פון עולם הזה. ער האָט ניט געזען, אַז אַרום אים און זיינע קינדער איז אַ געוואַלדיקע מחיצה. דער איינציקער צו וועמען ער פלעגט רעדן על פי

רוב איז געווען זיין שכן און ידיד, ר׳ לייב פאַליקס, וועמען ער האָט שטענדיק מקנא געווען וועגן זיינע קינדער וואָס גייען אין זיינע דרכים, געווען אמת ערלעכע אידן, יריאים ושלימים, און ביי מיר?

נאַ, קוק אָן, לייב, מיין ראובנען. וואו איז ער? וואו לויפט ער אַרום? ניטאָ ביים דאַוונען. ניט שבת, ניט יום טוב, ניט אין די ימי חול. דער אייג־ציקער טרייסט מיינער איז מיין שמעון. לערנט ב״ה געשמאַק אַ בלאַט גמרא; איז שוין אַ בעל הבית פאַר זיך, מיט צוויי טייערע קינדערלעך. מאַכט זיך פּרנסה און העלפט מיר אָפּט אַרויס אין קלייטל, ווען נייטיק. אָבער ניט ראובן. אַז אָך און וויי!...

וואָס זאָל אים ר׳ לייב געווען דערויף ענטפערן? אַז בסך הכל האָט ער אין גאַנצן דאָס אַליין ניט געקענט תופס זיין? — איך בין זיך פאַר דיר מודה ומתודה, חיים יואל, טייערער, אַז פאַר מיר איז דער ענין אַפּיקורסות פרעמד; ביי מיר האָב איך דאָס ניט געזען און ניט געפּיל. דיין ראובן איז געווען מיין תלמיד. אָבער קיין סימן פון אַזאַ פּירעכץ האָבן איך אין אים ניט געזען. אפשר שפּעטער? מי יודע? ער וועט חתונה האָבן, ער וועט דאַרפן זאָרגן פאַר פּרנסה וועט ער אפשר אַנדערש ווערן? וויל אים ר׳ לייב טרייסטן.

אָבער ראובן איז געבליבן ביי זיינעם. פאַר וואָכן און חדשים לאַנג האָבן טאַטע און זון ניט גערעדט צווישן זיך. בלויז ווען דער טאַטע זיינער פלעגט ניט זיין אין דער היים האָט די מאַמע זיינע פאַרנומען דעם טאַטנס אָרט און געוואָרנט איר זון, אַז ער זאָל ניט מצער זיין דעם טאַטן אומזיסט און אומ־נישט... אַז ער זאָל זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר פון שמעונען וואָס איז אַ בר דעת און יעדער טייטלט אויף אים מיט די פינגער, אַז ער איז אַ זיידענער יונגערמאַן; איז שוין דער בעל קריאה פון בית מדרש. הלוואי אויף דיר געזאָגט געוואָרן, מיין קינד, אָן זיין שאָדן; האָט טייערע קינדערלעך, אַ טייער ווייב. און דו? לויפסט אַרום, קומסט אַהיים האַלבע נאַכט, רוקסט זיך אַריין אין אַלקער ווי אַ פרעמדער. עס אַרט דיך אַפילו ניט וואָס דיין שוועסטער קען ניט קומען איבער דיר צו קיין שידוך!

— וואָס דרייסטו אַ קאָפּ, מאַמע, מיט דער שוועסטערס שידוכים, וואָס פּלאָפּלסטו? וואָס טו איך דיר, וואָס טו איך דעם טאַטן? איך וויל זיך ניט קריגן קום איך ניט אַהיים. שוין איבער דעם אַליין וואָס דו האַלטסט מיך אין איין מוסרן פאַרן נעכטיקן טאָג; דו ווילסט אַז איך זאָל זיין אַ צדיק. איך קען עס ניט זיין! איך בין בלויז אַ בשר ודם. זאָל שמעון לייענען די תורה, זאָל ער זיך זיין אַ זיידענער יונגערמאַן, ער איז דערצו ווי געבוירן, איך אָבער — ניט! ערשט דעמאָלט האָט די מוטער זיינע איינגעזען אַז ער איז פאַרט איר קינד, און אַז זי זעט טאַקע ניט איין וואָס פאַר אַ חטאים איר קינד טוט... אפשר איז דאָס קינד ניט שולדיק? אפשר גייט אים, חס ושלום, נאָך עפּעס אַ בייזער שטן?

אַלץ וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט ווען עס הערט זיך נישט אין

שטאָט אַז ביי יעקעלע פּרומעס, דער האַלבער אַדוואָקאַט, אינם איינפיר־הויז פאַרזאַמלט זיך די יוגנט מיט ראובנען בראש, און מען לייענט דאָרט רוסישע גאַזעטן. מען שפּילט אַפילו אין קאָרטן; מען מאַכט זיך אָפענע „סאָבראַניעס" און ראובן דראַדלט זיי אָן צו כל המינים אַנשיקענישן...

וואָס הייסט ער דראַדלט זיי אָן צו אַנשיקענישן? — אויף דעם האָט מען אין קאַמענפּאָלי ניט געהאַט קיין באַשטימטן ענטפער. דער רמז האָט געזאָלט זיין געגנוג... אַז עס איז ניט גלאַטיק, אַז איינמאָל פאַר אַלע מאָל מוז מען דעם ראובנען עוקר מן השורש זיין, אַז מען דאַרף אים לייגן אין חרם אַריין! איין מאָל און אַ סוף; ערשט דאַן וועט די איבעריקע יוגנט ווערן חוזר בתשובה! אָבער צו טאָן אַזאַ זאַך איז אַפילו אין קאַמענפּאָלי ניט געווען אַזוי גרינג.

בשתיקה און בחדרי חדרים איז געווען געפּסקנט, אַז כל זמן ר' חיים יואל לעבט וועט מען זיינס אַ קינד ניט לייגן אין חרם. מען וועט ניט מקצר זיין דעם תמימותדיקן אידן די יאָרן! עס האָט געהייסן, אַז עס מוז זיין שטיל! עד כאן ראובן! דאָס זיינען אַוודאי געווען די רייד פונעם גרויסן רב... קיינער האָט זיך אָבער ניט געריכט, אַז בלויז מיט צוויי וואָכן שפּעטער זאָל ר' חיים יואל נעלם ווערן; איבערלאָזן אַ שטאָט מיט אידן, מיט זיין בית מדרש, מיט זיינע ידידים, ובפרט זיין איינציקן שטריימלענדיקן אידן, ר' לייב פאַליקס און אים באַשווערן, אַז ער זאָל ניט מגלה סוד זיין, אַז ער, זיין ידיד, חיים יואל טעלענעשטער, גייט אַוועק אָפּריכטן גלות פאַר די זינד פון זיין קינד, דער אַפּיקורס...

ווי זיינע קינדער האָבן געפילט און ווי זיי האָבן זיך געיאָגט על פּרשת דרכים צו געפינען זייער טאַטן אין זיין גלות, און בעיקר, זיין זון, דער באַשולדיקטער, איז שוין דוכט מיר איבעריק... בלויז דריי חדשים האָט זיך די שטאָט געוויגט און געוויקט מיט סברות און גערעדעריי. בעיקר האָט זיך די יוגנט געפילט שפּלדיק, וואָס מען טייטלט אויף זיי מיט די פינגער, ווי באַשולדיקטע. זיי האָבן אָבער זיך ניט אָפּגעשיידט פון זייער באַשולדיקטן, ראובנען, וואָס איז קיינעם ניט געבליבן שולדיק קיין ענטפער. ביז דער סוד האָט זיך אַנטפּלעקט דורך אַ פּלוצימדיקער ידיעה־בריוול פון אַ רב, אַז ר' חיים יואל מטעלענטשי איז נפטר געוואָרן בעיר פּה... און ער ווינטשט זיך צו שטאַרבן מיט אַזאַ טויט, אין בית מדרש ביי אַן אָפענעם משניות, ווי דער נפטר ר' חיים יואל, וואָס איז נקבר געוואָרן ביום א' פּרשת דברים לבריאת העולם... דאָס בריוול האָט ענדלעך געמאַכט די גאַנצע שטאָט פאַר אבלים.

מי יודע וויביידע זין האָבן געפילט בעת זיי האָבן געזאָגט קדיש... ראובן, דער אינגסטער זון, האָט אָבער ניט דערגרייכט זיין ציל. ממש אַן איינזאַמער געלעבט אין אַן אַלקער, ניט חתונה געהאַט און אַן עלנטער גע־שטאָרבן אין די דרייסיקער יאָרן. געהאַט אַ סך פאַרערער, און זיין לויה האָט געהאַט אַ שם. ער איז פאַר אַלעמען עד היום געבליבן אַ סתירה, ובפרט פאַר די קאַמענפּאָלער אידן...

# מאַניש ברענמאַן און זיין סביבה...

מאַניש ברענמאַן איז געווען אַ שניט־קרעמער. ביי אים האָט מען געקויפט די בעסטע סחורה. סיי זיידנס, סיי געוואַנט אויף אַ פּאַלטאָ, אַפילו צייג פאַר חתונה מלבושים.

קיינער אין פעלשטין האָט ניט געקענט זאָגן באַשטימט ווי ווייט מאַנישעס עשירות איז געווען. מ׳איז אָבער געווען זיכער, אַז מאַניש האָט געהאַט קרעדיט אין פּראָסקוראָוו און אין דינעוויץ, און דאָס איז געווען דער גרעסטער סימן, אַז ער איז אַן עושר... חוץ דעם האָט מאַנישעס צווייגאָרנדיקע שטוב געשמט אין פעלשטינער מאַרק. זי איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן דעם הויפּט־שאָסיי צו מזרח, ניט ווייט פונעם אַפּטייק, און פּונקט אַנטקעגן דער גרויסער מויער בשם „האָסטאַריע", דאָס אייגנטום פון לייב בנימינס, וואָס האָט אויך געהאַט בערך צען קלייטן, איינגעמויערט אונטער די גרויסע באַלקאָנעס, ווי עס וואָלט געווען געבויט פאַר אַ „קרעפּאָסט". דאָרטן, אויף דעם ערשטן שטאָק האָבן לייבס, שוין פאַרהייראַטע זין און טעכטער געוואוינט, ווי מען פלעגט זאָגן „ביים טאַטן אין ווייגאַרטן".

ווער ס׳האָט דעם בנין געבויט איז פאַר פעלשטין ניט קלאָר. אַ חוץ דעם, וואָס מען ווייס, אַז לייב האָט זי אָפּגעקויפט פון אַ רייכן פּאָסעסאָר. און עד היום איז מען אין פעלשטין געווען אין ספק מיטן נאָמען „האָסטאַריע". אנשי יודעים ווילן האָבן, אַז דער בנין האָט מיט זיך אַ שטיק „היסטאָריע" און מ׳האָט דעם נאָמען פאַרגרייזט.

אין דעם דאָזיקן בנין האָט מאַניש ברענמאַן געהאַט זיין שניט־קראָם, די מאַנופאַקטורנע געוועלב פונקט אַנטקעגן זיין שטוב, מיט אַ באַלקאָן, וואו מ׳האָט געקענט זען די גאַנצע שטאָט, פון מזרח ביז מערב . . . מאַנישעס באַלקאָן האָט גערייצט די יוגנט זיך אַהין אַרויפצוכאַפּן... אָבער ס׳איז ניט געווען אַזוי גרינג. זיינע פינף קינדער, די דריי בחורים, און צווי טעכטער זיינען, ווייזט אויס, צו גיך אויסגעוואַקסן און זיי זיינען געווען גוטע שומרים. אַ חוץ דער קלענסטער בן זקונים, לוי, וואָס איז נאָך געווען אַ חדר־אינגל.

איך האָב ר׳ מאַנישן דערקענט ווען ער איז שוין געווען אין די פריע פערציקער. אַ שיינער מענטש פון נידעריקן וואוקס מיט אַ פירעקיקער היפשער שאַטינענער באָרד, אַ ווייסהויטיק פנים, אָבער עס האָט זיך ווייניק אַרויסגעזען דורך דער געדיכטער באָרד, וואָס האָט זיך גערוקט העט ווייט אַרויף הינטער זיינע פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן זיך געוויגט אין אַלערליי

ווינקעלעך פון זיין געשעפט. בעיקר, אין אַ יאַריד. הגם זיינע קונים זיינען געווען פון די רייכערע, זיין רעדן פויליש, רוסיש און כאַכאַליש האָט ממש יעדן פאַרכאַפּט. בכלל איז אַפילו זיין אידיש רעדן געווען מעלאָדיש. סיידן ער פלעגט ווערן אין כעס... זיין כעס אַמאָל אויסצופירן אַ נצחון האָט אים געוואָלדיק געענדערט. הגם ער איז זעלטן געוואָרן אין כעס. עס האָט געמוזט געשען עפּעס איבערגעווינלעכעס אין בית המדרש, אז מאַניש זאָל אַרויס פון די כלים... און דעריבער האָט מאַניש ממש געקיניגט אַלס דער „געטווערדעטער" גבאי, צענדליקער יאָרן אין פעלשטינער בית המדרש.

קיין למדן איז מאַניש ניט געווען, און דאָס האָט אים אַ ביסל געשטערט. אָבער ווען ס'איז געקומען צו נגינה, האָט ער זיך דערהייבן און דערוואָרבן אַ געוואָלדיקן דרך ארץ פון יונג און אַלט. פעלשטינער אידן פלעגן אים שטעמפּלען ווי אַ יחיד הנגינה. ער האָט געהאַט אַ לירישע טענאָר שטימע וואָס האָט געקלונגען מיט אַ זעלטענער מתיקות. — זיין „כל נדרי", „בראש השנה" און די „יעלות", און דער „אמנם כן יצר" זיינען געווען אַ שם דבר. איך גלויב קוים אויב עס געפינען זיך אַפילו עד־היום אַזעלכע בעלי תפילות ווי מאַניש ברעננמאַן איז געווען. ער פלעגט דאַוונען בלויז מוספים, אין ראש השנה און יום כיפור, אָן שכר טרחה. ער האָט געדאַוונט מיט דער מיט־הילף פון זיינע דריי זינדעלעך: עזרא, משה און לוי. אַמאָל האָט זיך אויך נאָך אַ אינגל ביי אים איינגעבעטן צו ווערן לפי שעה אַן אומזיסטער משורר. צו דעם האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ זכיה. זיינע „יעלות" און אַלע תפילות זיינען געווען אייגנאַרטיק. ער האָט ניט געזונגען מיט שטורעם ווי אַנדערע בעלי תפילות. ביי אים זיינען די תפילות ווי אַרויסגעוואַקסן געוואָרן פון דער טיף אין אַ זעלטענער האַרמאָניע.

מיר פעלט ממש אויס דאָס לשון צו שילדערן די אויסערגעווינלעכע טענער בעת ער האָט געזאָגט זיינע „יעלות". לויט סברות, האָט ער אַ סך געגנאַשט פון ניסי בעלזער און זיידל ראָוונער. אַ דבר ידוע, אַז ער פלעגט אָפּט זיך אַריבערכאַפּן קיין בערדיטשעוו און הערן די גרויסע חזנים. טייל האָבן געהאַלטן אַז ער האָט זיינע ניגונים אויפגעכאַפּט פון די וואָלעכלעך וואָס ער פלעגט זיך אָנהערן דורך זיינע נסיעות איינצוהאַנדלען סחורה. לויט פעלשטינער בית־מדרשניקעס האָט עס געהייסן, אַז לא קם כמאַניש! קיינער האָט באַשטימט ניט געקענט זאָגן ווי אַזוי ס'האָט זיך גענומען אַזאַ געשליפנ־קייט און קרעאַטיווע מתיקות ווי ביי מאַנישן. אמת, ער איז געווען אַ זינ־קעווער חסיד. און צווישן די חסידים פלעגן אַראָפּקומען קיין פעלשטין פיינע מנגנים, גבאים, וואָס האָבן געדאַוונט שבתים זעלטן שיין. ווער שמועסט נאָך דעם באַזעליער רבינס דאַוונען. אָבער ועל כולם, איז מאַניש געווען אַ שם דבר, דער געבענטשטער בעל תפילה...

זיין מזרח „שטאָט" איז געווען לעבן רב און גאון ר' ישראל קיטאָוועך. זייערע טליתים מיט די ברייטע עטרות האָבן געשפּיגלט, ובפרט אין די

ימים נוראים, מיט די ווייסע ברייטע צעפלאָשעטע קיטלען. מיט דעם איינ־ציקן אונטערשייד, וואָס הרב הגאון ישראל קיטאָווער איז געווען אַ הויך פּאַטריאַרכיש געשטאַלט מיט אַ ווייסער באָרד און גראָבע ברילן, שטענדיק געשטאַנען צו מזרח מיטן איבערגעדעקטן טלית, בעת מאָניש, דער מיטל־וואוקסיקער איד איז געזעסן ביי זיין שטענדער מיט די פּענסנע און ממש געריצט די יוגנט מיט זיין גדלות.

די מאָנישעכע, זיין לעבנס־באַגלייטערין, איז אויך ניט געווען אַבי־ווער. זי איז געווען אַ זעלטן שיינע אַריסטאָקראַטישע פּרוי. איר הויך פּאַרקעמטע פּריזור מיט איר הויכן שטערן און לענגלעך געשניצטן פּנים און טונקעלע ברוינע אויגן האָט אַרויסגערופן דרך ארץ ביי יעדן. זי האָט געהאַט אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַ גרויסע השפּעה אויף דער יוגנט, בעת עס האָט זיך געגרינדעט די ערשטע פּעלשטינער ביבליאָטעק אין איר הויז. לויט סברות, האָט זי אין די יונגע יאָרן ליב געהאַט צו לייענען ראָמאַנען.

איך האָב וועגן דער גרינדונג פון דער ביבליאָטעק שוין געשריבן. דער היסטאָריקער וועט זי אוודאי ניט פאַרגעסן ווען ער וועט דערמאָנען פּעל־שטין אין די השכלה יאָרן.

זי פלעגט זיך שטענדיק אָנטאָן יום־טובדיק, אַפילו ווען זי פלעגט מיט־העלפן איר מאַן אין געוועלב דורך די יאַרידים, ווען די מאָנישעכע פלעגט גיין איינקויפן אין מאַרק ,האָבן די זיצערינס איר אָפּגעבלאָזן די טריט. גלייכצייטיק האָבן די קצבים אויך צו איר ניט דערלייגט. זי פלעגט דאָס רוב מיטנעמען איר מוזינקע, ראָסי, וואָס האָט געבליט ווי אַ רויז. קענטיק, אַז זי האָט געוואָלט דאָס טעכטערל אַרויספירן אויף דער גאַס צווישן מענטשן מיט וועלכע זי האַנדלט. אוודאי האָט דאָס שיינע מיידעלע זיך גע־האַלטן שטאָלציק, מיט איר זיידן בייטעלע אין דער האַנט, ווי אַ „„פּאַנינקע". ניט יעדער אין פעלשטין האָט זיך אַזוינס פאַרגינען.

דאָס עלטערע טעכטערל וואָס איז שוין געשטאַנען אין שידוכים האָט שוין געלייענט אַ ביכל אין דער היים, און אָפּט זיך צוגעכאַפּט צום שפּיגל.

די טעכטערלעך האָט מאָניש שטאַרק ליב געהאַט, ווערנד צו די בחורים אי זער געווען גוואַלדיק שטרענג. ער האָט הפּנים פאַרויסגעזען אַז עס איז זיי צו גוט ; אַז זיי האָבן נישט קיין שום זאָרג ; אַז זיי דענקען זייער טאַטע איז אַן עושר, ווערנד אין דער אמתן איז ער גאָר ס'רוב אַ בעל חוב. אמת, ער הייסט מאָניש, ער האָט ב"ה קרעדיט, אָבער זיי וויסן גאָרניט, אַז אָט די פינף קינדערלעך האָבן אים שוין כמעט גרוי געמאַכט. אַז איין שלעכט יאָר האָט אים שיעור געשטעלט צום צעטל.

מאָניש איז אָבער אַ בעל בטחון. ער ווייסט אַז שטענדיק העלפט אים דער אויבערשטער. און נאָך וואָס אָנשרעקן די קינדער. זיי וועלן צייט האָבן צו זאָרגן שפּעטער. — פונדעסטוועגן האָט ער זיי איינגעשפּאָנט אין קלייט. זאָלן זיי צונויפלייגן די סחורה ; זאָלן זיי קענען האַלטן אַן אַרשין אין האַנט ; זאָלן זיי וויסן ווי מען רעדט מיט אַ קונה ; ווי מען שווימט אַריין אין אַ

שטיק זיידנס. — בעיקר איז אים שווער צו קנעלן מיט זיין בכור, עזראן. ער איז עפּעס צו גיך אויסגעוואַקסן, זיך פאַרלאָזן וואַנצעס, אַ הויכער וואַר־גילעך מיט אַ לאַנגער געשניצטער נאָז און אַ „פּה קדוש״, — מיט בייזע אויגן. ער איז שוין, ווי עס זעט אויס, קליגער פאַרן טאַטן. אַלץ ווייסט ער, אַלץ קען ער. אָבער אין דער אמתן וואונדערט ער זיך. ער דערקענט אים אַליין ניט. ווי קומט צו אים אַזאַ געשטאַלט? יאָ, ער ווייס אין וועמען ער איז געראָטן. אָבער ער איז פאַרט זיינער. לאָזט ער אים זיך טומלען צווישן זיינע חברים אין בית מדרש; זאָל ער זאָגן אַ דעה, זאָל ער טראָגן ווייסע העמדער. ער איז דאָך פאַרט דער בכור.

אין אמתן ווייסט ער, אַז די מאַמע זייערע האָלט אויף די זין אַן אויג, פונקט ווי אויף די טעכטער. זי לאָזט איר עזראן ניט באַלעבאַטעווען איבער איר בן יקירל — משהן. זאָל ער, עזרא, ניט מיינען אַז משה וועט זיך לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַריין. מען מוז וויסן, אַז משה האַלט זיך אויך ניט פאַר „צוויי פאַר אַ דרייער״ — משה איז דאָך עפּעס דעם טאַטנס משורר און האַלט זיך פאַר אַ „קראַסאַוויעץ״. אַט ערשט־אַ „שמונה עשרה׳דיק״ און זאָגט שוין אויך דעות. — אָבער משה איז אַ כיטרער בחור. ער לאָזט עזראן געוועלטיקן אָבער טוט וואָס ער וויל. — ער דרייט זיך עפּעס אַזוי אויס אַז עזרא מוז שוויגן. צו־גיך איז משה אַרויף אַ באַרג. אָבער לערנען אין בית מדרש ווילן ביידע ניט. מען וויל ניט קוועטשן די באַנק. — דרייט מען זיך אויפן קאַרעק און מען ווערט וועלטלעך. מען לייענט אַפילו אויס־לענדישע גאַזעטן; מען שרייבט „טשיסטאָפּיסאַניע״, מען רעדט עטלעכע שפּראַכן, געגנאַשט פונעם טאַטן זייערן און עלעכע פּריצים וואָס האַנדלען מיטן פאָטער.

הכלל, סיי משה, סיי עזרא האַלטן זיך שוין פאַר אינטעליגענטן. מען גייט אַפילו דאַווענען, מען פאַרפעלט ניט קיין „קדושה״, אָבער מען כאַפּט אויך אַ שמועס אין פּאָליטיש. מען וויל וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַט איז אַרונטערגעקומען פון ערגעץ אַ רוסישער לערער, אויך אַ טאַנץ־מייסטער; אַט האָט זיך עפּעס פאַרשליירט אַ גימנאַזיסט און געוואָרן אַ חתן צו אַ פעלשטינער מיידל, וואָס האָט אַ טאַטן אַ פּלוצלונג אויפגעקו־מענעם און האָט זיך אויסגעבויט אַ גרויסע שטוב אויף אַ באַרג און געקענט געבן נדן, — אַ סענסאַציע אין שטאָט, וואָס קיינער וואָלט זיך אַזוינס ניט געריכט.

אָט דער גימנאַזיסט איז גאָר גיך געוואָרן דער „זנאַכער״ אין פעלשטין. זיין נאָמען איז דוד פינגערמאַן. און „גאָספּאָדין״ פינגערמאַן האָט שוין „אוטשעניקעס״ און לערנט מיט זיי רוסיש און דייטש, און אַלגעברע. אַוודאי זיינען די בני מאַניש זיינע חברים. בעיקר — עזרא. משה איז נאָך מיט דער יוגנט פון פעלשטין. ער איז גראָד אויסגעקאָכט מיט יעדן. ער האָלט זיך ניט גרויס, געוויינלעך איז ווי אַ מאָל. — עס ווענדט זיך מיט וועמען —

לעת עתה חברט ער זיך מיט לייזער גרשנס, מיט אליהו משהן — מיט מאַטל אופּה און נאָך בחורים וואָס ווילן גיין באַרג אַרויף.

מאַנישעס שטוב איז די צענטראַלע „סבאַרני פּונקט”, דאָרטן מעג מען. ווייל גאָר אָפט וואוינט דאָרט נאַטשאַלסטווע. אַמאָל דער פּריסטאַוו, אַמאָל דער אוראַדניק. זיי בייטן זיך. על כן, איז מאַניש אויסגעקאַכט מיט די „סאַלדאַטסקע קנעפּ” און די „פּאַגאַנעס” — אַמאָל מאַכט מען אַ לחיים, אַמאָל אַ זמרל. און אַזוי טרינקט מען אָפט אַ גלעזל טיי. דער סאַמאָוואַר זידט שטענדיק ביי דער מאַנישעכע. די טעכטער זיינען גראַד „גאַסטיפּריאַמנע”. אַט־אַט וועט מען שטיין אין שידוכים. — זאָלן די קינדער וויסן ווי צו באַגעגענען מחותנים. און מאַניש, זייער טאַטע, קוועלט אָן פון די טעכטערלעך. זיי האָבן זייער טאַטן טאַקע ליב. הגם ער טראַכט שוין, אַז אייביק האַלטן אין דער היים וועט ער זיי ניט. — כאָטש קיין גרויסע נדנס האָט ער זיי ניט צו געבן — מען האָט זיינע עשירות ניט געציילט. — ווערט ער ס'רוב טאַקע באַזאָרגט ווען ער מאַכט זיין סך־הכל. די איינציקע טרייסט זיינע איז, וואָס די קינדער זיינע זיינען צו גאָט און צו לייט. אפשר פאָרט וועט ער זיך אַרויסדרייען מיט ווינציקער נדן? איז אָבער אָנגעקומען אַ צרה. אַן אומגליק אויף דער וועלט מיט אַ מלחמה. דער טייוול ווייסט זיי, ווער זיי זיינען, די יאַפּאַנצעס. ווער האָט פון זיי געהערט. פלוצים, אַ מעשה, אַ בוידעם, יאַפּאַן גרייט זיך פאַרמעסטן מיטן רוסישן בער. עזרא דאַרף זיך שטעלן. וואָס טוט מען? אָט נעמט מען שוין דעם „זאַפּאַס”. ער דאַרף גאָר מי יודע, אַ הונדערטער אָדער צוויי אָפּצושטעלן עזראן.

איז טאַקע געווען אַ נס, אַ ישועה. זיין עזרא איז געראַטעוועט. די מלחמה האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. יונגוואַרג האָט זיך געטוליעט צו ר' מאַנישן. און זי, זיין יפת תואר, האָט געטרייסט די יוגנט: שרעקט זיך ניט, קינדער, גם זה יעבור! לערנט זיך, שטודירט, לייענט גאַזעטן! פאַרלאָזט זיך ניט בלויז אויפן בלאַט גמרא. און אַזוי־אַ האָט די יוגנט דערוואַכט. און מאַנישעס שטוב האָט ווי אויפגעלויכטן. מען האָט געעפנט די לאָדנס. מען האָט גערופן עזריאל סטאָליאַר ער זאָל מאַכן רעמאָנט, אויסהאַקן אַ פּאָר ווענט, מאַכן נייע פענצטער, גרויסע.

און פון דער העלער הויט דערהערט זיך אין שטאָט, אַז ביי מאַנישן גייט ווערן אַ ביבליאָטעק, אַז מען וועט אָנהייבן לייענען, אַ „טשיטאַלניע” הייסט עס! ווער עס קען ניט קיין רוסיש וועט לייענען שלום עליכמען, מענדעלען, אברהם רייזענען און פרוגן. איבער נאַכט איז געוואָרן עפּעס אַ טאַנק־קלאַס. ווער עס האָט די חברה אַראָפּגעבראַכט הא מען ניט געוואוסט. מען האָט זיך משער געווען, אַז פינגערמאַן מיט נאָך אַ פּאָר יונגע לערער, שוין פעלשטינער, האָבן זיך געמאַכט שטילע „סאָבראַניעס”. אַמאָל ביי מאַנישן, אַמאָל ביי יאָסל ברייגעס אינעם אַריינפאָר־הויז. מאַניש מיט זיין הויזגעזינד שוועבן אין דער לופטן. ער האָט שטאַרק הנאה פון דעם יונג־

וואַרג. מען זינגט, מען טאַנצט, מען הערט די „התקוה” פראַנק און פריי. דער „עוד לא אבדה תקותנו” שאַלט אָפט אַרויס פון בית מאַניש. אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער טומל. — אַ ביבליאָטעק? האָבן אידן גע־פרעגט. אַ „טשיטאַלניע”? מוידן מיט בחורים אינאיינעם? וואָס איז דאָ, וואָס? וואָס פאַר אַ הפקרות, וואָס? ס׳בית מדרש טויג זיי ניט?

איז מאַניש געקומען מיט נאָך עטלעכע אידן, וואָס האָבן שוין געטראָגן קאַפּעליושן און זיידענע קאַפּאָטעס. זיין פון פאַרמעגלעכע אידן. אמת, גע־ציילטע, אָבער זיי זיינען שוין געווען אין פּעלשטין. מען האָט זיך געשוירן די בערד, געראַזירט דאָס פּנים, געלייענט דעם „הצפירה” מיטן „הצופה” און נאָך אויסלענדישע צייטונגען. אַ שטורעם וואָס מען האָט ניט געקענט מער אָפּשטעלן. מען איז געקומען צום רב, צום זקן הרב ר׳ ישראל קיטאָווער, ער זאָל עפּעס זאָגן. — וואָס דענקט ער וועגן דעם? איז עס גוט פאַר אידן? וואָס פאַר אַ שפּיל גייט דאָ זיין?!

דער רב האָט זיי געזאָגט, אַז די יוגנט גייט נאָך די נייע דורות; אַז יעדער דור האָט זיין וועג. און פּונקט ווי מען קאָן ניט אָפּשטעלן אַ שטורעם, אַזוי קען מען קינדער ניט פאַרשפּאַרן אין דער היים. — היתכן? האָבן יענע אידן געטראַכט, דער רב זאָל אַזוי זאָגן? אין דער שטיל האָבן זיי זיך גע־וואונדערט. בפרט האָבן זיי געוואוסט, אַז דער רב איז ניט שוה בשוה מיט מאַנישן. אַ דבר ידוע, אַז צוליב זיין גבאות האָט מאַניש אַמאָל איבערגע־כאַפּט די מאָס און פאַרלאַנגט פון רב, ער זאָל אים אויך אָפּגעבן כבוד. — איז עס דאָך געווען אַ גרויס נאַרעשקייט פון דעם קלוגן מאַנישן. — אָבער דער רב האָט זיך דערמיט ניט גערעכנט און ניט געוואָלט שטערן מאַנישעס אויפטו. פאַרקערט, ער האָט זיך גאָר ביים רב דערהויבן.

די בית מדרש אידן האָבן דערפילט, אַז זיי פאַרלירן דעם כיבוד אָב, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי פאַרלירן די ממשלה איבער די זין און טעכטער. וואָרום ביז דעמאָלט האָבן זיך די מיידלעך געהאַלטן פון דער־ווייטנס מיט די בחורים. און איצט, וואָס הערן זיי? הפקר פּעטרושקע? מען וועט לייענען צוזאַמען, וועט וועט מאַכן „סאָבראַניעס” און מי יודע וואָס? — עס האָט געזאָלט אַוועקגיין אַ סדרה פון נצחונות צווישן קינדער און עלטערן, אַ פאַרמעסט וואָס וואָלט, חס וחלילה, אָנגעקומען צום גובערנאַטאָר הגם דער רב וואָלט ניט דערלאָזט אַזאַ המצאה. אָבער דער שטורעם האָט זיך איינגע־שטילט. פּלוצים האָט מען דערהערט אין שטאָט, אַז דער זקן, הרב ר׳ ישראל קיטאָווער, איז געפערלעך קראַנק. מי יודע וואָס עס וועט, חס ושלום, זיין ווען דער צדיק זאָל, חס וחלילה, נפטר ווערן. מען האָט פאַרגעסן אָן דעם ענין ביבליאָטעק. דאָקטוירים, רבנים, דיינים האָבן זיך אָנגעהויבן יאָגן קיין פּעלשטין צו ראַטעווען דעם גאון. אידן האָבן געזאָגט תהילים טאָג־טעגלעך. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. די שכינה פון פּעלשטין האָט זיך אָפּגעטאָן.

ניט אין דעם בילד וועל איך שילדערן די לוויה און די מחלוקת וואָס

האָט זיך צעפלאַקערט אין שטאָט מיט די צווײ צדדים, טייל האָט געוואָלט דעם רבס זון, ער זאָל ווערן דער ממלא מקומו, טייל האָט געוואָלט, אַז משה שוחט, דער למדן און קרוב זאָל ווערן רב. — די טענה איז געווען, אַז עס שאַדט ניט צו האָבן צווײ רבנים אין פעלשטין.

דאָ מוז איך נאָך אַמאָל קומען צו ר׳ מאַנישן מיט זיין שייכות צום ענין צד ראשון און צד שני. מען מוז קודם כל וויסן, אַז די דריי חלקים פון די פעלשטינער אידן האָבן געוואָלט דעם רבנס זון, מרדכי, און איין חלק — דעם שוחט, ר׳ משהן. — גראַד איז מאַניש געווען בלב ונפש אין דער מינאָריטעט, הגם די ברענמאַנס זיינען געווען אין פעלשטין אַ פאַרצווייגטע משפחה און געשפילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון פעלשטין, האָבן זיי אָבער ניט געקאָנט אויספירן דעם נצחון מיט מאַנישן בראש. עס האָט זיך ממש אָנגעיאָגט אַ בייזער שטן, און שכן מיט שכן זיי־נען זיך געוואָרן דם שונאים. ניט בלויז האָט מען זיך אויסגעשלאָגן די פענצטער, נאָר מען האָט זיך געשלאָגן מיט לייכטער און לישנעס און האַק־מעסערס. די שבתים זיינען פאַרשטערט געוואָרן. מען האָט זיך געיאָגט קיין פּראָסקוראָוו צו די געריכט־הייזער. עס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי איבער אַ יאָר צייט און פעלשטין איז געבליבן מיט צווײ רבנים.

איך מאַך עס בקיצור. דאָ פאָדערט זיך אַ גרויס קאַפּיטל. מיין הויפּט עיקר איז אָבער לשייכות מאַנישן. — און מודה אני, אַז ביז דאַן האָב איך פון קינדוויז אָן ממש פאַרגעטערט מאַנישן. אָבער ווען איך האָב אים געזען אין אַ מחלוקת צווישן געשלעגן, ווי ער פלעגט פאַרענדערט ווערן, ווי זיין געשליפן קול פלעגט הייזעריק ווערן און זיין פּנים פלעגט ווערן רויט ווי פייער און זיך פאַרגעסן, אַז ער איז פאָרט אַ ייִדענער איד, אַ שליח ציבור, באַזיצט אַ גאָטס געשאַנק, היתכן? האָב איך זיך געפרעגט, אַלס קינד, מאַניש ברענמאַן זאָל מאַכן אַזאַ טעות? און זאָל פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט? ערשט היינט פאַרשטיי איך אַז אַזאַ נצחון מצד מאַנישן האָט געקאָנט גורם זיין אָט אַזאַ געפעכט! נעמענדיק אין באַטראַכט אַז משה שוחט איז אויך געווען אַ ייִדענער איד און זיין דאַוונען איז אויך געווען זעלטן שיין, און אַפילו צייטנווייז געפראַוועט ביי זיך אין דער היים טישן ווי ביי אַ רבי, ביידע, סיי מאַניש, סיי ר׳ משה זיינען געווען זינקאָווער חסידים און דער רבי פּנחסל האָט געהאַט אַ גרויסע שייכות אין דער מחלוקת.

אין יענער צייט האָבן זיך בכלל אַ סך זאַכן געענדערט אויף דער וועלט, און דער אַריינפיר פון דער ביבליאָטעק איז לכל הדעות פאָרט צושטאַנד געקומען. עס האָט זיך ענדלעך געמוזט איינשטילן דער שטורמישער קאַמף, אָבער דאָס יונגוואַרג איז פאָרט געבליבן נייטראַל. רבנות האָט שוין ניט געהאַט דעם זעלבן ציל וואָס פריער, ווען דער אַלטער רב זצ״ל האָט גע־לעבט. בלויז די עלטערע אידן האָבן געהאַלטן ביי זייער צד. און די יוגנט האָט זיך אויפסניי אָנגעהויבן טוליען צו די ברענמאַנס, וואו ר׳ מאַניש האָט

צוריק נושא חן געווען. די יוגנט האָט אַוודאי געטראַכט, אַז אין אַ קאַמף וועט אפשר יעדער פאַרלירן, און אַוודאי איז ר׳ מאַניש אויך ניט קיין מלאך.

ער האָט צוריק אָנגעהויבן דאַווענען ימים נוראים. מען האָט געמאַכט שלום מיט אים. און מיט דער השגחה, מען איז דאָך אידן, עד מתי, וועט מען זיך זיין שונאים.

אַזוי אַרום איז ר׳ מאַניש אַריינגעצויגן געוואָרן צווישן דער יוגנט מיט זיין באַשערטער, מיט די זין און טעכטער. ער האָט מיט זיין קול רם, מיט זיין הומאָר אַ סך בייגעשטייערט צו גרינדן די ביבליאָטעק. דער „עוד לא אבדה תקותנו״ האָט זיך געהערט זייער הויך. נאַטשאַלסטוואָ האָט געוואוסט, אַז אידן זיינען ציוניסטן; אַז עס מאַכט ניט וואָס דר. הערצלס בילד הענגט פונקט אין דער מיט פון דער מזרח־וואַנט אין דער ביבליאָטעק. מען האָט געטרויט מאַנישן מיט זיינע השכלה חברים.

און מיט גרויס באַדויערן קום איך צו דער ענדע פון דעם קאַפּיטל. און אַדאַנק דער השגחה וואָס איך האָב געלעבט אַ טייל פון מיינע יאָרן אין מיין געבוירן אָרט, פּעלשטין, און האָב דעם זכות צו דערמאָנען אַזעלכע זיידענע אידן ווי מאַניש ברענמאַן.

כבוד זיין אָנדענק!

# מיין זיידע אברהם שוואַרצמאַן

מיין זיידן אברהם, דער פֿאָטער פֿון מיין מוטער, מרים פייגע, האָט מען גע־רופֿן — אברהם לייבעלעס. עס ווייזט, אַז אונדזער עלטער־זיידע לייבע־לע, איז געווען אַ איד אַ חשוב, און דעריבער האָט מען אים גערופֿן לייבעלע, ווי אַ „בן יקרל". טייל לאַנדסלייט ווילן האָבן, אַז מען האָט אים גערופֿן לייבעלע, ווייל ער איז געווען אַ קליינינקער. עס זיינען דאָ נאָך טעמים פֿאַר די צו־נעמען. אָבער אין לעבן איז מיין זיידע ניט געווען אַבי ווער... ער האָט דערצויגן פֿיר זין מיט אַ בת־יחידה. די בת־יחידה איז געווען אונדזער מאַמע, כמעט די שענסטע פֿרוי אין פֿעלשטין. אַ רויט־האָריקע. איר לוי־טער און פֿוכנע ווייס־ווי־מילך פּנים און בלויע שאַרפֿע אויגן האָבן ממש באַצויבערט יעדן וואָס פֿלעגט זי דערזען. גם כן, אירע ברידער, מיינע פֿעטערס, שוויטקע, רויטע יונגעלייט, וואָס האָבן געטאַנצט און געלאַכט און געזונגען רוסישע לידער; האָבן מרעיש עולם געווען. און געהייסן האָט עס, אַז אברהם לייבעלעס „בנים" ברענען אַ וועלט...

סיי פֿישל, סיי איציק, סיי סראָליק, סיי בערל — יעדער האָט זיך געהאַט זיין פֿייער. פֿישל איז געווען אַ שיינער, מיט קודלע רויטע האָר און פֿייער־דיקע אויגן; געטאַנצט און געזונגען און געקענט „דערלאַנגען"... איציק — דאָס אייגענע, כאָטש אין אויסקוק — אויסגעדייוועט, מיט לאַנגע, רויטע וואָנצעס און ביסטרע אויגן! אַן ערנסטער און אַ קלוגער; סראָליק, דער אינגסטער, דווקא ניט קיין גאָר רויטער, אָבער נישט אין גאַנצן ברוין. ער האָט געלערנט געשמאַק אַ בלאַט גמרא און געשריבן אידיש, רוסיש און דייטש, פּונקט ווי דער פֿעטער בערל, וואָס איז געווען דער קלענסטער אין וואוקס... געראָטן אין זיידן לייבעלע...

מיין זיידע, ווען איך האָב אים דערקענט, אין די פֿופֿציקער יאָרן, האָט שוין געהאַט אַ לאַנגע, טונקעלע, האַלב־גרוילעכע באָרד און ברייטע וואָנ־צעס. געטראָגן ווייסע ברילן. זיין לאַנגע קאַפּאָטע האָט אים אַביסל פֿאַר־דעקט די שטיוול. אָבער אַ געזונטער, פֿון נידעריקן וואוקס; אַ איד וואָס רודערט און זיצט ניט רואיק... האָט ליב אויסצוקערן אין און אַרום זיין שטוב אין מאַרק, ווייל ער האָט ליב געהאַט ריינקייט. די באָבע, ליבע, איז געווען אַ זעלטן רויטע, פֿון מיטעלן וואוקס, מיט אַ קלייענדיק פּנים. ווען זי האָט גערעדט האָט מען זי געקאַנט הערן אויף גאַר ווייט. געווען אַ חכמה, מיט אַ מויל אויף שרויפֿן... פּונקט דער היפּוך פֿון מיין זיידן. זי האָט גע־האַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף אירע זין, וועלכע זי האָט באַטיטלט —

יעקב און עשיו. די לומדים: בערל און ישראליק זיינען געווען די „יעקבס", פישל מיט איציקן, די „פרייע", זיינען עס געווען די „עשיוס"... אָבער זיי האָבן געהאַט אַ זעלטענעם דרך ארץ פאַר דער מוטער זייערער, דער באָבע ליבע... הגם זי האָט קיין סך בילדונג ניט געהאַט.

דער זיידע אברהם, איז אָבער געווען דער „געלערנטער". אַמאָל גע־שריבן „פּראָשעניעס" — געווען אַ בוכהאַלטער, וואָס האָט אַזש אַנגעשפּאַרט ביי סקיביניעווסקין, דעם גרויסן און רייכן פּריץ, אַלס דער פּאַרוואַלטער פון עטלעכע „פּאָסעסיעס"... געווען דער גאַנצער בעל הבית איבער די פּעלדער און וועלדער, קי און אָקסן, שאָף און רינדער; אַן דעם זיידן האָט דער פּריץ זיך ניט געגעבן קיין ריר... דער זיידע האָט זיך ביים פּריץ אויסגעבויט אַ הויז, געהאַט אַן אייגענעם געשפּאַן און געריטן אויף אַ פערד ווי אַ מייסטער... — אין „ראָסקאָש" האָבן זיך די זין דערצויגן, האַלב אין שטאָט און האַלב אין דאָרף, אויף דעם פּאָלוואַרק. אונדזער מוטער, מרים — בתוכם. זי, מיין מוטער, האָט מען געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ...

מיין זיידן האָבן די פּויערים גערופן פּאַני אַבראַמקאַ. ער האָט די פּויערים ליב געהאַט. ווייל בטבע איז ער געווען אַ טייערער מענטש. סיידן ער איז געווען אין כעס... עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אַן אמתער גוטהאַרציקער איד.

שטאָט האָט געוואוסט, אַז ר' אברהם איז אַ גרויסער בעל־חשבון; און מען „טרעבעוועט" אים אָפּט צו אַנדערע פּריצים פאַר גרויסע חשבונות, און מען צאָלט אים כבודיק... עס זאָל הייסן, אַז זיין הויפּט־בילדונג האָט ער געקראָגן אין בעסאַראַביע. דאָרטן האָט ער געהאַט רייכע קרובים און מען האָט אים אַוועקגעפירט מיטן אָפּגעשניטענעם גראָבן פינגער, נאָך פון קליינוויז אויף, כדי מען זאָל אים ניט נעמען בעת מען האָט געכאַפּט קינ־דער פאַר אייביקע סאָלדאַטן...

לויט סברות, איז ער געווען אַ גריידינגער נכתב, אָבער פעלשטין האָט אים גענומען פאַר אַן אידעם אַלס פּאַלנעם געלערנטן וואָס האָט נאָך אין דער יוגנט געגעבן „אוראָקן" צו פּריוואַטע גבירישע קינדער... און אַזוי־אַ איז ער געוואָרן דער יונגער שרייבער ביי סקיביניעווסקין. אַ שרייבער האָט אין פעלשטין געמיינט, אַ לערער און אַ מענטש מיט אַ פען אין האַנט, וואָס איז כולל אַלץ... און דעם זיידנס געשיכטע איז ניט סתם ווי אַ מעשה... זי האָט זיך אָנגעהויבן פון זיינע בליענדיקע יאָרן, אַלס דער עקאָנאָם ביים פּריץ, אַלס דער סעקרעטאַר, און איד וואָס גיט צדקה, און שיקט אַפילו אין שטאָט אַריין, מיט דער דערלויבעניש פונם פּריץ, גאַנצע עגלות מיט קאַרטאָפל, קעז און פּוטער און סמעטענע, אַפילו האָלץ פאַר דער באָד, צו באַהייצן אין די ביטערע קרירות.

ער האָט געהאַט צוויי מזרח־„שטעט" אין בית המדרש און אַ „שטאָט" אין יעדן מקום קדוש. געהאַט די שענסטע עליות, און געזאָגט דעות וואו

נאָר ס׳האָט זיך געפּאָדערט, לטובת די אידן... אַפילו געשריבן „פּראָשע־ניעס״, ווען מ׳האָט געמוזט, צום גובערנאַטאָר...

ווען דער זיידע פלעגט אַריינפאָרן אין שטאָט מיט זיין בריטשקע האָבן זיך אידן דערפרייט. די קרעמער האָבן שוין געוואוסט, אַז ר׳ אברהם קומט איינקויפן וויכטיקע זאַכן... הגם געוואוסט האָט מען, אַז סקיביניעווסקי האַנדלט דורכאויס מיט פּראָסקוראָוו און קאַמעניץ. אָבער ר׳ אברהם פאַר־געסט אויך ניט אין די פּעלשטינער קרעמער... עס איז ניט געווען קיין סוד, אַז די באָבע ליבע מאַכט דערנאָך געוואַלדן, למאַי ער ווערט אָפּגע־נאַרט פון די קרעמערס, און ניט אומזיסט פרייען זיי זיך ווען זיי דערזעען זייער קונה... אַלץ הייסט זיך פרייען... — וואָלסט געווען געדאַרפט אויסקויפן אַלע קליטן, אברהם מיינער! — פלעגט די באָבע אַריינזאָגן און בייסן אירע ליפּן. — פאַר וועמען האָסטו דאָס אַלץ איינגעהאַנדלט? פאַר די פּאַראַבקעס? זיי וועלן דיר שטעלן אַ גאָלדענע מצבה? ער, דער זיידע, האָט זי אויסגעהערט און געוואוסט, אַז זי איז גערעכט, אָבער ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפן. דאָס איז געווען זיין טבע. זאָלן די קרעמער וויסן, אַז כל־זמן אברהם לעבט, וועט ער זיי געבן צו לייזן...

וואָס זאָל די באָבע געווען טאָן? זי האָט דאָך געוואוסט זיין שוואַכקייט, און געוואוסט ווען אויפצוהערן אים צו נודיען, וואָרם ער קאָן ווערן אין כעס... זי האָט מורא געהאַט פאַר זיידנס כעס. און ווייל זי איז געווען אַ קלוגע, האָט זי געוואוסט אַז אירע רייד העלפן סיי־ווי ניט, און פונקט ווי דער טומל אויפן פעלד מיט די פּאַראַבקעס, אַזוי איז ער געוואוינט אין דער היים...

ווען ס׳איז אָבער געקומען צו די קינדער האָט שוין די באָבע געהאַט די שליטה. זי האָט געוואָלט זיי מאַכן פאַר לומדים; געשיקט זיי אין שטאָט אַריין צו די בעסטע מלמדים. יעדן יום־טוב פלעגט זי קומען מיט דער בריטשקע אין שטאָט אַריין מיט איר בת־יחידה וואָס איז געווען ווי אַ בלי־ענדיקע בלום... דער אַריינפאָר איז געווען ביי קרובים.

פּעלשטין האָט דעמאָלט אויפגעלעבט. אין קליינינקייט! די „בני אברהם״ זיינען איצט אין שטאָט... די באָבע האָט אָבער געהאַלטן אַן אויג אויף אירע חברה, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי זי, מיט אַ שפּראָץ אויף קלייען... זיי, די בני אברהם, בעיקר פישל, איז געווען זיין שוועסטערס שומר קעגן אונדזערע מוטערס קאַוואַליערן... זיי האָבן איר „אוכאַזשעוועט״... און אַרום זיי האָט זיך געוויגט דער שפּאַציר אין מאַרק אין די פאַרנאַכטן, עט אַרויף צום קלויסטער, וואו דאָקטאָר באַזאַרקעוויטשעס סאַד האָט גע־שמעקט...

עס זיינען געווען צוויי פּלעצער אין פּעלשטין וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם מאַרק־שפּאַציר. דער ערשטער — די אַפּטייק, דער צווייטער — דעם דאָקטאָרס גאָרטן. אַ דבר ידוע, אַז די עפּל און באַרן און פלוימען, און

וויינשל און אַגרעסן וואָס זיינען דאָרטן געוואַקסן זיינען ניט געווען בנמצא אין גאַנץ פּאָדאָליע... אַזוי ווילן האָבן די פּעלשטינער אידן... איר קאָנט ביי זיי ניט אַראָפּדינגען אַפילו אַ האָר. דאָס אייגענע האָט מען געשמועסט וועגן פּעלשטינער „באַרעשניעס״... ממש „קראַסאַוויצעס״...

פּונקט אין יענע יאָרן, ווען דעם זיידנס געזינדל האָט אויפגעבליט און זיך צעוואַקסן האָט דער זיידע זיך אָנגעהויבן שרעקן פאַר זיינע חברה. און טאָקע דערפאַר האָט ער זיך געווענדט צו זיין ווייב, ליבען... — „דו ביסט אַ מאַמע״, האָט ער צו איר געטענהט, „אַ מאַמעס רייד ווירקן שטאַרק אויף זין... די בת־יחידה אונדזערע לאָז צו מיר״... און אַזוי איז געווען. די בת־יחידה, מרים פייגע, איז געווען דעם זיידנס לעבן. ער וואָלט זיך פאַר איר געשאָכטן, — האָט ער אַמאָל געזאָגט צו חיים מאַליעס.

חיים מאַליעס איז געווען זיין פריינד, וואָס האָט שטענדיק גוט געהערט און געענטפערט מיט אַ גלייכוואָרט. חיים איז געווען אַ פּעלשטינער נכתב, אַ פשוטער, רויטלעכער איד, וואָס האָט געהאַט אַ פערד און וועגעלע און געקויפט פלאַקס, גויאיש געוואַנט און אַ מאָל חזיר האָר... חיימס אַ זון, אויך אַ רויטער, האָט זיך געחברט מיט דעם פעטער פישל. די פאַרקניפּטע חברשאַפט צווישן די צוויי טאַטעס און די זין איז מיר עד־היום קשה. אָבער אויף פּעלשטינער בני עיר פרעגט מען ניט קיין קשיות. די קרובהשאַפט איז געווען פאַרבונדן מיט סתירות, און — עד־היום...

אַלץ וואָלט געווען וואויל און גוט ווען מיין זיידע קומט ניט צום נסיון פון שיקן די זין דינען אין מיליטער. דאָס איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ. איציק, פישל און ישרליק האָבן געמוזט גיין דינען פאָניען. קליינינקע אָבער רייניקע, האָט דער דאָקטער אָנגעוואונקען, און — „גאָדיען!״ מיין זיידע האָט אַלץ געטאָן, זיך געלאָזט קאָסטן. געפאָרן צום הוסיאַטינער רבין מיט יעדן זון. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן. ער האָט געוואָרט, אַז השי״ת זאָל עפּעס טאָן אַ נס... זיין איינציקע טרייסט איז געווען, וואָס זיי זיינען גע־ווען גוטע סאָלדאַטן. שרייבער אין קאַנצעלאַריע. ווי ווייט עס איז אמת איז איצט ניט וויכטיק. אַזוי האָט מען דערציילט. אַוודאי פּלעגט דער זיידע פאָרן קיין קיעוו זיך צו זען מיט זיינע קינדער, די יונים. אפשר פאַרט קען עפּעס געטאָן ווערן? אָבער ניין! ניט אין קיעוו, ניט אין וואַרשע האָט ער עפּעס געקאָנט אויפטאָן, עפּעס פועלן... און איז געקומען אהיים, ווי מען האָט אין פּעלשטין געזאָגט, מיטן „בייטשל״...

דעם פריץ איז ניט געווען געפעלן וואָס זיין פאַרוואַלטער אַבראַמקאַ לייגט איין די וועלט אַרויסצונעמען זיינע זין פון סאָלדאַטשינע, און פאַרלאָזט אָפּט זיין פּאָסטן. אָבער וויסן דאַרף מען, אַז סקיביניעווסקי איז געווען אַ פּריץ, אַן אַריסטאָקראַט, און האָט דעם זיידן שטאַרק רעספּעקטירט. אַפילו די יונגע פּאַניטשעס האָבן אים גערופן פּאַני אַבראַמקאַ...

איז אָבער אָנגעקומען פאַרן זיידן אַ פינצטערער טאָג: דער פּריץ איז פּלוצלינג געשטאָרבן. ווער האָט זיך אויף אַזוינס גערעכט? אַלץ האָט זיך

אויפן זיידן אָנגעיאָגט ווי אַ שוואַרצע כמאַרע. וואָס וועט איצט זיין? ווי וועלן זיך די פּאַניטשעס צו אים באַציען? קיין מוטער האָבן זיי, די פּאַני־טשעס, לאַנג ניט געהאַט. דעם פּריץ האָבן קיין פּרויען ניט געפעלט... איצט־אַ, אַ מעשה מיט יורשים. מי יודע? ער דאַרף איצט זיך נעמען מאַכן אַ „באַלאַנס״, אַ חשבון, וואו עס האַלט מיט אַלץ און אַלעמען. דעם זיידן האָט זיך געדוכט, אַז ער וועט צושטעלן אַן אמתן חשבון, ער וועט זאָגן די פּאַניטשעס, אַז זיי דאַרפן ניט מער זיין אין אויסלאַנד; אַז זיי דאַרפן קומען אַהיים און היטן זייער האָב און גוטס; אַז ער אַליין קען ניט האָבן די גאַנצע אחריות. אָבער למען הקיצור, די ענדע איז געווען אַ גאַר שלעכטע. די יונגע פּאַניטשעס האָבן געשיכורט אין אויסלאַנד מיטן טייוולס פאַרלאַנג און גע־שפּילט אין קאָרטן און ממש פאַרשפּילט דאָס האָב און גוטס. ניט בלויז זייער אייגנס, נאָר אויך דעם זיידנס... און געענדיקט האָט זיך אברהם לייבעלעס ממשלה ביי די סקיביניעווסקיס. עס האָבן פאַרנומען די פעלדער אַנדערע פּריצים, וואָס האָבן דעם זיידן ניט געוואָלט אָנערקענען... האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין פעלשטין מיט אַ ווייטיק אין האַרצן, הגם ער האָט נאָך געהייסן „אברהם שוואַרצמאַן״, דער נצחן וואָס איז גרייט צו פאַרן זען דעם גרעסטן אַדוואָקאַט אין קאַמעניץ. ער וועט ווייזן די יונגע פּאַניטשעס, די יורשים, ווי זיי קומט!... ס׳זיינען זיינע אָקסן, זיינע שאָף. ער האָט זיי געהאָדעוועט, געצאָלט די פּאַראַבקעס פון זיינע אייגענע שכירות. ער האָט דעם חשבון. ער וועט אַלץ באַווייזן... „בישקשה, איך הייס נאָך אברהם״... אָבער די באָבע ליבע האָט שוין געוואוסט אַז ס׳וועט גאָרניט העלפן; אַז מיט עשיון לאָדט מען זיך ניט; אַז מיט איר מאַנס גאַנצע נצחונות איז ער אין גלות, און די קינדער וועלן אַהיים קומען פון דינסט מיט אַ ווייטיק אין האַרצן, ווי אַלץ וואָלט געווען אַ חלום...

ס׳איז געווען אומזיסט דעם זיידנס לויפן צום רבֿ, זיך עצהן, אויס־רעדן ס׳האַרץ. אין דער שטיל, גם כן אין בית המדרש, האָט יעדער דעם זיידן געטרייסט. — „ניט געזאָרגט, ר׳ אברהם! איר בויט זיך אַ שטוב; די קינדער וועלן אַהיימקומען פון דינסט. מיר דאַרפן אייך דאָ״...

און — הכלל, ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ זעלטענער פּלאַן, אַן איינפאַל פון דעם זיידנס אַ פריינד, אַז ער זאָל ווערן אַ שרייבער אין שטאָט; אַז סיי־ווי יאָגט זיך אַן אַ נייע צייט; אַז ס׳בית מדרש מיט די מלמדים זיינען ניט מער די גאַנצע דערציאונג וואָס קינדער דאַרפן האָבן... „און איר, ר׳ אברהם, קאָנט עפּעס טאָן פאַר דער שטאָט און פאַרן יונגוואַרג״...

אַזוי ווערט מיין זיידע אברהם דער שרייבער און מדריך פון דער יוגנט, הגם ער האָט נאָך געצויגן אַביסל פּרנסה פון אַ מיל, וואָס איז אים גע־בליבן בשותפות מיט אַ פּויער — מקדמונים... אויבנאויפיק האָט עס אויס־געקוקט ווי די השגחה האָט פּונקט אָפּגעמאָסטן דעם כסא המלמדות, פאַרן מזלדיקן אידן, ר׳ אברהם. אידן האָבן גערעדט אָפן און פאַרשטעלט... אַלץ

ברמיזה... איר זייט ועל־כולם, אַ בר־מזל, ר׳ אברהם; איר זייט שוין אין די פריע פופציקער, עד מתי דאַרף אַ איד זיין צווישן גוים, געגוג!... איר וועט איה״ש חתונה מאַכן די קינדער; אַט נאָך אַ יאָר, נאָך צוויי״. און יאָ, אידן זאָגן אַמאָל נביאות:

אברהם שווארצמאַן מאַכט חתונה זיין בת־יחידה מיט מרדכי יוזיפס... מיט אַ בית מדרש בחור, אַ למדן; אַ שוואַרץ חנעוודיקער, הויכער בחור, וואָס איז שוין ממש דער גאַנצער געהילף צום פאָטער, יוזיפ טאַבאַטשניק, וואָס האָט צוויי פּרנסות, איינע — אַ טאַבאַק־געשעפט אין דער היים, די צווייטע — אַ קאַלך־קלייטל אין מאַרק. ס׳איז נאָר שלעכט וואָס דער יונגער בחור איז נאָך ניט אַרויס פון פאָניעס הענט... ער דאַרף ערשט שטיין צום „פּריזיוו״. אָבער מען מאַכט תנאים...

די כלה, מרים פייגע, איז דאָך די שיינקייט אַליין. דער שידוך איז דאָך באמת מן השמים... וועגן נדן רעדט מען נישט. דאָס גייט צו בסוד. מען שטויסט זיך אַוודאי אָן, אַז ר׳ אברהם וועט צוזאָגן, וועט עס זיין צוגעזאָגט... אַז דער „שווה כסף״ איז אויך אַ שטיק עשירות...

שטאָט שטוינט. אין דער שטיל שמועסט מען, אַז די ביידע משפּחות זיינען דאָך געוואַלדיק פאַרשיידן. זי, די כלה, איז דאָך אַ בת־יחידה, דער־צויגן געוואָרן ביי אַ טאַטן וואָס איז ניט איבעריק פרום, וויניקסטנס — ניט קיין פאַנאַטיקער, אָבער דער חתן איז דאָך יוזיפס אַ זון... ממש דער בעל־הסתירה ביי אידן, און אַוודאי איז זיין זון, מרדכי, דער בית מדרש בחור, אויך ניט קיין פרייער... אָבער מען פרעגט אויף זיווגים ניט קיין שאלות; ביידע משפּחות זיינען בכבודיקע און אַפילו וויטע קרובים...

ווען מיר, דעריבער, למען הקיצור, איבערהיפּן די דעטאַלן פון זייער פאַרקנסט ווערן און זאָגן, אַז דער יונגער חתן האָט צוליב דעם שטעלן זיך צום מיליטער זיך אַריבערגעכאַפּט די גרענעץ קיין גאַליציע, בעיר פּאָדוואָל־טשיסק, לפי שעה דערווייל געקנעלט מיט יונגע תלמידים, צווישן אייגענע, ווייל ער האָט דאָרט געהאַט קרובים... און ווי לאָזט מען עס אַליין, איבער דער גרענעץ אַ חתן אָן זיין כלה? אויף דעם זאָל מען קיין שאלות ניט פרעגן...

מען מוז וויסן, אַז מיין זיידע אברהם איז געווען אַ איד וואָס האָט אַרומ־געריזט איבעראַל. און אַריבערפּעקלען אַ כלה צו אַ חתן קיין גאַליציע איז געווען ביי אים אַ גאָרנישט. און אַזוי־אַ האָט לאַנג נישט גענומען און דאָס פּאַרפּאָלק איז צוריקגעקומען אהיים נאָך דער חתונה צו טאַטע־מאַמע אין פעלשטין, וואו עס זיינען געקומען קינדער, אייניקלעך פון אברהם לייבע־לעס, וואָס זיינען געווען זיין שטאָלץ און נחת. אַזוי כסדר אויך החתונה גע־מאַכט זיינע דריי עלטערע זין, וואָס זיינען אין דער צייט פון דער יאָפּאַניש־רוסישער מלחמה אַוועק קיין אַמעריקע, מורא האָבנדיק מען זאָל זאָל זיי נע־מען אין „זאַפּאַס״. עס האָט אים שוין באַנק געטאָן וואָס ער האָט זיי אַזוי

פרי חתונה געמאַכט, און דווקא ניט ווי ער האָט געוואָלט... שטענדיק האָט ער געטענהט, אַז מען דאַרף ניט זוכן קיין פרעמדע; עס זיינען דאָ גענוג שיינע מיידלעך צווישן משפחה... ער האָט געוואָלט אָנהאַלטן זיין יחוס. זיין אָפּשטאַם איז פון דער שטאָט גריידינג, „מיעסטיטשקאָ גאַראַדאָק", ווי ער פלעגט אונדז טאַלקעווען צו שרייבן די אַדרעסן פּינקטלעך. דאָרטן, אין גריידינג, איז דער זיידע געווען פאַררעכנט פאַר אַן איש חשוב, ווען ער פלעגט אַהין קומען. דאָרטן האָט ער אַפּט בשתיקה געכאַפּט אַ גמילות חסד. אים איז נישט אָנגעשטאַנען צו אַנטלייען געלט אין פעלשטין. — זאָל מען נישט מיינען אַז ער איז שוין, חס ושלום, אַ יורד...

ביידע — סיי דער זיידע, סיי די באָבע ליבע — האָבן זיך געפרייט מיט זייער בת־יחידהס מאַן. דער גראַטענער אײדעם איז טאַקע געווען, ווי אויבן דערמאָנט, אונדזער פאָטער מרדכי, אַ בית מדרש איד מיט שוואַרצע אויגן, אַ באַחנטער, שוואַרצבאָרדיקער...

דער זיידע אברהם האָט געפּלאַנט, באַלד נאָך חתונה־מאַכן זיין בת־יחידה, מרים, צו נעמען דאָס יונגע פּאָרל מיט די בנים זיינע, די ערשטע אויסגעדינטע, און פאָרן קיין אַמעריקע — וואָס דאָס האָט געמאַכט ממש אַ רושם אין פעלשטין! מ׳האָט געטענהט, וואָס הייסט, איר. ר׳ אברהם, פאָרט קיין אַמעריקע? וואָס וועלן טאָן די יונגוואַרג? ווער וועט זיי לערנען שרייבן די „פּראָשעניעס"? אָבער מיין זיידע האָט ניט געהאַלטן קיין סוד. אַלץ איז געווען ביי אים מיטן קנאַק! האָט ער געמאַכט אַ גרויסן חשבון, האָט קהל געוואוסט דערפון; האָט ער געמאַכט אַ קאַפּאָטע, האָט זי געמוזט זיין „גאַר־גאַר". האָט מען אים געמאַכט פאַרן בעל־חשבון, ער זאָל בויען די באָד, איז געווען — הימל עפן זיך! ער האָט געדונגען די בעסטע מעכאַניקער, וואָס אַרבעטן מיט פּלענער. יעדער פעלשטינער איד האָט געמוזט וויסן, אַז אברהם לייבעלעס איז דער שטאָט־בויער, דער באָד־פּאַרוואַלטער; אויב מ׳וועט ניט געבן גענוג צושטייער פאַרן געבוי, זאָגט ער זיך אָפּ פון גאַנצן טאַראַראַם! ער איז געלאָפן צום „וואָלאָסט", געגעבן עצות זוסיע סטאַראָסטע וואָס צו טאָן כדי „קאַזניאַ" זאָל אויך עפּעס אַריינשיקן. אַ מרחץ מוז מען האָבן אי פאַר אידן אי פאַר גויים...

דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט פּריצים האָט ער שטענדיק געכאַפּט אַ פּאָר קערבלעך מעקלעריי, אַפילו ער האָט עס אַליין ניט אויסגעפירט... — האָבן אידן געצאָלט צופּיל צינזן, איז ער, דער זיידע, געלאָפן צום פּריץ, אַז ער זאָל שניידן די צינזן לחצאים. זיין כוח הדיבור אין דער רוסישער שפּראַך איז געווען ווי אַ מין כישוף פאַר די פּריצים, בפרט — די פּויערים. און דאָ וויל גאָר אברהם לייבעלעס איבערלאָזן פעלשטין און פאָרן קיין אַמעריקע דורך באַראָן הירש.

האָט אָבער דער שטן מקטרג געווען און דער זיידע איז מער ווי קיין בראָד ניט דערפאָרן... אַן ענין וואָס איז גאָר טשיקאַווע. עס זאָל הייסן,

אַז ער האָט ניט געפּאָלגט דער באָבען און דער פּלאַן איז צערונען געוואָרן. עס האָט געפעלט „ממתקים”. אַ שווערער וועג מיט קיין עין הרע אַזאַ גע־זינדל. ס'האָט ניט געהאָלפן דעם זיידנס נצחונות און מ'האָט געמוזט מאַכן דעם „השיבנו באַזאַד”... אַוודאי איז געווען אין שטאָט אַ פרייד. גוט וואָס די מאַמע אונדזערע האָט ניט געקענט מיטפאָרן איבערן טאַטן, און אויס־געלאָזט האָט זיך, אַז אברהם לייבעלעס איז ווידער דאָ. אָבער דאָס חדר זיינס האָט שוין פאַרנומען משה שרייבער, אַ בעסאַראַביער איד, אַן אַריסטאָ־קראַט, אַ וועלטלעכער, שוין אין טיפע זעכציקער, אָבער אַ בעל־תנ"ך, אַ משכיל, און יונגוואַרג, פונקט ווי גרויסע האָבן זיך דערפרייט מיט ר' משהן, וואָס איז יונגערהייט שיעור געוואָרן אַ פעלשטינער אידעם... געשיכטע איז מאָדנע און קוריאָזנע...

ערשט דאַן ווערט מיין זיידע דער אייגנטימער פון אַ סעלצער־וואַסער געשעפט, מיט צוקערקעס, און זיסן „סיראָפ”, וואָס די באָבע מאַכט אַליין, און ס'איז מלא טעם. די שטוב זיינע האָט ער צוריקגעקויפט פון אַן אייגע־נעם, וואָס ער האָט אָפּגעמאַכט בתנאי אויב ער קומט צוריק... דאָס איז שוין געווען דער באָבעס קאָפּ. זי האָט געפילט אַז די „יאַזדע” איז מער פאַנטאַזיע וויווירקלעכקייט... איז דער זיידע געבליבן ביי דעם שטיקל פרנסה בלויז פאַר די שבתים... חוץ דעם, האָט ער געצאַפּט דאָס סעל־צער־וואַסער מייסטעריש. די זין און אייניקלעך האָבן געטרונקען אַלץ פריי. אַנדערע אויף באָרג. די באָבע איז געווען די איינקאַסירערין אין די ימי חול. זי האָט געהאַט אַ זעלטענעם זכרון. דער זיידע האָט אויסגעפּלאַנט די סיסטעם מיט די קוויטלעך אויף אַ טאָוול, אָנגעשלאָגן מיט טשוועקלעך, יעדעס חוב־קוויטל האָט ער אויפגעלייגט אויף אַ טשוועקל, וואו יעדנס נאָמען איז געווען פאַרשריבן לדורות. וואָרם וויסן מוז מען, אַז די יונגוואַרג זיינען געווען דעם זיידנס תלמידים, „אוטשעניקעס”, תלמידים און תלמידות. און וועמען האָט דען דער זיידע ניט געקאָנט? און ניט געטאָן קיין טובות אין פעלשטין? בפרט דער יוגנט, בעת ער האָט זיי געלערנט... אַוודאי איז יונגוואַרג ניט אין גאַנצן אַוועק פון זיידן. עס האָט געהייסן, אַז יונגוואַרג גייט צו אברהם לייבעלעס בופעט...

אָבער די יאָרן זיינען געלאָפן. דעם זיידנס באָרד איז געוואָרן טונקל־גרוי, און לענגער. זיינע ברילן האָבן אים שוין אָנגעהויבן דערקוטשען. ער האָט זיי אָפט געווישט מיט זיין רויטער פאַטשיילע און ס'האָט אים געמאַכט נערוועיש. אייניקלעך האָבן זיך געמערט און געוואַקסן, סיי פון די זין און סיי פון דער טאָכטער. אָבער מיט דער טאָכטער איז ניט פריילעך. שוין דאָס זיבעטע ב"ה. פלוצלינג איז זי קראַנק. אָט ערשט פון אַ קימפעט. וואָס טוט מען? מען לייגט איין וועלטן. די „באָבעס” פלעגן נעמען די קינדער. און קיין דאָקטאָר איז אין שטאָט ניט געווען. ער פלעגט אָפט גאָר אַרומפאָרן. איז שוין געווען אַ זקן. איז דאָקטאָריי געווען ביי אים אַ נעבנזאַך. סיידן

פאַר פּריצים... און דאָ קומט די שרעקעלכע טראַגעדיע, די מאַמע אונ־דזערע שטאַרבט יונגערהייט. געבליבן זיינען מיר זעקס יתומימלעך. עס האָט ניט געהאָלפן וואָס אונזער באָבע האָט געעפנט דעם אָרון־קודש אין שול און געליאַרעמט — „רבונו של עולם, טאַטע פאָטער, ראַטעווע אונדזער בת־יחידה, די מאַמע פון זעקס יתומים! ווי איז מיר! איך בין דאָך שוין אַלט, ווער וועט די קינדער דערציען! קינדער אין די וויגן... טאַטע זיסער, דערבאַרעמדיקער!" עס האָט אָבער ניט געהאָלפן. דער זיידע איז געוואָרן דערשלאָגן, און פון ניט שלאָפן, דורך די נעכט היטן זיין טאָכטער מרים, איז ער אַליין קראַנק געוואָרן, אָפּגעלעגן עטלעכע וואָכן אין בעט. די באָבע האָט אונדז געוואַשן און געהאָדעוועט. זיך געבייזערט אויף אונדז, אויף איר בראָך. זי האָט זיך ניט געפילט בכוח צו ווערן אַ מאַמע פון זעקס אייניקלעך אויף דער עלטער...

מיר, די קינדער, האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אין די חדרים, און פּונקט ווען מיר האָבן פאַרענדיקט זאָגן קדיש, איז די באָבע ליבע געשטאָרבן. אָט דעם שניט האָט דער זיידע ניט געקאָנט פאַרטראָגן. געוואָרן אַ בעל בכיה, סיי אין דער היים, סיי אין מאַרק, סיי אין בית המדרש. רק געוויינט און געקלאָגט, און זיך געטוליעט צו די אייניקלעך. מיין פאָטער — דאָס איי־געגע. אָבער שוין אַנדערש. ער איז נאָך געווען יונג. אויך ער האָט געהאַט טענות צום אויבערשטן. און צופיל וואָלט פאַרנומען ווען איך הויב אָן דער־ציילן וועגן אונדזער טאַטן בשעתו...

דער זיידע האָט פאַרקויפט זיינע „שטעט" אין די בתי תפילה, איינע נאָך דער צווייטער, כדי צו געבן די קינדער זייער חלק ירושה... ביים זיידן איז עס געווען ווי אַ לעבנסשטייגער.

אָבער ס'איז געווען פאַרפאַלן. דער זיידע האָט אויך פאַרדונגען די שטוב. פאַר זיך געלאָזט בלויז אָן אַלקערל, וואָס איז געווען פינצטער, קעגן אַ בלינדער וואַנט, און אויפגעגעבן זיין סעלצערוואַסער געשעפט. געהאַט, מ'שטיינס געזאָגט, צוויי היימען: אונדזערע, אין דער קאַלטער „פּוסטינע", און דעם אַלקער, וואו ער האָט גאַנצע נעכט אָפּגעריכט חצות... און זיך געגעזעגנט מיט זיך דעם שכנס קינדער (ער האָט ליב געהאַט יונגוואַרג...).

ווען מיר פלעגן קומען צו אים האָבן מיר זיך געפילט געקרענקט, וואָס די שטוב, אונדזער זיידנס, פון ביידע זייטן, זיינען פאַרדונגען צו פרעמדע, וואו מיר קענען ניט געבן קיין טראָט. ער פלעגט אונדז אַריינגעמען אין זיין פינצטערן אַלקער און אונדז געבן צו פאַרשטיין, וואָס ס'מיינט ירידה; אַז אַזוי וויל גאָט... ער פלעגט לויפן אין פאַטשט טאַג־טעגלעך וואַרטן אויף אַ בריוו פון די קינדער פון אַמעריקע. די בריוו פלעגן אים אויפלעבן, אָבער ניט אין גאַנצן דערפרייען... עס זיינען געווען נאָכווייענישן אין דער היים — אַ שנור מיט אייניקלעך וואָס זיינען געלעגן אויף זיין קאַרק. אויב ער פלעגט קריגן פון אַמעריקע עטלעכע דאָלער פון אַ זון, האָט ער זיי אַוועק־געגעבן און אַליין געלעבט מיט אַ טעפּל ציקאָריע. סיידן ער איז אַראָפּגע־

קומען צו אונדז... און ביי אונדז האָט ער אויך קיין נחת ניט געהאַט. אָרעמקייט ברענגט ניט קיין פרייד. אַפילו מיט אייניקלעך...

און די אייניקלעך וואָס האָבן ליב דעם זיידן האָבן זיך שוין אויך אָנגעהויבן פּאַקן אין וועג אַריין, קיין אַמעריקע. די יאַפּאַניש־רוסישע מלחמה איז שוין געענדיקט. קרבנות זיינען געווען גענוג. אַ שטאָט פון טרערן. אָבער דער זיידע האָט אויפגעלעבט.

בעת ס'איז געקומען דער „פּאַדריאַטשיק" קיין פעלשטין צו בויען דעם שאָסיי און געמאַכט אונדזער אַלטן זיידן אברהם פאַר זיין בעל־חשבון, פאַר דינגען פויערים צו האַקן שטיינער און פירן זאַמד, און היטן דעם שאָסיי, ער זאָל זיך בויען „פּאָ זאַקאָנו". יאָ, אַ סיעתא דשמיא אויף דער עלטער פאַר ר' אברהמען. ער, אברהם שוואַרצמאַן, ווערט אַ נייער פּאַרוואַלטער ביים פעלשטינער שאָסיי און קריגט זעקס רובל אַ וואָך... ווער האָט אים ניט מקנא געווען? און ווער ווייסט עס ניט מער ווי מיר, זיינע אייניקלעך, וואו זיין געלט איז אַהינגעקומען. אוודאי ניט פאַר זיך. די אייניקלעך האָבן פון אים אַרויסגעצויגן יעדן גראָשן. מיר זיינען געווען צו יונג צו פאַרשטיין, אַז דער זיידע איז שוין אַ זקן און דאַרף אַליין פאַר זיך יעדן גראָשן... אָבער ער איז געווען צופרידן. זאָל עס אַזוי אָנגיין אייביק. אָבער מער ווי זעקס חדשים האָט זיך דער שאָסיי ניט געבויט, און אויך די ממשלה האָט זיך געענדיקט ביים זיידן. און פונקט אין אַ פאַר־פסח האָבן מיר, די צוויי אייניקלעך, זיך אָפּגעזעגנט מיטן באַטריבטן זיידן און טאַטן. און דער זיידע האָט אַרויסגענומען פונם בייטעלע די לעצטע צוויי קערבלעך און אונדז געגעבן — לחצאים: מיר אַ קערבל און מיין שוועסטער רייזע ס'צווייטע, און ער האָט אונדז אַרויסבאַגלייט אין דער פינצטערער נאַכט, עט־עט, ביזן טייך ביים בריקל, וואו די שטאָט ענדיקט זיך, און עס הייבן זיך אָן צוויי שליאַכן, לינקס און רעכטס, אַרויס פון דער שטאָט. האָבן מיר זיך צעקושט און געפילט ווי די טרערן רינען אַראָפּ און ווערן פאַרקילט דורך דער קרירה אין דער ווינטערנאַכט.

דער טאַטע איז געזעסן מיט אונדז אויף דער פור און אוודאי אויך געוויינט, און זיך געזעגנט מיט זיין שווער, ביז ער וועט אונדז אַריבערפעקלען די גרענעץ...

דער זיידע וואָלט זיך, ווי עס איז, געווען אָפּגעלעבט דאָס ביסל יאָרן אין פעלשטין מיט דער איינציקער טרייסט, וואָס נאָך איין אייניקל איז פאַרבליבן אין דער היים: מיין אינגסטע שוועסטער — פריידע... אָבער דאָס איז אים אויך ניט געווען באַשערט. ער האָט זיך ענדלעך געלאָזט איינרעדן פון זיינעם אַ זון, בערל דעם ציגעלניק, וואָס האָט געוואוינט אין יאַרמעלינעץ, געמאַכט ציגל און געהאַט פרנסה, אָבער איז גראַד ווייניק געקומען צום אַלטן טאַטן. אַט דער זון האָט עס דעם זיידן איינגערעדט, אַז ער זאָל ענדלעך פאַרקויפן זיין שטוב און קומען לעבן מיט אים אין יאַרמעלינעץ.

און אַט דער מאַרשרוט האָט פאַרענדיקט דעם זיידנס לעבן. ער האָט אין יאַרמעלינעץ ניט געקענט זיין. די אייניקלעך זיינען אים געווען פרעמד. אים האָט געפעלט זיין בית מדרש, זיין שטוב אין מאַרק, וואו ער זאָל פאַרקערן ריין און שיין די „פאַדווירע״; זיך פילן בעל־הבית אַפילו ווען די שטוב איז פאַרדונגען; זיך גיין יעדן פרייטיק אין מרחץ אַריין און זיך האָבן זיין שטענדיקע עליה...

די איינציקע טרייסט זיינע איז נאָך געווען דאָס, וואָס ער פלעגט זיצן און שרייבן בריוו צו אונדז אַלע אייניקלעך, בריוו וואָס פלעגן קענען רירן אַ שטיין. אָבער די עלנטקייט האָט אים געקירצט די יאָרן זיינע. געשטאָרבן פלוצלינג. און מיט זיין קבורה האָט זיך געענדיקט אַ לעבן פון אַ מערק־ווירדיקן אידן, וואָס האָט געוואָלט צונויפפירן בערג מיט בערג, און בויען גאַנצע וועלטן. אָבער די ירידה איז געקומען פאַר דער צייט און האָט ווי אָפּגעהאַקט זיינע פליגל אָן רחמנות. זאָל מיין פאַרצייכענונג זיין אַ שטיקל טרייסט, וואָס מיר האָבן געהאַט אַזאַ טייערן זיידן בשם ר׳ אברהם שוואַרצמאַן.

# אָפּגעשלאָגענע הושענות

ווען אַ פרעמדער מענטש זאָל זיך געווען אַריבערכאַפּן צו אונדז אין שטעטל פאַר הושענא רבא און זיך אַוועקשטעלן לעבן די דריי בתי מדרשים פאַרן דאַוונען כדי צוצוזען ווי דער מסחר פון די הושענות גייט אָן, וואָלט ער געווען געקענט אַ סך לערנען. ווייל אין אונדזער פעלשטין איז טייל יונגוואַרג געווען הפקרדיק. נאָכן אַרויסגיין פון חדר איז מען געוואָרן „פּוסט־און־פּאַסניקעס". איינער פון צען איז געוואָרן אַ בית המדרשניק, גע־לערנט גמרא אָן אַ ציל; טייל האָבן זיך געלערנט מלאכות, טייל זיינען גע־וואָרן דאַרפסגייער, די איבעריקע זיינען אַרומגעגאַנגען „פּאַ כאַטאַך", פרייע פויגלען, אָן אַ מדריך, אָן אַ ציל. קיין פאַבריקן זיינען אין שטעטל נישט גע־ווען, האָבן די חברה זיך געלאָזט וואַוילגיין. מ׳האָט אויסגעמאָסטן די שטאָט; מ׳איז זיך געגאַנגען צו די פויערשע גאַסן, רייצן זיך מיט די הינט, צו באַ־וויזן ווי ווייט זיי זיינען „כראַברע", אָן מורא אַפילו פאַר כלבים...

אַמאָל אין אַ יובל האָט עמעצער אָפּגעשטעלט אַ אינגל און אים גע־שיקט אַ גאַנג. פאַר אַזאַ טירחה האָט ער געקראָגן אַ קאָפּיקע און געוואָרן אַן „עושר"... אָבער נאָכן גאַנג, איז ער ווידער אַרומגעלאָפן. געכאַפּט פּעטש, געגעבן צוריק. מ׳איז געגאַנגען „איינס־אויף־איינס, צוויי־אויף־צוויי"... אַ מאָל געשפּילט אין „חזיר" אָדער „מיאַטש" ביז מ׳האָט זיי געכאַפּט און אָנגעזידלט — אַזעלכע שקצים דערלויבן זיך עס צו פּוסטעווען; ס׳עט פון זיי שוין קיין לייט נישט זיין — האָבן אידן געזיפצט.

טייל האָבן ניט געוואָלט ליידן פון די שטאָט־טאַטעס, האָבן זיי אָנגע־הויבן טאָן זאַכן באַהאַלטענערהייט... ממש זיך געשניטן צו ווערן „קעשע־ניקעס"... גנבים, רחמנא ליצלן. אָבער זיי זיינען געווען, אין גרונט, אָרנטלעך. איך קען בלויז פאַרצייכענען צוויי אינגלעך, וואָס האָבן געהאַט אַזאַ שוואַכקייט צו „לטחענען". כמעט צוויי פון אַ דור. שפּעטער זיינען זיי געוואָרן סטאַטעטשנע. אָבער אין דער צייט פון צוגרייטן הושענות, האָבן זיי בשתיקה אויסגעפּלאַנט, אַז זיי זאָלן מאַכן אַ פאַר קערבלעך...

מען מוז וויסן, אַז דאָס מאַכן הושענות האָט געפאָדערט אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט. ראשית, צו גיין רייסן פון די געוויסע כשרעביימער, וואָס זיינען געווען ביי די פויערים אָן אייגנטום; שנית, האָט מען געדאַרפט האָבן די שטיקער לולב, זיי צו בינדן, כדת וכדין. לויטן חשבון, האָט מען פאַר דער שטאָט געדאַרפט בערך פיר הונדערט הושענות. קליינוואַרג האָט דאָך נישט געשלאָגן קיין הושענות.

האבן זיך ארויסגעלאזט הינטערוועגס בערך א צען בחורים, מערסטע פוסט־און־פאסניקעס, טייל מיט מעסערס, טייל מיט סערפן, וואס מען שניידט גראז. זיי האבן שוין געוואוסט, וואו די ביימער וואקסן. א מאל האט זיך א בוים פון דעם מין פלאנץ גאר געוואקסן אויף די ברייטע שליאכן פריי און אומגעשטערט. האט זיך א בחור געקענט ארויפציען אויף אזא בוים און אויסהאקן די יונגע ווערבעלעך אומגעשטערט, און זיי אהיים טאסקען, באלד זיי ארייננווארפן אין אן עמער וואסער, זיי זאלן בלייבן פריש־צאפלדיק.

זיי האבן אויך געדארפט וויסן, וואו מען דערטאפט אן אלטן לולב, וואס מען קען צעפליקן פאר דעם איינבונד. זיי האבן זיך געגעבן אן עצה. און ווי נביא וואלט זיי מרמז געווען, אז דא און דארט איז דא א פאראיאריקער לולב, וואס קען מאכן דעם קונץ... און גאנץ קאיאר האט מען די הושענות סארטירט און זיי געבונדן, ווי זיי וואלטן געבוירן געווארן מן השמים. ניט אפט האט איין חברה געוואוסט די סודות פון דער צווייטער. אונטער פארמאכטע טירן האט מען די סחורה צוגעגרייט, מיט א באשטימטן פרייז; א דרייער — א הושענא, העכסטנס — צוויי קאפיקעס. א מאל האט א גביר דערלאנגט א גאנצן צענער, צען גראשן, איין קלייניקייט — פינף קאפיקעס!

איז אבער געקומען א דריטע חברה, גרייט צו קאנקורירן און פארקויפן א הושענא בלויז פאר איין קאפיקע א שטיק. דעמאלט האט זיך שוין גע־פאדערט א ראש החברה וואס זאל זאגן — עד כאן! קיין קאנקורענץ... ס'איז א דרייער א הושענא און פארטיק... אלא נישט, איז חיות ניט זיכער.

מיר איז אזא מסחר עפעס ניט אנגעשטאנען. הגם ס'איז געווען פון גאטסוועגן. קיין בושה ניט צו מאכן הושענות און כאפן א קערבל אויף יום־טוב... איך האב אמאל געמאכט א שטילן אפמאך מיט איין צד, אז איך זאל נעמען אן אנטייל און מאכן הושענות בשתיקה, אבער פארקויפן זאלן זיי. ווארם מיין פאטער מיטן אלטן זיידן וואלטן מיך אפשר אויסגעמעקט אלס קינד... מאכן הושענות זיינען געווען פאר די פוסט־און־פאסניקעס, די יתומים, אבער באלעבאטישע קינדער האבן אין דער חברותא ניט גע־טארט זיין...

האט מען מיך נאטירלעך ארייננגענומען אין שותפות, אפגעמאכט פינקט־לעך דעם קאנטראקט, נאכן מסחר זיך צו צעטיילן אין פיר חלקים.

צווישן די חברה איז געווען לייזער דער לאפאצאן. א חברהמאן, א בראנד! א פלינקער, שווארץ־חנעוודיקער בחור, וואס מ'האט פאר אים מורא געהאט. ער האט איינגעשטימט, אז היות איך בין א שטיקל בעל־יחוס, און ווייס דעם דין ווי די הושענות צו מאכן, און איך דארף די פאר גראצער, איז דאס געשעפט געמאכט. איך האב ניט געטראכט, אז הינטער מיינע פלייצעס וועט מען עפעס פארטראכטן און איך וועל דערפוןליידן, און זיך ניט קענען ארויסדרייען, פונקט ווען איך דארף גאר זיין ביים דאווענען מיטן טאטן און זיידן.

אוודאי שטיי איך אויף קאיאר און ווארט אויף דער מינוט ווען דער

טאַטע וועט זיך גיין טובלען און באַלד פון באָד גיין אין בית המדרש אַריין. — איי, וואו איז בערל? — וועט אים די שוועסטער זאָגן, אַז איך בין מסתם אין בית המדרש... און — כך הוה. און איך שטיי שוין מיט נאָך איינעם אין אַ קירזשנערס פּאַרהויז, עט, לעבן טייך, און לעבן פערד וואָס האָט געהאַלטן אין איין הירזשען, בעת מיר האָבן די הושענות געבונדן אויפן טאַפּטשאַן. דאָס פערד האָט געוואָלט עסן די בלעטער, און מיר האָבן נישט געוואוסט די סיבה וואָס ער הירזשעט. איך האָב זיך געשפּיגלט אין די הושענות. דער קנופּ איז געווען ווי אַ מין קונסט צו מאַכן, ווי אַ קעסטעלע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען עפּעס אַ הייליקטום.

די אַנדערע צוויי חברה לאָזן זיך אַרויס מיט אַ גאַנץ קוישל הושענות. איך האָב זיי איבערגעציילט: פּופצן פינקטלעך אין איין קוישל און פינף און צוואַנציק אין אַ צווייטן. זאָל חיימקע מיט חיליקלען נישט מיינען אַז מען קען ביי אונדז גנבענען... אָבער לייזער לאָפּאַטאַן פּאַרזיכערט מיר, אַז מ׳וועט מאַכן כפל כפלים, פון פופציק וועט ווערן הונדערט.

— ווי קען דאָס זיין? — פרעג איך, אַ נאַאיווער, לייזערן.

— פרעג נישט קיין שאלות, יאַלד איינער, דו וועסט זען שפּעטער.

איך ווער עפּעס ווי תמעוואַטע: וואָס רעדט ער דאָ מיט כעס צו מיר? וואָס בין איך דאָ? בין איך אַ שותּף, אָדער ניט? — פרעג איך מיט גריי־זאַטע. ער ווערט נאָך בייזער און הייבט די הענט צו מיר, ווי ער איז גרייט מיר צו דערלאַנגען. און אַזוי־אַ, עס נעמט ניט לאַנג, איך פיל אַז אָט־אָ ענדיקן מיר, און איך וועל אַ לויף טאָן אין בית המדרש, זיך פּאַמעלעך אַריינרוקן אין פּאָליש, און ווי־עס־איז זיך וויזן פאַרן טאַטן, אַז איך מין דאָ, און אויב מיך מקיים פּסק זיין, וועט ער עס ניט טאָן אין טאָג פון הושענא רבא...

אָבער עס גיט זיך אַ רוק אַריין אין שטאַל חיליקל און ברענגט צוריק אַ קוישל מיט הושענות, מען זאָל זיי גיך איבערמאַכן. מ׳וועט זיי פאַרצו־קערן. איך פרעג נאַאיוו: וואָס איז דאָס? ס׳איז דאָך אָפּגעשלאָגענע הושענות? אָבער לייזערל כאַפּט זיי באַלד און איז מלא חדוה; דאָס זיינען די הושענות פון קלויז און אין בית המדרש האַלט מען נאָך ווייט פאַר די הושענות. נעם גיך פריש זיי אָפּ און ביינד זיי איבער מיט פרישן, נייעם לולב. איך וויל רע־וואָלטירן, איך טענה, אַז עס איז ניטש ריכטיק: ווי מעג מען עס? נעמען אָפּגעשלאָגענע הושענות און זיי פאַרקויפן צו בית המדרש אידן? ווערט אַ טומל צווישןביידע שותפים. מען וויל מיך ממש דורס זיין:

— נעם און טו וואָס מען הייסט דיך, — באַפעלט לייזער; ס׳וועט באַלד זיין שפּעט. חיימקע וואַרט דאָרטן אויף זיי לעבן בית המדרש.

וואָס האָב איך געקענט טאָן? זיי האָבן מיך געסטראַשעט, אַז איך ווער אויס שותּף; אַז איך וועל ניט קריגן אַפילו אַ דעניש קע פאַר דער אַרבעט.

שווער איבערצוגעבן מיין געפיל איבער צוויי זאַכן: ראשית, וואָס איך

בין ניט אין בית המדרש ביים דאַווענען; שנית, אַז מ'וועט זיך דערוויסן אין וואָס איך בין דאָ אַריינגעדרייט געוואָרן, ממש אין אַ גנבת הדעת, וואָגן אַזאַ אָפּטו, ווי פאַרקויפן אויפסניי געגנוצטע הושענות, וואָס זיינען בפירוש פסול?

איך קענט זיך אוודאי משער זיין, אַז איך האָב זיך קוים אַרויסגעריסן פון דער שטאָל און אַוועק אין בית המדרש ווי אַ שולדיקער, אַ פאַרפראַ־שעטער, אַ פאַרפּלאָנטער, אַ צעקנייטשטער. שוין פון ווייטנס האָט מיך חיימקע דערזען אַ לויפנדיקער.

— וואָס טוסטו דאָ, בערל? — האָט ער געפרעגט איילנדיק; וואו איז חיליק מיט די הושענות? וואו איז לייזער?

איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי אַ רמז, אַז איך בין אויס שותף, אַז איך וועל פאַרזאָגן אַ צענטן, אַריינצוגיין אין אַזאַ שותפות. איך בין אַריין אין בית המדרש פּאָליש ווי אַ חוטא, ווי אַ שולדיקער; ווי אַ חוטא, וואָס וועט זיך קיין מאָל ניט אויסבאָדן פון דער חטא — ניט קעגן גאָט און ניט קעגן לייט...

אָבער דער סוד האָט געמוזט אַרויסקומען ווי בוימל אויפן וואַסער... ווי די אָפּגענוצטע הושענות וואָלטן פון זיך אַרויסגערעדט, אַז אַזוינס זאָל אין שטאָט מער ניט געשען...

מיר האָבן געקראָגן אונדזער פסק!

# ישראל אברהם „יאַיעטשניק"

ישראל אברהם „יאַיעטשניק" האָט געהאַנדלט מיט אייער. ער פלעגט זיי צונויפזאַמלען אין די דערפער דורך די דאָרפסגייער, זיי פּאַקן אויף אַ וואָגן אין סיטשקע (אַ מאָל — אין קאַסטנס), און זיי אָוועקפירן מיט זיין פערד־און־וואָגן קיין וואָלאָטשיסק, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט גאַליציע. דאָרטן פלעגן די גרויסע סוחרים אַריבערפעקלען די סחורה. אויב דער מקח איז געווען אַ גוטער האָט ישראל אברהם פאַרדינט עטלעכע קערבלעך פאַר זיין עגלה ביצים, אויב, חס ושלום, ניט, איז ער אַהיים געוואָרן באַצערט. געדרוגזט זיך אויף דער השגחה, וואָס האָט אים אַריינגעפּירט אין דער שווע־רער פרנסה. ווייל וויסן מוז מען, אַז אַנגיין מיט אייער דאַרף מען שטענדיק ציטערן: אָט גיסטו עס אַ ריר און עס ווערט צעבראָכן. אָן איי האָט געקאָסט אַ דרייער, און פאַר אַ דרייער האָט אַ מענטש געקענט קויפן אַ פונט ברויט אָפּצועסן... און דעריבער האָט ישראל אברהם געהאַט צו זינגען און צו זאָגן וועגן זיין פרנסה, וואָס ער מוז שטענדיק איבער איר ציטערן, סיי זומער, סיי ווינטער. זומער האָט ער זיך געשראָקן וואָס די אייער שוויצן; ווינטער — וואָס זיי ווערן פאַרפרוירן. דער אייער־סוחר האָט געמוזט וויסן ווי אַזוי זיך מיט זיי בוהג צו זיין. געהאַט, ווי מען זאָגט, קאָלטס און וואָרעמס, איידער ער האָט זיי משלח געווען קיין וואָלאָטשיסק... צו די קאָמיסיאָנערן.

אַזעלכע סוחרים זיינען אין פעלשטין געווען בערך איבער אַ מנין. מען האָט זיך געיאָגט מיט די פערד און וועגעלעך אין די דערפער אָפּצוקויפן די ביצים, סיי לאחדים ביי די פויערים, סיי ביי די אָרעמע דאָרפס־אידן אין דער היים, אָדער אויפן דאָרף. טאַטעס און קנדער, סיי זין, סיי טעכטער, האָבן זיך מתעסק געווען מיט היטן די אייער, זיי פּאַקן און היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

עס וואָלט געווען כדאי צו שרייבן וועגן יעדן יאַיעטשניק אין פעלשטין באַזונדער; ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט, ווי אַזוי די קאָנקורענץ איז אָנגעגאַנ־גען צווישן זיי טאָג־טעגלעך. אַפילו צווישן ברידער, צווישן פאַרצווייגטע משפחות. אָבער עס וואָלט מיך אָוועקגעפירט אין ווייטע דרכים. אפשר — אַן אַנדערש מאָל. איצט־אַ בין איך אויסן צו דערמאָנען נאָר ר' ישראל אברהמען. מיט אים האָב איך אַלס אינגל געהאַט אַ שייכות. מיט אים איז כדאי געווען זיך צו חברן. סיי אַלט, סיי יונג האָט זיך מיט אים געפּילט ווי ביי זיך אין דער היים, אין אַלע פרטים. ער האָט זיך געקאָנט „ספּראַווען" מיט בעלי עגלות און מיט לומדים. ער איז געווען געבענטשט מיט אַ כוח

הדיבור, און בכלל, פיזיש אַ גיבור אַ איד: הויך, מאַסיוו און זשוואַווע דערצו. זיין גרויע, לאַנג און ברייטע פאַרפּאַפּטע באָרד האָט זיך, ווי אויף צו להכעיס, ביי אים, אַזוי פאַרקנוילט, אַז ער האָט געמוזט וואַרטן אויפן פרייטיקדיקן מרחץ זי אויסצופּאַרען מיטן „אַקרופּ" און דערנאָך זי אויסגלייכן צו איר נאַטירלעכן שטייגער, צום אויסזען פון באַלעבאַטישע בערד... זיין טונקעלע הויט פונם האַלב־פאַרדעקטן, באַוואַקסענעם פּנים האָט זיך קוים אַרויסגעזען. אַחוץ זיין היפּשע נאָז, וואָס איז דווקא געווען קיילעכדיק מיט ברייטע נאָז־לעכער, אַזוי ווייט, אַז עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די נאָז־לעכער זיינען היפּש צעשפּרייט איבער דעם שטופּן אין זיי די טאַבעק העט אַרויף, אַז ער זאָל קענען געבן אַ געשמאַקן ניס... און כאָטש ישראל אברהם איז דעמאָלט געווען אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער פונדעסטוועגן ליב געהאַט אַ גוטן שמעק טאַבעק. דאָס האָט געזאָלט פאַרבייטן דאָס אָרט פון רויכערן אַ ציגאַר טיטון. און ניט שטענדיק האָט זיך ישראל אברהם געקענט פאַרגינען צו רויכערן ווי אַנדערע, ווייל קיין גביר איז ער ניט געווען.

ער האָט זיין סאַסיען גערופן „מיין גאָלד". זי איז אים געווען אַ געטריי ווייב. האָט אים דערצויגן צווי זין, הערשל און נאַטע — אירע צוויי אוצרות. עס זאָל הייסן, אַז ביידע זין זיינען געווען אונטער דער מאַמעס השגחה: אין אָרעמקייט, אָבער אין כבוד. זי האָט זיי ריין געהאַלטן פון קליינוויז אויף, און זיי געהיט אַפילו ווען זיי זיינען שוין געווען בית מדרש בחורים. ביידע האָבן בשעתם שוין געלערנט אַ בלאַט גמרא. מיט איין אונטערשייד, וואָס הערשל, דער עלטערער, האָט זיך געשניטן פּאָר אַ פּרייען... אַ מאָל שוין פאַרבויגן אַ „קדושה"... און נאַטע, דער אינגערער, איז דווקא געווען דער ציטערדיקער, פרומער בחור, דער שוואַרץ־חנעוודיקער דער אמתער מאַמעס אַ קינד, וואָס האָט, אגב, שוין מיטגעהאָלפן דעם טאַטן זיינעם אין מסחר; געטויגט אַרום און אַרום, צו גאָט און צו לייט.

הערשל, דער עלטערער, וואָס איז געווען וויסהויטיק און שוין געהאַט אַ היפּש בערדל, און געלייענט דעם „הצופה", וואָס ער האָט אויסגעשריבן פון אויסלאַנד, איז שוין געווען אַ באַלעבעסל פאַר זיך, און געזאָלט מרעיש עולם זיין מיטן מסחר פון אייער. ער האָט געוואָלט זיך ספּעציאַליזירן אין דעם מסחר אויף אַזוי ווייט, אַז ער זאָל קענען די נאַטור פונם איי אויפן האָר. ער האָט געזאַמלט די אייער אין די קאַלטע שפּייכלערס אין די זומער־חדשים, זיי זאָלן ניט כאַפּן קיין שוויץ. ווינטער האָט ער זיי געהיט פון די ביטערע קרירות, מיט כלערליי צודעקעכצן... ער האָט, הייסט עס, שפּעקולירט, געקויפט זיי ווען דער פּרייז איז געווען אַ ביליקער, וואָלול, הייסט עס, און געהיט די בירזשע וועגן מקח, ווען עס איז געווען אַ דוחק אין אייער.

געווינלעך האָט ער געהאַט אַ פּאָר שותּפים. און הערשלס „אויספּעכעס" זיינען ווייט ניט געווען ווי ביי די ראָטשילדס... קיין עשירות האָט ישראל אברהם ביים זון ניט געזען. — איך זע נאָך ניט די אלפים ביי דיר, מיין

גרעאַטענער זון, האָט דער טאַטע זיך געוויצלט ווען זיין הערשל פלעגט אים דערציילן זיין גאונות, אַלס „זנאַכער" אין ענין ביצים...

ישראל אברהמס שטוב איז געוועןביים עק שטאָט, מיטן רוקן צו די גוישע גאַסן, הגם פון פאָרנט האָט זיך געשניטן אַ פרייער וועג צום מאַרק. אַזוי, אַז אין מאַרק האָט מען געקענט זען ישראל אברהמען, עסקן זיך מיטן פערד און וועגעלע און אַפילו פּאַקן די אייער פראַנק און פריי אַנטקעגן דער זון... מיר, חדר־אינגלעך, וואָס האָבן געלערנט ביי משה יעקבן, בשכנות מיט ישראל אברהמען, האָבן זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן ווי געשווינט און קונציק ער מיט זיינע זין האָבן געפּאַקט די אייער אין דער סיטשקע, רייענווייז. בעיקר פלעגט זיי ר' ישראל אברהם קאַטשען אין די הענט פיר מיטאַמאָל. זיי האָבן זיך פון זיינע הענט ניט געקענט אַרויס־דרייען. מיר, קינדער, האָבן באַוואונדערט זיינע „יגיע כפים"! אַט־אָ גיט ער זיי אַ דריי אַריין אין זיינע ברייטע, מאַסיווע הענט, און אַט ליגן זיי שוין פּאַרפּאַקט, ווי געבוירן אויפן אָרט אין דער סיטשקע.

אַוודאי פלעגט ער אונדז הייסן גיין אַהיים און עסן קאַרזשן „סיטשקע", מיט קנאַבל... ס'איז אין גאַנצן ניט געווען קיין ליצנות. וואָרם אַ סך אינגלעך האָבן אויך דאָס ניט געהאַט...

ישראל אברהמס הולך איז געווען וואָכעדיק, אַפילו אין אַ יום־טוב. זיינע ברייטע שטיוול מיט „פידקאָוועס" האָבן זיך שטענדיק געחברט מיט די בלאָטעס. פונקט ווי זיין קאַרטענע לאַנגע קאַפּאָטע און וואַטאָווע לייבל. אין זאַך האָט זיין „גאָלד" סאָסיע ביי אים יאָ אויסגעפירט, ער האָט געמוזט טראָגן אַ ריין העמד און גאַטקעס. הגם זי האָט געוואוסט, אַז לאַנג וועט עס ביי אים ניט דויערן. העמדער ריינע און ווייסע זיינען געווען ישראל אברהמס עשירות.

ער פלעגט דאַווענען אין קלייזל, געהייסן אין פעלשטין, „הוסיאַטענער קלייזל", ניט ווייט פון זיין שטוב. אָבער ס'רוב האָט ישראל אברהם געדאַוונט אין בית מדרש. זיין „שטאָט" איז געווען ביים גרויסן טיש, ניט ווייט פון דער הרובע, צו מערב זייט פונם בית מדרש, אַנטקעגן דער קלויז. גע־ווינלעך פלעגט ער זיך פילן יום־טובדיק צווישן די שבת־אידן. זיינע חברים, וואָס האָבן זיך געקרייזלט די פיאות. ער האָט זיך שטענדיק גע־וויצלט, וואָס דווקא זיין באָרד קרייזלט זיך ניט־ווילנדיק, און זיינע פיאות, כאַטש גיב זיי אַ קרענק, וועלן זיי זיך ניט קרייזלען... ער האָט גערעדט הויך און דייטלעך, אַפילו ווען ער האָט בלויז געמיינט אַ רמז. זיינע שכנים אין בית מדרש האָבן אים ניט אָפט גענומען ערנסט. אַ לייכטע לונג און לעבער ביסטו, סראָל אברהטשיק, פלעגט אים ר' לייב פאַליקס, שוין אַ זקן, אַ שטאָך טאָן. ווייל לייב פאַליקס איז געווען אַן ערנסטער איד מיט אַ שטריימל און ווייסע זאָקן און אַ יודע ספר... און ניט איין מאָל האָט אים ישראל אברהם אַ סטראַשע געטאָן, אַז ער וועט נאָך אים ירשהנען; ער וועט צונע־

מען ביי אים דאָס חדר... איבער הונדערט יאָר... קיינער האָט זיך ניט געריכט, אַז דער וויץ וועט מקוים ווערן, ווייל ישראל אברהם האָט זיך פּאַר אַ סך יאָרן צוריק אָפּגעטאָן פון לערנען. ער איז גיכער געווען דער האַרעפּאַשניק, געיאָגט זיך יום ולילה מיט זיינע פערד און וואָגן קיין וואָלאָטשיסק, וואו, געטאָגט ניט גענעכטיקט. אין רעגן און אין בלאָטעס. זיך אַרומגעוואַלגערט אונטערוועגנס... און אַזוי־אַ פאַרלאָזט דאָס לערנען. ווי עס וואָלט געווען אַ גזר מן השמים, אַז ער, ישראל אברהם, פּאַסט זיך ניט פאַר קיין תלמיד חכם; אַז ער איז פאַרמשפט צו זיין נע ונד, און אַלץ אָננעמען באהבה. ווייל אין דער אמתן איז ער זיך, סיי־ווי, אַ שמח בחלקו. וואָרם וואָס דאַרף דער מענטש? אַ שטוב ב״ה, האָט ער און צווי טייערע זין, וואָס זיין סאָסיע לאָזט ניט אויף זיי קיין שפּרינקעלע, קיין עין הרע, וואָס זיינען איבער נאַכט געוואָרן „לומדים״. — ווער בין איך דען? באשר, בכן איך הייס ישראל אברהם? אַז אין דער אמתן איז דאָך דער טאַטע מיינער געווען אַ פּשוטער איד, שטענדיק זיך געעסקט מיט פערד, געקענט אַפילו אויפהייבן אַ פערד אויף די פּלייצעס. איך, זיין זון, בין דאָך אַ למדן קעגן מיין טאַטן עה״ש. און אפשר אַ גרעסערער גביר איידער ער איז געווען, טאָ וואָס־זשע פעלט מיר? ווער זוכט דען עשירות?...

אָט די רעיונות האָט ישראל אברהם גאָר אָפט זיך אויסגעדריקט אין שטאָט, אין מאַרק און אַפילו ווען ער פלעגט באַגעגענען פרידלען, דעם שטאָט־וויצלער. ביידע האָבן זיך געלאָזט וואוילגיין ווען מען האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר טיטון; ביידע האָבן זיך געלאָזט פריי אין אַ שמועס. עס האָט געהייסן, אַז ביידע האָבן לייכטע פרנסות. פרידל האַנדלט מיט פולאָווע וואָס דער ווינט טראָגט זי אַוועק און ער עסקט זיך מיט ביצים, וואָס גייען אויך אַוועק ערגעץ קיין פּאַדוואָלטשיסק... מיטן ווינט...

אַזאַ פאַרגלייך האָט אַוודאי פרידל ניט געקענט טאָלערירן. און פון דער מסכתא ביצה פלעגט מען לערנען אַ סך פשטים... פרידל האָט געפרעגט ישראל אברהמען צי ווייסט ער באַשטימט וועלכעס איי איז כשר? צי איז עס ניט „טשאַסאַם״ געבוירן געוואָרן און יום־טוב? וואָס פאַר אַ סימן האָט ער?

ישראל אברהם האָט זיך ניט פאַרלוירן. ער האָט פרידלען אָפּגעשיקט צו די בית שמאי מיט די בית הלל... זיי זיינען עס די בעלי פוסקים... און טאָמער איז דיר, פרידל, שווער אַריינצוקוקן אין „ביצה שנולדה ביום־טוב״, וועסטו מיר צושיקן אַ פורל פולאָווע שכר לימוד און וועסט ווערן מיין תלמיד!...

— אַזוי גאָר? פרעגט אים פרידל ערנסט, פון אַ יאַיעטשניק שפּרינגסטו שוין צו מלמדות? — וואָס־זשע, איך דאַרף דען שפּרינגען? טו מיך באַר אַ בעט, און איך פאַרקויף מיין געשפּאַן מיט די ביצים אַפילו און איך ווער אַ מלמד!... וואָרם מיין סאָסיע וועט מיך סיי־ווי באַלד אָפּגטן! זי,

מיין גאָלד, טענהט, אַז איך בין אַ לייכטע לונג און לעבער; אַז איך יאָג זיך אַרום טאָג און נאַכט. זי האָט ממש ניט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן, רק איך פּאַק די „פאַרשטונקענע" אייער, און זי אַליין פאַרגינט זיך ניט אַפילו צו געבן אַ קינד אַן איי!... סיידן אַמאָל, פונם בראָך פאַרשלייערט זי אַ „פראַזשעניצע" פאַר די קינדער... אַז אָך און וויי!...

עס זאַמלען זיך צונויף נאָך עטלעכע אידן ביי די קלייטן פונם מאַרק, וואו פרידל מיט ישראל אברהמען פירן דעם לייכטן געשפּרעך. ס'איז זומער, שניט־צייט. סיי־ווי איז דער פויער ניטאָ אין דער היים. ער איז אין פעלד און די הינט היטן די פוסטע שטיבער. עס איז פאַרן אידן אַ שטיקל מנוחה. אין דעם געזעמל געפינט זיך אויך אברהם דעם שוחטס. אַ איד וואָס קלאָגט זיך אויף „מי יחיה"? דער עיקר, וואָס ער קען ניט חתונה מאַכן זיינע טעכ־טער... ער קען זיי קיין נדן ניט געבן. ער באַוואונדערט די צווי לייכטע לונג און לעבערס ווי זיי וויצלען זיך, ווי עס גייט זיי גאָר ניט אָן... און אים בויערט דער קאָפּ וואו מען כאַפּט אַ גמילות חסד. ער גייט אַרום שלינג און שלאַנג נאָך אַ ציגאַר טיטון, און ס'איז ניטאָ דער צענער צו קויפן אַ פּעקל טיטון. דאָס רויכערן בעמט אים צו דעם אַפּעטיט פון עסן. און ווען ער האָט כאַטש אַ ציגאַרעטל, וואָלט ער דאָך ניט געהונגערט... וואַרפט ער אויגן אויף אַלעמען. קודם־כל אַ כאַפּ טאָן אַן אַנגעצונדן ציגאַרעטל ביי איינעם. און אָט זעט ער ווי פרידל „פאַזוואַליעט" זיך פאַרדרייען זיין „ווישע סרעד־ניע" טיטון מיטן אמתן דינעם פּאַפּיראָסל. עס גייט אים, אברהמען, אויס דאָס חיות. אָבער גיי וואַרט ביז פרידל וועט פאַרציען דעם רויך. ער וואָלט כאַטש וועלן דערפילן דעם טעם. אָבער פרידל איילט זיך ניט. ווי ער וואָלט אומיסטן אים דערגאַנגען די יאָרן... און במזיד ניט פאַררויכערט! ער בעט ניט ביי אים אַפילו אַ שוועבעלע. קען זיך טאַקע אברהם דעם שוחטס ניט איינהאַלטן און גיט אַ זאָג מיט אַ ציטער:

— הער זיך איין, פרידל; הער אויף צו ציען די עצמות מיט דיין שפּע־טעריי. נעם פאַררויכערן דיין ציגאַרעטל! וואָס האַלטסטו אין האַנט דעם פאַרוויקלטן ציגאַר טיטון פאַר אַן עדות? דו ווייסט ניט, אַז מיר גייט אי־בער דאָס האַרץ, ווען איך זע אַ ציגאַר טיטון?

— אוי, וויי, ביסט טאַקע גערעכט, אברהם. איך האָב גאָר פאַרגעסן אַז איך דאַרף אַ שוועבעלע, ווערט פרידל טויט־ערנסט. יעדער כאַפּט זיך כלומרשט צו די קעשענעס נאָך אַ שוועבעלע. און בלויז ביי אהרון נאַטען געפינט זיך דער אוצר... ער, אהרון נאַטע, אַ שוויטקער אידעלע, וואָס טראַכט זיך, אַז ער פאַרשטעקט זיי אַלע אַפּשפּעטער אין גאַרטל און פירט אויס ביי פרידלען אַז ער מוז געבן אברהמען אַ ציגאַר טיטון, אויב ער וויל פייער...

אַוודאי קען שוין פרידל ניט אָפּזאָגן אַזאַ קלייניקייט. און ווי מאָדנע. אַלע פאַררויכערן. ווי פרידל וואָלט זיי אַנגעשטעקט מיט זיין פאַרציען דעם

רויך, פון אמתן „ווישע סרעדניע" טיטון, ניט קיין שטאַרקן ווי ישראל אברהם רויכערט, קרימסקי „קרעפּקע"... מעגסט שוין אָנהייבן רויכערן אַ גרינגערן טיטון, ישראל אברהם, פאַרטשאַדעסט דאָך יעדן מיט דיין מאַכאַרקע, וויל אים פרידל דערגיין די יאָרן. ישראל אברהם פאַרלירט זיך אָבער ניט און מאַכט פרידלען כלומרשט פאַרן גרעסערן גביר אין שטאָט. — איך קען זיך צו דיר, פרידעל לעבן, נישט פאַרגלייכן. מיין מאַכאַרקע קאָסט אַ זעקסער אַ פעקל, און דיין פעקל „ווישע סרעדניע" קאָסט אַ גאַנצער פערציקער!

איינער פון די כלומרשטע „גראַמאַטנע" כאַפּט זיך אַרויס און וויל קאָרעגירן ר' ישראל אברהמען, אַז מען זאָגט ניט „ווישע סרעדניע", נאָר „מישע סרעדניע". ערשט דעמאָלט ווערט עס דער אמתער געלעכטער. — אַזוי גאָר, איתמרל? ביסטו דאָך טאַקע ביי אונדז דער „אָטשאַני יעווריטשיק", און דו פאַרריכסט אָן עלטערן אידן ווי זיך צו ספּראַווען מיט אַ נאָמען!...

פרידל קומט אָבער איתמרן צו הילף און הייסט זיך אים ניט שרעקן. — נישקשה, דיין טאַטע הייסט ליכאָוועצקי, און אַז ער האָט געדאַרפט זאָגן דעם „מיראָוואָי סודיאַ" — ניקאַק ניעט, האָט ער זיך ניט געשראָקן. איז אויב דיין טאַטע האָט זיך ניט געשראָקן פאַרן מיראָוואָי סודיאַ און זיך ניט געשעמט וואָס ער קען ניט קיין רוסיש און קען זיך ניט אונטערשרייבן, דאַרפסטו זיך פאַר ר' ישראל אברהמען אויך ניט שרעקן. איך האָב אויך אַמאָל געדענקט, אַז „מישע סרעדניע" איז דער פאַסיקער נאָמען איידער „ווישע סרעדניע"...

איתמר ליכאָוועצקי, וואָס איז אגב, שוין אַ באַבערדלדיקער, און זיין געדיכטע, שוואַרצע באָרד וואַקסט ווי אויף הייוון, האָט זיך דאָך אַ ביסל פאַרלוירן און אַזוי גיך ניט געקענט באַהאַלטן זיין פאַררויטלטקייט, קלערנדיק, אַז ער איז נאָך אַוודאי אַ צוציק קעגן זיי. ער וואָלט פונדעסטוועגן עפּעס געזאָגט ר' ישראל אברהמען, אַז ער זאָל אים מוחל זיין; אַז ער האָט באמת גאָרניט געמיינט. אָבער ישראל אברהם קומט אים גאָר צו הילף און גיט אים אַ „פּאָכוואַל" און הייסט אים זיך ניט רויטלען. — ביסט אַ טייערער יונגערמאַן, איתמר! ווי איך בין אַ איד. מיר דאַרפן אין פעלשטין אַזעלכע יונגעלייט ווי דו ביסט; דו מעגסט אונדז אַלע רופן „לאַפּאַצאַנעס", לויטיק גייער, שטעקל דרייער. דו ווערסט אונדז נאָך מיט דער צייט, דאַרפן געבן גמילת חסדים. דיין חנוודיקע באָרד איז אַן עדות, אַז מיין נביאותל וועט מקוים ווערן... וויל ישראל אברהם אַלעמען פאַרזיכערן. ערשט איצט קריגט איתמר נייע פאַרבן אין פנים און גיט זיך אַ זאָג, האַלב־שרעקוודיק: הלוואַי! און איר זאָלט עס ניט דאַרפן...

קיין פראַגע, אַז דער שמועס וואָלט זיך פאַרלענגערט, ווען ר' אברהם שוחטס מישט זיך ניט אַריין און הייסט אַלע פוסט־און־פּאַסניקעס גיין אַהיים

עסן וואָרעמס. עס גייט אייך צו גוט, טענהט נעבעך אברהם שוחטס, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון עטלעכע דורות שוחטים. אָבער ער אַליין איז נעבעך געבליבן אָט־אָ, אָן חלפים, און איז געוואָרן אַ סוחר אין מאַרק גאָר פרי. עס האָט אים געפעלט דער קוראַזש צו ווערן אַ שוחט. ווער וויל זיך עס באָדן אין בלוט? פלעגט ער טענהן, ווען מען האָט אים חושד געווען, אַז ער האָט ניט געקענט דערגרייכן די מדרגה פון שחיטה... הגם יעדער ווייסט, אַז אברהם לערנט אָפט משניות, זאָגט די „יהי רצונס“ נאָכן לייענען מיטן צווייטן מנין... ער איילט זיך ניט סיי־ווי־סיי, קיין געבראָטנס האָט אים זיין „קרוין“ ניט צוגעגרייט. ער איז שוין, לא עליכם, אָן אלמן, אָבער פיינע טעכטער האָט ער ב״ה, זיי מאַכן שוין פאַר אים פרנסה... „סוואַטשקעס“ געוואָרן אין פּעלשטין. זיי בייען און פרעסן און מאַכן טאַקע פּערטיק די גויאישע קאַפּטאַנעס, און שפּאָרן זיך ב״ה אייגענעם נדן אַפּילו. אָבער אים, זייער טאַטן אברהמען, קרענקט עס. ער איז אַלט געוואָרן. ממש הויט און ביין, וואַקסט ממש צוריק. עס בויערט אים דער קאָפּ און ער פרעגט אָפט זיך אַליין — מאין יבוא עזרי? פון דער בידנער פּאַלעווינקע, וואָס איך האַנדל איין, אומשטיינס געזאָגט, און וואַרט אויף אַ זעקסער ריווח?

---

יאָ ער פילט זיך שפּלדיק צווישן אַזאַ חברה ווי פרידל מיט ישראל אברהמען און אהרון נאָטקע... כאָטש ער ווייסט, אַז זיי זיינען ניט קיין גרעסערע גבירים ווי ער איז אָבער ער ווייסט ניט פון וואַנען עס נעמט זיך צו זיי אַזאַ לייכטקייט וואָס גרייכט ביז ליצנות!

אַזוי־אָ חזרן זיך איבער די שמועסרייען וואָס הייסן ביי אברהם שוחטס גאָר שטותערייען. און דאָך איז אים גוט ווען ער באַגעגנט זיך מיט זיי אין מאַרק און ווערט איינגעקנוילט אין די „שטותערייען“... ער קען דאָך אַליין ניט זיין. מען קען דאָך משוגע ווערן פון גאָרניט טאָן. ווי לאַנג קען אַ מענטש וואַרטן אויפן בידנעם יאַריד? דער סך־הכל איז, אַז פּעלשטין איז געבענטשט וואָס האָט אַזעלכע ישראל אברהמס, מיט די פרידלס און די אהרון נאָטעס. עפּעס ווערט אים גרינגער ווען ער גייט פון זיי אַוועק. אַפילו ווען מען שפּעט פון אים אָפּ. בעיקר ישראל אברהם. ער הייסט אים באַדיי אויסגנבענען אַ באַנק אַבי קריגן נדן פאַר זיינע געראָטענע טעכטער...

אַ דבר ידוע, אַז אָט די רייד אין פּעלשטינער געזעמעלן מיינען חס־ושלום ניט לגנאי. מען וויל זיך פּשוט מאַכן גרינגער מיט פרידלס לצנות אידער אַרומגיין ווי אַ „דומע ווילע“ און באַווינען די יאָרן און טעג...

און גאָר אָפט איז מען ישראל אברהמען מקנא. מען שטוינט: זע נאָר זע, וואָס פאַר אַ פיינע קינדער ער האָט; שני בנים ווי די ליכט; וואָס פאַר אַ כוח ליגט עס אין אים וואָס די קינדער זיינע בלאָזן אים אָפּ די טריט, אָט דוכט זיך אָט גייט ער אַרום אין מאַרק ווי אַ מרגל, שמועסט מיט דעם, מיט יענעם, זיפצט און לאַכט, און לאָזט זיך וואַוילגיין. לאַכט פון מיטוואָך־הערשן

דעם „אוראַדניק" מיט די קרומע פיס, וואָס זיין „שאַשקע" ציט אים אַזש אַרונטער ביז צו דער ערד. אַלץ הייסט אוראַדניקעס! זאָלסט מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד. און דער קוציפּאַנדעק פירט עס אונדזער פעלשטין מ'שטיינס געזאָגט! דוכט זיך, ווען איך גיב אַ בלאָז פאַלט ער אום! און דאָך איז ער דעם קיסרס „נאַטשאַלניק". מיר אַלע ציטערן פאַר זיין דוך!

אַלע אַרום הערן אים אויס און פאַרשטייען זיין רמז וואָס שטעקט יעדן אידן... דאָס זיינען ישראל אברהמס אמתן... אַלץ ברמיזה. און דערביי בלייבט עס... ווען ישראל אברהם קומט אָבער אַהיים און דערזעט זיין סאָסיען ביי דער „דרייפוס" אויף וועלכער זי קאָכט דעם אָנבייסן, די קאַר־טאָפל מיט גריץ, און דער רעטעך איז שוין אָנגעריבן גרייט פאַר איר שפּיי־זער. וואָס איז גאָר היינט אַ פּוסט־און־פּאַסניק, ווערט אים אַ ביסל שווער אויפן האַרצן. ער טוט אויס דעם לאַנגן זשאַקעט און טוט אָן די יאַרמעלקע. ער קען אין דער היים ניט טראָגן זיין פאַרסמאַלצעוועטן קאַשקעט, וואָס איז אָנגעפּאַפּט מיט ווייסלעך און געלעכלעך. ווארים דאָס היטל קען מען דאָך ניט וואַשן ווי די הענט...

איז טאַקע דאָס היטל זיינס אַן עדות אַז ער איז אַ „יאַיעטשניק". און אין גאַס מעג יעדער וויסן, אַז קיין נייע קאַשקעטן קען זיך אַ פעלשטינער איד נישט קויפן אַזוי אָפט. זאָל מאיר קאַשקעטניק ניט מיינען אַז ער איז דער בעל זוכה. געוויינלעך פאַר אים ווען ער פאַרקויפט ישראל אברהמען אַ קאַש־קעט אויף פסח, ווען ער וואַרפט זיין חמצדיקן קאַשקעט אין שאול תחתיה אַריין, אַן עק, אַ סוף, פּטור געוואָרן פון אַ חמץ! אָבער איצט איז נאָך ווייט פון פסח...

אי דער פסח! דאָס זיינען פאַר אים געבענטשטע טעג. די שאַק אייער קאַטשען זיך ממש אַליין אַריין אין יעדער אידישער שטוב. פאַר פסח איז יעדער יאַיעטשיק אַ חשוב בחור. דאַן שרייט מען — „פּאַדאַוואַי פּאַרע"! גיב פיר שאַק, פינף שאַק! סיי אָרעם, סיי רייך. מען שאַקלט אַזוי ווייט, אַז עס סטייעט ניט קיין הינער...

ער זאָגט עס קיינעם ניט. דאָס טראַכט ער בלויז ברעיון. און גאָר אָפט זאָגט ער זיין סאָסיען וואָס ער טראַכט... זי איז פאַרט אַ בר דעת. ער זעט עס דאָך באַשיינפּערלעך אַז אַזוי־אַ שטילערהייט האָט זי דערצויגן די צוויי זין. מילא הירשלען האָט ער שוין פאַרלוירן. ס'הייסט ניט חס ושלום לגנאי. ער איז דאָך שוין אַ באַלעבעסל פאַר זיך, רודעוועט שוין מיט אַן אייגן פערד און וועגעלע. אָבער זיין נאָטע, זיין בן זקונים, דאָס איז דאָך גאָר אַן אוצר. קיין עין הרע הויך, שטאַלטנע און מלא חן. אין איר געראָטן... וואו איז ער איצט, יאָ, וואו איז ער? גייט ער טאַקע אַ פרעג טאָן זיין סאָסיען. ער איז דאָך ניט אין שפייכלער ביים פערד. אוודאי ענטפערט אים סאָסיע, אַז ער זאָל זיך פאַר נאָטעלען ניט זאָרגן. ער איז אַוועק צום „אָטפּוסק" זיך באָדן. די היץ איז דאָך געפערלעך. מעג זיך ס'קינד גיין באָדן... נעם בעסער און וואַש זיך. איך גרייט צום טיש פאַרן אָנבייסן!...

אַט דאָס האָט ער טאַקע געוואָרט צו הערן. זאָל זיין סאָסיע ניט מיינען אַז ער איז אַן „אכלער״, אַז דער פּרעסן איז ביי אים דער עיקר. כאָטש גאָר אָפּט מיינט זי עס יאָ. און ווען זי איז בייז וואַרפט זי דאָס אויס. אָבער ער איז זיכער אַז זי ווייסט, אַז זי מעג אים פאַרגינען אַ ביסל רעטעך מיט שמאַלץ. זיין עשירות. ער עסט עס טאַקע איצט מיט אַ געוואַלדיקער הנאה, און דערציילט זיין סאָסיען ווי פרידל האָט היינט איינגענומען דעם מאַרק מיט זיינע שטותערייען.

— דיר האָט אַוודאי אויך ניט געפעלט קיין ווערטער... — גיט זי אים גוטמוטיק אַנצוהערן מיט אַ ביסל איראָניע.

נו, יאָ. מיין אייגן ווייב פאַרגינט מיר ניט מיין תענוג זיך אַמאָל צו פאַרמעסטן מיט פרידלען, אין שיחות־חולין... ער כראָמשטשעט אָבער דעם רעטעך דורך די קאַליע ציין. אַן ענין וואָס ישראל אברהם קען ניט פאַרדעקן אַפילו מיט אַ וויץ. דאָס איז אַ שטראָף, וואָס ער האָט זיך אַליין דערויף ניט געריכט... ערשט ביי די פופציקער יאָרן און איז שוין אַ „בעז זובע״. קוים עטלעכע ציין נאָך פון פאַרנט. אַ ברירה האָב איך, טראַכט ער אָפּט, ווען דער רעטעך שפּאַרט זיך אַריין צווישן די לעכערדיקע ציין...

ווען סאָסיע הערט שוין ניט פון קיך זיין כראָמשטשען דעם רעטעך ווייסט זי שוין, אַז דאָס ביסל קאַלטע באָרשטש פון גריבל איז גרייט, און טראָגט עס אים צו בכבוד. ער איז דאָך איר ישראל אברהם, איר מאַן, וואָס זי האָט מיט אים שטאָלצירט. מען האָט דאָך איר אַזוי פיל מקנא געווען. אַ קלייניקייט אַזאַ „אַסאָבע״, אַזאַ יונג?! דאָס האָבן איר די חברטעס שטיל אָנגעוואונקען און איר געוואונטשן גרויס מזל!... און מזל איז דאָך ביי גאָט, טראַכט סאָסיע, נאָך וואָס זינדיקן?

ווען זי דערהערט אים בענטשן, בעת זי צעווישט דאָס געשיר, דאַנקט זי השי״ת וואָס ער, איר מאַן, איז די לעצטע עטלעכע טעג אין דער היים. זאָל ער זיך אָפּרוען. ס'איז דאָך שוין צייט. די ביימער ביי די שכנים האָבן שוין לאַנג אָפּגעבליט. אָבער זיי בויערן ממש די נאָזלעכער מיט זייער אָראָ־מאַט. דאָס גליק פון עשיון... אַלץ האָבן זיי, די פויערים. עפּל, באַרן, פלוימען און קאַרטאָפל און אוגערקעס, ציבעלעס. און וואָס דען ניט, אָבער מיר אידן מוזן אָפּקומען מיט אַ שטיקל רעטעך... פונדעסטוועגן דאַרף מען ניט זינדיקן. עס קען חס ושלום זיין ערגער. זיי האָבן פאַר ישראל אברהמען דעם גרעסטן דרך ארץ. ער איז מיט זיי „פּאַן־בראַט״... בעסער אַזוי... זי וויל אים פרעגן צי ער וויל זיך צולייגן אויף דער סאָפע, אָבער ער האָט שכל געהאַט אַן איר, ער ליגט שוין מיט אַן אָפן מויל און כראָפּעט... זיין באָרד הייבט זיך ממש פון זיין שווערן אָטעם. זי גייט צוריק פאַמעלעכן און דערזעט איר בן יקירל, נאַטעלען, אַנקומען פונעם „אָטפּוסק״ אַ ריינעם, מיטן האַנטעך אין האַנט. זי ווינקט אים אַן, אַז ער זאָל זיין שטיל; זי ווייזט אים מיטן פינגער אַז... ער ווייסט וואָס זי מיינט. און מאַמע מיטן זון שמועסן

אין דער שטיל ער פארזיכערדט איר, אז ער שווימט ניט ווייט אוועק; אז מען שווימט בחברותא, עטלעכע חברים ביים אַטשערעד, וואו ס'איז ניט אַזוי טיף... זי האָט דאַן דעם גרעסטן תענוג פון איר געלערנטן זון וואָס מען דאַרף זוכה זיין ביי גאָט...

אוודאי פאַרגעסט ניט דער געטרייער זון צו כאַפּן אַ קוק אין דער „סטאַדאָלע" וואָס דאָס פערד טוט. דאָס איז זיין עובדה. ער לאָזט מער ניט דעם טאַטן זיך עוסק זיין מיטן פערד. ער נעמט עס טאַקע אַרויס צום טייך זיך דורכפּאָלעווען. ס'איז דאָך אַ צער בעלי חיים, עס מעג אויך זיך אָפּ־באָדן. ער גיט זיך אַ זעץ אַרויף און ווי דאָס פערד וואָלט געפילט, אַז נאָטע איז זיין שומר; אַז ער פירט עס אָנפּאָיען און אויספּאָלעווען, און עס קאַ־טאַיעט אַוועק עט אַרונטער צום טייך, וואָס איז פאַר פּעלשטין אַן אוצר... סיי פאַר רבנים, סיי פאַר פּראָסטע אידן און אַפילו פאַר סוסים. זומער באָדן זיך קינדער. יונג און אַלט. און ווינטער כאַפּט מען דאַרטן פיש. דער טייך איז דאָס אייגנטום פון אַ רייכן פּויער, וואָס הייסט איגנאַך. אַ דורכגעטרי־בענער שונא ישראל. אָבער מען קומט מיט אים אויס. מען גיט זיך אַן עצה. אַמאָל מיט אַ גוט וואָרט, אַמאָל — מיט שוחד. וואָס קען מען טאָן. ער האָט דאָך פיר זין גבורים וואָס קענען חרוב מאַכן גאַנץ פּעלשטין, ווען מען זאָל זיי ניט תנפּהנען...

און על כן איז מען ביים טייך ווי געבוירן. סיי זומער, סיי ווינטער. מען געניסט פון דעם פּרעכטיקן טייכעלע וואָס שלענגלט זיך אַוועק צום אָט־פּוסט, און די שטילע כוואַלעלעך בויערן דורך דעם איבערפלוס פאַר מיילן און מיילן, צום „סמאָטרידזש". און צוליב דעם טייך האָט מען פּעלשטין גע־האַלטן פאַר אַן „עיר גיטין"... פאַר יאָרן און יאָרן האָט דער גרויסער רב און גאון, הרב ר' ישראל קיטאָווער געשריבן די גטן... און שטאָט־עדות האָבן זיך געפילט ווי כלי קודש... אין אָרעמקייט אָבער אין כבוד...

דער ענין גטן זיך האָט אָפט ביי ישראל אברהמען אַרויסגערופן לייכטע רייד. בעיקר צו זיין סאָסיען... „הלוואי אויף מיר געזאָגט!" האָט ער זיך געוויצלט פאַר זיין גאָלד. אָבער אין אמתן פלעגט ער באַדויערן, וואָס דווקא אין זיין פּעלשטין ווערן צעטיילט מאַן און ווייב. הגם דער תמימותדיקער רב, דער גרויסער תלמיד חכם, ר' ישראל קיטאָווער, האָט אַזוי גיך ניט געגעבן קיין גט... סיידן הימל עפן זיך... ישראל אברהם איז כמעט ווי זיכער אין דעם. וואָרים וויסן דאַרף מען, אַז גאָר אָפט פלעגט ישראל אברהם קומען צום רב מיט אַ שאלה. אָט דעם כבוד האָט ער זיך געמוזט נעמען איבער זיין סאָסיען. זי פלעגט אים שיקן צום רב מיט אַן עוף... גאָר אָפט איז עס גע־ווען פּסח־צייט, מיט אַ גאַנז וואָס זי פלעגט שעכטן צוליב אַ ביסל שמאַלץ. און שטענדיק האָט דער רב געזאָגט: כשר... אגב פלעגט ישראל אברהם שוין אַ שמועס טאָן מיטן רב. ער פלעגט אים הייסן קומען אָפטער. ניט בלויז צוליב אַ שאלה. ער האָט ליב געהאַט זיין הומאָר. ביים פרעגן אים ווי עס גייט אים אין זיין פרנסה, דערויף האָט אים ישראל אברהם געענטפערט

מיט צוויי ווערטער — ברוך השם! וואָס וועט מיר דען העלפן אַז איך וועל זיך באַקלאָגן? אַזוי וויל ער... וואָרם וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט ישראל אברהם ביי אים אויבן? דער רב האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין טיפן ערנסט, און ישראל אברהם דער פּשטן האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן תלמיד חכם. אַוודאי באַדויערט וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן פון לערנען. און אַזוי פאַר־מעלעך צוריק דורכגעשפּרייזט די עטלעכע גאַסן, אַראָפּ צו זיך אַהיים מיטן כשרן עוף, מיט דער בשורה, אַז ער איז היינט אַ גביר!... — כשר! ער דאַרף זיך ניט זאָרגן. ער וועט האָבן אַ גוטן שבת.

אָבער ניט שטענדיק איז ישראל אברהם געווען אַ „פּאַרעווער", ער האָט זיך בלויז געוויצלט מיט זיינע באַענטע. פּשוט ניט צולאָזן קיין עצבות. ווייל די השגחה טוט זיך סיי־ווי אירס. אָבער ווען ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, בדמיון, אין אַ וויכטיקן ענין, האָט ער מיט סתם אַ וויץ ניט געקענט אָפּפּטרן. ניט שטענדיק איז געווען שניט־צייט. עס פלעגט אָניאָגן דער „אָסיען", דער־נאָך די פרעסט, מיט די בלאָטעס און שנייען וואָס פלעגן זיך ווי איינקאָווען אין און אַרום פּאָדאָליע; ניט שטענדיק האָט זיין „כודאָבע" געקענט שלעפּן די משא קיין וואָלאָטשיסק. אמת, זיין באַטע, דער טייערער זון, איז שוין אין די פריע צוואַנציק, ער מאַכט איצט די נסיעות מיט זיין „גניאַדע" וואָס איז בלינד אויף אַן אויג. געקויפט האָט ער אים אַ זעענדיקן, אַ לעבעדיקן סוס וואָס האָט באמת געשלעפּט די משא ביז איצט. און זאָל ער אַזוי וויסן פון שלעכטס, וואָס איז געשען מיטן אויג... אָבער קלערן, נישטערן, חקירהן איז אומזיסט. ער האָט דאָס פערד זיינס געפירט צו אלתר פּאַליאַק, דער כמו פערד־דאָקטאָר אין שטאָט. האָט ער עס באַטראַכט און אַ זאָג געטאָן:

ישראל אברהם, ס'איז דאָ אין רפואה אַז דיין גניאַדע זאָל זעעוודיק ווערן. יאָ, דהיינו? — גאָר פּשוט — דו זאָלסט אים אָנטאָן ברילן!...

— אַזוי גאָר, אלתרקע, דו מאַכסט שוין ליצנות מיט ישראל אברהמס צרות? אַזאַ דאָקטאָר ביסטו? אויב אַזוי איז מיר שוין קיין וואונדער ניט וואָס דו ביסט אַ וואַסער־פירער! יאָ, ר' אלתר פּאַליאַק איז טאַקע געווען דער וואַסער־פירער אין פעלשטין. אָבער ער איז אויך געווען דער זנאַכער פון פערד־חולאתן. צוויי פּרנסות האָט ער געהאַט און קיינמאָל ניט גע־זאָרגט. איז געווען אַ קלוגער איד און אַ בעל יועץ. אָבער ער האָט פאַר זיין פריינד ישראל אברהמען קיין סך ניט געקענט טאָן. מען האָט געשווענקט דאָס אויג מיט קוועלנדיק וואַסער, הייסע און קאַלטע, אָבער ס'האָט ווייניק געהאָלפן... זאָל איך נעמען דעם רבש"ע צום משפט? האָט ער געפרעגט דעם קלוגן ר' אלתר. — „מעגסט נעמען"... און ביידע האָבן זיך גוט פאַר־שטאַנען. און אַזוי־אַ איז אַוועק נאָך אַ יאָר, און ווי מיט ניסים איז אים דאָס פערד געטריי און שלעפּט נעבעך די וועגעלעך אייער אין שנייען און אין בלאָטעס. דער אויבערשטער זאָל אים נאָר געבן כוח אויף ווייטער. כל־זמן ס'איז דאָ אין שטוב אַ ביסל סעטשקע מיט האָבער וועל איך אים געבן עסן. איך וועל אָפּהיטן די מצווה פון „צער בעלי־חיים"...

גאַר אַפּט מאַכט ישראל אברהם שלום מיטן געדאַנק, אַז ער מוז זיין אַ שמח בחלקו. אָבער אַט־אָ לויפט גאַר אַן פאַר אים אַ ביטערע צייט. זיין נאַטע וועט זיך דאַרפן שטעלן צום „פריזיוו”. קיין עין הרע אַ פאַרטיקער סאָלדאַט פאַר „פאַניען”... אָבער אַזאַ קינד? ער איז דאָך ממש איצט מיין פרנסה־געבער, מיין למדן, מיין בעל יועץ! וואָס טוט מען, ווי גיט מען זיך אַן עצה? אַוודאי וויל ער זיך דורכרעדן מיט סאָסיען. ס'איז דאָך „יאַקבי” איר זון, איר אויג אין קאָפּ. אַט ערשט נעכטן האָט אים זוסיע סטאַראָסטע באַגעגנט און אים איינגערוימט אַ סוד, אַז אַט־אָ און נאָטע וועט דאַרפן פאָרן קיין קוזמין. יעדער פעלשטינער איד האָט שוין געוואוסט, וואָס מען מיינט מיט פאָרן קיין קוזמין... דאָרט האָט מען געזאָגט „גאָדיען”! דאָרטן האָבן טאַטעס און מאַמעס אַ סך טרערן פאַרגאָסן! באַטשאַלסטוואָ האָט דאָרטן גערודעוועט און צוגערויבט די בעסטע זין פון פאָדאָליע פאַר דעם צאַר ניקאָלאַי...

אין סך הכל איז דאָס שטעטל קוזמין גרויס ווי אַ גענעץ. אָבער פון וואַנען דען איז געקומען די זכיה עס זאָל זיין אַזוי באַוואוסט פּאָליטיש, דאָס האָבן פעלשטינער אידן ניט געוואוסט. סיידן זוסיע דער סטאַראָסטע. ער איז דאָך געווען שטאַטס באַלעבאָס; ער האָט זיך געקענט מיט נאַטשאַלני־קעס, מיט די דאָקטוירים. יאָר־איין, יאָר־אויס האָט ר' זוסיע צוגעגרייט דאָס יאָר־צעטל פון די 21קערס, און באין ברירה האָט ער דאָס געמוזט ברענגען צו דער „פריסוטסטוויע”, מיט די בחורים צוזאַמען. אַוודאי האָבן טאַטע־מאַמע ניט געיום־טובט אין דער היים. מ'איז מיטגעפאָרן, געווען נע ונד, זיך געוואָלגערט אין קוזמין ביזן גזר דין...

יאָ, שטילערהייט זיצט זיין סאָסיע מיט איר ישראל אברהמען אויף דער סאָפע און האַלטן זיך אַן עצה. אפשר זאָל מען דאָס קינד אַוועקשיקן קיין אַמעריקע? איידער אים אָפּגעבן דינען צו פאַניען. אָבער ניין. זיין סאָסיע לאָזט אַ טרער. וואָס פאַלט דיר איין? ערשטנס, האָסטו נישט גענוג אויף הוצאות פאַרן קינד, סיידן דו זאָלסט פאַרקויפן דאָס שטיקל שטוב מיטן פערד און וועגעלע.

— ווייס איך וואָס! גיט ישראל אברהם אַ צי אויס זיין בתמיה, און לאָזט סאָסיען ניט רעדן קיין שטותים. ס'האַלט נאָך ניט דערביי. איך ווייס סיי־ווי־סיי, אַז אפילו איך וואָלט געהאַט „יענקל מעליס” עשירות וואָלסטו דאָס קינד ניט אַוועקגעלאָזט מעבר לים, ובפרט ווען מיר זיינען ווייט פון עשירות...

ער וואָלט מיט סאָסיען נאָך איינגעטענהט און ווי עס איז אפשר גע־קומען צו אַ שטיקל טאָלק, געלינגט עס אים קיין מאָל ניט. זי צעוויינט זיך, הייבט אָן ווישן די טרערן מיטן פאַרטוך, און אויס! ניטאָ מיט וועמען צו קנעלן! אַוודאי פאַרגעסט ניט ישראל אברהם אַז ער האָט ב"ה נאָך אַ זון, הערשל, דער בכור זיינער, האַלט זיך דאָך פאַר אַ גרויסן בר דעת, פאַר אַ סוחר גדול, האָט אפילו חלומות פון הימל הויך. ער וועט און ער וועט, און

ועל כולם האָט ער געמוזט קומען צום טאַטן נאָך אַן עצה... די מעשה אַליין פאָדערט אריכות, און זי איז אין שטאָט גוט באַקאַנט. אין ישראל אברהמס לעבן. מיר וועלן זי בקיצור איבערגעבן. ס'האָט צו טאָן מיט אַ —

ויהי היום. ווען הערשל ישראל אברהמס איז געוואָרן אַ שפּעקולאַנט מיט אייער. געקויפט גאַנצע פורלעך און זיי געלאָזט אויספּאַקן אין קאַסטנס, אין דבורה דער שמשטעס קעלער. דאָרטן פלעגט דבורה, די אלמנה, מאַכן די חלבנע ליכט. אַ פּרנסה געבליבן פון איר מאַן, אהרן שמש, וואָס האָט געדרודעוועט און געמושלט אין בית מדרש כל ימיו, און אויסגעבויט זיך אַ נייע שטוב מיט אַ קעלער צו וויקלען די ליכט אויף שבת. דאָרטן האָט הערשל אָפּגעדונגען ביי דבורהן דעם קעלער, ווען זי איז מיד געוואָרן און די סטעאַרינאָווע ליכט האָבן מיט איר קאָנקורירט. יאָ, ויהי היום, האָבן די אייער אָנגעהויבן שוויצן. צו לאַנג שפּעקולירט. און הערשל לויפט צום טאַטן אין טויט־שרעק: „וואָס טוט מען טאַטע? איך בין אומגליקלעך. אפשר איז עס איבערן גערוך פון דעם אַמאָליקן חלב?! קום אַריבער אין קעלער אַריין גיב אַ קוק! כאַטש טו זיך אַ מעשה אָן!... מיינע שותפים וועלן מיך עוקר מן השורש זיין; זיי וועלן זאָגן, אַז איך האָב זיי אַריינגעפירט אין אַ בלאָטע מיט מיין שפּעקולאַציע".

ישראל אברהם אָבער פאַרלירט זיך ניט. ער הייסט דעם זון זיך אויס־וויינען. עס וועט דיר ווערן גרינגער, מיין זון! דו ווילסט איצט דער טאַטע זאָל דיר געבן אַן עצה, יאָ, ס'איז דאָ אַן עצה: פיר זיי אַוועק צום גיא צלמות, גראָב אויס אַ גרוב און זיי זיי דאָרט מקבר!

---

דער גיא צלמות איז געווען אַ טאָל, אַ גרוב, ווי אַ חרובע גאַס מקדמונים. דאָרטן האָט מען געוואָרפן כלערליי שמוציקייטן. אַפילו נבילות האָט מען דאָרטן, אין די פינצטערע נעכט אַהין פאַרטראָגן און מיט ניסים האָט די ערד אַלץ אין זיך איינגעשלונגען. די וואַסערן האָבן זיך דורכגעריסן פון די אַרומיקע בערג פון דער „גיא צלמות" גרוב האָט געהאַט אַ פינצטערן כוח, אַ צוצי פון דער יוגנט. דאָרטן האָט מען געבויערט אין שמוץ און אַפילו אַ מאָל געגראָבן זאַמד. מי יודע ווי אַזוי דער גרוב האָט זיך אויסגעשפּרייט. פונקט אַנטקעגן בית מדרש, הגם ער האָט זיך אַרויסגעזעצן. שפּעטער האָט נאַטשאַלסטוואָ דעם גרוב אויסגערייניקט און געמאַכט אַ „טאַרגעוויצע" פון חזירים. אַזוי ווייט, אַז אין די יאָרידן האָט מען ממש ניט געקענט הערן די קוויטשערייען פון די חזירים וואָס האָבן נעבעך געפילט, אַז זיי וועט מען פירן צו דער שחיטה, פריער אָדער שפּעטער...

דאָ ענדיקט זיך די געשיכטע מיט ישראל אברהמס עצה, צו זיין זון הערשל. און דער מוסר השכל איז, אַז אויב דו, מיין זון, ביסט געוואָרן אַ שפּעקולאַנט און ביים טאַטן פריער ניט געפרעגט, איז פאַרפאַלן. דו מוזט ווערן אַ שותף מיטן גיא צלמות...

ניט וויכטיק וואָס איז באמת געשען שפּעטער מיטן ענין „קאַליע ביצים" צווישן פאָטער און זון. אָבער כאַראַקטערסטיש איז עס פאַר ר' ישראל אברהמען. אָן פּירושים דערציילט איך דאָס מעשהלע, אָט ווי עס שטייט און גייט... אָבער עס מיינט ניט, אַז טאַטע און זון זיינען חס ושלום ברוגז. מיט ישראל אברהמען רוזגט מען זיך ניט. קענסט זיך מיט אים קריגן, אָבער ניט מער. ער איז דיר סוף כל סוף מוחל, ער וויל נישט האָבן קיין שונאים. אידישע שונאים זיינען ביי אים ערגער ווי געשאָלטן אין טאַטן אריין... ובפרט אָן אייגן קינד. ער האָט געוואוסט, אַז זיין זון וועט אויך ניט עסן קיין איינגעמאַכטס; אַז דער גלות און אביונות מיידט ניט אויס קיין שום אידישע שטוב... אָבער שיקן זיין זון קיין אַמעריקע וויל ער ניט; ניט זי, זיין סאָסיע, ניט ער. און זאָל השי"ת פירן מיט זיין קינד חסד. חסד עליון איז דער עיקר, אויב מ'איז ווערט ביי גאָט. ער וועט אויך ניט מאַכן זיין קינד קיין חסרון, מום... ניין און ניין. ער האָט ניט געוואָלט הערן די אַלע עצות פון זיינע יועצים... זיין הערשעלען אַריינגערעכנט... און גאָט האָט געהאָלפן. עפּעס אַ נס איז געשען און זיין נאָטע איז באַפרייט געוואָרן אויף אַ גאַנץ יאָר. עפּעס אַ פּגם האָט מען אין אים געפונען... עס איז דאָך אַ סיעתא דשמיא, נאָך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר, און השי"ת וועט העלפן. אירע, סאָסיעס, טענות אין גאַס און אין קלייזל צווישן די ווייבער זיינען — אַז גאָט האָט איר געהאָלפן, זי האָט, הייסט עס, אויסגעבעטן ביי דעם וואָס לעבט אייביק. און דאָס קינד וועט ווייטער לערנען תורה און העלפן דעם טאַטן. און אַז גאָט וועט הייסן, וועלן זיך געפינען טייערע טעכטער, וואָס וועלן איר קינד „אָפּגילדן"... די ווייבער האָבן זי אויסגעהערט און געוואוסט, אַז סאָסיע איז ווי אַלע מאַמעס... ובפרט זי האָט דעם זון, דעם חתן...

דער ווינטער האָט זיך ווי אַריינגעריסן אין פעלשטין. נאָטע, ישראל אברהמס, דער שטילער, בנעימותדיקער בחור, האָט זיך אויך געפרייט וואָס ער קען דעם פאָטער העלפן נאָך אַ יאָר. ער איז פליסיקער געפאָרן אין די קעלטן מיטן אָנגעפּאַקטן וועגעלע אייער קיין וואָלאָטשיסק. אין די דאָנער־שטיקס האָט מען אים געזען לערנען אין בית המדרש מיט די חברים, בית מדרש בחורים, וואָס האָבן געלערנט געשמאַק אַ בלאַט גמרא. אָבער פלוצים דערזען אַז ס'איז עפּעס געשען מיט נאָטען. מען ווייסט ניט פאַרוואָס און פאַר ווען. ער האָט זיך פאַרקילט און אָנגעהויבן הוסטן. אוי, אַ אומגליק! עס העלפט ניט קיין רופא. אפילו ניט דער פעלדשער, וואָס איז געווען אַ שכן. אַ פויער וואָס האָט געבראַכט זיין קענטעניש פון דינען ביי פּאַניען, דאָרטן אין דינסט האָט ער געאַרבעט אין אַ שפּיטאָל. און מען האָלט פון אים. ער גייט אָפּט צו אַ חולה. באַרייסט ניט. ובפרט צו שכנים... אָבער ס'איז שלעכט. די מאַמע זיינע לייגט אים קאָמפּרעסן, פאַכירן מיט אייז. די היץ האַלט אָבער אָן. און נאָך וואָס מאריך זיין —

ניט פאַר קיינע טאַטעס און מאַמעס געדאַכט, אָן אויסכאַפּעניש. ניטאָ מער נאָטע, דער טייערער בן יקיר. מען קלאָגט, מען יאָמערט. דער גרויסער

גבור, ישראל אברהם, פאַלט שוין פון די פיס. ער קען ניט איבערלעבן. אַזאַ שטראָף! רבש"ע, פאַרוואָס, פאַר ווען? אַזאַ קינד, אַזאַ אוצר! ער האָט אָבער געהיט זיין סאָסיען. זי איז שיר פון זינען ניט אַרונטער, די שעה זאָל ניט זיין. און איך, ישראל אברהם, בין פאַרמשפּט, חס ושלום, צו שטאַרבן ערגעץ אין אַ הקדש!"...

ער שלאָגט אָבער אָפּ די ביטערע מחשבות און לאָזט זיך טרייסטן. אויף דעם זיינען פּעלשטינער אידן ווי געבוירן. זיי זיינען גרייט צו טרייסטן און בעלי בטחון. אפשר איז בעסער אַזוי. אָבער ישראל אברהם האָט ניט מער קיין כוח. אויס. געוואָרן אַ לעמעלע. קען אַפילו ניט אָפּהיטן דאָס בידנע פערד וואָס איז איצט פאַריתומט. ניטאָ מער איר שפּייזער, איר נאַטע... די בית מדרש בחורים האָבן אים געטראָגן מיט יראת הכבוד עט, עט אַרויף צום בית עלמין, ווי אַ הייליקן. אַין קלייניקייט, זייער שטילער נאַטע. אַזאַ שטראָף. טייל האָבן אים אין דער שטיל געבעטן מחילה, ווי זיי וואָלטן האָבן קעגן אים געזינדיקט. זיינע אַמאָליקע מלמדים האָבן תהילים געזאָגט פאַר זייער פאַרלוירענעם תלמיד. געטרייסט ישראל אברהמען, אַז ועל כולם איז עס גאָטס רצון. מסתמא דאַרף אַזוי זיין. ישראל אברהם האָט אָבער אַנדערש געפילט. ער האָט אין אבילות, בעת שבעה זיצן, געהאַט אַ שטילן חשבון מיטן כביכול. ער האָט אים ברעיון געפרעגט ער זאָל אים כאָטש געבן אַ ניצוץ פון זיינע חטאים: פאַרוואָס האָסטו מיך דווקא געשטראָפט מיט אַזאַ האַרבן פסק־דין? האָסט גאָר פאַרגעסן אַז דאָס קינד האָט אַזאַ מאַמע ווי מיין סאָסיע, זי איז דאָך ממש אַ צדיקת קעגן אַנדערע; זי האָט דאָך געהיט דיינע געבאָטן, אין די יונגע יאָרן געטראָגן דאָס קינד אין די חדרים אַריין, אין שנייען און אין בלאָטעס; געצונדן פאַרן קינד דעם לאָמטערן עס זאָל קענען גיין ביינאַכט אין בית מדרש אַריין אָן אַ מיכשול; און אַפילו איצט, שוין אין די צוואַנציקער יאָרן געטאָן פאַר אים דאָס אייגענע. אָבער קריגן זיך מיט דיר, רבש"ע, קען איך ניט. „דו האָסט מיך געשטעלט צום צעטל". ניטאָ די כוחות צו האָבן מיט עמעצן וויכוחים, אַ פּשיטא מיט דיר, רבש"ע...

די אייגענע דיבורים האָט ער גערעדט צו זיין סאָסיען. געטרייסט און געבעטן: סאָסיע לעבן, שטאַרק זיך, מיר האָבן נאָך ב"ה איין זון, הערשלען. אפשר וועט ער ביי אונדז איצט ווערן חשובער, טייערער; אפשר האָבן מיר אין אים אַ ביסל פאַרגעסן? ער איז דאָך אונדזער בכור. ער דאַרף אונדז נאָך היינט אויך. דו זעסט דאָך, אַז טאָמער געפינגט ער זיך אין אַ צרה לויפט ער פונדעסטוועגן צום טאַטן — טאַטע גיב אַן עצה!...

זי, סאָסיע, האָט מיטגעפילט איר מאַן. זי האָט געוואוסט אַז ער, ישראל אברהם, רעדט ניט סתם ווי אַמאָל, פאַר אַ צייט פאַרטרייב; אַז אָט דווקא איצט טראַכט ער בלויז וועגן איר. יאָ, באַין ברירה מוז זי אָננעמען איר שטראָף צו בלייבן ווייניקער מיט אַ קדיש...

פאַר ישראל אברהמען האָבן זיך פאַרשלאָסן אַלע וועגן פון די דערפער.

ער האָט אַפילו ניט געקענט זיך עוסקן מיטן פערד און וועגעלע. ער האָט גערופֿן זיין זון, הערשעלען, און אים געזאָגט פשוטע ווערטער:

— נעם, מיין זון, דאָס פערד; זיי זיך דו דערמיט מתעסק. איך פאַר ניט מער אין די דערפער. ניט היינט און ניט מאָרגן. זיי וועלן פרעגן וועגן נאָטען און איך וועל ניט קענען אַזוי פיל ווייגען. איך בין דאָך ניט די מאַמע דיינע. הלוואי וואָלט איך געקענט אָפּקומען מיט טרערן... נעם דאָס פערד און וועגעלע, האָסט שותפים, ביסט יונג. שרעק זיך ניט וואָס דו האָסט ערשט ניט לאַנג געהאַט אַ דורכפאַל. פאַרליר ניט דעם בטחון. און ישראל אברהם האָט געמאַכט דאָס בית מדרש פאַר זיין מקום מנוחה. זיך גענומען צום לערנען סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט.

מיר, יונגוואַרג, האָבן געשטוינט, ניט פאַרשטאַנען דעם גלגול פון אַ יורד. מיר האָבן דעמאָלט געלערנט בשכנות ביי משה יעקבן, און נאָך ניט תופס געווען וואָס עס מיינט אַ שטראָף פון זיין ליבן נאָמען; ווי אַזוי עלטערן ווערן דערדריקט פון אַזאַ שטראָף אין פאַרלירן אַ זון... אגב, מעג איך, דער מחבר, זיך מודה זיין, אַז שוין צו נייען יאָר, וואָס איך בין דעמאָלט אַלט געווען, האָב איך יאָ געפילט דעם בראָך פון ישראל אברהמס טראַ־געדיע, ווייל נאָטע האָט אונדז, קינדער, ליב געהאַט, קיין מאָל ניט אַוועק־געטריבן פון זיין פערד און וועגעלע, און שטענדיק געפרעגט וואָס פאַר אַ סדרה מיר לערנען, און דעם טייטש פון דער סדרה. אָבער נאָך נאָטעס אָפּ־שייד זיינען מיר ממש אַלע חדר־אינגלעך געבליבן פאַריתומט.

דער גערויש פון די יאַיעטשניקעס, וואָס פלעגן אָפט קומען צו ישראל אברהמען אָפּצונעמען גרוסן פון די וואָלאָטשיסקער מקחים, ווען טייער, ווען וואָלוול, האָט זיך מער ניט געהערט. אויס בירזשע. אַחוץ סאָסיעס געווייז און דינגעניש מיט די ווייבערשע טרייסטן. זי האָט געוואוסט, אַז זייערע טרייסטן וועלן איר נאָטעלען ניט ברענגען צוריק אַהיים... האָט זי ס׳רוב נאָר געוואַרט ביז איר ישראל אברהם וועט קומען פון בית מדרש עסן אָנ־בייסן. זי האָט אים מער גענומען אָפּהיטן. אויסגעבאַרשט זיינע לייבלעך און די צווויי קאַפּאָטעס, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט אָפּגעהיט. זי האָט געשטוינט און אין דער שטיל געטראַכט, אַז אפשר פאַרנעמט ער איצט איר קינדס אָרט אין בית מדרש...

קיין פרנסה האָט ער לעת עתה נישט. אַחוץ וואָס ער העלפט אַרויס זייער זון הערשלען, מעת לעת, ס׳רוב אין פאַקן די אייער, זיי דורכדרייען אויף דער זון־שיין, אָדער לאָמפּ צו דערקענען וועלכע זיינען קלאָרער און פרישער... אויף דעם איז איר מאַן נאָך אַלץ דער ראש. די בית מדרש אידן האָבן ענדלעך דערזען, אַז זייער ישראל אברהם איז איצט עוסק בתורה און מי יודע וואָס אין זיין האַרצן טוט זיך. קיין פרנסה האָט ער נישט. וועט עס אַזוי אָנגיין? קען זיך אַ מענטש אָוועקרייסן פון זיין וואָכעדיקייט און היטן דאָס בית מדרש?

שטילע שמועסן פלעגן פאָרקומען וועגן דעם גלגול פון ר׳ ישראל

אברהמען. און ווי די מעשה גייט, איז דער רב, ר׳ ישראל קיטאַוווער, געקומען פרי פאַר מנחה אין בית מדרש און געטראָפן דאָרט ישראל אברהמען, זיצנ־דיק ביי אַן אָפענער גמרא. ער, דער רב, האָט זיך לעבן אים אַוועקגעזעצט, און טאַקע פאַרפירט אַ שמועס:

עד מתי וועסטו, ישראל אברהם, זיצן אַליין און לערנען. דו ווייסט דאָך, אַז אם אין קמח, אין תורה; סוף כל סוף דאַרפסטו דאָך מפרנס זיין דיין ווייב, און טאַקע זיך אַליין; אַ מענטש טאָר זיך ניט אַריינוויקלען אין עצבות אַזוי ווייט; אַ מענטש דאַרף זיך שטאַרקן...

ישראל אברהם האָט ניט געהאַט קיין ריכטיקן ענטפער. ער האָט אָבער דערפילט אַ געוויסע דערלייכטערונג, ווען ער האָט געזען דעם גרייז־גרויען רב און גאון, ר׳ ישראל קיטאַוווער, לעבן זיך אַזוי באַענט; אַזוי ממש געטלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ זאָגן געטאָן:

איר האָט אַוודאי רעכט, רבי. אָבער ווייסן מעגט איר, אַז מיינע כוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט; איך קען מער מיטן פערד און וועגעלע ניט עוסק זיין. אפשר איז ס׳בית מדרש מיין רפואה? איך קען מער מיין סאַסיען נישט איבערלאָזן טעג און נעכט אַליין, איך דאַרף זיין מיט איר אין דער היים...

דער שטילער שמועס צווישן רב און ישראל אברהמען האָט זיך געענ־דיקט. די אידן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען דאַוונען מנחה ומעריב. און אָט שטייט שוין דער רב אויף זיין אָרט ביים מזרח פענצטער, גרייט צום דאַוו־נען. ישראל אברהם האָט שוין פאַרמאַכט די גמרא. ער איז עפּעס ווי אַריינ־געקנוילט אין מאָדנע רעיונות, ווי ער איז גאָר ערגעץ אויף אַן אַנדער וועלט. דאָס לויטער פּנים פון דעם גרייז־גרויען רב מיט זיינע גראָבע ברילן האָט זיך ווי פאַר אים דורכגעשפּיגלט מיט אַן אָנזאָג, אַז עפּעס אַ ישועה קומט פאַר אים אָן... ער האָט אָפּגעדאַוונט מיט אַ ציטער, געזאָגט אַ גוטע נאַכט יעדן וואָס איז אים געקומען אַנטקעגן און זיך געטיילט מיט זיין סאַסיען. ער האָט איר דערציילט בפּרוטרוט ווי ער איז געזעסן אויג אויף אויג מיטן גאון, דעם רב. און ער האָט דאָס געפיל, אַז זיינע רייד האָבן ווי אין אים אַריינגעבלאָזן אַ נייע נשמה...

אַוודאי ווערט סאַסיע אויפגעהייטערט ווען זי הערט פון איר מאַן אַזאַ בשורה... עס האָט לאַנג ניט געדויערט און אין שטאָט איז קלאָר געוואָרן, אַז ר׳ ישראל אברהם ווערט אַ מלמד. ער וועט, הייסט עס, איבערנעמען זוסיע חנה חיהס חדר, וואָס פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. געוואָרן אַ שוחט בתנאי מיט זיין אַמעריקאַנער משפחה, אַז ער זאָל אַהין קומען אַ פאַרטיקער שוחט. און — כך הוה...

פעלשטין איז געווען געבענטשט מיט סאַמע ניסים. מיט נעמען זאַכן ווי גאָט וויל און הייסט. און אויב ישראל אברהם יאַיטשניק ווערט היינט אַ מלמד, איז עס אַ גאָט זאַך. זאָלן שטאָט מענטשן ווייסן, אַז דער רב האָט עס געגעבן דעם רמז, אַז מהיום והלאה זאָל ישראל אברהם זיין דער עוסק

בתורה מיט אַ פיין חדר און פיינע תלמידים. אַ שטיקל היסטאָריע וואָס האָט פאַר אַ צייט געבראַכט שטוינונג און בתמיהות.

און מיר האָבן דערזען ר׳ ישראל אברהמען אין מאַרק גיין מיט זיין טלית און תפילין ווי יום־טובדיק. זיין באָרד אויסגעוואַשן, זיין קאַפּאָטע ריין אָפּגעבאַרשט, זיין קאַשקעט — אינמיטן, ניט ווי אַמאָל, ווען ער איז געווען פאַרשמייעט און צעפּלעטשט.

דער מחבר, איך מיין טאַקע מיין ווייניקייט, האָט אָבער נישט גע־קענט ווערן ישראל אברהמס תלמיד. מיין פאָטער האָט שוין דעמאָלט גע־האָט צוגעזאָגט, אַז לייב רייזעס ווערט מיין מלמד... איך בין זיך מודה, אַז איך האָב דאַן, אַלס צען־יאָריק אינגל, שיר געוואָלט וויינען וואָס איך בין ניט צווישן ישראל אברהמס תלמידים. סתם, ווי אַ קוריאָז אַליין, דורכ־לעבן דעם ציטער, זען ווי פון אַ יאַיעטשניק איז געוואָרן אַ מלמד. טייל האָבן אַפילו בשתיקה געלאָזט פאַלן רמזים אַזוי ווי זיי וואָלטן אָפּן געזאָגט: פון אַ יאַיעטשניק איז אַרויס אַ למדוואָוניק! יאָ, עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע אידן וואָס האָבן זיך געלאָזט וואָלגיין אויף עמעצנס חשבון... ניט חלילה פון שנאהשאַפט, נאָר סתם פון לייכטקייט...

און וואונדער איבער וואונדער. די תלמידים פון ישראל אברהמען האָבן אויפגעלעבט. זיין לערנען איז באמת געווען אַנדערש ווי ביי אַנדערע; ווי די קינדער וואָלטן געוועזן זיינע אייגענע... ער האָט צו זיי גערעדט און צוגעזאָגט גאָר אַ סך, אַז וויסן זאָלן זיי, אַז זיי וועלן מיט דער צייט קענען אַ סך מער לערנען פאַר אים... דער עיקר, זיי זאָלן נאָר וועלן. דער ביי־שפּיל איז געווען זיין נאָטע... ער, זיין קינד נאָטע... דורך נאָטען האָט ער אין די תלמידים איינגעפלאַנצט די ליבע צום לערנען. זיי באַפרייט מיט אַ האַלבע שעה פריער ווי די אַנדערע מלמדים. זאָלן זיי וויסן, אַז זיי לערנען ביי ישראל אברהמען, און קינדער דאַרפן אויך זען די ליכטיקע זון...

פונקט דאַן, ווען ער פלעגט צעלאָזן דאָס חדר, האָט ישראל אברהם אַ כאַפּ געטאָן זיינע צווי קעסלען און אַוועק צו דער קרעניצע נאָך אַ פרישן טרונק. זאָל זיין אין שטוב אַ קאַלטער טרונק פאַר די קינדער... און גאָר אָפּט, פאַר די שכנים... עס זאָל הייסן, אַז זיין מלמדות האָט אים געזאָלט ברענגען מנוחה און פּרנסה. אָבער למען האמת מוז מען זאָגן, אַז מאחורי הפּרגוד האָט מען געשמועסט, אַז ישראל אברהם איז ווי געפּענטעט; אַז מ׳האָט אים ממש ווי אָפּגעהאַקט די פליגל; אַז ער איז שוין דריי יאָר מלמד און גאָר אָפּט מוז ער יוצא זיין פאַר די בעלי בתים זיינע, מיט כלערליי חניפות, מיט אונטערטעניקייט; מיטן וואָרטן פאַרן קערבל שכר־לימוד... מיט זיין סאָסיען אַלס די רביצין... וואָס האָט זיך אונטערגענומען איינצו־קאַסירן דעם שכר־לימוד... אגב, וויל ער ניט זינדיקן. ער איז דאָך ניט דער איינציקער וואָס ווערט געשטראָפט. אַמאָל הייסט עס גאָר געבענטשט.

און אָט געשעט אַ קליינינקע געשיכטעלע. דהיינו — זיין סאָסיע קומט

אַהיים אַ פּאַרוויינטע — ניין און ניין, זי וועט מער ניט גיין מאָנען קיין שכר־לימוד; איר איז מער ניחא זי זאָל עסן אַ פּיסנע שטיקל ברויט אײדער שטיין כעני בפתח ביי יאַנקעלע פלאַץ; ער זאָל איר געבן ס׳קערבל שכר־לימוד...

אין דעם מאָמענט האָט ישראל אברהם פאַרזיכערט זיין סאָסיען, אַז זי וועט מער ניט וויינען; אַז ער וועט באַדיי ווערן אַ בעל־עגלה אויף דער עלטער איידער אַזאַ סך־הכל!...

און וויסן מעג מען, אַז אַזוי איז טאַקע געשען!

אַ מערקווירדיק שטיק געשיכטע מיט אַ פעלשטינער איד וואָס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון גשמיות און רוחניות; געקניפּט און געבונדן מיט זיינע שכנים, וואָס האָבן אים ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק... און דעריבער פיל איך ווי אַ קינד פון פעלשטין צו פאַראייביקן אָט די אידן, קדושים, וואָס זיינען מער ניטאָ — און וועלן שוין קיין מאָל ניט זיין!

כבוד זייער אָנדענק.

# מיין טאַטנס ספרים

א ביאָגראַפישע פאַרצייכענונג צום זעקס און צוואַנציקסטן יאָרצייט
פון מיין טאַטן, זכרונו לברכה, וועלכער איז נפטר געוואָרן כ״ד כסלו,
תרפ״ב, אין וואָלאָמין, פוילן, אויפן וועג קיין אַמעריקע.
(געשריבן אין יאָר תש״ח)

שוין זעקס און צוואַנציק יאָר, אַז מיין טאַטע, ר׳ מרדכי ארי׳ ב״ר יוזיפ, איז אַ שוכן עפר. זעקס און צוואַנציק יאָר, אַז איך שלאָג זיך מיט דער דעה צי איך זאָל און צי איך מעג באַרירן אָט יענע טראַגישע טעג פון מיין טאַטנס פטירה.

מיינע הענט הויבן אָן ציטערן בעת איך גיב בלויז אַ טראַכט וועגן דעם גרויסן נסיון פון שרייבן מכח אַ טאַטנס וואַנדערונגען און אומקום ערגעץ וואו אין גלות, בפרט וועגן אַן אייגענעם טאַטן, דעם קדוש וטהור, למדן און ירא שמים. דאָס דאָזיקע וואָלט דאַרפן טאָן אַ באַגאַבטער קינסטלער און אָביעקטיווער באַאָבאַכטער, איינער, וואָס האָט איינגעזאַפּט די פעלשטינער טראַדיציע און געאָטעמט מיט איר ריינער, אידישער לופט.

פעלשטין, מיין היימיש שטעטעלע, איז בלויז אַ קליין ווינקעלע, אַ פּינ־טעלע ממש, אינם גרויסן און רייכן אוקראַינע, און ווי רייך איז איר געשיכטע, וויפיל אידיש לעבן דאָרטן האָט געווירבלט דרייסיק לאַנגע דורות! איצט איז מיין שטעטעלע חרוב ונחרב, פאַרוויסט און פאַרניכטעט, בלויז בערג מיט קברים, ניט אַפילו אַ מצבה לזכר די צוועלף הונדערט קדושים.

וואָלט אַוודאי כדאי געווען אויסצוגראָבן אָט יענע טיפע איינגעקאָרעניעטע וואָרצלען, און וואַרפן אַ בליק כאָטש אויף איין און איינציקן ברודער־קבר. ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט אונדז אונטער געקענט דערציילן, און ווי הילכיק ס׳וואָלט געווען דער טראַגישער אָפּקלאַנג פון זעקס הונדערט יאָר פעלשטין, זעקס הונדערט יאָר געראַנגל און האָפנונג!

לצערי איז עס בלויז אַן אויסגעחלומטער רצון, בלויז אַן אילוזיע, און איך מוז זיך לעת עתה באַנוצן מיט איין איינציקן עפיזאָד, אַ פּאַסירונג, וואָס שניידט מיט פאַסן און בלוטיקט די וואונדן.

גראָד איצט אין די טעג פון גאולה בעת מיר זעען דעם ערשטן שפּראָץ פון ענדלעכער באַפרייאונג, האָט זיך דורכגעריסן אין זכרון דער גלגול פון מיין טאַטנס ספרים. עפּעס, דוכט זיך, איז פאַראַן אַ סימבאָלישע שייכות צווישן אָט דעם גלגול און דעם יאָרצייט, דאָס צווייטע חנוכה ליכטל פונם

נס גדול היה שם. אין יעדן יאָרצייט ביים זאָגן דעם קדיש, שווימט אַרויף אויפן זכרון דער גלגול פון מיין טאַטנס ספרים, די הייליקע ירושה וואָס האָט זיך דורכגעריסן דעם חורבן אויף יענער זייט ים, און אָנגעקומען אַהער ווי אַ מין סימבאָל און זכר. משמעות, אַז דער טאַטע מיינער האָט אין די לעצטע רגעים פון זיין לעבן איסגעבעטן ביים כביכול, אַז אויב ער אַליין מוז אומקומען אויפן וואַנדערוועג, זאָלן כאָטש די ספרים זיינע קריגן אַ תיקון און אָנקומען בשלום אַהער צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער.

אודאי איז עס געווען אַ גזר מן השמים, אַז מיר, די בני מרדכי ארי׳, פיר זין און צוויי טעכטער, זאָלן בלייבן אבלים און ווערן דערשלאָגן פון דער מוראדיקער בשורה, אַז אונדזער ליבהאַרציקער טאַטע זאָל פון אונדז אויף אייביק אָפגעשניטן ווערן. דאָך האָבן מיר זיך געפונען געטרייסט וואָס מיר וועלן כאָטש זיין די יורשים פון טאַטנס ספרים.

גאָר גרויס איז געווען דער צער פון אונדזערע צוויי שוועסטער, וואָס זיי וועלן ניט האָבן קיין חלק אין דער ירושה. אָבער אויך זיי זיינען שפּעטער געטרייסט געוואָרן, אויך זיי האָבן באמת געהאַט אַ חלק אין מיין טאַטנס ספרים. אין זייער שכונה, נאָענט פון בראָנקסער פּאַרק, האָבן די ספרים געפונען זייער תיקון. דער נאָמען איז איסגעקריצט אויפן מזרח־וואַנט פון דער גרויסער ישיבה, און הונדערטער תלמידים זיצן טעגלעך געבויגן איבער די דיקע גמרות און לערנען מיט דעם אייביקן קול נגינה.

נאָך איצטער, נאָך אַ פערטל יאָרהונדערט, דערזע איך זיך מיט מיינע ברידער אין דעם קליינעם שולעכל אויף ברייענט עוועניו. די חברה אהבת שלום איז דעמאָלט געווען אַ קליינע און יונגע, און זיך אויפגעהאַלטן אין אַ נידריק הילצערנער הייזקע. אָרעמקייט און פאַרלאָזנקייט האָבן אַראָפּגעקוקט פון די ליידיקע ווענט, אָבער די מתפללים זיינען אַלע געווען דורכגענומען מיט בטחון און אמונה. געדאַוונט האָט מען נוסח ספרד על פּי האר״י. און זעלטן ווען איז געווען אַ מנין. אָבער אָט די דאָזיקע עטלעכע זקנים, די גרינדער פון חברה אהבת שלום, האָבן געהאַט וויזיע, געגלויבט אינם עתיד פון אידן אין אַמעריקע, און פון אָט דער קליינער חברה איז אויסגעוואַקסן געוואָרן די באַרימטע ישיבה בשם רבנו חיים עוזר, ז״ל, וואו מיין טאַטנס ספרים האָבן געפונען זייער תיקון.

זייער געבורט און אָנהויב האָבן די ספרים געהאַט נאָך אין הויז פון מיין זיידן, וואו איך בין דערצויגן געוואָרן. מיין טאַטע איז דעמאָלט געווען אַ מלמד און אויך אַ קאַלעכניק, אַ איד וואָס פאַרקויפט קאַלך צו ווייסן די ליימיקע שטיבער. קאָנטיק, אַז ביידע פּרנסות האָבן אים ניט געגעבן קיין חיונה. דערפאַר אָבער האָט ער געהאַט כבוד לרוב. געווען אַ זיידענער יונגערמאַן, געשמט פאַר אַ למדן, אַ בעל יחוס. ער איז געווען געבענטשט מיט אַ סך נחת. די מאַמע מיינע איז געווען די אמתע אשת חיל, די אשה צנועה וכבודה און געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר לומדות. איר גוטסקייט און צדקות איז געווען

אַ שם דבר, און מיליאָנען ברכות האָבן זיך געשאָטן אויף איר קאָפּ. אויך מיר, קינדערלעך, זיינען געווען געראָטענע, מיט גוטע קעפּעלעך צום לערנען און פיינער, סטאַטעטשנער אויפפירונג. מ׳האָט הפּנים דאַמאָלט נאָך ניט געוואוסט וואָס פאַר אַ כלים מיר וועלן אַרויסוואַקסן...

דעם טאַטנס נחת איז געוואָרן גרעסער בעת מיר, אינגעלעך זיינען געוואָרן עלטער. בעת איך בין געווען אַ בר מצוה בחור, האָט דער טאַטע מיינער שוין געהאַט אויפגעגעבן די מלמדות. פאַר מיר איז אין שטעטל שוין ניט געווען קיין מלמד, און דער טאַטע מיינער האָט גענומען אויף זיך מיך מדריך צו זיין און אַריינפירן אין דער סביבה פון בית המדרש בחורים, די שאַרפע קעפּ און גרויסע מתמידים.

דאָרטן, אין שטעטלדיקן בית המדרש, האָב איך, הקטן דוב בן מרדכי ארי׳ געזאָלט ווערן דער למדן און זיידענער יונגערמאַנטשיק, וואָס זאָל ניט פאַרשעמען דעם טאַטן.

און אָט זע איך זיך אין בית המדרש:

ס׳איז פאַרנאַכט, די לעצטע פאַסן פון דער פאַרפרוירענער זון רייסן זיך דורך די לאַנגע שויבן און וויקלען זיך ווי שוואַרצע סטענגעס אַרום דעם נר תמיד. די שאָטנס צעוואַקסן זיך, הילן אַלץ איין, און דער לעצטער אָפּשיין פון דער זון לעשט זיך אויס.

פון די בלאָטיק פאַרוויאַנעטע גאַסן, וואָס זיינען געלעגן ווי אויסגע־שפּרייטע מתים, האָט זיך אַ נעפּל אויסגעטיילט און רוקנדיק זיך אַלץ נענטער פאַרוויקלט דעם בית המדרש אין אַ טרויער באַדעקטן שלייער. פאַרקלאַפּט זיינען געווען די פענסטער, און ווי אַ צאַנקנדיק גוסס־ליכט האָט אַרומגע־בלאָנדזשעט אַ קליין, דין פייערל פון די ענגענדיקע בליצלאָמפּן איבער די בענק און שטענדערס. ליידיק איז געווען דער חלל, און שווערע שאָטנס האָבן זיך צעלייגט אין דער לופט.

ביסלעכוויז האָבן די שאָטנס זיך גענומען אויסלייגן אויף די ווענט, און ווי זאַנגען אין פעלד זיך אָנגעהויבן וויגן איבער דעם דיקן באַלקן. אַ זיפצנדיקער ברומען האָט זיך געהערט אין דער לופט, געוואָרן אַלץ העכער און העכער ביז ער האָט זיך אויסגעשיילט אין אַ זיס־אומעטיקן גמרא־ניגון.

דאָס לערנען און דאַוונען האָבן זיך געמישט איינע אין די אַנדערע, זיך צונויפגעגאָסן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט און כוואַליענדיק זיך געריסן פון די בית המדרש ווענט ווייט, ווייט צום האָריזאָנט הינטער די גאַסן.

— אמר אביי

— אָי, אמר אביי...

און די נאַכט־פינצטערניש גליטשט זיך און גיסט זיך צונויף מיט די ווערטער: — אָי, אָמר אַביי, האָט אַביי געזאָגט.

ס׳בלייבט אויף אַ פאַרלאָזן פייערל און צעגליט זיך אין שטילער פרייד. איך און מיין טאַטע זיצן איבער דער גמרא, מישן די גרויסע פאַרגעלטע

בלעטער, נורען זיך איין אין די דראַבנינקע אותיות פון רש״י, און די אויגן גליען ממש.

מיין טאַטע האָט יאָרצייט, און לערנט משניות לזכר נשמת אביו. זיין טאָן איז אַן אומעטיקער און פול מיט צער, וואָס וועקט אין מיר מאַוימדיקייט און אומרו. קיין גרויסע התמדה האָב איך ניט, אָבער דער ניגון און די אומרואיקייט מאַניען און רופן. וואוהין ווייס איך ניט, אָבער איך הער דעם רוף.

און דער גמרא ניגון שוועבט ווייט אַוועק, ווי מלאכים וואָלטן שירה געזונגען. דעם טאַטנס פּנים איז שטראַלנדיק פייער, פייער וואָס שפּרייט זיך איבער אַלע וועלטן און דערגרייכט די אויבערשטע הויכן.

רוט די שכינה אויפן טאַטנס געזיכט, און די קדושה לייכט פון זיינע שאַרפע אויגן, טובלענדיק זיך אין דער טהרה פון זיינע רעיונות. אויסגעטאָן איז ער דעמאָלט פון די עולם הזהדיקע געדאַנקען און פאַרזונקען איז די מחשבה בלויז אין דער תורה. דער מוח, דער שכל און דער גאַנצער גוף זיינען פאַרנומען אין די שווערע אבעיות און קשיות.

מיין טאַטע, ז״ל, איז ניט געווען קיין התלהבותדיקער חסיד, און דאָך האָט ער פיינט געהאַט די שטילקייט. — לערנען אין דער שטיל — פלעגט ער זאָגן — האָט קיין טעם ניט. — האָט ער געברענט און געפלאַקערט אין זיין לימוד, הגם ער איז תמיד געווען מער פשטן איידער חקרן. געלערנט תמיד פשוטו כמשמעו, אָן דרש און אָן פּלפּול. אַפילו זיינע תלמידים האָבן געוואוסט, אַז ביי ר׳ מרדכי מוז מען טייטשן וואָרט און וואָרט, ווי מ׳וואָלט זאָגן תהילים און מכוון געווען כלערליי כוונות.

אין בית המדרש טונקלט שוין. און די נאַכט ווערט געדיכטער. ס׳צאַנקט נאָך דער נר תמיד ווי אַ מין עין רואה, וואָס דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון האַרצן. לאַנגע שאָטנס ציען זיך איבער די ווענט און שלענגלען זיך. ס׳טונקלט זיך אַ שויב ביים טיר פון מערב, ווי אַ מת איילט זיך פאַר חצות אַריינצוקומען דאַוונען.

קיינער איז שוין ניטאָ, נאָר מיין טאַטע און איך. טוליע איך זיך צו צום בית המדרש אויוון, און מיינע גרויע קילע אויגן קוקן דערשראָקענע אין דער נאַכט אַריין, און שטעלן זיך אָפּ אַנטקעגן דעם זיידנס יאָרצייט ליכטל.

יהודה דער שמש שטייט איינגעקנוילט אין זיין ברייטער בורקע, און פאַרוויקלט זיך שטאַרקער מיטן וואָלענעם שאַליק.

— ס׳עט שוין זיין גענוג, ר׳ מרדכי — רעדט ער אַרויס שטיל און האַלב פאַרשעמט — ס׳איז שוין נאָך חצות און איך מוז פאַרשליסן די טירן.

מיין טאַטע פאַרבלייבט איבערגעבויגן איבער דער גמרא, אָבער זיינע ליפּן באַוועגן זיך קוים, און זיין קול, ווי אַ שטילער יאָמער פון אַ צעבראָכן געמיט צעציטערט לייכט דאָס דינע פלעמל פון דאָס חלב־ליכטל, וואָס איז נאָך אָנגעטריפט אויפן שטענדער.

ס׳איז געווען די לעצטע יאָרצייט־נאַכט אין וועלכער איך בין געווען אַ שותף, און נאָך היינט שטייט פאַר מיר לעבעדיק זיין מאַטער, בלאַס פּנים ווי איינגעשלאָפן אין באַהאַלטענעם צער און ווײ.

***

די נאַכט איז געלעגן איינגעהילט אין איר שטענדיקער חשכות, און בלויז צייטנווייז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פאַרבלאָנדזשעט שטערנדל פון הינטער די געדיכטע וואָלקנס און זיך געשפּיגלט אין דעם פריש געפאַלענעם שניי. קאָנטיק, אַז דאָס האָבן די איינצלנע שטערנדלעך מתכון געווען אונדז צו באַלויכטן דעם וועג פון בית המדרש אַהיים.

דאָס שטעטל איז שוין געווען געזונקען אין איר ביינאַכטיקן שלאָף, און בלויז אַן עלנטער אויסגעדאַרטער הונט איז געלאָפן ווילד איבערן טיפן שניי זוכנדיק פאַר זיך אַ מקום מנוחה. פון ערגעץ־וואו האָט זיך געהערט אַ מאַויימדיקער וואָיען, און פאַרזונקען געוואָרן צווישן דיביימער הינטערן בית עולם.

דער ווינטער האָט זיך שוין געהאַט געשטעלט, און פאַרגראָבן די האַלב איינגעפאַלענע כאַטקעס. פון דערבייאיקן וואַלד האָט געבלאָזן אַ שאַרפער ווינט, וואָס האָט געריסן דעכער און פענצטער. אומעט און צער האָבן אַרויסגעבליקט פון יעדן ווינקל, און זיך געשפּרייט איבער די אידישע הייזער.

מיין טאַטע און איך האָבן שווער געשפּרייזט איבער די געדרייטע געסלעך ווי דער וועג וואָלט אונדז פּלוצים געווען ניי און פרעמד. ביידע האָבן מיר געבראָדיעט פאַרזונקען אין געדאַנקען, ביז מיר האָבן זיך שווייגנדיקע אַריינגעשאַרט אין דער קאַלטער, פינצטערער שטוב. אויף די ווענט איז געלעגן אויסגעלייגט פאַריתומדיקייט, און פון די פענצטער האָט אַראָפּגעקוקט אַ ווייסקייט וואָס האָט דערמאָנט אין אָפּגעשטאָרבנקייט און פאַרוויסטקייט. ס׳האָט זיך לייכט געמערקט, אַז אין שטוב פעלט אַ בעל־הביתטע, וואָס זאָל צאַמען די גרויסע קרירה און איר באַהויכן מיט אַביסל וואַרעמקייט.

דער טאַטע מיינער האָט זיך איינגעקנוילט הינטערן איבערבעט און זיפצנדיק און יעכצנדיק געלייענט קריאת שמע. איך האָב זיך גיך פאַרגראָבן הינטערן בעטגעוואַנט, און מיט גרויס יראת הכבוד זיך צוגעהערט צום טאַטנס קריאת שמע לייענען. יעדעס וואָרט איז ווי אַ שווערער שטיין געפאַלן אויף מיין יונג האַרץ, און געפילט האָב איך ווי איך וואָלט דאָרטן אַ מצבה אויפגעשטעלט. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, האָב איך ליגנדיק אויפן געלעגער ווידעראַמאָל אויפגעכאַפּט די רייד וועגן מיין זיידן, און מיין טאַטנס צער איז מיר געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך.

— געדענק, מיין קינד, — האָט זיך פּלוצים גענומען שניידן אין מח דעם טאַטנס שטענדיקע אזהרה — אַז איך בין ניט שולדיק, וואָס דיין זיידע איז געשטאָרבן אין דער פרעמד; דאָס האָט די השגחה אַזוי געוואָלט, אַז ער זאָל

אין סוף פון זייַנע יאָרן זיין נע ונד, און קעגן גאָטס רצון קאָן קיינער זיך ניט אַנטקעגנשטעלן.

אַ סך מאָל האָט מיין טאַטע איבערגעחזרט די דאָזיקע רייד, און געפילט האָב איך, אַז עפּעס ליגט דערין אַ שרעקלעכער אָנזאָג, אַן אָנזאָג פון זיין נע ונד און קומען צו קבורה אין אַ ווייטן פאַרפרעמדטן אָרט. קענטיק, אַז מיין טאַטע איז געווען שטאַרק דורכגעדרונגען מיט דער דאָזיקער מורא פון שטאַרבן אונטערוועגנס, און געפּרובירט מיך באַצייטנס צוגרייטן דערצו.

אויך איך בין באַהערשט געוואָרן פון דעם דאָזיקן פאַרגעפיל, און פאַר מיינע אויגן האָבן ווידער אַ מאָל געגומען פאַרביישוועבן די אַלע שרעקנס־יאָרן פון מיין יוגנט.

אָט דערזע איך מיין מאַמען אין איר יוגנטלעכער פרייד. אירע רויטע האָר און איידל פּנים, אויגן ליכטיקע און בליענדיקע; אַ שמייכל וואָס צעגיסט זיך אין דורותדיקער צניעות, און וואַרעמט האַרציק און ליבלעך. און אָט ווערט אָט די דאָזיקע פרייד פאַרפינצטערט, און די ליכטיקייט לעשט זיך אויס. מיין מאַמע שטאַרבט אין אירע בליענדיקסטע יאָרן, און מיר פאַר־בלייבן זיבן קליינע יתומימלעך, ממש וויג־קינדער איינס ביי איינס.

און אָט בין איך שוין אַליין אַ יונגער בחור, נאָך ממש אַ חדר־אינגעלע, אַ פאַרוואָגלטער אין נייעם לאַנד אַמעריקע, און זיץ אין אַ גרויסער שוויץ־פאַבריק ביי אַ ניי־מאַשין און אַרבעט ווי די אידן אין מצרים. דאָרטן, ביים גערויש פון די ניי־מאַשינען, בין איך מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ געזעצטער מענטש און צוגלייך מיט אַנדערע זיך גענומען ראַנגלען מיט די כלערליי איזמען. געזאָלט האָב איך דעמאָלט ווערן אַן אויפגעקלערטער מענטש מיט געהויבענע פרייע אידייען, אָבער איך בין אין דעם געראַנגל געוואָרן מערער און מערער פאַרפּלאָנטערט, געזוכט אַ וועג און ניט געקענט געפינען.

און נאָך איידער איך האָב זיך גרינטלעך באַפעסטיקט אין דער שניידער־פאַבריק פון גרויס ניו יאָרק, האָט זיך דער מלחמה־פייער צעפלאַקערט איבער אייראָפּע און אויך פאַרכאַפּט די פאַראייניקטע שטאַטן. דער רוף צום קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע איז געקומען, און איך, דער האַלב־גרינער בחורל, הקטן בערל ב״ר מרדכי ארי׳ ב״ר יוזיפ בוים פון ק״ק פעלשטין במדינת אוקראַינע, בין פלוצים געוואָרן אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט מיט אַ זעלנערישן אוניפאָרם פון אַנקל סעמס קעמפערישער אַרמיי.

בימים ההם איז מיין טאַטע נאָך געווען אין זיינע מיטעלע יאָרן, און די איינציקע גליקלעכע דערוואַרטונג וואָס ער האָט אויסגעחלומט אין זיין עלנט־קייט, איז געווען די האָפנונג צו פאָרן קיין אַמעריקע זיך צו זען מיט זיינע קינדער. ניט אויף תמיד האָט ער געזאָלט פאָרן, ניט אויף להשתקע, נאָר בלויז אויף אַ קורצן באַזוך, און תיכף צוריק פאָרן קיין פעלשטין צום היימישן בית המדרש און דעם אייגענעם ספרים־אַלמער. אַמעריקאַנער פריי־הייט און אַמעריקאַנער גליקן האָבן מיין טאַטן ניט געלאָקט; צופיל איז ער

געווען צונויפגעבונדן מיטן אַלטן היימישן לעבן, און צו גרויס איז געווען די דורותדיקע ירושה זיינע מיט איר איבערצורייסן אויף לעולם ועד. דער פעלשטינער בית המדרש איז געווען זיין בית־המקדש, און דער ספרים אַלמער זיין מזבח. דאָרטן איז געלעגן זיין גאַנצע עשירות, וואָס האָט אים במשך כמה יאָרן גענערט און געשפּייזט. אַ גרויס פאַרמעגן האָט מיין טאַטע געהאַט: אַן אייגענע ספר תורה, און אַן אַלטן אייגענעם ש״ס, אַן אייגענעם שופר, אַן אייגענע מגילה, און אָט מיט דעם פאַרמעגן האָט ער זיך קיינמאָל ניט געוואָלט שיידן, ניט אַפילו אין זיין גרויס אָרעמקייט און צעבראָכנקייט. פעלשטין איז געווען זיין היים, דער פעלשטינער בית עולם — זיין תכלית און ציל. און אַמעריקע? אַמעריקע איז געווען בלויז אַ מין פּרוזדור, אַ פאָדערהויז, וואָס ער מוז דורכגיין איידער ער ווערט איינגעזאַמלט צו זיינע אבות הקדושים, כדי צו באַווירקן אויף די קינדער זיינע חלילה ניט אָפּ־צונויגן פון גאָטס דרכים.

— רבונו של עולם! — האָט מיין טאַטע תמיד געבעטן, אויב איך האָב נאָר איין שטיקל זכות, טאָ לאָז מיך כאָטש איין איינציק מאָל אַ קוק טאָן אויף מיינע קינדער און דערנאָך וועל איך זיך צוריקקערן צו פאַרברענגען מיינע פאַרבליבענע יאָרן אין דיין הייליקער תורה. בלויז דעם איינאיינציקן חסד טו מיט מיר!

האָבן זיך אָבער פאַרשלאָסן אַלע שערי רחמים, און מיין טאַטע איז געזעסן איבער די הייליקע ספרים און זיך אויסגעוויינט די אויגן. רוסלאַנד איז געווען אַרומגערינגלט ווי מיט אַן אייזערנער וואַנט, און יעדע פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט איז ווי אָפּגעשניטן געוואָרן. מיין טאַטע האָט געפילט בחוש, אַז איך, זיין אַמעריקאַנער בן זקונים, בין מסתמא אין סאַמע מיטן פייער קעמפנדיק אויפן פראַנצויזישן פראָנט. האָט ער אויפגעגעבן אַלע זיינע אַנדערע בקשות צום רבונו של עולם, און נאָר מתפלל געווען יום ולילה אַז זיין קינד זאָל ניצול ווערן פון אַלע געפאַרן.

און אָט אַזוי זיינען אויפגעפרעסן געוואָרן עטלעכע יאָר לעבן. חלומות זיינען אָפּגעווישט געוואָרן און האָפענונגען זיינען צערונען ווי שניי אונטער דער זון.

פאַר מיר, זיין קינד, האָט דער טאַטע מיינער מיט זיין תורה און תפילה אויסגעבעטן כל טוב. פאַר אים אָבער, ווי פאַר אַלע איבעריקע אידן אין אוקראַינע, האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכסטע פּורעניות. איך בין בשלום אַהיימגעקומען, געזונט, פריש, און שטאַרק און איך האָב זיך געפילט מעשה העלד און זיגער. אָבער אויף מיין טאַטן און מיין היימיש שטעטל, פעלשטין, האָט זיך אויסגעגאָסן גאָר דער גרימצאָרן.

די פעטע און רייכע אוקראַינע איז תיכף נאָכן פאַלן פון דער צאַריסטי־שער רעגירונג פאַרפלייצט געוואָרן פון כלערליי מערדערישע באַנדעס. די דעניקינס און פעטליוראַס האָבן זיך ווי ווילדע טיגערס אַרויפגעוואָרפן אויף

אידישע שטעט און שטעטלעך, און געמאָרדעט מיט אַ ווילדער רציחה. אויך מיין שטעטעלע, פעלשטין, האָט געטראָפן דער בייזער גזר, און הונדערטער אידן זיינען געפאַלן קרבנות. מיין טאַטע איז ניט אויסגעמיטן געוואָרן, הגם ער האָט דערהאַלטן זיין לעבן. אַ באַנדיט האָט אים מיט אַ באַיאָנעט דורכ־געשטאָכן ס׳פּנים, און ער איז חדשים לאַנג געלעגן אין שפּיטאָל פאַרבלייבנ־דיק שוין אויף תמיד אַ קראַנקער און צעבראָכענער.

צום גליק זיינען די באָלשעוויקעס גיך אַריין אין אונדזער שטעטל, און די אויסגעבאַהאַלטענע אידן האָבן זיך געקענט אַרויסרוקן פון זייערע באַ־העלטענישן און בשתיקה זיך גרייטן אויסצוואַנדערן. מ׳האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר די מ׳שטיינס־געזאָגט ירושה שטיבער, און זיך אַוועקגעלאָזט וואו די אויגן האָבן נאָר געטראָגן. דער ענד־ציל איז געווען אַמעריקע, וואו מען האָט געהאַט קינדער און קרובים, און געהאָפט האָט מען, אַז נאָך אַ וואָך און נאָך אַ חודש און אַמעריקע וועט אויסשפּרייטן איר האַנט צו די אומ־גליקלעכע וואָגלער.

אויך מיין טאַטע איז געווען צווישן די וואָגלער. אויך ער האָט גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט און זיך אַוועקגעלאָזן קיין פּוילן אויף גאָטס באַראָט. דער אַלטער אויסגעחלומטער וואונטש צו זען זיינע קינדער אין אַמעריקע, האָט אין אים ווידעראַמאָל אויפגעלעבט. אין דעם וואָס ער האָט געראַטעוועט זיין לעבן און אָפּגעקומען בלויז מיט שווערע וואונדן, האָט ער געזען דעם אצבע אלוקים, דעם וואונק, אַז אפשר האָט גאָט ברוך הוא באַ־וויליקט זיין געבעט אים צו דערפירן צו די אַמעריקאַנער ברעגן.

אָט דער געדאַנק האָט אים געשטאַרקט און געגעבן כח אַ קראַנקער און צעבראָכענער זיך צו לאָזן מיט טויזנטער אַנדערע וואָגלער, אין ווייטן וואַנ־דערוועג פול מיט דערנער און שטרויכלונגען. דער אַמאָליקער פאַרגעפיל, אַז זיין גורל איז צו קומען צו קבורת ישראל ערגעץ ווייט אין דער פרעמד וואו מ׳קען אים ניט און מ׳ווייסט ניט, האָט אים מער ניט געשראָקן. דער מקום קבורה איז אים מער ניט אָנגעגאַנגען, אויך די ליידן פון זיין נע ונד האָבן אים ניט געשראָקן; מיין טאַטע האָט איצטער אין זיין גרויסער תמימות־דיקייט און אהבת התורה געהאַט אַן אַנדער אויפגאַבע, אַ פיל וויכטיקערן און מער באַדייטנדיקן: זיין גאַנצער מח איז געווען באַנומען בלויז פון איין איינציקן געדאַנק — איבערצוגעבן זיינע קינדער אין אַמעריקע די גרויסע ירושה זיינע, דעם אַלטן ש״ס מיט אַלע מפרשים און הגהות, פילע פּוסקים ראשונים און אחרונים, די ספר תורה וואָס ער האָט געלאָזט מיט די לעצטע גראָשנס זיינע אויפשרייבן, און נאָך און נאָך ספרי קודש, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַרן טייערסטן אוצר.

און דער וואַנדערוועג האָט זיך אָנגעהויבן; מיטן פּאַק ספרים אויף דער פּלייצע, מיט דער ספר תורה אויפן האַרצן, האָט דער טאַטע מיינער פאַרלאָזן

את עירו ואת מולדתו און זיך געריסן איבער שטעכיקע וועגן צו די ברעגן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן צו קינדער און קינדס־קינדער.

**
*

דאָס שטעטעלע פעלשטין איז געלעגן אין טאָל. האַרט ביים שטעטל איז געלעגן רחבותדיק דער שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן לענג אויס צו די שליאַכן. אַרום און אַרום זיינען געלעגן שפעדיק פאַרזייטע פעלדער און געדיכטע סעדער.

פעלשטין איז געווען אַ צענטראַלער פונקט, און פון אַלע וועגן האָבן פויערים געבראַכט אַהין אָנגעלאָדענע זעק מיט פּירות און תבואות. דער מאַרק אין שטעטל איז תמיד געווען רוישנדיק מיט האַנדל וואַנדל, און אידן האָבן דורות־לאַנג געצויגן זייער בצמצומדיקע פּרנסה און געלויבט גאָט פאַרן גרויסן חסד.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און פאַר די איבערפאַלן פון די דעניקינישע און פעטליוריסטישע באַנדעס. נאָך די אומצאָליקע פּאָגראָמען, אין וועלכע טויזנטער אידן זיינען אומגעקומען, איז די באַוועגלעכקייט אַרום פעלשטין געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. זעלטן פלעגט אַ איד קענען עפּעס איינקויפן פון די פויערים, און די אידישע מסחרים זיינען בלויז באַשטאַנען פון אַביסעלע שפּייז פאַרן אייגענעם געברויך.

ערטערווייז האָבן זיך אַרויסגעזוען פאַרברענטע דערפער באַדעקט מיט ווילד פאַרוואַקסן גראָז; קופּעס אַש און הרודעס אָנגעוואָרפענע שטיינער פון פאַרוויסטע אידישע הייזער זיינען, ווי קברים און מצבות, געשטאַנען און דערמאָנט אָן דעם חורבן.

פון דער גאַנצער משפחה מיינער האָט זיך בלויז אַ איינגערער ברודער געראַטעוועט. מיין שטיף־מאַמע איז דערהרגעט געוואָרן בעת מיין טאַטע איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. דאָס הויז איז אויסגעראַבירט געוואָרן, און ווי דורך אַ נס איז מיין טאַטנס טייערסטער אוצר: זיינע ספרים, פאַרבליבן אומבאַרירט.

אין די שוואַרצע איינזאַמע טעג און שלאָפלאָזע נעכטן איז ביי מיין טאַטן שטאַרק געוואָרן דער באַגער צו זען זיך מיט זיינע קינדער אין אַמעריקע.

וואָס אַ טאָג איז דער טאַטע מיינער אַלץ אומעטיקער געוואָרן. אין די לויטערע פרימאָרגנס ווען די לופט פלעגט זיין דורכזיכטיק, פלעגט ער שטיין אין דרויסן און קוקן אַהין, ווייט, ווייט איבער די הויכע בערג־שפּיצן און אים פלעגט זיך דוכטן, אַז איבער די בערג שלענגלט זיך דאָס גרויסע לאַנד אַמעריקע.

ענדלעך האָט ער מער ניט געקענט דערשטיקן זיין בענקשאַפט און

האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין היים. ניט רעכענענדיק זיך מיט דער גרויסער סכנה, האָט ער פאַררופן צו זיך זיינעם אַ גאַנץ ווייטן קרוב מיט נאָך עטלעכע בכבודיקע אידן, און גערעדט צו זיי זיינע לעצטע רייד:

— הערט מיך אויס, אידן, — האָט ער זיך מיט אַ פאַרשטיקטער שטים פאַרוועגדט, איך לאָז איבער די שטוב מיינע צו פישלען דעם ווייטן קרוב. ער, פישל, איז אַן ערלעכער איד, און וועט מיך, חלילה ניט באַגזלנען. אויב גאָט ברוך הוא וועט מיר שענקען יאָרן און מיך בשלום דורכפירן דעם ים און דערנאָך אויך צוריקברענגען אַהיים צו די קברים פון מיינע אבות, וועט די שטוב זיין צוריק מיינע, אויב אָבער, חלילה ניט, איז ער אַ קרוב און זאָל דעריבער נוצן די שטוב כל זמן ער וועט לעבן.

מיין אינגסטער ברודער איז דעמאָלט געווען אין זיין האָניק־חודש, האָט דער טאַטע מיינער אויך אים פאַרזאָרגט מיט אַ שטוב. אין די מלחמה־יאָרן איז מיין טאַטע כלומרשט געוואָרן אַ איד אַן עושר מיט אַן אַ שיעור כלערליי רוסישע רובלס. זייער ווערט איז קיינמאָל ניט געווען קיין זיכערער און זיך געהויבן און געפאַלן ווי דער פלוס ביים ים, האָט דער טאַטע דעריבער גע־קויפט נאָך אַ שטוב, אַ נייערע און אַ שענערע, פאַר זיך און די קינדער.

אין בית המדרש בין מנחה למעריב, זיינען אידן צוגעשטאַנען צום טאַטן בעת זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז ער פאַקט די ספרים צו נעמען מיט זיך:

— ר' מרדכי, צו וואָס זאָלט איר נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע און שווערע טרחה מיטצופירן קיין אַמעריקע אַלע אייערע ספרים? וואָס זשע, אין אַמע־ריקע זיינען קיין ספרים ניטאָ? אי, ר' מרדכי, דאָ וואו ס'זיינען פאַראַן אידן, זיינען אויך דאָ ספרים. אידן זיינען ברוך השם אומעטום די זעלבע, און אַ איד אָן אַ ספר איז ווי אַ גוף אָן אַ נשמה. איר האָט דאָך בטחון, אַז איר וועט אם ירצה השם צוריקקומען צו אונדז אין פעלשטין און דאָ אויסלעבן אייערע יאָרן, טאָ פאַרוואָס זאָלט איר ניט לאָזן דאָ אייערע ספרים?

מיין טאַטע איז גערירט געוואָרן פון די האַרציקע בקשות און טענות. אַ טרער האָט זיך ניט ווילנדיק אַראָפּגעגליטשט איבער זיין בלאַסן פנים, און טראָפּנוויז געפאַלן אויף דער גרויער באָרד. אַ ווילע האָט אים געשטיקט אין האַלדז און ניט געקענט אַרויסריידן אַ וואָרט, באַלד אָבער האָט ער זיך אויסגעגלייכט, עניוותדיק און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— ניין, מיינע פריינט, אַלץ לאָז איך דאָ איבער נאָר ניט די ספרים...

אַלע האָבן שטילערהייט מסכים געווען מיטן טאַטן, און איינגעזען, אַז ער האָט אַ ווייטערן בליק. פעלשטין איז שוין געלעגן האַלב חרוב, אין בית המדרש האָט זיך מער ניט געהערט דער קול תורה, פאַרשטילט איז געוואָרן דער דאַוונען און לערנען, און מי יודע וואָס שפּעטער וועט זיין. די באַל־שעוויקעס וועלן ניט צוריקברענגען דעם אַמאָליקן אידישן לעבן אין פעלשטין.

אַהיימקומענדיק פון בית המדרש, האָט דער טאַטע זיך גלייך גענומען

בודק זיין די ספרים. מיט גרויס ליבשאַפט און צאַרטקייט האָט ער יעדן ספר באַזונדער אַרומגעווישט, אויסגעגלייכט די פאַרקנייטשטע בלעטער און אַוועקגעשטעלט מין במינו: גמרות באַזונדער, משניותן באַזונדער, שולחן ערוכס באַזונדער, מוסר ספרים באַזונדער, ביז אַלע זיינען זיי געווען צונויפגעקליבן און פאַרמירט.

פאַמעלעך, מיט קוים־באַוועגלעכע הענט, האָט ער די ספרים סאָרטירט, און געפילט האָט ער ווי ער וואָלט זיך מיטאַמאָל שיידן מיט אַ האַרציק און ליב קינד. כלערליי זכרונות זיינען אים אין מח אַרויפגעשוואומען, זכרונות אָנגענעמע און זיסע. יעדעס ספר איז געווען אַ שטיק פון זיין אייגן לעבן, אַן אבר פון זיין גוף, וואָס האָט אים אין די אַלע יאָרן פון פיין און געראַנגל, צער און צאָרן, געגעבן טרייסט און כח.

אָט קומט אים צום האַנט דער גרויסער סלאַוואוטער ש״ס, און פאַר זיינע אויגן לעבט אויף דאָס הייליקע געשטאַלט פון רבין ר׳ ישראל קיטאָווער, ער, דער גרויסער רבי און מרתא דאתרא, מחבר פון צוויי פירושים אויף רעליגיעז־פילאָסאָפישע ספרים, האָט געהאַט צוויי זין, איינער איז געוואָרן דער ממלא מקומו, און דער צווייטער האָט אָפּגענומען זיין חלק ירושה, איינעם פון די צוויי ש״סן, און עס שפּעטער געמוזט צוליב דחקות און נויט פאַרקויפן. מיין טאַטע איז דעמאָלט ניט געווען קיין גביר, אָבער אַזאַ זכות האָט ער ניט געקענט פאַרביילאָזן. האָט ער צונויפגעקליבן די לעצטע עטלעכע רובל, געכאַפּט דאָ און דאָרטן אַ קליינעם גמילת חסד, און דעם ש״ס אָפּגעקויפט.

און אָט נעמט ער אַרויס די ספר תורה פון ארון, גיט איר אַ קוש און לייגט איר אַוועק אויפן טיש איבער אַן אויסגעשפּרייטן קלאָר־ווייסן ליילעך. וויפיל רייד און האַפנונג האָט ער עס פון דער דאָזיקער ספר תורה געצויגן?

און ביים סיום התורה האָט די שטאָט זיך געפרייט מיטן טאַטן אינאיינעם. יעדער איינער האָט געוואָלט מיט די אייגענע אויגן צוזען די גרויסע שמחה.

אָט אַזוי איז דער טאַטע מיינער אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אַריינגעכאַפּט געוואָרן אין דעם אָנרויש פון זכרונות. ס׳האָט שוין באַלד גענומען גרויען אַ נייער טאָג, ווען דער טאַטע האָט ענדלעך געכאַפּט אַ לייכטן דרימל. אָבער אויך דעמאָלט האָבן די בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט אים ניט אָפּגעלאָזט. די בילדער האָבן זיך, אָן קיין שום פאַרבינדונג און בלויז פון רגע צו רגע, צונויפגעמישט מיט די געשטאַלטן פון זיינע קינדער אין אַמעריקע און אַ וואַרעמער געפיל האָט פאַרפלייצט זיין שווער האַרץ.

אין פריען פרימאָרגן, ווען די זון האָט אים אויפגעוועקט פון דרימל, איז זיין גאַנצער וועזן שוין פול געווען מיט אַמעריקע. און איינהילנדיק זיך אין טלית און תפילין, האָבן זיינע מיט מורא אָנגעפילטע אויגן רחמנותדיק זיך געבעטן:

— רבון כל העולמים, האַר פון אַלע וועלטן, שפּרייט אויס דיין חסד

איבער מיר, דײַן דינער, און דערפֿיר מיך בשלום אין דעם װײַטן לאַנד צו מײַנע קינדער.

***

ענדלעך פֿאַרלאָזט דער טאַטע אונדזערער זײַן שטעטל, פּעלשטין, מיט נאָך עטלעכע משפּחות, װאָס װערן באַגלייט פֿון די נאָענטע שכנים אין שטילן טרױער.

ס'איז געװען שפּעט אין דער נאַכט. די לבֿנה האָט קוים באַװיזן צו באַלײַכטן דעם בלאָטיקן װעג. רואיקע, אײַנגעװיקלט אין מידן שלאָף זײַנען די ביימער געשטאַנען און זיך צוגעהערט צום געריוש פֿון די בוידן.

װי אַ קאַראַװאַן האָבן די עגלות זיך געצויגן איבער לאַנגע און פֿרעמדע װעגן, און פֿון זיי האָט אַרויסגעטונקלט פֿינצטערער גלות און פֿאַרצװײפֿלטער געשריי.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז זיך אַזוי געלאָפֿן מיט נאַכט און פֿינצטערניש צונויפֿגעבונדן. אַמאָל איז די לבֿנה אַרויס אַ ליכטיקערע, און אַמאָל האָט זיך באַװיזן אַ װאָלקן װאָס האָט די װאָגנס באַדעקט אין שװאַרצן. די פֿעלדער ביים װעג זײַנען אַמאָל געװען גרין מיט הויכן גראָז װאָס האָט געפֿלאַטערט אין װינט, און אַמאָל זײַנען זיי געװען װייס און אויסגעזען װי אַ װאַלד מיט שניי־באַדעקטע בוימער.

בעת די שטילקייט איז געװאָרן שטאַרק דריקנדיק, האָט אימיצער פֿון די װאַנדערער זיפֿצנדיק אונטערגעברומט אַ קאַפּיטל תהילים, װאָס איז ביס־לעכװייז אונטערגעכאַפּט געװאָרן פֿון די אַנדערע און זיך צוזאַמען פֿונאַנדער־געטראָגן מיטן שװערן קלאַנג פֿון די רעדער.

בלויז מײַן טאַטע איז ניט געװען פֿאַרטרויערט; מיט יעדער רגע איז ער געװאָרן פֿריילעכער, מונטערער און לוסטיקער. מיט יעדער שעה װאָס איז אַװעק, איז נענטער געװאָרן דער לאַנג־געגאַרטער תיקון. אָט באַלד־באַלד און ער װעט זײַן מיט די קינדער אין אַמעריקע.

און אַ איד מיט אַ בויד אָנגעפֿילט מיט ספרים און אַ ספר תורה האָט צוגעדריקט צום האַרצן, איז קיינמאָל אין דער אמתן ניט נע ונד. אומעטום שלאָגט ער זיך אָן אין צונויפֿגעלאָפֿענע אידישע מחנות און אין האַלב־אײַנ־געזעסענע אידישע קהלות, װאו מ'נעמט אים אויף מיט גרויס כּבֿוד און אײַנ־זעעניש. מ'מאַכט אַ מנין, מ'לייענט פֿון מײַן טאַטנס ספר תורה און מ'טיילט זיך מיט די צרות און האָפֿנונגען.

און אַזוי רוקן זיך די טעג און װאָכן. הונדערטער מײַלן האָט דער טאַטע מײַנער דורכגעװאַנדערט, איבער װעגן און שטעגן האָט ער געבראַדיעט מיט זײַנע קאַסטנס ספרים ביז ער איז אָנגעקומען אין װאַרשע, דער זאַמלפּונקט פֿון אַלע געטריבענע און געיאָגטע.

אין דער עיר ואם בישראל האָט דער טאַטע מײַנער דערזען אַ נײַעם

ליכט־שטראָם. אַלע זיינע חלומות זיינען מיטאַמאָל געקומען צום אויסדרוק און אים אָנגעפילט מיט פרייד און האָפענונג. דער טאַטע האָט אָנגעהויבן טראַכטן וואָס גיכער צו באַזאָרגן די לעגאַלע נויטווענדיקייטן און תיכף אָפּ־פאָרן קיין אַמעריקע.

אין דעם גרוי־גאָלדענעם ליכט פון אַ זוניקן פרימאָרגן, האָט ער זאָרג־פעלטיק צונויפגענומען די נויטיקע דאָקומענטן און באַוויזן, און אַ חדוה־דיקער אַוועק צום אַמעריקאַנער קאָנסול קריגן אַ וויזע.

און אַט דאָ האָט זיך אויסגעגאָסן גאָטס גאַרער גרימצאָרן. טעג און וואָכן לויפט דער טאַטע צום קאָנסול, וויינט און בעט רחמים:

— סטייטש, איך בין דאָך אַן עלטערער מענטש אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד; איך האָב דאָך ברוך השם אַזוי פיל קינדער אין אַמעריקע, אַלע אַזוינע פיינע און געטרייע; איינער איז דאָך אַפילו געווען אַ סאָלדאַט, געקעמפט מיט דער אַמעריקאַנער פאָן אין האַנט אויף אַלע פראָנטן, געווען אין אַלע פייערן. ווער נאָך ווי איך האָט פאַרדינט דעם גרויסן זכות אַריינצוקומען אין דעם פרייען לאַנד אַמעריקע?

אָבער ווער פילט דען אַ אידיש צעבראָכן האַרץ? ווען קען דען פאַר־שטיין די חלומות און דערוואַרטונגען פון אַ אידן, וואָס טראָגט זיך איבער וועגן און שטעגן מיט ספרים?

און פוילן איז פוילן. טרייבט מען די וואַנדערער פון וואַרשע און מ׳יאָגט זיי פון שטעטל צו שטעטל, וואָס ווייטער אַוועק פון דער פוילישער הויפּט־שטאָט.

פאַרפאַקט דער טאַטע מיינער די זאַכן אויפדאָסניי, און ער מיטן בן־זקונים און זיין יונג ווייבל לאָזן זיך אַוועק זוכן אַ מקום מקלט. אינאיינעם מיט די אַנדערע פעלשטינער.

אָנגעקומען אין וואָלאָמין, אויף דער וואַרשע־פעטערבורגער ליניע און עטוואָס מער ווי תחום ביאַליסטאָק, האָט דער טאַטע מיינער געמאַכט זיין לעצטע סטאַנציע.

— פון דאַנען ריר איך זיך מער ניט — האָט דער טאַטע פעסט באַ־שלאָסן, און זאָלן די פאָליאַקן טאָן מיט מיר וואָס זיי ווילן, אָט דאָ וועל איך פאַרבלייבן, און זאָל אַפילו געשען וויס איך וואָס...

טאָג נאָך טאָג פאָרט דער יונגער ברודער מיינער, דער נייער בעל־הביתל, קיין וואַרשע, שטייט אין דער ריי בייטאָג און בייגאַכט, און קאָן זיך צום קאָנסול ניט דערשלאָגן.

קלאַפּט מען טרעוואָגע, טעלעגראַמעס צו די קינדער, פון די קינדער קיין וואַשינגטאָן און צוריק. אָבער אומעטום הייסט מען האָבן געדולד און וואַרטן. איראָפּע איז פאַרפלייצט מיט עמיגראַנטן. צענדליקער און הונדער־טער טויזנטער רייסן זיך פון אַלע ווינקלעך צו די טויערן פון אַמעריקע, און אָט דאָס דאַזיקע מוז נעמען צייט, מ׳קאָן ניט אַזוי ניט־מיר און ניט־דיר

אויפפּראַלן די טויערן און אַריינלאָזן יעדן איינעם! וכן לא יעשה באמעריקע — אַזוינס איז ניט דעמאָקראַטיש!

און אַט נעמט דער אַמעריקאַנער קאָנסול שוין אָוועק די האַנט פון האַרצן און שענקט דעם טאַטן אַ וויזע, אָבער בלויז דעם טאַטן מיינעם און אונדזער איצטיקע שטיף־מאַמע; דעם ברודער אונדזערן און זיין יונג ווייבל הייסט מען מוחל זיין און וואַרטן אויף לכשירחיב. ער איז שוין איבער איינ־און־צוואַנציק און אַ חתונה־געהאַטער, איז ער מער נישט דעם טאַטנס אַ קינד; ער איז שוין אויף זיין אייגענעם חשבון, און מוז דעריבער וואַרטן.

און דער טאַטע טענהט:

— יעבור עלי מה, זאָל זיין וואָס ס׳וועט זיין, און איך וועל מיינס אַ קינד ניט איבערלאָזן אַליין אין דער פרעמד.

קלאַפּט מען ווידעראַמאָל טרעוואָגע, און טעלעגראַמעס פליען פון דאַנען קיין וואַשינגטאָן, פון דאָרט צוריק, ביז די גליקלעכע שעה האָט זיך אָנגע־רוקט און נאָך אַ יאָר וואַרטעניש און האַרץ קלאַפּעניש האָט מען געקראָגן די בשורה טובה: —

מזל־טוב, אַלע האָבן געקראָגן וויזעס, און אי״ה אין איין מוצאי שבת קודש, חודש כסלו, רירט מען זיך פון אָרט.

אַ פרייד, אַ שמחה. דער טאַטע קומט! אויף אַלע קינדער פּאַרציט זיך אַ נערוועזע אומגעדולדיקייט. מ׳פרייט זיך און מ׳פּלאַנעוועט; יעדער איינער פון די קינדער נעמט אויף זיך די עובֿדה, כדי אַלץ זאָל זיין צוגעגרייט אויפן סאַמע בעסטן אופן.

מער פון אַלעמען איז זיך מכין מיין עלטערער ברודער, יונה. ער ווערט פלוצים אַרומגענומען מיט פורכטיקן יראת הכבוד צו אונדזער טאַטן, דעם תמימותדיקן אידן.

— הערט זיך איין, מיינע ברידער און שוועסטער, אונדזער טאַטע קומט צו אונדז און ס׳איז אונדזער הייליקער חוב אים צו פאַרגרינגערן די לעצטע יאָרן זיינע. פון איצטער אָן איז אויס מיט אונדזער פאַרגויאישטן לעבן. אידן דאַרפן מיר ווערן. אונדזער טאַטע טאָר ניט האָבן דעם מינדעסטן צער; מיר מוזן זיינע געפילן רעספּעקטירן און אַכטן און מוזן זיך אויפפירן אידישלעך. דער טאַטע איז זייער עמפינדלעך, און וועט גלייך דערשמעקן יעדע פאַרשטעלטקייט. לכבוד אונדזער טאַטן מוזן מיר ניט אַרומגיין בקלות ראש, און ניט זיין מער קיין פרייע פייגל...

מיר אַמפּערן זיך מיט יונהן, און טענהען:

— יונה, מיר זיינען מער ניט קיין פּיצלעך קינדער, מיר קענען מער ניט בייטן אונדזער שטייגער לעבן!...

יונה בלייבט אָבער ביי ס׳זייניקע, און גיט ניט נאָך אַפילו אויף אַ חוט השערה.

צעגייען מיר זיך אין די חילוקי דעות, למען השלום זאָגן מיר צו יונהן:

— נו, מילא, זאָל נאָר קומען די גליקלעכע שעה, זאָל נאָר דער טאַטע קומען בשלום אַהער!

אויף יונהס פאַרהאַרטעוועט פּנים צעגיסט זיך אַ ליבלעכער שמייכל, ווי איינער וואָס האָט פּלוצים דערזען די שיין פון ליכט.

מיט אָפענע מיילער און אויסגעגלאָצטע אויגן זיינען מיר געשטאַנען פאַר יונהן, און באַוואונדערט זיין אויפגעלעבטע גייסטיקע גבורה. זיינע בלאַסע באַקן האָבן זיך גערויטלט, און די ליכטיק־שאַטינע אויגן, ווי די אויגן פון אַ יונגן הירש, האָבן געצונדן אונדזערע הערצער. און מיר האָבן אים פאַרגיבן זיין אייביקע עקשנות פון היטן טהרת המשפחה.

דאָס פערטע חנוכה ליכטל האָט שוין געברענט, אַלע שוועסטער און ברידער מיט די שוואָגערס זיינען געווען פאַרזאַמלט ביי אונדזער עלטערן ברודער, יונה. די שוועגערין, חנה, האָט פאַררופן די משפחה און פריינט לכבוד חנוכה און לכבוד אונדזער טאַטן.

אַ סוף־חודשדיקע לבנה האָט בלאַסלעך אַריינגעלויכטן אין פענצטער, און באַגאָסן מיט זיין מאַטקייט די צונויפגעזאַמלטע קרובים, פריינט און לאַנדסלייט. די שטוב איז געלעגן אַן אָנגעפּילטע מיטן גערויש פון פרייד און מיטן גלאַנץ פון אויפגערוימטקייט און יום־טובדיקייט, לכבוד דעם טאַטנס באַלדיקן אָנקומען.

לאַנדסלייט קומען און גייען, יעדער איינער מיט זיין באַהאַלטענער פרייד, יעדער איינער מיט זיין דערוואַרטנדיקער באַלעבונג. אַ קליינינקייט, ר' מרדכי קומט! ניין, ניט ר' מרדכי קומט אַהער, נאָר פעלשטין, דאָס היימישע שטעטעלע, קומט אַהער! ערשט איצט וועט מען קענען איבערזאָגן אַ דבר תורה, איבערדערציילן אַ שיחת חולין של תלמידי חכמים, הערן אַ שיין חסידיש מעשהלע, און בכלל ווידעראַמאָל אַרויפציען אויף זיך דעם חותם של תורה.

בינו לבינו זיצט מען ביז אין דער שפּעטער נאַכט, און מ'דערציילט זיך מעשהלעך פון אַמאָל, געשיכטעלעך פון די יונגע יאָרן, בעת ס'איז נאָך געווען ר' מרדכיס תלמידים און געחלומט אַזעלכע שיינע און זיסע חלומות. אָבער ביטער איז געווען די אַנטוישונג, דורך אַ שרעקלעכער בשורה: אַ טעלעגראַמע, אַז אונדזער פאָטער איז נפטר געוואָרן.

די חנוכה־ליכטלעך אויפן שניי־באַדעקטן פענצטער האָבן זיך געהאַלטן ביים לעשן; איבערן שטוב האָט זיך געשפּרייט אַ מידע אויסגעלאָשנקייט, און די שטים פון יונהן איז געפאַלן ווי רעגן אויף אַ מעטאַלענעם דאַך; לייענענדיק די טעלעגראַמע פון דער ביטערער בשורה, אַז „אביכם מרדכי ארי' איז נפטר געוואָרן כ"ד כסלו, בעיר וואָלאָמין, פּוילן"!

די רונדקייט פון זיינע ליפּן איז געווען פאַרטריקנט ווי אַלטער פאַר־מעט, די אויגן האָבן שטאַר געקוקט אין טונקעלן חלל, דער האַלדז האָט זיך פאַרצויגן מיט פאַרגעלטער הויט, זיך צוריק איינגעקרעמפּט, שטייפער

און שטייפער, און אַ היסטעריש געוויין האָט זיך ווי מיט געוואַלד אַרויס־געריסן: —

— ניטאָ מער אונדזער טאַטע, ניטאָ מער! אַלע זײַנען מיר געבליבן פאַרשטיינט.

יונהס האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן זיך צעעפנט, און זײַן בליק, ווי אַ פײַער־פונק איז געפאַלן אויף די שטוב־מענטשן. אַן אומגעשטערטע שטיל־קייט האָט אַלעמען באַהערשט. דער דומפּער געראַויש פון שעפּטשן און זיפצן איז אין צער פאַרשטיקט געוואָרן, און יעדע באַוועגונג און הייבונג פון ברוסטקאַסטן האָט אויפגעהערט.

די אַבילותדיקע שטילקייט איז געוואָרן טיפער און טיפער, און די סוף־חודשדיקע לבנה, אַרויסשווימענדיק אַ בלייכע און אײַנגעשרומפּטע פון צווישן די הויכע מויערן, האָט באַדעקט יונהס פּנים מיט נאַכטיקער אויסגע־לאַשנקייט.

טעג פון אבילות האָבן זיך געצויגן, און בלויז די געמויערטע ווענט און דיקע טירן האָבן פאַרשלונגען אונדזערע רייד און טרערן. אויסגערונען איז געוואָרן אונדזער חלום, פאַרלאָשן אונדזער גרויסע האָפענונג. — דער טאַטע מײַנער האָט מער ניט געקענט דערטראָגן דעם נע ונד, און די מיט אַ באַיאָ־נעט דורכגעשטאָכענע באַק האָט אָנגעהויבן צו אײַטערן און בלוטיקן. די פּעטלוראָווצעס האָבן מײַן טאַטנס פּריצייטיקן אומקום אָנגעהויבן, און דער שווערער וואַנדערונג האָט דעם אומקום פאַרענדיקט.

און ווי דער טאַטע מײַנער וואָלט געזען דעם סוף פון זײַנע טעג, האָט ער פאַררופן צו זיך עטלעכע נאָענטע אידן און זיי באַשוואוירן זיך צו באַ־מיען, אַז די ספרים זאָלן למען השם איבערגעשיקט ווערן צו די קינדער אין אַמעריקע. דעם מוזיניק זײַנעם, דער וואָס איז געווען מיט אים אין וועג אַהער, האָט ער פאַרזאָגט בגזירת כבוד־אב אַכטונג צו געבן, אַז קיינער זאָל חלילה ניט פאַרשוועכן די ירושה, וואָס באַלאַנגען צו די קינדער...

און די ירושה איז חלילה ניט פאַרשוועכט געוואָרן. דאָ, אין אַמעריקע, אונטער די הענט פון אונדזער עלטערן ברודער, יונה, האָט די ירושה גע־קראָגן איר שלמותדיקן תיקון און עלית נשמה.

ער, יונה, האָט מיט אַ הייליקן ציטער פאַנאַנדערגעפּאַקט די ספרים, און מיט ערנסטער ליבשאַפט זיי אײַנציקווײַז אַרומגעשטויבט. גמרות באַזונדער, פּוסקים באַזונדער און ספרי מוסר באַזונדער. אַז ס'איז געקומען צו דער ספר תורה, האָט ער איר מיט גרויס יראת הכבוד אויפגעהויבן אין דער הייך, ווי צו הגבהה און מיט אַ קול געשטיקט אין טרערן זיך ביטער צעוויינט.

דערנאָך האָט ער די ספר תורה אײַנגעוויקלט אין אַ טלית איר אַ קוש געטאָן און אַוועקגעשטעלט אויבנאָן אין אַן אויסגעליידיקטן אַלמער. בלויז אַ דערזוויילִיקער אָרט. בקרוב וועלן מיר דעם טאַטנס ספרים אַרײַנגעבן אין אַ מקום קדוש, וואו מען לערנט תורה...

— אפשר וועלן מיר זיי אַריינגעבן אין דעם דערבייאיקן שולעכל, אין דער חברה אהבת אחים נוסח ספרד, און דאָרטן וועלן די ספרים האָבן זייער תיקון. אידן, פרומע אידן, ערלעכע אידן דאַוונען דאָרט דריי מאָל אַ טאָג. אַ רבי איז דאָרטן דאָ, לערנט ער בין מנחה למעריב מיטן עולם אַ דף גמרא, און אַ תלמוד תורה איז דאָרטן דאָ, זיי לערנען אונדזערע תינוקת של בית רב"ן, חומש מיט רש"י, אַ קאַפּיטל תנ"ך און אַלע דינים און מנהגים ווי אונדזער טאַטע, זכרונו לברכה, האָט אונדז געלערנט — האָט יונה מיט אַ פאַרשטיקט קול געזאָגט.

מיר, די איבעריקע, קוקן און שטוינען, און אין דער מחשבה עגבערט זיך:

מיר ווילן אים פרעגן:

— היתכן, יונה, טייערער? שוין צוואַנציק יאָר, אַז דו ביסט אַ „פריי־דענקער" און דאָ מיט אַמאָל אַזאַ נשמה איבערקערעניש?

קאַנטיק, אַז יונה דערפילט אונדזער מחשבה און דערזעט אונדזער פאַרלעגנהייט.

ער ענטפערט: — דאָס איז אונדזער טאַטנס רצון, און זיין רצון מוז דערפילט ווערן, אַז די ספרים זאָלן קריגן אַ תיקון...

מיין טאַטנס ספרים האָבן נאָך אַ לאַנגן גלגול געקראָגן זייער תיקון, און צוזאַמען מיט די ספרים האָט אויך זיך געפונען מיין ברודער יונה; אויך זיין צעריסענע נשמה האָט געפונען איר תיקון אין דער איצט באַרימט־געוואָרענער ישיבה בשם רבנו חיים עוזר, זכרונו לברכה, וועלכע פייערט איר פינף־און־צוואַנציקסטן יובל בקרב הימים.

# ס׳איז ניט געווען קיין חלום...

חיים הירש שניידער איז געווען אַ טאַנדעטניק. ער האָט געאַרבעט פאַר די פויערים אין די דערפער און האָט גראָד געהאַט פּרנסה. זיין הויז־געזינד האָט ניט געהונגערט ווי די ביי גוטע אידישע שניידערס, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער שטאָט. זיי, די גוטע שניידערס, וואָס האָבן זיך גע־רעכנט פאַר גאונים אינם פאַך — האָבן זיך פאַרשאַלטן די יאָרן וואָס זיי זיינען ניט געוואָרן קיין טאַנדעטניקעס. אויב עמעצער האָט זיי אויפגעוואָרפן, אַז זיי באַרייסן, הייסן זיך אָפּגילטן פאַר מאַכן אַ פּאַלטאָ — האָבן זיי אים גלייך געשיקט צו חיים הירשן: — גייט אַהין, דאָרטן וועט איר כאַפּן אַ מציאה!...

אין אַלגעמיין האָט חיים הירשס שטוב געררייצט די יונגוואַרג זיי זאָלן אַהין וועלן גיין. די דריי סלאָבאָדקער געזעלן האָבן אַריינגעבראַכט פרייד און ליכט מיט זייער זינגען און ליבעס וואָס זיי האָבן געשפּילט. אַלע מייד־לעך זיינען געווען אויפן צעטל צו ווערן כלות און אַוודאי אויך פאַר די שניידער־יונגען ביי חיים הירשן. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט שיר דאָרטן ניט געמאַכט אַ טאַנץ־קלאַס. ביי חיים הירשן אין הויז האָט מען געמאַכט סאַבראַניעס, געקנאַקט דיניע־קערלעך, געגעסן קאַנפעקטן און גע־שלייערט קאַדרילען און פּאַלקעס.

חיים הירשס זון, אברהם — איז געווען אַן אויסגעאיבטער טאַנציאָר. ער האָט געקענט די מלאכה אויסגעצייכנט. מען פלעגט אין שטאָט זאָגן, אַז דער גאַנצער שכל איז אים אַריין אין די פיס...

מיטן אוועקנעמען אברהמען פאַר אַ זעלנער, איז חיים הירשס שטוב ווי פאַרוואָגלט געוואָרן. טאַטע־מאַמע האָבן געוויינט און געקלאָגט אויף זייער פינצטערער מערכה, וואָס זייער קינד פאַרלאָזט זיי צו גיין דינען פאַ־ניען אויף גאַנצע פיר יאָר. די שניידער־מיידלעך האָבן מער דעם שוועל פון שטוב ניט אַריבערגעטראָטן — זאָל מען ניט זאָגן, אַז זיי זיינען נאָכגעלאָפן אברהמען.

און ביי חיים הירשן האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע, ביטערע טעג. ס׳האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן דער חשק פון אַרבעט. די אויגן האָבן געטרערט. ער האָט ביים ליכט מער ניט געקענט אַרבעטן ווי אַמאָל — און די פויערים האָבן דערפון ניט געוואָלט וויסן. זיי האָבן געפאָדערט קאַפּטאַנעס פּונקט ווי אַמאָל. אָבער ביסלעכוויס האָט חיים הירש זיי איינגערעדט, אַז ער קען מער ניט אַרבעטן איבערן צער פון פאַרלירן זיין בן־יחיד אויף גאַנצע פיר יאָר. ער איז נאָך געווען זיין רעכטע האַנט...

האָט זיך אָבער געטראָפן אין אַ פּאָר פּסח, אַז גראָד דאָס יאָר איז חיים הירש פאַרלייגט געוואָרן מיט אַרבעט, און די שניידער־געזעלן האָט מען אויך צוגענומען דינגען. ס'איז געווען אין דער צייט פון נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, און חיים הירש איז לגמרי געבליבן אַליין.

— וואָס־זשע טוט מען, ווי גיט מען זיך אַן עצה?

גראָד איז אַריינגעקומען פרידל, דער וויצלער פון שטאָט, דערזען וואָס עס טוט זיך און אָנגעהויבן חיים הירשן געבן אַן עצה:

— דהיינו? גאָר פּשוט. נעם און טו אויס די שטיוול פונקט צוויי טעג פאַר יום־טוב זעץ זיך אויף דער ערד שבעה, און אַז מ'וועט קומען געוואַל־דעווען נאָך די פאַרטיקע קאַפּאָטעס — זאָלסטו מאַכן אַ רחמנות־פּנים און זיי ווייזן, אַז דו ביסט געוואָרן אַן אבל, אַז דו זיצט שבעה. פאַרשטייט זיך, אַז דעריבער קענסטו זייערע מלבושים אויף יום־טוב ניט מאַכן.

איז אָבער די פראַגע נאָך וועמען זיצט מען שבעה? אַלע ווייסן דאָך, אַז חיים הירש איז געבליבן אַ קיילעכדיקער יתום אין די פריסטע יאָרן, און אויך די פּויערים האָבן אים געקענט פון אַמאָל נאָך פאַר אַ קיילעכדיקן יתום, אָן טאַטע־מאַמע, און דאָ ווערט ער פּלוצים אַן אבל?

דאָ איז פרידל, דער עצה־געבער, אַזש בייז געוואָרן אויף דער קלאָץ־קשיא און שנעל אַ זאָג געטאָן חיים הירשן בזה הלשון:

— שוטה איינער! וואָס הערסטו זיך ניט צו וואָס מען רעדט צו דיר. די זאַך איז פּשוט: דו ווער אַן אבל, און פאַר וועמען דו וועסט זיצן שבעה וועלן מיר שוין אם ירצה השם געפינען אַן אויסוועג!...

עס האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען און פרידל האָט זיך דערקונדיגט, אַז חיים הירש האָט אַמאָל געהאַט אַ שטיף־ברודער, וואָס איז אַוועק קיין אַמעריקע. יענער איז שוין טויט אַ יאָר צען. בכן — וואָס ווייס אַ גוי. נעם און מאַך אַ סוף. געשטאָרבן דער ברודער, און דו, חיים הירש — לאָז טאַקע אַרויס דעם אמתן טרער!... און דו ביסט געראַטעוועט. זיי וועלן דיר גלויבן און ניט טשעפּען. מ'וועט לאָזן די אַרבעט ביי דיר ביז נאָך יום־טוב און וועסט מאַכן אַ קערבל פונקט דאַן, ווען די אַנדערע שניידערס האָבן ניט קיין שטאָך אַרבעט..."

האָט אָבער עטי־ביילע, חיים הירשס ווייב, בשום אופן ניט געוואָלט מסכים זיין. — וואָס הייסט עפּעס ווערן אַן אבל סתם אין מיטן דרינען? וואָלט כאָטש געשטאָרבן אַ נאָענטער קרוב, אָדער כאָטש אַ שכן — וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. אָבער אַזוי סתם אין דער וועלט אַריין, ניט מיר ניט דיר, פון דער הוילער הויט זיך זעצן שבעה איבער אַ נעכטיקן טאָג — איז עפּעס ניט גלאַטיק!..."

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריג צווישן מאַן און ווייב. חיים הירש טענהט, אַז זי זאָל זיך מיט פרידלען ניט אָנהויבן, אַז פרידלס אַן עצה איז ניט סתם אין דער וועלט אַריין, אַן עצה וואָס האָט די ווערט אַ האַרטן

דרייער! זי מוז וויסן, אַז פרידלס עצות האָבן אַ שם אַפילו אין די דער־פער... אַז שטילינקערהייט האָט ער אַ סך יידן געראַטעוועט פון גוישע הענט...

אָבער חיים הירש פילט, אַז ער קריגט זיך אומזיסט מיט עטי־ביילען, ער פילט, אַז ער אַליין קען זיך אויך עפּעס ניט ספּראַווען מיט דער עצה און אין מיטן העלן טאָג, צוויי־דריי טעג פאַר פּסח נעמען און ווערן אַן אָבל און זיך זעצן שבעה, זיך אָוועקזעצן פּונקט ווען מען דאַרף בודק חמץ זיין, פּונקט ווען ער איז געבליבן איינער אַליין אין דער מייסטערסקייע מ׳שטיינס געזאָגט.

— יאָ, ס׳איז ביטער. ער זעט די קאַפּטאַנעס אַ טייל צוגעשניטענע, אַ טייל אָנגעהויבענע ליגן פאַסטריגירט אין דער וואַטע. טייל מאַטעריאַלן, שטיקער צייג, ליגן אין שאַפעס. אָט איז מאָרגן דער יאַריד. זיי וועלן אָנ־קומען ווי די היישעריקן און פאָדערן די אַרבעט. טייל וועלן קומען מעסטן ווי ער האָט זיי צוגעזאָגט: „נאָ יאַרמאַרק״, אויפן יאַריד, הייסט עס...

חיים הירש דערפילט, אַז מער קען ער היינט ניט אַרבעטן. סיי־ווי דאַרף ער לויפן דאַוונען מנחה ומעריב. ער וועט אַ לויף טאָן אין זיין שולכל, דאָרט וועט ער באַגעגענען זיינע פריינד און בעיקר איציק־מאירן. יענער איז דאָך עפּעס פאָרט אַ „נאַש בראַט״. ער וועט אים, ווי אַן אייגענעם, דער־ציילן פּראָסט און פּשוט:

— הער זיך איין, איציק! דאָס זאָל זיין בסוד סודות. בלויז דיר דער־צייל איך דאָס:

איך בין פאַרלייגט מיט אַרבעט איבערן קאָפּ. היינט, מאָרגן איז דער יאַריד. זיי וועלן מיך ממש צעררייסן אויף שטיקער. איך קען ניט טאָן אַ שטאָך מער. איך ווייס ניט וועלכע פריער צו מאַכן. דאָ האָט מען דאָך צו טאָן מיט עשיון. זיי זיינען דאָך אַלע גזלנים. זיי קענען מיך צערייבן אויף אַש און פאָרך. שטעל זיך פאָר, זיי וועלן ניט קענען גיין אין די קלויסטערס אָן די נייע קאַפּטאַנעס. איך אַליין ווער אַלט. די אויגן דינען ניט מער. דו, האָסט כאָטש דיין משהלען מיט אייזיקן. זיי שלעפּן דיך אַרויס פון אַלע בלאָ־טעס. אָבער איך? מיין אברהמעל איז דאָך אין סלוזשבע. הלוואי וואָלט אַ שטיין געווען געבוירן אויף זיין אָרט איידער אים אָוועקגעבן אין גויאישע הענט!...

אויפן וועג צום שולכל האָבן זיך חיים הירשן געמאָלן אַלערליי טענות. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי אַזוי ער וועט זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר זיין ידיד. אָבער אָט איז ער שוין אין שול. ס׳זיינען דאָ עטלעכע קירזשנער און אַ דריי־פיר דאָרפס־אידן. אָט קומט צום מנין הערץ שוסטער, דער גרוי־סער קנאַקער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן „ספּאָדעק״ — כאָטש מען ווייסט אין שטאָט, אַז לייבעניו שוסטער מאַכט אים אַ „ביטעל פון לעדער״... זיינע, לייבעניוס, אַ פּאָר קאַמאַשן שפּיגלען אָוועק, בפרט נאָך אַז ער לייגט

אריין אַ סקריפּ אין די פּאַדעשוועס, זיינען זיי דאָך ווי פּידעלעך. אמת, מ׳קען הערצן ניט אָוועקמאַכן מיטן האַנט, כאָטש ס׳איז אַ סברא, אַז אַפּילו זיין אייגענער ברודער, יאַנקל, גיט אַרויס אַ בעסערן שטיוול ווי ער, אָבער — שמועסן מיט אָט דער חברה איז אַ געפּאַר. זיי האָבן דען אַ באַגריף וואָס איינער לעבט איבער אין אַן עת צרה?... אָט ערשט ניט לאַנג האָט גע־לעבט זייער טאַטע, יוזיפּ שוסטער. ער איז געווען אַ מענטש — מיט אים האָט מען געקענט שמועסן. מיט אים האָט מען געקענט גיין צום טיש. אָבער זיי, די יונגוואַרג, זיי האָבן בלויז די ירושה — לאַנגע בערד, פּייערדיקע אויגן, גאַנצע זנאַכערס!...

ער שטעלט זיך, ווי געוויינלעך, אַוועק לעבן קליינעם פֿענצטערל און כאַפּט אונטער דעם אשרי יושבי ביתך. אַ באַצערטער שטייט ער די שמונה עשרה. ער דערמאָנט זיך, אגב, אַז איציק מאיר שניידער קומט קיין מאָל ניט דאַוונען מנחה ומעריב פֿאַר פּסח. פֿאַרוואָס איז ער אַליין, חיים הירש, כל ימיו אַזאַ „צדיק״? ער וואָלט אויך אַמאָל פֿאַרבויגן אַ מנחה ומעריב, נישקשה, מ׳קען אין דער היים אויך דאַוונען און געווינען אַ שעה... מען קען דערווייל, אין דער צייט, אַריינניייען אַ פּאָר אַרבל, אָדער אויסטריגעווען אַ פֿאַטשעווקע. ניט אומזיסט איז ער שטענדיק פֿאַרלייגט מיט אַרבעט פֿאַר די ימים טובים...

איז אָבער די צרה ביי חיים הירשן וואָס ער קען ניט פֿאַרפֿעלן די קדושה. עפּעס לעבט ער אויף ווען הירש סטאָליער גיט אַ זאָג „נקדישך ונעריצך״. עפּעס גיט עס אים אַ טראָג אויף פֿונם באַנק. מיט כוח, מיט יראה, מיט גאווה. הגם, אויך ער, חיים הירש, איז ניט קיין שיפֿע זיבעלע, מען ווייסט אין שטאָט, אַז ווען עס קומט צו אַ „ברכו״ — איז ער אויך אַ איד, און שרעקט זיך ניט פֿאַרן עמוד; פֿאַרקערט, מען בעט נאָך אים ער זאָל צוגיין דאַוונען. אָבער, ווען עס קומט צו אַזאַ קלייניקייט, ווי זאָגן אַ ליגן — דאָס איז ביי אים ווי קריעת ים סוף.

ער וויל זיך שוין לאָזן לויפֿן אַהיים. עס ווערט שוין פֿינצטערלעך. סיי־ווי איז ניטאָ פֿאַר ווען זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ, אָבער עס שטעלט אים אָפּ חיים יואל — „וואָס לויפֿסטו אַזוי גיך אַהיים? עטי־ביילע האָט געמאַכט פֿאַר דיר דאָס גרויסע געבראָטנס?״

חיים הירש בלייבט עפּעס ווי אָן לשון. ער וויל אים ענטפֿערן, אַז ער, חיים יואל, זאָל וויסן, אַז דווקא איצט איז ער ניט גרייט פֿאַר לצנות, און קיין קאָנקורענט צו פֿרידלען וועט ער, חיים יואל, ניט ווערן. אָבער כאַפּנדיק אַ בליק אויף חיים יואלן — איז אים דווקא געוואָרן היימלעך אים צו ענט־פֿערן. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז חיים יואל איז איצט ווי זיין מלאך הגואל. אמת, ער קען טאַקע האָבן אַ טעות און געבן חיים יואלן אומזיסט דאָס קוויטל, ווי ער טוט דאָס אַמאָל מיט פֿרידלען. זיי ווייסן שוין עד־היום, אַז ער, חיים הירש, איז אַן ערנסטער מענטש, אַז זינט ער איז אַ יתום האָט ער קיין פֿריילעכע מינע ניט אַרויסגעוויזן, קיין לאַך ניט געטאָן — ובפֿרט,

אַז ער איז אַ שניידער־געזעלן געוואָרן צו צוועלף יאָר און געטראָגן ביים באַלעבאָס די פּאָמיניצע, געניאַנטשעט זיך מיט יענעמס קינדער און גאָר אָפּט געכאַפּט די בעסטע פּעטש פאַר ניט וועלן עס טאָן. הייגט גיי פאַרהער זיך מיט חיים יואלן אין לצנות. אַ מענטש אָן אַ גאַל וואָס באַקט זיך זיין געבעקס אין דער וואָרעם, וואָס זאָרגט ניט וואָס ער איז אַ בעל־חוב, אַ בעל־חוב דערפאַר, וואָס ער האָט ניט באַצאָלט הירש וואָלפן פאַר די צען זעקלעך זעמל־מעל. אים האָט גאָט געבענטשט מיט פיר טעכטער בלוט און מילך, ממש קראַסאַוויצעס, אַז זיי גייען אַרויס אין מאַרק באַקומען די בחורים די אַפּלאָפּעקסיע, מען וויל אים נאָך צוצאָלן. אמת, איינע פון זיי, גיטעלע די מיוחסת — האָט זיך געשאַרט צו זיין אברהמלען, וואָס איז איצט נע ונד ביי פּאַניען. הגם, מען זאָגט גאָר פאַרקערט, אַז זיין אברהמעל האָט זי אַלע מאָל פאַרטשעפּעט ביי אַ שפּאַציר אין מאַרק... דאָך מי יודע. אפשר פאַרט האָט חיים יואל דערזען בחוש, אַז ער, חיים הירש, איז איצט אין צער. אפשר האָט ער אַ טעות, אַז ער טרייבט לצנות? יאָ, אמת, — ביידע חיימס זיינען געגאַנגען פּאַמעלעך, — אַ סיעתא דשמיא. מ'האָט זיך אויסגערעדט די הערצער, עס פעלט מיר איצט מיין בן־יחיד, חיים! ער ליגט מיר איינגעבאַקן אין האַרצן. איך בין געבליבן אַליין. דאָס שניידעריי אָן דעם קינד האָט קיין טעם ניט. אַלץ איז פּונקט ווי די שכינה וואָלט זיך פון מיר אָפּגעטאָן. איך האָב פון אים געהאַט אַ בריוו, ער וויל אַהיימקומען אין אָטפּוסק. ער בעט איך זאָל אים שיקן צען קערבלעך אויף הוצאות. גיי נעם צען קערבלעך, אַז זיי זיינען ניטאָ, אַז די אַרבעט ליגט — כאָטש פאַרזעץ די לייכטער אָדער די קישנס!... אָט דו, חיים, ביסט געבענטשט, האָסט ברוך השם טעכטער. זיי פאַרקאַטשען די אַרבל, קנעטן די דייזשעס מיט פּאַרקעס. דו האָסט צייט צו דאַוונען בציבור, עס סטייעט דיר אַפילו צייט פאַר לצנות; ווילסט אַפילו איבערקליגן פרידלען. איך קען זיך צו אייך ביידן ניט גלייכן. איך בין אַ פּראָסטער חי וקים. מיין עטי־ביילע מאַכט פאַר מיר ניט קיין געבראָטנס, אַ קאַרטאָפל מיט אַ שטיקל הערינג איז אויך פאַר מיר גוט, אַבי איך זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו יענעם.

חיים יואל ווערט ערנסט. ער וויל זיך פאַרענטפערן פאַר חיים הירשן וואָס ער האָט שיר ניט געזאָלט זיין זיין מחותן. ער וויל אים זאָגן און טרייסטן; אַז וויסן מעג ער, אַז אָט די פיר טעכטער מיט זייער גאַנצער שיינקייט און לייטישקייט — ליגן ועל כולם אויף זיין קאַרק, אַז זיי „פעריבערנדעווען" געגנוג, אַז מיט אַבי וועמען וועלן זיי ניט חתונה האָבן; אַז זיי ווילן ניט וויסן, אַז זייער טאַטע איז ניט מער ווי אַ בעקער. אַז אויב דער יאַריד שטעלט זיך ניט ווי מען דאַרף — ווערט מען איינס און צוויי בדלות, אַז אויף מאָרגן ווערן די פּאַרקעס האַלב־געבאַקן און פון קערבל ווערט אַ האַלבס — און צי ווייסט ער, אַז צו זיין אַ בעקער אין אַ קליין שטעטל איז ווי קריעת ים סוף?

אַבער ניין. ער געזעגנט זיך מיט זיין ידיד און הייסט אים ניט זאָרגן:

— וועסט זיך אם ירצה השם איבערשלאָפן, דער יאַריד וועט זיך שטעלן ווי מען האָפט און וועסט בעזרת השם מאַכן פסח. און זאָלסט מיך גאָר ניט מקנא זיין, וואָס איך באַק שוין ניט איבער אַ וואָך. חיים יואל איז אים אגב מרמז, אַז אויב זיין גאַנצער צער איז דאָס וואָס אברהמעל האָט ניט דעם צענערל אויף צו קומען אַהיים אין אָטפּוסק — איז ער אַ פריינד און ער קען זיך אַן עצה געבן מיט אויסבאָרגן אים אַ צענערל, און אַז ניט אויף געלט שטייט די וועלט...

חיים הירש שניידער האָט אויפגעלעבט. ער האָט געגאַפט. הער נאָר אַ מעשה! אַזאַ שמועס, אַזאַ המצאה! גיי וויס, אַז דאָ האָט זיך עפּעס פאַר־קניפּט שטילינקערהייט מיט זיין אברהמלען. עס טוט אים שוין באַנק און עס פאַרדריסט אים שוין וואָס ער האָט זיך שיר געמאַכט פאַר אַ יורד. וואָס פאַר אַ מחותן קען ער דאָ זיין ביי ירידה. און טאַקע וואָס איז דאָס אַזוינס? וואָס האָט ער דאָ צו וויינען? פאַר וועמען דאַרף ער זיך שרעקן? פאַר אַ פויער, זאָלן זיי גיין צו אַלדע רוחות, ניט פאַר אידן געדאַכט! ער וועט דאָס איצט דערציילן זיין עטי־ביילען. זי וועט דאָך אים זיכער פרעגן וואו ער איז געוועזן און וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַרשפּעטיקט. ער וועט איר דער־ציילן, אַז גאָט פאַרלאָזט ניט, אַז איבער אַ פּראָסטן מנחה ומעריב האָט ער אויסגעפונען, אַז חיים הירש איז ניט אַבי ווער... אַז אַזאַ איד ווי חיים יואל בעקער איז אים גערן; ער וועט איר דערציילן, אַז ער האָט מיט אים גע־שמועסט גאָר אַנדערע דיבורים, אַז עס מוז לעת עתה בלייבן אַ סוד...

זי, עטי־ביילע, הערט אים טאַקע אויס. זי האַלט אָפן מויל און אויערן.

— וויניקער ווי „שין" קערבלעך נעמט ער ניט! ניין און ניין!... זאָל נאָר גאָט העלפן דאָס קינד זאָל קומען אַהיים. ער וועט מאָרגן לויפן צו יהודה איצען, ער זאָל אים געבן אַ צענערל — ניט באָרגן, נאָר טאַקע געבן! אַז וויסן זאָל ער, אַז אַהיימברענגען אַ קינד נאָך צוויי יאָר זיין נע ונד ביי פאָניען, איז ניט קיין קליניקייט. און וויסן מעג ער, אַז ס'האַלט ביי דער־פרייען צוויי הערצער. ניין, ניט צוויי, נאָר טאַקע פיר!... ווייל טאַטע־מאַמע מיינען אויך עפּעס.

פאַר עטי־ביילען זיינען איר חיים הירשס רייד, עפּעס ווי אויסגעוואַקסן געוואָרן. ממש רייד פון אַ נביא...

זי האָט אים געהייסן זיך וואַשן. אָט גרייט זי צום טיש. סיי־ווי איז נאָך ביי איר ניט פסחדיק — גאָט וועט העלפן. אפשר שרעקסטו זיך גאָר אומזיסט!

זי האָט אַרויסגערוקט די אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל און אַרויסגענומען דאָס לאָדישטשיקל זויערמילך פון קאַלטן גריבל, ווייל איר חיים הירש לעקט די פינגער פון אַזאַ מין מאכל. ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל היינט צוגיין צו דער „לייזער־לייביכע" נאָך אַ לאָדישטשיקל פּיטסמעטאַנע.

מ'האָט געגעסן מיט פרייד. עפּעס האָט אין זיי אויפגעהייטערט אַ שטי־לער געפיל, אַז זיי וועלן נאָך אויפגעריכט ווערן.

חיים הירש האָט אָפּגעבענטשט און טאַקע באַלד געכאַפּט אַ דרעמל אויפן שטול. זיין גראָע באָרד האָט זיך שיר ניט איינגעוויקלט אין זיין אַקסל בעת ער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אינעם דרעמל. ווען עטי־ביילע האָט אויסגעווישט די געפעס און דערפילט די שטילקייט בעת איר חיים האָט געדרעמלט — האָט זי גענומען אים אויסבעטן דאָס געלעגער. זי האָט אים אַראָפּגעצויגן די שטיוול, און ער האָט דערוואַכט.

— וואָס טוסטו, עטי? איך האָב טאַקע געדרעמלט? — פרעגט ער זי אַ מידער — אָפּנים יאָ! ענטפערט ער זיך אַליין מיט אַ בתמיה?

— דו ווייסט, עטי — אַט דאַכט זיך ערשט האָב איך געבענטשט, און אַט ערשט אין אַזאַ קורצן דרעמל האָט זיך מיר געחלומט, אַז דאָס קינד אונדזערס איז שוין געקומען אַהיים אַ פרישער, אַ געזונטער... אַז די קאָפּ־טאַנעס האָבן זיך אַליין אויפגעגייט...

אַז איך בין פּלוצים געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט, און אָנשטאָט ציג מיט פּאַטשעווקעס — ברענגט מען מיר גאָר מתנות: אייער, ציבעלעס, פּאַ־סאָליעס. — איך פרעג זיי: איוואַן, סטעפּאַן, וואָס טוט איר? פאַרוואָס קומט עס מיר? איך וויל זיי זאָגן און דערציילן, אַז אַט קומט אונדזער אברהמל, אַז איך קען ניט בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט... אָבער דו, עטי, האָסט אָפּנים מיר איבערגעשלאָגן דעם חלום מיטן ציען פון מיר די שטיוול.

— נו, גענוג שוין, מאַן מיינער! קום, ביסט נאָך אַלץ ווי אין היגער־פּלעט. מאַלע וואָס ס׳האָט זיך דיר געחלומט. ס׳וועט מסתמא אַלץ אויסגיין צום גוטן...

קיין קריאת שמע האָט שוין חיים הירש ניט געלייענט. ער איז אַוועק־געפאַלן אויפן קישן און באַלד האָט זיך דערהערט אַ געמיטלעכער כראָפּען. צו דעם איז שוין עטי־ביילע געווען צוגעוואוינט. זי פלעגט זיך אויך פאַרן אין קיך אַ שעה אָדער מער, זיך אַרומקוקן אויף קליינינקייטן, אויסוואַשן די פּאָר זאָקן זייגע און אויפהענגען צום אויסטריקענען.

עטי־ביילע האָט גראָד דאָס מאָל ניט געקענט גיין שלאָפן ווי שטענדיק, זי האָט זיך דערפילט מונטערער ווי אַט דעם היינטיקן טאָג איז איר אָנגע־צייכנט געוואָרן עפּעס אַ באַזונדערע פרייד, און אַז דער גרויסער גאָט וועט אָן איר ליבן חיימען ניט פאַרגעסן, אַפילו ווען ס׳איז בלויז אַ חלום... בעיקר האָט זי ניט געקענט פאַרגעסן די מעשה מיט חיים יואלן, ווי ער האָט מרמז געווען, אַז ער איז גרייט פאַר אַ שידוך מיט זיין קינד — מיט זייער אברהמלען...

זי האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און פאַמעלעך זיך צוגעשאַרט צו איר געלעגער. זי האָט אָבער נישט געגלויבט; זי האָט ווי געזען איר זון אויפן וואָר. אַט ווי ער שטייט איר פאַר די אויגן; ווי זי שטייט און באַקט אַ גרויסן לעקעך פאַר די אַלע געסט וואָס קומען אים זען, ווי איר שטוב איז אָנגע־פּילט מיט מענטשן, מיט פרייד, מיט נחמה; ווי איר חיים מאַכט מיט די

שכנים אַ לחיים. — אַזוי בילד נאָך בילד, און זי איז אין אירע זיסע חלומות אויך איינגעשלאָפן ביז דער פרימאָרגן האָט זיך געשטעלט.

דער ווייסער טאָג האָט זיך ווי אַריינגעריסן דורך די שמאָלע פענצטער־לעך. — אָן אויסגערוטער, איז חיים הירש אַרונטער פון בעט, האָט זיך אָפּגע־גאָסן נעגל וואַסער, און זיך געוואונדערט וואָס זיין עטי־ביילע שלאָפט נאָך. היתכן? עס איז עפּעס נישט איר טבע. ער האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעטאָן און אַ כאַפּ געטאָן דעם טלית און תפילין צו גיין דאַווענען. היינט, מער ווי שטענ־דיק, האָט זיך אים געשפּאַנט גרינגער ווי געווייגטלעך. ווען ער האָט באַ־געגנט האָט ער אָפּגעגעבן דעם „גוטמאָרגן" מיט פריידע און מונטערקייט.

גראָד איז היינט חיים הירש אָנגעקומען פּונקט צום ערשטן מנין, ווען הירש מלמד דאַוונט ביים עמוד. מיט דעם הירשן קען ער קיין קאָנקורענט ביים עמוד נישט זיין. הירש מלמד איז פּאַרט אַ גוטער מנגן און דאַוונט ביי זיי מוספים.

צום גליק איז דאָס מאָל ביים ערשטן מנין געווען אַ לחיים צוליב אַ יאָרצייט, און אַז מען כאַפּט אַ לחיים גאַנץ פרי איז אַוודאי כדאי עפּעס איבערצוכאַפּן. חיים הירש איז געווען זיכער, אַז זיין עטי־ביילע וועט האָבן פּאַרטיק אַ גלעזל ציקאָריע.

ווען ער איז אַריין אין שטוב איז ער אָבער געוואָרן אַנטוישט. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז זי זאָל לעבן, זאָל נאָך ביז איצט שלאָפן? עס קען נישט זיין — האָט ער צו זיך געזאָגט, נאָך דעם, ווי ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה.

זי האָט באַלד זיך אויפגעכאַפּט.

— דאָס ביסטו, חיים? שוין פון דאַווענען געקומען? האָט זי זיך גע־וואונדערט.

— יאָ! גראָד געדאַוונט מיטן ערשטן מנין און געמאַכט אַ „לחיים" ביי משה לעקמאַנס אַ יאָרצייט.

און אַזוי איז ער צוגעגאַנגען צום עמער וואַסער, זיך געוואַשן די הענט און געזאָגט „שאו ידיכם", געמאַכט אַ „המוציא". דאָס טעפּל ציקאָריע איז באַלד געווען פּאַרטיק.

מען מוז דערביי וויסן, אַז עטי־ביילע איז אַ גרויסע בריה. זי העלפט אָפּט אויס די סאַרווירערינס ביי אַ חתונה אָדער אַ ברית. ווען עטי־ביילע קאָכט — דערפילן עס די שכנים... מען ווייסט אָבער, אַז אין די לעצטע פּאָר יאָר איז זי געוואָרן עפּעס אַנדערש. נישטאָ אין איר די אַמאָליקע לעבע־דיקייט. מען ווייסט, אַז דאָס איז אַלץ איבער איר אברהמעל. אָבער היינט איז ביי זיי אַ שטילע שמחה, אין די אייגענע דלד אמות. חיים הירש זיצט שוין און אַרבעט פלייסיק. עפּעס גייען ביי אים היינט די פּאַסטריגעס גאָר אַנ־דערש. זאָל עס הייסן אַז עס איז אַלץ דערפאַר וואָס ער האָט גוט אויסגע־ווישט די ברילן? אָדער ער איז נאָך פאַרטאָן אין דעם נעכטיקן פּלאָנטער בנוגע זיין אברהמלען מיט חיים יואלס טאָכטער? זאָל עס הייסן, אַז עס איז אַ רמז פון אויבן, אַז ער זאָל פרידלען, דעם לץ — אַרויסשטעלן אַ פייג און

אים אַליין זיך הייסן זעצן שבעה נאָך זיין פֿאַרלאָרענער פּאַלאָווע אין די גרויסע ווינטן? יאָ, פּרידלס פּאַלאָווע האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט, — ער פֿלעגט זאָגן, אַז ער וואָלט געווען אַן עושר פֿון זיין מסחר, ווען די ווינטן צעבלאָזן נישט זייער פּאַלאָווע... שטאָט האָט געלאַכט: — פּרידל וועט בלייבן פּרידל! אָבער ביי חיים הירשן איז היינט פּרידל אַביסל געפֿאַלן. אגב, הייבט ער זיך אויף און גרייט צו דאָס פּרעסל פֿאַר די צוויי קאַפּטאַנעס וואָס ער וועט באַלד פֿאַרטיק מאַכן. עס געלינגט אים. אָט האָט ער שוין צוויי מלבושים פֿאַר אַ טאַטן מיט אַ זון וואָס גרייט זיך חתונה האָבן. ער איז זיכער, אַז די אָפּגעפּאַרטיקטע צוויי שטיק אַרבעט — וועלן אים אַרונטערנעמען אַן עול, אַ יאָך פֿון קאָפּ. חוץ דעם איז עס טאַקע אַנדערטהאַלבן קערבלעך. עס וועט זיין באַלד געגנוג אויף מצות. די צייט יאָגט, עס זיינען בלויז קאַרגע צוויי וואָכן צו פּסח. עס וואָלט זיך וועלן דורכגיין די בעקערייען וואו מען באַקט מצות, כאַפּן אַ קוק ווי אַזוי עס גייט איצט צו. ער ווייסט, אַז מען קאַטשעט שוין נישט די מצות ווי אַמאָל מיט די הענט. עס זיינען איצט פֿאַראַן מאַ־שינען, וואָס וואַרפֿן אַרויס גאַנצע בלעטער טייג דין ווי אַ פּאַפּיראָסל. אַפֿילו דאָס באַקן איז איצט אַנדערש. אָך, ווי ער פֿלעגט עס ליב האָבן דאָס רעדלען די מצות אין די יונגע יאָרן! גאַנצע טעג פֿלעגט ער פּטרן ביים באַקן מצות. ער פֿלעגט אויפֿלעבן ווען דער שיבער האָט די מצות אַרויסגעצויגן פֿון הייסן אויוון. ער האָט זיי ממש מיט די אויגן געגעסן. אָבער היינט איז ער שוין אין די פֿופֿציקער יאָרן — אַן ענין וואָס ער מוז פֿאַרגעסן. ער מוז מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז נישט שטענדיק איז מען יונג, אַז מען טאָר ניט זינדיקן, וואָרים אין אמתן איז ער אַ שמח בחלקו. ווען זיין אברהמעל איז מיט אים דאָ אין דער היים — וואָלט אים געווען גוט ווי די וועלט.

ער שטעקט אין די נאָדל אין דער קאַמזויל; עס ווילט זיך אַ רויכער טאָן אַ ציגאַר טיטון. ס׳פּעקעלע טיטון איז אים שוין צעקאַרטשעט. אָבער אַ ניי פּאַפּיראָס־ביכעלע האָט ער. עס הייסט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַן עושר — ווען ער פֿאַררויכערט און כאַפּט אַ קוק אין דרויסן דורכן פֿענצטער און קוקט אָן זיין עטין מיט איר קוישל האָב און גוטס, וואָס זי האָט אָנגעקויפֿט אין מאַרק אָט אַקאָרשט אַ רגע נישט באַוויינדיק זיך אַרומצוקוקן — וועט זי אים שוין דערלאַנגען דעם אָנבייסן. אַ פֿריילעכער ציט ער דעם רויך, ציט און פֿאַרציט מיט גרויס הנאה.

— ביסט שוין דאָ, עטי לעבן? — פֿרעגט ער זי כלומרשט.

— זעסט דאָך, אַז איך בין דאָ — ענטפֿערט אים עטי־ביילע, וואָס איז נאָך אַלץ פֿאַרסאַפּעט פֿון טראָגן דאָס קוישל מיטן „עשירות״.

— איך זאָג דאָס אָנטקעגן דעם, וואָס איך בין שוין טאַקע גרייט עפּעס איבערצוכאַפּן. עס איז דאָך שוין באַלד זייגער איינס, עטי לעבן — דו פֿאַר־געסט גאָר אַז איך האָב היינט געדאַוונט מיטן ערשטן מנין און מיט איין טעפּל ציקאָריע קען מען פֿאַר יום־טוב נישט דייסטעווען.

עטי־ביילע ווייסט שוין, אַז איר חיים הירש איז היינט, אַ דאַנק גאָט,

אויפגעלייגט. זאָל עס נישט פאַרשטערט ווערן. זי גרייט טאַקע צו שנעל דעם אָנבייסן און גיט, אגב, איבער איר חימען די סיבה פון איר היינטיקן אַביסל פאַרשפּעטיקן:

— דו הערסט, חיים? יאָ, איך הער!

— דו קוקסט מיר עפּעס אויס בייז, חיים! — איך וויל דיר עפּעס דערציילן און דו קוקסט מיר אין בויבעריק.

— נו, דערצייל, אָבער גרייט גיכער צו עפּעס עסן.

— אויב אַזוי — ענטפערט עטי־ביילע — גיי־זשע זיך שוין וואַשן.

חיים הירש האָט שוין פאַרשטאַנען אַז זיין עטי־ביילע האָט אַ פול מויל, אַז עפּעס טשיקאַווע האָט אַוודאי פּאַסירט. ער האָט געמאַכט אַ המוציא און האָט לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. זי האָט אים דערלאַנגט אַ הייסן טעלער גריטץ, קאַרטאָפל־זופּ געמישט מיט פּערל־גרויפּן, איינגעברענט מיט אַ ציבעלע. דאָס מאכל האָט ביי חיים הירשן אויסגענומען. ער האָט ליב גריץ, און זיין עטי־ביילע מאַכט עס זייער באַטעמט.

ביידע האָבן געגעסן. חיים־הירש הערט זיך צו ווי עטי דערציילט וועגן איר באַגעגעניש מיט פּייגע־נעסין — די בעקערקע. זי האָט זי צוגערופן צו איר שטעל, געמאַכט אַן אויסרייד, ווי איינער רעדט, אַז ביסט עפּעס אַ גאַסט אין מאַרק, עטי־ביילע. — וואָס זעט מען דיך נישט? פרעגט זי ערשט. אפשר ווילסטו פאַר דיין חיים־הירשן אַ צוויי־דריי פּאַרקעס — מעגסטו אַהיימנעמען. נישקשה, מעגסט זיך פאַרגינען. מען מוז נישט זיין קיין גבירטע צו עסן מיינע פּאַרקעס. נישט אַלע מאָל איז געלט דער עיקר...

— וואָס מיינסטו, פייגע? — פרעג איך שוין ערנסט. עס איז דאָך ערשט היינט מיטוואָך. וואָלט געווען דאָנערשטאָג איז עפּעס אַנדערש.

— וויס איך וואָס דו רעדסט — בטלט זי אויס חלומות — דו רעדסט צו מיר ווי אַ פרעמדע — ווערט זי שוין בייזלעך.

— וואָס־זשע, דו ווייסט טאַקע גאָרנישט? האָסט גאָרנישט געהערט אַז דיין אברהמעל קומט אם ירצה השם אַהיים אויף פּסח?

— וואָס רעדסטו, פייגע? — רעד איך ווי צעמישט. — וואו האָסטו דאָס געהערט? עס איז דאָך שוין צוויי וואָכן פאַר פּסח. ער דאַרף דאָך קומען פון קיעוו, און קיין געלט אויף הוצאות האָט מיין חיים אים נישט געשיקט. ער האָט נישט פון וואַנען צו נעמען — זאָג איך איר. איך וויל איר דערקלערן ווי מיר האַלטן אין אונדזער „באַלאַנס״, אָבער זי לאָזט מיך נישט רעדן. זי פאַרגעסט אַפילו אין אירע קונים און מאַכט מיר קלאָר, אַז איך מעג וויסן, אַז מיר האָבן אַ גרויסן גאָט, און זאָל דאָס דערוויל בלייבן אַ סוד — אַז איר טעכטערל האָט שוין געזאָרגט אַז אברהמעל זאָל האָבן אַ צענערל; אַט דאָס קינד אירס איז אמת פאַרליבט אין אונדזער בן־יחיד. זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זי האָט אַ דאַנק גאָט אָוועקגעלייגט „ריש״ קערבלעך נדן און אַז די קינדער שרייבן זיך דורך — אָבער, עטי לעבן, איך בעט דיך ווי אַ פריינד — למען השם זאָג נישט אין ערגעץ וועגן דעם.

האַלט עס בסוד, — וועגט האָבן אויערן, און מען קען נאָך, חס ושלום, אָנהייבן רעדן רכילות...

— איך האָב באַטירלעך זיך געפּילט מאָדנע וואָס יענע ווייס וועגן מיין קינד מער ווי די מאַמע. אָבער איך האָב פּייגען פאַרזיכערט, אַז איך ווייס איר ניט וואָס צו זאָגן. אַז איך גיי אַהיים דיר צוגרייטן אָנבייסן און אַוודאי דיר דערציילן די בשורה...

חיים־הירש האָט געגעסן געמיטלעך זיין אָנבייסן, הפּנים ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה וואָס צו זאָגן זיין עטין. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַנגענומען אַן ערנסטן טאָן און זיך אָנגעהויבן וואונדערן:

— נו, אַט איצט ערשט פאַרשטיי איך שוין וואָס חיים־יואל האָט גע־מיינט! איך פאַרשטיי שוין וואָס זיין פייגע איז אויסן געווען מיטן הייגטיקן שמועס מיט דיר, און איך וועל אַוודאי ניט זיין קעגן, אַז צווישן אונדזערע קינדער זאָל ווערן אַ שידוך... אָבער, רבונו של עולם — ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ קינד זאָל נישט שרייבן טאַטע־מאַמען אַפילו אַ וואָרט וועגן דעם? איך בין דאָך אַ טאַטע, מיר קומט ניט קיין פרייד?!

ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, וויל זיי האָבן ווי אמתע טאַטע־מאַמע — זיך אַליין קיין ענטפער ניט געקענט געבן. ער, חיים־הירש, האָט זיך אַ זאָג געטאָן. ס'איז שוין צו שפּעט צו לויפן אין פּאָטשט. עס מוז זיין אַ בריוול פון אים היינט, מאָרגן. עס קען ניט זיין, אַז דאָס קינד אונדזערס זאָל אונדז אַזוי פאַרשעמען, עטי! ער איז אַ צו טייער קינד!

ביידע האָבן זיך צעוויינט. ניט, חס ושלום, פאַר צער, נאָר פאַר פרייד. וואָרים נאָך אַלע מעשיות, וואָס איז די נפקא מינא? מסתמא וויל אַזוי גאָט. אַבי ס'זאָל זיין אמת, אַז דאָס קינד קומט טאַקע. ווער וועט זיין צו זייער גליקן?

און ניט אומזיסט האָט חיים־הירש שטענדיק געטענהט, אַז זיין האַרץ איז ווי אַ זייגער. ער האָט עפּעס די גאַנצע צייט געפילט, אַז ער קען ניט זיין אַליין, אַז גראָד דאָס יאָר פאַלט אויס אַלץ שווער. ער האָט שטילער־הייט גאָט געבעטן ער זאָל אים אַהיימשיקן זיין זון, זיין אויג אין קאָפּ, זיין בן־יחיד, און איידער חיים־הירש האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט ביים טיש צו דער אַרבעט האָט זיך פלוצים געעפנט די טיר און עס האָט זיך אַריינ־געלאָזן אין שטוב גיטעלע די פאַרבערקע, כלומרשט מיט אַן אויסרייד.

וואָס איז?

אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט האָט זי זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז זי מיינט, חס ושלום, גאָרניט, נאָר זי האָט באמת געהערט — אַט ערשט, נאָר־וואָס, צווישן די שכנים רעדן, אַז איר וואַרט אם ירצה השם אויף אַ גאַסט. איין קלייניקייט אַזאַ גאַסט און דערצו נאָך דווקא אויף פּסח! און ס'איז מיר פּשוט אַ חידוש, פּונקט ווי איך וואָלט גאָר קיין שכנטע ניט געווען. פריידע־לייטשע ווייס גיכער פון מיר וואָס ביי אייך טוט זיך, און פון מיר

היט איר זיך אויס! וואָס־זשע? איך האָב אייער אברהמלען חס ושלום ניט ליב געהאַט אָדער כ'האָב אים חלילה שלעכטס געטאָן? און מיין קינד האָט חלילה קיין מאַמען ניט?

— וואָס פעלט דיר איין, גיטל? — פרעגט שוין עטי־ביילע ווי אַ צע־טומלטע. ווער האָט דען עמעצן געזאָגט? און ווער ווייס דען אויף „זיכער״, אַז ס'איז טאַקע אַזוי? הער נאָר, חיים — זאָלסט מיר האָבן אַזאַ גוט יאָר, זאָג דו אַליין! ענטפער גיטלען, וואָס שוויגסטו? עס איז דאָך עפּעס ניט קיין קלייניקייט! כאַטש פאַרמאַך טיר און טויער אָדער טו זיך אָן אַ מעשה...

און נאָך איידער חיים־הירש האָט געוואָלט עפּעס זאָגן — האָט זיך אַ יאָווע געטאָן די ישראליכע מיט אַ נייעם אויסרייד: זי ווייסט כלומרשט פון גאָרניט. נאָר וואָס דען — זי האָט דערהערט גיטלעס קול און ס'האָט זיך איר עפּעס אויסגעוויזן, אַז עפּעס איז ניט גלאַט; אַז טאָמער איז חס ושלום עפּעס... מי יודע, כ'ווייס? ס'איז דאָך פאַר פּסח. — אַהין אַהער...

מער האָט מען ניט געדאַרפט. עס האָט ניט געהאָלפן דאָס אויסבטלען חלומות. מען האָט ניט געדאַרפט שיקן קיין טעלעגראַמעס און אוודאי נישט בלאָזן קיין שופר. די שטאָט האָט אָנגעהויבן גיין כאַדאַראַם. יעדערער האָט דערציילט די מעשה קאַפּויער. עס האָבן זיך אַפילו געיאָוועט זנאַכערס, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אברהלעס אַהיימקומען איז איבערן נייעם זאַקאָן. גאָר פּשוט: דער צאַר האָט אַרויסגעגעבן אַן אוקאַז, אַז אַלע סאָלדאַטן וואָס האָבן געדאַרפט דינען פיר יאָר, ווי אַמאָל — וועלן איצט מער ניט דינען ווי צוויי יאָר מיט אַכט חדשים. עס מיינט — אברהמעל איז באַפרייט. ער קומט אַהיים אַן אויסגעדינטער. אַנדערע ווידער האָבן אויסגעברייעט, אַז אברהמעל קומט גאָר אַהיים מיט אַ נאַגראַדע. היות ער איז געווען אין דער „שוואַלבע״ און געמאַכט די שענסטע מונדירן פאַר הויכע גענעראַלן — האָט מען אים דעריבער געשאַנקען אַ יאָר דינסט.

דאָס אייגענע איז געשען ביים בעקער אין שטוב, אָבער פייגע נעסיע האָט די שכנות אָפּגעפּטרט: „איך האָב איך גאָר ניט וואָס צו זאָגן. אַזוי ווי גאָט וועט וועלן אַזוי וועט זיין. זאָל אברהמל קומען, מיר וועלן אים אוודאי אויפנעמען פאַר אַ ליבן גאַסט!...״

די בעקערין האָט שוין גערעדט פאַר איר חיים יואלן און פאַר אירע טעכטער, ווייל מיט פייגע־נעסין שפּילט מען זיך ניט אין רייד. זי קען שוין איר שטעטל באַשטיין, צי חלילה ביי אַ צרה אָדער ברוך השם ביי אַ פרייד — זי ווייסט גוט, דאָס קיין סך גוטע פריינט האָט זי ניט. מען פאַרגינט איר ניט איר דאָליע. עס ברענט זיי און עס בראָט זיי, וואָס גאָט האָט זי גע־בענטשט מיט שיינע טעכטער, מיט קיין עין הרע מיידלעך פאַרשויבען, וואָס דאַרפן ניט דאגהן פאַר קיין חתנים. און נדן ברוך השם איז אויך דאָ, זאָלן זיי טאַקע וויסן, אַז פייגע־נעסי נעמט חס ושלום ניט ביי קיינעם, און זאָלן זיי אויך אין די קאַיאָרן מאַכן דעם איווון און קנעטן די דייזשעס פונקט ווי זי מיט אירע טעכטער. זאָלן זיי אויפשטיין באַקן די פאַרקעס...

און דאָס איז גאָר קיין גוזמא ניט געווען. זי האָט זיך פאַר קיינעם ניט געשראָקן, שטענדיק געזאָגט דאָס ווערטל: — אַרבעט, מיידעלע, וועסטו האָבן אַ קליידעלע! —

צו לאַנג וואָלט פאַרנומען צו דערציילן ווי אַזוי אברהמעל איז טאַקע באַלד געקומען מיטן גאַנצן קנאַק פון סלוזשבע — אַ באַפרייטער, און טאַקע מיט אַ נאַגראַדע. זיין מונדיר, זיינע געפּאַסטע שטיוועלעך און זיינע ווייסע הענטשקעס — האָבן, ווי מען האָט דאַן געזאָגט אין שטאָט, גערעדט ווער־טער!... זיי האָבן געזאָגט דעם אמתן „כאָדי סיודאַ״... שטאָט איז גע־גאַנגען כאָדראָם און ביי חיים־הירש שניידער איז געווען ממש משיחס צייטן. ווער האָט געקענט זיך צו אים גלייכן? ער האָט שוין ניט געזאָרגט וועגן די פיר יום־טובדיקע קאַפּטאַנעס, וואָס ליגן פאַרלייגט. אָט־אָ נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי, און דאָס קינד וועט אַפּעטעמען. ער וועט אַזוי פּאַמעלעך, לאַנגזאַם אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שינעל מיט די פּאַגאָנעס און וועט זיך אַ נעם־טאָן צו דער אַרבעט. די קאַפּטאַנעס וועלן אונטער זיינע הענט גאָר אַנדערש זיך נייען און עס וועט אָם ירצה השם זיין „ליהודים היתה שמחה וששון ויקר״; און אַוודאי און אַוודאי וועט מען אם ירצה השם ברעכן טעלער. און פאַרוואָס דען ניט? דאָס וועט דאָך זיין דער אמתער זיווג מן השמים...

זאָל ניט זיין קיין סוד, אַז דער מאַרק אויפן שפּאַציר האָט ממש אויפ־געלעבט. הימל און ערד און שפּאַצירער! מ׳האָט גערעדט ווי אברהמעל גיט זיך אַ שטעל, ווי ער גיט זיך אַ דריי, און זיין גאַנצער „סטראָי״...

און ביי טאַטע־מאַמע? ווער האָט זיך געקענט איצט גלייכן צו חיים־הירש שניידער? שטאָט האָט פּשוט געמאַכט היסטאָריע; ווי אַזוי אַ טאַטע, אַ פּשוטער שניידער, ווערט פלוצים ממש אויפגעריכט אין אַ שיינעם פאַר פּסח און ווי אַזוי די פויערים פון די אַרומיקע דערפער האָבן זיך דער־וואוסט, אַז אַבראַמטשיק פּאַרטנאָי איז אַהיימגעקומען פון סלוזשבע, ובפרט נאָך אין גאַנצן אַ באַפרייטער, מיט אַ נאַגראַדע...

היינט די מתנות? עס איז דאָך גאָר ניט אויסצורעכענען וויפיל שאָק אייער די קונדן האָבן אַנגעבראַכט יענעם פאַר פּסח אַלס מתנות צו חיים־הירשן; און וויפיל זעק קאַרטאָפלעס און אַרבעס מיט מעל ס׳איז אַריינגע־בראַכט געוואָרן צום ליבן גאַסט. דאָס אַלץ דאַרף מען זוכה זיין ביים אויבערשטן ביי גאָט... און טאַקע ווער איז געווען גלייך צו חיים יואלן ווען זיי האָבן געמאַכט תנאים? און ווער קען דאָס אָפּשאַצן די פרייד פון עטי־ביילען מיט פייגע־נעסין, די צוויי מחותנתטעס און טאַקע די חתן־כלה אויך...

— ניין, דאָס איז גאָר ניט געווען קיין חלום; נאָר אַ סיעתא דשמיא!...

# אַ פּעלשטינער באַנקיר

געווען זיינען ביי אונדז אין פּעלשטין ברוך השם אַ סך „יעקלס״. ווען מען האָט דערמאָנט איינעם פון זיי, האָט מען געמוזט אָנגעבן דעם פולן נאָמען און צונאָמען. מיר האָבן געהאַט עטלעכע פיינע אידן בשם „יעקל״. אַזוי, למשל, כדי צו אונטערשיידן איינעם פון צווייטן, האָט מען שוין אין שטעטל זיך אַן עצה געגעבן מיט גאָר באַזונדערע נעמען: איינעם האָט מען גערופן: „יעקל קונה הכל״... דער צווייטער, „יעקל פאַרטונעלע״; אַ דריטן, האָט מען גערופן, „יעקל שאָסטיק״... ניט נייטיק אויסצורעכענען אַ שטייגער אַזאַ איד ווי, יעקל זלמן יעקבס... און נאָך און נאָך, אָן אַ שיר, אידן מיט דעם שם טוב. עס וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען אפשר אַ גאַנץ בלעטל מיט מענטשן וואָס טראָגן דעם זעלביקן נאָמען און פון יעדן אידן וואָלט זיך דאָך עפּעס געוואָלט דערציילן, ווייל יעדער יעקל האָט זיך זיין שטייגער לעבן, אַפילו ווען ער איז ניט קיין פעלשטינער. אָבער בפרט, אַז ער איז מיינער אַ בן־עיר. איך וועל דערציילן פון איין יעקל. דער יעקל איז עס געווען דער באַנקיר אין מיין שטעטל פעלשטין (לויט דער אינפאָרמאַציע וואָס איז געזאַמלט געוואָרן פאַרן פנקס פעלשטין). דעם דאָזיקן באַנקיר אונדזערן האָט מען גערופן: יעקל עטיטשקעס. פרעגט מיך ניט, מיינע ליבע לייענער, אויף זיין פאַמיליע נאָמען, דאָס האָט מיר גאָר קיין מאָל ניט אויס־געפעלט... איך קען אייך נאָר פאַרזיכערן, אַז ער האָט געהאַט פיינע זין און טעכטער, פעאיקע קינדער, שאַרפע קעפּ. איינער בשם דוב־בער יעקלס איז גאָר געווען אַ פיינער מנגן. זיין דאַוונען ביים עמוד איז גאָר געווען גאָר... נאָר זיין חתונה האָט ער פאַרלאָזן אונדזער שטאָט, גם כן זיין ברודער הערשל —ביידע לומדים, מיטן סוחרישן שטעל, האָבן זיך באַהעפט מיט זייערע באַשערטע און פאַרבליבן מיט זייערע ווייבלעך אויף קעסט ביי שווער און שוויגער און זיך דאָרט געהאַט פרנסה... געקומען אַהיים לפי שעה, צו טאַטע־מאַמע און געגעבן אידן שלום. זיך ס׳רוב צוגעכאַפּט, ווי אַ גאַסט, צו דער גמרא צו באַווייזן, אַז זיי האַלטן זיך נאָך ביי זייער טאַטנס מידות... געשעפט איז געשעפט, אָבער אַריינקוקן אין אַ ספר איז געוויס דאָס העכסטע געבאָט פון דער תורה.

די טעכטער פון ר׳ יעקלען זיינען אויך געווען לייטישע און גרויסע בריות. איינע איז געבליבן וואוינען מיט איר מאַן שלום שכנא ביים טאַטן אויף גוטע קעסט. די גאָר עלטערע טאָכטער האָט חתונה געהאַט קיין בעסאַראַביע, און די גאָר אינגערע האָט נאָך געוואַרט אויף איר באַשערטן, בעת,

איך, דער מחבר, האָב זיך געגרייט אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע. זי איז אָבער, צום אומגליק, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן מיט אירע חלומות, גע־לאָזט צער צו טאַטע־מאַמע און דער גאַנצער שטאָט.

און איצט קום איך צוריק צו זייער טאַטן, ר׳ יעקלען, בעיקר אַנצודייטן, אַז כדי צו דערציען אַזעלכע קינדער, צו גאָט און צו לייט, האָט זייער טאַטע געוויס געדאַרפט האָבן פּרנסה.

לויט סברות, האָט ר׳ יעקל זוכה געווען צו פאַרזוכן אַ פּאָר יאָר „עשירות״, און דעריבער האָט מען אים געקרוינט מיטן נאָמען: „באַנקיר״.

יאָ, אין וואָס האָט יעקל עטטישקעס מיט זיך פאַרגעשטעלט צו אַזאַ טיטול? איז עס געווען זיין אשת חיל האָט געהייסן עטיע? אפשר יאָ, און אפשר האָט גאָר זיין מוטער געהייסן עטטישקעס, פאַרצויגן פון איר אייגע־נעם נאָמען, לויט אירע מעשים טובים אָדער יחוס? ווי מיר שטעלן זיך פאָר, לויט איר זון יעקלען, וואָס איז געווען פאַררעכנט פאַר אַ למדן, אַז זי, זיין מאַמע, האָט אוודאי געדאַרפט זיין אַ פירזאָגערין אין דער ווייבערשער שול. און זיין ווייב וואָס איז געווען אַן אשה צנועה און אים נאָך אַרויסגע־האָלפן אין דער פרנסה איז אַוודאי אויך געגאַנגען אין די פוס־טריט פון איר שוויגער, ר׳ יעקלס מאַמע.

יאָ, אין די מיטעלע יאָרן האָט ר׳ יעקל געהאַט אַ לעדער קלייט, אַ נשאר פון זיין אַמאָליקער עשירות אַלס באַנקיר, וואו קיין נגידהשאַפט האָט מען ניט געזען. לויטן חשבון האָבן מיר, די משפחה בוים, זיך אַנגעקערט לייבלעכע קרובים. דערוואוסט פון אונדזער קרובהשאַפט האָב איך זיך ערשט אין די שפּעטערע חדר־יאָרן, אַז ר׳ יעקל, וואָס זיצט יום ולילה אין בית מדרש איבער אַ בלאַט גמרא, איז אין דער יוגנט געווען געקרוינט מיטן נאָמען דער „באַנקיר״, און צו האָבן אין אונדזער משפחה אַפילו אַ געווע־זענעם באַנקיר האָט אויך עפּעס געמיינט...

אַ סך יאָרן זיינען אַוועק זינט יענע חדר־יאָרן, אַ סך וואַסערן זיינען פאַרשוואומען און אָפּגעווישט יענע אינגלשע באַגריפן. געבליבן איז מיר ר׳ יעקל אין מיין זכרון ווי דער גוטער שומר איבער אונדזער קינדהייט. ער, האָט עס אונדז אָפּגעהיט אין בית מדרש, אַז מיר זאָלן לערנען אַ בלאַט גמרא מיט אַ טאָלק און קענען צעגלידערן אַ סוגיא... דאָס איז, ווייזט אויס, געווען זיין מיסיע אין לעבן.

זיין אשת חיל איז געוואָרן די פרנסה געבערין. ער האָט געוואוסט, אַז אין קלייט קען זי זיך באַגיין אָן אים אויך, אַז זי קאָן איר שטעטל באַשטיין... און ער קען זיך דעריבער אָפּגעבן אויף די עלטערע יאָרן מיט לערנען תורה. געמיינט האָבן אידן מיט דעם זיך צוגרייטן עפּעס אויף עולם הבא, עפּעס מיט־צונעמען. על כן, איז ר׳ יעקל געזעסן על התורה אין בית מדרש און שוין פאַר איין גאַנג געהאַלטן אָן אויג אויף דעם יונגוואַרג. אַפילו אין די שפּעטע ווינטער נעכט פלעגט ער זיצן ביי דער אָפענער גמרא און געהאָלפן די אינגלעך אין בית מדרש און זייערע פלאַנטערס ביים לימוד,

בסך הכל איז ר׳ יעקל געווען אַן אײדעלער, צאַרטער איד, אַ דעליקאַ־טער מיט אַ פײנע פּיר־קאַנטיקע באָרד, וואָס האָט זיך שוין שטאַרק צע־בליט אין איר גרויקייט. נידעריק געוואַקסן, אַ לײכטער גאַנג, ניט קיין בעל־גוף, שטיל און באַשײדן האָט ער זיך געשפּרײזט אַהײם, וואָס איז געווען דרײ גאַסן די ווײט פון בית מדרש.

זײנע קלײנע, ברוינע אויגן האָבן אַלץ דורכגענומען מיט זײער שאַרפ־קײט. ער איז קײנעם ניט פאַרבײגעגאַנגען בעת זײן גײן אַהײם אָן זאָגן אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר, אַלע האָבן אָפּגעענטפערט מיט גרויס דרך־ארץ, אָן דעם וואָרט ר׳ יעקל האָט פעלשטײן ניט געוואָגט. דאָס גלײכן אין מאַרק בײ זײן קלײט, סײ אויף ירידים, סײ אויף מאַרק־טעג אפילו. אין ימי חול, ווען מען האָט ניט געזען קײן קונה, האָט ר׳ יעקל געהאַט אַרום זײן קלײטל שטענדיקע מיטשמועסער. גערעדט האָט מען פון אַלץ אין דער וועלט: פון פּאָליטיק, פון געשעפט און אַמאָל טאַקע אַ פּילפּול איבער אַ דרש. ער האָט עס געקענט טאָן ווײל זײן עטיע האָט אים געלאָזט קנעלן. זאָל ער שמועסן מיט אידן, זאָלן זײ זיך צוהערן צו איר מאַנס תמימותדיקע רײד. זי האָט פאַרשטאַנען, עטיע, אַז זי קען זיך אַן עצה געבן און האָט נאָך קײן קונה ניט אַרויסגעלאָזט פון איר קלײטל. אַ דבר ידוע, אַז זי האָט זיך אויסגעטויגט צו מסחר בעסער פאַר אים.

בײ ר׳ יעקלען אין קלײט האָט מען געקענט קויפן אַ פּאָר סאָלדאַטסקע שטיװל, גענוצטע קאַמאַשן און אונטערגענײטע כאַליעוועס שטיװל. די קלײט האָט זיך געהאַט אירע קונים און נאָך געלאָזן סימנים פון אַמאָל, אַמאָל, ווען ר׳ יעקל האָט אַלײן דאָ אַרומגערודערט אין אַ פול־אַנגעפּאַקטער קלײט מיט לעדער פון כל המינים. אנשי יודעים, וואָס געדענקען אים פון די יונגע יאָרן, שילדערן אים ווי אַ זײדענעם יונגערמאַן, וואָס האָט פאַרמאָגט אי תורה אי סחורה, סײ פון זײן נדן און סײ פון זײן ירושה... על כן, פאַרוואָס ניט?

ס׳איז דאָ אַ שטאָט אביונים וואָס דאַרפן אָפּט אַ גמילות חסד, און וועל־כער ערלעכער יונגערמאַן וועט עס אָפּזאָגן אַן אָרעמען אידן אַ גמילות חסד? איז עס דאָך אַ פּשוטע זאַך... און מען דערצײלט, אַז אין אײן שײנעם טאָג האָט דער יונגערמאַן, ר׳ יעקל, דער איש חשוב און למדן פאַררופן צו זיך אין שטוב עטלעכע פאַרמעגלעכע אידן אויף אַ גלעזל טײ מיט אַ קיכל. געווען איז עס אין דער וואָך נאָך דעם גרויסאַרטיקן ברית, וואָס ער האָט געפּראַ־וועט, מיט מזל, פון זײן בכור, בשם דוד בער. דעמאָלט, אין יענער נאַכט, האָט ר׳ יעקל געלײגט דעם ווינקל־שטײן פון אַן „אַקציע" וואָס פעלשטײנער אידן האָבן געשאַפן באופן, אַז אַן אָרעמער איד זאָל ניט דאַרפן אַרומלויפן מי יודע צו וועמען אַנטלײען עטלעכע קערבלעך. איז, הײסט עס, געקומען די ישועה. מען וועט דורך דער אַקציע מאַכן הלוואות און די שטאָט וועט אויפ־געריכט ווערן. מען וועט צאָלן אַ קלײנעם פּראָצענט און מען וועט דערווײל אויסשרײבן אַ היתר עיסקא (דאָס איז צו כשרן פּראָצענט נעמען) און ס׳וועט זײן ליהודים.

איז אַזוי אַנגעגאַנגען שיינע עטלעכע יאָר. קינדער זיינען געוואַקסן, סוחרים האָבן געהאַנדלט מיט נאמנות, מען האָט געלעבט מיט בטחון, גע־קניפּט און געבונדן אין קרובהשאַפט. דורך דער אַקציע האָט מען זיך ס׳רוב פאַרזאַמלט ביי ר׳ יעקלען און ביי די אַנדערע „שטיקער גבירים”. מען האָט געשמועסט פון פּאָליטיק, פון הכנסת אורחים, אַמאָל פון הכנסת כלה און מען האָט טאַקע געהאַלטן וואו מען האָט באַדאַרפט און דאָס לעבן איז זיך אַזוי אַנגעגאַנגען לויט איר איינגעשטעלטן סדר, פון תפילה, צדקה און גמילות חסדים.

און פּלוצלינג ווער גאָר אַן איבערקערעניש: שלעכטע ציטן. אַ הונגער יאָר! כאַטש שריי געוואַלד! ס׳איז אַנגעקומען דער ערב פּסח. בלאָטעס זיינען געבליבן ליגן, דאָס גאַנצע שטעטל איז ממש פאַרגרעזנט געוואָרן. די נויט וואַקסט. ס׳איז ניטאָ אויף קיין מצה, ניט אויף קאַרטאָפל, ניטאָ קיין האָלץ צו הייצן דאָס מרחץ. מיט איין וואָרט: דלות! און דער דלות פּייפט, פאַרשפּרייט זיך אין יעדן ווינקל פון שטאָט. און די חובות אין דער אַקציע ווערן ניט געצאָלט. ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט די שטאָטישע עשירות. די כלומרשטע באַנק, וואָס קהל האָט אַזוי ערלעך אָפּגעהיט, און עזרא דעם שוחטס האָט געהאַלטן אַזאַ שטרענג אויג אויף דער בוכהאַלטעריע, געפירט די חשבונות מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. אָבער וואָס טוט מען פאָרט? לויפט מען צום רב פרעגן אַן עצה: ווי איז דער דין, רבי, מען צאָלט ניט אין דער אַקציע די חובות?

איז עס משיחס צייטן, ווי עס ווערט געשריבן, אַז „אין בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס”? דאָס איז אָבער סתם גערעדט, כדי פאַרטרייבן די עצבות. דער רבי קנייטשט מיטן שטערן און זאָגט אַן צו האָבן בטחון, אַז השי״ת וועט געוויס העלפן און מען זאָל פונדעסטוועגן ניט לאָזן פאַלן דעם אָרעמאַן. זאָל ר׳ יעקל פאַרגעסן לעת עתה, אַז ער האָט אונטערגעחתמעט די וועקסלען. און ניט מער און ניט ווייניקער פאַלט אַ סברא, אַז עס געפינען זיך נאָך ביי ר׳ יעקלען שיינע עטלעכע הונדערטערס. על כן, איז ניט מער ווי אַ יושר ער זאָל, בעזרת השם, ווערן אַליין דער מלוה. לעת עתה, ביז השי״ת וועט העלפן.

און אָט פּראָוועט מען שוין ביי ר׳ יעקלען דעם צווייטן ברית. מען איז זיך משמח מיט די מחותנים. עס קומען נאָך מענטשן, פרייט מען זיך ווידער און בקיצור, ר׳ יעקל ווערט דער כמו באַנקיר מיטן היתר, אַז ער זאָל אַנט־לייען אידן זיינע אייגענע עטלעכע קערבלעך און נעמען משכונות, די אַלע חפצים וואָס עס געפינען זיך ביי אידן, עד כשירחיב. זאָל זיין זילבערנע לייכ־טער, זשופּעצעס, טולעפּעס, זאָל ר׳ יעקל זיין זיכער, אַז מען וועט אים ניט אָנזעצן.

און אָט האָט זיך אויסגעלאָזט ס׳גאַנצע עשירות ביי ר׳ יעקלען. אמת, ער האָט די משכנות, אָבער ער דאַרף דאָס ביסל געלט פאַר אייגענעם מסחר.

ער מוז צאָלן די וועקסלען. הכלל, דורך ישוב הדעת האָט זיך ר׳ יעקל דער־טראַכט, אַז ער וועט פאָרן קיין פּראָסקוראָוו, אין באַנק, און זען אַנטלייען ק״ן קערבלעך. און כך הוה. ר׳ יעקל איז געקומען צוריק פון פּראָסקוראָוו מיט הונדערט און פופציק רובל און געבראַכט אַהיים נייע סחורה: פּאָדעשוועס, פּאָדבאַרעס און זאַגאַטאָווקעס. און מענטשן גאַפן: אָט אַ איד אַ בר־מזל! אַזאַ בעל בטוח! ממש השגחת הבורא. אָבער פון זיין גבירישקייט קענען אביונים ניט לעבן. אָבער ווי דורך אַ נס איז עפּעס יאָ געקומען אַ שטיקל ישועה: דער ערב פּסח האָט פונדעסטוועגן מיטגעהאָלפן, פּויערים האָבן איינגעקויפט כל הצטרכותן „נאַ פּאַסקו״ (אויף דעם גויאישן פּסח) אַפילו די אידענעס, וואָס זיינען געזעסן אין מאַרק לעבן די נידעריקע טאַפּטשאַנעס מיט די „קאַרי־נייעס״ ווי צימערינג, קראָפּע און פאַרשיידענע קרייטעכצער און בשמים, מיט וועלכע די פּויערים פלעגן זיך באַנוצן אין זייערע געבעקסן, האָבן אויך פאַרדינט צו ביסלעך. אין שטאָט האָט מען פאַמעלעך אָנגעהויבן צוריק לעבן ווי פריער, ווער אָרעמער, ווער רייכער, אַז בסך הכל האָט פעלשטין געהאַט אפשר אַ צענטל פון דער באַפעלקערונג וואָס האָט געהאַט פּרנסה. די אי־בעריקע זיינען אַליין אַרומגעלאָפן זוכן אַ גמילות חסד.

די משכנות, וואָס האָבן זיך געפונען ביי יעקלען, האָבן אים בלויז ענג געמאַכט אין שטוב און ער האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבן. האָט ער אין פאַרצווייפלונג ממש געטענהט צום רבונו של עולם: וואָס טוט מען מיט די אידן בני רחמנים? מה חטאי און מה פשעי? זיי האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ באַנקיר, מיך אויסגעליידיקט פון מיינע עטלעכע קערבלעך. ווער דאַרף זייערע איבערבעטן מיט זייערע לייכטער? זאָלן זיי מיר אָפּגעבן כאָטש צו ביסלעך דעם קרן, איך וויל שוין ניט ביי זיי דעם פּראָצענט, אומשטיינס געזאָגט!

אָבער די רייד זיינען געפאַלן אויף טויבע אויערן. אַזוי זיינען געלאָפן די טעג און די יאָרן.

און אָט זיינען אָנגעקומען די גרויסע פרעסט. דאָרפס־אידן האָבן גע־דאַרפט זייערע בורקעס, זייערע פּעלצלעך. אַ טייל האָבן, נעבעך, געדאַרפט די קישנס מיט די איבערבעטן, וואָס זיינען געלעגן פאַרמשכנט ביי ר׳ יעקלען. האָט מען זיך געשטיקט מיטן ווייטיק און דערווייל געציטערט פון קעלט. ביז איינער איז געפאַלן אויף אַן המצאה: ער וועט אַריינגיין צו יעקלען און אים זאָגן פּשוטע, אמתע רייד, בעטן רחמים: הערט, ר׳ יעקל, איר ווייסט דאָך, אַז איך וועל אייערס ניט צונעמען, איך האָב ביי אייך צוויי קישנס מיט אַן איבערבעט, ס׳איז אַזאַ קרירה, אַז מיינע קינדער וועלן נאָך, חלילה, אויסגיין פון קעלט. איך האָף צו דעם וואָס לעבט אייביק, ער וועט מיר העלפן און איך וועל ביי אייך, חס ושלום, גאָרניט צונעמען. באָרגט מיר אויס כאָטש מיינע צוויי קישנס, אָדער האַלט די קישנס און גיט אונדז אָפּ דאָס איבערבעט, ביז ס׳וועט ווערן וואַרעמער.

און ס'איז אָוועק אַ גאַנג. איינעם אַ טובה געטאָן, דאַרף מען אַ צווייטן ניט פאַרשעמען און קיין נוצן פון די פאַרמשכנטע חפצים האָט ער דאָך סיי־ווי ניט. רעדט ער זיך דורך מיט זיין אשת חיל: וואָס זאָגסטו, עטיע? זאָלן מיר יעדן אָפּגעבן די חפצים?

ווי גאָט איז אונדז ליב, יעקל, ווי אַנדערש קען מען דען טאָן? אפשר האָט אונדז דער רבונו של עולם דאָ געוואָלט שטעלן צו אַ נסיון? איך רעכן דעריבער, אַז ס'איז גאָטס רצון, אַז מיר זאָלן יעדן אומקערן זייערס און מיר וועלן זיך שוין דורכדרייען. השם ירחם. יעקל פילט אָבער, אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער בעל־חוב און ער וויל איר מרמז זיין, אַז ס'איז דאָ, קיין עין הרע, קינדער, וואָס וואַקסן אויף און מי יודע וואָס עס וועט זיין! רעדן זיך מאַן און ווייב דורך אין דער שטיל און מען באַשליסט: סוף כל סוף אָפּגעבן אַלץ וואָס געהערט ניט צו זיי, אַז די משכנות זיינען ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, און צווייטנס האָט מען עס אין גאַנצן געדאַרפט? צו האָבן אַ קאַמף מיטן בייזן שטן? אָוודאי איז שוין זיין ווייב, עטיע, מסכים, אַז ווער עס וועט קומען און בעטן עפּעס פון זייערע חפצים צוריק, זאָל זי עס אָפּ־געבן. ער, יעקל, לאָזט עס שוין איבער צו איר. דער עיקר, זי זאָל זאָגן זייער בכור, דוב־בער, ער זאָל עס פאַרשרייבן אין דעם פּנקסל דעם „נתתי" צוריק און זאָלן אידן ניט פּרירן, זאָלן זייערע ווייבער בענטשן ליכט פאַר קבלת שבת אין זייערע אייגענע לייכטער; ווער דאַרף האָבן זייערע לייכ־טער, ווער?

כאָטש אין דער אמתן האָט יעקל ניט איינמאָל געטראַכט איבער די לייכטער און געזוכט אַ היתר ווי אַזוי זיי יאָ צו האַלטן, ווייל ס'איז דאָך פאָרט אַ חפץ, עפּעס קען מען דאָך פאָרט פאַר דעם קריגן אַ ביסל מזומן און קענען צאָלן אַ וועקסל. איז אָבער אין אָן ערב ראש השנה אַריינגעפאַלן חיה נעכע, די אלמנה, און געגומען איינטענהן אַזעלכע מוראדיקע רייד און דערציילט זיין עטיען, אַז איר חיים עליע, עליו השלום, איז איר געקומען צו חלום און גערעדט צו איר מיט זיין הייזעריקן קול, בתחנונים, ממש באַ־פוילן, אַז זי זאָל, למען השם, צוגיין צו יעקלען און בעטן אויסצולייען צוריק די לייכטער אויף יום־טוב, וואָרם ציגדן ליכט אום ימים נוראים מיינט אַ ישועה פאַר כל ישראל און אַ גוט קוויטל פאַר אָרעם און רייך. בכן ובכן, איר שטעלט זיך שוין אַליין פאָר, אַז פון אַזעלכע מעשיות האָט סיי עטיע און סיי איר מאַן, יעקל, שוין גאָרנישט געקענט אַנדערש קלערן ווי תיכף אָפּצוגעבן די משכנות. אַ חוץ די, וועלכע זיינען ניט געקומען בעטן. זיי האָבן פשוט ניט געוואָלט אָפּנעמען און זיי האָבן טאַקע געטענהט זייערס, מיט תמימות: מיר ווילן ניט ווערן קיין אַנזעצערס! איר מוזט האַלטן דעם משכון ביז גאָט וועט הייסן. און אַז דער רבונו של עולם וויל, קען ער געבן און נע־מען. קעגן אַזעלכע טענות האָט זיך שוין יעקל ניט געקענט קעגנשטעלן. און אַלץ וואָלט זיך שוין ווידער געגאַנגען אָט אַזוי ווי גאָט וויל.

אָבער ר' יעקל האָט ניט פאַרגעסן, אַז ער האָט אַ וועקסל צו צאָלן, אַז

ער האָט עס שוין צוויי מאָל באַניט. עד מתי? ער קען דאָך, חס ושלום, ווערן אַן אַנזעצער! זאָל השי״ת שומר ומציל זיין פון אַזאַ נסיון!

ער טראַכט, אַז די קינדער וואַקסן, קיין עין הרע, און קינדער דאַרפן. אָבער עס העלפן אים ניט זיינע טענות. ער בעט זיך ביי די אַנטלייערס זיי זאָלן אָפּגעבן כאָטש ביסלעכווייז, ער זאָל כאָטש קענען באַצאָלן דעם פּראָצענט.

אין בית מדרש הערט ער אויף זיינע רייד בלויז זיפצן און „אוי לי״ און „אוי לי״. ער גלייבט זיי געוויס און שרעקט זיך פאַרן שטן.

עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ר׳ יעקל זאָל, חס ושלום, ווערן אַן אַנזעצער און ניט באַצאָלן זיינע וועקסלען צו די קרעדיטאָרן. מילא, מיט דער באַנק וועט ער זיך ווי עס איז אַן עצה געבן. פּשוט, ער וועט זיי ווייזן די חובות, זאָלן זיי זען, אַז ער איז ניט נהנה אַ פּרוטה פון זייערס, אַז ער האָט געגנוג סחורה אין קלייט צו דעקן די הלוואה. און כך הוה.

דער סך הכל איז געווען, אַז ר׳ יעקל האָט אַראָפּגעבראַכט עטלעכע לעדער סוחרים, מיט וועלכע ער האָט געהאַנדלט, און זיי געוואָלט אָפּגעבן די סחורה. אָבער זיי זיינען צוריקגעפאָרן אַהיים מיטן בטחון, אַז השי״ת וועט העלפן און ר׳ יעקל וועט ניט ווערן קיין אַנזעצער. ס׳האָט געהייסן אַ שטיקל ישועה, אָבער פאַרבליבן איז עס אין די פאַרשיידענע מעשיות פון פּעלשטין, אַז אַמאָל, אַמאָל, בימים ההם, האָט די שטאָט אונדזערע געהאַט אַ באַנקיר, הגם אנשי יודעים זאָגן, אַז די מעשה איז לא היה ולא נברא. אָבער אונדזער חשובער בן־עיר, ר׳ דוד חזן, אַ זקן, וואָס ער איז געווען דער פּעלשטינער שול־חזן אַרום פופציק יאָר, און אין זיין מוח האָבן זיך איינגעקריצט אַן אַ שיעור מעשהלעך פון פּעלשטין און צו אים האָבן מיר זיך געווענדט ער זאָל אונדז דערציילן וואָס אין פּעלשטין האָט זיך פאַרלאָפן מקדמונים און בעיקר וועגן דער מעשה מיט אונדזער שטאָט באַנקיר. דער אַלטער חזן האָט זיך דאַן געפונען אין אַ מושב זקנים, אויף סעקאָנד עווענין, ניו יאָרק. זיינע יאָרן זיינען געווען איינגעקריצט אין יעדן קנייטש אויף זיין שטערן. זיין יאַרמולקע האָט ווי געוואַכט אויף דער קלאָרקייט פון זיין זכרון און דער זקן האָט דערציילט. איבערהויפּט איז אים די מעשה מיט ר׳ יעקלען אַליין שטאַרק געפעלן געווען און ער האָט מיך געבעטן: נעם, בערעלע, שרייב עס אָן, זאָל די וועלט וויסן וואָס פאַר אַ באַנקירן אידן זיינען געווען אין אונדזער פּעלשטין.

דער אַלטער חזן איז שוין אַ שוכן עפר אַ שיינע עטלעכע יאָר, אָבער זיין שיינער הומאָר איז געבליבן אין זכרון, מיט זיין ווירדיק געשטאַלט; זיין קול און זיין אופן פון דערציילן מעשהלעך וועגן די אידן אין פּעלשטין, איבערהויפּט די געשיכטע פון דעם „פּעלשטינער באַנקיר״, וואָס איך האָב דאָ פאַר אייך איבערגעגעבן, האָבן אויף מיר שטענדיק געמאַכט אַ רושם.

איך בין זיך מודה, אַז די מעשה מיט ר׳ יעקב „דעם באַנקיר״ האָט

אויסגעשיילט פון מיין זכרון ר׳ יעקלען אויף דער עלטער, ווי איך האָב אים געקענט אין בית המדרש, און ווי ער איז געשטאַנען אין זיין לעדער קלייטל מיט זיין צנועהדיקער אידענע, עטיע, און נאָך אַרומגערעדט אַרום דעם שטיקל פּרנסה. זיין מתיקותדיקער ניגון בעתן לערנען אַ בלאַט גמרא אין די שפּעטע שעהן פון דער נאַכט, און זיין עכאַדיקן טראַט אין דער פינצטערע נאַכט, ווען ער האָט פּאַמעלעך געשפּרייזט פון בית המדרש אַהיים, אָן אַ לאַמטערנע אין דער פינצטערער נאַכט. און אפשר האָט פאַר אים געלויכטן יענע ליכט, וואָס נאָר ער איז זוכה געווען צו זען? מי יודע?

זכרונו לברכה!

# אברהם קירזשנער

שוין עטלעכע יאָר קלייב איך זיך אויפצולעבן אַ משפחה פון די היטל קירזשנערס אין מיין שטעטל פעלשטין. נאָר עס ווייזט אויס, אַז עס איז ביט אַזוי לייכט צו נעמען שרייבן וועגן דער „קירזשנער דינאַסטיע", אין מיין געבוירן אָרט. ובפרט, וועגן אברהם קירזשנערס פאַרצוויגטער משפחה, וואָס האָט זיך אגב אונטערשיידט מיט זייער פשטות און תמימות־דיקייט. דאָס ווינקל וואָס האָט אין דער שטיל אַרנייגעצויגן צו זיך דעם הונגעריקן, דעם דערשלאָגענעם, דעם אורח פון דער פרעמד — און דער עיקר — די יונגוואַרג, וואָס האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי שאָף אָן אַ פּאַס־טוך. און גראָד די משפחה האָט מען אויסגעשאָכטן ווי די לעמער אין די שוידערלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע דורך די דעניקינס און פּעטלוראַ באַנדעס, און דאָס רעשט האָט היטלער ימח שמו אויסגעקוילעט — אָפּגעווישט זיי ביז צום לעצטן טראָפּן פון די בני ובנות אברהם.

זיי ליגן טיף פאַרשאָטן אין אַ ברודער קבר, פאַראייניקט, פּונקט ווי ביים לעבן, אמתע קדושים, וואָס זיינען געפאַלן אויף קידוש השם, אָן אַ מצבה, אָן אַ וואָרט פון עמעצן, וואָס זאָל דערציילן דער וועלט, אַז אַמאָל, אין די יאָרן פון 1900, האָבן אין שטעטל פעלשטין, ניט ווייט פון פּראָסקו־ראָוו, געלעבט אַן ערך צוועלף פאַמיליעס, היטל קירזשנער. לויט סברות, אַ קייט, וואָס האָט זיך געצויגן קרוב פיר דורות, און צווישן זיי האָט זיך גע־פונען אברהם קירזשנער, דער שטילער מכניס אורח, שטענדיק באַגלייט פון זיין רבקהן, אין אַלע זיינע וועגן.

די מוטער פון דריי שיינע טעכטער און אַ בן־יחיד, וואָס האָבן געהאַט זייער וואַרעמע, ליכטיקע היים אויף אַ באַרג אַרומגערינגלט מיט שטיבער פון נאָך קירזשנער. אין שכנות פון מאיר קאַשקעטניק, ע"ה, וואָס האָט ממש אָן אברהמען ניט געקענט לעבן. אַגב, אַ איד אַ בייזער, שוין געווען אַ זקן. און עס איז אַ וואונדער, וואָס מאיר ע"ה איז שטענדיק געווען דער מחמיר, און אברהם דער היפוך, און עס איז כדאי אַריינגיין טיפער אין דער כאַ־ראַסטעריסטיק פון די צוויי חברים, וואָס מען האָט געשמועסט, אַז צווישן זיי איז געווען פאַרקניפּט אַ מערקווירדיקע פריינדשאַפט, ממש אהבת דוד ויונתן.

אָבער מיר וועלן אָנהייבן מיט אברהמען, מיט וועלכן איך, דער בעל דבר, האָב געהאַט אַזאַ נאָענטע שייכות. איך וועל ניט קענען רוען אויב איך

וועל זיך ניט טיילן מיט מיינע איינדרוקן פון מיין יוגנט, מיט דער שטוב, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה אין מיין יוגנט, און אויפגעלעבט אין מיר חושים, וואָס זיינען געווען פאַרגליווערט, מיך אַוועקצונעמען פון פינצטערניש און געבראַכט צו ליכט און וואַרעמקייט.

וואָס אַזוינס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער תמימותדיקער איד אברהם קירזשנער ?

אַ איד אין די זעכציקער יאָרן, מיט אַ געדיכטע גרויסע באָרד און פּיאות, שוואַרצע אויגן, אַ טונקעלע הויט, וואָס האָט אַרויסגעגלאַנצט פון אונטער זיינע הויך־באַוואַקסענע ברעמען, זיינע הענט שטענדיק פאַרקאַטשעט. אים איז קיין מאָל ניט געווען קאַלט אין די גרעסטע פרעסט ; די געדיכטע גרויע האָר אויף זיינע לאַנגע הענט זיינען אים בייגעשטאַנען אין די ביטערע קרי־רות אויף די יאַרידן, וואו ער האָט געהאַנדלט אויפן אָפענעם מאַרק מיט זיין גרויסן, אָנגעפּאַקעוועטן קאַסטן סחורה פון שמוישענע קוטשמעס. און כאָטש שטאָט האָט געוואוסט, אַז אברהם איז ניט געווען קיין בריה צו פאַר־קויפן זיין סחורה אויפן אָפענעם מאַרק, איז ער דאָך געווען אַ איד, וואָס האָט געהאַט פיין פרנסה. די פויערים האָבן אים געגלייבט אויף נאמנות. אויב אַ פויער האָט געוואָגט אים ניט צו גלויבן, האָט ער אים באַלד משלח געווען, אים געהייסן קויפן ביי אַנדערע, זיי זיינען טאַקע באַלד אַוועק און האָבן אויסגעפונען, אַז אַבראַמקע איז טאַקע דער „ריכטעלני יעוורעי״, אַז ער גיט זיי דאָס ריכטיקע היטל און באַרייסט זיי ניט.

אברהם האָט זיך דאַן צוריק איבערגעגעבן צום קונה און אים אויפסניי אָנגעמאָסטן די קוטשמע וואָס האָט נאָך געהאַט דעם גערוך פון פרישקייט פון באַראַשיק. עס איז געווען ניט קיין סוד, אַז די איבעריקע שאַפּאַטשניקעס, וואָס זיינען געווען ווי פאַרקניפּט אין איין משפחה, האָבן ניט געקענט פאַר־שטיין ווי אַזוי די קונים ווערן ווי צוגעשמידט צו אברהמס געשטעל, ווען ער נעמט זיי אָנמעסטן זיינע ערשט־קלאַסיקע פוטערנע היטלען. אגב, האָבן זיי געוואוסט, אַז אברהם איז ניט קיין גרויסער ספּעציאַליסט אין מאַכן נייע מאָדעלן, אַז ער איז ווייט פון געבן קויפער די בעסטע סחורה, און דאָך האָבן זיי אַליין עפּעס אָנגעהויבן גלויבן, אַז זייער אברהם איז פאַרט ביי זיי אַ חשוב, אַז פאַר זיין וואָרט דאַרף מען האָבן דרך ארץ. אגב, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ פּשוטן אידן. מען האָט אים חושד געווען, אַז זיין ווייב, רבקה, פירט די מלוכה ; אַז די טעכטער אירע האָט זי דערצויגן לויט איר שטייגער, ווי זי איז געווען מער אויסגעהאַלטן אין אַ ניצחון, ווען זי האָט דערשפּירט, אַז איר אברהם לאָזט זיינס פאַלן. זי, רבקה, האָט דעריבער אין די פערציקער יאָרן, ווען זי האָט דערפילט, אַז אָט די דריי טעכטער : חנה, גיטל און איטע מיט זייער בחור אייזיק, וועלן סוף כל סוף העלפן זייער טאַטן אין דער פרנסה. אַז דאָס קערבל ווערט ביי איר אברהמען צערונען אין די מים אחרונים. געמיינט האָט זי, אַז אַן אַן אורח און אַן געבן אַן אָרעמאַן אַ גמילות

חסד, קען איר אברהם ניט לעבן און די פינפערלעך מיט די צענערלעך קו־מען אַפּט ניט צוריק. האָט זי געמאַכט איר אייגענע מייסטערסקייע, איינ־געשפּאַנט די טעכטער צו נייען גוישע קאַפּטאַנעס. זי איז געווען אַ ספּע־ציאַליסטין אַ שניידערין, און האָט אַריינגעצויגן די פּויערים אין איר שטוב. זי פלעגט זיי, אמת, מכבד זיין מיט מילכדיקן קניש, מיט אַ גלעזל טיי. און אין אברהמס שטוב איז געווען ליכטיק. אַלע פיר חדרים זיינען געווען אי־בערגעבויט פון אַן אַלטער שטוב. זי, רבקה, האָט געהאַט אַ שאַרף אויג, זי האָט געוואוסט, אַז די טעכטער וועלן אונטערוואַקסן, אַז עס וועט דאַרפן היינט, מאָרגן אַריינקומען אַ חתן אין שטוב אַריין, אַז עס דאַרף זיין נדן אויך.

זיינען די טעכטער געוואַקסן הויך און שיין. מען האָט געקאָכט און גע־באַקן. די שכנים האָבן מקנא געווען אברהמען וואָס אַזוי שטילערהייט, שיינט די זון ביי אים אין שטוב. צווי מייסטערסקייעס — אין איין חדר זיצט אברהם, מיט זיין איזיקן, דעם בכור, וואָס איז שוין אַ פאַלנער קירזשנער. ער איז, שמועסט מען, אַ „מהיר״, אַ גיכער נייער און ער וועט נאָך מיט דער צייט איבערגיין דעם פאָטער, ניט נאָר ביים ווערקשטאַט, ביים צושניידן, נאָר אויך ביים פאַרקויפן.

איזיק פאָרט שוין מיט אַ קאַסטן סחורה אויף יאַרידן. ער שרעקט זיך ניט פאַר די גרויסע פרעסט. איזיק טראָגט שוין אַ שפּאָגל נייעם שמוי־שענעם טוליפּ. דער פאָטער וויל אים ניט אַרויסלאָזן אויף הפקר, און רבקה שיקט אים צו אברהמען, אין שול אַריין דאַוונען, זאָל ער זיך דאַוונען בציבור, זאָל ער זיך זאָגן זיין קאַפּיטל תהילים. זי קען איר אברהמען ניט זען בייז, ער ווערט גאָר אַן אַנדער מענטש, ווען ער איז אין כעס. עס פאַרדריסט אים אַפּט וואָס מען היט ניט אָפּ די קו זייערע מיטן עסן און טרינקען, ס'איז אַ צער בעלי חיים, שרייט ער. מען דאַרף זי האַלטן ריין. זי מעלקן אין צייט.

רבקה, וועלכע איז אַ סך אינגער פאַר אברהמען, און איז טאַקע אַ יפת תואר, קען ניט פאַרשטיין ווי אַזוי איר אברהם זעט ניט איין, אַז זי האָרע־ווען שווער און ביטער מיט איר געזינדל. זי ווייסט אָבער אויך, אַז ער מיינט ניט, חס ושלום, קיין שלעכטס, אַז זיין הויפּט־ציל איז דאָס זי מיט די קינדער זאָלן זיין גוט און פרום, ניט פאַרגעסן, אַז מען האָט פּרנסה בריווח, און די שטאָט האָט אַ סך אָרעמע לייט, וואָס דאַרפן אַמאָל אַ גלעזל מילך פאַר קליינע קינדער, אַ חלה אויף שבת, אָדער גאָר אַ לאַדישקל „פידסמעטע־נע״, וואָס קען שוין זיין ווינציקער ווי געבן אַן אָרעמען אידן כאַטש אַ טעפּל זויער מילך? אַזוי טענהט ער צו זיין רבקהן גיך און האַסטיק, בעת ער זיצט פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און שטשאַבעט די שטיקער פוטער, שניידט און טעכרעוועט די פעל, אַז עס זאָל גאָר ניט גיין לאיבוד. די קיר־זשנער משפחה ווייסט שוין, אַז צו צעשניידן איז ער אַ ספּעציאַליסט. אַ טייל האַלטן אַפילו אַז זיין עלטערער ברודער, זלמן וואָלף, האָט זיך מיט אברהמען ניט געקענט פאַרמעסטן אין אויסרעכענען אַ פעל און צעשניידן זי אויף פּיצי־

פיצלעך מיט אַ טאָלק און אַ פלאַן. אברהם האָט עס אַפילו ניט געוואָלט הערן, שטותים, האָט ער גיך זיך אַ בייזער געטאָן, ניטאָ קיין בעסערער צו־שניידער ווי מיין זלמן. ער איז גיך און גוט! ער האָט גאָר קיין מזל ניט.

די קירזשנער משפחה האָט אָבער געוואוסט, אַז אברהם וויל זיין עלטערן ברודער דערהייבן מיט עפּעס. ער איז, לא עלינו, געבליבן עלנט, איינער אַליין אויף דער עלטער. אין זיין גרויער שטוב, וואָס ער האָט אַליין געבויט העט אַרויף ניט ווייט פונם מאַנאַפאַל, באַרג אַרויף לעבן די גויאישע שכנים. אברהם, זיין ברודער, האָט אים נאָך אין יענער צייט געוואָרנט: „זלמן, ברודער מיינער, וואָס פליסטו ערגעץ אין אַלדע שוואַרץ יאָר אויפן באַרג, לעבן גויים? ניטאָ שוין פאַר דיר קיין אָרט וואו זיך אויפצובויען אַ שטיקל שטוב, ניטאָ קיין אָרט לעבן שול, פונקט ווי מיר אַלע? אָט וויל איך, בין איך אין שול, נאָך אַ טראָט בין איך אין בית המדרש אָדער אין קלויז, וואו אַ איד באַדאַרף, און דו אָנטלויפסט אין אויסרייסעניש". האָט שוין דער ברודער ניט געקענט צוריקכאַפּן, און די רישטאָוואַניע איז שוין געווען אַ פאַרטיקע. יאַדאַמקע, דער פעלשטיינער מייסטער, האָט שוין געהאַט דעם קאָנטראַקט, און אַזוי איז אויסגעסטראָיעט געוואָרן אַ שטוב פון פיר גרויסע חדרים. זיך אויסגעבייטלט, דער ברודער זיינער, און קיין גליקן האָט אים די שטוב ניט געגעבן.

אַן אַלמן איז ער געבליבן אין די פריע יאָרן, זיך צו קיין צווייטע ווייב ניט געקענט צופאַסן, און אַזוי איז ער, אברהם, מקרב זיין ברודער. ער האָט אים פשוט געמאַכט פאַר זיין געהילף אַלס הויפּט צושניידער. „גענוג געפאָרן אויף יאַרידן, ברודער מיינער, גענוג זיך געוואַלגערט אויף די פורן אין רעגן און אין בלאָטעס. אָט האָסטו דעם טיש, די וואַרעמע שטוב, דו ביסט אַ בעל הביתביים שניידן. אָט האָסטו דעם טיש, די מאָדעלן מיט די קלעצלעך און שנייד. וועסט פאַרדינען אַ סך מער ווי ביי זיך." פאַר זלמנען איז עס געווען אַ גרויס געווינס. די קינדער, אברהמס, האָבן ליב געהאַט זייער פעטער, זלמן. מען האָט אים באַדויערט וואָס ער איז געבליבן איינער אַליין. זיי האָבן ניט דערלאָזן מען זאָל זאָגן, אַז זייער פעטער איז אַ לא יצלח, עס איז זיי ניט אָנגעשטאַנען אַזאַ בושה. אָבער רבקה, די שוועגערין, האָט ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון, וואָס זי וועט דאַרפן האָבן אַ טועכטס מיט איר אברהמען איבער זלמנען. ער לאָזט אויף אים ניט פאַלן קיין האָר. און זי איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש; מיט קיין עין הרע, אַ שטוב מיט טעכטער און צוויי מייסטערסקייעס, וואָס ציען צו זיך אַריין כלערליי שלעק, ובפרט, די פויערים, וואָס קומען צו איר מעסטן. עס מעסט ניט איינער, נאָר גאַנצע משפחות קומען זיי צוליב אין נישטיקן קאַפּטאָן — גיי טרייב זיי אַרויס.

ס'איז אַ חילול השם, רבקה, דו טאָרסט גאָר אַזוינס ניט רעדן, טענהט צו איר אברהם. זיי זיינען אַזעלכע מיוחסים ווי מיר, זיי זיינען אויך מענטשן, מען האָט פון זיי פרנסה! מער האָט רבקה ניט געדאַרפט, זי האָט שוין גע־

וואוסט, אַז אברהם האָט זיך צעיאָכמערט, אַז זי איז באַגאַנגען אַ חטא מיט אירע רייד.

עס איז געווען טשיקאַווע, וואָס די טעכטער, הגם ענלעך אין אויסזען מיט דער מוטער, האָבן זיי שטענדיק דווקא געקלעפּט אַרום זייער פאָטער. זיי זיינען ניט געווען אַזוי פּראַקטיש ווי זייער מאַמע, די אשת חיל, וואָס האָט שטענדיק געוואָלט טאָן זאַכן מיט חשבון. זי האָט אַזאַ קלייניקייט ניט געקענט איינפּלאַנצן אין די קינדער, און וואָס עלטער זיי זיינען געוואָרן, אַלץ מער האָט רבקה איינגעזען, אַז זי איז ווייט פון איבעראַנדערשן אירע קינדער אַז זיי זיינען אין כאַראַקטער ווי אָפּגעשניטן פון איין שטיק געוואַנט מיט איר אברהמען. און זי וועט שוין טראָגן דעם יאָך פון אחריות ביז עס איז איר באַשערט צו רודעווען.

אַזוי זיינען די יאָרן געגאַנגען. וואו אַ צרה אין שטאָט, וואו אַ לוויה, ניט דאָ געדאַכט, איז איר אברהם געווען. ער איז דאָך געווען דער הויפּט פון דער חברה קדישא, דער רוקן־ביין פון דער חברה תהילים, ווייל קיין למדן איז אברהם ניט געווען. די קירזשנערס האָבן פון דור דורות זייערע קינדער ניט געהאַלטן לאַנג אין די חדרים. מען האָט זיי איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט נאָך אין די קינדער יאָרן. מען האָט זיי באַלד פון אָנהייב גע־מאַכט צו ציען די פעל אויף די ברעטער, זיי צו פאַרבן, און טריקענען אויף דער גאַס, ווען די זון האָט געברענט. ניט איינמאָל האָט עס די יונגוואַרג געצויגן ווי אַ מאַגנעט, צו כאַפּן אַ קוק וואו די שוואַרצע לעמעדנע פעלכלעך ליגן אויסגעשפּרייט און אויסגעפּאַרבט אויף דער פרייער גאַס און טריקענען זיך. געוויינלעך, זיינען געווען די יונגע קירזשנערס די שומרים, זיי זיינען גע־שטאַנען אויף דער וואַך און געהיט די טייערע סחורות, די פעלעכלעך, וואָס זיינען אַוודאי ערשט ניט לאַנג געווען אויך לעבעדיקע. און גאָר אָפט האָט דער מחבר געפילט אַ שטילן קאַמף אין זיך, צי עס איז אַ יושר זיך מתעסק זיין מיט פעלכלעך פון ברואים וועלכע האָבן נאָר וואָס געלעבט?

איך האָב זיך אָפט געפרעגט אויב אַזאַ סאָרט עובדה פּאַסט פאַר אַזאַ תמימותדיקן אידן ווי אברהם קירזשנער? איך האָב עס אַמאָל ערגעץ גע־זאָגט אומשולדיקערהייט, האָט מען מיך אויסגעלאַכט. איך בין אַ גרויסער נאַר, האָט מען מיר אויסגערעדט. איך האָב דאַן מער ניט געפרעגט, און ניט גע־וואָגט צו פרעגן ווער עס וועט אָפּשינדן דאָס פעלכל פון אָט דעם יונגן לע־מעלע, וואָס איז געלעגן אונטער דער קאַמער ביי אברהמען, ערשט געקויפט אין מאַרק. איך האָב זיך ערשט שפּעטער דערוואוסט, אַז אברהם שיקט אַוועק די טויטע לעמעלעך צו איינעם אַ פּויער, קינדראַט, אַ יונגער, געזונ־טער שייגעץ וואָס האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט פאַר דער שענסטער שיקסע אין שטאָט. קינדראַט, וואָס האָט אָפּגעדינט פּאַניען און אַהיימגעקומען מיט דריי בענדלעך, האָט איבערגענומען די אַרבעט פון די קירזשנערס צו שינדן די פעל, זיי טריקענען און פאַרבן. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט

צוצווזען אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווי אַזוי דער שוויטקער ערל ספּראַוועט זיך מיט זיין גאַונישער אַרבעט. עס פלעגט אים ציען צו אברהמען אין שטוב אַריין. ער איז ממש פאַרבערענט געוואָרן פון תאוה צו אברהמס טעכטער, וואָס האָבן אים מקרב געווען פונקט ווי אַנדערע, וואָס האָבן זייער שוועל אַריבער־געטראָטן, וואָרם זייער גלעזל טיי מיט אַ פריש געבאַקן קיכל, האָבן געהאַט אַלע טעמים. קינדראַט, האָט דעריבער זיך גאָר אָפּט געמאַכט אַ קאַפּטאַן ביי רבקהן. ער האָט ליב געהאַט אַז איטע, די מיטלסטע טאָכטער, אַ מויד אַ ברען, פון אַ יאָר ניינצן, מיט אַ פּנים וויס ווי מילך, זאָל אים מעסטן. זי, איטקע, איז געווען אַ זעלטען גראַטענע מיידל. אַ הויך און ברייט־געבויטע, אפשר צו מאַסיוו פאַר אַ כלה מויד. אַזעלכע ווי אירע קוטשעראַווע געדיכטע האָר, האָט מען זעלטן געקענט געפינען אין פעלשטין. די פאַלדן האָבן זיך גע־וואָרפן ווי לעבעדיקע כוואַליעס פון ים, ממש ווי קרישטאָל. אירע ווייסע, באַטיסטינע בלוזקעס און געפּאַסטע קליידלעך האָבן איר צוגעגעבן אַ באַ־זונדערן חן, כאָטש געשמועסט האָט מען, אַז איטקע איז געווען אַ ביסל אי־בערגעוואַקסן. מער אין דער ברייט ווי אין דער לענג. אָבער אירע מילדע אויגן און נאַטירלעכע ליבע צו מענטשן האָבן אַפילו אין אַזעלכע פאַרשוינען ווי קינדראַט, געקענט אָנצינדן אַ פייער. אַזוי זיינען אַלע דריי אברהמס טעכטער גיך כלה מוידען געוואָרן — פריער חנה, דערנאָך גיטל און צו לעצט איטע.

אברהם, זייער טאַטע, האָט שוין צו טאָן מיט שדכנים. דאָס הייסט — ניט דירעקט חס ושלום, — ער האָט קיינעם ניט געבעטן, מיט קיינעם ניט גערעדט. ער האָפט, אַז ער וועט זיינע קינדער אַוודאי שיקן זיווגים, וואָרם ראשית, האָט ער דאָך אַ בן יחיד, זיין אייזיקן, דאַרף אים דער אויבערשטער העלפן, ער זאָל ווערן אויסגעהיט פון גוישע הענט און זאָל ניט אַריינפאַלן צו פּאָניען פאַר אַ סאָלדאַט, כאָטש ער האָט, ב״ה, ליגאָטע, אַן איין און איינ־ציקער בכור, אָבער, מי יודע, ער בעט אַוודאי גאָט ער זאָל מיט אים טאָן חסד.

און גאָט האָט אים געהאָלפן. זיין אייזיק איז שוין היינט אַ באַלעבאָס פאַר זיך. זיין גאָר פריש בערדל ווערט געדיכטער און ברייטער. ער איז שוין אַ קירזשנער פאַר זיך, מאַכט ב״ה פּרנסה. העלפט אגב, אַרויס דעם טאַטן, אַז מען דאַרף, ער קען זיך פון טאָטן אין גאַנצן ניט אָפּקערן, ער האָט זיך דעריבער געדונגען אַ שטוב ביי אַלטער פּאַליאַק, אפשר אַ דרייסיק שפּאַן פון טאַטן, דאָרטן איז אייזיק באַלעבאָס מיט זיין ווייבל.

ווען חנה האָט חתונה געהאַט מיט איר גאָר איידעלן יונגנמאַן פון אַ דערבייאיקן שטעטל, וואָס האָט זיך אויך געיחוסט מיט זיין קירזשנעריי, האָט מען באַלד געלייגט דעם שטעמפּל, אַז מאיר שיינער, חנהס מאַן, איז אַן אמתער זיווג פאַר חנהען. אברהם האָט איר געגעבן אַ פיינעם נדן און די שמחה איז געווען גאָר גרויס. אָבער חנה האָט ניט זוכה געווען צו האָבן קינדער מיט איר מאירן. חנה האָט שטענדיק געזיפצט אויף איר בראָך, וואָס

די השגחה האָט זי געשטראָפט. זי פלעגט זיך שטענדיק קריגן מיט גאָט, פאַרוואָס ער האָט זי אַזוי ביטער געשטראָפט, ניט פאַר זיך בעט איך, גאָט טייערער, נאָר פאַר מיין מאירן, וואָס נאָר אים, מאירן, גייט אויס דאָס האַרץ פאַר אַ קינד.

אָבער איר וואונטש איז ניט אַזוי גיך דערהערט געוואָרן, און מאיר האָט זיך ווי עס איז צוגעוואוינט צום געדאַנק, אַז אַזוי דאַרף זיין. ער האָט זיך איינגעלעבט אין שטאָט גאַר גיך. זיך באַקאַנט מיט די איינוואוינער, און אים האָט גאָט געהאָלפן ער האָט געהאַט פּרנסה, און אויב ער האָט ניט די זכיה צו האָבן אַ קינד, זאָל ער זוכה זיין צו געבן צדקה.

חנה האָט איינגעשטימט און אַפילו געלייסטעט איר הילף, זיך צו נעמען נייען פּונקט ווי אַמאָל פאַר די פּויערים קאַפּטאַנעס. עס וועט מיר גאָר ניט שאַטן, מאיר, האָט זי זיך ביי אים געבעטן. געוויינלעך פלעגט דאָס יונגע פּאָרל אָפט איבערליגן ביים טאַטן. זיי האָבן זיך געפילט פריילעך אין טאַטנס שטוב, און זי פלעגט רבקהן זאָגן, אַז זינט זי האָט די שנור, האָט זי איר זון פאַרלוירן, און זינט זי האָט חתונה געמאַכט חנהען, האָט זי אַ זון געבוירן.

אברהם פלעגט בייז ווערן: „הער אויף צו רעדן רכילות, רבקה, עס איז דיין שנור, עס איז דיין זונס ווייב. אָבער רבקה האָט דאָס ניט געקענט איבערלעבן. עס האָט איר פאַרביטן דעם בן יחיד, פלעגט זי טענהען צו אירע נאָענטע אַריינגייערס, צו די שכנים, וואָס האָבן געהאַט אַ ווייט אויג.

באַזונדערס האָט רבקה זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ פאַר ישעיה ריוועלעס, אַ נאָענטער אַריינגייער, וואָס אים האָט גאָט געשטראָפט, ער איז נעבעך אַן אלמן מיט פיצלעך קינדער. געוואוינט בלויז דריי שטיבער פון אברהמען. ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן ווי ווייט די פאַמיליע זיינען אים געשטאַנען אין דער נויט, ווען זיין רחל איז געווען קראַנק, ווי אַזוי זיי האָבן צוגענו־מען פון אים די קליינע קינדער, און געטאָן אַלץ אין דער וועלט אים העלפן זי אָפּראַטעווען. אָבער עס האָט ניט געהאָלפן, מסתמא הייסט אַזוי גאָט.

זינט דאַן איז ישעיה ריוועלעס אַן אָפּטער בן בית ביי אברהמען. ער קען זיך פון דער שטוב ניט אָפּרייסן. ניט ער און ניט די קינדער זיינע, אַלע, די גאַנצע פינף קינדער, קיין עין הרע, האָבן געפונען אַ וואַרעם ווינקל ביי אברהמען. זי, רבקה, האָט ניט פאַרגעסן, אַז די יתומים זיינען פייגע ריסעס קינדער, איר נאָענטסטע שכנה, וואָס האָט זיך געטיילט מיט איר און זיך געעצהט לגבי די טיפסטע סודות. היינט איז שוין פייגע ריסע אָפּגעשיידט פון איר. זי איז אַ שוכנת עפר, און איר דאַכט זיך, אַז זי, רבקה, איז די איינציקע וואָס דאַרף אָפּהיטן אירע קינדער און מקרב זיין איר מאַן, ישעיה, וואָס איז אַ איד אַ למדן. זיינע שטילע רייד זיינען אָפט ווי אַן אוצר פאַר איר אברהמען און פאַר די קינדער זייערע. זיי זיינען אַלע ווי איינער בלבֿ שלום פאַר ר׳ ישעיהן, וואָס האָט שוין דורך די יאָרן חתונה געהאַט און וואוינט שוין ווייט אַוועק פון זיי. די קינדערלעך זיינען שוין גרעסער, אָבער ר׳

ישעיה איז פאַראַרעמט געוואָרן, עס גייט אים ניט אַזוי גוט אין דער פּרנסה. ער מוז נאָך אַלץ האָבן אַ גמילת חסד. אַזוי יאָר נאָך יאָר ווי אַ זייגער קומט ר׳ ישעיה אין די ווינטער חדשים צו אברהמען. ער טרינקט אויס עטלעכע גלעזער טיי, שמועסט זיך דורך מיט אברהמען, זיפצט אָפּ אויף דעם גרויסן גלות, וואָס האָט זיך אַנגערוקט אויף אידן איבער דער גאָרער וועלט, זיפצט אויף דער צרה וואָ סביי אידן איז ניטאָ קיין אחדות — אַזוי ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצט רבקה מיט איר מאַן און גאָר אָפּט די טעכטער — די כלה מיידן ביים גרויסן טיש און הערן זיך צו, ווי ר׳ ישעיה שמועסט מיט זייער טאַטן. אגב, האַלט ישעיה, אַז די יונגוואַרג טאָר ניט שלאָפן. אָבער זיי מוזן וויסן, אַז אַן אַ קייסער איז נאָך ערגער.

אַוודאי איז אברהם מסכים און וואָרנט טאָקע די טעכטער, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אין דער מעלה, מען זאָל ניט גיין אין דער ביבליאָטעק לייענען די טריפהנע ביכער. מי יודע וואָס דאָ קען, חס ושלום, אַרויסשווימען?

ווען ר׳ ישעיה הייבט זיך ענדלעך אויף אין יענער שפּעטער נאַכט, ווייסט שוין אברהם, אַז ער איז אויסן אַן הלוואה.

אין אָנהייב האָט אברהם ניט געוואָלט נעמען קיין וועקסל פון ר׳ ישעיהן, ער פלעגט אים אָפּט אַנטלייען עטלעכע קערבלעך ווי אַן אייגענעם, אָבער אין פאַרלויף פון די יאָרן איז ר׳ ישעיה ניט געווען דער איינציקער. מען האָט געכאַפּט חשבון, אַז אברהם קען ניט אָפּזאָגן, אַז עס וואָלגערן זיך שטענ־דיק אין דער היים עטלעכע קערבלעך, האָט מען אים געמאַטערט: ר׳ אברהם אַהין, ר׳ אברהם אַהער, און רבקה, זיין ווייב, האָט זיך אַרומגעזען, אַז אברהם קען ניט איבערלעבן דעם צער פון יעדן, און האָט אין דער שטיל זיך אַנט־קעגן געשטעלט די אביונים: „וואָס ווילט איר פון מיין אברהמען, ער איז דאָך אַליין, אומשטיינסגעזאָגט, ניט מער ווי אַ קירזשנער, די גאָלדענע גליקן וואָס איר זעט ביי מיר? איך האָב ב״ה טעכטער חתונה צו מאַכן. מיין מאַן ווערט עלטער, די אויגן זיינע ווערן שוואַכער, איך מיט די טעכטער נייען אַלץ די קאַפּטאַנעס!

אין טייל האָט עס געהאָלפן. ווייל זי האָט געוואוסט פאַר וועמען זי דאַרף אַזוי רעדן. פאַר אַזעלכע נאָענטע ווי ר׳ ישעיה האָט רבקה שטענדיק אָנגע־גרייט עטלעכע קערבלעך, אַפילו די טעכטער האָבן געהאַט אַ נייגונג צו געבן אַן אָרעמען אַ גמילת חסד. געהייסן האָט עס, אַז עס איז פון אָפּגע־שפּאָרטן נדן, אַ רמז אַז אַזאַ געלט איז הייליק, און מען דאַרף עס אָפּגעבן אין צייט.

אַוודאי האָבן זיך געיאָוועט שדכנים. זיי האָבן געפילט, אַז דאָ, ביי אברהמען, קענען זיי אָפּלעקן אַ ביינדל, אַז נדן איז ב״ה דאָ גרייט, אַז איטע און גיטל זיינען פאַרזאָרגט. איז אָבער געווען אַ צרה, וואָסביידע מיידלעך זיינען געווען גרייט צו ווערן כלות און עס האָט זיך שטענדיק געמאַכט, אַז מען האָט געוואָרפן אויגן אויף דער אינגערער. דאָס האָט אברהמען געער־

גערט — ס׳טייטש, ווי ווייסן עס ניט מענטשן, אַז זיין גיטעלע, די עלטערע, איז אַ זיידן קינד, אַן אמתע צנועה, וואָס מיט גאָטס הילף וועט זיין אַ גע־טרייע ווייב און אַ פיינע בריה, וואָס קאָכט און באַקט און נייט. ער האָט אָפּט אָנגעוויזן חיים נחמן דעם שדכן, אַז ער איז גרייט צו געבן נאָך אַ הונדערטער אַפילו נאָך רייש קערבלעך מיט אַ יאָר קעסט, אָבער עס איז ניט געגאַנגען ווי געוואונטשן. דאָס האָט אים געערגערט. ניין, ער וועט זיין גיטעלען ניט לאָזן אַריינפאַלן צו אַבי וועמען, ער קען סיי ווי ניט זיין אָן די צוויי טעכטער, וואָס מאַכן זיין שטוב׳ שיינען ווי די זון.

אַלץ איז געגאַנגען ווי שטענדיק. גאָט האָט אים געהאָלפן. ער האָט גע־אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט, געשיקט אייזיקן, דעם בן יחיד, בשותּפות אויף יאַרידן. אייזיק איז גראָד געווען אַ גוטער פּאַרקויפער. חוץ דעם איז ער געוואָרן עלטער, האָט אָנגעהייבן באַקומען אַ געדיכטע שוואַרצע באָרד, וואָס האָט אים צוגעגעבן חשיבות.

אָבער עפּעס האָט אברהמען געקוועטשט. ער איז עפּעס אין גאַנצן ניט געווען צופרידן מיט זיין בן יחידס לעבן. בלויז אין רבקה — זיין ווייב, האָט געוואוסט וואָס איר אברהם מיינט.

דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס ביידע פאַרהייראַטע קינדער זיינען געווען קינדערלאָז, קיין אייניקלעך זיינען ניט געקומען, אַ שטילער ווייטיק האָט אַרומגענומען טאַטע־מאַמע. וואָס זאָל מען טאָן? פאָרן צום רבין? ניין, עס איז ניט פאַר מיר, פלעגט אברהם זיך אַליין ענטפערן.

וואָס עלטער אברהם איז געוואָרן אַלץ מער האָט ער אָנגעהויבן לויפן אין קליינעם שולכל דאַווענען בציבור. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער איז ניט פרום גענוג. ער פלעגט אין די גרויסע פרעסט בלייבן אין דעם איין־און־איינציקן פוטערן לייבל, וואָס פלגעט אים האַלטן ביים לעבן, ווייל זיין פוטערנער טוליפּ איז שטענדיק געווען אויסגעליען צו אָרעמע אידן וואָס פלעגן פאָרן אויף יאַרידים.

דער מחבר געדענקט נאָך דעםברייטן שמוישענעם טוליפּ מיט אַ היפּשן פוטערנעם קאָלנער. ניט איין מאָל האָב איך זוכה געווען צו גיין אָפּ־נעמען אברהמס אוצר, ווארם אָפּזאָגן אַ גאַנג אברהמען איז געווען אומ־מעגלעך. גראָד פלעגט רבקה זיין די שיקערקע, אָבער עס איז געווען אין אברהמס נאָמען: „גיי, בערעלע, נעם אָפּ דעם טוליפּ ביי ר׳ ישעיה, מיין אברהם האָט דיך געבעטן, גיי, גיי, זיי אַ וואויל אינגל!

און ניט אומזיסט האָט שטאָט אָנגעהויבן מאַכן אַ שטילן סך הכל, אַז די יאָרן לויפן און ביי די חברה תהילים האָט אָנגעהויבן טאָגן. פון די דריי מנינים איז געבליבן איין מנין. לויטן חשבון איז אין קלויז געבליבן פון יענער תקופה ניט מער ווי שמחה קירזשנער, שמחה מיט מאירן זיינען שוין אין די זיבעציקער. אברהם איז קוים אַריבער די זעכציק. ווער וועט פאַר־נעמען זייער אָרט אין דער קאַלטער שול ביים זאָגן תהלים?

גאָר אָפּט פלעגן זיך טאָקע די דריי אידן, די „טרויקע״, ווי מען פלעגט זיי רופן, זיך צוזאַמענקומען אין אַ שבת צו נאַכט. רבקה פלעגט דאַן שטעלן דעם סאַמאָוואַר. זי האָט שוין געוואוסט, אַז צוליב שמחה קירזשנער און דעם זקן, מאיר קאַשקעטניק —ביידע האָבן זיי ליב אַ גלעזל וואַרעמס.

מאיר, וואָס איז פאַררעכנט פאַר אַ קלוגן אידן, הגם אַ כעסן, האָט אַלע מאָל געהאַט צו ענטפערן מיט אַ גלייכווערטל.

— דו וועסט מיר היינט, אויף דער פולער וואָך ניט מאַכן בייז, שמחה! — ענטפערט זיך ר׳ מאיר גאָר גלאַט אַזוי. — איך טרינק איצט רבקהס אַ גלעזל טיי, איך וויל עס פאַרדייען. דו זאָג מיר בעסער, שמחה, וואָס וועט זיין דער סוף פון אונדז? וויפיל גלעזלעך טיי מיינסטו וועלן מיר נאָך זוכה זיין צו טרינקען ביי רבקהן?

מיט דער פראַגע האָט ער שמחהן ווי געגעבן מיט אַ דובינע איבערן קאָפּ. ער האָט מיט זיין גאַנצער חכמה ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון, אַז ער, אַזאַ אָסאַבע, זאָל גאָר מוזן אָנהייבן טראַכטן וועגן סוף כל אדם. ער ווייסט, אַז דער רבש״ע האָט זיך שיר מיט אים אַ שפּיל געטאָן. אין איין צייט אים אָוועקגעלייגט צו בעט אויף אָן אמתן, און שיר, שיר האָט עס געהאַלטן אַז שמחה, דער חכם, זאָל גיין אַ גאַנג. אָבער אַ דאַנק גאָט עס איז געווען בלויז אַ שפּיל. דער כביכול האָט אים געשטעלט צו אַ נסיון, וואָס אַפילו הירש רופא האָט זיך געמוזט שעמען, און ניט אומזיסט פלעגט שמחה דער־גיין דעם רופא די יאָרן. עס איז געווען אַ סברה, אַז דווקא הירש דער רופא, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זנאַכער אין קענען אַ קרענק, האָט בשעת מעשה אָפּגעזאָגט שמחהן די יאָרן. עס איז פאַרפאַלן, פלעגט הירש, דער זקן, טענהן און צעשפּרייטן די הענט. ער וועט גיין אַ גאַנג. נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי.

האָט אָבער שמחה געהאַט לאַנגע יאָרן. ער איז פּאַמעלעך געזונט גע־וואָרן.

אַז שמחה איז געזונט געוואָרן, האָט ער ערשט דאַן דערפילט, אַז ער איז ניט אַליין. אַז ער האָט אַ שטאָט מיט פריינד, און געלויבט צו גאָט פאַר זיין חסד. דאָך איז שמחה קירזשנער עד היום אַ לעבעדיקער איד, אין מאַרק ביים פאַרקויפן די שאַפּקעס, ווען ער קלאַפּט צו זיין רעכטע האַנט צו אַ פייער, און בעט אַ מקח.

אַזוי הוסט שוין שמחה אַ שיין ביסל יאָרן. ער מאַכט און סטרויעט די קוטשמעס שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט. זיצט ביי זיין אַרבעט, טיף אין דער נידעריקער שטוב ניט וויט פונם טייך, נאָענט צו די בתי מדרשים, ווען ער פאַרהוסט זיך, דערלאַנגט אים זיין צירל אַ גלעזל וואַרעמס און דאָס איז די בעסטע רפואה. גם כן איז מאיר קאַשקעטניק אויך ניט מיט אַלעמען.

זיין זון, עזרא, איז ניטאָ אין דער היים. ער דינט איצט פאַניען. ניטאָ ווער עס זאָל העלפן אין קלייטל. זי, די אַלטיטשקע, איז ניטאָ מער. די אָנ־

דערע קינדער צעזייט און צעשפרייט. נו, האָט ער אַריינגענומען אין שטוב אַ קאַמאַרניק, אַ שטיקל משפּחה — אויס היימלעכקייט. ער קען שוין אין הויז ניט אַרבעטן, זיצט ער אין קלייטל און סטרויעט פּאַמעלעך די אידישע קאַשקעטן מיט די דאַשעקעס. די פוטערנע שאַפּקעס האָט ער שוין כמעט ווי אויפגעגעבן. ער וואַרט ביז זיין עזרא וועט אַהיימקומען.

אַזוי דאַנקט ער גאָט, וואָס עס איז כאָטש דאָ אַ ווינקל ביי אברהמען. ער פילט, אַז ער האָט אין די יונגע יאָרן אים אַ סך געהאָלפן און אברהם און רבקה מיט די קינדער וויסן עס גאַנץ גוט. ער איז ביי זיי דער פעטער מאיר בלומרשט. אָבער אַזוי איז ער פאַרבליבן.

אַוודאי איז אים אברהם מקרב. ער הערט זיך צו צו מאירן און צו שמחהן. ער רעדט אַליין ווייניק, ווייל אים דוכט זיך, אַז קעגן די צוויי, איז ער בטל בשישים. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט ער קעגן אַזעלכע צוויי? זייער שאַרפ־קייט איז דאָך אין לשער. גאָר אָפט כאַפּט ער טאַקע פון זיי אַ פּסק פאַר שווייגן. זיי זיינען כלומרשט חושד אין צונעמען ביי זיי די גאַנצע חכמה און ער גיט זיי גאַרניט.

מאיר מיט שמחהן דעכן זיך אויס און טוען זיך אָן מיט די שמוישענע טוליפּלעך, בלויז עטלעכע שפּאַן און זיינען אין דער היים. ווען זיי זאָגן אַ גוטע נאַכט, לויפט אברהם באַלד אַרויס צו זיין ראַבע קו כאַפּן אַ קוק, צי זי איז רואיק, צי זי מעלה גרהט. ער הערט זי אין דער פינצטער, זי ווייסט שוין זיינע טריט און ער כאַפּט זיך אַרויס שטילערהייט, וואַשט זיך אָפּ די הענט. דאָס בעט זיינס איז שוין גרייט, און ער פאַלט אַריין אין בעט אַ מידער.

זיין רבקה ווייסט שוין, אַז זי מעג פאַרשפּאַרן טיר און טויער. אָפּגע־רודעוועט אַ וואָך, זאָגט זי צו זיך אַליין. זי, די מאַמע, די באַלעבאַסטע איז דאָך די לעצטע צו גיין שלאָפן.

רבקה כאַפּט דערוויילע אַ קוק צו אירע צוויי כלה מיידן. קיין עין הרע, קיין בייז אויג. איר איטע שיינט ווי די זון. און איר גיטעלע, די עלטערע, צוויי טראָפּן ווי דער טאַטע, זאָרגט פאַר דער גאַנצער וועלט.

רבקה גייט דאַן שלאָפן. אָבער עס שלאָפט זיך איר ניט. דער טאַראַראַם איז איר נאָך ניט אַרויס פון קאָפּ. די „טרויקע" באַמבלעט זיך אין איר מוח. שוין אַ היפּש ביסל יאָרן. זי ווייסט ניט פּינקטלעך פאַרוואָס גראָד היינט מער ווי שטענדיק, איז איר עפּעס מאיר ניט געפעלן, עפּעס איז זיין הוסט געוועזן מוראדיק. יאָ, זי, רבקה, האָט עס געפילט, ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט.

און מאיר איז שוין אויף אַ שוכן עפר. אָפּגעשניטן פון איר אברהמען אַ שטיק אבר. ער קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. ער לויפט מיטן טלית און תפילין דאַוונען. ער מוז דאַוונען בציבור. עזרא, זיין זון, איז אַהיימגעקומען אויף אַ טפוסק פון דינסט. ער לויפט אין דער אוניפאָרם זאָגן קדיש. אָט

באַלד נאָך די שלושים, ער מוז פאָרן צוריק. דאָס קליטל מאירס מוז פאַר־מאַכט ווערן, ביז עזרא וועט קומען. רבקה טראַכט פאַרשיידנס.

„מאיר איז ניטאָ. עזרא וועט מירטשישעם קומען אַ לעבעדיקער יונג, אַ טייערער קירזשנער, אַ גוטער פּאַרקויפער. אָבער ניטאָ צו וועמען צו רעדן. ניטאָ מאיר, דאָס האָט אברהם געדאַרפט האָבן אין זינען. נאָר גיי רעד, אַז איך בין ניט מער ווי אַ אידענע.‟

דער איינציקער פאַר וועמען זי רעדט זיך אויס דאָס האַרץ, איז ר׳ ישעיה, ער, דער למדן, דער בעל שכל געפינט שטענדיק פאַר איר אַ טרייסט. ער הייסט איר ניט מוטשען איר אברהמען. דו ביסט אַ מאַמע, און מעגסט אַלץ.

— וואָס מיינסטו, ישעיה, אַז איך מעג? דאָס איז אַ מאַנסבעלשע עובדה. אַ טאַטע טאָר ניט שוויגן, שטומע פירן ניט אויס קיין שידוכים.

קומט שוין ישעיה איר צו הילף און נעמט זיך אונטער אָוועקנעמען פון איר אַן עול פון קאָפּ. ער וועט אַוודאי ניט שלאָפן און אַ טראַכט טאָן דערפון. איז טאַקע גאָט אַ פאָטער, און אברהם מיט רבקהן פירן זייער טאָכטער צו דער חופה. בעסער ווען גאָט הייסט, איידער דו פאַרלויפסט אים דעם וועג.

אַוודאי האָט זיך אברהם אויסגעבייטלט. געגעבן נדן, חתונה געמאַכט די טעכטער ווי גאָט האָט געבאָטן. ער האָפט אויף אייניקלעך, כאָטש ביי דער טאָכטער. ער גיט אַלץ מער צדקה. אים איז גאָר שלעכט, וואָס ער בלייבט אַליין. ניטאָ מאיר קאַשקעטניק, ניטאָ שמחה מער. ביידע זיינען שוין אויף יענער וועלט.

די יונגוואַרג, אַ שטייגער, ווי זיין אייזיק, זיין איידעם מאיר, ניטאָ וואָס צו זאָגן, זיי זיינען אויך ערלעכע אידן, זיי וועלן ניט זיין ערגער ווי די טאַטעס. אָבער עס זאָגט אים דאָס האַרץ, אַז בלייבן אַליין איז ניט גוט — זיי פעלן אים אין מאַרק, אין שול און שבת צו נאַכט. זיין איינציקער פריינד צו אים איז כאָטש ישעיה. זיין איינציקער קוואַל פון וואַנען ער שעפּט אַ ביסל וויסן. ער האָט אויף אים לעצטנס אַנגעוואָרפן אַ פּחד, אַ מורא, עס איז ניט גוט, אברהם, טענהט ישעיה.

עס גייט אויף אונדז אַ צרה, אַ צרה שלא תבא. וואָס מיינסטו עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, ישעיה? וואָס פאַלט דיר איין פּאָגראָמען שמאַגראָמען? פאַר וואָס, פאַר ווען? וואָס האָט עמעצן פעלשטין שלעכטס געטאָן? דאָס עשירות וואָס פעלשטין האָט?

יאָ, בייזע ווינטן האָבן זיך אָנגעיאָגט אויף כלל ישראל ובפרט אויף פעלשטינער אידן. טאַקע אָפּגעווישט דעם צאַר ניקאָלאַי — אָבער אידן זיינען געוואָרן הפקר: דעניקין און פּעטלוראַ מאַכן פּאָגראָמען אומעטום.

און אָט דערהערט זיך, אַז אויך פעלשטין ווערט אַרומגערינגלט פון די היידאַמאַקעס, די דעניקינצעס מיט די פּעטלוראָוועצעס. אַז זיי זיינען שוין אין פּראָסקוראָוו. מען מאָרדעט, מען רויבט און מען שעכט. אַז היינט־מאָרגן יאָגט שוין דער שונא אַהער.

ווי איז עס מעגלעך, וואָס טוט מען? אברהם איז צעמישט, ער קען ניט גלייבן. אָט ערשט דער צאַר ניקאָלאַי, אָט ערשט אַ מלחמה, מען האָט גע־מיינט, אַז אפשר, טאָמער, ווידער, וועט זיך גאָט מרחם זיין. עס וועט זיך ענדיקן דער גלות, מען וועט באַפרייט ווערן פון גויאישע הענט, ס׳וועט זיין „סוואָבאָדע". און דאָ אַזאַ אַנשיקעניש.

— רבקה, טייערע, וואָס טוט מען? רבקה, גיב אַהער דעם טלית און תפילין, קום מיט, מעגסט אויך גיין, רבקה, דאָס איז אונדזער איינציקער אָרט, אין שול. מען דאַרף גאָט בעטן, מען דאַרף זאָגן תהילים. וואו איז אייזיק? מיין זון, מיין קדיש?

ביידע לויפן שוין, מען נעמט מיט זיך דאָס ביסל קליין געלט, ווער זאָרגט זיך פאַר רייכטום? אַלע לויפן שוין אין טויט שרעק, די בתי מדרשים זיינען שוין פול. מען זאָגט ויחל מיט ציטער, מען פאַסט, מען זאָגט תהילים. מען וויינט, מען באַהאַלט די ספרים, מען שרעקט זיך. די שטאָט גייט כאַדאָראָם.

— מיר זיינען פאַרלוירן — הילכן די קולות. אָט נאָך אַ שעה, נאָך צוויי, מי יודע, וואָס עס וועט זיין!

ר׳ ישעיה, ר׳ אברהם מיט נאָך אידן שטייען אין איינגעהילטע טליתים מיט צעוויייטיקטע הערצער. מען טרייסט זיך איינס דאָס אַנדערע. גאָט קען העלפן, אָבער די ביטערע טראַגעדיע איז געשען!

פּעטלוראָס באַנדעס האָבן געמאַכט אַן אמתע הריגה. מען האָט אויס־געשאָכטן אַ האַלבע שטאָט. און צווישן די הונדערטער הרוגים, איז אויך געלעגן אברהם קירזשנער איינגעהילט אין זיין טלית, איינגעטונקען אין אַ ריטשקע בלוט, מיט אַ שטעכנדער איבערגעוואָרפן אויף זיין רעכט אויג. אפשר, ער זאָל מער ניט צוזען דעם צער, און ניט קענען מער וויינען אויפן אידישן גלות און אויפן בראָך פון זיינע תמימותדיקע קינדער, וועלכע זיינען אומגעקומען על קידוש השם...

# מיין „אַרויספּאָר" אַלס ישיבה־בחור...

(מיין אַרויספּאָר זיך אַנצושליסן אַלס ישיבה־בחור אין דער ניי־
געגרינדעטער ישיבה אין פּראָסקוראָוו, פּאָדאָליער גובערניע)

אין אונדזער שטעטל האָט זיך געקאָכט און געטומלט מיט דער וויכטיקער נייעס, אַז אין פּראָסקוראָוו איז געגרינדעט געוואָרן אַ ישיבה. מען וועט דאָרט, אין בית המדרש הגדול, לערנען תורה. מען „טרעבעוועט"־ארונ־טער פון דער ליטע גרויסע קענער, ראשי ישיבה, פון ווילנע און סלאָ־באָדקע. מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא צו די אַרומיקע שטעטלעך, געשריבן צו די רבנים פון שטאָט, אַז יעדעס שטעטל קאָן אויסקלייבן צען אינגלעך זיך אַנצושליסן אין דעם גרויסן פּאַרנעם פון קול תורה...

אַוודאי מוזן די אינגלעך זיין די אמתע בר אבהן, מיט „גוטע" קעפּלעך און מיט אַ געפיל פון דרך ארץ, זיי זאָלן זיין ראוי לכך... און אויב די עלטערן זיינען פּאַרמעגלעכע, איז אַוודאי גוט, הגם מ'וועט די תלמידים פּאַרהערן, אָרעם און רייך וועלן זיין גלייך. געוויינלעך, וועלן אויסגעקליבן ווערן די בעסטע און די בעלי זכיה...

וואו וועלן די קינדער עסן און נעכטיקן? — האָט מען, אגב, געשמועסט בשתיקה. האָבן זיך אַוודאי שוין געפונען לומדים וואָס האָבן זיך געבייזערט — הער נאָר אַ שאלה זיי פרעגן!! — צי ווייסט מען נישט, אַז אמתע ישיבה בחורים, אויב זיי ווילן ווערן לומדים און ווערן מפורסם, דאַרפן זיי ווערן נע ונד? ווער ווייס עס נישט, אַז ס'רוב ישיבה בחורים האָבן געגעסן „טעג"? היינט דאָ, מאָרגן דאָרטן, געהונגערט אַ מיטוואָך און אַ דאָנערשטיק, געווען גנעדיק צו די, וואָס האָבן זיי אָפּגעטיילט אַן אָנבייסן...

הכלל, ניסים ונפלאות? אַ ישיבה פון זיין ליבן נאָמען. אַז פּלוצים האָבן זיך אוקראַינער אידן מתקנא געווען אין די ישיבות דליטא! און היות פּראָסקוראָוו איז אַ „גאָראָד" מיט אַזוי פיל „אויעזדן" אַרום איר, האָט מען אויסגעכלאָפּאָטשעט ביים גובערנאַטאָר, אין קאַמענעץ, אַז ער זאָל געבן דעם „פּעטשאַט" אויף אַזאַ ישיבה. און ס'איז געוואָרן „ליהודים היתה אורה, ושמחה וששון ויקר"!...

איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר עלף. איך האָב געדאַרפט אָנהייבן לער־נען ביי לייב רייזעס, דעם גרעסטן גמרא מלמד אין שטאָט, און דעם לעצטן... נאָך לייב רייזעס איז מען געוואָרן אַ בית מדרש בחור, אָדער — אַ פּוסט־און־פּאַסניק...

איך האָב ניט געהאַט קיין צופיל ליבע צו די חדרים, וואָס זיינען געווען פינצטער־חושך... אַלס קינד האָב איך נאַטירלעך, געליטן. אָבער ווען איך בין אַריין אין די עלפער, צוועלפער יאָרן האָבן איך אָנגעהויבן רעוואָלטירן. ס'איז מיר ניט געווען גוט, ניט אין דער היים, און ניט אין חדר.

קיין מוטער האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט, און די היים מיט די חדרים האָבן מיר בלויז געגעבן צער און גריזשעניש. איך האָב מיט ציטער געוואָלט פועלן ביים טאַטן אַז איך זאָל זיין איינער צו די צען אינגלעך וואָס גרייטן זיך פאָרן צום עקזאַמען אין פּראָסקוראָווער ישיבה. איז דעם טאַטנס ענטפער געווען: ניין, דו דאַרסט ניט קיין ישיבות. ס'איז דאָ ב"ה אַ בית המדרש. ווען וועסט אַרויס פון לייב רייזעס חדר, וועסטו וועלן, וועסטן קענען דערגרייכן אַפילו צו ווערן אַ רב... איך שיק נישט קיין קינד אין דער פרעמד אויף קיצבה...

בין איך זיך מודה, אַז איך האָב מיין טאַטן בשעתו ניט פאַרשטאַנען. איך האָב געוויינט, געפרעגט שאלות, מיט מורא, מיט ציטערניש, — פאַוואָס שיקן אַנדערע טאַטעס יאָ זייערע קינדער? מיט וואָס איז עקיבא שיטשקאַרניקס אינגל בעסער פאַר מיר? פאַרוואָס שיקט זוסיע סטאַראָסטאַ זיין אינגל? און די אַנדערע, אין כלל? אָבער איך האָב געמוזט קומען נאָך הילף צום זיידן. ער, אונדזער זיידע, וואָס איז אַמאָל געווען דער לערער און מדריך פונם יונגוואַרג אין שטאָט אין חכמת החשבון, האָט דווקא זיך צוגעהערט צו מיינע רייד. ער האָט באַלד אויסגעחשבונט, אַז דווקא ער האָט זכות אָבות אין פּראָסקוראָוו; אַז ער וועט ניט האָבן קיין שוועריקייטן אויפצוזוכן די קרובים זיינע, זיי זאָלן זיין אייניקל מקרב זיין מיט די עטלעכע „טעג"... יאָ, ער איז זיכער, אַז ער דאַרף זיך נאָר אַריבערכאַפּן מיט יונה בעל עגלה קיין פּראָסקוראָוו און געבן שלום עליכם צו די קרובים, און זיין בערל וועט באמת ווערן דער תלמיד אין דער ישיבה דפּראָסקוראָוו...

אוודאי וואָלט געווען כדאי איבערצוגעבן בפרוטרוט דעם שמועס צווישן זיידן און אונדזער טאַטן... מען מוז וויסן, אַז אונדזער זיידע איז געווען אַ גרויסער פאַנטאַזיאָר. ער האָט געקענט בויען פּיתום מיט רעמסס אין זיין דמיון. דער פאָטער אונדזערער איז געווען אַן ערנסטער, און געהאַט אַ שאַרף אויג. ער האָט געזען, אַז ער דאַרף, חס ושלום, דורכגיין שבעה מדורי גיהנום, כדי מיך אַהין אַריינצובריינגען. ראשית, איז געווען זיין טענה, אַז איך בין נאָך צו יונג, אַז איך קען נישט געגוג. וואָרם טאָמער פאַרהערט מען מיך און מען בראַקירט מיך אויס, וועט ער האָבן חרפות ובושות. ער וועט ניט לאָזן מען זאָל זיך וואַרפן מיט זיין קינד... דער זיידע, אָבער, איז געווען זיכער, אַז איך קען יאָ, און, ער מיט זיינע נצחונות וועט געוויס דאָס דורכפירן...

על כן, ווערט ערשט אַ נייער קריג צווישן זיידן און דעם טאַטן. דער טאַטע פרעגט: „וואָס ווייסט איר וויפיל ער קען?! איר זייט אַלע יאָרן אַ

„שראַאַבער" געווען, איר האָט געלערנט שראַאַבן, אַ ביסל חשבונען, און נאָך לימודים וואָס זיינען ניט שייך אין ישיבות..."

— אויב אַ קינד וויל לערנען אין אַ ישיבה, דאַרף ער קענען תורה, ער דאַרף וויסן וואָס ער לערנט... לעת־עתה דאַרף ער נאָך גיין צו לייבן כאָטש צוויי זמנים... די ישיבה וועט ניט אַנטלויפן. לאָמיר פריער זען די „אויספּעכעס" וואָס די אַנדערע וועלן מאַכן...

איז — ויהי היום — האָב איך אַליין בשתיקה זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין, מיטן זיידנס ברכות... דער טאַטע האָט געמאַכט אַ פּשרה, אַז אויב איך פאָר אַליין, אָן זכות אבות, און מ'וועט מיך אַריינגעמען פאַר מיין קענטעניש, וועט ער דאַן שמועסן...

מיט אַ ביטער האַרץ פּאַק איך איין מיין סידור מיט די צוויי טליתים קטנים און צוויי העמדער און דעם זיידנס לעצטע צוויי קערבלעך אין קע־שענע. די נסיעה האָט זיך גענאָלט אַנהייבן פון די דריי הייזער, ביי אונדזער חיה ריווע, אָן אַלטע קרובה. היות ווי אירע צוויי אינגלעך זיינען אויך גרייט צו פאָרן צום פּאַרהערן, זאָל איך מיטפאָרן מיט זיי. זי וועט אַנגרייטן עסנ־וואַרג פאַר אונדז דריי, און יונה בעל עגלה וועט זיך אָפּשטעלן אויפן וועג לעבן דער „סיטשקאַרניע", ביי די דריי הייזער. חיה ריווע וועט אים, יונהן, געבן צוויי זעק סיטשקע פאַר די פערדס וועגן און ס'וועט מיך נישט קאָסטן די נסיעה קיין פּרוטה...

בערל זאָל פאָרן מיט אירע צוויי אינגלעך צוזאַמען און עקיבא, זייער פאָ־טער, פאָרט מיט זיי, איז אים געוואָרן אַביסל גרינגער: עס פאָרט דאָך פאָרט אָן עלטערער מענטש. הגם, געטראַכט האָט מיין פאָטער, אַז קיין גרוי־סער למדן איז עקיבא נישט; אַז אין אמתן וואָלט ער אַליין זיך גיכער אַריינ־געפּאַסט אין דער ראָלע פון ברענגען אַ געראָטן אינגל צו דער ישיבה. ער וואָלט אַוודאי אַ שמועס געטאָן מיטן ראש הישיבה, ווי אַ איד, אַ למדן באַ־דאַרף. אָבער ער איז געבליבן ביי זיינע רעיונות... געזיפצט און געטראַכט: מילא, ניט באַשערט! אַז מען האָט קינדער יתומים דאַרף מען בלייבן אין דער היים...

— זאָל עקיבא פאָרן. ער איז דאָך דער בעל זוכה...

ווען דער טאַטע האָט דערהערט אַז חיה ריווע איז מסכים, אַז איך זאָל פאָרן, האָט ער אויך געגעבן זיין הסכמה מיט אַ האַלב מויל.

מיט טרערן אין די אויגן האָב איך זיך געזעגנט מיטן טאַטן און מיט די צוויי שוועסטערלעך, מיט מיין טלומעקל אין האַנט, דאָס גרויסע עשירות מיינס וואָס איז פריער דערמאָנט... דער טאַטע האָט גענומען זיין טלית און תפילין צו גיין דאַוונען אין בית מדרש. די שוועסטערלעך האָבן געקוקט אויף מיין פאַרווינט פּנים און זיך מיט מיר צעקושט וויינענדיק. עטלעכע שכנים האָבן מיך געטרייסט: שרעק זיך ניט, בערעלע, וועסט מירטשעשעם אַריין און לאַכן פון אונדז אַלע...

און אַזוי בין איך, אין טרויער, מיטגעגאַנגען מיטן טאַטן ביז צום בית מדרש. ער האָט אַלץ געטענהט, אַז איך פאַר אַן זיין הסכמה; אַז איך הער דעם זיידן גיכער פון אים, און למע״ה איך זאָל באַלד, תיכף ומיד נאָכן פאַרהערן, יאָ אָדער ניין, אַהיימקומען און זיך ניט וואַלגערן אין פּראָסקוראָוו. ער האָט אַרויסגענומען אַ פערציקער (20 קאָפּיקעס) פון קעשענע און מיר דערלאַנגט: נאַ, מיין קינד. איך האָב ניט מער, און פאָר געזונט...

איך האָב זיך ערשט אויפסניי צעוויינט. געטראַכט, אַז דער טאַטע איז שטאַרקער פון אייזן. ער לאָזט אַפילו ניט קיין טרער ביי מיין אַפּשיידן... איז ער טאַקע זיכער, אַז איך באַגיי אַ נאַרישקייט און פאַר ניט פאָלגן אַ טאַטן זע איך מיין שטראָף?... די גלייכגילטיקייט פון אַן אייגענעם טאַטן?...

ער איז אַריין אין בית מדרש און איך בין געבליבן אַליין אויף מיין וועג צו די דריי הייזער, אַ מהלך פון בערך אַ וויאָרסט, פונקט אַנטקעגן דעם קלויסטער, ביים עק פון שטאָט, וואו די דריי שליאַכן צעטיילן זיך און דער מיטלסטער הויפּט־וועג פירט צו פּראָסקוראָוו.

דער זיידע האָט שוין געוואָרט אויף מיר אין מיטן מאַרק, לעבן יונה בעל עגלה, וואו ער פלעגט שטענדיק „פּופּאַסן״ די פערד און, אגב, אַרומ־לויפן העגדום פעגדום מודיע צו זיין די פּאַסאַזשירן, אַז פונקט זייגער צען פרי פאָרט ער אָפּ... יונה איז געווען פריילעך, ווייל גראָד מיט אַ חודש פריער איז פאַרענדיקט געוואָרן דער פעלשטיינער שאָסיי פונקט צו די דריי הייזער. און ער וועט קיין בלאָטעס מער נישט האָבן צו ווערן פאַרגרעזניעט מיטן געשפּאַן... דאָך שטעלט זיך יונה בעל עגלה אָפּ, ווען ער דערזעט מיין זיידן, אברהם, מיט זיין אייניקל. יונה רעדט געאיילט צום זיידן אברהם. ביידע זיינען אין די אייגענע יאָרן. יונה איז באַקאַנט אַלס אַ איד אַ חכם, אַ פּראָסטער מענטש — אָבער אַ בר־דעת. יעדער גייט ביי אים אויף דו, ער אירצט קיינעם נישט, ווייל יעדער איז מיט אים אין די אייגענע יאָרן.

— הער, אברהם, איך וויל דיר עפּעס זאָגן. מעגסט זיך צוהערן צו יונהן אַמאָל. איך זאָג דיר פריער, אַז דעם קינדס פאַרן איינער אַליין אָן אַ טאַטן, אָדער זיידן איז אַרויסגעוואָרפן!... אַן עבירה די שכר עגלה! דו ביסט שוין ניט קיין אינגעלע. דו מוזט וויסן, אַז צו ישיבות נעמט מען ניט אַריין קיין קינדער אָן עטלעכע קערבלעך, אָדער כאָטש אַ צענערל... אָן דעם וועט אַפילו קיין רבנן קדיש ניט העלפן!... ביסט אומזיסט וויל מרדכי מיטן קינד ניט פאָרן. מרדכי איז אַ בר־דעת. ער ווייסט, אַז ער קען ניט קומען מיט לײדיקע הענט. אָט פאָרט עקיבא מיט זיינע צוויי חברה; איך בין דיר ערוב, אַז עקיבא האָט שוין צוגעגרייט אַ צענערל אין קעשענע. זוסיע סטאַראָסטע וועט אַוודאי געבן אַ פופציקער, און צי זיין בחורל וועט קאָנען אָדער נישט, וועט ער שוין אַריין!... זאָלסט זיך נישט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם! „ניע פּאַמאַזשעש, ניע פּאָיעדעש״! — דאָס איז מיין עברי, אברהם. זיי זיך אַליין משער...

דער זיידע איז געבליבן ווי געפּלעפּט, שפּלדיק... יונה איז שוין פֿאַר־נומען, מען האָט אים געבראַכט נאָך אייניקע פּעקלעך. ער קראַצט זיך אין קאָפּ: וואו וועל איך זיי לייגן, רבונו של עולם, וואָס ווילן זיי פֿון מיין לעבן האָבן מיט די געפּעק? כאָטש גיב זיי גאַנצע פֿאַיעטאָנעס! מ'עט מיר, חס ושלום, דערהרגענען די פֿערד מיט דער משא. מיר גייען אָפּ פֿאַמעלעך, בעת יונה רעדט ממש צו זיך אַליין... מיר שפּרייזן אויפֿן וועג צו די דריי הייזער. מיר האָבן נאָך אַ שעה. איך גיי צוריק און גיב איבער יונהן מיין טלומעקל. ער נעמט עס און קוקט עס אָן. — וואָס האָסטו דאָ, בערעלע? האָסט כאָטש עטלעכע פֿאַרלעך וועש און זאָקן? ער גיט אַ צי מיט די פּלייצעס... נו, גיי געזונט; לויף גיך צו די דריי הייזער, דאָרטן וועל איך זיך אָפּשטעלן... גייסט דאָך מיטן זיידן. נו, גיי, גיי אברהם מיטן קינד. פֿאַמעלעך, אייל זיך נישט, ס'איז דאָך דאָ איבער אַ שעה... — הערט זיך יונהס קול, דער זיידע זאָל הערן.

ווי אַ שטומער גיי איך מיטן זיידן אויף דעם נייעם שאָסיי. די זון הייבט אָן ברענען. איך טראַכט וועגן יונהס רייד צום זיידן אויף גיך... ווי ער וואָלט דעם זיידן געמאַכט אויסצודרייען... פֿאַרוואָס האָט דער זיידע גע־שוויגן? — פֿרעג איך זיך שטיל. זאָל עס הייסן, אַז מיין זיידע, אברהם, מיט זיין גאַנצער בילדונג האָט ניט פֿאַרשטאַנען אַזאַ קלייניקייט ווי יונה בעל עגלה, דער פּראָסטער איד?... מיין האַרץ וויינט אין מיר. — צו וואָס האָב איך עס איינגאַנצן געדאַרפֿט? פֿרעג איך זיך שטיל, און גיי מיט דעם באַצערטן אַלטן זיידן. עס דוכט זיך מיר, אַז איך הער ממש זיינע תפֿילות צו גאָט. ער פֿרעגט אַוודאי ביים שטן, בשם השם: האָסט מיך געמאַכט צום נאַר? שפּילסט זיך מיט מיר און מיט מיין קינד? ניט גענוג האָסט צוגענו־מען מיין בת יחידה פֿון מיר און געלאָזט מיך מיט די אייניקלעך, זיבן קינדער־לעך, אַליין עלנט; האָסט פֿאַרטריבן מיינע עלטערע קינדער מעבר לים, קיין אַמעריקע; מיך געמאַכט שטאָק אַלט; אַפֿילו מיין אייגענע שטיקל שטוב האָב איך געמוזט פֿאַרדינגען איך זאָל האָבן פֿון וואַנען צו לעבן. איצט קומסטו מיט אַ נייעם נסיון; דו רייצט זיך נאָך מיט מיר, וואָס איך האָב ניט די פּופּצן קערבלעך פֿאַר מיין קינד, אים אַריינצופֿירן אין דער ישיבה, ווי אַלע באַלעבאַטישע אידן?...

אין מיין דמיון, בין איך זיכער, אַז דער זיידע טראַכט געוויס אַזוי, און טאַקע דעריבער וויל אויך דער זיידע מיט מיר ניט פֿאַרן. איך בין זיכער, אַז ס'איז ניט צוליב דער סיבה פֿון אַלטקייט, וואָס ער פֿאַרט ניט מיט מיר...

אויפֿן וועג גייענדיק שטעלן אונדז אָפּ פּויערים: גוט מאָרגן, אַברהם! — גוט מאָרגן, מעכאַלקע! אַלע קענען דעם זיידן. ער שרייבט פֿאַר זיי אָפֿט רוסישע בריוו צו די זין וואָס דינען אויף „סלוזשבע" אין מרחקים. ער איז זייער בעל יועץ. אַ סך פּויערים האָבן אַמאָל, אין די יונגע יאָרן געאַרבעט אויף די פֿאָלוואַרקעס, זומער־צייט, ביים פּריץ, ווען דער זיידע איז געווען

דער עקאַנאָם און בוכהאַלטער. זיי גיבן אים אָפּ כבוד, אַפילו אין ירידה און דחקות... איך, ווי יעדעס קינד, בין שטאָלץ וואָס מיין זיידע האָט אַזאַ כבוד אי ביי אידן אי ביי פּויערים. איך קען אָבער ניט באַגרייפן ווי אַזוי אַ מענטש מיט אַזאַ פּאַרנעם, ווי מיין זיידע, זאָל אַזוי אַראָפּ פון זיין גדולה?...

אין דער שטיל האָב איך אַ טענה צו גאָט, אי פאַרן זיידן, אי פאַרן טאַטן. און געוויס נעם איך זיך שוין אָן אונדזער אַלעמענס קריוודע. כ׳מיין אונ־דזערע אַלע קינדער, די פּאַריתומטע. פאַרוואָס קומט אונדז צו בלייבן אָן אַ מאַמען — אין אָרעמקייט און אין דחקות. אַלץ לויפט מיר פאַרביי אין דמיון בעת איך גיי נאָך דעם זיידן. איך וואונדער זיך, וואָס פּלוצלונג קען איך אים ניט נאָכגיין? ער שפּאַנט עפּעס צו האַסטיק, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט איינשלינגען דעם וועג. ס׳איז גאָרניט זיין טבע, טראַכט איך, און מאַך שוין לענגערע שפּאַנען. מסתמא איז דער זיידע בייז פון דעם נסיון. עפּעס טרייבט אים אַוודאי און ער שטיקט עס אין זיך, און מיטן האַסטיקן גאַנג וויל ער מן הסתם פאַרטרייבן זיינע ביטערע מחשבות?... איך פיל זיך ווי אַ חוטא, וואָס איך בין דער גורם אינם זיידנס צער... אָבער צוריק כאַפּן קען איך שוין נישט.

אָט דערנענטערן מיר זיך צום קלויסטער. דעם גרעסטן קאַטוילישן קאַסציאָל... זיין הויך איז גוואַלדאָוונע און שפּיציק. מען קען אים דערזען אַ וויאָרסט ווייט פון שטאָט. און פונקט אַנטקעגן זיינען די דריי הייזער, צו מזרח פון שטאָט. — אַ קאַפּיטל וואָס איך האָב געשילדערט אין מיין ערשטן בוך — „אויף אַ שמאָלער סטעזשקע״. דאָרט שילדער איך דאָס לעבן פון די דריי אידישע פאַמיליעס, בעיקר, די סיטשקאַרניע פון עקיבא העלפאַנד מיט זיינע קינדער און זיינע פּויערישע שכנים, אַרום אים, ביים קאַסציאָל...

מיר דערנענטערן זיך צו דער סיטשקאַרניע. עס שטייען שוין דאָרט אפשר צען עגלות, אָנגעפּולטע מיט סנאָפּעס, גרייט צו שניידן די סיטשקע. יעדער פּויער וויל זיין דער ערשטער. און אָט דערזעט אונדז חיה־ריווע, אונדזער קרובה, אָן אָנגעהאָרעוועטע מיט אַ זויג־קינד ביי אירע ברוסטן. זי זויגט דאָס קינד, שוין דאָס זעקסטע. זי באַגריסט אונדז און דעקט צו די אָפענע ברוסט ווי וויט מעגלעך, אָבער וויל אינגאַנצן ניט שטערן דעם קינד. זאָל דאָס פּייגעלע זויגן, טראַכט זי אַוודאי. אָבער זי האָט דאָס קינד באַלד אַריינגעלייגט אין וויגל. זי האָט עפּעס גערעדט צו אונדז, אָבער מיר האָבן איר ניט געהערט, איבערן גערויש פון דעם „טאָפּטאַק״, וואו די צוויי בלינדע פערד האָבן זיך געיאָגט אין קאַראַהאָד, רינג איין, רינג אויס. און ר׳ עקיבא סיטשקאַרניק איז געשטאַנען ביי דער שנייד־מאַשין מיט זיין הויכן, מאַסיוון גוף און לאַנגע מאַזאָליעדיקע הענט אין הוילן העמד. ער האָט גיך „פּאַדאַוועט״ די סנאָפּעס אין דער ריזיקער שנייד־מאַשין וואָס האָט אַרויסגעוואָרפן די געשניטענע סיטשקע אויף דער אויסגעריבענער ערד, וואו די פּויערים האָבן די סיטשקע איילנדיק אַריינגעשטופּט אין די זעק. זיי

האָבן שוין געוואוסט, אַז עקיבא גייט זיי באַלד איבערלאָזן, אַז עס וועט באַלד אַריינלויפן נפתלי פּעמפּעק, עקיבאס ברודערס אַ זון... אַ יונגער בחור, אַ ריז, וואָס איז שוין אַ יאָר אַכצן. ער איז דער „במקום כהן", ווען עקיבא פאָרט ערגעץ אַוועק. ס'איז אַ משפחה פּרנסה... און היות שמחה נפתלים פאָטער איז ניט קיין גיבור, נעמט נפתלי איבער די אַרבעט.

און אָט לויפט שוין עקיבא אַריין אין שטוב איילנדיק. ער דערזעט אונדז און גיט דעם זיידן שלום עליכם. ער פאַרענטפערט זיך וואָס ער איז נאָך פאַרהאַרעוועט ביים שניידן.

— אַן עק, אַ סוף, חיה־ריווע. איך וואַש זיך אָרום און פאָר: גיב מיר בלויז אַ טעפּל קאַווע און עפּעס אַ צוביס... וואו זיינען די קינדער, — פרעגט ער אויף גיך?

— זאָרג זיך ניט פאַר די קינדער. זיי וועלן אַוודאי באַלד קומען...

עס קומען אַריין די צוויי יונגע טעכטערלעך פון דאַנעבן, ביי אַ שכן... אַלע ווערן געהאַרכזאַם. — מיט חיה ריוועס באַפעלן ווערט אין שטוב לעבעדיק. מען גרייט צום טיש. עקיבא וואַשט זיך, און געוויס שוין מיין זיידע אינמיטן, מ'וועט הייסט עס, עפּעס צובייסן. אַלץ איז גרייט. די פּעקלעך אַנגעפּיקעוועט מיט כל הצטרכותן. פאָרט אַ מאַמע וואָס האָט אַלץ אין זינען געהאַט פאַר אירע קינדער. די פויערים לויפן אַרויס. דער אויוון ברענט סיי־ווי־סיי, אַפילו אין דער חמימה... איך נעם אויך אַ שטיקל מאַרינירטן הערינג מיט ראַזאָווע ברויט און אַ גלאַז טיי. חיה־ריווע הייסט מיר זיך ניט שעמען. אָבער עס דערהערט זיך שוין יונהס געשפּאַן מיטן טומל — פּר־ר־ר!

מיט יונהן זיינען שוין אויך דאָ די צוויי בחורימלעך, מיינע חברים. אָפּגעשוירענע, ריינע... איך בין זיי מקנא... אָבער לאַנג טראַכטן איז שוין ניטאָ קיין צייט. יונה טראָגט שוין דעם זאַק מיט סיטשקע. די פּאַסאַזשירן רירן זיך אָבער ניט פונעם אָרט. זיי האָבן פאַרנומען די בעסטע פּלעצער. און אָט אַזוי זיצן מיר שוין, נאָכן געזעגענען, איינגעקנוילט איינער אינם צווייטן. איך בויג זיך אין דרייען אויפן אַנגעפּאַקטן וואָגן לעבן מיינע חברים. ווי דריי שאָף טוליען מיר זיך אין ענגשאַפט און „פּאַמעשטשען" זיך, ווי עס איז, צווישן די גרויסע, וואָס קוקן אויף אונדז מיט פאַרדעכטיקע אויגן, אַ טייל מיט רחמנות, אַ טייל מיט ביטול. עס כאַפּט זיך אַרויס אַ וואָרט פון דעם און יענעם אויף אונדזער חשבון.

צווישן אונדז זיצט אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער, אַ כלה־מויד, וואָס פאָרן קויפן צייג אויף חתונה־מלבושים. די כלה־מיידל איז באמת אַ צנועה... אַ געמיש פון פאַרשיידענע פּאַסאַזשירן, מיט רעיונות, וואָס ווערן דערשטיקט.

דאָס קול פון יונה בעל עגלה צו זיינע סוסים פאַרנעמט איצט דעם אויבנאָן. — וויאָ גניאַדי, וויאָ פערדעלעך! זיי, די סוסים זיינע, פאַרשטייען געוויס זיין לשון. עקיבא סיטשקאַרניק, וואָס איז גראָד אַ בקי בסוסים,

לויבט דעם גניאַדן רעכטס. דער אַנדערער געפּעלט אים ניט. עפּעס זיינען זיי ניט קיין פּאָר, טענהט עקיבא... יונה לאַכט און ענטפערט: ווייסיך וואָס דו רעדסט דאָרטן: דער גניאַדי, לינקס, איז אינגאַנצן זעקס יאָר אַלט. ער דאַרף זיך בלויז צעגיין. דו טאָרסט אים קיין בייטש ניט ווייזן. דער רעכטער האָט שוין ליב די בייטש... „ער איז גוט פון אַנהייב, אָבער שפּעטער, אַרויף דעם באַרג, איז ער ניטאָ אין דער היים"...

וויאָ גניאַדי, און הייטאָ, וויסטאָ — ווערט יונה בעל עגלה דער מייס־טער פון געשפּאַן. ער איז פריילעך. דער טאָג איז אַ שיינער. דער וועג — גלאַט. די פעלדער זיינען שוין אָפּגעקאָסעט. אַ קיל ווינטעלע ווייעט אויפן ברייטן שליאַך. באַרג אַראָפּ, באַרג אַרויף. אָבער איך זיץ און טראַכט פאַר־שיידנס. קיינער פרעגט מיך ניט, צי מיר איז באַקוועם. איך זיץ איינגעבויגן, אַ האַלב־דערקוועטשטער, און זאָג קיינעם ניט, אַז ס'איז מיר ענג. איך קוק אויף דער כלה־מיידל מיטן פאָטער, וואָס איז ניט קיין עושר. עס ציט זיך אַ שטילער געשפּרעך צווישן די דריי עלטערע. יונה ווילצלט זיך אַלץ אויף עקיבאס חשבון. ער פרעגט אים כלומרשט, פאַרוואָס ער פירט עס אַוועקביידע בנים מיטאַמאָל? עס פעלט דיר אַוודאי אויס שכר־לימוד פאַר זיי?... און עקיבא ענטפערט אים פּשוט, גוטברודעריש: וואָס חכמהסטו זיך אַזוי, יונה? איך זע ניט ס'גרויסע קענטעניש פון דיינע „בנים", וואָס דו האָסט זיי געהאַלטן אין דער היים! אַפילו דו האָסט געצאָלט שכר־לימוד!...

— אַזוי גאָר, קיווע, דו ווערסט שוין טאַקע גאָר ערנסט? — האָט זיך יונה, ווי עס האָט אויסגעוויזן, געפילט געטראָפן, און אַ זאָג געטאָן כלומרשט: נו, זיי מיר מוחל... איך האָב בלויז געוואָלט סתם ציען אַ ביסל אַ שטיקל שמועס, פאַר היימלעכקייט וועגן. ווילסטו דאָך ניט, וועלן מיר אַ ווײַלע שווייגן. און אפשר אַ שמועס טאָן אויף שטום־לשון מיט די סוסים... זיי פאַרשטייען מיך אָפּט שטומערהייט, ווי אַ מענטש... וויאָ, פערדעלעך, וויסטאָ!...

און יונה איז געווען גערעכט. זיינע פערד, דער גניאַדי מיטן קאַשטאַן, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן. עס האָט אויסגעזען, ווי די זון רוקט זיך פון אונדז וויט אַוועק. עס ווערט כמורנע... אָבער יונה פאַרזיכערט אונדז, אַז ס'עט ניט רעגענען אַזוי גיך. מ'וועט נאָך זיין אין פּראָסקוראָוו פאַר דער „זליוואַ"... און יונה האָט געוואוסט...

איך האָב אים, אין דער שטיל, מקנא געווען, און ניט געקענט פאַר־שטיין, פאַרוואָס יונה בעל עגלה איז ניט מער ווי אַ בעל עגלה?... הגם מען פלעגט אים מקנא זיין מיט זיינע זין, גיבורים, הויכע חברה, וואָס האָבן געדינט „פּאָניען", גאַנצע קנאַקערס. טייל זיינען שוין דאָרפס־סוחרים. מען האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון טאַטנס געשפּאַן... זאָל זייער טאַטע נאָך רודע־ווען מיט פּראָסקוראָווער פּאַסאַזשירן. ס'בעל־עגלהריי איז שוין אויסגעשפּילט סיי־ווי־סיי. האָבן זיי געטענהט... יונה דערציילט עס אַליין. ער ברייטט

אויס אַז די אייער זיינען קליגער איצט פֿאַר די הינער . . . אונדזער וועלטל רוקט זיך ערגעץ אַוועק, מי יודע וואוהין, — האָט יונה שווער אַ זיפֿץ געטאָן . . .

מיר האָבן אים אַלע געהערט און באַוואונדערט זיין כוח הדיבור, ווי ער האָט עס אַזוי לייכט געצויגן דעם שמועס, סתם אין דער לופֿט אַריין: ווי די פֿערד אַפֿילו האָבן הנאה געהאַט פֿון זיין לייכטן שמועס אויפֿן גרויסן טראַקט . . .

ער האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט לעבן אַ דאָרף פֿאַר אַ ווילע צו „פּופּאָסן״ און יעדן געהייסן אַראָפּגיין פֿון וואָגן. — גלייכט אויס אַ ביסל די „רגלים״. אין אַ שעה אַרום וועלן מיר שוין זיין אין פּראַסקוראָוו . . . יעדער האָט זיך געזוכט זיין ווינקל . . .

עס האָט יונהן ניט געאַרט וואָס די הינט בילן. ער איז שוין געשטאַנען ביי דער קרעניצע, אין באַגלייטונג פֿון אַ פּויערטע, וואָס האָט אים געהאָלפֿן אָנטרינקען די פֿערד . . . דאָס איז געווען יונהס סטאַנציע, וואָס טראָגט מיט זיך אַ שטיק געשיכטע. אָבער למען הקיצור מוז איך דאָס אויסלאָזן.

און אָט פֿאָרן מיר שוין אַריין אין פּראַסקוראָוו, אין דער שטאָט וואו האַנדל און וואַנדל גייט אַן מיטן קנאַק. די הייזער זעען אויס מאַסיוו. אַ געמיש פֿון כלערליי געבויען. אָבער שוין ווייניק מיט שטרויענע דעכער, ווי אין פֿעלשטין ביי אונדז . . . איך בין אין דער שטיל מקנא די מענטשן וואָס זיינען זוכה צו לעבן אין דער גרויסער שטאָט, אין אַ „גאָראָד״ וואו מען קען זיך געבן אַ ריר . . .

ענדלעך האָבן מיר זיך געפֿונען אין דער פֿעלשטינער סטאַנציע, אַן אַריינפֿאָר וואָס פֿעלשטינער בעלי עגלות האָבן געקרוינט אַלס זייער אָפּשטעל. יעדער פֿעלשטינער האָט שוין געוואוסט דאָס פּלאַץ. דאָרטן האָט מען געקענט עסן אַ געמאַרינירטן הערינג מיט אַ הייסער גלאָז טיי, און אַפֿילו אַ ראָסל־פֿליישׁ, אויב איר זייט אַ גביר . . .

עס ווערט אַ טומל, יעדער זוכט זיין באַגאַזש, יעדער פֿרעגט זיך נאָך, וואוהין ער דאַרף גיין. און יונה גיט באַפֿעלן, בעת ער ווישט אַרום די פֿערד און גיט זיי זייער האָבער. דו גיי רעכטס, דו — לינקס; דו וואַרט אויף מיר. און יאָ, למעה״ש מען זאָל וויסן, אַז פּונקט נאָך זון זעצן פֿאָרט מען אַהיים . . .

איך נעם אויך מיין טלומעקל. איך וואַרט אויף עקיבאס מאַרשרוט. ער אָמפֿערט זיך מיט יונהן. ער וויל נישט נעמען קיין דראָזשקע צוצופֿירן די קאַרזינקע צו הערשל יעקלס, עקיבאס אַ קרוב, אַ פֿעלשטינער יונגערמאַן, וואָס האָט אַ קלייטל פֿון זאַלץ און הערינג און דאַרע פֿיש. מען שמועסט, אַז הערשל האָט געקראָגן אַ שווער מיט אַ „שווערן״ וואָגן און ער האָט פֿון גרויסן נדן זיך געמאַכט דאָס קלייטל . . . ער איז שוין אַ פּראָסקוראָווער בעל הבית, דער הערשל, און לערנט אָגב שוין אַ בלאַט גמרא אין די ווינטער נעכט . . . אָבער איז לעת עתה ניט קיין גביר . . .

די פעלשטינער וואָס זיינען נאָענט צו אים, קומען אַמאָל צו אים פאַר אַן עצה. אַמאָל טרינקען זיי ביי אים אַ גלעזל טיי. און היינט, זיינען מיר שוין די געסט ביי ר׳ הערשלען, אַ איד אין די פערציקער, אַ זשוואַווע מענטשל, וואָס איז שיר אַ השכלהניק... וואָס רעדט גיך. און זיינע שוואַרצע אויגן מיטן קויל־שוואַרצן בערדעלע רעדן ווערטער... זיין שלום עליכם — עליכם שלום. אַ גאַסט אין שטעטל? — יאָ, אַ גאַסט!

— וואָס פּלוצים, עקיבא מיט דיינע חברה? אוודאי צו דער ישיבה?

— יאָ, ווי געטראָפן, ענטפערט עקיבא.

— ווער איז דער דריטער? מילא, דיינע חברה דערקענט מען, אָבער דעם דריטן הייב איך ניט אָן צו וויסן... און אפשר יאָ. וואַרט נאָר צו... יאָ, ער איז אוודאי מרדכיס! אוי ווי!...

— יאָ, יאָ, מרדכיס אַ קינד. דאָס איז בערעלע. יונה מיט הערשן זיינען שוין אין אַמעריקע...

— אוי ווי די צייט לויפט, באַטאַנט הערשל מיט ערנסט. וואו־זשע איז מרדכי? וואָס איז ער נישט געקומען מיט אים? דער טאַטע האָט דיך גע־לאָזט אַליין פאָרן? מען נעמט דאָך ניט אַריין קיין קינדער, סיידן די עלטערן זיינען מיט זיי דאָ ביים פאַרהערן...

איך שטיי ווי אַ פאַרלוירענער. איך ענטפער דערשראָקן, אַז דער זיידע האָט מיך אַהער געשיקט מיט ר׳ עקיבאן... דער טאַטע איז ניט מסכים...

אָבער עקיבא הייסט זיך מיר ניט שרעקן. „דאַרפסט ניט וויינען. ביסט נישט אַליין, וואָס ס׳וועט זיין מיט מיינע קינדער, וועט זיין מיט דיר"... ער רעדט שוין מיט הערשלען אַליין, מן הצד.

זיין פרוי קומט אַריין אין קלייטל און עס ווערט ווידער אַ שטיקל טומל... זי איז, הייסט עס, די גרויסשטאָטישע, וואָס קומט אַזייגער צוויי אין קלייט אַריין איבערנעמען די הענט... איר מאַן, הערשל, דאַרף איצט אַהיים גיין כאַפּן אַ דרימל... אָבער אויף צו להכעיס איז איצט שפּע אין קלייטל. ביידע לאָזן אונדז איבער ביי דער טיר צו באַדינען די קונים. דאָ קויפט מען גאַנצע זעק און גאַנצע פעסער הערינג, הורטאָם.

מיר הערן שוין, אַז ר׳ הערשל האָט אויך אַ קעלער, אַ מין מאַגאַזין, וואו זיין סחורה געפינט זיך... פאַרט אַ גביר, טראַכט איך. אָבער וואָס לאָזט מען אונדז שטיין ביי דער טיר, וואָס פרעגט מען אונדז ניט, וואו מיר וועלן איינשטיין

דער הונגער זאָגט מיר אונטער, אַז קיין איינגעמאַכטס מיט ברויט וועלן מיר שוין דאָ נישט עסן...

אָבער הערשל איז גרייט צו גיין אַהיים. און מיר — מיט אים. ס׳איז בלויז אַ קורצער וועג, איז ער אונדז מרמז. מיר וועלן שטעלן דעם סאַמאָ־וואַר. די שיקסע וועט זיך מירטשעשעם ספּראַווען אָן דיר... איז ער מרמז זיין ווייבל...

זי הייסט אָבער מיטנעמען צוויי הערינג. מ׳איז דאָך אוודאי הונגע־ריק . . . ווי געשיקט זיך? און אַט האָבן מיר שוין אָפּגעגעסן די הערינג מיט קאַרטאָפֿל. די דינסט זייערע איז גראָד אַ פֿריינטלעכע. דער סאַמאָוואַר זידט. דער שמועס גייט אָן צווישן הערשלען און עקיבאן. הערשל באַטאָנט אַז די גרינדונג פֿון דער היגער ישיבה איז לכל הדעות ניט פֿאַר אָרעמע לייט . . . אַז קודם כל, מוז מען פֿאַרזיכערן די זיבן טעג עסן פֿאַר די תלמידים . . . אַז מ׳איז אַ גביר גייט עס גרינג. מען פֿאַרהערט דאָס אינגל. קען ער, איז גוט; קען ער נישט — פֿאָרט ער אַהיים און מען פֿאַרהערט נייע קינדער . . .

וואָס דו וועסט טאָן מיט דיינע חברה, ווייס איך נישט . . . ביסט דאָך דאָ. איז קודם כל דאַרף מען צוגיין אַהין, אין בית המדרש זיך זען מיטן קאָמיטעט. איך קען זיי אַלע, קען דעם ראש הישיבה, קען דעם דיין וואָס פֿאַרהערט די קינדער. ממה נפשך? . . .

עס האָט לאַנג ניט גענומען. ס׳איז נאָך געווען פֿאַר מנחה. מיר זיינען אַריין אין גרויסן בית המדרש, וואו עס האָבן שוין געלערנט בערך פֿופֿציק תלמידים אין דריי כתות, ביי גאַר לאַנגע טישן און בענק . . .

דער וואָס איז געווען אין פּראָסקוראָווער בית מדרש הגדול ווייסט געוויס, וואָס פֿאַר אַ גרויסע, הויכע פֿענצטער עס זיינען דאָרט דאָ, און דעם איינדרוק וואָס עס מאַכט בעת מען לערנט דאָרטן . . . דער אָפּקלאַנג פֿון דרויסן איז דער סוד פֿון קדושה . . . דער גרויסער באַלעמער אין מיטן בית מדרש, מיט די הויכע טרעפּ אַרויף, ציט אייך אַ בליק צו טאָן, וואו אַרום דעם שולחן שטייען צוויי גרויסע בענק, ברייטע, מאַסיווע, מיט ספֿרים כלערליי. עס ליגן אויך עטלעכע טליתים, געלע, וואָס זיינען אַוודאי פֿאַר פֿרעמדע מתפּללים אָנגעגרייט, אָדער, מי יודע, אפֿשר גאָר פּסולע. אָבער זיי ליגן צעוואָרפֿן פֿראַנק און פֿריי. אויפֿן שולחן ליגן אויך ספֿרים, גמרות, משניותן און אַ „טאַבאַקירקע״. פֿון אויבן זעט מען ערשט ווי די תלמידים זיצן אין די יאַרמולקעס, יונגע און עלטערע, שוין מיט שפּראָצנדיקע בערדלעך און לערנען מיט התלהבות . . .

קיינער פֿרעגט אונדז ניט ווער מיר זיינען. ווי עס וואָלט געווען אַ נאַ־טירלעכע זאַך פֿאַר אידן צו קומען אין בית המדרש, בכל עת ובכל שעה . . . הערשל הייסט אונדז זיין שטיל און זיך אַוועקזעצן אָן אַ זייט . . . עקיבא מיט הערשלען גייען אַ ביסל העכער. ער, הערשל, גיט אַ רמז דעם ראש הישיבה, אַז ער זאָל זיך ניט שטערן . . . לויטן רמז זעט מען, אַז מען פֿאַר־שטייט זיך . . .

איך ציטער ממש. איך טראַכט, אַז מיין וועג איז געווען אומזיסט; אַז דער טאַטע האָט געהאַט רעכט . . .

זיי לערנען חולין. דער ראש הישיבה זאָגט זיין שיעור. ער איז אַ הויכער, דעליקאַטער, שיינער בלאָנדער מענטש, מיט אַ געדיכטן בלאָנדן

קאָפּ האָר, וואו די יאַרמולקע שטייט כמעט אויף זיין שפּיץ קאָפּ. זיין קול־הלימוד הערט זיך שאַרף און בנעימותדיק... מיט זיין אַנהייב, מיט אַ ליט־ווישן דיאַלעקט. — „כל הבשר אָסור לבשל בחלב”. מיט זיין ליטווישן דיאַ־לעקט שטעלט ער זיך אָפּ און חזרט איבער ווייטער ווי אַזוי מען דאַרף באמת זאָגן שאַרף — „כל הבשר”, מיט די שאַרפע „קמצן”. ניט — „בוסאַר”, נאָר בשר, ניט מיט קיין מלופים, נאָר מיט אַ קמץ — אָ, און זיי זיינען פון אַ גרויסער נפקא מינא... אמת, ער בעט ביי די תלמידים, זיי זאָלן אים מוחל זיין. ער ווייסט, אַז זיי זיינען לגמרי ניט שולדיק איבער דער פאַר־גרייזונג פון אוקראַינער מלמדים... אָבער איצט־אַ, אין דער ישיבה, איז ער גרייט צו ענדערן דעם דיאַלעקט... מען דאַרף בלויז וועלן... מדקדק זיין ס׳לשון להבא...

מיר, די דריי אינגלעך, קוקן זיך איבער אין שטילשוויגעניש... קיי־נער ווייסט ניט ווי אונדזערע הערצער קלאַפּן, ווי מיר ווערן פאַרלוירן צווישן די דריי שווערע לימודים. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אונדזער קענ־טעניש אין פאַרגלייך מיט זיי?... — קלערן מיר...

איך בליק אַרום־און־אַרום. לינקס זיצן ביי אַ לאַנגן טיש קלענערע תלמידים, וואָס לערנען, אגב, בבא מציעא. דער רבי זייערער איז שוין, ווייזט אויס, אַן אונדזעריקער, אַן אוקראַינער איד, אַ למדן, בערך, אַ יאָר פופציק אַלט, מיט אַ לענגערער, שוין האַלב־גרויליכער, באָרד און פיאות. ער גייט אַרום מיט זיין צעפלאָשעטער לאַנגער קאַפּאָטע, באַצירט מיט זיין לאַנגן טלית קטן, און געלע ברייטע ציצית. ער שטעלט זיך אָפּ ביי איין תלמיד און ענטפערט אים עפּעס, און גייט אַריבער צום צווייטן עק. און אָט צעלאָזט ער ס׳חדר. מען קושט און מען פאַרמאַכט די גמרות... איך זע ווי די תלמידים איילן זיך נישט. טייל בלייבן זיצן, טייל — ניט. זיי בליקן אויף אונדז, מיר — אויף זיי. מערסטע ערנסטע, פאַרזאָרגטע פּנימער, הגם ריין־אָנגעטוענע, מיט פיאותלעך, פּונקט ווי ביי אונדז אין פעלשטין. אָבער מיר זיצן ווי צוגעשמידטע צו דער באַנק. קיינער גיט זיך ניט אַ ריר פון גרויסן טיש, וואו דער ליטווישער רבי לערנט נאָך זיין שיעור אַזוי הויך און דייטלעך. טייל פון די פרייגעלאָזטע תלמידים זעצן זיך שטיל אַוועק ביי די ווענט אויף די שמאָלע בענק און הערן זיך צו, פּונקט ווי מיר... אָבער עס נעמט ניט לאַנג, אויך זייער רבי גיט אַ קוש די גמרא און שטעלט אָפּ ס׳לערנען.

ס׳איז שוין אַ זייגער פינף. דער טאָג איז ווי אַנטלאָפן. עס רעדן שוין ר׳ עקיבא מיט הערשלען צום ראש־הישיבה. מען וואַרפט שוין בליקן אויף אונדז... קענטיק, זיי רעדן שוין תכלית... ווייניקסטנס, אַזוי קלער איך. און אָט קומט צו דער אַנדערער רב, וואָס האָט צעלאָזט די תלמידים אַביסל פריער. זיי גיבן זיך „שלום”. עס וואַרפן זיך שוין דורך שמייכלען פון איי־נעם צום צווייטן. דער בעל־דברן איז ר׳ הערשל, מעשה בעל־הבית. ער איז

זשוואָווע און קיין לשון פעלט אים נישט. און אָט רופט אונדז ר׳ עקיבא צו. מיט אַ ציטער גיב איך דעם ראש ישיבה „שלום", פונקט ווי מיינע חברים, און אַוודאי דעם דיין, וואָס איז טאַקע אַן אונדזעריקער. מיר האָבן שפּעטער ערשט אויסגעפונען, אַז ער איז דער צווייטער רבי אין דער ישיבה. דורך אים מוזן מיר דורכגיין דעם עקזאַמען. ער וועט אונדז, הייסט עס, פאַר־הערן. אָבער — די אייגענע מעשה: זיי פרעגן למאי דער טאַטע מיינער איז ניט געקומען. איך פאַרליר זיך. איך וויל קיין ליגן נישט זאָגן, ענטפער איך שלאַבעריק — ער האָט ניט געקענט קומען, און ר׳ עקיבא איז מיין פאַרטרעטער...

זיי בליקן אויף מיר. איך האַלט אין מיינע טרערן. אָבער גראָד קומט מיר ר׳ הערשל צו הילף, און טרייסט מיך: מ׳עט זיך שוין אַן עצה געבן אָן דעם טאַטן דיינעם. דער עיקר זאָלסט קענען ביים פאַרהערן...

עקיבא ווערט שוין דרייסטער און גיט אַ רמז, אַז ווען קענען איז דאָך ניט שייך, ער איז אַ וואויל אינגל. דער עיקר איז דאָ — וואו וועט ער זיין? וואו טוט מען אים אַהין?

מען האָט זיך ווידער געגעבן שלום. און בקיצור, ר׳ עקיבא מיט ר׳ הערשלען וועלן זיך שוין זען מיט די געהעריקע „פּאַטשאָטנע" באַלעבאַטים. און דער פאַרהער דאַרף זיין מאָרגן, פונקט צוויי אַזייגער. קודם כל זען, אויב מיר קענען... און דערנאָך וועט מען שמועסן תכלית.

ווען מיר זיינען אַרויס, האָב איך שוין געוואוסט, אַז מיין נסיעה איז אומזיסט, אַז דער טאַטע האָט, לכל הדעות, געהאַט רעכט. אָבער, עס ווייזט אויס, אַז דער זיידע האָט געגעבן עקיבאַן אַ רשימה פון די קרובים און די פריינט. און דער ערשטער איז געווען בערל סאַנדיגורסקי, אַ פעלשטי־נער, וואָס האָט געלערנט ביים טאַטן אין חדר, אין דער יוגנט... אויך דעם זיידנס אַ תלמיד — איציק מאיר וואָלפס, וואָס האָט געהאַט אַ גע־שעפט פון קאַלך. ער האָט געהאַנדלט גראָד מיטן טאַטן. און דאָרט האָב איך עס איבערגענעכטיקט די ערשטע נאַכט... למען הקיצור, מוז איך זאָגן, אַז די ברידער בער און איציק האָבן זיך באַלד אונטערגענומען מיך מקרב צו זיין מיט עסן און טרינקען, מאַנטיק און דינסטיק... ביי איציקן איז אויך געווען אַ ברייטער טאַפּטשאַן, אַ מין סאָפע, אין אַ שמאָל אַלקערל. דאָרטן האָב איך עס געדאָרפט שלאָפן...

איציק איז גראָד געווען אַ פיין מענטשל, מיט אַ שוואַרץ, פירעקיק בערדל, און לעבעדיקע אויגן. בער איז שוין געווען אַ שטיק אַריסטאָקראַט. אויך מיט אַ ברייטער פרישער באָרד. ביידע זיינען געווען בערך אין די פערציקער יאָרן. די ווייבער זייערע — מיטלמעסיקע, אָבער פיינע, גוטע פרויען. ביי איציקן האָט מען, אַזוי צו זאָגן, געלייגט דעם ווינקלשטיין פון זאָגן אַ גוט וואָרט פאַר אונדז אַלע צום קאָמיטעט. און כאָטש איציק האָט געטענהט, אַז מרדכי איז ניטאָ, געפעלט עס אים נישט, האָט אָבער בער,

דער אַריסטאָקראַט, מיט זיין באַמבאַסטישן קול, געזאָגט, אַז — יאָ... ער וויל, קודם, מען זאָל מיך פאַרהערן, דערנאָך וועט מען זען.

איך האָב שוין געוואָלט לויפן צוריק צום בעל עגלה, זיך בעטן ביי יונהן, ער זאָל מיך שוין אַהיים פירן. וואָרם, אויב איך זאָל, חס ושלום, ניט דורכגיין דעם עקזאַמען, וועל איך, חס ושלום, מוזן עוקר זיין פון דער שטאָט. וואָס פאַר אַ פנים וועל איך האָבן? מ׳עט זאָגן: אַט־אָ געלאָפן קיין פּראָסקוראָוו אַן דעם טאַטנס הסכמה, געקומען מיטן בייטש!... אַ גוי גמור...

ווי קליין איך בין געווען האָב איך געפילט און פאַרשטאַנען, אַז בכדי זיך צו פאַרהערן מוז מען דאָ אין פּראָסקוראָוו כאָטש זיין אַ וואָך־צווי, כדי זיך צוגרייטן, לערנען כאָטש עטלעכע טעג גמרא און דערפילן דעם פּונק פון קדושה... אַזוי־אָ, אין יאָגעניש, בין איך דערשלאָגן... שוין אויפן געלעגער, אויף דעם טאַפּטשאַן, ליגנדיק אין דער פינצטער, האָב איך אַלץ געזען און געפילט בחוש וואָס פאַר אַ נסיון עס קומט אויף מיר אָן... אגב, איז אָבער געקומען אַ צווייטע דעה און מיך דערמוטיקט: וואָס שרעקסטו זיך, בערל? שוטה איינער! דו קענסט דאָך אַזוי גוט ווי די חברים דיינע. אויב אויסבראָקירן, וועט מען דאָך אַלע דריי, אָדער כאָטש צוויי. ווייל דער עלטערער, שמואל, האָט געקענט בעסער פאַר אונדז.

די נאַכט איז ווי עס איז פאַריבער אין פּיין און שרעק, דערווייל — אָפּגעדאַוונט און אָפּגעגעסן. איציק איז צוריקגעקומען פון דאַוונען. עס האָט שוין אויף אים געוואַרט בייגל מיט פּוטער, מיט ציקאָריע. ער האָט געשמייכלט. מיך געפרעגט, אויב איך בין גרייט צום „סמיק"? (בלויז אַן אוקראַאינער קען פילן און פאַרשטיין דאָס וואָרט „סמיק". עס מיינט פּשוט — „דהי טהוירד דעגרי"); אַז ניט בלויז אונדז דריי וועט מען פאַרהערן, נאָר זוסיע סטאַראָסטעס בחורל און משה בראַוועדס אויך. זיי זיינען קינדער פון פעלשטינער גבירים און גראָד האָבן זיי גוטע קעפּלעך...

די נייס האָט מיך אויך געשראָקן. זיי זיינען דאָך גבירישע קינדער און קענען בעסער פאַר אונדז. און אַזוי, אין רעיונות, האָט מיך ר׳ איציק איבערגעלאָזט אין שטוב. ער וועט אַהיימקומען פון קליט עסן אָנבייסן אַזייגער איינס און נאָכן אָנבייסן וועלן מיר גיין אין דער ישיבה, צום לייענען... דערווייל זאָל איך אַ נעם טאָן דאָס חומשל און אַריינקוקן אין דער סדרה פון דער וואָך...

אויב מיין זכרון פאַרלאָזט מיך נישט, איז עס געווען פּרשה בחוקותי. דאָרט רעדט זיך אַלץ וועגן מעשים, אויב מ׳וועט טאָן גאָטס געבאָט וועט זיין רעגן, און די ערד וועט געבן תבואה, און דער בוים וועט געבן פּירות, און אַלץ וועט זיין בשפע... אויב ניט? — וועט אַלץ זיין פאַרקערט. עס וועט זיין הונגער, שרעקעניש און אַ בהלה וועט קומען אויף אייך... און ניט שייך איבערגעבן בפּרטרוט וואָס אין בחוקותי טוט זיך.

איך בלעטער די סדרה. איך לערן זי און טראַכט וועגן דעם גאַנצן טאַ־ראַראַם, ווי די מלמדים האָבן די סדרה געטייטשט, און דעם אייגענעם טאַטנס קול . . . אַ מין עכאָ דערהערט זיך, ווי ער רעדט צו מיר ממש די אייגענע רייד, בנוגע מיין פאָרן אַליין, אָן זיין הסכמה. אַז איך האָב שוין די שטראָף. דער לימוד פון דער סדרה איז אָבער אַ מין דערקוויקונג פאַר תשובה טאָן . . . איך פיל זיך נאָך נישט אין קיין שום חטא. דאָ זיץ איך דאָך און לערן . . . איך בעט ביי גאָט, אין דער שטיל, אַז דאָס פאַרהערן זאָל כאָטש זיין פון שיעור, וואָס איך קען; אַ גמרא, וואָס איך האָב שוין געלערנט . . .

אַ נערוועאישער הייב איך זיך אויף און מאַך אַן הפסקה. נעם זיך אַרומדרייען אין דער דריי־חדרימדיקער שטוב. איך זע ווי די פרוי, די סאַנדיגורסקיכע, קוקט אויף מיר און פרעגט ערנסט: דו ווילסט עפּעס, בערעלע? „יאָ, איך וויל אַ טרונק״, האָב איך כלומרשט אַ זאָג געטאָן. זי האָט קענטיק אין מיר דערזען די צערודערטקייט, און מיר דערלאַנגט אַ קווערטל וואַסער. מיט אַ פרויען־אינסטינקט האָט זי געפילט, אַז זי דאַרף מיך טרייסטן.

— דו שרעקסט זיך אוודאי איבער דעם פאַרהער? דאַרפסט זיך ניט שרעקן. ס׳איז וויניקער שרעק ווי צו גיין דינען פּאַניען . . . ביסט נאָך יונג, קענסט נאָך אַפילו ווערן אַ רב . . . אינגאַנצן עלף יאָר זאָגסטו, ביסטו? האָסט נאָך גענוג צייט . . . איך ווייס, אַז מ׳האָט אַריינגענומען אין דער ישיבה קינדער וואָס זיינען ניט מיט די בעסטע קעפּ. אמת, גבירישע קינדער, וואָס מען קען זיך געבן אַן עצה . . .

איך הער איר אויס. אַט ערשט נעכטן האָב איך געטראַכט, אַז זי איז אַן איינפאַכע פרוי, אַז איר מאַן, איציק, שטייט אַ סך העכער אין וועלט־לעכקייט ווי זי. און דאָ הער איך גאָר זעלטן שכלדיקע מאַמעשע רייד . . . הגם, זי איז אַן עקרה . . . זי האָפט אָבער נאָך אַ מאָל אַנטבונדן צו ווערן . . . אָבער דער פרויען־אינסטיטוט איז אין איר פאַרגראָבן . . . אפשר האָט זי אַזוי גערעדט צוליב מיין פאַריתומטקייט און האָט, אגב, איינגעשטימט מיך צו באַלייגן אין אַלקערל . . .

איך גיי ווידער צו צום אָפענעם חומש. און כאָטש זי באַברעט זיך אין קליינינקייטן, כאַפּט זי אַ בליק ווי איך זיץ ביים טיש און לערן די סדרה. איך קען זיך ניט דערוואַרטן ביז איר מאַן, איציק, וועט קומען עסן אָנ־בייסן . . . זי פרעגט מיך, אגב, צי איך האָב אין שטאָט נאָך קרובים. איך רעכן זיי אויס, אָבער איך ווייס, אַז דאָס זיינען וויטע קרובים . . . איך טראַכט, אַז מן הסתם האָט איר פרעגן אַ שייכות מיט מיין זיין דאָ, מי יודע?

— נו, שטער זיך נישט, בערעלע. לערן. איך גרייט צו דעם אָנבייסן. אָט־אָ אין אַ האַלבע שעה אַרום קומט איציק . . .

און אוודאי איז פאַר מיר געוועזן אַ פרייד אים צו זען . . . אַן אמת

פיין מענטשל, וואָס נעמט אַלץ מיט אַ וויץ. ובפרט — אַזאַ קלייניקייט, ווי פאַרהערן אַ אינגל צי ער קען?...

— דו עס זיך גוט אָן, בערעלע — טענהט ער מיט אַ שמייכל — אַם אין קמח, אין תורה. וואָס, וואָס, עסן ב״ה איז ביי אונדז דאָ. אויב דו וועסט בלייבן דאָ, קענסט ביי מיר און ביי בערן עסן און טרינקען עטלעכע טעג אַ וואָך. וועגן די איבעריקע טעג, וועלן מיר אַ שמועס טאָן מיט בן־ציונען... כאָטש ער איז מיר עפּעס צו פיל אַריסטאָקראַט. באשר, ער האָט חתונה געהאַט מיט לעכטמאַנס אַ טאָכטער, אַ גימנאַזיסטקע... בישקשה, ער איז דיין געשוועסטערקינד, דו וועסט ביים אים ניט אויפעסן דעם נדן!...

ווער איז דער בן־ציון? — יאָ, אַ געשוועסטערקינד. דורך זיינער אַ שטיפמוטער, וואָס איז געווען דעם טאַטנס אַ שוועסטער, די צווייטע ווייב פון וואָלף אליהס. אַ איד, אַ קאַלעכניק, וואָס האָט דעם בן־ציונען אָפּגע־היט ווי אַן אוצר... גראָד איז בן־ציון אויך געווען מיין פאָטערס אַ תלמיד, אַ בחור, אַ שם דבר... ער האָט עס גענומען אַ גרויסן נדן און מאַכט דווקא פיין פרנסה, ערשט צוויי יאָר נאָך דער חתונה...

ווי קליין איך בין געווען, האָב איך דערפילט, אַז דווקא ביי בן־ציונען וואָלט איך ניט געוואָלט זיין. סיידן ער וועט זיך דערוויסן, אַז איך בין דאָ און מיך באמת איינלאַדן צו אים... אין דער שטיל האָב איך געטראַכט, אַז דעם טאַטן מיינעם וועט גאָרניט אָנשטיין, אַז זיין קינד זאָל זיין ביי בן־ציונען אויף קיצבה... איך האָב אָבער גאָרנישט געזאָגט, געטראַכט, אַז איך וועל לכל הדעות פריער זען, אויב איך וועל דעם פאַרהער דורכמאַכן בשלום...

און אָט זיינען מיר שוין אַלע אין בית המדרש. עס זיינען אויסגעזעצט אויף אַ באַנק, ביי אַ שמאָלן טיש בערך צוועלף אינגלעך, צווישן זיי זיצן שוין עקיבאס צוויי. און אָט קומען אַריין נאָך צוויי פעלשטינער, טאַקע זוסיע סטאַראָסטעס אַ אינגל, אַ שם דבר און משה בראַווערס אַ אינגל. זיי דערזעען מיך און שטויבן גאַר, ווי קום איך אַהער אַליין. זיי גרויסן זיך, וואָס ביי זיי איז שוין אַלץ פאַרטיק... פאַרט גבירים... איך צעגיי ממש פאַר ווייטיק און שרעק, ביז ר׳ זוסיע דערזעט מיך, בעת ער רעדט מיט עקיבא און הערשלען. גראָד איז זוסיע סטאַראָסטע געווען פריילעך וואָס אויך ער וועט האָבן די זכיה צו זאָגן אַ וואָרט וועגן מיר דאָ. אַפילו ער וועט מוזן צוזאָגן „על חשבוני״ עטלעכע קערבלעך צום קאָמיטעט. אַ קלייניקייט זוסיע סטאַ־ראָסטע! ווער קען אים דען ניט אין פּראָסקוראָוו? ער רעדט ניט קיין סך, און הייסט מיך זיין רואיק.

עס טומלען זיך זאַלבאַפערט אַרום אונדז אַלע. מען שמועסט שוין מיט דעם היימישן פּראָסקוראָווער רבין, דעם „פאַרהערער״. מיט אים שטייען נאָך צוויי אידן, מיט בערד און פיאות און מיט שאַרפע אויגן... איינער איז אַ רויט־פייערדיקער איד מיט אַ ברייטער קאַפּאָטע און טראָגט אַ פּלושענעם

קאַפּעליוש, ווי ער וואָלט געווען אַ מין גבאי ראשון... ווייניקסטנס אַזוי, טראַכט איך, מערסטע אידן האָבן געטראָגן פּשוטע קאַשקעטן. אַ איד מיט אַ קאַפּעליוש איז שוין געווען אַ יוצא מן הכלל: ענטוועדער אַ כלי קודש, אָדער אַ מין כמו־קאַזיאָנער ראַבינער...

עס גיבן זיך מיטאַמאָל אַ יאַווע נאָך אידן. מען גייט און מען קומט. אידן מיט אַטלעסענע קאַפּאָטעס, מיט רויטע פּאַטשיילעס אין די קעשענעס. טייל אינגלעך גיבן זיך אַ הייב אויף פון דער באַנק, לויפן צו מיט חדוה צו אייניקע וואָס זיינען זייערע טאַטעס. זיי ווערן אויפגעהייטערט פון פרייד. עס ווערט אַ טאַראַראַם אין דער ישיבה. ס׳בית המדרש גייט ממש כאַ־דאַראַם. אַ געלויף אַהין און אַהער, ווי מען וואָלט דערוויילט אַ סטאַראָסטע, און די פּאָליטיקער שאַרפן זיך די ציין...

באַלד גייען אינגלעך צוריק צו דער באַנק. די טאַטעס גיבן באַפעלן מען זאָל זיין שטיל. און צווישן אונדז גייט שוין אָן אַ שטילער שמועס, ווי ברמז. מיר געפינען אויס, אַז די גאַנצע באַנק אינגלעך איז מכל המקומות. טייל — פון טשאַרנאָהאַסטראָוו, טייל פון סאָטענעוו, טייל — פון לאַסקריניע, עטלעכע קוזמינער. אָרעם און רייך. מיינע אויגן זיינען געווענדט דער עיקר אויף זוסיע סטאַראָסטע. ער דאַרף, הייסט עס, זיין מיין גואל. ער איז דאָך באמת דער פעלשטינער שטאָט־טאַטע. ער קען אַ סך נאַטשאַלסטוואָ אין פּראָסקוראָוו און האָט אַ דעה, וואו ער קומט. אונדזער בית המדרש „שטאָט" איז לעבן זיינער. און מיר, קינדער, יוזיפס אייניקלעך, זיינען ביי אים געווען חשוב... קיין למדן איז זוסיע ניט געווען. ער האָט אָבער גרויס הנאה געהאַט פון אונדזער טאַטן וואָס האָט אים שטענדיק אַריינגעפירט אין לומדות... דערצו איז דער טאַטע געווען דער בעל קריאה אין שטאָט. און די עליות האָבן זיך ווי געראַנגלט אין פּאָליטיק. ווען זוסיע האָט גע־קענט בשתיקה אָנווינקען דעם טאַטן נוגע דער צעטיילונג פון עליות... אַזוי אַרום, אַז זוסיע סטאַראָסטע וואָס האָט שוין געהאַט אַ ווייסע באָרד מיט שאַרפע גרויע אויגן און אַ זעלטענעם הומאָר, הגם ערשט אין די פריע זעכציקער, מיט אַ פאַרמעגן פון פינף זין און צוויי טעכטער, ווי די ליכט, וואָס האָבן גוט געלערנט און געווען גאַנצע קנאַקערס אין פעלשטין... איז דאָך ניט שייך צו פרעגן, אַז זיין מוזינעק, איציקל, וועט אַריין אַפילו אָן אַ פאַרהערן...

הייסט עס, אַז איך, בערל, בין איצט אויף ר׳ זוסיעס פּלייצעס... דאָ וועט זוסיע קענען באַווייזן זיין תקיפות, זיין מעשה שטאָט באַלעבאָס. ובפרט, אַז ער האָט מיט זיך ר׳ איציקן מיט ר׳ הערשעלען. געוויס, וועלן זיי מיך נישט לאָזן שיקן אַהיים אָן גאָרנישט...

מיטאַמאָל דערזעען מיר, ווי עס ווערט שטילער אין בית המדרש. בלויז די עלטערע בחורים זיצן רעכטס ביים לאַנגן טיש און לערנען ביחידות, אין דער שטיל. און, ווי ברמיזה, דערהערן מיר, מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער,

אז מען גייט אונדז פאַרהערן צו צוויי מיטאָמאָל, און מיר זאָלן זיך נישט שרעקן, און צוריקגיין צו אונדזערע בענק, ווען מ'עט אונדז רופן...

מוז איך, למען הקיצור, איבערהיפּן די פּראָצעדורע. און אָט זיצן מיר שוין ביים גרויסן טיש, לינקס. עס זיצן עטלעכע באַלעבאַטים אַנטקעגן, מיט אָפענע גמרות... מען פאַרהערט צוויי קוזמינער אינגלעך. מען לערנט בבא מציעא. די איבעריקע זיצן פון ווייטנס. ביי די זייטן פון גרויסן טיש שטייען אונדזערע פעלטשינער טאַטעס און הערן זיך איין. מיר קוקן זיך אַלע איבער. די הערצער טיאַכקען. איך בין זיך משער, אַז גלאַטיק וועט עס נישט אַפּגיין. איך קלער בלויז, ווער עס וועט זיין מיין צווייטער „מיט־תלמיד" צווישן די פיר פעלשטינער. וועט עס זיין איציקל, זוסיע סטאַראָסטע, דער חריף, אָדער די אַנדערע. פאַר די אַנדערע האָב איך זיך נישט געשראָקן... ערשט איך האָב געהאַט אַ טעות. עס האָט לאַנג נישט גענומען און מען האָט אַ רוף געטאָן דעם סטאַראָסטעס זונדל מיט משה בראָווערס. מיר זעען, ווי זיי זעצן זיך אַוועק פּונקט אויפן אייגענעם אָרט, וואו די אַנדערע אינגלעך. דער רבי, דער אויבנדערמאָנטער דיין, מיט זיין זעלטענער, תמימותדיקער פּיזאָנאָמיע און גראָבע ברילן האָבן אַפּגעשיינט אויף דער גמרא. בעת זיין גרויסע לאַנגע באָרד האָט זיך ממש ווי געשפּרייט רחבותדיק אויפן בלאַט, ווי זי וואָלט זיך באַהעפט מיט קדושה. ער האָט אַרויפגערוקט זיינע ברילן אויפן שטערן און זיך אַרומגעווישט מיט זיין רויטער פּאַטשיילע. עפּעס אַ זאָג געטאָן צו ר' זוסיען און באַלד גענומען רעדן צו די צוויי תלמידים. מיר בליקן זייטיק, ווי מיר וואָלטן געוואָנדערט אין דער בלאָנדזשעניש... וואָס פרעגט זיי דער רבי? — פרעג איך זיך אין דער שטיל...

אַך, ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען איך בין איצט געבענטשט מיט אַ חוש הנבואה צו וויסן די ענטפערס וואָס זיי גיבן איצט דעם רבין.

אָבער בלויז מיט איין שעה שפּעטער בין איך, בערל, נאָך אַלע שרעק און רעיונות שוין געזעסן ביים טיש מיט דוד עקיבאס ביינאַנד. דעם על־טערן האָט מען אַוועקגערופן צו אַ צווייטן טיש... דער רבי הייסט זיך אונדז נישט שרעקן. ר' זוסיע מיט די אַנדערע פאַרטרעטער אונדזערע הערן וואָרט אין וואָרט.

— ווי הייסטו? וואָס איז דיין נאָמען?

— בערל, מרדכי יוזיפס! — האָב איך געענטפערט.

— דו הייסט צוויי נעמען?

— ניין, — האָב איך געענטפערט. — איך הייס בלויז בערל, מרדכי יוזיפס, איז דעם טאַטנס נאָמען.

— ווי הייסט דער טאַטע דיינער?

— מרדכי לייב.

— און ווי האָט דער זיידע געהייסן?

— יוזיף. — האָב איך געענטפערט.

— אַ־אַ. דערפאַר רופט מען דיך — בערל מרדכי יוזיפס... וואָס פאַר אַ פרנסה האָט דער טאַטע דיינער?

— ער איז אַ קאַלעכניק, און ער איז דער בעל קריאה פון בית המדרש.

— אַזוי? פאַרוואָס איז דער טאַטע ניט געקומען מיט דיר אַהער?

דאָ בין איך געבליבן שטיין. איך האָב זיך פאַרלוירן... אָבער דער כמו־ראש־הישיבה איז מיר געקומען צוהילף. שרעק זיך ניט, קינד. זאָג דעם אמת. וואָרום אמת זאָגן דאַרף מען זיך ניט שרעקן — האָט דער רבי גוטמוטיק באַטאָנט.

זוסיע סטאַראָסטע קומט מיר צוהילף: — זאָג, זאָג, בערל, דעם אמת! איך האַלט אָפּ מיינע טרערן און ענטפער: דער טאַטע האָט ניט געוואָלט איך זאָל פאָרן אַהער, אין דער פרעמד, לערנען. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ בית המדרש אין דער היים, אַז מען וויל נאָר לערנען, דאַרף אַ קינד ניט זיין אין דער פרעמד...

— פאַרוואָס־זשע האָסטו ניט געפאָלגט דעם טאַטן? דו ווייסט דאָך וואָס עס מיינט כבוד אָב... פאַר ניט פאָלגן אַ טאַטן ווערט מען גע־שטראָפט...

— דער טאַטע האָט אָבער מסכים געווען, אַז אויב איך וויל דווקא לערנען אין דער ישיבה, זאָל איך זיך פריער לאָזן פאַרהערן. אויב איך וועל קענען און מ'עט מיך אַריינגעמען, וועט ער דאַן זען, וואָס ער האָט צו טאָן. ר' עקיבא ווייס דאָס אַלץ, — האָב איך צוגעגעבן.

— נו, וויין נישט. האָסט אַוודאי געזאָגט דעם אמת. ביסט אַ וואויל אינגל... שרעק זיך ניט. זאָג אונדז בלויז, וואָס דו האָסט געלערנט, און וואָס דו קענסט.

— איך קען גמרא, און תנ"ך און דעם טייטש פון דאַוונען...

— ביי וועלכן מלמד האָסטו געלערנט די טייטש פון דאַוונען?

— ביי ר' זוסיע חנה חיהס...

— אַזוי? קענסטו דעם טייטש פון שמונה עשרה?

— יאָ.

— זאָג אונדז דעם טייטש פון „ולמלשינים אל תהי תקוה וכל הרשעה כרגע תאבד!“

איך פאַרטייטש — ולמלשינים — צו די מוסרים זאָל נישט זיין קיין האָפענונג און אַלע רשעים זאָלן ווי אַ רגע פאַרלוירן גיין; וכל אויביך מהרה יכרתו — אַלע דיינע פיינט זאָלן אויף גיך אָפּגעשניטן ווערן...

— וואָס האָסטו געלערנט ביי די פריערדיקע מלמדים?

— איך האָב געלערנט גמרא און תנ"ך.

— וועלכע גמרא האָסטו געלערנט ביי דעם פריערדיקן רבין?

— איך האָב געלערנט בבא קמא.

— קענסטו גוט די ערשטע משנה פון פרק ה' אין בבא קמא?

— יאָ.

— ווי הייבט זי זיך אָן?

שור שנגח את הפרה ונמצא עובדה בצידה ואין ידוע אם עד שלא נגחה ילדה אם משנגחה ילדה, דער טייטש: אַז אַן אָקס האָט געשטויסן אַ קו און ס׳איז געפונען געוואָרן אַ קעלבל ביי דער זייט און מיר ווייסן ניט צי דער אָקס האָט געשטויסן די קו פאַרן געבוירן, אָדער זי האָט געבוירן דאָס קעלבל נאָכן שטויסן, איז דער דין אַזוי...

— שוין, שוין געגוג. דו מעגסט שוין אָפּירגיין. און זעץ זיך אַוועק אַט דאָרטן אויף יענער באַנק און וואַרט־צו, ביז מיר וועלן פאַרהערן דיין חבר...

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אַ פאַרשוויצטער, אַן איבערגעשראָקענער ביי דער וואַנט. מיינע אויגן זיינען געווען ווי פאַרבלענדט. איך קען מיך קוים דערמאָנען צי איך האָב געזען ווי אַזוי זיי האָבן פאַרהערט מיינע חברים, דוד און שמואלן, ווי איך וואָלט געווען פאַרטויבט אָדער פאַרטשמעליעט. איך געדענק בלויז, אַז איציק סאַנדיגורסקי איז צו מיר צוגעקומען און מיך געטרייסט מיט די ווערטער: שרעק זיך מער ניט; ביסט שוין אַריבער די בריק! דער טאַטע דיינער וועט זיך מעגן שעמען...

איך האָב אָפּגעאָטעמט און געוואָלט פרעגן, אויב דאָס איז ס׳גאַנצע פאַרהערן. אָבער איך האָב מיין מויל נישט געקענט עפענען, ביז ר׳ זוסיע סטאַראָסטע איז צוגעקומען און מיר געגעבן אַ קניפּ אין באַק: — ביסט אַ וואויל אינגל. דיין טאַטע וועט חרטה האָבן וואָס ער איז מיט דיר ניט געקומען... — איך האָב נאָך ניט געוואוסט אַז דאָס מיינט, אַז איך בין אַריין... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מ׳עט ערשט אונדז נעמען צו לערנען אַ בלאַט גמרא, און — מי יודע וואָס?...

ווען איך האָב פאַר זיך דערזען אַלע מיינע יועצים און פאַרזאָרגער, כ׳מיין די אויבנדערמאָנטע פעלשטינער אידן און די חברים מיינע, ווי „צאן קדושים", מיט ספיקות, אויב מיר זיינען ראוי צו ווערן דאָ די תלמידים, אויב מיר זיינען אַריין, און אין וועלכן חדר — גימל אָדער דלד? — ערשט דאַן, האָב איך דערפילט, אַז ס׳איז לעת עתה אַ חלום; אַז ניט דאָס פאַרהערן איז געווען דער עיקר; אַז איך בין פאַרט דער עלנטסטער אין דעם בית המדרש; אַז ערשט איצט פעלט מיר דער טאַטע, אָדער כאָטש דער אַלטער זיידע. ער וואָלט זיך שוין געטומלט און געמאַכט פּלענער...

אָבער וואָס וואָלט געווען, איז שוין איצט ניט וויכטיק. מיר זיינען געבליבן אַליין אויף דער באַנק ביי דער וואַנט. די טאַטעס האָבן זיך פאַר־זאַמלט אין אַ ווינקל און הפנים געשמועסט וועגן דער סך־הכל: וואָס ווייטער?

דאָס אייגענע איז געווען צווישן אונדז חבריא. יעדער האָט זיך גע־גרויסט. איינער האָט אַפילו זיך געגרויסט מיט דעם, וואָס אים וועט נישט אַרן,

אַז ער וועט נישט אַריין, מעשה תקיף און גבירישער שטעל! „פליעוואַט" — האָט ער שיר אַ שפּיי געטאָן; איך גרייט זיך סיי־ווי־סיי צו גיין אין דער „שקאָלע"... ער האָט געמיינט, אין „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע". ער האָט געוואָלט אָנווינקען, אַז דאָס קומען אַהער אין דער ישיבה איז בלויז געווען אַ מין קוריאָז, ווייל זיין חבר, איציק, דעם סטאַראָסטעס זונדל, איז געפאָרן, האָט ער געקראָגן „אָכאָטע"... אָן אָנרעגונג פּשוט צו זען וואָס אַזוינס איז אַ ישיבה. איצט, זעט ער, אַז ס'איז אַ פּשוטער בית המדרש, וואָס רופט זיך ישיבה...

צווישן דעם שטילן וויכוח וואָס מיר האָבן געהאַט איז צוגעקומען ר' איציק סאַנדיגורסקי און מיך געהייסן בלייבן אין בית המדרש ביז מנחה ומעריב. איך זאָל נישט זאָרגן. מ'עט זען, וואָס מען קען טאָן... געבליבן זיינען מיר זאַלבעדריט, צווישן יונגוואַרג וואָס גייען אַרום מיט די יאָר־מולקעס שוין באַפרייטע פון לערנען. נאָך פינף אַזייגער ווערט אַלץ אָפּ־געשטעלט. טייל קענען גיין אַהיים, טייל ניט. זיי רויכערן שטאַרק די רו־סישע פּאַפּיראָסן מיט די אייגן־געמאַכטע גילדזן. איך בין זיי מקנא. איך וואָלט אויך שוין געוואָלט רויכערן, אָבער ס'איז ניט אַזוי גרינג... ס'איז מיר ניט אַזוי פריילעך...

זוסיע סטאַראָסטע מיט די איבעריקע אידן זיינען אַוועק אין דער אכסניא. מ'האָט אונדז אַפילו ניט געזאָגט, אַז זיי האָבן צווישן זיך אַ מין אסיפה, וואו איך, בערל, בין דער „ביין־אין־האַלדז"...

ס'איז שוין נאָך מנחה ומעריב. איך זיץ ביי ר' איציקן אין שטוב און עס מיט זיי וועטשערע. איך ווייס ניט, ווי זיך צו האַלטן. ער הייסט מיך עסן נאָך אַ שטיקל הערינג: „נישט געזאָרגט, ס'איז נאָך דאָ אַ באָרשט מיט פלייש. שעם זיך נישט. אין פּראָסקוראָוו איז ב"ה דאָ וואָס צו עסן. מען דאַרף נאָר האָבן פּרנסה"... איך הער אים אויס און קען אים ניט תופס זיין. ער רעדט עפּעס ניט ערנסט, ווי איך בין געוואָוינט. ער שמייכלט, ווי איך, זיין גאַסט, וואָלט געווען פאַר אים סתם אַ צייט־פאַרטרייב מיט אַ ממה נפשך... יאָ ישיבה, ניט ישיבה. זיין ווייב איז אָבער ערנסט. מיר דוכט זיך, אַז ער נעמט זי אויך אָן ווי אַ וויץ...

זי פרעגט אים, ווי ס'איז צוגעגאַנגען דאָס פאַרהערן, און צי זיין ברוד־דער, בער, איז אויך געווען דערביי.

— ווייס איך וואָס. בער?! בער רעדט שיין!... בער לויפט אַרום מיטן שטעקעלע און רויכערט סיגאַרעטלעך... ער איז געווען ביי מנחה ומעריב און געזאָגט, אַז ער וועט זיין ביי הערשל יעקלס היינט אָוונט. אַהין גיי איך היינט מיט בערלען, און מ'עט זען וואָס צו טאָן. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז מאָנטיק און דינסטיק וועסטו, בערעלע, קענען זיין ביי אונדז. בער האָט צוגעזאָגט, אַז מיטוואָך. האָסטו שוין דריי „טעג". די איבעריקע פיר דאַרף מען אויסכלאַפּאָטשען...

איך האָב נאָך דאַן ניט געוואוסט וואָס ס׳מיינט „טעג״. מיר האָט זיך געדוכט, אַז פאַר די תלמידים איז אויך דאָ אַ פרייע קיך, ווי אין פּעלשטין אין דער תלמוד תורה. וואָרם ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז אַזאַ תלמוד תורה געגרינדעט געוואָרן אין פּעלשטין מיט דער הילף פון נתן חסיד און נאָך באַלעבאַטים. אמת, בלויז פאַר די גאָר אָרעמע קינדער וואָס האָבן נישט געהאַט ביידע זאַכן, ניט קיין עסן און ניט קיין מלבוש, און אַוודאי ניט קיין חדר וואו מען צאָלט שכר לימוד.

אָבער עס האָט ניט לאַנג גענומען, און איך האָב אויסגעפונען, אַז מיר פאָרן אַלע לעת עתה אַהיים; אַז מען מוז לכל הדעות איינצאָלן כאָטש צען קערבלעך פאַר דער ישיבה. אַפילו — יתומים... און לכל הדעות וועט טאַקע דער טאַטע דיינער מוזן קומען דיך באַשטאַטן!...

דאָס ערשטע צענערל האָט טאַקע צוגעזאָגט ר׳ זוסיע סטאַראָסטע פאַר מיר. און ר׳ הערשל האָט צוגעזאָגט אַ „זונטיק״...

אָבער שלאָפן ביי איציקן אויפן טאַפּטשאַן איז זיין ווייב ניט מסכים... זי דאַרף דאָס אָרט פאַר דער דינסט...

איך הער דעם סך־הכל שוין ביי ר׳ הערשלען אין שטוב, וואו מען רעכנט אויס אַז די צוויי ברידערלעך, עקיבא סיטשקאַרניקס קינדער וועלן נעכטיקן אין אַלקער... זיי זיינען דאָך טאַקע זיינע משפחה קינדער. איך בין דאָך בלויז אַ ווייטער קרוב...

מען טרינקט טיי. מיר דריי דרייען זיך אַרום, פילן די פּאַרע פון סאַמאָוואַר. איך זיפץ אין דער שטיל...

עס קומט פּלוצים אַריין אָט דער רויטער איד מיטן פליושענעם קאַפּעליוש. ער זאָגט אַ שיינעם גוטן אָוונט. מען גיט אים אָפּ אַ פיינעם ברוך הבא.

ווער איז דער רויטער ר׳ אריה? — ווי זיי רופן אים, פרעג איך זיך אין דער שטיל. אָבער עס נעמט ניט לאַנג. אויך ער זיצט שוין ביים ברייטן טיש און טרינקט טיי. ער דינגט זיך מיט ר׳ עקיבאַן. ער קען ניט וויניקער נעמען ווי אַ פינף־און־צוואַנציקער פאַר ביידע תלמידים זיינע... אַזוי איז דער פּלאַן. ער טוט עס מיט דער צושטימונג פון די פּאַטשאַטנע צען באַלעבאַטים... עקיבא וויל דערוויילאָפּקומען מיט אַ צענערל און דאָס איבעריקע וועט ער געבן אין דריי חדשים אַרום . . . ביז הערשל, זייער קרוב „רוטאַשאַיעט״ ס׳איבעריקע... און וואָס איז נוגע מרדכיס אינגל, זאָגט דאָך ר׳ זוסיע סטאַראָסטע, אַז ער גיט פאַר אים ס׳צענערל, פאָרן האַלבן זמן... אָבער ר׳ מרדכי, דער פּאַטער זיינער, מוז קומען, מיט אים זיך חתמענען אויף שפּעטער...

מיט אָט דעם פּלאַן האָט מען אונדז צוריקגעבראַכט אין דער ישיבה, דאָרטן צו פאַרברענגען עטלעכע שעה, דערווייל זיך צוהערן צו די אַנדערע תלמידים, און זאָגן אַ „גוטן תמיד״ צום ראש ישיבה און אונדזער נייעם רבין, דעם רב וואָס דאַרף געבן זיין חתימה פאַר אונדז...

און אַזוי־אַ, צווישן אביי ורבא, האָבן מיר זיך אָפּגעזעגנט מיטן פּראָ־סקוראָווער בית המדרש און מיט די ראשי הישיבה, און מיט די קרובים. איך האָב, אגב, אַפילו נישט באַדאַנקט ר׳ איציקן פֿאַר זיין גאַסטפֿריינטלעכ־קייט. ער האָט בלויז געהייסן גריסן דעם טאַטן און ער וועט אים באַלד אַלץ שרייבן וועגן דעם סך־הכל . . .

און אַזוי־אַ האָבן מיר זיך, דאָנערשטיק בייטאָג, אַ לאָז געטאָן אַלע צו דער פּעלשטינער סטאַנציע, צו באַגעגענען יונה בעל עגלה, אים מודיע זיין, אַז מיר זיינען גרייט צו פֿאָרן אַהיים; אַז, בעזרת השם, מיט צוויי וואָכן שפּעטער, וועלן מיר מאַכן די אמתע נסיעה קיין פּראָסקוראָוו, צו ווערן אמתע ישיבה בחורים . . .

איר שטויסט זיך אַוודאי אָן, מיינע ליבער לייענער, אַז איך, דער בעל דבר און דער בעל חלומות, האָב שוין, נאָך יענעם סך־הכל, די צווייטע נסיעה קיין פּראָסקוראָוו ניט געמאַכט . . .

מיין אָרעמע היים ביים טאַטן איז מיר געוואָרן טייער . . . און מיין נייער חלום צו פֿאָרן קיין אַמעריקע האָט פֿאַרנומען מיינע רעיונות, און איז מיין אַדאָפּטירטע היים עד היום . . .

# יאַרמעליניצער יאַריד

געשמט האָט יאַרמעלינעץ מיט איר גרויסן זעקס־וואָכעדיקן יאַריד, וואו עס פלעגן זיך צונויפפאָרן אידן און קריסטן פון גאַנץ פּאָדאָליער גובערניע. כאָטש אַז מען רעדט מיט אַ יאַמעליניצער אידן וועגן זייער אַמאָליקן גרויסן יאַריד, וועלן זיי אייך זאָגן אַז די גאַנצע וועלט איז ממש אַהין געפאָרן יאַרידעווען. זיי וועלן אייך דערוויזן אַז ניט בלויז אוקראַאינישע פּאָדאָליער פלעגן זיך יעדן יאָר אַהין צונויפפאָרן, נאָר אַפילו וואָלינער, און קאַמעניעצער. און אויך אַ סך סוחרים פון גאַליציע, וואָס פלעגן זיך פראַנק און פריי אַריבערפּעקלען כדי ניט צו „פאַרשפּילן" דעם יאַמעליניצער יאַריד. איך נוץ דאָס וואָרט „פאַרשפּילן", ווייל אַזוי איז עס טאַקע געווען. דער וואָס האָט ניט בייגעוואוינט דעם גרויסן יאָר־יאַריד אין יאַרמעליניץ האָט אַ סך פאַרשפּילט. אויב סוחרים פון אומגעגנט האָבן דורך געוויסע סיבות ניט געקענט קומען אויפן יאַריד, האָבן זיי אַ גאַנץ יאָר געזיפצט, וואָס זיי האָבן פאַרשפּילט דעם יאַריד. קיין פירוש וואָס עס האָט געמיינט פאַרשפּילט דעם יאַריד, — האָט מען ניט געדאַרפט געבן... עס האָט געמיינט גאָר פּשוט, אַז דאָס יאָר איז זיי ניט געווען מזלדיק!... ס'יאָר איז פאַר זיי פאַרשפּילט... דער גרויסער יאַריד האָט גערייצט יונג און אַלט. — דעם שניידער, דעם שוסטער, דעם קירזשנער, דעם מלמד, דעם שטריקדרייער, דעם פּוסט־און־פּאַסניק — ממש קינד און קייט האָט געחלומט וועגן אַ נסיעה אויפן גרויסן יאַרמעליניצער יאַריד...

איך בין נאָך דאַן געווען אַ חדר־אינגל, זיכער ניט מער ווי אַ יאָר עלף. מיין שטעטל פעלשטין איז מיט יאַרמעליניץ געווען ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. הגם אַ גאַנץ יאָר האָט אַ פעלשטינער אַהין ניט אַריינגעשמעקט, מען איז געפאָרן יאַרידעווען קיין קוזמין — קיין טשאָרנאָ־אָסטראָוו, קיין מיקאָלייעוו, און אויך קיין פּראָסקוראָוו, וואו מען פלעגט איינקויפן פאַרן יערלעכן געברויך. פּראָסקוראָוו האָט זיך גערעכנט פאַר אַ „אויעזד". — אַ שטאָט פון שפע, פון האַנדל און וואַנדל. די איינקויפערס פלעגן מוטשען די בעלי־עגלות וואָס האָבן טאָג־טעגלעך געשמירט די רעדער און געפּויעט די פערד, זיי זאָלן קענען מאַכן די טעגלעכע נסיעות. אָבער נאָכן שמירן די רעדער און געבן די פערד טרינקען, האָבן זיי אויך ניט פאַרגעסן אַז מען מוז האָבן האָבער און סיטשקע פאַר די בלינדע כאַדאָבעס, און די טאָג־טעגלעכע פּאַסאַזשירן האָבן זיי קיין פּרנסה ניט געגעבן. גאַנץ קאַיאָר האָבן זיך די צוויי פעלשטינער בעלי־עגלות געטומלט און אַרומגעלאָפן ווי פאַר־

סמטע מ׳איז כדי צופרידנשטעלן די מיוחסים וואָס מאַכן אָפּטע נסיעות קיין פּראָסקוראָוו. עס איז אַפילו אין פּראָסקוראָוו כלומרשט געווען אַ פּעלשטינער „סטאַנציע״, אַ מין האָטעל, אַן אַריינפאָר וואו סוחרים און בעלי־עגלות פלעגן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, מען פלעגט דאָרטן דאַוונען און צובייסן אַ מאַרינירט הערינג, אַמאָל אַ ראָסעלע, אַמאָל אַ געפּילט העלדזל, אָבער בכלל איז עס געווען אַ חק ולא יעבור. אַז מען האָט געוואָלט געפינען אַ פּעלשטינער אידן אין פּראָסקוראָוו איז מען באַלד געלאָפן צו דער פּעלשטינער סטאַנציע... אַ לאַנגע שטוב מיט אַ טשערעפּיצידיקן דאַך, וואָס האָט ניט געקענט פאַר־שפּאַרן די געטלעכע זון וואָס האָט זיך דורך די טשערעפּיצעס אַריינגעשפּאַרט און געוואָרפן ליכט אויף די אָנגעהאָרעוועטע בלינדע פערד און וועגעלעך. זומער האָבן זיך די מידע פערד אויסגעוואָרעמט און אָפּט אָפּגעקילט פון דער שרפהדיקער זון. אין ווינטער זיינען זיי שיעור פאַרפרוירן געוואָרן און ממש אומגעקומען אי פון הונגער אי פון קעלט... אָבער דער אַריינפאָר איז לכל הדעות געווען אַ אוצר פאַר פּעלשטין. אַ סבאָרנע־פּונקט פאַר יונג און אַלט. פאַר חסידים און פאַר מתנגדים...

איך האָב זוכה געווען צו פאַרזוכן עטלעכע טעג פון דעם אַריינפאָר־הויז אין פּראָסקוראָוו, אין דער צייט וואָס ס׳האָט זיך געגרינדעט די פּראָסקו־ראָווער ישיבה. דער ראש הישיבה איז געווען אַ למדן מליטע. דאָרטן, אין פּראָסקוראָוו, האָט געזאָלט ווערן דאָס אָרט פון לומדות. הגם ס׳האָט גיכער געהאַלטן אַז די משכילים זאָלן ווערן די וואָרטזאָגערס פון דעם נייעם דור... זענען מיר זעקס פּעלשטינער איינגלעך געווען אויפן צעטל צו „עסן טעג״ און ווערן די בעלי־זכיה, אַלס די ערשטע פּעלשטינער, וואָס וועלן אַריין אין בית המדרש הגדול, אין דער ישיבה קטנה, און ווערן מענטשן... אמתע לומדים אויפן שטייגער דליטע.

בעת די בעלי־עגלות האָבן ממש מפקיר געווען די שטעטלדיקע פּאַ־סאַזשירן וואָס האָבן זיך געיאָגט קיין פּראָסקוראָוו — פּונקט אַ וואָך־צוויי איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן רעשן וועגן יאַרמעליניצער יאַריד — זיינען די בעלי־עגלות אויפגעריכט געוואָרן. מען יום־טובט! מען ריכט אָפּ גלות. באַגלייך מיט די קרעמער וואָס האָבן געוואַרט אויפן טעגלעכן פּדיון פון פּעלשטין. מ׳האָט איצט געקענט זען, ווי יונה בעל־עגלה טאַסקעט די גרויסע זעק סעטשקע פון קיווס סעטשקאַרניע. ער שמירט מער ניט די רעדער קאַיאָר. ער האַלט איצט פערד און וואָגן אין שטאַל. ער מוז זיי פּוּפּאַסן. זיי טאָרן איצט ניט הונגערן... שמואל בעסאַראַבטשיקס ווייסט שוין אַז ער דאַרף געבן יונה בעל־עגלה די עטלעכע פּוד האָבער פאַר זיינע סוסים. פּונקט ווי קיווע גיט אים די סעטשקע. מען ווייסט, אַז יונה איז איצט אין די פעדערן. אַז ער גרייט זיך צום גרויסן יאַריד, וואו ער וועט קאַטייען מיט זיינע קאַשטאַנעס קיין יאַרמעליניץ גאַנצע צוויי חדשים. עס אַרט אים שוין איצט נישט וואָס שמואל נענציס, זיין קאָנקורענט, שפּאַנט

נאָך די פערד און נעמט צו זיינע געשוואוירענע פּאַסאַזשירן, און מוטשעט די צווײ ווייסע בלינדע פערד אויפן גרויסן שליאַך. זאָל ער, שמואל, גרעזניען אין די בלאָטעס מיט זיינע קליאַטשעס. ער, יונה, ווערט איצט דער מיוחס. ער פאַריכט זיין וואָגן, שטייט שוין ביי מיכיילע דעם קאָוואַל און פאַריכט די קעלנע מיט די רעדער, גלייכט אויס דעם דישעל. נישקשה, יונה וועט באַצאָלן, עס קומט אָן דער גרויסער יאַריד אין יאַרמעלינעץ.

אַזוי אויך די סוחרים אין פעלשטין. עס טוט זיך אַביסל. ס'איז דער פאַר־יום־טוב פון מאַכן הכנות צום האַנדל און וואַנדל, ס'איז אַ מיטן זומער. באַלד ווי ס'ברויט ווערט איינגעזאַמלט אין די שפּייכלערס. די פּויערים זענען איצט גביריש געשטימט. זיי קענען ממש ניט באַרעכענען זייערע עשירות. אָרעם און רייך האָבן איצט וואָס צו עסן. די סטערטעס היי מיט שטרוי הויבן זיך אַזש ביזן הימל. זיי לויבן און דאַנקען גאָט וואָס ער האָט זיי געגעבן אַ גערעטעניש, אַ אוראַזשאַי... אויך זיי פילן זיך יום־טובדיק. עס לאָקערן שוין די דאָרפס־אידן אַרום זיי גרייט מיט אָנגעפּילטע ביַיטלעך, צו מאַכן מסחר מיט די פויערים. אַגב איילן זיי זיך נישט. דער זומער איז נאָך גרויס. זיי דאַרפן נאָך ניט קיין שטיוול, קיין פּעלצן. די כאַדאַבעס זייערע זיינען זאַט. ניט מער, זיי ווייסן אַז עפּעס וועלן זיי מוזן פאַרקויפן פון דער נייער תבואה, עס קומט דאָך אָן דער יאַרמעלינעצער יאַריד, זיי וועלן דאָך מיט ליידיקע הענט אַהין ניט קומען. מען דאַרף זיך אָנגרייטן מיט פעטע געזאַלצענע פיש, מיט פרישע קאָלבאַסן וואָס קומען אַזש פון וואַרשע. מיטן בלויען געוואַנט וואָס קומט פון דינעוויץ און פון באַרדיטשעוו און טאַקע מיט קאַסטנס און קופערטן וואָס מען געברויכט פאַר די נייע מלבושים וואָס זיי מיט די היבשע טעכטער דאַרפן קויפן... עס רייצט זייער אַפּעטיט בעת זיי דערמאָנען זיך, אַז עס קומט דער גרויסער יאַריד. ממילא לאָזן זיי זיך איינריידן פון די היימישע סוחרים, דאָרפס אידן, און מען לייט עטלעכע קערבלעך ביי זיי על חשבון התבואה. עס גייט צו בנאמנות. דער איד גלויבט דעם פויער. דער פויער גלויבט דעם אידן. מען ווערט ממש אויפגעהייטערט ווען מען מאַכט די הכנות אויף די גרויסע מסחרים...

אַפילו דאָס בית־המדרש גייט איצט כאַדאָראָם. דאָרטן אין די טליתים ווערן געשלאָסן שותפותן, מען גיט זיך תקיעת כף, אויף דעם הן אז ס'עט בעזרת השם אַלץ דורכגעפירט ווערן פּינקטלעך; אַז מען וועט איינלייגן די געלט ביים רב, ביים עושר, ביי דער אַקציע, און גאָט וועט העלפן!... זיי לאָזן זיך אגב אַרויס בשתיקה און בסוד אַהין קיין יאַרמעלינעץ, אין אַ מיטן נאַכט. חוקר ודורש זיין וואו מען קען ערגעץ קריגן אַ קלייטל אין גלייכן געלט איידער עס ווערט דער געטומל און מ'עט דאַרפן צאָלן אַ רענדל פאַר אַ פּאַלאַטקע... מען ווייסט שוין פון יאָרן און יאָרן וויפיל מען הייסט זיך געבן פאַר שטעלן אַ טאָפּטשאַן מיט סחורה אין מיטן מאַרק... — איז עס אַ דבר ידוע אַז פעלשטינער אידן האָבן זיך געמאַכט זייער אייגענעם

מאַרק אין יאַרמעליניץ — זאָלן די גרויסע דינעוויצער און באַרדיטשעווער סוחרים דינגען די קלייטן אין מיטן מאַרק. פעלשטינער אידן וויסן שוין אַז אויף אַ יאַריד דאַרף מען בלויז האָבן די סחורה. דעם קונה וועלן זיי שוין צוציען... נאַטירלעך עס פלעגן זיין חילוקי דעות. מען איז אָבער געקומען צום עיקר. אַז יעדער אַרשין ערד אין יאַרמעליניץ איז אַ מטבעה, אַפילו די בתי־מדרשים זיינען אין יאַריד. דאָרטן פאַרזאַמלען זיך די מוכרי ספרים. מען פלעגט מיט נומערן. מען שפילט אין זכה בגורל, מען געווינט חומשים, סדורים און מעשה ביכלעך. עס טוט זיך אויף טיש און אויף בענק. שמשים זיינען איצט די בעלי־בתים, מען גיט אַרויס טליתים און תפילין צו די פרעמדע דאַוונער. דער גיט אַ זעקסער, דער אַ פירער, דער אַ צענער, — זיי די שמשים אַטעמען אָפּ ווען איינער איז אַ גיכער דאַוונער. טייל שטייען בלויז די שמונה עשרה, עס דאַוונען מי יודע וויפיל מנינים... זיי קענען ניט קאָנטראָלירן די מתפללים. נייע נוסחים, נייע אידן. מען גיט זיך שלום־עליכם מיט חדוה... טייל איילן זיך ניט אַזוי שטאַרק. זיי האָבן צייט. ניט היינט איז מאָרגן. וואָס ווייטער דער יאַריד גייט אַריין אַלץ וואַלוועלער, ביליקער וועט ווערן. מען שפילט נצחון, פאַליטיק פון גרויסן יאַריד. עס יאַווען זיך שטעקל־דרייער, מרגלים, שטילע קאָמיסיאָנערן וואָס זיינען ווי שפּאַרבערס... כהרף עין דערשמעקן זיי ווי עס האַלט דער מקח און שפּירן אַפילו דורך זייער רומאַטיזם ווען ס׳וועט רעגענען און ווען ס׳וועט זיין שיין. זיי ווייסן און חשבנען אַז אין אַ רעגנדיקן טאָג זיינען דאָ מציאות גדולות, ממש זיל־הזול, קעשענע גנבים פעלן אויך ניט, אויך זיי מאַכן פּלענער צום גרויסן יאַריד. זיי האָבן שוין פּינקטלעך אויסגערעכנט וויפיל אוראַדניקעס און פּריסטאַוועס מיט דעסאַטצקעס עס בושעווען אויפן מאַרק. זיי ווייסן אַז אויפן יאַרמעליניצער יאַריד ווערן אַרויסגעשיקט אַ סך נאַטשאַלסטוואָ. אָבער זיי הערן זיי ווי דעם קאָטער. זיי גייען זיך מיט זייערע פּלענער — איינער איז פלינקער פאַרן צווייטן. אויך זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט אין די בתי מדרשים, אין די חסידישע קלייזלעך. טייל רייסן זיך אַפילו אַריין ביינאַכט אין די שולן פאַר נאַכטלעגער. עס העלפט נישט דאָס קריגערייי פון די שמשים מיט די גבאים. ס׳איז איצט דער יאָר־יאַריד און אידן טרייבט מען ניט פון אַ בית־המדרש... אמתע אביונים, וואָס גייען אַרום בעטן נדבות זענען איצט אויף צרות. קיינער וויל זיך אויף זיי איצט ניט אומקוקן. מען פאַרמאַכט טיר און טויער. מען היט זיך פאַר פרעמדע, מען גלויבט ניט אין די איצטיקע אָרעמע לייט, מען טרייבט זיי ווי להבדיל כלבים, — ווער זענט איר? וואָס ווילט איר? גייט אייער וועג!... — און די אביונים גייען. אַ ברירה האָבן זיי? יעדער ווינקל האָט דאָך פּאָליציי...

פאַר דער יונגוואַרג איז דער יאַריד געוויס אַן ענין. די חדרים גייען כאַדאַראַם. מען האָט ניט אין זינען ס׳חומש מיט דער גמרא. נאָר מען טראַכט און מען פּלאַנעוועט וועגן קומען קיין יאַרמעליניץ אויפן יאַריד. עס

גייען דאָך אַרום אַזוי פיל געשיכטעס וואָס עס טוט זיך אַביסל אויף דעם יאַריד. אַ קלייניקייט, ווען אַ פעלשטינער אינגל האָט געהערט, אַז עס קומט אַפילו אַריבער דער גובערנאַטאָר קיין יאַרמעליניץ, פון ספּראַווניק איז דאָך אָפּגערעדט! אין דער פאַנטאַזיע זעען זיי די אַלע גדולים וקטנים פון נאַ־טשאַלסטוואָ, מיט זייערע פּאַגאָנעס און די גלאַנצנדיקע קנעפּ. מיט די שאַשקעס ביי דער זייט, ווי זיי יאָגן זיך מיט די פערד אין גאַלאָפּ און קאָמאַנדעווען. יעדער שטייט פאַר זיי פאַד־קאַזעראַק, מען ציטערט פאַרן דוך. אָן זייער קאָמאַנדע גיט זיך דער יאַריד ניט אַ ריר. זיי הערן ווי עס יאָגן זיך קאַרעטן מיט פיר פערד נאַשפּיק, ווי די גרעסטע פריצים פאָרן אַרום מיטן קנאַק. די פערד זייערע שטעלן זיך אַזש דיבאָם ביז צום הימל, ווען דער קוטשער זייערער גיט אַ כוואַשטש מיט דער בייטש. פערד ממש ווי לייבן — אויסגעצירט מיט גאָלדענע וויאַשקעס, וואָס קאָסטן די שווערע טויזנטער. מען דערציילט זיי אַפילו אַז אין געוויסע יאַרידים גיבן זיך אַ לאָז אַראָפּ די גוטע אידן — דאָס מיינט די רביים — ווי למשל, דער זינקאָ־ווער מיטן מעזשביזשער און דער באַזעלינער, און וואו חסידים מאַכן פאַר זיי אַ וואַרע. זיי שפּאַנען זיך אַליין איין אינעם קאַליאַס און שלעפּן דעם רבין, דעם גאון ולמדן אין דער באַשטימטער אַכסניה... אויך די גוטע אידן קומען צום יאַריד. פאַר זיי בוקן זיך אַפילו נאַטשאַלסטוואָ. דער רבי זאָל לעבן איז אַפילו אַזוי גרויס ביי זיי ווי להבדיל דער קייסער. זיי פּראַווען אמתע טישן מיט אמתע חסידים פון נאָענט און וויט... אַ קלייניקייט וואָס אין דעם יאַרמעליניצער יאַריד טוט זיך אָפּ אין די זעקס וואָכן...

מיר די קינדער פון פעלשטין האָבן מקנא געווען די קינדער פון דאָרטן וואָס זיי זענען די בעלי־זוכה צו געבוירן ווערן אין אַזאַ כרך ווי יאַרמע־ליניץ... און ווען מיר הערן פון אונדזערע מלמדים אַז יאַרמעליניץ איז ניט קיין סך גרעסער ווי פעלשטין, אַז די גאַנצע באַפעלקערונג איז בלויז בערך אַ צוויי טויזנט אידן, אַז זייער מאַרק איז ניט אַ סך גרעסער פון אונדזערן, אַז קיין גרעסערע לומדים ווי מיר זענען זיי נישט, און קיין בעסערע חזנים זענען זיי נישט, נאָר ניט מער וואָס גאָט האָט אַזוי געהייסן אַז יאַרמעליניצער אידן זאָלן האָבן פרנסה, זיי זאָלן האָבן אַ שם און זוכה זיין צו האָבן ביי זיך אין שטאָט כל הגויים... און כל המינים אידן... פונם גרעסטן עם הארץ ביזן גרעסטן למדן... — מיט איין וואָרט, אַ שטאָט וואָס איז זוכה ביי השי״ת אַז זעקס וואָכן אין יאָר זאָלן זיי, די תושבים, אויפגעריכט ווערן, אַז יעדער שטאָך ערד זאָל ווערן אַ מאַרק, יעדער ווינקל זאָל זיין מיט גאָלד צו גלייך. אַפילו דאָס מרחץ זאָל זוכה זיין צו האָבן ביי זיך די „קדושים וטהורים״ וואָס קומען אַהין עולה רגל זיין. מען שמועסט אַפילו אַז בדרך נס גיבן די קרעניצעס וואַסער צו אַזאַ נאַראָד, צו אַזוי פיל בהמות און פערד און שאָף און כל המינים חיות... די מלמדים דערלאָזן ניט עס זאָל קומען צו אַזאַ גוזמא, זיי בטלן אויס חלומות, זיי ווערן

בייז, שטותים! ווער האָט עס אויסגעטראַכט די מעשיות? בעסער עפנט די גמרות, לאָמיר זיך נעמען לערנען.

— זאָגט די משנה אַ דין!

אָבער ווען מען גייט אין קאָפּ אַריין דער דין? מען לערנט לפּנים, ס'האָט ניט קיין טעם. דער קאָפּ איז פאַרדרייט מיט יאַרמעליניצער יאַריד. מיר חלומען וועגן די קאַצאַפּעס וואָס האָבן אַוודאי אויפגעשטעלט די גרויסע פּאַלאַטקעס מיט די אויסגעלייגטע מעסערלעך — די אמת זאַוויאַלעווער וואָס שפּיגלען אַוועק מיט זייער שאַרפקייט; די שיינע בילדער געמאָלן פון די גרעסטע קינסטלערס, לאַנדשאַפטן וואָס פאַרכאַפּן ס'אויג, און דאָ זיצן מיר אין די חדרים ביי שניים אוחזין בטלית. זה אומר אני מצאתיה, וזה אומר אני מצאתיה, זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי...

דער רבי אונדזערער, ר' לייב, איז גראָד דער גרויסער למדן. ער ווייסט באמת ניט וואָס צו טאָן מיט אונדז. ער ווייסט שוין אַז דער יאַרמעליניצער יאַריד ליגט אים אין די ביינער. פאַר גאַנצע זעקס וואָכן לערנט ער מיט עצים ואבנים, כאָטש שריי געוואַלד — סע גייט זיי ניט אין קאָפּ אַריין. כאַפּט ער זיך צו איינעם און לאָזט אויס זיין כעס. גראָד איז ער יונה בעל עגלהס אַן אייניקל, עס דוכט זיך אים אַז דער לייזערל האָט עס פאַרשפּרייט די באָבע־מעשיות פונם יאַריד עס זאָל הייסן אַז דער זיידע זיינער האָט עס „אַנגעזאַמלט”, אָט די אַלע אויסטערלישע פאַנטאַזיעס, און לייזערל האָט עס צעטיילט די ירושה... — דער אינגל וואָס איז גראָד אַ שטיקל חריף, פילט אַז ער איז נעבעך ניט שולדיק. אַז אין אמתן טרייבט אים דער זיידע פון שטאָל. ער הייסט אים גיין אין חדר, אויב ניט, וועט ער חס ושלום מי יודע אויך זיין אַ בעל־עגלה. עס גייט אַוועק אַזוי ווייט, אַז מיר קריגן אַלע אַ פּסק. ער, דער רבי, פאַרגלייכט אונדז טאַקע צו די פערד און בהמות וואָס זענען אויפן יאַריד, וואָס וויסן ניט אויף וואָסער אַ וועלט זיי זענען, פּשוטע חיות, וואָס טרעטן אומשולדיק אויף גאָטס ערד... אָבער מיר, על כל פּנים וואָלטן דאָך געדאַרפט זיין אַנדערש... ער הייסט אונדז פאַרמאַכן די גמרות און גיין אַהיים עסן אָנבייסן. ער וועט זיך, הייסט עס, מיט אונדז ערשט אָפּרעכענען נאָכן אָנבייסן מ'עט אָגב לערנען ישעיה! אויס בבא מציעא, דער טאָג איז סיי ווי געפּטרט...

אַזוי איז געגאַנגען דאָס לערנען אין די חדרים איבערן יאַריד אין אַ פרעמדער שטאָט. אַ מין מאַגנעט וואָס האָט אָפּגעטאָן אַ כישוף די תלמידים זאָלן שיר ווערן פוסט־און־פּאַסניקעס...

איז מיין גליק געווען וואָס פונקט צו עלף און אַ האַלב יאָר האָב איך אויפגעהערט גיין אין חדר. מיין פאָטער האָט מיך ממש מפקיר געווען. גענוג געצאָלט שכר־לימוד, סיי ווי איז שוין ניטאָ פאַר דיר קיין מלמד. ביסט אַרויס פון לייב רייזעס, מוזטו קענען גענוג צו ווערן אַ בית־המדרשניק.

דאָרטן איז דיין אָרט. אַהין וועל איך קומען און מיט דיר לערנען אין אַ שעת הכושר. און געדענק אַז מיטן טאָטן וועסטו זיך ניט אַרומשפּילן...

איך האָב דאָס געוואוסט. מיין פאָטער איז גראַד געווען דער אַמאָליקער גרויסער מלמד. אַ יאָר צוועלף האָט ער געקנעלט מיט גרויסע בחורים, ביז די מאַמע אונדזערע האָט געמאַכט אַ ויצעקו, — ער מוז ווערן אויס מלמד! זי וועט זיך ממש אַ מעשה אָנטאָן. — גענוג צוועלף יאָר! ער פאַראומערט איר ס'לעבן. גאַנצע טעג עסט ער זיך אויף ס'האַרץ מיט די תלמידים! — ניין און ניין! זי וויל אַ געזונטן מאַן און אַ טאַטן צו זיינע אייגענע קינדער. און כידוע, האָט די מאַמע אויסגעפּירט. עס זענען אַוועק יאָרן און מיר זענען געבליבן יתומים. אָן אַ מאַמען — גאָר יונג. האָט דער טאַטע טראַדי־ציאָנעל מיט אונדז געקנעלט נאָך די חדר־יאָרן. איך בין געווען דער אינג־סטער. מיינע עלטערע צוויי ברידער זיינען שוין געווען אין אַמעריקע. דעם טאַטנס פּרנסה בירושה איז געווען פון פאַרקויפן קאַלך לאחדים אויף אַ טאָפּטשאַן אין מאַרק. אַמאָל אויף יאַרידן — אין דער היים און אין דער פרעמד. ווען ס'איז אָבער געקומען דער יאַרמעליניצער יאַריד, האָט ער געהאַנדלט מיט געדרויכערטע דאַרע פיש. שטאָט האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מבין אויף פיש פּונקט ווי אויף קאַלך. — על כן איז יענער יערלעכער יאַריד געווען אַ טייל פון זיין הכנסה: ער האָט געהאַט שותפים, מען פלעגט זיך יעדן יאָר צונויפקומען מיט מזומן געלט. אויסגעאַרבעט די פּלענער, לויט די פּראָצענטן. דער פאָטער מיינער איז געווען דער ראש השותפים, האָט ער אונדז קינדער איבערגעלאָזן, זיך אָפּגעזעגנט מיט אונדז, און איבערגעלאָזט דעם זיידן אברהם ער זאָל מיט אונדז קנעלן און געבן השגחה ביז איבערן יאַריד. ער האָט אונדז אַגב צוגעזאָגט צו ברענגען שטיוול מיט צייג פאַר גאַרניטערס, מיט לייוונט פאַר העמדער. אַז גאָט האָט געהאָלפן ס'איז געווען אַ גוטער יאַריד איז טאַקע אַזוי געווען. חס ושלום פאַרקערט — איז געווען הימל עפן זיך. קרוע־בלוע. עק וועלט! ביז איבעראַיאָר די אייגענע מעשה. — אַ נייער יאַריד. נייע שותפים — נייע פּלענער. ער יחוסט זיך, דער טאַטע מיינער. מען גיט אים הנחות, ער מוז, הייסט עס, יעדן שבת קומען אַהיים לייענען. ער איז געווען דער בעל־קריאה פון בית המדרש אין אַ שבתדיקער... — די אַנדערע שותפים מוזן ליגן אויפן יאַריד די גאַנצע צייט נע ונד אויך אין שבתים. עס האָט ניט געהאָלפן. אָט דאָס איז מרדכי יוזיפס, דער יחסן, מיט זיינע תנאים!...

דער יאַריד האָט זיך ביי מיר פון קליינערהייד איינגעקריצט אין מיין פאַנטאַזיע. פאַר יאָרן און יאָרן האָב איך געחלומט אַז עס וועט קומען אַ צייט, וואָס איך וועל אַ זאָג טאָן צו יונה בעל עגלה, אַז איך פאָר מיט אים קיין יאַרמעלינעץ אויפן יאַריד. איך וועל אַפילו האָבן גרייט דעם פּערציקער. ס'הייסט די צוואַנציק קאָפּיקעס פאַר דער נסיעה. יונה וועט פרעגן אויב איך פאָר מיטן טאָטנס וויסן? וואָס וועל איך טאָן אויפן יאַריד?!...

איז אָבער ניט געווען דער פערציקער. דער זיידע האָט ניט געהאַט און ניט מסכים געווען מיט מיין וועלן פאָרן קיין יאַרמעליניק. ער האָט פאַר מיר געמאָלן בילדער ווי איך וועל זיך אַרומבלאָנקען כצאן בלא רועה. וועל ניט האָבן קיין טאָג און ניט קיין נאַכט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען אַז אין מיר איז עפעס אַריין אַ מאַנקאָליע אין קאָפ אַז איך מוז לכל הדעות פאָרן, אַז מיר איז דאָס לעבן ניט ניחא! ער האָט אָבער זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז איך וועל אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיך אַרויסלאָזן ברגלים אויף דעם ברייטן וועג קיין יאַרמעליניק. מיין פלאַן איז געווען אַ פאַרטיקער, איך וועל גיין פאַרדינען געלט אויפן יאַריד. עס זענען דאָרטן דאָ בעקערייען, איך וועל טאָן דאָס אייגענע וואָס לייזערל האָט געטאָן. ער איז פאַראַיאָרן געווען דער גרויסער קנאַקער און פאַרדינט אין אַ בעקעריי אַ גאַנץ פינפערל. היינט וואָס ער האָט זיך אָנגעזען דאָרט!... ער האָט נאָך עד היום וואָס צו דערציילן: ממש נסים ונפלאות. זיין זיידע יונה האָט אים נאָך געלויבט וואָס ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ מענטש, אַ יאַרידניק. פאַר וואָס זשע זאָל איך עס ניט טאָן? איז דען לייזערלס טאַטע, בענטשע קירזשנער, רייכער פאַר מיר? אמת מיין טאַטע איז דער למדן, דער בעל קריאה, דער איש חשוב. און כאָטש ער איז ניט קיין עושר רעכנט מען זיך מיט זיין וואָרט, מיט זיין מיינונג. זיין דאַוונען ביים עמוד איז דאָך אויך ניט סתם אַ דאַוונען... און איך בין פאָרט ניט לייזערל, איך הייס שוין יאַקבי אַ שטיק בית־המדרשניק. כאָטש אין אמתן בלאָנקע איך זיך אַרום, יעדער מיינט אַז איך לערן בייטאָג, אָבער אין אמתן פעלט מיר דעם טאַטנס פעולה. ער האָט מיך איבערגעלאָזט מיט ביצה שנולדה ביום טוב... און ווייטער גייט עס נישט. עס גייט מיר ניט אין קאָפ אַריין אויב ס'איז אַזוי געוואַלדיק וויכטיק אויב דאָס איי איז געבוירן געוואָרן דווקא אום יום טוב, און די בית שמאי מיט די בית הלל קריגן זיך איבער דעם...

איז ווי געזאָגט, חטאת נעורים... איך האָב פאַרבויגן מיין יחוס — דעם זיידנס וואָרנונג, די מורא פאַרן טאַטן און די מורא פאַר מיינע פריערדיקע מלמדים. איך האָב אין באַגינען זיך אַרויסגעכאַפט פון שטאָט. איך האָב געוואוסט דעם וועג. קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז ביי מיר איז געבוירן געוואָרן אַזאַ פלאַן. אויפן וועג האָב איך זיך געזען פאַרקויפן בייגל מיט אַ קויש אויפן גרויסן יאַריד. דאָרטן וואו הימלען שפאַלטן זיך ממש, דאָרטן וואו גובערנאַטאָרן און איספראַווניקעס און פריסטאַוועס מיט אוראַדניקעס האַלטן דעם פאַראַנדעק, דאָרטן וואו די גוטע אידן פראַווען טישן און מען כאַפט שיריים. דאָרטן וואו סוחרים קומען פון מרחקים און מען מאַכט גוואַלדאָוונע מסחרים. עס האָט זיך אין מיין דמיון געמאָלן אָט די פאַרשידענע בילדער און פאַנטאַזיעס... איך וועל נאָך דערצו פאַרדינען געלט, ווערן אַ זעלבסשטענדיקער מענטש. און אפשר וועט מיך גאָר באַגעגענען מיין פעטער בערל? ער האָט גראָד געוואוינט אין יאַרמעליניק, געווען אַ

ציגעלניק. אַליין געברענט און געבראַטן די ציגל. גראָד געווען אַ שטיקל עושר. אָבער מכמה וכמה שנים האָט דער טאַטע אונדזערער עפּעס געהאַט קעגן אים און אונדז קינדער ניט געלאָזט אַהין פאָרן. ער האָט דעם טאַטן אַמאָל איינגעלאַדן צו זיך, און דורך עפּעס אַ חטא וואָס דער טאַטע האָט ביי אים געפונען, האָט ער מיר ניט געלאָזט אַהין אַריינשמעקן בעתן יאַריד. איז מיר שטענדיק געווען קשה, למאי מיר טאָרן אַהין ניט פאָרן אינם יאַריד... דאָך האָב איך געחלומט אַז איך וועל ווי עס איז אַהין פאַר־בלאָנדזשען. און אַזוי־אַ האָב איך געוואָגט. עס זיינען אַנגעלאָפן וועגעלעך פעלשטינער אידן. זיי האָבן מיך געוואָלט אַהיים טרייבן, אָבער איך בין עקשנותדיק אַנטלאָפן, געשפּאַנט ווייטער און ווייטער ביז ס׳איז אָנגעקומען יונה בעל עגלה. ער איז געווען אַ ווייצלער אַ איד. אַפילו אַ תהלים־זאָגער, אָבער אַ בר־דעת... ער האָט געזען אַז איך בין שוין צו ווייט אַוועק, אַז ער מוז מיך אַרויפנעמען אויפן וואָגן. די פּאַסאַזשירן האָבן מסכים געווען און מיך ווי עס איז אַריינגעקוועטשט אין וואָגן, זיי האָבן באַדויערט וואָס דער טאַטע מיינער וועט האָבן גרויס צער, און איך וועל האָבן מיין פּסק...

— דו, בערעלע, זאָלסט אָפּטאָן אַזאַ נאַרישקייט? — איך האָב געלאָזט אַ טרער, געטראַכט אַז זיי זענען אפשר גערעכט, עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט... מיר האָבן זיך דערנענטערט, אַריינגערעדלט לינקס, אינעם גרויסן געטומל פון פערד און וועגעלעך און פּוסגייער. אָט־אָ נאָך אַ שפּאַן, און דאָס אמתע יאַרמעליניץ וועט זיך אַ שפּיגל טאָן פאַר אונדזערע אויגן.

שוין ביים אָנהויב אַריינפאָר האָבן זיך אַ יאַווע־געטאָן די דעסאַטצקיס און באַפוילן וואוהין מען זאָל פאָרן. די זון האָט זיך עפּעס געטוקט, — יונה בעל עגלה, ווי אַ בעל־יחוס, האָט זיך אַ קערעווע געטאָן רעכטס, געזאָגט די שומרים אַז ער מוז אַזוי פאָרן, ווייל ער פאָרט צו דער פעלשטינער סטאַנציע... אויך פעלשטין האָט געהאַט אַ מקום מנוחה אין יאַרמעליניצער יאַריד. איך דערזע פאַר זיך דעם גרויסן גאַראַד אין יאַגעניש און הור־האַ. די קולות פון די חזירים, פערד און בהמות, און די הונדערטער פויערישע פורלעך אין ענגשאַפט און אין שטיקעניש. הגם עס איז פאַר מיר ניט קיין נייעס, די פעלשטינער יאַרידים זענען אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט, אָבער ס׳איז ניטאָ אונדזער קלויסטער ביים אַריינפאָר פון שטאָט, עס פעלן מיר די דריי הייזער, די אידישע, וואָס האָבן געדינט פאַר וועגווייזערס צו די סוחרים פון מרחקים. עס פעלט דער אידישער שלום עליכם... איך געפין זיך שוין מיט די עטלעכע פעלשטינער אידן נעבן אונדזער סטאַנ־ציע...

יונה ווערט בייז, מ׳האָט אים צוגענומען זיין שטענדיקן אָרט פאַר פערד און וואָגן. עס העלפט ניט זיין טומלען, מען ווייסט ניט ווער דאָס איז. די צוויי קאָרע פערד שטייען זיך געמיטלעך און עסן דעם געמישטן האָבער

מיט סיטשקע. אויפן וואָגן שטייט אָנגעבונדן אַ הונט ווי אַ לייב. ער איז דער שומר פון די סוסים...

מיר קריכן אַרונטער, מיין האַרץ טיאַכקעט. יונה פאַרגעסט דערווייל אין מיר און איז פאַרנומען מיט די פערד. די עטלעכע פעלשטינער אידן מאַכן אָפּ מיט יונהן. ער וואָרענט זיי, אַז פּונקט נאָך מנחה ומעריב מאַכט ער די נסיעה צוריק. אויב זיי יאָוועט זיך נישט, לאָזט ער זיי איבער און אַנדערע, ער הייסט מיר גיין צום טאַטן ביים פיש־פלאַץ קריגן מיין פסק... איך הויב ווייטער אָן צו וויינען, ווערט ער ווייכער און הייסט מיר וואַרטן. ער וועט אַלץ מאַכן אין אָרדענונג, וועט ער מיך צופירן צו חיים הירש בעקער, דאָרטן האָט זיין לייזערל פאַראיאָרן גערודעוועט, פאַרקויפט בייגל מיט פאַרקעס און געוואָרן אַ מענטש. איצט איז שוין לייזערל אַ קירזשנער. ער לערנט זיך מאַכן פויערישע שאַפּקעס, ער איז עפּעס בייז. וואָס וויל איך פון זיין לעבן האָבן, טענהט ער. — האָסטו געזען אָן אָנשיקעניש, איך וועל זיך אָנהויבן מיטן טאַטן דיינעם? — אָבער איך פּועל ביי אים ער זאָל מיך בלויז צופירן צו יענער בעקעריי. באין ברירה פירט ער מיך מיט דער בייטש אין האַנט. מיר גייען אין אַ געדריי. ער פריער, נאָך נאָך אים. איך קריג דערווייל אַ ביס פון אַ פערד. אָבער איך אַנטלויף און קום בלויז אָפּ מיט שרעק. — גיי ווי אַ מענטש, — וואָרנט מיך ר׳ יונה, — דו טאָרסט קיין פערד ניט אַ ריר טאָן, ס׳אַ שטומע חיה!... — עס העלפט ניט מיין פאַרענטפערן זיך אַז איך האָב ס׳פערד ניט אָנגערירט...

בקיצור, אָט אַ ביסטו אין אמתן חזיר־מאַרק — האָט יונה אַ זאָג געטאָן און מיר אָנגעוויזן די בעקעריי.

ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט און אגב געפרעגט אויב איך וועל געדענקען וואו די פעלשטינער סטאַנציע איז. און געבליבן בין איך אַליין אין שרעק, אין ציטערניש. אין מיינע רעיונות האָבן זיך געקייקלט פאַרשיידענע חטאים וואָס איך בין מיט דער נסיעה באַגאַנגען. געטראַכט מי יודע, אפשר וועל איך ניט נושא חן זיין ביים בעקער? ווען איך בין אַרונטער די דריי טרעפּלעך, און אָן עפן געטאָן די טיר, האָט אויף מיר אַ שלאָג געטאָן אַ פּאַרע מיטן ריח פון זויער־טייג, אַ יונגער געזונטער בחור איז געשטאַנען ביים אויוון און אַרויסגעשיבט די ווייסע פריש־צאַפּלדיקע בולקעלעך. ער האָט אַ געשריי געטאָן ביז איך זאָל פאַרמאַכן די טיר. עס יאָגט אויף אים אַ צוק. איך בין געבליבן שטיין אָן לשון ביז עס איז צוגעקומען צו מיר אַן עלטערער איד מיט אַ ברייט געדיכטער גרויער באָרד, מיט אַ פאַרפאַפטער יאַרמעלקע, זיין טלית קטן האָט זיך היבש אַרויסגעצויגן פון זיינע פאַרווייסטע הויזן. ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן וואָס איך וויל. און איך האָב געענטפערט, אַז כ׳בין אַ פעלשטינער אינגל און אַזוי ווי פאַראיאָרן האָט ביי אים געאַרבעט לייזערל, בין איך עס דער, וואָס וויל די שטעלע...

— ווי אַלט ביסטו? — פרעגט ער. איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז כ'בין שוין דרייצן יאָר. — ווען האָסטו אָנגעהויבן לייגן תפילין? — פאַר־איאָרן, — ענטפער איך. — וואָס מיינסטו פאַראַיאָרן? — פרעגט דער איד ערנסט. — איך האָב אָנגעהויבן לייגן תפילין צו צוועלף יאָר, ווייל איך בין אַ יתום. — אַ יתום? ווי האָט געהייסן דער טאַטע דיינער? — איך בין געבליבן שטום. איך האָב זיך דערמאַנט, אַז מען לייגט תפילין בלויז ווען מען פאַרלירט אַ טאַטן, — איך האָב דאָך ב"ה אַ טאַטן שיחיה...

דער איד האָט דערזען אַז איך ווין האָט ער אַ זיפץ געטאָן און מיך געפרעגט אויב איך בין הונגעריק, און אַ רוף געטאָן זיין ווייב. אַ ברייטע אידענע, מיט אַ צעשויבערטן פאַרטוך. איר געהייסן זיך באַקענען מיט מיר, דעם נייעם געזעלן... — ער זאָגט, אַז ער איז אַ פעלשטינער, אַז ער איז אַ יתום... קודם גיב אים אַ גלעזל טיי מיט אַ פלעצל. ער קוקט מיר אויס אַן ערלעך אינגל. — זי קוקט מיך גוט אָן:— ביסט אַ פעלשטינער קינד? — פרעגט זי שטיל. — יאָ, — ענטפער איך. — וועמעס ביסטו אין פעלשטין? — איך וועל אייך זאָגן, אָבער איך וויל ניט, אַז מיין טאַטע זאָל אויסגעפינען אַז איך בין דאָ! — אַזוי גאָר? וואָס זשע, סע שטייט דיין טאַטן ניט אָן צו פאַרדינען די עטלעכע קערבלעך ביי מיר אויפן יאַריד? — פרעגט זי שוין מיט אַן אָקטאַווע העכער און מעסט מיך אָפּ מיט אַ זיפץ... איך וויל איר ענטפערן, אָבער איך קען נישט, איך קוק ווי אַ שולדיקער אַן אַ זייט, איך פיל, אַז זי האָט דאָ אָנגערירט די אמתע סטרונע. ווי אַ מוטער פון קינדער האָט זי הפנים דערפילט בחוש, אַז אין ווייטע שמועסן אַרום דעם ענין קען זי מיט מיר, דעם „גרויסן פאַרשוין", ניט אַריינגיין. הגם כ'בין זיך מודה, אַז כ'האָב איר געוואָלט דערציילן דעם גאַנצן אמת. ווי עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן שפּעטער, לויט איר באַציאונג צו מיר, אַז רייד זיינען שוין געווען איבעריק... זי האָט אַ רוף געטאָן איינע מיט אַ כריפּ: — צביה! וואו איז צביה? — האָט זי אַ פרעג געטאָן דעם מאַן אירן וואָס איז שוין געשטאַנען ביי אַ קאַסטן טייג און געטאַפּט מיט די הענט ווי ווייך עס איז?

צביה האָט הפנים דערהערט דער באַלעבאָסטעס קול. זי איז גיך צוגע־קומען. — וואָס איז, באַלעבאָסטע? — ס'איז גאָר נישט!... נעם און גיב דעם אינגל אַ גלעזל טיי מיט אַ פּאָר בולקעלעך און מאַך פאַר אים אַ געלעגער, אויף וועלוולס טאַפּטשאַן... ער וועט דאָ זיין מיט אונדז ביז איבערן יאַריד! ס'הייסט אויב ער וועט ניט זיין קיין יחסן... ס'אינגל איז פון פעלשטין...

איך זיץ און טרינק די הייסע טיי, איך וואַרף באַהאַלטענע בליקן אויף דער פלייסיקער צביהן. אַ דינסט מיידל, מיט צוויי לאַנגע הענט, בלאָנדע צוויי צעפּ, אָבער קאָסאָקע אויגן. און פאַרריסענער נאָז, איבערגעוואַקסן אָבער מערקווירדיק פלינק. זי גייט און קומט, ברענגט מיר נאָך אַ פלעצל

ווען זי זעט אַז די אַנדערע צוויי זיינען פאַרטיק... — נאַ, נאַ, שעם זיך נישט, — עס, עס, איך וועל דיר געבן נאָך אַ גלאָז טיי, ס׳איז זיך ניטאָ וואָס צו שעמען, אַז מ׳איז הונגעריק דאַרף מען עסן... וועסט דאַרפן אַ סך כח צו צעטראָגן ס׳געבעקס, אַז מען עסט גוט אַרבעט מען גוט... ס׳איז יאַריד!

איך פאַרליר עפּעס מיין שרעק. איך דאַנק איר און דערלויב זיך שוין אויף איר אַ בליק צו טאָן, און עס פאַרדריסט מיך באַלד וואָס איך האָב ביים ערשטן בליק זי שלעכט אָפּגעשאַצט, ווי זי וואָלט עפּעס געווען אַ פּראָסטע. אינערלעך האָב איך זיך געפילט ווי אַ שולדיקער קעגן איר, איך בין דאָך אויך אָרעם באַגלייך מיט איר. זי דינט, און איך גיי דינען. איך בין יונג און זי איז עלטער! אין דמיון שאַץ איך שוין אָפּ אירע יאָרן — געוויס שוין אין די צוואַנציקער יאָרן. אַוודאי אַ יתומה, — טראַכט איך און זופּ מיין טיי און עס פאַרדריסט מיך וואָס זי קומט און אַנטלויפט ווי אַ וויכער. עס דאַכט זיך מיר אַז דווקא איר וואָלט איך אַלץ דערציילט, און וואָלט טאַקע וועלן וויסן אַ סך פון איר... אָבער עס קומט צו די באַלעבאָסטע, איר פּאַרוק איז שוין אויסגעגלייכט, אָנגעטאָן אַ ריין פאַרטוך. זי זעצט זיך צו נעבן מיר, שוין ניט געשעפטסמעסיק. זי פרעגט, — ביסט שוין זאַט, אינגעלע? ביסט אַוודאי מיד פון וועג? — יאָ, — ענטפער איך, איך בין געגאַנגען צופוס, אַ האַלב וועג... — אוי, וויי איז צו מיר? געגאַנגען צופוס, אַזאַ מהלך? וואָס הייסט? הער נאָר, חיים הירש! קום נאָר אַהער! — רופט זי איר מאַן. — הער, הירש, זאָלסט מיר האָבן אַזאַ גוט יאָר! צופוס איז ס׳אינגל געגאַנגען!...

ער, איר מאַן, האָט איר געהאָלפן שטוינען. עס האָט ניט געהאָלפן מיין שרעקן זיך. מיין ביטערע געשיכטע איז אַרויפגעשוואומען, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי, די אמתע באַלעבאָסטע, איז אַ פעלשטינער קרובה צו לייב יאַריד, איינער פון די גרויסע בייגל־בעקער. ניט מער און ניט ווייניקער. זי איז שוין דרייסיק יאָר ניט געווען אין פעלשטין. צום גליק האָט זי אונדזער משפחה ניט געקענט, און ווען זי האָט דערהערט אַז יונה בעל־עגלה האָט מיך נאָך אַ האַלבן וועג אַהער געבראַכט, — דאָס איז געווען פאַר איר גענוג. מיין פאַריתומטקייט האָט גורם געווען אַז אַן איבעריקע רייד וועט מען מיר געבן אַ קערבל אַ וואָך. איך מוז אָבער טויגן. איך מוז צעטראָגן די בייגל מיט די פּאַרקעס צו זעקס שטעלן, און מוז העלפן ס׳געבעקס אַריינגעמען ווען עס ווערט פינצטער... — אָבער, קודם גיי פריער לייג זיך צו, היינט וועלן שוין די אַנדערע צוויי חברה אַריינטראָגן די שיריים... — און אָט איז צביה. זי זאָגט אַז כ׳מעג גיין. דער טאָפּטשאַן איז געבעט.

איך דערפיל עפּעס אַ מאָדנע היץ. דער זויערער גערוך פונעם טייג האָט מיך ממש ווי פאַרטשאַדעט. איך לייג זיך צו אַ באַרואיקטער. ניט וויכטיק איז שוין צו מאָלן דעם טאָפּטשאַן אין יענעם פינצטערן אַלקערל. און אויב

מאַלן, וואָלט איך געדאַרפט צווי טאַפּטשאַנעס: אַ גרויסן און אַ קלענערן. איך האָב געהאַט דעם קלענערן... ווייל דעם גרויסן האָט געהאַט דער בעקער־יונג... ער איז שוין געווען אַ מיוחס. זיינע קאָלדרעס האָבן געמוזט ריין צונויפגעלייגט ווערן. צביה האָט עס גערן געטאָן. זי האָט עס אַליין אַזוי איינגעפירט. זיינע פּוכאָווע צווי קישעלעך זענען געווען אַנגעצויגן מיט ווייסע ציכלעך. אַפילו דער שטיפער לייוונטענער האַנטוך האָט געמוזט הענגען פּונקט ביים קליינעם פענצטערל נעבן זיין זאָפע. ביי אים האָט עס ניט געהייסן קיין טאַפּטשאַן. ווייל ער האָט געהאַלטן זיינע מלבושים אינע־ווייניק. זי, צביה, האָט עס געהאַלטן פאַר אַ קופערט... עס האָט לאַנג ניט געדאַרפט נעמען אַז די צווי זאָלן זיך צעקריגן, און תיכף ווערן צוריק חבר. זי, צביה, האָט באמת געהאַט אַ זעלטענעם צוגאַנג צו מענטשן און זאַכן. איך בין זיך מודה, אַז אַט ערשט איצט שאַץ איך זי אָפּ אַלס אַ פרוי מיט וואונדערבאַרע אייגנשאַפטן און גראַדן שכל. אין דער שטיל פרעג איך זיך, וואָס איז באמת געשען מיט אַט די מענטשן פון יענעם אַמאָל?... אָבער קיינער ענטפערט מיר ניט!... אַ חוץ דער חורבן!...

און אָט זע איך זיך מיט זיי אויפן יאַרמעליניצער יאַריד. איך, דערמאָן זיך פּונקט אין יענעם טאָג ווי איך בין איינגעשלאָפן אויף יענעם טאַפּטשאַן ווי אַ פאַרטשאַדעטער. עס האָט זיך פּלוצים אַרונטערגעלאָזט אַ כמאַרע, די דונערן און בליצן האָבן אָנגעהאַלטן מי יודע ווי לאַנג. עס האָט גע־ליאַפּעט אַ גרויסער רעגן. אפשר איז עס געווען אַ זיסער שלאָף, און אפשר אַ שווערער, אָבער איך האָב מיטאַמאָל דערהערט דעם בעל־הביתס קול. ער האָט מיך אַ טאַרע געטאָן. מיינע אויגן האָבן זיך געעפנט. דער לאָמפּ האָט שוין געברענט. איך הויב אויף מיין קאָפּ, קנייטש זיך, — וואָס טוט זיך דאָ מיט מיר, — טראַכט איך. — ווי שפּעט איז? — פרעג איך, — איך מיין באמת אַז איך בין שוין איבערגעשלאָפן די נאַכט און דאָס איז שוין דער קאַיאָר... איז עס מעגלעך? אַזוי פרי וועל איך דאַרפן אויפשטיין? אָבער איך ווער באַלד וואַך דורכן געטומל און דורכן רויש פון רעגן וואָס ליאַפּעט מיט צעבערס. און ס׳איז טאַקע נאָך היינט. אָט ערשט נאָך מעריב. נאָר אַזוי ווי דער גרויסער רעגן, די זליווע האָט צעשטערט דעם יאַריד, מוז איך, בערל, דער נייער פריקאַשטשיק, דער שרעקעדיקער בעל־יחוס, קומען צו הילף יענע טרעגערס, צווי דורכגעטריבענע חברה. איינער אַ חברהמאַן פון טשערנאָאָסטראָוו — דער צווייטער אַ שאַראַפּקער. זיי האָבן שוין אַ חזקה אויפן יאַריד. שוין צווי יאָר וואָס זיי קאָמאַנדעווען דאָ ביי חיים הירש בעקער אויפן יאַריד. זיי טראָגן און פאַרקויפן אַליין גאַנצע קוישלעך מיט געבעקס. און איך, דער נייער פרישער יאָלד ווער איצט איבערגעגעבן אין זייערע הענט. זיי מוז איך העלפן. מען לאָזט מיך ניט חקירהן צי ס׳איז גאַנץ פרי, צי ס׳איז נאָך מעריב. מען לאַכט ס׳גרעסטע געלעכטער! איך טו אָן די שטיוול און פאַרקנעפּל זיך ס׳העמד. איך וויל זיך גיין וואַשן,

אָבער דער בעל־הבית הייסט זיך געבן אַ ריר. — זיי ניט קיין קינד, — טענהט ער פּאַטערלעך, — וועסט אַרויס אויף דער גאַס וועסטו אויפלעבן, עס גיסט נאָך אַביסל, נישקשה. ס׳עט אייך אַלע גאָר ניט שאַטן. נאַ, כאַפּ אַרויף אויף זיך דעם פּידזשאַק. — ער דערלאַנגט מיר דעם בגד... די צוויי יונגען טאַראַויס. ער באַפעלט זיי, אַז איך זאָל טראָגן ס׳קלענערע קוישל... און ווען מיר קומען אויפן מאַרק, באַגעגען איך דאָס ערשטע אַ מיטל־יאַריקע פרוי, וואָס ברעכט די הענט, שרייט און טומלט און שעלט די צוויי יונגען מיט טויטע קללות. וואו זענען זיי געוועזן. מ׳האָט זי נעבעך געלאָזט די לעצטע אין גאַס רעגן. פאַרוואָס קומט עס איר? פאַרוואָס קומט איר אַזאַ פינצטערער יאַריד? זי הויבט זיך פון איר קעסטל, אַ אויסגעווייקטע, אַ צוגעקלעפּט צו די מלבושים אירע. די צוויי יונגען גראָדע, פאַרענטפערן זיך פאַר איר, זיי שווערן זיך: — חייצע לעבן, איר בייזערט זיך אומזיסט. מיר האָבן נאָך קיינעם ניט אַריינגעטראָגן, איר זענט סך הכל די ערשטע, — אָט גיט אַ קוק. — שרה מלכה איז אויך ביים טאַפּטשאַן. זי זיצט דאָרטן מיט אַ ברעזענט פאַרדעקט... איך פיל דער פרויס האַרץ, איך זע באַלד, ניט מער ווי אַ צוואַנציק אַרשין פון מיר זיצט טאַקע די אַנדערע פרוי אין געהאַקטע וואונדן. איך פיל זייער טעם. ס׳איז פאַר מיר קיין נייעס נישט. מיר זענען קאַלעכניקעס און זאָל גאָט שומר און מציל זיין ווען מיר זיינען אויף אַ יאַריד און עס הויבט אָן ליאַפּען. ווי מיר טוען אויס פון זיך אַפילו ס׳העמד אַבי דעם קאַלך צו פאַרדעקן, אלא ניט — קען ווערן אַ פּייער, און מי יודע וואָס עס קען געשען. — איך דערפיל אַז, אָט איז עס געשען, ממש מיט מיר און מיטן טאַטן. וואָס איז די נפקא מינא? מען מוז זיך נעמען צו דער אַרבעט. איך פאַרגעס שוין אַז איך בין אַ יחסן. ווער יחוס, וואָס יחוס? דאָ זיצט נעבעך אַ אָרעמע פרוי, אַ מאַרקזיצערין, איר געבעקס נעבעך איז שוין האַלב רואינירט. אַלע דריי טאַסקען מיר שוין די קוישן געבעקס. פאַר־דעקט מיט זעק און שטיקער סעראַטע. זי, די פרוי, וויקלט זיך אַרויס פון שאַל און טרייסלט אים אָפּ. עפנט אירע אויגן און מיט גאָטס הילף, אינם טומל, צווישן טרערן און קללות הויבט זי אָן אונדז דאַנקען וואָס גאָט העלפט איצט, עס לייטערט זיך צוריק אויס — געשטילט דעם מבול! מיר לויפן דאָרטן, צו די אַנדערע צוויי שטעלן. עס חזרט זיך איבער די אייגענע מעשה. אָבער אַנדערש געשליירט. דאָרט זיצט איינע מיט אַ פאַרזעסענער טאַכטער, וואָס האָט ערשט אַ פּה קדוש. זי פרעגט ניט אויף קיין יושר, זי דערלאַנגט איינעם פון די בחורים די בעסטע פּעטש... ער בויגט זיך און סטראַשעט איר, אַז זי זאָל אויפהערן, אלא ניט, לייגט ער איר אַוועק אַ טויטע. עס העלפט אָבער ניט... זי לאָזט אָבער דערנאָך אָפּ די הענט און שטעלט זיך אַוועק פאַרן יונג ווי גרויס זי איז און וויל זיך אים איבער־געבן כלומרשט, — נאַ, לאָ׳ מיך זען ווי דו לעגסט מיך אַוועק אַ טויטע!... — די מאַמע אירע גיט זי אַ ריס אַוועק — אַהער גיי, משוגענע, וואָס האָסטו

זיך אַנגעטשעפּעט אָן אים, בהמה! דאַנקען גאָט זיי זיינען דאָ! עס ווערט שיין. דערלאַנג בעסער די קוישלעך, דו הויבסט זיך אָן מיט חיים הירשן! ער וועט מיר איבער דיין פּאַסקודנעם מויל ניט וועלן געבן אַפילו אַ בייגל אין מאַרק אַריין!... — די טאַכטער בייסט די ליפּן. מען קען זען פון איר נאַסער פּאַטשיילע, אַז זי איז טאַקע ווי אויסגעפּאַטשט. זי, די מוטער, בעט דעם בחור ער זאָל פאַרגעבן איר נאַרישע טאַכטער. — מ'איז אידישע קינדער. מען קען זיך שוין צוויי יאָר...

אוודאי איז שוין די טאַכטער שטיל. זי בעט אים, דעם בחור, טאַקע איבער. איך טראַכט אַז מ'איז פאַרט מענטשן. אויך אַזעלכע סצענעס זענען מיר ניט ניי. אָבער ווי קום איך אַהער? מילא אין מיין פעלשטין, ביי די קאַלעכניקעס אויפן פעלשטינער מאַרק איז עס אַ נעבן זאַך, אַ שטראָף מן השמים אַז מען זאָל אומקומען אין רעגנס און אין בלאָטע, און דאָ אין מיטן העלן טאָג ווער איך חסר דעה און גיי צופוס, אָן עסן, אָן אַ טיכעלע, אָן אַ זיי געזונט, און זע נאָר זע ס'אַרא וויסט מזל, אין ערשטן טאָג, אַזאַ געדריי!... אָט, האָב איך געמיינט, אַז די נאַכט איז שוין פאַריבער, אַז איך וועל אויפשטיין גאַנץ פרי, איך וועל זיך אַרומוואַשן, די זון וועט זיך אוודאי אַריינשפּאַרן דורך די פענצטער פונקט ווי אין דערהיים. אונדזער בוידעם איז דאָך אָפן... און פאַרוואָס זאָל אין יאַרמעלינעץ ניט זיין די אייגענע זון? לסוף איז נאָך די נאַכט גרויס. מיר דערציילן אונדזער בעל־הבית מיט דער באַלעבאָסטע און זיי טומלען זיך, מען געפינט זיי זכותים. זאָל עס גיין אין דער ערד אַריין! — שילט חיים הירש דעם „בייזן טיוול", — וועט זיין נאָך אַביסל פאַר־שימלט טייג... דער יאַריד איז נאָך ניט פאַרביי. ס'עט נאָך גיין געגוג רעגנס... וועט מוזן קויפן נאָך דריי ברעזענטן — באַשליסט דער בעל־הבית, און אַלע זיינען מסכים...

אין אַרעמקייט און אין צער ווערט מען נעענטער. מען טריקנט זיך ביים גרויסן אויוון. גראָד איז ער צו הויך פאַר מיר, אָבער איך ווער טרוקן. מען טרינקט ווייטער טיי, מען עסט בולקעס מיט פּאַווידלע. צביה קאָמאַנ־דעוועט מיט דער חברה מען זאָל ניט פאַרניערן ס'טישטעך, אלא ניט, וועט מען עסן ווי די גויים, אָן אַ טישטעך... איך ווער איינער פון זיי. אָבער, איך טראַכט איצט וועגן טאָטן: וואָס טוט ער איצט? האָט ער אויך געהאַט אַזאַ איבערשלאַג? שטייט ער אין דרויסן מיט אַ טאַפּטשאַן, אָדער ער האָט אַ פידאַשעק? און וואָס טוט איצט דער זיידע מיינער? ער וועט דאָך מי יודע וואָס טאָן ווען ער וועט מיך אין דער היים ניט געפינען. און טאַקע מיינע צוויי שוועסטערלעך מיט די חברים מיינע. — איך ווער אומ־רואיק. עס פּלאָגט מיך מיין געוויסן. וואָס האָב איך דאָ אָפּגעטאָן? איך וועל דאָך לסוף דאַרפן שטיין צו משפּט פאַר יעדן! אָבער קיינער מאַכט מיר ניט גרינגער. צו שפּעט יעבור עלי מה!... — מיר גייען שלאָפן. איך וואַרט. עס כאַפּט מיך אַ קראַמף. מ'איז דאָך אין דער פרעמד. ס'איז דאָ אין בית

הכסא... און ס'איז פינצטער אין דרויסן. איז מילא, דער פרעמדער מוז אָפּקומען... אויך די צרות זענען פאַריבער.

שוין דעם צווייטן טאָג טראָג איך די שווערע קעסטלעך מיט געבעקס. זיי זענען ניט שווערער פאַרן קאַלך, אָבער איך פיל, און טראַכט, אפשר פאַרט, איך בערל מרדכי יוזיפס געוואָרן אַ בעקער יונג, פון בית המדרש אַריין אין טייג, אין בייגל טראָגן, בייגל פאַרקויפן. איך גיי אויפן מאַרק מיט אַ קוישל בולקעלעך אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל. איך הער יענע יונגען שרייען: צוויי בולקעלעך פאַר אַ דרייער! זעקס בייגל פאַר אַ צענער! — שריי איך אויך. אָבער די פּאַרב יאָגט זיך אין פּנים אַריין. מען שרייט סאָכאַרנע מאַראָזשענע — טאַטאַרן; מען טראָגט גאַנצע עמערס מיט מאַראָזשענע. אין פעלשטין האָב איך אַזוינס ניט געזען. איך שטוין: ווי אַזוי די חברה טראָגן די משא אויפן קאָפּ, אָט שטעלן זיי זיך אָפּ, גיבן דעם קונה אַ שקאַרמיץ מאַראָזשענע, און אָט גייען זיי ווייטער. איך זע אידן, עלטערע, אינגערע, מען טראָגט אַרום זיך בייטשן, שווערע פּוזשעלעס, מען שרייט, מען רופט: אַהער קומט בעלי־עגלות, סוחרים, ליוועראַנטן! אַ פּערציקער אַ בייטש! אָט הערט דעם כוואַשטש! — מען שטעלט זיך טאַקע אָפּ און מען כוואַשטשעט און מען קויפט. אמת פון אַ פּערציקער ווערט אַמאָל אַ גריוונע, אַמאָל אַ גילדן — ס'הייסט פּופּצן קאָפּיקעס. אָבער מען קויפט בייטשן. אָט גייט אַ איד מיט אַ פּאַק זשייקייקעס און שרייט און רופט: אַ פּערטעלע אַ זשי־קייקע, וואַרשעווער סחורה. די נייעסטע מאָדע. — ער שטעלט זיך אָפּ, מען מעסט שוין. ער שפּרייט אונטער אַ האַרטן זאַק, פאַרקויפט טאַקע צוויי היטלען, אָבער דער דעסאַטצקי לויפט אָן און טרייבט אים — ער טאָר ניט שטיין. ער מוז גיין אָדער פאַרקויפן שטייענדיק. אַזאַ זאַקאָן... אָט קומט איינער אָן מיט טליתים קטנים. די סחורה איז קדוש וטהור. ער האַלט די ציצית אין האַנט און ווייזט זיי. ער רופט: אידן, אביונים, עשירים, קויפט אַ טלית קטן! אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף, גאָט וועט העלפן. — און אידן קויפן. מען מעסט אין דרויסן די טליתים קטנים, פראַנק און פריי. עס ווערט אַפילו אַ טומל, דער איד נעבעך גוואַלדעוועט און טומלט, עס פעלט אים אַ טלית קטן! — מ'האָט אים ערשט באַראַבעוועט. ער שעלט יעדן מיט טויטע קללות. — ברענען זאָל יאַרמעליניץ מיטן יאַריד! קוים פאַרקויפט צוויי און דעם דריטן צוגעגנבעט, אידן, הערן. זיי ווייסן שוין אַז ס'איז יאַרמעליניצער יאַריד! אַלץ גייט. אַלץ לויפט! אַלץ טומלט. עס טומלט בערל פון פעלשטין מיט בייגל, חיים וואָלף מיט בייטשן, יעקב מאיר מיט זשיקייקעס, הירש וואָלף מיט טליתים קטנים, מיכיילע להבדיל טומלט מיט זיינע קאָלבאַסן און חזיר־פּעטס. אַנדרעי מיט זיין טיי — ער שרייט און רופט: — סטאַקאַן טשאַיו, אָדנאַ קאָפּעיקו. איין קאָפּיקע אַ גלעזל. — מען עסט חזיר־בולקעס, הערינג. מען יאָגט, מען קריגט זיך. פערד הוזשען, פערד לויפן, הינט בילן — סוחרים שטעקל־דרייערס שמעקן און שוויצן, גנבים טשאַ־

טעוועז, ס׳איז זייער צייט. טייערע שווינדלערישע קעשעניקעס, פון וואַנען זיינען זיי? גאָט וויסט! מ׳איז פון נאָענט און ווייט. פושעים זענען דאָ אויף דער גאַנצער וועלט...

איך בין אויך אינם טומל, טראָג די בולקעלעך, רוף קונים — לייז געלט. איך חשבן. אָט אָ לײדיק איך אויס ס׳קוישל, ס׳איז אַ זייטיק פאַר־דינסטל. דאָס איז טאַקע ס׳פאַרמעגן פון יענער אידענע, וואָס האָט זיך געקלאָגט אינעם גרויסן רעגן אַז זי האָט נעבעך דעם פינצטערן יאַריד. איצט האָט זי אויפגעלעבט. איך פאַרקויף פאַר איר אַ טייל געבעקס. אַלע דריי בחורים פאַרקויפן. זי באַצאָלט באַלד אַ צענער פון קערבל, געלייזט דריי קערבלעך איז דאָ דריי צענערס. אַ גאַנצער גילדן... — עס וואָלט שוין ניט געווען אַזוי שלעכט, מ׳איז אין הו־האַ, מען האַנדלט, מ׳איז אַ טייל פון יאַריד. אָבער, איך, בערל, מיין האַרץ ציטערט. איך בעט ביי גאָט עס זאָל מיך ניט דערזען אַ פעלשטײנער. מער וועט מיר ניט פעלן!... מי יודע, מיינע חברים קענען מיר נאָך אויסוואַרפן און מיר נאָכקרימען ווי איך האָב גערופן, געשריגן צו קונים: זעקס בייגל פאַר אַ צענער, צוויי בולקעלעך פאַר אַ דרייער...

איך אַנטלויף ממש פאַר דער ליכטיקער שיין, באַהאַלט זיך אין דמיון קעגן שטן. קעגן מענטשן פאַר וועמען איך וועל דאַרפן שטיין צו משפט פאַר מיין חטא... וואָס איז גאַרניט קיין חטא. עס העלפט אָבער ניט מיין אויסבאַהאַלטן זיך, עס גיט מיר אַ טיאַך אין האַרצן, איך דערהער ס׳קול פונם ערעשטן פעלשטײנער. דאָס איז יעקב סראָעל אהרן נאָטעס אַ זון, אויך אַ געוועזענער קאַלעכניק — זינט ער האָט חתונה געהאַט און געקריגן נדן איז ער געוואָרן אַ באַקאַליינער קרעמער מיט אַ קלייטל אין מאַרק. ער איז גראָד אַ אָפּגעהיטער, גייט ריין אָנגעטאָן, איז אַ קלוגער און האַלט זיך פאַר אַ וועלטלעכן ווייסער. קיין למדן איז ער ניט, אָבער געלערנט אין אַ חדר האָט ער. ער קען זיך אַ דריי טאָן צווישן בית המדרש בחורים... — ער ברעכט די הענט, אגב איז ער מיין פאָטערס אַ געוועזענער תלמיד. ער שטוינט, פרעגט, — דו בערעלע? דו מיט בולקעס אין מאַרק? אין יאַרמעלינעץ? — ער האַלט אין האַנט אַ טלית. אַ נייעם. איך — ס׳קוישל בייגל. ער הייסט עס מיר אַוועקשטעלן. ער וויל וויסן: וואָס טוט זיך דאָ? צוויי ווערטער, — צי ווייסט דער טאַטע מיינער דערפון? — איך ווײַן ממש. איך זאָג אים דעם אמת: דער טאַטע האָט מיך קיינמאָל קיין יאַרמעלינעץ ניט געלאָזט פאָרן, איך וויל זען וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איך וויל מאַכן עטלעכע קערבלעך. איך בין שוין ניט קיין אינגעלע. — ער פאַרשטייט מיך. אָבער ער טענהט: — פאָלג מיך, בעראַלע, סע פאַסט ניט פאַר דיר. אפשר ביסטו גערעכט. געלט פאַרדינען איז ניט קיין שאַנדע, אָבער אָן דעם טאַטנס וויסן, זע נאָר ווי ביסט צעווייקט און צעקנייטשט. פאָלג מיך, טאָמער האָסטו ניט אויף הוצאות, נאַ דיר אַ פערטעלע און איך וועל צוגיין צו יונה בעל עגלה

אָדער צו שמואל נענציס, זיי זאָגן אַז ער זאָל לאָזן פאַר דיר אַן אָרט. איך וואָלט מיט דיר אויך אַהיים געפאָרן, אָבער איך דאַרף איינקויפן. אַט האָב איך ערשט געקויפט אַ טלית פאַר חיים מאַליס, אַן אַנטיק. אַט גיי איך קויפן תפילין פאַר מיין משהן. איך דאַרף אַזוי פיל זאַכן איינקויפן, אַז דער קאָפּ איז ניט מיינער!... — אין די רייד קומט אָן דער טשאַרנאָ־אָסטרעווער בחור, ער זוכט מיך. וואָס איז? איך דאַרף באַלד לויפן אין דער בעקעריי, חיים הירש איז בייז, מען צערייסט אים ממש, וואו איז מען, שרייט ער? — טאַ גיי לויף און נעם צוואַנציק טוץ בייגל און צעטייל זיי. יעדן פיר טוץ... — איך הער און שטיי אין געהאַקטע וואונדן. וואָס טוט מען, איך זאָג מיין קאָלעגע וועט דער מענטש איז. ער אַנטלויפט ממש, — ס׳איז יאַריד, וועסט כאַפּן אַ פּסק, יעי באַגו! — שווערט זיך דער בחור. איך זאָג צו יעקב ישראלן אַז איך וועל אַהיים פאָרן מאָרגן־איבערמאָרגן. איך בעט אים ער זאָל ניט זאָגן דערוויל דעם טאַטן, איך געזעגן זיך מיט אים, לויף אין בעקעריי, קריג אַ פּסק אָבער איך טו מיין אַרבעט. איך זאָג דעם אמת. עס נעמט ניט לאַנג — איך הויב אויף מיינע אויגן, איך האָב בלויז מיט זיך פיר טוצן בייגל צו צעטיילן. אָבער עס שטייט שוין פאַר מיר שמואל בעסאַראַבטשיקס, אגב שמואל לאַנדוי, וואָס איז געווען אַ למדן, אַ משכיל, אַ מוכר תבואה. אַפילו געשריבן אַמאָל אין הצופה — וועגן אַ געוויסער מחלוקה אין פעלשטין. ער איז געווען דער גואל פון די בית המדרש בחורים. אַ ידיד צו מיין פאָטער און צו אונדז קינדער. ער פרעגט און טענהט:

— רבונו של עולם, בערעלע קינד, וואָס טוסטו צום טאַטן? דו ווייסט אַז טוסט אים אָן צער. דו בערעלע זאָלסט אַזוינס אָפּטאָן? האָסט דאָך מיך ערשט יענע וואָך געפרעגט אַ שטיקל גמרא און איצט??... אויב שוין יאָ אין יאַרמעליניץ צו פאַרדינען עפּעס, האָסט דאָך געקענט אַריין אין אַ קליט פון שניט, פון צעלגע, פון געפּעס, ווי אַ מענטש — רייך, שיין אינעווייניק, בכבודיק. ווייסט דער זיידע דיינער אַז?...

איך שטיי און וויין פאַר אים מיט ביטערע טרערן. אויך ער טראָגט אַ פּעקל שווייצער קעז. ער זאָגט מיר אַז דעם קעז האָט ער געקויפט פאַר פייגע שואלס אַן אַלמנה, זי פאַרקויפט ביר, אַ שטוב וואו מען בייסט צו. זי איז אַ אשת חיל, האָט פיינע קינדער. — נו, מילא, — האָט ער עס פאַר איר געקויפט. ער האָט נאָך אַ מיסיע. ער גייט זוכן אַ ספר־תורה — פאַר דער קלויז. ער דאַרף זיך באַגעגענען מיט פּיני גרשנס, ביידע, הייסט עס, דאַרפן מאַכן די קניה... אָבער ער קען מיט מיר מער ניט שטיין דאָ אין מיטן מאַרק. ער באַשליסט קאַטעגאָריש, ער שטופּט מיר אַ האַלב קערבל, למעה״ש, אַט האָסטו געלט, פאָר אַהיים איידער דער טאַטע דערזעט דיך דאָ...

איך פרעג אים, — ר׳ שמואל, איר וועט דאָך געוויס דעם טאַטן ניט דערציילן! — אָבער דאָ האָ טמיך באַגעגנט יעקב ישראל אהרון נטעס!...

— אַזוי? נו ביסט שוין אַ פּאַרטיקער! דער טאַטע וועט באַלד זיך

דערוויסן!... — איך פרעג אים, וואו איז ערגעץ דער פישמאַרק? — ס'אַ מהלך, בערעלע, דער פיש מאַרק איז אין עק שטאָט. צו צפון זייט, עט עט... ס'אַ מהלך — ווי פון די דריי הייזער ביז צום פעלשטינער וואָלאָסט!... — ענטפערט ער מיר דרייסט...

איך גיב אים די האַנט, אַז דאַנערשטיק וועל איך אַהיימפאָרן. איך מוז, הייסט עס, כאָטש אָפּזיין אַ האַלבע וואָך...

ווען האָב איך געקענט דערציילן מיין צער? ווי אַזוי זאָגט מען דעם ר' חיים הירשן וואָס איך גיי דאָ טאָן! ווי געזעגנט מען זיך מיט דער צביהן, די דינסטמיידל? און טאַקע די באַלעבאָסטע! זיי האָבן דאָך מיר באמת ניט געטאָן קיין שלעכטס. היינט די צוויי בחורים, חברים „פּאַ ניעשטשאַסטיו"... זיי זיינען דאָך אויך געווען גוט צו מיר. אחוץ דעם בעקער־יונג, וואָס האָט געסטראַשעט מיט פּעטש אַז מ'עט אָנרירן זיין האַנטוך, אָבער בכלל איז עס פריקרע, מען קען מיך חושד זיין אַז כ'האָב געמאַכט אַ ויברח... און ווי הייסט מען זיך באַצאָלן אין מיטן דרינען פאַר אַ האַלבער וואָך, בעת זיי דאַרפן מיך שטאַרק האָבן? און ווידער, ווי קערט מען זיך אום אַהיים פון יאַרמעלינייץ און ניט זען די חי"ת קלייטן? ניט זען, די גרויסע סאַמאָווארן. די זעלטענע פּוטערנע טולופּעס, די גאָלדענע זייגערס. די שניט קראָמען, די שיך געשעפטן, די אַכסניות, די בתי־מדרשים, די חסידים־שטיבלעך, די פערדטאָרגאָווצעס, די קאַליאַסן, די קאַצאַפּעס, די טערקן, די טאָטערן, די נאַטשאַלסטווא, און טאַקע פאַרוואָס ניט זען דעם פעטער בערל, מיט זיין ציגעלנע? ער איז דאָך אַ גאַנצער פאַניבראַט מיטן אַפּטייקער. אַזאַ יחסן... און חוץ דעם האָט דאָך דער פעטער שוין צוויי טעכטערלעך, איינע כמעט אין מיינע יאָרן. זיי זענען דאָך שוין געווען אין פעלשטין עטלעכע מאָל. איך בין דאָך ביים פעטער בערל אַ חשוב בחורל... — ער לאָזט מיר איבער אַ צענער ווען ער פאָרט אַהיים.

יאָ, דער קאָפּ קערט זיך מיר איבער. איך זע אַלץ אין דמיון. איך ווייס אַז די זאַכן — די אַנטיקן — די מענטשן זיינען דאָ. איך בין אַזוי זיכער אין דעם ווי איך לעב. און דאָ אַזאַ צרה! אַ זינדיקער מענטש געוואָרן. און ווער ווייסט ווי אַזוי איך וועל נאָך אָפּשניידן מיטן זיידן? ער וועט דאָך גאָר מאַכן אַ געוואַלד, ער וועט מיך ממש פאַרשעלטן פאַר מיין אויפטו ער וועט זאָגן אַז איך טרייב אים פאַר דער צייט חס ושלום אויף יענער וועלט. און די צוויי שוועסטערלעך מיינע? זיי וועלן דאָך וויינען מיט ביטערע טרערן למאי איך האָב זיך געלאָזט אַליין אָן אַ זיי־געזעגנט. דערהויפּט מיין עלטערע שוועסטער רייזע, זי וועט דערזען מיין הולך, מיין קנייטשיק העמד און מיינע צעקנייטשטע מלבושים... און אַפילו זיי זאָלן איינזען מיין ציל, און מיר וועלן פאַרגעבן, וואָס טוט מען דאַן? וועל איך זיי כאָטש האָבן וואָס צו דערציילן?

איך האָב אין מיין שטילן קאַמף מיט זיך אַליין ענדלעך באַשלאָסן, אַז

וואָס עס זאָל ניט געשען מוז איך פריער זען דעם טאַטן ביי זיין טאַפּטשאַן וואו ער פאַרקויפט די פיש. סיי ווי קען איך מיין טעות ניט פאַרריכטן. בעסער פריער איידער שפּעטער. איך וועל אים זאָגן דעם אמת, — איך בין גרייט: יעבור עלי מה. קיין גניבה בין איך חס ושלום ניט באַגאַנגען. איך ווייס ניט עד היום פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ געוואַגטער באַשלוס בייצושטיין מיין פאָטערס מוסר און מי יודע, אַמאָל קלעפּ אויך. — כאָטש געוואוסט האָב איך, אַז זינט איך בין געוואָרן אַ בית המדרשניק, האָט ער קיין האַנט קעגן מיר ניט אויפגעהויבן.

עס איז דאַן געווען אַזייגער איינס. איך האָב אָפּגעטראָגן די לעצטע צוויי טוץ בייגל צו דער מאַמע מיט דער טאָכטער, וואָס האָבן אגב דווקא ביי מיר נושא חן געווען. זיי האָבן דערפילט אין מיר עפּעס אַ געביטנקייט, מיין זאָגן אַז איך ווייס ניט אויב איך וועל היינט קומען צוריק, האָט זיי עפּעס געגעבן אַ רמז אַז היינט איז מיין לעצטער טאָג...

איך האָב זיך געלאָזט גיין צו מיין בעקעריי מיט צוויי ליידיקע קיישלעך, די זון האָט דאַן מילד געוואָרעמט. דאָס געדרענג צווישן די פורן און גע־שטעלן האָט מיך ניט געאַרט מער, איך בין ווי אויפגעבונדן געוואָרן פון אַ שווערער פּעטליע,... מיינע אויגן האָבן זיך ווי אויסגעלייטערט, די מענטשן וואָס איך האָב באַגעגנט האָבן עפּעס פאַר מיר דערשיינט ווי וויכטיקע גע־שטאַלטן. ווי זיי האָבן באמת אַ ציל אין לעבן און זייער געיעג אויפן יאַרמע־ליניצער יאַריד האָט אַ אמתן ציל: עס האָבן זיך פּלוצלינג דערהערט קלינגע־רייען און יאָגערייען. מען הערט — פּאַזשאַר! פּאַזשאַר! נאַ באַק! נאַ באַק! אין גאַלאָפּ לויפן אָן אוראַדניקעס אויף די פערד, זיי קאָמאַנדעווען מיט די דע־סאַטצקיס, שרייען „נאַ באַק!“ אָן אַ זייט, הייסט עס. עס ברענט ערגעץ. די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע מיט די גלאַנציקע דאַשיקעס ציען דעם וואָגן, אידן, גוים, היימישע און פרעמדע, זענען אין טויט־שרעק. עס ברענט! וואו ברענט? אָט אַ אויף דער טאַרגאָווּלי פון די פערד. ערגעץ אין אַ שטאָל האָט עמעצער אַרונטערגעוואָרפן אַ ציגאַרעטל. מען לויפט ווי ווילדע, פערד הירזשען און שטעלן זיך דיבאָם פאַר שרעק פון די געקלינגעריי און יאָגעניש, איך בין שוין אויך אין געיעג. אָבער — ס'איז אומזיסט. מ'האָט דאָס פייער דערשטיקט באַלד. איך דאַנק גאָט וואָס ס'איז מיט חסד און לאָז זיך גיין צוריק אַ צערודערטער. אין געדראַנג פון המון, די קולות פון די חיות באַגלייך מיט מענטשן אַרום זיי, איז שוין געווען אַ נאַטירלעכער אָפּקלאַנג, ווי אַ צווילינג מיט פעלשטינער יאַרידים, וואָס זענען אויך ניט קיין צוויי פאַר אַ גראָשן... מען מעג וויסן אַז פעלשטין האָט אויך געהאַט עטלעכע יאַרי־דים אין יאָר וואָס האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג. אָבער איך בין זיך אַליין מודה, אַז יאַרמעליניצער יאַריד איז עפּעס אַנדערש. עס איז ניט בלויז פאַנ־טאַזיע. אַפילו די קלויסטערס זענען אַנדערש. די גלעקער האָבן אַן אַנדער געקלאַנג ווען מען קלינגט אינעם נאָמען פון זייער דערלייזער. עס פאַר־

דריסט מיך וואָס די צייט איז קורץ און בין ניט דער בעל זוכה זיך צו קענען געבן אַ דריי!... איך בין דאָך מרדכי יוזיפס אַ זון...

ווען איך האָב ענדלעך זיך דורכגעשפּאַרט אין גערדרענג מיט די צוויי קוישלעך אַריינצוגיין אין דער בעקעריי, איז מיר אַנטקעגן געלאָפן וועלוועלע טשערנאָסטרעווער און אַ כאַפּ געטאָן בײַ מיר די קיינלעך. איך פרעג אים, וואָס איז געשען וועלוול? ער ענטפערט מיט אַ וואָרנונג, ווי צערודערט:

— גיי ניט אַריין, בערל, אין בעקעריי, צי אָפּ! דאָרטן וואַרט פאַר דיר עפּעס אַ איד מיט אַ רויטער באָרד. ער זוכט דיך. ער רעדט מיט חיים הירשן, און עס טומלט זיך וועגן דיר...

איך האָב אין דער מינוט פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז זיין אייזיק משה יואלס, דעם טאַטנס אַ שותף. מיר איז דווקא גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן. איך האָב געקלערט אַז ערשט פאַר ר׳ אייזיקן וועל איך אַלץ קלאָר מאַכן, ער איז דאָך אונדזער שכן. אַ קרוב. איך פלעג דאָרטן איבערליגן, זיין ווייב וויטע איז מיר ממש געווען ווי אַ מאַמע. זיי זיינען טייערע מענטשן — קאַלעכניקעס, דער טאַטע מיינער איז ביי זיי ווי אַ גאָט. אייזיק האָט אין זיינע יונגע יאָרן געאַרבעט אויפן פּרעסיפ אין אָדעס ביים לאַדן די וואַגאָנען תבואה, קיין למדן איז ער ניט געווען, אָבער אַ קלוגער איד און קען גראַד אַביסל רוסיש און האַלט זיך ווי אַ וועלטלעכער איד. לייענט אויך אַמאָל דעם „אָדיעסקי ליסטאָק“ בשותפות מיט זיין שוואָגער לייביש. אָט דער אייזיק איז שוין דעם טאַטנס אַ שותף אַ סך יאָרן. און ניט איינמאָל האָט אייזיק מיט וויטיען זיין אשת חיל, אונדז געראַטעוועט פון קלעפּ, ווען מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט קעגן אונדזער פאָטער. ווען איך האָב דערזען אייזיקן איינטענהן מיט חיים הירשן, — האָט זיך מיין האַרץ שיעור אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך ניט גערינכט, אַז צווישן די צוויי אידן — בעלי גופים, איז באַשלאָסן געוואָרן למעה״ש אַז איך בערל וועל אויס בעקער, אַז ר׳ חיים הירש איז גרייט מיר צו באַצאָלן אַ גאַנץ קערבל פאַר דער האַלבער וואָך. איך האָב פאַר די ביידע אידן זיך געפילט ווי אַ שולדיקער... אייזיק האָט מיך ניט געלאָזט ווײַנען. — גענוג! דער טאַטע האָט מיך געבעטן איך זאָל דיך נעמען צו אונדז, האָסט דיך ניט וואָס צו שרעקן! ביסט פאָרט אַ קינד. נישקשה מעגסט אויך זיין אויפן יאַריד! ס׳איז ניט קיין פאַרברעכן!

ר׳ חיים הירש האָט אַרויסגענומען פון קעשענע פיר פערטעלעך און זיי מיר דערלאַנגט. מיר געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע, און געזאָגט, — שרעק זיך ניט בערעלע, הלוואי ביסטו מיין קינד! האָסט ס׳קערבל כשר פאַרדינט! — ער האָט מיר אָבער געהייסן פאָרן און צו קומען נאָכאַמאָל זיך געזעגענען מיט זיין חיה־לאהן, זי איז אַרויסגעגאַנגען עפּעס קויפן... — איך האָב עס אים צוגעזאָגט און ניט געהאַט דעם קוראַזש צו גריסן צביהן זייער דינסטמיידל, זי איז הפנים אויך געגאַנגען מיט דער באַלעבאָסטע...

מיט ר׳ חיים הירשס ברכה האָב איך זיך געלאָזט גיין מיט ר׳ אייזיקן צום פישמאַרק, צום טאַטן וואָס איז בייז וואָס האָט צוגעזאָגט אייזיקן אַז ער וועט ניט איבער מיין עוולה צעדרייען דעם יאַריד. יאָ, יעקב ישראל האָט אים אייזיקן איינגערוימט דעם סוד, אַז איך בין דאָ. אַז דער טאַטע זאָל ניט וויסן... אָבער צווישן דעם טאַטן מיט אייזיקן האָט ניט געטאָרט זיין קיין סודות...

ווי אַ שולדיקער שטיי איך פאַרן טאַטן. איך זע זיין צער. ער האָלט די הענט פאַרלייגט ווי אַן אבל, איך בין געקומען אויף זיין בייז וואונדער... — טענהט ער שטיל. — איך האָב וויניק צרות! האָסטו זיי מיר געבראַכט אויפן יאַריד... קוק זיך אָן! קוק מיך אָן!... — איך זע אים שטיין אָן זיין זשאַקעט. ער איז מיד, זיין רעכט שוואַרץ אויג איז אים פאַרפלאָמט מיט בלוט. גאָר אָפּט געשעט עס ביי אים. אייזיק האָט איבערגענומען די שטעל, עס שטייען אין אַ שערענגע צען פישפאַרקויפער, עס שטייען נעבן זייערע טאַפּטשאַנעס אָנגעפילטע זעק מיט טשיכאַן און כלערליי זעלטענע פעטע גערויכערטע און דאַרע פיש. איך האָב קיין מאָל ניט געזען, קיין פעלשטינער קרעמל האָט זיך אַזאַ סחורה ניט דערלויבט צו קויפן. עס טומלט זיך. מען וועגט אויף די גרויסע שטאַנגען גאַנצע פודן, האַלבע פודן, צענער פודן — די סוחרים קרעמערס לויבן זייערע סחורות — דאָס זענען פיש ווי פון יענער וועלט! פיש ווי אַנגעגאָסן מיטן בעסטן הייל, ממש ווי דער לויתן. זיי שמעקן טאַקע אַוועק פון די קוישן און רייצן די אַפּעטיטן פון די קונים. זיי וויסן אָבער נישט אַז מן הצד שטייט דאָ אַ טאַטע מיט אַ זון און קלאָגן אויף מי יחיה?... אָבער פאָרט אַ טאַטע, וואָס פילט און ווייסט דעם ווערט פון כרחם אב... — ער פרעגט וואָס עס טוט זיך אין דער היים, צי ווייסט דער זיידע אַז ביסט דאָ? צי בין איך הונגעריק? ער נעמט זיך צו דער קעשענע, דערלאַנגט מיר אַ צענער, — נאָ גיי קויף זיך עפּעס. — איך וויל ניט נעמען ס׳געלט, איך האָבן אייגן געלט, אַ טאַטע, איך האָב פאַרדינט אַ גאַנץ קערבל. אָט זענען די פיר פערטעלעך. — נו, יאָ, — זיפצט ער אָפּ. — נעם באַהאַלט זיי. פאַרליר זיי ניט. און נאָ דיר דעם צענערל. גיי דריי זיך אַביסל אַרום. אָט אַהין אַרויף וועסטו זען די קליימן, אָבער ווער ניט פאַרבלאָנדזשעט, קוק זיך אַרום. קויף דיר עפּעס אַז דו ווילסט... — ער כאַפּט זיך צוריק, — ניין, ניין! קויף ניט. איך וועל דיר מירצעשעם ברענגען אַהיים. וואָס גאָט וועט געבן, זאָל ער אונדז צושיקן הצלחה אויפן יאַריד. מירצעשעם מאָרגן וועסטו פאָרן אַהיים מיט יונה בעל עגלה...

ער טרעט צו ענדלעך צו זיין געשטעל. אייזיק גיט אַ קונה „זדאַטשע". ער לאָזט שוין דעם טאַטן רודעווען און נעמט זיך צו מיר... איך פאַרשטיי אים שוין שטומערהייד, זיין רמז איז פאַר מיר קלאָר ווי דער טאָג. איך שפּאַן פאַמעלעך אַוועק. אָבער איך קען עפּעס ניט קוקן אין די אויגן די איבריקע פעלשטינער אידן. איך הער פאַלן אַ וואָרט פון דעם פעטער וואָלף... —

נו, בערעלע, כאַפּט זיך וואָלף אליהס אַרויס מיט אַ פּראַגעלע, ביסט שוין אויך אויפן יאַרמעליניצער יאַריד? — אַ צווייטער ענטפערט — פאַרוואָס ניט. ער מעג אויך זען ווי מיר זקאָבן דאַ גאָלד ביי די פּיש... — זיי זאָגן דאָס לגנאי, איך ווייס עס. איך שווייג. און ס'איז מיר גראָדע גרינגער אויפן האַרצן. מיינע אידן. אונדזערע קאַלעכניקעס. דעם טאַטנס פריינט, שותפים. וואָס פאַר אַ שלעכטס קענען זיי מיר טאָן? — אויך זיי זענען איינשטימיק אַז כ'מעג זיך אַביסל דורכגייך, זיי גיבן מיר רשות!... היינט ביי מיינע עלטערע יאָרן פאַרשטיי איך זיי גרינטלעך, איך זע זיי אַזוי קלאָר און פאַר־שטיי זיי. און דערפאַר זענען זיי מיר ליב און טייער. אָבער זיי זענען מער ניטאָ, חרוב געוואָרן פעלשטין, חרוב געוואָרן יאַרמעליניץ, פּראָסקוראָוו, שאַראַפּקע, טשערנאָאָסטראָוו, מיקאָלייעוו, קוזמין און טאָקע גאַנץ אוקראַינע און פוילן חרוב ונחרב געמאַכט. אַזאַ ישוב וואו אידן לומדים, סוחרים, גאונים, משכילים האָבן געשמט, מ'האָט זיך געוויקט אין תורה, אין סחורה, אין מעשים טובים. הגם אין גלות, אָבער, ווי גאָט האָט געבאָטן. מ'האָט דערצויגן קינדער — טעכטער, זין. בתי מדרשים האָבן זיך געוויקט אין קדושה. אָבער היינט, וואו הערן זיך די זעלטענע טענער פון די יונגע בחורים ביי די אָפענע גמרות, וואו געפינט מען אַזעלכע הערלעכע פשוטע אידן ווי חיים הירש בעקער? און אייזיק משה יואלס, און מערדכי יוזיפס? מיין טייערן טאַטן, דעם קלוגן און תלמיד חכם. זיי, די פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן מיט אַ שפּיז דורכגעלעכערט זיינע קינבאַקן און ער איז נקבר געוואָרן אין וואָלאָמין, פוילן, לעולם האמת איך זע נאָך אידן אין יאַרמעליניץ, מיט זיידענע זשי־פּעצעס, מיט שטריימלעך, און בכבודיקע בערד, זיי מישן זיך אויס מיטן המון... קדושים וטהורים. דאָס ערב־רב ווערט געלייטערט דורך זיי. אָן זיי וואָלט יאַרמעליניצער יאַריד ניט געהאַט קיין טעם!... איך האָב זיך אַמאָל געוואונטשן מיט זיי אין מיין אַלטער היים זיך ווען עס איז באַגעגענען, געטראַכט, זאָלן זיי כאָטש זען דאָס געשטאַלט פון אָט יענעם אַמאָליקן אינגל דאָרט און דאָרט!...

לצערי איז עס בלויז געווען אַ חלום!... אָבער איך דאַנק און לויב השי"ת וואָס ער האָט מיר געגעבן כח און גייסט צו פאַראייביקן אַ זכרון פון יענע קדושים, נאָך וועלכע מיר וועלן אייביק טרויערן, אייביק, עד ביאת המשיח!...

# II

# אָפּקלאַנגען פון דער אַרבעטער־
# באַוועגונג אין אַמעריקע

# די „טרייענגעל ווייסט קאָמפּאַני״

### מיינע זכרונות אַלס אַרבעטער אין דער גרויסער היסטאָרישער פאַבריק, די „טרייענגעל ווייסט קאָמפּאַני״, אין גרויס ניו־יאָרק, אָנהויב 1906

געשריבן פאַרן אידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט (ייוואָ) אין ניו יאָרק.

פינף צענדליק יאָר זיינען שוין פאַריבער זינט איך האָב איבערגעטראָטן די שוועל פון דער היסטאָרישער פאַבריק באַוואוסט אַלס די „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני״. דאָרטן איז געשען די גרויסע קאַטאַסטראָפע, די גרעסטע שרפה וואָס האָט אומגעבראַכט און פאַרשרפהט 147 לעבנס, פונקט אין אַ שבת בייטאָג דעם 25טן מערץ, 1911.

---

מאַקס סטויער, דער אַמאָליקער באַרימטער אַדוואָקאַט האָט אין געריכט פאַרטיידיקט די רייכע צוויי בעלי־בתים — העריס און בלאַנק. דער משפט האָט גענומען אַ לאַנגע צייט, ביז זייער באַפרייאונג. אָבער איך וועל וועגן דעם דאָזיקן משפט שרייבן שפּעטער. היום יום איז מיין מיסיע צו שילדערן דאָס קאַפּיטל פאַר דער געשיכטע פון די איצטיקע דורות. אָפּשפּיגלען דעם אַרבעטערס לעבן אין אַמעריקע מיט פופציק יאָר צוריק אין די גאָר גרויסע שוויץ פאַבריקן פון שניידער פאַך, און שליסן אַ סך־הכל פון דעם אַרבעטער אַמאָל, אָנהייב 1900 און דעם אַרבעטער היינט, מיט די גרויסע צעוואַקסענע יוניאָנס אין די פאַראייניקטע שטאַטן ביז 1960.

יאָ, אָני הגבר, איך בערל בוים, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַינע אין דעם שטעטעלע פעלשטין, פּאָדאָליער גובערניע, ביי אַ טאַטן וואָס האָט געדאַרפט ציען חיונה פון דריי פרנסות: קודם אַלס מלמד, דערנאָך אַלס קאַלעכניק, וואָס האָט פאַרקויפט דעם קאַלך אין מאַרק לאחדים אויף אַ טאַפּטשאַן, מיט דער מאַמעס הילף... דאָס דריטע גליק איז געוועזן, וואָס דער טאַטע פלעגט קריגן אַ פינף און צוואַנציקער אַ יאָר פון בית מדרש פאַר זיין דער בעל קריאה...

אַ סברא, אַז ווען די אַלע דריי פרנסות וואָלטן אַנגעגאַנגען בשלום, יאָר איין יאָר אויס, וואָלט מיין טאַטע קיין עושר ניט געבליבן. אָבער אַ כונה האָט אונדזער טאַטע געהאַט: — אויסהאָדעווען זיינע זיבן קינדער צו גאָט און צו לייט... אָבער מיר די דריי בית־מדרש בחורימלעך האָבן סיי ווי

געמוזט אויסוואַנדערן אין דער גרויסער וועלט כדי צו געפינען עפּעס אַ שטיקל תכלית. איז מיין גורל געווען אָנצוקומען קיין ניו יאָרק אין יאָר 1906, — סך הכל אַ פּערצן יאָריק אינגל, צו אַ משפּחה און עלטערע צוויי ברידער, יונה און הירש. זיי האָבן מיך מיט מיין עלטערע שוועסטער רייזע געבראַכט אַהער אין דער גאָלדענער לאַנד, בעת זיי זיינען נאָך אַליין געווען ממש אין די גרינע יאָרן: סך הכל צוויי ביז דריי יאָר אין לאַנד.

דער עלטערער ברודער, יונה, האָט מען געשמועסט איז געווען „אַ בעל זכות", ער איז געוואָרן אַ „זאַקראַישטשיק", אַ צושניידער ביי בלוזעס, דווקא אין דער אויבנדערמאָנטער פאַבריק „די טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני". דער צווייטער ברודער, הירש, איז געוואָרן אַן אָפּערייטאָר ביים זעלבן פאַך, אָבער אין אַ קלענערער פאַבריק. הגם די בעלי־בתים זיינען געווען קרובים צו דער „טרייענגל". לויט סברות איז די קליינע פאַבריק בשם „די יעיל ווייסט קאָמפּאַני" געווען אַן אַרויסשפּראָץ פון דער משפּחה בלאַנק.

צופעליק איז מיין אָנקל פישל שוואַרץ, אַ געוועזענער „טרייענגל" אַרבעט־מאַכער, געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון טרייענגלס קרובים און ער האָט גענומען צו זיך מיין ברודער הירש אונטער זיין השגחה. מיין אָנקל האָט אין זיין צייט פאַרזוכט דעם טעם פון זיך לערנען „אָפּריישן" ביי ווייסטן און העמדער דורך הערן־מאַכער „גנאַד" און איז אַרויס פון טרייענגל אַ פאַלנער בעל־מלאכה, מיט חושים צו קענען פירן אַ פאַבריק לויט אַ „סעקשאָן סיסטעם" און מיט חלומות אַליין צו ווערן מיט דער צייט אַ בעל־הבית פאַר זיך...

אָבער איידער וואָס ווער וועמען, איז ער געוואָרן אַ „אינסייד קאָנטראַק־טאָר", ביי דער קליינער פירמע, „די יעיל ווייסט קאָמפּאַני"" אויף 47 ליס־פּענאַרד סטריט. די יונגע בעלי־בתים האָבן אים גוט געקענט, גלידער פון איין טרייד. זיי האָבן געקענט אונדזער אָנקל שוואַרצס פעאיקייטן און זיי מיט מיין אָנקל בתוכם זיינען אַריין אין דעם גרויסן מאַרק פון „מאַנו־פעקטשורן" בלוזקעס. די טרייענגל האָט אָבער געהאַט אַ שם דורך דעם וואָס אַ סך פון אונדזערע פעלשטינער בני ובנות עיר, כ׳מיין לאַנדסלייט, האָבן זיך דאָרטן געפונען לרוב. און האָבן זיך געגרויסט וואָס זיי אַרבעטן דאָרטן טאָג און נאַכט און מאַכן אַ לעבן. אַ מדרגה אין יענער צייט וואָס ניט יעדערער האָט דערצו זוכה געווען...

עס וואָלט כדאי געווען צו דערמאָנען, צו באַשרייבן אָט יענע גרינע יאָרן מיינע, אין די ערשטע טעג בעת איך האָב אַריבערגעטראָטן די שוועל פון מיין אָנקל איציק אויף 47 לודלאָו סטריט, אין די דריי צימערן אויפן צווייטן עטאַזש, מיט קיין עין הרע זעקס קינדערלעך און צוויי באָרדערס... — טאַקע מיינע צוויי עלטערע ברידער, יונה און הירש, און איך דער גרינער מיט מיין שוועסטער רייזע בתוכם, האָבן ברוך השם געציילט צען פאַרשוין, אַ חוץ דער אָנקל מיט דער טאַנטע, בסך הכל צוועלף מענטשן...

אַ גאַנצער טוץ, וואָס האָבן דווקא אין אָט דער ענגשאַפט זיך געפילט

גאַנץ גליקלעך... ווייל וויסן דאַרפט איר אַז מיין אַנקל איציק איז געווען מיין מוטערס ברודער: אַ גוט האַרציקער מענטש, וואָס האָט גראָדע ניט געוואָלט פאַרשקלאַפּט ווערן ביי דער „טרייענגל״ באַגלייך מיט די אַנדערע צוויי ברידער, האָט ער זיך גענומען צו דער פרנסה פון פעדלעריי.

ער פלעגט פירן אַ פושקאַרט מיט עפּל, באַרן, מאַראַנצן און אַזוי ווייטער. אַלע פּרוכטן זיינען ביי אים געווען זיס, אויב ער האָט ביי זיי געמאַכט אַ לעבן... ער האָט, ווי מען זאָגט, דאָס ניט געטאָן פאַר תענוג, אָבער ער האָט דאָס געמוזט טאָן, באַלד ביי זיין אַריבערקומען אַהער קיין ניו יאָרק, מיט צוויי קינדער.

און אַזוי האָט ער געלעבט אין פריידן מיט זיין ווייב בת־שבע, זי האָט אים געבוירן יעדן יאָר אַ קינד... זיי זיינען מזלדיק, פלעגט ער טענהן... און מיר, די פּלימעניקעס, זיינען אויך געווען ביי אים קינדער. פליייש איז דאַן, אין 1906, געווען צען סענט אַ פונט, דריי סענט אַ פּאָמפּערניקל און דריי סענט אַ טאָמעיטאָ הערינג, און אַזוי ווייטער.

— נו, עסט קינדערלעך! איך וועל זיין דער זעלבער גביר, — האָט ער געטענהט אַ גליקלעכער. אָבער ס׳איז דאַן געווען אַ שווערער ווינטער, ווען מיר האָבן זיך אַריינגעשטעלט מיט אונדזער אָרעמען באַגאַזש און אַזוי שמועסנדיק „בסוד סודות״ האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַנקל איציק גייט ביינאַכט שאַרן דעם שניי, כדי אונדז גרינע אויסצוהאַלטן. האָב איך, דער פערצן־יאָריקער בעל החלומות פון ווערן כאָטש אַ דאָקטאָר אין אַמעריקע, אָנגעהויבן וויינען אַז איך וועל גיין פאַרדינען. — „וואָס, ווער, ווען? — האָט משפחה געפרעגט. — ביסט אין לאַנד ערשט עטלעכע טעג, וואַרט צו אַ ביסל, וועסט נאָך צייט האָבן צו אַרבעטן״...

אָבער דאָס איז בלויז געווען לפנים, ווייל אין אמתן האָט מיין אַנקל פישל געמאַכט דעם פינאַלן משפט, אין אַ שמועס צווישן ביידע משפחות, אַז ער נעמט מיך אַריין אין שאָפּ צו זיך צו דער „יעיל ווייסט קאָמפּאַני״ און מיך מאַכן פאַר אַן אָפּערייטאָר און אויס טענות!...

און ליספּענאַרד סטריט איז געוואָרן מיין גאַס. מיין ברודער הירש איז שוין געווען פאַרעכנט פאַר אַ פלייסיקן אָפּערייטאָר. דער אַנקל פישל האָט שוין געהאַט פון אים גרויסע נוצן אין „סעט״. אָבער מיט מיר האָט ער געהאַט אַ פּראָבלעם: איך האָב עפּעס ניט אויפגענומען די דאָזיקע לערע מיט ליבשאַפט... די הענט האָבן מיר זיך ניט געלייגט, איך האָב זיך געפילט ווי פאַרלוירן:

אַט ערשט פון בית מדרש ביי אַ בלאַט גמרא און אַט אין פאַבריק, אַ שטעפּער אויף אַ זינגער מאַשין. — ווי קום איך צו שניידעריי, אַזוי יונג? — כ׳האָב קוים געקענט דערלאַנגען דעם טרעטער, זיך געמוזט איינבויגן אין דרייען צו מאַכן אַ זוים, אָדער אַ נאָט... מען לערנט מיך, ווער ס׳האָט גאָט אין האַרצן. עטלעכע מלמדים האָב איך שוין... מען טרייסט מיך: —

שרעק זיך ניט, טענהט צו מיר רייטשל די „סעמפל מאַכערין" — וועסט נאָך לאַכן פון אונדז אַלעמען, ביסט יונג, וועסט נאָך כאַפּן דעם שניט אין אַמעריקע און דו ביסט אַ געמאַכטער.

און יאָ, אַזוי אַ ווער איך אַן אָפּעריי טאָר, אָבער ניט אין „סלעקטיים". מען לייגט אָפּ די אַרויסהעלפערס, מיך בתוכם. מיין אַנקל הייסט מיך זיין אין דער היים — עסן זאָל איך קומען צו אים, ער קען זיך ניט העלפן, ס'איז סלעק, ער מוז האַלטן די עלטערע אַרבעטער... איך קען עס ניט פאַרשטיין. איך האָב געמיינט אַז מיין אַנקל האָט די גאַנצע דעה. אָבער אַז סלעק ווייסט ניט פון קיין אייגענע, דאָס האָב איך ניט געוואוסט און ניט געקענט תופס זיין — ביז מיין עלטערער ברודער הירש האָט מיר דער־קלערט, אַז די פירמע איז אַ נייע און ער אַליין גייט במחילה פאַרלאָזן דעם אַנקל, און אוודאי וועט ער גיין צו דער גרויסער „טרייענגל", וואו מיין עלטערער ברודער יונה קאַטעוועט מיטן „שאַרטנאַיף" (מיטן קורצן מעסער). דאָרט איז ווי אַ יאַריד, אַ „עולים ויורדים"... און אַ גוטער בעל־מלאכה האָט דאָרטן אַ שאַנס, אַ געלעגנהייט הייסט עס גוט צו מאַכן.

האָב איך שוין מיין ברודער הייסט עס פאַרזאָרגט. און מיט מיר וואָס וועט זיין? — פרעג איך שוין מיין גוטן ברודער הירש:

— אפשר וואָלסטו מיר גענומען מיט זיך אַלס אַרויסהעלפער? —

איז עס אָבער אַ גאַנצע מעשה, זי דאַרף נעמען אַ שיינע עטלעכע בלעט־לעך צו דערציילן, און היות מיין עיקר איז צו דערציילן, שילדערן די „טרייענגל פאַבריק" מיט די מענטשן און בעלי־בתים — וועל איך דערפאַר אויסמיידן אַ גאַנץ פערטל יאָר צרות און לייד און קומען צום עיקר, אַז נאָך דריי חדשים זיך אַרומבלאָנקען בין איך ענדלעך אָנגעקומען אַלס אַרויס־העלפער צו דער טרייענגל דורך זכות אָבות פון די ברידער און לאַנדסלייט.

געדאַרפט האָט עס הייסן, אַז איך קום אַליין בעטן אַ דזשאָב. אַז ס'איז אמת דאָס כ'האָב טאַקע צוויי ברידער דאָ און אַ סך לאַנדסלייט, אָבער איך קום אַליין מיטן געבעט, — איך בלאָנקע זיך שוין אַרום דריי חדשים, — טענה איך צום גנעדיקן פאָרמאַן וואָס האַלט די טיר האַלב אָפן און פרעגט מיך אויס אויף וויפיל דזשאָבס איך האָב שוין געאַרבעט אין אַמעריקע. און כאָטש איך זאָג אים אַלץ אמת, ווייסט ער ניט וואָס צו טאָן מיט מיר. — איך בין דאָך אַזוי יונג, מיט וועמען קען ער מיך דאָ אוועקזעצן? — — —

איך דערשרעק זיך באמת, ווי מען וואָלט מיר געזאָגט, אַז אויך דאָ וועט זיך די טיר פאַר מיר פאַרשפאַרן. אָבער דאָ עפנט זיך אויף דער עלעוויי טאָר און עס קומט אַרויס אַ פאַרשווינדל אַ טשאַקענדיקס מיט אַ בלוזקע אין האַנט, ריין אָפּגעראַזירט און פאַרקאַמט פּינקטלעך מיט אַ שרונט אין דער לינקער זייט. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן אונדז, גיט מיך אַ קוק אַן און דערזעט ווי מיינע אויגן זיינען פייכט.

איך ווייס ניט ווער ער איז, אבער דער פארמאן גיט אים איבער בזה הלשון:

— דער באָיטשיק איז אַ ברודערל צו די בוימס. דזשאָ דער קאַטער איז זיין ברודער. ער ווײנט ער וויל אַ דזשאָב. שוואַרץ האָט אים געלערנט ביי דער „יעיל"...

ער, דער פּאַרשוין מיטן טשאַקענדיקן אויסזען, הייסט מיר אויפהערן ווייגען און גיט אַ זאָג צום פאַרמאַן, ער זאָל מיך אָוועקזעצן לעבן פּאַלין, זי וועט שוין זען וואָס צו טאָן מיט מיר. ער פרעגט מיר דערנאָך, פאַר וואָס מיינע ברידער האָבן אים ניט געזאָגט אַז זיי האָבן אַ גרין ברודערל וואָס דאַרף אַ דזשאָב? — — — האָב איך אים געענטפערט: — זיי האָבן ניט געוואָלט האָבן איבער מיר קיין צרות טאָמער טויג איך נישט, און מען וועט מיך מוזן אָוועקשיקן, וועלן זיי האָבן יסורים...

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און מיר געהייסן אויפהערן וויינען און אײדער וואָס ווער וועמען, בין איך געזעסן אַ דערשראָקענער נעבן אָט דער פּאָלין, אינם גרויסן גערויש פון הונדערטער מאַשינען. ביידע אויפזעער זיינען ווי נעלם געוואָרן. איך האָב ניט געוואוסט ווער די צוויי זיינען? בעיקר דער קלײנער פּאַרשוין מיט די רויטע באַקן און פייערדיקע אויגעלעך. — איז ער דער גאַנצער בעל־הבית? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט. — אויב יאָ, האָב איך ווײזט אויס נושא חן געווען ביי אים??...

איך כאַפּ זייטיקע בליקן צו די אַנדערע אַנצאָליקע מאַשינען, אפשר וועל איך דערזען מיין ברודער הירש? — אָבער איך קער זיך צוריק. מיין פּנים איז איצט געווענדעט צו דער פריילין פּאָלין. — זי גרייט מיר צו די מאַשין. בעת זי פאַרצילעט דעם פאָדים, פרעגט זי מיך אויס: — ווי אַזוי איך קום אַהער, און ווי לאַנג איך אַרבעט, און אויב ס'איז טאַקע אמת, אַז איך בין אַ פּלימעניק צו פּישל שוואַרץ? — זי איז אגב געווען זיין תּלמידה. ער האָט איר נאָך געלערנט מאַכן אַרבל אין 1904. ער איז אַ פיינער איד, בעיקר, ער איז „סמאַרט"... איך הער זי אויס און וויל עפּעס זאָגן, נאָר מיין מויל עפנט זיך ניט. זי פרעגט מיך אין איר האַלב דייטשמעריש לשון:

— וואָרום ריידן זי ניט? — איך ענטפער נאַאיוו:

— איך רייד יאָ... — מיינענדיק אַז זי טראַכט חס ושלום אַז איך בין אַ שטומער...

אָט זיץ איך שוין ביי דער מאַשין. זי ווייזט מיר ווי צו מאַכן פאַלדן אויף אַ זוים, אַ „געידזש", גראָד איז עס מיין אַרבעט. אַ נערוועאישער ציי איך די פאַלדן, זיי גייען ביי מיר אַרויס ניט שלעכט. איך שטעל זיך אָפּ און בעט דער בעל־הביתטע מיינע, זי זאָל אַ קוק טאָן זען צי מיין אַרבעט טויג? זי הויבט זיך אויף און כאַפּט אַ קוק, זי הייסט מיר נייען געלאַסענער...

— נייען זי לאַנגזאַם, ניט געשראָקן, זיי מוזן קיין אַנגסט האָבן... — עס ווערט מיר גרינגער אויפן האַרצן, איך ווער באַפרייט פון אַ קייט, כאַטש אין

אמתן ווערט מיך עפּעס הייס, איך פיל ווי איך בין אָפּגעגאָסן מיט אַ הייסן שווייס. איך כאַפּ אַרויס אַ טיכעלע זיך אָפּצואווישן און דערהער פון ערגעץ מיין ברודער הירשס קול צוזאַמען מיט דעם קול פון דעם פאַרמאַן: — אַט דאָס איז טאַקע דיין אמתער „בראַטאַק"?...

מיין ברודער הירש גיט אַ שמייכל און פאַרוויטלט זיך מיטן ענטפער:

— יאָ, אַט יענער איז מיין בראַטאַק!...

— זע זשע, זאָג אים ער זאָל זיך „באַהיוון", זיין אַ גוד באָי און פאָלגן זיין רבצין!...

מיין ברודער הירש האָט זיך צעלאַכט, ער איז צוגעקומען נענטער, מיר געזאָגט איך זאָל זיך ניט שרעקן, ער האָט געבעטן פּאָלין זי זאָל האָבן מיט מיר געדולד, מיר האָט ער געהייסן בלייבן ביי דער מאַשין ווען די „בעל" (גלאָק) וועט קלינגען פאַר מיטאָג, כדי ער זאָל מיט מיר עסן אָנבייסן. אָפּגערעדט, איז ער אַוועק צום מאַשין עט וויט מיט פינף טישן אַרויף.

זי, פּאָלין, האָט זיך ניט געפילט אַזוי פריילעך וואָס זי דאַרף גראָד לערנען איינעם, וואָס האָט אַ ברודער אַן אָפּערייטאָר. זי האָט אָבער „געפלאַמט". אירע באַקן זיינען געווען רויט ווי קאַרמעזין. זי איז געווען אַ פאַרשוין... עס האָט איר קענטיק ניט געפעלט קיין עסן אין דער אַלטער היים. זי האָט געטראָגן גראָבע ברילן און זיי אָפּט געווישט. אירע געדיכטע בלאָנדע האָר זיינען געווען פאַרקאַמט אַרויף אין אַ הויכער פריזור. פון צייט צו צייט פלעגט זי אַרויסרייסן עטלעכע האָר וואָס קריכן איר אין פּנים אַריין ביז צו די ברילן, דערנאָך אויף שנעל אַרויסגעכאַפּט איר קעמל און מיט אַ בייזקייט פלינק פאַרשאַרט... און זי האָט ווייטער גענייט.

פּאָלין איז געווען אַ האַרעפּאַשניצע: אַן ערנסטע אַרבעטאָרין, און זיך געקלאָגט וואָס מען נוצט זי אויס. מען האָט זי אַוועקגענומען פון מאַכן די „דופּליקייטס" און איר געגעבן אַן אַרויסהעלפער. — וואָס וועל איך האָבן דערפון? — האָט זי שפּעטער זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט, ווען מיר זיינען שוין אַ ביסל היימישער געוואָרן. איבערהויפּט האָט זי אַזוי גענומען ריידן ווען מיין ברודער האָט זיך צוגעזעצט נעבן אונדז אויף אַ פּאָר מינוט, מיטאָג צייט. ער האָט געוואוסט, אַז סוף כל סוף וועט ער מיך פון איר צונעמען. יעדערער פרעגט אים און מאַכט פאַרשיידענע באַמערקונגען, וואָס ער לאָזט זיין ברודערל זיין אונטער פּאָלינס ממשלה... אין דער אמתן אָבער ווייסט זי די גאַנצע לאַגע, אַז מיין ברודער אַרבעט מיט אַ שותף און טאַקע איבער זיין שותף מעקסן קען ער מיך ניט נעמען צו זיך.

מיין אומצופרידנקייט מיט דער אַרבעט האָט גענומען אַרויספּלאַצן מערסטנס ווען איך בין אַהיים געקומען. איך האָב גענומען מאָנען און פרעגן. איך האָב מיט פּאָלין מער ניט געוואָלט אַרבעטן. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך בין דאָרטן ווי אַ יתום. אָט איז מיין ברודער שוין אַ גאַנצער „קנאַקער" ביי דער „טרייענגל" און איך בין ווי פאַרוואָרפן אין דער

פּרעמד... דערצו האָט זיך מיר געדוכט אַז די פינף דאָלער אַ וואָך וואָס איך קריג, איז ניט גענוג! אַז איך בין שוין אַליין אויך אַ גאַנצער קנאַקער און קען מאַכן די פּאַלדן אויף די פּלייצעס אַ סך גיכער ווי פּאַלין... כאָטש אין דער אמתן איז זי געווען אַ באַגאַבטע. זי האָט געקענט פריי שניידן אַ „פּעטערן" און איך, דער גרינער, האָב געמיינט, אַז מען קען שנעל מאַכן די פּאַלדן איז מען שוין אויך אַ שטיקל יחסן...

די פּאַרלייט האָבן מיך ממש געלאָזט אויף הפקר. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי קוקן אַפילו מיין אַרבעט ניט אָן? — אָט דער אייגע־נער פאָרמאַן מיט די קליינע אויגעלעך און היבשע בעקעלעך, מיטן מאָדנעם נאָמען „יעגער" וואָס פלעגט אין אָנהייב מיך טרייסטן און מיר געבן קוראַזש, האָט גאָר ווי פאַרגעסן אין מיר. פּאַלט מיר איין אַ פרעג טאָן פּאַלין:

— היתכן, פאַרוואָס קומט מיסטער יעגער ניט צו צו אונדז? —

זי לאַכט און ענטפערט: — זי זינד נאָך איין אינגל, זי פאַרשטייען ניט ווען איינער אַרבעט אונטער מיין האַנט, מוז ער גוט אַרבעטן... פּאַרלייט היטן בלויז די „באָטשערס".

איך האָב שפּעטער אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס דאָס וואָרט „באָטשערס" מיינט. מיר האָט זיך אָבער פאַרט געבענקט נאָך אַ וואָרט פון איינעם, גוט, צי שלעכט, נאָר זאָגט עפּעס, איגנאָרירט מיך ניט, און ניט איינמאָל געטראַכט:

— וואָס פאַר אַ ווערט האָב איך צווישן פיר הונדערט אַרבעטער? זיי ריידן זיך דאָרט מיטן פאָרמאַן אויף דו, אַפילו מיטן מענעדזשער סעם בערענשטיין איז מען „פּאַניע בראַט"... ער איז דאָך שוין אַוודאי ניט אַבי ווער, ער איז דאָך אַ קוזין פון מאַקס בלאַנק, איינער פון די הויפּט בעלי־בתים פון דער „טרייענגל" און ער איז געווען דער וואָס האָט געהייסן מיך זעצן צו דער אַרבעט — מיינט עס נאָך ניט אַז ער חברט זיך מיט אַבי וועמען...

איך האָב נאַטירלעך געמוטשעט מיינע ברידער זיי זאָלן מיר איבערגעבן ווער עס האָט די גרעסטע דעה אין שאַפּ?... איך האָב עס הפּנים געמוזט וויסן... מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרשיידענע זאַכן וואָס קענען אַמאָל מקוים ווערן... איך האָב למשל געחלומט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל אויך האָבן די זכיה צו שמועסן מיט די פירער... אין דער שטיל ביי זיך האָב איך זיי גענומען אָבזערווירן, שאַצן, און אָפּשאַצן און בין געקומען צום באַשלוס אַז זיי זיינען גאָר ניט קיין גרעסערע מיוחסים ווי פיל פון די אָפּערייטאָרס דאָ. איז אין וואָס באַשטייט זייער כוח דאָ ביי דער טרייענגל? — עס איז דאָך אַ פאַקט אַז קיין סך בילדונג האָבן זיי, די פּאַרלייט ניט, ניט מיסטער הוירש, ניט מיסטער יעגער, ניט סעם מיטשעל, ניט די פּאַרליידי, ניט גלעדיס די טאָקערן, ניט העני סטיינבערג די הויפּט עקזאַמענערין. און אַפילו דער גרויסער אדון הגדול, דער מענעדזשער סעם בערענשטיין וואָס יעדערער האָט פאַר אים געציטערט, אויך ער האָט ניט קיין סך בילדונג... ער קריגט נאָר די באַוואונדערונג וואָס פון אַ ליאַדע אָפּערייטאָרל האָט

ער זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ „פּעטערנמעיקער“, מען שמועסט אַז ער מאַכט שוין אַליין „דעזיינס“, אַז ניט בלויז ווייל ער איז אַן אייגענער האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט אַלס מענעדזשער, נאָר ווייל ער איז אַ פלינקער פאַרשוין מיט אַ שאַרפע קאָפּ און אַ גוט אויג. ער האָט זעלטענע חושים און איינ־פאַלן ווי אַזוי צו פירן דעם אַרבעטער ביי דער נאָז. ער האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון העריסן, דעם בעל־הבית און אָרגאַניזאַטאָר פון דער איצטיקער צעוואַקסענער טרייענגל פאַבריק.

און בסך הכל איז העריס געווען אַ שוירט־מאַכער, אַן אָפּערייטאָר ביי העמדער. און ווי מען שמועסט האָט ער דאָס געשעפט אָנגעהויבן מיט אַ שיבוש... ער איז ממש געגאַנגען אויף זיין חוצפה. — און וואָס איז מיט בלאַנקן? — ער איז דאָך דער גרויסער סיילסמאַן... ס'איז דאָך ניט מעגלעך אַז ער האָט דעם געשעפט אַרויפגעאַרבעט? ניין, און ניין! יעדערער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז העריסעס דערפאָלג...

איך דער יונגער גרינער, האָב זיך גענומען צוהערן צו די אַלע רייד, וואָס זיינען נאַטירלעך אַרויס אין דעם רו־אָרט, וואו אשר יצר פּאַפּיר שפּילט אַ גרויסע ראָלע. דאָרטן האָט מען על רגל אחת אויך גערעדט וועגן פּאָליטיק און וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן, אָבער בשום אופן ניט קעגן די פאָרלייט אָדער די מענעדזשערס. מען האָט זיך פשוט געשראָקן פאַר די ווענט, געציטערט פאַר רכילות, אַז ס'וועט זיך שוין געפינען עמעצער וואָס וועט אָפּטראָגן און אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט.

עס האָבן זיך געפונען אין דער טרייענגל אַרום פופציק פאַרשוין קרובים צו די בעלי־בתים. זיי האָבן שטענדיק אָנגעשטעלט אַן אויער וואו מען דאַרף...

איך האָב מקנא געווען די בערענשטיינס מיט די בלאַנקס, גאַנצע פאַמי־ליעס, שוועסטער און ברידער. זיי זיינען געגאַנגען פאַרריסן מיט די קעפּ אַרויף, האָבן געאַרבעט מיט אַרויסהעלפערס, זיך אויסגעקליבן די בעסטע אַרבעט, זיי האָבן זיך אויך ניט געשראָקן פאַר די פאָרלייט ווי די אַנדערע. אַפילו מיין לאַנדסמאַן חיים זילבערמאַן האָט שוין אויך זיך גענומען פילן ווי אַן אייגענער: ער איז געווען אַ פּלייסיקער אַרבעטער, אַן אַרבל־מאַכער און געאַרבעט ביי העריסן נאָך פון די ערשטע טעג. דורך אָט דעם חיימען, אַ מענטש שוין אין די פופציקער, האָב איך זיך דערוואוסט אַ סך זאַכן. חיים מיט זיין ברודער לייב זילבערמאַן, דער שפּעטערדיקער דר. לייב זיל־בערמאַן וואָס האָט געשריבן סקיצן אין „פאָרווערטס“, האָט אויך געשלאָפט דאָרטן, „געאַפּערייטעט“ צוזאַמען מיט זייער שוועסטער מרימען. זיי האָבן באמת נושא חן געווען ביי העריסן. אָבער די משפחה בלאַנק האָט עס ניט געקאָנט פאַרליידן: — האָבן זיי געלאָזט פאַלן ווערטער וועגן דעם, וואָס אַ ווילד פרעמדער האָט אַזאַ „פול“, אַזוי צו זאָגן...

מיין לאַנדסמאַן חיים זילבערמאַן, וואָס האָט געהאַט אַ סך הומאָר און

געוואוסט, אַז די בלאַנק משפּחה האָבן אויף אים אַן אויג, האָט אָנגעוואונקען די לאַנדסלייט וואָס געפינען זיך דאָרט, אַז ווען מען זעט אין „בית הכסא" אַ ניצוץ פון די בלאַנקס — זאָל מען איינגעמען שטומעניש... ניט אַ שאָרך!...

און חיים האָט אויך נושא חן געווען ביי זיינע לאַנדסלייט. מען האָט פאַר־שטאַנען חיימס כוונות און רמזים...

איך בין אָבער געווען צו יונג. איך האָב געהערט, געזען און געשוויגן. אויבן עמעצער פון די בעלי־בתים איז אַרויף אויף דעם ניינטן פלאָר און זיך אָוועקגעשטעלט אין דער זייט כדי צו כאַפּן אַ בליק ווי אַזוי מען אַרבעט, האָב איך מורא געהאַט אַפילו צו וואַרפן אַ זייטיקן בליק אַהין. די פּאַרלייט פלעגן דאַן אַרומלויפן ווי פאַרסמטע מייז. בעיקר דער הויפּט פאָרמאַן, מר. הירש, אַ שוואַרץ־חנעוודיקער גאַליציאַנער איד וואָס קיין אידיש האָט ער ניט געוואָלט ריידן, סיידן ווען ער איז בייז געוואָרן און ווען ער האָט עמעצן געוואָלט געבן אַ גאָב, דאַן האָט זיך זיין „גאַי און וואַי" צעשטורעמט אויף די העכסטע אָקטאַוועס: — קענסט ביי מיער גאַין אין דער ערד אַראַין, דו סמאַרעק איינער!... איך וואַרף דיך שוין אַראַוס ווי גראַוס די ביזט...

ער האָט אַזש אָנגעהויבן פינען פאַר כעס, ביז ער איז אַרויף צוריק אויף דעם ענגלישן און געהייסן דעם וועמען ער האָט געזידלט זיך צו „באַ־הייוון"... און נאָכגעשריען: — רימעמבער וואָט אַי סעד, בעהייוו יור־סעלף!... — ער פלעגט דאַן אָפּטרעטן און נעלם ווערן. קענטיק ס׳פלעגט אים באַנג טאָן אויף זיין אַקט און עס האָט אים געקאָסט געזונט, סך הכל איז ער געווען אַ דעכיטשלעווער און פלעגט זיך שטאַרק פאַרהוסטן.

אין איין שיינעם טאָג איז ער נעלם געוואָרן. אויס הירש, אויס גאַלי־ציאַנער. — ער איז געגאַנגען אין ביזנעס, — האָט מען געשמועסט.

ווען יעגער און מיטשעל זיינען געוואָרן די הויפּט פּאַרלייט, האָב איך שוין דאַן געאַרבעט דריי חדשים מיט פאַלין און פאַרדינט זעקס דאָלער אַ וואָך. איך בין זיך געוואָרן אַ שטיקל תושב. יעדער האָט זיך מיט מיר אינטערעסירט און מיר אָנגעוואונקען, אַז פונקט ווען הירש איז אַוועק, איז אַ שעת הכושר איך זאָל בעטן אַ רייז, אַ הוספה. מיין ברודער הירש האָט מסכים געווען. אין איינעם אַ פאַרנאַכט, האָב איך זיך פאַרטרויט פאַר יעגערן מיט ציטער אין מיין מויל, אַז היות איך אַרבעט שווער — — — — בקיצור, ער האָט מיר צוגעזאָגט נאָך אַ דאָלער אַ וואָך. איך האָב זיך גע־פרייט און אים באַדאַנקט. ער האָט מיר אַגב געזאָגט, אַז פאַלין קריגט ניט מער ווי צוועלף דאָלער אַ וואָך. ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז איך האָב געבעטן אַ הוספה, האָט זיך אין איר אָנגעצונדן אַ פייער: — איך, אַזאַ גרינער, זאָל וואַגן גיין בעטן אַ „רייז" נאָך אַן איר וויסן... אַזאַ גרינהאָרן, סאָם נוירוו!...

בסך הכל האָט זי גאָר געדאַרפט נעמען אַ רייז, און איך בין איר גאָר

פאַרלאָפן דעם וועג... נייִן, און נייִן! זי וועט מיט מיר מער ניט אַרבעטן, אַפילו ווען עס געשעט „ווייס איך וואָס"...

— סטייטש פּאַלין, וואָס רעדט איר? איך האָב דאָך אייך ניט געוואָלט קיין שלעכטס טאָן, — האָב איך געטענהט, — איך האָב אייך שטענדיק רעספּעקטירט... ס'האָט ניט געהאָלפן, עס איז אָנגעקומען צום פאַרמאַן. אויך ער האָט זיך באַמיט איר צו באַרואיקן, אָבער זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, איינמאָל נייִן און נייִן: — איר קענט זיך צונעמען בערלען צו זיך, אָדער זאָל אים זיין ברודער נעמען, איך אַרבעט מיר אַליין!...

איר עקשנות האָט גורם געווען, אַז פּונקט אויף מאָרגן בין איך שוין געזעסן מיט מיין ברודער מאַשין צו מאַשין און עס האָט אויסגעזען אַזוי נאַטירלעך ווי איך וואָלט שוין דאָרט געזעסן אַ לאַנגע, לאַנגע צייט.

יעדער לאַנדסמאַן האָט מיר געוואונטשן גליק. איך אַליין האָב זיך אָבער שטאַרק ניט געפרייט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיין ברודערס חלוקה מיטן שותף וועט אים ווי טאָן. אָבער דער שותף זיינער מעקסל, אַזאַ גוט־מוטיקער, מיט גאָלדענע פּענסנע, וואָס האָט צייטנווייז אויך גענומען אַ האַנט אין מיין לערנען נאָך ביי דער „יעיל ווייסט" — האָט אויסגעווישט די ברילן, אַ נעם געטאָן זיין מאַשינקע פון ווינקל און מיר פאַרזיכערט: — אַז אָט אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין... — און ענדלעך בין איך געוואָרן אַ גליד פון אַ סעט: אַ פינפער סעט. — דריי יונגע מיידלעך און צוויי יונגע ברידער־לעך האָרעפּאַשניקעס.

איך בין באַפרייט געוואָרן פון אַלע שרעקענישן, הגם עס האָבן זיך אַנטוויקלט פאַר מיר נייע יסורים:

מיין ברודער האָט קריטיקירט מיין אַנגאַנג אין דער אַרבעט. פלעגט עס מיר שטאַרק פאַרדריסן און פאַרטיידקנדיק מיין אַרבעט ניט איין מאָל געלאָזט אַ טרער. צו לאַנג האָט עס ניט אָנגעהאַלטן, מיר האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זאָל ער זיך האַלטן מיט זיינע מעלות ביי דער אַרבעט און איך ביי די חסרונות דערוויילע. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מיר זיינען געווען דערפאָלגרייכע שותפים: — ער האָט גענומען זעכציק פּראָ־צענט און איך דער גרינער — פערציק...

מיר זיינען געזעסן אין דעם צווייטן ראָד טייל פון פאַרנט צו וואַשינגטאָן פּלייס אויף אַ צען מאַשין פלענט, פּונקט אַנטקעגן די גרויסע פענצטער. דורך אונדזער זייט פלעגט מען דורכגיין און מען האָט געקענט כאַפּן אַ קוק וואָס מיר טוען. די פאַרלייט זיינען געווען אָפּטע קוקערס. דאָרטן, אין יענעם עק, פּונקט לעבן מיר, האָט מען געקענט וויסן וואָס עס ווערט פאַר־לאָפן אינעם גרויסן געיעג. הגם מען האָט ניט געקענט הערן וואָס אַ צווייטער רעדט, סיידן מען האָט זיך איינגעבויגן.

אין אָנהויב איז מיר געווען פריקרע: יעדערער איז פאַרביי מיין מאַשין, געכאַפּט אַ פאַרגנבעטן בליק, דערהויפּט ווען איך האָב געדאַרפט עפּעס

צעטרענען און איבערמאַכן... די פּאַרליים האָבן אויף מיר קיין רחמנות ניט געהאַט, ספּעציעל סעם מיטשעל. ער איז געווען אַ סעמפּלמאַכער ביי דער טרייענגל און ווען הוירש האָט פאַרלאָזט די פירמע, האָט מען אים אויפ־געהויבן פון מאַשין און אים געמאַכט פאַר אַ פאָרמאַן. אים האָט זיך געוואָלט אַז יעדער שטיק אַרבעטער זאָל כאַטש זיין אַ סעמפּלמאַכער... און פאַר־קערט ווידער, בעני יעגער, דער עלטערער, איז געווען אַ מקיל. ער האָט אָפט אָפּגעפּטרט אַ ענין מיט אַ וויץ און געהייסן דאָס מאָל די שלעכטע דורכלאָזן אויב עס איז אַפילו ניט אַזוי געלונגען. מיטשעל האָט אָבער אָפט געוואונען און די אַרבעט האָט געמוזט אַרויסקומען גוט, הגם ער האָט אַמאָל צוליב אַזאַ ענין אַריינגעכאַפּט גאַנץ פיינע פּעטש פון איינעם אַ יונג וואָס האָט זיך ניט געלאָזט פון אים דאַקוטשען מיטן אויסבראַקירן די אַרבעט און דער מענעדזשער סעם בערנשטיין איז אַרויף מיט זיין אַדיוטאַנט באַרני, דעם שטאַרקן, און דערלאַנגט דעם געוואַגטן יונג בעסערע פּעטש... אָבער ס'איז געווען פאַרפאַלן... מיטשעל האָט די פּעטש צוגענומען. ס'האָט ניט געהאָלפן וואָס זיין ברודער נייטן, אויך אַ סעמפּלמאַכער, איז צוגעלאָפן און זיך געוואָלט לאָזן צעפירן די הענט, געשריגן צום שלעגער: — האַו דעיר יו? — אָבער מען האָט באַלד דעם אַרבעטער אַוועקגעשיקט און מיטשעל איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרפלאַמטע באַקן, געשמאַרעט מיט דער נאָז, ווי זיין טבע איז געווען, ווייל ער האָט שלעכט געאָטעמט. ער האָט אויך בעת אַן אַרגומענט און אויפגערעגטקייט געווישט די ברילן און שטאַרק געהוסט...

אָט דער סעם מיטשעל איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן איינער פון די רייכסטע מאַנופאַקטשורערס אין דער „ווייסט טרייד". אפשר וועט מיר נאָך אַמאָל אויסקומען צו שרייבן וועגן אָט דעם מיטשעלן, ווייל איך בכבודי בין שפּעטער געוואָרן ביי מיטשעלן דער פאָרמאַן, ווען ער האָט געגרינדעט זיין אייגענע נייע פירמע „דהי לאָטוס ווייסט" מיט זייערע אייגנ־טימער מיטשעל און וועבער.

איצט, ווען איך שרייב די דאָזיקע זכרונות, לעבט נאָך, ברוך השם, סעם מיטשעל, ער האָט ערשט מיט דריי יאָר צוריק „רעטייערט" אַ מיליאָנער.

אָבער מיר ריידן דאָ וועגן יענעם סעם מיטשעל, דער בחור פון 28 יאָר, דער בלאָנדער מיטלוואוקסיקער יונגערמאַן וואָס האָט נושא חן געווען ביי בערענשטיינען דעם מענעדזשער און אים געמאַכט פאַרן הויפּט פאָרמאַן.

די פּעטש האָבן זיך אים פאַרהיילט און מען האָט אים צוגעגעבן נאָך אַן אַסיסטענט פאָרליידי, גראָד אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, וואָס האָט גע־קענט די מלאכה און האָט אים געהאָלפן היטן די „געבאַטשטע" אַרבעט.

אַ סך האָבן געמיינט אַז צווישן דער נייער פאָרליידי מיט מיטשעלן קומט פאַר עפּעס אַ פאַרדרייעניש... אָבער אין איין שיינעם טאָג דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט גאָר אויסגעקליבן ראָוזין. אַ בלאָנדע הויכע מיידל מיט גע־

קרויזטע האָר. ראָזי איז געווען אַן אַפּערייטאָרין און אַ לעבעדיקע... האָט געערעדט אַ גוטן ענגליש און זי איז געוואָרן מרס. סעם מיטשעל. עד היום איז זי, די גליקלעכע ראָוז, וואָס האָט אפשר קיינמאָל ניט געחלומט אַז איר סעם זאָל זיין אַזוי דערפאָלגרייך. דער אמת איז, אַז מיר אַלע האָבן אים אונטערשאַצט, ווייל קיין בילדונג האָט ער ניט געהאַט, און אַ גרויסער טייל פון אונדז האָט געדענקט, אַז בילדונג איז אַ גרויסע סגולה צו דערפאָלג און געשעפט...

כדאי אַגב צו באַמערקן, דאָס אויך יעגער איז אַוועק אין ביזנעס נאָך פּאָר מיטשעלן, ער איז אָבער ניט געווען אַזוי דערפאָלגרייך. מ׳האָט געשמועסט אַז דאָס מזל האָט אים ניט צוגעדינט...

סעם מיטשעל איז גלייך נאָך זיין חתונה־האָבן, ערשט געוואָרן דער גאַנצער קנאַקער, ווייל יעגער איז אַוועק פּאַר זיך. ער, סעם, האָט זיך אַליין געקענט ספּראַווען מיט די ווייסטן־מאַכער. איידע די ברונעטקע, זיין אַסיסטענט פאַרליידי האָט ממש פאַרנומען יעגערס פּלאַץ. ער פלעגט אויסטיילן די אַרבעט וואָס מען האָט אַרויפגעטראָגן פון דעם אַכטן שטאָק. דאָרט האָט מען געשניטן אין טויזנטער טוצן פּרויען בלוזעס, מערסטנס ווייסע, מיט אַ סך קרוזשעוועס. די אַפּערייטאָרס זיינען באמת געווען עקספּערטן: שנעלע בעלי־מלאכות, איינס אין איינס, געקליבענע גיכע האַרעפּאַשניקעס, יונגע בחורים וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט די קונסט פון דעם „האַרי אַפּ סיסטעם״, די וואָס האָבן דאָס ניט באַוויזן צו טאָן, האָבן ביי דער „טרייענגל״ קיין „לאַנגע יאָרן״ ניט געהאַט...

עס איז געווען אַ באַוואוסטע זאַך, אַז העריס, דער הויפּט בעל־הבית, האָט ליב געהאַט יונגוואַרג. ער האָט ליב געהאַט דעם אַלטן בעל־מלאכה אַזוי לאַנג ווי ער האָט פּראָדוצירט. ווען ער איז געוואָרן שוואַכער, פלעגט ער אים געבן נאָך עטלעכע מאַשינעס אַלס אַרויסהעלפערס:

— מאַך זיך נאָך עטלעכע דאָלער אַ וואָך, חיים, און קום ניט צו מיר מיט קאָמפּליינטס...

יאָ, העריס איז געווען אַ טשיקאַווער פּאַרשוין: ער האָט ליב געהאַט אַן אַלטן אַרבעטער פּאַר גאָר ספּעציעלע שמועסן, אים צו דערמאָנען פון דעם אַמאָל און אים אַפילו צייטנווייז דערהויבן, צייגן אַז ער איז ניט גרעסער פון אים. — זעסט, איך עס נאָך היינט אַ „באָקס סעמען״ און דו עסט דאָס אייגענע. — ער פלעגט דערציילן ווי אַזוי ער פלעגט אין סעזאָן אַהיים קומען און זאָגן צו זיין ווייב, אַז פון מאָנטיק אָן געזעגנט ער זיך מיט איר, דער סעזאָן איז אויף דער שוועל, און ווען ער וועט אַהיים קומען, וועט זי שוין מיט די קינדער שלאָפן... העריס האָט געלעבט מיטן אַמאָל. ער פלעגט אָבער גיין אָנגעטאָן אין די שענסטע מלבושים, געגאַנגען גלייך ווי אַ סאָסנע. געהאַט האָט ער אַ לויטער ווייס־הויטיק פּנים מיט גרויע לעבעדיקע אויגן און געלע וואָנצעס, וועלכע ער האָט פון צייט צו צייט אָפּגעגאָלט און געמאַכט

אַז חברה־לצים זאָלן שאַפן גאַנצע מעשיות וועגן דעם... די בלאַנק משפּחה פלעגט זאָגן, — אַז ווען מען וויל וויסן צי הערים איז בייז — זאָל מען היטן זיינע הענט, אויב ער דרייט מיט זיי זיינע וואַנצעס זאָל מען זיך פאַר אים היטן, אַ סימן אַז ער איז בייז... דעריבער האָט מען ניט געוואוסט ווי מען האַלט מיט הערים ווען ער האָט ניט געהאַט די וואַנצעס... טראָץ די אַלע שפּאַסערייען האָט יעדער געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר הערים. ער האָט געהאַט אַ געבאָרענעם טאַלאַנט נושא חן צו זיין ביי דעם אַרבעטער.

און פּאַרקערט, זיין שותף בלאַנק, איז געווען דער היפוך פון הערים: ער איז געווען אַ שטייפער, אַ הויכער מיט אַ גרויסן פּליך, אַ שוואַרץ־הויטיקער אָבער אַ שטאַטנער מאַנצביל, כאָטש זיינע אויגן זיינען געווען אַביסל שטרענג. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן סעילסמאַן און אַן אַרבע־טער האָט ביי אים קיין גרויס ווערט ניט געהאַט. ער האָט אַפילו מיט די פאַרלייט ניט געמאַכט קיין סך טענות. ער האָט בלויז געגעבן „אָרדערס":

— גיי און טו, אַזוי הייס איך!

ער האָט אַמאָל געהייסן אָוועקשיקן אַ יונגן בחור, איינעם אַ יאָסעלע זיינפעלד, ווייל ער האָט געוואָגט אַליין אָנצינדן דעם לאָמפּ ווען עס איז געוואָרן פינצטער. בלאַנק האָט געהאַלטן, אַז אָנצינדן אַ לאָמפּ איז דעם פאָרמאַנס דזשאָב. דער „פאָרזינדיקטער" איז נעבעך געשטאַנען גרייט צו גיין אַהיים אַ „געסעקטער", ביז אַ פּאָר אַלטע אַרבעטער האָבן זיך משתדל געווען און געפּועלט ביים אָדון הגדול, מאַקס בלאַנק, ער זאָל דעם יונגן האָרעפּאַשניק צוריק נעמען צו דער אַרבעט. פון דאַן אָן האָבן זיך באַוויזן סיינס (שילדן) אין שאָפּ, אַז „אָנצינדן ליכט אָן דעם פאָרמאַנס דערלויבעניש, איז שטרענג פאַרבאָטן!"...

איך בין געווען אין דזשאָו זיינפעלדס יאָרן און כ'האָב זיך געפילט שטאַרק דערשלאָגן פון דעם אופן ווי מען האָט דעם בחור באַהאַנדלט און ערגעץ אין מיר איז געוואַקסן אַ פּראָטעסט קעגן אַזאַ אויפירונג. איך האָב שוין דאַן געאַרבעט אַריבער אַ יאָר ביי דער טרייענגל. איך האָב געלייענט אַלע אידישע צייטונגען, איבערהויפּט דעם „פאָרווערטס", וואָס האָט געצילט אויפוועקן דעם אַרבעטער קלאַס. גאָר אָפט זיינען געווען אָפּהאַנדלונגען וועגן „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס. איך פלעג לייענען און לערנען און פלעג גאָר אָפט הערן פון מיינע ברידער אַז אַלץ איז אמת, אַז ס'וועט קומען אַ צייט ווען מיר וועלן דערוואַכן און די פאַרשקלאַפונג וועט זיך ענדיקן. אָבער ניט איצט, ס'איז נאָך צו פרי אַז אין אַמעריקע זאָל עס געשען... דאָ מוז מען דערווייל בויגן דעם קאָפּ, אַרבעטן שווער און ביטער.

איך בין זיכער אַז דאָרטן, ביי דער „טרייענגל וועיסט", זיינען געווען אַ סך אַרבעטער וואָס האָבן אַזוי געטראַכט. אָבער איך בין אַן עדות, אַז קיינער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד, אין 1907 איז געווען אַ גרויסער קריזיס: טויזנטער אַרבעטער האָבן געהונגערט ווען ביי דער

„טרייענגל" איז געווען אַרבעט ביז צו דער סטעליע. מ׳האָט זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַזוינס איז גאָר מעגלעך. די בעלי־בתים האָבן עס אויסגענוצט און אָנגעוואונקען אַז מען דאַרף טאַנצן אין די גאַסן וואָס מ׳האָט זוכה געווען דאָרטן צו אַרבעטן, אַז מען דאַרף בויגן די קעפּ און ניט פרעגן, — וויפיל מען צאָלט פאַר אַ טוץ אַרבעט? — עס איז דאָ גענוג „קאָמפּעטישאָן"...

אַוודאי האָט מען געשוויגן, ווען מען האָט געזען אַז טאָג טעגלעך קומען הונדערטער אַרבעטער זיך בעטן פאַר אַ דזשאָב. דער גלאָק האָט געקלונגען יעדע ווײַלע און דער פאָרמאַן פלעגט בייז ווערן און הייסן מערי דער בוכ־האַלטערין זי זאָל אויפהענגען אַ „סאַין" אַז מען זאָל דעם גלאָק ניט קלינגען, מען דאַרף מער קיין אַרבעטער!...

די פירמע האָט דאַן געפּלאַנט צו שטעלן מאַשינען אויפן אַכטן פלאָר. דאָרטן איז נאָך געווען פּלאַץ פאַר הונדערטער מאַשינען. בערענשטיין דער מענעדזשער האָט אָבער איבערצייגט די בעלי־בתים, אַז ביז ער וועט זיין גרייט דורכצופירן דעם פּלאַן, זאָלן בעסער די אַרבעטער אַרבעטן „אָווער־טאַים" יעדער אָוונט ביז 9 אַזייגער. די ביכלעך וועלן ווערן אָנגעפּילט מיט איינגעשריבענע אַרבעט, אָבער די פּרייזן וועט ער שניידן. און אַזוי איז טאַקע געווען:

אַנשטאָט מאַשינען האָט מען צוגעשטעלט נאָך שנייד־טישן אויפן אַכטן פלאָר. עס האָבן זיך דאָרט געיאָגט אַרום די שנייד־טישן אַן ערך דרייסיק יונגע מוסקולירטע בחורים, וואָס האָבן געשפּרייט און געשניטן די לאַנגע און הויכע לאַגן מיט וואָל און לאַנדזשערי. מען האָט נאָך דאַן געשניטן מיט קורצע מעסערס. קיין שנייד־מאַשינען זיינען נאָך בשעתו ניט געווען. האָט מען געקליבן יונגע, געזונטע בחורים וואָס האָבן געקענט אַריינקאַרבן דאָס קורצע מעסער אין די הויכע בערג מיט אויסגעשפּרייטע וואַרע. מיין ברודער יונה, אַן אַכצן־יאָריקער יונג מיט זעלטענע מוסקולן, איז געווען דער עקספּערט צו קאַטעווען מיט אַ „שאַרט נאַיף". זיין רעכטע האַנט האָט דערויף עדות געזאָגט צוליב דער מאַזאָליע אויף דעם לענגסטן פינגער, וואָס איז געווען ווי אָנגעפּיקעוועט מיט בליי — אַז ער איז דער אמתער צושניידער האָט מען דערפון אַליין געזען... מען האָט געמוזט באַוואונדערן די אייזערנע גבורה פון די יונגען, ווען זיי האָבן געשניטן די הויכע געשפּרייטע קרוזשעוועס און עמברוידעריס, אַקוראַט ווי די לאַגן וואָלטן געווען ווייכע אַרבוזן.

עס זיינען אויך געווען אינגערע בחורים, שפּרייטער, וואָס האָבן זיך געיאָגט ביי די אַנדערע טישן צוצוגרייטן נייע געשפּרייטן.

דער מענעדזשער סעם בערענשטיין האָט געקאָמאַנדעוועט מיט די יונגען. זיי האָבן פאַר אים געציטערט. ער איז דאָך געווען דער דעזיינער, דער פּעטערן־מאַכער, דער וואָס האָט געהאַט אונטער זיך יוצר משרתים ואשר משרתים. יעדער האָט זיך געוואָלט פּלייסן כדי נושא חן צו זיין ביים

מענעדזשער... אפשר וועט ער קריגן אַ רייז? — אָדער גאָר ווערן אַ שטיקל פּאַרמאַן?... מען האָט דעם מענעדזשער געדאַרפט פאַרשטיין אויפן וואונק. ער האָט ליב געהאַט קלוגע חברה. נאַטירלעך קלוג פון זיין טובה וועגן... און סך הכל איז דער פאַרשווינדל געווען פינף פוס הויך. זיין גלאַט פאַרקאַמט קעפּל מיטן פינקטלעכן שרונט און פייערדיקע אויגן האָבן „גערעדט ווערטער"... ער האָט קיין סך ניט גערעדט, סיידן ער האָט געמוזט. אַלטע אַרבעטער האָבן אים שוין גוט געקענט און פאַרשטאַנען זיין מיין... היות ער איז געווען פון דער בלאַנק משפּחה, האָבן די בלאַנקס חברה אים אַ סך געהאָלפן אין זיינע פּלענער, זיי האָבן צוגעשטעלט אויערן אין אַלע ווינקעלעך. מיר, די אַרבעטער פון ניינטן שטאָק, האָבן ניט געטאָרט אַרונטערגיין אויפן אַכטן שטאָק, ווייל דאָרטן איז געווען דער אָפיס מיטן שיפּינג־רום. דאָרטן האָבן זיך אַלע פּלענער אַרויסגעוויקלט און פאַרבליבן בסוד צווישן די צוויי בעלי־בתים און דעם מענעדזשער. ער, סעמקע בערענשטיין, האָט מיט זיינע פּלענער אַ סך אויפגעטאָן. ער האָט שטענדיק געטראָגן אַ שרייב־הענטל אויף זיין אויער און געחשבונט ווי ווייט ער קען ערגעץ מאַכן אַ דריידל פאַר גרעסערע פּראָפיטן...

...און די עלעוויטאָרס האָבן זיך געיאָגט אַרויף און אַראָפּ מיט גרויסע קאַסטנס סחורה פון דער טרייענגל. זיי, די באָיעס, בעיקר די פירערס פון די פּראַכט־עלעוויטאָרס, פלעגן בשתיקה קריגן שיינע מטבעות פון סעם בערענשטיין דעם מענעדזשער. ער האָט זיי שטענדיק געהאַט אויף זיין זייט. עס איז געווען ווערט זיך צוצוקוקן ווי אַזוי די שיפּינג באָיעס פלעגן די סחורות אַקצעפּטירן און מיט האַמערס און דלאָטעס געריסן די נעגל פון די אָנגעפּיקעוועטע קאַסטנס סחורה אָן רחמנות. דער שווייס פון די יונגען האָט זיך געלאָזט פּילן אָן אַן אויפהער. (הגם ס'איז געווען אַ נאַטירלעכער פּראָצעס... „בזעת אפך תאכל לחם"...) דאָס אמתע געקלאַנג האָט מען ערשט געהערט לינקס צו מערב זייט פון דער געביידע, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַנצן סקווער. אין דער לינקער זייט זיינען געשטאַנען אַן ערך צוואַנציק פּרעסערס, אָפּגעצוימט, און געפּרעסט די ווייסטן. די הייסע גאַז־אייוונס האָבן געקאָכט און די לופט וואָס האָט געבלאָזן די גאַז האָט גערוישט מיט איר פייפעריי. די פּאַרע פון די אייזנס האָבן דערמאָנט אין דעם אַמאָליקן שמיד מיט זיין בלאָזאַק, וואו מיר קינדער פלעגן שטיין און קוקן און זיך צוהערן צו דער שמידישער „סימפאָניע"... די פּרעסערס, מענער און פרויען, האָבן אין געאייל געפירט די הייסע אייזנס איבער די בלוזקעס אויפן פלאַכן געבעטן טיש, זיי פאַרקנעפּלט און אויפגעלייגט גרייט צום פּאַקן. זיי האָבן געמוזט פּאַרטיק מאַכן אין די טוזנטער בלוזעס אַ טאָג, מיטן שווייס וואָס האָט ס'רוב אַראָפּגערונען און אויסגעטריקנט געוואָרן מיטן פייער פונם אייזן.

אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי אין גאַלאָפּ, מיט רעכענונג, מיט חשבון, לויט דעם העכסטן סכום פון טרייד. ווען די הויכע אויפגעלייגטע הורבעס בלוזקעס

פלעגן זיך אָפּגעראַמט ווערן פון די „שיפּינג־קלוירקס" אויף זיי צו פּאַרפּאַקן, פלעגן די פּרעסערס דערפילן אַז דאָס פּלאַץ איז ליידיק און מען דאַרף עס אָנפילן אויפסניי.

גאָר אָפּט פלעגן די קלוירקס אַרויפלויפן אויפן ניינטן פלאָר נאָך דער פּאַרטיקער אַרבעט. דאָרטן, עט, עט ביים ענדע פון בילדינג, נעבן בית הכסא, זיינען געשטאַנען אַן ערך צוועלף שלייפלעכער מאַשינען. זיי האָבן ניט געאַרבעט אויף עלעקטריק, נאָר אויף „פוט־פּאַוער". ס'איז נאָך דאַן קיין מאָדערנע באַטן־האָל מאַשינען ניט געווען און איינער אַ סעם זילבערשטיין, אַ פּלאַכ־פוסיקער איד, איז געווען דער קאָנטראַקטאָר פון שלייפן די לעכער. מען האָט זיי געדאַרפט אויסהאַקן מיט דער דלאַניע נאָכן אויסנייען. זיי האָבן געמאַכט אַ געפּערלעכן טומל. אָט דער איד, מר. זילבערשטיין, שוין אַ איד אין די פּופציקער, האָט געוודערט אַרום זיי. ער איז געווען אַ בייזער איד און אונדז געטריבן פון דאָרט, ווען מיר, די גרינע יונגוואַרג, האָבן דורך די מיטאָג שטונדן, געוואָלט כאַפּן דעם שניט ווי אַזוי די מאַשינען „טאַראַ־דייקעווען"... ער איז געווען דער לעצטער צו ענדיקן די ווייסטן און די „שיפּינג קלוירקס" פלעגן אים דערגיין די יאָרן: — מיר דאַרפן די אַרבעט, מר. זילבערשטיין! — פלעגן זיי אויסרופן מיט טומל. ער, מיט זיינע פּלאַכע פיס, האָט ווי אַ גנעדיקער בעל־הבית, געוואָרפן די באַנדלס אין די וועגעלעך און זיי, די יונגע, אגב געוואונטשן „זיי זאָלן ווערן געהרגעט" — אַ לשון וואָס איז נאַטירלעך געווען אַ קללה. קיינער האָט ניט געמיינט אַז ס'האָט עפּעס אַ ממש. „גיי ווער דערהרגעט", איז ביי זיי געווען, אָט, אַזאַ ווערטל, כמעט ווי אַ ברכה...

אָט דער זילבערשטיין וואָס איז געווען אַ תושב דאָרטן, האָט אָבער אין איין שיינעם טאָג געמוזט פּאַרנעמען זיינע „קאָטערינקעס" ערגעץ וואו. ס'איז אים „אונטערגעגאַנגען אַ שיף"... עס זיינען אַרויס נייע שלייף־מאַשינען אויף עלעקטרי און מען האָט אים משלח געווען אַפילו אָן אַ קרעכץ. זיי האָבן אויסגעקליבן די אינגסטע שלייפּערס, בחורים וואָס האָבן געהאַט געזונטע דלאַניעס און מען האָט זיי אויסגעלערנט אויף די נייע מאַשינען וואָס האָבן אויסגעקלאַפּט פינף טויזנט לעכער אַ טאָג. די זעלבע ענדערונג איז אויך פּאַרגעקומען ביי די אַרבל־מאַכער: זיי האָבן פריער געמוזט אַריינ־נייען די אַרבל מיט צוויי אָפּעראַציעס. זיינען געקומען די נייע מאַשינען מיט קלענערע מאָטאָרן און געשניטן די אַרבעט מי אין העלפט. די זין און טעכ־טער — בלוט און מילך וואָס האָבן פריער געמוזט ציען די אַרבל מיטן גאַנצן כוח, האָבן איצט דערזען פאַר זיך גאָר אַ נייעס: עס שפּאָרט דאָך אַזוי פיל אַרבעט! איז וואָס וועט מען טאָן מיט זיי? — אַוודאי האָבן זיי געצי־טערט. זיי האָבן די פריערדיקע מאַשינען געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ: זיי גערייניקט, געאוילט, באַפּעסטיקט אַלע שרייפעלעך. ווייל טאָמער האָט זיך די מאַשין צעבראָכן, איז געווען זייער ביטער, מען האָט דאַן געמוזט

אנקומען צו אייב דעם האַרבאַטש; אַ אידישער מאַשיניסט, וואָס האָט אַ געדיכטן קאָפּ קוטשעראַווע האָר, אַ הויקער וואָס האָט ניט אָפט געוואָלט אַרבעטן ביי קליינינקייטן. ער איז געווען דער כלומרשטער אַסיסטענט צו מר. בראון, אַן איירישער גוי, וואָס האָט געפירט די ממשלה ביי דער „טרייענגל״ אַלס הויפּט מאַשיניסט. אַט די צוויי מעכאַניקער האָבן זיך ניט געטאָן אַ ריר צו פאַריכטן אַ מאַשין ביז דער פאָרמאַן אָדער מענעדזשער האָט געהייסן, ווייל עס האָט געמיינט, אַז אויב די מאַשין האָט זיך צעבראָכן, האָסטו זי ניט אָפּגעהיט, און דו מוזט ליידן, ווייל דו ביסט אַ קאַליקע אַן אָפּערייטאָר...

עס האָט אָפט אַרויסגערופן מחלוקתן צווישן דעם אַרבעטער און מאַשיניסט. קיינער האָט ניט געוואַגט צו זאָגן אַז די מאַשינען זיינען אַלט... אַז דאָס זיינען „טאַראַדייקעס״ נאָך פון כמעלניצקיס צייטן...

ווי אַ טרייד־מאַן וואונדערט מיר נאָך עד היום הלמאי די „טרייענגל״ איז געווען אַזוי הינטערשטעליק אין איינריכטן נייע מאַשינען. ווען ניט ווען האָט זי אַריינגעבראַכט עטלעכע „ווילקאָקס און גיבס״ מאַשינען פאַר מיוחסים. אָבער בכלל האָט מען געאַרבעט אויף „לאָמאַקעס״: זיי האָבן „געטאַראַדייקעוועט״ אָן אַ שיעור און מיר זיינען געזעסן און „געשאָסן״ צו זעכצן פאַלדן אויף אַ פּלייצע, — ממש פייל אויסן בויגן... אַלטע בעלי־מלכהס ווייסן געוויס וואָס עס מיינט אַ „שיסער״... גאָר אָפט פלעגט דער „שיסער״ בלייבן אינמיטן און וואַרטן, ווען ער האָט געשאָסן די פאַלדן, ווען די עלעקטריע איז פּלוצים אָפּגעשטעלט געוואָרן מיטאָג צייט... ער איז דאַן ווי אַ פאַרסמטע מויז געלאָפן גיך צו דער קליידער שאַפע און כאַפּן דעם עלעווייטאָר, כדי גיך אַראָפּ און געפינען אַ פּלאַץ אין זינגערס רעסטאָראַן, אויף דער זעקסטער גאַס, אין דעם באַרימטן קעלער. דאָרטן האָט מען געגעסן די פולע טעלער מיט זופּ. אַמאָל האָט דער קעלנער געגעבן נאָך אַ האַלבע טעלער, פאַר אַ „טיפּ״. ביז זינגער דער בעל־הבית האָט זיך געכאַפּט און גענומען שרייען: — אַז ער האָט ווייטערס טראַמבעניקעס, מען שטעלט אים בדלות... — ער האָט גערעדט מיט אַ „רייש״ און איז געווען אַ געשיקטער מענטשל צו דערלאַנגען ברויט מיט פוטער מיט זאַלץ. אָבער מיר, די דריי הונדערט אַרבעטער, האָבן אין אַ האַלבע שעה מיטיק־צייט ניט געקענט באַוויזן צו קריגן דעם עלעווייטער, ווייל מיר האָבן בלויז געמעגט אַראָפּפאָרן מיט דעם פראַכט־עלעווייטאָר. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳פלעגט זיך אָנהויבן שטופּעריי, קריגערייען און אַמאָל געשלעגן. ביז איינמאָל איז אָנגעקומען דער מענעדזשער און אַרויסגעגעבן אַ פּסק דין אַז די יונגוואַרג מעג אַראָפּלויפן די שטיגן, און די עלטערע זאָלן פאָרן מיטן עלעווייטאָר...

פאַר אונדז יונגוואַרג איז עס געווען אַ איינפאַכע זאַך: — מיר האָבן געשפּרונגען איבער די ניין עטאַזש ווי די וויכערס. אין איין מינוט האָבן מיר געהאַט דעם דרויסן, וואו די לופט האָט אַ ווייע געטאָן און אַ מונטער געטאָן מיט איר פרישקייט. מיר זיינען געווען אין זינגערס רעסטאָראַן די

ערשטע. אָבער די עלטערע האָבן געזיפצט וואָס מ׳האָט ביי זיי צוגענומען זייער פּעדלער, וואָס האָט יאָרן לאַנג גערודעוועט מיט זיין קליטל פּונקט אַנטקעגן עלעווייטאָר און מיט אַמאָל האָט מען געזאָגט: — אויס פּעדלער! — געגוג וויסטן זיינען פאַרפלעקט געוואָרן פון די טאָמייטאָ־הערינג, און פון די מאָס־טערד פון די קאָרנביף סענדוויטשעס. די פירמע דאַרף האָבן דאָס פּלאַץ ריין, און וועט בעסער אָוועקשטעלן דאָרט עטלעכע מאַשינען...

ווי אַ דונער האָט עס דערשלאָגן דעם פלינקן קעסלערן, וואָס האָט פון גאַנץ פרי אָן גערודעוועט אַרום זיין קליטל און צוגעגרייט די כל המינים מאכלים פאַר אַזוי פיל אַרבעטער. ער, דער קעסלער, וואָס האָט אַמאָל געמאַכט אַרבל און איז אגב געווען אַ שנעלער אָפּערייטאָר, האָט איבערגענומען דאָס פּעדלעריי דורך אַ סיבה. און ווייל ער איז געווען אַ שטיקל משפחה, האָט אים בלאַנק דערפאַר דערלויבט צו האַלטן דאָס קליטל און פאַר אַ צייט זיך אָפּרוען פון דער מאַשין. קעסלער האָט געמאַכט אַ שיין לעבן און זיך שטאַרק אויסגעטויגט צום רומל.

אָבער עס האָט צו לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. ס׳איז אים ווי אונטערגעגאַנגען אַ שיף: — אי פאַר קעסלערן, אי פאַר די אַרבעטער. און דאָרט אויפן זעלבן אָרט, האָט מען אויפגעשטעלט אַ גאַנצע וואַנט, אַ מין שאַפע, פאַר די מלבושים, פונקט ביים אַריינגאַנג. און קעסלער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער מאַשין צו מאַכן אַרבל פונקט ווי אַמאָל, איידער ער האָט געהאַט דעם עקסידענט...

אַוודאי זיפצן נאָך די אַרבעטער בשעת זיי זיצן ביי די מאַשינען און עסן אייגענע געבראַכטע מאכלים פון דער היים, וואָס איז פאַרטריקנט און מען קען אַפילו קיין פלעשל סאָדע ניט באַקומען. אַלץ האָט זיך דאַן אָנגעהויבן מיט נייע פאַראַנדקעס. אין פּלאַץ איז שוין באַלד ניט געווען ווי דורכצוגיין. מען איז שוין געזעסן קאָפּ אויף קאָפּ. די שאַפע פון די מלבושים איז שמאָל ווי אַ סיגאַרעט פּאַפּיראָס. הונדערטער רעקלעך ווערן דאָרט אַריינגעשטופּט. עס נעמט אפשר צען מינוט ביז מען געפינט דאָס אייגענע שטיקל רעקל, צעטראָטן, און אויסגעניוכעט. יעדערער פילט, אַז מען האָט ביי זיי צוגענומען דעם קליידער צימער ווי אויף צולהכעיס. ס׳האָט קיינעם ניט געפרעגט. — אין מיטן העלן טאָג איז געקומען אַ סטאָליער, און דער וואָס קערט אויס דעם שאַפּ האָט אַרויסגענומען די קליידער פון אַלטן „דרעסינג רום", און אויס מעשיות! — ניטאָ קיין מקום מנוחה מער. — דער בעל־הבית דאַרף האָבן דאָס פּלאַץ פון אַלטן קליידער־צימער פאַר נייע „ספּעשל אָווערלאָק" מאַשינען. זיי זיינען בילכער. קענטיק אַז אינספּעקטאָרן לגבי דער באַקוועמלעכקייט פאַרן אַרבעטער האָבן דאָרטן ניט געהאַט קיין שליטה...

און אַזוי אָט זיינען אָפּגעשטאָרבן אין מיטן העלן טאָג צוויי וויכטיקע, נויטיקע באַקוועמלעכקייטן פאַרן אַרבעטער: דער פּעדלער, און דער קליידער־

צימער. עס איז נאָך געווען אַ גרויס וואונדער, וואָס די פרויען זיינען געבליבן ביי זייער מקום מנוחה. קענטיק אַזוי ווייט האָבן זיי ניט געקענט גיין...

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז פּונקט אין יענער צייט זינט די דריי געשעענישן: דאָס געשלעג מיט מיטשעלן, די קליידער שאַפּע, און דאָס צונעמען דעם פּעדלער, — האָט גורם געווען אַז אַ צאָל אינטעליגענטע בעלי־מלאכות זאָלן זיך ווענדן דעם פאַרטראַכטן. זיי האָבן געמוזט שווייגן, ווען מען האָט געשניטן די פּרייזן, אָדער ווען מען האָט געפאָדערט פון זיי בעסערע אַרבעט, אָבער גיין אַזוי ווייט ווי באַרויבן פיר הונדערט מענטשן פון מענטש־לעכע באַדערפעניש, איז שוין געווען איבער־נאַטירלעך, אַריבערגעכאַפּט די מאָס... האָבן זיך פון צייט צו צייט אין דער שטיל, בחדרי חדרים עט־לעכע חברים צוזאַמענגערעדט, מ'האָט זיך פאַרשוואוירן, עס זאָל ניט אַרויס־קומען: — אפשר פּאַרט איז דאָ אַ וועג מען זאָל זיך אָרגאַניזירן?...

אמת, קיין אָרגאַניזירטע שעפּער זיינען נאָך דאַן ניט געווען. די ווייסט־מאַכער יוניאָן האָט פאַרמאָגט ניט מער ווי 180 מיטגלידער, דאָס איז געווען לאָקאַל 25. סעם שינדלער איז דאַן געווען דער סעקרעטאַר, די פּראָטאָקאָלן פלעגן נאָך דאַן געשריבן ווערן אין אידיש. די מיטגלידער זיינען געווען היימישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך פאַררעכנט פאַר סאָציאַליסטן, צי גאַר שטילע בונדיסטן. קיין יוניאָן־שעפּער זיינען נאָך דאַן ניט געווען, אַ חוץ וואָס ס'האָט זיך געטומלט מיט אַ סטרייק ביי דער „לאַזאַרסאָן״ פירמע און דערנאָך ביי די ראָזען בראָדערס. מיר, די „טרייענגל״ אַרבעטער, האָבן געהאַט אַ גרויסע שייכות צו דעם סטרייק, ווייל אויך די „ראָזען בראָדערס״ זיינען אַרויסגעוואַקסן פון דער משפּחה „טרייענגל״... זיי זיינען געווען משפּחה צו מאַקס בלאַנק. דייוו ראָזען איז אַמאָל געווען אייגער פון די וויכטיקסטע פאַרלייט ביי דער טרייענגל און ער איז אַוועק אין ביזנעס מיט זיינע צוויי ברידער — הערי ראָזען און נייטן ראָזען. אין אָנהויב האָט מען געמיינט, אַז די ראָזענס זיינען אַ צווייג פון דער טרייענגל, אָבער שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז זיי „מאַנופעקטשורן״ פאַר זיך און זיי האָבן ווייניק שייכות צו דער טרייענגל. גראָד זיינען די ראָזענס געווען גאַנץ פיינע בעלי־בתים. זיי האָבן אָבער געוואָלט פירן זייער פאַבריק אויף דעם טרייענגל־שטייגער, און זיי איז עס ניט געלונגען. זיי האָבן אפילו געהאַט עטלעכע טרייענגל אַרבעטער האַרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן געמיינט אַז זיי וועלן בעסער מאַכן ווען זיי וועלן גיין אַרבעטן פאַר די ראָזענס, און לסוף האָבן זיי גאַר געהאַט די זעלבע דאָליע: — ניין! — האָבן זיי געזאָגט, — מיר ווילן בעסערע שכירות, בעסערע באַהאַנדלונג, ווייניקער שעהן... — אויב מען גיט ניט נאָך זייערע פאָדע־רונגען, וועלן זיי אַרויס אין סטרייק...

די בעלי־בתים האָבן זיי אָנגעקוקט ווי ווילדע:

— וואָס פּלוצים, מיט אַ מאָל געוואָרן סאָציאַליסטלעך?...

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און איידער וואָס, ווער, וועמען, זיינען שוין די

75 אַרבעטער אַרויס אין סטרייק. זיי האָבן זיך ניט געיאָגט נאָך קיין יוניאָן, זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם קליינעם קלינטאָן האָל, און באַשלאָסן אַז מען גייט ניט צו דער אַרבעט, סיידן די בעלי־בתים וועלן אַלץ נאָכגעבן...
דאָס מערקווירדיקסטע איז געווען, וואָס אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך שינד־לער דערוואוסט וועגן דעם, איז ער אַריין אין קלינטאָן האָל, וואו די סטריי־קערס האָבן זיך געקהלט, אָבער מען האָט אים ניט אַריינגעלאָזט. — מיר קענען זיך אונדזער שטעטל אַליין באַשטיין! — האָבן זיי געטענהט. דאַן האָט שינד־לער געבראַכט ב. ווײַנשטיינען און י. גאָלדשטיינען פון דער בעקער יוניאָן און זיי איז געלונגען צו איבערצייגן די סטרייקערס פון די „ראָזען ברידער" אַז ס'איז ברוך השם דאָ אין אַמעריקע אַ „פּאַראייניקטע אידישע געווערק־שאַפטן", אמת, בלויז אַ פּאָר טויזנט מיטגלידער, — אָבער וויסן זאָלט איר, אַז איר, די „ראָזען בראָדערס" אַרבעטער, וועט פאַרשריבן ווערן אין דער היסטאָריע צו זיין פון די ערשטע אַרבעטער וואָס האָבן געקעמפט פאַר געוועבטיקייט, פאַר מענטשלעכע באַהאַנדלונג און פאַר בעסערע שכירות...
אָט אַזוי האָט מען ענדלעך געעירט די פאַרעקשנטע אַרבעטער, וואָס האָבן אַליין געוואָלט גרינדן אַ נייע יוניאָן. און ס'האָט לאַנג ניט גענומען, די ראָזען בראָדערס האָבן נאָכגעגעבן די פאָדערונגען. אמת, ניט אַלץ וואָס די אַרבעטער האָבן געוואָלט, אָבער זיי זיינען געבליבן מיט זייערע אַרויסהעלפערס ווי פריער. און די שכירות זיינען געהעכערט געוואָרן. יעדער האָט אַרויס־גענומען אַ יוניאָן־ביכל אויף אויסצוצאָלן. ס'האָט דאַן געקאָסט ניט מער ווי פינף דאָלער. און כאָטש ס'איז געווען געשריבן אין די צייטונגען וועגן דעם קוריאָזנעם סטרייק מיט זייער זיג, איז עס אָבער ווייט ניט געגאַנגען: — בלויז יחידים האָבן געוואוסט ביי דער טרייענגל וואָס עס איז געשען ביי די ראָזען בראָדערס.

און אָט די יחידים האָבן אין זיך געשטיקט דעם ווייטיק, וואָס זיי מוזן אַרבעטן אונטער אַזעלכע באַדינגונגען. זיי האָבן אגב ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי די מענעדזשמענט פון דער טרייענגל האָבן איגנאָרירט אַזאַ היסטאָ־רישן פאַקט, — אַז דווקא ביי זייער משפחה זאָלן זיך די אַרבעטער אָרגאַ־ניזירן. און דאָ, וואָס לענגער אַ טאָג אַלץ ערגער ווערט...

געווייינטלעך האָבן זיי געחשבונט, אַז זיי זיינען זיכער מיט זייערע אַרבעטער, ווייל אַרבעט איז דאָ אַ סך. דער קריזיס איז נאָך ווייט ניט אַריבער. ס'איז ערשט 1908, און די משפחה פאַרהיט זיי פון פלאַנירן ווען עס איז אויפשטאַנד. און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט די מענעדזשמענט געמאַכט אַ נייעם טומל. גאָר פשוט: זיי זיינען פאַרלייגט מיט אָרדערס, און מען וועט מוזן אַרבעטן נאַכט־אַרבעט. אַנשטאָט ביז זעקס אַזייגער, וועט מען אַרבעטן ביז ניין אין אָוונט... יעדערער וועט האָבן אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען אַ סך געלט... און זאָלן טאַקע אַלע אין טרייד וויסן אַז „די טרייענגל" אַרבעטער זיינען די גליקלעכסטע אין טרייד אַז אַנדערע

שעפער האבן ניט קיין שטאך ארבעט און זיי, די טרייענגל" ארבעטער, זיינען פארליגט מיט ארבעט ביז צו דער סטעליע.

אוודאי האבן זיך איינציקע געפרייט: — מ'מאכט אן „עקסטרא" דאלער, ס'איז איצט סעזאן... און ס'איז געגאנגען אזוי ווייט, אז מען האט געגעבן א באפעל, אז יעדערער מוז זיין פונקט אכט אזייגער פרי צו דער ארבעט, אויב ניט, וועט די טיר פארמאכט ווערן און מען וועט מוזן גיין אהיים. א שטראף וואס איז ניט אזוי היימלעך... טייל ארבעטער האבן געלאכט: — וואס ארט זיי אזא באפעל?! — זיי קומען דאך צו דער ארבעט סיי ווי פריער, זיי קומען דאך ממש זיבן אזייגער. זיי גרייטן אויך צו, רייניקן די מאשינען, אוילן זיי אן, פרעסן זיך פאמעלעך די צענטערס כדי שפעטער זאל זיי גיין ווי א מזמור... און דא רעדט מען גאר וועגן קומען אכט אזייגער צו דער ארבעט... באמת א געלעכטער...

אבער ס'איז שוין גאר קיין געלעכטער ניט געווען. דער באפעל האט געארבעט אויסגעצייכנט. די טיר האט זיך פארמאכט פינקטלעך אכט אזייגער, און מענטשן וואס האבן געוואוינט אויף דער איסט סייד אדער הארלעם, האבן אין די ווינטער־חדשים אמאל ניט געקענט קומען אין צייט. עס איז נאך דאן געלאפן די „הארס־קאר" אויף דעלענסי סטריט און די טראנספארטאציע צו וואשינגטאן פלייס, קארנער גרין, איז געווען א שווערע.

עס האט ניט געהאלפן קיין טענהן, קיין בעטן. איך אליין, דער מחבר, האב געליטן פון דעם אוקאז. איך האב דאן געוואוינט אין קלינטאן סטריט. די שנייען זיינען זיך אין יענער צייט אזוי שנעל ניט צעגאנגען, מען האט זיך אויך ניט געאיילט דאס אפצוראמען, האב איך געדארפט מאכן די נסיעה „ברגלים" און ווען א מענטש ארבעט ביז ניין אזייגער ביינאכט און קומט אהיים אזייגער צען און קען איבער דער מידקייט ניט עסן ווי א מענטש, און א צייטונג ווילט זיך אויך לייענען, אמאל א לעקציע, א. א. וו., אזוי ארום האב איך זיך שטענדיק פארזינדיקט און געזוכט זכותים ביים „גרויסן מע־נעדזשער" א שתדלן געווען, געמוזט אויך דערציילן פיינקטלעך ווי מיין נסיעה האט זיך געצויגן... דאס גליק איז געווען וואס ער האט דערזען ווי די פארע גייט פון מיין לייב... ווי ערנסט איך בין מיט מיין געשיכטע... שפעטער האט שוין קיין רייד ניט געהאלפן. די ארבעטער אליין האבן פארראטן איינער דעם אנדערן: — אויב בערעלע איז א מיוחס, בין איך אויך!... הכלל אויס מיוחסים. מ'איז געקומען אין אין צייט. מ'האט געארבעט נאכט־ארבעט ביז ניין אזייגער, די מאשינען האבן ממש געקרעכצט און געקראכצט. קיינער האט פריער ניט געקענט גיין אהיים, ווייל די קליידער שאפע וואס איז געווען שמאל און ענג ווי אין א „באקסל סארדינען" האט זיך פריער ניט געעפנט. סעם מיטשעל דער פארמאן האט געהאט דעם שליסל פון „קליי־דער מאגאזין".

מיר, די צווי ברידערלעך, האבן זיך פארוויינט די יארן. — מיר ארבעטן

מיט אַ סעט, מען קען זיי ניט לאָזן אַליין. און די יאָרן לויפן, ס׳ווילט זיך גיין אין אַ סקול, ס׳ווילט זיך ניט בלייבן קיין אַפּערייטאָר... מ׳איז דאָך פאָרט דערצויגן געוואָרן פון אַ טאַטן וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. איז ווי פּאַסט עס טאַקע פאַר מרדכי יוזיפס קינדער, דעם בעל קריאה פון פעלשטין, דעם בקי בש״ס, אַז זיינע קינדער זאָלן בלייבן עם הארצים?... און טאַקע, מען איז אין אַ לאַנד וואו בילדונג ווערט דערמוטיקט און פאַראַן אַזוי פיל פרייע סקולס. איז ווי לאַנג דאַרף מען וואַרטן? עד מתי?...

אין יענער צייט האָט אַגב מיין עלטערער ברודער געפּלאַנעוועט באמת אָנצוהויבן לערנען. פריער ער, דערנאָך איך. צום אַלעם ערשטן האָבן מיר אָנגעהויבן מיט פּריוואַטע לעקציעס ביי דר. יחיאל קלינג. ער איז נאָך דאַן געווען אַ סטודענט און אגב אונדזערס אַ שוועסטער קינד.

די שטוב ביי מיין פעטער שלמה קלינג איז געווען אַ מין פאַרזאַמלונגס פּונקט: בחורים, מיידלעך, סטודענטן פלעגן דאָרט געפינען אַ וואַרעם ווינקל. די מומע חיה פלעגט לאָזן דעם טשייניק זידן און די חברה מיט אַ ביכל אין האַנט פלעגן דערוויל טרינקען אַ גלעזל טיי אויך, און נאָך געשמועסט וועגן וועלטלעכע געשעענישן. בערטאַ קלינג, די פרוי פון יחיאלן, איז נאָך דאַן געווען גאָר יונג און זי האָט שיין געזונגען... איז ווי אַזוי האָט מען געקענט איינזיצן אין פאַבריק ביז ניין ביינאַכט? — עס האָט געצויגן צו פאַרברענגען אָן אָוונט ביי די קלינגס, וואו ס׳האָט געאָטעמט מיט וואַרעמ־קייט, דעם שטענדיקן דראַנג פון לערנען און וויסן.

אַזוי גאָר אָפט פלעגט אונדז באַפאַלן אַזאַ געדאַנק און מיר פלעגן זיך אויפעסן פאַר גריזאַטע. צייטנווייז איז מיין עלטערער ברודער איבער דעם אינגאַנצן ניט אַריינגעקומען אין שאַפּ. ער האָט גראַדע געהאַט צו טאָן מיט דער נאָז. ער האָט ניט געקאָנט אָטעמען אַזוי גוט און פלעגט זיך באמת דאָקטערן. האָט מען אים געלאָזט צורו. אָבער איך, דער אינגסטער בוים, וואָס פאַר אַ תירוץ קען איך געבן? בפרט אַז איך בין נאָך פאַררעכנט אַלס אַ גרינער. יאָ, צוויי יאָר ביי דער טרייענגל האָט נאָך געהייסן אַ גרינער... אמת, עס האָבן מיר מקנא געווען עלטערע אַרבעטער. זיי האָבן געוואוסט אַז אין דער מלאכה בין איך ווי אַרויף אַ באַרג. איז אַט נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש און איך וועל זיך ספּראַווען באַגליידך מיט זיי וואָס אַרבעטן שוין צענדליקער יאָרן... איך בין אָבער מיט מיין גאַנצן גליק ניט געווען צו־פרידן. אפשר איז עס אַ משפּחה־פעלער. מיר זיינען ניט קיין רצים להעשיר, געלט האָט ביי אונדז ניט געשפּילט די הויפּט ראָליע. און ווען מיר האָבן דערפילט ווי די צייט לויפט און די אינגערע יאָרן לויפן נאָך, אַז לערנען קען מען ניט, אַז אין קיין טעאַטער גיין קען מען ניט, אַז שבת מוז מען נאָך אַלץ אַרבעטן ביז פינף אַזייגער. און איידער מען קוקט זיך אום, לויפט אַוועק דער זונטיק. מען איז אויסגעמאַטערט. ווען מען וויל זען גאַרדינס אַ דראַמע אָדער הערן זשיטלאָווסקיס אַ לעקציע, איז ניטאָ ווען. — מען

האָט שוין באַדאַי געבעטן אַז ס'זאָל ווערן „סלעק". אָבער אויף צו להכעיס האָט זיך דער סעזאָן געצויגן, די באַנדלעך זיינען געוואָרן גרעסער, די אַרבעט שווערער און שווערער... און נאָכן גאַנצן „אָווערטאַים" איז געבליבן גאָרנישט מיט נישט.

איז מילא, מיר זיינען דאָך ניט איינציקע. אויב די אַלטע אַרבעטער שווייגן, מוזן מיר דאָך אויך שווייגן. אָבער דאָס אַרבעטן ביז 9 אַזייגער ביינאַכט, איז געווען אַ ביטערער פּיל אַרונטערצושלינגען.

איינמאָל האָט מיין ברודער הירש דערפילט אַז היינט מוז נעמען אַן ענדע צו דער שקלאַפעריי. ער האָט געדאַרפט גיין נעמען אַ „לעסאָן", ער האָט שוין אַזויפיל געלט איינגעצאָלט, איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל, — ער אַרבעט היינט ניט קיין „אָווערטאַים"... ער זאָגט מיר אויף גיך: — בערל, איך גיי אַהיים, דו בלייב אַרבעטן מיט די מיידלעך און איך וועל פּרובירן אַרויס־קריגן מיין „העט און קאָוט" ביי מיטשעלן. — ער האָט זיך געגעבן אַ הייב־אויף און צוגעגאַנגען צום פאָרמאַן סעם מיטשעל און אים געזאָגט, דאָס גראַדע היינט מוז ער גיין אַהיים, — בערל בלייבט אַרבעטן מיטן סעט, אָבער איך מוז!

— וואָס מיינסטו כ'מוז? דו ווייסט ניט אַז היינט אַרבעט מען אָווער־טאַים? — און מיין ברודער האָט דרייסט געענטפערט:

— הער זיך איין סעם! איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אויב דו עפנסט ניט די טיר, רייס איך אויף דעם שלאָס, דאָ איז ניט קיין טורמע!...

— וואָס מיינסטו, הערי, דו וועסט רייסן דעם שלאָס? — האָט מיטשעל זיך צעשריען.

— אָט דאָס מיין איך, איך בין ניט אין קיין פריזאָן! —

מיין ברודער הירש האָט מיטן גאַנצן כוח גענומען רייסן די טיר.

אין מיטן טומל און געפילדער האָט זיך באַוויזן דער מענעדזשער מיט זיינע אַדיוטאַנטן פון אַכטן פלאָר. די שאַפּע האָט אַ טרעשטשע געטאָן און רעק האָבן גענומען פאַלן... דער ברודער מיינער האָט אָנגעהויבן זוכן זיין ראַק, און עס האָט זיך דערהערט די שטימע פונעם מענעדזשער סעם בערענשטיין:

— וואַט איז דיס? הו דעיערד טו ברעיק דהי לאָק?! (וואָס טוט זיך דאָ, ווער האָט עס געוואַגט צו ברעכן דעם שלאָס?)

— אַי דיד! (איך האָב עס געטאָן) — האָט מיין ברודער געענטפערט.

— ווי אַר נאָט אין עי פּריזאָן (מיר זיינען דאָ ניט אין קיין תפיסה). מר. בערענשטיין, אויב איך מוז גיין אַהיים, וועל איך גיין אַהיים.

— דיד יו טעל סעם טהאַט יו מאַסט גאָ האָום? (האָסטו געזאָגט סעמען אַז דו מוזט גיין אַהיים?) — האָט דער ביטערער בערענשטיין זיך געווענדעט צו מיין ברודער.

— יעס, אַי דיד! אַי בעגד הים, אַי טאָלד הים טהאַט אַי מאַסט גאָ

האָום, הי שוד מעיק אַן עקסעפּשאַן וויט מי טונייט (יאָ, איך האָב זיך געבעטן ביי אים, אים געזאָגט אַז איך מוז היינט גיין אַהיים, ער זאָל היינט מאַכן אַן אויסנאַם מיט מיר)... — דער מענעדזשער האָט הפנים דערפילט אַז דאָס איז ניט קיין שפּילעכל, אַז אַט אַ גיבן זיך אַ הייב אויף נאָך אַרבעטער און ער וועט האָבן אויף זיך אַ פּעקל, אַז דאָס איז באמת ניט קיין קליי־ניקייט... האָט ער זיך כלומרשט גענומען בייזערן אויף סעם מיטשעל ווארום ער האָט ניט גענוצט קיין שכל, און ווארום ער האָט אים ניט אַרויס־גערופן? ספּעציעל ווען ער האָט צו טאָן מיט הערי באָום, וועמען ער רעס־פּעקטירט פון ערשטן טאָג אָן...

מיר אַלע זיינען געבליבן זיצן ווי פאַרשטיינערט און זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. ניט אַזוי וויל מיר האָבן מורא געהאַט פאַרן מאָרגן, — נאָר עפּעס אַ אומבאַוואוסטער גליוועך האָט יעדן ווי אַרומגעכאַפּט. מעגלעך דער טאָן פון דעם כיטרען מענעדזשער האָט געראַטעוועט די סיטואַציע און יעדערן ווי איינגעקלאָמערט נעבן דער מאַשין. עס איז אָבער זיכער אַז יענע נאַכט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסער ניצחון אין דער געשיכטע פונם יחיד הערי באָום, וועמען דער מענעדזשער, בערנשטיין, האָט געגעבן גערעכט. אָבער הערי באָום האָט מער ניט געוואָלט קומען אַרבעטן...

פון יענעם טאָג אָן האָט מען שוין מער די טיר פון דער שאַפּ ניט פאַרשלאָסן. און אַ נייע צייט, אַ נייער פּלאַן איז איבער נאַכט אויסגעפּלאַנעוועט געוואָרן פון די בעלי־בתים: כלומרשט אַז דער גאַנצער „אָווערטאַיים" איז געווען אַ טעות. אַז זיי האָבן עס געדאַרפט האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ, אַז אַט אין עטלעכע טעג אַרום וועלן געבאָרן ווערן הונדערט נייע מאַשינען, מאָ־דערנע, אויפן אַכטן פלאָר. מען וועט מאַכן אַ גאַנצע אָפּעראַציע, מען וועט פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, מען דינגט דעם צענטן פלאָר. פון דאָרטן וועט מען „שיפּן" און אויפן אַכטן פלאָר וועט אָנהויבן לויפן נייע מאַשינעריע בלויז ביי טאָג, מיט נייע בעלי־מלאכות וועלכע וועלן קושן יעדן ווינקעלע פון דער „טרייענגל"...

— און יאָ, עס איז ניט געווען גלאַט גערעדט, אויס אָווערטאַיים! — זאָל איך, אַרבעטער, פּיקן די גאַל... איר וועט שפּעטער ווינען... איר וועט זיך באַלד אַרומזען וואָס איר האָט זיך אַליין אָפּגעטאָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן נייע צרות, פּאָליטישע צרות. גאָר פּשוט, אַ קלאָנג, אַז די גרינגע אַרבעט ווערט געמאַכט מיט נייע אַרבעטער. טייל מיוחסים האָט מען אַראָפּגענומען אויפן אַכטן פלאָר, כלומרשט זיי זאָלן ווייזן די נייע דעם וועג. אָבער ס'איז געווען זיכער אַז מ'האָט דאָס געטאָן בכיוון, עס זאָל אַ טייל אַרבעטער פּיקן די גאַל.

איך בין פאַריתומט געוואָרן. געבליבן אַליין מיטן „סעט". מיין האַרץ האָט געציטערט. כאָטש באמת געזאָגט האָבן אַלע געזען ווי אַזוי די פּאַרלייט האָבן מיר פּרובירט העלפן און טרייסטן. אַפילו דער מענעדזשער אַליין האָט

מיך געטרייסט... ער האט מיך געהייסן ארבעטן פלייסיק, אנגעוויזן אז איך דארף ניט ליידן פאר די טעותן פון מיין ברודער וואס האט געוואגט צו אויפרייסן דעם שלאס. איך זאל וויסן אז ער האט אונדז באמת ליב געהאט... אז מיין ברודער יונה און מיין שוועסטער רייזע, וואס איז אויך פאררעכנט ביי אים אלס בעסטע פרעסערין און אלע זיינען ביי אים גאר חשוב...

איך האב פונדעסטוועגן געלאזט א טרער, בעת דער גרויסער מענעדזשער איז געשטאנען ביי מיין מאשין צוזאמען מיטן פארמאן ביי דער זייט. איך האב געפילט אז איך בלייב פארט אליין. און ווי וועל איך זיך ספראווען מיט אזא סעט? און וואס וועט מיין ברודער טאן? — אזעלכע דזשאבס ווואלגערן זיך ניט אין די גאסן... אבער צייטן בייטן זיך: — די בעלי־בתים האבן געפונען זייער וועג און מיין ברודער איז מיט א האלב יאר שפעטער צוריקגעקומען ארבעטן ביחידות, דווקא אויפן אכטן פלאר. ער האט דורך דער צייט געלערנט... אבער ס'איז געווען ווי דער פרק זאגט: „אם אין קמח אין תורה".

עס האט זיך גערודערט ביי דער „טרייענגל" נאך שטארקער ווי פריער. דער גערויש פון ניינטן און אכטן שטאק מיט אזוי פיל מאשינען, מיטן צענטן שטאק וואו די שיפינג קלוירקס האקן און זעצן און קלאפן. אן עולים ויורדים, א וועלט פון טויזנטער טוצן בלוזקעס. אבער מיטן גאנצן טאראראם האט זיך עס דערפירט צו א שניט, א שארפער שניט אין די שכירות. צען שעה א טאג ארבעט איז ניט געווען גענוג צו מאכן א לעבן. עס האט זיך פארשפרייט א קלאנג אז ביי די „ראזען בראדערס" וואס איז שוין א יוניאן־שאפ, פארדינט מען א סך מער ווי דא. האט זיך געמאכט, אז אין א געוויסע וואך האט מען אויסגעטיילט „פעי", די סעט פירערס האבן אויסגעצאלט זייערע ארויסהעלפערס און זיי, די פני, זיינען געבליבן אפשר מיט אכט אדער צען דאלער פאר דער וואך. — היתכן? — ווי איז עס מעגלעך? וואס איז דא געשען? — טייל מענער זיינען געלאפן אין דער מענער־אפטיילונג, צו חשבונען און זיך דערקלערן וואס עס איז דא פארגעקומען. — אין ביכל איז פארשריבן צענדליקער טוצן ארבעט און קיין געלט איז ניטא. וואס הויבט מען אן צו טאן? ס'איז דאך ניט קיין שפילכל — האבן די ארבעטער צו זיך געהאלטן אין איין מורמלען ממש אין פארצווייפלונג.

זיינען דארט געווען צוויי יונגע לייט שותפים: דזשעיק קליין און מאריס אלצפן. זיי האבן געהאט אחוץ זיך נאך פיר העלפעריגס. ביידע זיינען גראד געווען פיינע בחורים, און אינטעליגענטן. אגב זייער גוטע בעלי־מלאכות. האבן זיי באשלאסן דורכצוריידן זיך מיטן מענעדזשער. זיי וועלן צוגיין און אים א פרעג טאן ווי מענטשן, אפשר איז דא א טעות? אפשר, מי יודע? ס'איז דאך ניט מעגלעך אזא שניט ביזן ביין?...

אויף מארגן ארום צען אזייגער, ווען דער מענעדזשער האט זיך א יאווע

געטאָן אַן אויסגעפּוצטער, אַ ריינער, אַ טשאַקענדיקער, מיט דעם רונדיקן פּאַרטוכל אויף זיינע געפּרעסטע הויזן, האָבן זיך די צווי שותפים אַ הייב געטאָן מיט ציטער און אים אָפּגעשטעלט:

— זייט אַזוי גוט, מר. בערענשטיין, וואַרט אַ מינוט, מיר ווילן מיט אייך עפּעס ריידן.

— איז עס וויכטיק? — האָט ער זיי געפרעגט.

— יאָ, — ענטפערט אים דזשייק קליין מיט שרעק. און ווייזט אים דאָס ביכל וואו ס'שטייט פאַרשריבן פּופּציק טוץ אַרבעט און האָבן ניט צו באַצאָלן זייערע געהילפן.

מר. בערענשטיין האָט גענומען דאָס ביכל, אַריינגעקוקט און געפרעגט:

— וואָט פּרייזעס דו יו טהינק אַר וראָנג? (וועלכע פּרייזן מיינט איר זיינען דאָ ניט ריכטיק?)

דזשייק קליין איז גראָדע געווען אַ בחור וואָס האָט געקענט האַלטן אַ פען אין דער האַנט, אַ שיינער יונג, אַ שוואַרץ־חנעוודיקער, הויך געוואַקסן, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר, ער האָט געטראָגן ברילן. ער ווייזט אים אָן, אַז אָט דאָ, אינמיטן ביכל זיינען דאָ צווי לאָט נומערן, וואָס עס איז זיכער אַז זיי זיינען ניט ריכטיק באַצאָלט. ער ווייסט אָבער ניט פּינקטלעך וועלכע „לאָטס”... ערשט דאַן האָט זיך דער מענעדזשער צעקאָכט:

— „וואָט פולס! האַו דעיר יו קאַם טו מי, עסקינג פאָר מאָר מאַני?” וואָס פאַר אַ נאַראָנים! ווי וואַגט איר קומען און מיך בעטן מער געלט, ווען איר אַליין ווייסט אַפילו ניט וואָס פאַר אַ לאָטס דאָס זיינען? גייט גלייך צו אייערע מאַשינען! ענדיקט אויס אייער אַרבעט און טראָגט זיך גלייך אָפּ פון דאַנען, איך מיין אייך ביידן!...

ער האָט אַרוף געטאָן סעם מיטשעל דעם פאָרמאַן און אַ זאָג געטאָן קורץ: — זאָלן זיי „אויספינישן” די אַרבעט און פאַרטיק! איך וויל זיי דאָ ניט מער!

ער איז אַראָפּ צוריק אויפן אַכטן פלאָר און געברענט מיט רציחה, און ביידע בחורים זיינען ווי אָפּגעשמיסענע אַוועק צוריק צו דער אַרבעט ביי די מאַשינען. שטייט לעבן זיי סעם מיטשעל און בייזערט זיך אויף זיי, וואָס זיי זיינען געגאַנגען צו בערענשטיינען אַן זיין וויסן. זיי פאַרענטפערן זיך אַז זיי האָבן קיין שלעכטס ניט געמיינט, זיי זעען ניט איין דעם חטא, ווען אַן אַרבעטער פרעגט אויף אַ פּרייז, מען איז דאָך ניט קיין שקלאַפן!

אין געטומל קומט צו די בוכהאַלטערין און רופט מיטשעלן אַוועק:

— „מר. בערענשטיין וואַנטס יו דאַון סטעירס”... (מר. בערענשטיין וויל אייך זען אונטן). אַ שטאַרק נערוועזישער לויפט ער אַרונטער און קומט באַלד צוריק מיט אַ באַפעל: — זיי זאָלן אָפּשטעלן די אַרבעט און גיין!

— וואָס מיינט איר גיין? — פרעגן אים ביידע שותפים מיט אַ מאָל אין שטוינונג. — קודם דאַרפן מיר „פינישן” די אַרבעט און קריגן באַצאָלט.

די מיידלעך האָבן ביי אונדז ניט געאַרבעט אומזיסט; — האָט אויסגעשריען דזשייק קליין.

— ניין, איר דאַרפט ניט פינישן, — קהלט זיך דער פאָרמאַן — די מיידלעך באַלאַנגען צו דער פירמע! — — —

קענטיק אַז די קריג האָט זיך דערהערט פון דער ווייטנס. עס האָט לאַנג ניט גענומען און בערענשטיין מיט זיין „באָדי גאַרד" באַרני דער שטאַרקער, איינער פון די צושניידערס, שטייט נעבן דעם פלינקן מענעדזשער און בײדע לויפן צו צו דזשייק קליין און בערענשטיין שרייט אויס:

— איר מוזט גלייך, זאָפאָרט פאַרלאָזן די פאַבריק!!...

דזשייק וויל אים עפּעס זאָגן, אָבער דער מענעדזשער, מר. בערענשטיין, כאַפּט אים אָן ביים קאַרק און הייבט אָן אים געבן פּעטש, רעכטס און לינקס. דזשייקס ברילן זיינען אַרונטערגעפאַלן, די העמד האָט זיך צעריסן און ער שלעפּט אים נאָך אַלץ מיט רוגזה ווי ער וואָלט געווען אַ קעשענע גנב. דזשייקס שותף, אלצפן, איז צוגעלאָפן און אים געוואָלט אָפּרייסן, אָבער באַרני דער שטאַרקער כאַפּט אים אָן גרייט צו דערלאַנגען... די קולות פון די מענטשן אַרום האָבן זיך אַ הויב געטאָן: — גוואַלד, אידן! אַרבעטער, וואָס שווייגט איר!? — האָט זיך דערהערט אלצפנס קול. — וואָס דערלאָזט איר אַזוינס? ס'איז נאָך ערגער ווי אַ פּאָגראָם! — עס האָבן זיך דערהערט קוויטשערייען פון יונג און אַלט, פרויען האָבן געחלשט, מענער האָבן גענומען שפּרינגען איבער די טישן מיט היסטערישע קולות. טייל האָבן גענומען מינטערן די געחלשטע, טייל זיינען געלאָפן ווי ווילדע נאָך וואַסער, אַ שרעקלעכע בהלה אינמיטן דעם געלויף פון די מאַשינען...

איך אַליין, אַ האַלב פאַרלאָרענער, צוזאַמען מיט דזשאָו זיינפעלד זיינען צוגעלאָפן און אָפּגעשטעלט די עלעקטריע. די קליידער שאַפע איז מיטאַמאָל ליידיק געוואָרן. ביידע שותפים, די געשלאָגענע זיינען אַראָפּ די שטיגן. בע־רענשטיין איז געשווינד נעלם געוואָרן. ער איז אַראָפּ אויפן אַכטן פלאָר און געהייסן רופן פּאָליציי. אויפן באַפעל פון די מענעדזשערס האָבן זיך די עלעווייטאָרס אָפּגעשטעלט. די אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט צו די שטיגן, און ווי די פאַרסמטע מייז איז מען אַראָפּגעלאָפן אין גאַס. דריי הונדערט אַרבעטער, מענער און פרויען, האָבן פאַרלאָזט דעם שאַפּ. פאַרבליבן אין שאַפּ זיינען בלויז די משפחות פון מאַקס בלאַנק, די בערענשטיינס...

צעטומלטע און צעשראָקענע האָבן זיך די אַרבעטער צעזייט און צע־שפּרייט אויף די אַרומיקע גאַסן. אַ סקאַדראָן פּאָליציי האָט זיך געיאָוועט און כלומרשט געפרעגט: „וואָס איז געשען?!" אָבער מען האָט שוין גע־וואוסט וואָס זיי זיינען אויסן. אין גרופּנווייז איז מען נאָכגעלאָפן איינע די אַנדערע ביז צו דער דריטער עוועניו, דאָרט האָט מען זיך ענדלעך באַפרייט פון די „גולע קנעפּ". כמעט אַ העלפט פון דעם שאַפּ האָבן זיך דאָרט געטראָפן. פון מויל צו מויל האָט מען זיך איבערגעגעבן אַז, מען גייט צו איסט בראָדוויי

צום „פאָרווערטס", טייל האָבן געזאָגט אַז מען זאָל זיך פאַרזאַמלען אין קלינטאָן האָל. איין גרופע איז געלאָפן זוכן דעם אַדרעס פון די „אידישע געווערקשאַפטן". ווי פאַרלוירענע האָט מען זיך געזוכט איינער דעם אַנדערן און זיך נאָכגעפרעגט: — וואו איז דזשייק קליין? וואו איז משה אלצפן?...
— מענטשן אויף די גאַסן האָבן זיך נאָכגעפרעגט און זיך דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט ביי דער „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני"...

ווי דורך אַ בת קול פון הימל האָט זיך די דאָזיקע שוידערלעכע פּאַסירונג פאַרשפּרייט אויף די גאַסן פון דער איסט סייד. אַ קאָמיטע פון אַנגעומענע אַרבעטער האָבן זיך ממש אַריינגעריסן אין דער אַמאָליקער „פאָרווערטס" געביידע מיט אַ געיאָמער: — וואו איז אייב קאַהאַן? — האָבן זיי געפרעגט.
— זאָל ער עפּעס טאָן!... — איינער פון דער „פאָרווערטס" רעדאַקציע האָט זיך באַמיט איינשטילן דעם אויפגערעגטן עולם. ער האָט געשריבן אין נאָטיץ ביכל, צוגעזאָגט צו האָבן אַ באַריכט וועגן דעם.

— וואו קען מען זען מאָריס ראָזענפעלדן? — האָט זיך דערהערט אַ שטימע. דער האָט געגלויבט באמונה שלימה אַז דער דיכטער קען אים העלפן. אב. קאַהאַן איז גראָד דאָ אין דער רעדאַקציע ניט געווען. מען האָט טעלעפאָנירט מאַקס פּיין, סעם שינדלער, און ב. ווינשטיינען. מען האָט געהייסן דעם קאָמיטעט אַז זיי זאָלן זען צו ברענגען אַלע אַרבעטער אין קלינטאָן האָל, מען זאָל זיך ניט זאָרגן, זיי וועלן באַלד אָנקומען.

די קאָמיטע איז באַלד אַראָפּ. איינער אַ בחור, מאָריס געקער, הויט און ביין, גראד אַ אינטעליגענטער, האָט זיך גענומען צוריק לויפן אין רעדאַקציע: — ער וועט ניט אַוועקגיין פון דאָרטן, סיידן ער וועט זען אב. קאַהאַנען... — אין דעם געלאָף צוריק האָט ער דערוויל פאַרלוירן זיין שאַליק...

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו קלינטאָן האָל, האָבן מיר דערזען אַ קליינע גרופּע. זיי האָבן געליאַרעמט מיט טענות:

— וואו זיינען אַלע? וואו האָט מען אונדז געפירט? — די פראַגע איז פאַרדראָסיק איבערגעחזרט געוואָרן פון יעדערן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז געמיינט האָט מען, מען זאָל זיך צונויפזאַמלען אין גרויסן קלינטאָן האָל, קאָרנער גרענד, און מיר האָבן זיך גאָר צונויפגעקליבן אין דעם קליינעם קלינטאָן האָל, צווישן דילענסי און ריווינגטאָן... און בקיצור, ס'איז געווען אַך און ווי... געבליבן זיינען מיר ביי פערציק מענטשן.

סעם שינדלער איז געקומען אַ פאַרשוויצטער מיט ב. ווינשטיינען: אַ הויכער, ווייס־הויטיקער איד מיט צוויי שפּיציקע שיך און האַלב פאַרלאָשענע גרויע אויגן, האָט ער גיכער געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ אשה אין מענערישע מלבושים... קיין סימן פון אַ באָרד... ער אַליין האָט אויסגעזען פאַרלאָרן פונם גאַנצן סך־הכל:

— וואו זיינען די איבעריקע אַרבעטער? — האָט ער געפרעגט ממש

מוטערלעך און באַלד אָנגעזאָגט זיך ניט צו שרעקן. ער האָט ווייטער פאַר־געזעצט צו יחידים:

— מיר האָבן געהאַט די אייגענע דערפאַרונג ביי די „ראָזען בראָדערס״ און היינט האָבן מיר דאַרטן אַ שטאַרקן יוניאָן שאַפּ! — זיינע רייד האָבן זיך עפּעס געצויגן מאָדנע איין־טאָניק און מיר האָבן ניט געוואוסט ווי אַזוי צו רעאַגירן, מיר זיינען געווען פאַרצווייפלט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און געטראַכט מי יודע וואָס דאָ איז געשען? — אפשר וועלן מיר דאָ זיין די קרבנות? — מיר האָבן פאַרלוירן די דזשאָבס און אַנדערע זיינען שוין אפשר אַוועק צו דער אַרבעט?...

בשעת ווינשטיין האָט גערעדט צו די עלטערע פּרויען, האָט סעם שינד־לער גערעדט צו אונדז יונגוואַרג. ער האָט אויסגעווישט זיינע ברילן, אַ פּיר־געטאָן מיט דער זעלבער טיכעלע איבער זיינע פאַרפלאָמטע באַקן און גענומען פאַרשרייבן נעמען. ניט בלויז אונדזערע, נאָר אויך אַנדערע. ער האָט געוואָלט אַ רשימה פון יעדן אַרבעטער, מאַן און פרוי. וואָס מער ער האָט געשריבן, אַלץ מער האָט ער זיך געבייזערט, פאַרוואָס מיר ווייסן ניט יעדנס אַדרעס. מיר איז דאַן דער בייזער איד גאָר ניט געווען צום האַרצן און האָב צו זיך געטראַכט:

— הער נאָר אַן איינפאַל, מיר דאַרפן גאָר וויסן יעדערנס אַדרעס?

— אַוודאי האָב איך דעם געדאַנק געשטיקט אין זיך און געטראַכט אַז, מיר האָבן ניט קיין מזל. גראָד אין דער סומאַטאָכע איז מיין ברודער הירש ניט געווען. ער האָט פאַרלאָזט די „טרייענגל״ פריער.

איך האָב בשעתו זיך דערפילט דערשראָקן. איך בין אויך געווען זייער ניט דערפאַרן. סך הכל בין איך דאַן אַלט געווען זעכצן יאָר. און געווען בין איך דאַן אונטער זיין השגחה. איך האָב געלייענט די ביכער וואָס מיין ברודער הירש האָט מיר געגעבן. איך בין מיט אים געגאַנגען אין טעאַטער און געוואָרן אַ גרויסער פאַרערער פון יעקב גאָרדין, בעיקר ווען יעקב אַדלער און דוד קעסלער האָבן געשפּילט אין זיינע דראַמען. און דאָ אין אַזאַ צייט בין איך איינער אַליין, ער האָט מיך איבערגעלאָזט מיטן „סעט״ ווי אַ שאָף אָן אַ פּאַסטוך און געוואָרן גאָר אַ סטודענט אין מיטן דערינען...

דער טומל האָט זיך אָבער פאַרגרעסערט און טראַכטן וועגן זיך איז שוין ניט געווען שייך. מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט. און אָט הייבט זיך אויף סעם שינדלער, דער בייזער איד, און מאַכט אַ מין אָנקלאָגע קעגן אונדז אַלעמען. גאָר פּשוט: „פאַרוואָס זיינען מיר ניט געקומען זיך אָנשליסן אין דער יוניאָן בעת מען האָט געסטרייקט ביי די „ראָזען בראָדערס״? און פאַר־וואָס האָבן מיר געוואַרט ביז מען זאָל אונדז דערלאַנגען קלעפּ? — אָבער ער בעט מען זאָל אים מוחל זיין, אויב ער איז אַביסל צו שאַרף אין זיין טאָן. ער האָפט, אַז אָט באַלד, נאָך אַ טאָג, צוויי, וועלן מיר אויסגעפינען אַז ער איז גערעכט און וועלן מיט אים מסכים זיין. ער בעט מען זאָל זיך פאַרהאַלטן

אין אָרדענונג. און ער שטעלט אונדז פֿאַר דער גרויסן אָראַטאָר און אָרגאַני־זאַטאָר ב. ווײַנשטיין.

אָבער אײדער ווײַנשטיין האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט זיך די טיר אַ עפֿן געטאָן און עס זײַנען אַרײַן ביידע געשלאָגענע, און מאַקס פֿיין, באַגלייט פֿון עפּעס אַ יונג מיט ביינער. זיי, די נוגעים בדבר, זײַנען נאָך אַלץ געווען צעטראָגן און פֿאַרפּלאָמט. מיר האָבן זיך דערפֿרייט וואָס זיי, די הויפּט, זײַנען מיט אונדז דאָ, עס האָט זיך אַביסל אַ רודער געטאָן אין זאַל, נײַגעריקע קעפּ האָבן זיך געדרייט און זיי נאָכגעפֿאָלגט ביז אַלע פֿיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט.

דאָן האָב איך זיך ערשט דערוואוסט אַז דער איד מיט די ברילן, מיט די רויטע באַקן איז גאָר מאַקס פֿיין און אַוודאי האָב איך ניט געוואוסט אַז דער געזונטער יונג וואָס האָט אים באַגלייט איז איינער אַ מילער, דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער „נעקוועיר" יוניאָן. מער פֿון די ביידע אָנגעזעענע געסט האָב איך זיך דערוואוסט ערשט שפּעטער.

אַלע דריי האָבן געהאַלטן רעדעס. באַזונדערס האָבן ב. ווײַנשטיין און ס. מילער גערעדט מיט באַוויזן, אַז „די טרייענגל האָט אונדז נאָך געדאַרפֿט ערגער באַהאַנדלען, ווײַל צום באַדויערן איז דאָס דאָס איינציקע וואָס דער אַרבעטער פֿאַרשטייט. פּונקט ווי אין רוסלאַנד האָט די נאַגייקע יעדן געעפֿנט דעם קאָפּ און די מוחות האָבן גענומען טראַכטן..."

איך מוז באַטאָנען אַז די רעדעס האָבן אונדז גערירט ביז טרערן. ספּעציעל ווען מילער האָט באַטאָנט, אַז די „ווינדאָו־שעידס" האָט עמעצער אַראָפּגעצויגן, ווײַל מען האָט מורא געהאַט פֿאַר דער דרויסנדיקער שיין און געמיינט אַז דער מיטינג דאַרף פֿאַרקומען הינטער געשלאָסענע טירן...

מאַקס פֿיין האָט גערעדט דער לעצטער. ער האָט געזאָגט אַז „קיין סך האָט ער ניט צוצוגעבן, אַז אַלץ האָבן שוין אַרויסגעבראַכט די רעדנערס פֿאַר אים, אָבער ער, ווי אַ פֿאַרטרעטער פֿון די פֿאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפֿטן, פֿאָדערט אויף אַז מיר די פֿיר הונדערט אַרבעטער זאָלן זיך פֿאַרזאַמלען אין דעם גרויסן קלינטאָן האָל. קודם כּל, אויפֿשטורעמען „פּאָבליק אָפּיניאָן" (די עפֿנטלעכקייט), מען וועט וויזן דער „טרייענגל", ווער עס איז שטאַרקער און גערעכטער! און אַ מעכטיקע יוניאָן וועט געבויט ווערן. מיר די טרייענגל קעמפֿער וועלן פֿאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין דער געשיכטע פֿון לאָקאַל 25.

דער מיטינג האָט געמאַכט אַ רושם און האָט זיך געענדיקט אין אַ מונטערע שטימונג און שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן און קלאַפּערייען.

מ'האָט אָגב באַלד גענומען מאַכן פּלענער: קודם כּל מאָרגן גאַנץ פֿרי זאָל מען קלאַפּן טרעוואָגע און מען זאָל זיך פֿאַרזאַמלען אין דעם זעלבן קלינטאָן האָל, צימער 7, דערנאָך וועט מען, און מען וועט טאָן...

מיט אַ „ויחד יתרו" זײַנען מיר אַלע אַוועק אַהיים. די הערצער האָבן געציטערט פֿאַר פֿרייד און פֿאַר שרעק. איך בין זיך מודה אַז ערגעץ אין

זיך האָב איך היפּשלעך געצווייפלט און כ׳האָב זיך געשראָקן אַז פון דעם גאַנצן טומל קען זיך חס ושלום אויסלאָזן אַ בוידעם... איך, פּונקט ווי אַנדערע, האָבן ניט געהאַט קיין צוטרויען צו די „טרייענגל פּירער״ מיטן אויסנאָם פון די צוויי געשלאָגענע. ווייל אַ סך פון זיי זיינען געווען „סעט״, „פּירערס״, „גדולים״ און האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן העכער ווי די דורכשניטלעכע אַרבעטער אין שאַפּ. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אונטער די בעסטע אומשטענדן וועלן זיי פאַרלירן די ממשלה. ווייל אין אַ יוניאָן זיינען אַלע גלייך. — איז וואָס וועט טאַקע זיין אַז זיי וועלן ווערן גלייך מיט פּערלען און מיט בעסין און מיט רייטשלען? ...

און טאַקע כך הוה: מ׳האָט זיך אָפּגעטומלט אַ פּאָר טעג, מ׳האָט איינגעצאָלט שינדלערן צו דאָלער פאַר איינטריט געלט, מען האָט „געמאַכט פּלענער״ פאַר דער צוקונפט. איך וואָלט על כל פּנים און על פּי יושר, אַט דווקא איצט געדאַרפט זיך אָפּרעכענען מיט די אַלע, וואָס האָבן געמאַכט דעם „השבנו נאַזאַד״ און אונדז די „צאן קדושים״ מיטגענומען צוריק אין פאַבריק, דורך גוטע רייד. אָבער איידער איך גיי ווייטער, ווילט זיך מיר דאָ רעגיסטרירן אַ פאַקט, און דאָס איז די שטעלונג פון דער אידישער פּרעסע אין יענער צייט: דער „פאָרווערטס״, די „וואַרהייט״ און „דער מאָרגן זשורנאַל״ מיט „טאָגעבלאַט״ האָבן דעם ענין געגעבן גענוג אויפמערקזאַמקייט און טעגלעך ממש אויסגעשטורעמט זייער פּראָטעסט פאַר אַזאַ אונטערדריקונג און גאָר שלאָגן אַרבעטער, אַז דאָס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. — אויסגעצייכנט אויף דעם געביט האָט פאַרשטייט זיך דער „פאָרווערטס״.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז פּונקט זונטיק אַכט אַזייגער אין אָוונט, זאָל מען זיך פאַרזאַמלען אין גרויסן קלינטאָן האָל. עס וועלן זיין וויכטיקע רעדנער: אב קאַהאַן, דזשייקאָב פּענקין, מאיר לאָנדאָן, דזשיי גאָלדשטיין און מאַקס פּיין. מען האָט פאַרויסגעזאָגט אַז די פאַרזאַמלונג וועט אויפשטורעמען ניט נאָר די אידישע איסט סייד, נאָר אַפילו די גויאישע גאַסן.

מיר האָבן זיך צעטיילט צו צוויי און צו דריי, יעדן מודיע צו זיין וועגן דער גרויסער, וויכטיקער פאַרזאַמלונג. די צייטונגען האָבן געהאַט אָנגעזעענע מעלדונגען. אָבער מיר, די יונגע, די שיק־אינגלעך האָבן געפילט אַז די פאַרזאַמלונג וועט ניט זיין ווי געפּלאַנט, כאָטש יעדערער האָט צוגעזאָגט צו קומען. דער קלינטאָן האָל איז געווען ריין. די בענקלעך אויסגעשטעלט, גרייט אויפצונעמען די פיר הונדערט אַרבעטער פון דער טרייענגל פאַבריק. דער זייגער איז אַכט, ס׳איז שוין האַלב נאָך אַכט. עס זיינען אָנגעקומען אַן ערך פופציק אַרבעטער. מערסטנס די פרויען און די אַרויסהעלפערס. אפשר אַ צוואַנציק עלטערע אַרבעטער. שטילע, אַמאָליקע שניידערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביחידות פאַר זיך אַליין. די צוויי הויפּט, דזשייק קליין און מאָריס אַלצפן לויפן אַריין און לויפן אַרויס. זיי זיינען עפּעס ניט די זעלבע. עפּעס

קוועטשט זיי. עס קומען אָן די פירערס. צווישן די ערשטע, אַב. באַראַף און ב. וויטאַשקין. זיי האָבן עס גענומען דעם זאַל, זיי זיינען געווען די אַראַנזשירער, מיט זיי האָט מען זיך געעצהט.

אַב. באַראַף איז געווען אַ טייערער איד, אַן ערנסטער, מיט אַ גרויע קאָפּ האָר. ער האָט געטראָגן ברילן און געדרויכערט אַ ציגאַר. ב. וויטאַשקין איז געווען אַ שוויטקער מענטשל, גערעדט מיטן „ריש" און געמאַכט בקיצור:

— וואו זיינען עס אייערע „טרייענגל" חברה? — האָט ער ביי אונדז געפרעגט.

נעבן מיר איז געזעסן אַן אַרבעטער, דזש. זיינפעלד, אַ יונגער בחור מיט אַ העל־הויטיקן פּנים. אַ סך האָבן אים גערופן „דזשאָו דער גאַליציאַנער". ער איז גיך גרויס געוואָרן. אַ האַרעפּאַשניק מיט אַ מויל צום ריידן. אויך ער האָט שוין געדויכערט אַ גראָבן ציגאַר, ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר און שוין געווען אַ סעט־פירער, זיך אַרויפגעאַרבעט אַן זכות אָבות ביי דער „טרייענגל". ער רוימט מיר אַריין אַ סוד אין אויער אַז, — ס'איז צרות, און אפשר איז בעסער אַזוי?...

ווער איך דאַך נייגעריק און וויל וויסן וואָס, ווער, ווען? — זאָגט ער מיר אַז אויך מיר געטרויט ער ניט... ווייל איך בין שוין אויך אַ „קנאַקער" מיט אַ „סעט"... און איידער איך באַוויז זיך מיט אים צו אַמפּערן וועגן דעם, באַווייזן זיך די דערוואַרטעטע רעדנער: אַב. קאַהאַן, מאַקס פּיין, דזשיי־קאָב פּענקין און ב. וויינשטיין. עס ווערט אַ טומל אין זאַל, אַ קלאַפּעריי און פּאַטשעריי. עס ווערט ליכטיק אויף דער פּלאַטפאָרמע און אַב. באַראַף עפנט די זיצונג.

ער הייבט אָן שטיל, ער איז, זאָגט ער, ווי צעמישט. ער שעמט זיך פאַר די גאָר ווירדיקע גענאָסן וואָס זיינען געקומען היינט אַהער באַגעגענען אַ מאַסע, אַ געשלאָגענע מאַסע, וואָס זאָל אויפשטורעמען די עפנטלעכע מיינונג און אַרויסברענגען דעם גרויסן פּראָטעסט, אָבער וואו זיינען זיי?!! וואָס זאָל עס מיינען? — נאָך קורצע עטלעכע ווערטער שטעלט ער פאָר מאַקס פּיין.

מאַקס פּיין האָט געהאַט אַ כוח הדיבור און זיין שטימע האָט זיך צע־דונערט איבערן גאַנצן זאַל:

— עס איז אַ גרויסער פאַראַט צו דער אַרבעטער באַוועגונג! מען האָט אונדז דאָ אַלעמען פאַרשעמט! — ער וויל קלאָר ווערן, וואָס טוט זיך דאָ? — פאַר וועמען האָבן זיך די „רעביאַטאַ" דערשראָקן?...

דערנאָך רעדט דזשייקאָב פּענקין. ער טענהט:

— איך בין אַ לאָיער, איך בין גרייט אייך סטרייקערס צו היטן און צו קעמפן מיט אייך און פאַר אייך. אָבער איך וויל אייך פרעגן דאָס אייגענע וואָס מאַקס פּיין: אפשר דאַרפן מיר דאָ היינט ניט זיין? אפשר געפינט זיך דאָ היינט איינער פון אייך וואָס קען אונדז אויפקלערן וואָס דאָ איז געשען

מיט די איבעריקע פיר הונדערט אַרבעטער? האָט אפשר דער בעל־הבית פאַרוואָרפן אַ נעץ אויף זיי און זיי אַזוי גיך געפאַנגען?... זאָגט אונדז, מיר ווילן וויסן!...

אַ ווײַלע איז ער שטיין געבליבן און געוואַרט. ווי ער וואָלט טאַקע גע־האָפט, אַז עמעצער וועט זיך אויפשטעלן פון די אַרבעטער און ענטפערן. ווען קיינער האָט ניט געענטפערט, האָט ער געבעטן די צוויי געשלאָגענע אַרבעטער זאָלן זיך אויפהייבן. און ער האָט דערביי צוגעגעבן: — זיי זיינען געווען ביי מיר אין אָפיס, איך האָב מיט זיי גערעדט. זיי זיינען אַגב אינטע־ליגענטע יונגעלייט. וואָס האָט איר צו זאָגן, באָיעס?

עס האָט זיך דערהערט משה אלצפנס קול:

— מיר האָבן ניט וואָס צו זאָגן, מר. פענקין, זיי האָבן אונדז פאַרראַטן! ס'וועט זיין אַז אָך און ווײ! — — —

אַן אומרואיקער געמורמל האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די פאַרזאַמלטע אַרבעטער: עס איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן אַז עפּעס אַ שמוציקע שטיקל אַרבעט איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן. איך האָב ערשט דאַן פאַרשטאַנען דזשאָ דעם גאַליציאַנערס ניט דערזאָגטע רייד...

מען האָט געמיינט אַז אב. קאַהאַן וועט נאָך ריידן. אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ריידן מיט דער דערקלערונג, אַז ער וועט בעסער שרייבן, ער איז זיכער, אַז אים וועט נאָך אויסקומען צו ריידן ביי אַן אַנדער גע־לעגנהייט...

דער עולם איז זיך צעגאַנגען. מיר יחידים, זיינען געבליבן עפּעס צו פאַרהאַנדלען וועגן אַן אַקציע אויף מאָרגן אין דער פרי, אַז מען זאָל זיך ווידער דאָ פאַרזאַמלען און אב. באַראָף מיט וויטאַשקינען וועלן פירן דעם מיטינג.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ווען מיר זיינען צוגעקומען צום האָל, איז אָנ־געקומען אַ ידיעה, אַז מען גייט זיך גאָר פאַרזאַמלען אין מאַנהעטן לייסעאום, און אָן די פירערס... עס זאָל זיין בסוד סודות: שאַ, ס'איז געקומען די „ישועה"... עס וואָלט געווען כדאי אַריינצוגיין אין פּרטים ווי אַזוי און ווער האָט עס איבער נאַכט געענדערט אַ באַשלוס פון פיר הונדערט אַרבעטער, אַז מען זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אָנשליסן אין אַ יוניאָן און פאָדערן גרעסערע שכירות און מענטשלעכע באַהאַנדלונג. ליידער האָב איך ניט דעם כוח און די צייט, איך גלויב אויך אַז דאָס וועט זיין גענוג. איך וויל אָבער פאָרט זיך באַמיען איינצושפּאַנען מיינע באַגרעניצטע כוחות און אויפדעקן אָט די „קלייניקייט" וואָס וועט אפשר פאַר דעם אַמאָליקן אַרבעטער קלינגען גאַנץ איינפאַך און גאָר נאַטירלעך? און זאָל עס אונדז ניט זיין לגנאי. סיי ווי שרייב איך עס לשם היסטאָריע. און געשען איז אַ פּשוטע „קלייניקייט":

— יאָ, פונקט אָט יענעם זונטיק אָוונט, ווען מיר האָבן געוואַרט אויפן גאַנצן עולם, האָט די „טרייענגל" אַ נעם געטאָן דעם גאַנצן סטעף אַדיוטאַנטן

פוןביידע משפחות און זיי איז געלונגען צו איבערצייגן די צושניידערס און די „פני״, אַז צוליב צוויי „טראַבל־מאַכערס״ דאַרפן ניט ליידן קיין פיר הונדערט מענטשן... נאַטירלעך האָט הערים דער בעל־שכל און בלאַנק דער כלומרשטער אַדוואָקאַט, צוזאַמען מיט זייער מענעדזשער בערענשטיין אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן מיט גאַנצע 4 פּונקטן וואָס וועט שאַפן פאַרן אַרבעטער אַ אמתן גן־עדן...

1) די פירמע פאָדערט אויף אַלעמען זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט;

2) די פירמע איז גרייט צו העכערן די שכירות אויף גאַנצע דרייסיק פּראָצענט;

3) עס מעג דערוויילט ווערן אַ קאָמיטע וואָס זאָל צוזאַמען מיטן מענעדזשער מאַכן די פּרייזן דריי טעג פאַר „פּעי־דעי״;

4) דער פערטער פּונקט מוז בלייבן אַ סוד ביז אַלע ווי איינער וועלן זיך צוריקקערן צו דער אַרבעט. אָבער די בעלי־בתּים פאַרזיכערן, אַז דער נומער פיר וועט שאַפן אַ אמתן גן־עדן התחתון פאַר די טרייענגל אַרבעטער און עס וועט אם ירצה השם זיין ליהודים... חי, געלעבט!...

אויף די פיר פּונקטן האָט מען עס דעם מיטינג געראָפן. און מיר אַלע ווי איינער זיינען „געפאַלן״ פאַרן פּלאַן.

די בעלי־בתּים האָבן באמת ניט „געשלאָפן״. אגב האָבן זיי צוגעגעבן אַז זייער גרויסער מענעדזשער, מר. בערענשטיין, איז געוואָרן אומגערעכט. אַז ער האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו שלאָגן אַרבעטער לכל הדעות. דאָס האָט הערים באַטאָנט און געבעטן פאַר זיין פירער אַנטשולדיקונג... און נאָך עפּעס, אַז ער, בכבודו ועצמו וועט פון היינט אָן זיין טאָג־טעגלעך אין שאָפּ און חוקר ודורש זיין אַלץ וואָס ווערט פאַרלאָפן אין זיינע ביזנעס, און ער האָפט אַז ס׳וועט זיין שלום על ישראל...

— וואָס זשע וועט זיין מיט די אַרויסהעלפּערינס? — האָט מען געוואָלט וויסן.

האָט מען געענטפערט: — דאָס אייגענע וואָס פריער, — נאָר מיט גרעסערע שכירות, דאָס הייסט, די דרייסיק פּראָצענט וואָס אַלע וועלן קריגן וועלן אויך קריגן די אַרויסהעלפּערס.

— נו און וועגן דער גרויסער מיסטעריע, דער פּונקט נומער פיר, וואָס איז אַזאַ גרויסער סוד, ווען וועט מען עס וויסן?

— דעם פּונקט נומער 4 וועט מען פאַרעפנטלעכן אין צוויי וואָכן אַרום, ווען אַלץ אין שאָפּ וועט זיך איינשטילן און עס וועט זיין „אַגיל ואשמחדיק״...

אַזוי אַרום האָט מען באַלד געהויבן די הענט. ניט מער און ניט ווייניקער ווי עטלעכע און פופציק שטימען. בלויז מענער אַלט און יונג. די פרויען שטימען האָט מען ניט גערעכנט, זיינען זיי דערפאַר געבליבן זיצן אין דער היים.

עס איז געוואָרן קלאָר, אַז ווי באַלד די „פּני", די „מלמדים" גייען צוריק צו דער אַרבעט, וועלן שוין די „תלמידים" נאָכקומען. אלא ניט, וועט מען אויסלערנען נייע „העגט"...

וועלן מיר זיך מודה זיין אַז דינסטיק קאַיאָר זיינען מיר אָוועק צוריק אין פאַבריק. מערסטע סעט פירער זיינען אָוועק מאָנטיק, באַלד נאָכן באַשלוס אין מאַנהעטן לייסעאום, אַז מען גייט צוריק צו דער אַרבעט.

די דרייסיק פּראָצענט אין די שכירות האָבן די מיידלעך זייער דערהויבן. אַ חוץ מיט געציילטע אויסנאַמען, האָבן זיך אַלע צוריקגעקערט צו דער אַרבעט. אַפילו די צוויי, די געשלאָגענע זיינען אויך צוריקגעקומען, מען האָט דאָך פאַר זיי זיך עפּנטלעך „אַנטשולדיקט"...

יאָ, מען האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט און מען האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן פּרייזן: — מען האָט גערעכנט די שטעך, אָדער בעסער געזאָגט די זוימען אָדער נעט, אַכט זוימען אָדער נעט פאַר אַ פּעני. פאַר זעכצן פאַלדן צוויי סענט. למשל: ווען מען מאַכט אין דער פּלייצע פון אַ בלוזע זעכצן פאַלדן, קריגט מען דערפאַר צוויי סענט. 24 סענט אַ טוץ. היינט, ווען איך האַלט אין פאַרצייכענען מיינע דערפאַרונגען ביי דער טרייענגל, אין יאָר 1953 צאָלט מען 16 סענט פאַר זעכצן פאַלדן, ס'הייסט פאַר איין פּלייצע. פאַרשטייט זיך אַז מיר מוזן זיך רעכענען מיט דער צייט. אין יענער צייט איז דאָס שוין געווען אַ געווינס פאַרן אַרבעטער...

אַוודאי זיינען מיר געזעסן צוריק ביי די מאַשינען מיט מאָדנע רעיונות. מיט פרייד און לייד, מיט ספיקות וועגן אונדזער צוקונפט, מיט געוויסנביסע אויפן פאַראַט מצד אונדז אַלע, קעגן דער יוניאָן. דער פאָרמאַן מיט די אַנדערע אַדיוטאַנטן זיינען געוואָרן גאָר אַנדערע מענטשן. העריס, דער גרויסער בעל־הבית, האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט זיך באַמיט אָפּצוגעבן מיט אַ סך קליינקייטן, חוקר ודורש געווען וואָס ער קען טאָן פאַרן אַרבעטער. ער האָט, הייסט עס, זיך אָפּגעוואוינט פון פאַבריק. ער האָט אָפט צוגערופן אַ פּאָר חשובע אַרבעטער און זיך געישובט מיט זיי איבער פּרייזן, איבער דער סיסטעם א. א. וו. בערענשטיין דער מענעדזשער, האָט זיך גאָר אינגאַנצן געביטן: און ער האָט עס באמת געקענט, אויב ער האָט נאָר געוואָלט. וואָרם אויב איינער האָט ביי אים נושא חן געווען איז ער געווען אַ בר מזל...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען צאָלט די דרייסיק פּראָצענט, די פירער צוגעזאָגטע הוספה האָבן אַלע געקראָגן אַריינרעכענענדיק די מיידלעך, די אַרויסהעלפּעריגס, אויפן חשבון פון די סעט פירערס...

און יאָ, איצט קומט דער סוד! די צוויי וואָכן זיינען אַריבער כשורה און אַלץ איז אגיל ואשמח. רופט די טרייענגל אַלע חשובע אַרבעטער, סעט־פירער און סתם אַלטע בעלי־מלאכות צו אַ זיצונג אין אַ געוויסן האָטעל. אין יענעם אָוונט האָט מען אונדז פאָרגעשלאָגן צו אָרגאַניזירן זיך אין אַ קאָמפּאַני יוניאָן: — מען זאָל אַרויסנעמען אַ טשאַרטער און זיך רופן „די

טרייענגל עמפּלאָיערס בענעוואָלענט אַסאָסיאיישאָן"", די בעלי־בתים גיבן באַלד טויזנט דאָלער, און וועלן ווערן דערמיט ערן מיטגלידער... און נאָכן מיטינג וועט מען שוין אויסאַרבעטן אַ קאָנסטיטוציע כדת וכדין, ווי עס פּירט זיך אין אַמעריקע ביי די חשובע סאָסייעטיס. און אַזאַ ווי די טרייענגל ווינטשט זיך צו האָבן: מיט אַ פּרעזידענט און וויס פּרעזידענט. מיט סעקרעטאַרן און טראַסטיס, מיט סעמעטערי און בעיקר קראַנקן בע־נעפיט.

און מיר האָבן בשעת מעשה געטראַכט, אַז ס'איז גאָרניט קיין שלעכטער פּלאַן, ס'איז פּאַרט אַ שטיקל ישועה.

אָבער דאָרטן, ביי די אַרבעטער קרייזן אין די יוניאָנס, וואו זיי האָבן געהאַפּט אַריינצוקריגן עטלעכע הונדערט אַרבעטער, האָט מען די זאַך אַנדערש באַטראַכט: די אַקציע פון טרייענגל אַרבעטער האָט זיך אָפּגערופן שלעכט אויף דאָס ביסל אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט פון יענער צייט. איבערהויפּט האָבן געליטן דערפון די ראָזען בראָדערס אַרבעטער: „ווייל אויב ביי דער טרייענגל האָט אַזוינס געקענט געשען, קען דאָך ביי זיי אויך ווערן אַן איבער־קערעניש? — — —

עס האָט זיך שטאַרק געטומלט. די פּרעסע האָט באַריכטעט וועגן דעם אינצידענט אין דער שטיל. מען האָט וויזט אויס דעם ענין ניט געוואָלט געבן צופיל רעקלאַמע. — אַזאַ פּאַטש אין פּנים די יוניאָנס: אַט גייט מען אַרויס אין אַ סטרייק, און איבער נאַכט ווערן זיי צוריק איבערגעקערט און באַווירקט פון די בעלי־בתים. די יוניאָן איז נאָך דאַן געווען שוואַך, איז מילא, האָט מען געהאַפּט און געטראַכט: יבוא יומו!

די יוניאָן פירער האָבן עס ניט פאַרגעסן. און איין שיינעם טאָג עפן איך דעם „פאָרווערטס" און דערזע אַן אַרטיקל מיטן מאָדנעם קעפּל:

„דערקענט איר דיזן שאָפּ?"...

און דער שרייבער האָט אין דעם אַרטיקל אויסגעלאָזט דעם גאַנצן צאָרן. ער האָט געשילדערט ווי אַזוי זעקס הונדערט אַרבעטער האָבן פאַרראַטן די אַרבעטער־באַוועגונג. ווי אַזוי די בענקלעך אין קלינטאָן האָל זיינען געשטאַנען פאַרשעמט און פאַריתומט. און ער דערציילט פּינקטלעך מיט אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי מיר, די „טרייענגל" בעלי־מלאכות, זיינען געקומען צו זיי און געבעטן הילף: — נעמט אונדז אַרויס פון דער שקלאַפעריי! — און דאָ מיטאַמאָל אַ קאָמפּאַני יוניאָן, מיט „סעמעטערי", מיט „סיק בענעפיט", מיט הכל בכל...

איך בין כמעט ווי זיכער, אַז דעם אַרטיקל האָט געשריבן מאַקס פּיין. דער היסטאָריקער פון דער אַרבעטער באַוועגונג קען נאָך זען אַ נומער פון דער צייטונג אין די אַרכיוון וואו מען היט אָפּ די צייטונגען.

מיר די שולדיקע האָבן געלייענט דעם אַרטיקל און שיר זיך ניט באַגראָבן לעבעדיקערהייט פאַר חרפּה. אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן מיר ווידער געגומען זוכן אַ זכות אויף זיך אַליין און זיך געטראַכט: —

צו זיין די ערשטע קרבנות אין אַ סטרייק מיט אָרעמע מיטלען איז גאָרניט אַזוי פריילעך. די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך דאַן געווען אין די וויקעלעך. און מען האָט דיך אַרויסגעוואָרפן פאַר יעדן מינדעסטן פאַרדאַכט אַז מען האָט אין זינען אַ יוניאָן. און קיינער האָט דעם אַרבעטער דאַן ניט געקענט העלפן.

מיר האָבן געבראַכט דעם „פאָרווערטס" אַרטיקל אין פאַבריק. די בעלי־בתים אַפילו האָבן עס אויך געלייענט. מיר האָבן פאַר ווייטיק און בושה פאַרביסן די ליפּן און געטראַכט: ס'איז פאַרפאַלן, מיר זיינען געבליבן חוטאים, אָבער וואָלט כאָטש ווערט געווען „ס'עסן דעם חזיר"...

האָט מען געגרינדעט דעם קלוב. טאַקע לויט אַלע כללים ווי די בעלי־בתים האָבן געוואָלט. מען האָט אָנגעהויבן מאַכן אַ קאָנסטיטוציע און ווילן באַאַמטע: דזשעק קליין איז געוואָרן דער פינאַנץ סעקרעטאַר. איינער אַ וועלוול קאַבליק — דער פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר. י. פעלדמאַן איז געוואָרן פּרעזידענט און דער טרעזשורער איז געוואָרן טאַקע סעם בערענשטיין בכבודו ועצמו... איך בין כמעט ווי זיכער אַז אַזוי איז עס געווען. די טראָסטיס זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער בלאַנק משפּחה. און אויב איך האָב ניט קיין טעות איז טאַקע אויך אַריין מיין לאַנדסמאַן חיים זילבערמאַן. (ער לעבט נאָך ברוך השם, ער איז שוין דוכט מיר אַן אַכציקער.) זאָל ער לעבן און זיין געזונט. איך האָב אים שטענדיק געהאַט זייער גערן. ער איז געווען אַ האָרע־פּאַשניק און אַ גוטער לאַנדסמאַן. ער איז געווען מיט לייב און לעבן איבער־געגעבן דעם קלוב.

די קאָנסטיטוציע האָט מען געשריבן איבער אַ יאָר, לויט דער צייט, לויט פּאַסירונגען. מ'האָט קאָפּירט פון אַ צענדליק אַנדערע קאָנסטיטוציעס און עס וואָלט אפשר ניט אַרויסגעקומען אַזוי שלעכט, ווען מען זאָל קענען אויסמיידן איין פּונקט, דער פּונקט איז: „אַן אַרבעטער האָט אַ רעכט צו פאָדערן בעסערע פּרייזן און דער בעל־הבית מוז אים אויסהערן. אָבער דער בעל־הבית האָט אויך אַ רעכט צוריקצואווייזן די פאָדערונגען ווען ער קען ניט באַצאָלן אַזוי פיל"...

דאַכט זיך אַ קלייניקייט, האַ? ביידע צדדים האָבן אַ רעכט. אָבער די רעכט מצד די בעלי־בתים האָט געאַרבעט אויסגעצייכנט. זיי האָבן שטענדיק געוויזן אַז ס'איז אַ צייט פון „קאָמפּעטישאַן" (קאָנקורענץ), אַז זיי מוזן פאַר־קויפן לויט מאַרקעט פּרייזן, און הכלל, ס'איז שלעכט...

קאָנסטיטוציע? יאָ, מען האָט שטענדיק געעפנט דאָס ביכל, און מיטינג אַהער מיטינג אַהין, מיטן קלוב, מיט דער קאָמפּאַני יוניאָן, מיט די בענעפיטן, מיט די לחיימס, מיט די באַנקעטן. די דרייסיק פּראָצענט זיינען מיט דער צייט געוואָרן צוואַנציק, פון די צוואַנציק איז געוואָרן צען און הכלל, ס'איז ביטער! — — —

וואָס טוט מען איצט? צו וועמען גייט מען זיך איצט קלאָגן? מ׳וועט אויפרעיען אַן אַלטע וואונד, מ׳וועט זיך גיין שלאָגן על חטא?...

גראָד אין יענער צייט האָט די מענעדזשמענט דערשפּירט די אומצו־פרידנקייט וואָס הערשט צווישן די אַרבעטער, אַז מען בונטעוועט זיך אין דער שטיל: קעגן קלוב. זיי קומען זיך צונויף אין פּריוואַטע היימען און זוכן מיטלען ווי אַזוי צו צעברעכן דעם קלוב. זיי, די בעלי־בתים, האָבן עס דער־קענט אין די מעטאָדן ווי אַזוי זיי נוצן אויס די קאָנסטיטוציע מיטן קראַנקן־בענעפיט. יעדער מיטוואָך און דאָנערשטיק איז אַן אַנדערער כלומרשט קראַנק געוואָרן. מען וויל צעטרענצלען די געלדער וואָס די בעלי־בתים האָבן אַזוי שטאַרק באַוואָרנט. זיי האָבן, הייסט עס, אַ פאַרדאַכט... — מען מאַכט זיך קראַנק, און פריער אָדער שפּעטער, מ׳וועט אויסליידיקן ס׳ביסל מזומן, און אויס קלוב! — מען וועט אָנהייבן געבן טראָבל.

על כן, האָבן אַלע צוזאַמען, דער מענעדזשער מיטן פאָרמאַן מיט די אַדיור־טאַנטן, אָנגעהויבן קומען אָפטער צו די מיטינגען. בעיקר צו היטן די קאַסע, און ניט געבן קיין געלעגנהייט זיך צו טומלען איבער דעם וואָס די פרייזן זיינען געשניטן. די בעלי־בתים זיינען אַגב געוואָרן ערן־מיטגלידער.

דער ויצעקו האָט זיך אָנגעהויבן איבערחזרן. מיר האָבן אָנגעהויבן אויס־געפינען אַז די פירמע עפּנט בשתיקה נאָך שעפּער, כדי די אַרבעט זאָל איר קאָסטן ביליקער, און זיין צוגעגרייט אין פאַל דער קלוב, ס׳הייסט די קאָמפּאַני יוניאָן וועט קראַכן. אוודאי האָבן זיי זיך באַוואָרנט. זיי האָבן געהאַט מיט וואָס: איין שאַפּ געעפנט אין יאָנקערס, אַ צווייטן אין פילאַדעלפיע. מען האָט דאָ ניט אין זינען געהאַט קיין אידישע אַרבעטער, נאָר מערסטנס איטאַליע־נישע און אַנדערע.

כדאַי צו באַמערקן, אַז אין 1909 זיינען נאָך קיין איטאַליענער ניט געווען די הויפּט אין טרייד. די גאַנצע „ווייסט טרייד" איז געלעגן אין אידישע הענט. די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן האָבן בלויז אויסגעפילט די פּלעצער פון אַרויסהעל־פערס. איז על כן קיין אַן אַנדער ברירה ניט געווען, און עטלעכע ערלעכע טרייענגל אַרבעטער האָבן זיך דורכגערעדט מיטן פּאַרזיצער פון קלוב, מר. פעלדמאַן. דער פּאַרזיצער האָט זיך גערופן מיט צוויי נעמען. היינט האָט ער געהייסן פעלדמאַן און שפּעטער טאַראַסאָוו — עס האָט געזאָלט זיין איבער די אַמאָליקע חטאים פון „בונד"...

סיי ווי, די „טראַיקע" — דזשייק קליין דער סעקרעטאַר פון קלוב, פעלד־מאַן און קאַבליק, פּרעזידענט און וויס פּרעזידענט, מיט נאָך עטלעכע חשובע אַרבעטער, האָבן לסוף באַשלאָסן, אַז מ׳גייט מער ניט צו קיין קלוב מיטינג און ס׳איז ניטאָ פאַר וואָס זיך צו שרעקן. דער שרעקלעכער טעות איז גע־מאַכט געוואָרן, נאָך דאַן מיט אַ יאָר צוריק, און עס מעג אַפילו הייסן אַז מען איז געקומען זיך שלאָגן על חטא, און נאָר מיט דעם ריינעם אמת זאָל מען קומען אַהין אין דער יוניאָן, און זיך באַראַטן מיט די פירערס פון

לאָקאַל 25. עס זיינען דאָרט דאָ אַב. באַראַף, ב. וויטאַשקין און סעם שינדלער. און מען איז גרייט צו גיין אַפילו צו מאַקס פּיין, וואָס האָט זיי, די טרייענגל חברה, מפקיר געווען. און אַזוי איז טאַקע געווען. זיי זיינען אַוועק צו סעם שינדלער, דעם סעקרעטאַר פון דער ווייסט־מאַכער יוניאָן: די טעלעפאָנען האָבן זיך דאָרט צעקלונגען, די טעלעפאָן דראָטן האָבן זיך שיר צעשמאָלצן טראַגנדיק די נייעס... די גאַנצע „אינטערנעשאָנעל״ איז געגאַנגען כּאָדאָ־ראָם: — די טרייענגל אַרבעטער זיינען געוואָרן בעלי־תשובה...

די נייעס האָט אויך דערגרייכט צו דזשייקאָב פּענקין, און ער האָט גע־פאָדערט ביי שינדלערן אַז, איידער עפּעס ווערט געטאָן, זאָל אַ קאָמיטע קומען צו אים אין אָפיס. די קאָמיטע האָט אָבער געבעטן אַז, דערווייל זאָל זיין שטיל, ווייל היינט מאָרגן וועט פאָרקומען אַ אָפיציעלער מיטינג פון קלוב. אָבער נאָך איידער מען האָט זיך אין פרימאָרגן געזעצט צו דער אַרבעט, האָט זיך שוין די נייעס פאַרשפּרייט אין פאַבריק. אמת, דער פּלאַן איז נאָך געווען פאַרהוילן. מען האָט פּינקטלעך ניט געוואוסט ווער עס איז אין דעם הינטערגרונט פלאַן פאַרמישט? — — — און עס איז געוואָרן אַ „היץ און שוויץ״...

די פירערשאַפט פון טרייענגל האָט באַלד „געאָרדערט״ אַ „ספּעשל דזשע־נעראַל מיטינג״ פון קלוב, מיט די בעלי־בתים, די ערן מיטגלידער!!!...

העריס מיט זיין שותף מאַקס בלאַנק האָבן געהאַלטן „וואונדערבאַרע״ רעדעס: זיי האָבן באַוויזן אַזוי „קלאָר ווי דער טאָג״ אַז מיטן צעברעכן דעם קלוב האָבן זיי, די פירערס, זיך אַליין געשפּיגן אין די פּנימער! פאַרענדיקט האָט ער נאָך מיט אַ וואולגאַרן גלייכוועדטל, אַז מען קען ניט פלעכטן קיין קוילעטש פון — — — און מיט איין שמיר האָט מען געמאַכט אַ פאַר־שלאַג, אַז ס'איז קאָנסטיטוציאָנעל און כשר, אַז לויט די אומשטענדן און באַדינגונגען ווערן די באַאַמטע, די פאַרטרעטער, אָטאָמאַטיש סוספּענדירט. און פּונקט מאָרגן וועלן אַנדערע מיטגלידער, צו דער טרייענגל משפּחה, ווערן די נייע באַאַמטע. דאָס קאַפּיטאַל, דאָס הייסט די טרעזשורי, בלייבט ביי זיי. די קאָנסטיטוציע ביי זיי... און איר, די „בונטאָווש־שיקעס״, ווערט אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן פון דער אַרבעט. איינפאַך גערעדט, אַ „לאָקאַוט״ קעגן אַלע אַרבעטער אַחוץ זייערע צושניידערס און „אונטערלעקערס״, און ס'איז אויס בענעפיט, אויס „פּאָינט אָוו אָרדערס״ און געסעטלט מיט די ביזנעס...

זיי האָבן פאַר אונדז פאַרמאַכט די טירן: אַ טייל האָבן אַפילו די אַרבעט ניט געענדיקט. און וויטער האָבן מיר, העכער דריי הונדערט אַרבעטער, ווי אָפּגעשמיסענע אַריינגעשטראָמט אין גרויסן קלינטאָן האָל.

מען האָט זיך שוין דאָס מאָל ניט געפּלאָנטערט פאַר די פיס ווי מיט אַ יאָר צוריק. דאָס איז שוין ניט געווען קיין שפּילכל. די אַרויסהעלפערינס, די פרויען וואָס האָבן ניט באַלאַנגט צום קלוב, האָבן דאָך קיין ברירה ניט

געהאַט. זיי האָבן געמוזט גיין. זיי האָבן שוין געוואוסט אַז אָן אייניקייט קען קיין קאַמף ניט געוואונען ווערן...

און די „אינטערנעשאָנעל" האָט זיך ערשט דאַן אַ נעם געטאָן מיט גרויס התמדה צו אַרבעטן פאַר דעם גרויסן נצחון. דער „פאָרווערטס" מיט זיין לאָזונג אויף דער ערשטער זייט: „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַר־אייניקט זיך" — האָט עפּעס געקראָגן אַ נייעם באַדייט, מען האָט עס ערשט דערזען אין דעם ריכטיקן ליכט, דער „פאָרווערטס" לאָזט די טעמע טרייענגל ניט אָפּ; מען שרייבט אַרטיקלען, מען האַלט אין איין דערמאָנען דעם חטא און מען קלערט כסדר אויף די קללה פון אַ קאָמפּאַני־יוניאָן...

ערשט איצט טרעטן אויף די פירערס. זיי געפינען אויס אַז די צו־שניידערס זיינען אויפן מיטינג ניטאָ, אַז עס פעלן אַגב אויס ממש הונדערט אַרבעטער.

— פאַרוואָס האָט איר זיי דאָרטן איבערגעלאָזט? — פרעגט דזשיי. גאָלדשטיין פון דער בעקער יוניאָן. און דאָ אינמיטן דער אויספראַגע, פירט מען אַריין דזשייקאָב פענקינען אויף קוליעס. ער האָט געהאַט אַן „עקסידענט". ער איז אָבער קראַנקערהייט אַריין אין האָל צו באַגעגענען די „טרייענגל"־אַרבעטער.

דזשייקאָב פענקין האָט געהאַט אַ כוח הדיבור, און זיינע וויטיקן מיט די קוליעס האָט עס ניט אָפּגעשוואַכט. זיין קול האָט געדונערט ווען ער האָט גערעדט וועגן דעם אַמאָליקן פאַרראַט מצד די טרייענגל אַרבעטער, וואָס האָבן די יוניאָן מיט דער גאַנצער אַרבעטער באַוועגונג אַריינגעשטאָכן אַ מעסער אין האַרצן. — און וואָס איז דערפון געוואָרן? — אָט זעט! — איר האָט געהאַט אַ סאָסייעטי מיט „סיק"־בענעפיט, מיט „סעמעטערי"! מען האָט אייך פאַרזאָרגט צו קענען באַגראָבן! אָבער איצט? — האָט פענקין פאַרגעזעצט, — שרייבט איר, סטרייקערס, שוין אַ נייע בלאַט געשיכטע. איצט מוזט איר! און גראַד זיינט איר אין די ריכטיקע הענט!!...

ווען פענקין האָט פאַרענדיקט ריידן, זיינען וויטאַשקין מיט מילערן צו אים צוגעגאַנגען און אים געהאָלפן זיך אַוועקזעצן. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן ניט אויפגעהערט אַ שטיק צייט.

דערנאָך האָט גערעדט אַב. קאַהאַן. ער האָט דערמאָנט יענעם אַרטיקל אין „פאָרווערטס" מיטן קעפּל „דערקענט איר דיזן שאָפּ?"...

— יאָ, איך דערקען אייך! — האָט אַב קאַהאַן אַ געשריי געטאָן. — אָבער בלויז אַ פאַר צענדליק פון אייך. וואו זיינט איר געווען דאַן, די איבעריקע דריי הונדערט? אויך מיר האָבן אפשר געזינדיקט קעגן דער אידייע פון זיך באַפרייען פון שקלאַפעריי? מיר, וואָס מיר האַלטן זיך פאַר אמתע קעמפער פאַר סאָציאַליזם, אָבער „חטאת נעורים" מוז פאַרגעבן ווערן!... איצט זיינט איר דאָ מיט אונדז! דער „פאָרווערטס" וועט קעמפן מיט אייך, „פּאַבליק אָפּיניאָן" איז געוויס מיט אייך. נעמט אויף דעם קאַמף אַלע ווי

איינער! צעשטורעמט די גאַסן פון ניו יאָרק מיט אייער גערעכטן קאַמף!...
זייט בראַווע, מוטיקע סטרייקער, ניט קיין פּיגלינגע!...

מיט דעם האָט זיך יענע היסטאָרישע פאַרזאַמלונג אין דעם גרויסן קלינטאָן האָל געענדיקט. מיר, די אויסגעשלאָסענע אַרבעטער, האָבן זיך ערשט אומגעקערט אַהיים אין מיט־נאַכט שעהן. מיר האָבן צוגעגרייט אַ פּראָגראַם אויף מאָרגן, און פאַר די „מאָרגנס״ וואָס זיינען ניט געווען אַזוי פריילעך.

שינדלער, באַראָף און וויטאַשקין זיינען געווען די פירערס. זיי האָבן געמאַכט די פּלענער: — „מאָרגן כאור הבוקר מוז זיין אַ פּיקעט ליין נעבן דער טרייענגל! יעדער מוז זיך פאַרזאַמלען אַזייגער 10 אינעם קליינעם קלינטאָן האָל. מען דאַרף אויסדערוויילן אַ סטרייק טשערמאַן, אַ סטרייק קאָמיטע, און מען דאַרף... און מען דאַרף...״

אויף מאָרגן צען אַזייגער אין דער פרי האָט מען זיך פאַרזאַמלט. מ׳האָט אויסגעקליבן דעם יונגן גאַליציאַנעם בחור, דזשאָו זיינפעלד, אַלס טשער־מאַן. קיינער פון די עלטערע אַרבעטער האָבן ניט געוואָלט אָננעמען דעם אַמט. און יאָסעלע האָט אָנגענומען די קרוין מיט איין באַדינג, אַז מען זאָל אים אויסלערנען צו זיין אַ פירער... און אָט האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ מאַסקע: ער האָט געטראָגן אַ ווייסע באָרד. דער מאַסקירטער מענטש לאָזט זיך גלייך צו דער פּלאַטפאָרמע גרייט צו האַלטן אַ רעדע, ס׳איז געוואָרן שטיל.

— דאָס וועט זיין אונדזער נעקסטער רעדנער, — האָט דזשאָו זיינפעלד אַנאָנסירט. — פאַרהאַלט זיך רואיק!

מיר אַלע שטוינען. ווער קען דאָס זיין? אַ איד אַ פאַרמאַסקירטער, וואָס טוט זיך דאָ?... אָבער ס׳איז ניט געווען קיין שפּאַס. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען איינער דווקא פון די טרייענגל אַרבעטער, אַ זוימער, וועלכער האָט געאַרבעט ערשט אַכט חדשים ביי הערי דעם לאַנגן אַלס אַרויסהעלפער. ער פלעגט שטענדיק לייענען אַ ביכל ביים עסן מיטיק. ער איז געווען אַ שטילער, בנעימותדיקער יונג פון אַ יאָר 25. אין זיין רעדע האָט ער אונדז די אַרבעטער פאַרגליכן צו אַ שפּול פאַדים, וואָס מען נוצט אויס און מען וואַרפט דערנאָך דאָס קלעצעלע אַריין אין מיסט־קאַסטן... — אָט דאָס זיינען מיר איצט, ליבע אַרבעטער!... — ער האָט מיט זיין רעדע באמת אונדז גערירט. עס זיינען געווען „דברים היוצאים מן הלב״. ער האָט מיט דער מאַסקע אויפן פּנים פאַרלאָזט דעם זאַל און מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער זיך באַוויזן גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס. ער האָט, ווייזט אויס, ניט געוואָלט מען זאָל זיך דערוויסן אַז ער, דער שטילער איז גאָר אַ בונדיסט...

לאַכט ניט, ליבע לייענער. ער איז דאַן ניט געווען דער איינציקער. עס האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעוויקלט נאָך אַזעלכע קעמפער. איינער האָט

געבעטן אַ וואָרט. און ער האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט: — עס איז זיך ניטאָ מער וואָס צו שעמען, — האָט ער געטענהט — לאָמיר זיך מודה זיין, איך בין אַ סאָציאַליסט! איך האָב געשמאַכט אין ט — — — ער האָט ניט דער־זאָגט דאָס וואָרט, אָבער צוגעגעבן, — ס׳איבריקע מעגט איר זיך אַליין משער זיין. מיר וועלן איצט קעמפן מיט לייב און לעבן!...

און ער איז געווען גערעכט. מ׳האָט אָנגעהויבן סטרייקן לשמה. מ׳איז איצט אַוועק פּיקעטן אין גרופּן. פּאָליציי האָט זיך גענומען שפּרייטן אין אַלע ווינקעלעך פון דער טרייענגל געביידע און אַרעסטירט און געשלאָגן די סטרייקערס רעכטס און לינקס. די פירמע האָט געבראַכט סקעבס מיט שטאַרקע „באָדי גאַרדס". סעם מיטשעל מיט זיינע אַסיסטענטן, מיט די קאָ־טערס, זיינען געבליבן אַרבעטן. עס האָבן פאַרנומען אונדזערע מאַשינען אי־טאַליענער, גריכן און פּאָליאַקן. יעדן טאָג נייע אַרעסטירטע, נייע געשלעגן. יעדן פרימאָרגן איז געווען אַ בהלה אַרום וואַשינגטאָן פּלייס. די גאַס שוואַרץ און מיט אַ געוואַלדיקער געיאָמעריי. די פּירערס האָבן גערופן נייע פאַר־זאַמלונגען. די צייטונגען האָבן געשריבן אַרטיקלען און פּראָטעסטירט: — ס׳איז נאָך ניט הפקר אַ וועלט! — האָט מען געליאַרעמט — פאַרוואָס שווייגט מען? מען איז דאָך ניט ביים צאַר ניקאָלאַי!... פאַרוואָס זיינען די פּאָליציייליייט אַזוי גרויזאַם?...

עס האָבן גענומען קומען אָרגאַניזירטע בעקערס צו די מיטינגען. אויך די אַרבעטער פון דער „ראָזען בראָדערס" פירמע, האָבן זיך פאַרשריבן צו העלפן. און פונקט אויף דער צווייטער וואָך, ווען מען האָט זיך פאַרשריבן מיטצוהעלפן, אויף דער צווייטער וואָך, ווען מען האָט אָרגאַניזירט אַ קאָמיטע פון פופציק מיטן טשערמאַן דזשאָו זיינפעלד בראש, האָט מען זיך דערוואוסט, אַז מען האָט שוין דעם טשערמאַן געחתמעט מיט אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ, און ער ליגט אין שפּיטאָל.

די מיידלעך, היימישע טייערע טעכטער, די אַרויסהעלפּעריגס, זיינען געלאָפן אין שפּיטאָל זען דעם צעהרגעטן טשערמאַן. מיר, די פּיקעטס, האָבן זיך ניט געפילט צו גוט וועגן דעם. מ׳האָט ניט געטאָרט צוגיין צום בילדינג, ווייל באַלד האָבן בויאַנעס דיך באַפאַלן און צעשלאָגן און די פּאָליציי האָט אַרעסטירט. די קולות זיינען געגאַנגען ביזן הימל. דער מענעדזשער מיט זיינע אַדיוטאַנטן זיינען געווען די גענעראַלן: זיי זיינען געשטאַנען און האָבן דורכגעפירט באַפעלן, אָנווייזנדיק מיטן פינגער: — אָט דעם אַרעסטיר! — און יעדער באַפעל איז פּינקטלעך דורכגעפירט געוואָרן.

די צייט איז געלאָפן און זיך געלייגט אויף אונדזערע געמיטער ווי שוואַרצער קוילן רויך. שוין זעקס וואָכן אין סטרייק. דער טשערמאַן איז שוין דאָ מיט אונדז צוריק פון שפּיטאָל, ער גיט אָרדערס. מיר קווענקלען זיך — מען נאַרט אים אָפּ. יאָ געווען ביים פּיקעט לייך, צי ניט געווען. — עד מתי?

— וואס וועט זיין? — פרעגן מיר די יוניאן פירער. און פירער זיינען דא יעדן טאג: באראף, שינדלער, וויטאשקין, פרישוואסער, ווייסגלאז, היימאן און אנדערע, חברה פון דער עקזעקוטיוו באארד, טייערע בחורים. באראף מיט שינדלערן האבן זיי געבראכט אלס ביישפיל. יעדער נעמט דאס ווארט.

מיין ברודער הירש שליסט זיך אויך אן אין סטרייק. ער איז דאך א געוועזענער טרייענגל בעל־מלאכה. ער האט בלויז פארלאזט לפי שעה. אויך ער רעדט. נעמט דאס ווארט און מאכט אן איינדרוק. ער האט דאך עפעס אמאל געוואגט צו ברעכן א טיר ביי דער טרייענגל... דאס אליין איז דאך אויך א שטיק העלדישקייט וואס איז א טייל פון דער געשיכטע טרייענגל... טא לאמיר זיך טאקע צוהערן וואס עס זאגט הערי באום?

און ער זאגט א סך: „ער איז גרייט צו גיין פיקעטן מיט אלעמען גלייך."

עס הערט זיך די שטימע פון איינער א חנה פאטווי, זי איז עפעס ווי פון ערגעץ ארויסגעשוואומען. אירע רייד האבן אפגעשטעמפלט איר בונ־דיסטישן יחוס פון דער היים. דא איז זי געווען א טאקערן, פארדינט ניט מער ווי צוועלף דאלער א וואך. א שטילע געווען, אין שאפ האט מען איר גאר קיינמאל ניט געהערט, זי איז זיך געזעסן און געשטעפט אירע פאלדן, פונקט ווי ניט איר מיינט מען עס. זי איז געווען א שווארץ־חנעוודיקע. און דא טומלט זי אזוי, אגיטירט, לויפט פיקעטן, א קעמפערין, א גאנצע בונ־דיסטקע.

דזשאו גאלדשטיין פון דער בעקערס יוניאן האט זי געמאכט פאר א מוסטער פון די העלדישע טעכטער. באראף מיט וויטאשקינען און אפילו מילער פון דער „נעק־וועיר יוניאן" זיינען מיט איר געווען „פאניע בראט". זי פלעגט זיך געוויינלעך אביסל זשעניר, זיך רויטלען און אויסשרייען צו זיי: „א, ווילצלט זיך ניט אזוי, לאזט מיך צו רו, גענוג געשפאסט!..."

עס זיינען אין דעם טרייענגל קאמף געווען נאך אידישע טעכטער, ווי שיינדעלע די קלייניטשקע, וואס האט שטענדיק געשריען אז מען נעמט פון איר „אדווענטעדזש" פאר איר גוט הארץ, רק מען שיקט זי אין פייער אריין — צום פיקעט ליין.

אזוי ציט זיך טאג נאך טאג. מען ברענגט באריכטן פאלשע און אמתע: טייל זאגן אז דער שאפ איז אנגעפילט מיט סקעבס. טייל לייקענען. אבער וועגן די נייע שעפער? וואס טוט מען מיט זיי?

און עס ווערן דערוויילט נייע קאמיטעס מיט אנפירערס. איינער א פריש־וואסער פארט מיט א גרופע סטרייקערס קיין פילאדעלפיע. פרישוואסער איז אן עקזעקוטיוו מיטגליד, אנגעשלאסן צו העלפן אין סטרייק. מיין ברודער הירש פארט אויך. — זיי וועלן דארט אפשטעלן די סקעב ארבעט! — נייטן ראנקין מיט משה אלצפן און מאשקאוויטש פארן קיין יאנקערס. עס פארט נאך א מיטגליד פון דער עקזעקוטיוו פון לאקאל 25, מיטן נאמען ווייסגלאז, מיט א יונגער גרופע, חברה איינס אין איינס. מען פארט, מען

ליאַרעמט, מען ברענגט באַריכטן... און ס'איז שוין די צענטע וואָך. אַ טייל אַרבעטער קומען שוין ניט צו די מיטינגען. זיי זיינען מיד. הגם זיי האָבן שטיצע, קענען זיי אָבער מער ניט סטרייקן. זיי פאָדערן פון די פירערס אַ דערקלערונג. די פּרעסע מאַכט אַן „אַפּיל פאַר אַ סטרייק־פאָנד" פון דער אַרבעטער באַוועגונג. און עס דערשיינט שוין אַ רשימה אין „פאָרווערטס":

די פאָלגענדע אָרגאַניזאַציעס און יחידים האָבן זיך אָפּגערופן: די בעקער יוניאָן, די נעק־וועיר יוניאָן, די ריפּער יוניאָן, עס זיינען אויך גע־מאָלדן פינפערלעך פון פּריוואַטע מענטשן, און דער עיקר אַ גאָר גרויסע פאַרזיכערונג פון פאָנדן פון דער „אינטערנעשאָנעל" וועט די טעג געמאָלדן ווערן. די פירערס טרעטן ניט אָפּ פון קאַמף, זיי קומען צו די פאַרזאַמלונגען, זיי אַגיטירן, גיבן צו מוט די סטרייקערס. און זיי דערציילן אונדז אַז — אַט, אַט וועט די קלאָוקמאַכער יוניאָן אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק; מען מאַכט דאָרט אַלע צוגרייטונגען. דאָס וועט זיין בלעטער געשיכטע פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג אין אַמעריקע און מיר דאַרפן זיך פילן שטאָלץ און מוטיק וואָס מיר זיינען געווען פון די ערשטע, און אונדזער קאַמף וועט פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון קלאַסן קאַמף מיט גאָלדענע אותיות...

זיי רעכענען אונדז אויס צענדליקער יוניאָנס וואָס זיינען מיט אונדז, וואָס וועלן קעמפן מיט אונדז. אָבער מיר ווייסן אַז ס'איז נאָך גאַנץ ווייט פונם חלום. מיר ווייסן אַז קיין געלט איז ניטאָ. אַז יעדער יוניאָן באַשטייט דערווייל פון אַ הייפעלע מענטשן אמתע אידעאַליסטן. אָבער פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט אַזאַ ריזיקער פירמע ווי די טריינגל, וואָס שפּרייט צענדליקער טויזנטער דאָלער צו באַקעמפן דעם סטרייק, — קענען מיר, די אָרעמע יוניאָנס, זיך ניט פאַרגלייכן. אַזוי וואָך נאָך וואָך, מיר שטייען אויף כאור הבוקר און מיר קעמפן. מען גיט שוין שטיצע צו פיר דאָלער אַ וואָך. מען גיט אויף הוצאות. ס'איז שוין דאָ אַ ספּעציעלע קאָמיטע וואָס באַשטימט וועמען מען דאַרף שטיצן. אַ טייל ווילן גאַרניט נעמען, זיי אָנערקענען ניט דעם „סטרייק בענעפיט" און נעמען עס גאָר אָן ווי קיצבה. אַ סך קעמפן דווקא פאַר נאָך אַביסל שטיצע. זיי טענהן: — איך האָב אַ ווייב מיט קינדער און דאָס וואָס איר גיט איז גענוג אויף אַ צאָן, מיינע קינדער ווילן עסן! עפּעס מוז געטאָן ווערן, און שנעל! — — —

די פירערס פון דעם סטרייק זעען אין דעם אָפּגעשוואַכטן מוט פון די סטרייקנדיקע אַרבעטער, אַז ס'איז דאָ די געפאַר אַז זיי וועלן אויפגעבן דעם סטרייק. עס באַשטעטיקט אויף דעם אויך יעדער פרימאָרגן דער „ראָל־קאָל", די ציילונג סיי פון אין דער פרי און סיי פון אָוונט האָט באַוויזן אַז ס'זיינען געבליבן ממש אַ העלפט פון די סטרייקערס. זיי זיינען אַוועק ערגעץ אַרבעטן. אייניקע האָבן זיך גענומען צו פּעדלעריי אין האָל מיט עפּל, באַרן און פלעצלעך, אַפילו דיניע קערעלעך איז געווען אַ גאַנגבאַרע סחורה צווישן די סטרייקערס. מ'האָט געקנאַקט סעמעטשקעס, געגעסן עפּל, געכאַפּט אַ קעז־

סענדוויטש און אַריינגעלאָפן אין אַ דערנעבנדיקן רעסטאָראַנדל צו פאַר־טרינקען מיט אַ גלעזל טיי אָדער קאַווע. מען האָט געשמועסט, זיך געערגערט און קייענדיק דאָס ביסל אָרעמע עסן, האָט מען אַריינגעגעסן אין זיך דעם ווייטיק, וואָס אַלע ווי איינער זיינען איצט געבליבן ביטערע אביונים. מען האָט באַריכטעט אַז די טרייענגל פאַבריק איז איצט אָנגעפילט מיט גאָלע סקעבס: איטאַליענער, גריכן און אַנדערע. און דער קלוב עקזיסטירט לטובת דער פירמע... אַוודאי האָבן די יוניאָן פירער אונדז געהאָדעוועט מיט גוטע רעדעס. זיי זיינען געווים געווען גערעכט. זיי האָבן באַוויזן אַז, אַ קאַמף פאַר גערעכטיקייט איז ניט אַ „בייגל אַ גראַשן". און אויב די טרייענגל סטרייקערס צעקריכן זיך און מען פיקעט ניט ווי געהעריק דעם שאַפּ, קריגן די בעלי־בתים אַ פרייע האַנט און באַזיגן דעם אַרבעטער.

גאַנץ אָפט נאָך אַזעלכע רייד פלעגן מיר זיך אַרויסלאָזן אויפסניי פּיקעטן, און נאָך איידער מיר זיינען אַהין אָנגעקומען האָט שוין די פירמע געוואוסט דערפון און מודיע געווען דער פּאָליציי. און אַ העלפט פון אונדז פלעגט אַרעסטירט ווערן. דזשייקאָב פענקין און מאיר לאָנדאָן האָבן אָפט געשיקט זייערע אַסיסטענטן אין קאָורט, און מען האָט די אַרעסטירטע אַרויסגעלאָזט אויף בעיל. לויט סברות, האָט דער סטרייק אָפּגעקאָסט אַ ממון קורח: דאָס בעילן, די אַדוואָקאַטן, דער לאָקאַל מיט די אָנגעשטעלטע מענעדזשערס און רעדנערס, מיט דעם סטרייק בענעפיט און הכל בכל — האָט רואינירט יעדן פּלאַן. וואו נאָר מען האָט זיך געגעבן אַ קער איז „געלעגן אַ שטיין אין וועג"...

די הויפּט פירערס וואָס זיינען געווען מיט אונדז טאָג און נאַכט זיינען געווען: באַראָף, וויטאַשקין, דזש. גאָלדשטיין און מילער פון דער „נעקוועיר" יוניאָן. דזש. גאָלדשטיין — אַ פּאַטריאַרכאַלישע פיגור מיט אַ וואונדערבאַרן רעדנער־קראַפט און דערצו אַ מיטפילנדיקער מענטש, האָט מיט אונדז מער געליטן ווי די גאַנצע פירערשאַפט. אמת, אב. באַראָף איז געווען מיט אונדז צען שעה אַ טאָג אין די לאָקאַלן. אָבער אַלס רעדנער האָט ער קיין באַ־זונדערן איינדרוק ניט געמאַכט. דאָס זעלבע אויך וויטאַשקין, פרישוואַסער, ווייסגלאַס און היימאַן, און נאָך און נאָך, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן אָנהאַלטן דעם קאַמף. און מיר מוזן דאָ מודה זיין און שטאַרק באַטאָנען, אַז דער „פאָר־ווערטס" האָט טאָג טעגלעך געשריבן און געליאַרעמט און שיר, שיר דערוויזן, אַז דער סטרייק איז אַ געוואונענער, — אַז הילף קומט, און אַז די גאַנצע אידישע געווערקשאַפטן זיינען מיט די סטרייקערס. זיי האָבן פּראָ־טעסטירט קעגן די ריכטער וועלכע זעצן אַריין די קעמפער פון דער טרייענגל אין די טורמעס.

צו שילדערן אַלץ אין פּרטים ווי אַזוי מיר האָבן געקעמפט גאַנצע 25 וואָכן — וואָלט געווען צו גרויזאַם אַפילו פאַרן היסטאָריקער.

מען האָט איינגעלאַדן דזשאָזעף באַראָנדעס און מאָריס ווינטשעווסקי, און

אַ טייל האָבן פאַרגעשלאָגן אַז מאיר לאַנדאַן בתוכם — זאָלן ענדלעך זיך צוזאַמענקומען מיט די טרייענגל בעלי־בתים און ברענגען דעם סטרייק צו אַן ענדע. — מען וועט, הייסט עס, מאַכן קאָמפּראָמיסן, מען וועט גיין צו אַרביטריישאָן, מען וועט אויפּסניי אַ טרייסל טאָן „פּאָבליק אָפּיניאָן" און זאָלן די טרייענגל בעלי־בתים וויסן, אַז אויב זיי וועלן זיך מיט די אַרבעטער ניט אויסגלייכן, וועלן זיי מוזן רופן אַ גענעראַל סטרייק פון דעם גאַנצן וויסטן־טרייד, און זיי וועלן אפשר דאַן פאַרשטיין וואָס עס מיינט אַ קאַמף פון 25 טויזנט אַרבעטער!

און זאָל טאַקע דאָ באַטאָנט ווערן, אַז די קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט זיך שוין דאַן געגרייט צו אַ קאַמף, די וויסט־מאַכער האָבן געזאָלט נאָכקומען דעם ביישפּיל נאָך זייער זיג. מען האָט ניט געקענט רעאַגירן אויף דעם פריערדיקן קאַמף ביי די וויסט־מאַכער?...

מיר, די אַרבעטער, די פאַרלוירענע סטרייקערס, האָבן זיך געפילט געפּערלעך דערדריקט, וואָס אָט די עטלעכע אידישע פירערס וועלן מוזן זיך בויגן פאַר די בעלי־בתים און ממש אויסבעטן פאַר אונדז — דאָס צוריק־גיין אין דעם שוויץ־שאָפּ מיט די סקעבס וואָס האָבן אונדז רואינירט. אָט די סקעבס וואָס זיינען געזעסן און געאַרבעט בעת אונדזערע קולות זיינען געגאַנגען ביזן הימל, ווען מען האָט אונדז מערדערלעך געשלאָגן.

אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. דער וויטיק אין האַרצן איז געבליבן. דער צונויפקום מיט די בעלי־בתים איז געקומען. איך געדענק ניט גענוי אין וועלכן האָטעל דאָס איז פאָרגעקומען. מען האָט נאַטירלעך דעם מיטינג צוגעגרייט אַ סך פריער איידער מען האָט אונדז גערופן. עס זיינען דורך די אויבנדערמאָנטע מענטשן פאָרגעקומען פריוואַטע קאָנפערענצן. עס האָט ניט געהייסן אַז מיר האָבן דעם קאַמף דורכאויס פאַרלאָרן, ווייל ס'איז געווען אַ דבר ידוע, אַז די פירמע איז זעל כולם רואינירט געוואָרן פון דעם 25־וואָכעדיקן סטרייק. און לויט ווי מיר האָבן זיך דערוואוסט, זיינען די בעלי־בתים געווען אין זיבעטן הימל, ווען זיי זיינען געגאַנגען אַרביטרירן. און ענדלעך איז דער סטרייק געסעטלט געוואָרן לויט אַ פּלאַן און מיט געוויסע באַדינגונגען.

זייער פּלאַן:

1) די סקעבס מוזן בלייבן!...

2) מען זאָל בלויז אַריינגעמען פינף אַרבעטער אַ טאָג. לויט די יאָרן וואָס זיי אַרבעטן דאָרטן;

3) די אַרויסהעלפּערינס, די לעצטע;

4) די אַרבעטער מוזן זיך זעצן וואו די מענעדזשמענט הייסט זיי;

5) עס זאָל אויסדערוויילט ווערן אַ קאָמיטע צו מאַכן פרייזן, אין דער

קאָמיטע דאַרף אויך זיין פאַרטראָטן די מענעדזשמענט. ס'הייסט ביידע צדדים דאַרפן זיין פאַרטראָטן און ביידע דאַרפן איינשטימען אויף דעם;

6) די קאָמיטע דאַרף אָנהייבן פונקציאָנירן, ווען דער טאַראַראַם פון אַרויפנעמען די סטרייקערס וועט זיין פאַריבער;

7) אַרבעט מוז געמאַכט ווערן הונדערט פּראָצענט גוט...

שוין פון די ערשטע פּונקטן קען דער לייענער זיך משער זיין וואָס פאַר אַ געווינס מיר האָבן געהאַט...

דזשאָו גאָלדשטיין, אונדזער צד, האָט באַוויזן אַז אַרויפנעמען פינף אַרבעטער אַ טאָג, מיינט 25 מענטשן אַ וואָך. דאָס מיינט אויך, אַז עס וועט נעמען גאַנצע זעקס וואָכן ביז געוויסע אַרבעטער וועלן קענען אַרויפגיין צו דער אַרבעט. איז פון וואָנען וועלן זיי לעבן? אויך, ווידער, די פּרייז־קאָמיטע: ווי באַלד אַז די אַזוי־גערופענע קאָמיטע קען ערשט אָנהויבן פונקציאָנירן נאָך דעם ווי אַלע אַרבעטער וועלן שוין אַרבעטן, וועט דאָך אויסקומען צו אַרבעטן אַרום צוויי חדשים אָן פּרייזן? אָדער מען וועט זיך דאַרפן פאַרלאָזן אויף דעם יושר פון די בעלי־בתים... אויך וועגן דער פּרייז קאָמיטע גופא, וואָס דאַרף באַשטיין פון אַרבעטער און בעלי־בתים און ביידע צדדים דאַרפן איינשטימיק אָננעמען אַ געוויסן פּרייז, און וואָס וועט זיין אַז איין צד וועט ניט זיין איינשטימיק? (ס'הייסט זיי קענען ניט דורכקומען צווישן זיך?).

דזשאָ גאָלדשטיין, אַ תמימותדיקער איד, הגם דער אָרגאַניזער ביי די בעקערס, האָט שתדלנותדיק גערעדט צו די בעלי־בתים און אַפּעלירט פאַר יושר. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דווקא העריס, דער הויפּט אייגנטימער פון דער טרייענגל, האָט זיך געבויגן פאַר געוויסע יושרדיקע קעגן־פּונקטן. ער האָט אונדז אַלעמען באַרואיקט און באַטאָנט, אַז אַלץ וועט פאַר־געסן ווערן: — „איך וועל קאַטעגאָריש אָנזאָגן די פאָרלייט, אַז מען זאָל יעדן באַהאַנדלען מענטשלעך, און די פּרייזן וועלן זיין ווי פריער, ביז די קאָמיטע וועט אַריין אין קראַפט און אַלץ וועט זיך אויסגלייכן". — און לגבי די סקעבס האָט ער זיך אויסגעדריקט פאַרטרוילעך אַז: „ער האָט שוין געהאַט גענוג מיט די אידישע סטרייקערס, וויל ער אַוודאי ניט האָבן צו טאָן מיט נייע איטאַליענישע סטרייקערס... ער וויל ניט פאַרבייטן „קהילה נא מאַגילא"״...

דער וואָס האָט געקענט העריסעס לשון האָט שטאַרק הנאה געהאַט פונם וויץ... און ענדלעך, נאָך די רעדעס פון בלאַנק, און גאָלדשטיין, און זיינפעלדס פּראָגן, — האָט מען אָן קיין שום חתימה פאַרחתמעט און פאַר־ענדיקט דעם היסטאָרישן סטרייק ביי דער „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני". נאָטיצן פון דער גאַנצער געשעעניש האָט גענומען דער אַמאָליקער סעקרע־טאַר פון קלוב און דזש. גאָלדשטיין. עס האָט געהייסן, אַז העריס און בלאַנק

זאָגן צו „בפני הפועלים והפועלות „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני" אַז די זיבן פּונקטן וועלן דורכגעפירט ווערן כדת וכדין, אויפן ערן־וואָרט פון העריס און בלאַנק...

די פירערס מיט די אַרבעטער האָבן זיך געגעבן אַ „תקיעת כף", געוואונטשן גליק. מען האָט פאַרלאָזן דעם האָטעל אין מיטן דער נאַכט, מיטן צוזאָג, אַז אויב אַלץ וועט זיי אגיל ואשמחדיק ווערט די פירמע צוגרייטן אַ פיינעם לחיים פאַר אירע אַרבעטער.

---

איך, דער מחבר, האָב גראָד געהאַט די דערלויבעניש פון דער יוניאָן צו גיין אַרבעטן צייטווייליק ערגעץ אַנדערש. די סיבה פון דער פּריווילעגיע איז געווען דער פאַקט, וואָס פון מיין משפּחה זיינען געווען דריי סטרייקערס. איך בין געווען דער איינגסטער וואָס האָט זיך געקענט אַריינדרייען דווקא צו די „ראָזען בראָדערס" — דער ערשטער יוניאָן שאַפּ פון טרייד. איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין דער געלעגנהייט און בין אַוועק דריי וואָכן פריער צו פאַרדינען אויף ברויט, ווייל... — ניט וויכטיק איצט די דעטאַלן (בפרט ווען זיי זיינען פון פערזענלעכן כאַראַקטער) ס'איז אויך ניט געווען לגנאי. איך האָב שוין ניט געדענקט צוריקצוגיין צו דער טריינעגל. אָבער די יוניאָן האָט געראַטן, אַז דווקא ווייל איך אַרבעט אין אַ יוניאָן־שאַפּ, דווקא ווייל מען זאָל ניט צעשפּליטערן די כוחות, זאָל יעדער אַרבעטער גיין צוריק און אָנהאַלטן די מאָראַל פון פאַראייניקונג...

איז גראָד געפאַלן אויף מיין גורל איך זאָל צוריקגיין אויפן דריטן טאָג. איך בין הייסט עס געווען דער פּופּצנטער בעל־מלאכה און לאָזט מיך זיך מודה זיין: איך האָב בעת דעם אַרויפגיין אַהין געלאָזט אַ טרער, בעיקר ווען מ'האָט מיך געהייסן זיך זעצן ביי דער טיר: דריי מאַשינען פון עק, נעבן אַ קאָסאָקער איטאַליענערין מיט אַ שניט אויף דער ליפּ... צו דער רעכטער האַנט איז געשטאַנען אַ צעבראָכענער „בידינג מאַשין" און אויפן סאַמע עק קאָרנער איז געלעגן אָנגעלייגט אַ הורבע מיט אַרבעט. איך האָב זיך דערפילט ווי אַרומגעבעט פון אַלע זייטן...

איינער אַליין זיץ איך ביי דער טיר פּונקט אַנטקעגן דעם מאַשיניסטס טיש... איך נעם פאַרציליען די מאַשין, און איך גיב אַ ניי די ערשטע עטלעכע שטעך. עס באַפאַלט מיך עפּעס אַ שוויס. און איך ווייס אַליין ניט וואָס ווייטער צו טאָן. איך גיב אַ קוק אויפן שטיקל געניי, ווי די שטעך זעען אויס, עס ווערט אין מיר אַנטרינען מיין מאַמעס מילך. איך גיי ממש איין פאַר ווייטיק. איך, בערל, וואָס רעכן זיך פאַר אַ ערלעכן אַרבעטער, האָב געהאַט מיין „סעט", מיין מאַשין, וואָס איך האָב זי געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, געזעסן אויף אַ „קאָרנער נעבן צוויי פענצטער", — איצט זיצט דאָרטן עפּעס אַ גראָבע איטאַליענערקע. אַנטקעגן, אויף מיין ברודערס אָרט,

זיצט דער פּאָליאַק וואָס האָט אונדז פאַרראַטן באַלד אויף דער צווייטער וואָך. זיינע פולע צעשפּרייטע וואָנצעס לאַכן אוודאי פון מיר! מיין קאָפּ דרייט זיך אַהין און אַהער, איך דערזע קאַבליקן שוין זיצן מיט צוויי טישן ווייטער. ער גייט דוכט מיר איין קאָלנערס, און אָט טרענט ער זיי אויף... אויך ער, קאַבליק, זיצט ביחידות, איינער אַליין. אַ יתום פון ביידע זייטן. איז עס מעגלעך, אַז מען האָט געלאָזט ביידע מאַשינען פאַר זיינע צוויי אַרויסהעל־פערינס? — פרעג איך זיך. — איז וואָס זשע זיצט ער דאָרט און טרענט אויף די קאָלנערס? איז עס מעגלעך? — עס דוכט זיך מיר, אַז אַלע אַרום לאַכן פון מיר. דער מאַשיניסט, מיטן איטאַליענער וואָס זיצט נעבן מיין לינקער האַנט, מאַכן פאַלדן וואָס קוקן אויס אַ חלשות... איז דאָס די גוטע אַרבעט וואָס די סקעבס מאַכן? — האָב איך געטראַכט. איך זוך אַ שטיקל צייג אַרומצואווישן די אַלטע לאַמאַקע, גיב אַ דריי דעם „טענשאַן", מאַך אַ בעסערן שטאָך און וויש זיך ענדלעך אָפּ דעם שווייס. די גאַנצע געשיכטע האָט געמוזט נעמען ניט מער ווי פינף מינוט, אָבער אין דמיון איז עס, דוכט מיר, געווען מער ווי אַ שעה.

— וואו איז מיטשעל דער פאָרמאַן, וואָס ברענגט ער מיר ניט צו קיין אַרבעט? — פרעג איך זיך. איך גיב אַ רוף צוליב היימלעכקייט דעם מאַשיניסט, אייב דעם האַרבאַטש: ער איז גראָד שטענדיק געווען גוט צו מיר, כלומרשט מיינער אַ פריינד. איך רוף אים: — אייב, אייב! — ער קומט צו צו מיר און גיט מיר גראָד אַ פריילעכן העלאָו.

— וואָס מאַכסטו, בענעלע? — פרעגט ער מיך אַ פריילעכער. איך זיפץ אָפּ שטיל און ענטפער:

— אָט ווי דו זעסט. דער פּאָליאַק זיצט איצט אויף מיין מאַשין...

ער ענטפערט גיך און פאַרזיכטיק:

— מאַך איצט אַ שוויג, בעני, דו וועסט זיך אָפּרעכענען מיטן „סאַן אָוו איי ביטש" שפּעטער, איך וועל דיר מאַכן אַ מאַשין ווי אַ פידעלע... דו נעם זיך נאָר אַרבעטן...

איך האָב אים געוואָלט פרעגן, וואו מיטשעל איז, איך דאַרף דאָך אַ באַנדל אַרבעט. אָבער ריידנדיק אין דער שטיל מיט אייבין, האָב איך עפּעס וועגן אַרבעט ניט געוואָלט זיך יאָגן. ס'האָט זיך געוואָלט מיט אים עפּעס ריידן. ער פרעגט מיך שטיל:

— ווען קומט הערי צו דער אַרבעט? — ער האָט געמיינט מיין ברודער הירשן, ווייל ס'איז געווען אַ פּלוגתא צי באַלאַנגט ער צו דער טרייענגל, אָדער ניט? צוליב דעם, ווייל ער האָט פאַרלאָזן די טרייענגל זעקס וואָכן פאַרן סטרייק.

אָבער איידער איך ענטפער קומען אַרויף צוויי קאַטערס מיט אַ שניט אַרבעט. איינער פון די קאַטערס איז מאָריס גאָלדפאַרב. אַ גבור אַ יונג, בערענשטיינס רעכטע האַנט. ער האָט שיר דערלאַנגט משה אלצפן קלעפּ

בעת בערענשטיין האָט געשלאָגן דזשייק קליין. יאָ, דער „באָדי גאַרד״ בערנשטיינס. ער איז אַזוי פריילעך און לייגט אַרויס די אַרבעט פון קויש, מיט איינעם עפּעס אַ נייעם חברה־מאַן וואָס זעט מיר אויס קענטלעך. איך דערמאָן זיך אַז יאָ, ער, אָט דער שייגעץ, איז מיר נאָכגעלאָפן שלאָגן אין אַ מאָנטיק פאַרנאַכט, מיט נאָך איינעם אַ בויאַן. און אָט איז ער גאָר צווישן די קאָטערס...

מיין ברודער יונה איז שוין געווען אַוועק פון דער טרייעגגל זייט עטלעכע חדשים. ער איז אַוועק אויף אַ בעסערער שטעלע. און איך? — עס דוכט זיך מיר, אַז דער שייגעץ קוקט אויף מיר האַלטנדיק דעם קאָרב אין האַנט אַ לײדיקן.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַריין מיטשעל. ער איז גלייך צוגע־גאַנגען צום טיש פונקט ווי אַמאָל און זיך גענומען אויסלייגן די באַנדלעך אַרבעט. ער גיט אַן ערנסטן קוק, ציט אַרויף די ברילן צום שטערן, קענטיק ער איז וויטזיכטיק, און אַוודאי האָט ער מיך דערזען זיצן ווי צעשראָקן און האַלב פאַרשעמט. אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און ער האָט אויס־גערופן:

— קום אַהער בעני! ווערסט מיר „עקסקיוזן״, איך האָב דיך געלאָזט וואַרטן, ווייל איך האָב געוואָלט אָנהייבן אַ פרישן „לאָט״ אַרבעט.

— וואו איז סעם? — פרעגט ער מיך. — ער האָט דאָך געזאָלט קומען מיט דיר אינאיינעם?

— וועלכן סעם מיינט איר? — פרעג איך שטיל.

— סעם לעווין, — ענטפערט מיטשעל.

— יאָ, איך האָב אויך פאַרשטאַנען אַז ער קומט היינט, אָבער סעם לעווין וועט מסתּם קומען די נעקסטע וואָך, — מאַך איך אים קלאָר אַ ניט־זיכערער.

— ווי אַזוי אַרבעט דיין מאַשין? — פרעגט ער מיך ערנסט.

— ניט שלעכט, — ענטפער איך אין אַ פאַרשטיקט קול.

ער גיט מיר אַ באַנדל אַרבעט און זאָגט מיר אַז איך זאָל אָנהייבן מאַכן די פאַלדן אין די פלייצעס. דעם סעמפּל וועט ער שפּעטער צוברענגען. ווען איך קום צוריק צו דער מאַשין, דערמאָן איך זיך, אַז איך האָב ניט מיינע זוימערס, אַז זיי זיינען געבליבן אין קעסטל בעת מיר זיינען אַרונטער. איך גיי צוריק צו מיטשעלן און זאָג אים וועגן דעם. בלייבט ער עפּעס שטיין און גיט אַ זאָג ערנסט מיט אַ בתמיה: — אַלץ האָסטו איבערגעלאָזן אין „דראָער״? גיי צו, דאָרט זיצט מייק אויף דיין אָרט, און גיב אַ קוק אויב דיינע „גע־דזשעס״ זיינען דאָרט דאָ? — ער כאַפּט זיך אָבער באַלד צוריק: — ניין, בעני, צי אָפּ! איך וועל אַליין גיין, אויב זיי זיינען דאָרטן, וועל איך זיי דיר אַליין ברענגען...

ער האָט מיר צוגעבראַכט אַ צעפּלעטשטן זוימער. און שוין ניט וויכטיק

צי ס׳איז געווען מיינער אָדער ניט. איך האָב זיך צוריק אויפגעהויבן און אַנטליען אַ „גיידזש״ ביי קאַבליקן. אָט דער קאַבליק איז געווען אַ פיינער איד. ער איז נעבעך אַריינגעצויגן געוואָרן אין פּאָליטיק איבער זיין ווערן אַ פּראַקטאָקאָל סעקרעטאַר אין קלוב. קיין שטאַרקער כאַראַקטער איז ער ניט געווען, האָט מען אים אויסגענוצט. אָבער איך האָב אים ליב געהאַט. ער האָט מיך דערמאָנט אין אַ מיטגליד פון מיין משפחה, און היות ער איז געווען אַ שטיקל לאַנדסמאַן, האָב איך זיך מיט אים געפילט משפחהדיק. ער האָט מיר געזאָגט שטיל:

— נאַ דיר אַ „גיידזש״ בערעלע, און שרעק זיך ניט, נעם זיך אַרבעטן. מיר וועלן נאָך האָבן אונדזערע מאַשינען, האָב געדולד!...

ווען איך האָב געגעבן אַ לאָז אַראָפּ די ערשטע עטלעכע פּאָלדן, האָב איך דערזען אַז דער קאַסאָקער איטאַליענער מיין שכן, האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן, זיין שער איז אַראָפּגעפּאַלן אויפן דיל, און ער האָט זי מיט אַ נער־וועזיטעט גלייך געטאָן אַ הויב אויף. דער גלאָק האָט דאָן אַ קלונג געטאָן, דער סיגנאַל אַז עס איז שוין צוועלף אַזייגער, מען מעג שוין גיין עסן אָנבייסן.

---

פּאַרדויטלטע, נערוועזע, זיינען מיר אַריין אין עלעוויטאַר צוזאַמען מיט די „הייסע״ חברה. די לופט האָט אונדז ממש מחיה מתים געווען, — אָט איז קאַבליק, אָט איז פעלדמאַן, אָט איז חיים בערענשטיין, אָט איז מאַטקעלע, אָט איז דער אַלטער בלענק, אַ פעטער צום בעל־הבית, שוין אַ איד אין די זעכציקער אַן אַרבל־מאַכער. ער איז געקומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן מיט זיין זון מאַטקעלע. — נו וואָס זאָל מען געווען מיט זיי טאָן? — האָט מען זיי געמאַכט פאַר „אַפּרייטערס״. אַלע פון דער משפחה האָבן ניט גע־סטרייקט. זיי זיצן שטאָלצע אויף זייערע פּלעצער, און איצט אַ באַגעגענען זיי אונדז מיט אַ „ויחד יתרו״. זיי שרעקן זיך ניט פאַר אונדז. זיי פילן אַז אַלס משפּחה האָבן זיי מיט אונדז ניט געקענט סטרייקן. און פאַרקערט — זיי גיבן אונדז האָפענונג. און איידער מיר גייען צו צו זינגערס רעסטאָראַן, רוימט מיר חיים בערענשטיין איין אַ סוד, אַז ביי זיי איז אָפּגעמאַכט, ביי די אייגענע הייסט עס, אַז אויב מען גיט אונדז ניט צוריק אונדזערע פּלעצער, וועט זיך טאָן חושך!...

עס באַגעגענען אונדז די קאַטערס: וועבער, וואָלפסאָן — ביידע געלערנטע מענטשן, די פּני פון די צושניידערס. ביי זיי איז עס געווען אַן „אָפענער איין און דרייסיק״. זייער דעפּאַרטמענט האָט ניט מסכים געווען מיט אונדזער אַרונטערגיין אין סטרייק ווי ווילדע... לויט זייער מיינונג איז געווען אַ בעסערער וועג, און מיר האָבן זיך מיט זיי ניט באַראַטן. איז בכן, ניט שייך צו ריידן און איבערחזרן די געשיכטע: „איט שוד אָל בי פאַרגאָטען״ (עס דאַרף אַלץ פאַרגעסן ווערן).

— מיר זיינען דאָ צוריק. עס וועט סיי ווי זיין אַ ראַדיקאַלער „טשענדזש", — זאָגט וועבער ברמיזה, און וואָלפסאָן שטימט צו...

מיר שווייגן. ס'איז דאָך איצט ניט שייך צו ריידן. לאָמיר כאַטש זען וואָס עס טוט זיך אין זינגערס רעסטאָראַן.

ווען מיר זיינען אַריין אין רעסטאָראַן און זיך געוואָלט באַגריסן מיט זינגערן, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער אמתער זינגער איז שוין מער דאָ ניטאָ. — אויך ער האָט געליטן פון דעם גרויסן סטרייק. ער האָט איבער אונדזער אָפּוועזנקייט געמוזט פאַרקויפן ס'געשעפט צו אַן אַנדערן פּאָר אַ שיבוש. די טישן שטייען פאַריתומט. עס האָט ניט דעם זעלבן טעם. די אַרבעס־זופּ איז רוי, די פּאַטייטאָ קנישעס קאַלט. מיר קוקן זיך איבער.

חיים בערענשטיין מאַכט אונדז קלאָר אַז ניט נאָר זינגער האָט געליטן פון דעם סטרייק, נאָר העריס און בלאַנק האָבן אויך געכאַפּט אַ גוטן „שוויץ", הלוואי מאַכט ער דאָס אין צען יאָר אַרום...

מיר הערן זיך צו צו חיים בערענשטיין, אַ קוזין צום מענעדזשער סעם בערענשטיין. זיי, די משפּחה, וואָס באַשטייען פון: סעם, אייב און חיים, דריי ברידער וואָס האָבן געהאַט אַ „שאָו", ווי מען זאָגט אין אַמעריקע. איינער פון זיי, אייב, האָט שפּעטער פאַרלאָזט די טרייענגל און איז אַוועק צו „ראָזען בראַדערס". ער האָט זיך ניט געוואָלט איינגאַנצן אונטערוואַרפן די „רולס און רעגולייישאַנס" פון זיין קוזין. ער האָט מיט זיין קוזין דעם אדון הגדול געהאַט חשבונות נאָך פון דער אַלטער היים. געווען אַ כעסן. און אין איין שיינעם טאָג האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט דער טרייענגל...

חיים, ווידער, וואָס איז געווען עלטער, האָט זיך געהאַט אַן אַנדער חשבון, אַז ער האָט זיך ועל כולם זיין „קאַרנער" ביי דער גרויסער פענצטער מיט זעקס שקלאַפן אַרום זיך. דאָס וואָס ער איז אויך אַ שקלאַף, דאָס רעכנט זיך נישט... אַבי ער גייט זיך רויכערן זיין סיגאַרעטל ווען ער וויל... דאָס סיגאַרעטל איז ביי אים דאָס בעסטע צוקערלעקעכל... ער גייט אַזאַ שטאָלצער, גלייך ווי אַ סאָסנע מיט זיין שפּאַן וואָס איז נאָך יונג און לעבעדיק. ער טראָגט גאַנץ גוטע קליידער, עסט זיך נאָך אָפּ אַ גאַנץ גוטן אָנבייסן, דערציילט זיך זיינע וויצן, בעיקר, אויף העריס חשבון, אויף מאַקס בלאַנקן זיין בעל־הבית און משפּחה „קינד" לאָזט ער אויך אַמאָל פּאַלן אַ „נאַדעלע"... ער שאַנעוועט אים נישט. אָבער מען ווייסט אַז זיינע רייד מיינען גאָרניט. מען ווייסט אַז חיים רעדט סתם... אָן אַ ממש. מען ווייסט שוין אַז חיים איז אַ צוויזייטיקער: חיים קלאָגט זיך אויף די פּרייזן צוגלייך מיט אַלעמען. ער וויל פאַרדינען. מען ווייסט שוין אָבער, אַז זיינע רייד מיינען גאָרניט — ניט לטוב און ניט לרע. ער איז, אגב, שוין אין די פופציקער און לייקנט אַ פּאָר יאָר. אָבער ער איז דאָך אינטערעסאַנט אַן און פאַר זיך, ער איז אַ גוטער ברודער מיט יונג און אַלט.

דער צווייטער, שמואל בערענשטיין, איז ממש אַ גרינער. ערשט אינ־גאַנצן זעקס יאָר אין אַמעריקע. איז אַלט אַ יאָר פּערציק. ער האָט זיך צו שפּעט אויסגעלערנט די מלאכה און אַרבעט גראָד ניט שלעכט. מען האָט אים אויך צונויפגעשלייערט מיט אַ פּאָר אַרויסהעלפערינס. ער איז אַ פריילעכער און דערציילט איבער אַ וויץ נאָך בעסער פון זיין ברודער חיימען, און אַלץ וועגן דער אַלטער היים. ער האַלט זיך פאַר עפּעס מער פון די עלטערע צוויי ברידער, אייב מיט חיימען... אָבער אויך ער איז אַ „בראַ־טושקאַ", פאַרוואָס דען ניט? זיי שווימען אין דעם גרויסן „ים הטרייענגל" אָן זאָרג, זיי ווייסן אַז זיי זיינען גוטע סאָלדאַטן פאַר זייער משפחה: הגם זיי האָבן אויך אַמאָל צווישן זיך „ס'הערלעכע אויסקומעניש". מען גיט זיי „פּלענטי סטאָק" צייטנווייז, דערהויפּט פון סעם מיטשעל. ער ווייסט קיינע גליקן ניט, ער טומלט ניט און שרייט ניט, אָבער אַרבעט וויל ער גוט געמאַכט. צי פון די בערענשטיינס, צי פון די בלאַנקס, — ער פאָדערט זיינס... ער ווייסט שוין אַז אַט איצט, באַלד באַלד, נאָך אַ פּאָר וואָכן און ער וועט פאַרלאָזן דעם גרויסן טאַראַראַם. ער ווייסט, אַז איצט, נאָך אַזאַ פאַרביטערטן קאַמף פון 25 וואָכן סטרייק, איז „די טרייענגל" כמעט האַלב רואינירט. ער אַליין פילט זיך ניט אַזוי היימלעך ווייטער צו געוועלטיקן מיט די פאַרלוי־רענע סטרייקערס. ער ווייסט אַז, ועל כולם האָט ער געהאַט אַ סך גוטע ברידער צווישן די אַרבעטער און האָט זיך געפּילט מיט זיי חבריש. און דאָ איצט האָט ער אַליין אָנגעטריבן אַ שאַפּ מיט גרינע איטאַליענער, געצאָלט זיי שווערע געלטער פאַר די חזירשע אַרבעט. אַ ברירה האָט ער געהאַט? — עס קלינגען נאָך אין זיינע אויערן די קולות וברקים וואָס ס'פלעגן געהערט ווערן בעת מ'האָט געסטרייקט. ער האָט יעדער מינוט געוואָלט אויסטאָן זיין פאַרטוכל און גיין. נאָר ער האָט דאָס ניט געקענט טאָן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז אַט, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך און מען וועט זיך אויסגלייכן אָן אַ יוניאָן, און עס וועט זיך ווייטער רודערן ווי געוועזן. אָבער איצט, ווען די אַרבעטער קומען אַרויף ממש אַ האַלב יאָר שפּעטער צו דער אַרבעט, אָן אַ הארץ, אָן אַ ווילן, מישן זיך אויס מיט די סקעבס, מיט די קאַליקעס, מיט די חצי בעלי־מלאכות, — ווי קען ער איצט אַרום די צוויי שונאים רודערן אויפסניי?... אַזוי פילן די מיטשעלס, די בערענשטיינס, אַזוי די קאַטערס, וואָס האָבן פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט זיך צוהערן צו די אָרעמע סטרייקערס. אַפילו די בוכהאַלטערינס, מערי און דיינאַ, צוויי טייערע מיידלעך: מערי איז שוין געווען עטלעכע יאָר דאָרטן, דווקא אויפן ניינטן שטאָק מיט די אַרבעטער. זי האָט געהאַט איר „דעסק" פּונקט אין מיטן פאַבריק, וואו די אָפּערייטערס פלעגן איר צוטראָגן די אַרבעט, זי זאָל אַריינשרייבן אין ביכל. זי איז געווען אַ זעלטן טייער מיידל און אַ שיינע דערצו, זי איז געווען ענלעך צו בילי בוירק, זיגפילדס פרוי, ווי זי האָט אויסגעזען אין די יונגע יאָרן. אַזוי האָט אויסגעזען אַט די מערי. די בלאָנדע בוכהאַלטערין

וואָס האָט שטענדיק באַדויערט וואָס זי איז די בעל־הביתטע איבער די נאָדלען און דאַרף נעמען ביי די אַרבעטער אַ פּעני פאַר יעדן נאָדל...

יאָ, מיר האָבן געצאָלט פאַר יעדער צעבראָכענער נאָדל אַ גאַנצע פּעני. און ווען ס'איז אַמאָל אָנגעקומען אַרבעט מיט „בידס" (פּאַטשערקעס) — די דאָזיקע פּאַטשערקעס זיינען מערסטנס געווען אין אַ גאָלד קאָליר, אַמאָל מיט „דימענטלעך" — ביי אַזאַ אַרבעט האָבן זיך די נאָדלען געהאַלטן אין איין ברעכן. און אַז האָבן זיך צעבראָכן פיר־פינף נאָדלען אַ טאָג, פלעגט מערי זיפּצן יעדעס מאָל וואָס זי האָט ביי אונדז געדאַרפט נעמען אַ פּעני, די שווער פאַרהאָרעוועטע פּעניס פלעגט מען אַריינוואַרפן אין אַ קעסטל וואָס איז געשטאַנען נעבן איר. ווען עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ היבש ביסל פּעניס, האָט זי געשיקט אין דער זינגער קאָמפּאַני צו קויפן נייע נאָדלען.

זי האָט שווער געאַרבעט און שטאַרק געפילט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איר אויפגאַבע, דעם ציילן און אַריינשרייבן אין ביכל און עס זאָל חלילה ניט אַרויסקומען קיין טעות... ווען מען האָט געשטעלט מאַשינען אויפן אַכטן פלאָר, האָט מען איר געגעבן אַן אַסיסטענט: אַ משפּחה־מיט־גליד פון די בלאַנקס, מיטן נאָמען דינה, אָדער דיינאַ, ווי מען האָט זי גערופן אויף ענגליש:

דיינאַ איז געווען אַ ברונעטע. שוואַרצע קליינע אויגן, אָבער שאַרפע. אַן ערנסטע, אָבער אַ סימפּאַטישע. זי האָט, הייסט עס, געדאַרפט אַרויסהעלפן דער קליינער מערין, וועלכע מיר האָבן אַלע באמת ליב געהאַט. אָט די מערי איז נעבעך געווען אַ קרבן אין דער גרויסער שריפה פון 1911. (זי האָט בשעתּה, אין 1909, ניט געטראַכט אַז זי וועט פאַרשרפהט ווערן אין דער שרעקלעכער טרייענגל שריפה.)

איך וויל אָבער איצט ניט צונויפמישן דעם שפּעטערדיקן אומגליק מיט דעם איצטיקן היסטאָרישן אָנגאַנג ביי דער טרייענגל פאַבריק, וואָס פונקציאָנירט ווייטער, אָבער מיט אַ שטילן גליווער. אַפילו דער גרויסער זיגרייכער סעם בערענשטיין, איז אויך געוואָרן ווי דערפלעטשט. דער זיג זיינער האָט אים עפּעס ווי פאַרטשאַדעט. ער האָט טיף אין זיין האַרצן געוואוסט אַז, די פירמע האָט דורך אים גוואַלדיק געליטן... און איצט אָ, קען ער עפּעס ניט מאַכן שלום מיטן געדאַנק, אַז ער זאָל איינשטעלן צוריק דעם „פּאַראַנדעק" אין פאַבריק ווי עס געהער צו זיין. ער קוקט זיך אַרום אויף דעם גאַנצן טאַראַראַם, מען זיצט און מען אַרבעט. אָבער ס'זיינען שוין ניטאָ די פּני, די געשוואָרענע האָרעפּאַשניקעס. עס זיינען מער ניט געבליבן ווי גענויע הונדערט אַרבעטער פון פריער. זיי זיינען זיך צעקראָכן, און די אַרויסהעלפּערינס זיינען אויך ווי נעלם געוואָרן. מען זיצט זאַלבעצווייט: מ'האָט זיך יאַקבי צונויפגעפּאָרט שטילע שותּפים און מען אַרבעט. אָבער ס'האָט ניט דעם טעם. מיטשעל, זיין פאָרמאַן, פאַרלאָזט שוין. ער גייט מיט וועבערן אין ביזנעס. וועבער איז

געוועזן בערענשטיינס רעכטע האַנט. און זיי זיינען טאַקע אַוועק און געמאַכט אַ גרויסן דערפאָלג.

בערענשטיין איז געבליבן מיט די פּאָר אייגענע קוזינס: די בערענ־שטיינס און די בלאַנקס, מיט מאַטקעלען זייער שיינדליק. מאַטקעלע איז געוועזן שוין פון די שפּעטערדיקע גרינע, וואָס האָט ניט אַזוי אַרויסגעשיינט פון דער משפּחה. ער איז געוועזן אַ זון צום אַלטן בלאַנק, וועלכן איך האָב דערמאָנט פון אָנפאַנג, און לאָמיר אויך ניט פאַרגעסן אַפילו זיין אייגענעם ברודער אייבעלע בערענשטיין, וואָס האָט אָפּערירט מיט אַ סעט און זיך געהאַלטן גדולדיק, ווי דעם מענעדזשערס ברודער, וואָס האָט אויך געשפּילט אויף אַ קלאַרנעט כלומרשט, שיר געזאָלט ווערן אַ היימישער קלעזמער, נאָר צוליב משפּחה איז ער געוואָרן אַן אָפּערייטאָר... ער האָט זיך יאַקבי געהאַלטן פון דערווייטנס, אַ חוץ מיט צוויי שוועסטער, פלעגט ער אָפּט זיך וועלן חברן... — איינע איז געוועזן זייער אַ שיינע. זי איז געוועזן די איינגערע און האָט אַגב אין די ערשטע יאָרן געאַרבעט נעבן מיר, מאַשין נעבן מאַשין. איך בין געוועזן דער גרינער, און זי אַ זעלטענע שיינהייט: אַ הויכע, אַ קאָפּ רויטע האָר מיט פייערדיקע צעפּ און זשוואַווע אויגן. זי איז אַגב שפּעטער געוואָרן די פרוי פון דעם באַרימטן שוישפּילער מאָריס שוואַרץ. חנה איז געוועזן פלינק.

די צווייטע שוועסטער איז געוועזן גראַדע אַ ברונעטקע: אַ הויכע. און שפּעטער האָט זי בערענשטיין געמאַכט פאַר אַ פאָרליידי אויפן אַכטן שטאָק. מיר, די יחידים, פלעגן אָפּט הערן ווי אייב דערציילט וואָס פאַר אַ גוטער פריינד ער איז מיט ביידע שוועסטער; ווי ער באַגעגנט זיי דאָ און דאָרט... אין דער אמתן האָבן מיר זיך צוגעהערט צו זיינע מעשיות מיט אַ שמייכל... ווייל דער אייב איז שוין געוועזן אַ מענטש אין די פערציקער און ער האָט נאָך געהאַט אַ ברען אויף דער רעכטער באַק וואָס האָט זיך געצויגן אַרום זיין האַלדז. „טאָ ווי קומט דער קרבן צו דעם מזבח?״... איז אָט דער אייבעלע, דעם מענעדזשערס ברודער, אויך געוועזן אַנטוישט פון דעם סך־הכל: ער האָט נאַטירלעך געהאָפט, אַז ער וועט אַמאָל ווערן דער גרויסער פאָרמאַן ביי דער טרייענגל. „אָבער צוויי קעץ אין איין זאַק״ האָט הפּנים ניט געטויגט און זיין ברודער סעמקע, ווי ער פלעגט אים רופן, האָט אים ניט געלאָזט צוקומען צום פּסוק... ביז, עס האָט לאַנג ניט געדויערט, און אָט דער פּעאיקער, קליין־געוויקסיקער סעם בערענשטיין האָט אין איין שיינעם טאָג אויך פאַרלאָזן די טרייענגל. ער האָט הפּנים ניט מער געקענט באַווייזן העריסן, אַז ער וועט עפּעס פאַר זיי אויפטאָן אין דעם שטילן גע־רודער...

העריס האָט געמוזט אָנשטעלן נייע פאָרלייט און פּראָבירט מאַכן אַ טאָלק אין דער נייער פירערשאַפט, וואָס האָט ביסלעכווייז אים געוויזן אַ שלעכטן סך־הכל, און פאַמעלעך האָט ער פּראָבירט מאַכן נייע שעפּלעך אָן שנאַהשאַפט

פון צוויי צדדים. ער האָט געמאַכט איינעם אַ הערי גיטעלמאַן פאַר אַ מענע־דזשער פון איין פאַבריקל: ביי העריסן האָט אַ פאַבריק פון פופציק מאַשינעס געמיינט אַ „פאַבריקל", ווי אַ בייגל פאַר אַ גראָשן... דער הערי גיטעלמאַן האָט זיך ביי העריסן גערעכנט פאַרן בעסטן בעל־מלאכה. ער איז שוין געווען דער בעל מיוחס וואָס האָט געאַרבעט אויף אַ „ווילקאָקס און גיבס" מאַשין און אָפּט געניייט די „טשיינאַ סילק" אין „סלעק טיים"... על כן האָט אים העריס געמאַכט פאַר אַ מענעדזשער אין דעם אַזוי גערופענעם פאַבריקל... דערנאָך האָט מען געהערט, אַז אויך בעני זילבערמאַן, דער גרויסער בעל גוף און יונגער האַרעפּאַשניק, וואָס האָט אַמאָל געפירט אַ סעט באַגלייך מיט הערי גיטעלמאַנען, אַז אויך ער גייט אין ביזנעס מיט בעני יעגער, דעם פריערדיקן פאָרמאַן, נאָך פאַר מיטשעלן.

סעם בערענשטיין, דער מענעדזשער, האָט, הייסט עס, נאָכגעטאָן מיטשעל און וועבער, און זיך פאַרבונדן מיט דער דאַמאַלסטדיקער „בידזשו ווייסט", וואָס האָט געהאַט איר פאַבריק אין האוסטאָן סטריט.

מר. און מרס. קאָרנפעלד, די „בידזשו" אייגנטימער, האָבן אים אָנפאַר־טרויט אַ גרויסן פאַרנעם. זיי האָבן געהאַט גלויבן אין זיינע פעאיקייטן, און ער האָט טאַקע אין אָנהויב געהאַט גרויס דערפאָלג. אָבער ער האָט, ווי מען פלעגט זאָגן, ניט געקענט האָבן איבער זיך קיין דעה זאָגער... און האָט מיט יאָרן שפּעטער געעפנט אַ „ממשלה" פאַר זיך און זיין סוף איז געווען אַ ביטערער: ער איז געשטאָרבן פון געוויסנביסע, פון ביטערע אַנטוישונגען אין זיין פערזענלעכן לעבן. (ווייל דער ענין איז דורכאויס פון פערזענלעכן כאַראַקטער וויל איך זיך ניט נעמען דאָס רעכט צו שרייבן וועגן דעם.)

---

איך מוז אָבער גיין צוריק צום עיקר, מאַכן דעם סך הכל פון אונדז סטרייקערס פון סוף 1909. דער לייענער קען זיך משער זיין, אַז מיר, די סטרייקערס, די געשלאָגענע, האָבן זיך ניט געקענט פילן גוט ווי די אַמאָליקע אַלטע אַרבעטער. די פרייזן זיינען גראַדע געווען ביים וועג. אַ גאַר גרויסער טייל האָבן זיך אַפילו געפילט ווי צוריק אין דער היים. אָבער ס'האָט זיי שוין געצויגן צו דער איסט סייד, צום יוניאָן טומל, וואו אַ נייער שטראָם פון ניט אָרגאַניזירטע אַרבעטער־שעפּער און שניידער־טרייד האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן. די קלאָוק טרייד האָט דאָן אויך שטאַרק געליטן. מען מוז צוגעבן, אַז הגם די קלאָוקמאַכערס האָבן שוין אַ סך יאָרן געהאַט אַ יוניאָן און האָבן אַפילו געקענט אַנווייזן אַ פופציק קליינע אָרגאַניזירטע שעפּער, איז עס אָבער פאַר דער געשיכטע אַ גרויסער וואונדער, וואָס גראַד די קלאָוקס בעלי־בתים זיינען געווען הינטערשטעליק ניט צו האָבן מאָדערנע שעפּער. זיי האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין עלעקטריק „פּאַוער" אין די פאַבריקן. און איך בין אַן עדות, אַז אין דעם טרייענגל בילדינג זיינען געווען זיבן פלאָרס

כמעט מיט קלאָוק שעפּער, און האָבן בלויז געהאַט מאַשינען ביי „פּוט פּאַוער" מיט די צווייענדיקע טרעטערס. און ווען דער אָפּערייטאָר האָט געוואָלט זיך צעלאָזן און געבן אַ ניי גיך, האָט ער מיטביידע פיס זיך געמוזט אַ שאָקל טאָן כדבעי מיטן גאַנצן כוח... הגם ס'איז געווען אַ פאַקט, אַז קלאָוקמאַכערס האָבן פאַרדינט אַ סך מער. זיי פלעגן אַרבעטן אפשר זיבעציק שעה אַ וואָך אין סעזאָן און האָבן זיך געפילט ווי מיוחסים קעגן די ווייסטן מאַכער... עס האָט געהייסן אַז ס'איז אַ ווייבערשע מלאכה, אין דער צייט ווען קלאָוקס זיינען נאָך געווען אין די הענט פון די היימישע שניידערס. מיידלעך האָבן נאָר געטאָן די האַנט אַרבעט: מען האָט „געפינישט", געגנייט קנעפּלעך, אויס־געגנייט לעכלעך און געסטריגעוועט, אויסאַרבעטן אַ לאַפּעל אויף קליאַנקע און נאָך אַנדערע קלענערע אַרבעטן, צו דעם האָט מען בלויז געדאַרפט אַ נאָדל מיט אַ פינגערהוט, אַ שער און אַ פּאָר פרויען־הענט...

די פּרעסערס אין דער קלאָוק טרייד האָבן זיך אויך געהאַלטן פאַר גרויסע יחסנים. אַ פּרעסער האָט זיך געהאַלטן ווי אַ וויכטיקער כוח אין דער קלאָוק אינדוסטריע...

ערשט שפּעטער, אין יאָר 1910, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן דער גרויסער קלאָוקמאַכער סטרייק, האָט מען גענומען איינשטעלן עלעקטרישע קראַפט אין די פאַבריקן. און ס'איז געווען טשיקאַווע, אַז אַ סך אַלטע אָפּערייטאָרס האָבן זיך גאָר באַקלאָגט: „אַז די עלעקטריע איז ניט גוט פאַר די פיס... אַז זיי האָבן זיך געפילט בעסער מיטן אַלטן סיסטעם..." ס'איז זיי פשוט געווען שווער זיך צוגעוואוינען צו די נייע, מאָדערנע איינריכטונגען...

די ווייסט־מאַכער יוניאָן האָט געהאַט פּראָגרעס אין די פאַבריקן, מיט מאָדערנע מאַשינען און קלאָגעדיקע שכירות. ביז זיי האָבן ענדלעך, נאָך יאָרן אַגיטאַציע, און אין דער סביבה פון אַזעלכע איינפלוסרייכע מענטשן ווי מאיר לאָנדאָן, דזשייקאָב פּענקין און מאָריס הילקוויט, אין יענער צייט האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אויף דער אַרבעטער גאַס עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן, שוין אָפּגערעדט פון דעם „פאָרווערטס" און די „פרייע אַרבעטער שטימע" מיט יאַנאָווסקין אַלס רעדאַקטאָר. די אַלע פּער־זענלעכקייטן און פאַקטן אין אידישן אַרבעטער לעבן האָבן אין יענער צייט דערגרייכט אַ געוויסן הויכפּונקט.

אין יענער צייט האָבן שרייבער און קינסטלער דערפילט אַן אחריות צו זיך און צו דינען די אונטערדריקטע, פּראָטעסטירן, און זיך אָננעמען פאַר די געקריוודעטע. און דאָן איז געקומען דער דראַמאַטורג יעקב גאָרדין מיט זיין פּיעסע „גאָט מענטש און טייוול". דער עולם איז געגאַנגען אין טעאַטער און געשלונגען די ווערטער וואָס איז דאָרט אַרויסגעזאָגט געוואָרן. ווי אַזוי כאַצקל דראַכמע ברענגט דעם פאַרבלוטיקטן טלית צו הערשעלע דובראָוונער, ער זאָל זען וואָס פון זיין זון איז געוואָרן אין זיין פאַבריק... לעאָן בלאַנק האָט דעמאָלט געשפּילט די ראָלע פון כאַצקל דראַכמע.

די דראַמע האָט דאַן געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אינם אַרבעטער־קוואַרטאַל. די לופט איז דאַן געווען אָנגעפּילט מיט פּראָטעסט און קאַמף קעגן די בלוט זויגערס. קאַמף קעגן קאַפּיטאַל און עקספּלואַטאַציע... מען האָט זיך צוגעהערט צו רעדעס און לעקציעס און עס איז געווען אַן אָנגענומענער פאַקט, אַז דער מאַרקסיזם איז די אײנציקע ישועה פאַר דער אַרבעטער וועלט. און אַוודאי איז אַב. קאַהאַן דאַן געשוואומען אינם גרויסן ים פון דעם אַרבעטער קלאַס. פייגענבוים, זאַמעטקין, קאַרנבליט און פרידמאַן האָבן דאַן געשריבן אין „פאַרווערטס". און ווען עס האָט זיך דערהערט אַז מען האַלט אין רופן אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען פאַר דעם לעצט אָפּשטימונג פאַר אַ גענעראַל סטרייק, דערוויילע פון דער ליידיס ווייסט מייקערס יוניאָן, האָבן מיר, די טרייענגל אַרבעטער, דאַן זיך גערעכנט ווי גרויסע מיוחסים. הגם איך אַליין, דער שרייבער, מיט נאָך אַרבעטער האָבן גענומען פאַרלאָזן די טרייענגל. מיר האָבן זיך דאַרטן מער ניט געפילט ווי אין דער היים. ווי אַמאָל טרייענגל אַרבעטער, ווען אַ „סעט"־פירער איז דאַן נאָך געווען אַן אוצר...

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין טרייד: די בעלי־בתים וויסנדיק אַז עס רוקט זיך אָן אַ גרויסער גענעראַל סטרייק אין פאַך פון די ווייסטן, האָבן זיי גענומען פּלאַנירן ווי אַזוי צו עפענען שעפּעלעך אויסער ניו־יאָרק, און אויך איך בין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטראָם. מיין ברודער הערש איז געוואָרן אַ „פּעטערן־מאַכער" פון ווייסטן ביי דער פירמע „ראָזען בראָדערס", וואו ער האָט געאַרבעט. זיי האָבן אים ממש אויפגעהויבן פון דער מאַשין און געהייסן גיין אין סקול זיך לערנען „דעזיינינג", ווייל ביי זיי איז דאַן אַוועק דער פּעטערן־מאַכער הערי וואַרטיקאָף, און הירש, מיין ברודער האָט פאַרנומען זיין אָרט. וואַרטיקאָף איז שפּעטער גאָר געוואָרן אַ אינשורענס אַגענט. און איך, בערל, בין אַוועק אַרבעטן ביי דער „ריליייענס ווייסט קאָמפּאַני". דער בעל הבית איז געווען סעם האַלפּערן, אויך אַ גליד פון דער טרייענגל משפּחה. האַלפּערן האָט חתונה געהאָט מיט סעם בערענשטיינס אַ שוועסטער. געווען איז סעם איינער פון די ערשטע פאַרלייט ביי דער טרייענגל. און אַזוי האָבן זיך אָפּגעריסן די פאַרלייט פון זיי און געגאַנגען פאַר זיך אין ביזנעס: די „יעיל ווייסט", „ראָזען בראָדערס", די „ריליייענס ווייסט" און „פרידמאַן בלאָוז" און „מיטשעל און וועבער" און „יעגער און זילבערשטיין", און אַפילו בלאַנקס ברידער מיט לייזערן בראש, האָבן פאַר זיך געמאַכט שבת...

סעם בערענשטיין איז אַגב געווען דער לעצטער. און מיר אָפּערייטערלעך, יונגע חברה. מ'איז שוין געווען אַמעריקאַניזירט, מ'האָט זיך שוין מער אַזוי ניט געשראָקן פאַר דזשאָבס. מען איז אַוועק וואו מען האָט געצאָלט מער. און גראַד דער סעם האַלפּערן, אַ טייערער איד געווען, אַ הויכער שיינער ברונעט, מיט גוטמוטיקע אויגן, האָט זיך געפירט זיינע ביזנעס און געווען

שותפות מיט איינעם פון די ראָזען ברידער: הערי ראָזען און ל. פרידמאַן. און דורך אַ סיבה האָבן זיי זיך צעטיילט, געגאַנגען פאַר זיך. סעם האַלפּערן איז געבליבן איינער אַליין. ער האָט זיי אויסגעצאָלט. מ'האָט געזאָגט, אַז בלאַנק האָט אים מיטגעהאָלפן אין דער חלוקה... אין איין שיינעם טאָג בין איך אַרויף אַהין. ער האָט שוין געוואוסט ווער איך בין. און אָט ווער איך אַן אַרבעטער אין דער „ריליייענס".

עס לויפן דאָרט זעכציק מאַשינען. די אַרבעט איז גרינג. איך האָב פאַר קיין שווערע אַרבעט קיין מורא ניט. מען זאָגט מיר אגב, אַז דאָרטן זיצן „שיסערס", אַלטע אַמאָליקע טרייענגל אַרבעטער. איבערהויפּט איינער אַ פינקל, ביי אים לויפן די ווייסטן ממש אין „גאַלאָפּ"... אָט עפנט ער אַ באַנדל, און ס'איז שוין פאַרטיק... דאָרטן אַרבעט מען בלויז מיט צוויי אַרויס־העלפערס. אַ סך באַקאַנטע גיבן מיר אָפּ שלום — מיר זיינען דאָך פון זעלבן חדר...

עס לויפט צו צו מיר נייטן ראַנקין: אַ מאַסיוונער יונגער בחור, אַ „קלויזער" וואָס וואַרפט די ווייסטן ווי שטרוי. ער אַרבעט אויף אַ ספּעשל אָווערלאָק מאַשין וואָס זוימט ריין און גיך. מיר האָבן אין־איינעם געסטרייקט: אַ גוטער יונג מיט אַ שטענדיקן שמייכל, אָבער נעמט ניט קיין „בלאָפס", און ווען מען דאַרף, קען ער אויך גאַנץ פיין דערלאַנגען אַ קלאַפּ... ער איז געווען בלויז אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר, אָבער איך, בענעלע, בין ביי אים געווען „דאָס אויבערשטע פון שטויסל". גראָד האָב איך געהאַט חן אין די אויגן פון אַ סך אַרבעטער, ובפרט ביי די יונגוואַרג. און באמת האָב איך זיך געפילט גאַנץ גוט ביי מיין בעל־הבית, כ'מיין מיין דריטן בעל־הבית, סעם האַלפּערן.

און דאָ, דאַכט זיך ערשט איינגעזעצט. בלויז דריי חדשים וואָס איך אַרבעט דאָרטן, און אָט צעפּלאָקערט זיך אַ נייער קאַמף: מ'וועט אַרויס אין אַ גענעראַל סטרייק!... וואָס וועל איך טאָן? אָנהויבן ווייטער קעמפן, ווייטער פּיקעטן אין אַ נייעם שאַפּ? נייע מענטשן. און איך בין דאָך גאָר פאַרוועבט אין נייע חלומות: אפשר זאָל איך די „טרייד" אינגאַנצן אויפגעבן און טאַקע אָנהויבן לערנען לשמה? כאָטש ווערן אַ דראָגיסט... דר. יחיאל קלינג איז שוין אַן אמתער דאָקטאָר. ערשט געענדיקט. ער איז מיין מדריך, מיין שוועסטערקינד. אגב זע איך בחוש, אַז מיר אַלע דריי ברידער האָבן געחלומט צו ווערן געבילדעטע מענטשן מיט פּראָפעסיעס, מיט חלומות — און עס זעט זיך עפּעס ניט קיין צייכן אַפילו, אַז איינער פון אונדז זאָל עפּעס דערגרייכן. איז עס דערפאַר ווייל מיר זיינען כלומרשט גרויסע פאַר־דינערס אין אונדזער פאַך, און מען האָט אונדז גערן אַלס בעלי־מלאכות? סיי ווי סיי, דערוויל אַרבעט איך און דערפיל, אַז איך ווער זעלבסטשטענדיק.

און אָט קומט אָן דער יום הדין. ס'איז אין קופּער יוניאָן, וואו עס זיינען פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן. עס שטייט אויף דער פּלאַטפאָרמע סעמועל

גאָמפּערס, דער באַרילטער גרויסער קליין געוואוקסיקער פירער פון דער אַמעריקען פעדערײשאַן אָוו לעיבאָר. ער מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ מענטש פון אַ יאָר זעכציק. גייט אָנגעטאָן יום־טובדיק, מיט אַ לענגערן פראַק, אַ שוואַרץ אַלפּאַקעדיק אויבער מאַנטל. ער רעדט מיט פּאַטאָס אויף זיין ענגלישן לשון. די פאָטאָגראַפערס גיבן אַ בליץ אָפּ מיט דעם ליכט פון דעם פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. פון דעם אַקט ווערט פינצטער אויף אַ מאָמענט, און עס דוכט זיך אויס, אַז דער טומל פונם זעץ איז ווי אַ באָמבע וואָלט פלוצלינג געפּלאַצט... אויף דעם האָט טאָקע סעמועל גאָמפּערס באַמערקט מיט אַ שנעלן און דרייסטן וויץ: אַז דאָס איז געווען די ערשטע באָמבע פונם סטרייק... עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער אַפּלאָוז. עס האָט גענומען עטלעכע מינוט ביז גאָמפּערס האָט צוריק אָנגעהויבן ריידן...

הינטער גאָמפּערסן אויף דער בינע זיינען געזעסן די אַרבעטער פירערס: דזשייקאָב פּענקין, מאיר לאָנדאָן, אב. קאַהאַן, דזש. גאָלדשטיין, מאַקס פיין, מאָריס ווינטשעווסקי, וואָס איז ערשט געוואָרן דער הויפּט בוכהאַלטער אין לאָקאַל 25. סעם שינדלער, דוכט מיר, איז דאַן געווען פּאַרזיצער. די איבע־ריקע, ווי באַראָף און וויטאַשקין, זיינען אַרומגעלאָפן האַלטן אָרדענונג אין דעם גרויסן מעדיסאָן סקוועער גאַרדען. עס זיינען דאָרט געווען פאַרזאַמלט די שענסטע יוגנט פון דעם וויסטן טרייד. מען מוז באַטאָנען אַז די וויסט־מאַכער האָבן זיך דאַן גערעכנט פאַר די פיינסטע דערצויגענע מענטשן פונם נאָדל פאַך: אמתע היימישע טעכטער פון גאַליציע, רוסלאַנד און רומעניע. איך געדענק זיי זייער גוט. טייערע כלה־מיידלעך, וואָס האָבן אַוודאי געהאָפט, צו באַגעגענען זייערע זיווגים, אפשר זיצט ער גאָר אָט דאָ אין דעם מעדיסאָן סקוועער גאַרדן, צווישן דער ריזיקער דערוואַכטער אַרבעטער מאַסע? — און אָט אָט וועט דער העלד פון זייערע חלומות אַרויסשפּרינגען פון ערגעץ און זיי אַרויסכאַפּן פון דער וויסטער שקלאַפעריי, און מען וועט פּטור ווערן פון דעם שוויץ־שאָפּ...

אַ סך, אַ סך אידישע טעכטער האָבן טאָקע געהאַט ס׳מזל און זיך באַפרייט פון דעם שוויץ־שאָפּ...

דערווייל אָבער האָבן זיך די הענט פון די אַרבעטער און אַרבעטאָרינס זיך געהויבן אין דער הויך און אָפּגעשטימט די גרייטקייט אַרויסצוגיין צו דער באַשטימטער שעה אין סטרייק. מ׳האָט געהשבונט, אַז פּונקט אַכצן טויזנט אין צאָל וועלן צען אַזייגער אין דער פרי אַרויס פון די שעפּער מיט אַ „פּאַראַד״... מען האָט צוגעגרייט דעלעגאַטן. יעדער שאָפּ האָט זיך געזאָלט „רעדזשיסטרירן״ אין דעם גרויסן קלינטאָן האָל אין אַ פּאָר טעג אַרום. דאָרט וועט אויך פאָרקומען די ספּעציעלע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די דעלעגאַטן, וואָס פאַרטרעטן די שעפּער. מען וויל וויסן מיט וועמען מען גייט צום טיש?...

דער מיטינג גייט אָן, עס ריידן די אויבנדערמאָנטע פירערס נאָך גאָמ־פּערסן. סעמועל גאָמפּערס האָט אין נאָמען פון אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו

לעיבאַר צוגעזאָגט שטיצן דעם סטרייק, אויב מען וועט דעם קאַמף ניט קענען אויסמיידן. ער וועט אויך זיין גרייט צו וועקן און דערקלערן די עפנט־לעכע מיינונג וועגן די ניט מענטשלעכע באַדינגונגען אין דעם ווייסטן־פּאַך און העלפן אויסקעמפן פאַר זיי בעסערע באַדינגונגען און אַ שענער לעבן...

ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען מיר, די יונגוואַרג, וואָס האָט געשטימט פאַרן סטרייק, געזעסן אין די רעסטאָראַנען און געטרונקען אַ טעפּעלע קאַווע... מיר האָבן זיך ניט געקענט באַשליסן צו גיין אַהיים גלייך. מען האָט געשפּירט אַז די צייט איז אונדזערע, און ס׳איז אַ שאָד זי צו פאַרשלאָפן. מיר זיינען יונג און באַהערשט אויך פון ראָמאַנטיק, און מיט חלומות צו טרעפן די אמתע באַשערטע און טראַכטן וועגן תכלית... מען מוז פאַרדינען גענוג. די צייטן ענדערן זיך, מען קען איצט ניט מאַכן קיין אַכט זוימער פאַר אַ פּעני. מ׳איז מער ניט קיין גרינע... אָט מיט די רעיונות איז מען אַוועק אַהיים.

איך בין געווען איינער פון די דעלעגאַטן צו זיין אין גרויסן קלינטאָן האָל. פיר הונדערט אַזעלכע דעלעגאַטן זיינען געקומען אין זאַל. דריי אָדער פיר מענטשן פון אַ פאַבריק. דאָס זיינען געווען די פּני וואָס האָבן דערנאָך געזאָלט זיין די סטרייק־פירערס.

ס׳איז זונטיק נאַכט. מיר זיצן פאַרזאַמלט. דער קלינטאָן האָל איז שטאַרק באַלויכטן, ווייטער זיינען פאַרזאַמלט די זעלבע פירערס. עס ווערט פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג צווישן די פאַרזאַמלטע אַז היינט וועט מען נעמען אַ שבועה ביי די דעלעגאַטן. אַ שבועה אַז זיי וועלן אַרונטערגיין צו דער פּינקטלעכער צייט, ווען די שעה וועט שלאָגן אין סטרייק!

און אָט קומט שוין דער לעצטער רעדנער. ניט קיין אַנדערער ווי געגאָסע פייגענבוים, דער שרייבער פון „פאָרווערטס״, דער פאַרפאַסער פון „כשר און טריף״ וואָס האָט בשעתו פאַראורזאַכט אַ פּלוגתא צווישן די „פאָרווערטס״־לייע־נער אויף דער איסט סייד. פייגענבוים, שוין אַ מענטש אין די פופציקער, דאַרף געבן דעם תמצית פון דער שבועה. ער רעדט מיט האַרץ. זיינע ברייטע גרויע וואָנצעס שפּרייטן זיך ווי זיי וואָלטן געוואָלט באַשיצן זיינע ערנסטע רייד. ער באָמבאַרדירט ממש. גייט אַוועק פון טיש צו רעכטס, און הייבט אויף די האַנט צו לינקס מיט אַ ווענדונג אַז ער רעדט צו זיי, דערנאָך טוט ער דאָס זעלבע צום אַנדערן ווינקל אין דער רעכטער זייט... לויט זיין שפּאַנען הין און צוריק, האָט מען געקראָגן דעם איינדרוק אַז ער טראָגט די גאַנצע אַנגעווייטיקטע סיטואַציע אויף די פּיס און דאָס גיין קומט אים אָן מיט יסורים. ער האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט אין מיטן פון דער פּלאַטפאָרמע, אַ שאַר געטאָן זיינע נאָטיצן און אַרויסגענומען אַ פּאַפּירל, פון וועלכן ער איז גרייט געווען צו לייענען. ער דערקלערט, אַז אָט און מען וועט פאַרענדיקן, אָבער איידער די „פינאַלע״ קומט, וויל ער מען זאָל זיין גרייט צו אַן ערנסטן

מאָמענט. ער וועט לייענען די שבועה, וואָס יעדער סטרייקער דאַרף נעמען אויף זיך.

עס ווערט שטיל. ער וואַרט צו ביז מען וועט קומען צו זיך פון דער פריטשמעליעטקייט און קומען צו זיין ישוב הדעת. ער איז גרייט און בעט אַלע זאָלן זיך צוהערן: ערשטנס — מאָרגן פּונקט צען אַזייגער אין דער פרי זאָל מען פאַרלאָזן די שעפּער און נאָכקומען די אינסטרוקציעס פון די פירערס. אָבער וויסן זאָלט איר אַלע ווי איינער, אַז מיר באַשווערן אייך! זאָגט מיר אַלע נאָך די שבועה — ער רעדט הויך: „זאָלן די הענט אָפּגעדאַרט ווערן פון אַלע די וואָס וועלן נעמען אַ שער אָדער אַ נאָדל אין האַנט, נאָך דער מינוט וואָס דער סטרייק וועט דערקלערט ווערן! זאָלן די פיס געליימט ווערן, וואָס וועלן וואַגן גיין צוריק אין די שעפּער אין צייט פון סטרייק״!

— נעמט איר אָן די שבועה? — האָט פייגענבוים געפרעגט מיט אַ הייזעריק קול.

— יאָ! — האָבן אַלע ווי איינער געענטפערט.

מיט דעם האָט זיך דער מיטינג געשלאָסן.

דעם אָוונט, דאָס בילד פון פייגענבוימען און די שבועה וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן.

אַ נייע עפּאָכע האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אין דעם שניידער פאַך. דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט און מען האָט אַ סך געוואונען. נאַטירלעך, די פרעסע האָט געמאָלדן אַ פולשטענדיקן זיג. אָבער מיר די אַרבעטער, די טרייענגל גרופּע, וואָס איז שוין געווען צעזייט און צעשפּרייט, האָט זיך מיט דעם אַזוי־גערופענעם זיג ניט געקענט באַנוגענען. ווי טרייד־מענטשן געדענקען, בין איך, דער מחבר, אַריינגעדרייט געוואָרן צו ווערן אַ סטרייק־טשערמאַן, דער־וויַיל ביי דער „רילייענס״. איך בין זיך מודה אַז קיין פאַנאַטיקער בין איך קיינמאָל ניט געווען. איך האָב ליב געהאַט אחדות, און האָב זיך מיט קיין קליינינקייטן ניט אָפּגעגעבן. מיר האָבן געהאַט אַ פיינעם יוניאָן־שאָפּ. איינער אַ גענאָסע סטופּניקער, אַ פיינער איד, איז געווען אונדזער שאָפּ־דעלעגאַט. ער פלעגט מיט אונדז קנעלן טרייד יוניאָניזם. ער איז שוין געווען אין די ווייטע מיטעלע יאָרן. אַ שוואַרץ־חנעוודיקער איד, הויך און בנעימות־דיק, געאָטעמט שוואַכלעך. ער האָט פאַמעלעך זיך ספּראַוועט מיט די קליינ־קייטן. מיר האָבן אים קיין סך אַרבעט ניט געגעבן. דער אינסייד שאָפּ־טשערמאַן איז געווען איינער אַ סיגאַל, אַ אוקראַאינער איד, וואָס האָט געוואָלט צופרידנשטעלן אי דעם אַרבעטער, אי דעם בעל־הבית. איך האָב געדאַרפט האָבן השגחה איבער די פרייזן מיט נאָך צוויי אַרבעטער.

סעם האַלפּערן, דער בעל־הבית, האָט טאַקע געטענהט, אַז ער צאָלט העכערע פרייזן ווי „ראָזען בראָדערס״, ווי די „טרייענגל״, אָבער בשעת ער האָט גערעדט מיט מיר, האָט ער געוואוסט, אַז ער טאָר די טרייענגל ניט

דערמאָנען. אין אמתן איז ער געווען גערעכט. ס׳איז באמת קיינער פון די עלטערע אַרבעטער ניט געבליבן רואיק... די אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק און צוריקגעגאַנגען מיטן זיג. אָבער עס האָט דאָן געלויערט מיט עפּעס אַ „שוואַרצער פּאָן". די צייט האָט געהאַלטן אין זיך אַ שרעקלעכע טראַגעדיע און די געשיכטע האָט עס פאַרשריבן מיט בלוט און מיט פייער.

מיר, די אַמאָליקע טרייענגל אַרבעטער, האָבן זיך שוין ווייניק אינטערע־סירט מיט יענעם טאַראַראַם. מיר האָבן געוואוסט, אַז די אַלטע, די אַמאָליקע, זיינען איצט צעזייט און צעשפּרייט. געבליבן זיינען דאָרטן דער וויסטער המון פון אַמאָליקן סקעביזם. אמת, אַרום הונדערט אַלטע זיינען נאָך דאָרטן פאַרבליבן, און ווען די צייט לויפט און די יאָרן רוקן זיך, — ווייל מען פאַרגעסן די שלעכטע פאַרגאַנגענהייט, אָבער אַזאַ זכיה האָבן מיר ניט געהאַט. זאָל שוין אַזאַ צאָרן ניט געשען!

---

דאָס איז געווען אין איינעם אַ שבת, ווען מיר אַרבעטער זיינען נאָך ניט אַרויס פון די פאַבריקן. (מען האָט נאָך דאַן געאַרבעט 56 שעה אַ וואָך.) אונדזער שאָפּ ביי דער „רילייענס" איז געווען אויף דער 26סטער גאַס צווישן בראָדוויי און זעקסטער עוועניו. מיר האָבן דערהערט די פייער „אינזשענס" זיך יאָגן איינס נאָך ס׳אַנדערע ווי אין גאַלאָפּ. דאָס פייפעריי האָט מען געקענט הערן אַ מייל די ווייט: אָן אָן אויפהער איינס נאָך איינס. מיר די אַרבעטער, פלעגן שטענדיק בגנבה אַ לויף טאָן צו די פענצטער, אַ קוק טאָן וואו די שריפה איז...

עס איז נאָך דאַן, מיט אַ האַלבע שעה פריער ניט איינגעפאַלן די טרייענגל־אַרבעטער, אַז אַט אין איין האַלבער שעה אַרום וועט אַ גרויסע שריפה זיי אַרומרינגלען און זיי וועלן זיך ניט קענען ראַטעווען. זיי האָבן זיכער ניט אין זינען געהאַט אַז, די טירן קענען זיין פאַרמאַכט. די מאַשינען האָבן גע־רוישט ווי שטענדיק, נאָך מיט מער אימפּעט. מ׳האָט געוואָלט פאַרטיק מאַכן די גרויסע באַנדלעך צו פאַרענדיקן דעם סכום אַרבעט פון דער וואָך. דער טומל האָט יעדן ווי פאַרטויבט. קיינער האָט ניט געטראַכט אַז אַט קומט אָן די בייזע שעה, וואָס וועט ברענגען מיט זיך אַזאַ שרעקלעך גיהנום, אַז אַזאַ פלאַמיק רויטער האָן שוועבט איבער זייערע לעבנס און טראָגט מיט זיך טויט פאַר זייערע יונגע לעבנס.

יאָ, אַ קללה פון גאָט! דער „רויטער האָן האָט אַ קריי געטאָן!" אַ פלאַם פייער האָט זיך בליץ שנעל אַ שפּרייט געטאָן איבערן ווייסן טוך! — גאָט מיינער! וואוהין האָבן זיי געקאָנט לויפן? אין די העלישע פלאַמען? די קולות גייען עד לב השמים! — ראַטעוועט אונדז! ראַטעוועט! — מען לויפט צו די טירן אָבער זיי עפענען זיך ניט. זייערע געוואַלד־געשרייען העלפן שוין ניט, לויפט מען צו די פענצטער, מען שטופּט זיך אויף צו שפּרינגען, און מען שפּרינגט אָנגעצונדענע, איינגעוויקלט אין פלאַמען, מען שפּרינגט צום טויט:

טאַטעס, מאַמעס, זין און טעכטער, ליגן און ברענען, ווערן פאַרשרפהט און פאַרקוילט.

און מיר פון די אַרומיקע שעפער לויפן ווי ווילדע צום אָרט פון דער שריפה. ווער זאָל זיך עס ריכטן, אַז גראד איצט אין דעם שוידער האָט עס געטראָפן דווקא די טרייענגל אַרבעטער, דאָרטן וואו מיר האָבן ערשט ניט לאַנג אַזוי ביטער געקעמפט.

מיר לויפן ווי פאַרסמטע. מיר האָבן זיך בגוואַלד אַרויסגעריסן פון שאַפּ פאַר דער צייט. מיר קומען נעענטער, אָבער מען קען שוין ניט צוטרעטן צו יענער בילדינג... זי שרפהט נאָך!... די גרויסע מאָטאָרן מיט די וואַסער־שפּריצערס זיינען נאָך צעזייט און צעשפּרייט. די קולות רייסן זיך צו אַלע זיבן הימלען. עס ליגן שוין צענדליקער הרוגים אויפן טראָטואַר. די גוואַלדן און געיאָמערן שוידערן אויף! ווי פאַרשטיינערטע און הילפלאָזע שטייען מיר אין דעם גרויסן געדראַנג. איך זע איצט אַלע פאַרשרפהטע וואָס איך קען, און איך קען ניט העלפן, איך ווער ווי שטום... נייטן ראַנקין רייסט זיך נענטער, ער שלעפּט מיך: — וואָס שטייסטו בעני? דאַ, קום! לאָמיר זען וואָס דאָרטן טוט זיך? . . .

ער שלעפּט מיך ווי אַ קאַלב, אָבער איך בין ווי פאַרלוירן. מען שטעלט אונדז סיי ווי אָפּ, מיר פאַרטיידיקן זיך מיט דעם, וואָס מיר זיינען אויך געוועזענע טרייענגל אַרבעטער, און דאָ קוקן מיר זיך צו, ווי מען טראָגט שוין מענטשן אין מאָרג. די אַמבולאַנסן טרומייטערן אויס די גרויסע געפאַר, פאַליסלייט טרייבן. פון דערוווייטנס זעען מיר הרוגים. מיר זעען ווי מען הויבט אויף מענטשן שוואַרץ ווי קויל, אָן הענט, אָן פיס — מיר לויפן שוין אין מאָרג. אָבער מען לאָזט ניט צו. נעמען מיר די קאַנקע און פאָרן צוריק.

אָבער מיינע ליבער לייענער, זייט מוחל, וואָס איך מוז דאָ מאַכן אַ הפסקה. איך האָב פשוט ניט די כוחות צו שילדערן די שוידערלעכע טראַגעדיע אָן קיין שום איבעררייס. עס וועט זיין גענוג צו זאָגן אַז מיר האָבן זיך געמוזט צוריק אומקערן אַהיים, כדי צו קומען אַביסל צו זיך. אָבער ווער האָט דאַן געקענט רוען, אָדער שלאָפן? — די נאַכט איז געווען ווי אַ יאָר. מיין משפחה האָט באַגליך מיט מיר איבערגעלעבט די טראַגעדיע. טעלעפאָנען האָבן געקלונגען. די איסט סייד איז געווען וואַך ביז האַרלעם... שטראָמען מענטשן האָבן זיך געצויגן און געיאָגט צום גרויסן אומגליק. ביז באַגינען האָט די שרפה נאָך אַלץ געטליעט. און מיר זיינען ווידער אַוועק אין מאָרג.

מיר שטייען צעטומלטע, דערשראָקענע און קוקן אויף די שערענגענווייז אויסגעלייגטע מענטשן: ליגן איינס נאָך איינס, פאַרקוילטע, פאַרשרפהטע, צו־געדעקט, מען קען בלויז זען די קעפּ: צעמזיקטע, צעברענטע...

אָט ליגן אַ מוטער און אַ זון, זי איז געווען מיינע אַ לאַנדספרוי: יהודית, אַ רופאס אַ טאָכטער: יהודית בער רופאס. ווען זי איז געבליבן אַן אלמנה איז

זי מיט איר פּופּצן יאָריקן זון אַוועק קיין אַמעריקע. זי איז געווען אַ בת יחידה, אַ שיין געשטאַלט, אַ קלוגע. און לאַנדסלייט האָבן זי גערן אַרויפגענומען צו דער טרייענגל. און אַט ליגט זי: אירע האָר אָפּגעסמאַליעט, אָבער דאָס פּנים גאַנץ, — געל ווי וואַקס. זי ליגט פאַרגליווערט, און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז ווען זי ווייסט אַז איך שטיי דאָ לעבן איר מיט אַ צעבראָכן געמיט און פאַרטרערטע אויגן, וואָלט זי אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן ריידן: „קוק מיך אָן, בערעלע, זע וואָס פון יהודיתן איז געוואָרן! זע וואָס איז געוואָרן פון מיין קינד, מיין בן יחיד...

ער, דער בן יחיד אירער ליגט מיט פיר קרבנות פאַר איר מיט איין האַנט. ווער ווייסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים? — אפשר האָט ער געוואָלט מיט דער האַנט רייסן אַ טיר צי אַ פענצטער, צו ראַטעווען זיין מאַמען? ווער ווייסט? — איך קוק אויף זיין אינגלישן פּנים וואָס איז געבליבן גאַנץ, אָבער פאַרגעלט און שרעקלעך צעשראָקן.

אַט ליגט סעמי לעווין, דער בלאָנדער, אַ טייער בחורל. ער פלעגט אָפּט לייענען אַ בוך. אַ תמימותדיקער יונג. אַט דאָ ליגט דינה די שוואַרצע, סעם זילבערשטיינס אַמאָליקע אַרויסהעלפערין, מיט איר שוואַרץ פאַרטוכל אַרומ־געקנעפּלט. זי האָט אַפילו ניט באַוויזן דעם פאַרטוך אויסטאָן. זי איז אין איין זייט איינגאַנצן פאַרקוילט, אָבער איר רעכטע זייט איז נאָך צו דערקענען. עס איז געבליבן סמנים פון פליש און בלוט.

די אַנדערע ווייסן מיר ניט ווער זיי זיינען? מען זאָגט אונדז, אַז דאָ ליגט מערי די בוכהאַלטערין ערגעץ אַ פאַרקוילטע, אַז העריסעס שוועסטער (דעם הויפּט בעל־הביתס) איז אויך צווישן די נשרפים. עס ליגט האַלבע קערפּערס און הורבעס צוגעדעקטע, וואָס מען קען אַפילו ניט דערקענען קיין מענטשלעכן אויסזען. מען רעכנט און מען רעכנט: איינס נאָך איינס, מיר ווילן זיך דערוויסן ווער נאָך איז פון די מענטשן וואָס מיר קענען? וואָס נאָך קענען מיר לעבעדיקע טאָן פאַר אונדזערע טויטע ברידער אַרבעטער? — לויפן מיר ווידער צו צו דער לאַנגער שרעקנגע הרוגים. אָבער איך דערפיל אַ שוואַכקייט אין יעדן אבר, ווי אַט, אַט און איך חלש אַוועק. האָב איך מיט די לעצטע כוחות אָנגעהויבן יעדן בעטן: — קומט שוין אַרויס, גענוג! איך קען ניט מער! — — —

ווען איך בין אַרויס פון דאָרט האָב איך קוים געקענט גיין אויף מיינע פיס. איך האָב ניט געשפּירט מיינע אייגענע אברים, און דאָס האַרץ האָט זיך ביי מיר עפּעס ווי אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך געזעגנט. איך בין אַוועק צו מיין טאַנטע חיה, אין איר היים אויף אַטורני סטריט. דאָרט ביי דער טאַנטע די צנועה, האָב איך געהאָפט צו געפינען אַ ביסל רו — אפשר אַ וואָרט פון טרייסט פאַר דעם גרויסן צער און אומגליק. אָבער אויך מיין ליבע טאַנטע חיה האָט קיין טרייסט ניט געפונען, ווי אַ גאָטספאָרכטיקע פרוי און מאַמע, האָט זי אויך געוויינט אויף דעם גרויסן אומגליק וואָס האָט זיך געטראָפן און

צעבראָכן אַזוי פיל פאַמיליעס, מאַמעס און טאַטעס, און קינדער פאַריתומט און די געוואַלדן האָבן לאַנג, לאַנג געקלונגען אין מיינע אויערן.

צו די לוויות בין איך ניט געגאַנגען. די וועלכע מען האָט ניט געקענט דערקענען האָט מען מקבר געווען אין אַ ברודער־קבר, מיר דוכט זיך אויפן אַרבעטער־רינג בית־עולם...

און אַזוי אַ, רבותי, מיינע טייערע לייענער, האָט זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די גרעסטע טראַגעדיעס. 147 קרבנות זיינען פאַרטיליקט געוואָרן אַזוי גרויזאַם, אַזוי ברוטאַל. און די ערד האָט זיך געעפנט און זיי אַלעמען אַריינגענומען צו זיך — אַלט און יונג, פאַרברענטע, פאַרקוילטע און אין אַש פאַרוואַנדלטע האָבן זיי זיך צוריקגעקערט צו דער ערד — — —

און מיר די פאַרבליבענע, אַלטע טרייענגל בעלי־מלאכות, זיינען געבליבן מיטן ווייטיק אין האַרצן. מיט זכרונות ביזן טויט אַריין, וואָס יעדער מינדסטע דערמאָנונג פון יענער צייט ריעט אויף אַ וואונד וואָס איז איינגעקריצט מיט בלוט און פייער אין דעם אייגענעם געמיט, אין דעם אייגענעם לייב און לעבן.

אַוודאי דאַנק איך השי״ת וואָס ער האָט מיך פון דאָרט אַרויסגענומען פאַר יענער צייט און מיך געמאַכט מיט מענטשן גלייך...

מיין ווייטערדיקער גאַנג איז ניט געווען קיין גרינגער: מיין געמיט האָט געדורשט נאָך וויסן און לערנען, דאָס פּראַקטישע אין לעבן האָט געפאָדערט אירס: פּראַצע און שווערע האָרעוואַניע. נאָך יאָרן פון געראַנגל האָב איך ענדלעך געפונען אַ וועג פאַר זיך און צו זיך: דער וועג צו זיך איז פאַר מיר, דאָס טוליען זיך צו דער פּען. איך האָב שוין ביז איצט ברוך השם אָנגעשריבן היבשע עטלעכע ביכער, אַ נאָוועליסט געוואָרן... מיין טרייסט און נחת זיינען אויך מיינע טייערע צוויי קינדער, וואָס זיינען דערצויגן ווי מען זאָגט צו גאָט און צו לייט... איצט אָבער, ווען איך פאַרענדיק די זכרונות וועגן טרייענגל, בין איך זיך מודה, אַז מיין שטאַרקע „שוואַכקייט“ צו דער פּען האָט מיר דאָ ניט אַלע מאָל געדינט: נאָך אַלץ, אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, קען איך נאָך צו דעם ענין טרייענגל ניט זיין אָביעקטיוו, נאָר איך האָב כסדר געפירט מיין פּען מיט אַ ציטערדיקע האַנט און אַ צעבראָכן געמיט. עס האָט מיר ניט איינמאָל באַנג געטאָן וואָס איך האָב אָנגענומען דער ייוואָס אָנבאָט צו שרייבן מיינע מעמוּאַרן פון אָט יענער גרויזאַמער טראַגעדיע. . . . אָבער אַ דאַנק השי״ת וואָס ער האָט מיר געגעבן כוח דורכצופירן מיין מיסיע. אמת בקיצור, ווייל עס האָט ניט קיין שיעור און קיין ערך ווי ווייט איך וואָלט געדאַרפט גיין באריכות...

זאָלן אָבער די לייענער וויסן, אַז נאָך יענער טראַגעדיע האָב איך ממש פאַר אַ האַלב יאָר ניט געקענט עסן, ניט טועם טעם געווען פון גאָרניט, ניט געווען די נאַכט, דער טאָג, די שעה אַז דאָס בילד זאָל פאַרשווינדן פון מיינע אויגן. און עד היום זע איך זיי, נאָך אַלץ פאַרפאָלגט עס מיר, אָט יענע אומ־

שולדיק צום טויט פאַרמשפּטע יונגע, ליבע מענטשן. זאָל שוין דאָס זיין מיין אָפּקומעניש.

* * *

אגב וויל איך ניט אַריינגיין אין פּרטים וועגן דעם משפּט (די טרייעל) אין געריכט קעגן די טרייענגל בעלי־בתים. איך בין זיכער, אַז ס'זיינען דאָ אין די געריכט־אַרכיוון די רעקאָרדס פון דעם „טרייענגל טרייעל“ פּינקטלעך און אויספירלעך פאַרצייכנט ווי אַזוי מאַקס סטויער, דער אַדוואָקאַט, האָט זיי פאַרטיידיקט און „באַוויזן“ אַז די טירן זיינען ניט געווען צוגעמאַכט.

מען ווייסט אויך, אַז הגם די בעלי־בתים זיינען דערנאָך באַפרייט געוואָרן, און אַפילו פאַרגיטיקט אייניקע עלטערן פריוואַט, פאַר זייערע קרבנות, אָבער ס'איז אַ פאַקט, אַז ביידע בעלי־בתים זיינען, נאָך דעם ווי זיי האָבן באַקומען גרויסע אינשורענס, ועל כולם, — ממש (רואינירט) געוואָרן פיזיש און גייסטיק... אמת, זיי האָבן נאָך פאַר עטלעכע יאָר געדרודעוועט: העריס האָט אַפילו שפּעטער געפירט אַ געשעפט ביי יענעם. (איך וויל דאָ ניט אַריינגיין אין קיין דעטאַלן ווייל דאָס איז אויסער די ראַמען פון מיין אויפגאַבע.)

בלאַנק האָט זיך געעפנט אַ פּאָר סטאָרקעלעך און געמאַכט אַ לעבן.

אָבער מיט זיי האָט זיך פאַרחתמעט אַ פּעריאָדע וואָס וועט אייביק ניט פאַרגעסן ווערן. אַ פּעריאָדע וואָס וועט זיין גאָר וויכטיק פאַרן גרויסן היסטאָריקער אין שפּעטערדיקע יאָרן. אַ פּעריאָדע אין וועלכער איך בערל בוים נעם אַ שטיקל אָנטייל און קען באמת זאָגן אַז, „אני הגבר“!...

„...איך בין דער מענטש וואָס האָט צוגעזען אָט דעם פּיין פון דער רוט פון זיין צאָרן!“ — די פייערדיקע רוט...

# III

# אונטערן פרייען הימל — מיין צווייטע היים

# איר גרויסער יחוס

זי איז שוין געווען ווייט אין די מיטעלע יאָרן, איר געדיכטער, שוין גרויער קאָפּ האָר האָט עדות געזאָגט, אַז זי איז ניט פון די סאָרט אלמנות, וואָס קענען פאַרלייקענען די יאָרן... שוין ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט איר זיך געמוזט דערוויסן, אַז זי איז ניט אַבי ווער; אַז זי שטאַמט שיר פון די „למד וואָוון", זי איז אַפילו געווען גרייט צו נעמען די ווענט פאַר עדות, אַז זי האָט ב"ה אַ ברודער אַ רב — איר אַלטערקע, וואָס מיט זיך פאַר איר און שרייבט איר בריוו וואָס זיינען ניט סתם בריוו, נאָר די גאָטהייט אַליין; קיינער קען זיין בריוו ניט לייענען, אַ חוץ דער שמש פון די אנשי ספרד, וואָס איז געווען דער הויפּט־גבאי ביים הוסיאַטער רבין... זי היט די כתבים זיינע ווי איר גרויסן אוצר... אירע אויגן האָבן זיך ווי האַלב־פאַרמאַכט בעת זי האָט זיי געצויגן אַרויף צום הימל, ווי אַ צנועה, וואָס איז כולה זכאית, און אַפילו דער הימל איז איר עדות!...

אַזוי האָט זי מיט שטילע רייד, אַ פאַרגלאַנצטע, אַ בלאַסע און קאָסאָקע אויגן אָנגעהויבן צו דערציילן איר געשיכטע.

גראָד בין איך, דער בעל דבר, אַריינגעפאַלן אין אירע דריי פינצטערע חדרים אויפן צווייטן שטאָק אין דער קאָכיקער איסט־סייד, אין 94 קלינטאָן סטריט. אַ פּאָר הייזער אַוועק פון דעם אַמאָליקן „אגידס מיוזיק האָל", דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען גרשם באַדער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, און זיינע דראַמעס זיינען דעמאָלט אויפגעפירט געוואָרן אין „אגידס מיוזיק האָל". דאָרט, אין יענער גאַס, פלעגט זיך אַריינדרייען די קלינטאָן סטריט־קאַר פון דעם נייעם וויליאַמסבורג בריק, און אַוועקגעפירט די ברוקלינער פּאַסאַזשירן אין דער פערצנטער גאַס. לעבן דער הויז וואו די אלמנה, מיסעס סילווערשטיין, האָט געוואוינט איז געווען דער אַלטער קלינטאָן האָל, וואו די לאַנדסמאַנשאַפטן פלעגן האָבן זייערע מיטינג־לאָקאַלן, און אויך אַלגעמיינע אידישע פאַרזאַמלונגען, טרייד־יוניאָנס און יערלעכע בעלער. דער טומל און די שפּילעריי פון פאַרשיידענע אָרקעסטערס פלעגט ממש פאַרטויבן די איינוואוינער פוןביידע זייטן. לינקס, דער האָל; רעכטס, אַגידס מיוזיק האָל. פאַר די ערשטע אימיגראַנטן איז אָבער די קלינטאָן גאַס, צווישן דילענסי און ריווינגטאָן, געווען ווי אַ „זבאָרנע"־פּונקט, הגם איסט־בראָדוויי איז געווען דער געקאָך פון אידן בכלל. ראשית, דער סואַרד פּאַרק; שנית — דער „פאָרווערטס", „וואַרהייט", „טאַגעבלאַט", צוזאַמען מיטן „מאָרגן זשורנאַל" האָבן געצויגן די היימישע אידן אַהין, כדי וואָס גיכער

זיך דערוויסן וואָס עס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט. אַ אידישע צייטונג איז דעמאָלט געווען די גייסטיקע שפּייז פון דעם אימיגראַנט. די „עדיוקיי־שאַנעל עלייענס" האָט געבליט. די לעקציעס פון ש. יאַנאָווסקי, עמאַ גאָלד־מאַן, זאַמעטקין, דר. זשיטלאָווסקי, קאַטץ, מאָריס ראָזענפעלד מיט זיינע סימפּאָזיומס און פאַרלעזונגען און אַב. קאַהאַנס און לואי מילערס מחלוקות איבער יעקב גאָרדינס דראַמען, האָבן אָפּגעשפּיגלט יענע עפּאָכע. מ'איז געווען אָרעם און מ'האָט געשוויצט אין די פאַבריקן 60 שעה אַ וואָך, איז מען אָבער געווען ווי אַריינגעקנוילט אין אַ ניי שפּראָצנדיק לעבן, וואָס האָט געזאָלט פאַרווירקלעכן אי נאַציאָנאַלע חלומות אי פּיזיש אַריינזאַפּן אין זיך די אַלע פאַרחלומטע אימיגראַנטן, וואָס האָבן געשטרעבט פאַר אַ בעסער לעבן. גראָד איז אָט יענע גאַס, קלינטאָן סטריט, געווען ווי אַ רעכטער פּליגל צו איסט בראָדוויי. אַ צונויפשמעלץ פון כל היהודים, פון כל המקומות און כל הלשונות, מיט יחוס עצמו, און יחוס המטבע...

אַזוי אַ, אינם שטראָם צווישן די אָרעמע, איז מיין ווייניקייט געווען באַשערט אַריינצופאַלן אַלס קוואַרטיראַנט ביי אָט־דער מיסעס סילווער־שטיין. אַ אינגל פון 16 יאָר — האָב איך שוין דעמאָלט געשוויצט און גע־נייט לאָנדזשעריע בלוזקעס ביי דער „טרייענגל וויסט קאָמפּאַני" וועגן וועלכער דער מחבר האָט אין דעם בוך שוין געשריבן באריכות. ווער האָט דאָס גאָר געקענט טראַכטן אין 1907, אַז דאָס וועט זיין דער גורל פון אַלע וואָס האָבן מיט מיר געשוויצט און געקעמפט פאַר אַ בעסער לעבן...

אין יענער צייט האָט עס מיך געצויגן צו לעקציעס, צו פאַרזאַמלונגען, און אָפט טאַקע אין דעם „אַגידס מיוזיקל האָל". ווי יעדער אינגל אין דער פּריסטער יוגנט, האָב איך עפּעס געזוכט. אָבער קיין איבעריק געלט צו גיין זען אַדלערן און קעסלערן, האָב איך ניט געהאַט. איז אַגידס מיוזיק האָל, פּיפּלס מיוזיק האָל, און מאַקס געבלס דריטע סטריט מיוזיק האָל, געווען מיין פאַרווייליגגס־אָרט, מיין לעבנס־געניס... איז פאַרוואָס טאַקע ניט וואוינען אין יענעם געגנט, וואו בלויז איין שפּאַן און איך בין דאָ אין אָט די פּלעצער פון „תורה און סחורה און מעשים טובים"?...

האָב איך גראָד דערזען אין אַ שיינעם טאָג אַ „רום טולעט" מיט „באָרד". אויף גיך בין איך אַרויף אויפן צווייטן שטאָק. די טרעפּ — לאַנג און שמאָל, דער האָל — שטאָק פינצטער. יאָ — טיר נומער 9. איך קלאַפּ אָן און דער־הער אַ הינטל האַווקען. אַ פרויען־שטימע שטילט איין ס'הינטל. זי רעדט צו אים מאַמע־לשון: — „שאַ, פּרינצעלע, ס'ט אויפוועקן ס'קינד, מער פעלט מיר נישט..." עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז ס'קינד איז געווען שוין אַ בחור פון 21 יאָר, אירער אַן אַדאָפּטירטער זון, וואָס האָט ביינאַכט געאַרבעט אויף אַ וואָגן און צעפירט צייטונגען. אַ יונג מיט ביינער, הויך און דאַר, שוואַרץ ווי אַן אַראַבער, מיט פינקלדיקע אויגן און צעשויבער־טע האָר. זי האָט געעפנט די טיר, און געענטפערט, אַז יאָ, זי האָט אַ

צימער, אָבער זי בעט איך זאָל רעדן שטיל, ווייל איר זון שלאָפט, איר בן־יחיד, וואָס איז איר אײנציקער שפּײזער. „הכלל, קומט אַרײן, און גיט אַ קוק. אָט־דאָ־אָ קענט איר האָבן די לאָזשי, אָט אויף דעם בעטל, ביי אָט דער וואַנט, איז ביי מיר אײנגעשטאַנען אָט יענער און יענער שרייבער, — דער דראַמאַטורג און סופליאָר, וואָס שרייבט, אגב, די אײנאַקטערס פֿאַר די מיוזיק האָלס. דאָ האָט ער, ביי יענעם טישל, געשריבן און געלייענט פֿאַר מיר די בעסטע ווערק זיינע...״ זי האָט טאַקע קיין ליגן ניט געזאָגט. עס איז געווען אַן אמת, אַז אָט יענער שרייבער האָט קיין עשירות ניט אָנגעזאַמלט מיט זיינע קונסט־ווערק. ער האָט, אין דער פּינצטערניש, אַ שיינע פּאָר יאָר, דאָרט ביי דער אלמנה, מיסעס זילבערשטיין, געגעסן אירע געשמאַקע מאכלים, געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, בעת איר בן־יחיד איז געשלאָפן און געוויס זיך אָנגעהערט גענוג, פון איר — דער אלמנהס, — געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן איבערחזרן.

בימים ההם, ווען איך, איר נייער קוואַרטיראַנט, דער יונגער „בענעלע״, ווי זי פלעגט מיך פאָרשטעלן פאַר אירע שכנים, און זיי אײנרוימען אַ סוד, אַז גאָט אַליין האָט מיך צו איר צוגעשיקט. צו באָרדערס, האָט זי ב״ה אַ גרויס מזל, און אַוודאי איז עס איר ברודער אַלטערקעס זכות, וואָס איז דער מורא הוראה אין יענעם שטעטל, אין דער ליטע, וואו ער איז אַ שם דבר...

נאָר ס׳מזל אירס איז איר פאַרשטערט געוואָרן וואָס איך האָב דאָרט אויף יענעם בעטל, אין יענער פינצטערניש, צווישן אירע קעץ און דאָס ראַבע הינטל „פּרינצעלע״, און ס׳גיין אויף די שפּיץ פינגער, לענגער ניט געוואָלט דאָרטן זיין... אָבער זי האָט מיך אינגאַנצן ניט אָפּגעלאָזן, זי האָט מיך ממש ווי געוואָלט אַדאָפּטירן. זי וועט מיך ניט לאָזן עסן אין די טריפה רעסטאָראַנען. זי איז גרייט מיך צו קעכלען, געבן סאַפּערס טאָג־טעגלעך, זי איז ניט אויסן ס׳פאַרדינסט, — אומשטיינס געזאָגט, — איך בין אין איר שיר ווי אײנגעבאַקן אין האַרצן. זי באַשולדיקט מיך ניט וואָס איך האָב געדונגען אַ צימער פאַר זיך, ביי אָט יענעם פּאַרפּאַלק אין סאָפּאָלק סטריט. זי לייקנט ניט, אַז פאַר די דריי דאָלאַר וואָס איך צאָל דאָרטן, איז עס פונקט פאַר מיר. אָבער זי איז מיר מגלה סוד, אַז אָט יענע פּאָרפּאָלק איז געווען ביי איר חוקר ודורש צו זיין, וואָס פאַר אַ סאָרט בחורל איך בין עס... אויב מען מעג מיר געטרויען אַ שטוב, און פאַרוואָס איך ציי זיך פון איר אַרויס? און וואָס איך האָב זיי געזאָגט? — איך האָב זיי דערציילט דעם גאַנצן אמת, אָבער זיי זאָלן וויסן, אַז עסן סאַפּערס מוז איך ביי איר. דאָס איז גאָר קיין פראַגע ניט, זי וועט מיך ניט אָפּלאָזן, ניין, בשום אופן ניט!...

איך בין געבענטשט געוואָרן מיט צוויי קוואַרטירן, צוויי היימען. יענע, אַ קינדערלאָז פּאָרפּאָלק. ער, איר מאַן, מאַקס בערנשטיין, איז אַ פּרעסער

ביי ני־פענס. אַרבעט אַ האַלבע וואָך אָוועךטאָים, און מאַכט ב״ה אַ לעבן, אָבער ס׳איז ניט גענוג צו באַצאָלן פערצן דאָלאַר אַ חודש דירה־געלט. חוץ דעם, איז זיי היימלעכער, און זיי גיבן אָוועק די „פראָנט־רום״ פאַר אַ שיבוש, אַבי נאָך אַ מענטש... ובפרט אַזאַ פיין אינגל, וואָס זיצט און לייענט און שרייבט און חלומט.

איז אָט אַזוי אַ, פון יונגוויז אויף, בין איך עס געווען דער בר־מזל און באַלד נאָך דער אַרבעט בין איך אַוועק צו דער מיסעס סילווערמאַן עסן נאַכטמאָל. ס׳איז געווען פונקט ווען איר בן־יחיד איז אויפגעשטאַנען און זיך גענומען אָנטאָן. ער איז געווען אַ מאָדנער טיפּ אַמעריקאַנער בחור. געווען גראָד אַ גוטער יונג, אָבער ער האָט פיינט געהאַט „רעדיקאַלס״. אַלע וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין לעקציעס „נעקסט דאָר״, אין קלינטאָן האָל, זיינען ניט די „ריעל אַמעריקענס״... ער איז, אגב, אַ יוניאָן־מאַן, האָט שוין „פּריאָריטי״ אַלס „טראָק־דרייווער״, אָבער זיין „ניוספּייפּער־יוניאָן״ איז ניט דאָס אייגענע וואָס די אידישע יוניאָנס. זיי, די אידן, הייסט עס, וועלן קיינמאָל ניט האָבן אַזאַ יוניאָן ווי ביי זיי — די „ניוס־דיסטריביוטערס״...

ער פלעגט ליב האָבן צו רעדן און זוכן חטאים אויף די אימיגראַנטן וואָס זיינען ניט צופרידן מיט זייער דאָליע. „איך האָס אַזעלכע״, — פלעגט ער אַ שפּיי טאָן אין סינק בעת ער האָט זיך געווישט מיטן האַנטוך נאָך אַ קאַלטן טוש. ער פלעגט לאָזן דעם קראַן לויפן האַסטיק איבער זיין געדיכטן שוואַרצן קאָפּ האָר, און דערנאָך מיטן האַנטוך זיך גוט אַרומווישן. דאָס איז געזונט, און ער האָט זיך שטענדיק געוואָלט ווערטן, אַז ער וועט קיינמאָל זיינע האָר ניט פאַרלירן, ער איז מיט זיינע אַלע רמ״ח אברים אַ „נעטשוראַל״, ער קען דערלאַנגען קלעפּ אויך, אַז מען פאַרדינט זיך. ער נעמט ניט קיין „בלאָפס״... ער האַלט פון דעם כלל, אַז מען דאַרף זיך „באַהייזון״ וואו מען איז!... ווען ער וואָלט ניט געדאַרפט אַנטלויפן צו דער אַרבעט, וואָלט ער געקענט אַזוי אָוועקרעדן אַ שטונדע און אַגיטירן זיין שטאַנדפּונקט. אַ גליק וואָס זי, די מאַמע, פלעגט אים איבערשלאָגן און בעטן מיט תחנונים ער זאָל שוין אַנטלויפן גיך, עס איז שפּעט!...

זי האָט דאַן געכאַפּט פון אים אַ פּסק. ער פלעגט זיך פאַרלירן, און זי מכבד געווען מיט זיין מענה־לשון, פאַרוואָס זי מוטשעט אים, פאַרוואָס ער דאַרף זיין איר שפּיזער, פאַרוואָס ער מוז זיך אַרומוואַלגערן אויפן וואָגן אין די פינצטערע קאַלטע נעכט און זיין צו איר צוגעבונדן. — „שי טאָרטשורס מי דעי ענד נאַיט, דהאַט״... ס׳איבעריקע מעג זיך דער לייענער אַליין משער זיין...

פאַר מיר זיינען אָט אַזעלכע רייד פון אַן אייגן קינד געווען פריקרע. איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוינס איז גאָר מעגלעך? זי איז דאָך געווען צו אים אַזוי גוט, אַזוי געטריי... ביז אין איינעם אַ טאָג האָט ער שיעור ניט געהרגעט איינעם פון אירע קעץ מיט זיין גאַרטל פון כעס, וואָס זי כאָוועט זיי אָן אַ שיר.

— יאָר־איין, יאָר־אויס, פּלאָדיעט זי זיי אָן, און וויל זיך מיט זיי ניט צעשיידן, יעדע קאַץ איז איר אוצר, פּיר, פינף, זעקס. זי האָדעוועט זיי, לערנט זיי ווי זיך מכין זיין אין „סינק״, און נאָך דעם וואַשט זי דאָרט די טעפּ. זיי עסן ביי איר פון דער אייגענער שיסל, כאָטש זי שווערט ביי גאָט, אַז זי האָט פאַר זיי באַזונדערע כלים... אגב, בעט זי זיך ביי מיר, איר בענעלע, מיט טרערן אין די אויגן, איך זאָל איר זאָגן, איך בין דאָך אַ קלוג אינגל פון חשובע טאַטע־מאַמע, צי וויס איך נישט וואָס עס מיינט אַ צער בעלי חיים? און וואָס איז אים נעבעך „מעכעלע״ שולדיק וואָס ער האָט אויסגעלאָזן צו איר זיין כעס!

„מעכעלע״ איז געווען די קאַץ, די פאַרגליווערטע, וואָס איז נעבעך, אַ דאַנקט גאָט, אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון זיינע הענט, פון איר זונס, וואָס זי וויסט שוין אַליין ניט וואָס אים דערפאַר צו ווינטשן. און דאַן, ווען דער זון איז אַוועק און געגעבן אַ זעץ מיט דער טיר, האָט זיך פון איר אַרויסגע־ריסן אַ ביטערער געוויין, ווי זי וואָלט באמת באַוויינט אירע יאָרן און טעג. זי האָט שוין דערפילט אַז מער קען זי דעם ביטערן סוד פאַר מיר ניט האַלטן...

— איך בין מיר אַליין שולדיק — האָט זי אָנגעהויבן אַרויסכליפּען איר יאָמערלעך לעבן, זיך ווענדענדיק צו מיר, מיט אַ פראַגע, איך זאָל איר זאָגן צי עס קומט איר אַזאַ באַהאַנדלונג פון אַן אייגן קינד, פאַרוואָס? פאַרוועןן? וואָס האָט אים ס׳קעצעלע געטאָן? פאַרוואָס קומט איר אַזוי צו קאַטעווען? ס׳איז דאָך ניט מער ווי אַ חיה. איך האַלט זיי דען אין שטוב פון נעכטן? ער האָט זיי דאָך אַליין ליב. ער האָדעוועט זיי אַ סך מאָל פונקט ווי איך, שפּילט זיך מיט זיי, און מיטאַמאָל ווערט ער משוגע, לאָזט אויס צו מיר זיין ביטער האַרץ, אַקוראַט ווי איך וואָלט שולדיק געווען אַז ער איז געבליבן אַ יתום..

— יאָ, בענעלע, דו מעגסט עס הערן. דו ביסט דאָך אַ טאַטנס אַ קינד. דו זעסט אים, ווי גרויס ער איז? אַיאָ? קיין עין הרע נישט, אַ פאַרשוין, און איז גראָד אַ וואויל קינד. ווען ער איז גוט, בין איך ביי אים די מאַמע. ער וועט גיין אין פייער אַריין פאַר מיר. ער לאָזט אויף מיר קיין שטויב ניט פאַלן. און אָט פּלוצים, שיר אַ מערדער, חס ושלום. און ווען דו ביסט נישטאָ, וואַרפט ער מיר, מי יודע, אַ טעלער אין קאָפּ, און אויב ניט מיר, צעברעכט ער די כלים, אָדער לאָזט אויס דאָס האַרץ צו די עטלעכע קעצע־לעך. ער מערדערט זיי ממש, ער וויל זיי דאָ ניט האָבן, ער וויל עס זאָל זיין ריין אין שטוב. וואָס־זשע, ס׳איז, חס ושלום, ביי מיר ניט ריין? — פרעגט זי מיט אַ וויינענדיקן קרעכץ. איך האָב אים דערצויגן ווי אַן אייגן קינד, אים אַרויסגענומען פון טאַטע־מאַמע וואָס האָבן אים גערן אָפּגעגעבן. מ׳האָט מיר געצאָלט צען דאָלאַר אַ חודש. דו הערסט, בעני, צען טאָלער אַ חודש. ער איז שוין געווען זיבן יאָר אַלט. ער האָט געהאַט נאָך צוויי שוועסטערלעך.

פון יענע איז אויך געוואָרן אַ תכלית. זאָלסט מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד. דאָס זיינען געווען עלטערן וואָס האָבן געלעבט אַ הינטיש לעבן. זיי האָבן קיין קינדער ניט געטאָרט האָבן. ער, דער פאָטער זיינער, איז געווען אַ הונט מיט אויערן. שטענדיק אַרומגעפאָרן און געהאַט קינדער טיף אין דער ערד! ער פלעגט קומען מיט זיינע „סעטשעלס" פון „ראָוד" און, ווי אַלע פאַלשע סיילסלייט, איבערגעלאָזן עטלעכע דאָלער אין שטוב, און ווייטער אַנטלאָפן. זי, די מאַמע זיינע, זאָל זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, איז פאַר צער, נעבעך, געשטאָרבן אין אַ סאַנאַטאָריום. די קינדער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט ביי איר משפחה, פוסט און פאַס, ביז ער, דער טאַטע זייערער, איז געקומען צו מיר. ער, דער תכשיט, איז געווען משה לייבס אַ זון. דער אַלטער פאָטער זיינער איז געווען אַ באַרשטן־מאַכער אין דער היים. אַ פּראָסטער מענטש, אָבער אַן ערלעכער. איך האָב אים גוט געקענט, און ווען איך בין אַוועקגעפאָרן אַהער מיט מיין גאָטזעליקן טאַטן ע"ה — האָט מיר מיין ברודער אַלטערקע, דער איצטיקער רב, געשריבן, אַז משה־לייבס אַ זון געפינט זיך דאָ אין ניו־יאָרק און זיינע קינדער זיינען דאָ געבליבן אויף הפקר. איז בכן, פייגע, טייערע, שוועסטער לעבן, אפשר קענסטו זיי אויפזוכן? דער אַלטער משה־לייב וויינט און קלאָגט, און טענהט, אַז איך בין אַ רב, איך זאָל עפּעס זען טאָן. זי, די שנור זיינע, איז, ניט דאָ געדאַכט, געווען אין אַ שפּיטאָל אַ גייסטיק־קראַנקע. נו, וואָס זאָל איך געווען טאָן? ווי הערט מען זיך ניט צו צו אַזאַ ברודער, אַזאַ רב ווי מיין אַלטערקע? בין איך אַוועק אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס מיט מיין מאַן. מיר קומען אַריין צו די פרעמדע מענטשן, מיר ווייזן זיי דעם בריוו און זיי קוקן אונדז אָן. — ווער האָט אייך אַזוינס דערציילט? — בייזערט זיך אויף אונדז די פרוי, און דערלאַנגט אונדז אַ גאַב, ווי מיר וואָלטן געקומען די פרעמדע קינדער ביי איר צונעמען. עס שטייט איר מאַן לעבן אונדז, אַנטשולדיקט ער זיך וואָס זיין פרוי בייזערט זיך.

— איר זאָלט איר ניט „בליימען" — טענהט ער — זי איז „נוירוועס", זי האָט איר פּעקל, און...

— הכלל, וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברייען? מיר זיינען קוים אַהיים געקומען. — „דו האָסט נאָר רחמנות אויף יענעם — האָט ער, מיין מאַן, זיך געקאָכט. — נאָר יענער, און יענער, און מיך שלעפּסטו צו אַלדע שוואַרץ יאָר, אַקוראַט ווי איך וואָלט שולדיק געווען וואָס דו האָסט קיין קינדער נישט..."

— יאָ, מיין ליב קינד, איך בין געשטראָפט געווען, — האָט זי אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך אַרומגעווישט די אויגן — איך וואָלט דיך ניט געדאַרפט מאַטערן, זאָלסט אויסהערן מיינע צרות און מיין געמוטשעט לעבן. דו ביסט נאָך גאָר אַ יונג קינד, וואָס קענסטו מיר דען העלפן, און ווער קען מיר דען העלפן? אין מיינע צרות, אַז איך האָב אים אַוועקגענומען פון דאָרטן קעגן מיין מאַנס ווילן, און אַלץ איז גראָד געווען וואויל און פיין.

ס׳קינד איז געגאַנגען אין סקול, ס׳האָט געלערנט מיט אונדזער נאָמען, — ווי מיר, די אמתע סילווערשטיינס, זיינען זיינע טאַטע־מאַמע. נו, ווערט מיין גאָטזעליקער מאַן קראַנק, פאַרקילט זיך, און אָט ווי דו זעסט, בענעלע, בין איך שוין אַן אלמנה פופצן יאָר. איך האָב זיך מיט אים גענוג געמוטשעט. פלעג אים טאַסקען אין סקול צו עסיק סטריט אין שניייען און אין בלאָטעס, געוויינט און געקלאָגט אויף מיינע יונגע יאָרן. עס האָבן מיך געוואָלט נע־מען, טייערע מענער, ווי איך שטיי און גיי; זיי האָבן געוואוסט, אַז איך בין ב״ה אַ גוטע באַלעבאָסטע. און אַ פרוי אויך ניט אַבי ווער... אָבער ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז איך האָב אַ האַדעוואַניק, האָבן זיי געקראָגן חרטה... איך טענה און רעד פון האַרץ, ווייז זיי אָן, אַז מיר האָבן אים אַדאָפּ־טירט, אַז ער איז מיין קינד. און וואָס וועט זיי דאָס קינד טאָן? אָבער אָט ווי דו זעסט בין איך געבליבן מיט אים. איך גיי ניט אין ערגעץ, בין גאַנ־צענע נעכט איינע אַליין, און אַ גאַנצן טאָג, כאַטש זיץ ווי אַ מרוק און ניט אַ שאָרך, ווי לאַנג קען מען עס? מ׳איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, אַ פרוי גייט דאָך ניט איינע אַליין צווישן מענטשן... איז וואָס פאַר אַ חטא באַגיי איך אַז איך האָדעווע אַ פאַר קעצעלעך? איך רעד צו זיי פונקט ווי צו אַ מענטשן. זיי האַלטן זיך ריין; ס׳איז מאַמעס מיט טעכטער, און טאַטעס מיט טאַטעס. און אויב איך האָב אַ שטיקל הינטעלע אויך מיט זיי, איז עס אויך ניט מיין שולד. ס׳איז אויף זיי צער בעלי חיים. אָט קוק אָן, אָט שלאָפן זיי איינע לעבן אַנדערן, זיי טוליען זיך. „פרינצי״ איז ניט ווי יענע הינט. איך האָב עס אויפגעצויגן פון צוויי וואָכן אַלט. איך האָב זיך שוין מיט פרינ־צעלע אויך גענוג אָנגעליטן. און דאָס איז אויך מיין זונס שולד. איך האָב זיך ביי אים געבעטן: „זון מיינער, נעם עס ניט ביינאַכט אויפן רוף״. האָט ער מיך געהערט? און וואָס האָט ס׳הינטל נעבעך געוואוסט, אַז מיין קלוגער זון וועט שפּילן מיט אים באַל, און די שטומע חיה וועט זיך אַליין שיעור אַ מעשה אָנטאָן, אַבי דעם באַל צו כאַפּן... ס׳איז דען דאָ אַ סך אַזעלכע הינטעלעך וואָס לויפן אַפילו אין פייער פאַר זייער באַלעבאָס? ס׳האָט נעבעך געוואָלט כאַפּן דעם באַל און ס׳האָט זיך אַליין מיינע שונאים אַרונטערגע־שליידערט פונעם רוף אויפן גאַס! — איך קען עס גאָרניט איבערדערציילן, זאָל שוין אַזאַ צרה ניט געשען...

— אַ יאָר צייט האָב איך עס געדאָקטאָרט. עטלעכע דאָקטוירים האָבן דאָס הינטל געראַטעוועט אָן אַ פּעני געלט. אָבער דעם צער האָב איך גע־האָט. און זינט דעמאָלט איז מיין זון, אָט ווי דו זעסט, עס קומט אים אָן דער שגעון, ער וויל די פאַר קעצעלעך פון מיר אָוועקנעמען, פונקט ווי ער האָט געליאַרעמט אַז מען זאָל דאָס הינטל „פאַרגאַזן״ צי פאַרסמען, — ניט דער־לעבן זאָלן עס מיינע שונאים!...

זי האָט הפנים מער ניט געקאָנט רעדן. אַ פאַרקלעמטע איז זי צוגע־גאַנגען צום קראַן און געלאָזן די וואַסער צו וואַשן איר פאַרוויינט פּנים. איך בין געבליבן זיצן ביים טיש, ווי באַטריבט. דאָס שטיקל זופּן־פליש וואָס

איך האָב געגעסן איז מיר ווי געבליבן אין האַלדז. מיינע בליקן האָבן אָנ־געהויבן וואַנדערן און געפאַלן אויף די עטלעכע קעץ, וואָס שטייען מיט „פּרינצן", זייער הינטישער חבר, וואָס איז דערצויגן מיט זיי אינאיינעם ווי פון איין משפּחה, און עסן און טרינקען פון די פּענדלעך וואָס זיינען אָנגע־פּילט מיט כל טוב פאַר זיי... און מערקווירדיק, איך האָב דאָך עס געזען יעדן טאָג און זיך טאַקע באַלד געפרעגט, — און באַלד אַליין געענטפערט. אַז ס׳איז דאָך קיין נייס ניט, איז וואָס ציסטו אַזוי דעם שטערן? דו ווייסט דעם פּלאַנטער אַזוי גיך ניט פונאַנדערוויקלען. ביסט צו יונג, בעסער וועט זיין דו זאָלסט משנה מקום זיין... באַצאָל איר און ווער לויז פון אָט אַזאַ פּלאָנטער...

איז אָבער געקומען אַ צווייטע דעה, און ווי אונטער מיין פּלייצע שיר מיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ גרויסן חוטא — וואָס הייסט דו ווילסט די פרוי איבערלאָזן סתם אַזוי אָן אַ טראַפּעלע ישוב הדעת? צי ווייסטו ניט אַז דווקא אין אַזאַ צייט ביסטו איר טרייסט, איר פריינד, צי גאָר איר קינד? וואָס איז די נפקא מינה? זי האָט פופצן יאָר געהאַדעוועט אַ פרעמד קינד און געדענקט אַז ס׳איז איר אייגנס — און איצט האַדעוועט זי דיך און ס׳איז מעגלעך אַז זי פּילט דאָס אייגענע צו דיר... אַ סימן האָסטו, אָט־אַ־ערשט, נאָר־וואָס, האָט זי צו דיר גערעדט און מיט ביטערע טרערן געעפנט איר האַרץ. און ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז די עטלעכע קעצעלעך מיט דעם ציטע־ריקן הינטל, וואָס זי רופט „פּרינצי", אַז זיי האָבן איר אויך מיטגעפילט? איך בין זיכער, אַז די רעיונות האָבן זיך געשלאָגן צו גיך, און ס׳האָט ניט מער גענומען ווי אַ פּאָר מינוט ביז זי האָט זיך אַרומגעווישט און זיך דער־מאָנט, אַז איך בין נאָך ניט פאַרטיק מיט מיין עסן, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ געבראָטענער עפּל אין פענדל פאַר מיר. — „וואַרט אויף, בענעלע — האָט זי אין געאייל דעם עפּל אַריינגעלייגט אין אַ שיסעלע — דו האָסט דאָך קיין קאָמפּאָט היינט ניט געגעסן, וואָס איילסטו זיך? ווילסט דער מיסעס סילווער־שטיין לאָזן אַליין? ס׳אוודאי ניט אָנגענעם, אָבער מיר איז שוין אַזוי באַ־שערט. מיין ברודער אַלטערקע האָלט מיך אין איין וואָרענען, אַז מען קען ניט גיין קעגן דער השגחה, אַז אַלץ זאָל מיר זיין ליב...

איך האָב געפילט ווי איר אויסצורעדן ס׳האַרץ מיט דער טרייסט אַז מיין אייגן לעבן האָט אויך קיין סך פרייד ניט געבראַכט, און וואָס איז דער אַ מענטש? ובפרט ווען איינער בלייבט יונגערהייט אָן אַ מאַמען... און נאָך אַזאַ מאַמע ווי איך האָב געהאַט... אָבער עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטן. איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אויב איך דאַרף זיך ניט שעמען פּלוצים אין אַזאַ צייט, אין אַ שעת הצער, אַליין פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם זעקס־יאָריקן יתום... ניין, האָב איך באַשלאָסן. איך בין שוין אַ זעכצן־יעריקער בחור. איך בין שוין געווען דערוואַקסן, איך זאָל קענען קומען צו הילף אָט דער פרוי וואָס לעבט אין אַ מוראדיקן פּלאָנטער. זי אַליין קען דאָך פאַררעכנט ווערן פאַר אַ צער בעלי חיים. און פאַרוואָס זאָל לואי, אַזאַ גע־

זונטער וואַרגילעך, ניט אַ טראַכט טאָן אַז אַפילו זי האָט אים דערצויגן אין אַזאַ אַטמאָספערע, איז זי אויך אין דעם ניט שולדיק...

איך האָב זיך פאַר איר אַנטשולדיקט וואָס איך מוז אַוועקגיין. אגב, ווייסט זי דאָך, אַז כ'האָב זיך שוין פאַרשפעטיקט, ס'איז געווען מיין צייט פון נעמען אַ לעסאָן, פשוטער גערעדט, זיך באַקענען מיט דער ענגלישער שפּראַך. מיין לערער איז דאַן געווען דער איצטיקער דר. יחיאל קלינג, נאָך ניט קיין געענדיקטער דאָקטאָר. דאָרטן, ביי די קלינגס איז שוין געווען פריילעכער. זיין אינגערער ברודער, יאָסל, האָט גערעדט פראַנצויזיש, זיך געשניטן אויף אַ שפּראַכן־קענער. זיי האָבן דאַן געוואוינט אין אַטוירני סטריט, בלויז אַ גאַס ווייטער, אויפן דריטן שטאָק. די לאָמפּן האָבן געברענט, וואו מען האָט זיך אַ ריר געטאָן איז געלעגן אַ בוך. צום גליק, זיינען די קלינגס מיינע גאָר נאָענטע — און איך האָב זיך באַלד דערפילט הימלעכער, אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו יאָסלס פראַנצויזיש און צו זיינע חברים, וואָס האָבן זיך געטומלט, געלופטערט די עטלעכע שפּראַכן, סתם פאַר מאַכן קונצן... איך האָב זיי שטאַרק מקנא געווען און געטראַכט, ווי גוט וואָלט מיר געווען ווען איך זאָל האָבן דערגרייכט אַזאַ מדרגה. איך האָב געפילט, אַז לערנען איז מיר שווער, אַז די פאַבריק פאַרטויבט מיך ממש, און כאָטש קלינג האָט מיר געגעבן קוראַזש, אַז איך גיי באַרג אַרויף, האָב איך פונדעסטוועגן ניט געלאָזט זיך נאַרן. אגב, זיינען געווען מאָמענטן וואָס איך האָב אויפגעלעבט; עס האָבן זיך פאַר מיר געעפנט נייע וועלטן — נייע האָפענונגען, אָבער בלויז אין דרויסן. בין איך אָבער אַריינגעקומען אין מיין צימער, האָט זיך מיין פאַריתומטקייט אָנגעהויבן אויפסניי. עס האָט מיר געפעלט אַ וואַרעמע היים, אַ פריילעכע היים. און ווען איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער, האָבן זיך פאַרשיידענע בילדער דורכגעיאָגט אין מיין מוח. געוואויגן און געמאָסטן מיינע חלומות; אָט בין איך מיטאַמאָל אין רעיון אויסגעוואַקסן, פיזיש געוואָרן מער זיכער מיט „מאַכן אַ לעבן". אָנגעהייבן ווערן אַ גיכער אפּערייטאָר; מ'האָט זיך אָנגעהייבן מיט מיר רעכענען אַלס דער יונגער האָרעפּאַשניק... אָבער גייסטיק? ניין, ס'איז ניט געווען דער כוח פון דערהויבונג! פון אין זייט — די סאָלאָמאָנס „בעזדעטניקעס". מען פלעגט גיין פרי שלאָפן, און אויב איך בין געקומען אַ ביסל שפּעטער, האָב איך שוין די ליכט ניט געמאַכט, זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין מיין צימער. דאָס בעטל איז שוין, אגב, געווען געמאַכט, און ווען איך בין געלעגן אויף מיין געלעגער, האָב איך זיך געזען אין די צווי היימען — ביי די דערשלאָגענע סאָלאָמאָנס און ביי דער טריבער אלמנה, מיסעס סילווערשטיין...

איך פלעג צו זיך אַליין אין דער שטיל טענהן, און, אגב, זיך רופן שלים־מזל, איבער מיין אומפעאיקייט זיך אַרויסצורייסן פון גליוועך. איך האָב דאָך שוין פאַרדינט צען דאָלער אַ וואָך, און האָב שוין זיך פאַרגונען צו גיין אין די אידישע טעאַטערס, און געווען יעקב גאָרדינס אַ פּאַטריאָט;

געהערט דיסקוסיעס, צי אַדלער איז אַ גרעסערער טאַלאַנט פאַר קעסלערן, אָדער בערענשטיין איז אַזאַ גוטער קאָמיקער ווי מאַגולעווסקי?... טעאַטער איז געווען אַ טייל פון מיין דערציאונג, אָבער באַשליסן צו ווערן זעלבסט־שטענדיק און זיך דינגען אַ ליכטיקן צימער און זיך דערהויבן צו אַ לעבן וואָס איך האָב באמת געחלומט, דאָס האָב איך ניט געטאָן, און דעריבער זיך געהאַלטן ביי דער מדרגה פון באַרעכנענען יענעם, און אַזוי בין איך ווי אַריינ־געקנוילט געוואָרן אין די טומלעדיקע פון דער אלמנהס אַדאָפּטירטן זון. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין אַהין ווי אַריינגעפירט געוואָרן פון עפּעס אַן אומבאַשטימטער קראַפט, כדי איר גרינגער מאַכן. מיר איז, אגב, געלונגען דורך מיין טיפן ערנסט צו ווערן נאָענט צו דעם קאַפּריזנעם בחור. מיר איז עס גרינג ניט אָנגעקומען; איך בין דאָך געווען אַ סך איינגער פאַר אים, כמעט אַ גרינער... ער האָט אָבער מיט דער צייט זיך אָנגעהויבן רעכענען מיט מיר, און מיר איז געלונגען זיך צו דערגרונטעווען פּסיכאָלאָ־גיש, וואָס איז די הויפט סיבה פון זיין אויפברויז. פאַרוואָס קומט אַזאַ פרוי באַהאַנדלט צו ווערן אַזוי גרויזאַם, אַזוי ווילד, אַפילו ווען דו ביסט בלויז אַדאָפּטירט? זי האָט דאָך באמת דיך אַרויסגענומען פון תהום, פון שעד־לעכע טאַטע־מאַמע... האָסט זיך דאָך אַרומגעוואַלגערט...

ער האָט מיין אָפנהאַרציקע פראַגע מער ניט געקענט איגנאָרירן. די שעה האָט געמוזט קומען ווען ער האָט זיך געמוזט אָנהייבן פאַרטיידיקן, ווייל אין גרונט איז ער געווען אַ גאָלדענער יונג, אַ גוטהאַרציקער. ער האָט אין דער גוטער מינוט געקענט אָוועקגעבן זיין אייגן העמד צו אַן אָרעמאַן. און אָט האָט ער אָנגעהויבן זיך אַליין משפטן: — „איי עם נאָט דיגייאינג מיי גילט!" — ער האָט אָנגעהייבן אין דער שטיל אַרויסברענגען זיין איי־גענעם „איך" — „יאָ, דיר קען זיך אויסווייזן אַז איך בין ברוטאַל, אַז איך בין „טעריבל", אַז איך האָב ניט קיין אָפּשיי פאַר איר, וואָס זי איז באמת מיר מער מוטער ווי אַן אייגענע וואָלט געווען. אָבער טראַכט זיך אַריין, נעם עס גוט אויפן קאָפּ! — אמת, ביסט נאָך יונג, אָבער ביסט שוין דאָ מיט אונדז אַ האַלב יאָר, האָסט זיך אויסגעגרינט גאָר גיך. איך גיב דיר אַ סך קרעדיט, און ווען דו ביסט ניט דאָס וואָס דו ביסט, וואָלסטו ביי אונדז ניט געקענט זיין... איך וואָלט דער „מאָם" געגעבן נאָך אַ דאָלער אַ וואָך און — אויס „באָרדער", אויס טומל. „מאָם" וואָלט געווען די זעלביקע רייכע פרוי אָן „באָרדערס", און אָט דעריבער מאַכט זי מיך ביין. זי מוז האָבן עמעצן צו דערציילן איר פינצטערן מזל. זי מוז קאָכן אַ גרויסן טאָפּ, זי מוז האָבן צען קעץ, צען הינט; זי איז צו יעדן אַ שקלאַף און פאַרגעסט אין זיך..

שוין צען יאָר אַז איך פאַרדין גענוג צו „סופּאָרטן" זיך מיט איר. איך בעט זיך אָפּט ביי איר: „מאָם, גיי אַ ביסל אַרויס פאַרברענגען צווישן מענטשן. גיי צו אַ מואווי, צו אַ אידישער „שאָו". ס'איז דאָ אַ סאָסייעטי פון אירע לאַנדסלייט וואו „פּאָפּ" האָט באַלאַנגט; איך צאָל פאַר איר „מעמבערשיפּ". אָבער גיי אַמאָל צו אַ מיטינג צו, באַגעגענען מענטשן, דאָס ניט, — זי ליגט

אויף מיין קאָרק, מאַטערט מיך יעדן טאָג מיט פראַגעס וואָס פאַר אַ פלייש צו קאָכן, וואָס פאַר אַ סוף צו מאַכן? איך האָב איר שוין געזאָגט אַ מיליאָן מאָל, אַז איך האָב ניט ליב קיין סוף, נאָר איך בין צופרידן מיט אַ שטיקל ברוסט־בראָטן, אַ שטיקל סטייק, אַ קאָרנביף סענדוויטש, און זי — דווקא פאַרקערט. זי קאָכט גאַנצע טעפּ מיט סוף. גיי ווער ניט בייז! שטענדיק ליגט זי אויפן פלאָר און וואַשט דאָס שמוץ פון די קעץ. זי איז אין זיי אַריינגעקאָכט מיטן גאַנצן לייב און לעבן. אפשר צען מאָל אַ יאָר טראָגן זיי, און וואַרפן אַרויס מי יודע וויפיל קעץ. זיי מאַכן מיך ווילד: וואו איך גיב אַ שפּאַן — אַ קאַץ! איך האָב אַ טבע צו כאַפּן אַ טרונק וואַסער אין מיטן שלאָף. איך וויל איר ניט מאַטערן מיר צו דערלאַנגען וואַסער, איך גיי אַרונטער אָפּט אַ האַלב־פאַרשלאָפענער און ווען איך קום שוין צו צום „סינק״, טרעט איך אויף זיי אַרויף. ביינציק פּראָצענט טרעפט עס. איך ווער דאַן בייז, נערוועז. ס׳איז דאָך ניט אָנגענעם צו טרעטן אויף קעץ אַ באָרוויסער, אַ דורשטיקער. איך בעט זיך דאַן ביי איר: — נעם זיי צו, זיי שטערן מיר מיין רו, שיק זיי אַרויס אויף דער גאַס. טרעף וואָס זי ענטפערט מיר? — פרעגט ער גאַנץ ערנסט און וואַרט אויף מיין ענטפער... (ווען איך ענטפער ניט, — דערפילט ער זיין זיג און אַן אויפגעהייטערטער גיט ער באַלד דעם ענטפער): גאָר פּשוט, זי האָט מורא זיי וועלן „אַרומבאָמעווען״...

— דו לאַכסט? יאָ, מעגסט לאַכן! יעדער וואָלט געלאַכט פון אַזאַ ענטפער! אָבער מיך קרענקט עס, איך קען מיט איר ניט אַרגומענטירן, איך האָב שוין צעבראָכן צען „סעטס דישעס״ איבער דעם וואָס זי האָדעוועט זיי אין די זעלביקע טעלער און שיסלען. זיי זיינען ביי איר ריינער פאַר מיר... אָט פרעגט איר, וועט זי דיר זאָגן אַז איך זאָג ניט קיין ליגן. איך ווינק צו אים, — אָבער ער איז ניט מסכים מיט באַהאַלטן דעם אמת. — איך גלייב ניט אין באַהאַלטן דעם אמת, איך בין איצט ניט אין כעס. זי ווייסט אַז קיין שלעכטס וועל איך איר אַבזיכטלעך ניט טאָן. אָבער רעדן צו איר אַליין, אָט אַזוי ווי איך רעד צו דיר, קען איך קיינמאָל נישט. זי הייבט באַלד אָן צו וויינען, און ערשט דאַן ווער איך מער בייז. איך וואָלט אַוועק אין דער וועלט אַריין ווען זי (הייבט מיר אָן דאָס זעלבע לידל, אַז זי האָט מיך דערצויגן, אַז איך רעספּעקטיר איר ניט ווי מען דאַרף! אַ מאַמע, זאָגט זי איז ניט אַבי ווער... זי וואַרפט מיר באַלד איר יחוס אין פּנים. איר ברודער, אַלטערקע, דער ראַביי אין דער אַלטער היים. ער האָט שוין געוואוסט וואָס עס מיינט „כיבוד אב״ אָדער „כיבוד אם״... ס׳איז ניט גענוג וואָס איך האַלט זיך ביי מיין לויזיקן דזשאָב ביינאַכט, טאַסקע באָנדלעך, ווען די צעטיילונג גייט אָן, דו טאָרסט ניט פאַרשפּעטיקן, און טאָרסט ניט מאַכן קיין טעות, אויב יאָ, האָסטו דאַן צו זינגען און צו זאָגן. מוזט לויפן צוריק און איבערבייטן די באָנדלעך אויף דיין אייגענער צייט. אמת, מיר האָבן אַ יוניאָן, מיר האָבן „פּראָטעקשאָן״, מען טוט דאָך ניט אַזעלכע זאַכן אויף צו להכעיס, אָבער עס מאַכט דיך נערוועז. דאָס שלאָפן בייטאָג איז ווי דער

טיוול אויף דער ערד... אַבי איך נעם עס אָן באהבה, איך בין דאָך ניט קיין פּיצעלע קינד מער, איך קען מיך איצט צו קיין אַנדער אַרבעט ניט נעמען, דאָס מאַכט מיך אויך נערוועז. איך האָב ניט געקענט באַגראָבן קיין צייט צו לערנען אַ טרייד, און באַלד נאָך פּאַבליק סקול האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן טראָק, און אַרומגעפירט סעלצער־וואַסער, געטאַסקעט די סיפאָנען אויף די „טאָפּ־פלאָרס", געלעגן אין נעץ ביז דעם גאַרטל פאַר צען דאָלאַר אַ וואָך אַבי צו מאַכן אַ לעבן. ס'איז מיר אַפילו ניט געבליבן פּאַר אַ פּעקל סיגאַרעטן. דו ווייסט, אַז איך בין אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער, איך רויכער־אויס צווי פּעקלעך אַ טאָג, און מער אויך, וואָרם דאָס רויכערן ראַטעוועט מיך...

ער כאַפּט זיך טאַקע צו זיין פּעקל סיגאַרעטס און פאַררויכערט ווייטער. דער רויך ציט זיך דורך זיינע נאָזלעכער ווי אַ וואָלקן, מען קען זען, אַז ער האָט אַ שטאַרקע הנאה פון פאַרציען דעם רויך. מען קען אים זען ווי ער ווערט רואיקער און געלאַסענער וואָס אים געלינגט איצט זיך אויסצורעדן ס'האַרץ.

זי, די מוטער, שטייט ביים סינק און וואַשט די כלים. ביים זייט שטייט אַ שיסל מיט עטלעכע אומריינע האַנטיכער וואָס זי האָט איינגעווייקט צום וואַשן. זי הערט אַלץ און ווייסט שוין אַז זי מוז שווייגן, ווייל אַריינמישן זיך אין זיינע רייד איז אַ געפאַר... זי ווייסט, אַז ער זאָגט דעם אמת, וואָס עס טוט אויך איר ווי... אינערלעך פילט זי, אַז זי איז באַשטימט ניט שולדיק אין דער טראַגעדיע ווי איר אַדאָפּטירטער זון שילדערט. דאָס איז אַ גאָטזאַך, אַזוי וויל ער; ער האָט איר געשטראָפט וואָס זי איז געבליבן איינע אַליין. צוגענומען פון איר דעם מאַן, דעם שפּייזער אירן, ווען זי איז נאָך געווען אין אירע בליענדע יאָרן. זי טוט דאָך קיינעם קיין שלעכטס ניט, לויפט ניט אַרום ווי אַנדערע צו שפּילן אין קאָרטן; זי זוכט ניט קיין באַשערטע, ווי אַנדערע אלמנות; זי האָט זיך איר ווינקל, איר באַלעבאַטישקייט. אמת, אָרעם, אָבער אָנשטענדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שוחטס אַ טאָכטער, וואָס יעדער האָט זיך אין דער אַלטער היים צו איר געשדכנט און איר אָפּגעבלאָזן די טריט, בעת זי איז אַרויס מיט אירע חברטעס שפּאַצירן. און איצט מוז זי שטיין און צוהערן פון אַ קינד אַזעלכע רייד, אַקוראַט ווי זי וואָלט אים מי יודע וואָס געטאָן... זי שלינגט אָבער איין די ביטערע פּיל. זי ווייסט, אַז זיינע רייד האָבן וואָג און מאָס, און ווען ער ווערט זיך באַרואיקן וועט ווייטער אָוועקגיין אַ שטיקל צייט ביז ער וועט אַרויס פון די כלים...

יאָ, זי דאַנקט גאָט וואָס ער האָט איר כאָטש צוגעשיקט די רפואה פאַר דער מכה, דעם בענעלען, איר באָרדער, וואָס פילט איר מיט און האָט, אגב, אַ השפּעה אויף איר קאַפּריזנעם זון, וואָס האָט קיין שום טאַקט ניט, וואָס וויל זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון אַז זי איז, לכל הדעות, אַ געפּלאָגטע אלמנה, אַז זי איז באַרעכטיקט צו האָבן מענטשלעכע שוואַכקייטן. זי זעט,

לחלוטין, ניט אײַן די עוולה אין האָבן אַ פּאָר קעצעלעך אין שטוב, און זאָל ער איר ניט אױפוואַרפן אַז ס׳הינטל איז אירס, װײַל ער אַלײן האָט עס איר געבראַכט אין שטוב אַרײַן מיט יאָרן צוריק. זי האָט גענוג געהאַט אױס־צושטײן פון דעם ביז ס׳האָט זיך צוגעװאױנט זיך צו חברן מיט די קעצע־לעך. מענטשן גאַפן דאָך װי װײַט איר איז עס געלונגען אײַנצובערעכן די צװײ מינים חיות צו לעבן אין פרידן... אָבער אַרױסרעדן אַט די אַלע רעיונות, טאָר זי ניט. זי האָט שױן גענוג פּרובירט, זי װײסט שױן אַז ס׳עט ניט העלפן קײן רײד... נו, זיצט טאַקע איר בײזער זון און רעדט, אפשר איז בעסער אַזױ...

איך זיץ מיט ערנסט לעבן אים בײַם טיש, ער אַנטקעגן צו מערב, איך צו מזרח, קײן אַנדער אָרט װאו צו זיצן איז אין די חדרים ניט געװען. די צװײ פּענצטער זײַנען פאַרמאַכט איבער דעם „פײַער־עסקײפּ", װאָס גײט אַרױס צום יאַרד. עס הענגען גאַנצע „לאַינס" מיט געװאַשענע װעש פון בײדע זײַטן. ס׳אָרעמקײט שפּיגלט זיך אָפּ זײער קלאָר. די קינדער ליאַרמען און שטערן אָפּט זײַנע רײד. ער גיט זיך אַ הײב אױף געשװינד, עפנט ס׳פענצטער, און גיט אַ שפּײ אַרױס מיט אַ מורמל, פאַרװאָס די ממזרים „באַהײון זיך ניט" אין דער יאַרד. „הלװאי װאָלט איך שױן פּטור געװאָרן פון דעם אַפּאַרטמענט אין די בעק" — פּרעסט ער זײַנע ליפּן צונױף, װי ער װאָלט עפּעס פאַרהאַלטן, װי די רײד װאָלטן געװען איבעריק. אָבער ער זעצט פאָר, װי ער װאָלט שױן גערעדט צו זיך אַלײן, װי ער װאָלט שױן גע־רעדט צו עפּעס אַ שאָטן. ער שאָקלט מיטן קאָפּ װי אומבאַשטימט. יאָ, גײ רײס זיך אַרױס פון דאַנען, גײ מאַך פאַר זיך אַ נײַ לעבן... — װי לאַנג קען איך עס אַנגײן אַזױ־אַ? — גיט ער אַ װײַז מיט דער האַנט, און װענדט זיך שױן װײַטער צו מיר. אפשר זעסטו אַ װעג? דו מוזט װיסן אַז מען דאַרף אַמאָל אַ טראַכט טאָן װעגן זיך אױך... איך בין דאָך ניט קײן נזיר... איך האָב זיך מײַנע באַגעגענישן, אָבער זי ברענגען אַהער קען איך נישט... און טאָר עס נישט... איך האָב עס געטאָן בלױז אײן מאָל און, — „נעװער עגעין" — איך בין געװען דום, איך האָב ניט געטראַכט אַז די הױז װעט אױף איר אַזױ װײַט װירקן צום שלעכטן...

איך װער באמת אַרײַנגעצױגן טיפער אין דעם געשפּרעך, װי איך װאָלט באמת געװען אַ נוגע בדבר. ער װאַרפט זײַטיקע בליקן צו דער מוטער, און װי ער װאָלט מיר אַנגעװאונקען אַז די שטילע רײד האָבן שױן ניט קײן שײַכות צו איר. דאָס איז שױן זײַן אײגן לעבן, זײַן פּראָבלעם, װאָס ער װעט מוזן מיט דער צײַט לײזן. ער װײסט שױן, אַז זײַן נײַע הײם מוז געבױט װערן מיט ביטריסן. זי איז אַ טײַערע מײדל, איך װעל דיך מיט איר װען באַקענען. „מאַם" װײסט עס גאַנץ גוט, אַז מיר פּלאַנעװען גאָר גיך חתונה האָבן... װאָס טוט מען דעמאָלט? װי געפינט מען עפּעס אַן אױס־װעג זי ניט איבערלאָזן אַלײן? איך קען עס גאָר אױף מײַן מוח ניט נעמען. איך װײס, אַז ביטריס װעט ניט דערלאָזן איך זאָל זי נעמען מיט זיך, גיב

אַ קוק די פּאַנאָראַמע... ער האָט אַ דריי געטאָן זיין קאָפּ רעכטס, איך זאָל אַ בליק טאָן אויף דעם בילד וואָס ער ווייזט מיר וואו די קעץ פּאָרן זיך... ער וויקלט אַרויס נאָך אַ פרישע געשיכטע פון זיין פריער יוגנט וואָס וואַרפט אַ גאָר אַנדער ליכט אויף זיינע גאָר פריע קינדער־יאָרן. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט זיין אמתע מוטער שטאַרק ליב געהאַט. זי איז געווען די שענסטע פרוי אויף דער גאַרער וועלט: — „איך איבערטרייב ניט", בעז, „בעליוו מי", וועסט זיך אַמאָל באַגעגענען מיט מיינע צוויי שוועסטער, „ביוטיס"! ווען זיי גייען אויף דער גאַס, ווערט ליכטיק אין די אויגן, אָבער זיי האָט אויך געפעלט די מאַמע... מ'האָט זיי אויך אַוועקגעגעבן צו פרעמדע, און אָט אַזוי איז ניטאָ קיין מזל. איך וויל זיך אין זייער לעבן ניט מישן. ס'איז זייער זאַך. אפשר זיינען זיי צופרידן מיט זייער לעבן. זיי טראָגן „מינק קאָוטס", פּאָרן אין די קאַנטריס, האַלטן זיך ווי „קווינס", אָבער ביידע לעבן ניט גליקלעך, ביידע זיינען שוין געגט פון זייערע מענער... פאַרוואָס? ווער ווייסט? ווען איך פרעג זיי, גיט מען מיר אַ גאַנצע לעקציע, זיי זאָגן, אַז איך בין נאָך אין דרויסן ניט געווען, אַז איך בין איינגעפרעימט אין אַ רעמל, אַז קלינטאָן סטריט איז מיין וועלט... אפשר האָבן זיי רעכט?!...

ער האָט פאַרטושעט זיי סיגאַרעט, אַרויסגענומען זיין טיכעלע, זיך אַרומגעווישט און זיך אויפגעהייבן, — אַן אָנדייט אַז מער רעדן קען ער שוין נישט. זי, די מוטער, האָט זיך געלאָזט צום פּייער־עסקעיפּ מיט דער פולער שיסל געוואַשענע האַנטיכער זיי אויפצוהענגען אויפן פּייער־עסקעיפּ. אין איינגעצאַמטע רעיונות, האָב איך, געוויינטלעך, זיך געפילט הילפלאָז אים עפּעס צו זאָגן. מיין דמיון האָט מיך ווי פאַרטייעט. אָט ערשט בין איך געווען איינגעפלאָנטערט אין צוויי וועלטן, צוויי דורות, אַנגעפּיקעוועט מיט אַזוי פיל קליינינקע פסיכאָלאָגישע שטריכן. מיין אייגן לעבן האָט זיך אויך געגומען שטויסן אין דעם געקאָך פון אַזוי פיל טיף־מענטשלעכע טראַגעדיעס... ערשט ווען איך בין אַוועק אַהיים און גענומען פאַנאַנדערוויקלען אָט דעם קנויט פון אַ קליין ווינקעלע אויפן צווייטן שטאָק, וואו עס לעבן בלויז צוויי מענטשן, אַ מאַמע מיט איר אַדאָפּטירטן זון. עס וואָלט דאָך געדאַרפט זיין אַזוי איינפאַך, אַזוי פשוט, לויט דעם גאַנג פון דער השגחה, אָבער איך בין זיך מודה, ווען איך דערמאָן זיך אין יענער צייט אינאיינעם מיט אָט די צוויי דורות, און די צוויי פינצטערע חדרים אויפן צווייטן שטאָק אין אַ ווינקל פון קלינטאָן סטריט, וואו ביידע האָבן שטיל געקעמפט פאַר אַ גערעכט און בעסער לעבן, בלייב איך ווי צעמישט און איך שטראָף זיך אין דער שטיל, וואָס עס זיינען אַוועק פיר־צענדליק יאָר, און איך האָב זיי ניט אויפגעזוכט. אפשר האָבן זיי געדאַרפט מיין הילף? אָדער האָט די זון פאַר זיי שפּעטער אויפגעלויכטן?

# באַגעגנט ביים ים

אַיך האָב זיי באַגעגנט ביים ים. מיר זיינען נאָך דאַן געווען יונג. אונדזער פאַרהייראַט לעבן איז נאָך דאַן געווען אין די ווינדעלעך... ער אין די דרייסיקער, זי, זיין ווייב, אַ פּאָר יאָר איינגער. — זיי האָבן שוין געהאַט אַ קינד, אַ דריי־יאָריק אינגעלע, — אַ געפּאַקטס בחורל וואָס האָט אונדז אַלע צוגעצויגן מיט זיין געראָטנקייט, געוויזן סימנים פון אַ קלוג קינד. קיין וואונדער, וואָרם זיינע טאַטע־מאַמע זיינען געווען געראָטענע מענטשן, אי קערפּערלעך, אי גייסטיק. ער, אַ הויך־מאַסיווער מאַנספּאַרשוין, מיט שוואַרצע, געדיכטע האָר און דיקע ברעמען. זיינע מאַסיווע הענט און ברוסט האָבן, אַגב, אַרויסגערופן אַ סך קנאה צווישן די עטלעכע מענער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָענט אינם באָרדינג הויז ביי די מאַרמאָר ברידער, בלויז צוויי גאַסן אַוועק פון „ים־המלח״ — מיר האָבן געהאַט אונדזער וואַקאַציע און גראָד האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו באַגעגענען נאָך עטלעכע יונגע פּאָרלעך פון ברייטאָן ביטש. קוני איילאַנד אינם גרויסן טומל פון הימל און ערד... און מענטשן, וואָס זוכן געניוס פון כאַפּן אַ שווים אינעם ברויזנדן ים...

זי, מיר'ן זי רופן מיסעס לאַפּידוס, וואָס איז געווען ענלעך צו איר מאַן, דזשעק, אָדער יאַנקל — ווי זי פלעגט אים רופן, האָט געצויגן מער אויפמערקזאַמקייט מיט אירע אָפּנהאַרציקע שמועסן: — זי איז דאַן געווען פאַרכאַפּט אין אַגיטירן פאַר סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס האָט ביי אַ סך אַרויסגערופן ספיקות אין ברענגען די וועלטלעכע גאולה. זי, חנה לאַפּידוס, האָט נאָך דאַן געהאַט אַ גרויס שטיק אַרבעט, קלאָר צו מאַכן פאַר אירע באַקאַנטע, דעם אונטערשייד פון „מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס״, אַן ענין, וואָס איז ניט געווען אַזוי לייכט צו דערקלערן. איר מאַן, דזשעק, האָט ס'רוב איר אַרויסגעהאָלפן מיט אַ רוסיש וואָרט, ער האָט גראָד געהאַט מער בילדונג פאַר איר. געווען אַ פּרינטער ביים טרייד און געהאַט אַ זעלטן כתב־יד. זי איז שטענדיק געווען דרייסט אין איר טאָן. ער, נאָכגיביק און אַ סך געלאַסענער. זיינע ברייטע היפּשע ליפּן פלעגן זיך צומאַכן מיט אַ פאַרביסענעם שמייכל בעת זי האָט אים קאַטעגאָריש אַ וואָרף־געטאָן איר מיינונג, אַז ער דרייט איר אַ מוח. אַ וואָרט וואָס האָט ביי איר פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין אירע אַלגעמיינע שמועסן. דאָס וואָרט, אַז ער אָדער זי דרייט אַ מוח, פלעגט איר אָפּט ראַטעווען אין אַ קלעם, מען האָט איר מער ניט חושד געווען, אַז זי איז אויסן מיט דעם צו באַליידיקן אירע דעבאַטאַנטן. מען האָט געוואוסט,

אַז זי איז בלב ונפש פאַר דער נייער וועלט וואָס דאַרף מיטן קאָמוניזם ברענגען די גאולה. אידן וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן פון גלות און קאַרל מאַרקס וועט ווערן דער משיח, און ס'וועט זיין חי־געלעבט!... און כדאי צו באַמערקן, אַז זי איז געווען ביז גאָר אינטערעסאַנט אין איר וועג פון באַגעגענען מענטשן. אמת פאַלקסטימלעך, איינפאַך געקליידט, אירע קורץ־געשוירענע געדיכטע שוואַרצע האָר און פייערדיקע אויגן, האָבן אונדז פאַר־כאַפּט, אַפילו ווען זי איז געווען קריגעריש אין דעבאַטירן, און מיט אַנ־דערע ניט געוואָלט איינשטימען.

די עטלעכע יונגע ווייבלעך, וואָס פלעגן זיך צוהערן צו אירע שמועסן, בעת זי האָט ממש אַוועקגערויבט די בעסטע צייט ביי זייערע מענער, האָבן באַלד רעוואָלטירט. זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז מיט איר „פּה קדוש" וועט זי זיי ווי פאַרכישופן און קיין גוטס פון חברן זיך מיט די לאַפּידוסעס וועט ניט אַרויסקומען. זיי האָבן אָבער געהאַט אַ טעות, — און ס'איז דווקא געווען פאַרקערט. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אמתע אידישע טאָכטער וואָס קען אָן פריינד ניט לעבן. ווען די מענער זיינען געווען אין ניו־יאָרק ביי דער אַרבעט, און די קיך האָט פאַרנומען אַ גרויסן טייל פון טאָג, איז מיסעס לאַפּידוס געווען די באַלעבאָסטע גלייך מיט אַנדערע. זי האָט ניט דערלאָזן צו קיין קלייניקייטן, ווי דער שטייגער איז געווען מיט מחלוקתן איבער דעם אייז־באָקס, איבער דעם גאַז־אויוון, — „זאָל מיינס איבערגיין", האָט זי נאָכגיביק אַ מאַך געטאָן... זי פלעגט דאָן זיך דערמאָנען אין איר אינגעלע, אין דודלען, וואָס איז אַליין געשלאָפן אין אַ צימער. זי אָט זיך אין דעם קינד געשפּיגלט, אַפילו די גראָבע ליפּעלעך זיינען ביי אים מלא חן, פלעגט זי אָפּט באַטאָגען סתם אַזוי, פאַר זיך אַליין ביים בעטעלע, ווען ס'בחורל פלעגט דערוואַכן. — זי פלעגט דאָן פאַרגעסן אַז איר געבראַטנס איז הפקר־דיק און זיך דערמאָנען צו שפּעט, ביז אירע פריינדינס האָבן זיך מרחם געווען איבער איר, און געהיט אירע געקעכצן. זי האָט זיך מיט זיי געביטן, און געוואָרן ממש די אויפּזעערין פון די עטלעכע קינדערלעך. זי פלעגט זיי נעמען צום ים מאַרשירן מיט זיי, און זיך פּליוסקען מיט דער חברה, וואָס וויסן נעבעך ניט ווי גוט און וואויל זיי איז... זי האָט זיך דערמאָנט אין אירע קינדערשע יאָרן ביי איר אָרעמען טאַטן, דעם מלמד, וואָס האָט גע־האַט אַ גרויסן יחוס, אָבער קיינמאָל ניט געהאַט קיין ביסל מילך פאַר זיינע פיר קינדערלעך, וואָס זיינען, אגב, אויסגעוואַקסן ווי דורך ניסים. ווען זי פלעגט צוריקקומען פון ים מיט דער יונגוואַרג, האָט זי באַלד חוקר ודורש געווען אויב איר יאַנקלס וועטשערע איז ניט געוואָרן פאַרשרפהט. ווייל וויסן דאַרף מען, אַז איר יאַנקל האָט ליב דעם „פּרעס", ער איז אַ געפּער־לעכער אַכלער (פלעגט זי זאָגן). זי האָט עס ניט געמיינט לגנאי. פאַר־קערט, זי האָט אים באַדויערט וואָס ער דאַרף איצט שטיין ביים דרוקעריי שטיקעניש. לויט איר מוסטער, וואָלט גאָר יאַנקל געדאַרפט זיין ביים ים, מיט דודלען. דאָס קינד וואָלט אויפגעלעבט, זי וואָלט געקענט אַביסל אויפ־

רוימען, מאַכן איר צימער ריין און זיך טאַקע צולייגן אָפּרוען, זיין מיט זיך אַליין, מיט איר „דאַליע", מיט אירע חלומות, וואָס גיבן איר לעת עתה ניט קיין מנוחה. זי קען גאָר פאַר קיינעם ניט אַנטפּלעקן אירע אַנגסטן, וואָס באַפאַלן זי אָפּט, ממש משוגע צו ווערן!... וואָרם וועמען קען זי דער־ציילן אַז עס ציט איר צייטנווייז ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט, אַז זי איז נאָך אַלץ חנה דעם מלמדס טאָכטער...

אַזוי, אַז גאָר אָפּט באַפאַלט איר אַן אומעט. איר צימער איז קויטיק, די בעט צעוואָרפן, די וועש ניט צונויפגענומען. זי קען ניט שטיין באַגלייך מיט אַנדערע ווייבער און זיך קעלער און זיך פאַרנעמען מיט די וועש... — סיי־ווי־סיי וואַרפט זי זיך אַריין אין בעט כדי זיך באַפרייען פון אירע רעיונות זאָל דאָס קינד שלאָפן. אָט באַלד וועט זי אים אויפוועקן און דערמאָנען אַז זיין „דעדי" קומט. ער דאַרף שוין, לויטן חשבון, זיין. ער יאָגט זיך אוודאי מיט דער באַן אין גערדרענג — זי פילט אוודאי מיט, מיט אים — ער איז דאָך אין איר צערודערקייט ניט שולדיק!... זי גיט זיך דאַן אַ הייב־אויף, וואַרפט אַראָפּ פון זיך די צעקנייטשטע קליידל, כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל, און זידלט זיך אַליין אויס: — „וואָס בין איך עפּעס אַזוי נאַכלעסיק, וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר איז עס מיט מיר?" אויף גיך וואַשט זי זיך אַרום און פאַרקעמט זיך, מאַכט ס'געלעגער אין אָרדענונג. זאָל גאָר קיינער ניט וויסן אַז אַ גאַנצן טאָג איז געווען ביי איר ווי אַ „סאָרייע". זי וויל זיך דערהייבן פון איר שפלות וואָס כאַפּט זי אָפּט אַרום, ביז עס באַווייזט זיך איר מאַן, יאַנקל, אַ צעפּאַרעטער, אַן אָנגעהאָרעוועטער. ער כאַפּט דעם דודלען אַרום ווי אַן אוצר. חנה לעבט אויף. — ענדלעך וועט זי אויפלעבן און זיך באַ־פרייען פונעם קאָשמאַר. זאָל זי כאָטש האָבן דעם אָוונט. זי דערלאַנגט לאָ־פּידוסן דעם טרוקענעם באָד סוט: „נאַ, יאַנקל, און לויף צום ים, איך וועל צוגרייטן עסן...

ביי יאַנקלען איז עס אַ טעגלעכע דערשיינונג. שוין פיר וואָכן אַז ער האָט געדונגען דעם צימער ביי די מאַרמאַרס. ער טראַכט, אַז פאַר חנהן מיטן קינד איז עס ווי געוואונטשן. זי איז ביים ים, זי פאַרטומלט זיך, און דאָס קינד לעבט אויף. זי איז באַפרייט פון ראַמען דריי חדרים, זאָל זי לעבן, זאָל זי האַלטן אַ טאָן און פירן די גרענדע צווישן די שכנים. ער ווייסט, אַז זי מוז האָבן צעשטרייאונג. דער ים וועט איר אפשר באַרואיקן. אפשר פאַרט וועט זי אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ צווייט קינד, און... ער דערהערט איר רוף, — ס'איז גרייט די וועטשערע! אַן אויסגעבאָדענער קומט ער אַריין אין זאַל. דאָרט שטייען צוויי לאַנגע טישן ווי אַ דלד. דער עס־צימער איז נידעריק, אָבער ווייס אויסגעקאַלכט. די נידעריקע פענצטער דערמאָנען, אַז אַמאָל איז דאָרט געווען אַ קעלער. נאָר אַ קליינינקע ענ־דערונג איז געמאַכט געוואָרן ביי די מאַרמאַר בראָדערס. מ'האָט ניט גע־דונגען קיין אינזשיניערן, מ'האָט פּשוט און פּראָסט געדונגען צוויי פּיינ־טערס און צוויי סטאָליאַרעס און דווקא מאחינו בני ישראל, און מ'האָט

געמאַכט אַ מין פּאַלאַץ פֿאַר די געסט, מ׳האָט די פֿענצטער באַקרוינט מיט ווייסע פֿאַרהענגלעך. נייע, ברייטע פֿענצטער, און אויסגעסטרויעט לאַנגע בענק ווי אין אַ היימישן שאַלאַש ביי אַ חתונה. און דער עיקר לויפֿן אַרום די מאַרמאָר ברידער מיט די ווייבער, און מען טומלט זיך, מען גרייט צום טיש. דער סערוועט בלאַנקט פֿון ווייסקייט, אינעווייניק איז קיל, — די קיך איז אויבן, דאָרט איז די עלטערע מיסעס מאַרמאָר, די באַלעבאָסטע. זי קאָכט און באַקט פֿאַר אַן ערך צען געסט, וואָס האָבן הנאה פֿון אירע מאכלים. זיי ווילן זיך ניט פֿאַרדרייען מיט קאָכעניש, זיי ווילן האָבן וואַקאַציע ווי מענטשן. וועט קאָסטן נאָך צען דאָלאַר אַ וואָך, און עסן ווי מענטשן...

אויפֿן וואַנט לינקס הענגט אַ טאַבליטשקעלע מיט אַ באַטיץ, אַז רעכטס — סערווירט מען פֿאַר די מאַרמאָר געסט, — לינקס, פֿאַרן עולם בכלל, וואָס קאָכן פֿאַר זיך... — מען קען באַלד זען אַז דער טיש בעט זיך ממש מען זאָל אים אַרומווישן, אַז אַ סך באַלעבאָסטעס טוען ווייניקער ווי איינע. מען דערזעט שוין די מיסעס לאַפּידוס לויפֿן מיט אַ נאַסן האַנטוך אַרומווישן דעם טיש ביים סאַמע עק וואו זי האָט שוין אַ חזקה, ווי שטענדיק ווישט זי מיט אַן אימפּעט, איז בייז וואָס מען מאַכט פֿון טיש אַ „בוזשניק״ — און איידער זי איז פֿאַרטיק באַווייזט זיך די מיסעס פֿריינדליך, און טאַקע מיסעס הור־וויץ, אַלע דריי שטייען זיי מיט נאַסע האַנטוכער און ווישן דעם חלק טיש. די מיסעס פֿריינדליך האַלט, אַז ס׳איז אוודאי ניט שיין צו דערמאָנען זיך אויף דער לעצטער מינוט מיט גרייטן צום טיש. אָבער וואָס קען זי טאָן, זי קען דאָך שטענדיק ניט זיין פֿאַר יענעם קיין דינסט. אַן אָנצוהערעניש, אַז יעדער איז הפּנים פֿאַר זיך... די מיסעס לאַפּידוס איז מיט איר מסכים, און מאַכט אַ פּשרה אַז מעט זיך שוין אויסחשבנען נאָך דער וועטשערע. און איידער וואָס ווען זיצן זיי שוין ביי אַ גרייטן, ריינעם טיש עטלעכע פֿאַרלעך מיט אַ פֿאַר קינדערלעך. טייל מענער עפּענען פֿלעשלעך בראָנפֿן, מען טרינקט לחיים, מען זאָגט מבינות. די ווייבער ברענגען די טעפּ געקעכטס פֿון קיך, און אַלערליי ריחות רייצן די אַפּעטיטן פֿון די אויסגעבאָדענע מאַנספּאַרשוינען. גאָר אָפּט פֿאַלט די מיסעס פֿריינדליך אַ קרבן. איר עמאכלים פֿאַרשמעקן דעם טיש, און עס פֿעלן ניט קיין בעלנים. עס ווערט אַ טומל. זי, די מיסעס פֿריינדלעך, מוז טיילן כיבוד, דעם אַ שטיקל מילץ, יענעם אַביסל טייערן צימעס. מר. פֿריינדליך, וואָס איז שוין אַן איבערגעגעסענער, און כאַפּט זיך באַלד צו זיין גראָבן סיגאַר, וויל אויסברייען, אַז זיין רחל לייגט צום עסן ניט צו — נישקשה, זי מעג ווייזן איירע ווייבער, אַז קאָכן דאַרף מען קענען. אגב, זיינען די פֿריינדליכס די עלטערע, וואָס פֿילן אַז מען מעג זיך פֿון זיי עפּעס לערנען, בעיקר אין הלכות באַלעבאַטישקייט. עס איז קיין סוד ניט, אַז די פֿריינדליכס זיינען קינדערלאָז, און עס פֿעלט זיי, חלילה, ניט קיין פּרנסה. זיי וואָלטן געקענט איינשטיין אין די גרעסטע האָטעלן, נאָר זיי ווילן דווקא זיין פֿאַר זיך. זי, די מיסעס פֿריינדליך, וויל ניט זינדיקן. מסתם הייסט גאָט אַזוי.

אַזוי אַ האָט זיך יעדער פֿאַרפֿאַלק זיין שטיקל היסטאָריע, וואָס קומט אַרויף אויפֿן טעלער. יעדער טאָג האָט זיך זיין סוד, זיין פֿרייד און זיין נומער ערגער... ווער וואָס ווען, — פּאַרטיק מיטן פּרעס, און מען לויפֿט, ווער בענטשן מזומן — ווער וואָס ווען, — מען איז גאָר קיין אידן ניט. קלאָגט זיך שלמה מאַרמאָר אויף זיינע געסט. רעגעלע „גויים", ווי איך בין אַ איד! ניכאַי וואָלט זיך געפֿונען איינער וואָס זאָל עפּעס צייגן אַ ניצוץ פֿון אַ אידן ווי אין דער אַלטער היים. — זיי לאַכן נאָך פֿון מיר וואָס איך, שלמה מאַרמאָר, טראָג גאָר אַ יאַרמעלקע. גיי דערציייל זיי ווער איך בין, ווער מיין טאַטע איז געווען, און ווי אַזוי איך קום גאָר צו די קוני איילענדער באָרדינג־ביזנעס... כאָטש מען ווייסט שוין פּינקטלעך אַז שלמה הערש מאַרמאָר, וואָס רעכנט זיך ווי אַ גליד געשוועסטערקינד צום קיפּיטשיניצער רבין, האָט געהאַט אַ קענדי סטאָר אין קלינטאָן סטריט און געהאַט פּרנסה בריווח, נאָר זיין ווייב סימע, זאָל לעבן — ס'הייסט סיידי, האָט פֿאַר קיינעם געדאַכט, צוליב אירע געשוואָלענע פֿיס, געדאַרפֿט ס'באָדן, און אַז דער דאָקטאָר האָט איר געזאָגט אַז זי דאַרף דעם ים — איז דאָך קיין פֿראַגע ניט געווען אַז סיידיס געזונט איז בילכער.

איצט איז שוין שלמה־הערש אַ שטיקל תּושב אין קוני איילאַנד. ער, שלמה, וואָלט ממש געקענט שרייבן אַ „ספר" איבער דעם, נאָר צוליב קיצור דערציילט ער אויף אַ רעגל מיר זיך, אַז מיט שלמה־הערשן האָט זיך דער שטן אַ שפּיל געטאָן און ס'האָט זיך אים פֿאַרגלוסט צו קויפֿן די צווייטע הייזקע אין גליכן געלט. געטראַכט, אַז ער האָט אַ יונגן ברודער, אַ פּרעסער ביי ני־פּענטס, שוויצט אין די היצן און פּלאָגט זיך. איז מילא, ער וועט זי קויפֿן פֿאַר אים. ער איז זיכער, אַז ער וועט זיך מחיה זיין ביים ים. ער לעבט אויף ווען ער, זיין ברודער, קומט צו גאַסט, העלפֿט אַרויס, דערלאַנגט ביר און סאָדע צו די געסט, און טויג זיך אַגב גאַנץ גוט אויס. עס איז אים גאָרניט איינגעפֿאַלן, אַז זיין מאַטל וועט זיך גאָר לאָזן וואוילגיין. ער איז טאַקע יאַקבי צוגעשטאַנען אַלס שותּף, און איך, שלמה־הערש, מיט מיין סיידין אַרבעטן שווער און ביטער, און זיי פֿירן זיך ווי פּריצים. מען וויל ניט באַדינען קיין געסט און פּאַרטיק. עס שטייט זיין טאָטן ניט אָן, און ס'איז באמת טשיקאָווע ווי ביידע ברידער נעמען זיך אַמאָל אויסטענהן. מען קען זען, אַז זיי האָבן זיך ליב, אַז איינער פֿאַרן צווייטן וואָלט געגאַנגען אין פֿייער אַריין. אָבער דאָס „אַמע־ריקע" האָט זיי ווי צעשיידט.

שלמה איז פֿאַרבליבן אַ רעליגיעזער איד, לויפֿט כּאור הבוקר אין שול, איז אַגב גבאַי שני אין די אנשי צדק, היט אָפּ כּשרות, טראָגט אַ בערדל עד־היום. עס ווייטיקט אים וואָס ער האָט געמוזט אַראָפּנעמען זיין גע־קרייזלטע באָרד. אַ ברירה האָט ער געהאַט? — ס'איז דאָך מכּת מדינה. אָבער ער, דער כּלב שבכּל הכּלבים, דאָס מיוחסל מאַטעלע, האָט זיך אינ־גאַנצן פֿאַרגעסן ווער ער איז, און וואַגט נאָך צו רויכערן אַ ציגאַר אום

שבת, באשר בכן, ער האָט אַ בן־יחיד אַ לאַיער, און מיין איידעם איז בלויז אַ קלאָוק־אָפּערייטאָר. — פּליין גערעדט, כאָטש גיי שעלט אים אין טאַטן אַריין...

אין אָנהייב האָט מען געהאַט מיטלייד מיטן עלטערן מר. מאַרמאָר. אָבער ס׳איז היינט קיין נייעס ניט, כאָטש ס׳איז אמת, אַז דער מאָטל, דער איינגע־רער ברודער מאַרמאָר, לויפט אום ווי אַ יונגערמאַן. איז אַ גוטער ברודער צו יעדן, שפּילט אַ גוט פּינאָקל און הייסט זיך אגב אַ שותף צום האָטעל מאַרמאָר. „קוילעט מיר די גענדז" אַ שותף, מאַכט ער, דער יונגער מאַרמאָר, אַ גאַרנישט פון גאַנצן עסק.

איז עס איינע פון די קוריאָזן, וואָס ס׳לעבן ברענגט. און איך, בערל בן־מרדכי מיט מיין פּעקל, פּאַל אויך אַריין אין דעם קאָכעדיקן קוני איילאַנד צו די מאַרמאָרס, — צוליב מיינער אַ שוועסטער, רייזע, וואָס איז אַ קוואָר־טרינאַטקע ביי די מאַרמאָרס. זי, רייזע, האָט זייער ליב ס׳באָדן, זי וויקט ממש אין ים זינט מיידלוויז. קוני איילאַנד צו איר, איז איר צווייטע אַמע־ריקע. איר מאַן, וואָס פּרעסט קליידלעך, שוויצט ווי אַ ביבער, אויך ביי אים איז קוני איילאַנד אַן ענין. וואָלט ניט ס׳באָדן, טענהט ער, וואָלט ער אומ־געקומען, ער וואָלט געווען אַ פאַרקילטער דעם גאַנצן ווינטער. אפשר איז עס אַן איינרעדעניש, נאָר למען האמת מוז מען עס דערציילן. ס׳איז נישט ס׳גרעסטע נאַרעשקייט, וואָס מיר מענטשן פאַרמאָגן. און אויב איך בין באַגאַנגען אַ נאַרעשקייט זיך לאָזן איינרעדן פון מיין שוועסטער, צו קומען אויף מיין וואָך וואַקאַציע דווקא צו איר אין ברייטאָן, און נעמען דאָרטן ביי די מאַרמאָרס אַ רום און ווערן אַ באָרדער, איז אַ סימן, אַז מיט אַ שוועס־טער איז שטענדיק כדאי. זי היט געוויינטלעך אָפּ איר ברודערל, דערלאַנגט אים אַ האַנטוך זיך אָפּצעווישן, פאַרזאָרגט אים אַ טרוקענעם סוט, און לאָדט אים איין אין איר צימער זיך צוליגן אַביסל. און אַזוי אַ שמועסט מען. מען זאָגט זיך אויס די קינדערשע סודות און זיי בלייבן אַ סוד... און פאַרוואָס טאַקע נישט?... זי האָט אַפילו באַוויזן, מיין יונג ווייבל, אַז ס׳איז דאָס פּראַקטישסטע, ווייל איך, בערל, איר ברודער, אַרבעט דאָך אַזוי שווער, און דו, אסתר, האָסט אַ קליין קינד — קענסט דאָך מיט דעם ניט פאָרן אויף אַ וואָך־צוויי — איז טאַקע ניט מער ווי יושר, אַז זי זאָל מיך נעמען צו זיך אונטער איר השגחה. ס׳ברודערל, וואָס איז בלויז אינגער מיט אַ שבת, און מעג אַרויספאָרן קיין ברייטאָן. זי, מיין ווייבל, הייסט עס, ווערט קענען מאַכן אַ „וויק־ענד" און ס׳וועט זיין אגיל ואשמח.

זיץ איך טאַקע ביי די מאַרמאָרס און כאַפּ אַ קוק דאָ און דאָרט. דעם ים האָב איך שוין מפקיר געווען. איך ווייס שוין אַז אים קען מען ניט תופס זיין, ער ברויזט און רוישט און שליידערט אַרויס אַלץ וואָס איז אים אין וועג. אָבער דאָס ווינקל פון אַ בשר ודם האָט מיך שטענדיק פאַראינטערע־סירט, אַ מין קראַנקהייט פון מיין יוגנט אָן צו וועלן הערן וואָס מענטשן רעדן. אַמאָל הערן אַ דבר תורה, אַמאָל אַ דברי חול, און ס׳ווייזט אויס, אַז גאָט

שיקט מיר צו מיינס, ער עפנט מיינע אויגן, מיינע אויערן און פירט מיך אין דעם שטיקל עולם הזה. איך פלאַנטער זיך פאַר די פיס און האָב אגב מאַמענטן וואָס איך הייב זיך אויף, און ווער דערהויבן. מענטשן זיינען פאַר מיר ווי אַ רפואה. הער איך זיך טאָקע צי צו אַזאַ אידן ווי שלמה־הערש מאַרמאַר. איך באַפריינט זיך מיט זיין ברודער מאָטל , וועגן וועמען איך וויל קלאָר ווערן. איך וויל זיך, הייסט עס, אָנבעמען שלמה־הערש קיפּיטשינערס קריוודע. היתכן, טראַכט איך, צוויי ברידער און אַזאַ קאָנטראַסט! — ווען איך באַקען זיך מיט די בני מאַרמאַר, קומט מיר אַרויף אויפן זכרון מיין אייגענער פאָטער עליו השלום מיט זיינעם אַ ברודער וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט צעטיילן מיט דער ירושה. כ׳מיין מיט דער תורה הקדושה, וואָס מיין זיידע האָט זיי איבערגעלאָזן. זיין איינציקע עשירות — מיין פאָטער האָט די ירושה אָנגענומען באהבה, און מיין פעטער, אורי, האָט זיך פון איר אָפּ־געוואָרפן. די קשיא ווערט מיר איצט פאַרענטפערט. איך בלייב אומרואיק און בלאָנדזשע ווייטער...

איך באַגעגען זיך מיט די לאַפּידוסעס. — זי, די פרוי לאַפּידוס, דער־שיינט פאַר מיר אַן אָפּגהאַרציקע, אַלס אַריה דעם מלמדס טאָכטער, וואָס זי האָט אויך געלערנט חומש מיט רש״י, און איז היינט אַ הייסע אָנהענגערין פון קאָמוניזם, און טענהט, אַז די טהרת המשפחה, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן טראַדיציאָנעל אויפגעהאַלטן און אָפּגעהיט, האָט מער קיין אָרט ניט אין דער איצטיקער פרייער געזעלשאַפט, בפרט אין אַמעריקע. עס העלפט קיין טענהן, זי גיט אַרגומענטן שטאַרקע און ווייזט אָן, אַז מיר, אידן, האָבן אויף זיך גענומען דעם גלות. — אַוודאי, שטוין איך, און ענטפער, — מיר זיצן עט־לעכע מענטשן ביים ים אויף אַ באַנק. דער טומל איז גרויס — ס׳אַ וועלט פון „לופּ־דע־לופּ״, אַן עולים ויורדים, און דער גאַנצער קעסל־גרוב איז אין דעם קוני איילאַנד. ווער קען דען באַשרייבן וואָס דאָ טוט זיך אָפּ. אָט דאָ, וואו מיר זיצן און — אָט ניט ווייט ביים סטיפּלטשייס. אָבער מיר זיינען וועלטן פאַר זיך, מען רעדט, מען ליאַרעמט, מען חלומט. יעדער זוכט זיין חיי שעה, זיין תענוג.

אַלע זיינען מיר פאַרכאַפּט פון דער מיסעס לאַפּידוס. זי איז עפּעס אַנ־דערש ווי אונדזערע פרויען — זי באַווייזט, אַז אָט דער אינדזל וואָלט גע־קענט זיין דאָס אייגנטום פון פאָלק, אַז מיר וואָלטן זיך ניט געדאַרפט פּריזן אין די ענגע, שטיקנדיקע חדרים ביי די מאַרמאַרס... טייל טראַכטן זיך, וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשיקעניש וואָס טשיבעטשעט זי, וואָס וויל זי דאָ מאַכן פון אונדזער פרייער אַמעריקע? אַ דיקטאַטור? — וואָס איז אונדז דאָ שלעכט? מיר ווייסן וואָס האָט דאָרטן, אין רוסלאַנד, זיך אָפּגעטאָן צווישן דער „טרויקע״, צווישן לענין און טראָצקי מיט סטאַלינען. עס פאַלן רייד פון אַלע זייטן, מען דערלאַנגט זיך קלעפּ מיט די מיילער, עס שטייען צו נאָך מענטשן, עס ווערט שוין איבערדריסיק, עס פאַרלירט דעם ציל און דאָס גלייכגעוויכט. מיין וויינקייט קען אויך ניט שטיין מן הצד. מיינע רייד

זיינען בלויז צו מאַכן אַ פּשרה, איך האָב ניט ליב קיין מחלוקת, ובפרט ווען עס קומט צום ענין מאַרקסעס „קאַפּיטאַל”. איך זוך קודם דאָס מענטשלעכע האַרץ, גלויב אין טאָלעראַנץ, גלויב אין פרייהייט פון יחיד, בין אַ שונא און אַ קעמפער קעגן דיקטאַטור. און דאָך מוזן מיר זיך באַגעגענען מיט די לאַפּידוסעס, מיט די פריינדליכס, מיט די הורוויטצעס, און די האַלפּערנס, וואָס האָבן אַלע מינים שוואַכקייט און שטאַרקייט פון אַ בשר ודם. — ווי מאָדנע! מיר איז לײדער ניט געווען באַשערט צו רוען ווי מיין שוועסטער האָט געפּלאַנט. איך פלעג געוויינלעך פאָרן צו די בערג, דאָרטן האָב איך באמת פאַרבראַכט. דאָס איז געווען בחורוויז, ווען ראָמאַנס און אַ בוך זיינען געווען די צוויי הויפּט־קוואַלן פאַר מיין געמיט. און איצט — בין איך אַריינ־געפּלאָנטערט ביי די מאַרמאָרס אין קוני איילאַנד. און דער עיקר איז, די מיסעס לאַפּידוס איז פאַר מיר געוואָרן אַ שטיקל רעטעניש. זי האָט באמת פאַרמאָגט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פרייען מענטשן, איבערהויפּט פון אַ פרוי, וואָס דאַרף זיך האַלטן באַשיידן. ווען זי האָט זיך דערוואוסט פון מיין שוועס־טער, אַז איך זינדיק מיט דער „פען”, הגם כ׳האָב אויך געלאַכט פון מיין שוועסטערס גוזמא, האָב איך זיך ווי פאַרענטפערט: ווער שרייבן, וואָס שרייבן, איך בין אַן „עמך”, פיר אַ פאַבריק פון קליידלעך, אומשטיינס גע־זאָגט, אַ פאַרמאַן אין אַמעריקע. — אַזוי גאָר? איר פירט מיך ניט אין באָד אַריין? האָט זי זיך אויפסניי צעקאַכט, און מיר ניט געוואָלט גלויבן. מיין פּנים דערציילט איר אַנדערש... וואָס פאַר אַ פּנים האָב איך דען? ווער איך שוין נייגעריק. זי פאַרלירט איר דרייסטקייט און ענטפערט שוין מיט גאָר אַן אַנדערן טאָן: איך שטוין, איך הער.

„איר האָט אַן אידל פּנים, אייערע אויגן דערציילן ווער איר זייט — און הגם איך קען ניט אייער פרוי, בין איך איר שטאַרק מקנא, איך בין אַפילו מקנא אייער שוועסטער, וואָס זי האָט אַזאַ ברודער”...

אַן ערנסטער ווי אַ פאַרלוירענער זיץ איך און הער זי אויס, און ווער, אגב, אַריינגעפירט אין אַן אינטימען שמועס, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך שוין לאַנג געקענט. זי געטרויט מיר, און ווייל טאַקע למען השם איך זאָל איר מוותר זיין, אַז איבערלאָזן איר קינד אַליין מיט לאַפּידוסן, איז ניט קיין חטא. וואָרם וואָס פאַר אַן חטא איז זי באַגאַנגען מיט דעם וואָס ער האָט זי ליב? איר זענט דאָך, זאָג איך, אַן אינטעליגענטע פרוי, אַן אַנגענומענע און אויך אַן אידעאַליסטקע. איך געפין אָבער לאַפּידוסן אַ גאָר פיינעם מענטשן. נאָך גאָר פיין! גיב איך אַ שטעל דעם טראַפּ. איך בין טאַקע ערנסט און מיין עס מיטן פולן האַרצן, און זי קענטיק, ווי זי האָט חרטה — נעמט זיך דערנענ־טערן צו מיר, — איך בעט אייך, בוים, איר זענט דאָך אַזאַ גוטער, אַזאַ האַרציקער, הערט אויף אַזוי צו רעדן. — איך האָב זיך פאַרלוירן, אפשר בין איך אַ משוגענע, — אפשר טויג איך אויף קלאָגן! — זי האָט געלאָזט אַ טרער. איך האָב זיך אַ נערוועזער אַרומגעקוקט, אַז מיר זיינען געבליבן

אַליין ביים ים אויף דער באַנק אונטער די ברעטער... איך האָב זי באַ־רואיקט. — שיר, שיר האָב איך געקענט דעמאָלט געשטרויכלט ווערן מיט אַ נסיון, אפשר וואָלט עס געקענט פאַרבלייבן אַן אייביקער סוד, און, אפשר ניט?...

ווען מיר זיינען געווען אויפן וועג אַהיים איז אונדז אַנטקעגנגעקומען מיין שוועסטער. זי האָט ניט געקענט גיין שלאָפן אָן מיר. זיידל, איר מאַן, כּראָפּעט שוין לאַנג, און הכּלל, — איר האָט זיך פאַררעדט, מאַכט מיין שוועסטער, אַלץ ווי עס וואָלט געווען אַ גאַטירלעכער צוגאַנג פאַר יונגע מענטשן. — זי האָט גאָר געוואָלט וויסן פון מיין שוועסטער, צי איר דודל שלאָפט, — ווען זי האָט איר פאַרזיכערט, אַז ביידע, אי איר מאַן, אי דאָס קינד שלאָפן געשמאַק, האָט זי אויפגעלויכט און מיין שוועסטער, וואָס איז גאָר אַ קלוגע, האָט מיר געוואונטשן אַ גוטע נאַכט, הגם, אָנגעזאָגט אַז איך זאָל ניט אויפשטיין פרי, און אונז געלאָזט אַליין.

די נאַכט האָט מיך אַביסל געמאַטערט און מיך געפירט אויף אומקלאָרע וועגן, ביז כ׳בין איינגעשלאָפן. — ווען איך האָב דערוואַכט איז שוין געווען זייגער צען. איך האָב זיך אָפּגעראַזירט און געזען אין שפּיגל אַן אַנדער בערל. די אויגן אויסגעמאַטערטע, און זיך בכלל געפילט אומרואיק. ווי אַזוי וועל איך איצט זי באַגעגענען. — און צי איז ניט געווען עפּעס אַן איבעררייד צווישן זיי איבער איר אַהיימקומען נאָך האַלבער נאַכט? — ווי דערשטוינט איך בין געוואָרן, ווען זי איז אַראָפּ מיט איר אינגעלע אין עס־צימער און זיך צו אונדז באַגריסט, ווי עס איז גאָרנישט געשען, — און דערצו אונדז איינגעלאַדן באַלד זיך גיין באָדן צום ים. ווען זי איז אַרויס פון זאַל, האָט זיך מיין שוועסטער ניט געקענט איינהאַלטן, — „איך בין איר שטאַרק מקנא, בערל, זי איז אַ געזונטע אויף אַלע חושים, זי איז אמת געבענטשט”...

צי מיין שוועסטער האָט מיט די רייד געצילט עפּעס צו דערגיין אַ טאָלק אין אונדזער נעכטיקן שמועס, דאָס ווייס איך נישט. עס האָט זיך מיר אָבער אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז איר ציל, אַז אַ מענטשנס קוריאָזיטעט איז אין לשער. איך האָב נאַטירלעך געטראַכט, אַז אויף דער הייסער מינוט איז בעסער צו שווייגן. מיר זיינען זיך אַוועק באָדן. קיין גרויסער שווימער בין איך נישט, אָבער איך שווים שטענדיק אַוועק פון ברעג, ווי איך וואָלט זיך וועלן באַפרייען פון גרויסן עולם, וואָס פּליוסקעט זיך ביים ברעג. ווי דער־שטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען די מיסעס לאַפּידוס שווימען לעבן מיר, — און טאַקע זיך פאַרמאָסטן צו שווימען ווייטער. איך שווים צוריק, זאָג איך איר, איך בין ניט קיין גרויסער שווימער, בעסער קומט מיט מיר צוריק ווער איך שוין ווי דערשראָקן. איך פיל, אַז כ׳האָב שוין אַוועקגעשווימען ווייטער ווי געוויינלעך. אפשר האָב איך זיך סתם דער־שראָקן אָדער פון איר באַגעגעניש האָב איך זיך אָנגעהייבן פאַרלירן? — גראָד האָב איך ווי על פּי נס מיט מיינע אַלע כּוחות זיך אַרויסגעראַטשקע־

ווען און מיט איר הילף, וואָס איך האָב לחלוטין ניט געוואוסט, אַז זי האָט באַמערקט מיין הילפלאָזיקייט, און געווײנלעך ביים אַרויסגיין פון וואַסער איז שוין מיין שוועסטער געשטאַנען אַן אָטעם, און געליאַרעמט וואָס איך האָב זיך דערלויבט, איך האָב הייסט עס, פאַרגעסן אַז איך בין אונטער איר השגחה, און אַפילו די מיסעס לאַפּידוס איז אָוועקגעשווימען, האָסטו איר ניט געדאַרפט נאָכשווימען. ערשט דאַן האָט זיך מיין שוועסטער געקויפט „מפטיר". די מיסעס לאַפּידוס האָט אַזוינס פון איר ניט דערוואַרט. ס'טייטש ווי קענט איר אַזוי זאָגן, ווי מעגט איר מאַכן אַ בלבול אויף אַן אייגענעם ברודער ווען ער איז לחלוטין אומשולדיק? אויב זיין שולדיק, בין איך די שולדיקע, און ניט ער. איך האָב געוואָלט אַ שווים־טאָן מיט קאָמפּאַניע, טענהט זי, אייער ברודער איז מיר אָנגענעם, און איר קענט אים אין קיין רעמל ניט האַלטן. איך וועל אים אויף זיכער ניט פאַרפירן!...

— אַוודאי, האָב איך געהאַלטן מיט מיסעס לאַפּידוס. איך בין נאָך געווען אַביסל מיד, זי האָט זיך געזעצט נאָענט צו מיר, אויסגעגלייכט מיינע האָר, מיר דערלאַנגט אַ האַנטוך, — און ווי מאָדנע מיין שוועסטער האָט זיך אויפן מאָמענט געביטן. הפּנים זי האָט אינסטינקטיוו בחוש דערזען, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות מיט אומבאַשרענקטע רייד. — אַז דאָ איז שוין צווישן דער לאַפּידוס און איר ברודער מסתם ניט גלאַטיק? — איך בין זיכער, אַז ס'האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן וואָס איך האָב נושא חן געווען ביי דער לאַפּידוסיכע, אָבער ווי ווייט? ס'איז דאָך ניט קיין שפּילכל, האָט זי זיך געטראַכט. און זי האָט געפּועלט ביי אונדז מיר זאָלן גיין אַהיים. און נאָכן עסן זיך בעסער צוליגן אָפּרוען. איך האָב שוין געוואוסט אַז דאָ וועבט זיך שוין אַ שמועס אַרום דעם גאַנצן טאַראַראַם מצד מיין שוועסטער. איך האָב געטראַכט אַז ס'איז כדאי, — איך האָב ליב צו הערן מיינונגען פון פרויען איבער פּלאַנטערנישן וואָס קענען קיינמאָל ניט געלייזט ווערן. דאָס זיינען זאַכן וואָס ברענגען בלויז רייד, אינטערעסאַנטע רייד, אָבער דער פּלאָנטער בלייבט. אומשטענדן ברענגען ניט אָפּט די רפואה...

ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט דער מיסעס לאַפּידוס ביים עסן מיטאָג, האָט זי אונדז מגלה סוד געווען, אַז דווקא הײַנט, צי די שוועסטער וויל אָדער ניט, — וויל זי דווקא יאָ מיט אונדז היינט פאַרברענגען! — דאָס איז קיין נייעס ניט געווען פאַר מיין שוועסטער. זי האָט געוואוסט אַז זי, די מיסעס לאַפּידוס, האָט מאָמענטן וואָס ס'באַפאַלט איר אַן אומעט, זי קען זיך קיין אָרט ניט געפינען. זי האָט אַפילו ניט קיין געדולד צו איר קינד. אַזעלכע מאָמענטן האָט זי געהאַט נאָך איידער איך בין געקומען... אַ גאָר אינטע־רעסאַנטער שמועס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אונדז. מיר האָבן זי איינגע־לאַדן צו אונדז. מיין שוועסטער האָט געשטעלט כיבוד, מ'איז אַרויף אויף „דו" — כ'מיין, ביידע ווייבער האָבן זיך עפּעס דערפילט נענטער, פשוטער — האַרציקער. חנה און רייזע, און איך אין מיטן...

זי, חנה, האָט אָנגעהויבן ערנסט און באַשיידן: — „לאָמיר נאָר זיין

אָפּנהאַרציק, רייזע, דו ביסט דאָך ניט פון יענע קושנירקעס, וואָס ס'איז אַפילו אַ בושה מיט זיי אַ וואָרט אויסצורעדן. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז מיר, רוסישע פרויען, זיינען פון דער נאַטור מיט אַנדערע טעמפּעראַמענטן. דו ווייסט דאָך געוויס, אַז ס'רוב פון אונדז, רוסישע מענטשן, טראָגן זיך אַרום אַ לעבן־לאַנג מיט חלומות, מיט צילן אין לעבן וואָס דרייען זיך דווקא אויס קאַפּויר. צי דענקסטו ניט אַז עס זיינען דאָ סודות אין לעבן וואָס מאַכן אַ מענטשן צום נאַר? און אַמאָל דערהויבן זיי אים? דו וועסט מיר אַוודאי פאַרגיבן וואָס איך רעד אַזוי אָפּנהאַרציק פאַר דיין אייגענעם ברודער אין די אויגן. איך האָב אים דערקענט אַלס אַ מענטש וואָס מען מעג געטרויען. זאָלסט זיך ניט זאָרגן אַז ער וועט חס ושלום באַרעדט ווערן, מען רעדט געוויג אויף יעדן. גראָד די מענער זיינען אויסגעהאַלטן, איך האָב פאַר זיי די גרעסטע סימפּאַטיע, אָבער מיט די „ווייבערינעס", וואָס מיר האָבן דאָ ביי די מאַרמאָר ברידער, איז אוממעגלעך אויסצורעדן אַ וואָרט. מיין יאַנקל איז מיך חושד אין זיין מיט זיי צו פריינדלעך. יעדער ווייסט וואָס ביי אונדז טוט זיך, טענהט ער. היינט גיי און האַלט עס אויס, — גיי דערקלער אים וואָס דאָ טוט זיך. אַז דער מענטש זעט פאַר זיך גאָרנישט, ער האָט ניט קיין באַגריף וואָס מען גייט דאָ דורך, ווי מען ווערט אויסגעריסן האָבנדיק צו טאָן מיט די קושנירקעס אין קיך. יעדעס וואָרט וואָס דו זאָגסט ווערט אויסגעדרעכנט קאַפּויר. דו זאָגסט איינס, מיינט עס ביי זיי צוויי, ניטאָ מיט וועמען זיך אַפילו אויסצוטענהן!... זי זעצט פאָר: — אָט רעד איך, עס זיצט אַ מענטש, אמת, ער איז אייער ברודער, אָבער איך בין זיכער, אַז מיינע רייד גייען ניט אין דער ערד אַריין. אדרבא, חבר בוים, זאָגט איר מיר. מיר קענען זיך בלויז עטלעכע טעג, בין איך גערעכט אָדער ניט! פאַרוואָס זאָל איך אַנטלויפן פון אַ פריינד ווייל ער איז אַ מאַנסביל, וואו ליגט דער חטא? אַדרבא, זאָגט מיר?

— איך בין געווען גרייט זי צו פאַרטיידיקן, איך האָב געגלויבט, אַז פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפּונקט איז זי געווען גערעכט. הגם, באַשטימט וויסן וואו זי צילט, האָב איך ניט געוואוסט, אפשר האָט מיין שוועסטער יאָ געהאַט אַ באַגריף וואָס זי איז דאָ אויסן. איך האָב אָנגעהויבן, אָבער דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, און ס'האָט זיך דערהערט פון פאָרהויז אַ רופעניש, אַ געטומל פאַר מיסעס לאַפּידוס. „מען רופט מיך? אוי אַ קלאָג!" האָט זי עפּעס ווי פון געוואוינהייט אַרויסגערעדט גיך. פאַר אונדז איז איר אַרויסלויפן געווען אַ געווינס, ווי מיר וואָלטן זיך באַפרייט פון יענעמס קלאַפּאָט... מיין שוועסטער האָט זיך פשוט מחיה געווען. „דו ווייסט, בערל, האָט זי אָנגעהויבן צו שעפּטשען, אין דער שטיל, — זי רעדט ניט אַזוי־אָ אומזיסט, דאָ ליגט אַ הונט באַגראָבן! איך ווייס וואו זי צילט! זאָלסט ניט מיינען אַז איך בין בלינד! איך בין שוין מיט איר דריי וואָכן צוזאַמען, ס'האָט זיך אָפּגעטאָן גענוג מיט איר פון סאַמע אָנפאַנג. דו מיינסט אַז לאַפּידוס ליגט אָפּט ווי אַ מרוק פאַרמאַכט אין זיין רום, גלאַט אומזיסט? איך וויל איצט ניט רעדן.

וואַרט צו, זאָל זי אַריינקומען. — איך האָב פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל. מיין שוועסטער האָט זיך מיט מיר אָנגעהויבן אַמפּערן איך זאָל דווקא עסן אַ מאַראַנץ. דאָס רויכערן מאַכט מיך נערוועז, טענהט זי. אי איך אי איר מאַן, קערן איר צו אַלע צרות מיטן רויכערן, מיר פאַרטשאַדן איר ממש; זי ווייסט שוין זינט זי לעבט, אַז די בוימס קומען אַרויס פון אַ זיידן וואָס איז געווען אַ טאַבאַטשניק, און טיטון איז געווען ביי אונדז ס'גאַנצע עשירות. מיר רויכערן פון קליינווייז אויף, נאָר וואָס טוט ניט אַ מענטש צוליב צעשטריי־אונג? צוליב בייטן דעם שמועס?... מיר האָבן געוואָלט ווי פאַרטרייבן דעם עדות וואָס האָט געקענט אונדז מסרן, אַז מיר רעדן ממש רכילות וועגן אַ מענטשן וואָס געטרויט אונדז אַזוי פיל. — סיי־ווי־סיי, זי האָט זיך באַוויזן שוין מיט איר אינגעלע וואָס האָט אויפגעוואַכט פון זיין דרימל, ווי מיסעס לאַפּידוס פלעגט אונדז פאַרזיכערן. איר דודל שלאָפט קיינמאָל ניט — זי האָט ניט אַזאַ מזל, ער „דרימלט” בלויז... גראָד איז דער אָפּגעשיילטער מאַראַנץ געווען גרייט פאַרן קינד, וואָס האָט זיך אוודאי דערקוויקט. דורך מיין ציען דעם רויך, האָט זי, חנה לאַפּידוס גענומען אַ סיגאַרעטל. איך וויל אייך ניט זאָגן ווער ס'האָט אָנגעקלונגען ביז איך וועל זיך פאַרשטאַדן!... — דער גלייכוואָרט „פאַרטשאַדן” האָט מרמז געווען אַז ס'איז בעסער צו שווייגן. ווער מעג עס יענעם אַריינקריכן אין די גרגרת? — ווי דורך אַ כישוף האָט זיך דער פריינדלעכער שמועס אָפּגעהאַקט. עס האָט זיך אָפּגעווישט יעדער שפּור פון אַ בנין וואָס האָט זיך אַזוי שטאַרק גענומען טרייסלען, ווי קיינער האָט פריער ניט גערעדט און ניט געהערט. — אַלץ איז הפנים אַוועק מיטן רויך. ס'איז שוין באַלד זייגער פינף, האָבן זיך די ווייבער אַ כאַפּ־געטאָן. מ'האָט מיך איבערגעלאָזט אַליין אַלס דער גליקלעכער באַרדער ביי די מאַרמאַרס, וואָס וועט באַלד אַ ריינער, אַ געוואַשענער אַראָפּלויפן אין קעלער צום גרויסן טיש ביי די דריי פענצטער און זיך קוויקן מיט די מאַרמאַרס בלינצעס, מיט דער סמעטענע און קעז און געזאַלצנס, וואָס פאַרשמעקט דעם טיש. גיי דערצייל זיי, די ווייבער, אַז מיר ליגט גאָר אין קאָפּ מיין אייגענע ווייבל און בת יחידה, וואָס איך האָב גאָר איבערגעלאָזט אַליין אין דער היים, און טראַכט, מי יודע, אויב זי, מיין ווייבל, וועט קענען קומען אַהער צו מיר דעם וויק־ענד? איך האָב גראָד אַ באַגער זי זאָל דווקא קומען, זאָל זי האָבן אַביסל תענוג פון האָטעל מאַרמאַר, זאָל זי זען אַז איר מאַן שווימט אי אין ים אי אויף דער יבשה... — כדאַי זי זאָל זיך באַקענען מיט „קעקאַלע קהל” וואָס איז דאָ אויף וואַקאַציע ביי די מאַרמאַרס. איך האָב שוין פריער געוואוסט אַז זי וועט זיין קריטיש צום גאַנצן פּלאַן אין וועלכן מיין שוועסטער האָט עס מיך אַריינגעפירט, איבערהויפּט ווען זי וועט זיך באַקענען מיט חנה לאַפּידוס, די „קאָמוניסטקע”. דאָס אַליין וועט זיין אַ טשיקאַווער ענין, ווייל מיין „באַשערטע” איז אַן אַדעסער געבוירענע, און ביידע, אי חנה לאַפּידוס, אי מיינע, וועלן אוודאי נעמען לופטערן די שפּראַך, און דער קאָמוניזם וועט מסתם ווייטער אַרויף אויפן טיש. נו, נו, ס'וועט

אַוודאי זיין ליהודים — יענע, די לאַפּידוסקע איז אַגרעסיוו אין אַ שמועס, מיין באַשערטע דער היפּוך, און זייער באַשיידן. איז עס פּאַר מיר סתם געווען אַ קוריאָז וואָס איז געווען כּדאַי אַזאַ „שידוך" זאָל אויסגעפירט ווערן. זאָל עס אַריינברענגען אַביסל לעבן אין דער משפּחה מאַרמאָר, וואָרם איידער ווער, וואָס, ווען, איז שוין מאָנטיק. מיינע אַכט טעג וועלן האָבן פאַרשוואונדן ביים ים און איך וועל אַהיימקומען ווי אָן אַ קנעלונג! — יאָ, גלייך נאָכן עסן וועל איך אָפּרופן מיין ווייבל און טאַקע מאַכן זיכער זי זאָל קומען פאַר קבלת שבת. און הכלל — איך לויף טאַקע אַרונטער אין עס־זאַל און דערזע ווי די ווייבער רודעווען — עפּעס גייט עס צו אָן קריג, אַלע פיר פאָרלעך גרייטן צום טיש, אויסגעוואַשענע, פאַרברענטע. עס גיט אַ לויף אַרונטער שלמה־הערש מאַרמאָר מיט אַ סלאַי כּריין, — ער איז פריילעך, ער פרעגט מיך צי איך האָב שוין געדאַווענט מנחה, און וואָס האָב איך זיך עפּעס פאַרקליבן מיט די ווייבער? — מירן היינט האָבן אמתע פיש אומגעריכט. — ער איז מלא חדוה. דאָס זיינען פלאָנדרעס וואָס מען כאַפּט איינמאָל אין אַ שמיטה, זיי האָבן זיך געוואָרפן אין די קוישן! אָט טאַקע באַלד גייען מיר עסן.

ער לויפט צוריק אַרויף און זוכט זיין ברודער מאָריס, ניין, טאַקע מאָטל, ניט מאָריס. ביי מיר איז ער מאָטל, יאָ, מרדכי בן פּנחס הלוי, אָבער ס'העלפט נישט. דאָס אַמעריקע האָט אַ געוואַלטיקן כּוח צו מאַכן פון אידן גויים. געוויינלעך קומט טאַקע אָן מאָטל מאַרמאָר, און פאַרענטפערט זיך דווקא, אַז ער, שלמה, זאָל אים מוחל זיין, — וואָרם שיר, שיר איז ער היינט ניט ביים סערווירן די וועטשערע. אַ קלייניקייט איז געשען, ער האָט זיך שיר ניט געטרונקען, פאַרזיכערט אים מאָטל: — „דו גלויבסט מיר ניט, שלמה"? ווערט שוין דער יונגער מאַרמאָר ערנסט, ווי עס וואָלט געווען אַ נייעס זיין ברודער זאָל אים ניט גלייבן. — עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז טאַקע געווען אמת, דער ים זוכט הפּנים יעדן טאָג זיין קרבן. אָבער געלויבט איז גאָט וואָס ביי די מאַרמאָר ברידער איז נאָך אַלץ מיט חסד און כּל זמן ס'איז דאָ אַביסל משקה וועט מען טרינקען לחיים, ובפרט ווען ס'איז דאָ פיש...

אָנגעגעסענע מיט פולע בייכער זיינען מיר אַלע אַרויס פון „דיינינג־רום". די מענער האָבן פאַררויכערט ציגאַרן. איך בין ווי געוויינלעך צוגעגאַנגען צום צווייטן צד געסט. מיין שוואָגערס שלום עליכם האָט אַלע טעמים, ער האַלט אין איין טענהן, אַז איך דערקען אים נישט. באשר בכן ער פּראַזשעט זיך ביים ביגל־אייזן וואָס וועגט אפשר אַ האַלבן פּוד און איך בין זיך דאָ פאַרפאָרן און האָב זיך אַ גאַנצן „האַרעם" — אַלע ווייבלעך זיינען אַזוי צו זאָגן „עט מאַי סוירוויס"... איר וואָלט געקענט מיינען אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט, אָבער אַזעלכע רייד זיינען אַמאָל ווי אַ רפואה ווען איר קומט אַנטקעגן עטלעכע פאָרלעך וואָס זיינען גרייט צו געפינען אין אייך אַ פּגם, פאַר אַ קלייניקייט. בעיקר אַז איר זייט שטומ־

פיק אין ענין עטיקעט... וואָס? — איר האָט אוודאי ניט געזאָגט דעם אמתן גוטן אָוונט, אָדער יאָ געזאָגט, נאָר גראָד דעם פריער, און יענעם שפעטער... איז שוין ווי געזאָגט בעסער ווען איינער קומט דיר צו הילף און נעמט דיך אַרויס פון די עטיקעטישע אחריות. גראָד האָב איך געהאַט גוטע צוויי פאַרטיידיקער און האָב זיך ווי עס איז אַרויסגעדראַפּעט מיט מיין קאָמפּלעקס. דער ערשטער צו וועמען איך האָב געהאַט אַ צוטריט אָן חשבונות צווישן עולם, איז געוויס געווען מר. דזשעק לאַפּידוס. ער איז שטענדיק געזעסן ביים טיש אַ שטילער, און זי, זיין חנה, האָלט נאָך אין שרייען געוואַלד, אַז ער דערגייט איר די יאָרן מיט זיין שטומקייט. און מערקווירדיק, ס'איז ניט געווען סתּם גערעדט, ער האָט געצויגן אויפמערק־זאַמקייט מיט זיין שוויגן בעת זי איז געזעסן ביים טיש. מיר האָבן עס געוואוסט, און טאַקע אָפט געוואָלט טרעפן ס'רעטעניש, וואָרם ער, לאַפּידוס, איז געווען אַ מענטש פון בוך, ער האָט אַ סך געליינט און פאַרשטאַנען. און האָט ער זיך באַגעגנט מיט מענטשן בעת זי איז ניט געווען, איז ער געוואָרן אויפגעהייטערט און גערעדט צו דער זאַך, אַ סך לאָגישער ווי מ'האָט פון אים דערוואַרט? וואָס האָט מיך בעיקר ווי געטריבן מיט אים צו פאַרפירן אַ שמועס, איך האָב געצילט אַז מיר זאָלן טאַקע היינט פאַרברענגען צוזאַמען.

— ווי אַזוי? האָט לאַפּידוס געפרעגט, קען איך פאַרברענגען מיט אייך, אַז מיין חנה שפּאַנט מיך אין מיטן קינד יעדן אָוונט!... האָט לאַפּידוס אָנגעשלאָגן אַ טאָן. — ווען זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי אָנגעהייבן פייערן: „ס'אַ ליגן, חבר בוים, אַ ליגן שבליגן, ער אַליין וויל עס אַזוי... דאָס איז שוין פון דיר אַ סווינסטוואָ, יאַנקל! דו זאָלסט מיך אַזוי אָוועק־שטעלן פאַר לייטן!" — עס האָט שיעור געקענט ווערן אַן אמתע מחלוקת, נאָר ס'איז געווען אַ גליק און אפשר אַן אומגליק, מיר וועלן שפּעטער קומען דערצו. — נאָר דער לייענער מעג וויסן, אַז אין דעם קליינינקן מחלוקתל האָט זיך אַרונטערגעיאָוועט אַ פאַרשווינדל, אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דריי־סיק, אַ גאַסט צו לאַפּידוסעס. זי האָט זיך אויפן מאָמענט געביטן ווען זי האָט אים דערזען, און זיך האַרציק צעקושט מיטן גאַסט. „ווען ביזטו גע־קומען, באָריס, טייערער?" האָט זי מיט פרייד און שטוינונג אים געפרעגט. „איך האָב דיך ערשט דערוואַרט מאָרגן." זי האָט אונדז באַקענט מיט אים, בקיצור, „דאָס איז באָריס — און קאָמפּאַניע".

מיר האָבן זיך באַגריסט און מיט איר בעטן אַנטשולדיקונג האָבן זיי אונדז פאַרלאָזן. זאַלבעדריט זיינען זיי אַרויף די טרעפּ, מיר זיינען עפּעס געבליבן ווי צעדרייט. אַט ערשט אַ מחלוקת צווישן פאַרפאַלק און אַט ווערן זיי נעלם מיט זייער גאַסט. ווער איז ער, וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר, וואָס פאַר אַ פאַרשוין איז ער. וויינקסטנס, האָב איך אַזוי געטראַכט. ס'האָט מיר שטאַרק באַנג געטאָן וואָס איך האָב פאַרלוירן אַן אָוונט, וועלכן איך האָב געפּלאַנט ברעיון אַ גאַנצן טאָג. אירע רייד בייטאָג, דער טעלעפאָן אירער,

כלומרשט וואָס איז געווען פאַרהוילן מיט אַ סוד — האָט מיר עפּעס אונטער־געזאָגט, אַז אַלץ ווערט פאַר מיר קלאָר...

מיין שוואָגער, וואָס ווייסט אַ סך און איז אויך אַ שטיקל שווייגער, הייסט ערגעץ גיין, וואוהין? פרעג נישט. קום! — לאָמיר זיך אַביסל „אָפּשווענקען" ביים ים... אַ רמז אַז מען דאַרף לאַנג ניט ברייען — ס'איז קוני איילאַנד!... ער שאָקלט שוין מיטן קאָפּ, די אויגן און ליפּן אַרבעטן מעשים אין דער שטיל. ער איז שוין ביי וואָס איך מאַך זיך עפּעס טאַמעוואַטע: „דו פירסט אונדז אין באָד אַריין, בערל! — מילא, דיין שוועסטער, אָבער דו? ביסט דאָך אַ מאַן און שניידסט זיך אויף אַ „ספרן". אַט האָסטו דאָך אַ פאַרטיקע טעמע!..." מיין שוועסטער, וואָס וויל ניט לאָזן פאַלן קיין שטויבעלע אויף איר בערלען, ווערט שוין ביי — „וואָס האָסטו זיך אַזוי צעיאָצערט, זיידל? וואָס דרייסטו אַ היטל מיט טעמע שמעמע"? מיר גייען פאַר אַ „וואַק" און זאָל זיין גענוג, מאָרגן איז דאָ נאָך אַ טאָג".

— יאָ, וואָלט מען דאָך געקענט מיינען אַז אַט דאָס איז עס, אַז ס'איז שוין פאַרטיק מיטן אָוונט, און אַט־אָ גייט מען שוין שלאָפן! — חס ושלום! — מיר, די טרויקע, זיינען דאָך ניט אַליין. איר מוזט וויסן אַז די האַלפּערנס מיט די פריינדליכס און די שאַפּיראָס, גייען אויך שפּאַצירן, און אַוודאי איז מען שוין גוט געלוינט. זיי ווייסן ניט פון אונדזער שטום־לשון „פּאַ זאַקאַזו". פאַרקערט, מיר לאַכן און שמייכלען און וויצלען זיך. ספּעציעל איך בין לעבעדיק געוואָרן — איך בין דאָך פאַרט דער אינגערער, טראַכט איך. וואָס וועל איך דאָ זיך אָפּגודיען מיטן נעכטיקן טאָג, ס'לוינט ניט. איך בין דאָך עפּעס אין קוני איילאַנד. איך בין נאָך אין ערגעץ ניט געווען, טענה איך צו די „נייע באַקאַנטע", ווער וויל קלערן פון די לאַפּידוסעס? ס'איז דאָ ב"ה אַ סטיפּלטשייס, ס'איז דאָ אַ ברייטאָן! — איך וויל אָפּציען דעם געשפּרעך וואָס דרייט זיך פון פּאַרל צו פּאַרל, אַלץ וועגן די לאַפּידוסעס, און נאָך וואָס לייקענען, ס'האָט מיך עפּעס געצויגן צוריק אַהיים. איך האָב געוואָלט אָפּרופן מיין פרוי, און טאַקע מאַכן הכנות וועגן איר קומען. מיין שוואָגער האָט מיר אַוודאי געדאַנקט וואָס איך צי אַהיים, עס ציט אים אויך אַהיים... — דו מיינסט צום בעט, מאַכט שוין מיין שוועסטער אַ „נאַמיאַק", ניט חלילה לגנאי, ווייל זי האָט טאַקע שטאַרק הנאה ווען איר מאַן מאַכט נאַכט, זי זאָרגט דאָך ער זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיקן די באַן. זי איז נאָך אַלץ ניט זיכער אויב ער „מאַכט די באַן" ווי ער פּלאַנט פּונקט 6:30, ס'אַ עולם התוהו, דאָס קוני איילאַנד, טענהט זי...

ווען מיר זיינען געקומען פון שפּאַציר, האָבן מיר באַגעגנט דזשעק לאַפּידוס זיצנדיק אויף דער באַנק צו מזרח איינער אַליין, אַ מידער, אַ פאַרטראַכטער. וואו איז חנה, האָב איך געפרעגט, אַ ניט באַרעכנטער. ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געענטפערט, זי איז דאָ, זי האָט דאָך היינט אַ גאַסט...

מיין שוועסטער האָט מיר אַ קניפּ געטאָן — ווי אַ פּוילן רמזל... איך זאָל שווייגן. זי האָט מסתמא געקלערט אַז איר ברודער איז אַ שוטה, ממש חסר דעה געוואָרן. איך האָב פאַרדרייט די יוצרות, גענומען שמועסן וועגן דער נאַכט — וועגן טומל, וועגן אַלץ, נאָר ניט וועגן חנהן. — מיין שוועס־טער האָט פאַרשטאַנען אַז איך וויל בלייבן מיט אים אַליין, האָט זי געזאָגט אַ גוטע נאַכט, און ביי אַ טונקעלער לבנה־נאַכט זיינען מיר פאַרבליבןביידע, צוויי מענער פאַרהייראַטע, טאַטעס פון קינדער וואָס האָבן נאָך וויניק גע־לעבט, וואָס די וועלט איז נאָך אַלץ פאַר אונדז אַ קנויל.

איך בין אייך מקנא: האָט ער אָנגעהויבן, איר זענט אַ לעבעדיקער מענטש. איך הער אייך לאַכן האַרציק, איר האָט הנאה פון גיין שפּאַצירן, איר האָט אַוודאי אַן אינטערעסאַנטע פרוי, איר זענט „פּריסטרויעט", איר מאַכט אויך אַ שיין לעבן, האָב איך געהערט, ניט יעדער קען אַלץ דער־גרייכן... „וואָס־זשע, איר מאַכט דען קיין לעבן ניט?" פרעג איך אים שטיל, טראַכטנדיק אַז דאָס וועט אפשר אים געבן אַ מאָמענט פון קענען זיך אויסרעדן ס'האַרץ. — „יאָ, איך מאַך גראָד אַ לעבן, און בין אַפילו אין דער יוניאָן פאַררעכנט אַלס אַ בעל־יחוס. מיין אַרבעט האָט אַ שם, אָבער מיין חנה געפעלט ניט דער יחוס!... פּרינטערס, זאָגט זי, זיינען ווי אַווטאָמאַטן, מען וואַרפט די „שמות" אין דער פּרעס ווי שטומע, און מען בלייבט אַזוי ביזן טויט אַריין. — „ווי איז עס מעגלעך," פרעג איך דערשטוינט. זי איז דאָך אַ קאָמוניסטקע, זי האַלט דאָך אַז אַרבעטער וועלן זיין די בויער פון דער וועלט, פאַרוואָס זאָל ביי איר זיין אַ פּרינטער ניט קיין געוואונטשענע מלאכה?" „אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן, עס זיינען דאָ מענטשן רבנים, גאונים, קענערס — וואָס וואָלטן געקענט עפּעס אויפטאָן אויף דער וועלט, און דאָך רעדט מיט זיי, זאָגן זיי אייך גאָר, אַז מיט זייער גאַנצער בילדונג און וויסן זיינען זיי אומגליקלעך. איר פאַרשטייט עס אַזאַ לאָגיק? איך ניט! און אַזוי פאַרשטיי איך ניט מיין חנהן. זי איז מיין ווייב, מיר האָבן שוין אונדזער בן־יחידל, באַלד ווערט ער דריי יאָר, און זי, חנה, איז אַלץ פאַר מיר אַ רעטעניש... אָט איז היינט געקומען אונדזערער אַ פריינד, — על כל פּנים וואָלט זי געקענט זיין מיט אונדז און פאַרברענגען צוזאַמען. דאָס ניט! — גיי קריג זיך מיט איר..." — איך האָב פאַרשטאַנען אַז פון מיין זייט וואָלט געווען אַן עבירה איך זאָל פון אים אַרויסרופן ווערטער צום רעדן. די עטלעכע אָנמערקונגען זיינען פאַר מיר געווען גענוג איך זאָל אַנטשוויגן ווערן. אים לאָזן צורו. נאָך וואָס יענעם ווי טאָן, ס'איז זיין לעבן, זיין ווייב, זיין קינד און ווער מעג זיך גריבלען אין יענעמס רעיונות?

איך האָב ניט געפונען קיין פּאַסנדע ווערטער און זיך אַנטשולדיקט פאַר אים. איך בין מיד און ס'איז צייט צו מאַכן נאַכט. מיר מעגן שוין אָפּ־ריכטן חצות... אגב, האָט מיר דערנאָך באַנג געטאָן וואָס איך האָב אים געלאָזט אַליין. ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער האָט מיך געדאַרפט, אַז מיין חברשאַפט איז געווען ממש אַ נויטווענדיקייט אין זיין צעשטרייאונג.

אויך די נאַכט איז פאַר מיר געווען אַ שלאָפלאָזע. איך האָב געטראַכט, אַז מיר איז שוין אַזוי באַשערט. שוין בעסער געווען צו בלייבן אין דער היים מיט ווייב און קינד אינם אייגענעם ווינקל אָן די קוריאָזנע באַגעגענישן. דערהויפּט ווען זיי וואַרפן אַ טונקעלע שיין אויפן גאַנצן ליכטיקן לעבן, וואָס מיר ווינטשן צו האָבן, ווען מיר בויען אונדזער היים, אונדזער צוקונפט; מיט חלומות פאַר קינדער און אייניקלעך...

אַזוי ליגנדיק אויפן געלעגער האָט זיך מיין אייגן לעבן געפּלאָנטערט און געבוירעט מיין קאָפּ. אַט מאָרגן איז שוין פרייטיק, מיין פרוי דאַרף קומען, זי וועט זיך אַוודאי באַקענען מיט מיינע עטלעכע נייע פריינד, בעיקר ווען די לאַפּידוסעס אַרויפשווימען פון אויבן. וואָס פאַר אַ תענוג וועט זי דאָ האָבן דורך מיין געפּלאָנטער וואַקאַציע אין קוני איילאַנד, אין דעם שמעלץ טאָפּ? איך האָב אָבער באַקעמפט דעם בייזן שטן און געזאָגט צו זיך, יעבור עלי מה, ס׳איז גאָרנישט מיט נישט. וואָס האָט איך פאַר אַ שייכות מיט יענעמס פּלאָנטערס? איך האָב פאַר זיך נאָך צוויי טעג, מיין ווייבל וועט קומען און מיר׳ן פאַרברענגען ביים ים — און גאָר פאַרגעסן אין די גריבלעכישן פון בשר ודם.

יאָ, אָפּגערופן אַהיים, מיין ווייבל קומט. וואָס דען וועט זי טאָן, זיצן אין דער היים אָן מיר און זיך פאַרענען אין שוויס? איך וואַש זיך אַרום, דער פרימאָרגן איז גראָד קיל. מיין שוועסטער איז שוין דאָ אין מיין צימער. איך זאָג איר, אַז אסתר קומט, מען דאַרף זי באַגעגענען. אָבער זי ווייזט עפּעס ניט אַרויס קיין באַזונדערע פרייד. איך האָב עפּעס דערזען אין איר פּנים אַ מין ערנסטן, באַהאַלטענעם שמייכל, ווי עס וואָלט זיך עפּעס געבונדן מיט פרייד און לייד. איך האָב גאַנץ פרי ניט געוואָלט אַריינגיין אין פּרטים מיט אָפענע דיבורים ווי איך וואָלט געווייינלעך געטאָן אין אַנדערע צייטן, און מיר זיינען אַרונטער עסן.

דער פרייטיקדיקער טומל ביי די מאַרמאָרס האָט יעדן דערמאָנט אין די ניט פּינקטלעכקייטן וואָס מען באַגייט. — „ס׳טייטש", טענהט ר׳ שלמה־הערש מיט זיין געוויינלעכן „היתכן, איר, בוים, פאַרשפּעטיקט שוין דעם צווייטן טאָג ברעקפעסט?" צי ווייס איך ניט, אַז היינט איז דער קורצער פרייטיק? — מיין שוועסטער רייזע מיט איר געווינלעכער ווייבלעכע באַשיידנקייט און בנעימותדן שמייכל, מישט זיך אַריין און וואַרפט זיך אַ „רמזל", אַז ער זאָל ניט שרעקן איר ברודערל מיט דינים אין „האָטעל רולס". זאָל ער איר געבן איין בעט, וועט זי מיר אַליין מאַכן ברעקפעסט. אירע מאכלים זיינען אויך ניט צום אַרויסוואַרפן... געוויינלעך האָבן מיר אַלע געשמייכלט — זאָל כאָטש דער אָנהייב טאָג זיין אַ פריילעכער, זאָל מיין ווייבל קומען און זיך באַקענען מיט די מאַרמאָרס און „קאָמפּאַניע". — אַזוי זיצנדיק ביים עסן די „סקרעמבעלד עגס" האָט מיר מיין שוועסטער ווי עפּעס גענומען איינרוימען אַ סוד. — עס וואונדערט איר וואָס איך פרעג גאָרנישט וועגן די לאַפּידוסעס, איך בין, זאָגט זי, אַזוי פאַרטאַראַמט מיט מיין ווייבס קומען אַז?...

— וואָס מיינסטו — גיב איך שוין אַ פרעג נייגעריק: ס'איז עפּעס געשען מיט זיי? איך האָב טאַקע אין זינען געהאַט צו פרעגן, גיב איך צו ווי אַ שולדיקער. עס פריער אָפּ, גיט זי ווי אַ שעפּטשע אַרויס, אַלס ניט קיין גוטער סימן...

— מיר זיינען באַלד אַרויס אויף דער ליכטיקער זון. — דו ווייסט, בערל, וואָס דאָ האָט זיך נעכטן געטאָן צווישן די לאַפּידוסעס? הויבט מיין שוועסטער אָן שטיל. דו געדענקסט דעם בחור וואָס איז נעכטן אַריין אין עס־זאַל, און חנה האָט זיך מיט אים געקושט, און מיר האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַ קאָזין אָדער אַ משפּחה? יאָ, יאָ, דער בלאָנדער מיט די גרויסע אויגן — האָב איך פּינקטלעך באַשטעטיקט — יאָ, ער איז חנהס אַ געליבטער! דו וועסט זיך גאַרניט פאַרשטעלן אַז לאַפּידוס ווייסט פון דעם אַלעם און... וואָס מיינסטו, רייזע? רעד קלאָרער! — דאַרפסט נאָך קלאָרער? ווערט זי שוין בייז. דער „יאַלד לאַפּידוס" האָט זיי נאָך אָפּגעגעבן זייער רום און אַליין האָט ער געגנבעכטיקט מי יודע וואו!...

„ווי קען דאָס זיין?" בין איך ווי דערשטוינט און קען עס ניט אויפן מאָמענט באַגרייפן! אָט דאָס איז עס, בערל! זי איז אויך איצט מיט אים צוזאַמען, און די געשיכטע ווידערהאָלט זיך שוין ס'צווייטע מאָל זינט איך בין דאָ. מאַכט מיר מיין שוועסטער קלאָר און דייטלעך. אַזוי גאָר! און דו האָסט עס געוואוסט? ווער איך שוין גאָר ערנסט ווי איך וואָלט געווען אַ נוגע בדבר. — מיין שוועסטער האָט הפּנים דערזען אין מיר אַ צערודערטקייט, האָט זי פּאַמעלעך אָנגעהויבן רעדן...

— דו ווייסט, בערל, אַז איך בין ניט קיין רכילותניצע! חנה איז ניט קיין געוויינלעכע פרוי! איך האָב דאָס גוט איבערגעטראַכט, וואָרם וואָס ווייסט אַ זייטיקער מענטש וואָס ביי יענעם טוט זיך? וואָס ווייס איך, אפשר לעבן זיי גאָר „פרייע ליבע" און ביי איר איז עס גאָר פאַרבונדן אין אַ אידעאַל? — מיט אַ קאָמונע־ביזנעס. אפשר איז אין רוסלאַנד איצט אויך אַזוי. מען לעבט הפקרדיק. היינט ביסטו אַ ווייב צו אַ מאַן, מאָרגן ביסטו אַן אַנדערנס און אַזוי כסדר. — יאָ, ס'איז אָבער ניט געווען אַזוי לייכט ווי עס רעדט זיך דאָ איז אַמעריקע, דאָ איז נאָך אַלץ אַ דעמאָקראַטיש לאַנד און ווייט פון הפקרות. עס האָט זיך אַזוי לייכט ניט געקענט גלייבן, אַז די מאַרמאָר ברידער וואָלטן אַזוינס דערלויבט, ווען זיי ווייסן וואָס אין דער שטיל קהלט זיך איבער פאַרשיידענע געשעענישן אין זייער אכסניה. — אַזוי האָב איך אין דער שטיל געטראַכט און טאַקע געוואָלט קלאָר ווערן אין דער מוראדיקער רכילות. ווייניקסטנס זיך דערקונדיקן אין דעם פּלאַנטער וואָס די חנה לאַפּידוס האָט זיך אַריינגעקנוילט. איך האַלט זי דאָך פאַר גאָר אַן אינטערעסאַנטער פרוי, זי איז דאָך אַ חוץ אַלעמען אַ קלוגע און ווי רייסט מען עס אויף יענעם די אויגן מיט אַזאַ שריט אינעם קאָכעדיקן ברייטאָן, וואו אויגן און אויערן זיינען ווי שפּיזן...

איך האָב מיין שוועסטער געבעטן מיר זאָלן זיך צוריקקערן אין האָטעל,

כדי אַ קוק צו טאָן וואָס דאָרטן טוט זיך, אײדער מײן אסתר קומט אָן, ווי וועלן מיר זיך נוהג זײן. זאָלן מיר איר דערציילן אָט די קלײניקײט — אָדער ניט? — ווי דערשטוינט זײנען מיר געוואָרן, ווען חנה מיט דעם יונגעמאַן זײנען אונדז אַנטקעגן געקומען מיט דודלען ביי זײער זײט. — „באַקענט זיך מיט מײנעם אַ פרײנד, מר. ווײסגלאַס, און די בוימס". כ'מײן דאָס זײנען אַ שוועסטער און אַ ברודער, — מיסעס הורוויץ און בוים. זײ זײנען, אגב, די אײנציקע צוויי מענטשן וואָס האָבן נושא חן געווען, האָט זי אונדז געציילט צו דערהויבן? און באַזונדערס געשטעלט דעם טראָפּ אויף מײן צוגעבונדנקײט צו דער שוועסטער...

ווי דער שטײגער איז, האָבן מיר זיך באַגריסט ווי נײע פרײנד. איך, חבר בוים, בין, זאָגט זי, „כצאן בלא רועה" — מײן שוועסטער עקספּלואַטירט מיך. זי לאָזט מיך ניט אויסרעדן אַ וואָרט מיט קײן ווײבל. ווײל ער האָט אַן אײגענע פּלוניתטע וואָס וועט אַוודאי באַלד קומען... זי האָט, הײסט עס, געעפנט אַ גרײטע טעמע וואָס איז איר נוגע, און שרעקט זיך דווקא גאָר ווײניק פאַר אַ דורכפאַל. — מײן שוועסטער, וואָס האָט גראָד געקענט איר ענטפערן צו דער זאַך, האָט גאָר אַ שמײכל געטאָן: „דו ביסט זײער אַ קלוגע, חנהלע (האָט זי איר שוין פאַרצויגן), און זיך פאַרטײדיקן אויף דײן „נאַמיאַק" וועל איך נישט. איך וויל נאָר זאָגן דײן פרײנד אין די אויגן, אַז דו קענסט זיך דײן שטעטל באַשטײן!... — אַז ניט דו און ניט מײן ברודער זײנען טיפן פון לאָזן זיך עקספּלואַטירן... איך האָב אײך שוין בײדע פאַרזאָרגט... האָט זי סאַרקאַסטיש זיך אָפּגעזאָגט, און געבליבן מיט איר ערנסטן שמײכל...

הפנים ס'איז ניט געווען אַזוי גרינג זיך אָפּצורײסן פון דעם גאָר ערנסטן געשפּרעך וואָס האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט. מיר זײנען אַרויס גאָר ווײט, כמעט שלא כדרך הטבע, הפנים בײדע, אי חנה אי ווײסגלאַס, איר הײסער געליבטער, וואָס איז, אגב, אַ פּעדאַגאָג, אַ לערער געווען אין אַ שול, האָבן געצילט פון אונדז אַרויסצוקריגן אַ מין פּסק דין אויף זײער האַנדלונג. עס האָט געהײסן, אַז זײ האַלטן אונדז פאַר אינטעלעקטן מיט אַ מאָדערנעם בליק אויפן לעבן פון דער הײנטיקער צײט, און מיר זאָלן כשרן זײער האַנדלונג. אין אַ צײט ווען לאַפּידוס זיצט דאָרטן ערגעץ אײנער אַלײן און צעגייט ממש פאַר ווײטיק, וואָס זי, חנה, פאַרבײט אים פאַר איר איצטיקן געליבטן. אין אַ צײט ווען דאָ ביי דער זײט בלאָנקעט זיך אַרום אַ קינד אין אַ טומאַן. אָט איז די מאַמע מיט איר מאַן — מיט זײן דערי, — און אָט ווערט זײן דעדי נעלם, און ער, דאָס קינד, געפינט זיך אין די אָרעמס פון אָט דעם מענטשן, כלומרשט „אַנקל ווײסגלאַס"!...

יאָ, אַ געשיכטע וואָס איך האָב פינף־און־צוואַנציק יאָר קײנעם ניט דערציילט. עס קלינגען נאָך עד־היום אין מײנע אויערן אירע אַרגומענטן, אַז זי נאַרט איר מאַן ניט אָפּ, אַז ווײסגלאַס איז געווען איר ערשטער געליבטער און דורך סיבות האָט זי געהײראַט לאַפּידוסן — דעם טאַטן פון איר

קינד, און זי לייקנט ניט פאַר אים, — און אויב ער איז קעגן איר שריט, מעג ער זי פאַרלאָזן און זיך פון איר באַפרייען. וואָרם זי איז מיט אים בלויז איבערן קינד, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב, און וואַרט ער זאָל עלטער ווערן און אָנהויבן צו פאַרשטיין זיין מוטער, וואָס קען אין צוואַנג מיט קיינעם ניט לעבן...

איך זע אויך איר יאַנקלען, דעם געזונט־געבויטן לאַפּידוס, ווי אַ בייזן גייסט זיצן אין דער טיפער נאַכט, אַליין אַ פאַרלאָזענער פון זיין ווייב, וועלכע ער האָט אַוודאי אַזוי שטאַרק ליב, — און רעכטס אין זיין אייגענער היים האָט פאַרנומען זיין אָרט „טאָוואַרישטש ווייסגלאַס״! ער, לאַפּידוס, זיצט און צעגייט ממש פאַר ווייטיק, וואָס ער איז אַזוי נידעריק געפאַלן. ער וואָלט איצט ווי אַ וואָלף געדאַרפט אַריין אַהין און זיי בײדע דערשטיקן אויף טויט, מאַכן אַ סוף צו זיין געפאַלן לעבן. — נאָר עפּעס אַ באַהאַלטענער כוח האַלט אים אָפּ. ער איז דאָך אַ טאַטע פון אַ קינד... ער וועט ניט ווערן קיין מערדער!...

# ער האָט זיך מתוודה געווען פאַר אַ רב

ער איז אַריבערגעקומען קיין פּענסילוועניע אַ יונגערמאַן, אין די דרייַסיקער יאָרן, אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסן באַגאַזש פון תורה און „חכמה", און אגב אַ פּאַרטיקער היימישער שוחט. עס זיינען דאָ געווען טומלדיקע יאָרן. דער ווינט אין אייראָפּע האָט געבלאָזן אויף לינקס, באַזונדערס אין רוסלאַנד, האָט זיך די השכלה עפּאָכע צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך פון אַ אידישן ישוב. — ניט קענענדיק דורכקעמפן זייער וועג, האָבן זיך אַ סך יחידים לומדים מיט אַ וויטערן קוק, אַרויסגעלאָזן על פּרשת דרכים, געצילט נאָך אַמעריקע. אברהם שוחט איז געווען איינער פון זיי.

מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק האָב איך דעם מענטשן באַגעגנט ביי אַ פאַרזאַמלונג אין אַרבעטער־רינג. שוין געווען אַ שוחט אַ שיין ביסל יאָרן, האָט אַפילו געמאַכט היסטאָריע מיט זיין אויסערגעוויינלעכקייט, ווי אַ יוצא מן הכלל. — מיר וועלן שפּעטער קומען צו דעם. דער סיפּור המעשה איז באמת לפי דעתי מיט אַ מוסר השכל. אָבער, קודם, מוז איך אייך, מיינע לייענער, מיט דעם מענטשן באַקענען פון יענער צייט אין אַרבעטער־רינג לאָקאַל, ווען מיר האָבן זיךביידע באַקענט, — ער איז שוין געווען אין די פופציקער יאָרן, — ביים אַרבעטער־רינג צוויג איז דאַן געווען אַ יום טוב.

אברהם רייזען ע"ה האָט דאַן געהאַלטן אַ פאָרטראַג איבער דער וויכטיקייט פון דער אידישער ליטעראַטור דורכן וואָרט פון אונדזערע קלאַסיקער, בעיקר פון די דריי, — מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם. מיר, די פאַרבאַנד חברים, זיינען געווען געלאַדן צו באַגעגענען דעם גאַסט, און מיר זיינען מיט פאַרגעניגן געקומען הערן און זען אונדזער רייזענען, דעם חשובן גאַסט, און נאַטירלעך זיך משמח זיין מיט אים נאָך דער לעקציע, ביי געדעקטע טישן...

כך הוה...

איך האָב שוין דאַן רייזענען ניט געהאַט געזען אַ שטיק צייט. איך פלעג אים אָפט טרעפן ביי די קלינגס, אין די בליענדע יאָרן, ווען איך בין נאָך יונג געווען. אייך אָונט געדענק איך בעיקר, ווען זיין שוועסטער שרה רייזען איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, שפּעטער אַפילו זיי באַגעגנט אין ליטעראַרישע סביבות... און אַזוי איז מיין שלום־עליכם מיט רייזענען געווען אַ פריידיקער. איך האָב אים דערמאַנט פון יענע יאָרן ביי די קלינגס...

— יאָ, יאָ, איצט דערמאָן איך זיך, בערל בוים... — ניט וויכטיק די פּרטים, אָבער מען מוז באַטאָנען, אַז בעת מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט,

זיינען עטלעכע אַרבעטער־רינג טוער שוין געשטאַנען אין אַ רעדל, אַנגע־שטעלט מויל און אויערן, הערן וואָס רייזען זאָגט. טייל האָבן אים אַ פרעג געטאָן ער זאָל זיי זאָגן, ווי אַלט איז ער געווען ווען ער האָט זיך פאָטאָגראַ־פירט בעת אַט יענע בילד אויפן וואַנט, וואָס הענגט פון אים אין זאַל פון אַרבעטער־רינג ?

— אַוודאי איז עס געווען אין מיינע אינגערע יאָרן, — האָט רייזען געענטפערט גוטמוטיק און זיך אָפּגעשטעלט אַ ווילע צו דערמאָנען, ווען די בילד איז גענומען געוואָרן. דער שטערן האָט זיך ביי אים אַ קנייטש געטאָן פאַר אַ רגע, פאַרמאַכט אַן אויג און באַשטימט געענטפערט :

— די בילד האָב איך נאָך גענומען אין וואַרשע, בעת מ׳האָט נאָך אויסגעלייגט „וואַרשאַ״ מיט אַן „אַלף״ צום סוף . . . — אַלע האָבן געוויס פאַרשטאַנען רייזענס רמז, און היות דער עולם איז שוין געווען גרייט צו הערן דעם גאַסט, האָט מען געמאַכט טונקל, און רייזען איז אַרויף אויף דער באַלויכטענער פּלאַטפאָרמע.

ווער עס האָט אַמאָל געהערט רייזענען רעדן איבער די אידישע דריי קלאַסיקער און זייערע תלמידים, ווייסט געוויס מיט וואָס פאַר אַ הנאה די צוהערער פלעגן זיצן און אים הערן. דער עיקר, ווען ער האָט זיך צעוואָרעמט. ער האָט גלייך באַטאַנט, אַז ער וועט היינט מער ווי פון בראשית ניט קאָנען רעדן . . . ווייל על רגל אחת קאָן מען אַזעלכע דריי גדולי הליטעראַטור ניט אָפּפּטרן. אָבער, ער איז אַוועק אַ סך ווייטער. דער עולם איז געזעסן גע־שפּאַנט, — און קענטיק ער האָט זיך דערפילט אויסגעשעפּט און געענדיקט מיט אַ צוזאָג, אַז ער וועט ענטפערן אויף פראַגן, אויב דער עולם וויל, ביי אַ גלעזל קאַווע . . .

געוויינלעך זיינען געבליבן די פאַרערער פון רייזענען ביים געדעקטן טיש, מיט עטלעכע פאַרבאַנד חברים בתוכם, און אַז מ׳האָט אָפּגעגעסן דעם קוכן מיט דער קאַווע, האָט דער פאַרזיצער, חבר טאַמאַוויטש, אָנגעהויבן בעטן דעם עולם פאַר אַ דיסקוסיע. איינער פון די פרעגער איז געווען אַט דער אויבן־דערמאַנטער אברהם שוחט, אַ באַברילטער, מיטל־וואוקסיקער, שוין גרוילעך, די גראָבע ברילן האָבן געגלאַנצט און אָפּגעשפּיגלט אויף זיין טונקל־הויטיקן פּנים, שוין מיט איינגעפאַלענע באַקן, וואָס האָבן מרמז גע־ווען, אַז ער איז שוין ניט קיין יונגערמאַן און ווייט פון עשירות. און מיט אַ זעלטענער קלאָרער דיקציע האָט דער מענטש אַ פרעג געטאָן רייזענען עפּעס וועגן מענדעלען, וואָס האָט דעם עולם ביים טיש געמאַכט צום שטוינען און נייגעריק. איך האָב געמיינט, אַז רייזען וועט זיך געוויס אַרויסדרייען פון ענטפערן, ווייל ס׳האָט געהאַט אַ שייכות צו מענדעלעס זון, מיט טהרת המשפחה. — עס האָט אָגב מיט דער לעקציע ניט געהאַט צו טאָן, אָבער רייזען האָט באַלד אונטערגעשטראָכן, אַז ס׳איז בלויז אַ השערה, אַז ס׳איז ניט פעסטגעשטעלט מענדעלעס באַציאונג צום ענין. און מען טאָר ניט משפטן אַפילו אַ טאַטן, ווי אונדזער מענדעלע. ניט אַלע דורות האָבן זיך צוגעהערט

צו טאַטע־מאַמע... — אָט, האָב איך אויך אַ קינד, אַ פיין טעכטערל, און איך בין ביי איר ניט אברהם רייזען דער דיכטער, נאָר איר טאַטע... קינ־דער שאַצן ניט אָפּ זייערע עלטערן לויט דעם ווערט פון זייערע שאַפונגען... און אַפילו מענדעלע מיט זיין גאַנצן גדלות, איז אויך ניט מער ווי געווען אַ טאַטע...

אַוודאי האָבן מיר רייזענען גוט פאַרשטאַנען. ער האָט אַגב געבעטן מען זאָל זיך האַלטן אין דער מעלה און פרעגן אַלץ לשייכות דער לעקציע...

מיך האָט פאַראינטערעסירט דער מענטש, דער פרעגער, ווייל זיין טאָן איז געווען אַ זיכערער, הגם אַ טשיקאַווער און מיט אַ געוויסער איראָניע, קענטיק, ווי ער וואָלט אויסן געווען זיך אַליין רעכטפּערטיקן מיט עפּעס, דורך וועלכן ער ווערט קריטיקירט...

איך האָב דאָס שטיל אָנגעמערקט צו מיינעם אַ ידיד. — ער האָט גע־שטוינט. — איר קענט נאָך ניט „אבאן״? — האָט ער שטיל מיך געפרעגט. — נייך, — האָב איך געזאָגט.

מיין ידיד האָט, אין שטוינונג, מיר מרמז געווען, אַז נאָך דער דיס־קוסיע וועט ער מיך מיט אים באַקענען... אָבער, איידער ווער וואָס ווען, איז אין דער שטיל, דורך מיין פריינדס רייד, אַרויסגעשוואומען דער מאָדנער פּאַרשוין, מיט זיין טשיקאַווער געשיכטע, שוין אַלס תושב אַרום די קוילן־גריבער, וועלכע איך גיי דאָ אַרויסברענגען. זי איז ביז גאָר אינטערע־סאַנט פאַר אונדז אידן, זי איז אמת ווי מיר לעבן איצט אויף דער וועלט און כדאי עפּעס לערנען דערפון...

אַוודאי האָט מיך מיין פריינד מיט דעם מענטשן באַקענט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביידע האָבן מיר געהאַט אַ שייכות צו דער אידישער ליטעראַטור, ביידע „חוטאים״ — מיטן אונטערשייד, וואָס ער האָט געשריבן שירים אין דער שטיל, און איך האָב שוין דאָן צוגעגרייט מיין ערשט בוך דערציילונגען — „אויף אַ שמאָלער סטעזשקע״. נאָך אין זעלבן אָוונט, ווען מיר זיינען געבליבן געציילטע יחידים מיט רייזענען, — האָט ער, ווי זיי האָבן אים גערופן „אבא״, אַרויסגענומען אַ מאַנוסקריפּט פון בוזים־קעשענע, און דערלאַנגט רייזענען מיט אַ בקשה, ער זאָל אַ בליק טאָן אין די שירים און אים זאָגן אַ מיינונג. היות ס'איז ניט געווען מער קיין צייט, האָט רייזען אַ בליק געטאָן, גענומען לייענען און אַ זאָג געטאָן מיט חדוה: „אַך, ס'אַראַ טייערער כתב יד, ס'איז דאָך ממש אַ חיות דאָס צו לייענען, ממש גאָלדענע אותיות...״ רייזען האָט זיך אגב ביי אים אָפּגעבעטן, ער קען אים אין דער איצטיקער שפּעטער שעה גאָרנישט זאָגן, אָבער ער וועט עס געוויס אַ היים נעמען און אים שרייבן זיין מיינונג, און מעגלעך, ער וועט געפינען ערגעץ אַ טריבונע דאָס אָפּצודרוקן פאַר אים, און, לעת עתה, שרייבט אייערע לומדישע שורות...

איז דערנאָך אַוועק אַ שטיק צייט. ער האָט געוואוינט אין אַ דערבייאיקן

שטעטל, — קיין שוחט איז ער שוין דאַן ניט געווען. געוואָרן אַ קרעמער, געעסקט זיך מיט אַ קליינער גראָסערקעלע אין סאַמע אָרעמער געגנט פון די קוילן־גריבער. טייל פאַרבאַנד חברים האָבן שוין געוואוסט, אַז מיין בוך ווערט צוגעגרייט און פאַרגעשלאָגן, אַז היות ר׳ אבא איז אַ בן תורה, און אַ דיכטער, און האָט צייט, איז אפשר אַ פּלאַן אים צוציען מיט צוהעלפן אין דער אויסגאַבע. איך האָב אים אָפּגערופן. ער האָט מיט פאַרגעניגן אָנגענומען מיין איינלאַדונג צו אַזאַ וויכטיקער אַרבעט. איינער פון מיינע נאָענטע חברים האָט מיך אָבער אָנגעשראָקן. — „וואָס גייט איר טאָן, חבר בוים? איר גייט זיך פאַרדרייען מיט דעם איפכא מסתבראניק? מיט דעם אַפּיקורס? מיט דעם כופר בעיקר?״ — איך הער און שטוין. מיין חבר וויקלט אַרויס אַ געשיכטע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פון די ערשטע יאָרן, ווען אברהם שוחט איז אַריבערגעקומען, אַ יונג פאַרשוינדל, מיט אַ שוואַרץ בערדל, פון דער ליטע, — אַ פאַרטיקער „השכלהניק״, — מיט לומדות, מיט אַ זעלטענע שיחות חולין, זיך ניט גערירט פון אָרט אָן ציטירן די נביאים. — תורה איז ביי אים געווען די שענסטע „סחורה״... ער האָט זיך „צוגעלאָנטשעט״ צום היגן רב, דעם רב הכולל, הרב גינזבערג, אַ היימישער רב און זעלטענער בר דעת. — ער האָט געהאַט עטלעכע פיינע טעכטער, וואָס האָבן געוואַרט פאַר חתנים. אין די שטוב, דעם רבס, האָט אַריינגעצויגן די „כל קודש״, יונג און אַלט, יום ולילה, און הגם אבא שוחט איז נאָך געווען אַ „גרינער״, האָט אים הרב גינזבערג דווקא מקרב געווען, און באַלד האָט דער ועד הכשרות אים אָנגענומען, און געוואָרן שוחט אין אַ קליין שטעטל דערנעבן.

דאָרטן איז געווען אַ פיינע שול און עטלעכע הונדערט אידן. אבא שוחט האָט דווקא נושא חן געווען. געלערנט אַ בלאַט גמרא, געשאָכטן עופות און בהמות, און ניט איין מאָל איז ער בייגעשטאַנען דעם נסיון פון פסקענען אַ שאלה, הגם ער האָט עס אַנטזאַגט צו טאָן. עס איז דאָ ב״ה אַ רב אין דער נאָענטער שטאָט, ער ווייסט דעם דין, זאָל ער פסקענען!... האָט געטענהט ר׳ אבא... טייל אידן האָבן געדענקט, אַז היות ער איז נאָך אַ גרינער, ער האָט נאָך ניט געכאַפּט דעם אַמעריקאַנער שניט, עס וועט אים לאַנג ניט נעמען, ער וועט נאָך ווערן אַ רב... טייל האָבן געמיינט, אַז ס׳וואָלט געווען כדאי קודם כל אים קריגן אַ זיווג... און עס האָט טאַקע לאַנג ניט גענומען. עס איז געווען אַ איד, אַ למדן אין שטאָט, וואָס האָט איינגעלייגט וועלטן אים צו נעמען פאַר אַן איידעם. זי, זיין טאָכטער, איז ניט געווען אַבי ווער, און מ׳האָט חתונה געהאַט. געפירט פאַר עטלעכע יאָר אַ שיינע היים. עס זיינען געקומען קינדער. שיינע חברה — צוויי בחורימלעך מיט קוטשעראַווע האָר און שוואַרצע אייגלעך. דערנאָך — צוויי טעכטערלעך. דער מענטש האָט געקאָנט לעבן און לאַכן. אָבער, ער האָט זיך אין אַ שיינעם טאָג „איבער־געקערט״, פשוט קאַליע געוואָרן, האָט אַוועקגעוואָרפן די שחיטה, און אָט ווי איר זעט אים, איז ער, עד היום, אַ רעטעניש. ער איז שוין אַלט געוואָרן און פאַרלוירן געגאַנגען, זיך ממש אַליין פאַרמשפט...

אַזוי־אַ, בקיצור, האָט מיין פריינד זיך אָפּגעזאָגט זיין מעשה בנוגע דעם פאַרשווין, און איך בין געבליבן מיט אַן אָפּן מויל. איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ געשיכטע איז סתם אַזוי אָפּצופטרן, פּשוטו כמשמעו... עס האָט מיך אָנגערעגט מיט אַ געוויסן קוריאָז, מיט אַ מה זה ועל מה זה? בפרט אַזאַ מענטש, מיט אַזוי פיל לומדות וועלכער שרייבט שירים. אינערלעך האָב איך געפילט, אַז הגם מיין פריינדס רייד לגבי דעם נוגע בדבר האָט מיט זיך געטראָגן אַ גרויסן מוסר השכל, וועל איך אים אָבער מוזן באַגעגענען ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט. עס האָט געזאָלט זיין ביי מיר אין הויז, אָבער ער האָט מיך קודם געבעטן צו קומען צו אים, היות ער איז אַ פאַרנור־מענער מענטש, עוסקט זיך מיט גראָסערי־ביזנעס, און — האָט נאָך אַ צווייטע מלאכה — ער פאַרריכט אָמברעלאָס — „זאַנטיקעס״, — האָט ער מיר מיט שפּאָס מרמז געווען דורכן דראָט... — ווי אַזוי אַ געוועזענער שוחט קען אויך פאַרריכטן זאַנטיקעס, שירמס, — זאָלט איר איצט ניט פרעגן. איר וועט עס געוויס אויסגעפינען אין מיין אַרויסוויקלען דעם מענטשנס קוריאָזע לעבן בפּרוטרוט...

יאָ, איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צום שטעטל וואו ער האָט געהאָט זיין געשעפט, און אָט באַגעגנען מיר זיך אין זיין הויז, אין די הינטערשטע צוויי רומקעס, די גראָסערי האָט פאַרנומען דעם פראָנט. און ער האָט שוין געהאַלטן און אויסלעשן די ליכט, ער האָט מיט פרייד מיך גראָד באַגעגנט, באַלד מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין פרוי — שוין אין די פופציקער, — באַלד איז אַריין זיינע אַ געראָטענע טאָכטער, און אָט זיץ איך שוין לעבן אַ טיש אויף וועלכן ס'איז געלעגן אַ חומש מיט אַ סך פירושים, און אַ פולע אַשניצע מיט שטיקלעך סיגאַרעטן, — ער איז אגב געווען אַליידנשאַפטלעכער רויכערער, — ער האָט אַראָפּגענומען די אַשניצע און זי אויסגערייניקט, — און באַלד זיך גענומען צונויפלייגן די „זאַנטיקעס״, וואָס זיינען געווען צעזייט און צעשפּרייט אין דער לינקער זייט פון קיך. די קיך איז אגב געווען אַ גרויסע. די טאָכטער זיינע, די אינגסטע, האָט זיך געכאַפּט אים צו העלפן, אָבער ער האָט איר נישט געלאָזט. — דו אַרבעטסט שווערער פאַר מיר, טאָכטער מיינע, — האָט ער ערנסט אַ זאָג געטאָן... זי איז געווען אַ בוכ־האַלטערין און צייטנווייז האָט זי מיטגעהאָלפן אין דער שטאָט־ביבליאָטעק, — זיין פרוי איז שוין דעמאָלט ניט געווען געזונט, — איך האָב זיך דערפילט ניט אַזוי היימלעך. ברעיון האָט אויף מיר געווירקט אַזאַ סאָרט לעבן... ובפרט אין אַמעריקע, אין אַ שטעטל אָרום קוילן־גריבער, אַזאַ אביונות!... אַזאַ דלות, — האָב איך צו זיך שטיל גערעדט... וואָס קען ער שוין פאַר מיר טאָן מיט מיינע כתבים? — זיין פרוי האָט זיך פאַרענטפערט. — איך פיל ניט גוט, — האָט זי גערעדט שטיל, — מיין אברהם מוז זיין אי אַ בעל־הביתטע, אי אַ ביזנעסמאַן און אַ פיקסער פון אַמברעלאָס... צו וואָס דאַרף ער עס, פאַר וועמען, פאַר וואָס? — ער האָט זי אָפּגעשטעלט, — וואָס קלאָגסטו פאַרן גאַסט? מאַך בעסער אַ גלעזל טיי...

איך האָב זיך געבעטן — „ניט נייטיק, גלייבט מיר, איך קען סיי ווי ניט זיין דאָ לאַנג. איך האָב געבלאָנדזשעט צו אייך פאַרנדיק און ס'איז שוין זייגער צען, סיי ווי סיי. — אָבער ער וויל ניט הערן. — מירן טרינקען טיי, חבר בוים... איר וועט פון אונדז טרוקן ניט אַהיימפאָרן...״

און אַזוי זיצן מיר שויןביידע אין דער שפּעטער נאַכט. איך בעט זיך ביי אים, — ר' אברהם, איך מוז שוין גיין. איך וועל נעמען אַ טאַקסי, עס ווערט שפּעט. — אָבער, אַנשטאָט צו לייענען מיינע כתבים, לייענט ער זיינע שירים, רוויכערט, פאַרציט שטאַרק, און לייענט מיט זיין ריין און קלינג־געגדיקן לשון מיט דער רייש, שאַרף און דראַמאַטיש, — ביי יעדן צי פון זיין סיגאַרעטל עפענען זיך ביי אים די ליפּן אין אַ שלשלת מיט די נאָזלעכער.

אַוודאי און אַוודאי האָב איך באַוואונדערט זיין דיקציע, זיינע שיחות חולין און נאָך מער, זיין אויסערגעווינלעכקייט אין אויסבויען זיין אַרעם וועלטל, אָט פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט אַ געוויסן תענוג דערפון... האָב איך שוין ביי מיין ערשטן וויזיט געוואוסט, אַז איך דאַרף איינפּאַקן מיינע כתבים און זיך נעמען אַליין צו דער אַרבעט. ער האָט אָבער די איינלאַדונג צו מיר אין הויז אָנגענומען. און אָט זיצט ער שוין ביי מיר אין הויז אין אַ זונטיק נאָך מיטאָג. מיין פרוי איז אַ גאַסטפריינדלעכע און ער האַלט זי אין איין לויבן. ער גיט זיין טייטש פון אשת חיל מי ימצא, אין שקר החן והבל היופי... ער גייט אַריין אַזוי טיף אין די צוויי מאמרים און ברענגט מיין פרוי אַלס נמשל... ממש פּערל גיסן זיך אים פון מויל, אָבער ניט כדרך העולם. דער טייטש ווערט ביי אים עפּעס איבערגעדרייט. איך וויל אים קלאָר מאַכן, אַז שלמה המלך האָט געוויס ניט געדאַרפט פרעגן עמעצן, ווי צו שרייבן זיין שיר השירים, וכדומה. אָבער, ער ווערט ניט נתפעל פון מיין באַמערקונג, און פאַרקערט, ער גיט אַ שמייכל און פאַררויכערט זיך אַ סיגאַרעטל, — אָט ווי די ווערטער זיינע און מיינע וואָלטן געווען אַ שפּילעכל... ער גייט אַוועק אַזוי וויט, אַז ער מאַכט אַפילו בטל דעם בראשית, — אַז ער גלייבט גאָרנישט אין גאַנצן, אַז משה האָט געהאַט עפּעס אַ שייכות מיטן הימל, אַז גאָט האָט אים געזאָגט פּינקטלעך בפרוטרוט ווי אַזוי ער האָט די וועלט באַשאַפן. — אויב איר, און ווי איר זאָגט, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק גלויבט אין דעם, איז זיי גוט די וועלט, זאָלן זיי גלויבן! איך בין אַפילו טאָלעראַנט צו גלויבנס פון אַנדערע פעלקער. אָבער, איך בין שוין לאַנג אַוועק פון דעם, — האָט ער ערנסט באַטאָנט...

איך האָב אים, אַלס גאַסט, נאַטירלעך ניט געוואָלט פּוגע בכבוד זיין, איך האָב דווקא אַרויסגעוויזן אַ סך טאָלעראַנץ צו אים. איך האָב דערזען פאַר זיך אין מיין אייגענער משפחה, מיין פעטער אורי, דעם טאַטנס אינגערן ברודער, מיט וועלכן די שטאָט האָט זיך געוויגט איבער זיין פּלוצימדיקע אַפּיקורסות. איך בין נאָך געווען יונג און ניט פאַרשטאַנען אויף ווי וויט ער איז אַראָפּ פון דרך הישר, ווי מיין אייגענער פאָטער פלעגט זאָגן — שיר, שיר האָט מען אים געלייגט אין חרם. — עס האָט זיך געטאָן חושך אין

שטאָט. מען דערציילט, אַז ער האָט ממש אָפּגעעקט דעם זיידנס יאָרן, גע־שטאָרבן פאַר דער צייט.

אָט צוליב דעם נסיון אין אונדזער משפּחה האָב איך נאַטירלעך, אים פּאַמעלעך דערציילט אונדזער אייגענע געשיכטע, אים מרמז געווען אַז אין אַפּיקורסות איז פאַר מיר איצט קיין נייעס ניט. אָבער מיר איז גע־לונגען, אין אַ געוויסן וועג, אים אַנצואווייזן, אַז דעם גלויביקן איז ועל כולם בעסער, ווי דעם אַפּיקורס... ער האָט באַשטימט געבעטן איך זאָל אים ניט רופן אַפּיקורס. ער וויל מיר על כולם דערציילן זיין געשיכטע.

— היות איך בין אַ שריפטשטעלער איז אדרבא, הערט מיך אויס, ווערט מיט מיר באַקאַנט. איר וועט מיך אויסהערן און דערנאָך וועט איר קענען אַרויסגעבן אייער פּסק. איר מוזט קודם וויסן, אַז איך בין דאָ אין שטאָט איבער דרייסיק יאָר. איך האָב דאָ קיינעם, עד היום, קיין שלעכטס ניט געטאָן. אויב איך האָב יאָ, איז עס ווי איר זאָגט — זיך אַליין... — איצט, לאָמיר זען אויב ס'איז טאַקע אַזוי?

ער האָט מיך אגב אַ פרעג געטאָן ווי לאַנג איך בין אין אַמעריקע? ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין דאָ זינט 14 יאָר, נאָך ממש פון חדר־יאָרן, האָט ער מיט שטוינונג ערשט אַ זאָג געטאָן, אַז איצט איז אים פאַר־ענטפערט די קשיא... ער גראָד איז שוין געווען אַ סך עלטער פאַר מיר. עס, הייסט עס, איז שוין געקומען אַהער פון איראָפּע מיט עפּעס מער, ווי איך האָב אַהערגעבראַכט... ער האָט זיך אַריינגעפירט פון די סאַמע חדר־יאָרן ביז דער צייט ווען ער האָט געענדיקט די ישיבה און געקראָגן די קבלה, — די קבלה אויף שחיטה און געשילדערט די השכלה־יאָרן ביז ער איז אַריבערגעקומען אַהער. דאָס אַליין איז גענוג פאַר אַ בוך. אָבער איך וועל לשם קיצור פאַרצייכענען בלויז זיין „בראשית״, ווען ער געפינט זיך שוין דאָ אַלס שוחט, בעת איראָפּע איז שוין פאַר אים געווען ווי אַ חלום...

איך בין נאָך געווען יונג. שחיטה איז געווען ווי אַ צוטריט צו אַ שוועל, — פּשוט אַ פאַרזיכערונג פאַר פּרנסה אין אַמעריקע... ווי איר האָט אַוודאי געהערט, בין איך אין אַנהייב געווען אַ בן בית ביים רב. איר האָט הרב גינזבורג ניט געקענט, אָבער איך האָב זיך געפילט ביי אים ווי אַן אייגענער מענטש. אַפילו צו טרינקען ביי אים אַן איינפאַך גלעזל טיי איז עס געווען מיט קדושה. עס איז ניט אַוועק קיין טאָג מיר זאָלן ניט שמועסן מעניני דיומא, און אָפט זיפצן וואָס פון אונדזער אַלטער היים איז געוואָרן. מיר האָבן גערעדט פון היימישער שחיטה, ווי אַזוי מען פלעגט זיך ממש גיין טובלען, ווען מ'האָט בודק געווען די חלפים. מ'האָט געהיט די שחיטה כחוט השערה... און אַוודאי סומירט דעם סך הכל פון היגער שחיטה... דער רב פלעגט זיפצן און באַדויערן וואָס ער קען ליידער גאָרנישט טאָן. — איך האָב זיך אויך ביסלעכווייז געמוזט צוגעוואוינען צום „האָרי אָפּ״, צום געיעג. מ'האָט געפאָדערט צו שעכטן עופות, קאַטשקעס, גענדז אַן אַ שיר. — ווי

האָבן די חלפים געקענט זיין אַן פּגימות אין אַזאַ געיעג, אין אַזאַ הו האַ? איך בין שוין דאַן געווען אַ חתן. איר האָט דאָך געזען מיין ווייב, און מסתמא האָט איר דאָך געהערט פון מיין שווער ע"ה. געווען אַ תמימותדיקער איד, אַ למדן. פאַר מיר איז געווען אַ פרייד מיט אים צו שמועסן. איך האָב חתונה געהאַט און שוין געהאַט צוויי קינדער. פלעגט גיין דאַוונען כאור הבוקר. — איין טאָג האָב איך עפּעס דערפילט אַז כ'האָב ניט דערשאָכטן אַן עוף. איך האָב אַ רוף געטאָן דעם בעל־הבית, אים געזאָגט דערפון, אַז ס'עוף איז טריף... אַז...

ער האָט אויף מיר אַ בייזן קוק געטאָן. — דאַנט בי אַ גרינהאָרן! — האָט ער מיט רוגזא אַ זאָג געטאָן. — קיפּ וואָרקינג! איך האָב עפּעס דערפילט ווי איך בין ניט מער ווי אַן אויטאָמאַט אַ שוחט, אַ גרינהאָרן, אַ גאָרנישט מיט נישט, איך שעכט מאַשינאַווע. אַז איך האָב קיין ווערט, אַז מיינע דריי־סיק יאָר לערנען האָבן מיך געמאַכט ווי אַ תם. איך, אברהם־בער — יעקב־יוספס אַ זון, שטיי דאָ אין אַ טייך בלוט, פאַר אַזאַ ביליקן פּאַרשוין ווי אַ פּשוטער הימישער בירזשעניק אָדער בעל־עגלה!

ניין און ניין. איך שעכט ניט מער! — האָב איך צו זיך געזאָגט. — איך בין נאָך ניט קיין פאַרלוירענער. ס'זיינען נאָך דאָ אַנדערע פּרנסות!...

— איך בין אַהיים געלאָפן, געזאָגט דעם „בירזשעניק" אַז איך פיל ניט גוט, זיך פאַרטרויערט פאַר מיין פרוי, אַז איך קען מער ניט שעכטן, איך קען מער ניט הערן די רייד פון די קצבים. די הויט־שינדער, דער טאַראַראַם מיטן האַרי אַפּ, מאַכט מיך ווילד. אַפילו ביים דאַוונען שטעלט זיך מיר דער שטן אַנטקעגן און הייסט מיך אַוועקוואַרפן די חלפים... איך קען ממש ניט שטיין מיטן טלית און תפילין ביים דאַוונען. — מיין פרוי קוקט מיך אָן, זי מיינט חס ושלום, אַז איך בין חסר דעה געוואָרן!...

— וואָס פאַר אַ רייד, מאַן מיינער? — טענהט זי. מער האָב איך צו איר וועגן דעם ניט גערעדט. — האָט ער אַ צערודערטער פאַרענדיקט...

איך בין געווען שטאַרק צערודערט פון זיין ערנסטן סך הכל, און דער־זען ביים ווישן זיינע ברילן, די מידע ברוינע אויגן און זיין טונקלהויטיק צעקנייטשט פּנים און איינגעפאַלענע באַקן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז דער מענטש איז ווייט פון פרייד. און הגם ער האָט נאָך די פולע לעבנס־געשיכטע ניט פאַרענדיקט, האָב איך געזען די טראַגעדיע פון אַ בשר ודם, וואָס האָט פאַרלוירן זיין גלויבן און אגב, אַלס אַ בן־תורה — אַ דיכטער, אַ געוועזענער כלי קודש וואָס האָט אָנגעהויבן וואַנדערן גייסטיק, אָבער איז עקשנותדיק אויסגעהאַלטן אין זיין לעבנסשטייגער, הגם ער פילט אַז ער האָט דורך זיין פאַרבלאָנדזשעטן וועג פאַרלוירן אַ סך פריינד, — עס איז דאָך ניט קיין שפּילעכל צו קומען צו אַ מעמד און בפני כל עם ועדה לייקע־נען על השם ועל משיחו...

איך האָב אים געוואָלט גיכער דערזען באַדאַי און דמיון אין יענע אַמאָליקע יאָרן, דעם יונגן שוחט, דעם באַבערדלטן. און אויך דערזען דעם גלגול, אַלס

אבא דעם שוחט, דער אַמבּרעלאַ־פאַרריכטער, דעם פעדלער און גראָסערי־מאַן, וואָס שרייבט אויך שירים... — סאַראַ מהלך דאָס איז!...

ער האָט זיך גענומען אויסווישן די ברילן ס׳צווייטע מאָל. קענטיק די נערוועאישקייט האָט אים זיין ראיה פאַרטונקלט. מיין פרוי האָט געשטעלט כיבוד און מיר האָבן געוואָלט אָפּווישן דעם טיפן איינדרוק פון זיינע רייד מיט נייע רייד... מיטן טיי טרינקען, וכדומה. טיילווייז איז מיר געלונגען איך האָב אויסגעדריקט באַדויערן, וואָס מיר זיינען עפּעס היינט אַוונט אַוועק אויף גאָר אַן אַנדער וועג. — אייגנטלעך האָב איך דאָך אייך געוואָלט לייענען מיינע כתבים און איבערגיין צו תכלית... ער האָט זיך ביי מיר אָפּגעבעטן. — ניין, בוים, ניט היינט; ס׳איז שוין שפּעטלעך, מיין פרוי פּילט זיך ניט אַמבעסטן. — איך גלייב קוים אויב איך וועל, אין דער שטימונג לעצטנס, סיי ווי סיי פאַר אייך עפּעס קענען טאָן. די אויגן דינען מיר שוין ניט... און מיין איינציק שטיקל פאַרמעגן איז מיין זכרון. דאָס איז מיין עשירות. איך קען נאָך היינט אַ סך קאַפּיטלעך תנ״ך אויסנווייניק. און כאָטש מענטשן האַלטן, אַז איך בין אַוועק לתרבות רעה, בין איך אָבער אַלץ דער תלמיד פון אונדזערע גרויסע דענקער.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און געבעטן אַנטשולדיקונג. — איך האָב דאָך אייך אַוועקגעפּטרט אַן אַוונט, האָט ער כלומרשט באַטאַנט. ער האָט אָבער צוגעזאָגט צו קומען אַ צווייט מאָל אין אַ שעת הכושר, און זינט דאַן, איז שוין אַוועק בערך פופצן יאָר. ער איז מער צו מיר ניט געקומען. אָבער איך פלעג אים אָפט באַגעגענען בלויז אין אַ יום טוב; ביי אַן אונטערנעמונג, ווען ער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן, אין זיין אַרבעטער־רינג. ווייל ער איז אַרויס פון פאַרבאַנד. ניט געקענט טראָגן דעם יאָך פון צאָלן אַזוי פיל דיוס... אין אמתן איז עס ניט געווען דערפאַר. ער האָט זיך ממש איזאָלירט. די קינדער האָבן חתונה געהאַט, געגאַנגען זייער וועג. אויך אין די קינדער האָט ער קענטיק אַריינגעפּלאָנצט דעם פרייען געדאַנק... און ס׳מערקווירדיקסטע איז, וואָס זיין פרוי איז באמת געווען אַ טיף רעליגיעזע אין די ערשטע יאָרן, און דורך אָט דעם גלגול זיינעם, איז זי אויך געוואָרן פריי... שטיל און באַשיידן האָט זי אַלץ אָנגענומען, ווי ס׳איז איר באַשערט. זי האָט ניט געלאָזט פאַלן אַ שפּרינקעלע אויף איר מאַן, וואָס האָט געוויס געהאַט גרויסע מעלות. עס איז געווען גענוג צו דערמאָנען זיין נאָמען, און עס פלעגט זיך אַן עפן טאָן דער פּנקס העיר בימי הרב גינזבערג. מ׳האָט נאָר געדאַרפט אָנשטעלן אַן אויער, און איר האָט דערהערט, ווי יעדער בלאַט רעדט לעבע־דיקע רייד. און ס׳וועט דערציילט, אַז ביום ההוא, אין אַ דאָנערשטיק ביי־טאָג, האָט אָנגעקלאַפּט אין רבס טיר ר׳ אברהם שוחט, אַ נערוועאישער, צערודער־טער, און באַלד ביים געבן שלום דעם רב, — האָט ער אָנידערגעלייגט ס׳קעסטל מיט די חלפים אויפן טיש און געבעטן דעם רב, ער זאָל אים אויס־הערן. ער האָט אים עפּעס וויכטיקס צו זאָגן. דער רב, שוין אין די זיבע־ציקער, האָט געשטוינט, — הגם אין יענעם מאָמענט האָט זיך אים געדוכט,

אַז ס׳איז פון יענע געווײנלעכע זאַכן: מסתמא האָט ער געהאַט עפּעס אַ מחלוקה אין שלאַכטהויז, און ער האָט אַ קלאָגע קעגן עמעצן. האָט טאַקע דער רב פּרובירט טרעפן? אָבער — ניין, ניין, רבי! — האָט ער מיט זיכערקייט אים איבערגעשלאָגן, — דאָ איז ניט בלויז עפּעס אַ מחלוקה, רבי! — היינט איז מיין לעצטער טאָג פון שחיטה, רבי! איך שעכט ניט מער! און ווייסט, אַז איך בין גאַנץ רואיק. איך בין, חלילה, ניט חסר דעה, — איך טאָר מער ניט שעכטן! די סיבה דערפון איז אַ טיפערע, ווי סתם אַ קאַפּריז... האָט אברהם שוחט געגומען קלאָר מאַכן.

הרב גינזבערג האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן. ער איז שוין געווען געוואוינט צו פאַרשיידענע מינים כאַראַקטערן, בעת מען פלעגט זיך קומען לאַדן. קיינער איז אין אַזאַ צייט ניט רואיק... און זיין איינציקער מעטאָד איז געווען — קודם כל, צו באַרואיקן די נוגע בדבר. און אויך היינט האָט ער געבעטן ר׳ אברהמען ער זאָל זיין רואיק.

— מיר וועלן פּאַמעלעך שמועסן אין מיין חדר מיוחד, אין בית דין שטיבל. — און אַזוי, זיצנדיק ביים גרויסן טיש, אַרום ספרים, האָט זיך אברהם שוחט מתודה געווען פאַרן רב, געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין. ער האָט אים געבראַכט די חלפים. ער גיט זיי אַ מתנה דער שטאָט. ער דאַרף זיי מער ניט, ער ווערט אויס שוחט. ער וויל זיך אונטערשרייבן, אַז ער האָט צו דער שטאָט לחלוטין גאָרנישט. ער ווערט אַ פרייער מענטש. ער קען מער נישט זיין אין דער חברותא פון די כלי קודש, ווייל ער וועט באַגיין אַ גרעסטן חטא, אויב ער וועט אָנגיין מיט שחיטה מיט פאַלשקייט. ער וויל מער ניט זיין קיין חוטא!

דער רב איז געבליבן ווי געפּלעפט. אַזאַ נסיון טרעפט אים ס׳ערשטע מאָל, ובפרט, ס׳איז אַ ענין פון אַ שטאָט... עפּעס ניט אַזוי טוט זיך ווי סע רעדט זיך.

— איר מוזט זיך גוט באַדענקען, ר׳ אברהם, — האָט אים דער רב געבעטן. — איך קען אייך באמת ניט תופס זיין, ר׳ אברהם. וואָס איז געשען? מאַכט מיר קלאָר. צי מיינט איר חס ושלום אַראָפּגיין פון דרך הישר? וואָס הייסט איר גיט אָפּ דער שטאָט די חלפים?! איר זענט דאָך אַ בר דעת, אַ יודע ספר! אַזוינס איז נאָך ביי אידן ניט געהערט געוואָרן! גאָט איז מיט אייך! זייט ניט איבעראיילט! איך קען מיט אייך ניט מסכים זיין! איר זענט לכל הדעות אַ בקי בש״ס ופוסקים, — איר ווייסט געוויס דעם דין, אַז אַ רב קען אַזאַ נסיון ניט אָפּפּטרן כלאחד יד! איר האָט, חס ושלום, געזען פאַר זיך אַ בייזן שטן!?...

דער רב האָט געגומען אַרומשפּרייזן און, אגב, זיך אַ קער געטאָן צו דער שאַפע ספרים און אַ כאַפּ געטאָן אַ ספר, דאָס געוואָלט עפענען, אָבער דער שוחט האָט זיך ביים רב געבעטן: — רבי, איך בעט אייך, לאָמיר ניט אַריינגיין אין דינים, אין פרטים, וואָס וועלן צו גאָרנישט ברענגען. איך בין שוין אַ סך נעכט ניט געשלאָפן איבער דעם באַשלוס. עס איז ניט ווי איר

דענקט, אַז איך ווער פלוצים אַן אַפּיקורס, אַ כופר, די תורה איז נאָך ביי מיר אַלץ אַ תורה! איך וויל אָבער ניט זיין קיין היפּאָקריט. אַ שוחט מוז שעכטן כדת וכדין און פילן, אַז ס'איז אַ זכיה צו זיין אַ שוחט. איך פיל דאָס ניט מער, איך בין זיך מודה, און איך בין גרייט אַפילו גערופן ווערן אַ כופר בעיקר, ווייל איך בין עס ניט, בפירוש נישט! איך וויל בלויז ווערן פריי... —

איר קענט זיך שוין משער זיין, אַז דער רב האָט קיין תענוג דערפון ניט געהאַט. ער האָט גלייך פאַררופן דעם ועד הכשרות, זיי מודיע געווען, אַז באַלד נאָך שבת בלי נדר, וועט זיין ביי אים, אין בית דין חדר, די אסיפה. — עס איז לכתחילה צוגעגאַנגען שטיל. דאָס קעסטל חלפים איז געלעגן אָפן אויפן גרויסן טיש, וואו טייל בעלי־בתים און שוחטים האָבן זיך געקהלט. טייל האָבן שיר באַוויזן, אַז זיי האָבן ממש געקענט נביאות זאָגן, אַז אברהם איז געווען געכאַפּט אין דער מעשה, אַז ער איז שוין געווען קאַליע מיט אַ יאָר פריער... און על פי דין, וואָלט דער מענטש נאָך אַזאַ „חתונקעלע", געדאַרפט עוקר זיין פון שטאָט. אַז אין דער אמתן האָט ער אַלעמען פאַר־שעמט, געשטעלט יעדן צו אַ נסיון, שלא כדרך העולם. אָבער ס'האָט גאַרנישט געהאָלפן. ער איז גערופן געוואָרן פאַר אַ קלאָרער דערקלערונג צום גאַנצן ועד און ער איז געקומען. מיטן אייגענעם באַשלוס זיך מודה געווען, אַז ער איז אידעאיש און קאַטעגאָריש גרייט אָפּצודאַנקען. און ער האָט דערקלערט, אגב, אַז מיטן אָפּגעבן די חלפים, איז ער אין גרונט ערלעך... און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די שטילע מחלוקה אין הרב גינזבערגס בית דין שטיבל... לויט סברות, האָט הרב גינזבערג געפונען אַ סך זכותים אין דעם מענטשנס נסיון... און יעדן געבעטן זיך האַלטן אין דער מעלה און, חס ושלום, דעם מענטשן ניט רודפן. ער איז ועל כולם, אַן ערלעכער מענטש, — לויט זיין ווידוי...

און אַזוי האָט זיך דער אברהם שוחט אַרויסגעצויגן אין אַ קלענערע שטעטל. דער טומל איז פאַריבער. עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז דער מענטש האָט געהאַט אַ סך סימפּאַטיקער. — ס'אַמעריקע, — האָבן זיי גע־טענהט, — ס'איז איצט אַן אַנדער צייט, אַן אַנדער וועלט. סיי ווי האָט שוין געבלאָזן אַ לינק ווינטל פון אייראָפּע און זיך אַריינגעריסן אין דער פאַר־אייניקטע שטאַטן. און ביסלעכוויז, איז אָט דער אברהם שוחט געוואָרן אַ פּעדלער, מיט שירמס, געקלאַפּט אין די טירן אַרום די קוילן־גריבער, זיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין צו פאַרריכטן זאַנטיקעס, און, ווי געזאָגט, האָב איך אים דערקענט, ווען ער האָט שוין געהאַט זיין גראָסערקע און געשריבן אין דער שטיל זיינע שירים. געווען אַ וואָרטזאָגער, אָפן און פריי האָט ער צוגעגעבן, אַז ער איז מער ניט קיין גלויביקער. אַז שוין יאָרן און יאָרן פילט ער זיך אמתער אַלס אַ פרייער מענטש...

איך וואָלט זיך קיין מאָל ניט געגלויבט אַז דאָ, אין אַרבעטער־רינג, זאָל שטיין אַ מענטש לעבן אַ פּלאַטפאָרמע, ביי אַ לעקציע פון גרויסן

דיכטער אברהם רייזען, אַ פרייער, ניט גלוביקער און ציטירט ישעיה הנביא אַזוי גלענצענד, און צום פונקט. און כאָטש מיר זיינען געווען קאָלעגן, „זינדיקע" מיט דער פען, האָב איך אָבער אחר המעשה זיך ניט געקענט מיט אים חברן. הגם, ווען מיין בוך — „אויף אַ שמאָלער סטעזשקע" איז אַרויס, האָט ער זיך געגרייט צו מיין ערן־אָונט אין ווילקעס־באַרע, צו זאָגן אַ וואָרט וועגן מיין בוך.

און ווי דאָס לעבן פירט, איז דער באַנקעט מיינער טיילוויז צעשטערט געוואָרן איבער דער ביטערער נייעס, אַז יאַפּאַן האָט באָמבאַרדירט פּוירל האַרבאָר... עס האָט זיך געטאָן חושך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אַ קליי־ניקייט, אַזאַ פאַרראַט מצד יאַפּאַן קעגן אַמעריקע!... און מ'איז דעריבער געגאַנגען שפּעט צו דער סעודה, און ער איז, לײדער, צום וואָרט ניט געקומען, ווייל די פאַרבאַנד חברים זיינען געווען צו מיר נענטער און ס'איז גענוג געזאָגט געוואָרן... ער פלעגט אָבער זיך דערפרייען ווען ער האָט מיך דערזען. זיך פאַרטרויט, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין רייזענס צוזאָג, אַז ער האָט אים געשיקט עטלעכע וויכטיקע שירים און אין קול ואין עונה!

איך האָב אין זיינע רייד ניט געפונען אָט דעם זיכערן טאָן, ווי ער פלעגט וועלן מאַכן דעם איינדרוק. ער איז פאַרבליבן ביי מיר אַ מענטש וואָס בלאָנדזשעט שוין צענדליקער יאָרן. און אין מיין טיפן האַרצן האָב איך אים דווקא באַדויערט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט לכל הדעות זיין וועג ניט געפונען...

אָבער, אייביק לעבט דאָך ניט אַ מענטש... איך האָב דורך אַ ידיעה פון מיין טעלעפאָן דערהערט די ביטערע נייעס, אַז אבא שוחט איז אין שפּי־טאָל געשטאָרבן און די לוויה וועט זיין זייגער צוויי. און ער וועט דווקא באַ־ערדיקט ווערן אויף דעם אַרבעטער־רינג הייליקן אָרט. האָב איך זיך גע־וואונדערט, ווייל ער האָט געמאַכט אַ צוואה מען זאָל זיין קערפּער פאַרברע־נען. אָבער די לעצטע טעג פאַרן טויט האָט ער גערופן זיין נאָענטסטן פריינד, טאָמאָוויטש, דעם סעקרעטאַר פון אַרבעטער־רינג און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים מאַכן אַן איינפאַכע לוויה, און ער וויל ליגן אויפן אַרבעטער־רינג בית עולם...

אוודאי זיינען מיר, פאַרבאַנד חברים, צוזאַמען מיט דעם אַרבעטער־רינג, געווען ביי דער לויה. מיר האָבן געפילט, אַז קיין עולם וועט ניט זיין. זאָלן זיך די קינדער זיינע ניט פילן שלעכט ביי זייער פאָטערס פּטירה. מיר זיצן אַלע אין אַבילות, אַנטקעגן שטייט דער אָרון לעבן אַ וואַנט, אויף אַ שמאָלער פּלאַטפאָרמע. עס צאַנקט אַ מאַט עלעקטריש ליכטל און וואַרפט אַ מאַטע שיין אויפן אָרון. לינקס שטייט חזן הורוויץ און זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים. מיר, די נאָענטע, זיצן מיט געבויגענע קעפּ. און טראַכטן אַ סך. לעבן חזן הורוויץ זיצט הרב דיוויִדסאָן, דער רב הכולל פון ווילקעס־באַרע, — שוין אַן איידעם פון יענעם חשובן רב, הרב גינזבערג. ער, הרב דיוויִדסאָן, איז אַן אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסישער רב, שוין אין די טיפע פופציקער. איך פרעג

זיך און קלער, — מי יודע וואָס הרב דייווידסאָן וועט דאָ זאָגן ביים מספּיד זיין דעם נפטר. אַנטקעגן זיצן די קינדער, די אבלים. דאָס שטילע געוויין דערמאָנט אונדז אַוודאי אין דעם נפטרס טראַגישע יאָרן. איך בויג זיך אָן צו מיין פריינד טאַמאָוויטשן. ער וויל איך זאָל זיין איינער פון די נושאי המיטה. — געוויס, — ענטפער איך, — ער איז דאָך פאַרט מיינער אַ נאָענטער... און אגב, טו איך שטיל אַ זאָג צו טאַמאָוויטשן, אַז איך שרעק זיך, טאָמער וועט רבי דייווידסאָן עפּעס זאָגן ניט לשבח דעם נפטר?...

מיר קנייטשן די שטערנס, זיצן מיט אַ מאָדנעם ציטער. אָט־אָ ענדיקט חזן הורוויץ דעם קאַפּיטל תהלים און רבי דייווידסאָן שטעלט זיך ענד־לעך אַוועק ביים שטענדער, וואו עס ברענט אַ ליכטל. עס ליגט נאָך דאָס תהילימל אָפן און הרב דייווידסאָן הויבט אָן שטיל, — אגב הוסט ער זיך אויס און גיט אַ וויש דעם שטערן, מיט אַ שטילן זיפץ... זיין פּאַטריאַרכאַלע פיגור און גרויען שפּיצבערדל, גיבן אים צו אַ באַזונדערן חן, אַ זעלטענע שיינע קאָמפּאַקטע פיגור פון אַ כלי קודש, אַ רב...

מיר שטוינען און שטעלן אָן מויל און אויערן ווי ער וויקלט אַרויס אויפסניי אָט יענע געשיכטע פון דעם נפטר, פּונקט אויפן האָר, ווי זיין שווער, הרב גינזבערג, האָט אים די מעשה דערציילט אינם ערשטן יאָר, ווען ער איז געוואָרן גינזבערגס ממלא מקום, ווי ער האָט אָפּגעבראַכט די חלפים, ווי ס׳האָט זיך אין שטאָט געטומלט, און דעם איינדרוק וואָס אַזאַ גלגול איז מיט דעם מענטשן געשען. אָבער, וויסן זאָלן מיר, אַז דאָ גייט פון אונדז אַוועק אַן אמתער מענטש, אַ מענטש, וואָס האָט אַליין געמוזט ביישטיין אַ גרויסן נסיון. מען דאַרף זיין אַ גרויסער מענטש צו קומען צו אַ רב און זיך מתודה זיין, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין אמונה אין גאָט... מיר מוזן, לכל הדעות, אַזאַ מענטשן רעספּעקטירן אַפילו ער גייט פון אונדז אַוועק. — ער, דער רב, דערציילט, ווי אין די שפּעטערע יאָרן האָט ער זיך מיט ר׳ אברהמען מער באַקאַנט, — און עד היום האָב איך פאַר דעם מענטשן געפילט אַ געוויסן צוטרוי... — ווייל ס׳איז בכלל שווער צו אורטיילן וואָס מיט אַ מענטשן קען געשען אין דער כאַאָטישער צייט... מיר זיינען מיט זיי ניט מסכים, מיר קענען ניט מסכים זיין! אָבער, למען האמת, מוזן מיר מודה זיין, אַז ער איז געווען אַ שטילער מענטש, אַ מענטש פון וויסן, אַ למדן, וואָס האָט אַ סך געלערנט, הגם אַ ניט גלויביקער. — געווען אַ גוטער פאָטער, און דערצויגן גוטע קינדער, וואָס וועלן אים געוויס ניט פאַרשעמען און זאָגן נאָך אים קדיש, ווי עס פירט זיך ביי כלל ישראל...

מיר האָבן זיך אַלע אויפגעהייבן בעת חזן הורוויץ האָט געזאָגט דעם אל מלא רחמים... און לסוף האָבן מיר די נושאי המיטה אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו, אויפן אַרבעטער־רינג בית עולם. און ווי אַ חבר צו אַ חבר זאָג איך איצט מיין וואָרט צו די שלושים פון ר׳ אברהם שוחט, וואָס איז פאַר אונדז פאַרבליבן אַ מיסטעריע עד היום. כבוד זיין אָנדענק!

# דער אָפּקלאַנג פון דורות

אין שטעטל האָט זיך געטומלט מיט אַ באַשלוס פון זאַמלען ביכער פאַר מדינת ישראל. אַלטע, נייע, אַבי ביכער. עס האָבן זיך צעטיילט עט־לעכע גרופּן פאַר דער וויכטיקער מיסיע. מיין וויניקייט בתוכם. איך האָב געהערט צו דער פאַרבאַנד־גרופּע, באַשטייענדיק פון דעם אחד העם צוויג, פּיאָנערן פרויען און פאַרבאַנד, פרויען קלוב. די אָרטאָדאָקסישע גרופּע האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויפקלייבן ספרים, אָבער מיין טייל, אידישיסטן, האָבן זיך געמאַכט זייער רשימה. מ׳האָט אָנגעהויבן רעכענען מי ומי? עס איז אויפגעשוואומען די על רגל אחתדיקע היסטאָריע פון אונדזער שטעטל ווילקעס־באַרע, וואָס טראָגט אויף די פּלייצעס הונדערט יאָר אידנטום. אַ געמיש פון כלערליי אידן, מערסטע אונגאַרישע און גאַליציאַנער. טייל האָבן שיעור געוואָלט האָבן אַז „פּראַנץ יאָזעף” האָט דאָ געקיניגט ממש מקדמונים... די רוסישע און ליטווישע אידן זיינען געווען אַ גרופּע פאַר זיך. מ׳האָט געבויט שולן לויט זייער מוסטער פון דער אַלטער היים, און ס׳איז געוואָרן אַ ויתרוצצו הבנים. אָבער אידן בלייבן אידן. און די הונ־דערט יאָריקע היסטאָריע האָט זיך דורכגעזיפּט צווישן די ביכער קלייבער.

איך האָב איינגעפּאַקט מיינע אייגענע עטלעכע ביכער וואָס כ׳האָב געהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ. זיי האָבן געזאָלט געשיקט ווערן צו מיין שטעטל פּעלשטין, נאָך פאַרן חורבן היטלער. איך האָב געלאָזט אַ טרער בעת איך האָב זיי געפּאַקט. געוויינט וואָס מיין „שמאָלע סטעזשקע” איז שוין אויך צעאַקערט דורכן חורבן. ווער איז דען געבליבן צו לייענען מיינע טיפן? מיינע תמימותדיקע דערציער, מיינע מלמדים און פשוטע אידן וואָס האָבן געטראָגן דעם חותם פון אָרענטלעכקייט, און מיט שטאָלץ געטראָגן דעם גלות, דווקא ווייל זיי זיינען אידן...

איך האָב אָפּגעווישט מיינע טרערן. אָבער די בילדער פון די פאַגראָמען האָבן פון מיינע אויגן נישט געקענט פאַרשוואונדן. אין מיין דמיון האָט זיך מיר געדוכט, אַז אין ישראל זיינען ערגעץ פאַרוואָגלט געוואָרן אייניקע לאַנדסלייט וואָס צו זיי קען אַמאָל אַריינפאַלן מיין בוך; און ווי גליקלעך איך וואָלט געווען ווען כאָטש איינער אַזאַ דערזעט מיין בוך — בערל בוימס בוך: בערל מרדכי יוזיפס „שמאָלע סטעזשקע”...

שווער אַפילו איבערצוגעבן ווי אַזוי מיינע רעיונות האָבן בשעתם גע־וואַנדערט, פּאַקנדיק דאָס פּעקל ביכער. איך האָב געהאַט אָפּגעמאַכט מיט מיינעם אַ חבר צו גיין אין עטלעכע באַשטימטע ערטער מיט זיין אויטאָ־

מאָביל, נאָר די מאָדנע שטימונג האָט מיך אַריינגעטריבן אין אַזאַ גליוועד־דיקן יאוש אַז איך האָב אַ טראַכט געטאָן: נאָך וואָס גיין ביכער קלייבן ביי פרעמדע, ווען איך האָב זיי אין מיין אייגענער שטוב; זיבער מעג איך אויסקלייבן אַ גרויסן טייל פון מיין אייגענער ביבליאָטעק, עס זיינען דאָך דאָ ביי מיר ביכער וואָס איך קריג פון ארבע פינות אַמעריקע, מעקסיקע, אַרגענטינע; ווען וועל איך אַלע לייענען? איך וועל דאָך אייביק נישט לעבן. איך האָב זיך אָפּגעבעטן ביי מיין חבר, און אים טאַקע דערקלערט מיין באַשלוס צו געבן אַ טייל פון מיין ביבליאָטעק, לעת עתה זאָל ער גיין מיט אַ צווייטן און מיר וועלן גיין אַן אַנדער טאָג...

כך הוה. איך נעם קלייבן. אָבער איך בלייב שטיין אין דער הויך אויף אַ טאַפּטשאַנדל. איך דערפיל, אַז יעדער בוך איז ווי אַ שטיק פון מיר. מערסטע זיינען אויטאָגראַפירט צו מיר, ווי אַ קאָלעגע, אַ מחבר. יעדער שרייבער גיט זיך זיין חתימה, מיט אַן אויפשריפט פון משפחה פאַרבינדונג. אגב בלייב איך שוין לייענען אַ שטייענדיקער און איך דערפיל זיך ווי אַ חוטא צו דעם מחבר פון בוך וואָס איך וויל אים אַוועקגעבן.

— פאַרוואָס טאַקע האָב איך דאָס בוך נים געלייענט? אַזוי איינעם נאָכן צווייטן, איך לייג צוריק ממש יעדן בוך אויף דער פּאָליצע און טראַכט: נו, אפשר געבן פינסקיס ווערק, אפשר גאָר שלום עליכמס וואָס זיינען שוין אַלט, צי די צוויי ביכלעך פון שלום אַש, פון זיין אַנהייב... קומט מיר אָבער אַ מחשבה אַנטקעגן און זאָגט: ניין, בערל, וואָס גייסטו טאָן, גייסט אַוועקגעבן שלום אַשן? און שלום עליכמען און פינסקין, צי קאָברינען? אמת, האָסט זיי שוין געלייענט, קענסט זיי שוין ממש אויסנווייניק אָבער זיי זיינען דאָך דיינע ערשטע מלמדים; מיט זיי האָסטו אָנגעהויבן דיינע ערשטע בלעטער, דיינע ערשטע שפּאַנען אין דער ליטעראַטור: די פרוכט פון מאַמע לשון; מיט וואָס וועסטו בלייבן?

איך דערזע ליגן ביי מיר עטלעכע סידורים פון מיין דינסט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אויך מיט אונטערשריפטן פון די טשאַפּלינס און וועלפעיר־באָרדס, איך האָב דאָך זוכה געווען צו הייסן בלומרשט דער קאַנטאָר פון קעמפּ גאָרדאָן, אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ. איך בליק אין זיי. יעדעס בלעטל, יעדעס וואָרט ציט מיך אַוועק צו יענער צייט, אַלס סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אין געפעכט מיט קייזער ווילהעלם.

אין דעם סך הכל — רעיונות וואָס גיבן פרייד און צער. אָבער אַ קול הערט זיך אויף פון ערגעץ — אַז אַזוינע סידורים דאַרף מען נים אין מדינת ישראל סיי־ווי־סיי, לייג איך זיי צוריק.

איז אָבער געקומען אַן אמת לעבעדיק קול אין דעם געשטאַלט פון מיין באַשערטער, מיין פרוי. זי איז אַריין אין מיין צימער, פרעגט וואָס איך באַברע זיך עפּעס היינט אַזוי פיל מיט די ביכער; מען דאַרף גיין עסן אָנבייסן. איך דערציייל איר מיינע רעיונות. זי פאַרשטייט מיך שטענדיק, אַפילו ווען כ'טו נאָר אַ וואונק, אַ רמז. זי ווערט ערנסט און זאָגט זיך אָפּ גרינג:

דו קענסט ניט זיין אַזוי סענטימענטאַל; ווילסט אָוועקגעבן אַביסל ביכער, גיב אָוועק! ווער וועט זיי דען לייענען איבער הונדערט יאָר, מאַרטין? צי מרים? ס׳איז דאָך אָפּנאַרעריי; ווער לייענט איצט בכלל אידיש? בלויז שרייבערס לייענען איינער דעם צווייטן. אַמאָל לייענען זיי גאָר זיך אַליין.

זי הויבט אָן קלייבן. אָט־אָ, וואָס דאַרפסטו דאָס ביכל, ס׳איז דאָך פּאָעזיע...

— ס׳איז דאָך פּרוגס, — טענה איך מיט באַטאָנונג...

— „סאָ, וואַט" — פרעגט זי שוין אין ענגליש. — ס׳איז דאָך שוין אַלט; האָסט דאָך נאָך דעקלאַמירט פּרוגס „סוכּה" מיט דרייסיק יאָר צוריק...

אירע אויגן פאַלן אויף נאָך ביכער. אַלטע און נייע. איך וויל ניט דערמאָנען קיין נעמען. עס נעמט ניט לאַנג, זי האָט שוין אויסגעקליבן אפשר צוואַנציק ביכער. — אָט די־אָ מעגסטו זיכער אָוועקגעבן.

איך בין אַרונטער פון מיין טאָפּטשאַן און ערשט אויפסניי גענומען קלייבן צווישן די ביכער. און אָוודאי האָב איך דערזען צווישן זיי יעקב גאָרדינס אַ ביכל פון די גאָר ערשטע דערציילונגען. ווי איך וואָלט געפונען אַן אוצר... איך פלעג זיך אַמאָל קוויקן מיט זיין סייפּריס הילס, מיט זיין שילדערן אַ בית עולם; זיין בילד פון אַ שניידער פאַבריק, ווי דער ווייסער טוך אין לאָנדזשערי ווערט געשפּרייט און די צושניידערס קאַטעווען. איך געדענק שוין ניט פּינקטלעך די מעשה געננוי, ווייל איך שרייב עס איצט, מיט פערציק יאָר שפּעטער ווען איך האָב גאָרדינען געלייענט.

יאָ, סענטימענטן פון אַן עפּאָכע וואָס איז געווען מיין אַריינפיר צום לעבן; ווי אַ דערוואַקסענער, וואָס דאַרף שוין וויסן וואָס סע מיינט דאָס געשריבענע וואָרט. איך האָב עפּעס געקראָגן קוראַזש אין זיך, מישב געווען, אַז מיין ווייב איז גערעכט. אויב אין ישראל זיינען דאָ אידן וואָס ווילן לייענען מעג מען אָוועקגעבן אַפילו די טייערסטע ווערק. ספרים זיינען ניט געשריבן פאַר יחידים.

איינער פון די חברים איז אַריין צו מיר אין שטוב און אַ נעם געטאָן די צוויי פּעקלעך. — איך האָב מיין קאַר אין דרויסן, — האָט ער אויף גיך אַ זאָג געטאָן, און מיר מרמז געווען אַז די ביכער־זאַמלונג איז אַ גרויסער דערפאָלג... פּשוט גערעדט, מען ווערט פּטור פון אַ חמץ!...

— אַזוי גאָר, — האָב איך נאַאיוו זיך געוואונדערט.

— יאָ, יאָ, חבר בוים. אָט אַזוי איז עס מיט אידישע ביכער אין אַמעריקע... — ער איז אָוועק.

איך האָב זיך אַרומגעוואַשן צום עסן אָנבייסן, זיך אויסגעניסט פונם שטויב וואָס איז אַריין אין מיינע נאָזלעכער. איך שמועס אַלץ מיט מיין פרוי וועגן מצב פון אידישן בוך אין אַמעריקע. עס קלינגט מיין טעלעפאָן: „העלאָו, חבר בוים."

— העלאָו, חבר עפּשטיין? וואָס הערט זיך? פרעג איך מיטן ביסן אין מויל.

— איר עסט איצט אָנבייסן? — פרעגט דער חבר.

— יאָ, מיר עסן איצט. איך בין געווען טרוד מיט ביכער פּאַקן און אַוועקגעגעבן צוויי פּעקלעך חבר גאָלדשטיינען.

נו, פיין. גייט בעסער אָפּעסן. איך גיי זיין ביי אייך שפּעטער און אייך דערציילן וואָס איך האָב געהאַט היינט פאַר אַן איבערלעבונג צו זאַמלען די ספרים...

— אַזוי? נו, קומט צוגיין וועלן מיר שמועסן.

איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז עפּשטיינס רייד מיינען עפּעס מער ווי געוויינטלעך. חבר עפּשטיין איז אַ יודע ספר. דאָ אין אַמעריקע איז ער פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ פשוטן פּעדלער; ער גיט די פאַרמערס פון כל טוב, פון אַ ציך ביז אַ שטיק מעבל אויף אויסצוצאָלן און האָט דערפון פּרנסה ברווח. ער איז, אגב, אַ חובב ציון, לייענט דעם „קעמפער" און די „צוקונפט" און אַפילו דעם „הדואר". איז אַ טומלער ווען עס קומט צו טאָן עפּעס פאַר טובת הכלל, רעדט בילדעריש אַביסל מיט דער רייש. זיין שאַרפער דיאַ־לעקט זאָגט אויך באַלד אַז ער קומט פון דער בעסאַראַבער געגנט, האָט כמעט געגרינדעט דעם „פאַרבאַנד" צוויג מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק; אַוועק־געגעבן אַ סך כוחות צו געבן אַ טאָן פון אונדזער אידישער טראַדיציע. און זינט מדינת ישראל איז אַ פאַקט שווימט ער אין זיין אייגענער שטיק פאַנטאַזיע. האָט שוין אַפילו באַזוכט מדינת ישראל, און האָט אַ מאַיאַנטעק פון בילדער וואָס ער האָט דאָרטן גענומען, אַפילו מיט בן צבי און בן גוריון, און פרעגט ניט. אַז ער קומט אַריין אין שטוב ווערט פריילעך. הגם ניט אָפט שטימט איך מיט אים איין. ער איז אָדער צו עקסטרעם, אָדער צופיל פשטן ווען סע קומט צו געלט ענינים. ער איז פון דער נאַטור אַ ליבהאָבער פון דאָלער, ער וואַרפט זיך ניט מיט קיין געלט... ער טענהט אָפט, אַז „עניי עירך קודמין", אַז ער גיט וויפיל ער קען... איך טענה אָפט, אַז ער גיט ניט גענוג, ער טענהט, אַז יאָ, און דעריבער טרעפט, אַז מיר האַלטן ניט קיין שלום. אָבער חברשאַפט האָט דאָך אַ סך אַנדערע צווייגן. בלייבן מיר שטענדיק חבר און מען שמועסט. מערסטנס פון אונדזער דאָליע. ער איז אַן אמתער אידישיסט. ווייל כמעט ניט רעדן קיין ענגליש. ער איז אויך גרייט דורס צו זיין ווען איר מאַכט עפּעס אַ שמחה און מען רעדט ענגליש... ס'איז בפירוש עבודה זרה, טענהט ער און קאָכט זיך: מיר ווילן האָבן אידישע רעדנער, וואָס ווייסן אונדזער שפּראַך, אונדזער גלות, נאָך וואָס פאַרגוויישן דעם אידן? ער איז שוין גענוג פאַרגווישט סיי־ווי־סיי.

און אָט קלינגט דער גלאָק. מיין חבר עפּשטיין קומט אַריין מיט אַ פול מויל. ער מאַכט זיך היימיש און שפּינט שוין זיין מעשה. ער רעדט געאיילט און מיט תמימות. ער דערציילט זיין איבערלעבונג היינט מיטן זאַמלען די ביכער.

איך הער און שטוין. מיין ווייב זיצט דערביי, ווי ער מאָלט אַזוי ערנסט די געשיכטע פון אידישן קיום, ווי מיר וויסן אַלע ניט וואָס פאַר אַ אוצרות עס געפינען זיך נאָך היינט ביי אידן אין אַמעריקע; וואָס די קינדער האָבן אַפילו קיין באַגריף וועגן זייער ירושה וואָס זיי האָבן פאַרוואָרפן...

איך וועל אים לאָזן אַליין דערציילן מיט זיין בילדלעכן אידיש, מיט שטוינונג ווי ער רעדט:

— איר ווייסט, חבר בוים, אַז מיטן היינטיקן קלייבן ביכער בין איך געוואָרן אַן עושר!?

— וואָס מיינט איר, איר האָט געפונען געלט אין אַ בוך? — פרעג איך כלומרשט.

— לאַכט נישט, — ענפערט ער ערנסט, — איך האָב געפונען אַן אוצר ביי די ריווקינס. און זאָל עס טאַקע בלייבן אַ סוד... איר האָט היינט פאַרלוירן אַ זעלטענע געלעגנהייט צוצוזען וואָס פאַר אַ שלל מיט ספרים עס וואַלגערן זיך ביי אידן. איר וועט מיר אַוודאי גלייבן, אַז איך ציטער נאָך איצט.

— וואָס־זשע איז דער אוצר? — פרעגן מיר שוין ביידע, ס׳הייסט מיין ווייב און איך, מיט נייגיר.

— „וועלל״ איך וויס עס איך ניט ווי איבערצוגעבן. אָבער איר ווייסט מסתמא, אַז מיר זיינען געווען אין עטלעכע פּלעצער, וואו מען האָט אונדז אַליין געהייסן גיין צו די שאַפעס און זיך אויסקלייבן וואָס מיר ווילן. קיינער דאַרף מער ניט קיין אידישע ביכער. אויס! מ׳איז געוואָרן פאַרגויאישט, טאַטע־מאַמע זיינען אָפּגעשטאָרבן. דאַרפן זיי ניט די ביכער. איך האָב שוין געהאַלטן ביי אַהיים פאָרן, דערמאָן איך זיך אַז די ריווקינס האָבן אָפּגערופן מען זאָל אַרויפקומען אַהין, אויפן בוידעם־שטיבל, וועט מען דאָרטן גע־פינען פאַרשיידענע ביכער. האָב איך אַפילו געזאָגט דער מיסעס הורוויץ, אַז איך גלויב קוים, אַז ס׳וועט זיך לוינען צו זוכן ביי זיי, וואָרם די ריווקינס זיין זיינען שוין לאַנג אַמעריקאַניזירט; מ׳איז אין אַ „אָווראַל״ געשעפט וואָס איז פאַרבליבן בירושה פון זייער פאָטער. ער האָט עס עטאַבלירט מיט פופציק יאָר צוריק. ער איז געווים געווען אַ שול־מענטש, ווייל ווי מיר וויסן איז די אַלטע מיסעס ריווקין געווען אויסגעקאָכט אין דער תלמוד תורה. זי פלעגט געבן צדקה און אַ סך מנדר געווען פאַר דער „אָלד אידזש האָום״ אין סקרענטאָן. אָבער איך האָב צוליב געטאָן דער מיסעס הורוויץ. און עס קומט אונדז אַנטקעגן דער אינגערער ריווקינס זון, פירט אונדז אַרויף אויפן בוידעם־שטיבל, וואו ער עפנט אויף אַ קאַסטן מיט ביכער אַלערליי. דאָס זיינען נאָך אונדזער פאָטערס ביכער און אַ טייל דער מוטערס. מיינע אויגן פאַלן ס׳ערשטע אויף אַ קרבן מנחה, אַ שם דבר, מיט פירושים, אַן איינבונד וואָס מען זעט עס גאָרניט היינט. איך וואַרף אויגן מערסטנס צו די גרעסערע ספרים. איך עפן אַ סידור, קענטיק שוין אַלט אַ יאָר פינף און

זיבעציק. מען זעט עס גאַרניט מער, גרויסע אותיות, זעלטענע, מיט אַ געלן איינבונד און געליישטע פּאַפּיר. איך דערזע חומשים מיטן אבן עזרא און נאָך פּירושים. דער יונגער ריווקין ווערט גערופן צום טעלעפאָן. איך דערזע ווי עס גיט אַ בליץ אַ שטיק פּאַרמעט. איך גיב עס אַ ציִ־אויס מיט אַ ציטער, אַן איינגעוויקלטע מגילה אין אַ דינעם פּאַפּיר. אַ זעלטענער אוצר. איך זאָג עס מיסעס הורוויץ, טוט נאָר אַ קוק אַ מגילה, אַ הייליקייט!... איך בלייב שטיין און הויב זי אָן אַרויסוויקלען. — זאָל דאָס מעגלעך זיין, אַז דער זון האָט ניט קיין באַגריף וואָס דער פאָטער האָט געהאַט? טראַכט איך ביי זיך. איך וויקל זי איין בקדושה, ווי אַן אוצר. איך שלאָג זיך מיט דער דעה, אויב איך זאָל דאָס מרמז זיין ריווקענען. אפשר וועט ער זיך שלעכט פילן. אפשר האָבן זיי סיי־ווי־סיי אַלץ מפקיר געווען? ביין, איך באַשליס, אַז אָט־די עטלעכע ספרים מיט דעם ביסל ביכלעך וועל איך נעמען צו זיך. איך האָב קרובים אין ישראל. איך וועל זיי אָוועקשיקן די מגילה. זי וועט דורך מיר קריגן אַ תיקון. און אפשר וועל איך אויך האָבן עפּעס אַ שכר דערפאַר. איר לאַכט? פרעגט ער מיך ערנסט. ניטאָ פון וואָס צו לאַכן, חבר בוים. איך זאָג אייך בפירוש, אַז איך ציטער נאָך איצט, ווען איך דערצייל עס אייך.

און כדאי מיר זאָלן געבן אַ טראַכט, אַז אַזאַ איד ווי דער ריווקין איז געווען האָט ער זיך פונדעסטוועגן געהאַט זיין מגילה, זיינע ספרים, אַ סימן, אַז ער איז ניט געווען אַבי ווער. קיין וואונדער, וואָס די קינדער טומלען זיך אין די שולן. מען גיט געלט, מען מאַכט געבורטס־טעג אין די שולן, וואו זייער פאָטער האָט געדאַוונט.

איך האָב מיין חבר אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט. ס׳איז פאַר פאַר מיר ניט געווען קיין אויסערגעוויינטלעכע נייעס. איך האָב אַ קבלה פון מיין אייגן לעבן. יעדער דור ברענגט עפּעס פון זיין ירושה. אפשר אַביסל אַנדערש, אָבער דער וואָרצל בלייבט. מען דאַרף אים בלויז באַפרוכפּערן, און עס וועט עפּעס אַרויסוואַקסן. וואָרם אָט־דער זעלבער זון פון די ריווקינס האָט מיטאַמאָל ווי אויפגעוואַכט, ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט פאַר מדינת ישראל, אָנגעהויבן פאַרקויפן באָנדס און אַליין געקויפט אַ היפּשע סומע. ניטאָ אַ שמחה ווען מען שמועסט פון קויפן ישראל באָנדס, אַז די ריווקינס זאָלן ניט קויפן קיין באָנדס. און ווען איך דערזע אים, אין זיין טיכטיקער אַרבעט פאַר ישראל שווימט אַרויף מיין חברס מעשה וועגן דער מגילה, וואָס איז געלעגן איינגעוויקלט צענדליקער יאָרן אין אַ קאַסטן, אָן אַ תיקון.

און מיר מעגן זיך פרייען, וואָס דורך מדינת ישראל האָט זיך אויפסניי דערהערט דער אָפּקלאַנג פון דורות... דער קול תורה...

# מיין פריינד דער בעל מום

איך האָב אים באַגעגענט אין די בערג פּונקט אין מיינע בליענדיקע יאָרן, ווען חלומות וועבן זיך און פריינד מערן זיך... די וועלט איז פאַר דיר ליכטיק, די יוגנט שפּילט איר ראָלע וואו דו קערסט זיך, בעיקר, אויב מען איז געבענטשט פון דער נאַטור פיזיש און גייסטיק...

איך בין שוין געווען אין אַמעריקע בערך אַ יאָר אַכט, האָב איבערגע־לעבט מיין פּעקל צרות פון די גרינע יאָרן, — אַ אינגל פון 14 יאָר. די שניידער־פאַבריק פון דער „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני" האָט מיך אַריינגע־צויגן, — געוואָרן אַן אַפּערייטאָר ביי בלוזקעס, צוזאַמען מיט נאָך צוויי ברידער, עלטערע פון מיר, וואָס האָבן דאָרטן שוין געשקלאַפּט אַ פּאָר יאָר. אונדזער אַלעמענס ציל איז געווען שטודירן, די פאַבריק איז בלויז געווען אַ צייטווייליקער ציל: אַלע האָבן מיר געחלומט זיך אַרויסצורייסן פון דער פאַבריק גאָר גיך. ס'איז דעמאָלט געווען אַ צייט ווען אַן אימיגראַנט האָט געבויט פּיתום ורעמסס אין זיינע דלד אמות, — איסט בראָדוויי האָט פאַר־נומען ס'אָרט פון דער היימישער יוגנט, בחורים און מיידלעך האָבן זיך געוויקט אין די ראַדיקאַלע קרייזן, די אידישע גאַס האָט געזשומט מיט דער פראַגע: „וואו גייט מען? וואָס איז אונדזער שטעלונג צום סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם?" — צוויי טירן, וואָס זיינען געווען אָפן פאַר יעדן יונגן אימיגראַנט. דער „פאָר־ווערטס", „וואַרהייט", „מאָרגן זשורנאַל" און „טאָגעבלאַט" האָבן פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין אונדזער לעבן. אַב. קאַהאַן לואי מילער, רעדאַקטאָר פון דער „וואַרהייט" און יעקב גאָרדין, — דער גרויסער אידישער דראַמאַטורג בשעתו, האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור. מחלוקת האָט ניט געפעלט. די „פרייע אַרבעטער שטימע" מיט יאַנאָווסקין בראש האָט אויך געהאַט איר דעה אין ווערן אָנוועקרייסן די יוגנט פון איר היימישן שטייגער־לעבן, — זיי גערופן מער צו אַנאַרכיע ווי צו דולדן דעם פאַרשקלאַפטן לעבן אין די שוויץ־פאַבריקן. מיר זיינען געווען ווי צעמישט. דיסקוסיעס האָבן ניט געפעלט, לעקציעס האָט מען געהערט אויף אַלע גע־ביטן; איסט בראָדוויי מיט איר „עדיוקיישאַנאַל עליענס" האָבן גערעגט מיטן איסט־סייד טומל. מאָריס ראָזענפעלד האָט דאַן געזונגען זיינע אַרבעטער־לידער אין „פאָרווערטס", מאָריס ווינטשעווסקי האָט אויך געהאַט אַ השפעה אויף אַ גרויסן טייל פון דער יוגנט מיט זיינע פּאָעמעס און פילאָזאָפישע מאמרים, אַמאָל אין דער „וואַרהייט", אַמאָל אין דער „צוקונפט" און אַנדערע טריבונעס.

קיין יוניאָנס זיינען נאָך דאַן ווי געהעריק ניט געווען, הגם עס האָט געהייסן, אַז זיי זיינען יאָ דאָ. און די „פּראָגרעסיווע אידישע געווערקשאַפטן" האָט געטראָגן די אחריות פאַר די מאָגערע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ נס, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל דערוואַכן און זיך ווי געהעריק אָרגאַניזירן... אַרום אָט דעם חלום האָבן מיר, די יונגע אימיגראַנטן, גע־שוועבט, מ'האָט געהאָפט אויף יענער גאולה. מ'איז אגב געלאָפן אין די טעאַטערן, אָפּעראַס. די גאַליאַרקע אין מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא האָט עדות געזאָגט אַז אידן בכלל האָבן ליב מוזיק. חזנות איז געווען דער היימישער באַגאַזש.

מ'האָט געגרינדעט לאַנדסמאַנשאַפטן, מ'האָט זיך אויסגעלערנט די „פּאָינט און אָרדערס" און „אַמענדמענטס"... די היימישע „סאָסייעטיס" האָבן אויך געדינט ווי „עדיוקיישאָנעל" קלובס". אונדזערע פעלשטינער לאַנדסלייט האָבן שוין געהאַטביידע מינים — אי אַ קראַנקן־אונטערשטיצונגס־פאַראיין, אי אַן „עדיוקיישאָנעל קלוב". דער איניציאַטאָר איז געווען דער איצטיקער דר. יחיאל קלינג. מ'האָט געלייענט די אידישע קלאַסיקער, דעקלאַמירט ראָזענ־פעלדן, פרוגן, באַוושאָווערן און עדלשטאַטן, מ'האָט דיסקוטירט וועגן אַלץ און אַלעמען לטובת דעם אימיגראַנט, וואָס דאַרף היטן די פאַרפלאָנצטע גער־טענער... אַ גרויסער טייל יוגנט האָט געלערנט אין די „פּרעפּערעטאָרי סקולס": מ'האָט זיך געגרייט כאָטש ווערן דראָגיסטן, דענטיסטן און, אפשר, דאָקטוירים...

אָבער, די צייט איז געלאָפן, דאָס יאָר איז אַוועק, די פאַבריק האָט יעדן ווי צוגענאָגלט צום בענקל ביי דער מאַשין. זיבעציק שעה אַ וואָך. ביז מ'האָט זיך אַרויסגעריסן אויף אַ פּאָר וואָכן וואַקאַציע, צו די בערג... דאָס איז געווען אַ גרויסע רפואה פאַר דעם אָרעמען אַרבעטער, ובפרט פאַר יונגוואַרג, וואָס האָט שוין געשוועבט אין די ראָמאַנטישע יאָרן...

מיר, די פאַמיליע בוים, דריי ברידער און צוויי שוועסטער, האָבן שוין געהאַט אַן אייגענע וואוינונג ווי בעלי־בתים. די צוויי שוועסטער האָבן ניט געוואָלט זיין קיין באָרדערקעס ביי יענעם און אונדזערע דריי „רומקעס" אויף 154 סאַוט פוירסט סטריט, ברוקלין, האָבן אַריינגעצויגן נאָך יוגנט — בחורים, מיידלעך. ביכער און סיגאַרעטלעך האָבן געהאַט די שליטה בעת דער טשייניק האָט געזאָטן און דער מאַרינירטער הערינג האָט געשמעקט ווי אַן אוצר אויפן גרויסן טיש ביי די בוימס... ביז עס איז געקומען יולי. דאַן זיינען מיר געוואָרן בערג־מענטשן, ווי אַ ווינט וואָלט אונדז אַוועק־געטראָגן קיין מאָונדטענדעיל צו די וועקסלערס... פאַרוואָס צו די וועקס־לערס? גאַנץ פּשוט, ווייל אין דער „טרייענגל" האָבן געאַרבעט צוויי שוועסטער — די סיימאָנס. זיי האָבן געהאַט אַ שוועסטער אין מאָונטענדעיל מיט אַ פאַרם — וואָס זייער שוואָגער וועקסלער האָט געקויפט. ער איז געווען אַ ריזיקער איד, אַ בעל־גוף, געלעבט אין טערקיי מיטן אָקעראייזן און אַזוי־אַ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַמעריקאַנער פאַרמער. איך האָב, אגב וועגן זיי

געשריבן אין איינעם פון מײַנע ראָמאַנען, דערמאָנענדיק די מערקווירדיקע צוויי פאַמיליעס, — די וועקסלערס און די סיימאָנס. ביי זיי, אין מאָונטענדעיל, האָבן מיר אין משך פון עטלעכע יאָר געדרודעוועט און ראָמאַנסירט. אַ אינטערע־סאַנטע צייט געווען. דאָרט האָב איך אויך באַגעגנט מיין פריינד שוואַרץ, אַ מערקווירדיקער בחור וואָס איז געווען לצערי געשטראָפט מיט אַ קרומע פלייצע, אַ בעל מום... אָבער אַ פּולקאָם געזונטער מענטש. זיינע מאַסיווע הענט און לאַנג־געשניצטער פּנים מיטן געדיכטן קאָפּ קוטשעראַווע האָר און גרויסע שאַרפע אויגן האָבן מיך ווי פאַרכאַפּט. הגם זיין אויסזען איז געווען אויסטערליש, איז אָבער געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו פאַרברענגען.

אין אָנהויב האָב איך זיך ניט געפילט אַזוי היימלעך מיט אים, וואָרם ביי אַ שפּאַציר מיט אים פלעגט מען אונדז נאָכקוקן און ביידע האָבן מיר זיך געוויס געפילט מאָדנע. אָבער מיר האָבן דערפון ניט גערעדט און מיט דער צייט האָב איך צוגעצויגן אַ סך פריינד אין אונדזער געזעלשאַפט. ביידע, — כ׳מיין מיין שוועסטער רייזע און איך, האָבן ווי מרמז געווען דער יוגנט, אַז קיינער איז ניט שולדיק און איז אויך ניט זיכער מיט אַ קערפּערלעכער שטראָף. און שוואַרץ איז געוואָרן דער גוטער חבר, דער אינטעליגענט, וואָס לייענט אגב אַ בוך ניט בלויז לפּנים. ער איז אַפילו באַהאַוונט אין דער אידישער ליטעראַטור און פּאָעזיע אין זיין זשאַנר. ער דעקלאַמירט עדעל־שטאַטן, באַוואָוערן און פרוגן, און בעיקר, מאָריס ראָזענפעלדס „איינ־געלע״... זיין דיקציע איז געווען אַ שאַרפע. אַן ערנסטער מענטש, קרוב דרייסיק, וואָס האָט גראָד גוט פאַרדינט אַלס ליטאָגראַפער, אַ פּעאיקער, אָבער זיין מום האָט אים אָפּט אַריינגעטריבן אין יאוש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גייסטיק איז ער הויך, אָבער קערפּערלעך?...

איך האָב מיט אים אָנגעהויבן קנעלן, פּרובירט אים באַווייזן, אַז ער איז גאָר אַ גליקלעכער מענטש, אַז ניט יעדער זוכט דעם חומר אין מענטשן. אים אָנגעוויזן, אַז בעלי־מום האָבן אָפּט געבראַכט דער וועלט גרויסע מתנות. — היסטאָרישע פאַקטן וואָס מען קען ניט אָפּלייקענען... איין באַווייז: דער אידיש־דייטשישער פילאָזאָף און משכיל, משה מענדעלסזאָהן.

פאַר עטלעכע וואָכן האָבן מיר פאַרבראַכט ווי „כאַלאָסטאָיעס״־בחורים, וואָס האָבן מיט אַ קרייז אידישע טעכטער אויפגעלעבט וועקסלערס פאַרם מיט געזאַנג און טענץ און אַ וועלטלעך וואָרט. ביידע זיינען מיר געשלאָפן אין אַ רויען בנין וואָס די פאַרמערס האָבן נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט. אַ מין אָפענע קאַזאַרמע — האָבן מיר דעם בנין גערופן. זי איז געשטאַנען אויף אַ באַרג. די ריינע לופט האָט זיך דורכגעשפּאַרט פראַנק און פריי דורך די דינע פענצטערלעך, די פאַרהאַנגלעך האָבן זיך געשטויסן אַהין און צוריק, ווי דער ווינט וואָלט געהאַט מיט זיי אַ קאַמף און זיי באַזיגט. ממש אָוועק־געשליידערט זיי אויפן גרונט, ביז מיר זיינען אָנגעקומען און זיי ווידער צוגענאָגלט צום רויען געהילץ, וואָס האָט ממש געבוירט די נאָזלעכער.

זעכצן בחורים זיינען מיר דאָרטן געווען — אַ קאַפּיטל וואָס פאָדערט אַ

גרויסן פאַרנעם זיי צו שילדערן פּינקטלעך... דער פאַקט איז אָבער, אַז שוואַרץ האָט אויפגעלויכטן נאָך אונדזער באַגעגעניש, און ביים אַוועקפאָרן אַהיים זיינען מיר זיך צעגאַנגען בכוונה צו באַגעגענען זיך אין שטאָט. ער האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן זיך און וועגן זיינע דרייסיק יאָר לעבן, ווי ער איז איצט דער שפּייזער פון זיין אַלטער מאַמען, אַ זקנה אין דריי רומקעס אין בראַנזוויל. די אַנדערע צוויי ברידער זיינען שוין פאַרהייראַט. און ער איז אַליין... — ליידער. — עס גייט אים ניט אין ליבע... ער איז גע־שטראָפט!... איך האָב געפילט צו אים אַן עקשנותדיקע פריינטשאַפט; וואו איך בין געגאַנגען, איז ער געוועזן ווי אַ טייל פון מיר. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך קעמף מיט אַ בייזן שטן, מיט אַ וועלט וואָס דיסקרימינירט קעגן אַ בעל־מום. ער האָט מיר, אגב, דערציילט, אַז ער איז ביז אַ יאָר פערצן געווען ווי יעדער מענטש, און דורך אַ געווויסער קראַנקהייט פון ליגן עטלעכע חדשים אין בעט, איז ער ווי „איינגעזונקען" געוואָרן. עס האָט גאָר־נישט געהאָלפן, זיין גוף איז ווי איינגעשרומפּן געוואָרן. און פאַרוואָס קומט עס אים? זיין גייסטיקע דערהייבונג האָט אים אָבער געראַטעוועט, און אגב האָט ער גוט פאַרדינט. אָבער, אָט די ביטערע „פּיל" קאָן ער עד היום ניט אַראָפּשלינגען און מיט וועלכער מיידל ער באַגעגנט זיך — פלאַמט זיין פּנים. אים דוכט זיך, אַז זיי מיינען ניט וואָס זיי זאָגן, און די פאַרב אין פּנים יאָגט זיך שטענדיק אָן... ער האָט ניט דעם אמתן באַגריף ווי אַזוי זיי פילן וועגן אים...

און אַזוי־אַ, פלעגט ער זיצן ביי אונדז אין שטוב גאָר אָפט און טרינ־קען איין גלאָז טיי נאָך דער אַנדערער, מיט אַ ביכל ביי דער זייט. די צוויי שוועסטער מיינע פלעגן אים מקרב זיין, אים אויסרעדן דאָס האַרץ, אים אַפילו אָפט באַקענען מיט חברטעס, ביז ער פלעגט פאַרשווינדן פאַר עטלעכע וואָכן, אָן אַ וואָרט, אָן אַ קלונג... מיר פלעגן האָבן עגמת נפש... וואו איז ער? — איינע פון מיינע שוועסטער פאַרמאָגט אַביסל הומאָר און איז געניוויגט אַמאָל אַפילו אַ לאַך צו טאָן. — האָט זי אָפט אַנגעוואונקען, אַז שוואַרץ מוז שוין האָבן אַ נייע פאַרדרייעניש... ווי אַ נביא פלעגט זי טרעפן, ביז ער האָט זיך ווידער באַוויזן. ווי פאַרשעמט, ווי צעמישט. ניט געזאָגט דעם ריכטיקן אמת, ביז ער האָט זיך פאַמעלעך אַרויסגעריסן מיט אַ נייעם סוד: אַז אַ נייע אַנטוישונג האָט אים באַצוואונגען. — ווי אַ קינד האָט ער געמאָלן זיינע באַגעגענישן... — ווי אויף צו־להכעיס נוצן זיי אים אויס... זיי נעמען פון אים „אַדווענטעדזש"!... כלומרשט טענהן זיי, אַז די מאַמע זיינע איז שולדיק, אַז אַזוי גיך ווי מ'רעדט וועגן תכלית, שווימען אַרויס ביטערע יסורים, וואָס ער קאָן ניט איבערטראָגן. די מאַמע שטייט זיי אין וועג...

— וואו וועל איך אַהינטאָן די מאַמע? — אַלץ וואַקסט אַרויס בולט און קלאָר, אַז ניט די מאַמע איז די הויפּט־צרה, נאָר טאַקע ער אַליין... ער בעט זיך ביי זיי. פלעגט טענהן ווי אַן ערלעכער מענטש: „ס'איז דאָך

מיין מאַמע, וואו זאָל זי גיין? איך בין דאָך איר שפּייזער, איר איינציק קינד מיט וועלכן זי וויל זיין. די אַנדערע ברידער האָבן זיך זייערע פּראָבלעמען״...

אָבער זיי הערן אים ניט. זיי גיבן אים אַפילו אָפּ דאָס רינגל, וואָס האָט שוין אַ שטיק היסטאָריע. אַמאָל נעמט ער עס אָפּ מיט צוואַנג, מיט „ירגזון״, און אַמאָל — גאָר גרינג, ווי עס וואָלט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך...

אין אַ שיינעם זונטיק בייטאָג, האָט ער געטאָן אַ קום אַריין מיט אַ בוקעט בלומען, אַ פרײלעכער, אַ באַנייטער, מיט אַ פּאָר ווייסע שיך, אין אַ זומערדיקן אַנצוג מיט אַ זיידענעם געבלימלטן העמד. „שלום־עליכם, שוואָרץ.״ — „שלום־עליכם!״... בקיצור, אַט דעם בונט בלומען דערלאַנגט ער מיין שוועסטער צוליב זיין דרייסיקסטן געבוירנטאָג. ער ציט אַרויס פון דער קעשענע אַ „פּאַרוועדטס״ מיט אַן איינגעוויקלט פלעשל בראַנפן.

— אַט היינט וועלן מיר טרינקען לחיים! היינט וועלן מיר „סעלעברייטן״, הערינג מיט ציבעלעס איז נאָך געווים דאָ ביי אייך. — און זאָלן גיין צום טיוול אַלע זיינע אַמאַליקע „סימפּאַטיעס״, אַלע פאַרדרייעניש... ער שיינט ממש פאַר פרייד, עס איז אים היינט גוט... פּטור געוואָרן פון נאָך אַ שלאַק, אַ פאַרקודטסטווע.

מיר זיצן שוין אַלע ביים טיש. שטענדיק איז ער באַזאָרגט ווען עס געשעט אַן אַנטוישונג, נאָר היינט איז עס עפּעס אַזוי פרײלעך. מיין שוועסטער לאַכט און שטוינט שוין ניט. ס׳איז פאַר איר גלאַט טשיקאַווע, וואָס איז אַזוי די פרייד מיט אים, דווקא היינט! און עס וויקלט זיך פון אים אַרויס דער גרויסער טיפער סוד, אַז... זי האָט אים פאַרראַטן, אַז אַזאַ געשיכטע טרעפט אים ס׳ערשטע מאָל... און אים זאָל אַזוינס טרעפן!...

בקיצור, אַט הערט, גאָר פּשוט: ער האָט שוין געהאַלטן אין אַרויס־נעמען די „מערידזש־לייסענס״. געווען אין זיבנטן הימל, לסוף, איין קליי־ניקייט, ביים אויספרעגן האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז זי איז שוין געווען פאַרהייראַט! איך בין געוואָרן אין כעס. — אַזאַ פאַרראַט!...

— וואָס? — האָב איך ווי צעמישט אַ פרעג געטאָן, — ביסט שוין געווען פאַרהייראַט? פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל נישט געזאָגט? אַזאַ זאַך באַהאַלט מען?

— איך בין מיט איר אַרויס פון „קאָורט״ ווי אַן אונטערגעצונדענער. — „איך נעם ניט קיין ׳לייסענס׳ מיט דיר״, — האָב איך געליאַרעמט. — „דו גיב מיר אַוועק דאָס רינגל, דו!״... — זי האָט זיך טאַקע צעוויינט און אַנגעהויבן טענהן, אַז איצט־אַ וועט זי מיר דערציילן דעם אמת, אַז איך זאָל זי בלויז אויסהערן. אָבער, ניט וויכטיק זיינען שוין געווען אירע רייד — האָט ער פאַרענדיקט, — איך האָב אַרויסגעקראָגן מיינס און אויס! — מיין מאַמע איז געווען גערעכט, זי האָט מיך געוואָרנט.

— משה־לייב — האָט זי געטענהט, — קוק זיך אַרום. זי געפעלט מיר ניט. עפּעס באַהאַלט זי פון דיר אויס...

פון זיין גאַנצער פרייד איז געוואָרן אַן ערנסט. ער האָט זיך שטאַרק

צעווײנט. איך וועל די סצענע ניט פֿאַרגעסן. איך טראַכט נאָר איצט, ווי אַ מענטש איז פֿולן זינען פֿון וואָרט, וואָס פֿאַרשטייט אַזוי ס׳לעבן, און ווען עס קומט צו אַ זיווג — ווערט ער אַ קינד, זעט ניט פֿון דאַנען אַהער... — זאָל דאָס זײַן אַזאַ געפֿיל בײַ יעדן בעל־מום? — האָבן מיר צווישן זיך געסברהט נאָך זײַן אַוועקגיין...

אַוודאי האָבן מיר אים אויסגערעדט דאָס האַרץ און מיר האָבן זיך בשתיקה דורכגערעדט, אַז בעזרת השם איבעראַכטאָג זונטיק, ווען מיר אים טאַקע מאַכן אַ ריכטיקן געבורטסטאָג... כך הוה. אין איינעם אַ שבת צו־נאַכטס, אין אַ הייסן זומער־טאָג פֿון חודש יולי, האָבן מיר אים געפּראַוועט אַ סעודהלע מיט נאָענטע. מײַנע אַ שוועסטער האָט געפֿילט אַ געוויסע סימפּאַ־טיע צו אים און ער איז געווען גוואַלדיק אויפֿגעלייגט, געטרונקען לחיים, גע־מאַכט אַ „ספּיטש" און אַפֿילו דעקלאַמירט פּרוגס „סוכה". ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר, יונגוואַרג, פֿאַרבראַכט. אָבער שוואַרץ האָט שוין אַהיים ניט געקאָנט פֿאָרן. ער איז אַוועקגעפֿאַלן ווי אַ סנאָפּ. מיר האָבן אים ווי עס איז אײַנגעאָרדנט אויף אַ דיוואַן און די הייסע נאַכט האָט אונדז אײַנגעשלעפֿערט. קענטיק, אַז דער לחיים האָט געשפּילט אַ ראָלע אין דער אײַנגעהילטקייט פֿון דער נאַכט.

אָבער די היץ האָט אונדז אַלע אויפֿגעוועקט קאַיאָר און פּאַמעלעך האָבן מיר זיך אויסגעשטוכעט, און ווען שוואַרץ האָט זיך דערזען בײַ אונדז אינם נאַכטלעגער, האָט ער נאַטירלעך פֿאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן באַלד פֿאָרן קיין קוני־איילאַנד זיך באָדן, אַ געוויינלעכע זאַך בײַ אונדז אין יענע יאָרן... — און אָט הענגען מיר שוין אויף דער פֿרענקלין עוועניו קאַר, מיט די פּעקלעך אין די הענט, קאָפּ אויף קאָפּ, ממש שיעור דערהרגעט צו ווערן. דאָס גליק איז וואָס מ׳איז יונג. ווען מען אַרט עס, זאָל זיך די קאַר הוידען. באַדאַי שטיין אויף איין פֿוס, אָבער קומען אַהין, צום גרויסן „ים המלח", אין קוני־איילאַנד, אינם געקאָך, וואו עס זידט; וואו עס ברענט און עס בראָט, איז ניט געווען גרינג...

כמעט אַ האַלבן טאָג האָט געדויערט די יאַזדע און ענדלעך שווימען מיר שוין אין ים. ער איז געווען אַ גוטער שווימער, געפֿילט זיך „גדולדיק" אינם רוישנדיקן ים. דאָ האָט ער די כוואַליעס... דאָ איז ער דער אייגענער מחותן, דער אייגענער „בשר ודם". איך וואָרן אים, איך בעט זיך בײַ אים — שוואַרץ, גייט ניט ווײַט, די כוואַליעס זײַנען געפֿערלעך. — אָבער, ער הערט מיך נישט, באַווייזט קונצן ווי ער וואָלט באמת דאָרטן אויסגעוואַקסן דער העלד פֿון טאָג... איך האָב באַגריפֿן זײַן עקשנות און ענדלעך האָט ער זיך ווידער באַוויזן אויפֿן ברעג. שווער אָפּגעאָטעמט, און אַוועקגעפֿאַלן אויפֿן זאַמד אַ מידער. ווען ער האָט זיך אויסגערוט, האָט ער זיך ווידער דערפֿילט שפּילדיק, ביז אַ ווײַלע שפּעטער האָט עס אים ווידער געצויגן צום ים.

— קום, — האָט ער מיך געצויגן פֿון זאַמד, — דו וועסט זיך נאָך אָפּסמאַליען און ס׳וועלן זײַן צרות...

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אים ציט צום ים צוליב אַנדערע סיבות און אים נאָכגעקומען ביז מיר זיינען אַוועק אין אַ כשרן רעסטאָראַן אָפּגעסמאַליעטע.

דאָן איז געווען בלויז איינער אין קוני־איילענד. איך געדענק שוין ניט דעם נאָמען, אָבער עס איז געווען אַ גרויסער געווינס פאַר אידן, וואָס האָבן זיך ניט געוואָלט אָנעסן מיט „חזיר״, מיט די פרענקפורטערס וואָס האָבן פאַרטשאַדעט מענטשן מיט דעם שאַרפן גערוך...

און אַזוי־אַ האָבן מיר דערפילט ווי די קערפּערס אונדזערע ברענען ממש. עס ווערט שפּעט. „קום, מירן פאָרן אַהיים.״ אָבער קוני איילענד האָט אונדז אַריינגעצויגן אין אַלערליי פאַרוואַנדלונגען און קוריאָזן און די נאַכט האָט זיך אַ יאָג געטאָן. מיר שפּרייזן שוין אויף די הויכע טרעפּ פון דער סאָבוועי. עס איז אַ סברה, אַז נאָך צוועלף מיטנאַכט גייט שוין ניט קיין באַן קיין ניו יאָרק. קוים זיך דורכגעשטופּט אין געדרענג אַרום דער באַן. עס דערהערט זיך אַ קלינגעריי: „לעסט טרעין טו ברוקלין!״ איך פרעג: „ווהען איז די ניו יאָרק טרעין ליווינג?״ „נאָ מאָר טריינס טו ניו יאָרק״ — ענטפערט מען מיר. און אַזוי־אַ גיט מיך שוואַרץ אַ צי אַריין אין דער לעצטער באַן. — קום מיט מיר, וועסט שלאָפן היינט ביי מיר. איך האָב גענוג פּלאַץ. מעגסט אַמאָל מיר אויך מאַכן אַ וויזיט. ביי מיר איז דאָ צוויי בעטן, וועסט זען...

איך בין ווי פאַרצווייפלט. האָב טענות צו אים, וואָס מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיקט. אָבער ער איז אין זיבנטן הימל. לאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער, ווי אַ קינד וואָס טוט עמעצן אָפּ אַ שפּיצל...

ביז מיר האָבן אַראָפּגעשטיגן ביי פּיטקין עוועניו, בראַנזוויל. מיט שטילע און פאַרזיכטיקע טריט האָבן מיר, ביידע חברים, זיך אַרויפגעשלעפּט צום דריטן שטאָק פון שוואַרצס הויז. לאַנגזאַם האָט ער די טיר געעפנט. אַ לעמפּל פון קיך האָט אַ שיין געטאָן.

— ווער איז דאָרט? — האָט זיך דערהערט אַ פאַרדומפּט קול פון אַ צימער אַרויס. — דאָס ביסטו, זון מיינער?

—יאָ, מאַמע, דאָס בין איך — האָט שוואַרץ געענטפערט. — שלאָף, מאַמע, שלאָף. איך בין דאָ מיט מיינעם אַ פריינד.

— מיט אַ פריינד? — פרעגט די מוטער, ווי זי וואָלט זיך געוואונדערט, ווי עס האָט זיך פּלוצים גענומען אַ פריינד צו איר זון אין מיטן דער נאַכט?

— יאָ, מאַמע, אַ פריינד! שלאָף, שלאָף, — האָט ער זי באַרואיקט. הגם ביזלעך. שטענדיק אַזוי! האָט ער שטיל גענומען טענהן ווי צו זיך אַליין, אין געבייזער.

— זי גיט מיר נישט קיין רו. טאָמער קום איך מיט אַ שעה שפּעטער, איז הימל עפן זיך. זי צעדרייט מיר די נעכט! — האָט שוואַרץ איבערגע־חזרט און געבליקט צו מיר נאָך אַ טרייסט...

— נו, מילא, זי איז דאָך אַ מאַמע, — האָב איך אים באַרואיקט —

און דערפאַר איז זי אומרואיק ווען דו קומסט שפּעט אַהיים ביינאַכט. צו וואָס זיין בייז אויף איר?

— איך בין נישט בייז, — פאַרענטפערט ער זיך, — אָבער ס׳פאַרדריסט, וואָס מ׳היט זיך שטענדיק ווי דו וואָלסט געווען אַ קינד...

די פאַרשטיקטקייט אים שמאָלן לאַנגן צימער, וואו עס האָבן זיך גע־וויזן צווי בלינדע פענצטער צו אַ וואַנט, האָט אָפּנים נישט געלאָזט דורכ־שפּאַרן די פרישע לופט, נאָך דעם ווי שוואַרץ האָט די פענצטער געעפנט ביז אַרויף...

— איך וועל מאַכן די געלעגערס, — האָט שוואַרץ אַ נערוועאישער אַ זאָג געטאָן, — דו טו זיך דערווייל אויס. וועסט זיך לייגן לעבן פענצטער. די לופט וועט זיך באַלד דורכשפּאַרן. די מאַמע האָט גאָרנישט געטראַכט, אַז זומער דאַרפן פענצטער זיין אָפן. זי האָט מורא, אַז עמעצער זאָל ניט צוגנבענען אירע אוצרות.

ביידע זיינען מיר ממש אַוועקגעפאַלן אויף די צווי שטאָלענע בעטן. די עלעקטרע האָט שוואַרץ אויסגעלאָשן מיט אַ צי פון אַ שטריקל. עס האָט זיך געהערט דורך אַ וואַנט דאָס שעפּטשען פון דער אַלטער מוטער, ווי זי וואָלט געלייענט קריאת שמע און פאַרענדיקט אירע לעצטע וואונטשן מיט אַ זיפץ...

ביידע זיינען מיר איינגעשלאָפן. שוואַרץ האָט אין זיין שווערן כראָפּן ניט געטראַכט, אַז איך, זיין ביישלעפער, פיר שוין אָן אַ קאַמף מיט לעבעדיקע מינים, און די מיאוסע פּאַראַזיטן זויגן דאָס בלוט פון מיין הייסן קערפּער אומברחמנותדיק...

— אָך, גאָט מיינער, וואָס טוט זיך דאָ? ס׳איז דאָך שרעקלעך, — האָב איך ווי געריעדט צו זיך אַליין און געריסן מיין לייב.

דער טיפער טרויער פון שוואַרצס לעבן האָט איצט אין חושך פאַר מיר זיך אַנטפּלעקט און זיך געלייגט ווי אַ שטיין אויף מיין געמיט. אַ געמאַטערטער בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער און קוים געמאַכט ליכטיק און דער־זען פאַר זיך אַ שוידערלעך בילד. שוואַרץ האָט זיך אויפגעכאַפּט. זיין פּנים האָט אין דער באַלייכטונג אָפּגעשפּיגלט ווי אַ פּיינלעך אָפּגעצערט בילד, פון אַ טראַגיש געשטאַלט, אַ בעל־מום...

— וואָס איז געשען? — האָט ער ווי אַ פאַרוואונדערטער אַ פרעג געטאָן אין אַן איבערגעריסן נערוועזן קול, נאָך איידער ער האָט רעכט געעפנט די אויגן.

— גאָרנישט, גאָרנישט, — האָב איך געענטפערט שטיל.

— וואָס מיינסטו, גאָרנישט? אַוודאי וואַנצן, האַ?

— אָט גיב אַ קוק, — האָב איך אים באַוויזן מיט דער האַנט די בלוטיקע פלעקן...

— זאָל עס גיין צום טייוול! — האָט שוואַרץ מיטן פויסט אַ קלאַפּ געטאָן איבער די רויט־בלוטיקע פאַסן פון ליילעך. — עס מוז נעמען אַ סוף!

עס וועט זיין גענוג פאַר מיר! זיי וועלן מיין בלוט מער ניט זויגן! — ער האָט גיך אין פאַרצווייפלונג ווי צעמישט, אַרויסגעצויגן פון אַ שופלאָד אַ רעוואָלווער און געצילט צום בעט... ווי צעמישט.

— וואָס גייסטו טאָן, שוואַרץ? וואָס איז דאָס פאַר אַ פּיסטאָלעט? באַרואיק זיך. ס'איז דאָך אין מיטן דער נאַכט. לייג עס אַוועק!

— איך וואָלט זיי געגעבן אַ פּרעזענט צו מיין געבורטסטאָג, וואָלט איך זיי, מיט מיין מאַמעס פאַראַנדעק צוזאַמען!

איך בין געבליבן ווי שטום ווען ער האָט ענדלעך אַוועקגעלייגט צוריק דעם רעוואָלווער, בעת ער האָט דערהערט זיין מוטערס קול ווי פון היסטעריקע.

— וואָס איז דאָרט פאַר אַ טומל, משה־לייב? וואָס איז געשען?

— קום אַהער, וועסטו זען דעם טומל, — האָט שוואַרצס געבראָכענע שטימע זיך געשטיקט פון צאַרן.

איך האָב אַרויפגעכאַפּט אויף זיך מיינע מלבושים, איידער די אַלטע האָט זיך באַוויזן.

— האָסט מיך באַשיינט פאַר מיין פריינד, האָסטו מיך. האָסט נישט געקענט אָנציען אַ ריין ליילעך אויפן בעט, האָסטו ניט! איין מאָל אין דרייסיק יאָר האָב איך איינגעלאַדן אַ פריינד אין שטוב, דורך אַ סיבה, און אָט זע! — מיר האָבן דערהערט אירע טריט.

די אַלטע האָט זיך באַוויזן אין איר ווייסן שלאָפראָק, אַ באָרוויסע, מיט איר גרייז־גרויען קאָפּ האָר און אויסגעשטאַרטע אויגן. ווי פאַרשטיינט בין איך געשטאַנען אין אַ ווינקל און באַטראַכט די זקנה מיט איר פאַרמעטגעלן פּנים, ווי זי שטייט און באַטראַכט דאָס ליילעך, ציט עס אַרונטער, רעדנדיק צו זיך אַליין:

— וואָס זאָל איך טאָן? ניטאָ מער די כוחות! איך האָב שוין מיין וועלט אָפּגעאַרבעט. זאָלסט מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, טאַטע זיסער! די הענט דינען מער ניט. דו, מיין זון, לויפסט אַרום, איך זע דיך אין די אויגן נישט, נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן. איך קאָך און באַק, פאַר וועמען? פאַרן רוח! זאָל עס כאָטש דיין פריינד הערן. אַן אמת מעג מען דערציילן: דאָס בעט איז שוין אַ יאָר ניט געעפנט. ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, אַז עס קומט אַ פריינד. די מאַמע איז שטענדיק שולדיק!...

— דו זאָגסט מיר שוין מוסר, זאָגסטו מיר? גיב בעסער אויף גיך אַ ריין ליילעך, וועלן מיר דאָס אויסשפּרייטן אויף דער ערד און ווי עס איז זיך איבערמאַטערן די נאַכט, — האָט שוואַרץ אַ דערשלאָגענער איר באַפוילן.

איך האָב די טראַגישע נאַכט עד היום נישט פאַרגעסן. פאַר יאָרן און יאָרן זע איך עד היום דאָס בילד פון דער מוטער, די זקנה, מיט איר טראַגישן זון, איר שפּייזער... שוואַרץ האָט נאָך יענער נאַכט פאַר אַ שטיק צייט זיך ניט באַוויזן צו אונדז. איך האָב ניט געהאַט ס'געפיל אים אָנצופרעגן דורך אַ בריוו. איך האָב געוואָלט אָפּווישן דעם טרויעריקן מצב פון אַן אומגליקלעכן מענטשן וואָס האָט מיט מיר אַ שייכות... אָבער, אַן דערפאָלג.

פֿאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך געזען פֿאַר זיך יענע באַנאַכטיקע בילד פֿון שוואַרצן, ווי ער שטייט אַ נאַקעטער מיטן פּיסטאָלעט אין דער האַנט און צילט צום בעט, קריצנדיק מיט די ציין, אַז ער גייט מאַכן פֿון אַלץ אַן ענדע!...

און ווי איז געקומען צו אים אַזאַ מערדערישע כּלי זין? — האָב איך זיך געוווּנדערט, און שפּעטער־צו פֿון אים געפֿאָדערט אַן ענטפֿער. נאָך היינט זע איך די מוטער זיינע, די זקנה מיטן ווייסן כאַלאַט, ווי זי וואָלט ממש פֿון קבֿר אַרויס. איך זע איר פֿאַרצווייפֿלונג, איר קאָרטשען זיך אין חרפּה און שטילע פֿאַרבאָרגענע טרערן...

שוואַרץ האָט אַוודאי ניט פֿאַרבאָרגן די אמתע סיבה פֿון זיין פּלאַן זיך און אויך איינע פֿון זיינע געליבטע אומצוברענגען. איך קען ליידער דעם סוד פֿון שפּעטערדיקן לעבן נישט אַרויסברענגען. עס וועט זיין גענוג אי־בערצוגעבן, אַז מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער געבליבן אַליין, אָן אַ מאַמען. ער האָט זיך געלעבט אין דער שטיל, ווי אַ רעזיגנירטער. אָבער, ער האָט שפּעטער יאָ געקראָגן זיין באַשערטע. אַזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן. ווייל פּונקט אין יענער צייט האָט מען מיך „געדרעפּטעט" אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. איך האָב פֿאַרלוירן זיין שליאַך. די הויז וואו ער האָט אַמאָל געוואוינט איז שפּעטער אַרונטערגעריסן געוואָרן און עד היום האָב איך אים ניט געזען און ניט געהערט פֿון אים. אויב ער לעבט נאָך ערגעץ און וועט אפשר אַמאָל לייענען אָט די דערציילונג מיינע, וועט ער אפשר זיך באַווייזן. זאָל ער מיר פֿאַרגעבן פֿאַר מיין ביטערן אמת וואָס איך ברענג דורך אים אַרויס, ווי אַ לעבן ראַנגלט זיך אָפּט און בלויז יחידים ווייסן די שטילע טראַגעדיעס וואָס ווערן פֿאַרלאָפֿן אין שטילע ווינקעלעך פֿון אַלע צייטן...

# דרייסיק פאָר ברילן...

איך בין אויפגעשטאַנען כאור הבוקר. זיך גיך אָנגעטאָן, איבער דעם קאַלטן פרימאָרגן, פון די חנוכה־טעג, צו זיין גרייט צו פאָרן אין פאַבריק אין דער טאַקסי וואָס נעמט מיך יעדן טאָג, פונקט 7 פרי. איך געפין שוין בערך אַ מנין אַרבעטער אין פאַבריק, וואָס ווערט געעפנט אַ האַלבע שעה פריער... גלייך פון מיין ערשטן בליק ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון פאַבריק, דערפיל איך געוויינטלעך, ווי אַזוי דער טאָג וועט זיך אָוועקשטעלן... מיינע בליקן וואַנדערן אַ ווײַלע אין אַלע ווינקעלעך, — אַ רגילות וואָס האַלט מיך געשפּאַנט עטלעכע צענדליק יאָר, זינט איך בין אַ פאַרוואַלטער אין אַ געשעפט פון פרויען־מאַנטלען, וואו מען נייט, און מען פּרעסט, און מען מאַכט פּאַרטיק טויזנטער קליידער אַ וואָך... גרייט צו ליפערן די סחורה קיין ניו יאָרק.

מיר איז דאָס געשעפט ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג. יעדע מאַשין מיט אַלע קלאַפּערגעצייג פון אַ שניידער־פאַבריק טראָגט מיין „חתימה״״. פון אַ יאָר צוואַנציק צוריק, ווען איך האָב די פאַבריק איינגעשטעלט, קיין ראָד האָט זיך ניט געגעבן אַ דריי אָן מיר... און אַזוי עד היום... — אוודאי מוז איך באַטאָנען צוליב מיין סיפור המעשה, אַז די יאָרן האָבן זיך אגב אַ יאָג געטאָן, און היות איך בין ניט קיין „אץ להעשיר״, איז דער רעש און טומל ביי מיר ניט אַזוי גרויס. אָבער די עטלעכע צענדליק אַרבעטער פאָדערן אַ געניטע האַנט זיי צו פירן מיט אַ סיסטעמאַטישן וועג. יעדער מאַנטל מוז זיין פּינקטלעך געמאַכט, און ווען איך דערזע אַז אַלע זיצן שוין אויסגעזעצט ביי די מאַשינען און פּרעסערס קלאַפּן שוין מיט די אייזנס מיט זייער געוויינלעכן ריטם, און דער סטאַף פון נאָדל און פינגערהוט נייען און אַלץ גייט כשורה — דאַן אָטעם איך אָפּ און דאַנק השי״ת אין דער שטיל, וואָס אַלץ איז אין אָרדענונג, וואָס מיט קיינעם פון די אַרבעטער איז ניט געשען קיין שום מכשול, און איך מעג שוין אַרונטערגיין טרינקען מיין טעפּעלע קאַווע, מיט עפּעס צובייסן...

ווען איך קום צוריק, הייב איך נאַטירלעך אָן אַרומיאָגן, שפּאַנען אַהין און צוריק. מיינע אויגן רוען ניט, איך בין גרייט יעדן צו באַדינען — בין אי אַ מלמד, אי אַ בעל־הבית, איך מיש זיך אויס מיט יעדן, זיץ אַפילו אָפּט ביי אַ מאַשין און עקספּערימענטיר. איך זוך דעם גרינגן וועג ווי די אַרבעט זאָל ווערן אַרויסגעבראַכט לטובת המלאכה. ווער אַריינגעדרייט אין די טעלעפאָנען וואָס קלינגען גאַנץ אָפט, און די צייט יאָגט. ביסט אַריינגעקנוילט און

איינגעפּעדעמט אין אַלע ווינקעלעך פון מאַשינען מיט שער און אייזן... די נערוון ווערן שוואַכער, די אויגן טונקעלער, דו האַלטסט זיי אין איין ווישן, היטסט זיי ווי אַן אבן טוב. אַן זיי ביזטו אַ פּאַרלוירענער... זיי לאָזן דיר וויסן, אַז דו ביסט שוין ניט קיין יונגערמאַן. דו שטויגסט און פרעגסט זיך אין דער שטיל — היתכן? איך, בערל, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שאַרפע ראיה, זאָל מיט אַמאָל ליידן און זיין אַ שקלאַף צו ברילן?!... גיב אַפּט אַ זיפץ און מוז זאָגן גם זו לטובה... אָבער אין שטילן צער קען איך ניט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז איך מוז אויפהערן לייענען אַ בוך און שרייבן וואָס וויניקער. די פען איז דאָך אַ טייל פון מיר... זי איז מיין רוחניות. מיין גייסט וואָס האַלט מיך אויף ווי אַ גליד אין דער משפחה פון שריפט־שטעלער... וואו איך קען זאָגן אַן ערנסט וואָרט, און זיך אגב אָפּקריצן פון געיעג פון דער שניידער־פאַבריק טאָג־איין, טאָג־אויס...

איז אָבער אין יענעם פרימאָרגן געשען, דוכט זיך, אַ קלייניקייט. אַ אינצידענט, וואָס איז טיף מענטשלעך און ס'איז כדאי די טשיקאַווע מעשהלע צו פאַרצייכענען.

דהיינו? גאָר פּשוט, דאַכט זיך אַ קלייניקייט; — מיינע ברילן זיינען פּלוצים אַראָפּגעפאַלן בעת איך האָב געטראָגן אַ זשמוט מיט אַרבעט און כהרף עין, האָבן זיי זיך פון פאַלן צעבראָכן פּונקט אויף דער העלפט. פון איין רעמל איז געוואָרן צוויי... לחצאים. און אויס קאַפּעליוש־מאַכער. עס איז ווערט צו אונטערשטרייכן, אַז מיט זייער אַראָפּפאַלן, האָט זיך מיר ממש אָפּגעריסן דאָס האַרץ. פּונקט ווי איך וואָלט, חס ושלום, מיט אַ מאָל בלינד געוואָרן. עטלעכע אַרבעטער האָבן דאָס געזען, און אַוודאי מיט מיר געהאַט מיטלייד, און מיר געגעבן עצות וואָס צו טאָן: גאָר פּשוט, איך זאָל באַלד צושיקן עמעצן מיט די צעבראָכענע רעמלעך צום אויגן דאָקטאָר און אין אַ שעה־צוויי אַרום, וועל איך האָבן נייע רעמלעך.

אַוודאי, האָב איך באַלד אָוועקגעשיקט אַ מענטשן צו מיין אָפּטיקער. איך האָב זיך באַרואיקט, געפילט פריקרע. אָבער באַלד האָט דער גלאָק אַ קלונג געטאָן, אַ סיגנאַל פאַר מיטאָג. די עלעקטרע האָט מען אָפּגעשטעלט, און איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס איך בין באַפרייט פאַר אַ גאַנצער שעה. איך וועל זיך אַרונטערגיין אין מיין געוויינלעכן אידישן כשרן רעסטאָראַן. מען קען עסן „לאַנטש" אַן ברילן.

און אַט זיץ איך שוין ביי מיין טיש, עס קומען אַריין מיינע פריינד, וואָס זיצן מיט מיר ביים אייגענעם טיש זינט יאָרן און יאָרן. דורך דער שעה פון איבערבייסן ווערט מען געוואויר וואָס אין שטאָט טוט זיך. ווער עס לעבט, ווער ס'איז חלילה געשטאָרבן — אַ געמיש פון פריידּ און לייד, צו וועלכן מיר זיינען אַלע צוגעוואוינט... עס זיינען אין אונדזער שטעטל דאָ ב"ה אַן ערך עטלעכע טויזנט אידן, מיט פיינע שולן, טעמפּלען, רבנים, אַ געמיש פון רעליגיעזע אידן און פרייע... אָבער אַלע זיינען אַריינגעדרייט אין טאָן

וויכטיקע אַרבעט פאַר מדינת ישראל, און פאַר כלל ישראל. — אין רעס־טאָראַן ווערן אויסגעפּלאַנט אַ סך זאַכן לטובת העיר... גראָד ביי אונדזער טיש זיצט שטענדיק איינער, — אַ איד וואָס האָט מיט זיך אַ שטיק היסטאָריע. ער איז נאָך אַריבערגעקומען אַהער, קיין ווילקעס־באַרע, פּענסילווייניע, אין די פריע חדר־יאָרן. זיין פאָטער, וואָס איז אויף דער עלטער געוואָרן אַ מלמד מיט קינדער, האָט זיי, זיינע קינדער, אַהער אַריבערגעבראַכט. און פּיין דערצויגן און זייענדיק אַ כלי קודש, האָט זיין שטוב געהאַט אָפענע טירן... עס פלעגן זיך דאָרטן אָפּטן געפונען רבנים, משולחים — כלי קודש, חזנים — אין שטוב פון אָט דעם מלמד — מיר וועלן אים רופן ר׳ חיים הערש... ער האָט דערצויגן פיינע דריי טעכטער און צוויי זין, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן גענומען שפּילן אַ ראָל אין שטאָט אַלס בעלי־בתים, מיט אַ פּאַרנעם. אָט דער איינער, וואָס זיצט אַגב ביי אונדזער טיש, וואָס האָט אַ שייכות צו מיין סיפּור המעשה, איז טאַקע אַ זון פון אָט דעם אַמאָליקן חיים־הערש מלמד. ער האָט פאַר אַ שטיק צייט געוווינט אין שטאָט מיט גרויס דערפאָלג. געטאָן יעדן טובות, געבויט אַ תלמוד תורה, געשאַפן אַ אידישע לייַ־קאַסע, געהאָלפן בויען דעם טעמפּל ישראל. אויך דערצויגן פיינע קינדער. פּעאיקע איינס נאָך איינס. — די מלחמות האָבן זיך אָנגעיאָגט און דער דערפאָלג־רייכער עסקן איז אַראָפּ פון זיין גדולה. זיך אַ שלעכטן וואָקל געטאָן, און היינט איז ער אַן „אינשורענס" אַגענט: — יעדער האָט אים געהאָלפן, — עד היום האָט ער פריינד וואָס רעכענען זיך מיט אים. ער קהלט זיך פונקט ווי אַמאָל און איז אַגב שוין אַ סך יאָרן דער ראש פון דער חברה קדישא... מען זאָגט אַפילו אַ וויץ, אַז אַן יאַנקעלע חיים־הערשס, גיט זיך קיין „טויטער אַפילו ניט קיין ריר"... ער איז פּאַקטיש דער טאָן־געבער ביי אונדזער טיש. רויכערט דעם אמתן ציגאַר, גיט נאָך עד היום עצות, — טייל הערן זיך צו צו אים, טייל — ניט. מען האַלט אים פאַר אַ יורד... הגם קיינער זאָגט עס ניט. ער איז אָבער ביז גאָר אינטערעסאַנט ווען מען צערעדט זיך מיט אים. ער פאַרשטייט דאָס לעבן גרינטלעך, הגם ער קען שוין ניט כאַפּן צוריק. קיין עושר וועט ער שוין ניט ווערן. ער איז דאָך דער השמח בחלקו... טיילט אויס די עליות אין טעמפּל, איז דער ראש המנינים, — ער היט אַז מען זאָל דאַווענען כאור הבוקר, און ניט פאַרפעלן קיין מנחה מעריב, קיין שלוש סעודות... אַלץ גייט דורך זיין השגחה, — ס׳איז זיין חזקה — זיינע מצוות...

אַלס אַ ראש של חברה קדישא, האָט ער אַ סך צו דערציילן וועגן די נפטרים, וועגן די קלייניקע סצענקעלעך, וואָס שפּילן זיך אָפּ ביי די לוויות, ביי די אבלים, און בפרט ביי די קאָלעקציעס פון „אינשורענס" אחרי מות... ער איז דאָך דער יעניקער וואָס העלפט דערצו, אַז די פאַרזיכערונג־קאָמפּאַניעס זאָלן אויסצאָלן די געלטער... ער איז גרייט צו לאָזן אַ טרער אויף דער מינוט, ווען ער דערציילט עפּעס, וואָס רירט אים אָן. און באַלד קען מען אים זען לאַכן ס׳גרעסטע געלעכטער לגבי אַ נפטר... אַ געמיש פון סתירות, וואָס ליגן אין דעם מאָדנעם מענטשן באַהאַלטן... ער קען נאָך עד היום ניט

שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַנדערע האָבן אים אַריבערגעוואַקסן. יענע זיינען גבירים, און ער . . . ניט !

בטבע איז ער אַ גוטהאַרציקער, הגם ער קען ווערן בייז גאָר גיך. אָבער ער מיינט גאָרנישט. ער בלייבט אַלץ יאַנקעלע ווינעצקי . . . מיט זיין שיינער פיגור און געדיכטן קאָפּ האָר. יעדער וואָס ווייסט זיין עלטער איז אים מקנא, וואָס ער זעט אַזוי שיין אויס . . .

איז ער אָבער לעצטנס אַליין געוואָרן אַן אבל. זיין געטרייע פרוי איז שוין ניטאָ. אַלע זיינע קינדער האָבן חתונה געהאַט. ער איז געבליבן אַליין אין אַ גרויסער היים, מיט אַ סך צימערן. אַמאָל, אין די בליענדיקע יאָרן, האָט זיך דאָרטן געטומלט, אַלץ האָט געלעבט. די לאָמפּן זיינען געווען אָנגעצונדן. די קינדער האָבן זיך גוט געלערנט ; קהל האָט דאָרטן געמאַכט אַ לחיים, און ס׳האָט געהייסן חי געלעבט . . .

אָבער איצט אין אבילות, זיצט ער ביי אונדזער טיש אומעטיק — סיידן ער פאַרגעסט זיך — גיט ער אַ בליק אויף מיט אַ וויץ, מיט אַ מעשהלע. און דאָ קום איך אַריין. ער דערזעט מיך אַן די ברילן, — אוודאי קוק איך אויס אַנדערש, — ער הערט מיין געשיכטע, ווי אַזוי די ברילן האָבן זיך צעלאָמט פּלוצים, און צו מיין גליק, איז גראָד מיין דאָקטאָר ניטאָ אין שטאָט, איך מוז זיי שיקן צו אַ צווייטן, און ס׳וועט נעמען עטלעכע שעה . . . איך בין ממש בלינד . . .

נעמט ער און צעלאַכט זיך — און הייסט זיך מיר ניט זאָרגן . . . — לאָמיר נאָר אָפּעסן און ביסט געראַטעוועט ! . . . — אַלע ווערן מיר נייגעריק ער בויגט זיך אָן און דערציילט אונדז אַ סוד, אַז ביי אים, אין אַ קעסטל ליגט אפשר דרייסיק פּאָר ברילן, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פון מתים. און אַלץ וואָס איך דאַרף טאָן, איז אַ קלייניקייט. ער האָט זיין אויטאָמאָביל אין דרויסן, מיר וועלן טאָן אַ פאָר צו צו אים און איך וועל זיך אויסקלייבן אַ פּאָר ברילן, און אויס. איך וועל ווערן געראַטעוועט . . . האָבן מיר אַלע גענומען לאַכן און מיטן שטילן געלעכטער, האָט זיך דער געלעכטער עפּעס געביטן אויף אַן ערנסט. יעדער האָט געלאָזט פאַלן אַ וואָרט איבער דעם טשיקאַווען ענין . . . און איך, אַלס דער נוגע בדבר, האָב זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיטן שטן . . . מיינע רעיונות האָבן זיך אָנגעהויבן שטויסן : „פאַרוואָס נישט ? אפשר וועל איך טאַקע לפי שעה געפינען אַ פּאָר ברילן וואָס וועלן מיר פּאַסן. איך וועל באַלד צוריק זעעוודיק ווערן. וואָס איז די נפקא מינה, אַ בריל האָט גאָרניט צו טאָן מיטן נפטר, — ס׳איז דאָך אַ ריינע זאַך" . . .

איז, אָבער, געקומען אַ צווייטע דעה, און געטענהט אַנדערש . . .

וואָס גייסטו טאָן, בערל ? ווי אַזוי וועסטו קענען טראָגן ברילן פון אַ געשטאָרבענעם. וואַרט בעסער צו. שיק דערווייל אַוועק עמעצן אַהיים נאָך די אַלטע ברילן. ס׳וועט אַלץ זיין בעסער ווי פון אַ נפטר . . .

האָב איך אין דמיון טאַקע אַזוי געדענקט צו טאָן... איז אָבער אָנגעפאַלן אויף מיר איינער מיט אַ קשיא, מיט אַ מי יודע. אויב מיין ווייב וועט די אַלטע ברילן געפינען, עס וועט זיך אָנהויבן אַ טאַראַראַם, מיט טעלעפאָנען אַהין, אַהער, מיט נייע מעשיות... און מיין כוח הדמיון האָט יעדן געדאַנק באַקעמפט און איך האָב אַ זאָג געטאָן: — יהיה מה שיהיה, איך וועל צופאַרן און פאַר אַ טשיקאַוועס זען, אויב איך קען געפינען אַ פאַר ברילן פון יענע... וואָרם, מי יודע, אַמאָל קען עס נאָך זיין אַ סגולה צו מיינע טונקעלע אויגן?...

איך בין זיך מודה, אַז אַזוי האָט זיך אין מיין דמיון דורכגעשלאָגן אַזאַ געדאַנק, אַ פּשוטער נאַאיוועער אָבערגלויבן.

און אָט שטייען מיר שוין ביידע אין דעם גרויסן הויז, וואָס איז אַליין, אַן אַ בעל־הביתטע. די פאַרהענגלעך האָבן די ליכט פאַרטונקלט, מיין פריינד עפנט די עלעקטרע, און פירט מיך צו אין אַ ווינקל, וואו עס באַווייזט זיך אַ שאַפע מיט ביכער כלערליי, אידישע ,ענגלישע — און אַפילו עטלעכע גמרות מיט חומשים... לינקס שטייט אַ שרייב־טישל. ער צינדט אָן אַ צווייטע ליכט, און וויל מיר אגב ווייזן, אַז זיין ביבליאָטעק איז ניט סתם — גלאָט אַזוי לפּנים. מיר טוען שוין אויס די רעקלעך. ער עפנט אַ קעסטל און רוקט אַרויס אַ שאַכטל מיט כלערליי ברילן... מערסטע מיט גאָלדענע רעמ־לעך... „זיי זיינען אַוודאי פון פרויען?” טראַכט איך און פרעג שטיל. ער, מיין פריינד, הייבט אָן צו סאָרטירן, און ענטפערט בלחש:

— איך געדענק שוין אַליין נישט וועמענס זיי זיינען. איך בין אָבער זיכער, אַז אָט יענע פּאַר איז... אָט ערשט פריש... פון יענער... און יענער... די אַנדערע איז?... אויב איך האָב קיין טעות?... פון דער און דער?... — ביידע שטייען מיר ביים שאַכטל ברילן, און איך טו זיי אָן, איך וויש זיי אויס, — ווי זיי וואָלטן באמת געוועזן הייליק... איך טראַכט שוין נישט, אַז איך טו עפּעס וואָס איז מאָדנע... עס ווערט מיר שוין טשיקאַווע, אויב איך קען בכלל אויסקלייבן צווישן דרייסיק פאַר ברילן איינע פאַר מיין ראיה. נאַטירלעך, קלייב איך די גרעסערע, די פאַסיקסטע. און אָט דוכט מיר אַז איך האָב געפונען אַ פאַר. אָבער ס'לינקע אויג איז ניט אַזוי קלאָר... איך נעם זיי אַרונטער און גיב אַ זיפץ, און זאָג „מע, אַ שאָד די מי. „אַן עבירה געוועזן די צייט אונדזערע!”... עס ווייזט אויס, אַז עס שטאַרבט אַ מענטש, שטאַרבט אָפּ מיט אים אַלץ... אַפילו די ברילן. אַפילו דרייסיק פאַר טויטע ברילן קענען אין מענטשנס אויג ניט זעעוודיק מאַכן... אַ שאָד געוועזן די מי...

— יאָ, יאָ, האָט מיין פריינד געענטפערט...

מיר האָבן זיך אָנגעטאָן די רעקלעך און גענומען אַרויסגיין, האָט זיך מיין פריינד דערמאָנט: „וואָס לויפן מיר אַזוי גיך? איך האָב דאָך אַזוי

פיל ספרים. ווער עפנט זיי דען? וואָס וועלן זיי אויסליגן? אפשר קענט איר זיך אויסקלייבן עטלעכע? איר קענט דאָך זיי נוצן...

איך האָב אים ניט געקענט אָפּזאָגן און געגעבן אַ טראַט צוריק. ער האָט ווידער אָן עפן געטאָן די ליכט, און איך האָב זיך אויסגעקליבן דובנאָווס אידישע געשיכטע אין צוויי טיילן, געדרוקט נאָך אין אייראָפּע, און איינעם אַ בוך היסטאָריע איבער חסידיזם... און מיר האָבן ביידע פאַרלאָזן דאָס הויז... מיט מיין צוזאָג, אַז איך וועל, אין אַ שעת הכושר, קומען זיך אויס־קלייבן נאָך ספרים, וואָס איך קען נוצן, אויב מיינע אויגן וועלן מיר דינען...

ער האָט מיך צוריק צוגעפירט צו דער פאַבריק. ס'איז שוין געווען 2 אַזייגער ביינטאָג, און אַ טעלעפאָן האָט אַ קלונג געטאָן פון אַ באַקאַנטן אויגן־דאָקטאָר, אַז די רעמלעך זיינען פאַרטיק, איך זאָל צושיקן אַ מענטשן זיי אָפּנעמען.

און אַזוי־אָ בין איך ווידער זעעוודיק געוואָרן מיט מיינע אייגענע ברילן און זיך דערפילט ווי צוריק לעבעדיק געוואָרן... ממש ניי געבוירן...

# ער איז געוואָרן אַ שיכור לשם אידישע טראַדיציעס

די מאָדנע מעשהלע וואָס איך דערצייל אייך איצט, איז אַן אָפּקלאַנג פון מיין וואַקאַציע אין „אונדזער קעמפּ". זי איז איינע פון אַ סעריע, ניט קיין אויסגעטראַכטע, נאָר פון אמתן לעבן. דער לייענער מעג אויך אַ מאָל וויסן, אַז אַ שרייבער ווערט אָפּט אָפּגעשטעלט פון מענטשן וואָס טראָגן זיך אַרום מיט בילדער און מעשיות, וואָס בעטן זיך צו דערציילן, אָבער זיי זיינען זיך מודה, אַז זיי קאָנען דאָס ניט אַרויסברענגען אַזוי ווי אַן אמתער שרייבער...

צי מיין ווייניקייט איז פון יענע „אמתע שרייבערס", איז, דוכט מיר, דאָ ניט דער עיקר... די טשיקאַוועקייט איז, וואָס זי שטאַמט פון מיין ידיד, אל. העררים, דעם טאַלאַנטפולן פּאַרלייענער און אויסטייטשער פון שלום עליכמען, מענדעלען, און נאָך אונדזעריקע, וועמען ער פירט אַרויס אויף דער בינע, אין ארבע פּינות אַמעריקע...

הכלל — אל. העררים, דער אמתער „מנחם מענדל" פון טעאַטער, וואָס איז יאָר־איין יאָר־אויס פאַרבונדן מיט „אונדזער קעמפּ" און שווימט ווי אַ פיש אין וואַסער בעת ער באַגעגנט אַ קאָלעגע, אַ פריינד... ער האָט זיך מיט פרייד צוגעזעצט צו מיר און אַ זאָג געטאָן בזה הלשון:

— הער זיך איין בוים, איך האָב פאַר דיר אַ פיינע און טשיקאַווע מעשהלע אָנצושרייבן, ווילסט עס טאָן? וועל איך עס דיר דערציילן.

— פאַרוואָס שרייבסטו דאָס אַליין ניט אָן? — האָב איך אים שטיל געפרעגט — איך לייען דאָך דיך אַמאָל אין „טאָג" און אַנדערע צייטונגען; שרייבסט דאָך הומאָרעסקעלעך גאָר פיינע.

בקיצור, העררים ענטפערט באַלד דרייסט, אַז אים איז דער קאָפּ פאַר־דרייט; ניט אַלץ קען ער... און ער איז זיכער, אַז מיין ווייניקייט וועט עס מאַכן בעסער. הכלל, מיר וועלן פּרובירן... בשותפות מיט העררים און זיינע נסיעות.

ויהי היום, אין אַ געוויסער שטאָט, איז אים אויסגעקומען צו שפּילן טעאַטער מיט דער „פאַרבאַנד" טרופּע. דווקא אין אַ טעמפּל, וואו זיי האָבן געהאַט אַ גרויסע בינע. ער האָט זיך געטראָגן מיט צוויי גרויסע טשעמאָ־דאַנעס מלבושים פאַר דער פאַרשטעלונג, און מיט אים איז נאָכגעגאַנגען אַ מענטש פון קאָמיטעט, אים צו ווייזן דעם וועג. די טשעמאָדאַנעס זיינען אָבער געווען שווער. האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, ווינקט

הערריס אַן. איך גלייך זיך אויס דעם רוקן, פאַלן מיינע אויגן אויף אַ שיכורן גוי וואָס שטייט קוים איין נעבן טעמפּל, און בעט ביי מיר אַ פּאָר סענט פאַר אַ „קאָפּ אָוו קאָפּפי״!... איך קוק אָן דעם „ערל״, איך בין טויט מיד, מיינע הענט ציטערן נאָך פון די טשעמאָדאַנעס טראָגעניש. איך פיל, אַז זיי זיינען מיר ממש ווי צוויי קלעצער, און איך קען ניט אַריינטאָן די האַנט אין קעשענע אַזוי גיך. אָבער מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. פאַלן מיינע אויגן אויף מיין באַגלייטער. ער פאַרשטייט שוין, אַז איך וואונדער זיך: ראשית, ווי קומט גאָר אַ גוי בעטן אַ „דיים״ נעבן אַ טעמפּל. על כל פּנים איז נאַטירלעכער, אַז אַזאַ נסיון זאָל זיך טרעפן ניט ווייט פון אַ סאַלון, אָדער אין אַזאַ גאַס, וואו שיכורים דרייען זיך? הכלל, מיין באַגלייטער כאַפּט אַרויס אַ „גריווינקע״ און דערלאַנגט דעם „ערל״, און איז מיר באַלד מרמז, אַז ס׳איז נישט דאָס ערשטע צען־סענט שטיקל, וואָס ער גיט אים; אַז ער איז אַ „אונדזעריקער״ און מען מוז פון אים ליידן.

— וואָס מיינט איר אַן אונדזעריקער, — האָט הערריס געפרעגט זיין באַגלייטער, — ער איז אַ איד? אַ גר?...

— ניין. ניין. נעמט בעסער די טשעמאָדאַנעס. אַז איר וועט קומען אין טעמפּל און זיך אָפּרוען, וועל איך אייך וועגן אים אַלץ דערציילן, — טענהט הערריסעס באַגלייטער.

אַוודאי הערט זיך הערריס צו צו דער מעשה און שטוינט. ער, הערריס פאַרזיכערט מיר, אַז ווען ער זעט ניט מיט זיינע אייגענע אויגן, וואָלט ער עס ניט געגלויבט. און די מעשהלע גייט אַזוי:

בעת דער טעמפּל האָט זיך אויסגעבויט האָט מען באַדאַרפט אַ דזשעני־טאָר, אַ באַדינער. אַוודאי האָט מען דאָס איבערגעגעבן צו אַ קאָמיטעט, מיט אינסטרוקציעס, אַז מען זאָל קריגן אַ יונגן מאַן, אַ ניט איד, וואָס זאָל זיך קענען מתעסק זיין מיט קלייניקייטן אין די שבתים און ימים טובים. און דער עיקר — ער מוז זיין זויבער. ער טאָר נישט טרינקען. זיי מוזן חוקר ודורש זיין און געגנוי וויסן וועגן זיין אויפפיר. כך הוה...

מ׳האָט דעם אויבנדערמאָנטן אַנגאַזשירט. עס זאָל הייסן, אַז ער האָט אַביסל בילדונג נאָך געבראַכט פון טשעכאָסלאָוואַקיע; אַז ער האָט געלערנט רעליגיע און גאָר געחלומט צו זיין אַ גלח... און אָט ווערט שוין צוויי יאָר ווי ער איז אָנגעשטעלט אַלס באַדינער אין טעמפּל. איז דאָ ביי יעדן מנין, דערלאַנגט אַלץ, האַלט ריין יעדער קלייניקייט. בעיקר, ער איז פּינקטלעך גרייט צו היטן די יאָרצייטן פון די טעמפּל אידן... ער זעט ווי מען טרינקט לחיים, מען ווינטשט זיך די נשמה זאָל האָבן אַן עליה; מען פאַרבייסט. און פאַרוואָס נישט מאַכן דעם אייגענעם לחיים וואָס אידן מאַכן? עס איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז אידן זיינען קיינמאָל ניט שיכור... איז אָבער די צרה, וואָס דזשאַני ווערט אָפּט פאַרבעטן צו אַ לחיים. ער קען

נישט אָפּזאָגן... ס'איז דאָך אַ מצוה. אַלץ וואָלט געווען גוט, ווען די אייגענע אידן לאָזן אים צורו בלויז מיט איין טרונק. די צרה איז, טענהט דזשאַני נאָך דעם דריטן יאָר, אַז די אידן האָבן אים געמאַכט פאַר אַ שיכור צוליב זייערע מנהגים און טראַדיציעס! איצט־אַ האָבן זיי אים משלח געווען, זיי דאַרפן אים מער ניט האָבן; אַז ער איז שטענדיק באַזויפן און ער טוט מער ניט זיין אַרבעט ווי עס געהער צו זיין. בין איך דען שולדיק? טענהט דער „ערל", איך האָב דען געוואָלט שיכורן? דאָס איז זייער שולד! זיי האָבן מיך געמאַכט צום טרינקען. שטענדיק איז געבליבן עפּעס אין די פלעשער. און קיין מלאך בין איך ניט; אויב איך וואָלט ניט אויס־געטרונקען וואָלט עמיצער אַנדערש דאָס געטאָן; זיי האָבן מיך געשטעלט צו אַ נסיון; יעדער אויף מיין אָרט וואָלט געשיכורט; איך בין נישט מער ווי אַ מענטש!...

אמת, זיי האָבן מיך געוואָרנט. איך האָב פאַר וואָכן און חדשים געקעמפט מיטן שטן. אָבער איך בין ניט שולדיק; דאָס איז איבער זייערע „פּראָקליאַטע" לחיימס, און די יאָרצייטן... וואָס זאָל איך איצט טאָן? יעדער פון אונדזעריקע רייצט זיך מיט מיר: האָסט ניט באַדאַרפט אָנ־נעמען אַ שטעלע אין אַ סינאַגאָגע! זיי זיינען שולדיק אין דיין שיכרות, גיי צו זיי, זאָלן זיי דיך אויסהאַלטן; קענסט זיי אַפילו אָנקלאָגן דערפאַר!...

אַזעלכע רייד הערן זיך אָפּט פון דעם „דזשאַנין" אַרום דעם מקום קדוש. ער קען זיך פון דאָרט ניט אָפּרייסן. די ווייב טרייבט אים אַהין: גיי צו די אידן, און ברענג געלט! זיי זיינען רייך! — אַזוי טענהט מיין ווייב. אַזוי העלף מיר גאָט. איך זאָג ניט קיין ליגן — וואַקלט זיך דער שיכור דזשאַני און הוידעט זיך אַוועק צום דערבייאיקן סאַלון מיט די אָנגעזאַמלטע צען סענט שטיקלעך, און מורמלט, ווי צעמישט וועגן אַלץ וואָס ווערט פאַרלאָפן אין זיין הויז, צווישן אים און זיין ווייב... מען הערט אים פּלאַפּלען, און מען באַדויערט אים באמת. און מען טראַכט, אַז אין זיינע פּלאַפּלערייען ליגט פאַרבאָרגן אַ גריילעכער אמת, וואָס לייענט זיך ווי אַ אומגלויבלעכער פּאַראַדאָקס! — אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט, ווי אידן האָבן געמאַכט אַ גוי פאַר אַ שיכור...

# IV

# געקניפּט און געבונדן

# נײַטען פּאָרמאַן

## דער פֿאָלקס־מענטש און קולטור־טוער

מײַנע לײַענער זײַנען געװיס באַקאַנט מיט מײַנע פּעלשטינער טיפּן, די בני־עיר װאָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון, און מײַן װײַ־ניקײַט האָט זוכה געװען זײַ צו שילדערן, אױפֿלעבן יענעם „אַמאָל", װען אונדזערע װיגעלעך האָבן זיך אײַנגעקאָרבט אין די לײדיקע דילן פֿון די אײַנגעהױקערטע שטיבער; געלעבט מדור־דורות, יונג און אַלט. טהרת־המשפּחה האָט פֿאַר אונדז געמײנט גאָר אַ סך. ביז די השגחה האָט אָנגע־צײכנט אונדזערע װעגן, און אונדז יונגװאַרג פֿאַרטראָגן מעבר־לים; װי אָנגעצײכנט מן־השמים אַז מיר, די „גיסלס" און די „בערלס" און די „מעכלס" זאָלן הײַנט קענען פֿאַרצײכענען די יאָרן און די טעג פֿון אונדזער לעבן אין פּעלשטין, און שפּעטער, אין פֿרײַען אַמעריקע.

גאָר אָפּט זיץ איך בײַ מײַן שרײַב־טיש און קלער, מאַך סך־הכלען װי װײַט און װי טיף מײַנע בני־עיר האָבן צוגעטראָגן צום גײַסטיקן אוצר פֿון דער צװײטער הײם, אַמעריקע, אין משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט; װי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אונדזער לעבן אױף דער איסט־סײַד פֿון ניו־יאָרק, צװישן לודלאָו, אָרטשאַרד און העסטער גאַסן? מיט אַ צושמעלץ פֿון איסט־בראָדװײ, אינם געררודער פֿון „פֿאָרװערטס", „װאַרהײט", „מאָרגן זשורנאַל" און „טאָגעבלאַט"? עס יאָגן פֿאַרבײַ מײַנע אױגן די ערשטע טעג פֿון מײַן אָנקומען קײן ניו־יאָרק, בעת מיר זײַנען אַלע אַרײַנגעקנױלט געװאָרן אין די פֿאַבריקן, און כלערלײ חלומות פֿאַר אַ גליקלעכער צוקונפֿט. עס װאָלט געװען כדאי פֿונאַנדערצװיקלען אַ קאַנװע פֿון בילדער, װי דאָס לעבן פֿון יענער צײַט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָ אין ניו־יאָרק, פֿאַר אונדז, די פּעל־שטינער יוגנט. לײדער קען איך עס ניט טאָן און מוז זיך פֿאַרבינדן לעת־עתה מיט מײַן ערשטן פֿאַרטרעט פֿון מײַן חבר, נײַטען פּאָרמאַן...

ער דערשײַנט פֿאַר מיר דער ערשטער פֿון מײַן דור. איך זע זיך מיט אים אין די חדר־יאָרן, בײַ די אײגענע מלמדים, אינם אײגענעם בית מדרש. הגם זײַן פֿאָטער, יונה, איז אַ קלױזניק, קײן נפקא מניה. יונגװאַרג לעבט אָן טומלט זיך און פֿליט און כאַפּט און פֿאַרכאַפּט אַלץ װאָס מען קען און מען מעג... אונדזערע עלטערן זײַנען ניט קײן גבירים אָדער נײַטענס פֿאָטער איז פֿאָרט אַן עושר קעגן אונדז... און אַװדאי טײלן מיר זיך מיט די אָנבײַסנס, מיט די װאָרעמסן... שױן פֿון קלײנערהײט דערפֿילן מיר די קריװודעס װאָס מיר באַגײען קעגן אַנדערע, און אַנדערע — קעגן אונדז...

מודה־אני, אַז ביז אין די מיטעלע חדר־יאָרן איז נייטען בשם — ניסל, געווען אַ שטילער, שלאַנקער אינגל אַ גוטער חבר. גאַנץ גוט געלערנט, געוויזן סימנים פון עפּעס מער ווי געוויינלעך... און שוין דעמאָלט האָב איך, זיין חבר, דערפילט, אַז ניסל יונהס וויקלט זיך אַרויס פון אונדזער סביבה; אַז ער קען ניט גיין אין שפּאַן. אַז עפּעס זידט אין אים אַ מין אַגרעסיע צו ווערן אַ פירער און ער הייבט אָן צו ביסלעך פאָדערן אָנער־קענונג. מיין וויניקייט האָט עס דערזען און בחוש דערפילט, אַז מיר פאַר־לירן אים, אַז ער גרייט זיך צו ווערן אַ יוצא בן־הכלל... אַז זיין וואָרט זאָל זיין ווי אַ פּסק־דין... אים איז אָבער אַזוי גרינג ניט אָנגעקומען דער תענוג. מיר, די חברים זיינע, האָבן אַזוי גיך ניט צוגעשטימט צו אַזאַ פאָ־דערונג מצד אונדזער אַמאָליקן שטילן חבר נ. פאַרמאַן. מיין וויניקייט האָט דאָך אויך עפּעס געמיינט צווישן די חברים. באַגלייך מיט נאָך אַנדערע וואָס האָבן זיך אויך ניט געהאַלטן „פאַר צווי פאַר אַ דרייער״...

און דאָ מוז איך זיך אָפּשטעלן. מרמז זיין מיינע לייענער, אַז אַט דעם רמז האָב איך בקיצור געגעבן, כדי איר זאָלט האָבן אַ באַגריף, אַז מיין ליבער און חשובער חבר נייטען פאַרמאַן אין אַמעריקע האָט נאָך מקדמונים, אין די חדר־יאָרן, געוויזן סימנים פון אויפבויען פאַר זיך אַ גאָרטן אין וועלכן ער זאָל קענען פלאַנצן כלערליי בלומען. אַפילו אויב מען דאַרף שטעכיקע „באַ־דיקעס...

שוין אין זיין פריער יוגנט האָט ער געהאַט באַגערן צו זיין אַ פירער. גראַד האָט אים די השגחה צוגעשפּילט. ער איז געוואַקסן הויך און שלאַנק. ווי מען וואָלט מן־השמים מרמז געווען, אַז נייטען פאַרמאַן וועט זיין אַ פירער... און אַט האָט די צייט אַ יאָג־געטאָן. מיין וויניקייט פאַרלאָזט פּעל־שטין פאַר נייטענען... איך קום קיין ניו יאָרק אין 1906, ער, נייטען, — שפּעטער, בערך אין 1907־1908.ביידע באַגעגענען מיר זיך ווי בני־עיר אין פּעלשטינער פאַראיין — דער „ועד־העיר״... — דאָרטן, אין די שבת־צו־נאַכטסן זאַמלען מיר זיך צונויף, הערן אַ אידיש וואָרט, אַן ערנסט וואָרט פון די עלטערע... וועגן וועלכע מיר וועט אויסקומען צו שרייבן שפּעטער... ער, נייטען, אַ שיינער בלאָנדין, הויך און שלאַנק. ס׳פּנים פּולבלוטיק, לאַנגע געזיכטס־שטריכן, ווי אויסגעשניטן, ברייטע קינבאַקן איינגעשלאָסן אין זיין לענגלעכער נאָז און גרויע, שאַרפע אויגן. ער איז פריילעך. טוליעט זיך צווישן לאַנדסלייט און קרובים אין ברוקלין, וואָס זיינען מייסטנס „לאַנדרי־לייט״ — פּראַטשעשניקעס. ניט אָרעם און ניט רייך. בעת מיר, די בוימס, עטלעכע ברידער זיינען נאָך אויף דער איסט־סייד. ברוקלין איז נאָך פאַר אונדז פרעמד, אָבער די סאָסייעטי מיטן נאָמען „דער ערשטער פּעלשטינער אונטערשטיצונגס פאַראיין״ פונקציאָנירט און מאַכט געשיכטע...

מיר לערנען זיך ווי צו מאַכן „פּוינט אָף אָרדערס״ און „אַמענדמענטס״ און אַ „פּוינט צום טשער״... ביז אין די האַלבע נעכט זיצן מיר אין די מיל־

כיקע רעסטאָראַנען און מען טרינקט קאַווע מיט צוביים. אונדזער פּעלשטין ד׳אַמעריקע מאַכט היסטאָריע, זאָגן שוין דעות אין די פאַבריקן ; מען מאַכט שוין סטרייקן, מען ווערט גאַנצע אַגיטאַטאָרס. מיר לייענען ביכער. מען שלינגט ממש די צייטונגען, מען לויפט צו די טעאַטערס. דאָרטן הערשט שוין יעקב גאָרדין מיט זיינע דראַמען דורך אַדלערן, קעסלערן און טאָמאַשעווסקין, מאָגוליעווסקין. מיר, די בוימס — אין די קליידער־פאַבריקן, און נייטען פּאַר־מאַן מיט זיין משפּחה אין די „שוירט״־פאַבריקן אין ברוקלין.

מיר, איך מיין זיך און נייטענען, חברן זיך. איך גיב אים עטלעכע אי־דישע ביכער צום לייענען. איינעם — פון דוד פּינסקי, אַ צווייטן — פון קאָב־רינען. קיין נפקא־מינה. ער נעמט זיי ביי מיר צו. עס מיינט, אַז נייטען איז שוין אויס „גרינער״... אַט־אַ דערזע איך אים אין דער אייגענער פּאָזע ווי אַמאָל אין חדר. ער זאָגט שוין דעות אין דעם פּאַראיין. ער האָט פּלענער. איך שטיי און טראַכט : רבונו של עולם, ווי אַזוי האָט נייטען אַזוי גיך זיך אַריינגעוואַקסן אין דעם אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער ? אין דער שטיל טראַכט איך, אַז עס דאַרף ניט זיין צו מיר קיין נייס, וואָרום נאָך אין די פריע חדר־יאָרן האָט ער געוויזן סימנים פון פירערשאַפט. ער ווערט טאַקע דער יונגער פירער פונם פּאַראיין. די עלטערע גרינדער שטוינען. אין דער שטיל פרעגן זיי זיך — מי שמך ? הגם שאול בנביאים ? ! אָבער מען מוז זיך בויגן... עס רעדט שוין אַ חשובער בן־עיר, שלמה צוויג, אַ טיכטיקער גליד פון פּאַראיין, מיט הארץ, מיט אדרבא ואדרבא, אויב נייטען פּאַרמאַן איז קליגער פאַר אונדז, און פעאיקער פאַר אונדז מוזן מיר זיך בויגן צו אים... וואָס טויגן אונדזערע „פּוינט אָף אָרדערס״ ווען נייטען וויסט בעסער אונדזער „קאָנסטיטיושאָן״ מיט די „רולס און רעגולייטשאָנס״...

גם אני בתוכם. איך, בערל, וואָס בין אויך יונג און האַלט זיך שוין אויך פאַר אַ גאַנצן וויסער, האַלט אוודאי מיט מיין אַגרעסיוון חבר. אַ מאָל — ניט. און מיר שטויסן זיך אָן אויף שטיינער. אָבער חברים בלייבט מען. ער ווערט פּאַרזיצער, ווער איך — אויס. און פּאַרקערט... אָבער די יאָרן זאָגן זיך זייערס. ס׳איז טאַקע אויפגעבליט געוואָרן אַ פּראָגרעסיווער פּאַראיין, אַ מוס־טער פאַר לאַנדסמאַנשאַפטן, אָבער קיין פרייד אויף דער וועלט איז איצט ניטאָ. עס האָט זיך אָנגערוקט אַ וואָלקן און פינצטערט איבער ים און יבשה. די אַלטע היים אין פּעלשטין ווערט פּאַגראָמירט. דער וויי־געשריי הערט זיך איבערן ים : העלפט אונדז, שיקט הילף פון אַמעריקע ! און אַט — דער נייטען פּאַרמאַן וואַרפט זיך אַריין אין דער אַרבעט. ער איז שוין אַ טאַטע פון קינדער. מען מאַכט אסיפות. מען רופט לאַנדסלייט צו העלפן. און נייטען פּאַרמאַן קלאַפּט אין די טירן און טויערן. מען הערט זיך צו צו אים. ער זאַמלט געלט דורכן פּעלשטינער רעליף, מיר העלפן אים. אַ דבר ידוע, אַז נייטען פּאַרמאַן איז אין דער שפּיץ, ווען אַלץ געטאָן ווערן מיט דערפאָלג. מיר געפינען אויס, אַז נייטען איז אַפילו אַ כוח אין אַנדערע מקומות ; ער איז

אויסגעקאָכט מיט אַלע אַקטיאָרן, ער איז זייערער אַ פּאַטריאָט און לאָזט זיך הערן; אַז ניט בלויז איז ער אַ „בראַוואָ פּאַטשער״, נאָר אויך אַ שטיצער פון שוואַרצס קונסט־טעאַטער. ער איז שוין פאַרמעגלעך; איז שוין אַ בעל־הבית פון אַ גרויסער „סטים לאָנדרי״, וואו עס אַרבעטן ביי אים אַ סך מענטשן, אַפילו בני־ובנות־עיר. נייטען לאָזט זיך קאָסטן. מאַכט שמחות. סיי אין זיין היים, סיי אין פאַראיין. אַלץ אויף צו העלפן זיין חרוב־געוואָרענעם שטעטל פעלשטין...

מען ווייסט שוין, אַז נייטען פּאָרמאַן איז דער פאַנטרעגער פון קולטור; דער פירער פון עטלעכע צדקה־אַנשטאַלטן. זיין ליבע פרוי העלפט אים מיט... זיין פעלשטין איז אָבער זיין הויפּט־ציל. ער וועקט יעדן, יאָגט זיך שוין אַרום מיט זיין אויטאָמאָביל. ער זעט זיך מיט מענטשן און קריגט, ניט־ווילנדיק, אַ סך כבוד. זיין וואָרט הערט זיך ביי געדעקטע טישן. ער באַפּעלט שוין זיינע ידידים, די אַקטיאָרן און אַקטריסעס זיי זאָלן זינגען און שפּילן. דאָרט, וואו נייטען פּאָרמאַן איז דאָ און פּראַוועט שמחות פאַר וואוילטעטיקע צוועקן, מוזן זיין „קרעפּטן״, די בעסטע טאַלאַנטן... און אָט גרייטן מיר, די פעלשטינער, צו אַ „יזכור בוך״. מיר זיינען אַ „פערצענער קאָמיטעט״ צו שרייבן דעם בוך פון טרערן... פון חורבן פעלשטין, נייטען איז אין דער שפּיץ. ער איז דער געלט־זאַמלער, דער פּוסק־אחרון, אַז אַזוי און אַזוי דאַרף מען טאָן. מען זאַמלט מאַטעריאַלן פאַרן בוך. גאַנץ פעלשטין ד׳אַמעריקע שרייבט דעם „איכה ישבה העיר פעלשטין״. דער איניציאַטאָר פון בוך איז דר. יחיאל קלינג. מיין ברו־דער, יונה, ווערט דער סעקרעטאַר פון דער קאָלאָסאַלער אַרבעט... אויך נייטען שרייבט זיין קאַפּיטל. ער גיט איבער די ליטעראַרישע אַרבעט צו אַנ־דערע און ער זאָרגט פאַר פיזישער (מאַטעריעלער) און מאָראַלישער זייט פון דעם „יזכור־בוך״, מיט די ברענענדיקע אותיות, מיט די „ואלה שמות הקדושים״.

נאַטירלעך מאַכן מיר אַ גרויסע שמחה ווען דער „יזכור־בוך״ דערשיינט. ניט אויף אַלץ שטימט נייטען איין. אָבער דער ציל איז דאָך — קדושה. ס׳איז דאָך אַ מצבה פון וואָרט פאַר די פעלשטינער קדושים. אַוודאי און אַוודאי מאַכט אונדזער פעלשטינער „יזכור־בוך״ אַ רושם. אַ גרויס, קאָלאָסאַל ווערק געשאַפן פון פשוטע פאָלקס־מענטשן. ממש אַ שם־דבר!

מיין וויניקייט פאַרלאָזט דאַן ניו־יאָרק. איך ווער אַ תושב אין פענסיל־וויניע. איך געזעגן זיך מיט מיין חבר נייטענען, לפי שעה. און איך הער, אַז נייטען איז אַלץ דער פאַנטרעגער פונעם פאַראיין. און וואו נאָר אידן פאָדערן אים אויף מיטצוהעלפן אין זייער נויט... יאָ, אַ גרויסער בעל־זכיה איז נייטען פּאָרמאַן. אפשר דורך זיינע זכות־אָבות. זיין פאָטער, יונה, אַ ריזיקער חשובער איד, מיט שוועסטער און קרובים וואָס זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן באַגלייך מיט הונדערטער הרוגים... אפשר האָט די השגחה געפירט, אַז אַזאַ

מענטש ווי נייטען פאַרמאַן זאָל אויסוואַקסן אַ פירער אין אַמעריקאַנער קרייזן, און זיין פאַרמעגלעך און העלפן אידן...

איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב אים שטענדיק מקנא געווען וואָס ער איז אַ בעל־כוח און געבענטשט אויף אַ סך געביטן. אַז וואו נאָר ער גיט אַ טראָט ווערט ליכטיק. ער האָט אַ סך אויפגעטאָן אויפן נאַציאָנאַלן געביט. סיי אין די שלום־עליכם פאָלקס־שולן, סיי אין דער ליטעראַרישער סביבה. איך בין זיכער, אַז ער האָט אַפילו אַ סך מיטגעהאָלפן ציליע אַדלער צו שאַפן איר גרויס ווערק אַרום טעאַטער פאַר דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט... ער שטיצט געוויסע זשורנאַלן, וואו אַ אידיש וואָרט לאָזט זיך הערן, יעדער קאָן אים; יעדער מאַכט מיט אים אַ „לחיים" אויף שמחות'. און אויך מיין ווייני־קייט קען פאַרצייכענען זיין חברישקייט אין אַראַנזשירן לכבוד אונדזער ביידע שמחות, בעת מיין פרוי און איך זיינען געפאָרן קיין ישראל און געקומען צוריק. אַ „צאתך לשלום" און אַ „בואך לשלום", וואָס האָט געמאַכט אַ רושם בחברותא, מיט מיינע ידידים — יצחק ליבמאַן ע"ה, און מיינע נאָענטע קאָ־לעגן פון „אויפסניי" און „זיין"...

אַלע נייטענס פריינד, אַקטיאָרן, האָבן נאָר געדאַרפט אַ פּיפּס פון נייטע־נען און זיי זיינען געקומען אונדז משמח זיין, מיט ציליע אַדלער בתוכם... אוודאי און אַוודאי וועלן מיר דערלעבן אויך צו פייערן נייטענס יובל־השבעים, וואָס איז נאָך דאָ אַ קיילעכדיק יאָר מיט אַן עודף... ערשט דאַן, און נאָר דעמאָלט, האָפן מיר, צו פייערן אַ גרויסן יום־טוב, פאַר אונדזער בן־עיר און מיין טייערן חבר, נייטען פאַרמאַן, וואָס איז אויך גאָר נאָענט צו דער שרייבער־משפחה, און בעיקר צו קאָלעגע מרדכי ירדני, רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", און צו אַלע מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל.

ווי אַ יוגנט־חבר פיל איך, אַז מיינע עטלעכע ווערטער וואָס איך שרייב וועגן אים זיינען אמת־ויציב. און איך ווינטש אים מיט זיין ליבער פרוי אריכות־ימים און אַ סך פריילעכע יאָרן מיט זיינע פיינע קינדער און אייניקלעך. קיין סך אַזעלכע חברים האָב איך ניט...

נייטען איז איצט אַ בויער פון הייזער, מיט זיינע זין, און מאַכט פיין פרנסה. זאָל ער דערלעבן בקרוב צו מאַכן אַ נסיעה קיין ישראל מיט זיין ליבער פרוי. און דאַן וועלן מיר ערשט מאַכן די אמתע שמחה, ווי אים קומט...

# דר. יחיאל קלינג באַלד אַ בן־שבעים...

(אַ ביאָגראַפישע אָפּהאַנדלונג וועגן זיינע פופציק יאָר טעטיקייט
אַלס מענטש און אַלס דאָקטאָר)

ווען אַ מענטש ווי דר. קלינג דערלעבט צו ווערן אַ בן־שבעים, און הייבט אָן מאַכן אַ חשבון הנפש, קען ער זיך בלי ספק ניט באַפרידיקן בלויז מיט דעם, וואָס ער איז פערציק יאָר דאָקטאָר און היילט חולאים. פונקט, למשל, ווי אַ סך אַנדערע דאָקטוירים, וואָס דער חולה איז בלויז אַ ביזאַן, אַ פרנסה ווי אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס. ניין, דר. יחיאל קלינג, מוז פון אונדז אָפּגעשאַצט ווערן גאָר אַנדערש. מיר מוזן קודם־כל באַקענען דעם לייענער, און כאָטש געבן אַ רמז פון זיינע קינדער־יאָרן — הגם עס וועט אפשר ניט קלינגען אויסערגעוויינלעך — מיר זיינען דאָס ניט אויסן, דאָך לשם קלאָרקייט, מוזן מיר דערמאָנען, אַז דר. קלינג איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל, באַקאַנט אַלס פעלשטין, פּאָדאָליער גובערניע, אוקראַינע. דאָס שטעטל פעלשטין איז שוין היינט בלויז אַ זכר לחורבן, אַ בית־עולם...

אָבער אין יענער צייט ווען יחיאל קלינג איז אויף דער וועלט געקומען, איז פעלשטין געווען אָנגעפילט מיט אידן, מיט האַנדל און וואַנדל, און דער עיקר, מיט בתי־מדרשים, קלויזן און שולן. די בליצלאָמפּן האָבן געשפּרייט ליכט אין גרויסן בית־המדרש אויף די לומדים און מתמידים פון יענער צייט. דאָרטן, אין פעלשטין, האָט יחיאל דורכגעלעבט זיינע חדר־יאָרן. זיין אייגענער פאָטער, שלמה קלינג, איז געווען אַ בן־תורה, און אַ גמרא מלמד, וואָס האָט קוים געהאַט פרנסה. דאָס גליק איז געווען, וואָס קלינגס זעלטענע מוטער, חיה, האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה קאַלעכניקעס, און זי האָט אין די יאָרידן געמאַכט אַ שטעל אין מאַרק און פאַרקויפט דעם קאַלך. — אין דעם עשירות, אין דער נידעריקער ירושה־שטוב, האָט ר' שלמה געקנעלט מיט זיינע תלמידים. — „יחיאליק" האָט זיך גערעכנט ביי טאַטע־מאַמע אַלס אַ געבענטשט קינד אין פאַרגלייך מיט זיינע שוועסטער און ברידער. די „ברכה" האָט געמיינט, אַז דאָס אינגל לערנט געשמאַק אַ בלאַט גמרא. איז ווי מען זאָגט, אַן אידל קינד... און „אידל" איז ער געווען אי פיזיש אי גייסטיק. אַ הויך געוואַקסן אויסגעדאַרט אינגל, שטענדיק פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט. ער האָט שוין אין די פריע חדר־יאָרן דערפילט דעם גלות, — דאָס אביונישע לעבן, וואָס האָט זיך געפילט אין שטעטל אויף שריט און טריט, ובפרט ביי אַ טאַטן אַ מלמד, וואָס איז געווען זיין אייגענער וואַסער־טרעגער...

פעלשטינער געדענקען נאָך עד היום, ווען שלמה חנה־עטעס, איז אין אַ קרירהדיקן ווינטערדיקן פראָסט, אַריינגעפאַלן אין דער באָד קרעניצע. דער זשאַריוועל איז געווען פאַרפרוירן, אַנגעקאָוועט מיט אייז, און שלמהס הענט אַנגעפרוירן, און ס׳גליטשיקע אייז האָט אים אַריינגעשליידערט אין טיפן ברונען. זיינע געשרייען פון דער טיף זיינען געגאַנגען ביזן זיבעטן הימל. שטאָט איז געלאָפן אין טויט־שרעק, מ׳האָט געצויגן שטריק, — ראַטעוועט! האָבן זיך געהערט יאָמערדיקע קולות... און געשמועסט האָט מען, אַז ער האָט גומל געבענטשט, זיין קול איז געוואָרן הייזעריק. און איין־מאָל פאַר אַלע־מאָל, ער גיט אויף ס׳מלמדות און פאָרט קיין אַמעריקע, ער קען מער זיך ניט מוטשען אין דחקות...

האָט מען פאַרקויפט ס׳שטיקל שטוב, — זיין חיה מיט די קינדער האָבן זיך אַריינגעצויגן צו אַ שכן, וואָס איז גערן געווען אָפּצוגעבן צוויי חדרים צו שלמהס געזינדל, און אָט איז דער בריט־באָרדיקער איד שוין אין ניו־יאָרק אויף דער איסט סייד. ער איז אַריינגעפאַלן פונקט פאַר פסח, און דורך לאַנדסלייט האָט ער זיך דערשלאָגן אין אַ בעקעריי, וואו מ׳האָט געבאַקן מצות. און גאָט איז אַ פאָטער, ער מאַכט געגנוג פאַר זיך און שיקט אַהיים אַ צענערל אויף פסח. ווער איז צו אים גלייך?... ער טראָגט דערנאָך קוילן אויף די העכסטע עטאַזשן, ער איז אַ בעל־כוח, אַ קרעפטיקער איד — זאָל זיין קוילן, האָלץ, אַבי פרנסה... ביז ער דינגט אַ קעלער, עפנט אַ פרוכט־געשעפט אויף אַלען סטריט. — שיקט באַלד, אויף געבאָרגטע שיפסקאַרטן, אַהיים צו דער פאַמיליע, און זיי קומען אָן בשלום צום טאַטן, שלמה קלינג, אין עלען „שטראָסע״, וואו דער עלעוויטאָר גראַגערט אין קאָפּ טאָג און נאַכט, דאָרטן דערפילט דאָס פרייע בר־מצווה אינגל, יחיאל, די גרויסע אַנ־טוישונג. די נייע היים — דער קעלער — דער הו הא, צווישן אָרטשאַרד, לודלאָו און העסטער גאַס, וואַרפט אויף אים אַ פחד. וואו בין איך? פרעגט ער זיך. ער זעצט זיך דאָן אין דער אַלטער היים, אין וואָרעמען בית־המדרש ביי דער גמרא. אַרום טיש זיצן נאָך חברים, מען איז ערשט ניט לאַנג אַרויס פון די חדרים. אַנטקעגן זיצן עלטערע אידן לומדים, מען לערנט געשמאַק מיט התמדה — זיי, די יונגע, פרעגן אָפּט ביי די עלטערע אַ שטיקל גמרא, עפּעס איז זיי ניט גלאַט! — מיט זייער לערנען און צעגלידערן אַ סוגיא ווערט יחיאלן לסוף קלאָר, אַז זיין ציל איז לערנען און עפּעס דער־גרייכן. זיינע רעיונות טראָגן אים אַוועק גאָר ווייט — ער ווערט דער מתמיד. אַ אינגל אַ חריף — און דאָ, גאָר פלוצים הערט ער די בשורה, אַז זיי פאָרן קיין אַמעריקע צום טאַטן. וואָס וועט זיי אָוודאי באַשטאַטן, און ס׳גאַל־דענע לאַנד וועט זיי געבן פרייד. אַזוי הייסט עס, האָפט מען. אָבער יחיאל, דער פאַרטרוימטער אינגל, איז ניט צופרידן — ס׳האַרץ זאָגט אים, אַז ס׳איז ניט פאַר אים, ער אַנטלויפט ממש פון דער היים אינם טאָג, ווען זיי דאַרפן אָפּפאָרן, באַהאַלט זיך אין דער ווייבערשער שולכל. ער טענהט: „איך

וויל ניט פאָרן קיין אַמעריקע, כ׳וויל ניט." — וואָס הייסט דו ווילסט ניט? זוניעניו מיינער — טענהט צו אים די מאַמע זיינע, און נעמט אים ביי דער האַנט, פירט אים צוריק אַהיים, וואו עס שטייט שוין אַ פור גרייט מיטן גרויסן באַגאַזש. היינט, דאָס געזעגענען זיך, דער שווערער וועג וואָס איז געווען אַזוי שוידערלעך און גליוועריק. וואו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט איז געווען אַ צרה. און דאָ, אָט איז מען שוין מיטן טאַטן. אָט איז דער קעלער, אָט זיינען די דריי חדרים אויף אָרטשאַרד גאַס אויפן פערטן שטאָק. דער טאַטע קומט אַהיים אויסגעהאָרעוועט, ברענגט אַהיים אַ קאָשעק מיט צוגעלעגערטע פרוכט, מיט אַ נעכטיקן ברויט — ער, יחיאל, זעט ווי די מאַמע אָרדענט איין איר היימישע בעלעבאַטישקייט מיט די נייע מעבל, וואָס איז שוין גאָרניט ניי... ער זיצט שטיל, סיידן די מאַמע רופט אים צו ער זאָל איר העלפן. עס זיינען דאָ נאָך קינדער. יעדן טיילט די מאַמע איין אַן אַרבעט, און אין גאַס רופט מען זיי „גרינע". אמת, ניט לגנאי, אָבער אויף יחיאלן, דעם עלטערן, פאַלט דער גורל זיך גיך אויסצורינען. ער דאַרף העלפן דעם טאַטן אין קעלער. פון גיין אין פאַלקסשולע קען קיין רייד ניט זיין. ער היט דערוויילן אָפּ ס׳דאַווענען, קוקט אַריין אין אַ ספר, יעדן שבת לערנט ער די סדרה, עס ציט אים צום בוך. שלינגט ממש איין די אידישע צייטונגען. ער ווייסט שוין, אַז ס׳איז דאָ אַ עדיוקיישאָן עלייענס אויף איסט בראָדוויי — דאָרט וואו שפּעטער האָט געקלונגען מיט — מאַסליאַנסקי „ידבר"...

אָבער די גרינע יאָרן זיינען אַוועק. יחיאל בן־שלמה, האָט מער ביים טאַטן אין קעלער ניט געקענט זיין, און באַשלאָסן זיך צו לערנען אַ מלאכה. אָנגעהויבן שלייפן לעכער אויף אַ זינגער מאַשין. קיין סך צייט אויסצולערנען די מלאכה האָט מען ניט געדאַרפט. עס האָט געמיינט, גאָר גיך צו פאַר־דינען אַ פינפערל אַ וואָך. אַזוי ווערט ער אַריינגעצויגן אין פאַבריק. די מאַמע זיינע ווייזנט אַוודאי וואָס דאָס קינד, דאָס אויסגעדייוועדטע, הויך־גע־וואַקסן אינגל אירס, מוז שוין שקלאָפן אין שוויץ־פאַבריק. גאָר גיך לויפט די צייט, און קלינגס שוועסטערלעך פאַרזוכן דעם אייגענעם טעם פון אַלע אימיגראַנטן. מען לויפט כאור הבוקר אין די פאַבריקן העלפן טאַטע־מאַמע אין דער פרנסה. מען לייענט ביכער, מען גייט צו לעקציעס, מען לויפט שוין אין „דראַמאַטישן קלוב". עס ווערט געשפּרייט דער וועג פאַר אַן אמת אידיש טעאַטער מיט גאָרדין, קאָברין און שפּעטער ז. ליבין, וואָס האָבן מיט זייערע דראַמען פאַרכאַפּט דעם אידישן אינטעליגענט.

דורך די לעקציעס און טעאַטער, הייבט אָן די היים פון די קלינגס אויפצולעבן. עס שטראָמען ממש אַריין היימישע סטודענטן, מען לייענט שלום עליכמען, מענדעלען און פּרצן. דער פאָטער פון די קלינגס בעט זיך ביים יונגן עולם רחמים: „איך בין אַן אָנגעהאָרעוועטער מענטש, איך גיי פרי שלאָפן, לאָזט מיך אָפּרוען, זייט שטיל". אָבער עס קומען דערנאָך נאָך

קליינע קינדער, שוין היגע. דאָן איז שוין קיין פּראַגע פון מאַכן טומל, עס גייט אַ גאַנג. דער טשייניק ביי די קלינגס זידט. די מוטער חיה קאָכט און באַקט, ס'איז פריילעכער אין דער פּרנסה, די קינדער ברענגען אַריין. אָבער יחיאל בלאָנדזשעט אַלץ, קיין לעכער־שלייפער וויל ער ניט בלייבן. ער איז שוין אַנטוישט פון די יוניאָנס, וואָס גרינדן זיך איבער נאַכט און מאַכן זיך באַלד צו. דאָס אָרעמקייט שרעקט דעם אימיגראַנט צו פאַרלירן זיין דזשאַב. קלינג, דע ריונגער בחור, ווערט אַליין שיר אַ פירער פון אַ יוניאָן. גייט פּיקעטן, לויפט ביינאַכט אויף געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען, אָבער זיין צו־גאַנג געפעלט ניט די אַנדערע. ער איז נאָך צו נאַאיוו, טענהן זיי... אַזוי איין אַנטוישונג נאָכן אַנדערן. ער געפינט ניט קיין אמת אין די קרייזן, אַלץ גייט צו מיט פּאָליטיק, מיט ליגן... ניטאָ קיין אמונה אין גאַנצן טאַראַ־ראַם... טראַכט קלינג. איז, על כן, לעת עתה, דער בוך, דאָס איינציקע וואָס פאַרכאַפּט יחיאלן. ער קען זיך ניט אָנזעטיקן מיטן געשריבענעם וואָרט, — ער ווערט אַ בקי אין דער ענגלישער שפּראַך, און דורך אַ צופאַל ווערט ער אַ פּריוואַט לערער. ווער זיינען זיינע תלמידים? די גרינע אימיגראַנטן — טאַקע אַ סך פעלשטינער בחורים, וואָס האָבן ניט פאַרגעסן ס'זעלטענע חריפות פונם אַמאָליקן בית־המדרש אינגל, יחיאל — זאָל זיין אַ קוואָדער אַ לעסאָן, אַבי מען לערנט, מען ווערט היימיש. די הויז פון די קלינגס איז אַ מין „זבאָרנע פּונקט" פון די לאַנדסלייט, ס'איז דאָך זייער רבי — זייער שטוב, זייער שלמה, און דער עיקר, חיה, וואָס איז יעדן מקרב מיט עסן, טרינקען און מיט אַן עצה. מען מוז וויסן, אַז די מוטער פון יחיאל קלינג, האָט געשמט אַלס אַ בר־דעת, איר עצה האָט געמיינט אַ סך. זי האָט דאָן אויפגעשוואומען די אידייע ביי די קלינגס, אַז יחיאל גרייט זיך צו לערנען געשמאַק, און דורכמאַכן די נייטיקע עקזאַמענס, און קענען אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט פאַר דאָקטאָר מעדיצין. — ווי אַזוי, — און מיט וואָס? האָט זיין פאָטער שלמה, געטענהט. וואָסי, — אַ פּרוכט־געשעפט טויג ניט? עס זיינען דאָ האַלסיילערס, מ'איז גבירים אדירים!... צו ווערן אַ דאָקטאָר, דאַרף נעמען יאָרן, ווער וועט דיך אויסהאַלטן? די שוועסטער זיינען דאָס ניט בכוח, זיי דאַרפן זיך אַליין פאַרזאָרגן. עס טומלט זיך, ס'איז טאַקע שלעכט, די מוטער, חיה, טענהט אָבער פאַרקערט. זי וועט אַרבעטן שווער, העלפן אין מאַן שלמה אין קעלער, און געבן אים, יחיאלן, אַ מעגלעכקייט צו שטודירן...

ביים עקזאַמען באַקענט זיך יחיאל מיט דער מילער משפּחה, אויך סטודענטן. ער ווערט אַן אַריינגייער צו זיין חבר, רודאָלף, אַ ברודער צו בערטע מילער, די איצטיקע מאַדאַם קלינג. און עס נעמט ניט לאַנג, אַ ביי קאַפּיטל הייבט זיך אָן פאַר יחיאל קלינג, דעם סטודענט, וואָס גרייט זיך באַלד אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט. זי דערשיינט מיט איר יוגנט, מיט איר ברען, אַ לעבעדיקע, פּולבולטיקע, באַברילטע, וויסהויטיקע מיידל,

מיט איבסענס אַ בוך אין האַנט. איר ליטוויש אידיש לשון קלינגט אָפּ אין יעדן ווינקל פון קלינגס הײם. טאַטע־מאַמע שטוינען: „זע נאָר זע, וואָס טוט זיך דאָ?" יחיאל, דער שטילער, דער תכלית זוכער, ברענגט זיך אַ פּאַרטיקע כלה!... דאָס רעדט מען בלויז אין דער שטיל, זיי וויסן שוין, אַז ס׳וועט ניט העלפן. זי איז גרייט צו גיין אַרבעטן און העלפן איר געליבטן שטודירן אויף דאָקטאָר. מיט נייער יוגנט, מיט בחורים און מיידלעך, מיט ביכער אין יעדן ווינקל, מיר, די בוימס נייע גרינע, די געשווויסטערקינדער בתוכם. איך, בערל מרדכי יוזיפס, אויך ערשט פון פעלשטינער בית־המדרש, קום אָן קיין ניו יאָרק. עס זיינען שוין דאָ הי מיינע צוויי ברידער, — יונה און הערש, — מ׳איז שוין גאַנצע קנאַקערס, מען לייענט, מען דעקלאַמירט, מען דיסקוטירט. די קריטיק, די מחלוקתן מיט ל. מילער פון דער „ווארהייט" און אַב. קאַהאַן פון „פאָרווערטס". מיינע ברידער זיינען גאָרדינס פּאַטריאָטן. מען איז ניט מסכים מיט אַב קאַהאַן. מען נעמט מיך, דעם גרינעם בחורל, אין גרענד טעאַטער צו זען דעם „פרעמדן", מיט יעקב אַדלער, דעם נשר גדול, מיט זיין מאַדאַם אַדלער.

איך קוק אויף דעם יחיאלן, איך בין אים מקנא, אַן אמתער סטודענט, אַ פּאַרשוין מיט אַ פּנים יפות, הויך און שיין, אַ געדיכטן, ברוינעם קאָפּ האָר, מילדע אויגן וואָס ציען צו. ער פרעגט מיך אויס וואָס יעדער טוט. צי לערנט מען דאָרטן פונקט ווי אַמאָל? — ווען איך קום פון טעאַטער, לויף איך גלייך צו דער טאַנטע חיה, דאָרטן איז וואַרעם אין שטוב. דער טשיי־ניק זידט ביז שפּעט ביינאַכט. יחיאל זיצט אַלץ מיט זיינע גראָבע ביכער און שטודירט. זיינע גראָבע ברילן גיבן אים צו חן — ער לאַכט פון מיין בליק אויפן אידישן „טעאַטער", מיר געפעלט עס ניט. ס׳אַ פאַנטאַמימע, טענה איך, — איך האָב געמיינט מ׳עט דאָרטן באַווייזן קונצן, מ׳עט זיך ברעכן אויף הוידעלקעס, מ׳עט מאַכן גימנאַסטיקע און פאָקוסן. אַ טעות אין חשבון. יחיאל לאַכט און בערטע מיט אים — אַלע לאַכן ס׳גרעסטע געלעכטער, אַ חוץ מיין טאַנטע חיה. זי מישט זיך אַריין, פרעגט ביי זיי וואָס זיי לאַכן, גיט זיי אַן אויסרייד, אַ גאָב, צי וויסן זיי אַז פעלשטין האָט ניט קיין טעאַ־טער, צי וויסן זיי, אַז איך בין אַ יונג קינד? — איך וויין און כליפּע, וואָס מ׳האָט מיך געמאַכט צום נאַר... אָבער יחיאל שטילט מיך איין, ער גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז אַמאָל איז געלעכטער אַ גרויסער „רבי". איך קוק אים אָן, וואָס רעדט ער דאָ, געלעכטער איז אַ רבי! אַ נייע תורה. מיינע ברידער קומען מיר צוהילף, אָבער איך וויין. עס פאַרדריסט מיך איין זאַך: הלמאי יחיאל (דער גרויסער יחיאל, וואָס ס׳איז פּעוועון אַ קלאַנג, און מען האָט געשמועסט אין שטעטל, אַז מיט זיין פאָרן קיין אַמעריקע, האָבן זיי אפשר פאַרלוירן אַ גרויסן „רב" ביי אידן. מיין טאַטע, דער למדן, פלעגט מסכים זיין. די פאַנטאַזיע האָט זיך ביי מיר אָפּט צעשפּילט אַזוי ווייט און אַזוי ברייט, אַז איך האָב זיך געוואונטשן צו זיין ווי יחיאל), און לסוף אַזאַ

אַנטוישונג אין זיין האַנדלונג. דאָך האָב איך ניט געגלויבט, אַז ער האָט מיר באמת געוואָלט ווײ־טאָן. ער איז דערנאָך געוואָרן מיין לערער — בעסער געזאָגט, אונדזער לערער, אַלעמענס. די משפחות און לאַנדסלייט — יונגע בחורים האָבן מיט גרויס נייגיר געלערנט ענגליש ביי יחיאלן. זאָל זיין אַ קוואָדער, אַ האַלבן דאָלאַר, אַבי לערנען, און טאַקע געניסן פון דער מוטער היהס געבעקס, איר עפּל־שטרודל, איר גלאָז טיי, האָט געהאַט גאָר אַן אַנדערן טעם. אַ חוץ דעם, האָבן קלינגס שוועסטער געצויגן צו זיך מיט זייער חן, מיט זייער אינטעליגענץ. זיי האָבן די בחורים געראַטן, וואָס און ווי אַזוי צו לייענען אַ בוך. אמת, זיי האָבן אָפּט געשמייכלט פון די גרינע, אָבער מ׳האָט עס ניט גענומען פאַר שלעכט. דער עיקר האָט מען זיך צוגע־הערט צו יחיאלן, דעם אייביקן סטודענט, דעם „בוך־וואָרעם”, ווי מען רופט אים עד־היום. — ער איז אונדזער לערער — מיר גרויסן זיך. וואָס יחיאל קלינג טרעט איצט אַריין אין אוניווערסיטעט. מענטשן שטויבנען, — מען הייבט מיט די פּליצעס — בידים האָט זיך יחיאל אַליין צוגעגרייט פאַר די עקזאַמענס, און ער איז אַריין אין קאָלעדזש. — מען אַמפּערט זיך, מען שמועסט אין דער שטיל, מען שטעלט אָן אויערן. עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז בערטע וועט אים מיטהעלפן, זי איז דאָך זיין לעבנס־באַגלייטערין...

און דאָ ווערט טאַקע געבוירן זיין בכור, עמיל קלינג, בעת יחיאל איז נאָך געווען אויף דער שוועל פון קאָלעדזש — אַ פּעריאָדע וואָס דאַרף כאָטש פאַרנעמען אַ גאַנץ בוך, מוז איך, על כן, באַלד איבערגיין צו יענער צייט, ווען יחיאל קלינג ווערט דאָקטאָר, עפנט זיין אָפיס אין אַטוירני גאַס, אין ניו יאָרק, אינם קאָך פון סאַמע גרענד סטריט, וואו עס שווימען אַריין די גאַנצע „חבריא”, די אַמאָליקע, ביי שלמה קלינג. אמת, די שטוב איז דעם דאָקטאָרס, איז נאָך אַ האַלב לײדיקע, זיין אָפיס אָרעם, דער אייז־באָקס איז פּוסט, אָבער וואַרעמקייט איז דאָ, האַרציקע וואַרעמקייט...

דער טומל אין שטוב פלעגט איינגעשטילט ווערן, ווען אַ פּאַציענט האָט זיך געיאָוועט. מערסטן געווען אייגענע און פריינד, וואָס האָבן געוואָלט זען, וואָס דר. קלינג קען? טייל זיינען געווען ר׳ שלמהס קאָסטעמערס, וואָס האָבן געדענקט דאָס אינגל פון די ערשטע גרינע יאָרן. שווער געווען דער אָנהייב, גאָר שווער. אָבער בערטע האָט געפילט, אַז איר האַרעוואַניע איז ניט גע־גאַנגען לאיבוד, אַז סוף־כל־סוף וועט איר יחיאל זיין אַ דערפאָלגרייכער דאָקטאָר. זי האָט הפנים פאַרגעסן, אַז יחיאל איז ווייט פון זוכן עשירות, אַז זיין בוך, זיין היים — זיין בערטע, שטייען ביי אים העכער ווי געלט. וואָס לענגער ער איז אַריין אין דער פּראָפעסיע, האָט ער דערזען ס׳גרויסע אָרעמ־קייט אין די אידישע היימען. ער האָט זיי דעריבער געראַטן צו גיין אין די דיספּענסעריס, איידער צו אים. הגם, ער האָט אָפט אפילו פאַר קיין געלט ניט געפרעגט, סיידן מ׳האָט אים געגעבן איידער ער איז אַרויס פון הויז...

אַזוי טאָג־איין טאָג־אויס, לויפט ער אַרום אין געאייל, נאַכט און טאָג,

זאַפּט זיך אָן מיט יסורים. ווייל אָפּט ניט נעמען קיין ביסן אין מויל, עס ווייטיקט אים וואָס ער איז נאָך אַלץ דער יונגער דאָקטאָר, וואָס קען זיינע פּאַציענטן פּולשטענדיק ניט היילן... דאָך שליסט מען אים איין אַלס דאָקטאָר אין געוויסע אָרגאַניזאַציעס, אַ סך פּאַציענטן ציען זיך אַרויס אין די בראָנקס, און אַ געדאַנק ווערט געבוירן: משנה מקום צו זיין. — אַרויס פון דער איסט סייד, פונעם טומל, פונעם „פאָרווערטס", „וואָרהייט" און „טאָגעבלאַט"... ער וואוינט שוין אויף בעטגייט עוועניו, וואו ער מאַכט פּרנסה. ער פאַרלאָזט זיך ס׳אמתע בערדל, אַ פּנים חדשות. ס׳איז שוין דאָ נאָך אַ פּאָר קינדערלעך —ביידע משפּחות אי קינגס און אי די בערטעס, געפינען אַ ניי ווינקל ביי די קלינגס. — קיין עין הרע, מיידן מיט בחורים, מען עסט און מען טרינקט. בערטע איז די אשת־חיל, קאָכט און באַקט און זינגט. לאָזט אָפּט איבער אַ שוועסטער, אַ אינגערע, און גייט צו אַ לעקציע, צו אַ קאָנצערט, דאָס איז איר לעבן — דער דאָקטאָר איז דאָך פאַרנומען, מען ווייסט שוין אָבער אַז דר. קלינגס הויז איז געוואָרן אַ בית ועד לסופרים. עס וואוינט שוין ביי זיי אין זייט שטוב קאַמינסקי מיט זיין יונגער פרוי. ער, קאַמינסקי, איז אַ נאַציאָנאַליסט. ס׳האָט זיך דאַן געגרינדעט דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד. דר. קלינג ווערט אַ מיטגליד, זיין וואָרט הערט זיך. די אַמאָליקע היימישע סטודענטן, וואָס זיינען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן אין אידישן קיום אין אַמעריקע, געפינען די הויז פון דאָקטאָר קלינג. דאָס איינציקע ליטעראַרישע ווינקל. יואל ענטין מיט זיין דראַמאַטישן קלוב, יעקב גאָרדין מיט זיינע דראַמאַטישע לעקציעס, און דאָס קול פון די „יונגע", אויך ערשט גרינע — ווי אַ שטייגער: מאַני לייב, יוסף אָפּאַטאָשו, י. י. שוואַרץ, משה לייב האַלפּערן, ה. חיימאָוויטש, דוד איגנאַטאָוו און שפּעטער ה. לייוויק, א. מ. דילאָן און דער יונגסטער בחור, טאַקע זישע לאַנדוי ע״ה, וואָס איז גאָר געווען דר. קלינגס אַ קוואַרטיראַנט, ער איז געשלאָפן אויפן בוידעם־שטיבל, געשריבן לידער אויפן גלי פון דער זון. דאָרטן, ביי די קלינגס, האָט זיך „געזישאָט" און „געמאַנילייבט". מ׳האָט געמאַכט די שטוב ווי אַ היילי קטום. דר. קלינג האָט זיי מקרב געווען מיט זיין שטיל וואָרט, מיט זיינע עצות ווי צו שרייבן, הגם, קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז זיין פּראָבע בשתיקה אויף „שרייבער", האָט ער ניט אויסגעהאַלטן. מיר ווייסן עד־היום, אַז דאָס איז געווען זיין לעבנס־ציל, אָבער ליטעראַטור איז אַ שטיק פון אים. זיין האַרץ פלעגט אויפגיין פאַר פרייד, ווען דער טיש זיינער האָט זיך אָנגעפילט מיט די יונגע טאַלאַנטן. אים איז נאָר שלעכט וואָס ער מוז אַרויסלויפן אינמיטן — אָט קלינגט דער טעלעפאָן, און ער ווערט נעלם...

בערטע פאַרנעמט דאַן זיין אָרט. זי האָט אַ געוואָלטיקן רייץ מיט איר אידיש לשון, מיט איר היימישן חן פון אַ מוטער, וואָס ווערט יונגערהייט די וואָרט־זאָגערין אין איר שטוב צווישן געסט. ווייל ווען זי בלייבט אַליין,

איז זי אין קיך אָדער אין עס־צימער מיט די קינדערלעך. קומט אָבער דער עולם זיך צענויף, לעבט זי אויף. זינגט זייערע לידער אַזוי האַרציק, אַזוי שיין. דאָרטן, ביי די קלינגס, ווערט באַשלאָסן וואָס פאַר אַ וועג די יונגע זאָלן נעמען. די מעשה, אַז אַ סך יונגע שרייבן דעקאַדענטיש, און האַלטן ניט די ירושה פון אונדזער זיידן, מענדעלע, און שלום עליכם און י. ל. פרץ, שטעלן זיי ניט אָפּ. מעג אַב. קאַהאַן קאַמאַנדעווען, מעג יאַנאָווסקי מאַכן פון זיי פּיוּוקעס, צי אַלע אַנדערע, וועלן זיי אַנגיין מיט זייער קאַמף... עס איז יעדן באַוואוסט, אַז אין דר. קלינגס הויז האָט מען געזאַמלט געלט, פון דאָרטן זיינען אַרויס די ערשטע שריפטן פון די יונגע חברותא — ס'האָט געהערשט אַ גוואַלדיקער דרך־ארץ אין קלינגס שטוב פאַר אַלע, וואָס האָבן זיין שוועל באַטראָטן.

דורך דער צייט, וואָס אברהם רייזען און שלום אַש און פרץ הירשביין, ע"ה, זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, האָבן זיי ס'ערשטע באַזוכט די קלינגס, „די ליטעראַרישע היים". דאָס זיינען קאַפּיטלען, וואָס וואָלטן, על פּי יושר, געדאַרפט געשריבן ווערן באריכות, ווייל קלינגס גאָר גרויסע און רייכע ביבליאָטעק וועט זאָגן „עדות" אויף דעם. זיי זיינען דער „פּנקס הלי־טעראַטור", דער ווינקל, וואו די אַלטע היים, דאָס אַלטע ספר האָט געהאַט אַ תיקון. — ס'איז אוודאי באַוואוסט, אַז אונדזער גרויסער שלום עליכם, ווען ער איז אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, האָט באמת ליב געהאַט די קלינגס. דאָרטן, ביי די קלינגס, האָט ער זיך איבערגעחזרט, — איך מיין חלילה ניט לגנאי. דר. קלינגס שטוב האָט געגוג געטרויערט אויפן גרויסן פאַרלוסט פון אידישן פאָלקס אבדה ווען שלום עליכם איז געבראַכט געוואָרן צו קבר ישראל...

די ליטעראַרישע משפּחה געדענקט נאָך די גרינדונג פון ליטעראַרישן קלוב אין די בראָנקס, אונטער בערטעס השגחה, אונטער איר נגינה. עס האָט געזאָלט זיין איר אייגנטום, איר ווינקל, וואו ס'אידישע וואָרט און אידישער טאָן זאָל זיך הערן. אָבער מער ווי אַ יאָר האָט דער קלוב ניט עקזיסטירט. ס'איז געווען צו שווער פאַר בערטען צו זיין אויף צוויי יאַרידים. אָן קלינגס השפּעה האָט עס ניט געקענט האָבן דעם געוואונטשטן דערפאָלג. זיינען דעריבער געווען חלוקי דעות, און ווען די קלינגס זיינען שוין געווען אַוועק פון בעטגייט עוועניו, האָט זיך די יוגנט געגעבן אַ שטעל אויף... מיר מיינען זייער דערפאָלג, זייערע ספרים האָבן פונדעסטוועגן געמאַכט אַ רושם. הגם, ניט איבעראַל, אָבער סעודות האָט מען פאָרט געמאַכט. וואו? ביי די קלינגס, — גאָר אָפט פאַר אַן אַנדערן, איינגעלאַדן געסט און, פרייט זיך יונגוואַרג!

מן הצד האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז דר. קלינג פאַרנאַכלעסיקט זיין פּראַפּעסיע, זיין פּראַקטיק ווערט געשטערט. אָבער ס'האָט קענטיק ניט געהאָלפן. דאָס איז זיין וועלט, ער איז אַ קינד פון „עם הספר", און אַזוי דאַרף זיין. ער, יחיאל, האָט געגרינדעט די ערשטע שלום עליכם שולע. —

געהאַלטן לעקציעס איבעראַל כמעט אומזיסט. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז אידישע קינדער זאָלן קענען אידיש. ער האָט אַפילו געקעמפט מיט קעגנער, וואָס איז אויך אַ פיין קאַפּיטל „קלינג".

אָבער איך גיי איבער צו גאָר אַן אַנדער צייט. כ'וועל אַוועקגיין פונם טומל אַרום די יונגע, אַרום די „איזמס", אַרום עמאַ גאָלדמאַן מיט איר אַנאַרכיסטישן געדאַנק, און אַפילו מיטן גרויסן פּאָעט, אונדזער מאָריס ראָזענפעלד, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם מיט זיינע אַרבעטער־לידער, בפרט און בכלל. מירן אַפילו מוזן אַרויסלאָזן די יעקב גאָרדין עפּאָכע מיטן בלי־ענדן אידישן טעאַטער, וואָס איז שוין היינט ווי בלויז אַ רמז...

יאָ, עס דערהערן זיך ביטערע נייעסן פון אייראָפּע פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, — אידן ווערן פּאָגראָמירט. דר. קלינגס אַלטע היים, זיין שטעטל פּעלשטין ווערט חרוב. צענדליקער שטעטלעך ווערן פאַרשניטן פון די גזלנים. מען דאַרף זאַמלען שטיצע, מען גרינדעט רעליף אַרבעט. דר. קלינג שטייט שוין אין די גאַסן אויף אַ קעסטל און מאַכט „ספּיטשעס", האַלט רעדעס, אַפּעלירט צום אַמעריקאַנעם אידנטום — ניט ווייט אין די אַנדערע גאַסן שטייט זיין פריינד, וואָלפע, און רייסט זיך אויך דעם האַלדז: „אידן, העלפט!" אידן שלאָפט ניט! ס'עט זיין צו שפּעט! דאָרטן, אין דר. קלינגס אָפיס קלינגט — און דער דאָקטאָר איז אין גאַס, בעט פאַר צדקה, ראַטעווען ס'אידישע פאָלק. ביי זיינע לאַנדסלייט שאַפט מען אַ גרויסן רעליף, מיט דר. קלינג בראש. אַנדערע נעמען זיין ביישפּיל. אָבער נאָך דער געלט־זאַמלונג ווערט אים ערשט ביטער אויפן האַרצן; וואָס איז געלט? מאַטעריע, פּשטות! מען דאַרף שאַפן אַ יזכור־בוך, אַן אייביקן אָנדענק פאַר די קדושים. ער קלאַפּט אין טיש, רופט אויף יאַרצייטן, און אים געלונגט מיט די פּעל־שטינער לאַנדסלייט אַרויסצוגעבן אַ יזכור־בוך פון זעקס־הונדערט זייטלעך, צווישן וועלכע מיין „וויניקייט" האָט מיטגעאַרבעט. — שוין צוליב דעם בוך אַליין וואָלט, לפי דעתי, דר. קלינג געדאַרפט פאַראייביקט ווערן מיט גאָל־דענע אותיות אינם בוך פון לאַנדסמאַנשאַפטן. איך בין זיכער, אַז מיר, די פּעלשטינער לאַנדסלייט, וועלן אים באַערן מיט אַ פיינעם באַנקעט גאָר בקרוב, אַז זיין פאָלקסטימלעכע און אמתע קולטורעלע אַרבעט וועט ניט גיין לאיבוד... און זאָל שוין דערמאָנט ווערן, אַז בערטע קלינג, וואָס איז שפּעטער אַליין אַרויס מיט איר וואָרט, און אונדז געגעבן אַ מתנה אירע לידער, וואָס האָבן זיך ביי איר אויסקריסטאַליזירט, אויסגעוואָרעמט אין משך פון די עטלעכע צענדליק יאָר. אָן איר וואָלט אפשר ניט מעגלעך געווען, אַז דר. יחיאל קלינג זאָל זיך ממש מפקיר זיין אין קאַמף פאַרן אידישן וואָרט און קיום. ניטאָ היינט אַ בוך, אַ ספר, וואָס זאָל אַרויס אויף דער ליטעראַרער וועלט, און קלינג זאָל ניט צולייגן אַ האַנט. אַלע ווייסן שוין, אַז ביי דר. קלינג איז די אייביקע היים פון קולטור. אמת, מיר געפינען היינט דעם אַמאָליקן ה. לייוויק, שוין אַ ווייסן זקן, יוסף אָפּאַטאָשו נאָך אביסל שוואַרצ־לעך, אברהם רייזען פאַרגעסט נאָך עד־היום ניט, צו דערמאָנען די קלינגס,

וואו נאָר ער קען, און מאַני לייב מיט איגנאַטאָוון און דר. פאַקס, און חיימאַ־וויטש מיט יצחק בלום מיט י. י. שוואַרץ, א. גלאַנץ־לייעלעס, און זיי צו לענגערע יאָר, די שוכני עפר, עליהם השלום — ווי זישע לאַנדוי, משה לייב האַלפּערן, פּרץ הירשביין — מנחם און אונדזער גרויסער דיכטער, ליעסין — יואל סלאָנים, אפרים אויערבאַך און נאָך יחידים, וואָס איך קען אויף דעם מאָמענט ניט אויסרעכענען.

אַט די אַלע אויבנדערמאָנטע, האָבן זיך גערעכנט פאַר די וואָרט פאַר־שפּרייטער, וואָס האָבן אין דר. קלינגס היים זיך דערצויגן. זיי, די שוכני עפר, מוזן דערמאָנט ווערן צו גוטן, און איך בין זיכער, אַז וואָלטן זיי עד־היום געלעבט, און זיך דערוואוסט אַז דר. קלינג ווערט אַ בן שבעים, וואָלטן זיי אַזאַ שעת הכושר ניט דורכגעלאָזט אָן אַ וואָרט, אָן אַ שטיקל שמחה... עס איז נאָר שלעכט, וואָס די יאָרן האָבן זיך אַ יאָג געטאָן, אַט יענער יחיאל בן שלמה, דאָס אַמאָליקע פּעלשטינער אינגל, איז שוין איצט ווייס ווי אַ טויב. איז אַ דאַנק גאָט נאָך ענערגיש, עס קומען נאָך אַריין צו אים נייע יונגע. דאָס פעלד, וואָס האָט שטענדיק געשפּראָצט מיט קדושה וועט, האָפנטלעך, שפּראָצן אַזוי לאַנג ווי די קלינגס וועלן לעבן, און אַפילו שפּע־טער. דר. קלינג גיט נאָך עד היום פּונם לעצטן פאַר אַ אידיש בוך. די פינפערלעך מיט די דרייעלעך, וואָס ער גיט אַוועק און לאָזט זיך גאָרניט איבער, גיבן אים פונדעסטוועגן כוח און פרייד, וואָס דאָס אידישע וואָרט לעבט און בליט אויף פאַר די שפּעטערדיקע דורות. און בפרט, ווען מיר האָבן זוכה געווען די גאולה פון אידישן פאָלק; מיר האָבן צוריק אונדזער מדינת ישראל. וועל איך זיך ניט שעמען מגלה זיין אַ סוד, אַז דר. יחיאל קלינג האָט זיך אין דער שטיל גענומען צום אַלטן ספר, צום תנ״ך. ער לערנט אויפסניי העברעאיש, ער קען ניט אָפּשטיין פון זיין פאָלק, וואָס האָט דורך צוויי טויזנט יאָר גלות געטראָגן דעם יאָך פון אייביקן שונא, און כאָטש אידיש איז זיין לעבן, זיין לשון, וויל ער זיך אויך אָנשליסן אין אונדזער תורת משה, וועלכע ער האָט פאַרלאָזן ניט ווילנדיק. מיר מעגן אים אַזאַ חטא פאַרגינען... איך בין אָבער זיכער, אַז ער איז אַ גרויסער בעל זוכה, און איך, בערל בוים, זיין געשוועסטערקינד, זיין תלמיד, קען באַ־שטימט זאָגן, אַז זיינע לאַנדסלייט, די בני עיר, זיינען שטאָלץ מיט זייער דר. קלינג. און זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז דר. קלינג האָט ס׳פּעלשטינער פאַראיין באַרייכערט מיט זיין שם טוב, פונקט ווי די ליטעראַרישע משפּחה אין ארבע פּינות אַמעריקע. און כאָטש ער איז דער גרויסער בעל זוכה, וועט אויך ניט שאַטן אונדזער וואונטש און ברכה, אַז דר. קלינג, יחיאל בן שלמה, זאָל האָבן אריכת ימים מיט בערטען, און אָנגיין מיט זיין דאָקטאָריע, און ביז זיינע לעצטע טעג ניט פאַרגעסן אין זיינע תלמידים...*)

*) דאָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַ יאָר עלף צוריק. דר. קלינג איז אַוועק צו זיין אייביקער רו, אויגוסט 21־טן, 1960.

# בערטאַ קלינג — אַמאָל און היינט...

(אַ פאַרביילויף פון אַ האַלבן יאָרהונדערט)

צוויי טעג נאָך מיין אַריבערקומען קיין אַמעריקע האָב איך בערטען באַגעגנט, אין מיין פעטער שלמה קלינגס הויז, אין אָרטשאַרד סטריט, לעבן דער העסטער סטריט, אויפן פערטן שטאָק. זי האָט מיך, דאָס „גרינע" פערצניאָריק אינגל, באַגריסט, ווי מיינע אַ געשוועסטערקינד לויטן געזעץ... זי איז שוין געווען פאַרהייראַט אַ יאָר־דריי צו מיין געשוועסטערקינד, יחיאל קלינג, און שוין געהאַט איר בכור, עמיל, בערך אַ יאָר־צוויי. דער איצטיקער דר. יחיאל קלינג איז נאָך דעמאָלט געווען אַ סטודענט. און, הפנים לשם עקאָנאָמיע, האָט דאָס יונגע פּאָרפאָלק געוואוינט מיט קלינגס עלטערן, אין איינעם פון די גרויסע צימערן, מיט זייער אוצרל — עמיל... ביי וועלכען די בעקלעך זיינען ממש רויט געוואָרן פון די אומצאָליקע קושן מצד דער קלינג משפחה, וואָס האָט געציילט בערך צוועלף פאַרשוין, אין די פינף חדרים...

בערטע איז געווען נאָך גאָר יונג. אירע צוויי ברוינע צעפּ, פאַרקעמט נידעריק אויף דער פּאַטילניצע, אין גראָבע ברילן אויף אירע רונדיקע אויערן, וואָס האָבן זיך אויף איר אויסגעקעכלטער נאָז ניט געקענט האַלטן... ווען זי האָט, פון רגילות, אַרונטערגענומען די ברילן זיי אויסצואווישן, האָט זיך פאַר אייך אַנטפּלעקט איר ליכטיק ווייסהויטיק פּנים, ווי אַ יונג געפּאַקט מיידעלע, וואָס איז אָט ערשט אַרויס פון איר מאַמעס „האָדוואָניע"... מ'האָט קוים געקענט גלייבן, אַז זי, בערטע, איז שוין אַ מוטער פון אַ צווייאָריק אינגעלע...

איר ליטווישער דיאַלעקט פון מאַמע־לשון האָט מיך ממש באַצויבערט. זי האָט מיך אַ פרעג געטאָן: ווי אַלט ביסטו, און ניט — ווי אַלט „ביסטי"? איר שאַרפע דיקציע איז נאָך עד־היום פאַר מיר ווי אַ מין צויבער...

אַוודאי האָב איך מיין געשוועסטערקינד, יחיאל קלינג, מקנא געווען. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, אָט ווי זי וואָלט פאַר אים געווען געבוירן... אינערלעך האָב איך געפילט, אַז אַזאַ פרייע באַציאונג פון אַ פרוי צו אַ מאַן בפרהסיא מוז באמת זיין אויסערגעוויינלעך, אפילו ווען מ'איז מוראדיק פאַרליבט... הגם, געענטפערט האָב איך זיך אַליין, אַז עס דאַרף קיין וואונדער נישט זיין, וואָרם דער דעמאָלטדיקער סטודענט, יחיאל קלינג, איז געווען אַ גאָר באַחנטער יונגערמאַן, הויך און געשטאַלטיק, מיט אַ פיינעם הומאָר און אַ מענטש פון בוך. אַ סטודענט פון וויגל אַרויס. ער האָט נאָך גע־

האָט אַ שם אין זיין געבוירנאָרט פון די חדר־יאָרן אַלס אַ „שאַרף קעפּל״... און עס האָט לאַנג נישט גענומען אַז איך זאָל זיך דערוויסן, אַז אויך דאָ, אין אַמעריקע, איז ער, יחיאל, דער שטאָלץ פון מיין מומע חיהס היפּש געזינדל — פינף טעכטער און איין זון...

און אין יענע יאָרן האָבן זיך די יונגע קלינגס אַריינגעצויגן אין זייער היים. פיינע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געחלומט פון אַ שיינער צוקונפט, פאַר איד און ניט־איד... דאָס אידישע בוך איז ניט אַרויס פון זייערע הענט.

ווי אַ גרינער אינגל, האָב איך זיך געפילט פאַרלוירן צווישן די דערוואַקסענע אַמעריקאַניזירטע יוגנטלעכע. מיין טאַנטע, חיה, קלינגס מוטער, האָט מיך אין דער שטיל געטרייסט, אַז איך וועל „מירטשעשעם״ אויך גרויס ווערן... — וועסט זיך אויסגרינען, וועסטו אויך וויסן ווי מען פירט זיך אין אַמעריקע צווישן מענטשן...

שלעכט איז מיר געווען ווען בערטעס משפחה, די מילערס מיט די וואָלקינס, האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן, ווי היימישע געסט צו די קלינגס. דעמאָלט בין איך גאָר געוואָרן בטל בששים. בערטעס צוויי גרויסע ברידער, רודאָלף און סעם, סטודענטן, און קיין עין הרע זעקס שוועסטערלעך און איין טאַטן האָבן שיר ניט ענג געמאַכט דאָס הויז פון אונדזער פעטער שלמה... וואָס איז געווען אַן אָנגעהאַרעוועטער מענטש און געזוכט מנוחה נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין זיין פּרוכט־קעלער, אויף עלען סטריט...

די מומע חיה האָט זיך געמוזט פאַמעלעך אַריינכאַפּן אין אַלקער צו מאַכן ס׳געלעגער פאַר איר מידן שלמהן, וואָס איז באַלד איינגעשלאָפן, אַפילו אין גרעסטן טומל. זיין כראָפּען האָט יעדן דערמאָנט, אַז עס דאַרף ווערן שטילער... ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן ביסלעכוויז אַרויסרוקן האָב איך ערשט אָפּגעאָטעמט. דער טשייניק וואָס האָט שטענדיק געזאָטן ביי דער מומע חיהן איז דאַן געוואָרן ווי מיין אייגנטום... און טרינקענדיק די הייסע טיי האָב איך געוואָרפן פאַרגנבעטע בליקן צו די פאַרבליבענע געסט וואָס האָבן נאָך געדאַרפט ענדיקן די דיסקוסיע. אַוודאי איז בערטע געווען די פאַרמיטלערין... וואָרם זי איז אָפט אַריינגעפאַלן אין איר חדר, כאַפּן אַ קוק צי איר בן יקירל שלאָפט. גראָד איז עמיל צוגעוואוינט געווען צום טומל און דווקא גוט געשלאָפן. אָבער בערטע האָט אויף אים געוואַכט, און, אגב, זיך באַטייליקט אין די שמועסן אַזוי ווי מן הצד. זי האָט זיך ניט געוואָרפן מיט ווערטער. זי האָט מער געהערט ווי גערעדט. אָבער בחוש האָט זי אויפגעכאַפּט וועלכע ליניע ס׳איז די גלייכע, און געגעבן איר פּסק דין... איר מאַן, יחיאל, האָט אַוודאי ניט אָפט מסכים געווען מיט בערטען, אָבער ער האָט קעגן זיין יפת תואר ניט געוואָלט אַרויסטרעטן. לויט סברות, איז ער ניט געווען זיכער אַז ער וועט געווינען...

בערטע איז דאַן געווען אַ ציגאַרעטמאַכערין. אַ פלינקע „ליוויטשקע״ — געלינקטע, הייסט עס ביי אונדז אין אוקראַינע... זי האָט נאָך דאַן

געמוזט אַרבעטן ביז קלינג וועט ענדיקן אויף דאָקטאָר... אוודאי איז אונ־דזער מומע חיה אים געקומען צו הילף. עמיל איז דאָך געווען איר ערשט אייניקל. איז די באָבע געווען אַ מאַמע בייטאָג, און בערטע — די מאַמע ביינאַכט... צוזאַמען מיט קלינגס עלטערע שוועסטער וואָס האָבן דאָס אינגעלע שטאַרק ליב געהאַט. דעם יונגן פֿאָטער יחיאל האָט מען כמעט באַזייטיקט. מען האָט אים געלאָזט מיטן בוך אין האַנט, ווייל ער האָט אַליין געלערנט, אָן אַ לערער... די ווערטער־ביכער זיינען געווען זיין הילף...

בערטע פֿלעגט זיך קליידן נעט און באַטעמט, שטענדיק געטראָגן אַ ווייס געפּרעסטע בלוזקע מיט אַ שוואַרצן האַלדזטוך, פֿאַרבונדן ווי אַ פֿאַווער אין פֿיר עקן — אַלאַ לאַסאַל... דאָס איז געווען די שענסטע מאָדע אין יענע יאָרן, ווען די יוגנט האָט זיך געפֿילט פֿריי אין האַלטן פּאָסאַן... איר געפּאַלדעוועט קלייד האָט זיך רונדיק געוויגט אויף איר נידעריקער טאַליע, אין פֿראַפּאַרץ מיט איר געבוי. זי האָט קיין מאָל ניט געטראָגן קיין שיך מיט הויכע אָפּצאַסן... זי האָט קענטיק געוואוסט, אַז הויכע שיך דערהויבן נאָך נישט דעם מענטשן... אַז דערהויבונג קומט פֿון גאָר אַן אַנדער קוואַל... און אַליין ניט וויסנדיק אַז זי פֿאַרמאָגט אַ נאַטירלעכן, הויך־אַנטוויקלטן, איידעלן חוש צו דערהויבן אירע חברות און פֿריינד בעת זי באַגעגנט זיך מיט זיי, האָט זי געוואונען דערמיט אַ סך פֿריינד און פֿאַרערער. אַפֿילו אירע אייגענע שוועסטער און ברידער האָבן זיך צו איר געקלעפּט, ווי זי וואָלט זיי אָפּגעטאָן כּישוף. אמת, זיי זיינען נאָך געווען יונג און זיי האָבן געדאַרפֿט אַ מוטער. אָבער בערטע איז געווען צו זיי עפּעס מער ווי כמו אַ מוטער...

איך האָב אָפֿט געזוכט די ענלעכקייט פֿון בערטען צו דעם קליינוואַרג פֿון די מילערס, און האָב קוים עפּעס געפֿונען. אין דער שטיל האָב איך די קינדער מקנא געווען, ווייל איך האָב אַזאַ צושפּאַר אַלס קינד ניט געהאַט. און כאָטש בערטע איז געווען אַריינגעטאָן אין טאָג־טעגלעכער אַרבעט פֿאַר חיונה און געדאַרפֿט דערציען אַ קינד, האָט זי פֿונדעסטוועגן אויסגעפּלאַנט מיט איר יחיאלן אַרויסצוגיין צו אַ לעקציע, צו אַ טעאַטער, אַפֿילו צו אַן אָפּערע — אויף דער „גאַליאַרקע". אַן דעם וואָלט זי געווען ווי אַ פֿאַרלוי־רענע... וואָרם „איסט בראָדוויי" מיטן גערויש פֿון דער יוגנט און די „איזמס" און די השפּעה פֿון יעקב גאָרדינס דראַמען, מיט אַזעלכע קינסטלער ווי אַדלער און קעסלער האָבן גורם געווען, אַז אַפֿילו די אָרעמסטע אימי־גראַנטן זאָלן זיך אַרויסרייסן פֿון די ענגע חדרים אויף דער ליכטיקער גאַס, צו די „גערטנער" וואָס זיינען געפּלאַנצט געוואָרן פֿון די יונגע אימיגראַנטן פֿאַר אַ בעסערער וועלט...

הגם, איך בין זיכער, אַז גראָד בערטע איז ניט געווען עקסטרעם אין אירע פֿאַרלאַנגען; קיין אויסערגעוויינלעכן קאַמף אויף אַ באַשטימטן וועג פֿון לעבן האָט זי ניט געהאַט, זי האָט בעיקר געזוכט איר געזעלשאַפֿט, וואָס זאָל במנוחה זיך לעבן אין פֿרידן. און זי האָט איר ציל דערגרייכט עד־היום...

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן איר פרייד, ווען זי מיט יחיאלן האָבן ענדלעך זיך אַריינגעצויגן אין אייגענע צימערן, אין דעם זעלבן הויז, אין דריי חדרים, אַ יאָר פאַר זיין ענדיקן אויף דאָקטאָר. מיר זיינען געווען יחיאלס תלמידים. ער האָט אונדז געלערנט ענגליש, און געמוזט האָבן כאָטש איין רואיק חדר פאַר די „אוראַקן". יחיאל האָט געהאַט עטלעכע תלמידים — גם אני בתוכם...

איך זע דאַן בערטען אין די ממש האַלב־ליידיקע צימערן ווישן די ביכער וואָס האָבן נאָך קיין אָרט ניט געהאַט. זי האָט זיי אויסגעלייגט רייַנע אויף אַ ברייט טישל לעבן אַ סטאַטועלע (אפשר איז דאָס געווען שעקספיר, — איך געדענק שוין ניט). אָבער בערטעס אויגן און אויערן האָבן געוואַנדערט און געיאָגט זיך אין כלערליי רעיונות. ביז עס האָט זיך אַ יאָווע גע־טאָן אַ טייל פון געווינלעכן עולם, וואָס האָט זיי געוואונטשן גליק אין דער אייגענער היים...

עס איז אָנגעקומען אַ נייער ווינטער. אַ קיילעכדיק יאָר איז פאַרלאָפן. איך האָב געלערנט אין אַ „נייט סקול" — די נאַכט־שול אויף עסעקס סטריט. געוואוינט האָב איך דאַן ביי די בוכס. געאַרבעט האָב איך ביי דער „טרייענגל ווייסט קאָמפּאַני" זעכציק שעה אַ וואָך. קוים געקענט אָניאָגן צו דער שולע אַ זייגער אַכט ביינאַכט, און זעלטענער געקומען צו דער מומע חיה. געזוכט האָב איך אַ ניי ווינקל אין אַ פרעמדער וועלט... אָבער שבת נאַכט האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צו די קלינגס: אי צו דער טאַנטע חיה, אי צו יחיאלן מיט בערטען, וואָס האָבן זיך געגרייט צו זיין גראַדואירונג אַלס דאָקטאָר מעדיצין...

איך בין געווען פון די ערשטע כלומרשטע פּאַציענטן אויף וועלכע דר. קלינג האָט געמאַכט זיין פּראָבע מיט אַ באַנדאַזש אויף מיין קאָפּ... בערטע מיט יחיאלן האָבן דאַן געלאַכט ס'גרעסטע געלעכטער. זי האָט זיך אַזש פאַר־הוסט... ווען קען איבערגעבן בערטעס פרייד? אַ קלייניקייט, איר יחיאל איז שוין אַ דאָקטאָר, און זיי האָבן שוין אַן אייגענעם „אַפּאַרטמענט" אויף אַטוירני סטריט! און די פרייד פון קלינגס עלטערן... און אונדזערע, די געשוועסטערקינדער, די בוימס... זאַלבעפערט יונגוואַרג וואָס האָבן שטאָל־צירט מיטן ערשטן משפחה־דאָקטאָר אין אַמעריקע. צי קען מען דען איבער־געבן וואָס פאַר אַ חלומות ס'האָבן זיך ביי אונדז דריי בחורים דעמאָלט צע־שפּילט?!...

אָבער קיין דערפאָלג האָט דר. קלינג ניט געהאַט אין זיין נייעם אַרויס־טריט אַלס דאָקטאָר אין אַטוירני סטריט, הגם פּאַציענטן האָט ער געהאַט לרוב. יאָ, משפחה־פּאַציענטן וואָס האָבן אַפילו ניט פאַרשטאַנען, אַז אַ דאָקטאָר דאַרף לעבן, אַז זיין פּראָפעסיע דאַרף אים געבן פּרנסה... בערטע האָט אָבער געהאַט גרויסע האָפענונגען און שטילן בטחון, ווי זי וואָלט עפּעס געהערט אַ בת־קול, אַז זיי מוזן משנה מקום זיין קיין בעטגייט עווענוי,

בראָנקס. דאָרטן האָט דר. קלינג זיך געפונען. — די גרויסע הילצערנע שטוב מיט אַן „אויבן" און אַן „אונטן" האָט אָנגעהויבן גיין כּאַדראַם. צווישן מיר און דיר האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן די קאַמינסקיס, די וואָלפּעס און זיך דאָרטן באַזעצט. ס'בוידעם־שטיבל האָט פאַרנומען זישע לאַנדוי ע"ה. ווי איבער נאַכט וואָלט דאָס פאַרלאָפן... דר. קלינג האָט דעמאָלט שוין געטראָגן אַ שיין בערדל, אַ ברוינלעכס, און געשמייכלט, ווען מיר האָבן זיך פלוצים אַ יאָווע געטאָן ווי געסט פון דער איסט־סייד צו די בראָנקס, וואו עס האָבן זיך נאָך געשאָקלט עטלעכעביימלעך אַנטקעגן... די נסיעה מיט דעם דריטן עוועניו „על" איז ניט געווען אַזאַ לייכטע... אָבער בערטע האָט שוין געקאָכט און געבאַקן און זיך אַפילו געגרייט אין קימפּעט. זי האָט שוין געבראָקט די געלע פאַרפערלעך און צוגעגרייט די געפילטע פיש וואָס האָבן פאַרשמעקט די גאַס. די בעסטע געסט האָבן פאַרבראַכט מיט בערטען אין קיך, ביי אירע הכנות, ובפרט אין די פּרייטיקס... זי פלעגט זיך אַנט־שולדיקן כּלומרשט, מ'זאָל איר מוחל זיין וואָס זי קען זיך נישט „אָפּאָרען"...
דר. קלינג פלעגט זיך אַ יאָווע טאָן, אָפּכאָפּן דעם אָנבייסן, און באַלד נעלם ווערן... בערטע האָט אָפט איבערגערעדט, ווי ער אַנטלויפט, ווי דער ווינט, איר יחיאל... אָבער... דער „אָבער" איז געבליבן פאַר אייער פאַנטאַזיע... הגם יעדע פרוי וואָלט זיך געוואונטשן צו האָבן אַ מאַן אַ דאָקטאָר, איז אָבער די פּראָפעסיע פאַר אַ פרוי און קינדער אַ שטערונג צום געוויינלעכן רוטינעם לעבן... די פרוי בלייבט שטענדיק אַליין...

און טאַקע דערפאַר האָט זיך געשאַפן אַן אָפענע טיר ביי די קלינגס. איך מיין, באמת, ממש אַן אָפענע טיר... ווייל ביי די קלינגס זיינען די טירן אָפן עד־היום. זיי האָבן געוויס ניט קיין מורא, מען זאָל צורויבן זייער עשירות... זאָל מען קומען און נעמען. און ווער עס האָט זיך געפילט באַענגט אין בית קלינג איז טרוקן ניט אַוועק. בערטעס פּשוט גלעזל טיי מיט קיכלעך האָט יעדן געמאַכט זאַט...

און ס'איז שוין ניט קיין וואונדער, וואָס אין אַ משך פון אַ קאַרג יאָר האָבן זיך שוין די „יונגע" געפילט ביי בערטע קלינג ווי אין דער היים. צווישן מיר און דיר האָט בערטעס השפּעה גורם געווען, אַז עס זאָל דאָרטן פאַרפלאַנצט ווערן דער גאָרטן פון אַ נייער אידישער ליטעראַטור, מיט זישע לאַנדוי, מאַני לייב, דוד איגנאַטאָוו, יצחק בלום, ראובן איזלאַנד, משה יונה חיימאָוויטש, י. ראַלניק, אברהם משה דילאָן, י. י. שוואַרץ, יואל סלאָנים, יוסף אָפּאַטאָשו, אפרים אויערבאַך, דר. פאַקס, ה. לייוויק, משה לייב האַל־פּערן, און שפּעטער — מנחם באָריישאָ און אַוודאי אברהם רייזען און פּרץ הירשביין. אַפילו שלום אַש האָט ניט פאַרפעלט זיך אַריינצואוואַרפן צו די קלינגס און באַגעגענען יונגוואַרג... יעקב גלאַטשטיין איז הפּנים געווען פון די שפּעטערדיקע ניט־אָפטע אַריינגייער. אַפילו שלום עליכם האָט זיך געפילט ווי אין דער היים ביי די קלינגס.

איך מוז באַטאָנען, אַז איך שרייַב דאָ ניט קיין היסטאָריע; איך בין ניט פּיניקטלעך אין אָנגעבן פּעריאָדיש, ווי די אויבנדערמאָנטע דיכטער האָבן פּינקטלעך געשטעלט זיך אויף בערטעס שוועל... אַזאַ אַרבעט בלייַבט געוויס פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער, וואָס וועט אַוודאי פאַרצייכענען אַלץ בפּרוטרוט... איך וועל אויך ניט אויסרעכענען אַלע שרייַבער, אַריינגייער צו די קלינגס אין פאַרלויף פון דעם האַלבן יאָרהונדערט. גלייכצייטיק, לאָז איך אויס דר. קלינגס השפּעה אויף די יונגע, ווי אַ צושטייער צו בערטעס גאַסטפרייַנדלעכקייט, הגם, אָן דר. קלינג, וואָלט בערטע ניט געווען דערגרייכט איר ציל... אפשר וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייַבן באַזונדער וועגן יחיאלן (הגם, איך האָב שוין וועגן אים געשריבן טיילווייַז אין מייַן באַגריסונג צו אים ביי זייַן יובל השבעים), אין דעם מאָמענט בין איך אויסן צו שטעלן דעם טראָפּ בעיקר אויף בערטען. וואָס אַזוינס האָט בערטע קלינג בשעתה מיט זיך פאָרגעשטעלט, וואָס איר היים האָט געהאַט אַזאַ צובערקראַפט פאַר דעם אויפבלי פון אַ ניי אידיש וואָרט, בעת די „יונגע" האָבן דאָרט, אין בית קלינג, געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַר די נייע פריש־צאַפּלדיקע ווערק זייערע? צו זייַן אָביעקטיוו, מוז מען צוגעבן, אַז בערטע באַזיצט דעם איינגעבוירענעם חוש אויפצונעמען אַ געזעלשאַפט אויף אַ גאָר האַרציקן אופן. למען האמת, מוז מען זאָגן, אַז בערטעס מוטערלעכע שטאַרקאַנטוויקלטע חושים, סיי צו אירע אייגענע קינדער און סיי צו פרעמדע האָבן זיך אויך איבערגעגעבן צו יונגוואַרג בכלל און אַפילו צו דערוואַקסענע. בערטע קען ניט זייַן אַליין. זי קען זיך נישט פאַרטיפן אין אַ בוך, למשל, ווי איר מאַן, יחיאל. זי האָט ליב אַ לעבעדיק וואָרט, אַ בילדלעך וואָרט, עס מאַכט ניט אויס צי ס'איז אין אַ האַרבן ליטווישן דיאַלעקט, אָדער פּויליש־אידיש, צי גאָר גאַליציאַנער אידיש. פאַרקערט, זי האָט געזען אַלע חנען, בעת, למשל, יוסף אָפּאַטאָשו האָט דערציילט אַ מעשה, אָדער אַ וואָי און אַ גאָי אין זייַן פּויליש־אידישן דיאַלעקט. עס האָט אים געגעבן פאַרב. זי האָט אין יעדן פון די שרייַבער וואָס האָבן טאַלאַנט געזען אַלץ וואָס זי האָט געגאַרט צו זען. זי קען אַפילו ניט הנאה האָבן פון אַ גלעזל טיי איינע אַליין. זי מוז האָבן אַ חבר — מאַן אָדער פרוי, קיין אונטערשייד, אָבי בחברותא. אַפילו ווען זי לייענט עפּעס, מוז זי זיך טיילן מיט אַ צווייטן. זי קען ניט סתם אַוועקלייגן אַ בוך אָדער אַ צייטונג, זי זאָל זיך נישט קענען דורכשמועסן מיט וועמען וועגן דעם תמצית פונם בוך. ווען עס איז איר ניט געפעלן עמעצנס אַן אַרויסטריט קעגן יענעם. אַ וואָרט פון רכילות, אָדער פון אַזאַ ביליקן „פּאָליטישן" — דאַן איז זי בייז... דער צוהערער שטויגט שוין מער נישט, ווען ער געפינט אויס, אַז די סיבה פון איר קעגנערשאַפט צו „ניט־פאַרגיי־גער"... אָבער ווען אַ שרייַבער האָט אַ פאַלשן צוגאַנג... אַז — כדי זיך צו דערהויבן, וואַרפט ער בלאָטע אויף אַ צווייטן... זי זאָגט עס, אָבער, אַרויס דיפּלאָמאַטיש, רעזערווירט... זי וויל זיך דאָך נישט פאַרקריגן מיט איריקע... וואָס עס מיינט, אַז אַלע זייַנען ווי איר משפּחה... און איך בין

זיכער, אַז די וואָס קענען בערטען האָבן דאָס שוין פון לאַנג מסתם אויסגע־פונען, אַז זי איז ניט פון די וואָס באַמקען צו מיט אַ „יעס מעם״ אָדער „יעס סער״!

עס איז טשיקאַווע, ווי זי האָט פאַר יעדן אַ זכות. ווי אַן אייגענער, פלעג איך זיך אָפט אינטערעסירן צו וויסן, למשל, ווי בערטע קוקט אויף יעדן דיכטער באַזונדער; עס האָט מיך אָפט אינטערעסירט צו וויסן ווי זי האָט אָפּגעשאַצט, אַ שטייגער, מאַני לייבן, צי משה לייב האַלפּערנען. איך האָב נאָך דאַן נישט געשריבן. איך האָב געוואָלט זיך דערגרונטעווען און לערנען בערטעס בליקן אויף מענטשן. האָט זי, אָבער, שטענדיק, אַנשטאָט געבן אַ בילד פון דעם אָדער יענעם, געפונען זכותים אויף אַ יעדן באַזונדער. איר טענה איז געווען — זיי זיינען פאַרשיידן.ביידע האָבן, הייסט עס, מעלות און חסרונות, אָבער זי האָט ליב ביידע... קיין טאַלק האָט מען ביי איר נישט געקענט דערגיין, הגם, זי האָט אין יעדן געזען אַן „עפּעס״, אַרום וועלכן זי האָט געפונען הומאָר און טאַקע געקאָנט זאָגן אַ וויץ אויף זייער חשבון...

אויף הומאָר איז עד־היום בערטע אַ בריה... אין איר גרעסטן ערנסט קען זי אַמאָל אַרויס מיט אַ וויץ אויף עמעצענס אַ חשבון, ניט, חס ושלום, לגנאי, נאָר, פּשוט, צוליב קוריאָז, אָדער פּאַרביקייט, וואָס דער צי יענער פּאַרמאָגט. זי האָט גרויס ליבשאַפט צו טאַלאַנטן בכלל: סיי אַ דיכטער, סיי אַ פידלער, סיי אַ זינגער אָדער אַ מאַלער... איר היים איז געווען אַ מוזעאום: בילדער פון אַרטיסטן וואָס האָבן געמאָלן אירע קינדער און איר אַליין. בילדער פון מאָדערניסטן פון יונגע קינסטלער. ביי בערטען האָבן זיי אַלע שטענדיק געפונען אַן אָרט... הגם מען האָט געקענט איר פאַרדעכטיקן, אַז ס'איז איבער דעם, וואָס איר יענקל איז אַ מאַלער, אַ קינסטלער, האָט זי, הייסט עס, געהאַט אַ שוואַכקייט צו בילדער. אָבער ניין. דער חוש ביי איר איז נאָך געווען איידער יענקל איז געבוירן געוואָרן, און דעריבער איז אין בעטגייט עווענין, שוין אין דער ערשטער היים, געווען אויסגעהאַנגען אומצאָ־ליקע בילדער ביים אַריינגאַנג, אויף דער וואַנט, פון די טרעפּ, לינק אַרויף, צום שלאָף־צימער. ממש אַ וואַנט מיט פאַרשיידענע בילדער. בעיקר, האָט זיך דאָרטן דר. קלינג אַרויסגעזען מיט זיין ברוין בערדל און זיין שמייכל, ווי ער וואָלט יעדן באַגעגנט ביים אַריינגאַנג מיט חדוה... הגם, ס'אַ דבר ידוע, אַז דר. קלינג איז ערנסט אין זיין אויסזען... אָדער שטימונג...

בערטעס מעבל, דאַרף מען וויסן, איז שטענדיק געווען איינפאַך: אַ לאַנגער טיש, אַ מאַסיווער, פלאַכע בעטן, אַ טישעלע דאָ און דאָרט, מיט איינפאַכע לאָמפּן, שטולן וואָס זאָלן זיין באַקוועם, מען זאָל קענען שמועסן געמיטלעך. געוויינטלעך האָט געמוזט זיין ביי איר אין הויז אַ פּיאַנע פאַר די קינדער... מערקווירדיק איז, וואָס זי האָט געלאָזט אירע קינדער וואַקסן פריי, ניט דיסציפּלינירט. זי האָט ניט געוואָלט איינפלאַנצן אין זיי דאָס געפיל פון איד און ניט־איד. ביי איר איז געווען דער עיקר, די קינדער

זאָלן זיין פרייע מענטשן... איך גלייב קוים, אויב זי האָט זיך אין דעם זין געענדערט, ווי אַ סך אַנדערע, נאָכן איצטיקן חורבן...

בערטע האָט זיך קיין מאָל נישט געיאָגט נאָך עשירות. איך בין זיכער, אַז זי האָט פיינט געלט. גאָרט ניט נאָך רייכע מלבושים. וואָס פשוטער זי איז געקליידט, אַלץ פרייער פילט זי זיך... אָבער לעבן אין אָרעמקייט, ווי זי זעט אַמאָל ביי אַנדערע, איז פאַר איר אַ טראַגעדיע. זי איז דאַן גרייט מיטן אָרעמען זיך טיילן מיטן ביסן...

בערטעס השגות זייַנען טיף מענטשלעך. די דערהויבונג דאַרף קומען פון גייסט, ניט פון עשירות. און דעריבער איז פאַר איר יעגער טאָג אַ יום־טוב, ווען זי קען זיך באַגעגענען מיט יום־טובדיקייט, אויב ניט ביי איר אין שטוב איז ביי יענעם, אָדער גאָר ביי אַ שמחהלע. דורך בערטען האָט מען אַ סך ימי חול פאַרוואַנדלט אין ימים־טובים... עס האָט דווקא ניט געדאַרפט זיין דער יום־טוב צוליב אַ קינסטלער, צי אַ שרייבער. פאַרקערט, ער אָדער זי האָבן געמעגט זיין געוויינלעכע מענטשן...

געוועזן אַ פּעריאָדע, ווען בערטע מיט נאָך אַ חברטע האָבן אין די בראָנקס געשאַפן אַ ליטעראַריש ווינקל, וואו יונגוואַרג זאָל קענען געניסן פון אַזאַ סביבה, מיט געזאַנג און ליכט. עס האָט זי געצויגן צו אַזאַ ראָמאַנ־טיש ווינקל, ווייל אין גרונט, עד־היום, איז זי ראָמאַנטיש. און זי טרויערט אַ סך אין דער שטיל, וואָס יענע ראָמאַנטישע בליענדיקע יאָרן צווישן די גאָר גרויסע טאַלאַנטן וואָס האָבן זיך ביי איר ממש אויסגעהאָדעוועט, זייַנען מער ניט צווישן די לעבעדיקע. איך בין זיכער, אַז גאָר אָפט, ווען עס ווערט איר אומעטיק, און דר. קלינג זיצט נאָך אַלץ פאַרטיפט אין זייַנע גראָבע ביכער, דערמאָנט זי זיך אין יענעם „אַמאָל" און זוכט אַ טרייסט אין געווע־זענעם. זי בלייבט טרויעריק... און פרעגט אוודאי דעם בייזן שטן, למאַי ער האָט זייערע לעבנס אַזוי גיך פאַרשניטן פון דער ליכטיקער וועלט... ווייל מענטשן פון דיכטונג גיבן ליכט... אייגן ליכט...

איך בין זיכער, אַז גאָר אָפט אין איר דמיון און אין די שפעטע נעכט, ווען זי קען נישט איינשלאָפן, לויפן איר פאַרביי די בילדער, די געשטאַלטן פון די שרייבער און פאָעטן — יוסף אָפּאַטאָשו מיט מנחם באָריישאָ, פרץ הירשביין מיט אברהם רייזען עליהם השלום, וואָס האָבן בראש פון דער יוגנט אַזוי פיל נעכט און טעג פאַרבראַכט אין בית קלינג. איר אייניציק שטיקל גליק איז, וואָס דאָס ביסל פרויען, די דיכטערינס, די פּאָעטעסעס, ווי אַ שטייגער, אַדאַ מאַזע, שרה רייזען, אסתר שומיאַטשער, רייזל לאַנדוי, און נאָך, און נאָך, וואָס זייַנען, אַ דאַנק דעם אויבערשטן, לעבעדיקע און שאַפן עד־היום; זיי האַלטן בערטען מיט זייערע אָפטע באַגעגעניש.

עס טליעט נאָך אַ קליין פייערל אין בית קלינג. עס קומען נאָך אַהין אַריין די שפּעטערדיקע שרייבער, ווי י. בלום, ש. טענענבוים, דוד אַפּאַלאָוו און אַ געוויסער טייל פון דער שארית הפליטה, וואָס בערטע איז נאָך עד־

היום מקרב, ניט אַריינרעכנענדיק די דיכטעריננס וואָס זיינען מיט בערטען ווי נפשן קשורה בנפשה; עס ווערן נאָך געמאַכט ליטעראַרישע אָוונטן פאַר יחידים, ווי עס איז געווען פאַר דעם חשובן נפטר, קאָלעגע אברהם פאַסיר־שטיין עליו השלום.

איך קום איצט ניט צו אָפט צו די קלינגס. מיר שרייבן זיך דורך שוין פאַר די לעצטע פינף־און־צוואַנציק יאָר. ווען איך קום, אָבער, אַהין אַרייַן, אין דער הונדערט־און־איין און אַכציקער גאַס, אין בית קלינג, שווין אין די שפּעטערע יאָרן, ווען אירע אייניקלעך, די אַמאָליקע באַחנטע, זיינען שוין פאַר זיך באַלעבאַטים, אָרעם אָדער רייך, עס מאַכט נישט אויס, זיי פעלן מיר, און פעלן אַוודאי בערטען מיט איר יחיאלן. איך זיץ מיט זיי און שמועס, טרינק דאָס אייגענע גלעזל טיי און איך וואַרף בליקן אויף זיי ביידען פון דער נאָענט; ווי עס פעלט שוין דער געריוש פון יענעם „אַמאָל״; עס פעלן אונדז יענע, די אויבנדערמאָנטע דיכטער וואָס האָבן געשאַפן געשיכטע, וואָס האָבן געלייענט שירים, דעקלאַמירט און ציטירט כלערליי כתבים פון די קלאַסיקער און מאָדערניסטן...

איך זע זיי אַלע ביים גרויסן טיש אין די ימים־טובים און אין די שבתים און אַפילו אין די ימי חול; ווי מען זיצט אין אַלע ווינקעלעך זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט. מען לייענט אייגענע כתבים, מען וויל הערן אַ מיינונג, גוט אָדער שלעכט. אַמאָל ווערט אַ שטילע מחלוקה. לאַנדוי רעדט הויך. ער גיט זיין בליק אויפן ליד; אין אַ צווייטן צימער זיצט דוד איגנאַטאָוו און לייענט אַ דערציילונג און איז וואַרעם... ער פרעגט חיימאָוויטשן, אויב ער איז מיד צו הערן, וועט ער זיך אָפּשטעלן לייענען. חיימאָוויטש ענטפערט: „לייען, באַיעלע, לייען! ניט געשראָקן, ברודערקע!״ אָט זיצט אָפּאַטאָשו מיט פאַקסן. ביידע שמועסן, טרינקענדיק טיי. דר. קלינג זיצט לעבן זיי און אָפּאַטאָשו דערציילט עפּעס וועגן חסידות, וועגן אידן מיט צעפּלאָשעטע קאַפּאָטעס, ביי איינעם פון די רביים. זיין פוילישער אידיש דרינגט מיר אַריין אין די אויערן. פאַקס לאַכט און רויטלט זיך. ער ווערט נאָך רויטער ווי ער איז... און דר. קלינג לאַכט מיט. אָט זע איך פּרץ הירשביינען אַריינלויפנדיק צו די קלינגס, שוין אין די שפּעטערדיקע יאָרן, אין דער אַלטער און אין דער נייער וואוינונג, אין דער 181טער גאַס. אויך זיין לשון, מיט זיין רחבותדיקן פאַרנעם, ברייט־ און לאַנג־געצויגענע ווערטער, ווי ער שילדערט זיין איבערלעבונג ביי דער ערשטער טעאַטער־לעקציע אין אַמע־ריקע; ווי ער האָט געמוזט מאַכן אַן הפסקה, כדי ער זאָל זיך אָפּרוען, און וואו מ׳האָט אים שפּעטער מרמז געווען, אַז אין אַמעריקע שטעלט מען זיך ניט אָפּ, מען פאַרט „קורירעסקי״... איך זע אים בלעטערן די צייטונגען מיט אַ שמייכל ווי ער לייענט בקול רם די קוריאָזן פון די קעפּלעך, ווי זיי שליסן זיך איינס מיטן צווייטן, ווי אַ וויץ... ער בייזערט זיך, למאי מ׳האָט אים אָנגעוואונקען, אַז זיין אַדרעס־קאַרטל מוז געדרוקט ווערן אין אַ יוניאָן־

שאָפּ. „אַזאַ אַבסורד!" ער האָט זיך געהאַט זיין פּערזענלעכן שטייגער, ווי אַ יחיד, וואָס מעג ניט האָבן קיין שייכות מיט אַזעלכע אָבליגאַציעס...

איך זע לייוויקן מיט משה לייב האַלפּערן און מאַני לייבן. לייוויק רעדט ווייניק. ער הערט זיך צו ווי מאַני לייב האָט טענות צו משה לייב האַלפּערן, למאַי ער רויכערט אַ ליולקע אַזוי האַסטיק. „דו פאַרטשאַדעסט דאָך אונדז" — געוואַלדעוועט מאַני לייב מיט אַ שמייכל, און האַלט די האַנט קעגן דעם רויך... משה לייב האַלפּערן טוט אים דאַן צוליב און קלאַפּט אויס דעם טיטון אין דער אַשניצע, וואָס דאָס האָט נאָך ערגער געמאַכט... איצט הערט מען ערשט דאָס שטינקעריי פון דער מאַכאָרקע — האָט מאַני לייב זיך געוויצלט...

בערטע קומט דאַן אַריין פון דער קיך. זי טראָגט מיט זיך אַ טאַץ מיט פּרוכטן, ערשט פריש-צאַפּלדיקע געקויפט אין גאַס. זי הייסט דער חברה באַנעצן די גומענס, און לויפט צוריק אַריין אין קיך, וואו עס שטייען אירע צוויי שוועסטערלעך און וואַשן דאָס געשיר פאַרפּאַליעטע... איצט זיינען די שוועסטערלעך שוין ווייט אין די יאָרן. איינע איז רייזל ציפּרין, וואָס דרייט זיך עד־היום מיט דער שרייבער־משפּחה — איבער איר מאַן — ציפּרין.

איך זע אברהם רייזענען אין פאַרשיידענע צייטן ביי די קלינגס. ער קוויקט זיך מיט בערטעס שיחת חולין. — „דו ביסט דאָך ווי צו אידיש גע־בוירן, בערטע, לעבן", — ווען ער פלעגט איר הערן זינגען זיין „מאַי קאַ משמע לן" פלעגט ער זיין אין זיבעטן הימל. „ווי דו זינגסט עס, איז עס דאָך באמת דיינע"... בערטע איז שוין געוואוינט צו דעם. רייזען ווייסט שוין, אַז ס'איז ביי איר ניט קיין נייס. זי נעמט צו די קאָמפּלימענטן מיט אַ שמייכל, ווי זיי ווילן איר, הייסט עס, געבן תענוג... זי וויל ניט געפינען אין די רייד קיין חסרונות. זיי ווערן גאַר ביי איר מעלות... אויף איר וואָגשאָל איז זי שטענדיק אַ מקילה... זי האָט בכלל אַ שוואַכקייט מוחל זיין שרייבער פאַר זייערע חטאים. זאָלן זיי פליען אין די הימלען. פאַרוואָס נישט. זיי האָבן דאָך סיי־ווי נישט קיין סך מער אויף דער ערד ווי זייער וואָרט... ווי זייערע חלומות. און — אָן חלומות איז דאָך דאָס לעבן גאָר־גאָרנישט...

זי פרייט זיך ווען זי טראַכט, למשל, פון אירע אייגענע קינדער, וועלכע זי האָט געהאַלטן ביי זיך ביז די שפּעטע יאָרן און זיי געקעכלט און געקושט, און איבער זיי געוואַכט, געבאַרשט זייערע מלבושים, און געלאָזט זיי וואויל־גיין, ווי פרייע פייגל, און מיר, די אייגענע, האָבן געמיינט, אַז זי האָט זיי צעלאָזן, אומדיסציפּלינירט, און זיי וועלן ביי איר זיין ווי קליינע קינדערלעך ביז... ערשט דאַן פלעגט זי אַ לאַך־טאָן — „ווייסיך־וואָס! ס'איז פאַרט קינדער! הלוואי האָב איך נאָך היינט אַליין אַ מאַמע"...

און ווי מיר זעען, איז זי געווען גערעכט. אירע קינדער זיינען שוין אַליין מאַמעס און טאַטעס און טוען דאָס אייגענע, וואָס בערטע, זייער

מוטער... אפשר שטימט זי מיט זיי אינגאַנצן ניט איין; אפשר האָט זי אַליין, אין איר טיפן האַרצן, געוואָלט זען אין זיי עפּעס אַנדערש; עס פעלט זיי אפשר די טיפע פאַרוואָרצלטע אידישע מידות און טראַדיציעס וואָס זיי היטן ניט אָפּ. זיי זיינען דאָך פאַרט אַמעריקאַנער פּראָדוקטן, — רעדט זי אָפּט צו זיך אַליין. מען קען קיין מענטשן ניט איבערמאַכן... און דעריבער זוכט זי ניט קיין חטאים אויף קיינעם. זי וויל עס אַפילו גרינטלעך באַווייזן אין אירע שמועסן מיט די חברטעס אירע, און אַפילו מיט איר יחיאלן, וואָס איר דוכט זיך, אַז ער איז אָפּט ניט מסכים מיט דעם... ערשט מיט אַ שטיקל צייט צוריק האָב איך מיט איר געשמועסט. עס האָט זיך געהאַנדלט באמת אין עמעצנס אַ חטא פון דער משפחה, וואָס האָט שיר אַנגערירט טהרת המשפחה. אָבער ביי איר האָט עס געהייסן, אַז ס'איז נישט כדאי צו זוכן חטאים אויף יענעם.

איך האָב פיינט חשבונות! — האָט זי ערנסט אַ זאָג־געטאָן. חשבונות פירן דיך אין אָפּגרונט! מענטשן האָבן פאַרשיידענע טעמפּעראַמענטן; זיינען אַנדערש דערצויגן. יעדער מענטש זוכט עפּעס און קען עס ניט געפינען — כאַפּט ער זיך אָן אין אַ שטרוי. אַמאָל איז אַ שטרוי אויך אַ רעטונג!

אַזוי זע איך בערטען, ניט ווייל זי איז מיינע אַן אייגענע, נאָר ווי אַ אידישע טאָכטער וואָס האָט ליב מענטשן. זיי מוזן ניט זיין קיין הויך־גע־בילדעטע. פאַרקערט, זי זוכט נאָר די איינגעבוירענע רויע זייט פון מענטש־לעכע מעלות. זי קען ליב האָבן אַ מענטשן אָן בילדונג, איידער אײנעם, וואָס איז פאַרריסן, ווייל ער האָט מער געלערנט פאַרן אַנדערן. זי באַדויערט אַפילו אַזאַ, הגם, זי ווייסט שוין געוויס פון פּראַקטישן לעבן, אַז אַפילו וואָרט־זאָגער זיינען ניט קיין צדיקים. אין בערטעס שרייבן פילט מען עס כמעט אין יעדן ליד, הגם רעזערווירט, זי וויל ניט זאָגן קיין סך, אָדער זי האַלט, אַז אין קיצור ליגט מער כוח...

און ווי אַן אייגענער באַגריס איך איר. מעגלעך, אַז זי וועט ניט מסכים זיין מיט מיין איבערבליק אַרום איר. מעגלעך — יאָ, איך בין זיכער, אַז זי ווייסט, אַז איך מיין אַלץ בלב שלם, און איך פריי זיך וואָס די השגחה האָט דערפירט, אַז מיין ווייניקייט, זאָל כאָטש אין שריפט קענען פאַרביי־לויפן, קאַליידאָסקאָפּיש, אין ברעקלעך געבן אַן אָפּשאַצונג פון בערטעס קלינג, מיין געשוועסטערקינד, דורך די כלערליי ליכטיקע און טונקעלע טעג און יאָרן...

לויט סברות, האָט בערטע מיט יחיאלן אין זייער היים אַ גרויסן טייל אין מיין שרייבן, ערשט אין די פערציקער יאָרן... איך בין זיכער אין דעם. וואָרם דער פעלשטינער יזכור־בוך אויף דער איניציאַטיווע פון דר. קלינג איז דאָך געווען מיין בראשית... דער פאַקט, וואָס בערטע אַליין האָט אָנ־געהויבן שרייבן שפּעטער, באַווייזט, אַז איר איינגעבוירן ליד פון וואָרט און געזאַנג איז ניט געגאַנגען לאיבוד. מען דאַרף נאָר אַן עפן־טאָן אירס אַ בוך

לידער, דאָס ערשטע בלעטל, וואו זי זינגט — „דו און איך". זי וויל ניט זיין אַליין... אָט זייַנען אירע שורות, ווי זי זינגט האַרציק:

איך שטיי ביים פענצטער, —
און לויף צו דער טיר,
די רגע דערוואַרטן,
זאָלסט קומען צו מיר.
ווי נאָר דו קומסט
אין מיין חדר אַריין
ברענגסט מיט דיר
אַ זוניקן שיין.
ווי נאָר דו גייסט
פון חדר אַרויס,
אַזוי גייט מיט דיר
מיין ליכטיקייט אויס!...

מיר ווילן האָפן, אַז די ליכט וועט אייביק שיינען ווי דער נר תמיד פון די ווערק פון אַלע דיכטער, וואָס האָבן די ליכט ביי איר אין הויז אָנגעצונדן...

30טער יאַנואַר, 1958

# דר. מנחם ג. גלען

(נאָך מיין ערשטער באַגעגעניש, ווינטער 1958)

אוידער איך פאַרצייכן מיין באַגעגעניש מיט ידידי, דאָקטאָר גלען, איז כדאי, מחמת כמה טעמים, אָנצואווינקען מיינע לייענער, אַז זיין פּאָרטרעט וועט זיין דער צענטער צו אַ מנין פּאָרטרעטן פון מיינע ידידים, קאָלעגן־שרייבער.

דער ערשטער פון מיין סעריע איז געווען אונדזער באַליבטער, גרויסער דיכטער אברהם רייזען, ע״ה, בעת איך האָב אים באַגריסט צו זיין ווערן אַ בן שבעים, געדרוקט אין המשכים אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״. און למען הכבוד פון גרויסן דיכטער, פיל איך צו פאַרצייכענען זיינע האַרציקע רייד, בעת איך האָב אים באַגעגנט אין ניו־יאָרק צו אַ „וואָכנבלאַט״־קאָנצערט, ווי ער האָט אָפּן באַטאָנט צווישן עטלעכע קאָלעגן, אַז איך, בוים, האָב אים פאַרשאַפט אַ סך תענוג מיט מיין באַגריסונג. ער האָט אויך באַטאָנט, אַז עס וואָלט געווען כדאי, אַז איך זאָל פּאָרטרעטירן נאָך דיכטער ביי לעבן . . . „עס זיינען דאָ גענוג דיכטער — האָט ער געזאָגט — וואָס איר קענט און איר האָט זיי אָפּט באַגעגנט ביי די קלינגס״. עס האָבן זיך אַ יאָווע געטאָן נאָך קאָלעגן: מ׳האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן צו הערן רייזענען. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך די ליכט פון קאָנצערט־זאַל אויסגעלאָשן, און קאָלעגע יצחק ליבמאַן, דער אַראַנזשירער און פאַרזיצער פון די „וואָכנבלאַט״־קאָנ־צערטן, האָט בקול רם אַ רוף געטאָן רייזענען אויף דער פּלאַטפאָרמע, און מיין וויניקייט מיטן פאַרשטאָרבענעם דיכטער, אברהם פאַסירשטיין ע״ה האָבן זיך שטיל אָעקגעזעצט מיט אַ געפיל, ווי מען וואָלט אונדז פלוצים באַרויבט פון רייזענס שיחת חולין . . .

זינט דאַן האָב איך רייזענען ניט געזען. וואָרים די השגחה האָט מיך פאַראורטיילט פאַר אַ פּראָווינציאַל. מיין היים איז עד היום אין פּענסילוועניע. און די צייט האָט זיך אַ יאָג געטאָן . . .

איך גרייט זיך איצט מיט מיין אסתרן פאַר אַ נסיעה למדינת ישראל. ס׳איז אַ גרויסע זכיה, טענהן אונדזערע פריינט און קאָלעגן. בעיקר, באַטאָנט עס שטאַרק ידידי, דר. מ. ג. גלען. מיר שרייבן זיך דורך גאַר אָפט. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געשריבן וועגן מיינע כתבים אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ אין זיין יערלעכן קאָלום: „מימים ימימה״. ער איז אגב, געווען אַ פּאָר יאָר אין ישראל. ער האָט מיך ממש אָנגערעגט מיט זיינע רמזים, לגבי געוויסע דאָרטיקע מענטשן און מקומות. גראָד איז דאָ אין פילאַדעלפיע, אַ תושב,

מיינער אַ „פאַרבאַנד״ חבר, יוסף סיימאָן, וואָס מאַכט אויך די נסיעה לישראל, און ער האָט מיך איינגעלאַדן צו אַ שטיקל שמחה לכבוד דער נסיעה. האָב איך שוין געהאַט דעם כבוד צו האָבן צוויי שמחות: זיך געטיילט מיט מיין חבר, און אויך גאַסטראָלירט ביי דר. גלען. איך האָב געפילט, אַז עס וואָלט ניט געווען יושרדיק אַוועקצופאָרן פון פילאַדעלפיע און ניט באַגעגענען אַזאַ חשובן קאָלעגע.

ווען איך האָב אָנגעקלונגען טעלעפאָניש צום דאָקטאָר, האָב איך באַלד אין אונדזער טעלעפאָנישן שלום־עליכם דערפילט, אַז ער איז אַ שומר שבת. ער רעדט שטיל און געלאַסן. מיט אמתער חדוה דערצייל איך אים בקיצור מיין מאַרשרוט, אַז... יאָ. ער פרעגט מער ניט, ער איז ווי אין זיבעטן הימל, און למען־השם, איך מוז זיין זיין גאַסט אין זיין שול וואו ער איז פאַרבונדן, ווי אַ בעל תפילה אין די ימים נוראים און אַ בעל קריאה דורכן יאָר. און פונקט 9.30 זאָל איך, ווי אַן אמתער שבת־איד, אים דאָרטן באַגעגענען. ער וועט שוין אָנווינקען דעם שמש, ר׳ דוד מאַן, אחד משלנו... און ער וועט מיך שוין באַקרוינען מיט אַ טלית...

אין דעם קאַלטן פרימאָרגן האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט זוכן די גרויסע שול פון אידישן צענטער, ניט ווייט פון דער 63טער גאַס. אַ האַלב פאַר־פרוירענער בין איך אַריין אין דעם גוואַלדאַוונעם מקום קדוש, געבויט ווי אַ טעאַטער, מיט לאַנגע בענק, נידעריקע און העכערע. דער אָרון קודש צו מזרח איז געבויט אויף אַ הויכער פּלאַטפאָרמע, וואו דער חזן שטייט און דאַוונט מיט דער פּלייצע צום ארון קודש. עס זיצן עטלעכע מנינים אידן, צעשפּרייט אין אָנגעטאָנענע טליתים; עס דאַוונט דער בעל שחרית, אַ פיינער היימישער מיטליאָריקער איד. ס׳איז נאָך פאַרן לייענען. דער שמש פרייט זיך וואָס איך בין דאָ אין זיין שול, ובפרט אַ ידיד פון דר. גלען... ער באַקרוינט מיך מיט אַ פיינעם טלית, דערלאַנגט מיך אַ סידור מיט אַ חומש, פונקט פאַרביגן צו געפינען פרשה „ויחי״... און ער פירט מיך צו לידידי וואָס איז געזעסן אַן־אַ־זייט, לינקס, ניט ווייט פון ארון קודש, און אַריינגעבליקט אין חומש, פאַרטיפט, הפנים, אין פּינקטלעכן טראָפּ ווי אַ בעל קריאה, וואָס טאָר ניט מאַכן קיין טעות בעת קריאה... אין דער שטיל גיבן מיר זיך „שלום״, אונדזערע בליקן באַגעגענען זיך ווי באַהאַלטן... מיר זיצן שוין נאָענט, טוליען זיך שטיל איינער צום צווייטן; מיר ווילן ניט שטערן דעם בעל שחרית. ער רוימט מיר איין אַ סוד: „איר וועט שוין ביי אונדז עולה לתורה זיין, בוים״... עס קומט טאַקע צו דער שמש און פרעגט מיך, צי איך בין אַ כהן אָדער אַ לוי? „ניין, זאָג איך, כ׳בין בלויז אַ פּושע ישראל״... און באַלד שטייען מיר שוין איינער לעבן צווייטן אויפן גרויסן באַלעמער, נעבן ספר תורה, צוגעטוליעט. אַ נערוועאישער מאַך איך די ברכה. דר. גלען לייענט מיט אַ פיינעם נוסח, על פי דקדוק און מסורה. איך זע גייסטער פון אַמאָל, נאָך אין מיינע יונגע יאָרן, אין פעלשטינער בית המדרש, וואו מיין

אייגענער פֿאָטער ז״ל איז געשטאַנען אין איינגעהילטן טלית, און געלייענט בקול רם זיין „אָז ישיר משה״! ווי איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט, יעדן טראָפּ, יעדן קלאַנג, וואָס איז אַרויס פֿון טאַטאַנס מויל. איך האָב דאָך דאַן געחלומט צו ווערן דער ממלא מקומו, איבער הונדערט יאָר... און איצט, מיט פֿינף צענדליק יאָר שפּעטער, שטיי איך מעבר לים אין מיין אַדאָפּטירטער היים, נעבן מיינעם אַ קאָלעגע, אין אַ קאָלאָסאַלער שול, וואו ער לייענט ווי אַ מאָדערנער מענטש, אַ תלמיד חכם...

ביידע בליקן מיר אין ספר. ער, דר. גלען, פֿירט אַליין מיט דעם „יד״ איבער די שווערע אותיות, אַנגעבויגן צום ספר... אָך ס׳אַראַ רעיונות, בילדער, לויפֿנדיקע יאָרן פֿליען מיר פֿאַרביי מיין מוח, מיין וויזיע. אָבער קיינער ווייסט נישט מיינע דמיונות... אוודאי ענטפֿער איך, נאָך דער עליה, מיט אַ יישר כוח צו די אידן אַרום און דאַנק השי״ת, וואָס ער האָט מיך אַריינגעפֿירט אין אַ מקום קדוש, אין אַ שבת פּרשה „ויחי״, וואָס עס ווערט גערעדט וועגן די אבות, וועלכע אונדזערע מלמדים האָבן אונדז אַזוי האַרציק אַריינגעפֿירט אין זייער לעבן, מיט זייערע „ויחיס״ און „ויהיס״...

איך זיץ שוין צוריק מיט גלענען נאָענט. מיר הערן זיך שוין צו צום ראַבּיי א. טענענבוים, ווי ער האַלט אַ מאָדערנע דרשה. ער רעדט צו דער יוגנט, וואָס באַטייליקן זיך אין פֿראַגן און ענטפֿערס... מיר געפֿעלט עס גראַדע. דר. גלען איז מיר מרמז, אַז ס׳אַ מאָדערנער מנהג און ס׳איז אַ געפֿינס פֿאַר דער יוגנט... איך וואַרט שוין דער חזן זאָל צוגיין דאַווענען מוסף. אָבער — ניין. ער פֿירט בלויז אַריין מיט דעם אַנהייב, און עס שטעלט זיך גאָר דאַווענען אַ יונגער בחור. ווידער אַ פֿיינער מנהג... די יוגנט זאָל ווערן בעלי תפֿילות. מען דאַוונט אין כלל. קהל וחזן. חזן וקהל... אַזוי ענדיקט זיך ס׳דאַווענען, דער „גוט שבת, גוט יאָר״, איז מיר אַפֿילו פֿרעמד. ניטאָ די וואַרעמקייט פֿון מיינע היימישע אידן, פֿון מיינע מלמדים, וואָס איך האָב יעדן שבת געמוזט זיי געבן בכבוד דעם „גוט שבת״. איי, דער היימישער „גוט־שבת״ אין בית המדרש. מען טאָר אָבער ניט זינדיקן, ס׳איז נאָך מיט חסד...

דער זייגער האָט געוויזן 12.30. די קרירה איז ניט געשטילט. אָבער מיר גרייטן זיך אין וועג אַריין. מיר דאַרפֿן גיין אַ מהלך פֿון צוועלף גאַסן, רוימט מיך מיין פֿריינט איין אַ סוד: „מיר וועלן מאַכן דעם שפּאַציר. ניט געזאָרגט, בוים... אַ ביסל פֿרישע לופֿט שאַדט נישט״.

איך פֿאַרזיכער אים, אַז איך האָב פֿאַר קעלט נישט קיין מורא. אַז, בכלל, בין איך אַ וואַרעמער איד... לכל הדעות, אַ שטיקל „בעל גוף״. אָבער ניין. ער וויל זיין זיכער, אַז מיר וועט ניט זיין קאַלט. און ער ציט אַרויס זיין שאַרף פֿון קעשענע און דערלאַנגט עס מיר: „נעמט, בוים דעם שאַליק, ס׳עט אייך זיין קאַלט״. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב גראָד איבערגעלאָזט מיין שאַליק ביי סיימאָנען, און ער זאָל זיך ניט זאָרגן פֿאַר מיר...

איך האָב דעמאָלט אַ שאַרפֿן בליק געטאָן אויף אים, געוואָלט אים דערזען אָן דעם טלית, אָן אַ יאַרמולקע, אין די שבתדיקע מלבושים. איך האָב נישט געדאַרפֿט זוכן זיין הויכן שטערן. דר. גלענס הויכער און ברייטער שטערן און פּוכקע פּולבלוטיק־ייִדענער פּנים, מיט שאַרפֿע ברוינע אויגן אונטער די ברילן האָבן מיך דערמאָנט אין יענע אַמאָליקע ייִדענע יונגעלייט וואָס עסן קעסט ביי אַ רייכן שווער... און היטן זיך אָפּ, עס זאָל מיט זיי, חלילה, ניט געשען קיין שום מכשול...

שוין ביים אָנטאָן זיין שאַליק האָבן אַ בליאַסק געטאָן זיינע עמפּינדלעכע פינגער מיט פּולבלוטיקע ריינע נעגל, וואָס זיי פּעלט ניט קיין וואַסער... איך האָב שוין ניט געטראַכט פונם הויכן שטערן... מערקווירדיק איז, וואָס מיר זיינען ביידע געוואָלדיק ענלעך אין די פיזיאָנאָמיעס, אַ חוץ, וואָס ער איז גלייך ווי אַ סטרונע און איך בין געבויגן — אַ משפּחה־פעלער... ווען ניט דאָס, וואָלטן מיר אויסגעקוקט ווי „שני אחים"... אָבער מיט געוויסע אונטערשיידן...

טשיקאַווע איז, וואָס מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן עטלעכע מאָל אויפן וועג, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, איבער דער ווינטיקער קרירה. דר. גלען האָט שוין זיינע מקומות, ביי באַקענטע שול־אידן, וואו ער שטעלט זיך אָפּ אָנצוואַרעמען זיך בעת הליכה, אין די קאַלטע שבתים...

מיר זיצן שוין ביי זיין טיש, וואו אַלץ איז צוגעגרייט לכבוד שבת. די יונגע מאַדאַם גלען, בשם עלזה, אַן אשת חיל, מיט זיינע פיינע צוויי קינדערלעך הערן זיך צו ווי דער טאַטע מאַכט קידוש. זיי העלפן דערנאָך זייער מוטער סערווירן. איך שטוין. מיר געפעלט עס באמת. אַ נייער איינפיר צו קינדער דערציאונג. אפשר דאַרף עס טאַקע אַזוי זיין, קלער איך... איך בין עס מרמז זייער פאַטער. ער גיט צו, אַז דאָס איז אַלץ צו דער מוטערס קרעדיט...

אונדזער שטילער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן נאָכן בענטשן מיט די קינדערלעך בקול רם, אויסווייניק. דר. גלען האַלט, אַז אָט אַזוי מוז מען דערציען די היינטיקע יוגנט. מען מוז, קודם כל, איידער עס ווערט צו שפּעט, זיי אַריינפירן אינם אַלטן שורש... וואָס זיי וועלן זיין שפּעטער, איז שוין ניט קיין נפקא מינה... איך האָב, נאַטירלעך, מסכים געווען, אָבער מיט רעזערוואַציעס. — אַן ענין וואָס ניט דאָ קען איך זיך דערלויבן באריכות...

אוודאי האָבן מיר אָנגעהויבן שמועסן וועגן מדינת ישראל. ווייסנדיק, אַז דר. גלען איז דאָרטן געווען און געשאַפן. איך האָב גראָד געלייענט זיין העברעאיש בוך דערציילונגען — „על גדות הניימאן", וואָס האָט מיך פאַר־כאַפּט. איך האָב דאָס בוך געלייענט מיט מיינעם אַ חבר, אַ העברעער. ביידע האָבן מיר געהאַט גרויס תענוג לייענענדיק „ביים ברעג פון ניעמאַן". מיך וואונדערט למאי ער האָט עס ניט איבערגעזעצט אין אידיש. ער, דר. גלען, האָט שטיל און פאַמעלעך, ווי אַ פאַרביילויף, מיר דערציילט, ווי זיין לעבן

אין ישראל איז אויך ניט געווען אַזוי גרינג; ווי ער איז געקומען אַהין אָן אַ קרוב, אָן אַ גואל, און דאָך באַלד אַריינגעטראָטן אין ליטעראַרישן היכל: זיך באַטייליקט כמעט אין דער גאַנצער פּרעסע, אַפילו אין דער דאַרטיקער ענגלישער פּרעסע... דער נישט לאַנג פֿאַרשטאָרבענער ר׳ בנימין האָט אים מקרב געווען און געהאַלטן פֿון אים, און האָט אַפילו געשריבן דעם אַריינפֿיר צו זיין בוך „על גדות הניימאַן״.

— דערציילט מיר בעסער עפּעס וועגן אייך, — האָט ער געבעטן עניוותדיק: — איר ווייסט, אַז אייערע שריפֿטן האָבן אַ גרויסע ענלעכקייט צו מיינע... אייערע „מלמדים״ האָבן אויף מיר, באמת געמאַכט אַ פֿיינעם איינדרוק. איר ווייסט דאָך שוין, אַז מיר האָבן געהאַט אַ טאַטן, אַ מלמד״. און בכלל איז אים אַ וואונדער, למאי איך גיב ניט אַרויס מיינע כתבים? איר האָט דאָך גיכער די מעגלעכקייט ווי אַנדערע — האָט ער שטיל באַטאָנט...

— אוודאי, — האָב איך אָפּגעהאַרציק אים געפּרעגט. — פֿאַר וועמען? ווער לייענט היינט פֿון יענעם אַמאָל? אידיש אין אַמעריקע, היום־יום, איז דאָך ווי אַ שעטנז...

ער האַלט, אָבער, אַז כל זמן מיר וועלן לעבן וועט מען נאָך לייענען אידיש, און גראַד מיינע נאָוועלן און דערציילונגען טאָר איך ניט לאָזן גיין לאיבוד... אַז דער עיקר דאַרף מען וועלן... דער סימן איז, אַז ער אַליין, ניט זייענדיק קיין עושר, האָט אַליין אַרויסגעגעבן זיינע עטלעכע ספרים: 1) וועגן רש״י; 2) על גדות הניימאַן; 3) זיין וויכטיק ווערק אין ענגליש, מיט הערות (אין העברעאיש) וועגן רבי ישראל סאַלאַנטער. אַ וויסנשאַפֿטלעך ווערק וואָס איז אַרויס אין 1953, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווי די פֿריער־דיקע, געדרוקט פֿאַר דעם דראַפּסי־קאַלעדזש, פֿון „בלאָך פֿאַרלאַג״, וועלכער האָט זיך געשפּיגלט אין דער אויסגאַבע; אַ ווערק וואָס איז אָנערקענט ווי אַ גרויסער ביישטייער אין פֿעלד פֿון אידישער עטיק און פֿילאָזאָפֿיע. איבערן בוך זיינען דערשינען פֿילע אַרטיקלען און אַפילו אין פֿראַנקרייך, דרום אַמעריקע וכדומה... איך האָב אָבער געפֿילט, אַז אין זיינע רייד, אין דער גאַנצער גלאָריפֿיצירונג פֿון זיין הויפּט־ווערק פֿילט ער זיך געקריוודעט וואָס אונדזער אידישע פּרעסע, מיט דעם אויסנאַם פֿון „ניו־יאָרקער וואָכנ־בלאַט״ און דעם „טאָג מאָרגן־זשורנאַל״ האָבן קיין אַנדערע ניט רעאַגירט אויף דער דערשיינונג פֿון אַזאַ וואָגיק בוך... היתכן? ווייל ס׳איז געשריבן אין ענגליש? צי ווייל מען דאַרף צו אַזאַ ווערק זיין אַ למדן, אַ קענער פֿון אידישע מקורים צו פֿאַרשטיין דעם בוך?... פֿאַרוואָס־זשע שרייבן זיי יאָ וועגן גויאישע ביכער? „בעסט־סעלערס״ און שונד־ראָמאַנען?

אָבער ס׳איז ניט קיין נייס, האָט גלען אַליין געענטפֿערט דרייסט. איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן און וועל האָפֿנטלעך אַרויסגעבן נאָך ספרים. וויסנ־שאַפֿטלעכע אַרבעטן. איך וועל עס גיכער קענען טאָן ווי אַנדערע. איר

וויסט דאָך שוין פון מיינע בריוו, אַז איך אַרבעט אין אַ דרוקעריי, אַלס בעל מגיה און הויפּט־רעדאַקטאָר וואו מיר דרוקן ביכער אין בערך זיבעציק לשונות.

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן און געבעטן דערלויבעניש פאַר אַ פּאָר מינוט, מיר צו ווייזן געוויסע ספרים, געדרוקט אין זיין רעדאַקציע, ביי דעם באַרימטן פּאַבלישער „מאָריס דזשייקאָבס פּרעס" פון פילאַדעלפיע, אַן אַרויסוואוקס פון דער אַמאַליקער דרוקעריי פון דער „דזשוּאיש פּאַבליקיישאָן סאָסייעטי". אַ דרוקעריי פון כל המינים ספרים, זשורנאַלן פאַר די גרעסטע אַקאַדעמיעס פון לאַנד. און דאָרטן צו זיין אַ בעל מגיה איז ניט קיין קליי ניקייט... ס'איז פּונקט ווי צו האָבן געווען אַ בעל מגיה אין ראָמס דרוקעריי אין ווילנע, ווען זיי האָבן געדרוקט דעם ש"ס.

איך בין נבהל ונשתומם געוואָרן ווען דר. גלען האָט מיר געוויזן פולע פּאַליצעס מיט ביכער וואָס זיינע אויגן האָבן דורכגעזען, און וואו די גרויסע מחברים מופלגים דערמאָנען אים לשבח... (געגוג צו דערמאָנען די „תוספתא" פון פּראָפ. שאול ליבערמאַן וואָס מ'האָט געדרוקט ביי זיי און וואָס ער האָט מגיה געווען).

איך האָב געבליקט אין די ביכער מיט שפּלדיקייט על תשבוני... אין דער שטיל זיך געפרעגט: מי אני? איך בליק אַריין אין ספרים וואָס זיינען אַזוי ווייט פון מיר. זאָל איך זיך שעמען? איך בין דאָך אויך אַ פּען־מענטש. פאַרוואָס האָט מיך די השגחה אַזוי פאַרלאָזן אויף דעם וועג? איז עס מיין שולד, פרעג איך זיך אין דער שטיל, און וויל טאַקע אין שטוינונג פרעגן מיין פריינט, דר. גלען, ער זאָל מיר געבן בפּרוטרוט אַ קיצורדיקן איבערבליק, ווי אַזוי ער האָט, ביי אַ טאַטן אַ מלמד, געקאָנט דערגרייכן אַזאַ הויכע מדרגה פון בילדונג.

איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה, אויב איך זאָל באַרירן אַזאַ פראַגע? ווי עפּעס אַ באַהאַלטן קול וואָלט מיר אונטערגעזאָגט, און מיך געמוסרט, וואָס איך מעסט אַנדערע, ווי ביי אונדז אין פעלשטין... וואו בלויז דאָס חדר מיטן בית המדרש זיינען געווען די הויפּט־לערערס. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, דורך מיין שטוינונג, אַז איך זוך עפּעס אַ דערקלערונג אויפן געביט פון בילדונג. נאָכדעם, ווי ער האָט מיר דערציילט אַז ער איז אַריבער־געקומען אַהער אַ יונגער, אָבער דערוואַקסענער בחור, געבוירן אין מערעטש, ווילנער גובערניע, ביי אַ טאַטן וואָס איז געווען אַ מלמד פון תנ"ך, דקדוק און העברעאיש. מנחם גלען אַליין, אין זיין פריסטער קינדהייט, איז געווען אַ תלמיד אין דער ניי־געגרינדעטער מוסר־ישיבה אין שטשוטשין, ווילנער גו־בערניע, און דער טאַטע האָט אויך זיינע אַנדערע קינדער ניט געלאָזט אויף הפקר... אַלע זעקס קינדער — שלוש בנות ושלושה בנים — האָבן געמוזט לערנען... לשמה!... און אַלע געבליבן עכט־קולטורעלע אידישע מענטשן. די שוועסטער חיה בונע גלען האָט אַפילו געלערנט טעאַטער־קונסט ביי דוד ווערדי און געשפּילט אין זיין טרופּע.

„אַזוי גאָר?" — האָב איך ווי מיט אַ בתמיה זיך געוואונדערט, — „זעקס קינדער? אַבי איך האָב געמיינט, אַז איר זייט בלויז שני אחים, און איר מיט אייער יונגן ברודער, דר. יעקב ב. גלען זענט די בעלי זכיה צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט"... אַ שאָד וואָס איך קען ניט אייער ברודער יעקב. זיינע בילדער פון שפּיטאָל, זיינען דאָך אַ תענוג צו לייענען!..." ער שלאָגט מיר איבער:

„יאָ, יאָ, מיין אינגערער ברודער האָט זעלטענע פעאיקייטן, ער וואָלט געקענט זיין אַפילו אַ רבֿ! אַלץ וואָלט ער געקענט, ווען ער האָט געגוג צייט. ער איז דאָך אַ פאַרנומענער מענטש. ס'איז דאָך ניט קיין קליניקייט צו זיין אַ „מעדיקעל סופּעראינטענדענט" אין קינגס קאָונטי שפּיטאָל, און דערצו האָבן אַן אייגענעם אָפיס, און נאָך שפּאָרן צייט צו שרייבן אי אויף ענגליש אי אויף אידיש...

ער האָט מיר בפּרוטרוט דערציילט ווי אַזוי זיין ברודער יעקב האָט אין משך פון עטלעכע יאָר דערגרייכט אַ גאָר הויכע בילדונג. געלערנט אין פּיטסבורג און אין קאָלאָמביע אוניווערסיטעט און נאָכדעם אין ווין און צוריק אין שווייץ וואו געענדיקט מעדיצין. זיי וואָלטן בידע ניט דערגרייכט אַזאַ בילדונג, ווען זייער שורש איז ניט פון אַזאַ טאַטן, ווי זייער פאָטער משה יחזקאל גלעמבאָצקי איז געוועזן... לצערי איז ער פרי געשטאָרבן, אין די פריע פופציקער...

פּאָר אַ ווײַלע זיינען מיר שטיל געבליבן. מיר האָבן ווי געשוועבט אין רעיונות וואָס זיינען ניט שטאַרק דערפרייענדיק... אפשר איז עס געווען צוליב דער אָנשטרענגונג צו זיצן אין אַ באַזונדערן צימער, זאַלבעצווייט, אַרומגערינגלט מיט פולע ווענט אָנגעפּיקעוועטע מיט ספרים, וואָס לאָזן דאָך ניט פריי... אָדער איז עס געווען איבער דעם, וואָס מיר האָבן זיין פרוי ניט געוואָלט שטערן איר עונג שבת, אַ רגילות פון זיך צושפּאָרן לייענעדיק אַ בוך...

אינערלעך האָב איך זיך געפילט ווי אַ חוטא, למאי איך, זיין גאַסט, מוטשע אים מיט כלערליי פראַגן לגבי קולטור... אפשר האָב איך צוגענומען פון אים זיין עונג שבת, זיין מנוחה?...

אוודאי האָט ער געשטוינט פון מיין באַשיידנקייט... „וואָס פאָלט אייך איין, פריינד בוים? ס'איז דאָך פאַר מיר אַ כבוד מיט אייך צו פאַרברענגען ביי מיר אין הויז, ובפרט אין אַ שבת! לאָמיר פאַר אַ ווײַלע כאַפּן אַ בליק אין די אַנדערע צימערן. איר ווילט דאָך אוודאי כאַפּן אַ קוק אין מיינע אַנדערע שאַפעס מיט ספרים"... ער ווייזט מיר אַנטיקן, אַלטע און נייע ספרים, ממש — אַ שם דבר. איך בליק אין זיי און טראַכט — ס'אַרא עשירות. אָט ערשט אַרויס פון איין ביבליאָטעק און שטיי שוין אין אַ צווייטער. ממש אַ בית ספרים. יעדער צימער — אַפילו פון די קינדער — אָנגעפּיקעוועט מיט ביכער...

„ווען קוקט איר אין זיי אַריין,״ פרעג איך? „איר זעענט דאָך אויך אַ שכיר יום, דער מגיה אין אייער גרויסער דרוקעריי און טיילוויז אייער לערנען מיט תלמידים אין גרעץ־קאָלעדזש תנ״ך, אגדה און משנה איז דאָך די והותר״... ער קנייטשט מיטן שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט למאי איך שטוין וועגן אַלץ. מיר דוכט זיך, אַז ער וויל מיר ענטפערן מיט אַ היתכן? „צי ווייסט איר ניט, פריינד בוים, אַז מענטשן וואָס זיינען עוסק בספרים מוזן זיך אויסטאָן פון כלערליי תענוגים, אויב זייער לעבן איז געבויט פון דער השגחה צו זיין אַריינגעטאָן אין רוחניות...״

אגב, וואַרף איך בליקן, ווי ער שטייט און בליקט אַריין אין זיינע ספרים, ווי ער וואָלט זיך אין זיי געשפּיגלט, ווי די שכינה רוט ממש אויף אים, וואָס ער איז געבענטשט מיט אַזאַ עשירות...

די צוויי קינדערלעך לויפן אַרויף פון ערשטן שטאָק פריילעכע. קענטיק, זיי האָבן אונדז דערהערט שפּרייזן אַרום די צימערן. מסתמא, האָבן זיי זיך אויך געשפּילט אונטן... דער פאָטער דערזעט זיי, און איז מלא חדוה, וואָס זיי זיינען ב״ה גערעטענע קינדערלעך. ער פרעגט זיי וואָס זיי האָבן געטאָן ביז איצט. זיי ענטפערן מיט אַ שמייכל:

— „אָ, ווי דיד דיפערענט טהינגס!״ — ענטפערט דער „בן יקירל״ זיינען גוטמוטיק: „מיר זיינען געווען שטיל, כדי איך ניט שטערן אין אייער שמועס...״ ער קושט דאָס יונגע טעכטערל מיטן פּוכקע וויס־הויטיק פּנימל. אַ לעבעדיק פריילעך קינד, מיט קלאָרע ליכטיקע, ברוינע אויגן, מיט אמת יידישן חן, ער רופט זי: חנה־תמרעלע... איך פרעג איר וואָס זי לערנט אין שול? פאַרכאַפּט דער טאַטע אירער, אַז זי לערנט אין דער אייגענער תלמוד תורה וואו איר ברודערל האָט פריער געלערנט, און זי קאַנדידאַטעוועט אויף „עקיבא״; איז אויך אַ גוטע תלמידה אין פּאָבליק סקול. דאָס מיידל רויטלט זיך, בויגט דאָס קעפּל, ווי זי וואָלט זיך געחנדלט נאָכן טאַטנס שבחים. עס באַווייזט זיך די מאַמע זייערע. קענטיק, זי האָט זיך אָפּגערוט. מיר באַגריסן זיך אויפסניי. מיר ווערן שוין היימיש... — „איך האָב אַ ביסל געלייענט און געכאַפּט אַ דרימל״, האָט זי בנעימותדיק אַ זאָג געטאָן. „אַבי מיר האָבן איך ניט געשטערט...״

זיי זיינען אַלע דריי אַרונטער אונטן, אונדז ווידער געלאָזט אַליין אויבן, שטייענדיק ביי די גרויסע שאַפעס מיט ספרים. ער האָט זיך צו מיר אַ בויג געטאָן און אין דער שטיל אַ ווּאונק געגעבן מיט אַ בויג פון קאָפּ, שעפּטשענדיק שטיל, אַז די קינדערלעך, די צוויי, מיט זייער יונגער מוטער, עלזה, זיינען זיין צווייטע עשירות; אַז ער האָפט צו האָבן גרויס נחת פון זיין בחורל, וואָס לערנט אין דער „עקיבא היברו אַקאַדעמי״, אַ פּראָגרעסיווע גאַנצן־טאָג שול, וואו אידישקייט, וועלטלעכקייט און עברית קריגן זייער מיזוג... אַז ער האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען זייער מוטער עלזה, וואָס איז געבוירן אין דייטש־לאַנד, פון וואַנען איר מוטער האָט איר אַלס קינד געבראַכט קיין פילאַ־

דעלפיע, און זי, די מוטער, האָט געמוזט צוריקפאָרן, ווייל אויף דעם סמך האָבן איך די היטלעריסטן געלאָזן פאָרן... שפעטער זיינען זיי, איך פאָטער און מוטער, אומגעקומען אין אוישוויץ, וואו די היטלעריסטן האָבן זיי פאַר־שלעפּט נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין געהאַט אַ היים אין האָלאַנד, איידער זיי האָבן דורכגעפירט דעם פּלאַן צו פאָרן קיין ישראל. איז זייער טאָכטער — מיין ווייבל — נאָך עד היום טרויעריק איבער דער טראַגעדיע. אָבער זי איז אַ טייערע אידישע פרוי. אַרבעט לטובת אידישער דערציאונג און אידישן לעבנסשטייגער, און העלפט מיר אַ סך אין מיין אַרבעט..."

איך האָב אוודאי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַן ערנסטער און באַוואונדערט דעם געטרייען מאַן און פאָטער, דר. מנחם ג. גלען, וואָס פּילט אַזוי לגבי זיין עקרת הבית, מיט זיינע צוויי אוצרות, אורי יחזקאל און חנה תמר.

מיר זיינען צוריקגעגאַנגען צום ערשטן חדר, וואו דער וואַלד מיט ספרים כלערליי האָט זיך געפונען. אַפילו דער דיל און הינטער די צוויי שרייב־טישן האָבן זיך צענדליקער זשורנאַלן געשפּאַרט אייער אויפן צווייטן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט, און איך האָב זיך מודה געווען, אַז באַלד, לכתחילה האָב איך דערפילט, אַז איך מוז דאָס פאַרצייכענען אַלץ וואָס מיר האָבן גע־שמועסט און דאָס ווי געהעריק אָנשרייבן...

„אַזוי גאָר?" — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— „יאָ, איר וועט זיין דער צענטער פאָרטרעט מיינער", האָב איך ווי געקוועלט, וואָס איך בין אַרויס אָפּנהאַרציק און אים געבעטן מיר געבן דעטאַלן. „איך וויל מאַכן אַ גאַנצע זאַך. ניט סתם אַ פאָרטרעטל. אויב איך בין שוין דאָ מיט אייך, פּנים על פּנים, אין פילאַדעלפיע, ביי אייך אין בית הספרים..."

ער האָט אַרויסגענומען זיין זייגער פון קעשענע און אַ זאָג געטאָן גוט־מוטיק: — „איך וועל אָבער קיין סך ניט מוסיף זיין. אַ חוץ פּרטים וועגן מיין שטודיום, אויב איר האַלט, אַז ס'איז נויטיק.

איך האָב אָנגעקלונגען מיין חבר יוסף סיימאָן, ער זאָל מיר מוחל זיין; אַז אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין גרייט, ער זאָל מיך אַהיים נעמען.

„מיר גרייטן זיך צו דער שמחה באַלד", ענטפערט מיר סיימאָן... „עס ווערט דאָך שוין באַלד פינצטער!..."

בקיצור, האָט מיר דר. גלען דערקלערט, אַז וועגן אים האָט שוין קאָלעגע יצחק ליבמאַן געשריבן, אין וואָכנבלאַט, אין צוויי המשכים — „בויער און שעפער פון מיין דור", אין די נומערן 492־493. איך דערזע טאַקע ווי דר. גלען גיט אַ צי אַרויס פון אַ שופלאָד ביידע וואָכנבלעטער מיט דר. גלענס בילד פון אויבן. איך האָב דאָך זיי געלייענט. אָבער ווען מען קאָן נישט אַ מענטשן איז דאָס לייענען אַנדערש... אוודאי לייען איך אויך ליבמאַנס שאַפונג וואָס איז מיט אַ פאַרנעם... עס טוט מיר שוין באַנג וואָס איך האָב זיך באַנאַרישט מיט מיין פּלאַן צו שאַפן אַ פאָרטרעט. אָבער —

ס׳איז פאַרפאַלן. דער דאָקטאָר וויל מיך דערפרייען, און האַלט פאַרקערט, לאו דווקא, „איר שרייבט ווי איר קענט, איר האָט אַ גוטע פען, איר זענט תופס מענטשן; שרייבט, שרעקט אייך נישט: אייערע פאָרטרעטן האָב איך גע־לייענט, און זיי זיינען פיינע אַרבעטן... איר קענט עס מאַכן באריכות, און אויך בקיצור" — ווינקט ער מיך אָן. „איר קענט בלויז באַטאָנען, אַז ביי אונדזער באַגעגעניש האָט איר אויסגעפונען, אַז מנחם גלען האָט ליב ס׳אידישע וואָרט. און אגב באַטייליק איך זיך אין אַנדערע וויכטיקע שריפטן, ענגלישע און העברעאישע; אַז איך באַדויער וואָס אידן האָבן אויפגעהערט צו לייענען, ווי אַמאָל, אין יענע צייטן... און האָבן פאַרלוירן דעם זין פון אַ טייטש... אַז ס׳וואָלט מיר שוין געווען ליבער ווען זיי זיינען אפיקורסים, וואָס האָבן עפּעס צו זאָגן. הלוואי וואָלטן מיר געהאַט אַזעלכע. מיר האָבן דאָך דאָס אויך נישט! נאָר וויסטע עם הארצים!... איר לייענט דאָך מיין ׳אין שפּיץ פון דער פען׳... איך זאָג ניט אַ צענט חלק וואָס איך פיל צו זאָגן... אָבער ווייטיקלעך איז עס. מיר הייסן דאָך דער עם הספר... איך שרייב אויך אין פילאַדעלפיער „דהי דזשואיש עקספּאָנענט" אַ „פּיטשור" בשם „מאַי נעים ענד דהי נעים אָוו מאַי פאַדהערס", וואָס זיינען יעקב אבינוס ווערטער — ׳שמי ושם אבותי׳... עס ווערט דאָרט באַהאַנדלט די געשיכטע פונם אידישן נאָמען, און וואָס עס איז פון אים געמאַכט געוואָרן אין אונזער אַמעריקאַניש־אידישן לעבן, ווי מ׳האָט אים צעדרייט און פאַרקריפּלט... דער מדובר איז וועגן ערשטע נעמען, ניט פאַמיליע־נעמען: מיט וואָס איז גלעמבאָצקי — מיין פאַמיליע־נאָמען — מער אידיש ווי גלען?..."

דר. גלען האָט שוין גערעדט אין כלל וועגן פאַרשיידנס. אָבער ער האָט געלייגט מער וואָג אויף דער זכיה צו זיין אַ מענטש מיט אַ וואָרט; אַז ער דאַנקט און לויבט דער השגחה וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין גרעץ־קאַלעדזש ווי אַ לעקטאָר, און האָט זוכה געווען צום ב.ס. פון קאָלאָמביע און שפּעטער צום דאָקטאָר טיטול פון דראָפּסי קאַלעדזש, פון וואַנען עס האָבן גראַדואירט אַזעלכע גדולים ווי — דר. בער רעוועל, דר. שמעון גינצבורג און אליעזר סוקעניק ע"ה און — יבדלו לחיים — פּראָפעסאָר שניאור זלמן צייטלין, און נאָך און נאָך, וואָס זיינען פאַר מיר ניט מעגלעך אויסצורעכענען... איך שרייב דאָך בלויז אַ פּאָרטרעט וואו איך בין אויסן אָנצואווינקען, אַז הגם ער אונטעררריכט אין דעם פילאַדעלפיער גרעץ קאַלעדזש מיט די הויפּט לימודים, ווי תנ"ך, מישנה און אגדה, איז דאָס ניט זיין חיונה... און זאָגן מעג איך די לייענער, אַז ער פילט זיך גוט ווען ער באַגעגנט זיך מיט האַרציקע אידן; אַז ער איז שטאַרק צופרידן וואָס מיין ווייניקייט פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור, ובפרט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". איר זוכט דאָך ניט קיין פּאָליטיק, צו אייך קען מען קיין טענות ניט האָבן; איר זענט דאָך מחוץ לקליזלעך... הגם איר וואָלט באַדאַרפט זיך אָפּטער מיט זיי באַגעגענען, גיט ער צו.

איך הער אויס. דער זייגער רוקט זיך. נאַכט איז צוגעפאַלן. דוכט זיך — אַ ים מיט רייד. אָבער עס דוכט זיך, אַז מיר האָבן בלויז אַ שווים געטאָן אינם קליינעם טייכעלע, מיר זיינען נאָך ווייט פונעם גרויסן ים הליטעראַטור... איך קוק אויפן זייגער. איך קען זיך ניט אָװעקרייסן פון מיין ידיד. ווען קען איך אים זען נאָכאַמאָל אין פילאַדעלפיע?

ביידע זיינען מיר מסכּים, מיט באַדויערן, וואָס דער טאָג איז ווי אַנטלאָפן. אַז באמת האָבן מיר זיך געוואָרפן אויף גיך פון איין טעמע צו דער צווייטער, געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער. ער האָט מיר ערשט געוואָלט עפּעס איבערגעבן פּרטים, וואו און ווען איך זאָל באַגעגענען אין מדינת ישראל. ער וואָלט מיר געוואָלט כאָטש אַהין באַגלייטן, אָנטייל נעמען אין מיין צאתך לשלום. ער האָפט, אַז זיין ברודער יעקב וועט זיך מיט מיר באַקענען און איך וועל ווערן אַ גליד פון זיין משפחה...

מי יודע וויפל נאָך דר. גלען וואָלט מיר געוועזן געזאָגט, און וויפל שבחים, איך צו אים, ווען עס קומט ניט אַריין דער הויך־געוויקסיקער זון פון מיין פריינד סיימאָן, גרייט מיך אַהיים צו פירן. איך האָב באַדאַנקט זיין אשת חיל מיט די טייערע צוויי קינדערלעך פאַר זייער גאַסטפריינדלעכקייט, און מיט גרויס חדוה האָבן מיר אויסגעדריקט האָפענונגען, זיך וואָס גיכער נאָכאַמאָל צו באַגעגענען, אָבער ניט אין פילאַדעלפיע, נאָר בביתי, אין ווילקעס־באַרע, אַלס מיינע געסט...

איך האָב ענדלעך זיך אָפּגעזעגנט מיט אַ האַרציקן שלום, און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָב איך זיך שוין געפונען אין מיין פריינטס רחבות־דיקער היים, מיט פריינט ביי אַ גרייטן לחיים צו אונדזער נסיעה לישראל. אין צוויי שעה אַרום האָט זיך דערהערט אַ טעלעפאָן־קלונג. דאָס האָט אָנגעקלונגען דר. גלען, חוקר ודורש זיין אויב איך בין אַהיים געקומען בשלום. איך האָב אים האַרציק באַדאַנקט פאַר זיין חברשער באַציאונג...

# ווען אַ שטאָט פאַרלירט אַ גאון

שווין באַלד אַ יאָר זינט דאָס ליכט פון תורה איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין ווילקעס־באַרע, פּענסילווייניע. ווי אַ פּלוצימדיקער שטורעם האָט זיך אַריינגעריסן און האָט פאַרלאָשן אונדזער נר־תמיד.

ביז אַ צייט זיינען מיר, זיינע פאַרערער און תלמידים, געווען ווי דער־שיטערט פון הרב הגאון ר׳ ישראל בן ציונס פטירה. נאָר היינט, ווען מען האָט ענדלעך זיך באַפרייט פון אבילות, האָט מען ערשט דערזען, ווי דאָס ליכט אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט פעלט!...

עס ווערט טרויעריק אויפן האַרצן ווען מען דערמאָנט זיך, אַז איבער צוויי צענדליק יאָר האָט הרב ר׳ ישראל בן ציון גאָלדמאַן געזאָגט תורה און באַ־לויכטן ס׳וואָרט פון די חכמים... דעם זין פון אונדזער גלות און דעם טעם, פאַרוואָס אַ איד דאַרף זיין אַ איש תמים, און דערציען די קינדער אין תורה ודעת.

איך האָב הרב ר׳ ישראל בן ציון באַגעגנט אין ווילקעס־באַרע אין 1935. ער איז דאַן בלויז געווען רב עטלעכע יאָר. באַלד ביים ערשטן שלום־עליכם האָב איך דערפילט, אַז איך שטיי אַנטקעגן אַ אידן, אַ קדוש וטהור, הגם זיין אויסזען איז נישט געווען פון אַן אַמאָליקן היימישן רב, מיט באָרד און שטריימל, אָדער גרויסן רבנישן קאַפּעלוש. ער האָט שוין דאַן זיין ברייטע שוואַרצע באָרד נישט געהאַט. דעם גלגול פון יענעם רב אין רומשישאָק, וואָס האָט איבערגענומען די רבנות דורך דער חזקה פון זיין שווער און זיין ווייבס זיידן... טאַטע און זון האָבן אין רומשישאָק דליטא אָנגעהאַלטן דעם כסא הרבנות פאַר עטלעכע דורות, ביז ר׳ ישראל בן ציון איז געוואָרן אַן איידעם צו הרב ר׳ אליהו שמידט, וואָס איז נאָך עד היום אַ תושב אין תל־אביב. שוין אַ זקן...

ער, הרב ישראל בן ציון גאָלדמאַן, איז געווען דער טייערער תלמיד אין דער סלאָבאָדקער כנסת ישראל ישיבה, און אויך געלערנט ביים „חפץ חיים". הרב גאָלדמאַן איז געווען אַ זון פון אַ למדן, הגם בלויז אַ גמרא מלמד. אַ געבוירענער אין פּיליפּאָווע, לעבן סוואַוואַלק.

וואָס אַזוינס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער אויבן־דערמאָנטען רב, וואָס איז אויך געווען אין גירוש קאָוונע, און מיט יאָרן שפּעטער זיך צוריק אומגעקערט צו זיין כסא הרבנות ברומשישאָק? דאַכט זיך אַ קלייניקייט, אַ גלגול וואָס איז אויבן אויף אַ געוויינלעכע זאַך ביי גלות אידן. אָבער ס׳איז געווען געבוג ווען דער רב און די רביצין האָבן ביי זייער טיש גענומען

דערציילן, וויפל זיי האָבן אַרומגעוואַנדערט, נישט געגעסן און ניט געשלאָפן, נאָר בלויז זייער אמונה איז זיי בייגעשטאַנען. בדרך נס זיך געראַטעוועט און אָנגעקומען אין 1932, אין ווילקעס־באַר.

נאָכן אָפּזיין אין ניו יאָרק צוויי יאָר, זוכנדיק אַ ווינקל וואו זיין לומדות זאָל אים ענדלעך געבן אַ מקום מנוחה, האָט אים די השגחה דערפירט צו זיין דער רב ביי די „אַנשי אמת״. דער נאָמען פון דער שול האָט אים גע־וויס געפּאַסט. ער איז געווען אַ ליבער האַרציקער מענטש. האָט באַדויערט דעם מצב פון איצטיקן דור, וואָס האָט זיך ווי פאַרלוירן אין דעם געיעג נאָך רייכטום, נאָך אַסימילאַציע, אַרונטערוואַרפנדיק דעם יאָך פון תורה און מצוות.

דאָס פלעגט ער שטענדיק דערמאָנען אין זיין תורה־דרשה אין שול, אין אַ שבת אָדער אַ יום טוב. מיט זיין פּראָסטן ליטווישן מאַמע־לשון איז ער געשוואומען אין ים התלמוד... ווען ער האָט גערעדט פלעגט זיין שטערן רויט ווערן, זיינע ברוינע אויגן פלעגן וואַנדערן צו זיינע תלמידים און צוהערער, וואָס האָבן אים כמעט ניט פאַרשטאַנען. ער איז געווען צו שאַרף און צו ערנסט בעת ער פלעגט רעדן וועגן אַן ענין. בעיקר ווי די חז״ל האָבן רעאַגירט אויף דער תורה הקדושה. ער פלעגט ממש היפּנאָטי־זירן זיינע צוהערער מיטן ציטירן פסוקים און מאמרים וואָס האָבן זיך געמוזט איינקריצן אין זכרון.

וואָכן און חדשים האָט מען אים ניט געקענט פאַרגעסן. ער פלעגט גליען פון עקסטאַז.

טייל האָבן אין דער שטיל געהאַט טענות צו אים, הלמאי ער פאַרגייט אַזוי טיף אין זיין דרשה; פאַרוואָס טראַכט ער נישט, אַז מיר זיינען פּראָסטע אידן שוין אַוועק אַזוי פיל יאָרן פון תורה, האָבן זיי עס באַדויערט, גע־טראַכט, ער איז נישט פּראַקטיש, ער דאַרף וויסן אַז ער רעדט נישט צו תלמידי חכמים...

אין אַ שמועס האָב איך אים אַמאָל מרמז געווען אויף די טענות, אַז אפשר זאָל ער רעדן געלאַסענער, נישט אַזוי פייערן מיט פסוקים. ער האָט מיך אויס־געהערט און פאַרוויכערט אַ סיגאַרעטל. בלויז עטלעכע מאָל האָבן מיר אים געהערט לערנען אַ בלאַט גמרא. אַלע רבנים פון שטאָט זיינען געווען צווישן די תלמידים. מיר איינפאַכע אידן, בתוכם... יעדן טאָג איז דאָס חדר געוואָרן אָנגעפילט. מיר האָבן אָנגעהויבן די גמרא מכות, וואו עס רעדט זיך וועגן אַ בן גרושה אָדער אַ בן חלוצה.

אַ שווערע סוגיא. מ׳אָט געדאַרפט אָנוואַרפן פאַרשיידענע פּירושים און סברות אַז עס זאָל זיך אונדז לייגן אויפן שכל. אָפּגעזאָגט אין פשט, פאַרטיק געוואָרן מיט איין תנא, איז ער אַריבער צו אַ צווייטן.

אַזוי איז געווען אין דער היים, ווען מיר פלעגן צו אים קומען אין אַ שמחת תורה אָדער אַ סוכות צי שבועות. ער פלעגט זיצן מיט אונדז ביים

גרויסן טיש, ביי אַ גלעזל טיי צוגעגרייט דורך דער רביצין, די בת הרב. בכלל פלעגט ער רעדן פון עניני דיומא. האָט געהאַט אַ חוש פאַר פּאָליטיק. איר האָט געשטוינט, ווען ער פלעגט אַמאָל געבן אַ איבערבליק איבער דעם ערב רב אין אַמעריקע; אַפילו געהאַט אַ גוואַלדיקן הומאָר. האָט געהאַלטן, אַז די פועלי ציון האָבן אַ סך געהאָלפן צו דער טיילווייזער גאולה. הגם ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער מזרחי, געגלויבט אַז ישראל מוז אויפ־בליען על פּי תורת ישראל, נאָר דאַן קען עס האָבן אַ ממש... תורה איז ביי אים געווען דער הויפּט קיום... אָן תורה איז די וועלט פּוסט. ער איז אָבער נישט געווען קיין עקסטרעמיסט. שלום איז ביי אים געווען איבער אַלץ. די גאַנצע תורה איז געבויט אויף שלום... און טאַקע דערפאַר האָט ער געקענט זיין רב ביי די „אַנשי אמת". ער האָט אַ סך פאַרקוקט. געלאָזן הרב דייווידסאָן זאָל זיין דער פּוסק אחרון, ווייל הרב דייווידסאָן האָט מסכים גע־ווען אים צו ברענגען אַהער. ער האָט געפילט, אַז הרב בן ציון גאָלדמאַן אַלס אַ רב און תלמיד חכם פון דער אַלטער היים וועט אויפלעבן די שטאָט; אַז אינאַיינעם, וועלן זיי אין ווילקעס־באַרע אָנצינדן דעם נר תמיד פון פרומ־קייט, דערציען אַ נייעם דור לויט דער תורה.

קיין מסיג גבול איז הרב גאָלדמאַן נישט געווען. זיי האָבן זיך באמת גע־חברט ווי תלמידי חכמים. הרב גאָלדמאַנס אַ פּסק דין איז געווען אַ חוק. ער פלעגט זיין אין ועד הכשרות און האָט אַ סך געהאַט וואָס אויסצוזעצן, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען אַז עס איז אַמעריקע...

ער פלעגט זיצן און לערנען אין דער היים. נאָר לשם אַ הפסקה פלעגט ער כאַפּן מעת לעת אַ שפּאַציר. זיין הלבשה איז געווען אַ פּשוטע. אַ שוואַרצע שליאַפּע מיט אַן אַלפּאַגענעם אַנצוג, אַ ווייס געפּרעסט העמד מיט אַ שוואַרצן שניפּס.

אַ מענטש מיט אַ גאונישן קאָפּ אויף זיך, האָט ער זיך דערפרייט ווען ער פלעגט באַגעגענען אַ נאָענטן, אים באַגריסט מיט ר' בכבוד גדול, ווי ער וואָלט געווען זיינס גלייכן.

„וואָס מאַכט איר, ר' בערל?" מיר האָט זיך געדוכט, אַז זיין ר' בערל איז עפּעס געווען צופיל כבוד פאַר מיר. היינט בין איך שוין געוואוינט דערצו. ווייל אויך הרב דייווידסאָן באַגריסט מיך מיט „ר' בערל"...

ביידע האָבן געלייענט אונדזער בוך „פעלשטין", אפשר האָט מיין שרייבן דאָס גורם געווען מיר צו געבן אַ „טשין".

יאָ, איך פלעג האָבן אַ הנאה, ווען איך פלעג אים באַגלייטן אַהיים. ער האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס מיר האָבן אונדזער טאַטן נישט אַריבערגע־בראַכט אַהער?

דער יזכור־בוך האָט אים מער באַקענט מיט אונדזער משפּחה. איך האָב אים דעם בוך געבראַכט אַלס אַ מתנה.

— איך וועל דעם ספר לייענען, — און ווי דערשטוינט איך בין גע־

ווארן ווען ער האט, מיט א צייט שפעטער, מיר איבערגעגעבן פרטים פון דעם בוך.

מיך האט אינטערעסירט אויב ער האט געלייענט די דרייצן שאלות פון הרב דוד נאוויסעלער בעתן פאגראם אין פעלשטין.

— ווי וואלט איר געפסקנט? — האב איך אים געפרעגט. ער האט א וויש געטאן דעם שטערן, און געענטפערט גאר פשוט:

— אין א פאגראם, אדער בעת אן אומגליק, איז נישט שייך קיין דין... מען קען נישט משפטן קיין מענטשן ווען זיי זיינען אין געפאר... איך האב געוואלט פרעגן: היתכן? אבער איך האב געטראכט, אז אויב ר׳ ישראל בן ציון גאלדמאן זאגט אזוי, איז נישט שייך איבערצופרעגן...

איך פלעג אים וועלן תופס זיין. זיין אויסזען האט מיך אפט דערמאנט אינם געשטאלט פון אונדזער פעלשטינער רב, אינם גאון הרב ישראל קיטאווער זצ״ל, מיט זיין ווייסער בארד און גראבע ברילן. צוויי גאונים און דאך אן אנדער שניט און אויסזען. איך האב עס באדויערט. געטראכט: ס׳איז אמעריקע... ער האט אבער זיין תמימות נישט פארלארן. געווען דער גאון, דער כשרער איד, דער בן תורה, דער חריף. זיין שטוב האט גע־דינט ווי א אמתער בית ועד לחכמים.

איינמאל האב איך צו אים געבראכט פאר א דין תורה מיינעם א פריינד. עס האט זיך געהאנדלט לשייכות א קליידער געשעפט מיט א פארדרייעניש, וואס בלויז פאך מענטשן קענען באמת האבן א באגריף. ער האט אונדז געזאגט, גלייך נאך די טענות, אז ער איז, לצערו, ניט באהאוונט אין דעם. און ער קען ניט אויף באשטימט פסקענען כדת וכדין. דאס איז געווען פלאי פלאים צו מיר. ער האט זיך געוואלט ארויסדרייען פון מחלוקות; געבעטן מען זאל זיך אליין אויסגלייכן...

ווען עס איז אבער געקומען צו געבן איינעם סמיכה אויף רבנות אדער קבלה אויף שחיטה איז ער געווען א געוואלדיקער מחמיר... ער האט געמוזט חוקר ודורש זיין מי ומי? ער איז נישט געווען גרייט אט סתם, ווי אנדערע רבנים, צו געבן זיין חתימה, זיי אפגעשיקט צו הרב דייווידסאן... זיך געוואלט אפרייסן פון א מכשול...

איז אבער איינער געקומען צו אים מיט א בקשה: ס׳טייטש הרב גאלד־מאן, איך וויל דווקא אייער הסכמה; אט נעמט מיך פארהערן, איך בין גרייט דערצו; איך וועל אייך ווייזן די חלפים ווי איך שארף; בין ברוך השם א יודע ספר, דער הכל שוחטין ושחיטתן כשרה איז נישט ביי מיר סתם א מאמר. דער רבי גאלדמאן האט זיך פון אים נישט געקענט באפרייען, האט ער אים בקיצור א פרעג געטאן, סתם אזוי, למען האמת:

— זאגט זשע מיר ר׳ איד, איר זענט דאך אחד מן הפליטים, וואס האט איר געטאן אין דער אלטער היים?

— איך בין געווען א סוחר, האט דער איד געענטפערט.

— פאַרוואָס האָט איר נישט געלערנט קיין שחיטה דאָרטן?

— יאָ, רבי, איך האָב אַמאָל געוואָלט, נאָר... ער האָט אים לאַנג נישט געלאָזט רעדן... איך האַלט, אַז אַ מענטש האָט זיך פאַר צוואַנציק יאָר אָפּגעריסן פון אַ ספר, געהאַנדלט, געוואַנדלט, געווען פאַרמישט אין נסיונות. אַזאַ, טאָר נישט זיין קיין שוחט! איר מוזט וויסן אַז אַ שוחט איז אַ בפירושער גזלן; אַז שחיטה איז די העכסטע מדרגה פון תמימות. מען מוז זיין אַזוי מוראדיק ערלעך, אַז מען זאָל פילן אַז מען שעכט פון גאָטס וועגן... און סתם ווערן אַ שוחט לויטן אַמעריקאַנער שניט איז ניט פאַר מיר זיך צו עסקן...

דידאָזיקע ווערטער האָט מיר איבערגעגעבן מיינער אַ ידיד, אַ בן בית ביים רב, בעת די געשיכטע איז געשען. איך וועל די פּרטים נישט אָנגעבן, נישט וויכטיק. דער איד איז עד היום טאַקע געוואָרן אַ שוחט ביי אונדז. אַ פיינער איד, אַ יודע ספר.

רבי גאָלדמאַן האָט נישט געצווייפלט אַז דער איד ווייסט דעם דין און קען שעכטן. אָבער זיין טעם למאי ער וויל נישט זיין דער בעל חותם פון אַזאַ הודעה איז געווען אַ באַוויז אַז ער איז נישט סתם אַ רב וואָס מיינט געלט...

און אַזוי־אַ זיינען זיך די יאָרן געלאָפן פאַמעלעך. יעדער ווינקל, וואו הרב גאָלדמאַן האָט באַטראָטן איז געווען קדושה... הגם אַ סך האָבן גע־טענהט אַז ער איז נישט מאָדערן, אַז ער דאַרף מקיל זיין אויף אַ סך דינים. דאָס פלעגט אים קרענקען אָפּט, אים ממש אַריינלייגן אין בעט פאַר צער... ער האָט אָבער געהאַט יחידים פאַרערער וואָס האָבן געקלעפּט אַרום אים, ממש פאַרגעטערט זיין וואָרט. דאָס האָט אים אויפגעהאַלטן... און דער „חפץ חיים", זיין רבי, און זיין ישיבה „כנסת ישראל" זיינען אים בייגעשטאַ־נען אין אַלע נסיונות. ער האָט געלעבט מיטן „אַמאָל". דער „היינט" איז בלויז געווען ביי אים אַ מין השגחה פרטיות, אַז אַזוי הייסט השם יתברך... ער האָט זיך אָפּט דערמאָנט אין זיין אייגענעם פאָטער, דעם גמרא מלמד מיט זיינע צוויי ברידער לומדים. זיך פאַרגלייכט מיט זייער השגחה, און נישט געוואָלט זינדיקן...

— מיר איז בעסער פאַר זיי, האָט ער אָפּט געטראַכט. ער וויל נישט זיין קיין חוטא אפילו ברעיון... ער האָט זיך אַגב געשפּיגלט אין זיינע צוויי בלאָנדע טעכטערלעך, געראָטן אין דער מוטער. הגם שאַרפע קעפּלעך, ביידע האָבן גאָר פיין געלערנט מיט אויסצייכנונגען, האָט געהאָפט ער זאָל זיי דערציען אויף זיין שטייגער. אים איז גראָד געלונגען. יעדער האָט אים מקנא געווען. אַפילו חתונה געמאַכט זיין ערשט טעכטערל, געהאָפט אויף נחת...

יאָ, אַלץ וואָלט געווען ווי באַשערט. נאָר עס זאָל קומען אויף אים אַזאַ שטראָף פון גאָט האָט הרב גאָלדמאַן זיך נישט געריכט. זיין קערפּער האָט געקראָגן אַ מן צרעת, פאַרפלעקט געוואָרן מיט פאַכירלעך, רויטע אַנשי־

קענישן. אַ גרויזאַמע שטראָף. דאָקטוירים האָבן אים געהיילט. אַ פּורעניות וואָס האָט אים אַזוי געמאַטערט בערך צוויי יאָר און האָט אים אָפּגעעקט דאָס לעבן...

ווען ער איז נפטר געוואָרן, האָט זיך די שטאָט אָנגעטאָן אין אבילות. און אָט זיצן מיר אַלע אין דער אנשי אמת שול, און הרב גוטערמאַן פון סקרענטאָן איז מספּיד דעם מת. זיינע טרערן גיסן זיך אויף זיין פאַרטרויערט פּנים. ער פרעגט:

— ישראל בן ציון מיינער, חבר מיינער! אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער? רבש״ע שטראָף מיך נישט פאַר די רייד! האָסט אונדז פאַרטונקלט די זון! ס׳איז אוודאי דיין רצון אַזוי, אָבער מיר זיינען צו־שוואַך ביי־צושטיין אַזאַ נסיון!... זיי מיר מוחל! דו ביסט דאָך דער בית דין של מעלה; וואָס פאַר־אַ באַטרעף האָבן מיר קעגן דיין דין?...

אין זעלבן נוסח האָט גערעדט הרב דייווידסאָן, דער רב הכולל פון ווילקעס באַרע. ווער וועט פאַרנעמען זיין אָרט? האָט רבי דייווידסאָן גע־פרעגט, וויפיל תלמידי חכמים האָבן מיר דאָ אין ווילקעס־באַרע; האָבן מיר דעם נפטר כאָטש ערלעך אָפּגעשאַצט? אַזוי אויך האָבן גערעדט די אַנדערע רבנים, די אינגערע, יעדער לויט זיין כוח הדיבור.

צו שווער פאַר מיר איבערצוגעבן דעם צער און אבילות פון אונדזער ווילקעס־באַרע. בעיקר איז די טראַגעדיע געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ פאַר מיר און מיינע נאָענטע חברים.

דאָס ליכט פון תורה ודעת איז ביי אונדז זינט דאַן ווי אויסגעלאָשן...